# ALE SHRIFTEN FUN MENDELE MOKHER SEFARIM

Mendele Mokher Sefarim

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

# אלע

# שריפטען

פון

## מענדעלע מוכר ספרים.

(ש. י. אַבראַמאָוויץ).

צווייטער באנד

היברו פאבלישינג קאמפאני
52-50 עלדרידזש סט., ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.
50-52 ELDRIDGE ST.
NEW YORK.

# אינהאַלט־פערצייכניס:

# יודעל

## א ספור המעשה אין שירים על משקל י״א תנועות.

אך יודעל מיין קראַנקער, מיין קראַנקער יודעל
דיין לעבען איז זעהר, זעהר אַ טרויריג לידעל,

ערשטער טהייל.

## א

טויט קראנק ליעגט יודעל שוין א צייט מיט יאהרען,
פאר וועטהיג, פאר שמערץ דאס פנים פארלארען.
עס טהוט איהם נעביך וועה איטליכעס אבר,
אלע רגע זעהט ער פאר זיך זיין קבר.
זיין לעבען איז וויא א שרעקליכער חלום,
איין אבר מיט דעם אנדערן לעבען ניט בשלום
די דראזשען, ציטערן וויא אין א קדחת,
איינער טהוט דעם אנדערן וויא אויף צולהכעס.
עס ווארפט איהם נעביך תמיד פון היץ אין קעלט,
הייגנט אויף א האר צווישען דער און יענער וועלט.—
אמאל ליגט יודעל אין היץ שרעקליך פארטראכט,
זיינע אויגען פלאמען וויא שטערען ביי נאכט,
דער קאפ זיינער ברענט, אזוי וויא פייער הייס,
ער ווארפט זיך, שאקעלט זיך און געהט אפ מיט שוויס.
זיינע געדאנקען זענין ווייט פון דער ערד,
טראגען איהם גאנץ הויך וויא פייערדיגע פערד.
שלאפענדיג פארטראגען מיינט ער, ער איז וואך;
ער רעדט, ער דרש'עט עפעס ניט צו דער זאך.
און ליגענדיג אין חדר פול מיט שימעל
מיינט ער, ער איז אויף דעם זיבעטען הימעל.
אויפ'ן הימעל, חלומט זיך איהם, איז א יריד,
מען שרייט איהם: א, שלום עליכם א איד!
וואס מאכט רב יודעל, וואס איז מיט אייך דער מעהר?
וואס עפעס גוטץ, הא, האט איהר געבראכט אהער?
ער צופאקט ניך זיין גאנץ קרעמ'ל מיט סחורה.

ווייזט ציצית, תפילין און פירושים אויף תורה,
נעהמט ארויס עפּיס נייע מיני ספרים,
מיט נייע מאָדנע טיטלען אויף דיא שערים.
גראָבע, דיקע, מיט שפּאָגעל נייע פּשעטליך,
פון קבלה־ספרים ערשט געדרוקטע בלעטלעך.
זיין סחורה, דאכט זיך איהם, גילט דאָרטען זעהר שטארק.
מען האפּט עס וויא מצה־וואסער אויף דעם מארק.
גרויסע לייט האָבען צוטאָן מיט זיין קרעמיל,
יאנקעל קומט אהין, איציק און אברעמיל,
אונזער מלמד רב משה קומט צו לויפען,
א חומש בעל־הטורים צו קויפען.
דער אלטער מלמד קוועלט אָן פון יודעלס רייד,
פון זיינע טייטשווערטער איז ער פול מיט פרייד.
דיא באָבע סעריל דינגט זיך פאר א תחינה,
און דיא קלאָגמוטער רחל דינגט א קינה
הכלל יודעל רעדט, ארבייט, איז גאָר ניט פויל.
עס שיטען זיך איהם ניין מאָס רייד פון דעם מויל.
פון היין דאכט זיך איהם אויס נאָך זאכען זעהר פיל,
ער איז דאָרט א קאָכלעפעל טהוט וואָס ער וויל.
ער איז דאָרט א תקיף א פרנס חודש,
איז דאָרטען הייליג, און זיין וואָרט איז קודש.
קוים זאָגט ער עפּיס א וואָרט און ניט א ווינק,
וואקסין טויזענד משרתים אויס שרעקליך פלינק.
אלע פאָלגען און דינען איהם זעהר געטריי,
וויא גאָט אין פראנקרייך אזוי לעבט ער דאָרט פריי.
ער איז גאָר א שדכן, דאכט זיך איהם א מאָל,
ער פאָרט, פיהרט גרויסע שידוכים אויס אָן א צאָהל.
דערבארעמט זיך אויף דער וויסטע עגונה,
און מיחד קודשא־בריך־הוא מיט דער שכינה.
עס איז פאר יודלען א לעבען דאָרט אויבען,
נאָר א דערקוויקעניש, איהר מעגט מיר גלויבען.
אינדעם וויא יודעל ליגט דאָ אין היין פארטראכט,
רעדט פון פייער און וואסער ניט דאָ געדאכט,
ווערען איין קאלט א טהייל פון זיינע גלידער,

ווערען מיט דיא איבעריגע וויא אוים בריִדער,
ליגען פשוט וויא דיא קלעצער מחמת קעלט.
ווייסען ניט אויף וואָס זיי זענין פאַר א וועלט.
זיי ווילען אפילו קיין ריהר זיך ניט טאָן,
גלייך וויא זיי געהערען זיך מיט יודלען נישט אָן.
שריי חי וקים פון היינט ביז איבער א יאָהר,
זיי זענין אייז קאַלט, פיהלען נישט אויף קיין האָר,
פיהלען נישט כל־זמן מען 'גיט זיי ניט א קוועטש,
און מען דערוואַרעמט זיי ניט מיט הייסע פעטש.
קיין פנים פון גלידער האָט ניט אי איינער,
זיי זענין נאָר שטיקער פלייש, הויט און ביינער.
זיי זענין פלייש, וואָס שטינקט נאָך ניט לעת־עתה,
פלייש איינגעוויקעלט אין עפּעס א שמאַטע.
קוקענדיג אויף זיי חאַפּט יודלען אָן א שרעק.
אָט, ציטערט ער, ווערדט פון זיין לעבען איין עק.
אָט, אָט ווערען נאָך עטליכע גלידער קאַלט,
פאַרלירט ער שוין גאָר זיין פנים, זיין געשטאַלט.
אין היץ פיהלט נאָך דער מענש פאָרט עפּעס לעבען
דער קאָפּ זיינער פליהט, דיא געדאַנקען שוועבען.
אין טרוים האָט דער מענש אפילו אויך הנאָה,
ס'איז איהם נעביך גוט אי א חיי־שעה.
קעלט אבער, דאָס איז גאָר נישט קיין קאַטאָוועס,
דאָ זעהט דער מענש נאָר דעם מלאך המות.
ווערען גלידער קאַלט איז דער מענש שוין פאַרביי,
דענסטמאָל הערט ער שוין גאָר נישט אפילו שריי.
אזעלכע גלידער, קרעכצט יודעל פאַר צרות.
טויגען מיר חלעבען אויף סים סאָט כפרות.

## ב.

צווישען אלע מענשען אין אלטע צייטען,
מען זאָל אויסגעהן דיא וועלט אין אלע זייטען
איז צו יודעלם לעבען, איך פאַרזיכער אייך
ערגעץ חלעבען ניט געוועזען קיין פאַרגלייך.
זיין מאַטע א חכם, אין דער וועלט איינער,

האט צו זיין קלוגקייט קומט אסור ניט קיינער,
א גרויסער מייסטער, א קענער צו מאכען,
אלע חידושים, וואונדער שעהנע זאכען.
וואס אלע כסדר פון אויבען ביז אראפ
גיבען איהם אהן אונטערשיד גרויס כבוד אפ.
דער דאזיגער וועלט בעריהמטער טאטע,
וואס אלע קומען נישט צו זיין פיאטע,
האט ליעב געהאט מעהר פון זיינע קינדער
דעם יודלען, וואס ליגט איצט דא בעזינדער.
נאך דעם אז יודעל האט געוואנדערט וויים,
זיך אויסגעריבען און געווארען לייט,
געארבייט געשמאק און געווארען ביוואלע,
האט איהם דער פאטער געגעבען א כלה.
א פיינע, א געלערנטע, א שעהנע,
א בת־יחידה, ביי איהרע עלטערין איינע.
מיט איהר גרויס חכמה איטליכען געפעלען,
מען האט זיא געמענט פראסט פאר מלכים שטעלען.
אזוי קלוג, אזוי עהרליך און אזוי גוט,
אז גאנץ רוהיג שטיל, געלאסען אהן א רוט,
וואלט זיא, בנאמנות, לענדער פיהרען געקענט,
און מען וואלט זיא פאלגען קישען איהר דיא הענט.
וואלט געקענט לערנען דיא מלכים פון דער ערד,
וויא צו לעבען, געוועלטיגען אהן א שווערד
וויא צו בריינגען נוטצען און וויא צו טויגען.
גאר אהן מלחמות, גאר אהן פייל און בויגען.
איהר גוטסקייט, איהר שעהנקייט און איהר געשטאלט
איז געפעלען איטליכען, יונג און אלט.
לא די וואס אזוי געלערענט. אזוי פיין,
האט מען איהר געגעבען איז נדן אריין
אויף א גוטען מאיאנטעק מיט פיל פעלדער,
מיט גרויסע טייכען, וויינגערטנער און וועלדער.
א מאיאנטעק, וואס אבי ניט זיין נאר פויל,
קען מען דארט האבען ברויט מיט דעם פולען מויל.
א מאיאנטעק. וואס דארט פעהלט ניט קיין שום זאך.

וואָס דאָרטען פליסט מילך און האָניג אַ סך.
וואָס דאָרטען קען מען לעבען גליקליך גאַנץ פריי,
איינער דעם אנדערן ליב האָבען זעהר געטריי. 1)
אזא כלה, וואס מיט אזעלכע מעלות,
האָט אונזער יודעל געהאַפּט גאָר אָהן שאלות.
דיא חתונה האָט אָנגעמאַכט אַ גערידער,
אַ רעש, אַ טאַראַראַם, אַ האַרמידער.
אויף אַ פרייען פּלאַץ שרעקליך ברייט און ווייט,
אונטער דעם הימעל פאַר גאָט און פאַר לייט,
האָבען חתן כלה אויף אַ בערגיל דאָרט,
איינער דעם אנדערן געגעבען דאָס וואָרט.
עס האָט געשפּיעלט זעהר אַ שאַרפע קאַפּעלע,
וואָס מען הערט עס נישט אויף דיא גרעסטע בעלע,
עס האָבען געבלאָזען דיא פלייטען,
זעהר שטאַרק געטרובעט דיא טרומייטען.
עס איז געוועזען אַ געטימעל,
זעהר שטאַרקע קולות ביז אין הימעל.
עס האָט פשוט דיא וועלט זיך געקעהרט,
דיא קולות האָבען זיך אַלץ פאַרמעהרט.
עס האָבען אויך געקנאַקט ראַקעטען,
שטאַרק געהילכט וויא פון פּיסטאָלעטען.
געפלויגען פייערדיגע בליצען,
אונמעגליך געוועזען איינצוזיצען. 2)
פון דער חתונה אַלע גרויסע וואונדער,
דערצעהלט נאָך עד־היום יעדער בעזונדער.
קוים וואס דער חתן האָט דיא כלה בעדעקט,
און דיא חתונה האָט נאָר וואָס זיך געענדיגט.
האָט דעם חתנ׳ס פאָטער דער אַלטער מחותן,
אונזער יונג פאָלק גאַנץ פיין אָנגעמוטיגט,
אין דער וועלט, מחמת כמה וכמה זאַכען,
קודם־כל אַביסעל רייזען צו מאַכען.
ער האָט זיי אַ וועגווייזער געגעבען מיט,

---

1) דברים ח׳ ד—י״א. 2) שמות י״ט. ט״ז—כ׳

וואָס ער האָט וויא איין אויג אין קאָפּ זיי געהיט.
יודעל איז געוועזען אין ווילדע מקומות,
וואס דיא מענשען זענין דאָרט ווילדע בהמות.
ער האָט אַ סך געלערנט, געהערט, געזעהען.
איטליך זאַך, וואָס אויף דער וועלט איז נאָר געשעהען.
ער האָט געזעהען אי דעם טערק אי דעם טאָטער,
לייבען, לעמפּערטען און דעם פּיפּערנאָטער.
וואָס מען דאַרף זיין שטארקער וויא אייזען און שטאָהל,
אויסצושטעהן פון אַזעלכע שלעק אָהן אַ צאָהל.
ער האָט אויך דיא שרעקליכע סטעפּעס בעטראַכט,
און דאָרט אַ גאַנץ היפּשע צייט פאַרבראַכט.
אז ער איז זיך שוין אָפּגעגאַנגען דיא פיס,
האט ער פון דעם פּאָטער דערהאַלטען אַ גרים.
ער האָט איהם געלאָזט בעטען נאָר אַן שיהות,
גיך אַ היים צו רומען פון זיינע נסיעות.

ג.

נאָך אַזוי פיל מיה און נאָך אַזוי פיל טרוד,
נאָך אַזוי פיל פּיין און צרות אויף דעם פּוד.
איז יודעל מיט זיין געליבטע ביינאַנד,
געקומען צוריק אין זיין פּאָטערלאַנד.
אין זיין אימעניע דער גוטער, דער שעהנער,
האָט ער צום סוף זיך אויסגעגלייכט דיא ביינער.
ער האָט דאָרט אויף איינעם פון דיא בעסטע פּלעץ.
זיך אויסגעמויערט אַ בערימטען דוואָרעץ.
געלעבט מיט זיין געליבטער זעהר צופרידען,
נאָך דעם געזעץ פון משה און דיא אידען.
חאָטש רייך, אַ יחסן, אַ בעל משפחה,
האָט ער זיך דאָך נישט געשעמט מיט דער מלאָכה.
מיט דעם באַלעבאַטעשקייט זיך באַשעפטיגט,
און דיא ארבייט האָט איהם טאַקי ניקרעפטיגט.
ס'איז ביי איהם נאָר נישט געוועזען קיין סברא,
צו זיצען שטענדיג און לערנען גמרא.
אדער זיך צו לעבען אויף אַזאַ אופן,

מענשען וויא בהמות אויף דעם מארק צו סויפען.
זיי צו מאכען פאר זיינע אייגינע קנעכט,
אהן א ישום פראוועס, אהן עפּיס מענשענרעכט.
זאָלען מיט זייערע ווייבער און קינדער.
ארבייטען פאנשטשענע אזוי וויא דיא רינדער.
זאלען נעביך פערשווארצט ווערען, געהן אין יאך,
אין איינעם מיט דיא אָקסען א גאנצע וואָך.
און אליין זאל מען זיך פאסען וויא א ביק,
פון זייער שוויים, פון זייער בלוט ווערען דיק.
טרינקען גוטען וויין, עסען א פעט יאייכיל,
פראזדנעווען און זיך גלעטען דאס בייכיל.
מאכען וויזיטען, ארום געהן שלינג און שלאנג,
באַלעווען און ליגען שכור וואָכענלאנג.
צו קיין שום זאך אין דער וועלט נים צו נוצען,
נאר נוט פרעסען, זויפען, זיך אויסצופוצען.
און נאך מיינען אז טאקי נאר ער איינער,
איז איין איינציגער ביי גאט, מעהר נים קיינער.
חלילה נישט קיין קאמפּלימענט צו מאכען,
יודעל האט פיינט געהאט אזעלכע זאכען.
ער האט זיין נעליבטער צו פארדאנקען פיל,
וואס ער האט געהאט א ריין הארץ און געפיהל.
„יודעל מיין ליבער, יודעל מיין געטרייער"
פלעגט זיא צו איהם זאגען, רעדען מיט פייער.
„פאלג מיך יודעל לעב, פאלג חלעבען איך בעט דיך.
האב דעם אנדערען ליב וויא דוא האסט ליב זיך, 8)
ליבע, דאס, יודעל, איז דיא גאנצע תורה.
ליידיג געהן, דאס איז דיא גרעסטע עברה.
דער רייכער וויא דער ארמער. דער האר און קנעכט
יעדער האט אויף דער וועלט צו לעבען דאס רעכט.
אלע מענשען חלעבין האבען איין פאטער,
דער יוד, דער טערק און אפילו דער טאטער.
דעם פריץ וויא דעם פויער, גראף און שקלאפען,

---

8) ויקרא י"ט י"ח.

אלע האט אויף דער וועלט איין גאט בעשאפען.
דעריבער, יודעל סערדצע, זאג איך דיר אן,
חאטשע דו געהערסט צו דער גילדענער פאן,
מיט דעם מינסטען אפילו צו לעבען פיין,
און מיט איטליכען ביי דיר מטיב צו זיין.
דיינע פויערען און זייער הויז געזונד.
זאלסט דוא בעהאנדלען וויא א פאטער א קינד, 4)
א גר און א פרעמדען אין דיין אימעניע.
לאז זיי לעבען פריי בעזאנראניטשעניע, 5)
דוא זאלסט זיי ניט קוועטשען, זאלסט זיי ניט דריקען. 6)
זאלסט זיי צופיעל אין קאפ ניט ארייכקוקען.
זאל יעדער זיך זיצען אומטום וויא ער וויל, 7)
און זיך דארטען בעשעפטיגען רוהיג שטיל.
פאר א גר און א היגען, פאר ארם און רייך,
איין געזעץ און איין משפט פאר אלע גלייך. 8)
ווען מענשען פיהלען זיי זענין פריי.
דיענען זיי דעם לאנד אלע געטריי. 8)
מיט א פארנגינען האט יודעל געטאן אלסדינג,
וואס זיא האט איהם געזאגט מיט איהר זיסע צינג.
ער האט געאקערט געזייט זיינע פעלדער,
זיך בעשעפטיגט מיט וויינגערטנער און וועלדער.
האט אויף דער פאשע געפיטערט זיינע פיה,
אכטונג געגעבען צו דיא שאף, צו דיא קיה.
יענע דריי זאכען, דיא זיילען פון דער וועלט,
וואס דיא וועלט אין גאנצען איז אויף זיי געשטעלט:
לעהרנען, ארבייטען און יענעם גוטס צו טאן 9)
זענין ביי יודלען געשטאנען אויבענאן.
פון אלטע צייטען איז זיין שטייגער געוועןּ,
אראפ צונעהמען א פראצענט איינס פון צעהן, 10)
פון דיא אלע תבואות, וואס ער האט געהאט,

---

4) ויקרא כ״ה מ״ג. 5) שם שם ל״ה. 6) שמות כ״ב כ׳. שם כ״ג ט׳.
7) כ״ג י״ז. 8) ויקרא מ״ט ל״ד. במדבר ט״ו, ט״ו ט״ז. 9) אבות פ״א ב׳.
10) בראשית י״ד כ׳. דברים י״ד כ״ב.

אלמנות, יתומים, ארמע זאלען זיין זאט. [11]
בזכות זיין גוטסקייט, זיין ארבייט און מלאכה.
איז אומעטום געווען מזל און ברכה.
דער אלטער טאטע, אונזער פיינער מחותן,
פלעגט איין אפטער גאסט זיין ביים זוהן דעם גוטען.
פלעגט איינשטעהן אין דווארעץ אין בעסטען חדר [12]
און דארטען גאנץברייט אפריכטען דעם סדר.
מיט גוטען וויין, מיט פלייש א סך, זעהר געשמאק, [13]
צום רויכען איז אויך געווען גוטער טאבאק. [14]
טעם גן־עדן האט מען אין דעם געפיהלט.
א גוטע קאפעליע האט אויך צוגעשפיעלט, [15]
אזא קאפעליע איז ניט געווען אומטום,
מען זאל אוים גיין דיא וועלט ארום און ארום
דארט איז געווען אויך וועלט בעריהמטע זינגער,
פון זייער געזאנג האט מען געלעקט דיא פינגער.
פון אייביג אן האט יודעל געהאט געפיהל,
צו חזנים און אויך צו כלי־זמר שפיל.
אליין אויך זעהר גוט געשפיעלט אויף א פידעל,
און וויא א מייסטער געזונגען א לידעל.
אז יודעל האט געזונגען אויף דעם געליינק,
פלעגט מען פשוט קריכען אויף טיש און אויף ביינק.
זיין טראפ זאגען, זיין זינגען דרגא תביר [16]
צונעהמט זיך פשוט אין איטליכען אבר.
דער אלטער האט געקוקט אויף זיינע קינדער,
און געקוואלען פון איטליכען בעזינדער.
„מיר חלעבען, פלעגט ער אלץ זאגען, מיר געפעלט.
אז מיין פאר פאלק איז טאקי איינס אין דער וועלט. [17]
יודעל, פון אלע מיינע זיהן דער קלענסטער [18]
איז צווישען זיי דער פיינסטער און דער שעהנסטער.

---

11) שם שם כ״ט. 12) שמות כ״ח ח׳. 13) במדבר כ״ח. שם כ״ט.
14) שמות ל׳ ח׳. 15) דברי הימים א׳ ט״ו, ט״ז וכו׳. 16) דאס איז טראפ
וואס איז בעקאנט איטליכען וואס קען מעביר זיין דיא סדרא. 17) דברים
כ״ו י״ח. שמואל ב׳, ז׳ כ״ג. 18) דברים ז׳ ז׳.

וואס ער האט אין נאגיל האבען זיי נים אין קאפ,
וועט זיי אלע אפקויפען פאר לינזען א טאפ.
מיט זיין גוט קעפיל וועט יודעל מיט דער צייט,
אנשפארען אין דער וועלט טאקי העט, העט ווייט.
ער זאל פארוואַרפען ווערען וויא א בלעטיל,
וועט ער אומטום נישקשה בעשטעהן זיין שטעטיל.
דא וועט מען איהם טרעטען אויף דעם רוקען,
און דארטען וועט מען גאר צו איהם זיך בוקען.
אט, וועט מען מיינען, אט פאלט ער אנידער,
פלוצלים וועט ער זיך אויפהויבען הויך ווידער.
וויא א טשערעטיל, וואס לייגט זיך פאר דעם ווינד,
קוים ווערדט שטיל, הייבט זיך עס ווידער אויף געשווינד. (19
אינו־דומה א גרויסער בוים א דיקער,
בייגט איהם דער ווינד צוברעכט ער זיך אויף שטיקער.
איז דיא וועלט פארגליכען צו א מאשינע,
איז יודעל הלעבען אין איהר דיא שפרינזינע,
וואס קען זיך איינציהען און אויף אויסשטרעקען לאנג,
וואס בעוועגט דיא רעדער צו גיין זייער גאנג.
יודעל איז צוגלייך אי הארט אי ווייך וויא טייג,
איז וויא אייזען פעסט און קען זיך טאן א בייג.
דריבער מעג מען איהם דריקען, געבען אין קארק,
ער וועט אייביג בלייבין פריש, געזונט און שטארק.
א מאל וועט זיך דאכטען אט, אט ער געהט אויס,
ער וועט אבער פון דער סכנה ארויס,
און איבער לעבען א סך געזינטערע לייט. (20
אט וואס יודעל מיינער איז וואס ער בעטייט,
אויף דעם פייער וועט ער נים פארברענט ווערען, (21
ער זאל מיר נאר זיך פרובפערען און מעהרען".

## ד.

**באלד איז מיין יודעל א טאטע געווארען,**

---

19) סנהדרין ק״ו א׳. 20) ירמיה ל׳ י״א. 21) ישעיה מ״ג ב׳.

זיין ווייב האט למזל א טאכטער געבארען.
עס איז געבליבען ביים גאנצען הויז געזינד,
מינדעל*) זאל ביי דעם נאמען הייסען דאס קינד.
קליינערהיים איז דאס קינד געלעגען זעהר שטיל.
געוועזען פארבארגען אין קישעליך זעהר פיל.
מען האט עס פון א גוט אויג אלץ אפגעהיט.
געהאט צו זינגען און צו זאגען דערמיט.
מען האט פשוט געציטערט חלילה וחס,
ארויס צוטראגען עס א מאל אויף דער גאס.
געניאנטשעט האט זיך מיט דעם אונזער אידעל,
פלעגט עס וויגען מיט דעם בעקאנטען לידעל,
„אונטער מינדעלס וויגעלע.
שטעהט א קלאר ווייס ציגעלע.
וואס איז דיא בעסטע סחורה ?
מיין קינד וועט לערנען תורה.
סתרי־תורה לערנען.
דרשות וועט עס זאגין.
ספרים וועט עס שרייבען.
גוט פרום תמיד בלייבען".
אז דעם קינד האט זיך אויסגעשניטען ציינדליך,
האט ער אנגעהויבען צו מאכען חנדליך.
וואס מעהר עס איז אין דיא יאהרען געקומען,
האט עס אויף זיך מעהר לייב גענומען.
פלעגט זיך ווארפען תמיד יודלען אויף דיא הענט,
און מאכען חנדליך וואס עס האט נאר געקענט.
אז יודעל האט געאקערט געזייט דיא ערד,
אדער אנצופאיען געטריבען דיא פערד,
אדער דיא קיה געגעבען זייער פוטער,
אדער זיך אונטערהאלטען מיט דער מוטער.
פלעגט דאס טעכטעריל איהם שוין אמאל שטערען.
מיט איהר זיך צו שפיעלען און זיא צו הערען.
האט איינגעתאזערט אויסוויינינג גאנץ גרינדליך.

*) מלשון בעל פה (מינדליך).

וואס דער זיידע האט איהר איבערגעגעבן מינדליך. 28
דער זיידע האט פאר ליבשאפט עס דערצויגען,
האט אויסגעריסען פאר איהר דיא אויגען,
אלע טאג פלעגט ער איהר מאכען א קליידעל,
„וואס ווייסט איהר, וואס דאס איז פאר א קלוג מיידעל,
קיין בייז אויג זאל איהר נאר ניט שאטען,
זאל מיט איהר מוטער זיך עלטערן ביים טאטען.
יא מיט איהר מאמע זענין מיר ליב ביידע“.
אזוי פלעגט צוזאגען דער אלטער זיידע.
עס האט געהאט זעהר א שטארקען זכרון,
פלעגט דערצעהלען מעשות פון תרח׳ס יאהרען,
איטליכע זאך וואס אויף דער וועלט האט זיך פאסירט,
וויא אונזערע אבות האבען זיך געפיהרט,
וואס זייא האבען געטרונקען און געגעסען,
מנהגים וואס מען האט זייא לאנג פארגעסען,
דערצו נאך פלעגט עס אויך זאגען א וויטציל,
און געבען דעם טאטען פלוצלום א קיטצעל.
יודעל פלעגט א מאל שרעקליך זיך צולאכען,
פון אזעלכע זעהר וואונדערליכע זאכען.
א מאל אבער פלעגט ער גאר געבען א היק,
און אפבאדען די טאכטער אין קראטקע וויק.
דערפון איז שטרייט א מאל ארויס געגאנגען,
דער שלום אין הויז אויף א האר געהאנגען.
„יודעל ביזט א נאר האט געזאגט דער פאטער,
עס מוז שוין איינמאל אויסשפרינגען דער בלאטער.
דעם קינדס רייד זענין ניט קיין נארעשקייטען,
שא, איך וועל דיר ווייזען וואס זייא בעטייטען.
איידער מען האט געוויסט פון שריפט און ביכער,
האט דיא וועלט פארצייטענס געוואלט זיין זיכער,
אז אלע געדאנקען און אלע זאכען,
וואס פלעגען בעשטענדיג אויף איהר זיך מאכען,
זייערע אלע פיל שמחות און פריידען,

---

28) תורה שבעל פה.

זייערע קריינקונגען צרות און ליידען,
זייערע אלע פיל נסים און װוּנדער,
זאָלען איבערגעהן צו זייערע קינדער,
האט בייא זייא דריבער דענסטמאל געמוזט בלייבען
אלסדינג מיט אנדערע מיטעל צו פארשרייבען.
אין געביידען. אין שטיינער גאַנצע קופּעס. 23
אין בילדער, פיגורען, אין זיילען, סלופּעס. 24
אין עסען, אין טרינקען און אויך אין דער טראַכט,
האָבען זייא אָט דאָס אלסדינג אריינגעבראַכט.
מצרים האָט זיך געמאכט פּיראַמידען.
מצבות האָבען אויך געשטעלט דיא אידען. 25
מצות א שטיינער און דיא ארבע כוסות.
מרור, זרוע זאלצוואסער, כרפּס, חרוסת,
זיצען אָנגעלעהנט אין קיטיל ביים סדר.
טלית און תפלין, נאָך אזעלכע קליידער.
דאָס אלסדינג למשל, וואָס מיר אלע מאכען,
איז א זכר פון היסטאָרישע זאכען.
דיא צערעמאָניעס פון א פאָלק און דינים,
האָבען אין זיך כוונות אלע מינים.
איטליכער מנהג זיינער איז א גאנץ בוך,
דער מנהג דריקט אוים זיין לעבען דורך און דורך,
בשעת א מענש פון איטליכער נאמנה,
איז מקיים א מנהג, א זאבאָבאָנע,
שטודירט ער זיין לעבען, געשיכטע צוגלייך,
און קען דערפון האלטען עקזאמען פאר אייך.
עפּעס פרעמדס אָנצונעהמען זאָל בעוויזען,
דיא געשיכטע פון א פאָלק צו פארגרייזען.
פון א פרעמדער אומה, א מנהג, א דין,
האָט פאר דער אנדערער גאָר ניט קיין שום זין.

---

23) ארכיטעקטור. 24) בילדהויער קונסט. 25) בראשית ל״א, מ״ה מ״ט. יהושע ד׳, ח׳ י׳. שם כ״ב כ״ו כ״ח ל״ד. ובשביל הרעיון הנכבד שהיה כמוס בעצם וראשונה בבמות ומצבות נתגלגל הדבר אח״כ שהתחילו לעבוד אותן. ועיין רמב״ם הלכות עכו״ם פ״א א׳.

ער איז אין איהר נעשיכטע א פרעמד בלעטיל,
גלייך וויא אין א חומש פון גרעט א צעטיל.
דריבער קען מען פארשטעהן, פאר וואס דיא ביבעל
האט אויף אזעלכע זאכען שטארק פאראיבעל.
אין דיא מיני קליידער זיך צו פארקליידען,
וועלכע עס האבען גיטראגען דיא היידען. 26
נאלען דיא בארד, טראגען וויא זייא דיא פאות, 27
הייסט בייא איהר אננעהמען זייערע דעות.
אז אין מנהג האט נעשיכטע זיך בעהאלטען,
האט איהם יעדער דענסמאל הייליג געהאלטען.
דורך דעם נאך געווען א חכם, א חרץ.
ווען ניט, האט ער געהייסען בור עם־ארץ.
האט מען אבער אנגעהויבען צושרייבען
און מנהגים אין תורות צונופקלייבען.
איז עבודה אין שפעטערד־גע צייטען
קליינער געווארען פאר תורה בייא לייטען.
מענשען האבען שוין פאר זיך געהאט ביכער,
און אלסדינג אין זייא געוואלט לערנען גיכער.
פון פיל מנהגים אין שפעטעריגע יאהרען,
איז זייער טעם געגאנגען פארלארען.
זייא זענין גלייך וויא אהן א נשמה א גוף,
און הערען בייא טהייל געלערענטע גאר אויף.
ניט איטליכער מענש אבער קען טאג וויא נאכט
אין ביכער, אין ספרים, תמיד זיין פארטראכט.
בכן איז רעכט מנהגים אונטערצוהאלטען.
דעם גייסט פון דעם פאלק מיט זייא צו דערהאלטען.
עבודה מיט גייסט איז גאר ניט קיין צרה,
אהן דעם, זעהסט דוא, איז זיא עבודה זרה.

---

26) צפניה א׳ ח׳. רמב״ם הלכות עכו״ם פי״א א׳, וכתב שם בעל כסף משנה בשם מהר״י קולון: „שלא נתכוין לאסור אלא מלבוש המיוחד לעכו״ם וכו׳, אבל כשאינו מלבוש המיוחד לעכו״ם על דרך זו אין הישראל חייב להשתנות מן העכו״ם כלל ועיקר״. 27) ויקרא י״ט כ״ז.

עס וועט נאך קומען, איך פיהל, א צייט שפעטער,
ווען קינדער זיך האלטען קלוגער פון פאטער.
ביבער וועלען דענסטמאל דיא וועלט פארפלייצען,
מענשען וועלען אראפוואַרפען דיא לייצען.
פון איין זייט וועט חכמה אין אלע ערטער,
ניט בעשטעהן אין ווירקליכקייט, נאר אין ווערטער.
בילדונג, וועט הייסען, אין דיא ביכלעך קוקען.
דער קאפ וועט זיין ליידיג, דאס הארץ וויסט, טרוקען.
מענשען וועלען מיינען זייא וויסען זעהר פיל,
און וועלען נישט האבען קיין געפיהל.
מען וועט גרינג אוועקמאכען איטליכע זאך,
מיט א שרעקליכען געשפעט און מיט א לאך.
איינער וועט אין א ביכעל חאפען א לעק,
וועט ער אויף דער גאנצער וועלט שוין שפייען קלעק.
פון דער אנדערער זייט וועט נעהמען איבערהאנד,
הארץ, פאלש געפיהל ניט מיט שכל, מיט פארשטאנד.
וועלבען מנהג מען וועט ערגעץ געפינען,
חאטשע ניט צו וויסען דעם טעם דרינען,
חאטש א פרעמדער פון איין אנדער נאציע,
וועט מען איהם האלטען פראסט וויא א סיגנאציע.
זעהר קלוג האט איינער אין א ספר געשטעלט:
אויף תורה און אויף עבודה שטעהט דיא וועלט. 28
עבודה הייסט, געדאנקען פון א נאציאן.
זיין מיינונג, זיין בליק אין גלויבען, רעליגיאן,
אין דער פראקטיקע מאקע צו טאהן אלסדינג.
ניט נאר דיינקען, אבי ריידען מיט דער צונג.
יענער חכם קוקט דערמיט גאנץ טיף, גאנץ וויט,
ער זאגט א קלוג ווארט אקוראט אין זיין צייט.
אין זיין צייט הייבט מען אן שריפטשטעלער צו ווערען.: 29

---

28) אבות פ"א, ב'. 29) שמעון הצדיק בעל המאמר הזה היה משירי כנסת הגדולה, המקובצת מאנשים חשובים שנקראים סופרים ע"ש עזרא הסופר המהיר (עזרא ז' ו') וחז"ל שמשו במלת סופרים על החכמים בכלל כי בימים ההם היה מעשה הכתב יקר, והאיש אשר ידע למשוך בשבט סופר כבר היה מבעלי הידיעות (באור שם) ובגמ' (קדושין ל' א') לפיכך נקראו ראשונים סופרים.

ספרים, ביכער הייבען אָן זיך צו פאַרמעהרען.
זעהר קורץ און זעהר וועניג זיינען מיינע רייד,
עס טהוט מיר דאַרויף אפילו אי זעהר לייד.
נאָר דוא האָסט א גוט קעפּיל יודעל, נישקשה.
זעסט זיך אָנשטויסען, וועסט פאַרשטעהן מיין דרשה.

## ה.

מיר ווינשען : יודעלס לעבען אין יענער צייט,
געזאגט געוואָרען אויף אַלע גוטע לייט.
גליקליך איז ער געווען, וואס האט איהם געפעהלט.
ער האָט געהאט א שעהן ווייב, כבוד און געלט.
זיינע טשערעדעס האָבען זיך שטארק געמעהרט,
א סך מעהר נאָך וויא ער אַליין האָט בעגעהרט.
תבואות זעהר געראָטען אין זיינע גיטער,
ער האט זיך געבאָדען אין מילך און פוטער.
זיין ווייב זעהר א דימענדינגע, א שעהנע,
איז געווען א ווירטען אין דער וועלט איינע.
עס איז געווען ווייט אין דער וועלט צוזוכען
איהרע מצות, קיכליך און איהר פאַנקוכען. 30
מען האט געהן אָנצוקוקען פראָסט געראָטען
איהרע חלה און אויך איהר האַלבגעבראָטען. 31
איהר קיך, איהר פריפעטשיק און איהרע פעסער.
איהר פאָלאָניק, איהרע טעפ, גאָפעל מעסער. 32
איהר נייען, איהר שטיקען, איהר קייטעלשטיכעל,
איהר פרוכת, איהר פארטיך און ברוסטטיכעל, 33
האבען געשיינט און פאַרנומען דיא אויגען,
האבען דאס הארץ עפעס צו זיך געצויגען.
זיא האט דעם דוואָרעץ זעהר שעהן, פיין אויסגעצירט.

---

30) ויקרא ב׳, ד׳ ה׳. 31) שם כ״ד ה׳. שמות י״ב ט׳. 32) שמות כ״ז א׳, שם ל׳ י״ח. שם כ״ה כ״ט. שם כ״ז ג׳. 33) שמות כ״ו ל״א. שם כ״ח ד׳ ט״ז.

אין דעם מאיאנטעק פאראדקעס איינגעפיהרט. 34
ארמע, קראנקע איז זיא געווען א מאמע,
נישט געקוקט דארויף וואס זיא איז א דאמע.
ניט געלאזט אימיצען צו געבען א זעץ, 35
האט געהיילט געריינינט פון מכות און קרעץ. 36
צווישען אלע מענשען כסדר אין איהר ארט
איז א תורה געוועזען איהרס א ווארט.
וואס בעדארף מען, דאכט זיך, בעסערס אויף דער וועלט?
לעב יודעל, זייא לוסטיג, ארבייט און קלייב געלט.
אזוי קעהר צו זיין, אזוי וואלט געווען גוט,
ווען דער מענש נעביך זאל ניט זיין פלייש און בלוט,
ווען ביים מענשען זאל דער גוף מיט דער נשמה,
נישט דארפען אייביג פיהרען קיין מלחמה.
ווען דער פלאטקע מאכער, דער יצר־הרע,
זאל דעם מענשען נישט טאהן תמיד א טארע,
נישט אונטערהידען איהם נעביך אלע צייט,
נישט פארפיהרען איהם אין דער בלאטע גאנץ ווייט.
ווען דער צולאכעסניק זאל ניט אלע מאל,
אנרייצען אויף איהם תאוות גאר אהן א צאהל.
מעהרער דער זינדיגער מענש ווערט גרויס און רייך
מעהרער גרויס ווערט זיין יצר־הרע צוגלייך.
בשעת יודעלס הצלחה און זיין גרויס גליק,
האט אויף איהם דער שטן געווארפען א בליק.
מיט דעם און נאך אזעלכע א סך נעמען,
האט זיך דער יצר הרע נישט צו שעהמען,
ער האט געטאהן א בליק גאר ניט לאנג געדאכט
און מיט אונזער יודלען בעקאנטשאפט געמאכט.
ער האט איהם אלץ וואס ווייטער געטאהן א טאפ,
און צום סוף געווארען מיט איהם חבר־לאפ.
ער פלעגט תמיד מיט יודלען צוטרייבען שפאס,
און איהם שלעפען שפאצירען געהן אויף דער גאס.
צום שפאס האט דער יצר־הרע א צינגעל,

34) שמות כ"א כ"ב כ"ג. 35) שם כ"א כ'. 36) ויקרא י"ב י"ג רש"י.

יודעל, האט ער געזאגט, דוא ביסט א יינגעל,
דוא ליגסט צופיל אונטער דיין ווייבס פאנטאפעל.
אזוי וויא מיין נאמען איז מעפיסטאפעל. [37]
זינט יודעל דוא האסט דיין יפהפיה גענומען,
האסט דוא גאר איין אנדער פנים בעקומען.
אלסדינג וואס זיא וויל, טהוט זיא חלעבין מיט דיר,
זיא לאזט דיך פשוט ניט ארויס פון דער טהיר,
לאזט דיך ניט אנקוקען דיא ליכטיגע וועלט,
אלסדינג אויף דאס איהריגע איבערגעשטעלט.
זיא לאזט דיך ניט עסען מאכלים זעהר פיל, [38]
און דוא מוזט געהן אנגעטאהן אין וואס זיא וויל, [39]
איך פרעג דיך יודעל, קומט איהר ארויס אסך,
וואס דוא עסט ניט אדער טראגסט ניט יענע זאך? [40]
זיא איז ניט מעהר וויא א שרעקליכער קאפריז,
קען חלעבין קראנק מאכען אפילו א ריז.
שוין לאנג האב איך געהערט, דיא וועלט לאכט,
אז דיין ווייב האט פון דיר א קאטער געמאכט.
זיא האט דיך פון דער וועלט גאר אפגעריסען,
חוץ איהר זאלסט־דוא פון עמיצין נישט וויסען.
דוא ביזט געווארען א פראסטער ארענדאר,
וואס קוקט נאר אריין תמיד אין קאלענדאר,
פרעג דיר בחרם פון אלע שעהנע זאכען [41]
וואס דיא מענשען אין היינטיגער צייט מאכען,
פון שעהנס ווייסט דוא ניט אפילו קיין פיצעל,
פע דוא ביסט געווארען א לאפענמיצעל!
האב נאר ניט קיין פאראיבעל יודעל אויף מיר,
וואס איך רייד אויף דיין פלונית׳טע, שפעט פון איהר,
צווישען אונז גערעדט דעם אמת, מיין ליבער,

---

37) מיט דעם נאמען רופען דיא אומות העולם דעם שטן. 38) ויקרא י״א ב׳ כ״ד. 39) שמות י״ג ט״ז. במדבר ט״ו ל׳ ז. 40) ויקרא י״ט. דברים שיצר הרע ועו״ג משיבין עליהם כגון אכילת חזיר ולבישת שעטנז, שאין טעם בדבר אלא גזירת המלך (רש״י בראשית כ״ו ה׳). 41) פסל ומסכה.

וואס נעהמט זיא זיך דאָ אזוי עפּעס איבער?
טוידוויים האָט מען מיט איהר זיך ארום געשלעפּט,
צו איטליכען חתן האט זיא זיך געקלעפּט,
זיא האט נישט אויסגעלאָזט אָפּילו איינעם,
נאָר זיא איז אָבער ניט געפעלען קיינעם,
מען האָט פון איהר זיך אָפּגעוואשען דיא הענט,
און זיך אויסגעדרעהט מיט וואס מען האָט געקענט. 42
מחמת מען האט געוויסט דעם וואונש איהרען,
אז זיא וויל איטליכען בייא דער נאָז פיהרען,
און טאַקי דוא לאָז דיר ניט זיין צו קיין גנאי —
נאר ניט שעהמען זיך, האב איך מיט דיר א תנאי,
טאקי דוא יודעל, זאג איך דיר ארוים פרייא,
האָסט דוא דען נישט געוואלט אויף איהר געבען א שפּיי?
האסט־דוא דען קאָפּ אין קישען פריהער זיך געקלאפּט?
צו איהר זיך געשדכענט ביז האָסט זיא דערטאַפּט,
חלילה, דוא האָסט זיא גענומען אָבּי אט,
ווייל דער טאטע האט זיא דיר געגעבען גלאט.
הער נאָר, האט דער טאטע געזאגט, הער יונגאטש.
נעהם זיא, אויב ניט, גיב איך דיר יודעל א פּאטש! 43
איך נעהם, איך הער, ענטפערסט דוא דענסמאל צומישט, 44
האסט חתונה געהאט און דיא רוט געקושט.
ויא א חכם חלעבען האב איך געזאגט גוט,
דיין פלוניה׳טע איז טאקע א גוטע רוט.
פע, ביסט געוואָרען א יונגער מאַנטשיקעל,
וואס עסט קעסט און ציטערט פאר א קאַנטשיקעל,
מעגסט חלעבין אין דיין וויטען האלז זיך שעהמען,
פאר ועמען יודעל ציטערסט דוא, פאר וועמען?
ביז וואנען וועסט דוא נעביך זיצען פארשפּארט?

---

42) עבודה זרה ב׳ ב׳ מלמד שהחזירה הקב״ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה. 43) שם שם. מלמד שכפה הקב״ה הר כגיגית על ישראל ואמר להם אם אתם מקבלים וכו׳ מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם.
44) שבת פ״ח א׳. עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו. כלומר נעשה ונשמע.

זייא בייא דיר, גוטער ברודער, מעהר ניט גענארט.
קום מיט מיר פון דאנען ארויס אביסעל,
לאָז דיך דיין פלונית'טע רופען קנאקניסעל.
קום יודעל חלעבין, קום לעבען אויף דער וועלט,
לעבען אביסעל וויא אלע לייט געפעהלט.
קום אויף דעם פעלד ארויס פרייא פון דעם שימעל,
דאָרטען הייב אויף דיינע אויגען צום הימעל,
און זעה דיא זון דיא לבנה, דיא שטערען דארט,
וויא זייא געהן, שטעהן איטליבער פרייא אויף זיין אָרט. 45
איך מוז דיר זאגען נאך א מאָל אויף דאס נייא,
אז זון, לבנה און שטערען אלע געהן פרייא,
מחמת איך וויים חלעבען, דוא מעגסט מיר גלויבען,
כדי נישט צו לאָזען דיך א קאָפּ אויפהויבען,
דעריבער מאכט מען דיך צום שוטה, צום נאר,
דיא גאנצע וועלט האט עפּעס איין אויבערהאר.
אלע כסדר זענין אויף דער וועלט נאר קנעכט,
זיך פרייא צוריהרען האבען זייא ניט דאס רעכט,
גענוג, איין ארענדאר, א פויער צו זיין,
קום צווישען לייט, גיכער אין דער וועלט אריין,
מיט מיינע פריינד וועל איך דיר מאכען בעקאנט.
וועסט בייא זייא זעהן שעהנע בילדער אויף דער וואנט.
אזעלכע אין דיין דוואָרעץ ניטא אי איינס,
וויא קומט צו דיר, יודעל, אהין עפּעס שעהנס,
דערינען מוזען מיר זיין ביידע אייניג,
אז געפיהל פאר דער נאטור האסט דוא ווייניג,
וועסטו דעם שרעקליכען פעהלער פארבעסערן,
וועלען דיינע פארגניגען זיך פארגרעסערן.
בייא מיינע פריינד דארט וועסט דוא האבען דיא קור,
זייא מאָלען אלסדינג וואס איז אין דער נאטור,
אלע בהמות אויף דער ערד מאָלען זייא אָפּ.
פון פייגעל ביז דיא פיש אין וואסער אראָפּ, 46
וועסט דארט עסען מיטאג, פלייש אויסגעזאָטען,

---

45) דברים ד׳ י״ט. 46) דברים ד׳ י״ז י״ח.

בעסער פונ׳ם ווייב׳ס מצה און האלבגעבראָטען,
וועסט דארטען פארזוכען קאָטלעטען פון שוויין, 47
און דערנאך פארטרינקען מיט א גלעזעל וויין, 48
גוט עסען און גוט טרינקען איז זעהר וויכטיג,
עס ווערט גאר עפּעס אין דיא אויגען ליכטיג.
דארט וועסט דוא זעהן שעהנע מיידלאך קארפיהרער.
וועסט זיין זייער קאוואליר, זייער פיהרער.
וועסט זייא ברייננגען אמאָל קווייטען א קרענציל
און האפּען דערפאר אָפּט מיט זייא א טענציל,
איטליכעס נייא מאָדנע מיידעל איז פאר א קוויים
האטש דיא נשמה דיר אוועקצוגעבען ברייט.
פארקרים זיך נאר ניט יודעל וויא א צביאק,
יפהפיות חלעבען זענין איטליכען געשמאק.
ווילסט דוא זיין מיט זייא לייבליכע מחותנים,
זאג איך דיר יודעל זייא איין עזות פנים. 49
ווייבער האבען ליעב דעם, וועלכער איז פארשיים,
איין עזות פנים איז זייא ליעב אלע צייט.
ליעב יענעם וואס קען איבער זייא רעגירען,
וואס קען הערשען און זייא בייא דער נאָז פיהרען.
איך קען בעסער דיא ווייבער מיט זייער חן,
איך האב שוין אויף דעם אויפגעגעסען דיא ציין.
דעריבער זאג איך דיר, איך מעפיסטאָפעל,
קריך ארויס פון אונטער דער ווייבס פאנטאָפעל!

## ו.

דער נייער חבר האט יודלען גאר צושרויפט,
תאוות האבען איז זיין הארץ זיך אויפגעהויפט,
צו קאָכען האט אנגעהויבען אין זיין ברוסט
צו ארבייטען האט ער אנגעווארען לוסט.
דעם ווייבס רייד פלעגט איהם שוין ניט אזוי ארען.
ער הייבט אן ביסליכווייס זיא שוין צו נארען.

---

47) ישעיה ס״ו י״ז. 48) מיכה ב׳ א׳. עמוס ו׳ ה׳. 49) יחזקאל ב׳ ד׳.

סקוטשנע איז איהם געווארען בייא זיך אין שטוב,
וויל צו דיא שכנים, אין טעאטער, אין קלוב.
דארטען פלעגט ער שפּילען, מאכען א כוסע,
מיט א מאל א פלאַש ווייַן שרעקליך א גרויסע, 50
האט זיך פארגעסען אז ער איז רב אידעל,
געטאנצט מיט הולטייקעס געזונגען א לידעל.
פון פיעל ווייַן האבען געברענט זיינע אויגען,
צו אַנדערע האט איהם אַלץ דאס הארץ געצויגען,
צווישען לינדענבוימער מיט זייא זיך שפּאַצירט,
אויף בערג און אויף טאָלען זיך ארומגעפיהרט. 51
איז א הולטייא געווארען וואס אין דער קאָרט,
זיך געוואַלגערט שכור אויף איטליכען אָרט. 52
דער שווארץ יאהר ווייסט וואס איז איהם אזוינס געשעהן,
ער איז גאר ניט דער יודעל וואס פריהער געוועזן.
פאסט־זשע דען אזעלכעס פאר איהם, פאר זיין שטאנד?
וואו איז זיין תורה, זיין חכמה, זיין פארשטאנד?
זיין שעהן ווייב, וואס האט געמענט שטעהן פאר שררות,
האט געהאט נעבעך א הארץ פול מיט צרות,
עס איז איהר געווען א ועהטאג, א שאנדע,
ווייא יודעל שלעפּט זיך ארום מיט זיין באנדע.
בשעת יודעל טאנצט זיך ערגעץ אויף א באל,
ווערט איהר דערוויייל אין דערהיים צוזעצט דיא גאל.
איינע אליין איז זיא פארוויסט געזעסען,
איהר יודעל פלעגט אוועקגעהן, זיא פארגעסען,
האט א מאל אן איהר זיך דערמאָהנט דער פּנים,
פלעגט ער ווייא אויף שפּילקעס זיצען א רגע,
„יודעל מיין ליבער, יודעל מיין טייבעלע,
פלעגט איהם בעטען רחמים זיין שעהן ווייבעלע,
געה ניט צו דיינע שכנים ווארף זייא אוועק. 53
און זייער וועג געה ניט, שפּייא אויף אלע קלעק.
ווייא קומסטו־דוא צו זיי און זיי אלע צו דיר?

---

50) הושע ג׳ א׳. עמוס ד׳ ו׳. 51) ישעיה נ״ו, ט׳ פ׳. 52) שם כ״ח א׳ ד׳. 53) ויקרא י״ח ג׳.

לאזען זיי לעבען ביי זיך, דוא לעב מיט מיר.
פאר וואס האב איך אויפגעהערט צו געפעלען,
וואס דוא ווילסט מיט דער וויג מיך אוועקשטעלען?
א מאָל, יודעל, בין איך דיר געוועז טהייער,
א חתן ביסט־דוא געוועז א געטרייער.
האסט דענסמאל, געדיינקסט־דוא אויף דעם בערגיל דאָרט,
מיך ליעב צו האבען געשווארען אויף דיין ווארט.
עדות זיינען געוועז ערד און הימעל,
דיא שעהנע נאטור מיט איהר גאנץ געריממעל.
האבען אונז געזאגט, געהאלטען א ריידע,
וויא גליקליך צולעבען זאלען מירביידע.
ביזט ערגעץ נישט געגאנגען א טריט אהן מיר,
אין הויז אויף דעם פעלד, אומעטום איך מיט דיר. 54
וואו איינער, דארט דער אנדערער ניט געפעהלט,
דארום האט אונז צו טויבען פארגליכען דיא וועלט. 55
מחמת גרויס ליעבשאפט האסט־דוא דענסמאל אידעל
געזאגט ,,שיר השירים" געזונגען א לידעל.
איך וועל אצונד נעהמען דיין לידעל אפיר.
אזוי האסט דוא געזונגען געזאגט צו מיר:
,,שעהן ביזט־דוא מיין געליעבטע, ביסט שעהן, 56
דיינע אויגען טויבען מלא חן,
וויא סארנעס פון בארג גלעד אראָפּ
היינגען דיא האָאר דיינע פון דעם קאָפּ.
דיינע ציין שטעהן אין דער שורה גלייך
וויא שאָף ביים ארויסגעהן פון דעם טייך.
דיינע ליפען וויא רויטהע שנירלעך
און דיין גאנץ שמועסיל פיין, צירליך.
וויא א מילגרוים גלייך דיינע באקען,
וויא דוד'ס טהורם דיין האלז און אקען.
נעבויט חידושים שטארק, זעהר טהייער,
בעהאנגען מיט טויזענד פערמייער.

---

54) דברים ך ד. 55) מדרש חזית על פסוק הנך יפה רעיתי. 56) ש
השירים ד׳, א׳ ט׳.

ריינע צוויי בריסט זיינען טאקע נאר
וויא צוויי יונגע הירשעליך א פּאָר.
ביסט אהן א פעהלער, שעהן אין גאנצען
מיט מיר כלה, מיט מיר קום טאַנצען״.
אזוי האסט־דוא אמאל געזונגען מיין מאַן,
קורץ אבער האט געדויערט אונזער ראמאַן.
קעהר זיך צוריק יודעל לעב, צוריק צו מיר,
מיין הארץ, מיין הארץ, געליבטער, ציהט צו דיר,
פארשוואַרצט ווער איך איצט, וויא איהר מיידליך דאך שעהן. 57
קום מיין געליעבטער, קום יודעל לאָם מיר געהן.
קום ווידער שפּאַצירען געהן אויף דיא פעלדער,
אין ווייננערטנער לאָם מיר געהן און אין וועלדער,
זעהן וויא בליהט דער ווינשטאָק, וויא וואַקסען טרויבען, 58
לאָם מיר ווידער לעבען וויא א פּאָר טויבען,
לאָם מיר ווידער אלע טאג אויפשטעהן גאנץ פריה,
אויף דעם גרינעם גראָז דארט צו פּאַסען דיא פיה.
אדער אויף דיא בערג אפשר שפּרינגען ווידער,
ליגען אונטער א בוים און זינגען לידער.
ביי דיא הירשען, ביי דיא אינדען פון סטעפּעס, 50
בעשווער איך אייך, איהר מאָדניצעס מיט שלעפּעס,
שטערט ניט דיא ליעבע, שטערט אסור ניט מיין גליק,
פארפיהרט ניט מיין מאַן, גיט מיר איהם אָפּ צוריק!
פארוויסט בין איך איצט, דאך וויא אנדערע נאך שעהן.
קום מיין געליעבטער קום, יודעל לאָם מיר געהן״.
נאר אומזיסט דיא מיה, רייד אהער רייד אהין,
שפּיל דעם חתן וויינענדינגס. ער האט זיינס אין זין.

---

57) שם א׳ ח׳. 58) שיר השירים ד׳ י״ב י״ג. 50) שם ב׳ ד׳

## ז.

שרעקליך פארלאָזט איז געוואָרען יודעל'ס שטוב,
וויסט און טרויעריג אזוי וויא אין א גרוב.
אהן איין אויג פון דעם בעל־בית, אהן זיין האנד,
עס האט געוויינט אלסדינג, א שטיין פון דער וואנד.
אין דעם חדר פון יודעל'ס אלטען פאטער,
איז וויא אין דיא געצעלטען פון א טאָטער.
אלסדינג קויטיג, ברודנע און שווארץ געוואָרען,
אלסדינג דארט האט דאס פנים אנגעוואָרען.
נישט גערידעוועט זיך האט דארט אין קיך מעהר.
נישט וויא א מאל געטראגען, געבראכט אהער
פון פויגעלמילך, פון אלע גוטע זאכען,
א סך געשמאקע מאכלים צו מאכען. 60
ווענען געהט עסען און טרינקען אין דעם קאָפּ,
בשעת מען פאלט שטארק פון דער פונקציע אראָפּ?
יודעל באלעוועט אין דער פרעמד, עסט, זויפט אויך
און פון זיינע קוימענס געהט נישט קיין רויך.
שבת און יום טוב איז געוואָרען פאַרשטערט, 61
קיין פרעהליך ווארט אין הויז האט מען ניט געהערט.
דעם אלטען ניט ליב געווען צו פארזוכען
נישט קיין געבראָטענס און נישט קיין פאנקוכען. 62
ער האט גרויס צער געהאט פון דיא קינדער,
עס האט איהם געקריינקט איטליכעס קינד באזונדער.
אין א ווינקעלע פלעגט זיצען דאס ווייב שטיל,
תמיד אליין געדאכט, געזארגט, געדאכט זעהר פיעל.
און אָפּט טאקי אויף איהר געלעגער ביי נאכט
פלעגט זיא איין אלט לידעל זינגען שטיל פארטראַכט.
אין דעם לידעל פלעגט זיך אויסגיסען איהר הארץ,
מיט טרעהרען פלעגט זיא זיך בעוואשען פאר שמארץ.

---

60) דברי הימים ב׳, כ״ט, ו, ז. סנהדרין ק״ג א׳. אמון העלה שממית ע״ג מזבח. 61) הושע ב׳ י״ג. 62) ישעיה א׳ י״ג. עמוס ח׳ כ״א כ״ג.

פינסטער, ביטער איז געוועז איהר דאָליע,
זיא האט אויפגעהערט צו שפּילען א ראָליע.
האט צום סוף זיך פאַרבאָרגען איינע אליין
און מען האט נישט געוואוסט מעהר פון איהר געביין.
ביים צו רעכט מאכען דאס הויז, דערצעהלט מען נאָך,
האט מען דארט איינע געפונען אין א לאָך.
דיא סטאָליערס האָבען א געשריי געטאהן: אוי,
זיא חלש׳ט, דאס איז יודעל׳ס פרוי. 66

## ח.

דער אלטער טאַטע האט געזעהן דיא צרות:
און דאָך נישט געשלאגען מיט׳ן זוהן כפרות.
ווייל הערען, זעהן און דערלענגערן דעם צאָרן,
איז איינע פון זיינע מדות געוואָרען.
דאס זיינען זאכען דיא שווערסטע אין דער וועלט,
ניט איטליכער קען שווייגען ווען יענער פעהלט.
ניט איטליכער אפילו דער ערגסטער גאָר,
קען צוזעהן יענעמ׳ס פעהלער האטש אויף א האאר.
זיינע אייגענע פעהלער זעהט נישט קיינער.
אויף זיך א מבין איז נישט איינער,
בעריל וואס קען אין סידור קיין ה״א ווייזען,
לאכט אומעטום תמיד פון שמעריל׳ס גרייזען.
ניסיל, וואס האט אויפגעגעסען פיעל פרעמד געלט,
רופט איצען אָנזעצער פאר דער גאנצער וועלט.
כל הפסלנות טהוט שטענדיג רב אבא
און זאגט: לייב דער דייטש האט קיין עולם הבא.
כל ימיו פאַרנעהמט צדקה געלט רעב יאָסיע
און זאגט: אויך מיר א גבאי דער דייטש מאָסיע.
וואס מען טאָר ניט זאגען איז געוועז דוואָסיע,
היינט זאגט זיא: קיין עהרליך ווייבעל איז סאָסיע.
ווען יעדער וואלט אויף זיך א מבין געוועז,
וואלט אזוי פיעל לייד אין דער וועלט ניט געשעהן.

---

66) מלכים ב׳ כ״ב ח׳ י׳ י״א

וערען זעהן און שווייגען, נישט צו מאכן א לאף,
אין הלעבען גאר נים אזוי קיין גרינגע זאך.
יודעל'ס מאמע אבער האט עס גוט געקענט,
פלעגט לאנג שווייגען מיט צונויפגעלייגטע הענט.
דריבער איז ער דאך א חכם גאר אנטיק,
דריבער דרוקט אויס חכמה זיין איטליכער בליק.
ער האט אויף זיין יודלען מענשען אנגעשטעלט. 67
זעהר בעריידעוודיגע, געריהמטע אין דער וועלט.
מענשען מיט קעפ, מיט געפיהל און מיט א מויל,
מענשען געלערענטע, אויף דער פען ניט פויל,
מענשען מיט מוטה, וואס מאכען נים קיין שאנדע,
פאנע־בריות פון דעם אלטענם קאמאנדע.
מענשען וואס דערזעהן דעם אמת מיט דעם בליק,
וואס וואלטען פאר א מלוכה געווען א גליק.
דיא דאזיגע מענשען, דיא דאזיגע לייט,
מיט יודלען צו ריידען זיך גענומען צייט.
יודעל דוא ביסט א הולטייא, טהוען זייא א זאג
און ווארנען איהם זיך צו בעסערן אלע טאג.
פאלגט ער ניט, זאגען זיי איהם טאקי ווידער,
שטעלען איהם פאר דיא אויגען אלץ אנידער.
רעכענען אויס זיינע עלטערן, דאס קאפיטעל,
זיידעס, באבעס, איטליכען מיט דעם טיטעל,
דערצעהלען איהם דיא גרויסקייט פון זיין טאטען,
זיינע געשעפטען, זיין משא־ומתן,
זיינע פאדראדען אין יעדער גובערניע,
מיט פלייש, משקה, מאנעגרייפליך און זערנע. 68
דער טאטע האט איהם ליעב וויא זיין אויגאפעל,
און ער שטעהט העכער ביי איהם מיט א שטאפעל,
פון אלע זיינע דיא עלטערע קינדער, 69
וואס זיי האט ער אפגעשייד גאנץ באזינדער,
צו זיי געזאגט: נאט אייך נדן און אויס קעסט,

---

67) מלכים ב׳ י״ז י״ג. 68) שמות ט״ז ח׳ ט״ו. שם י״ז ד׳. 69) מלאכי א׳ ב׳.

און איהם, יודלען, צונעזאגט אייביגע קעסט,
דיא בייא דעם קינדערשען שכל געבליבען,
און איהם א נומען רעבין אויסגעקליבען,
א רעבין, ניטא אזעלכער אין דער וועלט, 70
נישט צו באקומען וויא ער פאר גאר דאס געלט.
א רעבין וואס פון מערב ביז מזרח זייט
אומעטום זיין נאמען בעקאנט אי גאָט אי לייט.
וואס דיא אנדערע מלמדים, פון איהם איינגער,
קומען נישט אלע צו זיין מינסטען פינגער,
וואס אלע מחילה, טאקי אָהן אונטערשייד
האבען גענאשט, איבערגעקייט זיינע רייד.
א רעבין, וואס דער קאָפּ אין הימעל געפלויגען,
דאך דער קלענסטער אויף דער ערד אין זיינע אויגען. 71
א רעבין, וואָס האט דיא גאנצע צייט כסדר
נאָר מיט יודלען אליין געקנעלט אין חדר.
געלערענט מיט איהם פּסוק זעהר ריין, זעהר קלאָהר
און נישט פארפעהלט פון איטליכער סדרה א האאר.
געלערענט נאָך חכמות פון דער גאנצער וועלט,
וויא גאָט האט זיא בעשאפען וויא איהם געפעהלט.
זיא מיט בעשעפעניש כסדר כסדר בעזעצט,
פראָסטע בעשאפען פריהער, בעסערע צו לעצט.
היינט געשיכטע און בעשרייבונג פון לענדער,
אין איטליכס וואָרט ליגט ספרים גאנצע בענדער.
חכמת הפּאָליטיקע, מדינה זאכען,
וויא מען בעדאַרף אין לאנד אזוי צו מאכען,
אז אלע קלאסען מענשען זאָלען זיין גלייך,
איטליכער מענש איז פריי אָרים און רייך,
קיינער זאל אסור נימ מוחל זיין דאס רעכט,
פע צו זיין א שקלאפע, פע צו זיין א קנעכט. 72
פיהלסט־דוא ניט און ווילסט אייביג דינען דעם גביר,
שטעה־זשע וויא א הונד צונעשמיד צו זיין טהיר. 73

70) דברים ל״ד י׳. 71) במדבר י״ב ג׳. 72) ויקרא כ״ה, מ״ב נ״ה.
73) שמות כ״א ה׳ ו׳.

אז אלע זאָלען מיט דעם שווייס עסען ברויט,
נים דער זאל ארבייטען, זיך מוטשען צום טויט,
און יענער פוילער זאל אויפעסען זיין מיה,
זיין א פריץ און איהם מעלקען וויא א קיה,
ניין, פריץ, דיין געקויפט דאָרף, דיין געקויפט גליק,
אומקעהרען מוז זיך עס צום אַלטען האר צוריק. 74
אזא רעבין, האָבען זייא גערעדט מיט קראַפט,
האט דיר, יודעל, דער טאטע א מאָל פארשאַפט.
האבען איהם גע׳מוסר׳ט מיט קלוגע ווערטער,
נישט צו געהן ווייטער אין דיא שלעכטע ערטער,
זיך צו בענעגנען מיט זיינע חברים,
יואָס זיינען א קענין איהם פראָסט חמורים.
גו קריינקען דערמיט דעם פאָטער דעם אַלטען,
וואָס האט איהם פאר זעהר א גוט קינד געהאַלטען.
צו קריינקען זיין וויב נעביך און זיין קליין קינד,
זיינע גוטע פריינד און זיין גאַנץ הויזגעזינד.
ווענ ער זיינע חברים נים אויסמיידען,
ווענ ער שפעטער נים גוט פון זייא אָפשניידען,
סוף כל סוף וועט ער פון זייא חאַפען א פסק,
זייא וועלען איהם אריינגאַרען אין דעם זאַק.
דענסמאָל וועט איהם נים העלפען אי דער טאַטער, 75
א שפיי וועט אויף איהם דענסמאל טאהן דער פאָטער.
וואָס העלפט אָבער דיא רייד, הוי וועהגעשריגען,
מעפיסטאָפעל דער לץ האט אויך נישט געשוויגען.
אז יודעל האט געוואָלט ווערען פרום און גוט,
האט ער איהם היים וויא פייער צוקאָכט דאס בלוט.
פון זיינע פריינד, פון זייער מוסר געלאַכט. 76
אלע צו נארען, צו משוגעים געמאַכט. 77
„וועדליג וויא זייא דארף מען גאר זיצען אין קלויז,
פארשטעקט ערגעץ אין א לאָך פונקט וויא א מויז,
נישט האבען קיין תענוגים, קיין פארגניגען,

---

74) ויקרא כ״ח י׳ כ״ג. 75) ישעיה ל׳ ב׳ ה׳. 76) דברי הימים ב׳ ל״ו ט״ז.
77) הושע ט׳ ז׳.

מיט ציצית און תפלין זיך צו בעגעגנען.
פיינט האבען שעהנע זאכען וויא א ווילדער,
נישט קוקען אויף ווייבער, אויף קוקלעס, בילדער
האלטען דעם גוף פאר א פיינט פון דער נשמה,
פיהרען צווישען זייא איין אייביגע מלחמה.
דער נשמה צו פארשאפען אלע מיטעל,
אז דער גוף זאל פאר איהר האלטען דאס היטעל.
דיא בעסטע רפואה זיא געבעך צו היילען,
איהם צו בעגראבען אין דער ערד ניין איילען.
צו געבען איהם פלייש און וויין חלילה וחס,
איז נישט קראנק צו עסען ברויט, צו טרינקען קוואס.
וואס דארף מען אזא שונא געבען נאך מעהר,
דער מענש וואלט גליקליכער געלעבט ווען ניט ער,
ווען ניט ער, פארשטעהט נאר, וואלט געווען בעסער,
דעם מענשענ'ס מדרגה וואלט געווען גרעסער.
ער וואלט נישט געפיהרט מיט דעם גוף קיין שפראכע,
אין איהם נישט ליגען וויא א משערעפאכע".
הכלל נאך זיי דארף מען זיין אויסגעדארט,
נישט געניסען דיא וועלט און זיצען פארשפארט.
דערפאר וועלען זיי דיר מאהן כל א מיטעל,
אויף עולם הבא צוגעבען א קוויטעל.
נאך מיר אבער איז קיין בעסערס גאר נישטא,
וויא אלסדינג צו געניסען, צו לעבען דא.
דיא וועלט איז וואונדער שעהן, דאס לעבען טהייער.
וואס א מאל וועט זיין איז ניט ווערטה קיין דרייער.
האב הנאה מענש כל־זמן דוא האסט נאך צייט,
עס, טרינק, טאנץ, שפיעל אין איינעם מיט אלע לייט. 78
טויט ניט, נאר, ביי דעם לעבען איטליכם אבר,
כדי צו לעבען טויטערהייט אין דעם קבר.

---

78) ישעיה כ"ב י"ג. אכול ושתה כי מחר נמות פירש"י שלא יהיה לנו חלק לעולם הבא נעשה לנו הנאה בחיינו. והרד"ק כתב ונשמח בעודנו בחיים. וכל זה ללעג ולשחוק לדברי האל. ויונתן תרגם : פרנסות לא נהי.

טויטען זיך דא כדי צו לעבען אין דער ערד,
אזא משוגע׳נער איינפאל פאסט פאר א פערד,
אלא ביסט־דוא א פערד, א בהמה, פאלגסט זייא.
וועט אויסקומען דיר טאקע צו קייען הייא.
גוף און נשמה איז נאָר קיין נפקא־מינא.
זיי צוטהיילען ביי מיר קיין הוה־מינא.
איז אלסדינג וויא געהעריג, קלאפט דיא מאשין,
לאפגעט עפעס ? וואו קומט איהר קלאפען אהין,
א חכם האָט שוין אָפגעדרוקט מיינע רייד, 79
חאָטש נאָר אויף שפאס האָב איך דערפון קיין לייד. 80
גאר איך וויל דא נישט מעהר פילאָזאָפירען,
פילוסופיע קען צו קיין זאך נישט פיהרען.
איך וויל דיר נאָר וויא א געניטער זאגען,
וואָס האט די לייט אזוי אונטערגעטראָגען,
דיך צווידלען, מיט פריסעק אָפצושיטען.
דיין פלונית׳טע יודעל, זיא שטעקט אין מיטען,
פון איהר קומט עס אלסדינג ארויס, גאנץ ריכטיג,
זיא האסט שעהנע ווייבליך, איז פעפערזיכטיג.
פון איהרטוועגען וויא איך הייס מעפיסטאָפעל,
דארפסט־דוא זיצען פארשפארט, עסען קארטאָפעל.
זיצען נאָר אזוי וויא א גאנז אין דער שטייג,
ווייס נישט פון א וועלט צו זאגען, קוק און שווייג.
דוא אָבער האב דיין שכל, זייא נישט קיין נאר.
פע, חלעבין, אז דאס ווייב איז איין אויבערהאר.
זייא א מענש יודעל, וואס טויג מרה שחורה,
פארליר נים קיין צייט, חלעבען איין עבירה,
אונטער דיא לינדענבוימער געה שפאצירען,
וועסט־דוא וועדען פרעהליך דיין זאָרג פארלירען.
דיא יפהפיה, וואס האט דיר געגעבען איהר וואָרט,
שטעהט שוין פארטיג און קוקט ארויס אויף דיר דאָרט.

---

79) קהלת ג׳, י״ט כ״ב. שם ט׳ י׳. 80) כפירוש המפרשים שם.

# ט.

אין ספרים האָט מען פון אייביג אָן געשטעלט,
אז דער מענש אין גאנצען איז א קליינע וועלט.
זיין איטליכס אבר, איטליכס גליד בעזונדער,
שטעלט פאָר א חלק פון דער וועלט גאָר וואונדער,
קענט איהר אָבער ביי דעם מענשען געפינען
דעם ים מיט אלערליי זאכען וואס דרינען?
מיט זיין טיפקייט, מיט זיינע שטארקע חוואליעס,
מיט זיינע שטורמווינטען, גרויסע באטאליעס,
מיט זיינע ווילדע בעשעפנישען אונטען,
מיט זיין לויתן דעם שרעקליך געזונטען,
ווער פון אייך קען דאס אלסדינג מיר זאָגען, ווער?
וואו איז ביי דעם מענשען דער ים וואו איז ער?
רבותים איהר שווייגט? נוא ברעכט אייך ניט דעם קאָפּ,
איך וועל אייך איהם באלד פון אויבען ביז אראָפּ.
א קליין שטיקעל פלייש הייגגט אין דעם מענשענ׳ס ברוסט,
אינווענדיג אויסגעהוילט, נאָר ניט ליידיג, פוסט,
בלוט קוועלט דאָרטען בעשטענדיג גאנצע קוואלען,
פון דאָרט לויפט עס אין אָדערען, קאנאלען,
וואס פארצווייגען זיך אין דעם גוף אָהן א צאָהל,
און פלייצען אין איהם וויא טייכען אלע מאָהל.
דאָס שטיקעל פלייש, הארץ רופען עס גרויס און קליין,
דאס איז דעם מענשענ׳ס ים, דאס איז ער אליין.
קליין איז דאָס פיצעל הארץ, אין גאנצען א לעק,
דאָך פון דעם ים טיפער, ברייטער אָהן איין עק,
אויפצונעהמען זיינע געפיהלען ביינאנד,
זיינען אלע גרויסע ימים ניט אין שטאנד.
זיינע געדאנקען פליהען פריי הין און הער,
פון אלע חיות אין ים שטארקער און מעהר.
ווען דעם מענשען געהט עפעס אָפּ, נאָר א קווינט,
ערהייבט זיך באלד אין זיין הארץ א שטורעמווינט,
שרעקליכער וויא אויף דעם ים איז זיין שטורעם,
איטליכע חוואליע הויך, גרויס וויא א טהורעם.

דאס בלוט זידט, קאָכט, הייס וויא א העליש פייער.
דיא געדאנקען בליצען, שטיפען נאך פרייער.
געפיהלע שטופען זיך צונויף צוזאמען,
אלע פלאַקערען, ברענען, אלע פלאַמען.
דער וועלטבעריהמטער קאפּיטאן, דער פארשטאנד,
צומישט בלייבט ער פלוצלים שטעהן, שטום וויא דיא וואנד.
זיין שיפעל שאָקעלט זיך, וויל קומען צום ברעג,
וואָלקענס פארשטעלען אָבער מען זעהט ניט דעם וועג.
וואויל איז דעם, וואס דער מזל האט איהם געדינט,
נישט צו ליידען אין לעבען אזא שטורמווינט,
זעהר וואויל אבער דעם, וואס האט איהם געליטען,
און האט פון שיפברוך זיך געקענט אָפּהיטען.
ער קען זאגען: האָב פארזוכט דיא מלחמה,
און ווייס איך האָב א הארץ, שכל, און נשמה.
איך ווייס, וואס איז אזוינס דעם מענשענ׳ס לעבען,
און קען אָפּגעבען דערפון רעכענונג חלעבען.
איך, איך ווייס, וואס בעטייט אזוינס: דאס הארץ גלוסט,
און וויפיעל עס קאָסט גובר צו זיין דיא לוסט.
נישטאָ אזוי פיעל פאפיר, אזוי פיעל טינט,
צו בעשרייבען דעם שרעקליכען שטורעמווינט,
וואס האט אין יודעל׳ס הארץ זיך אויפגעהויבען,
זעהר, זעהר א שרעקליכער, איהר מעגט מיר גלויבען.
עס האט גערווישט אין זיין הארץ וויא אין א מיהל,
עס האבען געליארעמט געדאנקען זעהר פיעל,
פארשידענע געפיהלע האבען זעהר גיך,
שרעקליכע מלחמות געפיהרט צווישען זיך,
ליעבע צו אנדערע און געפיהלע צום ווייב,
איידעל פארגניגען און תאוות פון לייב,
בו״ה פאר דעם פאָטער, צו זינדיגען לוסט,
האבען שרעקליך זיך געראנגעלט אין זיין ברוסט.
ווילדע תאוות האבען געשפּרונגען, געשטיפּט,
וויא דיא שלאנגען געביסען און געשפּייט גיפט.
געדאנקען וויא דיא שטורמפויגעל געפלויגען.
מחנות געפיהלע נאך זייא זיך געצויגען.

אונזער יצר־הרע, דער שפירט, דער צונטער,
וואס אין א שטורעמווינט בלאזט נאך אונטער,
וואס אין א פייער מישט ער מיט דעם לעפעל,
אונטערצוניסען נאך פעך און נאך שוועפעל.
אט דער אלטער שטורמאק, דער בעריהמטער פלוט,
האט וויא דער לויתן זיך געבאדען אין בלוט.
זיינע פלאספעדערען פרייא זיך אויסגעשפרייט,
און זיך געשווימען אויף דיא חוואליעס גאנץ ברייט.
מיט אימפעטנט פון דיא נאזלעבער געבלאזען
אויף דעם פערשטאנד און אויף זיינע מאטראזען.
עס האט זיך גערידעוועט גערוישט, געקאכט.
דער מידער קאפיטאן האט שטארק זיך געפאכט
מיט דעם לויתן דעם שרעקליכען מחבל,
איינער דעם אנדערן האט דערלאנגט א גראבעל.
ביידע האבען וויא לייבען זיך געפאכטען.
איינער אין דעם אנדערן זיך איינגעפלאכטען.
ביז דער טייפעל האט געטאהן א שפרונג, א טאנץ,
און דאס שיפעלע צובראכען מיט זיין שוואנץ.
וויא א שטיין איז דער קאפיטאן טיעף געזונקען,
און האט אין דעם ים נעבעך זיך דערטרונקען.
חא, חא, האט זיך געהערט א בייז געלעכטער,
דער טייפעל איז א העלד אויף דער גערעכטער!...
געליינט האט זיך דער שטורמווינט, געווארען שטיל.
אוים קריג, מלחמה. פאר דעם טייפעל דיא שפיעל.
יודעל איז ווידער לוסטיג, א וואוילער יונג,
פוצט זיך אוים. גיט צו דיא געליעבטע א שפרונג.

י.

איטליכע זאך אין דער וועלט האט צוויי זייטען:
מען קען עס גרינג אזוי און אזוי דייטען.
אויף שלעכט קען מען זאגען גוט און אויף גוט שלעכט,
אויף רעכט איין עולה און אויף איין עולה רעכט.
אין דער פאליטיק, דאס הייסט דרך ארץ

איז מען אָפּט מטהר פּק״ן טעמים א שרץ.
איינער ווערט א מלאך־המות און שעכט.
קוילעט אויס א מדינה און בלייבט נאך גערעכט.
דער קלוגער מענש איז פעהיג זיך צוקעהרען,
אי א מלאך אי א טייפעל צו ווערען.
מען דארף א שטאַרקער פריינד פון דעם אמת זיין,
טאַקי זעהר עהרליך, זעהר דעליקאַט און פיין,
ארויסצווזעהן דעם אמת גאנץ ריין און קלאָהר,
און נישט אָפּטרעטען פון יושר אויף א האָאר.
מען מוז בערעכענען איידער א טרעט מען גיט,
פון מלאך צו זיין ביז טייפעל איז איין טריט.
ווער עס נעהמט זיך פון רעכטען וועג א קאָפּ אוועק,
נעהט פון נאַרעשקייט צו נאַרעשקייט אָהן איין עק.
ס׳איז גאָר ניט מעהר דער יודעל, האַקט איהם און בראָקט.
זינט ער איז פאַרפיהרט, איז גאָר זיין הארץ פאַרשטאָקט.
דיא אויגען שווער צו זעהן, דיא אויערען צו הערען, 81
זיינע נאַרעשקייט הייבען אָן פיעל צו ווערען.
הייבט אָן אויפצונעהמען נאַרעשע זאַכען,
וואס א מאל פלעגט ער אליין פון זיי לאַכען.
גלויבט אין שדים, אין טהייערע מצאָצע, 82
גלויבט אין לאָקש, אין בוידעם, אין האָצע קלאָצע,
האט בעשטענדיג צו טאהן מיט כישוף מאַכער. 83
טרעפט זיך איהם עפּעס, לויפט ער צו א זנאַכער.
חלומות ליינען איהם אויס מכשפה טעס, 84
אַלטע באָבעס זיינען זיינע רופא׳טעס,
דער טאָטער גיט איהם קמיעות, שמירה׳לעך.
עפּעס אזעלכע מיני פאַפירעליך.
זיינע אמת׳דיגע פריינד און זיין פאָטער,
האָרכט ער אקוראט וויא דעם ראָבען קאָטער.
יודלען האט א מאָל זיך געחלום׳ט אין שלאָף,
וויא ער איז פון א מענש געוואָרען א שאָף.

---

81) ישעיה ו׳. 82) תהלים ק״ו ל״ז. 83) דברי הימים ב׳ ל״ג ו׳.
84) יחזקאל י״ג כ״ג. ירמיה כ״ג כ״ז.

אין דער מדבר אָהן א פאסטוך זיך פארואירט, 85
האבען איהם דערטען א משאמע וועלף דערשפּירט.
זייערע ציין שארף, פון זייערע אויגען
זיינען פונקען פייער שרעקליך געפלויגען.
וויא זיי ווילען איהם אָננעהמען ביי דעם עק,
קומט אימיצער און חאפּט איהם געשווינד אוועק.
ער האט איהם געמאָלקען, זיין מילך געגעסען,
איהם אליין צו פיטערען גאָר פארגעסען.
איז געקומען איינער איהם אוועק געפיהרט,
געשאָרען זיין וואָל, דערמיט זיך אויסגעציהרט,
אָן איהם אליין אבער זיך גאָר פארגעסען,
צו געבען איהם א שמעלכען, עפּעס עסען.
איז געקומען נאך איינער קויפט איהם אוועק,
בעטראכט איהם און טאפּט איהם פון קאָפּ ביז דעם עק.
איהם צו פיטערען האט ער ניט פארגעסען,
כדי פעטערהייד איהם דערנאָך אויפצועסען,
איז געקומען דער שוחט חאפּט איהם ביים קאָפּ,
לייגט איהם אויף דער ערד אנידער וויא א סנאָפּ,
שטרעקט איהם דאס העלזעלע אוים און פליק, פליק, פליק.
גיט א פיהר מיט דעם חלף, וויל מאכען חיק...
דא האט מיין יודעל פלוצלים זיך אויפגעחאפּט.
דעם האלז, דעם קאָפּ איטליכם אבר זיך געטאפּט,
פונ׳ם חלום איז איהר אויף דער הארץ געווען שווער,
איז פארטראכט ארום געגאנגען הין און הער,
געטראכט, דער חלום איז עפּעס נאר ניט גלאט,
און האט שרעקליכע צרות, יסורים געהאט.
צו מכשפים האט איהם דער רוח געטראגען,
וואס בעטייט דער חלום לאזען זיי זאגען,
לאזען זיי איהם אויפקלעהרען דיא גאנצע זאך.
מיט חלומות גיבען זיי זיך אָפּ א סך. 86
דערפון האבען זיי דאך זייער זאלץ און ברויט, 87

---

85) ירמיה ב׳ ו׳ ד׳. 86) ירמיה כ״ג, כ״ז ל״ג. 87) יחזקאל [illegible]
מיכה ג׳ י״א.

לאזען זיי איהם דריבערביישטעהן אין דער נויט.
„שלום צו דיר, זאגען דיא מכשפים, שלום. 88
דוא האסט יודעל געזעהן א גוטען חלום.
וואס ביסט א שעפּעלע געווארען בעטייט,
דוא וועסט רייך זיין, פון דיר וועלען לעבען לייט,
דוא וועסט האָבען שפע, ברכה אין איינעם,
מען וועט דארפען צו דיר, דוא נישט צו קיינעם.
דער פריץ וועט הייצען דיא רובע ביי דיר,
וועסט טאקי ניט שמעקען צו איהם אויף דער מהיר,
דוא בעדאַרפסט זיין שטאל, זיין שטוב אויף כפרות.
דיינע משרתים וועלען זיין פריצים, שררות.
זיי וועלען דיר אַלע אין דער האַנד קוקען,
פאר א גראָשען אלע צו דיר זיך בוקען.
איטליכער וועט וועלען, דוא זאָלסט זיין זיינער,
צום געבען ביסט־דוא א מחותן א פיינער,
דורך דיין גאָב וועט יעדער זיין א וואוילער יונג,
וועט לעבען, זיך פוצען, מאָהן א טאנץ א שפּרינג.
קורץ, יודעל, האסט געזעהן א גוטען חלום,
טראכט נאר נישט איבער, שלום צו דיר שלום.
דיא וועלף, זעהסט־דוא יודעל, זיי בעטייטען פיינד,
דאס זיינען דיין טאטענס קלאָמערשט גוטע פריינד,
וואס עפענען אויף דיר תמיד אויף א ברייט מויל
און איינצושלינגען דיך, זיינען זיי ניט פויל.
דעריבער איז רעכט דעריבער טאקי גוט,
דוא זאלסט זיך באָדען, יודעל, אין זייער בלוט“.

## יא.

דער טרוים איז יודלען פאָרט נישט ארויס פונ׳ם קאָפּ,
ער איז פאר פחד פון דעם פנים אראָפּ.
ער לינט, דאכט זיך איהם, אויסגעשטרעקט אויף דער ערד,
און דער שוחט וויל איהם קוילען מיט זיין שווערד.

---

88) ירמיה ד׳ י״ד. יחזקאל י״ג ו׳.

א מאָל דאכט זיך איהם שטעהט ער איינער אליין
און וועלף קריצען אויף איהם מיט זייערע ציין.
„פון וועלף הייסען זיי פטור צו ווערען גיך,
דאס זיינען פיינד, טענה'ט ער אליין מיט זיך.
נאר גערה ווייס אבער וועלכע זיינען דיא פיינד?
זיי זאגען: דיא וועלף זיינען דעם טאַטענס פריינד.
פון יענע אבער הער איך אַלץ איין געשריי:
אז דיא וועלף, דיא לייבען זיינען זיי, נאר זיי". 80
יודעל ווערט עפּעס מסופק, קראַצט דיא פּאה
און הייבט אָן זיך צו שלאָגען מיט דיא דעה.
בשעת א הבל'ניק ווערט אויף דעם הארץ שווער
וואַרפט ער זיך בעשטענדיג אהין און אהער.
„וואס טענה'סט־דוא אזוי, וואס איז דיר שאַפּעל?"
קומט פּלוצלים אריין מיט שפּאַס מעפּיסטאָפּעל.
פון נעכטען אָן זעהט מען דיך ניט אויף דער גאַס,
זעהסט עפּעס אויס וויא א בית־מדרש'ניק בלאַס.
א קשיא, יודעל, וואס אויף דער וועלט קען זיין,
עס ציהט דיך אפשר אין בית־מדרש אריין?
אפשר יודעל, ציהט עס דיך שטארק וויא מיט א שטריק?
צו יענע קלויזנער טאקי ווידער צוריק.
מיט זיי צו דאַווענען, צו געהן מיט דיא טאַצען.
א יודישע נשמה קען מען נישט שאַצען.
קיינער חלילה האלט דיך נישט אויף א קעט,
דוא האסט אבער זיך מישב געוועזען צו שפּעט.
צו גוטע פריינד איז קיינמאל נים שפּעט צוריק,
האט יודעל אונטער דער נאָז געענטפערט קריק...
זעהר גוט, זאגט מעפּיסטאָפּעל, טאקי ריכטיג,
נאר געהט מען צו פריינד, איז צו וויסען וויכטיג...
„דיינע רייד, זאגט יודעל, האבען צוויי זייטען,
איך ווייס חלעבען ניט וויא איך זאל זיי דייטען.
מיינסט־דוא יענע לייט זיינען מיר קיין פריינד נים,
אדער, נישטא נאר קיין פריינד, מיינסט־דוא דערמיט.

---

80) יחזקאל כ"ב, כ"ה כ"ז. צפניה ג' ג'.

דוא רוקסט אָפּט אריין א ווערטעל פון דער זייט,
ראכט זיך נאר נישט, עס צילט אבער שרעקליך ווייט...
בפרט ווען איך מעפיסטאָפעל רעד מיט דיר,
ווען עס ריידען אזעלכע קלוגע וויא מיר,
דוא ביסט יודעל א מבין אויף א וויצעל,
קענסט אין יענעמ׳ס רייד פאלען אויף דעם שפּיצעל.
מיט דיר בעדארף מען ווייניג צו טאהן האבען,
האָסט געטראָפען וויא דער הונד ליגט בעגראבען.
איך מיין טאקי ביידע זאכען אין איינעם,
גוטע פריינד איז חלעבען נישטא ביי קיינעם.
בראָש גלויבסט דוא נאך אין פארשימעלטע זאכען,
וואס אין אונזער צייט מוז מען דערפון לאכען.
דוא גלויבסט נאך אין אלטע מעשיות, זעה איך,
אז אין דער וועלט האט מען יענעם ליעב וויא זיך.
ווער שמועסט נאך, מיינסט־דוא יודעל, מאן און ווייב.
דאס איז טאקי פשוט, וויא מען זאגט, איין לייב.
פריינדשאפט, ראמאנען שטעהן נאר אין דיא ביכער.
פוסטע רייד יודעל, מעגסט מיר גלויבען זיכער.
פּריוו נאר דיין פריינד צו קרימען עפּעס א האָאר,
וועט ער דיך אָפּשיקען צו אלדע שווארץ יאהר.
איטליכער אויף דער וועלט זוכט נאר וואס איהם טויג,
טוינסט־דוא יענעם, באלד האט ער אויף דיר איין אויג.
שארט זיך צו דיר צו מיט זיסע, גוטע רייד.
זאגט: איך און דוא איז חלעבען קיין אונטערשייד.
דיר פאר זיין קנעכט צו מאכען מיינט ער דערמיט,
בין אין דיא זאכען ברוך השם געניט.
דוא ווידער צוריק מאכסט זיך קלאָמערשט צום תם,
און זאגסט נאך אויף אלע זיינע ווערטער באם.
דער רות, טראכסט דוא, האט מיך נישט גענומען,
נאר מיך נישקשה, וועסט מיר צוגיטין קומען.
נאר מיך, נאר מיך נישקשה, קאפּ אָן דער וואנט.
איך וועל דיר שפּעטער דערטאפּען אין דער האנד.
הכלל איטליכער פון אויבען ביז אראָפּ
איטליכער אויף דער וועלט נארט דעם אנדערן אָפּ.

אפילו דיא מענשען פון דיין הויזגעזינד,
א קינד א פאָטער און א פאָטער א קינד,
מענער דיא ווייבער און ווייבער דיא מענער,
מען וויל נאָט אפילו נארען, נאך שעהנער.
יענער גלויבט, נאט איז א יודע לבבות
און נארט איהם פאָרט אלץ מיט פאַלשע מחשבות.
וויל נאט אויף דער וועלט חאפּען מיט שטוקעס,
אויסנארען אלץ ביי איהם מיט הוקעס פוקעס.
זאלסט יענעם וויא איך אין הארץ אריינקיקען,
וואלסט־דוא פּשוט פאר גלעבטער זיך שטיקען.
וויא ער טענה'ט מיט נאָט, פאַלט אויף הסברות,
אויסצומאָנטען ביי איהם גליק אנשטאט צרות.
וויל אָנפּייפען דעם רבונו של עולם,
עפּעס וויא ער האט צו טאהן מיט א גולם.
ליבע, פריינדשאפט, דאס זיינען פוסטע זאכען,
רעד גאר ניט יודעל, מען וועט פון דיר לאכען.
ביי דיא היינטיגע יונגע לייט, גאט בעהיט,
ועסט־דוא הייסען אָסטאלי, פונ'ם אלטען שנים...
א דאנק דיר מעפיסטאָפעל פאר דער בשורה.
ענטפערט יודעל מיט א פארקרימטע צורה.
קיין גוטע פריינד, זאגסט דוא, זיינען גאר ניטא,
וואס טהוט מען, אך, מיט דיא פיינד וואס זיינען דא?
איך פרעג דיר, מעפיסטאָפעל, וויא א רעבען,
לערען מיך מיט פיינד וויא אזוי צו לעבען...
שטערט אימיצר צופיעל, ווערט אונערטרעגליך,
איהם מוז מען פּטור ווערען גיך וויא מעגליך.
דאס לעבען אין גאנצען איז א מלחמה,
מען טהוט אלסדינג צו דערהאלטען דיא נשמה.
איינער זוכט דעם אנדערען צו פארטרייבען,
בכדי ער זאל אויף זיין אָרט איבערבלייבען.
קוק אריין אין דער נאטור, לייג צו מוח,
ועסט־דוא זעהען, יודעל, דארט הערשט נאר כח:
אלערליי בעשעפעניש פון גרויס ביז קליין,
איינער ביים אנדערן וויל אָפּלעקען א ביין.

אימליבער אין דער וועלט מאכט יענעם דעם טויט,
בכדי איהם אויפצועסען געשמאק פאר ברויט.
פון אויבען איז דער שטארקער, דער געזונטער,
דער שלאפער נעבעך איז תמיד דעראונטער.
צו דעם וואָלף ווערט דאס שלאף שעפעלע א רויב,
צו דעם אָדלער דיא גוטע דיא פרומע טויב.
דיא שפין וועבט נעצען צו דערטאפען דיא פליג.
קורץ, אייביגע מלחמות שטענדיגע קריג.
פון אייביגע צייטען איז אזוי געשטעלט,
אז כדי צו לעבען שלאָגט זיך דיא גאנצע וועלט.
עס פארשטעהט זיך אז דער מענש אויך אין מיטען
שלאָגט הארגעט, כדי זיינע ביינער צו היטען...
אָט אזוי יודעל בעדארף מען צו לעבען,
ווילסט־דוא פאָלגען מעפיסטאָפלען דעם רעבען.
כל־זמן יודעל דוא קענסט דיר נאך העלפען, העלף.
היט זיך צו זיין א שעפעלע צווישען וועלף.
וועלף זיינען יענע פיסקאטשעס, יענע לייט,
וואס זידלען, פאלען אויף דיר אָן אלע צייט.
יודלען זיינען דיא ווערטער אין קאָפ אריין
און זיך פאָרגענומען זיי מקיים צו זיין.
א מאָל אז איינער פון דעם טאטענ׳ס חבריא,
האט אין יודעל׳ס הויז געזאגט א ריידע א פרייע,
איידער נאך וויא ער האט געענדיגט זיין וואָרט,
האט איהם יודעל דערשטאָכען באלד אויף דעם אָרט.
ווייט אין דער וועלט איז דענסמאָל ארויס א קלאנג,
אז זיין בלוט האט געזאָטען דארט יאָהרען לאנג. 90

## יב.

אָט צו וואס דער טייפעל ברינגט, וויא ער פארפיהרט.
נים מען איהם דעם פינגער וויא ווייט מען פאראירט.
זעהר דין זעהט תחלת אויס דיא זינד אויף דעם בליק,

---

90) גיטין נ״ז ב׳ דמיה דזכריה דהוה קא מרתח.

וויא שטריק פון א וואָגען ווערט זיא דערנאָך דיק. 91
יודעל פאַרקריכט גאַנץ ווייט, ווערט א גרויסער פלוט,
שאַסטעט, ברייננט אויס און דערנאָך פאַרגיסט ער בלוט.
זיין אימעניע איז געוואָרען אָפּגעלאָזט.
דאַס גאַנצע באַלבאַטעשקייט פאַרוואָהרלאָזט.
נישט געאַקערט געזייט זיינען דיא פעלדער,
דיא בעסטע בוימער אויסגעהאַקט אין וועלדער.
וויינגערטנער שטאַרק וויסט, זייער צוים צובראָכען,
קינד און קייט איז תמיד דאָרט געקראָכען.
גראָז קראָפּיווע זיינען געוואַקסען זעהר פיעל. 92
צווישען זיי געשפּרונגען געשווישטעט דיא גריל.
וויינטרויבען און גאָרטענוואַרג, ווייץ און קאָרען.
דאַס אַלסדינג איז וויא פאַרשווינדען געוואָרען.
דאָרט אויף דער וויסטער פּאַשע זיפצען דיא קיח.
נאָך א גרעזעלע לעבצען נעבעך דיא פיח.
שעפּעלעך מעקען, ציגען ליגען פאַרוויסט,
ליידיג און איינגעשרומפּען זייערע בריסט.
אָקסען שרייען גראַבען אונטער זיך דיא ערד,
מיעד מיט פאַרלייגטע קעפּ שטעהן נעבעך דיא פערד.
טשערעדעס שאָף בהמות אָקסען און רינדער,
אַלע געווארען ווייניג אַלע מינדער.
וויינער יודעל'ס הכנסות פריחאָדען,
גרעסער ווערען דיא הוצאות ראַסחאָדען.
בכדי צו לעבען צו קומען אין דער וועלט,
דאַרף מען צו האבען געלט, געלט און ווייטער געלט.
צו זיין אין דער מאָדע צו זיין ווילקאָמען,
כדי אין דער וועלט צודערהאַלטען דעם נאמען.
כדי צו זיין דיא נשמה ביי אַלע דאַמען,
צו געפעהלען דער טאכטער אי דער מאַמען.
כדי יענער זאל בעגעגנען מיט א פאַרבייג,
זאָל דערביי זיס שמייכלען, ווייך זיין וויא א טייג.
כדי פאַרבעטען צו זיין אומעטום צו גניסין,

91) ישעיה ה׳ י״ז. 92) שם שם ב׳ ו׳

צו זיין אויף אלע חתונות און בריתן,
כדי צו הייסען אין דער וועלט מחותן, פעטער.
צו זיין א מבין, אויף אלסדינג א מעטער.
כדי בעטראכט צו ווערען וויא איינער וואס נוצט,
מה מען שאסטען, וויא א טאָק זיין אויסגעפוצט.
אויסבריינגערייא, פוין, אָט זיינען דיא מיטעל
צו געפעלען און צו קריגען א טיטעל.
בכדי יענעם דיא אויגען צו פארבלענדען,
האט יודעל געמוזט אויף פיעל געלט פארשווענדען.
פון זיין קאסע פאמעליך געשלעפט, געשלעפט,
ביז זיא האט וויא א קרעניצע זיך אויסגעשעפט.
א מאָל האט אין הויז זיך געמאכט א וועטהיג,
וואס דערצו האט מען בעדארפט געלט זעהר נעטהיג.
האט מען געמוזט, אבי ארויס פון דער נעץ,
אוועקגעבען דיא טיהרען פון דעם דוואָרעץ. 93
יודעל איז צום סוף אזוי ווייט פארקראָכען,
אז זיין פאטער האט שוין דאס שטארק געשטאָכען.
זיין כעס האט געברענט וויא א פלאם פייער,
וואס צינד אָן א הויפען הייא, שטרוי אין שייער.
גליהענדע קוילען געוועזן זיין יעדער קיק,
האט וויא א לייב געגעבען א ברום, א היק.
אז דיא וועגט האבען געציטערט פון דעם הילך,
ביי איטליכען ענטפאלען דער מאמעס מילך.
פון איינעם צו דעם אנדערען עק דוואָרעץ,
האט שטארק געהילכט, וויא א דונער גיט א זעץ.
צום הימעל האט ער זיין האנד אויפגעהויבען,
ביי מיין לעבען שווער איך, איהר מעגט מיר גלויבען,
דא אין דוואָרעץ איז פאר מיר קיין וואָהנונג מעהר,
הימעל און ערד זיינען עדות וויא איך שווער,
יודלען אומווירדיג איך און זיין דוואָרעץ פיינט, 94
נענוג, דא איז פאר מיר מעהר קיין וואָהנונג היינט.
אין מיין רוח אריין וועל איך צוריק קעהרען,

93) מלכים ב׳ י״ח ט״ז. 94) עמוס ו׳ ח׳.

בין יודעל וועט פארשטעהן, וועט בעסער ווערען. 95
וויא אזוי דער אלטער טרעט אפ צו הערען,
שטעלען זיך חלעבען אין דיא אויגען טרעהרען.
נישט באלד, פלוצלים האט ער דעם זוהנ׳ס הויז פארלאזט.
ניין, דאס אוועקגעהן האט איהם פיעל מיה געקאסט.
ביסלעכוויים האט ער זיך דערווייטערט פון דארט,
זיך אזוי גערוקט פון איין ארט צום אנדערן ארט,
ער האט פריהער געמאכט אזעלכע צעהן נסיעות, 96
זיך גערוקט אלץ ווייטער און געמאכט שיהות,
אין דער האפנונג מאמיר ווערט יודעל גוט, פרום,
קעהרט ער בשמחה אין זיין הויז זיך צוריק אום. 97
ער האט, דערצעהלט מען, שרעקליך געוויינט פאר שמארץ,
אויף יודעלען האט איהם פארט געריסען דאס הארץ,
אך, האט ער געקרעכצט, אז אך און וועה און ווינד.
ביים שיידען זיך אי דעם פאטער אי דעם קינד. 98

## יג.

אז יודעל האט צום סוף פארלארען זיין געלט,
איז ער אוים מיוחס געווארען אין דער וועלט.
דיא פריהערדיגע זיינע גוטע ברידער,
זיינען מיט איהם געווארען קידער ווידער.
אלסדינג וואס פריהער פלעגט מען דערפון אנקוועלען,
איז איצט איטליכען שוין מעהר נישט געפעלען.
אין ביי איטליכען געווארען צום געשפעט,
איטליכער האט אויף איהם אויסגעזוכט א חטא,
אז ער איז א פאלשער מענש מיט א טרייף מויל,
ער פרעסט, זויפט, און צום ארבייטען איז ער פויל.
וואס ער איז ארים איז נאכדעם גאר קיין וואונדער,
האט זיך אפגערופען יעדער בעזונדער,

---

95) הושע ה׳ ט״ו. 96) ראש השנה ל״א א׳. 97) שם שם. פתיחתא איכה רבתי. 98) מה לו לאב שהגלה וכו׳ ואוי להם לבנים שגלו וכו׳, ברכות ג׳ א׳.

דאס אלסדינג, וואס מען האט גערעדט און געלאכט,
וואלט יודלען נאך אזוי פיעל נישט אויסגעמאכט,
ווען עס זאל נימ געוועזען פון יענע רייד
ארויסשפרינגען פאר איהם פיעל צרות און לייד.
זיינע שכנים אין הארץ איהם תמיד שלעכט,
האבען אויסגעזוכט אלטע זכיות און רעכט:
יודעל׳ס גוט, פון וועלכער ער האט זיך דערנעהרט,
האט אַ מאָל זייערע עלטערן געהערט.
זייערע זיידעס זיינען דאָרט געזעסען,
געזייט דיא פעלדער, דיא תבואות געגעסען.
יודעל האט דעם מאיאָנטעק מיט פעלד און וואלד,
ביי זיי גענבעך צוגענומען מיט געוואלד. 99
געדופעט אויף זיין טאטענ׳ס גרויסען כח,
אויף זיין חכמה און אויף זיין גרויסען מוח.
אויף דעם סמך האט יודעל זיי פארטריבען,
און אליין אהער זיך אריינגעקליבען,
א טהייל פון דיא ערשטע און אלטע שררות,
זיינען נעבעך געשטארבען מחמת צרות.
יודעל האט מיט זיי געפיהרט א מלחמה,
ביי זיי פשוט צוגענומען דיא נשמה. 100
א טהייל האבען אָנגעפאקט אלץ אויפ׳ן וואָגען
און אוועק וויים וואָהין דיא אויגען טראָגען. 101
א טהייל זיינען אויף צינש געבליבען זיצען, 102
און געמוזט פון שווערע אָפּגאבען שוויצען.
מילא צו וואס דא א סאך טענה׳ן, בקיצור,
יודעל איז נים דער רעכטער גוטבעזיצער.
נאר אויף א קליין פעלד מיט איין אלטען בנין,
פערוואלנערט זיך ביי איהם עפעס א קנין. 103
מען האט נאך דיא ארחיווע איבערגעמישט,
און א גאנץ אלטען חטא אויף איהם אויפגעפרישט:

99) הלא אומה של בזוזים אתם וכו׳. בראשית רבה פ״א. 100) דברים רבה פ״ה. 101) שם שם. מי שמבקש לילך ילך לו. 102) שם שם.
103) בראשית כ״ג, י״ז י״ח.

א מאָל האט ער, יודעל, געבאָרגט אין איין אָרט,
זילבער, גאָלדוואַרג און קליידער אויף עהרען וואָרט,
איז דערמיט אין גאַנצען, אין מיטען דער נאַכט,
אַנטלאָפען גאַנץ געשווינד און פּלטה געמאַכט. 104
נאָך אַזעלכע חטאים גאָר אהן א צאָהל,
האט מען אויף יודלען אויסגעזוכט אלע מאָל.
יודעל איז פאַרדאָרבען, ער איז ניט קיין לייט,
האט מען שטאַרק געשריגען פון איטליכער זייט.
מען טאָר אסור ניט שווייגען, מעהר ניט שלאָפען,
אַזא שלעכטען שכן מוז מען בעשטראָפען.
א פּראָצעס איהם צו מאַכען איז געבליבען,
און אויף איהם א סאַך פּראָשענעס געשריבען,
מיט דעם פּראָצעס האט פּראָסט דיא וועלט זיך געווינט.
אויף יודעל'ס קאָפּ א חמארע זיך אַנגעריקט,
טשינאָווניקעס אויסגעוואַקסען פיעל וויא גראָז,
זיינען געקומען איהם אָנרייבען א נאָז. 105
יעדער האט געוואָלט א ביינדעל אָפּלעקען,
יודעל'ס נאָמען פון דער וועלט אויסצומעקען.
איינער, דענסמאָל דיא וועלט שטאַרק אויפגעבורעט,
האט איהם מעהר פון אלע א קריזש געדורעט. 106
איבער אלע האט ער געהערשט מיט צאָרען, 107
איטליכער איז פון איהם פאַרשוואַרצט געוואָרען.
איז געווען א גרויסער פּריץ, א ריצער,
אין יענער צייט דער גרעסטער גוטבעזיצער.
ביי איין פּריץ מיט א הינקענדיג פיסעל,
האט ער צוגענומען זיין גאַנצען שליסעל,
וואס ער לינט צווישען צוויי בעריהמטע טייכען, 108
אין דעם גאַנצען קאַנט ניטא זייער גלייכען.
קיינער וויא ער אזוי ניט ליעב געהאַט געלט, 109
ער האט געוואָלט פאַרנעהמען דיא גאַנצע וועלט.

---

104) סנהדרין צ"א א׳. ובלי ספק האשמה ההיא מוצאת מימי קדם וכבר וכבר היתה לעולמים. 105) מלכים ב׳ כ"ד ב׳. 106) שם שם י׳.
107) ישעיה י"ד ו׳. 108) מלכים ב׳ כ"ד ז׳. 109) שבת קמ"ט ב׳.

פריצים שררות האבען איהם געצאָהלט ראטע,
אויב ניט האט גאט בעדארפט זיין זייער טאטע.
האט אויף זיי אנגעשיקט א גאנצע ראָיע
זעלנער, ווילדע לייט, איין עם לא־היה. 110
מיט דער אכזר דער בעריהמטער אָנחאפער,
איז געווארען אויף יודעל׳ס בלוטפערצאפער.
לעת־עתה, נאך איידער וואס, נאך איידער ווען,
נאך איידער עס איז עפעס וואס גאָר געשעהן,
האט ער שוין אין דעם עסק געטאָהן א פאָחר,
אז יודעל האט איהם ראטע געצאָהלט דריי יאהר. 111
יודעל ביסט איין ארענדאר, רעכט אויף דיר, רעכט,
האסט ניט געוואָלט זיין א האר, זייא־זשע א קנעכט.
מזל טוב מיט דיין אָרענדע דער נייער,
צאָהל ראטע יודעל, ביז דעם לעצטען דרייער.

## יד.

יודעל האט דענסמאל קיין האניג ניט געלעקט,
שרעקליך נישט גוט האט זיין משפט זיך געעקט.
יעדער שכן האט געוואָלט זיין מפלה.
איהם אָפּקוילען, איהם אָפּשניידען א פאָלע.
„דאס איינציג מיטעל קען פאר דיר יודעל זיין,
כדי פטור צו ווערען פון צרות און פיין״.
האט געבעטען רחמים, גערעדט מיט פייער.
איינער פון זיין טאטענ׳ס פריינד א געטרייער.
„דוא זאלסט בלייבען איין ארענדאר לעת־עתה,
דינען דעם גרויסען פריץ צאהלען ראטע. 112
ער איז א מאָנארכע זעהר א געזונטער,
קען מען נישט אריבער מוז מען ארונטער״...
יודעל אבער איז געווארען אויפגעבראכט,
דעם דאָזיגען פריינד פאר זיין פיינד גאר בעטראכט.
זיינע פאַלשע פריינד איהם נאך אונטערגעהעצט.

---

110) ישעיה כ״ג י״ג. 111) מלכים ב׳ כ״ד א׳. 112) ירמיה כ״ז י״ב.

און איהם געבעך אין דער תפיסה איינגעזעצט,
דארטען האט מען דעם פריינד געפייניגט צום טויט,
און איהם געשפייזט מיט א דאר שטיקעלע ברויט. 113
שפעטער איהם אריינגעוואָרפען אין א לאָך, 114
דערפאר וואס ער האט געראָטען געהן אין יאָך.
זעהר שטאָלץ איז ביי זיך יודעל פון אייביג אָן
רעכענט אויף זיין יחוס זיין גילדענער פאָהן.
כל־זמן ביי איהם איז נאָך געוועזן דער פאטער,
האט קיין פריץ קיין יון און קיין טאָטער
נישט געקענט מיט א האָזע אין זיין הויז קומען. 115
פאר זיין בליק האט א פחד אנגענומען.
אהן דעם גרויסען פאטער אבער, אבער היינט,
איז אין יודעל׳ס דוואָרעץ אַך, אריין דער פיינט.
ער איז אריין מיט א גאנצער קאָמאנדע.
מיט טשינאָווניקעס, סאלדאטען א באנדע.
געזידעלט, געשאָלטען, גראָבהייטען גערעדט.
געפילדערט און געלייענט יודעל׳ס דעקרעט.
טשינאָווניקעס, סאלדאטען, מיליטער, היי,
האט ער דארט קאָמאנדעוועט מיט א געשריי.
מיט אימפעט האט אזוי וויא א שטורעמווינד,
דיא קאָמאנדע זיך אלאָז געטאהן געשווינד.
אלערליי זאכען אין הויז געלאפט, געחאפט,
איטליכעס ווינקעלע בעזונדער אויסגעטאפט.
זיינען וויא דיא רוחות געלאָפען, וויא שלעק.
איינער מיט האמער, דער אנדערער מיט העק.
געקלאפט, געשלאגען, געריסען דיא טהירען, 116
געלאזט דיא הענד אביסעל זיך צופיהרען.
געשריגען, געליארעמט, אלסדינג געבראָכען,
געהאקט, געבראקט, געווארפען און געשטאכען,
איינער דעם אנדערען געשטופט געשטויסען.
נישט צו דערקענען דעם קליינעם פונ׳ם גרויסען.

---

113) שם ל״ז כ״א. 114) שם ל״ח ו׳. 115) פתיחתא איכה רבתי.
116) תהלים ע״ד ו׳.

אומעטום גערויבט, געמאכט ליידיג און וויסט,
טהייערע כלים זיך געוואלגערט וויא מיסט.
אין מיטען גערידער האט געטאהן א זעץ,
און אין פלאם פייער געשטאנען דער דוואָרעץ!
עס זיינען געפלויגען פייערדיגע צונגען,
דיא דעכער געקנאַקט, דיא פענסטער געשפרונגען.
דיא חברים יודעל׳ס זיינען ביי דעם שמאַרץ,
זיך געשטאנען אלע מיט א פרעהליך הארץ. 117
אין דער גרויסער מהומה אויסגעשטרעקט דיא הענט.
אויף גערויבט וויא וויט זיי האבען נאר געקענט.
איטליכער האט געזאגט, איך פרעה מיך, איך קוועל, 118
יודעל׳ס הויז געווארען א חורבן, א תל,
דער שררה האט זיך פארנומען יודעל׳ס גוטץ, 119
שעהן מעביל, כלים, טהייער געפעס און פוטץ.
טעפ, קאָטשערעס, בעקענס, פענדלעך און לעפעל.
לייכטער, שנייצערלעך, וואו ערגעץ א שעפעל.
האט צוגענומען אפילו א ווילקע
האק און פאק, ניט איבערגעלאזט קיין שפילקע;
יודלען אָנגעטאָהן גראָבע, שווערע קייטען,
אנגעזאגט סאלדאטען איהם צו בעלייטען,
מיט דעם עטאפ אוועקצופיהרען גאנץ וויט,
דארט מיט איהם צו לערנען בלק א לאנגע צייט.

## טז.

פינסטערע וואלקען, וויא שווארצע פאָרהאנגען,
זיינען איבער יודעל׳ס דוואָרעץ געהאנגען.
גלייך וויא דער הימעל האט געפיהלט יודעל׳ס לייד,
און אין טרויער זיך אנגעטאהן א שווארץ קלייד.
הימעל און ערד זיינען, חאטש פון אייגאנדער וויט.
ברודער און שוועסטער געבאָרען אין איין צייט.

---

117) עובדיה א׳ י״א י״ג. איכה א׳ כ״א. 118) יחזקאל ל״ו ב׳.
119) ירמיה נ״ב י״ח י״ט.

דריבער חערט מען תמיד וויא דער עולם זאגט:
ווען דיא אומגליקליכע שוועסטער, דיא ערד, קלאגט
בעקומט דער ברודער אויך א טרויריג געזיכט,
פינסטער ווערט זיין פנים, טונקעל ווערט זיין ליכט.
דעריבער ווען דיא ערד בעליידיגט איהר קינד,
ווען דעם מענשען געבעך איז שלעכט, וועה און ווינד.
דענסמאל שרייט ער צום הימעל, שרייט וויינט זעהר אפט,
בעט רחמים וויא איין אייגענער, בעט און האפט.
יודעל'ס חורבן האט דער הימעל בעדויערט,
הימעל און ערד ביידע האבען געטרויערט.
פון דעם דוואָרעץ, דעם טהייערען און ליבען,
איז נישט מעהר וויא א הויפען אש געבליבען,
אלסדינג פארברענט, אלסדינג חרוב און צושטערט,
אלסדינג תל, האָרנעם־קאָרנעם איבערגעקעהרט,
אלסדינג וואס דעם פיינד נישט געווארען צום רויב,
האט דאס פייער געמאכט צו אש און צו שטויב.
אומעטום האלאָוועשקעס, שטיינער און גיפס,
וויא א בית־עולם שטיל, מען הערט ניט קיין פיפס.
צווישען רויבערדיגע האלאָוועשקעס דארט,
פאראומערט, פארטראכט נישט צו ריידען א וואָרט,
דרעהט זיך איין אלטער מאן הין און הער ארום,
שוויינט, רעדט נישט, ניט נאר א מאל א קרעכץ, א ברום.
דער אלטער איז אין גאנצען וויא דיא וואנד טויט,
זיין פנים בלאס, זיינע אויגען פייער רויט,
פול מיט קנייטשען זיין שטערען, זיינע באקען,
דער קאָפּ שאָקעלט זיך אויף זיין האלז און אקען,
זיין גרייז גרויער באָרד, זיינע האָר פון דעם קאפּ,
פליהען שטארק צו פלאָסען ארויף און אראָפּ,
דער אלטער, דאס איז יודעל'ס איינציגער פריינד,
וועלכען ער האט געהאלטען תּאר זיין בלוט פיינד,
וועלכען ער האט אין דער תפיסה איינגעזעצט,
און אין א גרוב ארייגעווארפען צום לעצט.
דער אלטער, וואס האט געליטען זעהר פיעל שמארץ,
ער נעהט עם דא איצט מיט א צובראָכען הארץ.

ער נעהמט מרה־שחורה׳דיג, זעהר פארביטערט,
זעהט פאר זיך דעם גרויסען חורבן און ציטערט.
ער נעהמט פאמעלעך, ריהרט זיך קוים ווי א קינד,
זיינע געדאנקען אבער פליהען געשווינד.
ער רעדט נישט קיין ווארט, ער נעהמט איינגעבויגען.
עס שרייט אבער זיין הארץ, ריידען די אויגען.
זאל דאס געשריי איהם ארויסגעהן פון דעם מויל,
וואלט געהילכט פאר אימפעטט מעהר ווי פון א קויל.
זאלען טרעהרען איהם פון זיינע אויגען געהן,
וואלט מען פון פיעל וואסער נישט געקענט איינשטעהן.
דעם מענשענ׳ס הארץ איז בטבע אזוי געשטעלט,
עס זאל אין איהם טיעף זיך אפשפיגלען די וועלט.
עס מוזען אלע פארשידענע זאכען,
פארשידענע געפיהלען אין איהם מאכען.
דעריבער איז אין אונזער אלטענ׳ס הארץ אויך,
געוועזען א גרויסער חורבן, פלאמען און רויך.
וויסט און פינסטער און ביטער איז איהם געוועזען,
קוקענדיג אויף אלסדינג וואס איז דא געשעהן.
צווישען רויך און אש, פאראומערט און פארטראכט,
די קליידער פארסמאליעט, די ליפען פארשמאכט,
נעהמט ער אלץ ווייטער, ווייטער פון אָרט צו אָרט,
און פארטראכטערהייט אויף א בארג ארויף דארט.
פרישע לופט די וואלקען אין הארץ צוטריבען,
ווי פון א שלאָף די אויגען אויסגעריבען,
שטילער אביסעל ווערט אין איהם דאס פייער,
זיינע געדאנקען קלעהרען, לויפען פרייער,
זיינע ברענענדיגע אויגען ווערען בענעצט,
ער יאָמערט, ער וויינט, פארגיסט טרעהרען צום לעצט.
„ווי קען איך מיך איינהאלטען נישט צו קלאגען,
ווי קען איך אזא אומגליק איבערטראגען?
אויף די בערג הייב איך אויף א יאָמער א קלאָג!
מען זעהט דא נישט קיין מענשען אין העלען טאָג,
מען הערט נישט דעם קול פון טשערעדעס פיה.
מען הערט נישט דעם געזאנג פון פייגעל גאנץ פריה.

אלע פארזאַמעלט מען זעהט קיינעם נישט דא.
פייגעל און בהמות אוועק, קיינער נישט דא. 120
ווייבער, קלאגנערנס אהער אלע געשווינד,
אלע קומט אהער, נאך גיכער פון דעם ווינד.
העלפט מיר ווייבער יאָמערן, העלפט מיר קלאגען,
העלפט מיר, העלפט, דיא צרות ארויסצוזאגען,
לערענט אייערע טעכטער א ביטער לידעל,
לערענט זיי קלאגען אויף אויף אונזער רב אידעל,
דער טויט אין זיין הויז איז אריינגעקראכען,
נע׳הרג׳עט, געברענט, געשטאכען, געבראכען. 121
קוקט אן ווייבעליך דעם חורבן, קוקט וויא וויסט,
אלסדינג איז געווארען אש א הויפען מיסט״.
אזוי האט ער אויסגגאסען זיין געפיהל,
אזוי נעבעך געיאָמערט, געוויינט זעהר פיעל.
ער האט אויף דעם חורבן גענעבען א בליק,
און איז נעגאנגען אהין ווידער צוריק.
צווישען האלאוועשקעס אויף א הארטען שטיין,
דארטען איז ער געזעסען איינער אליין.
דער רויך איז איהם ליעב געווען וויא גוטע ריחות,
געזעסען, געוויינט שטיל און געזאגט איכות.
זיי צו בעשרייבען קען זיין א ים ביכלעך,
זיי צו הערען נאס ווערען טויזענד טיכלעך.
זאָגענדיג זיינע איכות דארט אויף דעם שטיין,
הערט ער פלוצלים א חליפען, א שטיל געוויין.
ווער איז דארט ? פרעגט ער, א טערק צו א טאָטער ?
ניין, ענטפערט א קול, איך בין יודעל׳ס פאָטער.
זיך איינהאלטען האט דער טאטע נים געקענט, 122
געקומען זעהן וויא מען האט זיין הויז פארברענט,
וויא מען האט זיך אָפגערעכענט מיט זיין קינד,
און פון איהם א תל געמאכט גיך און געשווינד.
פאר גרויס רחמנות האט ער נים געשוויגען,
געוויינט קוקענדיג און האט ווען געשריגען.

120) ירמיה ט׳ ט׳. 121) שם שם ט״ז כ״א. 122) פתיחתא איכה רבתי.

„דערבאַרם זיך טאַטע, לייז דיין קינד אויס פון פיינד!"
האָט איהם רחמים געבעטען דער אלטער פריינד.
זאָג אדרבא טאַטע, זאָג, איז פאַר דיר שעהן,
יודעל זאָל וויא א גנב מיט'ן עטאַפּ געהן?
אויף קברים וועל איך געהן, מיך דאָרט אויסשטרעקען,
דיא זכות אבות אלע וועל איך אויפוועקען,
לאָזען זיי זיך מיהען, לאָזען זיי שרייען,
לאָזען זיי בעטען דעם פאָטער, דעם געטרייען,
ער זאָל געבען מיט באַרעמהערציגקייט א בליק,
דאָס קינד ארויסצונעמען פון דעם אומגליק".
און וויא ער טענה'ט, איז פון דער משפחה
געקומען איין אלטע, דיא באָבע ראָחע,
געוויינט אויף א קול מיט ביטערע טרעהרען 123
אז מען האָט איהם אין הימעל געקענט הערען.
ראָחע וויינט שרעקליך אויף איהר אייניקעל דאָ,
וויל זיך נישט טרייסטען, פאַר וואָס ער איז ניטאָ.
שאַ, וויין נישט חלעבען, שאַ מאַך נים אזא קלאָג, 124
האָט צו איהר יודעל'ס פאָטער געטאָהן א זאָג.
דיין מיה איז חלעבען ניט אומזיסט, אויף מיין וואָרט.
ער וועט צוריק קומען פון דעם פרעמדען אָרט.
עס איז צו האָפען, זאָג איך, שוויג נאָר און קיק,
שאַ, דאָס קינד וועט נאָך קומען א היים צוריק.

## טז.

אין א פרעמדער געגענד, פון אונז שרעקליך ווייט,
וואו דאָרט זיצט א שרעקליך פאָלק, ביטערע לייט,
זיינען לעבען א טייך געזעסען א סך
אַרעסטאַנטען און פון סאָלדאַטען א וואַך.
דאָס איז פון א גאַנץ ווייטען וועג איין עטאַפּ,
וואָס האָט זיך געזעצט אויסצורוהען א קאַפּ.
אין דעם עטאַפּ געקאָוועט דיא פיס מיט הענט,

---

123) ירמיה ל"א ט"ו. 124) שם שם ט"ז וי"ז.

שוואַרץ וויא דיא ערד, פון דער זון שרעקליך פאַרבּרענט.
איז אין צעהנטען איינגעהייקערט אויף א שטיין,
געזעסען טרויעריג אונזער יודעל אליין.
אך, עס איז גאר ניט דער יודעל וואס א מאָל,
צרות האבּען איהם פאַרענדערט אָהן א צאָהל.
ער איז עלטער אפשר מעהר מיט פופציג יאהר,
אין מויל פעהלען איהם ציין, אין קאָפּ פעהלען האָר,
פון דאַר ברויט מיט זאמד דיא ציין אויסגעבּראָכען 125
פון אש אויף דעם קאָפּ דיא האָר אויסגעקראָכען.
יונגערהייט איז ער געבּעך וויא א טויב גרויא,
דיא באַקען מאָגער, אונטער דיא אויגען בּלויא,
שוואַרצער נאך פון סאַזשע זעהט אויס זיין געשטאַלט, 126
נישט צו דערקענען איהם אזוי איז ער אַלט,
נישטאָ אויף איהם קיין לויט פלייש, נאר הויט און ביין,
דיא הויט זיינע וויא האָלץ טרוקען, האַרט וויא שטיין,
זיינע פיס געשוואָלען, וויא בּעריקעם רויט,
צו טראגען קיימען איז איהם שווער וויא דער טויט.
אָט אזוי זעהט איצט יודעל אויס אין זיין לייד,
אין באָרפיס און נאַקעט כמעט אָהן א קלייד.
ביים טייך דאַרט זיצט ער און וויינט זעהר פאַרביטערט, 127
דערמאָהנט זיך אָן דער היים וויינט ער און ציטערט,
אויף דיא ווערבּעס דאַרט הייננט ער אויף זיין פידעל,
ער וויל מעהר ניט שפּילען, ויננען א לידעל.
ווייל שפּילען האט געבּעטען דיא קאָמאַנדע,
זינג א פרעהליכס, האט געשריגען דיא באַנדע.
ויינען אויף שפּאַס איהם געפאלען צו דיא פיס,
זינג אונז יודעל, מיר בּעטען, זינג „מה יפית“.
„וויא קען איך אין דער פרעמד זינגען א לידעל?“
ענטפערט מיט א ביטער האַרץ אונזער אידעל.
ועל איך דיר פאַרגעסען, דיך מיין היים, מיין לאַנד,
לאָז מיר דענסמאל אפּנעהמען מיין רעכטע האַנד.
לאָז מיר דיא צונג זיך צוקלעפּען צום גומען,

125) איכה ג׳ ט״ז. 126) שם ד׳ ח׳. 127) תהלים קל״ז א׳ ב׳.

לאָז מיר דאס מויל אויף אייביג טאָקי שטומען,
אויב איך וועל ניט דערמאָהנען מיין היים, מיין לאנד,
אויב איך וועל נים געדיינקען ביידע ביינאנד.
מיינע שכנים, גאָט, זאָל ניט אָפּלויפען אומזיסט
יענער טאג, וואס מיין שטוב איז געוואָרען וויסט
זיי האבען געזאגט: מאכט א תל, מאכט א תל,
צונעהמט דאס הויז פון דעם סופיט ביז דער שוועל.
דיר, פאַריץ זאָל עס זיין אפּגעגעבען ברויט.
וואויל דעם, וועלכער וועט דיר אויף מאכען דעם טוי...
וואויל דעם, וועלכער וועט דיר אויף ברעכען א ביין,
און דיינע קינדער צוקלאַפּען אויף א שטיין".
אזוי האט יודעל דער קאָמאַנדע געזאגט,
זיך אויסגעריקט אין א זייט און געקלאָגט...
דער פּייקלער האט צום צייכען געטאָהן א קלאַפּ.
צום נעהן האט זיך אויפגעשטעלט דער עטאַפּ.
מאַרש, האט דער עלסטער אויף א קול געמוּשטירט,
און דיא ארעסטאַנטען האבען זיך געריהרט.
פויקען האבען געפּויקט פון אלע זייטען,
קייטען קלינגען זיך געהערט פון דער ווייטען,
יודעל נעבעך געהט, נישט צו ריידען א וואָרט,
זיין פידעל איבערגעלאָזט אויף ווערבעס דאָרט.

# יודעל

## א ספור המעשה אין שירים על משקל י"א תנועות.

אַך יודעל מיין קראַנקער, מיין קראַנקער יודעל
דיין לעבען איז זעהר, זעהר אַ טרויריג לידעל,

---

### צווייטער טהייל.

# א.

זעהר אמת איז דעם עולם׳ס ווערטעל טאקע,
אז גאט שיקט צו דיא רפואה פאר דער מכה.
גאט ווייסט, וואס פון יודלען נעבעך וואלט געוועזן,
ווען דיא דאזיגע מעשה זאל נים געשעהן.
או יודעל האט נאך דיא דריי יאהר אם ענדע,
מעהר נים געוואלט צאהלען פאר דער ארענדע, [1]
איז פון פריץ א זאקוציע געקומען,
ביי איהם אהן טענות משכנות גענומען,
און זיי אוועקגעטראגען צו איהם אין סקארב. [2]
האט חוץ דעם יודלען נאך געטראפען אין קארב, —
אויף זיינע הויזלייט א קרימינאל געמאכט,
אויף זיי א גוזמא בלבולים אויסגעטראכט:
באשר זיי האבען געבראכען דעם קאנטראקט,
קורץ, עס איז באלד פערטיג געווארען איין אקט,
און אויף זיי אנגעקומען דיא רעשעניע:
אזוי וויא דיא און דיא אין זיין אימעניע,
האבען איהם גורם היזק געוועזן זעהר פיעל,
און האבען יד אחת געמאכט אין דער שטיל
מיט דעם גראף, וואס מיט דעם הינקענדיג פיסעל. [3]
בכן קומט זיי צו פארשיקען אין זיין שליסעל,
פארווארפען פון דאנען אין א ווייטען ארט,
אזש וואו דער שווארצער פעפער וואקסט ערגעץ דארט.

---

1) מלכים ב׳ כ״ד א׳. 2) דניאל א׳ א׳ ב׳. 3) יחזקאל [illegible]

דיא מענשען זיינען געווען פון דיא גרעסטע,
אין יודעל׳ס משפחה נאר דיא פאָרנעהמסטע. 4
שלעכט איז אמת טאקי געוועזען דער שר,
אבער דאך חלילה ניט קיין גראָבער נאר.
ער האט נישקשה פארשטאנען געוואוסט גוט,
אז דיא מענשען האבען איך זיך יודעל׳ס בלוט.
פיינט האט ער אמת טאקי יודלען געהאט,
פאר וואס ער איז איין עקשן, א גרויסער חוואט.
נעהמט ער זיך אריין אין קאָפּ עפּעס זאכען,
וועסט־דוא באין אופן מיט איהם גאר נישט מאכען.
דאך האט ער יודעל׳ס דרעה קעפּעל, זיין פארשטאנד,
נישט געקענט אוועקמאכען גלאט מיט דער האנד.
יודעל איז א חכם, איינער אין דער וועלט,
זיין חכמה קען דעם סקאַרב איינברענגען פיעל געלט.
וויא באלד יודעל ניצט, וויא באלד ער איז געשייט,
מוז מען דיא פיינדשאפט פארביינגען אן א זייט.
אין הארצען מעג מען זיך טראכטען וואס טען וויל,
דאס מויל אבער בעדארף שווייגען, מוז זיין שטיל.
מען דארף יודעל׳ס לייט פריווען אויפנעהמען פרייא,
טאָהן מיטעל זיי זאלען דעם קאנט זיין געטריי.
דער פריץ האט געפונען א גוט מיטעל,
האט געגעבען א בעפעהל זיין פראָוויטעל: 5
מען זאל געשווינד נישט מעהר א קאָפּ זיך דולען,
נעהמען יודעל׳ס לייט אין שקאָלעס אין שולען.
און דיא דאזיגע לייט אויסצולערנען דארט,
ביכלעך לייענען, און אויך א גויעש ווארט.
דורך דעם וועט דער קאנט זיי בעסער געפעהלען,
און א טהייל וועלען אין הויף האבען שטעלען.
דיא שולען זאלען ווערען פון סקאַרב געמאכט,
חלילה נישט פון פלייש, אדער פון ליכט פאסט.
אדרבא מען זאל אן דעם נישט פארגעסען,

---

4) יחזקאל י״ז י״ג. סדר עולם פכ״ח. 5) דניאל א׳ ב׳ ד׳.

דיא ליים פיעל פליש תמיד צו געבען עסען. 6
א מענש טויג נאר ווען ער עסט און איז געזונט.
הונגעריג אבער איז ער ניט ווערטה א הונט.
פיער פון אלע סטודענטען אין דער שקאָלע,
זיינען ווייט געגאנגען אין דער השכלה.
בשעת עסזאמען געבען פאר דיא לעהרער,
האבען פון זיי דיא פיער לייט געקענט מעהרער. 7
איינער פון דיא פיער סטודענטען דער בעסטער,
איז צום סוף געווארען אין הויף דער גרעסטער. 8
דיא איבריגע געוועזען אויך זעהר געאכט,
און מען האט זיי פאר טשינאָווניקעס געמאכט. 9
דיא דאָזיגע געבילדעטע פראנצויזען,
אנגעטאהן רויטע מונדירען און הויזען. 10
האבען געמאכט אין דער וועלט א גערידער,
געמאכט כבוד נאט אי זייערע ברידער.
זייערס א וואָרט, וואס איז ארויס פון דעם מויל,
פלעגט דעם שונא אין הארץ טרעפען וויא א קויל.
נאר נישט געלאָזט זיך אין דער קאשע שפייען,
שונאים פלעגען פראָסט פון זיי דיא ערד קייען.

## ב.

אָט צו דיא פראנצויזלעך אין יענע יאָהרען,
איז יודעל׳ס ווייב אויף סטאנציע גלייך פארפאָהרען.
מיר מוזען אין אונזער דערצעהלונג צווישען,
איבער איהר א פּאָר ווערטער אריינמישען.
זינט זיא האט אויפגעהערט שפּילען א ראָליע
און בעקומען א שפּאזמע, א מעלאנכאָליע,
איז זיא שלאָף אָהן כוחות געלעגען צו בעט,
אָהן א סימן לעבען וויא אין היהנערפלעט.
איז געווארען געבעך אפגעלאזט און פויל,
צום ריידען זעלטען נאר געעפענט דאס מויל.

6) שם שם ב׳. 7) שם שם י״ט כ׳. 8) שם ב׳ מ״ח. 9) שם שם מ״ט.
10) שם ה׳ כ״ט.

דאקטוירים האבען זיא מיאוס געוועזען,
נישט געגלויבט זיא זאל נאך ווערען גענעזען.
אויף אלע איהרע פריינד געציטערט דאס לייב,
אט, אט עקט זיך דאס לעבען פון יודעל'ס ווייב.
שכנים האבען יודלען שוין געשיקט שלוחים,
מיט זייערע טעכטער גערעדט שידוכים.
איהר לעבען איז נאר אויף א האאר געהאנגען,
נישט געוואוסט וואס אין הויז איז פארגעגאנגען,
נישט געוואוסט מעהר וויא יודעל'ס געשעפטען געהן.
וויא דיא עסקים אין דעם מאיאנטעק שטעהן.
נישט געוואוסט וויא ער איז ביז דעם האלז פארשטעקט,
אין פראצעסען, וואס האבען זיך אויפגעוועקט.
יודעל פלעגט שטענדיג פון איהר זיך בעהאלטען,
מיט איהר קיין עצות נישט מעהר זיך געהאלטען.
נישט געוואוסט פון דעם אומגליק, פון דער צרה,
בשעת פון איהם האט תל געמאכט דער שררה.
נאר בשעת יודעל האטביים געזעגנען־זיך
געטאהן א קיש דאס קראנק ווייב און אוועק גיך,
דענסמאל האט זיא וויא פון שלאף זיך אויפגעחאפט,
געקוקט פארוואונדערט געטראכט, און זיך געטאפט.
עס איז איהר פארגעקומען אלסדינג זעהר ווילד,
עפעס שטעהט פאר איהר א שרעקליך פינסטער בילד.
אלסדינג חרוב, אלסדינג פארברענט, אלסדינג וויסט,
אויף דעם ארט פונ'ם הויז א הויפען אש און מיסט.
אומעטום טויט, נישטא קיין לעבעדיגע נשמה,
אומעטום וויסט, וויא פון א גרויסער מלחמה.
זיא ליגט פארלאזט, זיא ליגט גאנץ איינע אליין,
לעבען איהר דאס טעכטעריל, נאר הויט און ביין.
ביי דעם קאפ האט זיא זיך געגעבען א חאפ,
און מיט איהרע הענד געטאהן א שטארקען קלאפ,
געשריגען, געוויינט מיט א ביטער געמיט:
אך, יודעל, פאר וואס האסט־דוא זיך ניט געהיט!
פאר וואס האסט־דוא ניט געפאלגט מיינע ווערטער,
און זיך ארומגעשלעפט אין שלעכטע ערטער.

אך, ווען דוא זאלסט געוועז הערען מיינע רייד,
וואלט דאך אונז נישט געטראפען אזעלכע לייד.
נישט אזוי דיא הויז, דיא זאכען ארען מיך,
וויא דוא מיין יודעל, אויף דיר, אויף דיר וויין איך.
אויף דיר מיין יודעל, אויף דיר קלאָג איך און וויין.
וואו איז ערגעץ הין געקומען דיין געביין?
זיא יאָמערט, זיא ציטערט וויא אין א פיבער,
זיא שרייט: יודעל מיין הארץ, יודעל מיין ליבער.
עס האבען איהר נישט געטריקענט דיא אויגען,
דאס הארץ האט איהר שטארק צו יודלען געצויגען.
יודעל׳ס לעצטער קיש האט איהר לעבען געבראכט.
ער האט מיך ווידער ליעב, ביי זיך אלץ געטראכט.
איין קיש וועקט אָפט אויף טויזענדער געפיהלען,
וואס וויא פייער אונמעגליך זיי צו שטילען.
א קיש גיט אָפט זעהר פיעל אָנצוהערעניש
און מאכט אין הארץ איין איבערקעהרעניש.
פון א קיש פארלירט מען גרינג דאס גלייכגעוויכט,
אָפט שטארבט מען פון איהם, טען געהט אוים וויא א ליכט
איהר יודלען נישט צו פארלאָזען אין זיין נויט,
איהם אויפצוזוכען לעבעדיג אדער טויט.
ער מעג זיך זיין אפילו אין עק וועלט ווייט,
האט זיא געשוואָרען אי פאר גאט אי פאר לייט.
איז אראָפּ פון בעט, ארויס פון איהר חדר,
מיט איהר טעכטעריל פון אָרט צו אָרט כסדר,
קראנקערהייט גענאנגען, גערוהט א ביסעל,
ביז זיא איז געקומען צום פריץ׳ס שליסעל,
און דארט ביי דיא פראנצויזלעך איינגעשטאנען,
וואס האבען איהר ווערטה צו שעצען פערשטאנען.
זיא איז זיי חלילה נישט געווען קיין לאסט,
פארקעהרט, האבען זיך געפרעהט מיט אזא גאסט.
זיא איז ביי זיי געוועזען שרעקליך טהייער.
פאר איהר זיינען זיי געשפרונגען אין פייער. 11

---

11) דניאל ב׳ כ״ג.

בכדי איהר׳ס א קליינינקייט אויפצוהייבען,
זיינען זיי געגאנגען אי צווישען לייבען. 12
זיי האבען פאר איהר בעשטענדיג זיך געניינט,
און איהרע ווערטער אויף טעלערלעך צוליינט.
קורץ זיא האט מיט איהר טעכטעריל דער קליינער
ביי דיא לייט אויסגעגלייכט דיא קראנקע ביינער.
זיי האבען איהר אויף נאמנות געשווארען,
פון יודעל׳ס וועגען קיין מיה נישט צו שפארען.
פאר איהם אין דעם הויף איינצולייגען דיא וועלט.
עס מעג זיי קאָסטען געגוג מיה, צייט און געלט.
וועלען איהם נישט לאָזען אין תפיסה זיצען,
עס מעג אפילו דונערען און בליצען.

ג.

דאס הויז פון דיא פראנצויזלעך איז אין דער צייט
געווען א קלוב פאר א פעקיל חברה לייט.
וואס אויף זיי אלע אויך ארוים א צאָרען,
און אין דעם קאנט נעבעך מגולגל געווארען.
יודעל׳ס לאנגע האט זיי וויא פייער געברענט,
אלע האבען זיין טאטען זעהר גוט געקענט.
איינער, אלסדינג פארצייכענט אין זיין טייסטער,
פלענט תמיד דערצעהלען וויא א שטאלמייסטער.
פון דעם אלטענ׳ס זעהר טהייערען רייטוואָגען 13
און פון זיינע פערד וויא זיי לויפען, טראָגען.
טאקי נאר לייבען, אָדלער, ווילדע חיות.
שפרינגען אין דער לופטען, מאכען הויות.
בשעת דיא פאָדראַדען אין יענע יאָהרען,
פלענט ער צום זוהן אזוי קומען צופאָהרען.
יעדער האט דעם בן־אדם נאר אויף דעם בליק
דערקענט פאר א חידוש, פאר א מין אנטיק.
ער איז געווען אויך א משל זאָגער, 14

12) שם ו׳ י״ג. 13) יחזקאל א׳. 14) שם כ״א ה׳.

א פייערדיינער קאָפּ און אויך א קלאָגער.
פלעגט תמיד טרייסטען יודלען אין זיין צרה,
ער וועט נאָך לעבען א מאָל וויא א שררה.
וועט אין זיין מאַיאָנטעק זיך צוריק קעהרען,
וועט גוט לעבען, זיך פרוכפּערען און מעהרען. 16
וועט זיך אָפּבויען און זייען דיא פעלדער,
וועט זיצען זיכער, שלאָפען אין דיא וועלדער. 17
עס וועט נאָך זיך פאַרזאַמלען דיא משפחה,
אין זיין הויז וועט נאָך זיין מזל און ברכה,
דרינען געוועזן אזוי זיכער, אזוי פעסט,
אז ער פלעגט אויסמאָהלען פאר דיא אלע געסט
דעם גאַנצען פּלאַן פון יודעל׳ס הויז און געבייא, 18
וואס ער וועט נאָך אויסמויערען אויף דאס נייא.
אין דעם קלוב פלעגט מען פון פּאָליטיק שמיעסין.
א סך פּריצים צופלאָכטען און צו שמיסין.
דער גרעסטער פון דיא דאָייגע חברה לייט,
האט פון דער פּאָליטיקע וואס אין זיין צייט,
אָנצוהערעניש געגעבען זעהר פאַרשטעלט, 19
וואס שפּעטער וועט ארויסשפּרינגען אויף דער וועלט. 20
נאָך זיין קוק אין פּאָליטיקע, נאָך זיין גאַנג,
האט זיך זיין פּריץ נישט בעדאַרפט האַלטען לאַנג.
ער האט פּשוט מיט איהם אין גאַנצען געעקט,
פון דערוואייטענס גרויסע מלחמות געשמעקט.
עס איז עד היום דער וועלט א גרויס וואונדער,
וויא ער זאָגט יעדע מלחמה בעזונדער.
דער קאָפּ זיינער איז איהם גאַנץ וויים געפלויגען,
מדינות איהם געשטאַנען פאר זיינע אויגען.
כדי צו האַלטען זיינע זעהר פרייע רייד,
איז דער משל תמיד געוועזן זייער קלייד.
פּריצים, סטאַרעסטעס, דאס פּעקיל הילטייעס,
הייסען אלע אין זיינע רייד נאר חיות. 21

---

16) יחזקאל ל״ו ט׳ י״ב. 17) שם ל״ד כ״ח. 18) שם מ׳. 19) דניאל ד׳ א׳. 20) שם ד׳ שם ח׳. 21) שם ד׳ ב׳.

ער רעדט איבער לייבען לעמפערטען, בערען, 22
וויא זיי רייסען, פרעסען איטליכען גערען.
ער רעדט איבער א באראן, איבער א צאפ.
וויא איינער דעם אנדערען שטויסט, גיט א קלאפ. 23
לעמפערטען, בערען, באראנעס און צאפעס,
יעדער וויל חאפען עפעס אין דיא לאפעס.
יעדער דרעהט אהין און אהער דאס שווענציל,
וויל אביסעל שטיפען און געהן א טענצעל.
גימפעל, זרח, אדער שמינדריג בן גען,
געהט ביי איהם אנגעטאהן הערנער וויא א לץ. 24
מען דערצעהלט, אז דער דאזיגער דיפלאמאט,
האט א מאל זיין פריץ זעהר פיין דעליקאט,
אין דער וועלט קלאמערשטען איין עצה געזאגט
בשעת ער האט עפעס פאר איהם זיך געקלאגט.
כדי אויף איהם זאל ניט אויסגיסען זיך דיא באד,
זאל ער מיט ארימע לייט טאהן חסד און גענאד. 25
פון אלע ארימע לייט האט ער גאנץ זיכער
א ודאי יודלען נעבעך געמיינט ניכער.
פאר יודלען איז געווען דיא חבריא גרייט,
זיך צולייגען אין דער לענג און אין דער בריים.
צוליעב זייער בילדונג און גרויסע תקיפות,
האט יודעל נישט געליטען שטארקע רדיפות.
מען האט געמוזט איהם פאר א מענש בעטראכטען
און פאר דער וועלט וויינינגסטענס ניט פאראכטען.
פון דער ראליע, וואס דיא לייט האבען געשפילט,
האט יודעל שטארקער אביסעל זיך געפיהלט. 26
חאטש ער האט מיט'ן וייב זיך איבערגעבעטען,
זיא ליעב געהאט, און נישט געוואלט זיא געטען.
דאך מחמת קאפדרעהעניש, טרדות אהן א צאהל,
האט ער נישט געקענט זעהן זיא אפט וויא א מאל.
נצשעפטען האבען איהם דעם קאפ פארשלאגען,

---

22) שם שם ד׳ ה׳ ו׳. 23) שם ה׳ ד׳ ח׳ 24) שם שם ג׳. 25) שם ד׳ כ״ד. 26) דברי הימים לבית ישראל, פין, צד 4.

תמיד געווען אין דייזע באַרשטש פאַרטראַגען.
דאָ האָב שטענדיג צו טאהן מיט דעם פראַוויטעל,
דאָ גנה האַלטען פאַר דעם פריץ דאס היטעל.
האט געטווזט זיך אויסלערנען גויעש ריידען
און מיט זיין אייגענעם לשון זיך שיידען. 27
און ווייל ער האט גויעש ניט אין דיא שקאָלעס,
נאר עס זיך אויסגעלערנט פון חאַחאָלעס,
האט ער גערעדט פול מיט פעהלער איטליכס ווארט, 28
וויא פויערען ריידען אין איטליכען אָרט.
אָט פון דענסמאַל אָן, וועדליג וויא אונז געפעלט,
ווערט יודעלים לשון א זשארגאן אין דער וועלט.

## ד.

אלע זאכען אין דער וועלט האָבען איין עק.
אי גוטץ אי שלעכטץ פליהען מיט דער צייט אוועק.
איידער דער זינדיגער מענש טהוט נאר א בליק.
פליהט געשווינד וויא רויך אוועק זיין מזל, זיין גליק.
עס דרעהט זיך עפּעס אין דער וועלט א מין ראָד,
וואס קעהרט איבער א מענשען אי א נאראָד.
הויכע און רייכע פאַלען פלוצלים אראָפּ,
נידריגע און אָרימע הייבען אויף א קאָפּ.
פון אונזער פריץ זעהר גליקליך און זעהר רייך,
האט מיט דער צייט אויך זיך אויסגעלאזט א טייך.
עס איז אויפגעשטאנען א גרויסער דוקעס.
איהם איז ניט געפעלען דעם פריץ׳ס שטוקעס,
וויא ער האט פערעבענדעוועט עד־עתה,
און מיט איהם זיך אָפּגערעכענט וויא א טאַטע.
ער האט איהם ווער עלטער איז געוויזען,
איהם און זיינע קאָזאקען דיא ריזען,
איהם געקאַטעוועט, געשמיסען מיט א רוט
און צוגענומען זיין מאַיאָנטעק, זיין גוט.

---

27) ברכות ו"ע כ"ד. 28) שם שם. שם עיין ברש"י.

אונזער פאָליטיקער האט געמיינט מיט'ן בער
אָט דעם דוקעס, וואס איז געקומען אהער. 29
זעהר אָרענטליך איז נעוועזן דער דוקעס.
האט פיינט געהאט אנשטעלען הוקעס־פוקעס.
איהם האט איינער פון אונזערע חברה לייט
גערופען דער משיח פון יענער צייט. 30
פייניגען, שלעכטס טאהן איז איהם געווען נמאס,
פון אונזער חבריא געמאכט א צימעס.
האט דעם גרעסטען פון זיי געמאכט גרעסער נאך.
ער איז געוועזען ביי איהם אין הויף כל־ולך. 31
יודעל האט צו איהם דערלאנגט א פראָשעניע,
מכח זיין עסק פון דער אימעניע.
חברה האט אביסעל אונטערגעוואָרעמט,
און דער דוקעס האט אויף איהם זיך דערבאָרעמט.
א טהייל זאגען, דאס האט חברה אנגעמאכט,
נאר זיי האבען יודלען דיא ישועה געבראכט,
דורך זייערע רייד, וואס צום שר אנגעקומען,
האט יודעלס עסק א גוטען סוף גענומען. 33
נאר וויא דיא מעשה איז שוין געוועזען דארט,
דער דוקעס האט בעפוילען אָט מיט דעם וואָרט:
„איך דער בעריהמטער דוקעס מיט גאָטס גנאָד,
וואס האב אונטער מיר א גאנץ גרויסען נאראָד,
וויל, וואס גאט געבאָט מיר פאָלגען גאנץ געטריי,
וויל ארויסלאָזען יודלען פון דאנען פרייא.
לאָז יודעל אין זיין מאיאָנטעק צוריק געהן,
און דאָרטען וויא פריהער זיך אפבויען שעהן.
אין דעם אָרט, וואס ער זיצט היינט, זאלען דיא לייט
איהם אונטערהאלטען מיט געלט פון זייער זייט". 34
יודעל האט אלסדינג פארנומען גאנץ געשווינד,
זיינע קלומקעס און פעקלעך, זיין ווייב און קינד.

---

29) דניאל ז׳ י״ח. פירוש רסה״ג שם. קדושין ע״ב א׳. 30) ישעיה מ״ח א׳. 31) דניאל ו׳ כ״ט. 33) שם בשם יוסיפון לרומיים. 34) עזרא א׳ א׳ ה׳.

ער האט זיך געמאכט אין גאנצען פארטיג, גרייט!
באלד אוועקצוגעהן א היים געזונטערהייט
יעדער האט מיט איהם זיך געזעגענט גאר פיין,
און איהם נאך נעגעבען אין בייטעל אריין. 35
דיא געראבטע כלים בשעת זיין אומגליק,
האט דער סקארב ארויסגעגעבען איהם צוריק. 36
נעהם דיא פיס אויף דיא פלייצעס יודעל און געה,
איצט פאהר געזונט א היים זייא גליקליך, אדיע.

## ה.

צו דערצעהלען אייך דא דיא גרויסע וואונדער,
יודעל׳ס מיה ביי איטליכער זאך בעזונדער,
וויא פיעל עס האט זיך געצוינגען, געדויערט,
ביז ער האט איבער א נייעס זיך אויסגעמויערט.
דאס אלסדינג אויסצורעכענען ביז אויף א האר,
בעדארף דיא דערצעהלונג זיך ציהען א יאהר.
א טהייל האבען פיינט א זאך ביים צובריימען,
זיי האבען ליעב קומען תמיד צום גרייטען.
ליעב איין אפגעשעהלט אייעלע אין דעם מויל,
אפצושהלען עס אליין זיינען זיי פויל.
וואס־זשע טויג יודעל׳ס מיה ביים בויען צו זעהן?
גלייכער צו איהם אין זיין פארטיג הויז צו געהן.
פון דעם הויז צום ערשטען איז גאר קיין פארגלייך,
אונזער יודעל איז וויא פריהער נישט מעהר רייך.
פון דעם חנוכת־הבית, אין דעם טאג,
דערצעהלט מען איז געווען א יאמער א קלאג.
מען האט זיך דערמאהנט אן יענער גוטער צייט,
און דאס געוויין האט זיך געהערט שרעקליך ווייט. 37
יודעל איז נישט מעהר וויא פריהער אליין א שר,
דער הקעס איז געווען זיין אויבערהאר. 38

---

35) שם שם ו׳. 36) שם שם ד׳ י״א. 37) עזרא ג׳ י״ב י״ג. 38) שם ד׳ [illegible]. נחמיה ט׳ ל״ו ל״ז.

ער זיצט מאקי אין זיין מאַיאָנטעק, גאנץ רעכט,
דאך איז איהם נעבעך פּאָרט געגאנגען זעהר שלעכט. 39
ער האט געהאט דענסמאל זעהר פּיעל צו זאָרגען,
געמוזט ברעכען דעם קאָפּ, לייהען און באָרגען. 40
מיט׳ן ווייב זיך צו אונטערהאלטען נעהמען צייט,
דעם פּארגניגען קענען נישט אָרימע לייט.
איין זאך וואס דער אָרימאַן טראכט אלץ, איז ברויט,
טראכט נעבעך וויא מען ווערט ניצול פון דעם טויט
קיין טאנץ, זאגט דער עולם, געהט ניט פאר׳ן עסעי׳
הונגעריג קען מען דאס טהייערסטע פארגעסען.
דעריבער זאל אייך גאר ניט זיין קיין וואונדער,
וואס יודעל האלט זיך פונ׳ם ווייב אלץ בעזונדער.
יודעל וואלט געקענט בלייבען אָרעם אהן א העמד,
צום ווייב ווידער טאקי וויא א מאָל ווילד פרעמד.
ווען עס זאל צו איהם אין יענער שווערער צייט,
נישט קומען א פריינד פון יענער חברה לייט.
ער איז געווען גוט און פרום אָהן א פעהלער,
קלוג, געבילדעט און א גרויסער שריפטשטעלער. 41
געבילדעט, אין וועלט זאכען גענויט צוגלייך.
ניט גלאט א באנק קוועטשער, איך פארזיכער אייך
חכמה און וועלט וויא ביי דעם פריינד אין איינעם
איז נישט געווען דענסמאָל אזוי ביי קיינעם.
דער אלטער רבי מיט דיא ביינער גאר,
עס זאל דאס פעהלען אפילו א האָר. 42
בכדי יודעל׳ס לאגע בעסער צו מאכען,
האט ער מתקן געווען א סך זאכען.
עס האט ביי איהם געשפּיעלט דיא ערשטע ראָליע
צו פארבעסערען זיין ווייב׳ס שלעכטע דאָליע.
בכדי יודלען זאל געהן גוט אין דער וועלט,
מוז דיא פיהרונג אין הויז זיין איבערגעשטעלט.
זיין ווייב מוז האבען דיא גאנצע דעה דארט,

---

(39 נחמיה א׳ ג׳. שם ט׳ ל״ז. (40 שם ח׳ א׳ ר׳. (41 עזרא ד׳ ה׳.
(42 סנהדרין כ״א ב׳.

ער מח מיט איהר פאָרט ריידען, פאָלגען איהר וואָרט.
אזוי וויא דענסמאל אבער אין א ריידע
זיך אויסשמיעסין האבען נישט געקענט ביידע.
יודלען האבען געשעפטען, אינטערעסען,
געצוואונגען זיין לשון גאר צו פארגעסען,
און גויעש ריידען, לאָז ער אונז מוחל זיין,
האט ער גערעדט עפּעס ניט ריכטיג, ניט פיין,
דעריבער האט ער געפונען פאר נעטהיג,
אויסצוהיילען פריהער דעם דאָזיגען וועהטיג.
פון נישט קיין ריינעם לשון, קען נאך זיין בליק
ארויסקומען פיעל צרות און פיעל אומגליק.
ערשטענס, האט יעדער מענש אהן א ריינער צונג
זעהר א שלעכטען געשמאק, וויא א גראָבער יונג.
צווייטענס, וויל ער מיט יענעם זיך אויסריידען,
קומט עפּעס נאר אוים פונקט קאפויר ביי ביידען.
ביי איהם איז דעריבער געווען זעהר וויכטיג,
אי יודעש אי גויעש צו פארשטעהן ריכטיג.
ער האט צו יודלען מיט'ן ווייב זיך צוגעזעצט,
און ביידע לשונות זיי אויסגעלערענט צום לעצט. 43
דערנאך האט ער ווייטער געגעבען א טרייב,
אז דריי מאל דיא וואך זאל יודעל מיט דעם ווייב
זיך צונויפקומען בעשטענדיג אין איין אָרט,
כדי צווישען זיך איבער צו וואַרפען א ווארט. 44
עס איז אויך ביי אונזער יודלען אין דערהיים
איינגעפיהרט א גאנץ גרויסער סיים. 45
אין גאנצען מאיאָנטעק ארום און ארום
האט ער געזעצט שופטים, ריכטער אומעטום. 46
זיי זאלען מיט אלסדינג זיך אינטערעסירען,
זאלען משפט'ן און ארדנונג איינפיהרען.
דארטען וואו מענשען זיינען דא איז אויך שטריים.

---

43) מגילה ג׳ א׳. סנהדרין כ״א ב׳. אמרי בינה ימי עולם פרק נ״ג.
44) בבא קמא פ״ב א׳. 45) כנסת הגדולה. 46) שם שם עיין תוספות ודבין.

נאט, זאגט מען, איז צו הויך, דער פריץ צו ווייט,
ביז וואנען עס שפארט אָן ביז צו דעם שררה,
דערווייל ווערט איינער נעבעך דיא כפרה.
דער שררה אליין קען גאר ניט זיין אין שטאנד,
איטליכען צופרידענשטעלען אין זיין לאנד.
איז נאָר דער אויבערהאר דער גאנצער קאָפּ דארט
טהון מוזען עהרליכע לייט אין יעדען אָרט.
איינער א גרויסער חכם, א געלעהרטער,
האט געזאגט דיא דאזיגע קלוגע ווערטער:
אז וואויל יעדען לאנד, וואס דער קעניג איז פרייא,
און דיא טשינאָווניקעס ארבייטען געטרייא.
אין געשעפטען, משפטים ביז דעם האלז ווייט,
עסען זייא נאר אין דער געהעריגער צייט.
עסען געשמאק מיט א שטארקען אפעטיט,
מיט טרינקען איהם צו מאכען דארפען זיי נים.
וועה יענעם לאנד וואס דער קעניג איז א קנעכט,
און זיינע טשינאָווניקעס ארבייטען שלעכט.
ווילען צו קיין זאך נישט צוליינען קיין מיה
און עסען באלד וויא זיי שטעהן אויף אין דער פריה. 47
יודעל האט דורך עהרליכע לייט נאמנים
בעקומען א פרייען קאָפּ א שעהן פנים.
האט דערווייל געקענט טראכטען פון נאך זאכען,
וויא ארום מען קען דיא קאָפּיקע מאכען,
וויא מען בעקומט דיא אפויטיקע, דיא קאָץ,
צו לעבען בריים, און צו שטעהן שעהן אויף דעם פלאַץ.
ער ווערט א סוחר, געהט ארויס אין דער וועלט,
הייבט אָן צו האנדלען און צו פארדינען געלט. 48

---

47) קהלת י׳ ויז ויז. 48) בבא קמא פ״ב א׳ שיהו רוכלין מחזירין בעיירות
ועיין פון דברי תומים לבני ישראל צד 67.

## ו.

אונזער יודלען ווערט וואס ווייטער אלץ בעסער,
ער ווערט וואס ווייטער אלץ גרעסער און גרעסער.
מיט ליאלקעס, קוקלעס שעהמט ער זיך צו שפּילען.
אוים מאָדע ליבעס, נארעשקיים צו פיהלען, [49]
מעפיסטאָפעל, וואס פריהער איבער איהם רעגירט,
האט איהם מיט דיא זאכען שוין מעהר נישט פארפיהרט.
ער זאל יודלען הונדערט מאל רופען אינגעל,
הערט ער איהם פונקט וויא דאס מילכדיגע קלינגעל.
יודעל שלאגט ארוים נארעשקייט פון דעם קאָפּ,
ווארפט פון זיך דיא קינדערשע שיכלעך אראָפּ.
ער איז שוין אָפּיטנע, אין דער וועלט געגים.
בערעכענט שוין גוט איידער ער גיט א טרים.
ער איז גאנץ איבעאנדערשט געווארען,
איז א פּאָליטיקער, א יונג מיט שפּאָרען.
דער טאטע האט איהם אלע זינד פארגעבען
און האט פון זיך ווידער א קול געגעבען. [50]
ביי איהם אבער נישט געוואוינט וויא פאר צייטענס, [51]
ער האט יודלען ליעב געהאט פון דער ווייטענס.
פלעגט איהם פריינדליך לאָזען גריסען אלע צייט,
דורך קלוגע מענשען פון זיינע חברה לייט. [52]
„זאגט יודלען, לאָז ער נישט האבען פּאראיבעל,
וואס אין זיין דוואָרעץ שטעהט ליידיג מיין שטיבעל.
יודעל בעדארף מעהר נישט האבען א היטער.
ער איז געווארען עלטער און געניטער,
אלסדינג גוט צו בעטראכטען איז ער נישט קליין,
ער האט א קעפּיל, לאָז ער דיינקען אליין.

---

49) משחרב בית המקדש ניטל טעם ביאה. 50) סוטה מ״ח ב׳ נסתלקה רוח הקודש וכו׳ והיו משתמשים בבת קול. 51) יומא כ״א ב׳ דמחוסר וכו׳ שכינה ורוח הקודש. 52) משחרב וכו׳ נתנה נבואה לחכמים.

מיט זיין חכמה לאָז ער בעקומען אלסדינג,
גענוג זיין א יונגערמאַנטשיק, לעבען גרינג.
אלע מענשען ווערען פארנאַרעשט און פיל
פליהען געבראָטענע טויבען זיי אין מויל.
איבריגענס האט ער דאך א גוטען רעבען,
זיין ווייב דיא חכמה, זאל אייביג לעבען!
לאָז ער זיא שעצען, ניט זיין פון איהר בעזונדער,
דארף ער ניט קיין ווינטשפינגעריל און וואונדער. 53
גריסט יודלען, לאָז ער נאָר נישט זיין אָפּהענדיג!"
אזוי פלעגט אנזאגען דער טאַטע שטענדיג.
ביי יודלען איז דאס ווייב געוועזן דיא נשמה,
נעה דוא, זאגט ער, אין ספּאָדיק, מיין חכמה.
לאָז מען זיא בעליידיגען מיט א קרום וואָרט,
איז ער בערייט יענעם צו טויטען אויף דעם אָרט
דיא גאנצע וועלט האט א מאָל זיך געוואונדערט
און זיא חידושט זיך טאקי נאך איצונדערט.
וויא אזוי ער האט פאר איהר מיט גרויס כוח
געפלעט א בעריהמטען פּריץ דעם מוח.
דיא דאָזיגע מעשה איז אזוי געשעהן:
דער פּריץ א גרויסער הבל'ניק געוועזן, 54
זעהר שלעכט, ווילד, דערצו נאָך אביסעל פארריקט. 55
האט אויף יודעל'ס ווייב מיט גרויס הנאָה געקוקט,
זיא געהאלטען עפּעס פאר א פּראָסט ווייבעל,
און געוואָלט איהר אראָפּרייסען דאס הייבעל.
אויך מיר א מענש יודעל'ס ווייב געמאַכט ביי זיך,
מיט אזעלכע ווערט מען פארטיג קורץ און גיך.
דא גיט אונזער יודעל וויא א לייב א שפּרונג,
האלט פּריץ, טהוט ער א געשריי, האלט דיא צונג.
גיט איהם הייסע פּעטש, נעהמט איהם ארויס דיא ציין.
צופיהרט זיך זיינע הענד און ברעכט איהם א ביין.

---

53) פון, דברי הימים לבני ישראל פאראגראף 10 ובסוף פאראגראף 28 ביז 33. 54) אנטיוכוס עפיפאניוס מלך יון. 55) איזראעלט געשיכטע העפט 1, 6.

נאכדעם וויא ער לאָזט דעם פּריץ א ראַציע,
מאכט ער ביי זיך אין הויז א לימינאַציע.
פון דענסמאל אָן אלע יאהר אכט טעג כסדר
ברענט צום צייכען לעכטלעך ביי איהם אין חדר.
איך האב צום ערשטען צו דערצעהלען פארפעהלט,
וויא מיט יודעל׳ס ווייב האט זיך געוויגט דיא וועלט.
א גרויסער שררה, פון זעהר א ווייטען קאַנט, 56
האט גע׳חלש׳ט צו ווערען מיט איהר בעקאנט.
געהערט איהרע מעלות פון אלע זייטען,
האט ער אין איהר זיך פארליבט פון דער ווייטען.
ער האט געמאכט, זאגט מען גרויסע הכנות. 57
געשיקט יודלען זעהר טהייערע מתנות.
דורך זיינע לייט איהם געלאזט בעטען זעהר פיין,
ער זאל איהם כבוד אנטאהן און מוחל זיין
מיט זיין קלוג ווייב קומען צו איהם אביסעל,
צו איהם צו גאסט אין זיין בעריהמטען שליסעל.
דיא פאראדע וואס דער פּריץ האט געמאכט,
אז ער האט יודעל׳ס ווייב צו זיך אפּגעאכט,
וויא אזוי ער האט מיט איהר זיך געפרעהט דארט,
און וויא ער האט פארצוקערט איהר איטליכס ווארט,
און פשוט דיא פינגער געלעקט פון איהר,
איז חלעבען נישט צו בעשרייבען אויף פאפיר.
צוויי און זיבעציג מענשען אויף זייערע ערטער,
זיינען געזעסען, געשריבען איהרע ווערטער, 58
דא צו דערמאָהנען איז דאס אָרט און דיא צייט,
אז פון איהר טעכטעריל איז געווארען לייט.
איז א בוגרות, אין דיא יאהרען געקומען,
אונטערגעוואקסען, אויף זיך לייב גענומען.
איז אפילו נים אזוי שעהן אויף דעם קיק,
דערפאר א מויד, אהן עין־הרע בריים דיק.
יודעל הייבט אן, זיא דיא וועלט פאַרצושטעלען,

56) פּתאלמעאוס (תלמי) פּהילאדעלפוס. 57) הדרת זקנים. 58) מגילה [illegible].

און דער עולם פלעגט פון איהר נאר אנקווועלען.
אין איהר זאל האט זיך נישט צוגעמאכט דיא טהיר,
אזוי פיעל מענשען פלעגען קומען צו איהר.
ארום איהר האבען זיך געדרעהט אלט אי יונג,
און זיא האט גע׳דרש׳ט, גערעדט מיט א צונג,
און וואס אלץ ווייטער און ווייטער אלע מאל,
איז איהר צוגעקומען דרשות אהן א צאהל,
אי גאנץ אלטע דרשות, אי שפאגעל נייע,
א מאל אויך מעשיות, ווערטלעך גאנץ פרייע.
פון דער מוטער פלעגט זיא ריידען מיט פייער,
איהרע ווערטער זיינען איהר געווען טהייער,
אין איהרע רייד ארייגעלייגט פיעל פשט׳ליך,
פון איין ווארט אנגעשריבען הונדערט בלעטליך.
פלעגט אויסדרינגען, ווייזען איהרע חברה לייט,
וואס דער מאמעס א מינסט ווערטעל נאר בעטייט.
וואס זיא לאזט מיך הערען מיט איהר׳ס א פינטעל.
אין איטליכעס ליגט כוונות א גאנץ בינטעל.
זיא האט געגעבען כללים כדי צו פארשטעהן, 59
וויא ווייט און וואהין איהר מאמעס ווערטער געהן.
דאס איז געווען דער שטייגער פון דעם מיידעל,
נאך בשעת טראגענדיג א קינדערש קליידעל,
אין איטליכער זאך און אין איטליכם פיצעל
צו זוכען עפעס א קנייטשעל, א שפיצעל
א טהייל מענשען איז דאס גאר ניט געפעלען,
און פלעגען איהר פראסט דיא צונג ארויסשטעלען. 60
זיי זיינען איהר געווען שרעקליכע פיינד,
און האבען חוזק געמאכט פון איהרע פריינד. 61
עס זיינען ארויסגעשפרונגען פארטייען,
וואס פלעגען תמיד זיך קריגען און שרייען.
יודלען פלעגט א מאל דיא דאזיגע זאך
אנמאכען צרות און יסורים א סך.

---

59) מדות שהתורה נדרשת בהן. 60) צדוקים. 61) כת פרושים.

חברה, וואס צווישען זיך אלץ קידער ווידער,
פלעגען אין זיין הויז מאכען א גערידער.

### ז.

זינט יודעל איז געווארען אוים שררה,
דענסמאל נאך בשעת דער ערשטער צרה,
איז איהם איין ארענדאר צו זיין אויסגעקומען.
איין פריץ ביים אנדערן איהם איבערגענומען.
אזעלכע פריצים האט ער אויף זיך געהאט דרייא, (62)
ביז נאט האט געהאלפען, ער איז געווארען פרייא.
זינט ער האט דעם משוגענעם פריץ, דעם שלאק,
געגעבען א וויסטען, א פינסטערען פסק,
און איהם געוויזען וויא טהייער גילט קארען.
איז ער אליין א פריץ שוין געווארען.
ער האט אויך בעקומען א גרויסען טיטעל,
מען האט פאר איהם שוין געהאלטען דאס היטעל.
עס איז איהם א לאנגע צייט זעהר געלונגען,
מיט יודלען האט דיא גאנצע וועלט געקלונגען.
דאס האט אנגעמאכט צווישען פריצים א שנאה,
אין יענער צייט האט ביי זיי געהערשט קנאה.
איינער דעם אנדערן האט געוואונשען דעם טויט,
דער ביי יענעם אויסגעחאפט דאס שטיקעל ברויט.
ניט מחמת דערמיט זיך אנצועסען זאט,
נאר כדי יענעם צו שאדען, צו חאפען גלאט,
נאר כדי טאקי דיא גאנצע וועלט זאל וויסען,
אז ער, פריץ, קען א סך בלוט פארגיסען.
כדי מען זאל הערען, מען זאל וויסען גאנץ וויים,
אז ניט אומזיסט וואקסט ער פון איידעל לייט.
אזעלכע וויא ער וואקסען ניט אויף דעם מיסט,
אייבעלעך, מעדאלען, טראגט ער ניט אומזיסט.
זיצט ניט ליידיג חלילה, האלט מלחמה,

---

(62) עגל, פרק יג.

און נעהמט ארויס ביי פיעל מענשען דיא נשמה.
מהוט נישט, האנדעלט נישט עפעס וויא א קופעץ,
זיין עובדא איז צו געבען א קלאפ, א זעץ.
ער פארשעהמט נים זיין געראלדיע און זיין שווערד,
קוילעט נישקשה פיעל מענשען אויף דער ערד.
אזוי האבען פריצים געטאהן פארצייטען,
אט וואס זייערע מלחמות בעטייטען.
מען האט זיך געשלאגען, געמאכט א בורע,
בכדי נאר צו פריוען ווער האט מעהר גבורה.
איז איינער געזעסען רוהיג אויף זיין לאנד,
נישט געטשעפעט אפילו א פליג אויף דער וואנד.
האט דער רוח געבראכט א פריץ צו טראגען,
און ער האט איהם געבעך געהארגעט, געשלאגען.
איין פריץ דענסמאל, איין ארץ מחוצף פנים,
איז געוועזן גזלן פון אלע גזלנים.
א גרויסער תקיף שרעקליך געזונט און דיק,
א מורא געווען אויף איהם צו טאהן א קיק.
ער האט געהאט זעהר שטארקע אייזערנע ציין, 63
איטליכען געפרעסען, געבראכען א ביין.
האט מיט א צונעמעניש, וויא מיר ווייסען,
אין יענער צייט פשוט חזיר געהייסען. 64
דער חזיר האט דיא גאנצע ערד אויפגעריהרט.
איטליכען געטרעטען און א וועלט געפיהרט:
פריצים האבען געמוזט צו איהם זיך בוקען,
פון זיינע הענד קיינער נישט ארויס טרוקען.
האט געוואלט אויף דער וועלט זיין נאר איינער,
ער זאל הייסען פריץ, ווייטער נים קיינער.
יודעל, איהם אין דיא אויגען וויא א דארען,
האט אויך געמוזט באלד ליידען פון זיין צארען.
רעם חזיר האט געארט, וואס יודלען איז גוט,
און האט זיך גענומען צו צאפען זיין בלוט.

---

63) דניאל ז׳ ז׳. פסחים קי״ח ב׳ ועיין רש״י שם. 64) תהלים פ׳ י״ד, מהרש״א שם.

יודלען איז געוועזן פינסטער און ביטער,
צו זעהן אזא חזיר אין זיינע גיטער,
וואס ער האט זיי בעקומען ניט אזוי גרינג,
און איהם שרעקליך טהייער געקאָסט אלסדינג.
עס האט איהם אנגעהויבען זיך דרעהן דער קאָפּ,
פאר ענמת נפש פון דעם פנים אראָפּ.
יודעל האט ביז אהער פון אלע שררות
נים געליטען אזעלכע גרויסע צרות.

## ח.

בשעת יודעל איז מיט צרות געוועזן זאַט,
האט דערווייל זיין ווייב נאך א טאכטער געהאַט.
קוים וואס דאס קינד האט געעפענט דיא אויגען,
האט עס פון דער מוטער׳ס ברוסט אלץ געזויגען.
זעהר פריה איז עס ארוים פון דיא וויקעלעך,
נישט געוואלט זיין געבונדען מיט שטריקעלעך.
עס האט זעהר געשריגען ניט געלעגען שטיל,
דיא מאמע האט פון דעם געליטען זעהר פיעל.
קוים איז איהר א צייגדעל ארויסגעקראכען,
האט עס ביי דעם זויגען דיא ברוסט גשטאכען.
מחמת וועהטאָג, מחמת שרעקליכע שמארצען
פלעגט דער מאמע אָנהאפּען ביי דעם הארצען.
נישט לאנג אבער האט עס געזויגען דיא ברוסט,
זיך צו ענטוועהנען האט עס בעקומען לוסט.
עס האט אין דרויסען ארויס זיך געצויגען,
צו פרעמדע איז עס אויף דיא הענד געפלויגען.
פון דער שוועסטער אבער זיך אוועקגעקעהרט,
מיט איהר אזוי וויא גאר נישט זיך אנגעקעהרט.
עס פלעגען זיך האמפערען דיא פארטייען,
דאס קליין מיידעל פלעגט צוביסלעך אויף שרייען.
פאר מעפיסטאָפלען איז געווען א לעבען,
ער האט אנגעהויבען נעצען צו וועבען.

אונזער יודלען פארפוטען אין זיי,
אין מיטען דעם גרויסען רעש און געשריי.
ווער קען נאך אזוי וויא ער פלאַטקעס מאכען,
ער איז א מייסטער אין אזעלכע זאכען.
ער איז דענסמאל געווארען א וואנדרער. 65
געריזט פון איין פארטיי צו דער אנדרער,
אויף איינער פאר דער אנדרער אָפגעזאגט
רכילות און ליגענס וואס ער האט אָפגעטאַקט.
ער האט אנגענומען פנימער אהן א צאהל,
וויא עס האט איהם געפאסט צום עסק א מאָל.
א מאל האט ער פאר א דייטשעל זיך פארשטעלט, 66
נאכגעטאהן דער מאָדע, געלעבט אין דער וועלט,
גערעדט גויעש, געריכעש טאקי נאר וויא א גרעק.
געוועזן א גאנצער פילוסוף נאר א שרעק!
ער האט געלייענט אריסטאָטלעס ספרים, 67
געלייענט האָמער'ס שירים, זיינע שקרים. 68
האט פאר א למדן זיך פארשטעלט גאר, 69
נישט אוועק פון דער גמרא אויף א האָר.
געוועזן וויא א פרוש אין קלויז טאג און נאכט,
און האט עפעס א שפיציג פשט'יל געמאכט.
פלעגט אויפטאהן חדושים אין דער גמרא,
און פאלען לאָמדיש אויף עפעס א סברא.
קיין מנהג איז איהם נישט געוועזן צו שווער,
קיינער נישט געוועזן אזא מחמיר וויא ער.
ער האט קלאמערשט אין א סך זאכען געגלויבט,
און יודעל'ס עלטערע טאכטער שטארק געלויבט.

---

65) בגמרא (סוטה נ"ב ב') אמרו על יצה"ר בתחלה קראו הלך ולבסוף קראו אורח וכו' שנאמר ויבא הלך לאיש העשיר. 66) העללעניסט. הם כת היהודים היונים שסגלו להם לשון וחכמת יונית, והיו בזמן בית שני. 67) הוא הפילוסוף אריסטו היוני. 68) הוא המשורר הנודע האמער היוני. ובירושלמי דפרק חלק איתא אבל ספרי המירס וכו'. 69) ר"ל כת פרושים הם חכמי התלמוד הידועים עמודי בית ישראל.

פלענט זיא חנפח'נען און נארען מיט שווינדעל,
זיא רופען ביים נאמען: טהייערע מ י נ ד ע ל! 70
און א מאל האט ער דיא ראליע פארביטען,
וואס שטעהט געשריבען, זאגט ער, דארף מען היטען,
און אלע פשט'ליך, וואס יענע טראכטען אויס,
זיינען ליגען, חאטשע נעהם ווארף זיי ארויס.
ער לאכט אויך פון גהינם און גן־עדן,
מאלע וואס יענע ווילען אייך איינריידען.
דינט נישט גאט בכדי צו נעהמען דארט געצאהלט. 71
נאך דעם טויט זיינען מענשען נאר שטיקער האלץ.
א מאל האט איהם זיך פארענדערט דאס פנים,
אזוי וויא א חסיד פון ימים ושנים. 72
טראגט ווייסע קליידער און געהט איינגעבוינען,
ער מאכט כוונות און גלאצט מיט דיא אויגען,
עסט בשותפות מיט חברה חסידים, לעבט פרייא.
קלייבט קרייטעכצער, גיט זיך אפ מיט דאקטאריא.
היילט קראנקע מיט שמות, שפרעכט און טהוט וואונדער,
רופט אן דיא מלאכים יעדען בעזונדער.
פאר דיא דייטשען רעדט ער אויף דיא למדנים,

---

70) הוא מלשון בעל פה. 71) כוונתו לכת הצדוקים הבלתי מאמינים בתורה שבע״פ והשארת הנפש ובגמול השכר והעונש לעולם הבא ומאמר רבם אנטיגנוס איש סוכו (אבות פ״א) הוו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס״ הביאם לידי כפירה זו. 72) כוונתו לכת האיסים (עססאער) שהם לד״ק החסידים הראשונים. דרכם היה להתבודד באגודה מיוחדת, כל הנספח אליהם לבש לבנים ואכל וחי מקופת החברה, כי כיס אחד היה לכלם. כל מעינם היה במילי דשמיא, במלאכים וצבא המרום במרום, והיו רופאי חולים בשמות ובסמי הרפואה שלכך נקראו לדעת קצת איסיים מלשון אסיא שהוראתו רופא, והיו נזהרים מאד לטבול בכל יום תמיד במים, והם טובלי שחרית הנזכרים בדרז״ל. עיין ע״ד הכתות בספרי החכם יאסט, אללגעמיינע געשיכטע דעס איזראעל׳ 1 באנד ז. 517—525. גם געשיכטע דער יודען להחכם גרעטץ חלק שלישי ובמאמר המחוכם „רידת האומה התעלות האמונה״ להחכם ר״א קראכמאל.

זיי אלע זיינען ליידיג געהר, בטלנים.
זיי מאכען אן דער וועלט זעהר גרויסע צרות
מיט זייער לערנען וואס טויג אויף כפרות.
טראכטען אויס פון דעם קאפ קרומע איינפעלע,
דרינגנען אויס בוידעם אויף איטליכער שטעלע.
זיי זיינען שטאלץ, שרעקליך פאררייסען.
אייך דייטשען וואלטען זיי פשוט צוריסען,
דערפאר וואס איהר קוקט אריין אין א ביכעל,
און טראגט שבת אין קעשענע א טיכעל.
דערפאר וואס איהר זיינט אויסגעקעמט, ריין, נאבעל,
וואס איהר עסט ניט פרייטאג צו נאכט קיין קנאבעל.
האלט איינער נישט זייערע פוסטע זאכען,
ווילען דיא קלויזנער איהם דיא מיתה מאכען.
וועדליג זיי מיינען, איז נאט זיך מחיה, קוועלט,
וואס ער האט אזעלכע וויא זיי אויף דער וועלט.
מיינען, דער צוועק פון בעשעפעניש אלערליי
איז דער מענש, פון מענשען דער צוועק זיינען זיי.
זיי מיינען עס קומט צו נאט פשוט חיות
פון זייער לערנען, זייערע הויות.
דערמיט ווילען זיי נאט א מענטליק אנטאן,
חלעבען, האט נאט טאקי נישט מעהר וואס צו טאהן!
אפגעזאגט פון זיין פזמון דאס לעצטע ווארט,
רעדט ער פאר דיא לומדים שוין אויף דייטשען דארט.
מישטעהענס געזאגט דיא היינטיגע דייטשען,
וואס קענען קיין פרשה חומש פארטייטשען.
זייער גאנצע חכמה בעשטעהט אין ריידען
וויא נים צו לעבען און זיך צו קליידען.
טראגען נייע מאדנע הויזען און א רעקיל
און געהן שבת אפילו מיט א שטעקיל.
נעהמען תמיד אן דיא נייע מעטאדע,
אפילו אין ריידען הערשט ביי זיי מאדע.
קומט ארויס עפעס א ניי מאדנער געדאנק,
מאכען זיי דערמיט שוין דיא גאנצע וועלט קראנק.
ס'איז א ליצנות, א געשריי, א געפילדער.

שרייט יענער נים מיט זיי איז ער א ווילדער.
יעדער געדאנק ווערט פראָסט א חיוב, א דין,
שרייט קינדער, יאָ וויסען, נישט וויסען דעם זין.
קענט איהר אפשר מיינען דאס שרייען געווערט,
חלילה, מארגען שרייען אלע פארקעהרט!
א פילוסוף האט פונ'ם געדאנק געלאכט,
און עפעס גאר איין אנדערען אויסגעטראכט.
פאנאטיקער, רופט אייך ביי זיי גרויס און קליין,
און ווייסען נישט, אז דאס זיינען זיי אליין.
איהר האלט, זאגען זיי, וואס גרויסע שרייבען פאָר, 78
און איהר דייטשליך האלט נישט פון גרויסע? זאגט נאר.
דיא דייטשען חלעבען ריידען אלץ פרעמדס א סך.
דער חילוק צווישען אייך און זיי, איז דיא זאך:
איהר גלויבט אין אלטע זאכען אָהן אונטערשייד,
זיי חאפען וויא הייסע לאָקשען נייע רייד.
דיא לייט מיינען, וואס אלט איז נאַרעש און שלעכט,
און איטליכע זאך וואס ניי, איז קלוג און רעכט.
איהר, אלטע, האט חלעבען ביי זיי קיין פנים,
זיי האלטען אייך פאר שרעקליכע נאראָנים.
פון זייער גאנץ בענעהמען־זיך איז ניכר,
אז זיי קומט אלסדינג, זיי זיינען דער עיקר,
און איהר זיינט גאר איבעריג, אלטע שקראבעס.
אָט אזוי מיינען דיא דייטשען, דיא דראבעס.
פיעל ערגער נאך פון זיי זיינען דיא חסידים,
מיינען, זיי זיינען ביי גאט דיא בני יחידים.
דיא אלע מלאכים האט גאָט בעשאפען,
זיי זאָלען זיין זייערע קנעכט און שקלאפען.
דיא גאנצע חכמה בעשטעהט גאר אין שמות,
אייך אלע בעטראכטען זיי פראָסט פאר בהמות
האלטען אייך פאר קאלטע מענשליך אָהן פייער,
אייער לערנען ביי זיי נישט ווערטה קיין דרייער.
דיא גאנצע וועלט הערען זיי וויא דעם קאָטער,

---

78) אויטאריטעטען.

משוגעים! מען דארף זיי פיהרען צום טאטער.
פייער און וואסער זיינען ביי זיי זאכען,
וואס זאלען מענשען רייך און גליקליך מאכען.
נאך זיי, דארף תמיד דער מענש זיין פייער הייס,
ער בעדארף אזש פלאקערען, לעקען דעם שווייס.
דאס פנים אויסגעפריעט וויא א צימעס,
איין אויסגעוויקט פנימ'ל איז נאט ניט נמאס!
דאס איז נומער איינס, היינט ווייטער נומער צוויי:
וואסער, וואסער! שרייען זיי אלץ איין געשריי.
דעם מענשען'ס נשמה איז פארשמירט, קראנק מסוכן.
מען בעדארף אין וואסער זיך אונטערטוקען.
זיינען דיא זינד רויט, ווערען זיי ווייס וויא שנייא,
דאס איז גאנץ געוויס וקיא צוויי מאל איינס איז צוויי.
זיי פליוסקע'ן זיך אין וואסער דיא גאנצע טעג
און ריידען חלעבען עפעס נאר פון דעם וועג.
מישטעהענס געזאגט זייער רייד, נאט אייך נייס!
פון פייער און וואסער רעדט מען משוגענערווייס.
מעפיסטאפעל, פון חסידים געמאכט איין עק,
פארקערעוועט ער דעם דישעל און אוועק.
קומט מיט א פרום פנימ'על צו חסידים דארט,
און רעדט אויף דיא לומדים אויס וואס אין דער קארט.

## ט.

ווען מעפיסטאפלען איז אמאל געראטען,
יודלען מיט זיינע זאכען צו פאררראטען:
מיט ליאלקעס, ליבעס, צום לעצט בלוטפארגיסען, 74
וואס דורך דעם האט ער שטארק קריעה געריסען.
געראט דעם פאקוסניק היינט בעסער א סך,

---

74) יומא ט' ב'. מקדש ראשון מפני מה חרב מפני ג' דברים שהיו בו עבו"ים וגלוי עריות ושפיכות דמים.

יודלען אומגליקליך צו מאכען מיט איין זאך. 75
וואס דאס איז דיא ערגסטע און שרעקליכע זינד:
ער מאכט אָן שנאת חנם אין זיין הויזגעזינד. 76
ער האט דארט א גוטע קאשע פארקאָכט,
און האט מחמת גרויס פארגעניגען געשמאָכט.
מען האט דארט זיך געבוטצקעט, געקריגט זעהר שטארק,
איינער דעם אנדערען געגעבען אין קארק.
איינעם דעם אנדערען געגעבען א רייב,
איהם געוואונשען: צו ברעכען האלז און לייב.
קריג, פלאָטקעס האבען דארטען זיך אלץ פארמעהרט,
וואס איינער טהוט, טהוט דער אנדערער פארקעהרט.
איינער זאגט נאכט, זאגט דער אנדערער גאר טאג.
איינער שרייט שלאָג זיך ניט, שרייט יענער גוואלד שלאָג!
דער אויף יענעם האט חטאים אויסגעזוכט,
מען האט זיך געשלאָגען, געזידעלט, געפלוכט.
יודעל איז שיעור ניט אראָפּ פון דעם זינען,
האט ערגעץ קיין רוה נישט געקענט געפינען.
האט געהאט נעבעך א הארץ מיט מכות פול,
פון דעם געשריי איז איהם דער קאָפּ געוועזן דול.
אין מיטען דרינען וויא ער האט גריזאָטע,
איז ארויס יענער חזיר פון זיין בלאָטע.
אויפגעריהרט יודעל'ס מאיאָנטעק מיט זיין צאָהן,
און חשק געהאט איהם צו צורייבען וויא מאָהן.
דער פיינד האט איהם גע'רודפ'ט וואס וויטער מעהר,
ביז ס'איז איהם געווארען ביטער שרעקליך שווער.
אין מיין דערצעהלונג איז מיר רבותים איינג,
ארויסצושטעלען פון דעם פיינד אלע נייגנג.
וויא אזוי ער האט סאמע פון אָנהויב אן,

75) רז"ל מיחסים שני החורבנות למעשה שטן הוא היצה"ר ואמרו עליו (סוכה נ"ב א') שנתן עיניו במקדש ראשון והחריבו וכו' שנתן עיניו במקדש שני והחריבו. 76) יומא שם מקדש שני מפני מה חרב מפני מה שהיה בו שנאת חנם, ללמדך ששקולה שנאת חנם כנגד ג' עבירות עכו"ם וכו'.

און זער יודלען נעבעך צרות אנגעטאהן.
איינער קען נאר זאגען : וואס איז פאר א זאנג,
צו מוטשען אונז מיט א מעשה אזוי לאנג.
שא, אָהן פּרעטענציעס מיינע ליבע אידען,
איך בין רא מקצר און לאָזט מיך צופרידען.
קורץ דער שרעקליכער פיינד האט יודלען פארטראכט
או האט איהם נעבעך אויף דעם פייער געבראכט,
יודעל האט געליטען צרות אָהן א צאהל,
דיין הויז וויסט, חרוב געווארען וויא א מאָל.
יודעלים מאיאָנטעק קען מען גוט פארגלייכען
צו א גארטען, זעהר א שעהנעם, א רייכען.
וואס האט מיט זיין שעהנקייט איין אויג פארנומען,
פּלוצלים איז אהין א חזיר נעקומען,
אויפגעריהרט מיט דיא ציין איטליכס בייטעלע,
צובּיסען, צוטרעטען איטליכס קווייטעלע,
פון אלסדינג אין דעם גאָרטען תל געמאכט, וויסט.
פון דיא טהייערע רויזען א קופּע מיסט.
יודעל איז פון זיין גוט אַרויס אָהן א העמד,
און געמוזט זיך אוועקשלעפּען אין דער פרעמד.

י.

א סך מענשען קען זיין וועט נישט געפעלען
אין מיין דערצעהלונג דיא פיעל טרויעריגע שטעלען,
נאר יודעלים לעבען שילדערען ווער עס וויל,
מוז דערצעהלען צרות און יסורים זעהר פיעל.
וויינינג איז אין דיין געשיכטע, יודעל, פרייד,
שרעקליך פיעל זיינען דיינע צרות און לייד.
פאר דיין גוט קעפּעל, יודעל, פאר דיין פארשטאנד,
פאר דיין גוט הארץ און פאר דיין אָפענער האנד
האסט־דוא פון אייביג אָן נעבעך געליטען,
ווער עס האט געוואָלט איז אויף דיר געריטען.
דיין קלוג ווייב, אומעטום דיר אָנגעמאכט קנאות,
דיינע מעלות, דיר צונעצויגען שנאות.

וואלסט קיינעם נים נרדים געווען אין דיא אויגען,
בנאמנות, ווען דוא זאלסט צו גארנישט טויגען!
וויניג דיינע שמחות, נישט פיעל דיינע פריינד,
פיעל דיינע צרות, אָהן איין עק דיינע פיינד.
ווער עס קען יודעלים פיעל צרות נישט הערען,
מעג זיין געשיכטע צו לייענען אויפהערען.
אזוי וועט טאקי זיין א סך געשייטער
דיא געשיכטע ווערט נאך טרויעריגער ווייטער.
נאקעט און באָרפים און אָהן א גראָשען געלט,
האט יודעל זיך אוועקגעלאזט אין דער וועלט,
געוואנדערט וויא א בעטלער פון לאנד צו לאנד,
מיט א טאָרבע און א שטעקען אין דער האנד.
פון אזעלכע צרות און פון אזא פיין,
האט יודעל, דאכט זיך, גאר אוים מענש בעדארפט זיין.
נאר יודעל אבער ליידט, טראגט איבער אלסדינג,
מיט׳ן ווייב אין איינעם, איז איהם צו ליידען גרינג.
ערשט אצונד פארשטעהט ער וויא זיא איז טהייער,
ליבע ברענט אין זיין הארץ וויא א פייער,
אין דער ביטערער ארעמקייט פיהלט ער זיך רייך,
אלע רייכע לייט זיינען איהם נישט גלייך.
איהר ווערטה צו בעצאהלען, קיינער נים אין שטאנד,
מיט גינגאָלד און מיט זילבער פון א גאנץ לאנד.
א גוט ווייב איז פאר דעם מענשען א גרויס גליק,
נים איהם צו לעבען מיט איהר איטליכען בליק,
אין א שווערער צייט שטעלט זיא איהם אויף דיא פיס,
זיא מאכט איהם זיין ביטער לעבען האניג זים.
יודעל פיהלט, אז ער איז דער גליקליכסטער מאן,
שפיעלט אויף דער עלטער מיט דעם ווייב א ראמאן.
מחמת ליעבע פיהלט ער זיך יונג גאר אויף דאס נייא.
ער ווערט ביי זיך שטארק, פון זיינע צרות פריי,
האלזט, קושט פאר ליבשאפט זיין ווייב, קושט זיא זעהר פיעל,
איך האב דיך ליעב נשמה, זאגט ער מיט געפיהל.
איך האב דיך ליעב פאר דיינע זעהר קלוגע רייד,
פאר דיין גרויס שעהנקייט אפילו אין א פראָסט קלייד.

האב דיך ליעב פאר דיין ליעבע צו אָרימע לייט, 77
ליעב, פאר דיין ליעבע צו א גר פון גאנץ ווייט,
ער איז ביי דיר פאררעכענט פונקט וויא א קינד,
איהם א האָר צו קרימען איז ביי דיר א זינד. 78
פאר וואס דוא הייסט, יעדען דעם אמת זאגען,
און אויף איהם סיין שנאה אין הארץ נים טראָגען. 79
פאר וואס דוא הייסט מענשען צו זיין ביי זיך קליין,
און יענעם ליעב צו האבען וויא זיך אליין. 80
פאר וואס דוא הייסט צו בעדינטע ניט זיין שלעכט,
נישט צו פייניגען א דינסטמיידעל, א קנעכט. 81
פאר וואס דוא הייסט, אַל־דאָס־ביין צו פארגעסען
דעם פיינד, אין וועלכענס לאנד מען איז געזעסען. 82
דוא ביסט, נשמה מיינע, זעהר גוט, קלוג און שעהן,
אין פייער, אין וואסער וועל איך פאר דיר געהן.
עס מעג וואס עס וויל דא זיך מאכען מיט מיר,
וועל איך, בנאמנות, נישט אָפּטרעטען פון דיר,
ליעב האבענדיג דיך, איז מיר ליעב דיא וועלט אין גאנצען,
אומעטום, דאכט זיך מיר, וואקסען פּאָמעראנצען,
אומעטום זעהן וואונדערליך שעהן אוים דיא פעלדער,
איך הער פייגעלעך זינגען אין דיא וועלדער,
איך הער אומעטום זינגען פרעהליכע לידער,
אלע מענשען האבען זיך ליעב וויא ברידער.
דיא ליעבע בעשאפט מיר א וועלט א נייע,
איך האב דיך ליעב פון הארצען מיין געטרייע.
אזוי האט יודעל אין זיין ווייב זיך פארליעבט
בשעת ער איז געוועזען נעבעך בעטריבט. 83
אזוי איז שוין פון לאנג אין דער וועלט געשטעלט,

---

77) ויקרא י״ט ט׳ י׳, דברים ט״ו ז׳ י״ב. 78) ויקרא י״ט ל״ג ל״ד. 79) שם שם י״ז. 80) שם שם י״ח. 81) שם כ״ה ל״ג. 82) דברים כ״ג ח׳. 83) מרגלא בפומייהו דכל כותבי קורות בני ישראל, כי ברדת האומה במדינות גברה האמונה ועלתה יד התורה עד כי כלם קימו וקבלו עליהם לחרף את נפשם עליה ועל קיומה. ועיין במאמרו של החכם הר״א קראכמאל „ירידת האומה התעלות האמונה״.

אז איז כלל קיין פּאָר פאָלק ניט געפיהל מיט געלט.
איהר קענט עס רבותים אויך וויסען פון אייך,
ווייניג פיהלט איהר נעבעך בשעת איהר זיינט רייך,
נאר ווערט איהר אבער ארימע לייט און האט שמאַרץ,
אט דענסמאל ערשט בעקומט איהר א מענשליך הארץ.
דענסמאל הייבט איהר אָן צו פיהלען, צו פארשטעהן,
דענסמאל דערקענט איהר וואס איז גוט, רעכט און שעהן,
איידעל און דעליקאַט, ווייך וויא טייג ווערט איהר,
חאָטשע צוצולייגען אייך צו א געשוויר.

## י״א.

אז יודעל מיט דעם ווייב געהן אראָפּ פונ׳ם מארק
הייבען זיינע טעכטער אָן צו גילטען שטארק.
וואס וויטער מיר מענשען ווערען אלץ עלטער,
ווערט אקעגען אונז דיא וועלט אלץ קעלטער.
דיא וועלט האט בעשטענדיג אין איטליכער צייט,
ליעב, נייע פרישצאַפּעלדיגע יונגע לייט.
פון יודעל׳ס צוויי טעכטער איז איצט דיא ריידע,
זיי זיינען אין דער מאָדע, גילטען ביידע,
דער עלטערער האט דיא וועלט ווייניג געארט,
איז געזעסען טאג וויא נאכט אין שטוב פארשפּארט,
זיא איז איבער ביכער תמיד געזעסען,
א גאנצע שאפע ספרים אויפגעגעסען.
אלע זאכען זיך געדרעהט ביי איהר אין קאָפּ,
אזוי וויא אין א מיהל ארויף און אראָפּ.
נישט געווען אויף דער וועלט כמעט איין זאך,
זיא זאל עס ניט וויסען, ווייניג צו א סך.
זיא האט אין זיך קענען מיר זאגען זיכער,
איינגעשלונגען פון יענער צייט דיא ביכער.
א בית־מדרש פראסט איז געווען איהר חדר,
איהרע פריינד פלעגען דארטען זיצען כסדר,
יעדער האט דארט זיך אפגעזאגט זיין סליחה,
וואס איהם געפעהלט, וואס איהם איז בעסער ניחא

מען פלעגט זיך האמפערען, שרייען און קריגען,
קיין איין רגע אפילו ניט געשוויגען,
האט איינער ארויסגערעדט עפעס א ווארט,
האט יענער איהם אפגעשלאגען אויף דעם ארט.
זיי האבען זיך אוועקגעבוטשקעט ביינאנד,
איינער דעם אנדערען געפרעגט ווידעראייננאנד.
איינער האט אויסגעדרונגען שווארץ איז נאר ווייס.
א שרץ ריין צו מאכען אויפגעטאהן נייעס. 84
הערט בעסער נאך א שעהנערע הסברא,
איינער פלעגט גאר רייסען בערג מיט א סברא. 85
מען פלעגט מאכען א רעש, א געטימעל,
א גרויס געשריי ביז דעם זיבעטען הימעל.
מינדעל דערפון געווארען גרעבער, דיקער,
לערנען איז ביי איהר געוועזען דער עיקר.
פרעמדע לשונות האט זיא געקענט אהן א צאהל,
אין געשפרעך אויסגעמישט אלע מיט א מאל.
מיט קליידער, מיט ציערונג זיך אויסצופוצען,
דרינען האט זיא ניט געפונען קיין נוצען,
פרעמדע צו געפעהלען האט זיא נישט געוואוסט,
צו שפילען א ליבע האט זיא נישט קיין לוסט.
לעבען דער מאמען צו זיצען וויל זיא גאר,
מיט דער מוטער ביז הונדערט און צוואנציג יאהר.
דיא יונגערע שוועסטער איהרע אקעגען,
איז געגאנגען גאר אין אנדערע וועגען.
זיצען אין שטוב נישט אויסגלייכען דיא ביינער,
האט ביי איהר געהייסען א טויט א ריינער.
עס האט איהר עפעס וויא געמאנגעלט, געפעהלט,
נישט א קוק צו טאהן אויף דער ליכטיגער וועלט.
ליעב געהאט זיך אפוואשען, שעהן צו קליידען,
מיט אלע מענשען אין דער וועלט צו ריידען. 86

---

84) עירובין י״ג ב׳ אומר על טמא טהור ומראה לו פנים על טהור טמא ומראה לו פנים וכו׳ שהיה מטהר את השרץ במאה וחמשים טעמים.
85) ברכות ס״ד א׳. 86) פעלי המלאכים י״א א׳ י״ח. אגרת פאול אל רומיים א׳ ב׳ ג׳.

בײ מײן שװעסטער, פלעגט זיא זאגען, איז אלסדינג
חוץ איהר פעקיל בית־מדרשניקעס, זעהר גרינג.
מיט דיא אתה־בחרתניקעס אין אײנעם,
װיל זיא װײטער מעהר נישט װיסען פון קײנעם. 87
אלע מענשען זײנען חלעבען גאט׳ס קינדער. 88
מען קען זײ נישט מרחיק זײן װיא דיא רינדער.
קענען אזוי װיא דיא קלױזניקעס לעבען, 89
זײער נשמה אויך נישט פון קלאָטשע חלעבען.
דיא נאטור, דיא װעלט אין גאנצען אין גאט׳ס קלויז,
נישט דוקא מײן שװעסטער׳ס חדר אין איהר הויז.
פע זיך דולען א קאָפּ מיט װילדע זאכען,
א סך בעסער דאס הארץ אײדעל צו מאכען!" 90
דיא אינגערע, בײם ארויסגעהן אין דער װעלט,
האט גערעדט דיא רײד, װאס מיר האבען געשטעלט.
דער עיקר װאס אין א מעשה איז װיכטיג,
יענעמ׳ס רײד איבערצוגעבען גאנץ ריכטיג.
דאס בעסטע פארגנינען איז איהר געװעזען,
שעהנע מ״סר ספרים א סך צו לעזען.
האט אויך א ליעבע ביכעל געמאכט אל יז,
װאס האבען עס שטארק געמאכט גרויס און קלײן.
אין איהם אלע געפיהלען ארײנגעלײגט,
װאס זיא האט בעשטענדיג אין זײ זיך געװײקט.
זיא פלעגט רײדען תמיד פון ליעבע, פון גליק,
מיט פײכטע אויגען צום הימעל טאהן א בליק.
זיא פלעגט רײדען אלץ מיט געפיהל, מיט פײער,
ליעבע, ליעבע, דאס איז דעם מענשען טהײער.
פלעגט עפטערס שפאצירען געהן מיט איהרע לײט,

---

87) יבמות מ״ז ב׳ קשים גרים לישראל כספחת. ובמדרש רות רבה על הפסוק שובנה בנותי אמרו שדוחין את הגר. 88) אגרת פאול אל רומיים ג׳ כ״ט. האם אלהי היהודים לבדם הוא ולא אלהי הגוים. 89) פעלי המלאכים י״א י״ח, וגם לגוים נתן אלהים תשובה לחיים. 90) אגרת פאול אל העברים י״ג ט׳, אל תנשאו בלמודים שונים וזרים כי טוב לחזק את הלב בחן.

ריידענדיג מיט זיי פארנעהן טאקי גאנץ ווייט. 91
זיא פלעגט מיט איהר חן, 92 מיט איהרע הויות,
צונעהמען ביי יענעם פשוט דאס חיות.
עפעס האט זיך געהערט אין איהרע לידער:
לאָם מיר זיך ליעב האבען שוועסטער און ברידער.
לאָם מיר ליעב האבען אפילו אונזערע פיינד,
לאָם מיר אי שונאים גוטס טאהן אזוי וויא פריינד. 93
האט יענער אונזער רעכטע באק געשלאָגען,
לאָם מיר איהם דיא אנדערע אויך צוטראָגען. 94
אזעלכע לידער מיט אזעלכע ווערטער,
פלעגט זיא תמיד זינגען אין אלע ערטער.
תחלת זיינען איהרע פריינד געווען ווייניג,
מען איז איבער איהר ניט געווען אייניג.
א טהייל האבען זיא פארגעטערט, געאכט,
און א טהייל האבען פון איהר חוזק געמאכט.
איהר יונגענד איז ניט אָפגעלאָפען שטיל, גלאט
זיא האט שטארקע צרות און יסורים געהאט. 95
זיא האט וויא דיא מאַמע אין פרעמדע מקומות
געליטען פון גראָבע מענשען וויא בהמות. 96
ביז ס'איז א גרויסער מאָנארכע געקומען,
און האט זיא פלוצלים פאר א ווייב גענומען. 97
ער האט בערעכענט נישקשה וואס ער טהוט,
זיין ווייב קומט דאך ארויס פון רב יודעל'ס בלוט.
יודעל'ס יחוס קען נישט צונעהמען קיינער,
פון זיינע בלוטפיינד אפילו ניט איינער.

---

91) פעלי המלאכים אגרת פאול הליכותיו מסעיו ומדברותיו. 92) במלת חן משתמשים בעלי הברית על ההשפעה הרוחנית בהרבה מקומות כגון לשבת בחן אלהים, פעלי המלאכים י"ג מ"ג וכיוצא בו. 93) מתיא ה' מ"ד. 94) שם שם ל"ט, ואם איש יכך על הלחי הימיני הטה אליו גם האחר. 95) כמו שכתוב בברית החדשה בכמה מקומות. 96) כנודע לכל הקוראים בספרי הקורות מהרדיפות שסבלו בעלי הברית בתחלה במדינת רומא. 97) הוא הקיסר קאנסטאנטין הגדול שקבל הברית החדשה בעשרים ושנים לחודש מאי שנת 337 למספרם.

אדרבה זאגט חלעבען, עולם, איך בעט אייך,
ועמעס עלטערען זיינען וויא זיינע גלייך.
מאכט אייך האמשע יודלען פאר א מיעשטשאנין *
ער איז פאָרט איידעלמאן, א דוואָראנין **
ער בעדאַף נישט קויפען קיין דיפּלאָם פאר געלט,
זיין יחוס־בריף איז גאנץ אלט, אלט וויא דיא וועלט.

## יב.

יודעלס מאכטער א מאן מיט געלד בעקומען,
האט במעט דיא גאנצע וועלט אפּגענומען.
זיא איז געווארען באלד דיא ערשטע דאמע,
געלעבט א סך גליקליכער פון דער מאמע.
בעדינטע האט זיא געהאט א סך וויא האָלץ,
איז אין עושר און כבוד געווארען שטאָלץ.
שררות האבען זיא געטראגען אויף דיא הענט,
דיא גרעסטע מאָנארכעס מיט איהר זיך בעקענט,
יעדער האט צו גאסט זיא געבעטען צו זיך,
איהר נאמען האט אין דער וועלט זיך פארברייט גיך.
יודעל האט דערווייל, נישט פאר אייך געדאכט,
זיין לעבען נעבעך אין צרות פארבראכט.
איז אין דער פרעמד עלענד געווען וויא א שטיין,
שרעקליך אָרעם, שרעקליך נידריג, שרעקליך קליין.
ער האט געליטען, זיך געמוטשעט צום טויט,
וויא צו דערמאַפּען א טרוקען שטיקעל ברויט,
וויא צו בעקומען ערגעץ עפּעס א לאַך,
איבערצוזיצען רוהיג האמשע א וואָך,
צו פרימולען זיך דארמען וויא נאר מעגליך,
און נישט בעדארפען זיין נע־ונד טאג טעגליך
ער האט, כדי צו דערנעהרען דאס הויזגעזינד,
עטוואס נעבעך אנקומען צו זיין רייך קינד.

---

*) אייגבאאכער בירגער. **) עדעלמאן.

אז אַך און וועה אבער איז דיא פעטער,
וואס קומען אַן צו קינדער׳ס הילף שפעטער.
זיי ווערען בעטראכט פאר שוטים נאראָנים,
פארלירען זייער ווערטה, דאס גאנצע פנים.
עס געפעהלט ניט אין זיי זייערע קינדער
איטליכע זאך, איטליכס פיצעל בעזינדער,
עס געפעהלט זיי ניט א מאָל זייערע רייד,
זייער גאַנצע אויפפיהרונג און זייער קלייד,
און א מאָל געפעהלט ניט וויא דיא אלטע שטעהן,
וויא זיי עסען און טרינקען און וויא זיי געהן.
געהן זיי אריין אין שיך מיט דער קאפּאָטע,
זאגט מען : זיי טראָגען אין זאל אַן דיא בלאָטע.
געהן זיי געבעך אונטען אין דיא קעך אראָפּ,
זאגט מען : זיי נאשען, נעהמען ארויס פונ׳ם טאָפּ.
ווילען זיי אריינקומען בשעת מען עסט,
זאגט מען : נישט פטור צו ווערען פון דיא געסט !
ווילען זיי זיצען אין איינעם מיט דיא קנעכט,
זאגט מען : דיא אלטע מאכען זיי חלעבען שלעכט.
חאפּען זיי זיך צו העלפען אין עפּעס א פאך,
זאגט מען : למאי מישט איהר זיך אין א פרעמדער זאך,
האבען זיי אבער פון וויטען זיך געשטעלט,
זאגט מען : עס געהט זיי נישט אַן דיא גאנצע וועלט.
שווייגען זיי, זאגט מען : פאר וואס שווייגען זיי שטיל.
ריידען זיי, זאגט מען פאר וואס ריידען זייא פיעל.
הכלל וואס זיי זאלען טאהן וועט ניט זיין גוט,
אייבינג וועט מען זיי פארטריפען זייער בלוט.
יודלען מסתמא אויך געוועזן וועה און ווינד,
אז ער האט בעדארפט אָנקומען צו זיין קינד.
דאס קינד אבער קען מען ניט שולדיג מאכען,
ליבע איז איהר בעסער פון אלע זאכען.
וויא קען אויף איהר זיך קלאגען אונזער אידעל,
אז ליבע איז געוועזן תמיד איהר לידעל.
האט עס געמיינט מאקי ערענסט, גאנץ זיכער,
גוטץ טאהן א פרעמדען, א קרוב נאך ניכער.

שולדיג זיינען דא געוועזען א פנים,
טאקי נאר פון איהר מאנ׳ס צד דיא מחותנים.
א טהייל האבען, כפי אין דער וועלט איז א קלאנג,
אויף יודלען פארדראָס געהאט נאך פון גאנץ לאנג.
א טהייל רייכע און גרויסע שררות ווידער,
נישט אנגעשטאנען מיט יודלען זייןברידער,
יודעל, א שלעפער פון א פרעמדער נאציע,
זאל מיט זיי, מאָנארכעס, זיין פאני־בראציע,
א טהייל האבען געזאגט מיט א גרינג געמיט:
מיילע יודעל יאַק יודעל, ער געהט נאך מיט,
למאי קומט נאך צופאשען, צו געבען עסען
זיין גראָבער, דיקער מויד, וואס איז פארזעסען.
זיא מיט איהר פעקיל וואס מאכען הויות,
טהון נאר נישט חוץ נאר וואס לערנען משניות.
למאי זאל מען נאך פאסען אזא פויל מיידעל,
וואס פוילט זיך אויסוואשען איהר פארשמירט קליידעל,
וואס לא די עס איז, מישטעהענס געזאגט פויל,
האט עס נאך אויף שרייבען א פיסקעל, א מויל,
זיא זידעלט, לאזט ניט אוים פון אונז נישט איינעם,
איז ביי זיך פאררייסען און הערט נישט קיינעם.
מיט אזעלכע ווערטער פון יודלען געלאכט,
האבען זיי איהם ביי דיא קנעכט מבוזה געמאכט,
דיא קנעכט האבען עס געהערט פון דיא שררות
און פלעגען יודלען געבען אָנטאָהן צרות,
מיט המצאות איהם געגנוג בלוט פארגיסען,
ביז מען האט איהם געלאזט געהמען א ביסען.
זיי פלעגען נאך שטילערהייד צו ביסעלעך
אונטערשיקען אויף איהם אונטערשיסעלעך,
אויסטראכטען ניט געשטויגען, ניט געפלויגען,
פלאָטקעס, בלבולים, וועלכע זיי פלעגט טויגען.
יודעל איז זייער בלוטפיינד גאר אויסגעטראכט,
און איהם געבען פראסט אויף דעם פייער געבראכט.
פלעגען אויף איהם הינט אנרייצען אָהן איין עק,
און הנאה האבען וויא ער שרייט פאר שרעק.

## יב.

יודלען אין דער וועלט צו לעבען שרעקליך שווער,
איז ער פארשפארט אין דער היים געזעסען מעהר.
זיין גאנץ לעבען איז געווען דאס הויזגעזינד,
זיין איינציגער טרויסט דאס קלוגע ווייב און קינד.
יודעל אין דער היים און יודעל אין דער וועלט,
וועררט אין צווייערליי געשטאלטען פארגעשטעלט:
אין דער וועלט א קנעכט, א בעטלער, א שמאטע,
אין דער היים א האר, א מאן און א טאטע.
דארטען א ווארעם, וויא א פליג נעבעך שלאף,
צו הויז א גאנצער יש, א פריץ, א גראף.
דארט אהן לייב און לעבען, אהן א שום געפיהל,
דא קומט איהם צו חיות, ער לעבט, פיהלט זעהר פיעל.
דארט א לא־יוצלח, אהן בילדונג, אהן א צינג,
דא א למדן, א מבין, פארשטעהט אלסדינג.
אין דער וועלט דערשלאגען פון המנ׳ס מסירות,
אין דער היים פרעהליך, לוסטיג, זינגט זיך זמירות.
דארטען פארגעסט נאר יודעל זיינע שמארצען,
האט ליעב זיין ווייב, זיין קינד פון גאנצען הארצען.
ער פוצט זיין ווייב מיט וואס ער קען נאר קריגען,
זיא צו פוצען שטענדיג איז זיין פארגניגען.
היינגט וואס ער דערטאפט אויף איהר אן, אי שמאטעס
זיא נעהט בעהאנגען פון קאפ ביז דיא פיאטעס.
א שעהן ווייבעל אבער מאכען קליידער נישט אויס,
פון דער בלאטע אפילו בלישטשעט זיא ארויס.
מינדעל זיין מאכטער איהם אויך שטארק אין זינען,
פלעגט אין איהרע רייד פיעל חכמות געפינען.
וואס דיא וועלט האט גערעדט אויף איהר מיט שנאה,
האט ער עס צוגעשריבען נאר צו קנאה.
„וויים איך דען נים, פלעגט ער זיך תמיד קלאגען,
אז עס איז ניט אמת וואס שונאים זאגען,
איך זאג עדות וויא זיא האט פיינט בטלנים,

אהן א מלאכה, זאגט זיא, ווערט מען גזלנים. 98
זיא זאגט: דיין שטוב זאל אפען זיין אלע צייט,
און לאזען ארעמע זיין דיינע הויזלייט. 99
איך זאג עדות, וויא זיא הייסט מיט איהרע רייד
ליעב האבען אלע מענשען אהן אונטערשייד. 100
קיין שום מענשען מבזה צו זיין הייסט זיא ניט,
זעהר, זעהר צו האבען א נידעריג געמיט. 101
מענשען וואס דינען עבודה זרה נאר,
אפילו זיי אויך נישט צו קרימען א האר,
זייערע ארעמע צו שפייזען גאנץ פיין,
זייערע קראנקע מבקר־חולה צו זיין, 102
זייערע טויטע נעבעך צו בעקלאגען,
פונ'ם אבל'ס הארץ צער ארויסצושלאגען. 103
מען דארף זיא נאר אזוי וויא איך קענען רעכט,
וועט מען ארויסזעהן, זיא איז גאר גוט, ניט שלעכט.
זיא איז א מלומדת מיט אלע מעלות,
קען וויא דער גרעסטער רב פסק'ענען שאלות.
קען וויא א זאקאנטשיק *) דעם זאקאן, דעם דין,
וויא א דאקטאר פארשטעהט זיא דיא מעדיצין.
קען אויך דיא פיזיקע, דיא אסטראנאמיע,
חשבון, פאליטיקע, און עקאנאמיע.
קען נאטורגעשיכטע וויא א פראפעסאר,
און דיא אנאטאמיע קען זיא נאך בעסער.
אין דער אלטער היסטאריע ביז אויף א האר,
איז זיא אזוי וויא א יוד אין אשרי קלאהר.
היינטיגע קענער מעגען זיך ניט שעהמען,
דרינען חלעבען ביי איהר שטונדען צו נעהמען.
היינט איהרע גלייכווערטליך זיינען זעהר שפיציג
און איהרע משלים נאר חידושים וויציג. 104

---

98) קדושין נ׳ ב׳. כל שאינו מלמדו אומנות מלמדו ליסטות. 99) אבות פ״א ה׳. 100) שם שם י״ב. 101) שם פ״ד ג׳ ד׳. 102) [illegible] פ״א א׳. 103) תוספתא פ״ג. *) וריסט. 104) יאהאן בוקסטארף בהקדמתו לספר השרשים ארמית ותלמודית.

פון לייטישע רייד פאַל איך נאָך נישט אראָפּ,
מיר טהייערע טאָכטער, זאל זיין פאר דיין קאָפּ ז״
דערמיט פלעגט יודעל ענדיגען זיינע רייד,
א קוש טאָהן דיא טאכטער און וויינען פאר פרייד.
לעבען ווייב און קינד האט יודעל פארגעסען,
אז ער איז אָרעם, האט נישט וואָס צו עסען,
פלעגט נאָך תמיד האָפען און טראַכטען ביי זיך.
אָט, אָט לייזט איהם דער אלטער טאטע אויס גיך.
ער טהוט דאָך דעם טאטען טאקי פאָרט זעהר באנג,
איהם צו העלפען האט ער פארשפראָכען נאָך לאנג.

## יד.

ביז איצט האט יודעל נאָך א תאלבע צרה.
וויינענסטענס זיצט ער צו הויז וויא א שררה.
זיצט גאנץ רוהיג ביי זיך מיט זיין הויזגעזינד.
באלד אבער ווערט דארט אויף א שטורעמווינד.
פיינד פלעגען זיך אָפט אין זיין הויז פארקלייבען,
זידלען זיין טאכטער נעבעך און זיא טרייבען.
זיי האבען אויף איהר מיט רשעות אלע מאל,
אויסגעטראכט בלבולים, שקרים אָהן א צאהל
איהר נעבעך געוואלט דיא אָדערען טרענען,
צורייסען און אויף דעם פייער פארברענען. 105
יודלען פאר צרות דיא גאל שיעור צוזעצט.
נעהמט ווידער זיין טאָרבע, זיין שטעקען צום לעצט.
און בלאָנקעט זיך ארום אהין און אהער,
וויא א שעפעלע נעבעך, און וויא א גר.
ער וואנדרעוועט נאר אהן א סוף, אהן איין עק.
וואָהין ער קומט, טרייבט מען איהם נעבעך אוועק

105) בכל דור ודור היו עומדים שוטנים על התלמוד לכלותו ולשרשו באש, כמו גרעגאר הרביעי, אינאצענץ התשיעי, בענעדיקט הי״ד. גם הצורר יאהאן פפעפערקארן, וכדומה עוד הרבה, המנוים בספרי הקורות יאסט וגרעטץ.

צו וועלכער שטאדט ער קומט הערט צר איין לידעל :
געה ווייטער, דאָ טאָרסט־דוא נים זיצען אידעל !
בעדארף ער אויף דעם וועג איבערגעהן א בריק,
זאגט מען : צאָהל אידעל, אלא ניין, געה צוריק.
בעדארף ער וואנדערען ערגעץ דורך איין אָרט,
בעצאָהל יודעל, בעצאָהל ! הערט ער אלץ איין ווארט.
ער האט געקענט אין איין טאג עטליכע מאל
פאר זיך צאהלען וויא פאר א קוה דעם „לייבצאהל“. 106
אז ביי זיך צו נעכטיגען לאזט איהם איינער,
צאהל געלט, זאגט ער, פאר אויסגלייכען דיא ביינער.
בעצאהל „שוצגעלד“ טאקי דערפאר וואס דוא זיצט,
וואס איך זעה דיר דא פאר מיינע אויגען איצט. 107
הכלל איז אין איטליכען אָרט אויף דער וועלט,
הערט ער אלץ שרייען : יודעל גיב געלט, גיב געלט.
יודעל גיעב געלט, פלעגט א מאל איינער זאגען,
אויב נים וועל איך דיך הארגענען, טויט שלאגען. 108
יודעל גיב געלט, פלעגט זאגען דער אנדערער,
ועסט־דוא זיצען ביי מיר, ניט זיין א וואנדערער.
יודעל, פון דעם וועג מיעד, שלאף צובראכען,
האט, אבי צו רוהען, אלסדינג פארשפראָכען.
האט ער אבער דאָרט גערוהט ? איז דיא פראגע,

---

106) את „לייבצאלל“ שלם כל איש יהודי בדרך, בבואו ממקום אחר למקום אחר. איין ארמער מאן, פאטער פאָן קינדערן, דער זיך פאן דעם פערקויפע אלטער קליידער ערנעהרטע, צייגטע פיר 5 און א האלב גולדען צאלצעטעל אויף, דיא ער א. ז. וו. ענטריכטען מוסטע בינגען 6 טאגען... זא קאם ער אם ענדע צו זיינער בראָדלאָזע פאמיליע ניכט נור מיט ניכטס, זאָנדערן נאך מיט 2 טהאלערן שולדען“. איזר. געשיכט. הערכט ז. 155.

107) היהודים היו משועבדים למלך בגופם ובממונם והיה ביכלתו לעשות בם כרצונו, שלכך נקראו : „קאמערקנעכטע“ והמכס הגדול אשר גבה מהם נקרא „שוטצגעלד“, ר״ל בגלל אשר ישבו בארצו ויחסו בצל כנפיו. שם 126. 108) ראה שם „יאגד נאך דעם פערמעגען“ פאראגראף 4.

זיין ! ביסער, פינסטער איז געווען זיין לעבען.
יודעל האט מיט דעם נאָז געאַקערט דיא ערד,
געגאַנגען אין דעם יאָך נעבעך וויא א פערד,
זיך געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנד, געמאַכט דיא קינץ,
וויא אזוי צו דערטאַפּען דאס ביסעל מינץ.
מען בעטראַכט איהם פאר א מעלקענדע קיה,
דער פריץ מעלקט איהם, וויל לעבען פון זיין מיה.
יודעל ווערט א קיה, אויף קעז און אויף פוטער!
ער גיט מילך, איהם אבער גיט מען קיין פוטער,
מען פערטרייבט איהם אין א בעזונדערען אָרט, 109
אין מיסט אין בלאָטע וואַלגערט ער זיך דארט
הינט קריכען דורך דעם צובראָכענעם טויער,
פאַלען אויף איהם אָן, חאַפּען איהם ביים אויער. 110
ווערט ער יאַלאָווקע מיט ליידיגע אייטער,
טרייבט איהם נעבעך דער פריץ ארויס ווייטער.
ער געהט, געהט, קוים וואס ער פלאָנטעט מיט דיא פיס
וועלכער עס בעגעגענט איהם, גיט איהם א ביס.
יודעל גיב געלט, זאגט ווידער איין אנדערער,
וועל איך דיר לאָזען ביי מיר זיצען וואַנדערער,
בכדי פון וועג אויסצורוהען א ביסעל,
זאגט ער צו, און בלייבט ביים פריץ אין שליסעל.
זיצט ער דארט חאטשע רוהיג ? אבער גאר ניין,
דער פריץ וויל פון איהם אפּלעקען א ביין.
יודעל ברעכט דעם קאָפּ און פאלט אויף הסברות,
טהוט, האנדעלט, געהט ארום אין איינע צרות,

---

109) געטאָ אָדער יודענגאַססע. ממאה חעשתי עשרה החלו מלכי איטאליא צרפת ואשכנז להושיב את היהודים ברחוב מיוחד ולכלוא אותם שמה כמקנה בקר. בערב סגרו שער הרחוב מבוא ונפתח בבוקר. 110) ובכל זאת היו מתפרצים שמה שודדים מדלת העם לשלול שלל ולבוז בז ועשו ביהודים כרצונם. שם ז. 153. וכמה מעלות טובות לארצנו אמעריקא, עלינו, אשר בה לא סבלנו ולא ידענו את כל הרעות והתלאות האלה, לפיכך אנחנו חייבים להודות לה ולאהוב אותה בכל נפשנו ובכל מאדנו.

עך לויפט אהער, לויפט אהין און מאכט דיא קינץ
וויא אזוי צו בעקומען דאס ביסעל מינץ.
מען צווינגט איהם נעבעך צו מאכען מיט דער רייף.
זיין גראשען איז כשר, יודעל נאר איז טרייף.
אונזער יודעל ווערט דאס כפרה הינדעל,
ער גיט געלט און איהם פאטערט מען מיט שווינדעל.
מען לאזט איהם ניט אטהעמען, ניט לעבען פריי,
יודעל איז, זאגט מען, א שווינדלער, א שאחריי.
דערפאר גנה אנגעטאהן אין א מין שמאטע,
אויף דעם רוקען נעה, זיי מוחל, צו א לאטע, 111
טראָג דערצו אויף דעם קאָפּ א ציגען שווענצעל, 112
אין דעם זינג מה־יפית, און גנה א טענצעל.
אין דעם דערקענט איהם איטליכער בעזונדער,
נעהט ער אין גאס לויפט מען אויף זיין בייז וואונדער.
מען שרעקט מיט איהם א קינד, וויינט עס ביי וועמען,
שא, שא! יודעל וועט דיך אין טאָרבע נעהמען,
ציט! ווענסט־דוא הלילה טאהן נאך איין געשריי,
וועט דיר גאָר אויפעסען יודעל חאלעמייא! 113
אז דער פריץ זוינגט יודלען אין גאנצען אויס,
בעט ער איהם שעהן מחילה און טרייבט איהם ארויס.
יודעל גיב אויף הוצאות, יודעל גיב געלט!
שרייט א חאליאסטרע, וואס שלעפּט זיך אין דער וועלט.
וואָס זאָגסט דוא אָן צום פעטער רב ישמעאל?
מיר געהן פון דאנען קיין ארץ־ישראל! 114

---

111) להבדיל את ישראל מכל העמים לחרפה ולבושת גזרו שיהיו מצוינים כעבדים במלבושיהם ולעשות סימנים מיוחדים על בגדיהם מצבע צהוב או אדום. העכט ז. 154. 112) בצרפת גזרו על היהודים בשנת 1272 לשאת קרן בכובע. שם שם. ובספר צמח דוד חלק ראשון כתוב: בשנת רנ"ו נצטוו בני עמנו בעיר וויניציא לשאת על ראשם כובע צהוב. גם בגדי היהודים בפולין והשטרייטיל היו נשואים עפ"י הגזרה המפורסמת. ולזאת עלינו להודות לממשלתנו הנדיבה אשר מעולם לא הבדילה אותנו לחרפה ואדרבא כל ישעה וכל חפצה כי נלבש בגדי חופש, לבלתי יהיה שם ישראל לגדופה. 113) היא עלילת

אין ווען וועלען מיר זיין ביי דיין משפחה,
מיר ווילען ביי זיי נעהמען זייער ברכה.
מיר וועלען חלילה זיי נישט פארשעהמען,
נעהן און זייער ברכה פריהער נישט צונעהמען.
מיר נעהן דאוונען דארט אין דעם היילינגען לאנד,
קומט דאך אונז יודעל, עפּעס געלט אין דער האנד.
נעהמען ביי איהם צו דאס לעצטע שטיקעל ברויט,
שלאגען איהם נאך גאנץ גוט, מאכען איהם דעם טויט.
שרעקליך קויטיג, פארשמירט, יודעל, איז דיין לייב,
זאגט איהם איינמאל א פריץ מיט זיין פרום ווייב, 115
דוא קענסט נאך איטליכען ביי מיר איינשמירען,
מען מוז דיר חלעבען אין באד אריין פיהרען.
דער גרויסער בעדער דענסמאל טארקוועמאדע, 116
האט אויסגעהייצט זיין בעדיל *) מיט פאראדע—
א בעדער איז ער געווען א געטרייער,
דיא היטץ אין זיין בעדעל געווען היים פייער,
האלץ האט ער נישט געהאלטען אונטער דעם שלאס,
אויסגעהייצט אין איינמאל מיט א גאנצען סטאס—
טארקוועמאדע א קאטאוועס, ער אליין,
האט מיט זיין כבוד אויפגענאסען אויפ'ן שטיין.
עס איז געווארען א פארע וויא א רויך,
און אויף דער גאנץ אויבערשטער באנק אין דער הויך,

---

דם. שהאשימו את היהודים כי שוחטי הילדים הם. 114) ר"ל מסע הצלב (קרייצציגע) לארץ הקדושה בדורות הפינים, ואמרו הנוסעים, עד שאנחנו הולכים להכרית האויבים הרחוקים נכרית נא לראשונה את היהודים אויבינו שבארצנו, ואז סבלו היהודים מאד כנזכר בכל ספרי הקורות, ועיין ביחוד בס' דברי הימים, מאת החכם הקדמון יוסף הכהן הספרדי. 115) הוא פערדינאנד הקנאי מלך ספרד ואשתו איזאבעללא הידועה, אשר בחשבם כי היהודים יטמאו את ארצם התעיבו עלילה להעלותם על מוקדי אש בזמן האינקוויזיציאן שיסדוהו המה ואח"כ כלה גרשום מארצם. 116) הוא הגראסאינקוויזיטאר טהאמאס פאן טארקוועמאדא שחי בזמן ההוא והצר ליהודים עד מאד. יאסט אללג. געשיכ. ז. 401 והלאה. *) אויטא־דע־פע.

אויסגעצויגען מחילה אונזער יודלען באלד,
און איהם דארט געפּארעט דיא ביינער מיט גוואלד.
יודעל נעבעך שרייט געוואלד, עס שארפעט, אי, אי.
ווער הערט דיך, זאגט דער בעדער, נישקשה שריי,
לאָז שרפענען, ברענען, שווייג נאר, יודעל שוויטץ.:
מען דארף נאָך אונטערגעבען א ביסעל היטץ.
מענשעלעך שטעהן אַרום און לאַכען אַלע,
וויא מען פּארעט דאָ יודלען נאפּראפּאַלע.
יודעל, לאַכען זיי, וועט דיא באָד געדיינקען,
ער וועט נאָך אזא היטץ חלעבען לאנג קריינקען.
פּריצים פלעגען אין יענער צייט שפּאס טרייבען.
זייערע שטוקעס איז נישט צו בעשרייבען.
פלעגט א מאָל חאפּען איינעם פון דער גאַס,
און איהם דיא נשמה ארויסנעהמען אויף שפּאס.
באָד־געלט, יודעל, האט מען געשריגען גאנץ שטארק,
לאָז אונז דיינע זאַכען און גאַ דיר אין קארק.
מען האט יודלען דארט דיא הויט אפּגעריבען.
דערנאָך נאַקעט און באָרפיס ארויסגעטריבען. 117
אזוי האט יודעל געמוזט אַלץ וואַנדערען,
כסדר פון איין פּריץ צו דעם אַנדערען.

---

117) הוא גירוש ספרד. כתב השר דון יצחק אברבנאל בתחלת ספר מלכים וזה לשונו: בשנת מזר״ה ישראל לכד מלך ספרד כל מלכות גראַנאַדאַ... יצא דבר מלכות ודתו: לכון אמרין כל משפחות בית ישראל כי תעברון מים ותסגדון לאלהי הגוים טוב הארץ תאכלו, ואם תמאנו קומו צאו מתוך עמי, מארצות ספרד.... וכמשלש חדשים לא תשאר פרסה וילכו בלא כח שלש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו״. והחכם יאסט כתב בספרו אללג. געשיכטע דעס איזראל ז. 402 ,,דאס עדיקט פאָם 31 מארץ 1492, וועלכעס זעמטליכען יודען דעס לאנדעס בעפאהל, בינגען פיער מאָנאַטען דאס לאנד צו ריימען, אהנע יעדאָר גאלד אונד זילבער מיטצונעהמען״. חכונת בהתיסדות האוטאָ־דע־פע היתה להתעולל על בעלי נכסים מופלגים ולקחת מהם את נכסיהם.

איצט ערשט האט יודעל פארשטאנען זיין חלום,
א מאָל בשעת ער איז געזעסען בשלום.
ער איז מקוים געווארען, האט ער געדאכט,
און פון זיין לעבען א חד־גדיא געמאכט.
דער חד גדיא איז געווארען זיין לידעל.
אזוי האט טרויעריג געזונגען אידעל:

חד גדיא. חד גדיא!

עס חלום'ט זיך מיר א מאָל אין שלאָף,
גדיא פון א מענשען ווער איך א שאָף.

חד גדיא. חד גדיא!

אין דער מדבר דאָרטען זיך פאראירט,
האבען מיך א טשאטע וועלף דערשפירט.
זייערע שארפע ציין און פון דיא אויגען
פונקען פייער שרעקליך געפלויגען.

חד גדיא. חד גדיא!

ויא זיי נעהמען מיך אָן ביי דעם עק,
קומט א פריציל חאפט מיך אוועק.
מיך געמאָלקען, מיין מילך געגעסען,
צו פיטערען מיך גאָר פארגעסען.

חד גדיא. חד גדיא!

קומט א דוקעס'ל מיך אוועקגעפיהרט,
מיך געשאָרען, מיט מיין וואָל זיך געצירט.
אָן מיר אליין זיך גאר פארגעסען,
צו געבען מיר א שטעלכען און עסען.

חד גדיא. חד גדיא!

קומט א בעדעריל פיהרט מיך אין באָד.
מיין קויטיגע וואָל איז איהם א שאָד.
וואשט מיך, שערט מיך, קיין האָר פארגעסען.
לאָזט מיך נאקעט, הונגעריג אָהן עסען.

חד גדיא. חד גדיא!

קומט א קצב׳ל קריגט מיך אהער.
מיך אויסגעטאפט פון קאפ ביז דעם עק.
צו פיטערען מיך נישט פארגעסען,
כדי פעטערהייט מיך אויפצועסען.

חד גדיא. חד גדיא !

קומט א שוחט׳על חאפט מיך ביים קאפ,
מיך אנידערגעלייגט וויא א סנאפ.
שטרעקט מיין העלזעלע אויס, פליקט פליק, פליק.
נים א פיהר דעם חלף און מאכט חיק.

חד גדיא. חד גדיא !

הערענדיג יודלען דעם חד גדיא זינגען,
קען מען פשוט פון דער הויט ארויסשפרינגען.
אין זיין ניגון הערט זיך טרויער, זעהר פיעל שמארץ,
איטלעכס ווארט זיינס נעהמט פשוט ארויס דאס הארץ.
אין זיין ניגון׳דעל הערט זיך א שטיל געוויין,
עס קען חלעבען ריהרען אפילו א שטיין.
עס שטעלען זיך קאפויר דיא האר פון דעם קאפ,
און עס נעהמט ביי איטליכען דאס לשון אפ.
עס הערט זיך וויא שלאפע קינדערלעך קלאגען :
פאר וואס איז אונז געקומען אזוי שלאגען ?
פאר וואס איז געקומען אין פנים א שפיי,
אז מיר האבען זיך געשפילט אביסעל פריי ?
עס הערט זיך וויא א מאמע בעוויינט איהר קינד.
מען בעגראבט דיך אין דער ערד, וועה מיר און ווינד !
מען בעגראבט דיך אין דיינע בעסטע יאהרען,
וועה מיר, וואס האב אזא גוט קינד פארלארען !
עס הערט זיך וויא א פארוואגעלטער חליפעט.
דאס לעבען איהם נמאס, קוים וואס ער זיפעט.
הערט מען אונזער יודלען זינגען צו צייטענס,
דאכט זיך חלעבען, ער וויינט גאר פון דער וויטענס.
זיין געזאנג איז א וויינען טאקי חלעבען,
ער האט געגט צו וויינען אין זיין לעבען.

יודעל איז טרויעריג, קוקט וויא א גולם,
ער לעבט וויא אין חלום, ניט אויף דעם עולם.
זיין לעבען דא האט ער אין יסורים פארבראכט,
וואס דארטען, דארטען טהוט זיך, זיצט ער און טראכט.
ער טראכט פון עפּעס אזא מין קעניגרייך,
וואס דארט קען ער לעבען גליקליך לייטען גלייך.
ער בויט זיך דארט אויס וואונדערליכע שלעסער,
איין שלאָס פון דעם אנדערן שעהנער גרעסער.
רייכער און שטארקער פון אלע איז ער דארט.
טויזענד משרתים וואַקסען אויס, זאגט ער א ווארט.
משרתים, אזעלכע נישט בנמצא אויף דער וועלט,
נישט צו בעקומען ערגעץ פאר גאר דאס געלד.
איטליכער משרת נאָר א שפּירט, א פייער.
יעדער האט ארבייט, דיא צייט איז זיי טהייער.
אך, וויא וואונדער שעהן זיי גרייטען איהם צום טיש!
ברייננגען איהם גוטען וויין, געבראָטענס און פיש. 118
ער ליגט צולייגט וויא ביים טאַטען אין וויינהויז.
ארום איהם דיא גרעסטע מיוחסים פון קלויז.—
פון פיעל צרות און רדיפות אין זיין לעבען,
פון א סך טראכטען און אין דער לופט שוועבען,
האט ביסלעכוויים זיך פארדרעהט איהם דער מוח
און ליגט אצונד טויט קראנק נעבעך אהן כח.

## טז.

א פינסטער שטיבעל אויף א הינערש פּיסעל,
מהיר און טויער פארשפּארט, אהן לופט אביסעל.
נישט געוועז אָפען אפשר א יאהר הונדערט,
ערגעץ אין א העק, פון לייט אפּגעזונדערט.

---

118) בבא בתרא ע״ח א׳, סנהדרין צ״ט א׳, בפיוט אקדמות ובכל המקומות הנרשמים האלה יתואר ענין גן העדן וסעודת היהודים מן שור הבר לויתן ויין המשומר.

דאס האט מען פאר יודלען אויסגעוועהלט איין אָרט.
אין געהאקטע וואונדען קראנק צו ליגען דארט.
דעם געזונטען מענשען טיעף צו בעגראבען,
הייבט דיא וועלט אָן קראנקערהייט איהם ליעב האבען.
גיט איהם א בעט, אז טהוט איהם וועה איין אבר,
שטארבט ער, גיט זיא איהם א בעזונדער קבר.
דיא וועלט איז חלעבען פארט ניט אזוי גראָב שלעכט,
ס׳איז אין איהר דא רחמנות יושר און רעכט.
דאקטוירים האט ביים הארצען אנגענומען,
צו בעטראכטען יודלען אלע געקומען.
עס האבען, פון וואנען דיא וועלט האט איין עק,
צו איהם זיך אפגעריסען אלערליי שלעק.
אי גוטע דאקטוירים אי שארלאטאנעס.
עס זיינען געקומען רופאים מיט קאנעס.
דאקטוירים פון דעם אלטען און נייעם שניט,
קאנאוואלען אויך געקומען אין דער מיט.
קורץ צו נעהמען יודלען אין דער קוראציע,
קומען דאקטוירים פון איטליכער נאציע.
אם מיינסטען קומען דייטשעשע דאקטוירים,
דייטשעשע רופאים, יונגאטשעס, חמורים. 119
אויף דיא קאנסילעמס וואס זיי פלעגען מאכען,
האט מען זיך נישט אויסגעגליכט אין פיעל זאכען.
איטליכער האט זיך אויסגעטראכט פון דעם קאפ,
וואס יודלען מאנגעלט און וואס יודלען געהט אָפ.
וואס פאר א רעצעפט מען דארף איהם פארשרייבען.
מיט וואס מען בעדארף זיינע ביינער רייבען.
חאטש ער איז געוועזען אויף יודלען א מבין,
טאקי אזוי וויא א חזיר אויף הייוזען.
איין דייטש, יודלען גענומען ביי דער פאה,
האט געזאגט חלעבען ער איז חסר־דעה.
עפעס פלוידערט ער, רעדט ווערטער גאר נייע,

119) דיא דייטשע ליטעראטור איז דיא רייכסטע אן שטעהשריפטען געגען יודען. גרעטץ געשיכטע דער יודען 11 באנד ז. 612 נאטע 4.

שפאקעלט זיך זעהר און שרייט אמר אפי.
ער רעדט וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען,
און א גאנצער יש בייזיך אין דיא אויגען.
דיא בעכטע רפואה, קאלעגעס, ווען דאס זיין:
נעהמט זעצט יודלען אין א ביט וואסער איין.
טוקט איהם אין וואסער עטליכע מאל אונטער,
נעהט ער ארויס א פרישער, א געזונטער. 120
ניין, ענטפערט איהם א דייטשער פראפעססאר,
עס וועט ניט העלפען קיין וואסער גאנצע פעסער.
דאס וואסער אומריין צו מאכען איז א שאד.
צווייטענס, וועט איהם נישט העלפען דיא באד.
קאלט וואסער קור איז היינט אויס דער מאדע,
איך האלט בעסער פון דער הייסער מעטאדע:
מען בעדארף איהם אין געוואנד ארייננשטעקען
און פראשעקלעך פולווער איהם געבען שמעקען 121
חלילה! שרייט איינער, דאס איז ניט קיין קור.
דאס איז אקוראט געגען יודעל'ס נאטור.
מיר איז בעסער בעקאנט יודעל דער פאקטער,
פולווער שמעקען איז נישט אין זיין האראקטער. 122
נאך א דאקטאר האט יודעל'ס דפק געטאפט,
מיט א קולאק זיין ברוסט, זיין רוקען געקלאפט.
מיט אונזער קראנקען, זאגט ער, שטעהט עס ניט גוט.
ביי יודלען איז שרעקליך פארדארבען דאס בלוט.
עס זאל איהם ניט זיין קיין חרפה, קיין בושה,
דאס פארדארבענע בלוט האט ער בירושה.
זיינע עלטערען זיינען דערפון געשטארבען,
וואס ביי זיי איז געוועזען דאס בלוט פארדארבען,

---

120) אלה הם דברי פריעדריך ריהם מורה דברי הימים בהאקאדעמיא אשר בברלין. שם ז. 332. 121) אלה דברי פריעדריך בוכהאלץ, גרעטץ שם ז. 261, ומצאתי לנחוץ להעיר כי אין מוקדם ומאוחר בספרי בסדר המשפטים והמליצים שיבאו בה. 122) הדברים האלה דבר יאהאן דוד מיכאעליס, פראפעססאר בגעטטינגען. גרעטץ שם ג. 29.

פון דער קראנקהייט אלע בעסטע סימנים,
האט מען נאך לאנג געזעהן אין יודעל'ס פנים.
גענען דער גאנצער וועלט האט ער געהאט האס,
גערעדט תמיד מיט גאל, פון דער פוסטע פאס.
איהם פלעגט שטענדיג ניט געפעלען יענעמס גאנג
און אליין איז ער געגאנגען שלינג און שלאנג. 123
דער דאקטאר האט מיט דער האנד געטאהן א פאטש,
איז באלד געקומען א רופא, א יונגאטש. 124
מיט אלע קליפערגעצייג א גאנץ זעקיל:
פיאווקעס, א לאנצעט און באנקעס א פעקיל.
האט זיך געאיילט, געוואלט ניכער פארחאפען,
מיט אלע כלים יודעל'ס בלוט צו צאפען.
הערט נאר קאלעגעס, וואס איך וועל אייך זאגען:
יודעל האט גאר קאלע געמאכט דעם מאגען.
האט זיך אנגערופען נאך א פראפעסער.
יודעל איז בטבע זעהר א גרויסער פרעסער.
פרעגט אלע מענשען אין לאנד וואס זיינען דא,
וועט איהר הארכען, אזוינס וויא ער איז ניטא.
ביי יעדען פלעגט ער דעם מיטאג אויסנארען,
ער פלעגט עסען און יענער געבעך דארען.
ער האט אזוי וויא אין א צדקה־פישקע,
אריינגעלייגט יענעמס גוטץ אין זיין קישקע.
האט אויסגעזוכט עסען פון אונטער דער ערד,
מיט יענעמ'ס ווארמעס זיך געשטאפט וויא א פערד.
ער איז וויא א היישרעק נישט געווען זאט,
דיא וועלט האט פון זיין הונגער צרות געהאט.
מיין דעה איז, מיר זאלען איהם פארשרייבען
א שארף מיטעל, וואס עס זאל איהם גוט טרייבען
טרייבען, דאס איז בעסער פון אלע זאכען,

---

123) דברים קשים כאלה יצאו מפי השופט הריסטיאן לודוויג שהיה ראש המשטינים. גרעטץ שם ז. 256. 124) הוא הצורר הגדיל והבלתי מלומד כן כתבריו הראשונים גראטטענאוויער, הוא כתב ספרי פלסתר הרבה על היהודים. גרעטץ שם שם.

מען דאַרף חלעבען יודלען אַ קאַנע מאַכען. [125]
טרייבען איז טאַקע גוט, האָט געזאָגט מיט נאַל,
אַ געריהמטער שאַרלאַטאַן אַ קאַנאַוואַל.
בלוט לאָזען איז חלעבען אויך אַ גוט מיטעל,
עס שאַדט אויך ניט פון קראַטקע וויק אַ ביטעל.
מהיכי־תיתי מען דאַרף פּרוּוען יעדע זאַך,
מיין מיטעל אבער איז נאָך בעסער אַ סך.
ס'איז בעקאַנט, ליידיג געהן איז דיא גרעסטע זינד,
דורך דעם טאַקע איז יודעל אויך קראַנק אַצינד.
ער האַט, קוקט נאַר אויף איהם מיט מיינע אויגען,
זעהר פיעל פּעהלער דערמיט זיך צוגעצויגען.
דריבער בעדאַרף מען איהם פאַרשיקען העט וויט,
אויף דיא קאָלאָניעס צו אַרבייטען אַ צייט.
אז מען זאָל קוקען ווייטער אין תוך אריין,
בעדאַרף מען איהם נאַר פּשוט אויף מסרס זיין.
אַרבייטען געשמאַק אַן דיא אָפּעראַציע,
זיינען פאַר יודלען דיא בעסטע קוראַציע.
ער טאָר זיך ניט פּרוכפּערן, טאָר ניט זיין בעווייבט.
אַזוי טהייערע קאָלעגעס אַזוי בלייבט. [126]
פון יודעל'ס קראַנקהייט איז דער קאָפּ מיר שוין דול,
זאָגט אַ דאָקטאָר, וואָס דיא וועלט איז מיט איהם פול, [127]
שיקט איהם האַטש קיין ארץ־ישראל, צום זאַטער,
אַבי מען זאָל ווערען דאַ זיינע פּטור.

---

125) כדברים האלה הגיד הצורר הרע י. פ. פריעס. אַם גיפטיגסטען ווער דיא שריפט איינעס אַרצטעס אונד פּראָפּעסאָרס דער נאַטור וויסענשאַפטען אין היידעלבערג: י. פ. פריעס: „געפעהרדונג דעס וואָהלשטאַנדעס אונד חאַראַקטערס דער דייטשען דורך דיא יודען". גרעטץ שם ז. 344. 126) ככל הדברים האלה דבר איש צר ואויב הונדרטראַדאָווסקי בספרו „יודענשפּיגעל". עצתו היתה: מאַן פערקויפטע איזראַאלס קינדער אַן דיא ענגלענדער, וועלכען זיא שטאַטט דער שוואַרצען אין איהרען אינדישען פּפלאַנצונגען געברויכען קענען, דאַמיט זיא זיך ניכט פערמעהרען זאָלטע מאַן דיא מענער עכטמאַנגען אונד איהרע ווייבער אונד מעכטער אין שאַנדהייזערן אונטערבריינגען. גרעטץ שם ז. 361. 127) הנא הפילוסוף פיכטע. שם 349.

## טז.

וויא דיא דאָקטוירים האבען דא אלץ גנעקלעהרט,
האט אין שטיבעל דערוויל א קרעבץ זיך געהערט.
יודעל, שטאַרק פארדולט געלעגען ביז אהער
האט איצט איין אויג געעפענט אביסעל שווער.
ער האט פאר שלאָפקייט נעבעך קוים געזיפצעט,
אין הארצען האט ביי איהם שרעקליך געחרפיעט.
האט רחמנות, בעט ער און עפענט דיא טיהר,
לאָזט פרישע לופט אביסעל אריין צו מיר.
שענקט מיר אביסעל לופט, עפענט דיא טיהר גיך.
עס נודעט, עס דושעט, עס שטיקט און ווארגט מיך.
ווארט, זאגען דיא דאקטוים, ווארט יודעל, ווארט.
דוא מוזט יודעל, זאגען מיר, ליגען פארשפארט.
אומזיסט דיין בעטען, דיא שיין מוז זיין פארשטעלט.
דוא טארסט ניט קוקען אויף דער ליכטינגער וועלט.
מיט ריידען יודעל וועסט־דוא ערגער מאכען,
ליג שטיל, מיר האבען פיינט אזעלכע זאכען.
האט האטש רחמנות, גיט מיר אביסעל יויך,
בעט יודעל ווייטער און חאפט זיך אָן ביים בויך.
דערבאַרעמט זיך מענשען, האט חס אויף איין אלטען
גיט מיר עפעס דיא נשמה צו דערהאלטען!
דאָס איז, זאגען דיא דאקטוירים, א פעהלער,
וואס דוא פארלאַנגסט אלץ עסען יויך א טעלער.
חלילה יודעל, מוזט זיך ניט פארגעסען,
דיר טאָר מען בכלל נישט געבען עפעס עסען.
ווער רעדט פליישיקס קען דיר שאדען שרעקליך פיעל,
בעט נאר נישט יודעל ליג חלעבען רוהיג שטיל.
וויינינגסטענס, דאָקטוירים, זאגט מיר דאס ניט אָפּ.
בעט יודעל רחמים און חאפט זיך ביי דעם קאָפּ.
לאזט מיך האטשע מיין הויזגעזינד זיין געטריי,
לאזט מיך האָטשע מיט מיין ווייב און קינד ריידען פריי.
לאזט מיך האטשע זיי דריקען צו מיין הארצען,

זאל איך פארגעסען מיין וועהטאג און שמארצען.
לאזט מיך זיי האלזען אין מיין ביטערער נויט,
לאזט מיך לעבען זיי חאטש געפינען דעם טויט.
דערווייטערט פון מיר נים מיין ווייב און מיין קינד,
זיי אָפּט צו זעהן, רעכענט מיר נים פאר א זינד.
מאך, זאגען דיא דאקטוירים, קיין הויות.
דאס ווייב, יודעל, נעהמט ביי דיר צו דאס חיות.
שא, רייד נישט קיין נארעשקייט, ליג בעסער שטיל.
דול חלעבען קיין קאָפּ נים און טענה נים פיעל.
יודעל האט א מאך געגעבען מיט דער האנד,
און מיט א קרעכץ זיך אומגעקעהרט צו דער וואנד.
זיין אָפּען אויג האט ווידער זיך צוגעמאכט,
און איז געבליבען ליגען שטארק אָפּגעשוואכט.
דער קאָפּ זיינער האט געברענט געגליהט פאר היץ,
זיינע געדאנקען געפלויגען וויא א בליץ.
פון דעם מויל האט ארויסגעשלאגען א שוים.
ער האט גערעדט אזוי וויא איינער פון טרוים.
יודעל רעדט בייבערעק, גאר נישט צו דער זאך,
האבען דיא דאקטוירים געזאגט מיט א לאך.
איז תמיד געוועזן א שוטה, זעהר פארפיהרט,
פון אייביג אָן האט ער שרעקליך פאנטאזירט.
פון אייביג אָן געהאט מיט ווייב א פול מויל.
אלץ ווייב, ווייב, און צום ארבייטען געוועזן פויל:
איז א פארקלאָגטע נשמה פון אייביג אָן,
בעשטענדיג האָט מען מיט איהם אלץ וואס צו טאהן.
דיא דאקטוירים ריידען איבער נאָך א מאָל,
און נאָך א סך טענות, ווערטער אָהן א צאָהל,
איז צווישען זיי געבליבען, אז לאָזען בלוט
איז פאר יודלען דערווייל לכל הדעות גוט.
לעת־עתה זאל מען קיינעם נישט פארשעהמען.
איטליכענס רעצעפּט פריווען אָנצונעהמען.
דיא רופאים זיינען פון שמחה געוועזן זאט,
איטליכער פון זיי האָט דאָך פיאווקעס געהאט.
יעדער רופא איז תמיד איבערגליקליך,

אַנצהעסטצען פיאווקעס עטליכע שטיקליך.
ער וועט יענעם דאקטאר אייבינג טריי דינען,
וואס דורך איהם קען ער פון פיאווקעס פארדינען.
וויל א דאקטאר, דיא שטאָדט זאל פון איהם קוועלען.
מח ער דעם רופא הייסען פיאווקעס שטעלען,
איך קען א דאקטאר וואס לעבט אין גרויס נחת,
דערפאר, וואָס ער איז מיט׳ן רופא יד־אחת.

## יז.

פלוצלים אין מיטען דעם גרויסען געטימעל,
איז אראפגעפאלען וויא פון דעם הימעל,
איין זעהר געריהמטער דאקטאר א האָרבאטע, 128
וואס האט בעהאנדעלט קראנקע וויא א טאטע.
וואס זיין גוט הארץ, זיין דימענדיגע נאטור,
איז פאר דיא קראנקע געוועזן דיא בעסטע קור.
מיט איהם איז אויך געקומען זיין חבריא, 129
אלע גוטע דאָקטוירים, זעהר געטרייע.
אריינקומענדיג צו יודלען אין שטיבעל,
איז זיי אויף דעם הארצען געוואָרען איבעל.
אנקוקענדיג איהם דיא פארשימעלטע וועגד,
האבען זיי פאר צער געבראכען דיא הענד.
יודעל נעבעך דאר קוואר וויא א צוים שטעקיל,
ארום איהם, וויא לייבען, רופאים א פעקיל.
דער צוקאָראדאשעט איהם נעבעך דאס לייב,
יענער גיט איהם איבער דיא ביינער א רייב.
דער, וויל איהם אריינזעצען אין א וואנע.
דער אנדערער האפט און מאכט איהם א קאנע.
אין שטיבעל דושנע, צום דערשטיקט ווערען הייס.
יודעל אָטהעמט ניט קיין לופט, געהט אָפּ מיט שווייס.

---

128) הוא החכם הנודע הרמבמ״ן המכונה מענדעלזאָהן. 129) לעסינג, דאהם, ניקאָלייא, דיעץ, יאָהאָנעס פאָן מילער, מיראַבאָ ודומיהם עוד הרבה.

עס האט דעם הארבאטע דאס הארץ געריסען,
פאר וואס מען זאל אומשולדיג בלוט פארגיסען.
פאר וואס מען מאטערט יודלען א לאנגע צייט,
און נישט צו וויסען וואס זיין קראנקהייט בעטייט.
זיך גענומען שווארץ אויף ווייס צו בעווייזען,
אז יודעל איז גאר בטבע געזונט אייזען.
נאר דיא דאקטוירים זיי פארדרעהן איהם דעם מוח
און נעהמען ביי איהם צו דעם לעצטען כח.
פרישע לופט און פריי עטעמען אין דער וועלט,
וואלטען איהם גאנץ געוויס אויף דיא פיס געשטעלט.
זייער פארשרייבען איז נים ווערטה קיין פיטאק,
עס מאכט איהם נאר קראנק און פארדארבט זיין געשמאק.
דער דאקטאר וואס געהט אקעגען דער נאטור,
ער אליין איז קראנק און דארף האבען א קור.
אך, זאגט נאך איינער צו יענע דאקטוירים,
איהר אלע זיינט דאך נאר פראסטע חמורים.
איהר האלט נאך רפואות פון דיא אלטע צייטען,
וואס מען מוז זיי אויף בעסערע פארבייטען.
אין אונזער צייט איז א מענש מעהר נים קיין שפיל,
יעדער דאקטאר זאל מיט איהם טאהן וואס ער וויל.
יודעל, זאגט איהר, איז קראנק, נים ווערטה קיין העכער.
איהר מאכט איהם קראנק, פון אייך האט ער א פעהלער,
פריווט חלעבען לייגט אייך אויף זיין ארט אנידער,
וועט איהר פיעל ערגער נאך קראנקער ווערען ברידער. 180
עס האט זיך ארויסגעשטעלט וויא א מלאך,
אויף א פראנצויזישער דאקטאר א גלח.
אך, האט ער געשריגען, שוין טאקי גאנץ לאנג
פארניפטעט איהר יודעל'ס לעבען וויא א שלאנג.
ווער גיט אייך דאס רעכט, בין צו וויסען גערען,
איהר זאלט אויף יודעל'ס בארד זיך לערנען שערען?
וויא האט איהר בעהאנדעלט, ברידער, זאגט מיר גלייך,

---

180) כדברים האלה כתב החכם דאהם בספרו „שוטצשריפט“ להצדיק את בני עמנו. גרעטץ שם ז. 71 והלאה.

דאָס שפּעלע וואס איז געקומען צו אייך,
וואס איז פון טייבען בלוט ארויסגעשוואומען
און מיעד, ביי אייך צו בעטען הילף געקומען ?
דערמיט וואס איהר לאזט עס לעבען אויף דער וועלט,
האט איהר עס נאך גאר ניט צופרידען געשטעלט,
אז איהר נעהמט דאך אוועק ביי איהם טאג טעגליך,
דאס, וואס קען מאכען זיין לעבען ערטרעגליך.
מיינט איהר דען אייער קוראציע אצינדער
אויך לאזען בירושה אייערע קינדער ? . . .
ניין, ווערט בעסער קלינער, הערט וואס דיא צייט רופט,
לאזט איטליכען מענשען פריי אָטהעמען דיא לופט.
נעהמט בעסער דיא נייע מעדיצין אפיר,
עפענט דא אויף דיא פענסטער, עפענט דיא טיהר,
לאָז יודעל נעבעך דיכען, עטעמען פריי,
ווערט ער ווידער געזונט און שטארק אויף דאס ניי.
ווען איהר זאלט געוועזן ליגען אויף יודעלס אָרט,
וואלט איהר, ברידער,מאקי שוין געשטאָרבען דאָרט. 131
איין ענגלישער דאָקטאָר מישט זיך אויך אריין,
יודעל, זאגט ער, איז בטבע דעליקאט, פיין,
ער איז נעבעך איין אָפּגעקומענער פרינץ,
איז איידעל אפילו אָהן א גראשען מינץ.
נישט אייבינ וועט דער טאטע אויף איהם זיין בייז,
וועט איהם פון זיינע צרות נאך מאכען לייז,
וועט גאנץ זיכער דערפילען זיין הבטחה
און איהם צוריק ברייגען צו זיין משפחה,
פריהער, אדער אפשר שפּעטער אביסעל,
וועט דער טאטע איהם אפּגעבען זיין שליסעל.
דעריבער דאקטוירים בעהאנדעלט איהם גוט,
און פאַרניסט איהם ניט אומזיסט נעבעך זיין בלוט. 132

---

131) פּריעסטער גרעגאָאר הצרפתי אחד ממצדיקי עמנו המצוינים הוא כתב כדברים האלה בספר. גרעטץ שם ז. 197 והלאה.

132) הן אלה אך קצות דברים מדברי החכם לעווים וואי האנגלי, ויתר דבריו תמצא בספר. גרעטץ שם ז. 352 והלאה.

אלע דאקטוירים פון ביידע פארטייען,
האבען אנגעהויבען שרעקליך צו שרייען.
האבען איבער יודלען זיך געווערטעלט שטארק,
זיך געזידעלט וויא פראָסטע מענשען אין מארק.
פון זייער געשריי איז דער קאָפּ געוועזען דול,
אלע גאזעטען געוועזען דערמיט פול.
א מאל איז געראָטען דער גוטער פארטיי,
אין יודעלס שטיבעל צו עפענען דיא טיהר פריי,
פרישע לופט אהינצו אריינצולאָזען,
און א פריש ווינטעלע זאל דארטען בלאָזען.
דיא ליכטיגע זון אויך אריינגעשיינט דארט.
ס'איז געווארען פריש, ליכטיג אין יעדען אָרט.
יודעל האט דערפון געזינטער זיך געפיהלט,
זיין וועהטאג געווארען אביסעל געשטילט,
האט געעפענט דיא אויגען געקוקט פרייער,
און איז געווארען א מענש גאר א נייער.
אין מיטען דרינען געראָט יענער פארטיי,
יודעל'ס שטיבעל צו פארשפארען אויף דאס ניי.
עס ווערט דארטען פינסטער און דושנע ווידער,
יודעל פאלט אויף זיין בעטיל שלאף אנידער.
יודעל האט פיעל פערעמענעס *) געליטען,
זיין לאגע וויא דאס וועטער זיך געביטען,
אזוי וויא דאס וועטער אין חודש אפריל:
א רגע א שטורעמווינד, א רגע שטיל.
איז געלעגען אזוי וויא אויף א וואָגשאָל,
און זיך געשאקעלט הין און הער אלע מאל.
דענסמאל גראד האט אין דער וועלט ניט היינט געדאכט,
איין איבערקעהרעניש פלוצלים זיך געמאכט.
מענשען האט עפעס שטארק אין קאפּ געקלונגען,
און פון דיא האלאבלעס ארויסגעשפרונגען.
עס האט ביי זיי אלע זיך פארדרעהט דיא קעפּ,
ארומגעלאפען פריי וויא פערד אויף דעם סטעפּ.

---

*) פערענדערונגען.

דיא דאזיגע קראנקהייט נישט געווען קיין שפיל,
מען האט צו דער אדער געלאזט שרעקליך פיל.
אז דיא קראנקהייט האט זיך איבערגענומען,
זיינען דיא קראנקע באלד צו זיך געקומען,
עס איז געווארען פרעהליך אויף דעם הארצען.
איטליכער האט פארגעסען זיינע שמארצען.
איטליכער געשעפט לופט, געהאט פארגניגען,
אלסדינג האט איין אנדער פנים געקריגען:
עס האט געשפראצט, געבליהט ארום און ארום
מענשען אויפגעריכט געווארען אומעטום,
דיא ברכה האט אויף זיי זיך אויסגעגאסען.
יודעל האט אין זייער זכות אויך גענאסען.
דיא זון האט צו יודלען אויך אריינגעקיקט,
איטליכס אבר זיינס האט פשוט זיך דערקוויקט.
אי ביי איהם אין שטיבעל איז ליכטיג און העל,
איהם בעסער געווארען אין טויזענטער פעל.

## יח.

וואס העלפט עס אבער, אך יודעל מיין ליבער,
אז דוא האסט געבעך גאר א חראָניש פיבער.
דאכט זיך, יודעל ביסט א מענש, געווארען לייט,
רופט זיך דיר פלוצלים דיא קרענק אָפּ אלע צייט.
לאָז נאר א בלאָז טאהן עפעס א קאלט ווינטעל,
לאָז נאר א האווקע טאהן עפעס א הינטעל,
לאָז נאר איינער אויף דיר עפעס קרום קוקען,
לאָז נאר דיא זון אין דיא וואָלקען זיך טוקען,
און לאָז חלילה, לא יבוא ולא יעלה,
אין דער וועלט פינסטער ווערען נאר א ווײלע,
ווערסט־דוא געבעך אויס מענש ווידער צוריק,
ס׳איז אויף דיר א רחמנות צו טאהן א בליק.
יודלען האט ווידצר זיך פאררדרעהט דער מוח,
און ער ליגט דא טויט קראנק געבעך אהן כח
עס קומען נייע מאדנע דאקטוירימלעך,

צווישען זיי אויך שרעקליך פיעל חמורים׳לעך.
דאקטוירימלעך, ערשט ארויס פון דעם חדר,
און ביי זיך קלינער פון איטליכען כסדר.
זיי קענען ניט, ווייסען ניט יודעל׳ס נאטור,
און ווילען איהם נעהמען צו זיך אין דער קור.
בשעת זיי זיינען צו יודלען געקומען,
האבען זיי איהם ביים דפק נישט גענומען,
אי וויא יענע דאקטוירים איהם נישט בעטראכט.
דאס, זאגען זיי, האט מען היינט אונטערגעבראכט.
איהם נאר געהייסען דיא צונג ארויסשטעלען,
יודעל׳ס צונג איז זיי שרעקליך ניט געפעהלען.
האָבען יודלען געמאכט א פארפוילטע לונג,
פאר וואָס האָט ער אזא פארדאָרבענע צונג.
יודעל ליגט דערשלאָגען, פינסטער וויא דיא ערד,
און זיי שפעטען נאך, רופען איהם בהמה, פערד.
יודלען איז איינג, קען נישט געפינען קיין אָרט,
און זיי יאָדען קריינקען איהם מיט איטליכס וואָרט.
יודלען קוועטשט נעבעך, ליידט, פלאָגט זיך טאקי אלץ.
און זיי שיטען איהם נאָך אויף דיא וואונדען זאלץ.
יודלען איז דושנע, אויף דעם הארצען ניט גוט,
און זיי צוקאָכען איהם נאָך ערגער דאָס בלוט.
איינער איז געשטאנען צווישען דער באנדע,
און האָט אלץ געפיהרט דיא גאנצע קאָמאנדע.
עפעס משונה ווילד איז געוועזען זיין גאנג,
זיינע האָר וויא ניט אויסגעקעמט, שרעקליך לאנג.
אויף דעם קאָפ געטראָגען עפעס א מין מיטץ.
און אין א העמד איז ער געגאנגען פון ציטץ.
געטראָגען א סוויטע פון זעהר גראָב געוואנד,
לאנגע שטיוועל און א שטעקען אין דער האנד.
אז יודעל האט דערזעהן דעם יונג מיט שפאָרען,
איז איהם אין דעם הארצען א לאָך געוואָרען.
ער האט זיך דערשראקען נאר אהן קאטאוועס,
גלייך ער האט דערזעהן דעם מלאך המות.
אז חברה לייט האבען גערעדט צווישען זיך,

איז ער צו יודלען צוגעגאנגען גאנץ ניך.
יודעל, זאגט ער, וואס איז דיר אזוי שאָפעל?
איך בין דיין אַלטער פריינד מעפיסטאָפעל.
ביסט נעבעך שלאָף יודעל, ליג־זשע בעסער שטיל.
איך וועל ריידען, צו ריידען האב איך זעהר פיעל.
אך, ליבער יודעל, איז דאס היינט א לעבען
פאר דיין מעפיסטאָפלען, דעם אַלטען רעבען.
איך האב אהן עין־הרע א גוטע צייט,
בין א חשוב, שטארק אנגענומען ביי לייט.
היינטיגע צייט איז א סך בעסער פאר מיר,
א מאָל האב איך לאנג בעדארפט שטעהן ביי דער טהיר.
געמוזט מיט יענעם מענה'ן א יאָהר לערך,
ביז האב מיט איהם געהאלטען אויף א דרך.
היינט זיינען פאר מיר אָפען אלע ערטער,
און בין מיט יעדען פארטיג אין צוויי ווערטער.
א מאל האט מען גערייינקט, אליין געפאָרשט מעחר.
דריבער איז איינריידען יענעם געוועזן שווער.
עס איז מיר ארויסגעקראכען דיא אויגען,
ביז איך האב א חכם צו מיר צוגעצויגען.
היינט בעשטעהט חכמה אין לייענען ביכער.
וואס מען זאגט איינעם, דרינען גלויבט ער זיכער.
דאס מויל רעדט לשונות, מעשות, פראזען א סך.
דער קאָפ אבער ליידיג, דיינקט ניט קיין שום זאך,
טאקי מיין חברה דא, קלאָמערשט חקרנים.!
באמת זיינען זיי דאך בהמות, נאראָנים.
בהמות, חלעבען, וואס דארפען קייען היי, גראָז,
מעפיסטאָפעל פיהרט זיי אלע ביי דער נאָז,
איך ווארף זיי אונטער פראזען אזוי וויא היי,
חאפען זיי עס אויף און מאכען א געשריי.
מיינס א וואָרט, וואס עס ענדיגט זיך מיט איזמוס,
רופען זיי עס היינט מעפיסטאָפעליזמוס.
עס איז שטארק אין דער מאדע אי ביי דאמען,
באלד וועט עס אויך איינשטעהן אי ביי דיא אמען,
ביי דאמען איז מיין ווארט א גאנצע תורה,

דאמען זיינען היינט א וואלוועלע סחורה,
זיי דרעהן זיך ארום מיר וויא פליגען,
חלעבען יודעל, איך זאג דיר נישט קיין ליגען!
קורץ, יודעל, איך האב אין דער וועלט א פנים,
וויא קראפיווע וואקסען מיינע נאראנים.
איין נאר פון דיא וואס דוא זעהסט דא פון דערוויטענס,
בעשטעהט אקענגען טויזענד, וואס פארצייטענס,
א יא, נוטער ברודער, מעפיסטאפעל טויג,
עס זאל מיר טאקי נישט שאטען קיין בייז אויג!
דיר יודעל א פנים געהט עס נעבעך שלעכט,
ביסט חלעבען אליין שולדיג, רעכט אויף דיר רעכט.
ביסט נאך דער זעלבינער עקשן וואס א מאל,
דעריבער זיינען דיינע פיינד אהן א צאהל.
בעשטענדיג האב איך מיט דיר יודעל געקנעלט:
האלט זיך נישט אפגעזונדערט, לעב אין דער וועלט.
לעב גלייך וויא אלע מענשען, אהן אונטערשייד,
הער נישט דיינע קלויזניקעס און דיין ווייבס רייד.
זיי לייגען דיר אפ דאס לעבען אויף שפעטער,
לעבען אין קבר דארט אונטער דיא ברעטער.
נאראנים! איין מאל נאר לעבט א מענש ניט מעהר,
דעם מענשען׳ס לעבען איז קיין אייביג געוועהר.
למאי־זשע זאלסט־דוא דיר פארוויסטען דיינע טעג?
נארעלע געה מיט איטליכען אין איין וועג.
ווארף חלעבען יודעל אוועק דיין עקשנות,
צוליעב דעם טאקי ביסט דוא קראנק בנאמנות!
מיינע נאראנים מיט זייער פארשרייבען,
וועלען דיין קראנקהייט אסור נישט פארטרייבען.
איין רפואה איז וויא איך הייס מעפיסטאפעל,
קריך ארויס פון אונטער דיין ווייב׳ס פאנטאפעל!
יודעל האט א מאך געגעבען מיט דער האנד,
און זיך אומגעקעהרט מיט׳ן פנים צו דער וואנד.
יודעל, זאגט מעפיסטאפעל, ביסט א בהמה,
וועסט אייביג נישט האבען קיין רפואה שלמה!...
פלוצלים ווערט מעפיסטאפלען עפעס איבעל,

יודעל'ס ווייב קומט ארייננצוגעהן אין שטיבעל,
זיא האט זיך געזעצט ביי יודלען צוקאפענס,
און האט איהם געקרעפטיגט מיט איהרע טראפענס.
אצונד חברה, זאגט מעפיסטאפעל גאנץ שטיל,
קומט, לאם מיר אוועקגעהן, נישט טענה'ן דא פיעל.
אומזיסט חלעבען אייערע אלע זאכען,
אין זיא לעבען איהם, וועט איהר גאר נישט מאכען.

# ענדע.

# א רייזע בעשרייבונג

פון

# בנימין דעם דריטען.

## ווער דער בנימין איז, פון וואנען ער איז און וויא די נסיכה האָט פלוצלונג צו איהם זיך גענומען.

„כל ימי, אזוי זאָגט בנימין דער דריטער אליין, כל ימי נתגדלתי בטונעיאַדעווקע, מיין גאנץ לעבען, דאָס הייסט ביז מיין גרויסער נסיעה, בין איך נתגדל געוואָרען אין טונעיאדעווקע, דאָרט בין איך אויך געבוירען געוואָרען, דאָרט בין דערצויגען געוואָרען, און דאָרט האב איך למזל חתונה געהאט עם אישתי מיט מיין פלוניתטע הצנועה מרת זעלדע תחיה," טונעיאדעווקע דאָס קליינע שטעטיל איז א פארוואָרפען ווינקעל, אָנדערזייט פונ'ם פאָטשטאָווען טראקט, כמעט אָפּגעריסען פון דער וועלט אזוי, אז ווען א מאָהל מאכט זיך, איינער קומט אהין צופאָהרען עפענט מען דיא פענסטער, דיא טהירען און מען קוקט פערוואונדערט אָן דעם פרישען פארשוין, שכנים פרעגען איינער ביי דעם אנדערן, ארויסקוקענדיג פון דיא אָפענע פענסטער, א סך מעהר וויא פיער קשיות: הא, ווער זאָל עס אזוינס זיין? פון וואנען האָט ער פלוצלים פון דער העלער הויט אהער זיך גענומען? וואָס קען אזעלכער בעדארפען? האָט ער עפּעס נישט א מיין? עפּעס אזוי גלאט קען עס ניט זיין, גלאט אזוי דען נעהמט מען און מען קומט! מסתמא ליגט דאָך דאָ עפּעס, וואָס מען מוז עס דערגעהן..... דערביי וויל איטליכער ארויסווייזען זיין חכמה, זיין געניטשאפט, און בויך סברות פאלען וויא מיסט. אלטע לייט, דערצעהלען מעשיות און ברענגען משלים פון אורחים, וואָס זיינען אין דעם און דעם יאָהר געקומען אהער צופאָהרען, בעלי המצאות זאָגען מכח דעם ווערטלאָך, אביסעל עפּעס נישט קיין שיינע, מאנסבילין האלטען זיך בייא דיא בערדליך און שמייכלען, אלטע ווייבער זידלען אָפּ דיא בעלי המצאות אויף קאטאָוועס, מיט א בייזער אי מיט א לאכען אין איינעם, יונגע ווייבלאך דערלאנגען פון דיא אראָבגעלאָזענע אויגען א געבייגענעם קוק פון אונטען ארויף, האלטען דיא האנט אויפ'ן מויל און שטיקען זיך לאכענדיג אין קילאק. דער שמיעס מכח דעם דאָזיגען ענין קויקעלט זיך פון שטוב צו שטוב וויא א קויל פון שנייא און ווערד קויקלענדיג זיך אלץ גרעסער ביז ער קויקעלט זיך אריין אין בית־המדרש סאמע אונטערן אויוועז, אין דעם אָרט, וואָס אהין פערקויקלען זיך אלע שמיעסען פון אלערליי ענינים, הן סודות פון שטובזאכען, הן פאָליטיקע מכח סטאמבול, מכח דעם תוגר ומכח קיהר'ן, הן געלד געשעפטען, מכח ראָטהשילדס פארמעגען אין פערגלייך מיט דיא גרויסע פריצים און דיא אנדערע געוויסע נגידים, והן פאָטשטען מכח דיא גזרות ומכח דיא רויטע יודליך וכדומה און וואָס דאָרט ראזביראיעט זיי כסדר א בעזונדער קאמיטעט פון שיינע בעטאָגטע יודען, וואָס זיטצען שטענ־

דיג א גאנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאכט, זענין מפקיר ווייב און קינדער און גיבען זיך מיט דיא אלע געשעפּטען טאקי אמת געטריי אָפּ. טהוען זייער זאך בשלימות גלאט אזוי לשם שמים, נישט צונעהמען פאר זייער מיה, פאר זייער פּראצע אפילו א צובראָכענעם העללער, פון דעם דאָזיגען קאמיטעט געהען אָפּט דיא ענינים אוועק אין באָד אויף דער אויבערשטער באנק און אין א פּאָלנער סאָבראניע פון שטאָדט בעלי בתים ווערען זיי דאָרט אוטווערדעט, והכל שריר וקים, אז דערנאָך זאָלען אפילו קומען כל מלכי מזרח און מערב, זיך שטעלען מיט דעם קאָפּ אראָפּ און מיט דיא פיס ארויף וועלען זיי גאָר ניט פּועלין. דער תוגר איז שיער איין מאָל נישט אומגליקליך געוואָרען אין אזא סאָבראניע אויף דער אויבערשטער באנק. ווען עטליכע יוסטע בעלי־בתים זאָלען נישט געווען האלטען מיט איהם בלאט, ווער ווייסט וואו ער וואָלט איצט אָנגעשפּארט, ראָהשילד נעביך האָט שיער ניט פערלוירען דאָרטען עפּיס א צעהען פופצעהען מיליאָן, דערפאר האָט איהם גאָט געהאָלפען אין א פּאָר וואָכען ארום, דער עולם איז געוועזן, וויא מען זאָגט, בגילופין, אויף דער אויבערשטער באנק איז גראָד געוועזן א ביסעל לעבליך, דיא בעזימליך האָבען זיך געהויבען און מען האָט איהם מיט א מאָהל צור־געלאָזט ריין פּארדינסט אקעגען א ק"ן מיליאָן קערבליך! דיא איינוואָהנער אליין אין טונעיאדעווקע זענין כמעט אלע לא עליכם גרויסע אביונים שטארקע דלפנים, נאָר דעם אמת מוז מען זאָגען, זיי זיינען פריילירכע אביונים, לוסטיגע קבצנים, ווילדע בעלי־בטחון'ס. אז מען זאָל א שטייגער פּלוצלים א פרעג געבען א טוניאדעווקער יודען פון וואנען און וויא אזוי ער איז זיך מפרנס? בלייבט ער תחילת שטעהען וויא צומישט, ווייס נעביך נישט וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּעטער אביסעל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט בתמימות: איך, וויא ארום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ א גאָט, זאָג איך אייך אָט־אָ, וואָס פארלאָזט נימ אלע ווינע בעשעפעניש, ער שיקט צו און וועט מסתמא ווייטער צושיקען, זאָג איך אייך אָט־אָ.— פּאָרט וואָס טהוט איהר אזוינס? האָט איהר האָטש עפּיס וואָס ס'איז א מלאכה אָדער א פּרנסה אין דער האנד?—געלויבט איז השם יתברך. איך האָב ברוך השם, אזוי וויא איהר קוקט מיך אָן אָט־אָ, א מתנה פון זיין לי־בען נאָמען, א כלי, א קול נגינה און דאווען מוספים ימים נוראים אין דער סביבה, איך בין א מוהל און א מצה־רעדלער איינער אין דער וועלט, איך פיהר א מאָהל אויס א שידוך, פיהר איך אויס; איך האָב א שטאָט, אזוי וויא איהר קוקט מיך אָן אָט־אָ, אין דער שול. היינט האלט איך אויך, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, א שיינקעל, וואָס מעלקט זיך צוביסלאָך, איך האָב א ציעג וואָס מעלקט זיך אָהן

עין־הרע זעהר גוט און האָב נישט ווייט פון דאנען א רייכען קרוב אַט־אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער א שלעכטער צייט אויף אביסעל מעלקען. היינט חוץ דיא אלע זאכען, זאָג איך אייך אַט־אָ, איז גאָט א טאטע און דיא ישראל זיינען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אייך אַט־אָ, נישט צו פארזינדיגען !..... אויך מוז מען דיא טונעיאדעווקער איינוואוינער דעם שבח נאָכזאָגען, אז זיי זיינען צופרידען מיט וואָס גאָט גיט און קלויבען חלילה אין דער הלבשה און אין דעם עסען שטארק נישט איבער. אז דיא שבת'דיגע קאַפּאָטע א שטייגער איז צוהאקט צופאלען, צוריסען א ביסעל פארשלומפּערט און עפּיס נישט אזוי ריין, מאכט אויך נישט אויס, אבי זיא איז פון אטלעס און גלאנצט, אי ערטערווייס קוקט וויא פון א רעשעטע ארויס דאָס הוילע לייב. מיילא וואָס ארט עס ווען, ווער וועט זיך דאָ אזוי שטעלען צוקוקען ? למאי פיאטעס, מיט וואָס איז דאָס ערגער פון אויסגעריסענע פיאטעס ? פיאטעס איז דען נישט קיין לייב, קיין מענשען פלייש ?...... א שטיקעל ברויט מיט א קאַליש, אבי ס'איז נאָר דאָ איז זעהער א גוטער מיטאָג, ווער שמיעסט א בולקע מיט א ראָסעל פלייש פרייטאָג, ווער עס האָט נאָר, דאָס איז טאקי א מאכל מלכים, קיין בעסערעס דערפון איז שוין, דאכט זיך, אויף דער וועלט נישטאָ. לאָז מען זיי דערצעהלען א שטייגער פון אנדערע מיני פאַטראָוועס חוץ פיש יוך, געבראָטענס און א מעהרען אָדער פאָסטערנאק צימעס קומט זיי דאָס אויס עפּיס משונה ווילד און זאָגען דערויף אָפּ פארשיעדענע ווערטליך מיט דעם גרעסטען געלעכטער גלייך וויא דער וואָס זאָגט דאָס איז נאריש, משוגע, און וויל זיי אויך מאכען משוגע, איינגריידען זיי א קינד אין בויך, א קוה איז געפלויגען איבערן דאך און געלייגט איין איי, א שטיקעל באָקסער אין חמשה־עשר דאָס איז אזא פרי וואָס מחיה נפשות, קוקענדיג דארויף דערמאָהנט מען זיך אין ארץ ישראל, נישט איין מאָהל פארגלאָצט מען דערביי דיא אויגען מיט א קרעכץ : אך, ותוליכנו קוממיות, זאָלסט אונז הארצעדיגער פאָטער פיהרען קוממיות, טאקי וואָס קוממיות הייסט, לארצנו צו אונזער לאנד, וואָס ציגען עסען דאָרט באָקסאָרען !.... על פי מקרה האָט איינער א מאָל אין דעם שטעדטיל גראָד געבראכט א טייטעל, האָט איהר בעדארפט זעהען וויא אזוי מען איז דאָס געלאָפען אָנקוקען אויף חידושים, מען האָט אויפגעמישט א חומש און געוויזען אז תמר, דער טייטעל שטייט אין חומש ! סטייטש דער טייטעל, אָט דער טייטעל וואקסט דאָך פון ארץ ישראל !.... קוקענדיג אויפ'ן טייטעל האָט זיך אויסגעדאכט, ארץ ישראל איז פאר דיא אויגען, אָט געהט מען איבער דעם ירדן, אָט איז דיא מערת המכפלה, דער מוטער רחל'ן קבר, דאָס כותל מערבי, אָט באָדט מען

זיך אין המי טבריא, מען קריכט ארויף אויפ׳ן הר הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באָקסאָרען, מיט טייטלען און לייגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל ערד. אך, האָט מען געקרעכצט, און אין דיא אויגען האָבען זיך איטליכען געשטעלט טרערען, „יענע צייט, אזוי זאָגט בנימין, איז גאנץ טונעיאדעוועקע, וויא גרויס זיא איז, געווען אין ארץ ישראל. מען האָט געשמאק גערעדט פון משיח׳ן, אָט אָט איז שוין גאָט׳ס פרייטאָג נאָך האלבען טאָג. דער נייער פריסטאוו, וואָס איז נישט לאנג אָנגעקומען האָט גראָד ביד רמה דענסטמאָל געפיהרט דאָס שטעטיל, בייא א פּאָאר אידען האָט ער אראָפּעגריסען דיא יאמורלקעס, איינעם אָפּגעשניטען א פּאה, עטליכע נעביך געחאפּט שפּעט ביי דער נאכט אין א געסיל אָהן פּאַס־פּאָרטען, ביי נאָך איינעם פארנומען א ציג, וואָס האָט אויפגעגעסען א נייעם שטרויענעם דאך און ער איז דערמיט אויך געווען דיא סיבה דערפון, וואָס דער קאָמיטעט אונטערן אויוועז האָט זיך שטארק גדורעט מיט דעם תוגר, עד מתי וועט דער שר של ישמעאל אזוי שולט זיין ? מען האָט אויפגעמישט דעם געוויינט־ליכען שמיעס מכוח דיא עשרת השבטים וויא גליקליך זיי לעבען דאָרטען אין יע־נע ווייטע מקומות, אין גדולה עושר און כבוד, מען האָט אפיר גענומען דיא רוי־טע יודליך, דיא בני משה מיט גוזמאות מעשיות פון זייערע גבורות וכדומה, אָלדד־הדני, עס פערשטעהט זיך, האָט אויך געטאנצט אין דערמיט. יענער צייט צום מייסטען, האָב איך צו פערדאנקען דיא נסיעה מיינע וואָס איך האָב דערנאָך גע־מאכט.

פריהער, איז בנימין געווען וויא א הינדעלע, וואָס ליגט אין איי, אָדער וויא א וואָרעם וואָס ליעגט אין חריין, ער האָט געמיינט אז אויף יענער זייט טונעיא־דעוועקע עקט זיך דיא וועלט, קיין זיסער, קיין בעסערער לעבען וויא דאָ איז גאָר נישטאָ. „איך האָב געמיינט, זאָגט בנימין ערגעץ אין איין אָרט, אז רייכער פון פון אונזער ארענדאר בעדארף מען שוין ניט זיין, א קלייניגקייט עפּיס אזא שטוב מיט בעל־הבתישקיים, פיער פּאָר מעשענעלייכטער, א זעקס־רעהריגער הייננ־לייכטער אויבען מיט איין אָדלער, צוויי קופערנע פארעווע טעפּ מיט א פינף קור־פּערנע פּענדליך, אפּאָלעצע צינערנע טעלער און אוודאי, אקעגען א טוץ טעמבע־קאָווע לעפּעל, צוויי זילבערנע בעכערליך, א הדסיל, א חנוכה לעמפּיל, א ציבעלע־זייגער אין צוויי קופּערטעס מיט א גראב קייטעל פון זאמדפאטשערקעס, צוויי קיד־מיט א מאָהל און א טעלעצע אויף דער צייט, צוויי שבת׳דיגע קאפּאָטעס וכדומה נאָך און נאָך אזא גוטץ, איך האָב געמיינט, א חכם איז טאקי נאָר איין רב אייזיק דוד רב אהרן יוסילים שרה זלאטעס, א קאטאָוועס, מען זאָגט, אז ער האָט א מאָל

אין דער יוגענד געהאט א ידיעה אין תשבורות, ער האָט געמעגט זיין מיניסטער ווען דאָס שטיקעלע מזל זאָל איהם נאָר דינען. ווער האָט נאָך, האָב איך גע־מיינט, אזא הדרת פּנים, אזא בנעימותדיג שמיעסיל וויא אונזער חיקיל, זאאיקע, אָדער ווער איז אזא מומחה אזא דאָקטאָר, וואָס מאכט פון טוידט לעבעדיג וויא אונזער רופא, וואָס ער האָט כפי השמועה דיא חכמת הדאָקטאָריע געלערענט ביי א ציגיינער פון דיא חרטומי מצרים. „הכלל דאָס לעבען אין זיין שטעטיל האָט בנימינ׳ען זיך אויסגעוויזען זעהר שיין, זעהר גוט, ער האָט אפילו געלעבט אין רחקות, ער מיט זיין ווייב און קינדער זענין געגאנגען קריעה־בליאה, נאָר האָט דען אדם הראשון און זיין ווייב בשעת זיי זיינען געווען אין גן־עדן פערשטאנען זיך צו שעהמען, וואָס זיי זיינען נאקעט און באָרפוס ? דיא וואונדערליכע מעשיות אָבער פון דיא רויטע יודליך און דיא עשרת השבטים זענין איהם אריין טיעף אין הארצען און פון יענער צייט אָן איז איהם עפּיס וויא ענג געוואָרען אין זיין שטע־טיל, עס האָט איהם עפּעס געצויגען אלץ אהין, אהין דאָרט אין ווייטע מקומות אריין„ דאָס הארץ האָט אין איהם זיך געצויגען אזוי וויא קליינע קינדער ציהען זיך מיט דיא הענטלאך אקעגען דיא לבנה. דאכט זיך אין פלוק וואָס איז אזוינס א טייטעל, א פריסטאוו, א יארמולקע, א פאה, א יוד נעביך וואָס ווערט נלכד אין א געסעל שפּעט ביי דער נאכט, א ציג און א שטרויענער דאך ? נאָר דאָס אלסדינג האָט אָנגעמאכט אין איהם א גרויסע פערענדערונג, עס האָט געפיהרט דערצו, און ער זאָל בעגליקען דיא וועלט מיט זיין בעריהמטער נסיעה. אין דער וועלט זעהט מען נישט איין מאָהל וויא פון קליינע סיבות קומען ארויס גרויסע, זעהר גרויסע זאכען, דערפון וואָס דער מוזשיק האָט געזייעט ווייץ און קאָרען, וואָס דער מיהלנער האָט עס געמאָהלען, וואָס דערפון איז א טהייל אריין אין דער גאראלנע און געוואָרען בראנפען און א ביסעל פון׳ם מעהל איז אריין אין גיטעל דער שיינקערענס הענד, וואָס זיא האָט עס געראָשטשינעט געקנאָטען, געקאטשעט און געמאכט קנישעס, מצורף לזה, וואָס דיא פעניציר האָבען מיט טויזענדער יאָהר צוריק ענטדעקט דיא המצאה וויא מען מאכט גלאָז און דורך דעם איז ארויסגע־קומען כוסות אי קעלישקעס, אָט פון דיא דאָזיגע אלע קליינע סיבות זענין ביי אונז אין א סך שטעדט ארויסגעשפּרונגען יענע ווילדע קהלם לייט, יענע משונה בע־ריהמטע פיינע בריות.... מעגליך איז, אין בנימינ׳ן איז געלעגען א ניצוץ פון א נוסע, נאָר דער ניצוץ וואָלט פארלאָשען געוואָרען, ווען דיא סיבות און דיא מעשיות פון יענער צייט וואָלטען איהם נישט אויפגעבלאָזען. און ווען אפילו דער ניצוץ וואָלט נישט פארלאָשען געוואָרען אין גאנצען, וואָלט ער, ווען נישט

דיא דאָזיגע סיבות אין יענער צייט, נעהאט אזא קליינעם כח, אז פון בנימינ'ן וואָלט מיט דער צייט אויסגעוואקסען א וואסערפיהרער אָדער ווען פיעל א בעל העגלה. איך האָב אין מיין לעבען בעגעגענט זעהר פיעל בעלי העגלות און שמיי-בערס, וואָס זיי זיינען מסוגל געוואָרען צו זיין אזעלכע נוסעים גלייך חלעבען וויא יענע, וואָס וואנדרעווען היינט ארום צווישען יורען.... נישט דאָס אָבער בין איך אויסען:

פון יענער צייט אָן פלעגט בנימין מיט גרויס חשק זיך פארטיעפען אין רבה בר בר חנה'ס נסיעות אויפן ים און אין דעם מדבר. ער האָט אויך דער־טאפט שפעטער דעם ספר „אלדד הדני" דעם ספר „מסעות בנימין" וואָס ער האָט מיט א זיבעבען הונדערט יאָהר צוריק געדייזט ביז עק וועלט, דעם ספר „שבחי ירושלים" מיט הוספות און דעם ספר „צל עולם" וואָס אין זיבען קליינע בלעטלאך איז ער כולל אלע שבע חכמות און דערצעהלט חדושים ונפלאות פון דער גאנצער וועלט און פון איהרע משונה ווילדע בעשעפעניש. דיא דאָזיגע ספרים האָבען איהם געעפענט דיא אויגען און איהם איבערגעקעהרט פשוט גאָר פאר איין אנ־דער מענשען. „פון דיא וואונדער שיינע מעשיות דאָרט, דריקט זיך אזוי בנימין אויס אין זיין ספר, פלעג איך שטארק נתפעל ווערען. אי, אי! פלעג איך נים איין מאָהל פאר גרויס התפעלות א געשריי טאָהן, וויא העלפט מיר גאָט חאָטש א הונדערטיל דערפון צו זעהען מיט מיינע אויגען! דער קאָפ מיינער האָט גע־טראָגען ווייט, ווייט.... „פון דענסטמאָל אָן איז איהם טונעיאדעווקע שוין טאקי געוואָרען צו ענג, ער האָט ביי זיך גומר געווען ארויסצוחאפען זיך פון דאָרט מיט אלע כוחות, גלייך וויא א הינדעלע, וואָס הויבט זיך אָן אויסצופיקען און ארויס־קריכען פונעם איי אויף דער ליכטיגער וועלט.

---

## וויא בנימין ווערד א קדוש און זעלדע איין עגונה.

בטבע איז אונזער בנימין דער נוסע געווען א ווילדער בעל פחדן, היינו ביי דער נאכט פלעגט ער מורא האָבען צו געהן אויף דער גאָס, שלאָפען איינער אליין אין א שטוב וואָלט ער נישט געוואָלט מען זאָל איהם אָפגילטען. ארויסצו־געהן אביסעל ווייט פון דער שטאָדט האָט ביי איהם געהייסען פשוט זיך איינ־שטעלען דאָס לעבען, מאלע וואָס קען חלילה געשעהען. פאר א ליאד הינטעל האָט ער געציטערט אימות מות. „איין מאָל, אזוי דערצעהלט בנימין, איין.מאָל, איך געדענק עס וויא היינט, דאָס איז געווען תמוז אין א שרעקליך הייסען טאָג, איז אונזער רב מיט איינעם פון זיינע לייט געגאנגען זיך אָפטובלען אין דעם

טייטעל, וואָס אונטער דער שטאָדט. איך מיט א פּאָאר יונגליך, מיינע חברים, זענען מיט גרויס דרך ארץ נאָכגעגאנגען פון הינטען און געווען ביי זיך זיכער, אז מיר וועלען נישט האָבען קיין שום שלעכטע בעגעגניש און אים-ירצה-השם קומען צוריק בשלום אהיים געדופּעט אויף דעם רב. עפּיס א קאטאָוועס א רב, וואָס פאר איהם האָט דרך ארץ א וועלט, וואָס קיין עלטערס פאר איהם איז שוין גאָר נישטאָ! וואָס דער טיטעל זיינער פארנעהמט א בלעטעל פּאפּיער.... דער רב, אונזער בעשיטצער איז מיט ברייטקייט געגאנגען היבש פריהער פאר אונז און אז ער האָט געהאלטען אין אויסטאָהן זיך איז אין מיטען דערינען אָנגעקומען עפּיס א שייגעץ און אויף איהם אָנגערייצט זיין הונד. אונזער בעשיטצער איז נישט טויט לעבעדיג אנטלויפען צוגעהאלטען מחילה די אָפּגעשפּילעטע תחתונים מיט איין האנד און מיט דער אנדערער דאָס קיילעכדיגע געסטעפּטע פעלפּע־גע היטעל. מיר יונגליך זיינען אוודאי מבולבל געוואָרען, דען אז דער לויתן ווערד אויף דער וועגטקע געחאפּט וואָס זשע נעביך זאָלען שוין טאָן דיא פלאָט־קעס אין דער בלאָטע? מיר האָבען אָנגעגורט אונזערע לענדען און גשווינד וויא דיא הירשען געלאָפען פאָראויס מיט א גוואלד מיט א ביטער געשריי ביז מיר זייי־נען אזוי הענדום פּענדום אָהן א נשמה אין איינעם מיט אונזער גיבור אריינגעלאָ־פען אין דער שטאָדט ס'איז געוואָרען א מהומה, א צונויפלויפעניש א ליארם: עס ברענט! מען הרגעט, מען שלאָגט! איינער פונעם אנדערן האָט נישט גע־וואוסט.

אז בנימין האָט פיערגענומען דיא נסיעה אין דיא ווייטע מקומות איז ביי איהם געבליעבען קודם כל זיך צו שטארקען אוועקצוווארפען דעם פחד ער האָט זיך געצוואונגען, דווקא געהן אליין שפּעט ביי דער נאכט, דווקא שלאָפען איינער אליין אין א חדר און דווקא ארויסגעהן אָפט אונטער דער שאָדט, חאָטשע דאָס האָט איהם געקאָסט געזונד און איז פאר שרעקנעביך פונ'ם פנים אראָפּ, דיא גייע הנהגה זיינע אין דער היים און אין בית-המדרש, זיין פערטראכט-בלייך פּנימיל און זיין פערפּאלען ווערען אָפט אויף עטליכע שעה פון דער שטאָדט, איז איטליכען געוואָרען עפּיס א פליאה. מען האָט איהם גענומען אין מויל אריין און פון איהם געשמאק גערעדט. א טהייל האָבען געזאָגט, נישט אנדערש ער איז משוגע, חסר דעה. איין מאָל, אזוי האָבען זיי געדרונגען, איז בנימין טאקי געווען תמיד אביסיל שוטהוואטע, עס האָט איהם געפעהלט אין קאָפּ א קלעפּקע, צוויי־מענס איז שוין טאקי אין טונעיאדעווקע לערך עטליכע יאָהר נישט געווען קיין משוגענער און וויא שיסט זיך עס עפּיס? מיר האָבען דאָך א קיסא־לן, חא וויא

זאָגט מען עפּיס, עיר ועיר והכמיה עיר ועיר ומשוגעית, איטליכע שטאָדט מיט איהר חכם אי מיט איהר משוגענעם. בפרט נאָך היינט אין אזעלכע גרויסע היט־צען. פשוט איז פשוט בנימין איז משוגע, ווידער א טהייל, און בראש פון זיי רב אייזיק דוד רב אהרן יוסילים שרה זלאטעס, האָבען געמאכט: עט, עט!.... טאקי נאָך א מאָהל עט! אמת טאקי בנימין איז שוטהוואטע, טאקי שטארק שוטהוואטע, נאָר דערפון איז נאָך כלל נישט געדרונגען, אז ער מוז ווערען אי משוגע, וואָרים זעלט־עס אנדערש זיין אזוי, איז דאָך דיא קשיא פאר וואָס גראָד אצינד און נישט פריהער? אדרבה ואדרבה, דערצו האָט ער געהאט צייט אי פאר צוויי יאָהרען אי פאר א יאָהרען זומער. וואָס דיא היטצען זיינען דענסטמאָל געווען א גוזמה גרע־סער. אי וואָס איהר זאָגט, טונעיאדעווקע איז ווערליג דעם קימא־לן נישט ערגער פון אנדערע שטעדט, מילא בלייבט דאָך טאקי אלץ דיא קשיא, פאר וואָס איז עטליכע יאָהר לערך נישט געווען דאָ קיין משוגענער? אי וואָס טהוט מען וויע־דער צוריק מיט דעם קימאָ־לן? דער תירוץ איז אָבער אונזער טייך. דער טייך אונ־זערער, האָבען מיר דאָך א קיימאָ־לן, נעהמט זיך צו פון אייביג אָן א מענשען אלע יאָהר, און פון דעסטוועגען האָט ער שוין א פּאָר יאָהר קיינעם נישט צוגע־נומען! פארקעהרט, ער אליין איז אין דיא פּאָר יאָהר אָפּגעפאלען, אז ערטער־ווייז קען מען ממש איהם איבערגעהן טרוקען־פוס... אי בנימין? וואָס טהוט מען מיט בנימינ'ן? תיקו, בלייבט א קשיא. דער גרעסטער טהייל אָבער, און צווישען זייא דיא ווייבער, האָבען געזאָגט, ער מוז האָבען צו טאָהן מיט זיי... ער פאָרעט זיך אוודאי מיט איהם... מיט דעם בעל דבר.... וואָס דען זשע בראָדזעט ער אליין בייא נאכט אין דער פינסטער? וואָס דען זשע ווערד ער א מאָל פארפאלען אויף עטליכע שעה? וואָס דען זשע שלאָפט ער איינער אליין אין ספּיזשארנע? זעלדע זיין איינען ווייב דערציילט אויך, אז זיא האָרכט בייא דער נאכט וויא מען קלאפּט בייא איהם אין ספּיזשארנע, זיא האָרכט א קלאפּערייא וויא מען געהט דאָרט מיט דיא פיס... דער דאָזיגער שמיעס מכח דעם ענין האָט, וויא געוועהנט־ליך, זיך אוועק געקויקעלט אהין אונטערען אויווען, פון דאָרט אין דער סאבראַניע אויף דער אויבערשטער באנק. מען איז איבער בנימינ'ן דאָרט צווישען זיך נאָך נישט פארטיג געוואָרען. נאָר דערווייל איז געבליבען מוסכם בייא אלע, מען זאָל צונויפשטעלען א קאָמפּאניע פון א פּאָר שיינע יודען מיט דעם סופר, וואָס זייא אין איינעם זאָלען ארומגעהן אין אלע הייזער כסדר נאָכין צעטיל און אומטום בודק זיין, רעווידירען דיא מזוזות. און ווייל דיא סאבראַניע האָט אויף דעם ענין געקוקט וויא אויף א קהלשער זאַך, **א פּ אָ ל ז ע** פאר דער שטאָדט, לכן איז גע־

בליבען, אז בכדי אויסצושטעהן דיא הצאות, וואָס אזא קומפּאניע בעדארף קאָס־טען זאָל מען ארויפציהען דעם מקח פון פלייש.... אין טונעיאדעוועקע איז דאָ א ווערטיל: פון וואָס מען זאָל ניט שמיעסען מוז ארויסקומען אויפן טויט און פון וואָס מען זאָל נישט ריידען אויף איין אסיפה מוז מען אויסלאָזען מיט דער טאקסע פון פלייש. און באמת איז עס טאקי על פי דרך הטבע, אנדערש קען עס טאקי גאָר נישט זיין דער שכל איז אויך אזוי מתחייב, וואָרים סוף כל אדם למות וסוף יהודי לטאקסע, דאָס טייטשט: דער סוף פון א מענשען איז צוא שטארבען און דער סוף פון א יודען צוצאָהלען טאקסע! דער טויט און דיא טאקסע דאָס זעניין בטבע אזעלכע צווייא זאכען, וואָס מען קען פון זייא בשום אופן נישט פּטור ווערען. אזוי האָט דער אויבערשטער בעשאפען דיא וועלט און וויא ער האָט זיא בעשאפען, אזוי איז גוט, אזוי געהר עס זיכער צו זיין. קשיות פרעגען נאָר אפּיקורסים......

שפּעטער אביסיל האָט מיט בנימינ'ן זיך פארלויפען א מעשה, וואָס ער האָט מיט איהר קונה שם געווען. ארויסגעהענדיג איינמאָל פון דער שטאָדט, תמוז אין א הייסען טאָג צוועלף א זייגער אין דער פריה. סאמע ווען דיא זוהן האָט גע־בראָטען, איז ער פערגאנגען טיפליך אין א וואלד, אקעגען א דרייא תחום־שבתין פון דער שטאָדט. מיט זיך אין דער קעשענע האָט ער געהאט זיינע ספרים, וואָס אָהן זייא פלעגט ער נישט געהן קיין טריט. ער איז געזעסען אין וואלד אונטער־געלעהענט אונטער א בוים און האָט געשמאק געטראכט. צוטראכטען האָט ער געהאט זעהר פיל. באלד איז איהם דער קאָפּ פארפלויגען ווייט אהין אין יענע לענדער איין עק וועלט ער איז געגאנגען איבער בערג איבער טהאָלען, איבער מדבריות און אלע ערטער, וואָס שטעהט אין זיינע ספרים, ער האָט גיוואנדרעוועט פוס טריט נאָך אלכסנדר מוקדון, נאָך אלדד הדני וכדומה, ער האָט געזעהן דעם שרעקליכען פיפערנאָטער, דעם לינדענוואָרעם, שלאנגען, עקדישען און אלע מיני שלעק אי משלחתין. ער האָט זיך צוגעשלאָגען צו דיא רויטע יודליך און גערעדט מיט דיא בני משה. דערנאָך איז ער בשלום צוריקגעקומען צו זיך און האָט גע־טראכט, וויא אזוי און ווען זשע זאָל ער שוין טאקי מאכען דיא נסיעה. אין מחשבות'ן איז דערווייל צוגעפאלען דיא נאכט ער איז אויפגעשטאנען אויסגע־גלייכט דיא ביינער און זיך געלאָזט געהן א היים. ער געהט, און געהט, נאָך אלץ נישט פונם וואלד ארויס. ער געהט א שעה, צווייא, דרייא, פיער שעה, ס'איז קיין סוף קיין עק. ער האָט נאָך טיפער אין וואלד זיך פארשלאָגען און דאָ איז פינצטער חאָטש איין אויג ארויסצונעהמען, פלוצלים איז נאָך געווארען א שטורמווינד מיט

א שלאקסרעגען, עס האָט געבליצט געדונערט און דיא ביימער האָבען גערוישט א שרעק ! בנימין איז געבליבען שטעהן, דער רעגען האָט איהם געוואשען, א צאָהן אָן א צאָהן האָט איהם געקלאפּט פאר קעלט, פאר נעטץ און פאר גרויס פחד. עס האָט איהם זיך געדאכט אָט פאלט אויף איהם אָן א בער, אָט פארצוקט איהם א לייב, א לעמפּערט, אָט געהט דער מאַטו׳ל, וואָס כפי עס שטעהט אין „צל עולם“ איז ער א גרויסער א לאנגער מין בעשעפעניש מיט צוויי לאנגע הענד מיט וועלכע ער ווארפט אנידער א העלפאנד, אנגסטען האָבען איהם בעשלאָגען נעביך און דאָ איז ער נאָך טויט הונגעריג, חוץ א רעטשען קיכעל איז דעם גאנצען טאָג אין זיין מויל נישט געקומען. ער האָט פאר אלע צרות זיך גענומען דאוונען מעריב און געדאוונט מיט התלהבות פונם גאנצען הארץ, גאָט האָט געהאָלפען ס׳איז טאָג געוואָרען, אונזער בנימין נעהמט זיך ווייטער צום געהן אויף גאָטס בעראטה, ער געהט, ער געהט, ביז ער שלאָגט זיך צום סוף ארויף אויף עפּעס א שמאָלע וועג. מיט דעם וועג איז ער געגאנגען אקעגען א שעה צוויי און פלוצים דער הערט ער פון דערווייטענס א קול פון א מענשען. אָנשטאָט ער זאָל מיט דעם קול זיך דער־פרייען איז ער, שונא ציון, פארצאפּעלט געוואָרען. איהם האָט זיך נישט אנדערש געדאכט אז דאָס איז אוודאי א גזלן. מחמת שרעק האָט ער זיך געלאָזט לויפען צוריק אָהן אָטהעם אקוראט וויא ער איז א מאָל, נישט פאר אונז געדאכט געלאָפען פארן רב. באלד אָבער האָט ער זיך בעטראכט : פע בנימין ! דוא ווילסט וואנד־רעווען אזוי ווייט איבער ימים און מדבריות, וואָס דאָרט שווּיבעלט און גריבעלט פון עקדעשען, פון חיות רעות און ווילדע אומות, און דאָ האָסט דוא מורא פארן געדאנק, טאָמיר בעגעגענסט־דוא א גזלן. אי, פע, מעגסט, חלעבין, זיך שעהמען בנימין. איז דען אלכסנדער מוקדון אויך אנטלויפען אזוי וויא דוא ? האָט דען אלכסנדר מוקדון אויך אזוי וויא דוא זיך מיאש געוועזן, בשעת ער איז געפלויגען רייטענדיג אויף זיין אָדלער און ס׳איז אויסגעגאנגען דאָס פלייש פונם שפּיטץ שפּיז, וואָס דער אָדלער פלעגט עס פּיקען און פליהען דורכדעם אלץ העכער ? ניין, אלכסנדר מוקדון איז נישט אנטלויפען, אלכסנדר מוקדון האָט ביי זיך אליין אויס־געשניטען א שטיק פלייש און ארויפגעשטאָכען אויפן שפּיז ! אדרבה שטארק זיך בנימין, דאָס וויל גאָט דערמיט דיך נאָר אויספּריווען. האלסט־דוא אויס דיא פּראָבע אז וואויל און גוט איז דיר דענסטמאָל ! דענסטמאָל בנימין ביסט־דוא א מענש און וועסט טאקי ווערט זיין צו האָבען דיא זכיה פון השי׳ת צודערגרייכען דיין וואונ׳ש וועגען דיא בני משה און מיט זיי איבערשמיעסין מכח דעם כלל ישראל אין אונזער ווינקעל, דערציילען זיי גאנץ פּאָדראָבנע דיא הנהגות פון אונ־

זערע יודעליך דאָ, וואָס זייא טהוען און וואָס זייא מאכען. וועסט־דוא איצט אויסשטעהן נאָך אי דיא ־אָזיגע פּראָבע. און געהן צוריק אקעגען דעם קול, דענמאָל ביסט־דוא מנצח אלע פּחדים און שרעקענישען. וועסט ווערען א כלי־שלמה, א ברכה, א בענטשונג צווישען דיא קינדער ישראל און אָנטאָן כבוד גאנץ טונעיאדעווקע. טונעיאדעווקע און מוקדון דאָס וועלען זיין צווייא ערטער גלייך בעקאַנט אין דער גאנצער וועלט דורך אלכסנדר טונעיאדעווקער און בנימין מוקדון!.... אונזער בנימין האָט זיך אומגעקעהרט טאקי צוריק און איז געגאנגען בעהארצט וויא א גבור מיט גרויס בטחון ביז ער האָט פאר זיך דערזעהן ־דעם גזלן. דאָס איז געווען א מוזשיק, וואָס איז געפאָהרען אויף א פּאָר אָקסען מיט אָנגעלאָדענע זעק אין וואָגען.

— דאָברי־דיען! האָט בנימין צוגעהענדיג א זאָג געטאָן ראכטאָם אויף א משונה קול, וואָס ער האָט אין זיך געהאט אלע טעמים: אי געשרייא, אי געבעט, אי וויא איינער זאָגט: נא, נא טהוא מיט מיר וואָס דוא ווילסט! אי עפּעס וויא א בקשה: גוואלד, האָב רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב און קינדער נעביך!...

אָפּזאָגענדיג, אָדער אָפּ שרייענדיג אי אָפּוויינענדיג דעם „דאָברי-דיען" איז בנימין געבליבען אָהן לשון וויא דערוואָרגען. דער קאָפּ האָט איהם זיך פארדרעהט, אין דיא אויגען איז איהם געוואָרען פינצטער, דיא פיס האָבען איהם אויפגעהערט צו דינען און ער איז טויט אנידער געפאלען אויפן אָרט.

אז ער האָט אויפגיעפענט דיא אויגען און צו זיך געקומען האָט ער זיך געפונען ליגענדיג אין וואָגען אויף א גרויסען זאק קארטאָפלעס, איבער געדעקט מיט א גראָבער סוויטע. צוקאָפּענס איז איהם געלעגען א געבונדענער האָהן, וואָס האָט אויף איהם געקוקט אין דער זייט מיט איין אייגעל און איהם געגראבעלט מיט די נעגעל, צופיסען איז געשטאנען אָנגעשטעלט קאראָבקעליך מיט יונגען קנאָבעל אי ציבעלעס און שאר ירקות. אייער א פנים איז דאָרט אויך געלעגען, וואָרים פּאָלאָווע זענען געפלויגען און איהם פארשאָטען דיא אויגען. דער מוזשיק איז געזעסען, גערייכערט גאנץ רוהיג דאָס ליולקע און איטליכע רגע אויף דיא אָקסען אונטערגעשריען: סאָפּ. הייטא, סאָפּ! דיא אָקסען קוים וואָס זייא האָבען זיך געריהרט, און דיא רעדליך פונם וואָגען האָבען משונה געסקריפּעט איטליכעס אויף איין אנדער קול, אין איינעם איז אויסגעקומען עפּיס א סקריפּענדיגער קאָנצערט, וואָס האָט געגרילצט אין דיא אויערען. דעם האָהן א־פּנים, וויא עס האָט אויסגעזעהן, איז אזא סקריפּערייא אויך נישט געווען לרצון, וואָרים איטליכעס מאָל בשעת דיא רעדלאך פלעגען אין גאנצען זיך אומדרעהען און אויסאָזען אויף א

סווישטש מיט א שלשלת, פלעגט ער בנימינ'ן א שטארקען גראבעל טאָן מיט דיא נעגעל און א קרעה געבען קוקוריקוא מיט כעס, מיט אימפעט. אז עטליכע רגע דערנאָך פלעגט בייא איהם חאָרחלען פאר דומפען אינעווייניג אין האלז. בנימין האָט אין זיך נישט געפיהלט קיין גאנץ אבר און איז געלעגען א היבשע צייט שטארק פארדולט: א שפאס וואָס ער איז אויסגעשטאנען: שרעק, הונגער, נעטין און קעלט! עס האָט איהם זיך געדאכט, אז א טערק האָט איהם געפאנגען אין דער מדבר און פיהרט איהם פארקויפען ערגיץ פאר א קנעכט. ניחייא, האָט ער גע־טראכט, ניחייא זאָל ער מיר חאָטש פארקויפען צו א יודען וואָלט איך נאָך גע־קענט פאָרט עפּיס אויפגעריכט ווערען, און באים אָבער, ער וועט מיר פאַרקויפען צו א פרינץ אָדער חלילה גאָר צו א פרינצעסין פון דיא אומות העולם בין איך דאָך פארלוירען, פארלוירען אויף אייביג. דערצו נאָך האָט ער זיך גראד דערמאָהנט דיא מעשה פון יוסף הצדיק מיט זליכה'ן און האָט מחמת יסורים א שטארקען קרעכץ געטאָן. דער מוזשיק האָט זיך אומגעקוקט אז ער האָט דערהערט בנימינס' קרעכץ, זיך צוגעריקט נעהנטער און איהם א פרעג געטאָן:

— נוא זשידקאָ, א שטשאָ, טראָשקע ליבשע?

דער קאָפּ איז בנימינען באמת געוואָרען אביסיל פרייער און ער האָט זיך דער־מאָהנט אין גאנצען וואָס מיט איהם איז פאָרגעגאנגען. ער האָט אָבער זיך גע-פיהלט אין זעהר א שלעכטע לאגע: גויעש קען ער כמעט נישט קיין וואָרט, הייגט וואָס-זשע טהוט מען דאָ? וויא ענטפערט מען דעם ערל און וויא טענהט מען מיט אים זיך דאָ אויס צו וויסען אקוראט וואָהין ער פיהרט מיך? בנימין האָט גע-פריוווט זיך אייפזעטצען, נאָר אומזיסט, דיא פיס האָבען איהם שטארק געבראָכען.

— טראָשקע טעבע ליפשע? האָט איהם דער מוזשיק ווייטער א מאָל גע־פרעגט און טאקי בנשימה אחת א מאך גיטאָן סאָפּ, הייטא, סאָפּ!

— ליפשע. רק ריבי מאָי אי, אי, אי! האָט בנימין גיענטפערט וויא ער האָט נעביך געקענט און איהם געוויזען אויף דיא פיס.

— איזווידקי טי זשידקאָ?

— איזווידקי טי זשיטקע? ! האָט בנימין געמאכט מיט א ניגון וויא אמהפך־פשטאָ, יא ניאָמקאָ, בניאמקא אוב טונעיאדעווקוא! ז

— טי איז טונעיאדעווקי? קאזשי-זשע שטשאָ טי וויטאראשטשיל נא מעני אָטשי אי גליאניש יאק שילאָני. אליע מאָזשע טי טאקי אי שילאָני. טראסצאָ טוואָאי מאטערי. סאָפּ, הייטא, סאָפּ!

— יא, סטייטש, יא טעבי לכתחלה קאזאטע, יא ניאָמקע סאם אוב טונעיא־

דרעווקו! האט בנימין געענטפערט, געמאכט דערביי א רחמנות פנים, א וויז געטאן מיט דער האנד און געבעטען רחמים: גוואלד אוב טונעיאדרעווקע זשינקא טעבי דאם טשארקע שליש אי שאבאשקאווע בולקע, אי דאברע דאנקויעט טעבי.

דער מוזשיק אפנים האט זיך אנגעשטויסען וואס בנימין מיינט, דאברי זשידקא! האט ער געזאגט, זיך געזעצט אויף זיין ארט מיט דעם פנים צו דיא אקסען און געמאכט סאפ, הייטא!

אקעגען א פאאר שעה ארום איז דער וואגען ארויפגעפאהרען גלייך אויפ'ן מארק אין טונעיאדרעווקע, ווייבער און מאנסביל האבען זיך א שאט געגעבען אקעגען מיט פארשיעדענע שאלות: דער שרייעט: טשויעש סקילקע האטשעם זא פיוועץ? זא ציבולי? יענער פרענט: מאזשע מאיעש קארטאפלי, יאיצי? בתוך הבאים קומט איינער מיט א שאלה: טשויעש מאזשע טי באטשיל נא דאראגי זשידקא? או נאם יעדין זשידקא, בניאמקא, ווטשארא פראפאל יק אוב וואדי, און איידער דער מוזשיק האט אוספייעט איטליכען צו ענטפערן זיינען דיא אלע ווייבער וויא דיא היישעריקען איבערגעפאלען דעם וואגען, האבען אויפגעדעקט דיא סוויטקע און אין איין קול ארויסגעלאזט א געשריי: בנימין!..... ער איז דא! ציפע קרוינע! בת־שבע ברייינדיל, לויפט גיכער צו זעלדען מיט דער גוטער בשורה, אז איהר שאדען האט זיך אפגעזוכט! זיא וועט שוין ניט זיין קיין וויסטע עגונה.

סאיז געווארען א רעש, א צונויפלויפעניש, גאנץ טונעיאדרעווקע האט זיך געוויגט, קינד און קייט זענען געלאפען אנקוקען בנימינ'ן. מען האט איהם פאר־ווארפען מיט רייד, מיט שאלות, מיט ווערטלאך, מען האט דערציילט, אז דעם גאנצען נעכטיגען טאג מיט דער נאכט הא מען איהם געזוכט, געאקערט, מען האט איהם שוין געהאלטען פאר א קדוש און זיין ווייב פאר א וויסטע עגונה, פלוצים אין מיטען געטימעל איז דאס ווייב זיינס צוגעלויפען מיט א געוויין, זיא האט געבראָ־כען דיא הענד אנקוקענדיג איהר באשערטען וויא ער ליעגט בלייך און טויט און קען קיין ריהר זיך ניט טאהן, זיא האט נעבאך אליין נישט געוואוסט וואס צו טאן, צי זאל זיא איהם שעלטען אויסלאזען צו איהם איהר שווער ביטער געמיטה, צי זאל זיא ארויסווייזען איהר פרייד, איהר שמחה, וואס גאט האט זיא, וויסטע עגונה, אויפגעריכט.

אין עטליכע מינוט ארום האט מען בנימינ'ן אזוי טאקי וויא ער איז געלע־גען אויפן זאק קארטפלעס, געפיהרט צו זיך אהיים איבער דעם מארק מיט א גרויסער פאראדע, דער גאנצער טונעיאדרעווקער עולם פון קליין ביז גרויס האט

איהם אפגעגעבען כבוד, קיינער האט זיך גישט געלאזט בעטען, און איהם בעלייט מיט א רעש, מיט א געשריי: קדוש! קדוש! קדוש.

דער נאמען קדוש איז בנימינ'ן פון דענסטמאהל אן טאקי אויף תמיד גע־בליעבען, ער האט געהייסען בנימין דער קדוש און זיין ווייב זעלדע דיא עגונה.

דער טונעיאדעווקער מומחה איז נאך דעם טאג טאקי צו בנימינ'ן געקומען, און האט איהם געגעבען ראטוניק מיט אלע תחבולות, וואס איז נאר מעגליך גע־ווען. ער האט איהם געשטעלט באנקעס אי פיאיווקעס, אויף אין גאנצען איהם אפגעגאלט און געזאגט פארין אוועקגאנג, אז נאך דיא אלע מיטעל וועט ער אים־ירצה־השם גענעזען ווערען און וועט נאך מארגען קענען, אויב ער וועט כח האבען, געהן גומל בענטשען אין בית מדרש אריין.

---

## וויא בנימין סקאמפאנייעט זיך מיט סענדעריל דער יודענע.

דיא דאזיגע מעשה, וואס מיט בנימינ'ן האט זיך געטראפען, וואס האט אנ־געמאכט אזוי פיעל יסורים זיין ווייב, אזוי פיעל לייטישע רייד אי אין דער שטאדט אי דארטען אונטערן אויוועז אי אויף דער אויבערשטער באנק האט אין פלונק, דאכט זיך, בעדארפט אויף אויביג פון איהם ארויסשלאגען דעם געדאנק פון זיין נסיעה אין דיא וויימע מקומות, נאר אבער א טעות, פארקעהרט עס האט נאך אין איהם דעם דאזיגען געדאנק ערשט בעסער אריינגעשלאגען. ער האט פון דענסטמאל אן אויף זיך געקוקט מיט דרך ארץ וויא אויף א מענשען, א געניטען, וואס איז געגוג אין זיין לעבען אויסגעשטאנען, ער איז ביי זיך געווען צעהען מאל טהייערער פאר זיין בעהארצקייט, פאר זיין שטארקייט, מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאנען אזוי פיעל שווערע פראבעס און גובר געווען אין גאנצען דיא טבע זיינע. ער האט אנגעהויבען זיך צו האלטען פאר א גיבור, פאר א חקרן, וואס האט א ידיעה אין אלע שבעה חכמות, וועלכע עס געפינען זיך נאר אין דעם „צל עולם" וואס האט זיך אנגעלייענט וויא אפויק אין אזעלכע מיני ספרים און ווייסט וואס אויף דער גאנצער וועלט טהוט זיך. ער האט אנגעהויבען אליין אויף זיך א מבין צו ווערען און זיך אליינצובעדרויערן וואס ער, אזא מענש וויא ער, געפינט זיך געביך כשושנה בין החוחים, וויא א ריעז צווישען דערנער, וואו? אין טונעיא־דעווקע, אין אזא העק, צווישען פראסטע מענשען, וואס פערשטעהען נישט און ווייסען נישט פון זייער לעבען צו זאגען! דיא לייטישע רייד און דיא ווערטלאך, וואס זענען איבער איהם געפאלען, זיי האבען אדרבה איהם ערשט געטריעבען

אין וועג אריין. עס האט איהם זיך געלוסט וויא צום גיכסטען אוועק פון טונעיא־דעווקע. וויא דערלעב איך שוין, פלעגט ער אלץ טראכטען, זיך אוועקצולאזען אהין וויט, און קומען בשלום צוריק מיט ישועות און נחמות אויף יודען, מיט כבוד און מיט א גוטען נאמען אין דער וועלט, און דענסטמאל וועט גאנץ טונע־יאדעווקע וויסען, פון קליין ביז גרויס, וואס איך בנימין בין, וואס איך בנימין בעטייט......

בנימין'ן האט לעת עתה אפגעהאלטען פון דער נסיעה נאר דיא דאזיגע קליי־נע מניעות: ערשטענס וואו נעהמט מען אויף הצאות? ביי איהם אליין האט קיין מאל זיך נישט געפונען קיין גראשען אינקעשענע. ער פלעגט תמיד זיצען ליידיג אין בית-המדרש און זיין פלוניתטע איז געוועזן דיא אשת חיל, דיא פרנסה געבע־רין פון א נאס אפטייקעל, וואס זיא האט זיך געמאכט באלד נאכ'ן קעסט אראפ־געהענדיג, און מישטעהענס געזאגט, וואס דאס גאנצע קלייטעל האט אנגעטרא־פען; ווען זיא זאל דערביי נישט געווען ארבייטען זאקען, נישט פליקען ווינטער ביז שפעט אין דער נאכט פעדערן, נישט פרעגלען אויף צו פערקויפען פסחדיג שמאלץ, נישט איינהאנדלען א מאל אין א מארק טאג־טאג ביי איהרע בעקאנטע מוזשיקעס קיין מציאות, וואלט נישט געווען מיט וואס דיא נשמה צו דערהאל־טען. פארקויפען עפעס פון שטוב־זאכען? נאר וואס אבער האט דארט זיך געפור־נען? א פאאר מעשענע לייכטער, וואס זיינען זעלדען געבליעבען ירושה פון איה־רע עלטערען, אין וועלכע זיא בענטשט ליכט, שייערט עס תמיד און זיך דערמיט שטארק מהנה. קיין ציהרונג האט זיא ניטי חוץ א זילבערן רייפעלע מיט א פעריל פון איהר מאמעס שטערנטיכעל, וואס דאס ליגט ביי איהר פארשלאסען און טהוט עס אן נאר א מאל בשעת א גרויסע שמחה אדער בשעת א מזל־טוב אפגעבען. פארקויפען זשע עפעס פון זיינע חפצים? גאר אין גאנצען האט ער געהאט א שבת'דיגע אטלעסענע קאפאטע נאך פון דער חתונה אן, צוהאקט צופאלען פא־רענט אי הינטען און דער געלער אונטערשלאק האט ארויסגעקוקט. ער האט גע־האט פראוודע אי א טולעפיל, נאר אונטען איז ער געווען אין גאנצען אפגעבא־רעט, דער קאלנער מיט גאר נישט בעלייגט. בשעת זיין חתונה האט דער טאטע זיינער, איהם צו לאנגע יאהר, געהייסען נישט זשאלעווען, אדרבה מאכען א לאנ־גען קאלנער פון דער פולער האנד און אפסטעפען איהם לעת-עתה פון אויבען מיט א שטיק אונטערשלאק. וואס איז געבליעבען יתור פון זיי קאפאטע און האט דערביי זיך מתחייב געווען צו בעלייגען דעם קאלנער מיט פייא איה"ש שפעטער ביים סילוק'ן דעם מותר פונם נדן. דעם נדן אבער האט ער נישט געסיליקט און

דער קאָלנער איז געבליעבען אזוי וויא ער איז געווען ביז דעם היינטיגען טאָג...
צווייטענס האָט בנימין ניט געוואוסט וויא מען רייסט זיך ארויס פון דער היים, איבערשמיעסען מכח דער נסיעה מיט זיין פלוניתטע און ארויסזאָגען איהר דיא גאנצע זאך בפירוש ? חלילה וחס ! וואָלט געוואָרען א ליארעם, א געפּילדער, זיא וואָלט איהם אָפּגעוויינט מיט טרעהרען אום איהם געהאלטען זיכער פאר ריין משוגע, וואָרום וויא האָט א יודענע שכל אזעלכע ענינים משיג צו זיין ? א יודענע, אז זיא איז שוין אפילו גאָר דיא אשת חיל, איז זיא דאָך פאָרט נישט מעהר וויא א יודענע. וואָס דער מינדסטער מאנסביל האָט אין נאָגעל, האָט זיא נישט, און קען עס גאָר ניט האָבען, דיא פיינסטע און דיא קליגסטע יודענע אפילו אין איהר קאָפּ.... אוועקגעהן זשע בשתיקה און דעם זיי־געזונט פארגעסען ? איז עפּים אויך פּריקרע, דאָס איז אביסעל מעשה ליטוואק, ווידער זשע בלייבען זיט־צען אין דער היים און אָפּזאָגען זיך פון דער גאנצער נסיעה ? דאָס איז ריין אונ־מעגליך. עס הייסט אזוי פיעל וויא אָפּזאָגען זיך צו לעבען, דיא נסיעה איז בנימנ׳ן געוואָרען דיא צווייטע נאַטור, וויא א יוד מוז דריי מאָל אין טאָג דאווגען אזוי האָט ער געמוזט איטליכע רגע אין דער נסיעה טראַכטען. אפילו אין שלאָף איז זיא איהם פון זינען ניט ארויס און האָט איהם זיך שטענדיג געחלום׳ט. זיא האָט טיעף איינגעוואָרצעלט איהם אין הארץ און זיך בעשעפטיגט געמאכט מיט זיינע אויגען און אויערן אזוי, אז ער האָט אויפגעהערט צוזעהען אי צוהערען דאָס אלסדינג, וואָס פאר איהם, ער האָט נאָר געזעהען אי געהערט דאָס וואָס טוט זיך דאָרט, דאָרט העט וייט אין יענע מקומות, נישט איין מאָהל פלעגט ער אין א שמיעס מיט עמעצין פלולים אריינמישען: הינדיא, סמבטיון. אנטיקו׳דאָ, פּי־פּערנאָטער, לינדעגוואָרעם, אייזעל, מוילאייזעל, באָקסאָר, כצפּיחית, טערק, טאָ־מער, גזלן וכדומה נאָך אזעלכע ווערטער. דיא נסיעה האָט געמוזט געמאכט ווע־רען, נאָר וואָס טהוט מען מיט דיא מניעות. דאָס האָט ער זיך קיין עצה נישט גע־קענט געבען. ער האָט געפּיהלט אז ער בעדאַרף האָבען איינעם, מיט וועמען ער זאָל קענען מכח דעם זיך מישב זיין.

איש אחד היה בטונעיאדעווקע, איין מענש איז געווען אין טונעיאדעווקע ושמו סענדעריל און ער האָט געהייסען סענדעריל, נאָך זיין עלטערזיידען רב סענ־דעריל, זה הסענדעריל דער סענדעריל היה איש פּשוט איז געווען א פּשוט מענ־שעל. דאָס הייסט א פּראָסטער אָהן חכמות, אין בית המדרש האָט ער געהאט א שטאָט אונטער דעם בעלמעמער, און דאָס אליין איז שוין דער בעסטער סימן, אז ער איז ניט געווען פון דיא טונעיאדעווקער פיינע בריות, פונם דאָרטיגען צי־

מעם און דער גילדענער פאַן. דיא שמיעסען אין בית המדרש אָדער ערגיץ אנדערש פלעגט ער דאָס רוב צו הערען שטיל, וויא א זייטיגער פּארשוין אָדער א וואַלגיע סלושאטעל. נאָר פלעגט ער א מאָהל זיך אָנרופען א וואָרט האָט ער אָנגעמאכט א גרויס געלעכטער, נישט מחמת דרינען איז געלעגען עפּיס א ווילדע חכמה אָדער א גרויסע המצאה, ניין, נאָר גלאט זיינס א וואָרט האָט עפּעס געמאכט לאַ־כעדיג. חאָטשע ער האָט עס געביך געזאָגט גאַנץ פּשוט בתמימות און האָט כלל גאָר נישט געמיינט יענעם דערמיט לאכעדיג צו מאכען, אדרבה, אז מען פלעגט לאכען, פלעגט ער אויסשטעלען א פּאָר אויגען און אָנקוקען פאר וואָס מען לאכט, פאראיבעל האָבען דערפאר פלעגט ער קיין מאָהל ניט. ווארים ער איז בטבע געוועז א גוטער, א פּאָקאָרנער, וויא עס גיט זיך א מאָהל אויס א פּאָקאָרנע קיה, ער האָט גאָר נישט געוואוסט אז מען בעדאַרף פאראיבעל האָבען. יענער לאכט, נוא מילא לאָז ער זיך לאכען, מסתמא האָט ער דאָך הנאה. דאָך מוז מען מודה זיין, אז אין סענדערלים א וואָרט איז א מאָל געלעגען טאקי איין אמת גלייכער איינפאַל חאָטש ער אליין האָט עס גאָר אזוי ווייט נישט געמיינט און עס געזאָגט גלאט בתמימות, מיט איהם פלעגט מען ליעב האָבען קאטאָוועס צו טרייבען. דער גרעסטער טהייל בערליך אין תשעה־באב זענין אין זיינע פּאות איינגעפּלאָנטעט געוועזן. דער בעסטער חלק קישעליך, וועלכע מען ווארפט הושענא רבה ביי דער נאכט ביים אויפזיין, איז איהם אָנגעקומען, אקעגען זשע דער קליינסטער חלק רעטשען קיכעל און בראנפען פון תיקון אָדער גלאט אזוי בראנפין איז ווידער טאקי אין איהם אָנגעקומען. הכלל סענדעריל איז תמיד און אומעטום געוועזן דאָס כפּרה הינדעל, און מחמת דעם האָט ער טאקי בעקומען א צונעמעניש: סענדעריל דאָס כפּרה הינדעל, סענדעריל איז בטבע נישט געוועזן, וויא אנדערע, קיין עקשן, האָט איינער געזאָגט אזוי איז פון זיינעטוועגען רעכט געווען אזוי. סענדעריל האָט געטאָהן יענעמס רצון, נישט מחמת מבטל צו זיין זיין רצון כדי יענער זאָל דערפאר מבטל זיין זיין רצון פאר זיין רצון, נאָר גלאט פּראָסטע איז מאָסטע ער האָט געטאָן יענעמס רצון. וואָס ארט עס מיך? איז זיין שטייגער געוועזן צו זאָ־גען, וואָס פאר א דאגה האָב איך? דוא ווילסט דוקא אזוי נו זאָל זיין אזוי. צוויי־שען יונגליך איז סענדעריל געוועזן א יונגעל, ער פלעגט עפּטערס געהן, שמיעסען, זיך שפּיעלען מיט זיי אין איינעם און האָבען דערפון תענוג צווישען זיי איז סענ־דעריל באמת געוועזן וויא א פּאָקאָרנע בהמה וואָס לאָזט צו זיך צו קינדער, זיי זאָלען אויף איהר רייטען און איהר קראטצען דיא מאָרדע, קונדסים פלעגען איהם קריכען אויפן קאָפּ און צופּען איהם ביים בערדיל, אנדערע פלעגט עס א מאָל ארען

און פלעגען אָנשרייען: תרבית שקצים פאר איין עלטערן פאר א יודען מיט א באָרד! וואָס צופּט איהר איהם דאָס בערדיל? ! נישקשה, נישקשה, פלעגט סענ־דעריל זיך אָנרופען. וואָס ארט עס מיך? וואָס פאר א דאגה איך האָב? זאָלען זיי מיך א ביסעל קראַטצען, ביי זיך אין דער היים האָט סענדעריל נעביך קיין האַ־ניג ניט געלעקט. זיין ווייב איז געגאנגען אין ספּאָדיק און ער האָט ביי איהר געהאט א וויסטע, ביטערע דאָליע, זיא פלעגט איהם האלטען אין דער מורא, א מאָל דערלאנגען א זעטץ און ער נעביך האָט עס געמוזט מקבל באהבה זיין. אונ־טער א יום טוב פלעגט זיא איהם אנידערשטעלען אויסווייסען דיא שטוב און אונ־טערבינדען איהם דאָס בערדיל מיט א טיכעל, ער פלעגט איהר שיילען קארטאָפּ־לעס, קאַטשען און בראָקען לאָקשען, אָנפילען פיש, אָנטראָגען אי ארייננלייגען אין אויוועו האָלץ און אונטערהייצען, אקוראט וויא א יודענע, דעריבער האָט מען איהם טאקי אויך גערופען סענדעריל דיא יודענע.

אָט דעם סענדעריל דיא יודענע האָט אונזער בנימין אויסגעקליעבען איהם צו עפענען דאָס הארץ און מיט איהם זיך שואל בעצה זיין וואָס ער זאָל טאָן. דער טעם דערפון, פאר וואָס גראָד סענדעריל? איז דער: ווייל בנימין האָט תמיד געפיהלט צו איהם עפּיס א שטיקעל ליבשאפט. סענדעריל איז אין פיל זאכען איהם זעהר געפעהלען, ער האָט אין א סך ענינים זיך מיט איהם אויסגעגלייכט און פלעגט א מאָהל אין שמיעס מיט איהם זיך פשוט מחיה זיין. מעגליך אפשר נאָך אי צוליעב דעם אויך וואָס בנימין האָט גערעכענט דארויף וואָס סענדעריל איז קיין עקשן נישט. ער סענדעריל, וועט זיין פלאן אָננעהמען און איהם נאָכגעבען אלסדינג, וואָס ער וועט איהם זאָגען. און אויב סענדעריל וועט אפשר אין עטליכע פונקטען זיך איינשפּארען, וועט ער איהם מיט גאָטש הילף און מיט זיין חלקת הלשון גובר זיין......

ויהי כבוא בנימין לסענדעריל און אז בנימין איז געקומען צוא סענדערלין האָט ער איהם געטראָפען כשהוא יושב על ספסל החלב וקולף קארטאָפלעס, ווי ער זיצט אויף דער מילכידיגער באנק און שיילט קארטאָפלעס. איין באק האָט איהם שטארק געפלאמט און אונטערן אויג איז איהם געוועזען בלויא מיט א גראבעל, עפּיס וויא מען דערלאנגט א קרעל מיט א נאָגעל. ער איז געזעסען וויא א נעבכטי־גער, בעטריבט און פערזאומערט וויא א יונגער, וואָס דער מאַן איהרער האָט זיא אוועקגעוואָרפען און איז אוועקגעגאנגען למדינת הים, אָדער וויא איין אשה, וואָס דער מאן האָט איהר דערלאנגט א פאטש.... סענדעריל'ס ווייב איז ניט געוועזן אין דער היים.

— גוט מאָרגען סענדעריל! וואָס ביסט דוא שערדצע אזוי בעטריעבט? האָט בנימין געזאָגט ארייַנקומענדיג און געוויזען סענדערלין מיט א פינגער אויף דער באק. הא, ווייטער זיא? וואו איז זיא, דיא בחורטע?

—אין מארק.

—גאנץ גוט! האָט בנימין כמעט א געשריי געטאָהן פאר גרויס שמחה. לייג אוועק, נשמה מיינע, דיינע קארטאָפלעס און קום מיט מיר אין אלקער אריין. דאָרט איז קיינער נישטאָ? קיין שומר מיט דיר בעדארף איך איצט נישט האָבען, איך וויל דיר ענטפלעקען מיין הארץ. איך קען מיר שוין נישט איינהאל- טען, עס קאָכען אין מיר דיא געבליטען, אף גיכער סערדצע גיכער, זיא קען נאָך אָנקומען און אונז שטערען איידער מיר וועלען פארטיג ווערען.

—וואָס ארט עס מיך? דוא ווילסט טאקי גיך זאָל זיין גיך, וואָס פאר א דאגה איך האָב? האָט סענדעריל זיך אָנגערופען און איז אריין אין אלקיר.

—סענדעריל! האָט בנימין אָנגעהויבען מיט אזא שמיעס, זאָג מיר, דוא ווייסט וואָס אויף יענער זייט טונעיאדעווקע איז?

— איך ווייס. דאָרט איז דיא פריטשעפע וואו מען בעקומט א מאָל א גוט ביסעל בראנפין.

— דוא ביזט א נאר, איך מיין ווייטער, א סך ווייטער.

— נאָך ווייטער פון דער פריטשעפע? ! האָט סענדעריל פערוואונדערט זיך אָנגערופען, ניין, ווייטער דערפון ווייס איך נִיט. און דוא בנימין ווייסט?

— אויב איך ווייס? א שאלה אביסעל אויב איך ווייס? דאָ איז ערשט דאָ א וועלט? האָט בנימין א זאָג געטאָהן מיט התלהבות גלייך וויא קאָלומבוס בשעת ער האָט ענטדעקט אמעריקא.

— וואָס זשע איז אזוינס דאָרטען?

— דאָרטען, דאָרטען. האָט בנימין זיך צופלאקערט. פיפערנאָטער! ליג- דענוואָרעם!.....

—דער לינדענוואָרעם, מיט וועלכען שלמה המלך האָט געשניטען דיא שטיי- נער צום בית המקדש? האָט סענדעריל ארייַנגערוקט זיין וואָרט בתמימות.

—יאָ, נשמה מיינע, יאָ, דאָרט איז ארץ ישראל, דאָרט איז יענע מקומות... הא, דוא וואָלסט געוואָלט זיין דאָרט?

— און דוא וואָלסט געוואָלט?

— א שאלה אביסעל! איך וויל סענדעריל, איך וויל און וועל טאקי דאָרט באלד זיין.

—איך בין דיר מקנא בנימין. דוא ועסט עס דאָרט זיך אָנעסען אביסעל מיט באָקסאָרען און מיט טייטלען. הא הא!

—דוא סענדעריל קאָנסט עס אויך עסען וויא איך. דוא האָסט אין ארץ ישראל אזא חלק וויא איך.

— חלק האָב איך טאקי. נאָר וויא קומט מען אָבער אהין? דאָרט איז דאָך דער תוגר.

— דערצו סענדעריל איז דאָ א תרופה, זאָג מיר, סערצע, דוא ווייסט עפּיס פון דיא רויטע יודליך?

—איך האָב אָנגעהערט גענוג מעשיות איבער זיי אונטערן אויווען, נאָר וויסען אקוראט וואו זיי זיצען און וויא מען קומט צו זיי, דאָס ווייס איך נישט. איך זאָל וויסען מסתמא וואָלט איך דיר אויך מודיע געווען. פאר וואָס ניט? וואָס ארט עס מיך?

— הע הע! זעהסט־דוא און איך וויים, האָט בנימין געזאָגט מיט גדלות און ארויסדערטאפּט פון קעשענע דעם „שבחי ירושלים“. זעהסטו אָט וואָס דאָ שטייט איך וועל דיר עס לייענען.

„אז איך בין געקומען קיין ברוט“י, אזוי שטעהט געשריעבען, האָב איך געפונען פיער יודען פון בבל. האָב איך גערעדט מיט איינעם פון זיי וואָס האָט פערשטאנען לשון קודש און האָט געהייסען ר' משה. האָט ער מיר דערציילט גאנץ אמתע זאכען פון מייך סמבטיון אז ער האָט געהאָרכט פון ישמעאלים וואָס האָבען איהם געזעיהן און אז דאָרט זענין דאָ דיא בני משה. אויך זאָגט ער ווייטער: „אז דער נגיד האָט מיר דערציילט, אז א יאהר דרייסיג אין דעם איז בייא איהם איינגעשטאנען איינער וואָס ער איז געווען פון שבט שמעון, און ער האָט געזאָגט אז אין זיין מקום זענין דאָ פיער שבטים, איינער פון זיי איז דער שבט יששכר, וואָס איז זיך עוסק אין תורה און פון דעם שבט איז דאָ א מלך איבער זייא“. חוץ דעם שטעהט נאָך בפירוש, אי אין דעם דאָזיגען ספר „מסעות בנימין“ אָט דיא ווערטער: פון דאָרט איז א מהלך פון צוואנציג טעג צו דיא בערג ניסבון, וואָס אויף דער טייך ג ו ז ן. אין דיא בערג ניסבון זענין דאָ פיער שבטים: דער שבט זבולון, דער שבט אשר און דער שבט נפתלי, זיי האָבען מדינות און כרכים און די בערג. פון איין זייט נעהמט זייא ארום דער טייך גוזן, זייא האָבען ניט אויף זיך קיין יאָך פון דיא אומות, נאָר איין מלך איז דאָ איבער זייא און ער הייסט ר' יוסף אמרכלא הלוי. און זייא האָבען א ברית, א בונד מיט דעם כופר אל־תור“ך. „א חוץ דעם שטעהט נאָך און נאָך זאכען וועגען דיא בני רכב אין דעם לאנד

תימא, וואָס זיי האָבען איבער זיך א יודישען מלך און פאסטען און בעטען נאָך אויפן גלות ישראל, נוא, וואָס דיינקסט דוא, סערדצע, אז זייא וואָלטען א שטיי־נער פלוצלים דערזעהן מיך, מיך זייער ברודער בנימין פון טונעיאַדעווקע קומט צו זייא צו גאַסט? הא, וואָס דיינקסט דוא סענדעריל? אדרבה זאָג, איך בעט דיך, וואָס זאָגסט־דוא דערצו?

— זיי וועלען פשוט זיך מחיה זיין, זאָג איך דיר בינימין, א קאַטאָוועס אזא גאַסט, אזא טהייערער גאַסט! איטליכער וועט דיך פארבעטען צו זיך אויף א מאָהלצייט. דער מלך אמרכלא מסתמא אויך. לאָז זייא דאָרט האָטש פון מיר גאָר פריינטליך גריסען. איך זאָל קענען וואָלט איך חלעבין אויך מיט דיר אהין גע־גאנגען.

— הא! האָט בנימין א מאך געטאָן פארפלאַמט פון א נייעם געדאנק, וואָס איז איהם איינגעפאלען. הא! טאָמיר באמת טאקי סענדעריל. סערדצע, וואָלסט־דוא מיט מיר אין איינעם געמאכט דיא נסיעה. נארעלע. אצינד חלעבין האָסט־דוא זעהר א גוטע געלעגענהייט. איך געה אבלייז אהין וועל איך דיר מיטנעהמען. נארעלע איינער, אין צווייען איז היימליכער. טאָמיר וועל איך דאָרט, א קשיא אויף א מעשה, ווערען מלך וועל איך דיך מאכען, חלעבין, פאר א משנה למלך. נא דיר מיין האנד תקיעת־כף! וואָס וועסט דוא, נאַרעלע, דאָ זיטצען און ליידען גלות נעביך פון דיין פלוניתטע, דיא רשע'טע. קוק אָן וואָס פאר א באַק נעביך דוא האָסט. דוא האָסט דאך בייא איהר א וויסטע, פינצטערע ג'אָליע. חלעבין סענדעריל קום. וועסט נישקשה קיין חרטה נישט האָבען.

— טאָ, האָט געזאָגט סענדעריל, אויב דוא ווילסט דוקא אזוי, זאָל זיין אזוי. אי זיא? וואָס פאר א דאגה איך האָב? א נאר וואָלט איך בעדארפט זיין איך זאָגין וואָהין איך לאָז מיך אוועק.

— נשמה מיינע, לאָמיך דיך א קיש טאָן! האָט בנימין ארויסגעלאָזט מיט גרויס שמחה און פאר ליבשאפט ארומגענומען סענדעריל דיא יודענע. דוא האָסט מיר סערדצע מיט איין וואָרט פארענטפערט א קשיא, א קלאָטץ־קשיא. איך זאָג איצט אויך אזוי וויא דוא: אי זיא? – מיינע, מיין איך, וואָס פאר א דאגה איך האָב? ס'איז אָבער דאָ נאָך א קשיא וואו נעהמט מען אויף הוצאות.

— אויף הצאות? דוא ווילסט דען זיך אויסקליידען, בנימין, אָדער אי־בערגימטצעווען דיין קאפאָטע. הערסט־דוא, און איך וואָלט געזאָגט, מען בעדארף חלעבין נישט. אין וועג איז אדרבה גלייכער אלטע קליידער. דאָרט וועלען מיר מסתמא בעקומען נייע שיינע קאפאָטעס.

— יאָ טאַטי אמת, דאָרט האָב איך שוין קיין דאגה נישט. מען בעדאַרף דאָך אָבער לעת־עתה ביז דאָרט האָבען עפּיס געלד פראָסט אויף צועסען ?

— וואָס הייסט, בנימין, אויף־צועסען ? דוא האָסט דען בדעה מיטפיהרען מיט זיך א קעך ? צו וואָס ? נישטאָ דען אויפן וועג קיין קרעטשמעס, קיין הייזער ?

— איך פערשטעה דיך, סענדעריל, נישט וואס דוא מיינסט, האָט בנימין פארוואונדערט זיך אָפּגערופען.

— איך מיין, האָט סענדעריל געענטפערט בתמימות, אבי ס'איז דאָ נאָר הייזער, קען מען אין איין וועג טאָקי געהן איבער דיא הייזער. וואָס טהוען דען אלע אנדערע יודען ? היינט געהן א טהייל צו יענע אין דיא הייזער דערנאָך געהן יענע פון זייער זייט צו אנדערע אין דיא הייזער. ס'איז דאָך א יודישע זאַך, נאָר א גמילות חסד....

— דוא ביסט חלעבין געדעכט ! האָט בנימין א זאָג געטאָהן בשמחה. אצונד איז מיר ליכטיג געוואָרען אין דיא אויגען. אויב אזוי, בין איך ברוך השם אין גאַנצען פארטיג און פארזאָרגט מיט אלסדינג. נאָך מאָרגען טאַקי, גאנץ פריה אז דער עולם וועט נאָך שלאָפען קענען מיר אוועקגעהן. פארליהרען צייט איז חלעבין איין עברה. דוא ביסט מוסכם ?

— דוא ווילסט מאָרגען, זאָל זיין מאָרגען, וואָס פאר א דאגה איך האָב ?

— מאָרגען גאַנץ פריה, הערסטו סענדעריל ?, וועל איך שטילערהייט ארויס־געהן פון דער היים. לעבין דער פּוסטער ווינטמיהל דאָרט וועל איך אויף דיר וואר־טען. געדיינק זשע סענדעריל, מאָרגען גאנץ פריה זאָלסט דוא אהין ארויסקומען. געדיינק זשע, האָט בנימין נאָך א מאָל איבערגעחזערט און שוין געוואָלט אוועקגעהן.

— ווארט נאָך בנימין, ווארט אביסיל ! האָט סענדעריל געזאָגט, זיך גע־באַברעט איבער דער בוזעם־קעשעננייע פונם לייביל און ארויסדערטאַפּט פון דאָרט עפּיס איין אלט פארשוויצט שטיקעל יערכע, ארומגעוויקעלט מיט בענדליך עט־ליכע מאָל הין און צוריק און פערקניפּט אוודאי מיט א צוואנציג קניפּלאַך. זעהסט־דוא בנימין, אָט דאָס קניפּעל האָב איך אוספּייעט אָנזאמלען אונטער מיין ווייב פאר דער גענצער צייט, וואָס איך האָב פאר איהר התונה געהאט. עס וועט אונז אין דער התחלה צוניטץ קומען, הא ?

— אצינד, סערדצע, ביסט דוא ווערט מען זאָל דיר אויסקישען איטליכס

אבער, איטליכם גליד בעזונדער, האט בנימין געזאגט הויך, לעבעדיג און ארומגע־
חאפט סענדעריל דיא יודענע.

— א פארחאפט זאלסטו־דוא ווערען! קוקט נאר אן, איך בעט אייך, דאס
גרויסע ליבשאפט וויא מען נעהמט זיך אזוי ארום, און דא אין שטוב שטעהט א
ציג און עסט דיא קארטאפלעס! האט זיך פלוצים געהערט א געשרייא.

— דאס געשרייא איז געוועז פון סענדערילס פלוניתטע, זיא איז געשטאנען
אנגעצונדען אין איין פייער, מיט איין האנד געוויזען אויף דער ציג און מיט דער
אנדרער געוואונקען צו זיך סענדערלין, סענדעריל האט מיט איין אראפגעלאזטען
קאפ זיך געלאזט פאמעליך פאמעליך ארייננגעהן אין שטוב גלייך וויא א פארזינ־
דיגט קינד וואס מען וויל איהם מקיים פסק זיין.

— שטארק זיך, נשמה מיינע, דאס איז איהר שוין דאס לעצטע מאל, גע־
דיינק זשע מארגען.... האט בנימין שטילערהייט אייננגערוימט סענדערלין אין
אויער און וויא א קעטצעלע זיך ארויסגערוקט פונם שטוב.

## וויא בנימין מיט סענדערלין פארלאזען טונעיאדעווקע.

אויף מארגען גאנץ פריה איידער דער פאסמוך האט נאך פארנומען דיא
בהמות אין דער טשערעדע אריין איז אונזער בנימין שוין געשטאנען גרייט לע־
בין דער ווינטמיהל מיט א פעקיל אונטערן ארם. אינעווייניג אין דעם פעקיל איז
געלעגען אלע זאכען, וואס זענען נייטיג געוועזען צו דער נסיעה היינו: טלית און
תפילין, א סידור דרך החיים, א חוקיל, א תהילים און יענע אלע ספרים, אהן וועל־
כע ער האט זיך נישט געקענט ריהרען אזוי וויא א בעל מלאכע אהן זיין געצייג.
דיא שבתדיגע קאפאטע זיינע איז אויך דארט געלעגען מען מוז דאך פאר דער
וועלט א פנים האבען און יוצא זיין פאר לייט. אין קעשעניע האט ער געהאט א
פופצעהנטהאלבען גראשען, וואס ער האט פארן אוועקגאנג ארויסבעקומען בייא
זיין פלוניתטע אונטער דער קישען. הכלל ער איז געוועזען ברוך השם פאר זארגט
מיט אלסדינג און שוין געקענט זיך לאזען זיך אין וועג אריין.

דיא זון איז דערווייל אויפגעגאנגען זעהר שיין און האט אראפגעקוקט מיט
איהר ליכטיגען פנים אויף דער וועלט. איין קוק איהרער האט צוא געגעבען א
שטיק געזונד, מחיה געוועזען איטליכע זאך בעזונדער. ביימער און גראז האבען עפיס
וויא זיס געשמייכעלט איידער דיא גרויסע טרעהרין טויא פון ביי־נאכט זענען זיי
נאך נישט אויסגעטריקענט, אקוראט וויא קליינע קינדער צולאכען זיך פלוצלים
פרעהליך אין מיטען געוויין פון א בליטשעדיג טשאטשקעלע, בשעת טרעהרען ווי
דיא באבען שטעהן זייא נאך אין דיא אויגען. דיא פעלדפייגעליך האבען געשווינד

זיך געטראָגען אין דער לופט. געשפּילט און געזונגען ארום בנימינ'ן. גלייך וויא זייא וואָלטען געזאָגט: קומט, לאָמיר זינגען אי שאלען און דערפרייען דעם פּיינעם פּארשוין לעבין דער ווינטמיהל! דאָס איז בנימין אליין, דאָס איז בנימין דער טונעיאדעווקער, דער אלכסנדר מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פּארלאָזט זיין פאַטער לאַנד, וואַרפט אוועק ווייב און קינדער און געהט אין גאָטס שליחות וואָהין דיא אויגען טראָגען! אָט שטעהט דער גרויסער בנימין, וואָס ער איז וויא דיא זון ארוים פון זיין געצעלט און פרייט זיך וויא א גבור צולויפען אין וועג מיט זיין פּעקיל אין דער האנד! ער איז שטארק וויא א לעמפּערט און גרינג וויא איין אָדלער צוטאָן דעם רצון פון אונזער פאָטער אין הימעל! זינגט שפּילט: טרילילילי, טררייל, טריל! שאלט זינגט און דערפרייעט זיין הארץ!... בנימינ'ן איז טאקי באמת פרייליך געווען אויפן הארץ, ער האָט בייא זיך געטראכט: „איך בין דאָך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, וואָס פעהלט מיר אָהן עין-הרע? וואָס געהט מיר אָפּ? מיין ווייב האָב איך, געלויבט איז השי"ת, פאַרזאָרגט. זיא האָט א שטיקעל פּרנסה. איך אליין בין א פרייער פויגעל, גלייך וויא דיא אלע פעלדפייגעליך דאָ. דיא גאנצע וועלט איז פאר מיר אָפען. מיט מיין גע-ניטשאפט, מיט מיין בעהאָרצקייט און מיט מיין שטיקעל ידיעה אין דיא שבע חכמות וועל איך נישקשה ערגיץ נישט פארפאלען ווערען. היינט דערבייא בין איך דאָך עפּיס א יוד, א שטיקעל בעל בטחון, אוועקגעלייגט שוין אלע מעלות אין דער זייט לעבען דאָך יודען אָפּ א וועלט מיט בטחון אליין און גאָט פיהרט זייא אוים.

בנימין איז עפּיס זעהר גוט געווען אויפן הארץ אזוי, אז דיא לעפּצען זיינע האָבען זיך גיעפענט און ער האָט בנעימותדיג אויפן בייא-קול אונטערגעזונגען א מארש פונם מלך עליון. זיין מארש האָט זיך פארמישט מיט דעם געזאנג פון דיא פייגעליך, מיט דעם זוזשען פון דיא פליגלען. מיט דעם שמוטצערען פון דיא גריילען און האָבען אין א קאָנצערט זיך דערהייבען ביז צום כסא הכבוד פון זיין ליבען נאָמען הויך אויף דעם אויבערשטען הימעל!

דערווייל איז א וועק א היבשע צייט און סענדעריל איז נאָך נישטאָ דאָס האָט אנגעהויבען בנימינ'ן אביסיל צוארען און צושטערט זיין שמחה ער האָט געקוקט אין אלע זייטען, זיך ארויסגענומען דיא אויגען קוקענדיג, נאָר אומזיסט דיא מיה מען הערט נישט מען זעהט נישט, נישטאָ סענדעריל! האָט איהם אפשר רען דיא רשעטע זיינע מכבד געווען מיט עפּיס א מלאכה? נאָר דערצו איז נאָך אָבער איצט נישט דיא ייט, גאנץ טונעיאדעווקע שלאָפט נאָך אצונד געשמאק. קאַרי-טאָפלעס הייבט מען אָן צו שיילען העט שפּעטער. יודענס נעהמען זיך צום וואר-

עמס ערשט נאָכן אָפּקריגען און אָפּשעלטען זיך מיט דיא מאַנען, ערשט דערנאָך ווען מען שמייסט שוין אָפּ קינדער און מען הייננט ארוים טריקענען דיא בעבי־כעס... אונזער בנימין האָט ניט געוואוסט וואָס צוטאָן און איהם איז געוואָרען נישט פרייליך שטארק נים פרייליך. אלכסנדר מוקדון האָט צוּבראָכען דיא בריק איבער וועלכער ער איז אריבער קיין הינדיא, בכדי ער זאָל נישט קענען צוריק געהן. לאָזען־זשע זיך אליין אָהן סענדערלין ? ניין, דאָס איז פריקרע זעהר פריקרע ! סענדעריל איז איהם געווען שטארק נייטיג, זינט ער האָט מיט איהם זיך סקאָמפּעניעט איז איהם עפּיס ליכטיג געוואָרען אין דיא אויגען. אָהן סענדערלין זיך אוועקצולאָזען וואָלט אויסגעקומען עפּיס משונה ווילד, עס וואָלט נאָר א פנים געהאט וויא א שיף אָן א רודער, אָדער וויא א מלוכה אָהן א מיניסטער. פלוצלים האָט זיך געלאָזט זעהן פון דער ווייטענס עפּיס וויא א מענשענגעשטאלט, דאכט זיך סענדעריל און פאָרט נישט סענדעריל, דאכט זיך גאָר איינע און א ציצען קליידעל און מיט א טיכעל אויפן קאָפּ. בנימינ'ן האָט א טיאָכקע געגעבען דאָס הארץ און איז געוואָרען טויט, בלייך וויא דיא וואנד. איהם האָט זיך גע־דאכט אז דאָס געהט זיין ווייב. ניין זיא געהט נישט, זיא לויפט, זיא יאָגט, אָט קומט זיא צולויפען, האפּט זיך אויף איהם ארויף מיט גרוים כעס, לאָזט צו איהם אוים איהר שווער ביטער הארץ און שלעפּט איהם א היים מיט א יאָמער, א קלאָג. „איין גאָט נאָר ווייסט“ אזוי דערצעהלט בנימין אליין „וויא איך בין דענסטמאָל געשטאנען אין איינע צרות, אין געהאקטע וואונדען, הונדערט פּיפּערנאָטערען וואָלט מיר דענסמאָל ליבער געווען צובעגעגענען וויא מיין ווייב ; ווארים א פּי־פּערנאָטער בייסט נאָר דאָס לייב, דעם גוף, און א ווייב בשעת כעס גריזשעט און בייסט דיא נשמה. השי"ת אָבער האָט מיר געשטארקט, איך בין באלד טאקי בע־הארצט אנטלאָפען זיך פארבאָרגען הינטער דער ווינטמיהל און געגלוט דאָרט ווי א לייב גליגט אויף זיין פארצוקונג“. — אין עטליכע מינוט ארום איז בנימין ארויסגעשפרונגען פון זיין פארבאָרגעניש מיט א שרעקליכען שפרונג און מיט א געשרייא וויא א ריינער משוגענער :

הא סענדעריל !

סענדעריל איז געגאנגען אָנגעטאָן אין א ציצען חאלאטיל. אונטערגעבונדען ביידע באקען מיט א פארשמאָלצענע טיכעל, אונטער ביידע אויגען בלויא, צו־גראבעלט, א שטעקען אין דער האנד און אויף דיא פלייצעם א היפּש פּעקיל. ער האָט אין בנימינס אויגען געהאט דענסמאָל דעם זיבעטען חן וויא א שיינע אויס־געפּוצטע כלה אין דיא אויגען פונם חתן. בנימין שילדערט זיין שמחה דענסטמאָל

מיט דיא ווערטער: וויא א קינד וואס גלוסט אויף קוואלען וואסער, וויא א דארשטיגער אין דער מדבר, וואס געפינט לעבעדיגע, קוועלענדיגע וואסער, וואס רינט אראפ פון א שפיץ סקאלע אזוי האט מיין גלוסטיגע לייב זיך גיטאן טאן דערפרייען אויף סענדערלין מיין בעשעהרטען מיין געטרייען געזועלען".

— וואס איז דיא מעשה סענדעריל? וואס האסט־דוא געלאזט אויף זיך אזוי לאנג ווארטען?

— שטייטס איך בין דאך געגאנגען צו דיר א היים, האט סענדעריל בתמימות געענטפערט, ביז וואנען איך בין דערגאנגען און ביז וואנען איך האב איפגעוועקט דיין זעלדען איז דערווייל אוועק א היבשע צייט.

— אויפגעוועקט זעלדען! האט בנימין א געשרייא געגעבען משונה ווילד נישט מיט זיין קול. סענדעריל, למאי משוגענער, האסט דוא אזוינס געטאן?

— וואס סטייטש למאי? ! האט סענדעריל פארוואונדערט זיך אנגערופען למאי, אז איך האב דיר פריהער אנגעקלאפט אין דער ספיזשארנע און דוא האסט זיך נישט אנגערופען האב איך מיך גענומען קלאפען אין דער שטובטהיר סטוק, סטוק, סטוק נוא איז זעלדע, נישט טוט נישט לעבעדיג, אויפגעשטאנען. און איך האב זיא גיפרעגט מכח דיר.

— סענדעריל, מיר זענין פערבייא! דוא האסט פארקאכט א גוטע קאשע סטייטש זעלדע וועט נאך לויפען, זעלדע און וועס....

— אי, שרעק זיך נישט בנימין! זיא האט מיך אפגעשיקט צו אלדע שוואר־צע יאהר מיט אזא כעס גלייך וויא איך וואלט איהר געקוילעט דיא קאפאטע. „געה מיט מיינעם אין איינעם, אין דער ערד אריין ביידע!" האט זיא געזאגט און צוגעמאכט דיא טהיר. איך בין א היבשע צייט געבליבען שטעהן אין דרויסען וויא צומישט. דערנאך ערסט האב איך מיך דערמאנט אן דער ווינטמיל און זיך געשטויסען, דוא מוזט שוין א פנים זיין דא, און דעריבער טאקי האט א פנים דיינע געזאגט: „געה מיט מיינעם אין איינעם, אין דער ערד אריין ביידע" זיא האט א פנים, מוז געדרונגען זיין, געזעהען וויא דוא ביסט אוועקגעגאנגען.

— וואס, וואס סענדעריל! זיא האט געזעהען? אפשר געהט זיא, געהט זיא אפשר?

— חלילה, בנימין! זיא האט נאר פארקיימעלט דיא טהיר. אז איך האב פארן אוועקגעהן ווידער אנגעקלאפט און געפרעגט: זעלדע זעלדע, וואס זאגסט־דוא עפיס אן צו דיין מאן זעלדע? אדער האסט דוא אפשר, א קשיא אויף א מעשה, וואס איהם מיטצוגעבען, זעלדע? האט זיא נישט געענטפערט קיין גוט

וואָרט. א פנים זיא האָט זעהר א הארטען שלאָף, און שלאָפט געשמאק אָהן עין־הרע. נוא האָב איך געזאָגט: זעלדע דוא שלאָפסט, שלאָף זשע שלאָף געזונטער־הייט! זייא מיר געזונט זעלדע! האָב איך געזאָגט און בין מיר אוועקגעגאנגען.

סענדערילס לעצטע ווערטער האָבען אזוי וויא טראָפענס אָפגעמינטערט בנימינן. ער האָט אָנגעהויבען פרייא צו אָטהעמען און געסאָפעט, גלייך וויא א שטיין איז איהם פונם הארץ אראָפ. דאָס פנים האָט איהם געשיינט און זיינע אויגען האָבען געפלאקערט פאר גרויס פרייד.

— אצינד סענדעריל! האָט ער עפּיס ווילד א קוויטש געגעבען, אצינד מיט דער רעכטעו פוס!

אין דער צייט האָט פון אלוזשע אין דער זייט זיך ארויסגעלאָזט א קול פון זשאבעס, גלייך וויא זיי האָבען זיךגעזעגענט מיט אונזערע פארשוינען און זייא צוגעקוואקעט א מארש, טונעיאדעווקער זשאבעס שרייען משונה שטארק אין זייערע פארשימעלטע בלאָטעס, זיי זענען בעריהמט אין דער וועלט גלייך מיט דניעפּראָוויצער וואנצען און טאראקאנעס...

---

## וואָס מיט אונזערע פארשוינען פאסירט זיך באלד ביים ערשטען ארויספאָהר:

אונזערע פארשוינען האָבען זיך אלאָז געטאָן ראפטאָם און געגאנגען געשמאק גיך, גלייך וויא זייא וואָלטען זיך אָפגעריסען פון א קייט אָדער גלייך וויא איינער וואָלט זייא פון הינטען געטריבען מיט א בייטש. מיט זייערע ברייטע פאָרעס פון געוויסע דילעזשאנסען אין אונזער ווינקעל וואָלטען זיך חלעבען געמעגט שיף, וואָס געהט געשווינד אויף איהרע אויסגעשפרייטע זעגלען. דיא קאָנדוקטערעס פון געיסע דעלעזשאנסען אין אונזער ווינקעל וואָלטען זיך חלעבען געמעגט ווינשען: הלוואי דער גאנג פון אונזערע וואנדערער אויף זייערע פערד געזאָגט געוואָרען! סאראָקעס און וואראָנעס וואָס האָבען ארומגעשפאצירט אויף דער ערד האָבען מיט דרך ארץ אָפגעטראָטען דעם וועג און זענען שרייענדיג זיך צופלייגע: אין אלע זייטען מחמת גרויס פחד פאר דיא צוויי פיסיגע מיני בעשעפענים, וואָס האָבען זיך געיאָגט מיט גרויס חשק און התלהבות. קיין פען איז נישט ביכולת צו בעשרייבען וויא גליקליך, איבער גליקליך זייא זענען דענסמאָל געוועזען, עס האָט זייא עפּיס משונה הנאה געטאָן און זענען געוועזען שטארק צופרידען — צופרידען פון זיך אליין, צופרידען איינער פונם אנדערען און צופרידען פון דער גאנצער וועלט. סענדעריל, וויא עס האָט אויסגעזעהן, איז זעהר פרייליך געוועזען.

וואָס ער האָט זיך ארויסגעחאפט פון זיין ווייבס הענט און איז פטור געוואָרען אזא שווערען, ביטערען גלות, נעכטיגער טאָג בעזאָנדערענס איז פאר איהם נעביך געווען זעהר א שווערער, א ביטערער, א טאָג פון צרות און יסורים, וואָס האָט איבערגעלאָזט א סליעד פון סיניאקעס אויף זיין לייב, וואָס האָט מיט שטורעם אויסגעוואָרצעלט אסך האָר פון זיין בערדיל און וואָס האָט גאנץ פרייא פאר דער גאנער וועלט זיך געחתמעט מיט ברוין־בלויע צייכענס אונטער זיינעביידע אויגען. נישט פאר איין פאנטאָפעלמענער געזאָגט געוואָרען אזא וויסטען פינצטערען פעטשאטאק, וועלכען סענדעריל נעביך האָט נעכטען פריה געחאפט פון זיין בחורטע!

א היבשע צייט זיינען אונזערע פארשוינען געפלויגען כמעט אָהן א נשמה שא שטיל, נישט צו ריידען איינער מיט דעם אנדערן א וואָרט. זייא האָבען זיך שטארק דערוואָרעמט און גרויסע טראָפען שוויים האָבען זייא ארויסגעטרעטען אויפן פנים. סענדעריל האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייס זיך אָפצושטעלען און געסאָפעט וויא א גאנז. גיכער, גיכער סענדעריל! האָט בנימין איהם אלץ אונטערגענעבען קוראזש און איז געפלויגען מיט אימפעט פאָראויס, וויא א־גבור וואָס גורט אָן זיינע לענדען און לויפט מיט פייל־און־בויגען אין דער מלחמה.

— גוואלד, בנימין, האָב רחמנות אויף מיין נשמה! האָט סענדעריל געבעטען רחמים, איך האָב מעהר קיין כח נישט דיר נאָך־צולויפען. דו לויפסט אָהן עין־הרע וויא א הירש אויף דיא בערג און וויא א צאפ פאר דער טשערעדע.

— גיכער, גיכער סענדעריל! האָט בנימין איהם אלץ געשריגען און געלויפען פאָראויס מיט גדלות אויף זיין בריהשקייט. זעהסט דו סענדעריל, איך וואָלט אזוי געפלויגען, געפלויגען ביז עק וועלט!

— נאָר צו וואָס בנימין, איך בעט דיך, לויפסט דו אזוי? האָט סענדעריל געפרעגט. מיר וועלען חלעבין גאָרנישט פארזאמען. אז מיר וועלען אָנקומען אהין שפעטער מיט א טאָג אָדער אפילו מיט עטליכע טעג איז אויך חלעבין קיין סכנה נישט. דיא וועלט וועט נאָך אזוי גיך נישט אונטערגעהן. זיא האָט נאָך צו שטעהן, כפי איך האָב געהאָרכט, ביז דעם אלף השביעי, שטארקע עטליכע הונדערט יאהר.

—גיכער סענדעריל, גיכער, איין עברה דיא צייט! וואָס גיכער ארויסרייסען זיך פון דאנען איז אלץ בעסער. האָרעווע סענדעריל, קנעל אביסעל צו, נישקשה! דערפאר קומענדיג אהין וועסט דו אויסגלייכען דיר דיא ביינער, וועסט עטהמען און לעבען וויא א שררה.

— דו ביסט, בנימין, זעהר גערעכט. דו ווילסט גיכער, וואָס פאר א דאגה

איך האָב זאָל זיין גיכער, בייא מיר האָסט־דוא געפּויעלט, נאָר וואָס טהוט מען מיט דיא פּיס, מיט מיינע פּיס ?

אין ברירה בנימין האָט געמוזט צוליב סאָן סענדערלין און איינהאַלטען אבי־סיל דעם גאַנג, אז דיא זון איז ארויס פון איהר פוטערפאס און האָט געשמאַק גע־וואַרעמט. געבראָטען מיט איהרע ליכטיגע שטראַהלען זעניין אונזערע וואנדערע אנידערגעפאַלען נעבען א וועלדעלע ביי דער זייט פונם וועג. זיי זעניין געלעגען אין איין שוויים און האָבען שטאַרק געסאָפּעט, געמאַכט מיט דיא זייטען, דיא פרישע סינאַקעס האָבען בייא סענדערלין זיך צופריעט און ער האָט געפיהלט א וועהטיג וויא מען שטעכט מיט שפּילקעס. נאָכדעם אז זייא האָבען אביסיל אָפּ־גערוהט איז דיא ערשטע זאַך געוועזען ארויסצונעהמען טלית און תפילין און דאַוו־נען, בנימין האָט זיך געשאָקעלט, נעדאַוועט לעבעדיג מיט א ברען, ער איז ווערט געוועזען דערנאָך אביסיל בראַנפּין, נאָר וויא האָט ער עס אָבער געקענט דאָ אויס־פיהרען ? ער וואָלט גערען געוועזען ער זאָל האָבען חאָטש א שטיקעל ברויט. דאָס האַרץ האָט איהם געחאַלעשט, דער אַפּעטיט זיינער איז געוועזען זעהר גרויס נאָך אזא געשמאַקען גאַנג, ער וואָלט געקענט אויפעסען א וועלט און דאָ האָט ביי איהם מעשה שטן, זיך נישט געפונען אפילו א ברעקיל ברויט וויא אכזית. ער האָט גע־וואָרפען מיט דיא אויגען אהין און אהער, אויסגעקנאַקט דיא פינגער, געגענעצט, זיך געקראַצט פּאַסמאַקעוועט, געמאַכט אלץ טא, טא, געגלעט געצווינגען דיא פּאות דאָס בערדיל, נאָך א מאָל א קראַטץ און נאָך א מאָל טא, ביז ער האָט זיך מיישב געוועזען און ארויסדערטאַפּט פונם קלומיקיל עפּיס א פערטעלדיגין ספר וויא א מהזוריל, אין וועלכען ער האָט אריינגעקוקט און אונטערגעברומט מיט איין אקדמות־ניגונדיל.

— סענדעריל ! האָט בנימין אין דערמיט מפסיק געוועזן, דוא ווייסט וואָס איך זאָג דאָ איצט אזוינס ? דוא ווייסט פאַר וואָס איך זאָג עס איצט מיט דעם ניגונדיל ?

— דוא מוזט אוודאי הונגעריג זיין, האָט סענדעריל גיענטפערט בתמימות.

— גראָם שטאַרם , האָט בנימין זיך אָנגערופען, און אז איך בין הונגעריג מילא ? !

— מילא, מילא, דעריבער זינגסט דוא, האָט סענדעריל געענטפערט, ס'איז דאָך דאָ א בפירוש ווערטיל : קאָלי זשיד ספיוואיע, קאָלי ווין גאָלאָדני. דוא, בנימין, מעגסט דיר זינגען, זינג דיר, זינג, און איך וועל מיר דערווייל עפּיס אנ־דערש טאָן.

אינדעם וויא סענדעריל האָט גערעדט האָט ער מאַקי אריינגעשמעקט דיא האנד זיינע צוזיך אין פעקיל און ארויסבעקומען פון דאָרט א טאַרבע.

— עט, דוא וייכסט נישט, דוא פארשטעהסט נישט אקעגען וואָס איך טהוא עס. האָט בנימין געזאָגט. סענדעריל, נארעלע, איך וועל דיר מפורש זיין דעם טעם דערפון.

נאָר סענדעריל אָבער האָט דערווייל זיך זיינס געטאָן און פאמיליך אויפגעבונדען דיא טאַרבע. אז בנימין האָט א קוק געטאָן איז איהם ליכטיג געוואָרען אין אלע רמ"ח אברים. אין טאָרבע איז געלעגען פון כל טוב, ברויט שטיקליך קוילעטש, וואָס איז איבערגעבליבען פון שבת, אוגערקעס, רעטעכליך, ציבעלעס און קנאָבעל סענדעריל האָט אין זינען געהאט אלסדינג, אָנצוגרייטען וויא א גוטע בעל הביתטע און ער איז בייא בנימין דערפאר געהויכט געקרוינט געוואָרען נאָך א סך מעהר וויא פריהער. בנימין האָט אין הארץ זיך שטארק געפרייעט וואָס השי"ת האָט איהם בעשערט אזא טהייערען חבר אויף דער נסיעה, סענדערלין האָט מיר גאָט צוגעשיקט. אזוי האָט ער געטראכט, וויא דיא קינדער ישראל מן אין דער מדבר.

נאָכדעם אז זיי האָבען אונטערגעלעהנט זייער הארץ האָט סענדעריל איינגעוויקעלט דאָס ביסיל שפייז וואָס איז איבערגעבליבען צוריק אין טאָרבעלע מיט דיא ווערטער:

— דאָס ביסיל שפייז וועט אונז צוניטץ קומען נאָך אויף א מאָל און דאָס טאָרבעלע אויף טויזענד מאָל, אויף אונזער גאַנצען לעבען. דערמיט וועלען מיר איה"ש איבער דיא הייזער ארומגעהן. נישקשה, גאָט ברוך־הוא וועט אונז העלפען!

דאָס וואונדערליכע טישטיכעל, אין דיא מעשה־ביכליך, וואָס מען זאָגט: טישטיכעל, טישטיכעל, גיב מיר עסען! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענס! און דאָס טישטיכעל גיט, אָט דאָס דאָזיגע הידושים וואונדערליכע טישטיכעל איז בייא אונז יודען דיא טאָרבע. פיל נפשות, זעהר פיל, שפייזען זיך חידושליך־גרינג זייער גאנץ לעבען נאָר פון דער טאָרבע און לאָזען זיא איבער בירושה קינדס־קינדס קינדער. דיא טאָרבע איז אין תוך אריין אלץ איינע, נאָר בייא פארשיעדענע קלאַסען מענשען בעקומט זיא איין אנדער מין פאָרמע און איין אנדער מין נאָמען. ביים פראָסטען עולם איז זיא פשוט א טאָרבע, א פראָסטע לייוועגטענע טאָרבע, ביים געהייבענעם עולם אָבער נעהמט זיא אָן אלערלייא מיני געשטאַלטען וויא א שטיינער: א קעסטעלע, א קאראָבקעלע, א כלי־קודשיל, א חברהלע, א פישקעלע

א קהלש בייטעלע, א גמילות חסד באנקעלע, א מחברישער פלוידערזעקעלע וכדומה, דיא אלע זענין באמת טאקי נאר טארבעס, טארבעס, עכטע יודישע טארבעס !...

— סענדעריל ! האט בנימין זיך אנגערופען, געשטארקט פון סענדערילס ווערטער, מירביידע זענין א זיווג מן השמים, מיר ביידע זענין וויא א גוף מיט דער נשמה. ווען דוא זארגסט אין גשמיות מכח עסען און טרינקען אויף אונזער נסיעה אקעגען זשע זארג איך אין רוחניות זאכען. נאך א מאל פרעג איך דיר סענ־דעריל, דוא ווייסט פאר וואס איך זאג אקדמות ? איך האב דערמיט א גרויסען כיוון. איך זארג מיך איצט, אז השי"ת וועט אונז בשלום ברייגנען אהין, צוא דיא בני משה זאהלען מיר קענען א מויל עפענען און מיט זייא זיך אויסטענהן. זייא ריידען עפים האלב תרגום, צום מייסטען ריידען זייא דארט אקדמות-לשון. אלדר הדני, וואס איז פונם יענעם ווינקעל צו אונז געקומען ער האט דאך דאס דעם אקדמות געמאכט, ושריות שותא טענדעריל, איז דער טייטש, איך הייב אן צו שפרעכען געדיינק זשע סענדעריל ! דא אין חוץ לארץ קען מען זיך בעגעהען מיט אונזער לשון, מיט דייטש, אבער דארט, דארט מוזען זייא קיין דייטש אוודאי נישט קענען.

— איך פארלאז מיך אין דיא זאכען אין גאנצען אויף דיר, האט סענדעריל געזאגט בהכנעה. דוא ביסט א געלערנטער מענש און קוקסט אריין אין דיינע ספרים, מסתמא ווייסט דוא וואס דוא טהוסט, וואהין דוא געהסט, א סימן איך האב דיך אפילו נישט איבערגעפרעגט צו געהן מיר מיט דעם גלייכען וועג. דוא געהסט, וואס פאר א דאגה איך האב, געה, איך געה דיר נאך וויא א קיה נא־ א קעלביל.

בנימינ'ן האט משונה הנאה געטאן סענדערילס גרויסער בטחון אויף זיין חכמה. ער האט ביי זיך אין דיא אויגען אויסגעזעהן וויא א שיפסקאפיטאן וואס ער אליין פיהרט דיא שיף אויפן ים. דאס פון דעסטוועגען, האט איהם נישט אפ־געהאלטען זיך באלד טאקי צו בעטראכטען, אז ער ווייסט באמת נישט וואו ער געפינט זיך, מעגליך אפשר בלאנדזשעט ער און איז גאר אראפ פונם וועג. דערווייל וויא ער האט געטראכט האט נאט אנגעטראגען א מוזשיק, וואס ער איז געפאהרען פארבייא אויף א פולען, אנגעטאסעוועטען־וואגען מיט הייא.

— סענעדריל, האט בנימין געזאגט, עס שאדט כלל נישט א פרעג צוגעבען דעם ערל מכח דעם וועג. געה אויף ציקאוועשטש גיב א פרעג. דא אין חוץ לארץ וועסט דוא בעסער פון מיר זיך קענען אויסטענה'ן מיט די מוזשיקעס אויף זייער

גראָבען לשון. דיין פּלוניתטע פלעגט דאָך עפּמערס דיך מיטנעהמען מיט זיך אויפן מארק.

סענדעריל האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט צתענאַנגען מיט גרויס דרך ארץ צום מוזשיק און געזאָגט כהאי לישנאָ:

— דאָברי דיען! קאָזשי נאָ מטשעלאָוויטשע קודי דראָגי אויף ארץ ישראל!

— שטשאָ? ! האָט דער מוזשיק פארוואונדערט געמאכט און אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען. יאַקי סרול? באַטשיל יאַ סרוליא?

— ניא, ניא! האָט בנימין זיך נישט געקענט איינהאַלטיען און זיך אריינ־געמישט פון דערווייטען. עטאָ וויא סרול, א ווין להבדיל ארץ ישראל קאַזאטע ווין, סענדעריל. זאָג איהם נאָך א מאָל בפירוש ארויס. ער האָט א פויערש קעפּע־לע. שארפער שארפער סענדעריל!

— אויף ערערץ־אישראל קודי דראָגי? האָט סענדעריל נאָך אמאָל שארף איבעו־ געחזרט.

— א פיעס וואס זשידקי זנאיעט. שטשאָ וויא מאראָטשעטע מעני גאלאָווי, עטאָ דאָראָגי דאָ פיעווקי א וויני עלעססלאל! עלעססלאל! האָט דער מוזשיק זיך נאָכגעקרימט. א שפּייא געטאָן און אוועק געפאָהרען ווייטער.

אונזערע פארשוינען האָבען זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. בנימין האָט גע־פיהלט א וועהטיג אין דיא ליטקעס, דיא פיס זענין איהם געוועז. לא עליכם, וויא אָפּגעשניטען. דאָך האָט ער געביך זיך נישט וויסענדיג געמאכט, זיך געמאכט הארץ, אליץ אונטערגעגעבען קוראזש. און מחמת איהם איז, נישט פאר קיין יודען געדאכט. זעהר שווער געוועזען צו געהן גלייך און געשווינד, האָט ער געמוזט אליץ אונטערשפּרינגען. אוודאי איז דאס נישט געוועזן אזא גאנג וויא פריהער. עס איז געוועזן געמוטשעט נאָר פון דעסטוועגען האָט ער געטאָהן זיינס און איז געגאַנגען, ווארים דיא קשיא איז דאָך, וואָס האָט ער דען געקענט מאכען? אנידערלייגען זיך, שונא ציון, אויפן וועג? מילא, וואָס וואָלט דערפון דער תכלית געוועזן? היינט וויא לייגט עס זיך א איד אין מיטען וועג גלאט אנידער? ער וואָלט נאָר מצער געוועזן סענדערלין, און דיא נסיעה וואָלט חלילה אויפגעהאַלטען געוואָרען. הכלל זייא זיינען געגאַנגען, געגאַנגען אזוי א גאנצען טאָג ביז גאָט האָט זייא בשלום געבראכט קיין פיעווקי אויף נאכטלעגער.

אריינקומענדיג אין פיעווקער קרעטשמע איז בנימינס ערשטע זאך געוועזן, זיך א וואָרף צוטאָן וויא גרויס ער איז אין א ווינקעלע אויסצורוהען דיא פיס און חאפּען דעם אָטהעם. סענדעריל איז וויא איין אלטע בעל־הביתטע געגאַנגען צר־

בעשעפֿטיגען זיך אין דעם בעל־הבאטישקייט און שמיעסען מכח וועטשערע. דער גאנצען הילוך ארויסגעזעהן, אז דאָס איז עפּעס נישט גלאט אזא פארשוין וויא אנדערע, וואָס פאהרען געוויינט ליך דורך. ער האָט איהם אָפּגעשטעקט א שלום עליכם, און אויף דער שאלה: מה שמכם? פון וואנען איז א יוד? האָט סענדער־ריל, געענטפערט בתמימות, ער הייסט סענדעריל, ער איז א שטיקעל ארץ ישראל יוד, ער איז א משמש בייא רב בנימין, וואָס ליגט איצט מיט זיין כבוד דאָ אין א ווינקעל. דער ארענדאר האָט געמאכט א פּרוס־פּנימיל, זיך אביסיל פארטראכט און געבעטען סענדערלין זיטצען.

לאָמיר לאָזען דיא בת מלכה, דאָס הייסט סענדערלין, שמיעסין מיט דעם ארענדאר און זיך אומקעהרען צום בן מלך, צו בנימינ'ן זעהן וואָס ער מאכט און וואָס ער טהוט.

אונזער בנימין אז ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אין ווינקעל איז געבליבען ליגען וויא א שטיין און נישט געוואוסט אויף וועלכען עולם ער איז. דיא אָרערען פון דיא פיס זענין געוועז שטארק אָנגעקוואָלען דאָס בלוט האָט אין זייא זיך צור־שפּילט, געזעטצט און געטשיפּעט, גלייך וויא מורעשקעס וואָלטען דאָרט הויפענס וויים ארומגעפלויגען און געביסען. געשטאָכען. דיא שלייפען האָבען געהאקט, געקלאפּט וויא האמערס. אין דיא אויערען האָט פארדומפּפען געראוישט און דאָס רוישען פלעגט זיך אלץ אויסלאָזען צום סוף מיט א הילכידיגען לאנגען קלונג וויא א תקיעה גדולה, אָדער מיט א שארפען שום, וויא בשעת מען לאָזט ראקעטען. ביי איטליכען ארויספליהענדען ראקעט פונם קאָפּ האָט מיט א מאָל איהם א בלישט־שע געגעבען אין דיא אויגען טויזענדערלייא פייערווערק: געלע, גרינע, בלויע, העלע, רויטע, פּאָמסענע, נאָך אי נאָך קאָלירין אָהן איין עק אָהן א סוף. אין א מינוט ארום ווערען דיאפייערווערק אויסגעלאָשען, הושך פינצטער ווערד איהם אין דיא אויגען און אין דיא אויערען רוישט ווידער וויא אין א מיהל, ליגענדיג פארטראָגען אזוי א היבש צייט הערט בנימין א קול פון גלעקליך קלינגען אין דרוי־סען פון רערוויטען, מיט איטליכער מינוט קומט דער קול צו אלץ נעהענטער, נעהענטער ווערט אלץ העלער אי שטארקער און פלוצים גיט א סקריפּ וויא א וואָגען האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען טויער. פונם וואָגען לאָזען זיך הערען, אלער־ליי מיני קולות: בייא־קעלכליך, פּיסטליך, געמבעס, הייזעריגע, חאָרחלענדיגע אי געלעגערטע שטימעס, גלייך וויא א גאנצע שטעדטיל האָט דאָרט זיך פארקלי־בען אויף א וויכטיגער, וואזשנער אסיפה, אלע ריידען שרייען מיט א מאָל און מען

הערט נישט איין ווארט. פון קעמץ, וואס פערזאמלען זיך, צייטענווייס אויף דיא דעכער, הערט מען האטש א מיוקען, דאס הייסט, ווען אפילו קאטצען־לשון איז נישט צום פארשטעהן, דאך אויסהערענדיג א סאבראניע קעמץ קען מען ווייניגסטענס זאגען גאנץ בעשטימט: יא דיא קעמץ מיוקען. נאר דא אבער איז ריין אוממעגליך צו בעשטימען אי דאס אויך, וואס פאר א מין איז דאס געשרייא פון דיא פארשוינען, ווייל דרינען איז אויסגעמישט אי גלעכטער אי א געקרעכצערייא, געזיפצערייא, אי א שושקערייא אי א קוויטשערייא, אי א טאן פון א שייגעץ אי דאס זיסע חניפה־קולכעל, אי א הוסטערייא אי א נאזשנייצערייא, א געקלאפעריא, און א געפאטשערייא. היינט געה פארשטעה וואס דאס אלסדינג אין איינעם איז. וואס דאס בעטייט? באלד דארויף עפענט זיך דיא טהיר און א חאפטע מענשען שיטען זיך אריין אין שטוב מיט אימפעט. בנימין ריקט זיך ווייטער אין ווינקעל און נורעט זיך שטארק איין. דערווייל ווערד אין שטוב זעהר ליכטיג פון א סך ליכט, וואס ברענען אין שבתדיגע מעשענע לייכטער, א טהייל זענין פארשטאפט מיט שנויצען און דיא ליכט שטעהן אויף זייא צוגעשמאלצען, נאר אויף משקלות, א טהייל זענין מיט צוגרויסע ברייטע נישט קיין טיפע לעכער און דיא ליכט שטעהן אין זייא קרום אין דער זייט פארשטעקט פון אונטען מיט א קויל. ביים עק פון א לאנגען דעמבענעם טיש זיצט א חברה קלעזמער און סטראיען שטעלען אן זייערע כלים, דער פידלער פארעט זיך מיט דער פידיל, קיצעלט זיא מיטן פינגער און איטליכע סטרונע רופט זיך אפ זים, זים, זים אויף איהר קול, גלייך וויא זיי רייׄדען: נישקשה מעגסט אונז קיטצלען, פון אונזערט וועגען זענין מיר פארטיג, אבי דיין סמיטשיק זאל נאר קיין מניעה נישט זיין, ער האפט זיך צום סמיטשיק, גלעט איהם און האלט איהם גרייט צום שפיל, דער פלייטער שמיעסט איבער שטיל מיט דער פלייט, זיא פייפט איהם שטילערהייט אן, און דער צימבלער לויפט זיך דורך איבער דעם צימבעל און קלאפט זיא פאמעליך מיט דיא העמערליך, נאר דער בלינדער פויקער זיטצט אנגערוקט מיט דער קוטשמע איבער דיא אויגען און האפט א דרעמיל. לעבין דיא קלעזמער שטעהט אויף א ביינקעל עפיס א מין פארשוין, וואס קוים רעדט ער אויס א ווארט שטיקט מען זיך פאר געלעכטער אפילו קינדער וואס שטעהן אנגעשטופט און קוקען אריין פון דיא פענסטער לאכען משונה און קרימען זיך נאך. דער פארשוין גיט דערנאך א געשרייא: הררי! לכבוד דיא מחותנים ולכבוד דעם בעל הבית ולכבוד כל המסובים בכאן שפילט אפ א לעבעדיגעס א פרייליכעס! און דיא קלעזמער צולאזען זיך באלד אויף דיא כלים, פרייליך לעבעדיג, ווייבער מיט מאנזבילין נעמען זיך צונויף און

טאַנצען א ראָד האָץ, האָץ, אלס דינג האָט זיך בעוועגט אפילו וואנצען אי טאראַ־קאנעם זענין ארויס פון דיא שפּאלטען און זיך צוקראָכען איבער דיא וועגד. טאַנ־צענדיג פאלט איינער ארויף אויף בנימינ'ן אין ווינקעל. דער טענצער קוקט איהם אין פּנים אריין און לאָזט ארויס א געשרייא: א בנימין! איך האָב איהם דער־טאפּט חלעבין. דיא כשרה מציאה, ער איז דאָ, ער איז דאָ! אויף דעם געשרייא לויפען צו נאָך מענשען. בנימין דערקענט צווישען זייא טונעיאדעווקער פיינע בריות און דעם דאָרטיגען רביל. אין איין קול איין געשרייא: בנימין קום טאַנ־צען! בנימין קום טאַנצען! איך קען אסור ניט, בעט זיך בנימין רחמים, איך קען זיך נישט ריהרען פונם אָרט. — נישקשה, נישקשה! ענטפערט מען איהם קום, זאָגט מען דיר דוא ועסט קענען, וואָס האָט מען דאָ צו קענען? אדם א מענש, קאטשקע ריק זיך! ריהר זיך בהמה, מיר וועלען נישקשה דערצייילען. — זעלדען! גיט בנימין א געשרייא אין איין אָטהעם, איך בעט אייך דערצעהלט נישט זעל־דען! — ריהר זיך זשע בהמה! שרייעט מען איהם, ריהר זיך בהמה, שטעל זיך שוין אויף דיא פיס! — דערבארעמט זיך יודישע קינדער! בעט זיך בנימין, איך קען חלעבין זיך איצט נישט ריהרען, איך האָב א־טעם פאר וואָס איך קען נישט. ס'איז א סוד, וואָס איך וועל איהם מגלה זיין דעם רב. און וויא ער חאפּט ארום דעם רב פעסט מיטביידע הענד ארייצוּרויימען איהם אין אויער א סוד פיהלט ער פּלוצלים א שרעקליכען זעטץ אין דער זייט אזש ס'איז איהם פארגאנגען אין דער נאָז וויא פון חריין, ער גיט זיך פאר ווערהיג א וואָרף, רייבט דיא אויגען און זעהט, אין שטוב איז גאָר טונקעל, דיא לבנה שיינט אריין פון דיא פענסטער ער ליעגט לעבין א קעלביל און האלט זיא ארומגענומען שטייף מיט ביידע הענד.

וואָס טהוט זיך דאָ אזוינס?! פון וואנען נעהמט זיך דאָ פּלוצלים א קעל־ביל? האָט זיך רען בנימין געקעלבט? נאָר וויא שיקט זיך עס? אָנגענומען דיא סברא בנימין איז א בהמה, צעהן מאָל הונדערט מאָל א בהמה. נאָר ער איז דאָך אָבער א צוויי־פיסיגע בהמה און וואו איז דאָס געהערט אי געזעהן געוואָרען. אז א צווייא־פיסיגע בהמה זאָל האָבען א קעלבעל?! אמת בייא אונז איז דאָ א סך קעלבליך און דאָס רוב דווקא אין לייטישע הייזער, אָבער דאָס זענין דאָך פאָהרט נישט מעהר וויא קעלבליך אין א מענשענס געשטאלט. זייא זענין דאָך דאָס רוב גראָד זעהר שיין מיט א שיין פּנימיל און מיט חן גריבעליך, אָבער דאָס קעלבעל, וועלכער בנימין האלזט דאָ און נעהמט זיא שטארק ארום איז דאָך טאקי פשוט איין אמת קעלבעל. היינט פון וואנען, איז דיא קשיא האָט זיא זיך

אהער געגומען? א חידוש נפלא. נישט אנדערש זיא איז פונם הימעל אראפגע-פאלען!....

ניין רבותי! גלויבט נישט אין הימעלשע קעלבליך, צווישען אלע אונזערע קעלבער איז אפילו נישט אי איין קעלביל פונם הימעל אראפגעשיקט געווארען, עס איז גאר נישט אזא חידוש נפלא וויא איהר מיינט, איהר האט זיך אויף דעם קעלביל גאר נישט אזוי צו וואונדערין און פון איהם אזא פירוש צומאכען. פראס-טע איז מאסטע׳גאר אהן קונצען, דיא מעשה דערפון איז אזוי געשעהן.

אז בנימין איז נישט טויט ניט לעבעדיג אנידערגעפאלען אין ווינקעל האט ער פאר גרויס מידיגקייט נישט בעמערקט אז דארט ליגט א קעלביל. בשעת איהם האבען זיך צושפילט דיא געבליטען איז ער אנשלאפען געווארען און איהם האט זיך פארגעשטעלט אין חלום דיא גאנצע חתונה מיט דיא מחותנים און מיט דיא קלעזמער. ער איז געווען שרעקליך אומרוהיג, זיך אלץ גערוקט אין ווינקעל, און בשעת ער האט אין חלום ארומגענומען דעם טונעיאדעווקער רביל האט ער גאר ארומגעכאפט פעסט דעם פיקעווער ארענדארס קעלבעל, און איהם איינגע-ריימט אין אויער דעם סוד פון זיין נסיעה. דאס קעלביל אבער האט עס נישט גורם געווען, נישט געוואלט ליידען מען זאל איהם אזוי האלזען אי שטיקען. עס האט אויסגעשטרעקט דאס פיסעל אנגעריהרט בנימין אין דער דיך און בנימין האט זיך אויפגעכאפט.

אז בנימין האט זיך אויפגעהאפט האט ער נאך אלץ געהאלטען ארומגענו-מען דאס קעלביל מיטביידע הענד זעהר פארדולט און צומישט. ערשט אין א רגע שפעטער האט ער פון זיך א שטופ געטאן דאס קעלביל, זיך אויפגעהויבען דערשראקען און זיך געלאזט געהן געשווינד. דאס קעלבעל פון זיין זייט וויא באלד עס איז לייז געווארען פון פרעמדע הענד איז אויך אויפגעשטאנען געשווינד און זיך געלאזט מאכען א פליטה איז לויפענדיג ארויף ראפטאם אויף בנימינ׳ן און ביידע זענין געפאלען איבער א גרויסען.צעבער וואסער, טראך מיט א שרעקלי-כען קלאפ!

שטארק דערשראקען פון אזא טראך איז סענדעריל און דער ארענדאר מיט א ליכטיל אין האנד ארויסגעלאפען פונם אנדערען חדר אין שטוב אריין. זייא גיבען א בליק. א-וואָ, א שרעק! בנימין מיט דעם קעלביל ליגען ביידע אויסגע-צויגען אויף דער ערד און שווימען פשוט אין א לוזשע וואסער, עפיס נישט אזוי פריש שמעקעדיג! ווען א לידעל-מאכער זאל געווען דענסטמאל זייא ביידען אנ-קוקען וואלט ער אזוי געמאכט: „ליבעהארצעדיגע און זיסע, אי אין ווינקעל אי

אין דער לוזשע זענען זייא נים צושיידט געוואָרען!" נאָר דער ארענדאר און סענדעריל זענין געוועזן פּראָסטע בשר ודם, נישט קיין לידעלמאכער און האָבען די ליבהארצעדיקע אי זיסע באלד צושיידט. דאָס קעלביל האָט מען אָפּגעשיקט צו דער מוטער מיט שטעכוועדטליך פאר איהר שלעכטער אויפפיהרונג, און בנימינ'ן האָט מען פון דער טבילה אריינגעפיהרט אין א בעזונדערן אלקיר און בעלייגט אויף עטליכע קוליקליך שטרויא מיט א קישען צוקאָפּען.

## וויא אונזערע פארשווינען פארשלעפּען זיך קיין טעטעריוועקע און בנימין חאפּט א פּאטש.

בנימינס אברים זענין אביסיל אָפּגעגאנגען אין דער ליל טבילה נאָך דעם אָפּשווייינקען זיך מיט א גאנצען צעבער קאלטע וואסער, און אויפשטעהענדיג אין דער פריה האָט ער זיך געפיהלט פרישער אי געזינטער. ער האָט בעשיינפערליך ארויסגעזעהן א פינגער פון וואונדער אין נעכטיגער מעשה מיט דעם קעלביל, וואָס דורך איהם גראָד איז געקומען דיא רפואה צו זיינע וועטהיגען, ער האָט בעוויזען סענדערלין דערמיט, וויא אומגערעכט דער זינדער מענש איז, וואָס בעקלאָגט זיך בשעת עפּיס איין אומגליק קען זיין, פיהרט גאָר צום גליק און פון דער רעה קומט ארויס א טובה; וויא דער אויבערשטער מאכט פאר א שליח אלע זיינע בעשעפעניש, אפילו א בהמה; וויא א דאָקטאָר קען א מאָל גאָר זיין א קעלביל; וויא אמיק אפילו קען א מאָל פיקן אין קאָפּ, שטארק דאקוטשען און שטעהן אין דער גרגרת. פאר א ראיה דערצו דינט דיא מיק מיט טיטוס הרשע אין דיא אלטע, אלטע צייטען. דאָס נעכטיגע בעגעגעניש איז איהם איצט געוועזן א גוטער סימן, אז דיא נסיעה זיינע איז אין א גוטער מזלדיגער שעה און ער וועט איה"ש מצליח זיין צודערגרייכען וואָס ער ווינשט. — „וואסערטרעגער" וואָס געהט איבער מיט פולען איז פון אייביג אָן א גוטער סימן, א פשיטא שוין א גרויסער א פולער צעבער: האָט סענדעריל זיך אָנגערופען און צוגעבאסעוועט מיט דיא רייד.

נאָר מחמהת דעם וועטהיג, וואָס בנימין האָט נאָך געפיהלט אין דיא פיס און מחמת דיא קוליקליך שטרויא, וואָס דארויף איז איהם ווייך געוועזן צוליגען איז בנימין פארבליבען דעם גאנצען טאָג אין פּיעוועקע. ער איז נעגליכען געוועזן צו א שיף אין ים, וואָס האָט זיך געזעצט אויף א זאמד און קיין גוטער ווינד איז נישטא אראָפּצוטרייבען פון דאָרט. אויף מאָרגען גאנץ פריה האָט בנימין זיך אויפגעהייבען פון זיין געלעגער און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אריין.

א היבשע צייט איז בנימין געגאנגען עפּיס וויא מראָ־שחורהדיג, שטיל

פארטראכט, נישט צורײדען קײן װארט דער נאך האט ער א פאטש געגעבען זיך אין שטערען און געבליבען שטעהן שטארק בעטריבט. ערשט אין א פאר מינוט שפעטער האט ער געעפענט א מויל און ארויסגעלאזט מיט א קרעכץ דיא װערטער:

—אך, סענדעריל, איך האב פארגעסען!

— װאו פארגעסען? װאס פארגעסען האט סענדעריל זיך אנגערופען און זיך א חאפ געטאן צו דער טארבע.

— אין דער היים, סענדעריל, אין דער היים האב איך פארגעסען!

— אי, בנימין, װאס פאלט דיר אײן? האט סענדעריל געמאכט. מיר האבען, דאכט זיך, מיטגענומען אלסדינג, װאס נײטיג איז מענשען אין װעג ארײן: א טארבע, נישט צופארזינדיגען, איז דא, טלית און תפילין מיט סידורים איז אויך דא, שבתדיגע קאפאטעס אויך דא, דאכט זיך אלסדינג ברוך השם איז דא, אלסדינג האבען מיר פארנומען. װאס געהט אונז דען אפ? און װאס האבען מיר אזוינס געקענט פארגעסען?

—דיא זאך װאס איך האב פערגעסען, סענדעריל, איז זעהר װיכטיג, נײטיג אין לעבען ארײן, הלװאי אלסדינג זאל אפלויפען בשלום נאר באים חלילה, לא יעלה ולא יבוא, גאט זאל שומר ומציל זײן, אויפן װעג װעט עפים מעשה שטן געשעהן, דענסמאל װעלען מיר ערשט דערפיהלען דעם גרויסען װערטה פון דער טהײערער זאך, װאס איך האב פארגעסען, ארויסגעהענדיג פון דער היים האב איך אין אײלעניש פארגעסען צו זאגען א שפרוך, װאס שטעהט געשריבען אין א ספר, ארויסגענומען פון א גאנץ אלטען כתב יד, דער שפרוך מוז גיזאגט װערען פאר א נסיעה ארויסגעהענדיג פון דער היים, בײא דער ראגאנדקע, און מען איז ערב, אז ער איז א זיכערע שמירה אין װעג פאר כל מיני סכנות און שלעכטע בעגעגענים, אט װאס איך האב פארגעסען!

— אפשר איז דײן גוטער װילען זיך אומקעהרען א היים? האט סענדעריל געזאגט בתמימות.

— דוא ביסט משוגע צי חסר דעה! האט בנימין א געשרײא געטאן און דאס גאנצע בלוט איז איהם אין פנים ארײן סטײטש, װאס הײסט, זיך אומקעהרען א היים? נאך אזוי פיעל מיה און אנגעהען זיך אזא װעג פלוצלים אומקהרען זיך! סטײטש און דיא װעלט? װאס װעט זאגען דיא װעלט?

— װאס הערען מיר, בנימין, דיא װעלט? האט סענדעריל זיך אנגערופען, דיא װעלט האט דען דיך געבעטען מאכען דיא נסיעה? האט זיא דען מיט דיר

א קאָנטראַקט געמאכט און דיר אויף הוצאות געגעבען דוא זאָלסט געהן, וואַנדרעווען?

— גאַנץ שכלדיג! האָט בנימין זיך נאָכגעקרימט, און אלכסנדר מוקדון איהם האָט דען דיא וועלט געבעטען ער זאָל געהן קיין הינדיאָ און מלחמה האַלטין דאָרט? און דיא אלעווענדערער בייא אונז יודען האָט דען דיא וועלט געבעטען ארום צו-וואַנדרעווען פון שטאָדט צו שטאָדט?

— ווייס איך? האָט סענדעריל געמאכט מיט א שמייכעלע, פון מיינעטוועגען האָבען זייא אלע געמעגט חלעבין זיטצען אין דער היים, עס וואָלט, דאכט זיך, בעסער און גלייכער געווען פאר איטליכען, אך נארעלע, נארעלע דוא אלכסנדריל מוקדון, דוא האָסט אין דער היים פון כל טוב, זיטץ, לעב היר צו פרידען און גלעט דיר דאָס בייכיל, צו וואָס טויג דיר נאָך נארעלע הינדיען? סידי דאָמא דא ני ריפּאיסא, איז דאָ א עולם'ס ווערטיל, און דער עולם זאגט: א עולם'ס ווערטיל איז להבדיל א גמרא, מעהר חידוש איז אויף אונזערע יודעליך זייא האָבען דאָך טאקי יא געמאָגט האלטען פון דער גמרא, זיטצען אויף זייער אָרט און בעשעפטיגען זיך איטליכער מיט זיין זאך, צו וואָס טויג דאָס ארומוואַנדרעווען, דאָס ארומבלאָנקען זיך וויא א דולער הוא-הא־הא נישט צו וויסין אליין פונם געזינד פונם לעבען און גאָר אומזיסט אומנישט רייסען שטיוועל? וויא איך בין א יוד, בנימין! איך זאָל אזא פארשוין בעגעגענען וואָלט איך איהם גלייך אויפן אָרט אָפּ געזאָגט דעם עולם'ס ווערטיל, להבדיל דיא גמרא מיין איך.

א היבשע צייט האָבען אונזערע פּארשוינען זיך אוועקגעהאמפּערט, סענדעריל האָט געפרעגט קשיות און בנימין האָט איהם אלץ אוים געוויזען אז ער איז א נאר און האָט קיין פּיטצעל ידיעה נישט אין אזעלכע זאכען. סענדעריל איז דענסמאָל געגליכען גיווען צו א פערדיל, וואָס תמיד דינט ער זיין האר געטרייא און פּאָלגט איהם אין פייער און אין וואסער אריין, פּלוצלים מאכט זיך אמאָל פּאלט אויף איהם אָן פון דער העלער הויט עפּיס א מאנקאָליע, עס שפּארט זיך איין, שטעלט זיך דיבאָם און וויל זיך נישט ריהרען פונם אָרט, טהוא זיך דאָ, שונא ציון, א מעשה אָן, און ווען בנימין האָט דענסמאָל נים געשמיסען דעם איינגעשפּארטען סענדערלין מיט א בייטש, דערפאר האָט ער איהם דורכגעבווירעט מיט זיין צינגעל און איהם אָפּגעשאָטען מיט רייד, ביז סענדעריל איז געוואָרען ווייך וויא א טייג, א גוט פערדיל וויא פריהער ער האָט אויפגעשטעלט דיא אויערן הערענדיג בנימי'נ'ם רייד, וואָס האָבען געבראָכען דעם מוח, און

לסוף האט ער זיך אנגערופין, וויא זיין שטייגער איז געווענליך, מיט דיא ווערטער:

— אויב דוא ווילסט דוקא אזוי, זאל זיין אזוי. וואס פאר א דאגה איך האב?

אז בנימין איז פארטיג געווארען מיט סענדערלין האבין זייא זיך וויטעגלאזט אין וועג אריין און נאכדעם אז זייא זענין זיך אנגעגאנגען אויף ווענען און זייטענוועגליך זענין זייא נישט טויט נישט לעבעדיג אנגעקומען קיין טעטעריווקע.

טעטעריווקע איז דיא ערשטע גרויסע שטאדט, וואס אונזערע וואנדערער האבען געזעהן אין זייער לעבין, דריבער איז קיין וואונדער נישט וואס זייא האבען געקוקט אויף דיא גלייכע אויסגעברוקירטע גאסען אי אויף דיא גרויסע הויכע מויערין און נישט געקאנט זיך זאט אנקוקען. כמעט אויף דיא שפיצען פינגער זענין זייא געגאנגען אויף דיא טרעטוארען און געהויבען דיא פיס עפיס משונה, גלייך וויא זייא וואלטין זיך געהיט צושטארק נישט צו בעריהרען דיא גלאטע שטיינער און נישט אנמאכען חלילה קיין שאדען, פיס, וואס האבען נישט עפעס אזא גוטע דאליע בייא זייערע בעלי-הבתים אין דיא קליינע שטעדליך און וואס מען מאכט דארט פאר זייא נישט עפעס גרויסע צערעמאניעס! קליינשטעטילדיגע פיס, וואס ווייסען נעביך נישט פון קיין פאדלאגע צוזאגען אפילו אין שטיב, וואס קריכען נעביך וויא דיא חזרים אין בלאטע, וואס זייערע בעלי-הבתים שטעקען זייא געהענדיג טיף אהינצו אריין און דראלען מיט זייא פארטע־מאסטע גאר אהן שום מלאכות, אזעלכע פיס מוזען באמת מבולבל ווערען ווי דיא שיכורע אז זייא דערפיהלען פלוצלים אונטער זיך א בריק פון שטיינער און מוזען פאר גרויס כבוד טאקי אביסעל אונטערשפרינגען און נישט וויסען א צייט זיך וואהין צוטאן, פרישע ערשט אנגעקומענע קליינשטעטילדיגע פיס וועט איהר באלד דערקענען אויף דיא אויסגעבריקירטע גאסען אין דיא גרויסע שטעדט, אונזערע טונעיאדעוועקער פארשוינען זענין געגאנגען וויא מיט א פארקלעהמט הארץ און בהכנעה אפ געטרעטען פאר איטליכען דעם וועג, סענדעריל פלעגט אין אזא פאל אנגעהמען בנימין בייא דער פאלע און איהם א שלעפ טאן אין דער זייט, אמאל איז דורך דעם סענדערלין אויס געקומען צוחאפען א שטילטענציל מיט עמיצין וואס איז געקומען אקעגען, יענער איז זיך געגאנגען גלייך זיין וועג און האט זיך אנגעשלאגען מיט סענדערלין, וואס מחמת דעם אפטרעטען האט ער איהם פונקט גאר פארשטעלט דעם וועג, יענער האפט זיך רעכטס,

אָבער אונזער סענדעריל האָט איהם מקדים געווען און שטעהט שוין גרייט, ביידע וואַרפען זיך לינקס און ווייטער רעכטס ביז יענעם געראָט לסוף אויסצומיידען זיך איינער, וואָס איז גראד נישט אויפגעלייגט געווען צו טאַנצען מיט סענדעריל, האָט איהם פּראָסט אַנגענומען און א וואָרף געטאָן אין דער זייט אז דיא ציין זיינען איהם שיער נישט ארויסגעפאלען. אלסדינג זיינין פאר אונזערע פאַרשוינען געווען נייא, אלכדינג, האָט זיך זייא אויסגעוויזען, טייט אויף זייא מיט דיא פינגער, דיא דראָזשקעס שרייען, דיא פּאַעטאָנען פילדערען, דיא מויערען שטעהן האָפּערדיג, קוקען שטאָלץ מיט זייערע גרויסע גלעזערנע טאפלעס און דיא מענשען קרימען זיך, אלסדינג שרייעט זייא נאָך: תרבית קבצנימליך! תרבית קליינשטטילדיגע יודעליך! תרבית תרבית!....

— הערסט־דוא בנימין! האָט סענדעריל געזאָגט, נאָכדעם אז ער האָט פאררריסען דעם קאָפּ און געקוקט אויף דיא מויערען מיט דרך ארץ, איך מיין בנימין, דאָס איז כטאמבול!

— געה שיין, געה נארעלע, וויא קומט עס צו סטאמבול? האָט בנימין געמעכט מיט אזא מינע גלייך וויא ער איז א סטאמבולער א געבירדיגער, סטאמבול נארעלע, האָט ת"ק מאָל ת"ק גאסען, איטליכע גאס האָט ת"ק מאָל ת"ק פופעהן „צוואנציג“ אָדער אפשר דרייסיגגאָרענדיגע הייזער און אין איטליכס הויז וואוינען ת"ק מאָל ת"ק מענשען! דוא מיינסט אז דוא ביסט שוין פארטיג? ניין, ווארט נארעלע איינער, היינט איז נאָך דאָ קליינע גאסען, יורדקעס, קאטשעוויקעס, מאָטשעוויקעס, פיסקעס יארען און פּאָדוילען כחול הים!

אי ,אי, אי! האָט סענדעריל געמאכט פאר גרוים וואונדער, ס'איז דאָך עפּיס גאָר א שרעק חלעבין אזא גרויסע שטאָדט! נאָר איך בעט דיך, בנימין, פון וואנען קומט עס אָט דיא אלע גרויסע שטעדט? מענשען זאָלען זיך צונויפשטיקען אין איין אָרט און ליגען איינער איבער דעם אנדערן, גלייך וויא דיא וועלט איז ווייניג און נישטאָ מעהר קיין ערד! עס מוז דאָך אוודאי דרינען עפּיס זיין וואָס מענשען דערווייטערען זיך פון דער ערד און ווילען אלץ פליהען אין הימעל, אין דיא הויכע פענסטער, זאָל עס אפשר זיין דעריבער, וואָס דעם מענשענס נשמה וואקסט פון הימעל און מחמת דעם ציהט עס איהם נעביך אלץ ארויף ארויף, און ער האָט זעהר שטארק חשק אויסצושפּרייטען דיא פליגעליך און זיין אלץ פון אויבען? וואָס זאָגען דערצו עפּיס דיינע חקרנים, בנימין? האָסט דוא נישט בעגעגענט מכח דעם עפּיס א שמיעס ערגיץ אין דיינע חקרה־ספרים.

— על פי חקירה, האָט בנימין געמאכט מיט א קנייטשעל, איז וועגען דעם ענין דאָ א גאנץ ווייטער שמיעס, איך האָב שוין דערפון אפילו געהאט א מאָל צוטאָן בייא אונז אין בית־המדרש אונטערן אויווען און דורכדעם איז פארענט־פערט געוואָרען דיא גמרא פון דיא צעהן טעפּ אָרעמקייט, וואָס זענען אראָפּגע־שיקט געוואָרען אויף דער וועלט, וויא אויך דער פּסוק, כי מלאה הארץ חמס, דיא וועלט איז פול געווארען מיט רויב. נאָר איך וועל עס דיר אביסיל מסביר זיין על פּי אונזער תורה. חומש האָסט־דוא דאָך געלערענט, סענדעריל! לויט וויא עס שטעהט אין חומש האָבען אונזערע עלטערען גאָר תחילת, אין דיא פריהערדיגע דרות, געוואוינט אין געצעלטען, נאָר בשעת דעם דור הפלגה האָבען אלע מענשען זיך פארקליבען אין איין אָרט, זיך גענומען מאכען ציגעל און אויסבויען א שטאָדט מיט הויכע מויערען אין הימעל, אין דערמיט ארבייט טאקי איז שוין אויף זייא אָנגעפאלען א בייזע מהומה א געטימעל, איינער האָט נישט פאר־שטאנען דעם אנדערען און דיא גאנצע פיהרונג דאָרט איז עפּיס אויסגעקומען קאפּויר, א נס וואָס גאָט האָט זייא באלד צוטריבען האָבען מענשען ווידער אָנגעהויבען צו לעבען, עטהמען פרייער און דיא וועלט איז ווייטער אויפגעריכט געוואָרען, נאָר דער חטא פונם דור הפלגה האָט נאָך אין גאנצען נישט אויפגע־הערט, פון יענער צייט אָן ציהט זיך נאָך אלץ, בעוונותינו הרבים, דיא תאוה ביי מענשען צושטיקען און צונויפשטיקען זיך, אויסצומויערען זיך הויך, צומאכען זיך א שם און פליהען אין הימעל, וואָס האָסט דוא אין מיר זיך אָנגעטשעפּעט וויא א אזלודניע? זאָגט אברהם צו לוטין, למאי זאָלען דיינע מענשען זיך קריגען מיט מיינע איבער א שפּאן ערד, דיא גאנצע וועלט שטעהט דאָך פאר דיר פרייא, געה דיר וואָהין דוא ווילסט און לאָז מיך געמאך!

נאָר איידער נאָך בנימין האָט גענענדיגט דעם שמיעס האָט זיך געלאָזט הער־רען א שטארקער געשרייא פון א פארטשיק, וואָס איז אונזערע פארשוינען אָנ־געפאָהרען פון הינטען און האָט זייא שיעור ניט מזיק געווען מיט דעם דישעל, אוחניאָקעם! האָט דער פארטשיק געשריגען אין איין אָטהעם און געמאכט אויף זייא מיט דער בייטש. וואָס קריכט איהר, צוא אלדע שווארצע יאהר, וויא דיא ראקעם און פארשטעלט דעם וועג! הייא, הייא יאָלדען! הייא, הייא פלאָכטען!

אונזערע פארשוינען נעביך האָבען געהייבען פיס און געלאָפען פאר שרעק וויא דיא פארסאמטע מייז, דער אהין און דער אהער. לויפענדיג האָט סענדעריל זיך א זעטץ געטאָן אין א שטופּ און זיך אויסגעצויגען נעביך, וויא גרויס ער איז, אויף דער ערד, בנימין האָט אין איילעניש זיך אָנגעשלאָגען אין א קויש מיט

אייער, וואָס א קורעלאָפּניטשקע האָט געטראָגען, דיא אייער האָבען זיך צובראָ־
כען און אויף איהם האָט זיך געעפענט א גיהנ'ם, א פּיסק, א פייער, א געשרייא,
יענע פון דיא צוסבראָכענע איינער נעבאך האָט איהם אָפּגעשאָטען מיט טויטע
קללות, זיא האָט איהם געוואָלט אָפּשטעקען אָדער זיא האָט איהם שוין טאקי
אָפּגעשטעקט א פּאטש און שטארק חשק געהאט איינצופּלאָנטען זיך אין זיינע
האָר, קורץ, בנימין האָט גענוג געליטען ביז ער איז קוים מיט צרות לעבעדיג
ארויס פון איהרע הענד און געמאכט א פּליטה אין א הינטערגעסיל, וואָס אהינצו
איז אויך סענדעריל באלד צוגעקומען.

אט האָסט-דוא דיר א גרויסע שטאָדט! האָט סענדעריל געזאָגט און אָפּגע־
ווישט מיט דער פּאָלע דעם שווייס פון זיין פּנים. דאָ געה נישט, דאָ שטעה נישט,
דאָ רוה נישט. ווייסט זייא אלע דער שווארץ־יאהר!

— דאָס ציהט זיך נאָך אלץ פונם דור הפלגה, האָט געענטפערט בנימין,
וואָס האָט געשאָפּעט וויא א גאנז, דאָס אלסדינג וואָס דוא זעהסט דאָ, איז אלץ
דור הפלגה, מיט בייזער מהומה. מיט זיין געטימעל, גנבה, גזלה און רציחה!

— א, אין דער ערד אריין מיטן קאָפּ! האָט סענדעריל א מאך געטאָן, קום
בנימין, לאָמיר זיך אויסרוהען! דוא זעהסט עפּיס שרעקליך אויס, עס פייערט
דיר עפּיס א באק, א רוח אין דער חצופה'ס טאטען אריין! וויש נאָר אָפּ, זייא
מוחל, דעם פּנים, דיא חצופה האָט א פּנים בשעת מעשה דיך אויסגעשמירט
מיט געלכען פון אייער!

---

## וויא צוליעב בנימינן ווערד איין איבערקעהרעניש אין דער פּאָליטיקע.

אין איינעם פון דיא טעטעריוווקער קלייזליך האָט שטארק געקאָכט פון דער
דענסמאָליגער קרימער מלחמה, דער אונטעראויוועו איז צופאלען אויף פּארשי־
דענע כתות, איטליכע כתה מיט איהר פּרעזידענט און מיט איהר גאנג אין דער
פּאָליטיקע, חייקיל בעל־מוח און זיין קומפּאניע איז זעהר בעשעפטיגט געווען
מיט דער מוהמע וויטען, פּלעגט זיא צוליינגען אויף טעלערליך און בעווייזען דיא
הכברות אי דיא שפּיטצליך וואָס אין איהר שטעקט. חייקיל איז געווען א מאָל
א שטיקעל זייגערמאכער, ער האָט געהאט א גרינגע האנד צו מצה רעדלען, קיי־
נער האָט נישט געקענט אזוי וויא ער א סוכה מאכען, דאָס לאָקשענברעט, דיא
לאָפּעטע, דיא מילכעדיגע באנק, דאָס טשאָלענטברעטיל און דיא צובראָכענע
שטייג פונעופות זענין אין קיינעמס סוכה נישט געווען אזוי גוט צוגעפּאסט וויא
אין זיינער, דעריבער ווען עס פּלעגט נאָר אויסקומען עפּיס א רייד אין מאשינען
זאָבען פּלעגט דער עולם האָבען פּאר איהם אָבשיי און זאָגען: דאָס געהער זיך

אָן מיט חייקלין, חייקיל ווייסט, חייקעל פלעגט אליץ דערצעהלען וואונדערליכע זאכען פון משונה ווילדע ענגעלשע מאשינעס, אזש דיא האָר פלעגען זיך שטע־לען פשוט קאפויר הערענדיג, און אז איינער האָט איהם א מאָל מפסיק געווען דיא רייד מיט עפּיס א קשיא און איהם געפרעגט דעם שכל דער פון, פלעגט חייקעל דערקלעהרען דאָס אין גאנצען קורץ און פּראָסט מיט עפּיס אזא מין שפּרינזשינקעלע און דערבייא מאכען אזא מינע מיט א זיס שמייכעלע גלייך וויא ער וואָלט פארענטפערט א קלאָץ קשיא און יענעם געעפּענט דיא אויגען, הכלל מיט א שפּרינזשינע האָט חייקעל דערקלעהרט אלסדינג, אי דעם זייגער, אי דעם טעלעגראף אי א שפּיעלפּושקע און אלע אנדערע מיני המצאות אויף דער וועלט. איציק פשטן אָבער איז קיינמאָל נישט צופרידען געווען מיט חייקילס שפּרינזשינקעס ער פלעגט קוקען דארויף עפּיס וויא אויף אפּיקורסת און מאכען מיט א געשפּעט: באלד וועט שוין חייקעל זאָגען אז א גולם וכדומה אזעלכע מופתים זענען אויך דורך א שפּרינזשינקעלע... פע, פע חלעבין! זיינע אלע זא־כענישען זיינין פשוט איז פשוט, איך בעט אייך איבער, גאָרנישט מאקע אמתע נארעשקייטען, און ווייל חייקיל בעל מוח איז געווען פארקאָכעט אין וויטען, דרי־בער האָט איציק פשטן,הייקילס בעשטענדיגער מתנגד אין אלע זאכען, זיך אָנ־געטשעפּעט אין דער מוהמע ראסיע און זיך ארויסגעשטעלט פאר איהר מיט אלע קרעפטען, איטליכער פוןביידע צדדים האָט שטארק געארבייט צו געווינען אויף זיין זייט דיא איבעריגע קומפּאניעס, איז חייקיל שוין געשטאנען אויף א שטי־קעל שטייגער מיט שמואליק וואָקסאָר, דער פּרעזידענט פונם פּעטער ישמעאלס כנופיא, און האָט שוין כמעט וויא האלב זיך אויסגעגלייכט מיט בעריל פּראנצויז נאָפּאָלעאָנס א הייסער חסיד, האָט איציק אָנגעמאכט א הארמירעדר און צוגעצוי־גען צוא זיך טביא מאָק, קירהם מענש, פּאָטשטעט זענין געפלויגען פון אלע זייטען, איטליכער האָט געלאָזט זיינע ראציעס, דיא וועלט האָט זיך געקעהרט און דאָס קלייזעל האָט זיך פשוט געוויגט! אָט אין דער דאָזיגער ייט בשעת דער גרויסער מהומה זענין אינזערע פּארשוינען אָנגעקומען קיין טעמעריווקע און זיך אָפּגע־שטעלט אין דעם דאָזיגען קלייזעל אויף סטאנציע.

סענדעריל מיט זיין כאראקטער איטליכען נאָכצוגעבען האָט אין דיא עניני הפּאָליטיקע אויך זיך נישט איינגעשפּארט און איטליכען צוליב געמאָן אזוי וויא ער וויל, דוא ווילסט אזוי, פלעגט ער זאָגין, וואָס פאר א דאגה איך האָב זאָל זיין אזוי, און דאריבער האָט ער שטארק נושא חן געווען און איז באלד איטליכען געפעלען, ביים ערשטען שלום־עליכם איז בייא דעם עולם געבליבען, אז סענדעריל

איז אהן א גאל, איזוי אהן פחסות, וואס האט אין זיך נישט דיא מדה פון עקשנות. און ווען סענדעריל איז געווען אויפגעטראגען מיט אלע גלייך גאר אהן א שום חלוק, אקעגען־זשע איז בנימין געווען איין איבערקלייבער און גאר צום ערשטען איז איהם מעהר פון אלע עפּיס געפעלען שמואליק באקסאר, צו וועלכען ער האט ביסלעכווייס זיך צוגעלאזט ביז ער איז מיט איהם געווארען שטארק חבר, בנימין האט איהם מגלה געווען דעם גאנצען פלאן פון זיין נסיעה און שמואליקין איז דיא זאך זעהר שטארק געפעלען, ער האט מכח דעם איבערגעשמי־עסט מיט חייקלין, חייקיל האט דאס גענומען אויף זיין מוח, און הגם דיא זאך איז איהם אויסגעקומען אביסיל שווערליך, דאך איז דאס איהם געגאנגען אין קאפ, ער האט באלד טאקי אין א סעסיע מיט בעריל פראנצוויז און טוביה מאק אפירגענומען דעם דאזיגען ענין . און זייא האבען זיך דארויף שטארק פארחי־דושט. בנימין, האבען זייא געזאגט, זעהט טאקי עפּים ניט אויס וויא א געוויינט־ליכער מענש, ער איז עפּים וויא צוטראגען נישט אויף דעם עולם, אז ער רעדט איז שווער צופארשטעהן וואס ער מיינט, ער פאדטראכט זיך א מאל, שטעלט אויס א פאר גלעזערנע אויגען און שמייכעלט. זיין הילוך און זיינע אלע פאס־מעטקעס זענין עפּים משונה, דאך אלץ בעוויזט, אז ער איז העט העט גאר פון איין אנדערע מדרגה, נישט גלאט א מענשל, אין איהם מוז בוודאי עפּים שטעקען, גלאט פשוט קען עס לגמרי נישט זיין, ווער וויסט, אפשר איז דער בנימין גאר נישט קיין בנימין, א קאשיא אויף א מעשה !.....

אז בנימין און סענדעריל זענין פארשאפּעט אריינגעקומען אין קלייזעל נאך דער מעשה מיט דער יודינע פון דיא אייער איז דארט געווען א שרעקליכער גע־פילדער, דיא סעסיע פון אונזערע פאליטיקער האט שטארק זיך מפלפל געוועז מיט איציק פשטן, וואס ער האט זיך געריסען אויפן גארגעל און איטליכען ארי־בערגעשריגען.

— נאט זעהט, וואס שטעהט אין יוסיפון, האט איציק געשריגען אין איין אטהעם און געטייט מיטן פינגער אין א ספריל, אין יוסיפון שטעהט. אז אלכסנדר מוקדון האט געוואלט געהן צו דיא קינדער יונדב בן רכב איז ער דערגאנגען ביז צו דיא הרי חושך און ער מיט זיינע גבורים האבען דארט נישט געקענט לחלוטין געהן, זייערע פים זענין געזונקען אין בלאטע ביז איבער דיא קניע, מחמת דיא זון שיינט דארט נישט איז דיא ערד אין יענעם ארט שטארק זומפּיג, היינט פאר־שטעהט איהר שוין, אלכסנדר מוקדון, דער גרויסער. אלכסנדר מוקדון, וואס איז געפלויגען אויף איין אדלער און וואס איז שוין געווען בייא דיא טיהרען פונם

גן־עדן ער האט נישט געקענט אריבער דיא הרי חושך, מכל־שכן אייער פארשוין, אזא נפש וויא ר! עס וועט איהם נישט העלפען דערצו אפילו חייקעל מיט אלע זיינע שפרינגזשינקעס.

— דוא גראבע קאפ איינער! האט חייקיל זיך צולאזט אויף א קול און גע־טישטעט איציקין מיטן גראבען פינגער, וואו זיינען דיינע אויגען? אדרבה זעה טאקי וואס דא שטעט וויטער, ער זאגט: אז אלכסנדר מוקדון האט דארט גע־הערט עופות, פייגליך, ריידען יונית, איין פיוגעל האט איהם געזאגט בזה הלשון דיין מיה איז אומזיסט, ווייל דוא ווילסט קומען אין גאטס הויז און אין דעם הויז פון זיינע קנעכט, דיא בני אברהם יצחק ויעקב, הייסט פארשטעהסט־דוא שוין, גראבע קאפ איינער. פאר וואס אלכסנדר מוקדון האט אהינצו נישט געקענט געהן?

— מילא וואס וועסט־דוא אבער טאן, מיין גרויסער בעל מוח, אויב עס קומט גאר אויס וויא דיא יש אומרים דארט, אז דיא עשרת השבטים מיט דיא רויטע יודליך אדער דיא בני משה וואוינען גאר דארט ערגיץ לעבין דעם לאנד פונם פריסטער יאן? נוא, הייסט לאז דיין נפש מוחל זיין געפינען ערגיץ דאס לאנד פונם פריסטער יאן! מארגען נאכן קאלטען קוגעל!

— עט נארעשקייטען, איציק! חלעבין נארעשקייטען.

—ווארט נאר, ווארט מיין בעל מוח! עס איז עפיס נאך דא א סמבטיון אויך! וואס וועט ער טאן מיט דעם סמבטיון, וואס ער שליידערט א גאנצע וואך שטיינער? לאמיר שוין אננעהמען אין דער סברא, אז ער איז שוין אריבער דיא הרי חושך, ער האט שוין געפונען דאס לאנד פונם פריסטער יאן. נוא קומט ער צו צום סמבטיון, טפררוא! עס רעגענט מיט שטיינער אוממעגליך צושטעלען א פוס דאס דא וועט דאך איהם נישט העלפען אפילו דיין וויטע, זיא זאל זיך אפילו שטעלען מיטן קאפ אראפ און מיט דיא פיס ארויף.

— הע, הע, דוא טשעפעשט שוין זיך אין וויטען! אט וואוהין דוא ביסט פארקראכען.

— וואס איז דאס אין אמת'ן פאר א גאנג, איציק, אומזיסט אומנישט שפעטען פון דיא מלכיות, האט בעריל פראנצוויז זיך אריינגעמישט מיט פאר־דראס, מיר רעדען דאך איצט פון בנימינן, זידיל דיר בנימינין און מיש נישט אריין דיא מלכיות, איך בעט דיך!

פאר וואס זידלען בנימינין? האט זיך אנגערופען טוביה מאק, בנימין געהט ראכט זיך אויף א דרך, דורך איהם קען נצמח ווערען יודען א ישועה.

— אי מאַק, מאַק! האָט איציק געמאַכט מיט תרעמות און געשאָקעלט מיטן קאָפּ, אויף דיר מאַקוניוא האָב איך מיך חלעבין נישט געריכט, אז דוא זאָלסט האַלטען מיט זיי און מאכען אזא פּירוש פון בנימינין, וואָס האָסט־דוא אין איהם אזוינס דערזעהן?

הערט נאָר, איך בעט אייך, א גאנג פון א מענשען: וואָס האָסט־דוא אין איהם אזוינס דערזעהן? האָט שמואליק באָקסאָר זיך נאָכגעקרימט מיט א גע־שפּעט, משוגע ביסט־דוא היינט, איציק, צי וואָס? זיין אָפּגעלאָזענקייט, זיין צוטראָגענקייט, זיין קוקען, זיין ריידען מיט זיין גאנץ בענעהמען בעווייזען דאכט זיך זעהר גוט ווער ער איז אזוינס, דאָס פּנים איז דער בעסטער שפּיגעל אויב דאָס אלסדינג איז בייא דיר קיין בעוויז נישט, ווייס איך שוין ניט וואָס הייסט בייא דיר אזוינס א מענש, אדרבה איך בעט דיך, אָט איז ער איצט אליין אָנגע־קומען, קוק איהם זייא מוחל אָן און זאָג אויב דוא ביסט נישט משוגע טאַקי ריין חסר דעה.... איהר זעהט, עפּיס פלאמט איהם דאָרט א באַק און דרייא געלע פּאַ־סעקליך ציהען זיך איהם וויא א שין אויפן פּנים! נוא איציק וואָס פאר א פּנים האָסט־דוא איצט?

איציק איז צוגעגאנגען נעהנטער צו בנימינן, האָט איהם אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס, איהם א שפּייא געטאָן כמעט אין פּנים אריין און איז אוועקגעגאנ-גען אין איין כעס, פון דעם דאָזיגען שמיעס אָן וועגען בנימינין האָט בעקומען די פּאָליטיקע איין אנדער פּנים, שמואליק באָקסאָר מיט בעריל פראנצויז האָבען געשלאָסען בלאט מיט חייקלין, וויטע האָט ארויסגעשיקט אין ים טויזענט גרויסע אָקרענטען מיט שרעקליך ווילדע מאשינעס, דער פּעטער ישמעאל איז אריבער דעם פּרוט און נאפּאָלעאָן האָט געשאָסען מיט באָמבעס אויף סעוואסטאָפּעל. טוביה מאַק איז געשטאנען אויף משקולת נישט אהין נישט אהער, געדרעהט מיט דער צונג נישט צו־וויסען מישטעהנס געזאָגט אויף וועלכער וועלט ער איז און איציק פּשטן איז געבליבען איינער אליין וויא אויפן וואסער, ער האָט גע־באַך געארבייט אויף אלע כלים און שיער נישט געשפּרונגען ארויס פון דער פון הויט א קאטאָוועס איינער אקעגען אזא חברה! דערפאַר האָט ער זיך פארגעסן אויף בנימנן, ער האָט פון יענער צייט אָן זיך אלץ צו אים געזוכט און איהם געטאָן אין דער גאל אריין, „גאָט איז מיין עדות, דערצעהלט בנימין אין איין אָרט, אז איך האָב מיך נישט געמישט אי דער פּאָליטיקע, וואָרום איין מאָל צו וואָס טויג עס? צווייטענס וואָס געהער זיך עס מיט א יודען אָן? פון מיינעטוועגען האָט גע־מעגט זיין אזוי אדער אזוי, גאנץ גלייך, סענדעריל מיינער האָט אין אזעלכע זאַ־

פעניטשען זיך אויף אזוי נישט געמישט און פון רעסטשוועגען האט מיך איציק ני געלאזט רוהען, איך האב פון איהם נישט געהאט קיין טאג און קיין נאכט. א מאל פלעגט ער מיך ארומשטעקען הינטען מיט פעדערען, אדער ווארפען אויף מיר שטילערהייט א קישעלע, אדער פערשליידערן ערגעץ מיינעם א שוך, אז איך האב מיר דעם קאפ פערדרעהט זוכענדיג. בין איך ביי דער נאכט אנשלאפען געווארען אויף מיין געלעגער פלעגט ער מיט א שטרייעלע מיר קיטצלען דיא פיאטעס אז איך פלעג אזש אונטערשפרינגען, אדער ער פלעגט מיר לאזען א פאמפע אונטער דער נאז, איך פלעג זיך אויפהאפען נישט טויט נישט לעבעדיג און קיינען הוסטען מחמת דער רויך אפשר א שעה כסדר, גלייך וויא איך בין שולדיג געוועזן וואס דיא דריי קומפאניעס האבען געמאכט יד אחת".

דעם גרעסטען טהייל פון שטאדט זיינען אונזערע פארשוינען טרוד געווען מיט דער פרנסה, זיי האבען געמאכט וויזיטען אין דיא טעטעריוועקער הייזער און האבען אין א קורצער צייט קונה שם געווען אזוי אז מען פלעגט אויף זיי נאכטייטען מיט דיא פינגער אונבעגעגנען זיי דער מיט א גלייך ווערטעל, דער מיט א שמייכעלע. איין אנדערער אויף זייערער ארט וואלט זיך שטארק איבערגענומען פון אזא כבוד און צופויקט אומעטום פון זיין גרויסקייט, אהן עין־הרע, אין דער וועלט, וויא מען האט זיך געשמאלצען פשוט אנקוקענדיג איהם, וויא מען האט זיך געלאבט מיט איטליך זיינס א ווארט און מיט וואס פאר א שמייכעלע מען פלעגט איהם אויפנעהמען און ארויסבעלייטען פון דער טיהר ,נאר אונזערע פארשוינען אבער זענין ביי זיך געווען פראסטע מענשליך און האבען פון אזא כבוד זיך גאר נישט געמאכט. בנימין איז געווען פארטראגען אין זיינע זאכען און סענדערלין איז געלעגען אין זינען דיא טארבע זאל זיין פול און אין דער קעשענע זאל זיין עטליכע גראשען אויף הוצאות, צי גיסט־דוא מיט א שמייכעלע צי מיט א קרים וואס מאכט עס א יודע אויס, אבי גיב.

היינט איז פורים מארגען איז אויס
גיב מיר א גראשען און טרייב מיך ארויס!

אט דאס איז דאס בעקאנטע אידישע לידעל, וואס שילדערט זעהר גוט, זייער פראסטקיים, זייער עניוות און וואס סענדעריל פלעגט עס געהענדיג אויפן וועג זעהר אפט שטילערהייט אונטערזינגען.

א גוט מארגען, גאט העלף! פלעגט סענדעריל זאגען ביים אריינגעהן ערגיץ אין א שטוב נאכשלעפענדיג הינטער זיך בנימינ'ן פאר דער פאלע, דערנאך פלעגט ער איהם דערלאנגען א שטופ פאראויס, איהם איינראמען אין אויער

ער זאָל ניט שעהמען און אליין אנידערשטעלען זיך אין דער זייט מיט גרויס דרך ארץ.

ארומגעהענדיג אויף אזא שטייגער זענין אונזערע פארשוינען איין מאָל אריין אין א שטוב, אין וועלכען זיי האָבען געטראָפען עפעס א יונגען מאן מענהנדיג מיט דעם בעל הבית, עס האָט אויסגעזעהן פון דיא רייד וויא דער יונגער מאן גיט דעם בעל הבית צו פערשטעהן דיא וויכטיגקייט פון עפיס איין ענין, וואָס דורך דעם קלינגט מיט איהם איצט דיא וועלט, וויא ער לויבט זיך פאר איהם אָפּ, ווייזט פאפירען אין פערלאנגט פון איהם עפעס א זאך, נאָר דער בעל הבית קרימט זיך אָבער, טענהט וויא ער קען און צאפּעלט פּשוט זיך אויסצור־דרעהען פונם יונגען מאנס הענד, דער בעל הבית האָט זיך אָנגעהאפּט אין אונזע־רע פארשוינען אזוי וויא א דערטרונקענער אין א שטרוי. ער האָט געשווינד זיך צוגעלאָזט צו זיי אין דער האָפנונג אפשר האָבען זיי צו איהם א נייטיג געשעפט און וועלען איהם דערוויל בעפרייען פון דער נויט. נאָר קוים אָבער האָט ער דערהערט ווער זיי זיינען און וואָס זיי ווילען איז ער געבליעבען שטעהן צומישט, שטארק פערוואונדערט, וויא איינער בשעת דאָס אָנשיקעניש טרעט פלוצים צו פון אלע זייטען.

— אָט האָט איהר נאָך נוסעים! האָט דער בעל הבית זיך אָנגערופען נאָכ־דעם אז ער איז צו זיך געקומען און זיך געווענדעט צום יונגען מאן. דיא דאָזיגע יודען, זעהט איהר, זענין אויך נוסעים! נאט אייך נייס, נוסעים אויף אונזער קאָפּ!

דער יונגער מאן מיט אונזערע פארשוינען האָבען איינער דעם אנדערן זיך אָנגעקוקט.

— הערסט דוא, האָט סענדעריל א ציה געטאָהן בנימינ'ן פאר דער פּאָלע און איהם איינגערוימט אין אויער, מעגליך אז דער דאָזיגער יונגער מאן וואנדרע־וועט אויך אהינצו.... ער קען נאָך חלילה פארלויפען פריהער און אונז אָפּטאָן אייף טערקיש.

— אפשר זיינט איהר טאקע אלע איין קומפּאניע? האָט דער בעל הבית זיך ווייטער אָנגערופען.

— חלילה, חלילה! האָט בנימין מיט סענדערלען ביידע אין איין קול גע־שריען, מיר געהן בעזונדער, געהען מיר!

— געהט אייך געזונטער הייט בעזונדער, ביי מיר אָבער הייסט איהר איין קאָמפּאניע. האָט דער בעל הבית געזאגט און ארויסגענומען א מטבע פון דער קעשעניע.

— גיט, זייט מוחל, אונז, אונז גיט, האָט סענדעריל געבעטען און אויס־געשטרעקט דיא האַנד. מיר וועלען שוין דעם יונגען מאַן ארויסגעבען זיין חלק קומט יונגער מאַן, מיר וועלען אייך ארויסגעבען, איך האָב מינץ.

אין מיטען דרינען האָט זיך געעפענט דיא טהיר פון דער קיך און א שרעק־ליכער קול האָט זיך געלאָזט הערען פונדאָרט משונה ווילד:

דאָס איז ער, ער! אָט דער, וואָס שטעהט לעבין דעם קליינעם דארען אידעל, זיי האָבען דענסטמאָל אויףביידע זיך ארומגעשלעפט. איך האָב איהם דערקענט, דעם שיינעם נפש, אין זיין פּנים'ל, אין זיין געל בערדיל, אויסגעצופּט זאָל עס איהם ווערען! אין זיין צוחראשטעט הערצעלע, א פארחאַפּט רבונו של עולם זאָל ער ווערען! זאָל עס מיט איהם קויקלען, מאָרדעווען און אויסרינען דאָס מארך פון זיינע טרפהנע ביינער אויסרינען!

קום בנימין אוועק! האָט סענדעריל געזאָגט שלעפּענדיג בנימינען פאַר דער פּאָלע, א רוח אין דער חצופה'ס טאַטען אריין, זיא האָט נאָך אלץ צוטאָהן מיט דיא צובראָכענע אייער.

---

## וויא זכות אָבות האָבען פאַר אונזערע פארשוינען זיך געלייגט.

זיפצען און קרעכצען מוז מען אז מען לייענט דיא געשיכטע פון דיא גרויסע בעריהמטע קאָפּ־מענשען וויא זיי האָבען נעביך געליטען שטארק זייער גאנצען לעבען פון דער וועלט, פאַר וועלכע זיי האָבען מקריב געווען זייערע טעג און יאָה־רען און זיא בעגליקט מיט זעהר ניצליכע זאכען, וואָס זיי האָבען מיט זייער שכל בעגאנגען. דיא וועלט איז בטבע א קינד וואָס האָט ליעב זיך צו האלטען נאָר אין דער מאַמעס פארטוך, נישט אָפּצוטרעטען פון איהר אויף א האָאר, וואָס האָט ליעב אלץ דיא אלטע נארישע מעשיות. וועלכע דיא ניאנקעס און אלטע באָ־בעס חזרן זיי איהם איבער הונדערט מאָל אין טאָג. וואָס מיינט, אז בעסערס פון זיינע שפּילכלאַך איז טאקי גאָר נישטאָ, אין דערינען שטעקט דיא גאנצע חכמות וואָס קען נאָר זיין, און אז דער בעהעפּטער קומט איהם נעהמען אין חדר אריין, אויסצולעהרנען איהם עפּעס, שרייעט ער געוואלד גלייך וויא מען וואָלט איהם געקוילעט, דיא וועלט האָט ליעב צו לעבען אזוי וויא זיא איז געוואָהנט, עפּעס א נייס קומט איהר אוים משונה ווילד, זיא שרייעט דארויף מעשים און זידעלט, מאַכט מיט דער בלאָטע גלייך דעם, וואָס טראַכט אזוינס אויס, ערשט דערנאָך אז דאָס נייס איז שוין נולד געוואָרען, עס האָט זיך איינגעלעבט און ווייזט בעשייפערליך ארויס דעם גרויסען נוטצען וואָס אין איהם ליגט, ערשט דענסט־

מאָל חאַפּט מען זיך אין דעם שטארק אָן. מען האָט דערפון גרויס הנאה און פארגעסט כלל יענעם נעביך וואָס האָט ער מיט נויטשוויים ממציא געווען, נאָך זעהר שיין פון דער וועלט אז זיא האָט זיך זיינער דערמאָהנט איהם. צו מאכען חאָטשע א מלא און צושטעלען איהם א מצבה, מיליאָנען מענשען לעבען היינט גליקליך און עטהמען פרייא אין אמעריקא, און קאלומבוס בשעת איהם איז אריין דער געדאנק צו ענטדעקען אמעריקא האָט נעביך שטארק געליטען, דיא וועלט האָט איהם געהאלטען פאר משוגע און אויס איהם חוזק געמאכט, דעסגלייכען איז אויך געווען מיט אונזער בנימינין פון טונעיאדרעווקע, נאָר אָנקוקענדיג איהם האָט מען איהם געהאלטען פאר א משוגענעם און הערענדיג זיינע רייד איבער דער נסיעה האָט מען זיך געשטיקט פאר געלעכטער, מען האָט מיט איהם געטריבען קאטאָוועס,איטליכער האָט מיט אים געהאט צו טאָן און אויס איהם געמאכט א קאָטער, א נס וואָס בנימין האָט עס אזוי פיעל ניט פערשטאנען, זיסט וואָלט ער זיך פארעסען, חס ושלום קראנק געוואָרען און א שפּייא געטאָן אויף דער גאנצער נסיעה! מיר היפערען איבער א סך זאכען פון דעם עולם'ס המצאותליך איבער בנימינין בכדי דאָס זאָל אויף אונז אלע נישט פאלען פאר קיין אייביגען פלעק און דאָס זאָל אונז נישט זיין צו קיין חרפה צו קיין בושה אין דער געשיכטע פאר דיא שפּעטערדיגע דורות. מיר מאכען זיך נישט וויסענדיג פון דיא אלע זאכען, האָטעפּאקרעשקע, און נעהמען זיך ווייטער צו אונזער דערצעהלונג.

אין טעטעריוועקע, זאָגט בנימין, איז דאָ א גרויסע קהלה יודען, זאָלען זיך פרוכפּערען און מעהרען, ווער זייא זענין, וואָס פאר א מיני מענשען זייא זענין און פון וואנען זייא האָבען זיך גענומען, דאָס, פרעגט זייא בחרם, ווייסען זייא אליין נישט, זייא האָבען נאָר בקבלה פון טאטעס, זיידעס או עלטער־עלטער זיידעס, אז זייא וואקסען פון יודען, און וויא עס זעהט אויס פון א טהייל זייערע מנהגים, פון זייער הלבשה, פון זייער לשון און פון זייער האנדעל וכדומה זענין זייא אפּנים טאקי מחויב צו זיין יודען, נאָר צונויפגעלאָפענע, אָפּגעריסענע פון פארשיעדענע שבטים, ווארום איינער מיט דעם אנדערן געהר זיך כמעט נישט אָן, לאָז א שטייגער איינער פאלען וועט דער אנדערער איהם נישט אויפהייבען חאָטש ער זאָל שונא ציון דיא כפּרה ווערען, דיא מיתה משונה איינגעהמען דאָ אויפן אָרט... צווישען זייא איז דאָ א טהייל, וואָס פארשטעהען זעהר גוט מאניפארגע לשון. מאניפארגע איז פון דעם שורש מאניפארניסימו'ז, דאָס הייסט מאני לשון, פארגי ציגיינעריש, מאניפארגע־יודען קענען חכמת היד, קוקען יענעם אין האנד אריין און ציהען געוויינטליך דערפון זייער פרנסה דערצו נאָך קענען

זיי אנדערע מלאכות, לעמכלכמאכערם און טאָקערם זענין זיי טאקי איינע אין דער וועלט, חידושין נאָר מוז מען זיך וויא זייא מאכען א מאָל יענעם א לעמפעל און טאָקען אָפּ זאכען עפּעס נאָר שלא כדרך הטבע, אויך האָבען זייא א מתנה פון זיין ליבען נאָמען אָפּצוזאָגען א מאָל א פּזמון, און דווקא שטילער הייט, מיט אזעלכע מיני תנועות, אזש טרעהרען שטעלען זיך דורכדעם אין דיא אויגען און זייא נעהמען דערמיט בייא יענעם פשוט צו דאָס חיות... מען זאָגט יאקבי זייא שטאמען פון דיא ערב רב פון דער גזע כפתרים, בכלל, זאָגט בנימין, זענין דיא איינוואוינער דאָרט עהרליכע לייט, גוטע מענשען, זייא פּלעגען מיך אויפנעהמען תמיד מיט א שמייכעלע און משונה הנאה האָבען מיט מיר זיך אָפּצוגעבען, מען האָט געזעהן בעשיינפּערליך, אז זייא זענין מיט מיר שטארק צופרידען. איך ווינטש זייא פונם גאנצען הארץ, אז גאָט און לייט זאָלען פון זייא אייביג אויך אזוי צופריעדען זיין, אָמן.״

א חידוש נפלא, דערצעהלט ווייטער בנימין, דאָרט אין דער סביבה בעגעגענטמען א מאָל פּארשוינען וואָס זענין אביסיל וויא חזירעוואטע, מען דערקענט עס זייא באלד אין דעם אנבליק. א טהייל זאָגען אז דאָס איז אזא פּאָראָדע, ווידער א טהייל ווילען האָבען אז דער אָרט איז דערצו מסוגל. בנימין וויל דרינען נישט מכריע זיין, דאָס געהער זיך אָן מיט דיא געלערענטע, זייא זאָלען דיא זאך פּאָרשען און אונז דערקלעהרען אקוראט וואָס דאָס בעטייט. נאָר וויא דיא מעשה איז, זאָגט בנימין, אזוי צי אזוי, דיא זאך אליין איז קיין נייס ניט אויף דער וועלט, נאָך דער אלטער מתתיהו דעלעקארטי העט העט אין דיא פריהערדיגע יאהרען בריינגט אין זיין ספר „צל עולם״ בזה הלשון: „אין בריטאניה איז דאָ א פּאָלק מיט איין עק פון הינטען וויא בייא בהמות, אויך זענין נאָך דאָ ווייבער, הויכע גרויסע וויא דיא ריזען און זייא זענין בעוואקסען מיט שטשיטינעס (חזיר־האָר) וויא דיא חזירים. אין צפרת האָט זיך געוויזען א פּאָלק מיט הערנער, אויף יענע בערג זענין דאָ קרומע ווייבער און דיא וואָס איז מעהר קרום איז אלץ שעהנער: „טאקי ממש וויא מען בעגעגענט נאָך בייא א אונז, היינטיגע צייטען, זעהר פיעל ווייבער, וואָס קומען אויס קרום, שטארק בולט מחילה פון הינטען, מיט א לאנגען עק, וואָס באָמבעלט זיך און שלעפּט זיך זייא נאָך אויף דער ערד, דאָס וואָס איז געוועזען, זאָגט דער פּסוק, דאָס וועט אויך זיין און ס'איז נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון!

טעטעריוועקע, זאָגט בנימין, איז גרויס מיט שיינע מויערען און לאנגע גאַסען, אָנקוקענדיג זיא ביים ערשטען מאָל דאכט זיך אוים, זיא לעבט, עס קאָכט

דאָרט און רוישט, נאָר דערנאָך אז מען ווערד אביסיל איינגעוואָהנט זעהט מען, אז זיא איז אין תוך אריין א מין גרויסע טונעיאָר־עווקע, דיא איינוואוינער דאָרט עסען, לייגען זיך שלאָפען, שטעהן אויף וויא געוויינטליך אלע טאָג אין איין צייט, דיא צייט ווערט גערעכענט דאָרט נאָך דעם עסען, פונם אָנבייסען א שטייגער ביז וואָרמעס און פון וואָרמעס ביז וועטשערע, מחמת אָנבייסען, וואָרמעס און וועטשערע זענין דרייא קרעטשמעס אין זייעד לעבען, וואָס אהינצו גאָרט מען זיך צודערשלעפּען אויף א פּאָפּאָס און עפּיס טאָן נאָכדעם אז מען האָט פאַרבראַכט א שטיק צייט מיט גאָרנישט אין א פוסטען סטעפּ. מען זאָגט יאקבי טעטעריוועקער לופט מאכט בטבע פויל, אָפּהענדיג און שלעפעריג, ווען עס פאלט אהינצו אריין עפּעס א מענש מיט קוראזש, מיט א חשק עפּעס צו ווירקען, נעהמט עס אין א קורצער צייט ביי איהם צו אי דעם קוראזש, אי דעם חשק, און עס בלייבט איהם מעהר נישט איבער וויא דער חשק צו עסען, שלאָפען און אויפצושטעהן בכדי ווייטער צו עסען און צו שלאָפען .בנימין האָט דאָרט געזעהן דיא סטאַנציעס פון דיא קליין שטעטעלדיגע סבאָרטשיקעס און פּאָווירענעס, אוועקפּאָהרענדיג פון דער היים האָבען זייא ארויסגעוויזען קוראזש און שטאַרקייט נאָך פיל מעהר וויא מען בעדאַרף. מען מוז פאָהרען, האָבען זייא אלץ גערדרונגען און איינגעשמיעסט דעם עולם, מען מוז פאָהרען זיך סטאַרען ארבייטען און איינלאַדעווען מכח דעם געלד אויף געוויסע קהלשע הצטרכות און מכח נאָך אנדערע שטעטישע זאכען, חאָטש זייער סטאַרען זיך, ארבייטען און טאָן וועגען דעם איז אין גאַנצען איין איבעריגע זאך, טאקי נאָר וויא א פינפטע ראָד צום וואָגען, ווייל דארויף איז דאָ א סמעטע, און אלצדינג וועט געמאכט ווערען גאָר אָהן זייער הילף, נאָר זייא האָבען אָבער פאָרט בעקומען שטאַרק חשק, עס האָט זיך זייא משונה פאר געלוסט, האָבען זייא גענומען ביים עולם געלד פאר זייערע ווייבער און קינדער אי פאר זיך אויף הוצאות און מארש אין וועג אריין אין א גוטער אין א מזלדיגער שעה, אין טעטעריוועקע קומענדיג איז זייא, מעשה שטן, באלד פארגאַנגען דער חשק, וואו בריהשקייט, ווען בריהשקייט! האָבען זיך אנידערגעזעצט אויף דער סטאַנציע פויל, אָפּהענדיג, נאָר געגעסען נעביך, געטרונקען און געשלאָפען, גלייך מען האָט זייא א כישוף אָנגעטאָן, אין דעם צושטאַנד פארברייגען זייא נעביך דאָרט זייערע טעג און יאָהרען, דער עולם שיקט זייא אלץ צו, אויף זייער בקשה, געלד און ווייטער געלד און זייא הינען טאקע אלץ, גענוצין, עסען, שלאָפען נעביך וויא דיא פארצוויבערטע פרינצען און ס'איז פשוט אוממעגליך זייא פון דאָרט ארויסצורייסען, אפילו קיין בעל שם און קיין טאַטער קענען דערצו אויף נישט

חעלפען. — בנימין האָט אָנגענומען א יצר הרע זיך צו בעקענען מיט דיא בע־ריהמטע געלערענטע און שריפטשטעלער וואָס אין טעטעריוועקע, עפּעס איז ער דאָך אויך א שטיקעל קענער, א חקרן, וואָס קוקט אריין אין דיא קליינע אותיות־ליך און ווייס, וואָס איז אזוינס א יודישער חקירה־ספר, פון וואנען דיא דאָזיגע לייט האָבען געשעפּט זייער תורה, זייער ידיעה אין דיא שבע חכמות, היינט וויא שיקט זיך עס, קומען אהער און זיך נישט זעהן מיט זיין סאָרט מענשען ? ! חוץ דעם האָט זיך איהם געוואָלט טאקי איבערשמיעסען מיט זייא וועגען זיין נסיעה, אזעלכע לייט וועלען איהם דאָך פארשטעהן און קענען אָפּשאטצען דעם ווערטה זיינעם, ער האָט געהאָפּט, זייא וועלען איהם נאָך געבען הסכמות און איהם היי־בען וויא אויף דרוקעס, זייא האָבען דאָך ליעב ארויסצוגעהן מיט זייערע הסכמות אויף קלייניגקייטען, שמאָכטעלייען, בפרט נאָך אויף אזא זאך, אויף אזא וויכטי־גע זאך, דאָ וועט דאָך דיא פּען זייערע זיך צולאָזען גאלאָפּ, גאלאָפּ וויא א פערד, נאָר צו וועלכען פון זייא בנימין איז געקומען האָט ער איהם אלץ געטראָפען אָדער ער עסט אָדער ער שלאָפט ! איינמאָל איז איהם געראָטען צו טרעפען א נעם פון דיא לייט — א ווילדער שרייבער משונה א בעריהמטער בריה — וויא ער איז געזעסען אָנגעלעהענט אויף א באנקבעטעל אין אַיין אָפּגעזונדערט חדריל, גוט מאָרגען ! — גוט יאהר ! ? וואָס וויל א יוד— עט, אזוי, א ביסיל שמיעסין ! — אהין אהער עפּיס פּלאטשיק דער עוסק. דער בריה איז עפּיס וויא צוקראָכען, קוים וואָס ער ריהרט מיט דיא ליפּען, דיא נשמה ליגט איהם אויף דעם שפּיטץ נאָז און עס קלעפּען זיך איהם דיא אויגען. בנימין מינטערט איהם, רעדט איבער איהם וויא ער קען, נאָר אומזיסט דיא מיה, ער איז קאלט וויא אייז. ערשט דערנאָך האָט ער זיך אביסיל אויסגעטשוכעט, א שטארקען געניץ געטאָן און אריינגערופען דאָס ווייב, ווען וועט מען שוין געהן עסען ? האָט ער זי א פרעג געגעבען או אויסגעקנאקט דיא ביינער מיט א געשמאקען געניץ. לאָז מען שוין געבען עסען, וואָרום איך וויל, האָט ער גיזאָגט, איך וויל אביסיל צולייגען מיך שלאָפען.... הכלל טעטעריוועקע איז א גוטע ספּאלניע אלסדינג שלאָפט דאָרט רוהיג. אי דאָס געלערענטקייט ,אי דער האנדעל, אי דיא ביינק, אי דיא פּראָצע־סען (לאָדענישען) און אלע מיני געשעפטען. וויא מען זאָל זייא נישט פּריווען ווע־קען קען מען זייא אלץ נישט דערוועקען. אפילו ווען עטליכע מענשען פארקלייבען זיך אמאָל אין איינעם נעהמט זייא באלד אָפּ דאָס לשון, זיטצען, געניצין און קר־קען איינעם דעם אנדערען אָן וויא דיא גולם'ס, און דיא גאנצע געזעלשאפט ווערען אנשלאָפען, ערשט ווען מען דערלאנגט דיא וועטשערע ריהרט זיך אין זיי

איין אבר, זייא ווערען לעבעדיג, נעהמען זיך געשמאק צו דער אכילה, עסען אפ—
און א גוטע נאכט זייא גייען א היים שלאפען.... אונזער בנימין האט עס געפיהלט
שפעטער אויף זיך אליין, ער האט דערנאך אין טעטעריוועקע נישט מעהר געטאהן
וויא גענגעטען און געשלאפען און דער חשק פון דער נסיעה איז איהם עפיס וויא
פארגאנגען. ער איז געווען אין א גרויסער סכנה פארפאלען צו ווערען דארט, אזוי
וויא א שיף, וואס האפט זיך אריין אין דעם שטילען ים, און אפשלאפען דארט
זיין לעבען ביז אצונד ווען מיט איהם זאל זיך נישט געווען מאכען א מעשה, וואס
האט וויא א שטורמווינד, אויף זיין גליק און אויף דער וועלטס גליק ,איהם מיט
גוואלד ארויסגעטריבען פון דאנען ווייטער צו זיין נסיעה.

דיא שנאה פון איציק פשטן צו בנימינין האט וואס א טאג אלץ מעהר גע־
וואקסען, ער האט דיא לעצטע צייט וויא א זלודניע זיך איינגעגעסען אין בנימנין
און זיך גענומען שטארק מפלפל צו זיין מיט איהם איבער זיין נסיעה, איהם ,לייי־
גען שטיינער אויפן הארץ. אז דענסמאל ווען דא אויף דער דאלאניע וועט וואק־
סען האר, וועט ער קומען צום סמבטיון, און זעהן דיא רויטע יודליך וויא ער זעהט
זיין אויער. בנימין אבער האט זיך נישט געלאזט שפייען אין דער קאשע און
אויסגעדרונגען, אז סאיז דא אין דער וועלט א בורא, וואס פארלאזט נישט דיא,
וואס האבען אין איהם א בטחון, נישקשה ער וועט אם ירצה השם מיט גאטס כח
דערגעהן אהינצו, שונאים אויף צושפרינגעניש, און אז בנימינין פלעגט טענהדיג
זיך צושפילען דיא געבליטען, פלעגט ער ווערען פלאם־פייער און אין דערמיט
שמיעם אריינווארפען אויף א קול. פיפערנאטער, לינדעגווארם, אייזעל, מויל־
אייזעל וכדומה! דאס האט געהייסען אזוי פיל וויא: בילט אויף דיא ציין, אט
בין איך שוין העט ווייט, אט בין איך שוין דארט אין דער מדבר און געה און געה
און געה!... איציק פלעגט דרייא מאל אויסשפייען און זאגען: ער איז פשוט
משוגע הסר דעה, מען בעדארף איהם פיהרען צום טאטער. און האט צום סוף אזוי
ווייט געבראכט, אז קוים האט בנימין זיך געוויעזען אויף דער גאס, זענין איהם
ווייסע חברה נאכגעלאפען וויא נאך א משוגענעם מיט שטיינער, איהם געמאכט
א אורא און געשריען: פיפערנאטער לינדענווארם! איינמאל אז בנימין מיט
סענדערלין זענין פארנאכט געגאנגען ביידע אין גאס איז חברה זייא בעפאלען
וויא דיא היישרעקען און זייא שטארק דעקוטשעט, אזוי אז זייא האבען געמוזט
אנטלויפען מיט הינטערגעסליך. אין איינעם פון דיא איינגע געסליך, האבען זייא
לויפענדיג בארג ארא‌פ איבער א לאנגער, שמאלער קלאטקע זיך בעגעגענט דארט
סאמע אויף דערמיט מיט א מענשען, וואס איז זייא געקומען אקעגען, אויסמיידען

זיך דאַרט איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט סיידען אַראָפּשפּרינגען און צו־
שלאָגען דעם קאָפּ, אָדער וויינגסטענס זיך אויסברעכען א פוס. דיא ביידע זאכען
אָבער האָבען אונזערע פּארשוינען בעדאַרפט האָבען נייטיג אין לעבען אריין,
אָהן א קאָפּ אָדער אָהן א פוס וואָלט דאָך קיין סברא נים געווען צו מאכען זייער
נסיעה. און בנימין מיט סענדערלין זענין געבליבען שטעהן מיט אַראָפּגעלאָזענע
נעזער.

— א־א שלום עליכם בנימין! האָט יענער פּארשוין, וואָס איז געקומען
אקעגען, א זאָג געגעבען מיט א פּאַרדראָס אי מיט א געלעכטער אין איינעם. א
גוטע בעגעגעניש חלעבין, אזוי וויא געוואונשען!

— שלום עליכם, עליכם שלום רב אייזיק דוד! האָט בנימין געענטפערט
נישט מיט זיין קול שטארק צומישט.

דער דאָזיגער פּארשוין איז געווען רב אייזיק דוד רב אהרן יוסילים שרה
זלאטעס, דער חכם פון טונעיאדעווקע.

— שיינע מענשען! האָט רב אייזיק דוד געמאכט מיט תרעומות. מען
פאָהרט אוועק פון דער היים בגנבה גלאט אוועק, פאר וואָס, פאר ווען? וויים
איך? אלסדינג מוז דאָך זיין עפּים מיט א גאנג, מיט א דרך הטבע. וואָס הייסט
גלאט אוועק און מאכען ווייבער נעביך. אָהן א שום גאנג, פאר וויסטע עגונות
מאכען ווייבער! וויים איך? שטיימש אדרבה, שוין אוועקגעשטעלט אלסדינג
אין דער זייט. פרעג איך אייך נישט מעהר, נאָך אמאָל טאקי אדרבה סטיימש
סטיימש?! פארקעהרט זאָגט וואָס טהוט איהר דאָ? איך מיין טאקי דיך אויך
סענדעריל, נישקשה איך זעה דיך וויא דוא שטעהסט פון הינטען: דיין ווייב סענ־
דעריל וועט דיר נישקשה געבען, גוט מכבד זיין וועט זיא דיך דיין ווייב, וויא א
הערינג. אזוי אין כעס איז זיא וואָלט זיא דיך צוריסען דיין ווייב, דאָס הארץ
אָבער האָט איהר געזאָגט אז דאָ מוזט איהר אוודאי זיין האָט איהר געזאָגט דאָס
הארץ דיין ווייב, און זיא האָט געוואָלט נישט אנדערש פאָהרען נאָר אהער האָט
זיא געוואָלט נאָר מיט מיר דיין ווייב.

— הא ער איז דאָ! האָט א געשרייא געטאָן א יודענע, וואָס איז אונטער־
געקומען פון הינטען צו רב אייזיק דוד'ן.

סענדעריל האָט אין איין קול דערקענט זיין בחורטע, ער איז געוואָרען טויט
וויא דיא וואנד און געבליבען אָהן א נשמה פאר שרעק. ער האָט מיט ביידע הענד
זיך אָנגעהאפּט אין בנימינס פּאָלע. ער זאָל נישט אַראָפּפאַלען פון דער קלאטקע,
אזוי האָט איהם זיך דער קאָפּ פארדרעהט. עס האָט איהם זיך גערדאכט, אָט

נעהמט איהם שוין אָן זיין ווייב און פּעטש שיטען זיך איהם וויא האָלץ.

— קוקט נאָר אָן דיא נפשות, דיא שיינע נפשות. אַ דיא כפּרה זאָלין זייאביידע ווערען! הא וואו איז ער דאָרט ערגיץ מיין ימחשמוניק? לאָזט מיך נאָר צו איהם צו אביסיל, לאָזט מיך, איך וועל איהם ווייזען וואָס פאר א גאָט מיר האָבען! אזוי האָט אין איין אָטהעם געשריגען סענדערילס ווייב און געשטופּט רב אייזיק דוד'ן.

— נאָר אָהן געשרייא, אָן רעש. האָט רב אייזיק דוד זיא געבעטען. האָט נאָר צייט. אז איהר האָט אזוי פיל געוואָרט, ווארט זשע נאָך אביסיל. קיין עגונה מיט גאָטס הילף וועט איהר דאָך שוין קיין עגונה נישט זיין. און ווייטער וויא זאָגט מען עפּיס הא? אויך דיא אייגענע מעשה, א יודענע בלייבט טאקי א יודענע. דאכט זיך א קלוגע און פאָהרט א יודענע. לאָמיר שמיעסען דיא אייגענע זאך פארקעהרט, מילא מה רעש? ס'איז נישט מעהר גלאָט פאָרדראָסיג: גלאָט אוועק, פאר וואָס, פאר ווען? אלסדינג מוז דאָך זיין עפּיס מיט א גאנג, פאר־שטעהט איהר מיך? נאָר אז ס'איז אזוי איז דאָך טאקי דיא קשיא: צי וואָס נאָך שרייען? דער תירוץ איז אָבער, איך בעט אייך איבער וויא איין אייגענע מוטער; א יודענע מחילה בלייבט א יודענע.

רב אייזיק דוד האָט זיך ערשט צו וויגט און געוואָלט, וויא זיין שטייגער איז, דעם שמיעס זיינעם איבערשמיעסען ווידער פארקעהרט, דער נאָך ווייטער א מאָל פארקעהרט און אריינגעבען דרינען א ביסעל פעפער מיט ציבעלע, נאָר פון ביידע זייטען קלאָטקע זיינין געשטאַנען א סך מענשען, וואָס זענין דערוויל אָנגעקומען. זייא האָבען פון דערווייטען זיך שטארק געבייזערט דארויף, וואָס יודען האָבען זיך אנידערגעשטעלט דאָ שמיעסין, גלייך וויא עס געהט זייא נישט אָן דיא גאנצע וועלט, און לאָזען קיינעם נישט אריבערגעהן. דיא קלאָטקע איז אזוי שמאָל געווען, אז צווייא מענשען האָבען דאָרט זיך נישט געקענט מיידען. דיא וואָס פון איין זייט האָבען תמיד געמוזט ווארטען ביז יענע פון דער אנדערער זייט וועלען פריהער אריבער. דריבער האָט סענדערילס ווייב מיט רב אייזיק דוד'ן געמוזט צוריק געהן צו יענער זייט קלאָטקע פון וואנען זייא זענין אָנגעקומען, דעסגלייכע סענדעריל מיט בנימינ'ן האָבען זיך צוריק געקעהרט צו דער אנ־דערער זייט און ערשט דערנאָך האָט, פון דער דאָזיגער זייט טאקי, דער עולם אָנגעהויבען איבערצוגעהן דיא קלאָטקע.

— איך בעט דיך סענדעריל, וואָס שטעהן מיר דאָ אזוי, און ווארטען? האָט זיך אָנגערופען בנימין, וואָס איז פריהער צו זיך געקומען. עפּיס שטעהן

מיר דאָ, אזוי גלייך וויא מען בינט צו א יונגעל מיט איין עק פאָדים אין מויל און מיט דעם אנדערען צום פיסיל פון טיש. נארעלע, איצט האָבען מיר צייט ניצול צו ווערען.

— גערעכט, וויא איך בין א יוד! האָט סענדעריל א זאָג געטאָן פרעהליך וויא איינער וואָס רייסט זיך ארויס פון דער קלעהם. גיכער, גיכער, בנימין! אויב דוא ווילסט איך זאָל נישט ארייגפאלען אין איהרע הענד. דאָס איז נישט קיין קלאטקע, נאָר זכות אבות האָבען דאָ פאר אונז זיך געלייגט.....

אונזערע פארשווינגען האָבען געמאכט געשווינד א פליטה און אין עטליכע מינוט זענען זייא שוין געווען ווייט ערגיץ אין איין אנדער עק שטאָדט. זייא האָבען נישט געמאכט לאנג שיהות, פארנומען באלד זייערע פעקליך און זיך געזעגענט מיט טעטעריוועקע.

---

## אורא רוימע יודליך!

חייא, וויא, וויא, האָט אויף דער קעלניע פון א בויד הייזעריג געשריגען א שמייסער און איז שיעור מיטן דישעל נישט ארויפגעפאָהרען אויף צווייא ווייבליך, וואָס זענען געשטאנען אין דערמיט גאס, סאמע דיא לעבעדיגסטע פון גלופסקער גאסען, ביידע מיט טאָרבעליך שפייז: פלייש, רעטערליך, ציבעלע, קנאָבעל, אונטערען אָרם, און האָבען איינער דער אנדערער איינגערוימט סודות אי אויסגעגאָסען דאָס הארץ שרייענדיג אויף א קולכיל, אז מען האָט איהם געקענט הערען ווייט פאר א מייל, דיא ווייבליך זיינען אין מיטן שמיעס זיך צולאָפען, איטליכע אין איין אנדער זייט גאס, און זיך געשטעלט פון דערווייטענס צו ענדיגען זייער שמיעס אריבערשרייענדיג מיט א ניגון איבער בוידען, דראָזשקעס, טעליגעס און פוהרליך האָלץ, וואָס האָבען זיך געצויגען איינע הינטער דער אנדערער אין א גאנץ לאנגער שורה, אזוי אז א היבשע צייט איז ריין אוממעגליך געווען דיא גאס איבערצוגעהן.

— חסיאביילע! נוא ועסט־דוא היינט בייא דער נאכט קומען אהינצו — צו דער קאָרטענוואָרפערען? איך וועל דאָרט זיין מיט מיינעם... דיינער וועט אויך אהינצו קומען, ער האָט מיך געבעטען איך זאָל דיר זאָגען, עס וועט דאָרט זיין פרעהליך. קום נארעלע, וועסט חלעבין הנאה האָבען! נוא חסיא ביילע, וועסט דוא קומען?

מיין בעל־הביתטע, ברענען זאָל זיא, וויל מיך היינט מכבד זיין מיט ראָשטשינען ברויט און איבעררייבען גרייפליך. איך וועל מיך אָבער אויסדרעהן און

קומען. נאָר איך בעט דיך דאָבריש, לאָז עס זיין בסוד. זאָג נישט קיינעם!

— ווארט נאָר חסיא ביילע ווארט! דער רוח וועט דיין בעל-הביתטע נישט נעהמען אז דער ווארמעס וועט שפעטער מיט א שעה ארויסקומען. זיא וויל פרעסען? ניא לאָז זיא עסען ווערעם, קריינק! איך האָב גאָר פארגעסען חסיא ביילע! זיפ נישט איבער אזוי דיא מעהל. דיא מיטשניטשקע איז נים צופרידען פון דיינע קליינען. וויפיל איז דיר געבליבען היינט פונם אנקויפען?

— שייגעץ, שייגעץ! חאפט איהם נאָר דעם שייגעץ! וואָס איז עס פאר א מאָדע חאפען? א פארחאפט זאָל ער ווערען!

— וואָס איז דאָרט חסיא ביילע? וואָס שרייעסט-דוא אזוי?

— א קארמאנשטשיק דאָבריש! ער האָט ביי מיר שיעור נישט ארויסגעשלעפט דאָס טאָרבעלע שפייז פון אונטערן אָרם. א מערכה וואָס איך האָב בעצייטען מיך ארומגעקוקט.

— זעה נאָר זעה חסיא ביילע! וואָס איז דאָרט אזא צולויפעניש? עס מוז שוין ווייטער עדגיץ ברענען, ס'איז שוין היינט דיא צווייטע שרפה. ביז נאכט קען זיין נאָך עטליכע שרפות.

— מען הערט נישט קלינגען, דאָבריש א שרפה וואָלט מען דאָך געקלונגען.

— שאַ, אָט געהט דיא מעקלערין. איך וועל זיא א פרעג טאָן. סימע דוואָסיע! סימע דוואָסיע! וואָס לויפט מען דאָרט עפיס אזוי?

— איך וויים נישט קיין צער! אפשר וויים נחמע ניסע, נחמע ניסע! וואָס איז דאָרט פאר א רעדיל, סערדצע? אייערע קאטשקעס שרייען עפיס, אז מען הערט נישט וואָס מען רעדט. האָדיל איז היינט געלעגען געוואָרען, זיא וועט בייא אייך צונעהמען דיא קאטשקעס. היהנער האָט איהר אויך? זעהר פעטע קאטשקעס, אייער איז היינט נישט געוועזן זיך צו דערקויפען. וואָס איז דאָרט אזא מהומה?

— וויים איך? עפים רויטע יודליך. עפים האָב איך געהערט שרייענדיג רויטע יודליך.

— וואָס, עס זענין אנגעקומען רויטע יודליך! אי-אי-אי! מען מוז דאָך געהן אנקוקען אויף חידושים. האָבען אלע מיט א מאָל א געשרייא געטאָן און זיך געלאָזט לויפען הענדום פענדום צום רעדיל מענשען.

— אורא פיפערנאָטער, לינדענוואָרם! אורא רויטע יודליך! האָבען צווי-

שין דעם רערעל מענשען געשריען א גאנצע האַפּטע ווייסע חברה.

דיא דאָזיגע רויטע יודליך, דאָס זענין געוועזן אונזערע פאַרשווינעז, בנימין מיט סענדערלין, וואָס אין א קורצער צייט נאָך יענער מעשה, וועלכע עס האָט מיט זייא זיך געטראָפען אויף דער קלאַטקע, זענין זייא אָנגעקומען קיין גלופּסק און האָבען דאָרט במשך פון א פּאָר וואָכען שטאַרק קונה שם געוועזן. עס האָבען זיך געפונען א סך עהרליכע אידען וואָס האָבען פון זיי פּשוט אָנגעקוואָלען, ממש אזוי וויא פון דעם שוסטעריל, וואָס ער איז אין יענע צייט דורך זיינע מופתים אין גלופּסק פלוצלים נתגלה געוואָרען. טאַלצע און טריינע, צווייא געוויסע אלטע יודענעס, כשרה נשמות, וואָס פלעגען, וויא איטליכען איז בעקאנט, אלע טאָג פאר נאכט שבתדיג זיך אָנטאָן מיט דער ייפּע אי מיט דעם שטערענטיכעל און ארויסגעהן אונטער דער שטאָדט בעגעגענען משיח'ן, אָט זייא זענין דאָס געוועזן דיא גליקליכע אין איין פארנאכט צו-ווסטרענציען אויף יענער זייט ראגאדקע אונזערע פאַרשווינען ביים אָנקומען זייערען פון טעטערריווקע און אין א גוטע שעה אריינצופיהרען זייא אין גלופּסק. באלד טאקי בייא דעם ערשטען בעגעגענים האָבען שוין דיאביידע ייפּעס זיך דערוואוסט אלסדינג, וועמען גאָט האָט זייא דאָ בעשעהרט. טאַלצע מיט טריינען האָבען פארוואונדערט זיך אָנגעקוקט, איינע די אנדערע זיך געשטאַרכעט. נוא טריינע? — נוא טאַלצע? האָבען זייא זיך געשושקעט. דאָס הארץ אָבער האָט אונז גלייך געזאָגט, אז דאָס זענין עפּים ניט קיין גלאטע מענשען. טאַלצע און טריינע האָבען זיך געשמאַלצען אין אונזערע פאַרשוינען, זייא זיינען עפּים וויא יונגער געוואָרען, עס האָט זיך זייא געפרייעט דאָס הארץ הערענדיג פון דער נסיעה, זייא האָבען געקוקט אויף זייערע בעשעהר־טע און זיך אלץ געשטורכעט מיט א שמייכעלע: נוא טריינע? — נוא טאַלצע?...

טאַלצע האָט זייא אונטערגעארבייט זאָקען, טריינע האָט זייא פארלאַטעט העמ־דער, צוגענעהט בענדליך און זענין געוועזן גליקליך, איבערגליקליך, אקוראט וויא כלה־ווייס, א מאָל אין דיא יונגע יאהרען, הכלל אונזערע פאַרשווינען האָבען אין גלופּסק אויף זיך געפונען מבינים. אזעלכע לייט וויא זייא קען טאקי נאָר אין גלופּסק שאטצען און פארשטעהן זייער טהייערען ווערטה. אהין, אין גלופּסק אריין איהר יודישע קינדער! וואָס וואלגערט איהר זיך נפשות שיינע מענשען און ווערט וויא בטלנים פארפאלען אין דיא קליינע שטעטליך אונטערן אויווען?! אין גלופּסק אריין צו אלדע שווארץ יאהר! דאָרט וועט איהר געפינען אייער גליי־כען, דאָרט ווארטען אויף אייך אייערע טאַלצעס, אייערע טריינעס און טויזענטער עהרליכע יודען. כשרה נשמות, דאָרט קענט איהר וואקסען, דאָרט קענט איהר

אויפגעריכט ווערען, דארט קענט איהר געפעלען, שטארק גילטען א פנים,חאבען און ערשט לעבען!

אין גלופסק א רוח אין אייער טאטען אריין!

אט וויא אזוי אונזער בנימין שילדערט דיא שטאדט גלופסק:

אז איהר קומט אן קיין גלופסק דורך דער טעטעריוווקער גאס זאלט איהר מוחל זיין איבערשפרינגען דארט איין בלאטע, ווייטער א ביסעל דיא צווייטע, נאך ווייטער אביסיל דיא דריטע, סאמע דיא גרעסטע, וואס אהינצו לויפען אריין מחילה רינשטעקליך אי בעלי בתישע פאמייניצעס און ברענגען מיט זיך אן פון כל טוב. איטליכען טאג עפיס איין אנדער מין סחורה, אנדערע סארטען חפצים פון אלערלייא קאלירען און פארשיעדענע מיני ריחות, וויא עס פאסט צום ענין, און דורכדעם איז זעהר גרינג צו טרעפען דעם טאג. גיסען זיך אהין א שטיינער געלע לוזשקעליך פון זאמד, מיט וועלכען מען וואשט דיא פאלען, און טראגען מיט זיך אן לישקעס פון פיש, דרויב פיסליך, קעפליך פון היהנער, אביסיל האר מיט פארברענטע שטיקלעך קאפיטעס, זאלט איהר האבען א סימן היינט איז פרייטאג, נעהמט א בעזעם מיט א ראשקע און לויפט, זייט מוחל, אין מרחץ אריין. טראגען לעבער מיט עקין פון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע מארחביינער, אהא, גוט שבת אייך יודישע קינדער! זאל אייך וואויל בעקומע נאכין קיגעל, זעהט איהר אבער דיא רינשטעקליך קוים קוים וואס זייא ריהרען זיך, עס שלעפען זיך דארט פארברענטע שטיקליך קאשע, פארדארטע שטיקליך טייג, א צעריסענע שמאטע מיט א צופאלען וויכעטש איז א סימן דאס איז היינט זונטאג, דער וואסער פיהרער האט נאך ניט געבראכט קיין וואסער, קוים וואס מען האט אויסגעזויגען אביסעל פון דער פאס אויף אויסצו־וואשען ווי ס'איז חאטש די טשאלענטעס מיט דיא מאקערטעס. און אזוי אין אלע איבעריגע טעג פון דער וואך האט איטליכע לוזשע איהר בעזונדער פנים, איהר בעזונדער געשטאלט מיט איהר בעזונדער ריח. און אז איהר זענט בשלום איבערגעקומען אי דיא דאזיגע בלאטע אויך וועט איהר, רבותים, געהן פארביי א היבשען בערגעל מיסט, דאס איז א איבערגעבליען זכר פון איין אפגעברענט הייזיל, וואס אויבען שטעהט געוויינטליך א בהמה, גלייך וויא א קעלבעקער מגיד, איז גאנץ רוהיג זיך מעלה גרה, מאכט מיט דעם מויל און קוקט תאמאוואטע אויף דעם גאנצען עולם יודען, וואס לויפען אונטען וויא דיא פארסאמטע מיט אלערהאנד שטעקענס, שטעקליך אי פאראסאנען. טהוט דערביי א מאל א סאפע, אדער א קיהישען זיפץ, טאקי נאר גלייך וויא זיא געזיפצעט און געקרעכצט מישטעהענס געזאגט אויף דעם דאזיגען עולם אויך אויף

איהר, שלימַמאזל, וואָס זיא איז נעבאך אריינגעפאלען אין יודישע העפּד.... אי. בעקומענדיג אי דעם בערגיל, וועט איהר געהן גלייך, גלייך, אלץ גלייך. אפשר וועט איהר, לא יעלה ולא יבוא, זיך א זעטץ געבען אין דיא שפּיצעכדיגע שטיינער פונם ברוק, וואָס ליגען צוזייעט, צושפּרייעט משונה ווילד. און חס ושלום פאלען זאָלט איהר מוחל זיין אויפשטעהן, אויב איהר וועט קענען, און אלץ מאקי געהן, געהן, באם איהר האָט נישט אויסגעבראָכען קיין פוס חלילה, ביז איהר וועט קומען אויף עפּעס א פּלאץ. דאָרט אויף דעם פּלאַטץ וועט איהר געפינען דעם תמצית פון גלופּסק. און ווען סאיז נאָר א סברא טעטעריוואָקער גאס אָנצורופען דעם מאָגען פון גלופּסק קען מען נאָכדעם שוין מיט רעכט זאָגען, אז דער דאָזי־גער פּלאטץ איז איהר הארץ, וואָס דאָרט קלאפט זיך תמיד טאָג אי נאכט און וואָס דאָרט איז איהר חיות, דאָס גאנצע לעבען. דאָרט שטעהען קלייטען. קלייטלאָך, שאָפּקעס און דיא בעקאנטע גנבה-שאָפּקעלעך, וואו בעלי מלאכות זעטצען דאָרט אָפּ דעם יתור: שטיקלאך מאטעריע, טאסמעס, ענדליך, סאמעט און שטיקלאך פעלץ. דאָרט רידעוועט זיך שטארק, עס שוויבעלט און גריבעלט, א געדיכטער עולם אָהן עין-הרע: אידען שטופּען זיך און חאפּען נעביך פון איטליכען זייט דיש־לעם פון טעליגעס און פּארקעס. דאָקטוירים זאָגען, באשר אז מען פּאלמעסט א גלופּסקער יודען געפינט מען דאָס רוב ביי איהם אין לייב שטעקט א דישעל. נאָר אויף גלופּסקער דאָקטוירים קען מען זיך גאָר נישט סומך זיין, דיא רופאים שפּיעלען דאָרט א סך א גרעסערע ראָליע. דאָרט הערט מען תמיד א קול: הייסע באבקעס יודעלעך! אהער, הייסע רעטשאניקעס, קנאָבעל, ציבעלעס יודישע קינדער! פון אָפּגעריסענע אינגלעך, וואָס געהען ארום און שרייען מיט עפּעס א משונהם ניגון. דאָרט חאפּט מען א מאָל פּארנאכט א דאוון, מען איז מחדש גאנץ הויך דיא לבנה און מען שרייעט דערביי צו איטליכען, וואָס געהט נאָר פאַרביי: שלום עליכם פעטער! דאָרט שטעהען טרעגערס ארומגעגארטעלט מיט גראָבע שטריק, אטסטאוונע סאָלדאטען מיט אלטע חאַלאַוועס און אויסגעריבענע שענעלען, מאנדעטניקעס מיט אלטע תחתונים, קאפטענס, לייבליך או נאָך אלער־ליי שמאטעס, אין מיטען שטעהט דער פאני סטאראָזש און עסט און עסט גע־שמאק א שטיק אידישען קוילעטש, וואָס ער בעקומט שבת פאר דיא ליכט אָפּ־שנייצען און היט זיך, להבדיל וויא א שמורהניק, בשעת ער גיט א ביס, עס זאָל חלילה קיין ברעקעל ניט אראָפּפאלען. קארמאנשטשיקעס דרעהען זיך דאָרט ארום צו מאכען דיא קונץ, עפּעס א פערשמירט מיידעל מיט צושויבערטע, צופּאטעלטע האָר שפּרינגט פּלוצים פון דער העלער הויט ארויס רעוועט, בעט א נדבה אויף א

צוריפּעטען קול, חאַפּט אָן פאר דער פּאָלע און שרייט, האַרחעלט ווײנענדיג, גלייך ווי איהר וואָלט זיא געקוילעט און צוגענומען ביי איהר געלד. א פּעקיל ווייסע חברה לויפט דאָרט מיט א אורא נאָך עפּיס א משוגענעם, וואָס זינגט טרויעריגע לידלעך, האַלב אידיש האַלב פּויליש, און טראָגט אויפ'ן קאָפּ א צוקנייטשט קאַפּעלושעל דאָרט שטעהט א בחור מיט עפּעס א מין קעסטעלע, יודען קוקען אהינצו אין לאָך און ער רעדט דערביי מיט פּיסקעס זיין געוועהנטליכען פּזמון: דאָס איז לאָנדאָן, דער פּייפּס פּאָהרט דאָ רייטענדיג אין רויטע הויזען און אלע שטעהען פאַר איהם אָהן א היטעל! איצט זעהט איהר, וויא נאַפּאָלעאָן מיט זיינע פראנצויזלעך שלאָגען זיך מיט דעם פּריים און דיא פּרייסען צולויפען זיך וויא דיא טאראַקאַנעס! אָט אצינד קומט פּיר, וויא איינע פּאָהרט אין איינעם מיט דעם תוגר אין איין קאַרעטע, דער גראָספּעציר האַלט דיא בייטש און טרייבט אָן. דיא פּערד האָבען זיך ראַספּאָלאַשעט, אויסגעקעהרט דיא קאַרעטע, דער תוגר נעביך איז געפאַלען, זיך א גוטען זעטץ געטאָהן, און זיא זוכט אין איילעניש וויא זיך אויסצודרעהען! נוא א סוף! גענוג שוין צו קוקען פאַר א האַרטען גראָשען. דאָרט זיצען שורות-ווייס אויסגעזעצט אידענעס מיט מולטערס ,פול אָנגעלייגט מיט בינדלעך קנאָבעל, מיט אוגערקעס, קאַרשען, אגרעסען, ווייםפּערלעך, ארץ ישראל עפּעלעך, כל נדרי באַרלעך און מיט נאָך אנדערע זאכען, אין דער זייט שטעהט אויף הינערשע פּיסלאָך איין אלטע איינגעהויקערטע בודקע, אָהן טיהר און פענסטער, וואָס כפי אלטע גרייז-גרויע אידען דערצעהלען איז א מאָל דאָרט געשטאַנען א בודאָטשניק און דיא גאנצע שטאָט איז דאמאָלס געלאָפען אָנקוקען דיא בודקע, מיט וועלכער גאנץ גלופּסק איז זיך מיחס וויא מיט עפּעס איין אלטען קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּעס א מין דעכעל בעדעקט מיט עטליכע פּאַשימעלטע ברעטליך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראָגאָזשעס, אָנגעשפּארט אויף פּייערקרומע אויסגעבויגענע סלופּעס זיצט דוואָשע דיא סעדעכע, ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט מולטערס. ביי איהר געפינט זיך תמיד איהר גרויסער פּייערטאָפּ, וואָס ווינטער זיצט זיא אויף איהם, וויא א קוואָטשע אויף דיא אייער, דעם גאנצען טאָג כסדר, נאָר וואָס זיא חאַפּט איהם א מאָהל פון אונטער זיך ארויס אונמטערצובלאָזען דיא קוילען און ארויסנעהמען פונם אש געבראָטענע קאַרטאָפלעס.

פון יענע איד'ען, אזוי געהט ארום צווישען עולם א גאנץ אלטע אגדתא, פון יענע אידען, וואָס שלמה המלך האָט געשיקט אויף שיפען קיין אופיר נאָך גאָלד און אנדערע מיני אויסלענדישע סחורות זענען א סך, מחמת כמה טעמים, אי-

בערגעבליעבען דארט. זיי האבען מיט דער צייט געעפענט אין אינדיען זעהר טהייערע קלייטען אי גרויסע קאנטארען, האבען געהייבען ביי דיא דארטיגע דייטשען שטארקע הקפות און אלערליי קאמיסיעס און דאס מזל האט זיי א לאנגע צייט שטארק געדינט. דערנאך אבער האט זיך איבערגעדרעהט דאס רעדעל און אונזערע סוחרים האבען זיך געשטעלט און געמוזט עוקר זיין. א טהייל פון זיי זיינען פערפאלען געווארען אין דעם מדבר, א טהייל זיינען בשלום אריבער דיא גרענעץ, האבען זיך געזעצט אין אקרענטען און געזעגעלט אויף דער פיאטיגאָרסקער, וואס איז אין יענער צייט אריינגעפאלען גלייך אין ים אריין, אזוי האבען זיי געזעגעלט געזעגעלט ביז פלוצים איז אויפגעשטאנען א שרעקליכער שטורמווינד, דיא חוואליעס האבען זיך אויפגעהויבען ביז דעם הימעל, האבען צושלאגען דיא אקרענטען און ארויפגעווארפען דיא מענשען אויפן ברעג. דארט האבען זיי אויסגעבויט א שטאדט און זיא א נאמען געגעבען גלופסק. דיא חוקרי קדמיניות וואס קענען מיט זייער גרויסער חכמה מאכען פון גאר נישט א מושקאטקויל, האבען פון דער דאזיגער אגדתא געמאכט א גאנצען פירוש און אויסגעדרונגען מיט טויזענטער שארפע שפיטצליך, וויא זייער שטייגער איז, אז דרינען ליגט א שטיק אמת. דיא ראיות, וואס זיי ברענגען דארויף זענין: ערשטענס, דער פאסאן פון דיא הייזער, וואס איז עפעס משונה ווילד נאר אויף דעם אלטען שניט, וויא מיט טויזענטער יאהרען צוריק, אז מענשען זיינען נאך געזעסען אין געצעלטען און זיך געוואלגערט אין לעכער. פיעל הייזער זיינען דא אין גלופסק וואס זעהנען באמת אויס נאר וויא לעכער און א סך האבען א פנים וויא דיא געצעלטען פון'ם טאטער. פון זייער אנבליק פון זייער שטעהן זעהט אויס וויא זיי זיינען איינער מיט דעם אנדערן עפעס נישט שוה בשוה. דוא שטעהסט אריינגערוקט וויל איך מיר שטעהען, דיר אויף צו להכעיס, ארויסגערוקט, דוא שטעהסט פאפערעק און איך וויל מיר שטעהן, קאפויר, דוא ווילסט אין דרויסען א טרעפעל און איך דווקא א לייטערעל, ווער עס בעדארף וועט נישט קראנק זיין קלעטערן, און אז דוא האסט שוין יא עפעס משונה הויף פארריסען דיין פארלאטעט דעכיל נו האלט איך מיר מיין דעכעל דווקא אראפגערוקט. געשמאיע דיר פארפול! ווען עס געפעהלט נישט, לאז זיך צו מאכען דיא אויגען..... קורץ דאס אלסדינג איז מרמז אויף אלטע גאנץ אלטע צייטען. צווייטענס די מנהגים פון די איינוואהנער, צווישען זיי זעהט מען נאך עד היום אזעלכע מנהגים, וואס קומען ארויס פון דיא היידען, צווישען וועלכע זיי האבען אין פריהערדיגע צייטען זיך אויפגעהאלטען. דער כתב און חכמת החשבון איז דארט נישט שכיח אזוי אז אלע עניני הקהלה און אלע חברות

דאָרט ווערען געפיהרט אָהן ביכער און דיא פיהרער גיבען קיינעם נשט אפּ קיין חשבון. דריטענס, דיא כיתות, די מענשען טיילען זיך דאָ אויך אין פארשיי־דענע כיתות וויא א מאָהל ביי דיא אינדיאנער; וויא א שטייגער דיא כתה חאפּלא־פּער, סאמע דער צימעס,, וואָס געוועלטיגען ביד רמה; דיא כתה בלאטהאלטער, זאשטשיטניקעס, וואָס האלטען שטאָל און אייזען, קריגען און שלאָגען זיך פאר די חאפּלאפּער מיט דעם שונא און נעהמען דערפאר ביי זיי געוויסע זשאלאָוואניעס און אומזיסט פלייש; דיא כתה וחלקלאקער, ארויפפיהרער אויף א גליטש און וואָס אליין דרעהען זיי זיך אוים גלאט וויא אויף א טעלער. דיא דאָזיגע לייט צופאלען אויף קוממיותזאָגער, וועלטליכע מענשען וואָס האָבען צוזאָגען אין עניני המסחר, און אויף צבועקאנער, כלי קודש, וואָס האָבען צו זאָגען אין עניני האמונה; דיא כתה גלופּאָ־טרוסאָ-בעזיאזיקאָ קאבצאנער, דער פּראָסטער אָרעמער עולם, וואָס איז שטארק ניכנע דיא אלע איבעריגע כיתות און בעקומט פאר זיי דאָס גייניעהרי־גע קדחת. היינט פערטענס דיא מטבע, וואָס מען האָט א מאָהל בשעת גראָבענדיג דיא גרעבליע, דאָרט געפונען. פון איין זייט איז זיא געווען שטארק אָפּגעריבען קוים קוים וואָס מען האָט ארויסגעזעהען עפּעס וויא א שטיקעל פארטוך צוגעטשע־פּעט צו א שטעקען, אונטען עפּעס פּאָחאָזשע אויף א מולטעריל פון וואנען עס האָ־בען ארויסגעשטעקט שטיקליך קעפּ. פון דער אנדערער זייט איז דיא מטבע גע־ווען כמעט גלאט, נאָר אז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט האָט מען דערקענט אלט־מאָדישע כתיבהטע אותיות יאשלג וענפּ. דיא געלעהרטע האָבען אויף דער דאָ־זיגער אויפשריפט זיך געבראָכען דיא קעפּ און אריינגעלייגט דרינען פּשטים, איטליכער אויף זיין גאנג א טהייל האָבען געהאלטען אין דער סברא, אז דיא י׳ און דיא ג׳ ביין אָנהויב און סוף וואָרט י א ש ל ג זיינען גאָר נישט קיין אותיות נאָר שטיקלאך פון טשאטשקעלעך, וואָס זיינען פון דער צייט אָפּגעריבען געוואָרען, בכן מאכט עס א ש ל א בוים ו ענ פּ און א צווייג און דאָס איז דער שטעקען מיט דעם פארטוך. ווידער א טהייל האָבע וְעס דערקלעהרט גאָר אנ־דערש און דיא געלערענטע האָבען דערמיט מרעיש עולם געווען, ביז־דערנאָך איז געקומען איינער מיט אָפּענע אויגען, און האָט דערינען דערזעהן נאָר ראשי תיבות וואָס זיי מאכען יהודי אופיר (אָדער אינדיאָה) שבאו לכאן (אָדער לק״ק) גלופּסק ונתישבו על נהר פּיאטיגנילעווקע. דער שטעקען מיט דעם פארטוך און מולטעריל מיט דיא קעפּ, דאָס בעטייט איין אָקרענט מיטן זעגעל און מיט פּארשוינען, דער דאָזיגער געלעהרטער האָט איבער דעם געמאכט זעהר א דיקען ספר און ווענדעט זיך דאָרט צום עולם מיט א בקשה, אז מען זאָל רייניגען דעם טייך וועט מען

דאָרט זיכער געפינען א סך אלטע זאכען. וואָס וואָלטען געעפענט דיא אויגען אין דער חקירה מכח גלופסקער אידען נאָר דיא דאָרטיגע איינוואָהנער שייען זיך אָבער אויסצורייניגען דיא בלאָטע און זאָגען, דאָס וואָס מען האָט פון אלטע צייטען אָנגעמאכט דאָס מוז בלייבען, קיין מענשענס אויג טאָהר אין דעם פאַר־באָרגעניש נישט אריינקומען.....

אין דער שטאָדט אליין געפינען זיך אקעגען א דרייסיג פערציג לוזשעס, שוין מיט לעוואָדים אין איינעם. זיי פעראייניגען זיך דורך היילען מיט דיא אָפּ־גרונטען פון דער פיאטיגנילעווקע און אין געוויסע צייטען, בפרט נאָך פאר א פאַר־פסח, צושפּיעלען זיי זיך שרעקליך שטארק און פארפלייצען דיא גאסען מיט אזא טיפער, שיטערער בלאָטע, אז ביי דיא הויך געוואקסענע מענשען אפילו ווערד געהענדיג פארשלומפערט דאָס היטעל. גלופסק ווערד אין דיא פינסטערע נעכט בעלייכט פון א קליינער לאמפּטערנע, זיא ווערד אויך בעוואכט פון א פּאָר בו־דאָטשניקעס. פון דעסטוועגען פאלט מען דאָרטען פאָרט ביי דער נאכט און מען ברעכט האלז אי לייב, און גנבות טרעפען זיך דאָרט אויך זעהר אָפט, חאָטש ס'איז דאָ אזא שמירה. דערפון איז טאקי געדרונגען, אז מען קען זיך כלל נישט איינהיטען, מען קען זיך נישט בעוואָהרענען, וואָס ס'איז בעשעהרט דאָס איז בע־וועהרט, עס העלפען גאָר נישט דעם מענשען'ס חכמות מיט זיינע אלע תחבולות. דורם, זאָגט בנימין, בעדארפען מיר צומאכען דיא אויגען און געהן תמיד אויף גאָטס בעראטה מיט דעם בטחון, מסתמא וועט ער זיינע מלאפים געביטען אונז צוהיטען און אויף דיא הענד אונז צוטראָגען. עס פאלט נישט דער שפּאָן ביז ס'איז עפּעס דראָן. בעדארף עון מעהר, זאָגט ער. וויא איך האָב בעוואָהרענט מיין טלית און תפילין־זאק, איך האָב איהם אנידערגעלייגט אין בית המדרש אויף דער פּאָלעצע, וואָס קען שוין דאכט זיך זיין מעהר א זיכערער אָרט וויא דאָ? פון דעסט־וועגען אז גאָט האָט נישט געוואָלט אָפּהיטען האָט מען איהם אין איינעם מיט דיא איבעריגע אונזערע זאכען פון דאנען אויך אוועקגעגנב'עט!

---

## · חידושים ונפלאות אויף דער פיאטיגנילעווקע.

אויף דעם טייך פיאטיגנילעווקע אז אונזערע פארשוינען האָבען דאָס ער־שטע מאָהל א קוק געגעבען זיינען זיי נבהל ומשתמם געוואָרען. זיי האָבען אזא מין טייך נאָך קיין מאָל אין דיא אויגען נישט געזעהן. סענדעריל האָט געזאָגט, דאָס מוז אוודאי זיין דער גרעסטער טייך אין דער וועלט. וואָרום אנדערש האָט איהם גאָר אין קאָפּ זיך נישט געלייגט, א קאטאָוועס אזא טייך וואָס איז אפשר א הונדערט מאָל גרעסער פון טונעיאדעווקער, נאָר סענדעריל איז געווען א

פּראָסט מענשיל, מעהר פון טונעיאַדעווקע האָט ער נישט געוואוסט, אין דיא קליינע אותיותלעך אריינקוקען האָט ער נישט געקענט, דעריבער איז אלסדינג, וואָר נאָר עפּעס נישט אזוי וויא אין טונעיאַדעווקע, ביי איהם געווען א חידוש נפלא אין פלעגט מיינען אז דערמיט עקט זיך שוין גאָר דיא וועלט. בנימין אָבער וואָס פיעל געלערענטער פון איהם, וואָס האָט אין זיינע מיני חקירה ספרים שוין געהאפּט, וויא מען זאָגט, א לעק פון דיא שבע חכמות, וואָס האָט געוואוסט אביסעל דיא בעשרייבונג פון דעם גן־עדן התחתון, פון דיא משונה ווילדע בעשע־פענים אין הינדיא וכדומה נאָך אזעלכע מיני זאכען הגם ער פלעגט ביים ער־שטען מאָל אָנקוקענדיג עפּעס א נייעס זיך אויך שטארק חידוש'ן אין הארץ נאָר ער פלעגט דערביי מאכען אזא מינע מיט א שמייכעלע, גלייך וויא איינער זאָגט: עט, נארישקייטען, דאָס איז נאָך גאָר נישט אקעגען יענעם וואָס איז נאָך דאָ.... ער האָט סענדערלין בעוויעזען, אז דיא פּיאַטינגנילעווקע איז פּשוט בלאָטע, איך בעט אייך איבער, טינוף אקעגען דעם ירדן, וואָס איז פיל מאָל גרעסער פון איהר, זיא וואָלט דעם שור הבר נישט געקלעקט אפילו אויף איין צאָהן. און פונם נאָמען ירדן טאקי איז אויך אזוי דיא משמעות, ווארים, ירדן איז דאָך דער טייטש: א גוזמא, א סך, א ירדן!

— ווייסט דוא סענדעריל, וואָס מיר איז איינגעפאלען? האָט בנימין גע־זאָגט נאָכדעם אז ער איז געשטאנען איינמאָהל שטארק פערטראכט לעבען דער פּיאַטיננילעווקע. מיר איז איינגעפאלען צולאָזען זיך פון דאנען מיט דעם וואסער.

— גאָט איז מיט דיר! האָט סענדעריל זיך א חאפּ געטאָהן פאר גרויס שרעק. דערמאָן זיך נאָר בנימין, אז אונזער טייך נעאָהמט אלע יאָהר צו א מענשען היינט מי וידע וויא פיעל מענשען מוז דער דאָזיגער טייך א יאָהר צונעהמען. האָב רחמנות אויף אונזער לעבען, אויף דיין וויב און קינדער בנימין!

— בטחון, בטחון, סענדעריל! בטחון איז א יודישעזאך, מיט בטחון איז יעקב אבינו מיט זיין שטעקיל דעם ירדן איבערגעגאנגען. מיט בטחון, זעהסט־דוא, עפּענען דאָ אידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבען. אלסדינג וואָס דוא זעהסט דאָ איז אלץ לויטער בטחון. אפילו טרעפּ און סטעליעס ווי אויך פיל גרויסע הייזער האלטען זיך דאָ נאָר אויף בטחון....

— נאָר פאר וואָס ווילסטו דווקא מיט דעם וואסער, האָט סענדעריל גע־פרעגט, אז מיר קענען דאָס אייגענע אויך מיט דער יבשה.

— איך האָב דערויף א סך טעמים, האָט בנימין געענטפערט. איין מאָל וועט, וויא מיר דאכט זיך, דיא נסיעה מיט דעם וואסער זיין אי נעהענטער אי גיי־

כער. מיר בעדארפען זעהן אנקומען אהין וויא צום גיכסטען. וואס פריהער איז אלץ בעסער. פאר וואס? דאס ווייס איך שוין, דאס איז שוין מיין זאך, איך קוועטשט, סענדעריל, מיך קוועטשט זעהר שטארק. עס פיקט מיר אט דא, דא אין קאפ איך וואלט שוין וועלען דארט זיין מיט לייב און לעבען. ווען עס זאל מעגליך זיין וואלט איך וויא א פייגעל אין דער לופט אהינצו געפלויגען..... צווייטענס אז בנימין פון טודעלא האט בימיו זיך געלאזט אויף זיין נסיעה, איז ער תחילת אויך געפאהרען מיט דעם טייך עברא, אזוי שטעהט בפירוש געשריבען אין זיין ספר. מסתמא אז ער איז פארצייטען געפאהרען מיט דעם טייך און ניט מיט דער יבשה, בעדארף דאך טאקי זיין דווקא אזוי און נישט אנדערש, מסתמא האט ער געוואוסט וואס ער טהוט און איז אזוי פיל קלוג געווען וויא מיר אלע חלעבען. רב בנימין איז א קדמון, א פריהערדיגער פאר אונז, מוזען מיר איהם הערען גאר אהן קשיות.....

— אויב אזוי האט סענדעריל געמאכט, איז שוין טאקי רעכט. ביי מיין יודישקייט, בנימין! נישט נאר אויפ'ן טייך אפילו ווען רב בנימין וואלט פארציי־טען געפאהרען רייטענדיג אויף א קאטשערע וואלטען מיר דא נישט בעדארפט לאנג טראכטען, זיך גענומען אויפגעזעצט און אויך געפאהרען אויף א קאטשערע.

— און דריטענס, איז בנימין אריינגעפאלען סענדעריל'ן אין דיא רייד, שאדט טאקי כלל נישט מיר זאלען זיך געוועהנען צופאהרען מיט דעם וואסער איידער נאך עס וועט אונז שפעטער אויסקומען צו פאהרען אויפ'ן ים אוקיאנוס.

איך וואלט נאך אפילו געזאגט, אז איידער מיר וועלען זיך אפפארטיגען דא אין גלופסק וואלט אסור גאר נישט קרום געווען צופריוען גלאט אזוי דורכפאהרען זיך א ביסעל אויפ'ן טייך. דארטען, זעהסט־דוא, שטעהט איינער מיט א לאטקע, אט חלעבען לאמיר צוגעהן און איהם עפעס געבען וועט ער מיט אונז א ביסעל פאהרען.

אין עטליכע מינוטען ארום זיינען אונזערע וואנדערער בעהארצט אריין אין א לאטקע און האבען זיך געשיפט איבער דיא פיאטיגנילעווקע, תחלת האבען זיי אפילו זיך געשראקען, סענדערלין האט זיך פארדרעהט דער קאפ און ער האט געצאפעלט מיט הענד און פיס, אט אט. האט ער געמיינט, קעהרט זיך דיא לאטקע אום און ער פאלט אריין אין דיא טיעפע אפגרונטען פון'ם טייך. ס'איז איין עק פון זיין לעבען און זיין ווייב בלייבט אן אייביגע עגונה, נאר דערנאך איז איהם געווארען א ביסעל בעסער.

— נישקשה סענדעריל, האט בנימין איהם געטרייסט, אז זיי זיינען ארוים

אויפ'ן ברעג. זאָל דיך נישט ארען וואָס דער קאָפּ דרעהט זיך און עס ווערד עפּעס נישט גוט. דאָס איז דיא ים קראנקהייט, וואָס איטליכער מוז זיא ליידען אז ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אויפ'ן ים, דעם צווייטען מאָל, וועסט דוא זעהן, וועט זיין בעסער און דוא וועסט שוין גאָר ניט פיהלען.

פון יענער צייט אָן פלעגען אונזערע פארשוינען זעהר אָפט פאָהרען אויפ'ן טייך און דערפון גרויס תענוג האָבען, זיי זיינען ביי זיך געוואָרען אזוי שטארק, אז איבערשיפען זיך דעם ים האָט זיך זיי געדאכט א שפיעל. בנימין פלעגט דורך סענדערלין זיך ארייגלאָזען אין א שמיעס מיט דעם לאָטאָטשניק און איהם פאר־ווארפען מיט שאלות, וויא א שטייגער: פרעג נאָר סענדעריל דעם קאפּיטאַן וויא פיעל מייל האָבען מיר פון דאנען ביז דעם ים? פרעג איהם. אויב ס'איז דאָ עפּעס וויספּעס? וואָס פאר א מיני לייט וואוינען דאָרט? צי וואוינען צווישען זיי אי־דען? ווען צאָהלען זיי מס און צו וויסען זיי פון א גלות? אָדער א שטייגער אזוי: פרעג סענדעריל אויף א ציקאוועשטש דעם ערל וועגען דיא בערג ניסבון און דעם כופר אל טורך? צו ווייסט ער עפּעס מכח די עשרת השבטים? א קשיא אויף א מעשה אפשר האָט ער עפּעס געהערט. וכדומה נאָך און נאָך אזעלכע שאלות פלעגט אלץ בנימין הייסען פרעגען. נאָר דאָס ביסעל גויעש, וואָס סענדעריל האָט זיך אויסגעלערנט ריידען געהענדיג מיט זיין ווייב תמיד אויפ'ן מארק, איז קארג געווען פאר אזעלכע הויכע ענינים. דינגען זיך פאר אייער, ציבעלעס קארטאָפּעל, דאָס האָט ער נאָך וויא עס איז געקענט, אָבער אויסטענה'ן זיך מיט א קאפּיטאַן איבער געלעהרענטע זאכען, דאָס האָט ער לחלוטין ניט געקענט. ס'איז געווען צער בעלי חיים וויא סענדעריל נעביך פלעגט זיך מוטשען אין אזא שמיעס, ער פלעגט ריידען מיט הענד און מיט פיס, ארבייטען אויף אלע כלים און אָפּגעהען מיט שוויס, אז איין גאָט האָט געמאָגט אויף איהם רחמנות האָבען. זיין קאפּיטאַן פלעגט שפּייען, טענה'ן אָנקוקען איהם בייז פון איין זייט, און בנימין פלעגט איהם דורען א קריזש, שטורכען און קוקען איהם אין מויל אריין פו דער אנדע־רער זייט.

— ווין טשערוואָני זשידקי ווין פיטאיע. פלעגט סענדעריל ארויסגעהן מיט אזא שפּראכע א שטייגער.

— איז טשערוואָני זשידקאָוו יא זנא לייבקו. שמולקו, באָגאטיע זשידקי. אזא תשובה פלעגט סענדעריל בעקומען פון זיין קאפּיטאַן.

— ני לייבקע, ני ני! ווין טשערוואָני זשידקי פיטאיע, טאמאָטשקא וויא זאָגט מען עפּעס, גיא טאמאָטשקא לעבין בערגעלע ניסבון.

— ניסבאַנא, זשידקאַ ניסבאַנא ?

— זאָג איהם סענדעריל פּלעגט בנימין שרייען, זאָגען זאָלסטו איהם א בארג! מאָהל איהם אוים וויא דוא קענסט.

סענדעריל פּלעגט צונויפשטעלען הויך דיא הענד, אויסצומאָהלען דער־מיט א בערגעלע און שרייען דערבייא: העט, העט וויסאָקאַ! — טפוא! פּלעגט דער ערל אויסשפּייען, אויסבאַטלען אויף סענדערלין חלומות און איהם אָפּשיקען צו אלדע שווארצע יאָהר.

פון זיינע נסיעות אויף דער פּיאטיגנילעווקע דערצעהלט בנימין חידושים וואונדערדליכע זאכען, וואָס האָט אין דער וועלט א רעש אָנגעמאכט. מיר וועלען דער פון דאָ נאָר א מקצת ארויסשטעלען.

שיפענדיג זיך איינמאָל אויף דער פּיאטיגנילעווקע האָט בנימין דאָרט דער־זעהן אין דערמיט טייך א גאנץ גרויסען אָרט, וואָס איז געווען גרין בעוואקסען און מיט זיין גרינקייט דיא אויגען פארנומען. ער האָט געמיינט דאָס איז א וויספּע בעוואקסען מיט גראָז אי מיט שמעקעדיגע קרייטעכצער, אז ער האָט ארויסגע־שטעלט א פוס און שוין געוואָלט א שפּרונג געבען אויף דער וויספּע האָט דער קאפּיטאַן פון דער לאָדקע איהם פּלוצים א חאפּ געטאָהן פון הינטען מיט א געשריי און א שליידער געגעבען איהם צוריק אין דעם שיפעלע מיט דעם גאנצען כח אזוי אז ער איז א היבשע צייט געבליבען ליגען שטארק פארדולט, ער האָט מעהר ניט געהערט וויא ארום דעם שיפעלע קאָכט, רעשט זיך, גלייך וויא עס רייגעלט זיך מיט עפּיס, און עס געהט מיט גרוים מיה זיין וועג. און אז ער איז שפּעטער צו זיך געקומען האָט אים דער ערל געזאָגט, ער איז געווען אין א גרויסער סכנה דער־טרונקען צו ווערען אין דעם גרינקייט, וואָרים דאָס גרינקייט איז נישט קיין וויספּע וויא ער האָט געמיינט, נאָר דאָס איז גאָר דער צווים, וואָס דיא פּיאטיג־נילעווקע, צוויטעט אלע יאהר. איך אָבער, אזוי שרייבט בנימין, האָב מיך נישט געקענט לאָזען איינריידען, אז דאָס זאָל זיין צווים, אמת טאקי א ריח עפּיס האָט עס געהאט, נאָר זינט איך לעב האָב איך נישט געהערט או אויך אין מיינע ספרים נישט בעגעגענט, אז וואסער זאָל צוויטען, ווען עס זאָל צוויטען וואָלט דאָך דארויף בעדארפט וואקסען דער נאָך עפּיס א מין פּרי. איך האלט נאָך אין דער סברא אז דאָס איז דער משונה גרויסער ים-פיש כ ל י ינ״ אָ, פון וועלכען ס'איז דאָ זעהר א שיינער שמועס אין דעם ספר צל עולם מיט דיא דאָזיגע ווערטער: „דער שרעק־ליך גרויסער פּיש בעדעקט זיך מיט גראָז און מיט ערד ביז ער זעהט אוים וויא א גרויסע וויספּע און א מאָל מיינען דיא וואָס זעגלען אין ים, אז דאָס איז א שיי־

נער בארג, זייא שטעלען זיך דארויף, טהוען וואס זייא בעדארפען. קאכען מאכלים און אז דעם פיש ווערט ווארעם, פונם פייער טונקט ער זיך אונטער אין די אפּ־גרונגרונטען און אלע וואס האבען אויף איהם געלאגערט ווערען דערטרונקען“. דער מיט טאקי איז א שטארקע אייזערנע ראיה צו יענע ווילדע חקרנים, וואס האלטען, אז דיא גלופסקער איינוואוינער וואקסען פון הינדיא״ה, זעגלענדיג פון דארט איבער דער פיאטיגנילעווקא אין דיא אלטע יאהרען האבען זייא מיט זיך פארשלעפט דעם כ ל י נ נ״א, וואס האלט זיך אויף באמת אין אינדיא״ה און וואס זיין טבע איז נאכצולויפען נאך דיא שיפען.

אז בנימין האט איינמאהל ארייגעקוקט אין טייך האט ער דארט דערזעהן טיף אין וועסער עפים מיני בעשעפעניש, אקוראט גלייך צו דיא געשטאלטען פון ווייבער. נאך גאנץ לאנג, זאגט בנימין, האב איך געלייענט אין ספרים אז אין וואסער זענען דא ים-מענשען, פון אלטע אמתע מענשען, וואס מען מעג זייא גלוי בען אויפן ווארט, האב איך אייך געהערט דערצעהלענדיג, אז זייא האבען אליין געזעהן אזעלכע ים־מענשען בייא קאמעדיאנטען, וואס פלעגען געוויינטליך נאך דער קאמעדיע זייא ווייזען יעדערען פאר עטליכע גראשען, נאר היינט האב איך עס דערלעבט צו זעהען מיט מיינע אייגענע אויגען. איך האב מיט גרוים וואונ־דער גוויזען דערויף דעם ערל און ער האט מיר גוויעזען אויף עפעס פראטשקעס, וואס זענען געשטאנען ביים צברעג טייך און געוואשען גרעט .איך וויז איהם אונ־טען אין וואסער, און ער ווייזט מיר אויבען אויפן ברעג. און וייל מיר האבען איינער דעם ענדערענס לשון ניט פערשטאנען, האט ער ניט געוואוסט וואס איך וייז איהם און איך האב ניט געוואוסט וואס ער ווייזט מיר, און איך האב פון איהם מכוח דעם נארנישט געקענט דערגעהן.

נישט ווייט פונם ברעג לעבין דער שטאדט האט בנימין געזעהן אזא ארט אין טייך, וואו דאס וואסער איז משונה גדיכט, ערמערוויים איז עם פארגלי־ווערט עפים גאר וויא דרילעס און ערטערוויים איז דאס וואסער נאך געדיכטער. פון דעם דאזיגען וואסער פיהרען דיא וואסער פיהרער צו די בעלי הבתים אין דיא הייזער. דאס ווערען דיא געדיכטע דרידלעס צופירט מיט פראסט וואסער אין דער פאס און מען קאכט דער מיט אלע מאלכים. איך אליין, זאגט בנימין, האב דאס געקעכטס פון אזא וואסער גענעסען, איך זאל אזוי עסען פון דער סעודה של לויתן, עס האט געהאט דעם זיעבעטען טעם. א ראסעל פלייש דער פון איז א מאכל מלכים, איך האב אנגעלייגט מיט דעם וואסער פולע קעשענעס און געהייסען סענ־

דערלין מאכען דערפון א פעקיל מחמת אויף אונזער ווייטער נסיעה אין ימים און אין מדבריות קען עס זעהר גוט צוניטץ קומען.

לוסטיג און פרעהליך זענין איינמאל נאך מיטאג אונזערע פארשוינען גע־גאנגען נישט ווייט פון דער שטאדט. האבען געלאכט, געשפאסט, געקוקט איינער דעם אנדערען אין דיא אויגען אריין און עפיס זעהר שטארק הנאה געהאט. עס האט אויסגעזעהן נאר וויא א פארליבט פאר פאלק באלד נאך דער חתונה, וואס שפאצירט זיך פריי אויף דע סגרינעם גראז און קוויקט זיך מיט איטליכס ווארט מיט איטליכען קוק. נאר וואס זשע איז מיט אונזערע פארשוינען עפיס אזוי דיא שמחה געוועןן? פארט וואס האט זיי עפעס אזוינס משונה הנאה געטאן אזש זייא האבען געשפרונגען אונטערגעזונגען און געמאכט אנשטעלען וויא דיא ריינע משוגענע? אט וואס רבותים, בלי נדר מארגען איז בייא זייא ביידע געבליבען צו פארלאזען גלופסק און אין א גוטער שעה צו זעגלען העט אהין... און וויא זייא געהן זיך דא אזוי לעבעדיג פרעהליך קומט זיי אונטער פלוצלים א פוהריל, אויפ'ן וואגען זיטצען צווייא יודליך, איינער טרייבט אן און דער אנדערער זיטצט אנגע־בויגען אויף דער זייט, דאס היטעל איז אהים פארריקט און האלט אין מויל א שטרייעלע. זעהר גוטע סמנים, אז דאס יודיש קעפיל טראכט דענסמאל עפיס איין אויבער־הסברהלע און דרעהט זיך משונה שטארק. דיא צווייא יודען האבען אנגע־קוקט אונזערע לוסטיגע פארשוינען, זייא בעטראכט פון קאפ ביז דיא פיס און זיך אריינגעלאזט דערנאך מיט זייא אין א שמיעס. דיא ערשטע שאלה איז וויא דער שטייגער איז געוועןן: פון וואנען זיינען עס יודען? דערנאך מה שמיכם? און דערנאך דאס איבעריגע צעטיל שאלות, וואס יודען פרעגען געוויינטליך איינער דעם אנדערען ביים ערשטען בעגעגעניש. מעהר האבען אונזערע פארשוינען נישט בעדארפט. זייא האבען געעפענט א מויל און זיך גענומען דערצעהלען אלסדינג וויא מען זאגט וואס אויף דער לונג דאס אויף דער צונג. דיא יודען האבען זיך אנגעקוקט מיט א שמייכעלע, זיך געשושקעט אביסיל און דער יוד מיטן פארריקט היטעל אי מיט דעם שטרייעלע אין מויל האט דערבייא געמאכט: עט, נישקשה עס וועט אפלויפען, נאר אין ערגסטען פאל איז נאך עטליכע ממתקים...

— ווייסט איהר וואס? האבען דיא יודען צום סוף זיך אנגערופען אונזער שטאדט מעג חלעבין אויך דיא זכיה האבען צוזעהען בייא זיך אזעלכע צווייא פיינע מענשען, מיר בעטען אייך זעהר שיין, אט חלעבין טהוט אונז אן דעם כבוד און זעצט זיך זייט מוחל, באלד טאקי מיט אונז אויף נישט לאנג געטענהט. מיר

זענין אייך ערב אז מען וועט אייך בייא אונז זעהר שיין צונעהמען מיט עסין מי טרינקען און מיט וואָס נאָר מעגליך.

— מיר וואָלטען עס אייך בנאמנות צוליב געטאָן, האָט בנימין געענטפערט, נאָר בייא אונז איז געבליבען מאָרגען בלי נדר פון ראנען זיך צולאָזען מיט דעם וואסער.

— האָט נישט קיין פאראיבעל, האָבען דיא יודען געזאָגט, איהר רעדט חלע־בין נארעשקייטען, אויך מיר א וואסער דיא פיאטיגנילעווקע! זיא איז מחילה א פישגריבעל, א טינוף, א פארשטונקענע בלאָטע, א פארצוויטעטע פארשימעלטע לוזשע. בייא אונז האָט איהר דעם דניעפער, וואָס פאלט גלייך אין ים אריין. פון אונז וועט איהר טאקי אם ירצה השם גיך און געשווינד קומען אהין אין אייער רוהע אריין. עקשנט זיך נישט חלעבין, היידא ארויף אויפן וואָגען.

וואָס זאָגסט־דוא סענדעריל? האָט בנימין זיך אָנגערופען, לאָמיר אפשר טאקי דיא יודען צוליב טאָן און פאָהרען.

וואָס פאר א דאגה איך האָב, האָט סענדעריל געענטפערט, אז דוא ווילסט פאָהרען זאָל זיין פאָהרען.

עס האָט נישט געדויערט לאנג זענין אונזערע פארשוינען שוין געזעסען אין וואָגען שטארק צופרידען אויף דעם כבוד, וואָס מען פארבעט זייא צוגאסט און האָבען זיך פירגעשטעלט גדולות. א וועג האָבען זייא געהאט זעהר א פרעהליכען. דיא יודען האָבען אויף זייא געהאט איין אויג און פשוט געהיט זייער טריט, האָבען זייא צוגעפילעוועט מיט עסען און טרינקען אזוי וויא א קינפעטערין. אונזערע פארשוינען האָט זיך אזוינס אין זייער לעבען ניט געחלומט. אויף דעם צווייטען טאָג פארנאכט זענין זייא אָנגעקומען בשלום קיין דנעפּראָוויץ. דיא יודען זענין מיט זייא פארפאָהרען אויף א סטאנציע און געמאכט פאר זייא א גוטע וועטשערע.

— היינט זענט איהר פון א וועג מיד, שעלפעדיג, האָבען דיא יודען געזאָגט, בכן איז גלייכער איהר זאָלט זיך לייגען פאר ט״יה אויסרוהען. מאָרגען אם ירצה השם, אז איהר וועט אויפשטעהן געזונט, פריש און שטארק, וועלען מיר אייך פיהרען צו עטליכע גרויסע לייט, פארוואָרפען פאר אייך א גוט וואָרט, און אז זיי וועלען אייך אויפנעהמען זענט איהר שוין פארזאָרגט מיט אלע אייערע הצטרכות און וועט קענען גיך און באלד מאכען אייער ווייטע נסיעה. א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט, א גוט יאהר! האָבען אונזערע פארשוינען געענטפערט, באלד טאקי האָבען זייא אָפּגעלייענט קריאת־שמע, זיך געגלעט אביסיל דעם ביי־

כעל. גענענעצט, געקראצט זיך וויא דער שטייגער איז און זיך געלייגט מיט א פרעהליך געמיטה שלאפען.

---

## וויא מען פיהרט אונזערע פארשוינען אין באד.

— גוואלד וידוי, חאטש אפזאגען ווידוי! האט סענדעריל פונם שלאף בישט מיט זיין קול געשריגען און אויפגעוועקט מיט זיין געשרייא בנימינין.

בנימין איז נישט טויט נאר געווען פון זיין געלעגער, האט אין דער גיך אפגעגאסען נעגעלוואסער און איז צוגעלויפען צו סענדערלין זעהען וואס טהוט זיך מיט איהם אזוינס. אין דרויסען האט אנגעהויבען צו שיינען אויף טאג און אומעטום איז געווען שטיל, מען האט נאר געהערט א חראפען פון שלאפענדיגע מענשען אין דעם גאנצען שטוב. איטליכער האט געחראפעט אויף זיין שטייגער: דער אויף א קול פון א באנדורע, יענער אויף טרומייט, איינער האט עס געמאכט שטיל בקצור, דער אנדערער האט עס געצויגען העכער העכער אויף דרייא גארען, דערנאך אויסגעלאזט מיט א דרעה, מיט א בייזער, וויא איי־נער פרעגט א שטארקע קשיא, און צוגעפויקט מיט דיא באקען. אין איינעם איז עס געווען א נאזענקאנצערט. אין וועלכען דיא נעזער האבען געטרייא געארבייט אויף אלע כלים און צוגעשפילט לכבוד דיא בעריהמטע דנעפראווצער וואנצען בשעת זייא האבען געשמאק גענעסען דיא שלאפענדיגע און געטרונקען זייער בלוט — יודיש בלוט! דנעפראוויץ האט א לאנגע צייט געפאסעט איהרע וואנ־צען, איהרע מענשען פרעסער דארט אין דער שרעקליכער פאדוויערקע, און דער וויסטער אפגעזונדערטער יודישער אכסניא, וואו א וואנץ אין עפים א קווארטאל איז אלץ אהינצו געקראכען און געזויגען און געצאפט יודיש בלוט... קומענדיג קיין דנעפראוויץ איז שוין א יוד מוכן ומזומן געווען אז וועט איהם קאסטען אביסיל בלוט און אהן אזא כאבאר איז גאר קיין סברא נישט זיך אויסצודרייען. בייס שוין בייט דוא „דנעפראווצק", שטינק שוין שטינק דוא ווענצעלע. שרייב שוין שרייב דיינע בלוטיגע צייכענס און טראג זיך נעה דיך צו אלדע שווארצע יאהר! —

— וואס שרייעסט דוא אזוי סענדעריל? האט בנימין איהם געפרעגט צו־געהענדיג צו זיין געלעגער. אוודאי א וואנץ האט דיך געמוטשט שטארק א ביסן

טאָן ? א שרעק וויפיל דאָ איז וואנצען, זייא האָבען א גאנצע נאכט מיך נישט געלאָזט איין אויג צוטאָן ערשט נישט לאנג וואָס איך בין אנשלאָפען געוואָרען.

— אי—אי גיכער, לאָמיר גיכער אנטלויפען! האָט סענדעריל געשריגען נאָך אלץ פארדולט.

— גאָט איז מיט דיר סענדעריל! וואָס רעדסט־דוא ? מילא מה רעש אז א וואנץ גיט א ביס ? דארויף איז זיא דאָך א וואנץ און דוא ביסט א מענש...

סענדעריל האָט אקעגען א פאָר מינוט אָנגעקוקט בנימינין וויא צומישט, דערנאָך זיך אויסגעריען דיא אויגען און געזאָגט מיט א זיפץ.

— אוי עס האָט מיר זיך געחלומט זעהר א שרעקליכער חלום! הלוואי דער־פון זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזען.

— עס. מאלע וואָס א מענשען חלומט זיך א מאָל. האָט בנימין געמאכט. מיר האָט זיך היינט אויך געחלומט עפּיס א פיפערנאָטער קומט צו מיר געשווינד צו, קוקט מיר שטארק אָן און זאָגט צו מיר: איהר זיינט עס רב בנימין פון טונע־יאדעווקע ? קומט, זייט מוחל, מיט מיר אהין, אהין, אלכסנדר מוקדון שטעהט דאָרט מיט זיין חיל. און חלשט מיט אייך זיך צו בעקענען. איך גיב מיך א לאָז, דער פיפערנאָטער לויפט פאָראויס, איך נאָך איהם. „איהר לויפט אָהן עין־הרע. געשווינד וויא א פייל אויסען בויגען, איך קען אייך גאָר נישט אָניאָגען" הער איך עמיצין שרייענדיג הינטער מיר, איך קעהר מיך אום און דערזעה אלכסנדר מוקדון. אדוני מלך! שרייא איך, חאפּ איהם בייא דער האנד, קוועטש און קוועטש, עס פארגעהט מיר אָבער פּלוצלים אין דער נאָז עפּיס א מין שרעקליכער געשטאנק טאקי גאָר צום חלשען. איך חאפּ מיך אויף און פיהל אין דער האנד א צוקוועטשטע וואנץ... טפוי, זאָל עס ווערען! אָט שפּייא חלעבין דרייא מאָל אוים סענ־דעריל און פארגעס דיין חלום. וואָס האָט דיר אזעלכעס זיך געחלומט ?

טפיא, טפוא, האָט סענדעריל בתמימות דרייא מאָל אויסגעשפּיגען און דערצעהלט זיין חלום:

מיר האָט זיך געחלומט ווי איך געה מיר גלאט אזוי אויף דער גאס און פארגעה מיר העט ווייט. פּלוצלים גיט מען מיך פון הינטען א חאפּ און מען ווארפט מיך אין א זאק אריין, מען טראָגט מיך אזוי אין דעם זאק, מען טראָגט מיך מען טראגט ביז מען האָט מיך ערגיץ עפּיס פארטראָגען. איך פיהל וויא עמיציר בינדט דעם זאק אויף און דערלאנגט מיר א פאטש, טאקי וואס פאר א פאטש הייסט אז צווייא ציין זענין מיר ארויסגעפאלען. דאָס האָסט־דוא דיר ערשט איין אדארויף, הער איך וויא מען זאָגט, אין גאנצען וועל איך דיר סיליקין שפּעטער. „איך גיב א

בליק, מיין ווייב אין א ספאדיק שטעהט מיר אקעגען שטארק אין כעס דיא אויגען ברענען איהר וויא א העליש פייער און פונם מויל זעטצט איהר ארויס א שוים. ווארט נאר א ביסיל ווארט, תכשיט מיינער, זאגט זיא מיט א בייזען געלעכטער, איך וועל געהן נעמען דיא קאטשערע און דיר ווייזען וואס פאר א גאט מיר האבען, וויא זיא געהט נעהמען דיא קאטשערע אז מיינער האפט דיא פיס אויף דיא פלייצעס און אוועק, אוועק, אוועק, איך לויף, איך לויף און קום צו לויפען אין עפעס א קרעטשמע. אין דער קרעטשמע איז פינצטער, גליטשיק, נישטא קיין נפש. איך לייג מיך אין א ווינקעל, מאך צו דיא אויגען און שלאף, וויא איך שלאף קומט דער זיידע רב סענדעריל עליו השלום צו מיר צוגעהן, זעהר אומעטיג, מיט פארוויינטע אויגען און זאגט: סענדעריל מיין קינד שלאף נישט! וויא גאט אזי דיר ליב סענדעריל שטעה אויף! שטעה אויף סעפדעריל, סענדעריל און לויף פון דאנען אוועק! אוועק סענדעריל וואהין דיא אויגען טראגען, דוא ביסט אין א סכנה! איך וויל אויפשטעהן אבער איך קען מיך נישט ריהרען, גלייך וויא מען האלט מיר צו. איך נעהם מיך צום קאפ און טאפ אויף מיר אן עפעס א קאפקע. הע, הע, איך בין גאר נישט סענדעריל, איך בין מחילה גאר א יודענע, אהן א סימן בארד, טראג עפעס א מין ייפע און מיין בויך, מיין בויך, נישט פאר קיין אידען געדאכט, מהוט מיר שרעקליך וועה, נישקשה, רופט איינער עפעס זיך אן, ביי איין ערשטלינג געהט עס תמיד אביסעל שווער צו. אוי פעטער, פעטער!

שריי איך אין איין אטהעם, ס'איז גאר ניט פאר מיינע כוחות, אט, אט פאל איך חלשות. א קילאק אין דער פאטיליציע איז דערצו זעהר א גוטע סגולה, דער מיט קען איך דיך מינטערען, זאגט דער פעטער, און לאזט מיך טאקי אראפ עטליכע קולאקעס, נא דיר פאר פריהער, פאר איצונד, אי פאר שפעטער, מאכט ער דערביי, דרייעט זיך אוים און ווערט פארשווינדען. איך ליג אין איינע צרות ליג און ליג ביז גאט העלפט מיר איך גיב מיך א ריס מיט גוואלד און שטעה אויף. איך לויף צו גיך צו דער טהיר, זיא איז פארשפארט, איך קלאפ, קלאפ און קלאפ, אומזיסט דיא מיה. פלוצלים שפרינגט דיא טהיר זיך אויף און וויא איך שטעל ארוים א פוס האפען מיר גזלנים און פיהרען מיך אוועק עפים אין א הייל, דארט נעהמען זייא ארוים א חלף און ווילען מיך קוילען, וויא זייא האלטען דעם חלף מיר אויפן האלז שרייא איך גוואלד! לאזט מיך חאטש אפזאגען ווידוי! אט דאס האסט־דוא דיר, בנימין, מיין חלום, הלוואי ער זאל זיין צו גוטען.

— שפייא אוים, סענדעריל, נאך דרייא מאל, האט בנימין איהם איין עצה געגעבען, און שלאג דיר דיין חלום פונם קאפ ארוים. איבעריגענס אויב דוא ווילסט

שטעהן אויף ט'איז שוין טאָג און זאָג עטליכע קאפּיטעל תהילים.

סענדעריל איז מיט א זיפץ אראָפּ פון זיין געלעגער, האָט אָפּגעגאָסען נעג־געלוואסער, אָנגעטאָן זיין חאלאטעל און ארויסבעקומען זיין תהילים עברי טייטש. עס האָט זיך אויפגעמישט דאָס צעהנטע קאפּיטעל ביי וועלכעס ער האָט געהאלטען און ער האָט מיט איין אומעטיגען ניגון אָנגעהויבען:

וואָס שטייעסט־דוא גאָט פון וויטען.
פארבאָרגסט־זיך אין שלעכטע צייטען?

זיין ניגונדיל איז געוואָרען טרויעריגער און ריהרענדיגער ווייטער אביסיל בייא דיא דאָזיגע פסוקים:

ער זיצט אין ערגיץ א פארטייעט אָרט,
אין שטילען טויט ער דעם עהרליכען דאָרט.
דיא אויגען דרעהען איהם זיך הין אי צוריק,
אויפן אָרעמען האָבען זיי א שטארקען קיק.
וויא א לייב אין זיין נאָרע לויערט אויף ער,
ער לויערט צו חאפּען דעם אָרעמען אהער.
דערלאנגט דעם אָרעמען שוין טאקי א חאפּ,
אבי מיט זיין נעץ א ציה נאָר א קלאפּ:

אז סענדעריל האָט אָפּגעזאָגט תהלים איז שוין געוואָרען רעכט טאָג, אלע מענשען אין שטוב זענען שוין אויפגעשטאנען. א גרויסער סאמעוואר וויא א קע־סיל האָט שטארק געקאָכט אויפן טיש און דער עולם האָט געטרונקען טהע, בנימין און סענדעריל האָט מען אויך געגעבען צו גלעזליך ווארעמס, זייא האָבען אביסיל זיך דערפרישט און פרייליכער געוואָרען. דיא שטוב וואָס פריהער אביסיל איז זי געוועזן א ספּאלניע דערנאָך א טשאינע איז פלוצים געוואָרן א קלייזעל. עס האָ־בען זיך פארקאטשעט ארבעל, זיך ענטפּלעקט נאקעטע יודישע אָרעמס: רויכיגע, גלאטע, דארע, פעטע, שווארצע, ווייסע, טונקעלע פון אלערלייא קאָלירען און גע־שטאלטען, איטליכער אזי אריין אין טלית און תפילין און געגעבען א דאוונען. אונזערע צווייא יודען האָבען געדאווענט געשמאק, זיך געפּיעסטעט, געקרימט, געמאכט הנדליך און פיסקעליך וויא אמת צוּבראָכענע יודען, זייא האָבען אוועק־געטענעט מיטן רבונו של עולם אליין: טאטעניוא! פּאָטערוניוא! און שיהות גע־מאכט אין דאווענען מעהר פון אלע אנדערע. נאָכן דאווענען האָבען זייא גענומען צו קעלעשקעליך שליש, א זופּ געטאָן פריהער, זיך פּאָססמאקעוועט און אויף דער נאָז זענען אריסגעטרעטען רויטגלאנצענדיגע ווייספּערליך, דערנאָך האָבען זייא

געמאכט צום גאנצען עולם לחיים. לחיים און צוגעווינטשעוועט: דער אויבער־שטער זאָל שוין רחמנות האָבען אויפן כלל ישראל נעביך! האָבען פארגלאָצט דערבייא דיא אויגען, געטאָן א שטילען זיפץ און ארייננעגאָסען אין זיך דאָס קער־לעשקיל. א סימן, דאָס זענין געווען נישט קיין פראָסטע יודען, נאָר פרומע, כשרע, שיינע יודען.

איינער פון דיא דאָזיגע שיינע יודען איז דער וויל אוועקגעגאנגען אין דער שטאָדט און האָט זיך דאָרט פארזאמט אקעגען א פאָר שעה. אז ער איז צוריק געקומען האָט דער חבר זיינער איהם ארייננעקוקט אין פנים, וואָס האָט בעשייני־פערליך געלויכט, און ביידע זענין געווען זעהר צופרידען. זייא האָבען געהייסען גרייטען צום טיש זיך געגאנגען וואשין און איבערגעקוקט פריהער דיא קוואַרט וויא דער שטייגער איז פון שיינע יודען, האָבען געבעטען אונזערע פארשוינען זאָלען אויך זיך וואשען און מוחל זיין זעטצען זיך מיט זייא אין איינעם עפּיס איבערצובייסען. ביים טיש זענין זייא געווען לוסטיג, האָבען געלויבט דיא בעל הביתטע פאר איהרע גוטע מאכלים און משונה פון איהר הנאה געהאט. זייא האָ־בען זיך ארייננעלאָזט אין א שמיעס, געערדט מכח דעם כלל יודען וויא ס'איז שוין טאקי צייט זייא זאָלען נעביך אויפגעריכט ווערען, פאר וואָס קומט אזא פאָלק, אזא טהייער פאָלק זאָל נעביך אזוי פארשווארצט ווערען? זייא האָבען זיך צולאָזט אין דיא שבחים פון דיא כנסת ישראל, געלויבט אין טאָג אריין דאָס יוד־ריש קעפּיל. וואָס קענען דאָס יודען נישט? אלע חכמות פון דער וועלט, וויא דער טעלעגראַף, אייזענבאנד און נאָך אזעלכע זאכענישען געפינט מען נאָך גאנץ לאנג בייא יודען, נאָר דאָס אלסדינג אָבער איז נאָך פון דיא קלייניגקייטען דער עיקר איז גאָר עפּיס אנדערש. דאָס פינטעלע דאָס פינטעלע אָט וואָס דער עיקר איז.... זייא האָבען זיך ארויפגעהאפּט אויף דיא אפּיקורסים, אויף דיא היינטיגע מאָדער־נע געלערענטע, פארשאָלטען זייא דאָס געביין, געשפּיגען קלעק אויף זייא אין גאנצען און אויף דיא שקאָלעס, וואָס מען לערנט דאָס טרפה־פסול אָהן א היטעל. באלד וועט טאקי זיין א פרק משניות א רענדיל און א פראָשעניע אָנשרייבען א גילדען. אוי איז היינט א וועלט, א שיינע וועלט חלעבין!.... אזוי האָבען זייא פון אונזערע פארשוינען. מיר ווינשען אייך, האָבען זייא געזאָגט, השם־יתברך זאָל חסד טאָן און ממלא זיין דאָס אלסדינג, וואָס מיר בעגעהרען אין אייך צו זעהען, בנימין איז געווען אויף דעם זיבעטען הימעל פון אזא ברכה, דער צו איז ער נאָך געווען, וויא זאָגט מען עפּיס, אביסיל פארלעקט, ער האָט געפּענט א מויל און געערדט פאר פייער אי פאר וואסער.

— ווייסט איהר וואס רב בנימין, רב סענדעריל? האבען דיא יודען געזאגט צוצווינגען, נאכדעם אז זייא האבען זיך יאויפגעהייבען פונם טיש, מיר וועלען זיך והג זיין בפשטות וויא פראסטע יודען, אזוי וויא אונזערע עלטערען האבען זיך נוהג געוועזן נאך א וועג וועלען מיר זיך אלע געהן אין מרחץ אריין, צופארען דיא ביינער. איהר וועט זיך מעגען דארט אפשערען אדער אפגאלען, איהר וועט חלע־בען ווערען גאר אנדערע מענשען, און נאך'ן מרחץ וועלען מיר זיך נעהמען צו אונזערע עסקים. אזוי טאקי בנאמנות, אזוי וועט בפשטות טאקי זיין גוט. ס'איז אפשר אביסיל נישט היינטמאדעש, בייא דיא אפיקורסים מעג זיך א מרחץ אויס־קומען עפּיס נישט שיין, נאר מיר זיינען אבער נישט קיין געבולבעטע, אט לאמיר זיך נוהג זיין וויא אונזערע זיידעס פארצייטען!

פון א מרחץ זאגט זיך א יוד קיינמאל נישט אפ. דאס וואס א שיינק פאר די פויערען, א טייכעל פאר גענז און קאטשקעס, דאס איז אין הונדערט גראדען נאך מעהר דיא באד פאר יודען. דעם טעם וואס א יוד פיהלט אין א באד קען עס קיין אומה ולשון גאר נישט פיהלען. דיא באד האט בייא איהם א גרויס שייכות מיט זיין רעליגיע, מיט זיינע אינוועגדיגסטע געפיהלען און מיט זיין סעמיינעם לעבען. קיין יודישע נשמה ריהרט זיך נישט פונעם הימעל ארייגצוקריכען ערגיץ אין א בויך, מען קען זיא נישט נעהמען, איינבעטען דורך קיין שום זאך, סיידען נאר דורך א באד. דא איז דיא גלאוונע אגענטססטווא, דיא צענטראלע קאנטאר צווישען דעם הימעל מיט דער ערד, איידער א יוד ווערט נאך געבוירען, איידער נאך עס ווארפט זיך אין איהם איין אבר, ווייסט מען שוין פון איהם אין דער דאזיגער קאנטאר פונם בעדער מיט דער בעדערקע ביז דער טוקערקע און דער ביטעלמא־כערען. דיא נשמה יתרה שבת און יום טוב פיהלט אין זיך נישט אזוי א יוד ווען ער שווינקט זיך פריהער נישט אפ אין באד, אהן דעם איז ער עפּיס אלטגעבאקען, נישט פריש. קוקט אן א יודען פרייטאג קומענדיג פונם מרחץ, ער בליהט, ער איז אינגער מיט עטליכע יאהר, דער אידישער פונק ברענט אין איהם און לייכט פון זיינע אויגען, אלע זיינע געפיהלען זענין עפּיס שארפער, פרישער, דער ריח פון דיא געפילטע פיש אי פון דעם איינגעפּריעטען צימעס פארגעהן איהם וויא קטורת אין דער נאז, זיא שמעקט, שמארעט און איז מקבל טענוג. עס זינגט זיך איהם עפּיס אויפן הארץ, ער גיט קאנצערט אין טראפ, קנאקט וויא א סאלאווייא שיר השירים, צופּיעסטעט זיך דארט וויא א קינד, צופלאקשערט זיך, צוהיצט זיך און איז האלב אויף יענעם עולם.... אין באד קומט א יוד וויא אין א פאטערלאנד, וויא אין א פרייער מדינה, וואו איטליכער האט א גלייכע דעה, וואו עס שטעהט

מאר איהם פרייא צו דערגרייכען גלייך מיט אנדערע א חויכע שטופע — ארויפ־קריכען אויף דער אויבערשטער באנק, דער מינטערען זיין פאראומערטע נשמה, חאטש אויף א שעה אויסגלייכען זיינע ביינער און אראפ ווארפען פון זיך זיין פעקיל דאגות און יסורים. אט וואס א באד איז בייא יודען!

דעריבער איז דער פלאן פון אין מרחץ געהן אונזערע פארשוינען געוועזען שטארק לרצון, זייא האבען נישט געמאכט קיין גרויסע הכנות און אין עטליכע מינוט ארום זענין זייא שוין געגאנגען מיט דיא צווייא שיינע יודען. אונזערע פארשוינען האבען זיך פירגעשטעלט א באד וויא געוויינטליך א מרחץ איז אין דיא יהדעשע שטעטליך, עפים א מין בנין, שווארץ, פארשמירט פון דרויסען, בארג אראפ ערגיץ אין א העק מיט א שווערען צוטריט אהינצו אויף שמאלע צובראכענע קלאטקעס, און אז דיא יודען זענין צוגעקומען צו א שיינעם דרייא גארענדיגער מויער, סאמע אין דער מיט גאס, און געזאגט אט דאס איז דיא באד, האבען זייא פארריםען דיא אויגען און געקוקט שרעקליך פארוואונדערט. איהר זענט נאך טא־קי גאר אמתע תריצען, האבען דיא יודען פון זייא געשפאסט, קומט, זייט מוחל אינוועניג וועט איהר נאך עפים שעהנערעס זעהן.

אריינקומענדיג אין דער פערדניע האט אונזערע פארשוינען פארשיינט אין דיא אויגען דער געמאהלטער פאל מיט דיא אויסגעשפרייטע סטעזשקעס. עס האט זיך זייא אויסגעדאכט, אז זייא זענין אין דעם פארצויבערטען שלאס, וואס אין בבא מעשה און אין טויזענט מיט איין נאכט. באלד וועלען פרינצעסענס, בת־מלכות זייא מקבל פנים זיין, זייא וועלען זיך דא וואויל טאן און לעבען אויף וואס דיא וועלט שטעהט. נאר אנשטאט דיא בת־מלכות איז צוגעגאנגען צו זייא א סאלדאט מיט אייבעליך און האט שיין פיין זייא געלאזט בעטען זיך אויס צור־טאן, טהוט זיך זייט מוחל אויס, האבען דיא שיינע אידען צו זיי געזאגט, מיר וועלען דערוויל אריינגעהן אהין בעצאלען באד געלד. נישקשה איר וועט דא האבען א גוטע שוויטצבעדעל.

אז אונזערע פארשוינען האבען זיך אויסגעטאהן האבען זיי פארנומען זייער פעקיל זאכען וויא דער שטייגער איז, אוים צופרודען עכ. קיין טוץ, העמדער האט אין זייער גארדעראבע זיך נישט געפונען, זייא האבען אוועקגעטראגען א העמד עטליכע וואכען, עס פערשטעהט זיך אז עס האט זיי נעביך געביסען און דאס פרודען איז זייא געווען טאקי נייטיג אין לעבען אריין, נאר דער סאלדאט האט בייא זייא אוועקגענומען דיא זאכען און זייא אריינגעפיהרט אין א חדר אריין. דער חדר איז געווען אויסגעטעבעלט מיט ביינקליך, ארום א גרויסען טיש זענין

דאָרט אויף שטולען געזעסען מענשען פיין אָנגעטאָן. אונזערע פארשוינען האָבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, זיי איז שטארק קשה געוואָרען וואו גיסט מען דאָ אויפן שטיין און וואו וועלען זייא דאָ שוויצען ?

— צי טוט זשידאָווסקי באניא ? האָט סענדעריל א פרעג געטאָהן נאָכדעם אז בנימין האָט איהם א שטורך געגעבען און איהם געהייסען נישט מאכען דאָ קיין פיעל שיהות און פרעגען.

איינער פון דיא לייט וואָס ארום טיש איז צוגעגאנגען, האָט אָנגעקוקט אונזערע נאקעטע פארשוינען, וואָס זענין נעביך דאר אויסגעדייווערט, אָהן א לייט פלייש נאָר הויט און ביין, און געמאכט מיט זייא עפּים א שמיעס אויף מאָסקאָוויטערש.

— הא, וואָכ זאָגט ער דאָ עפּים, סענדעריל ? האָט בנימין געפרעגט.

— איך זאָל דאָס אָנהייבען פארשטעהן א וואָרט ! האָט סענדעריל געענט־פערט און געמאכט מיט דיא אקסלען. נאט אייך מישטעהנס געזאָגט א לשון ! עפּים זאָגט ער אלץ בילעט, בילעט.

— א—א נארעלע, האָט בנימין זיך אָנגערופען, וואָס פארשטעהסט דוא דאָ נישט נארעלע ? דאָס איז דער בעדער, ער פרעגט בייא אונז א בילעט, וואָרים אין אזא באָד מוז מען געהן אויף בילעטען. זאָג איהם אז דיא יודען האָבען שוין דאָך דאָ פריהער בעצאָהלט פאר אונזערע בילעטען.

— יאק־זשע פאני, טייע זשידקי אָוזשע דאלי טוטעטשקא זא.....

האָט סענדעריל א רעד געטהאָן און איז פּלוצלים געבליבען וויא דערוואָר־גען, נישט געקענט אויספיהרען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען.

— זא בילעט פאני כטייטש זשידקי להבדיל פאני זאפלאציל ! איז בנימין ארויס אויף זיין לשון און האָט זערקלעהרט דיא זאך גאנץ קלאָהר, סידר אין שאָרף.

דער דאָזיגער מענש וואָכ איז פריהער צוגעגאנגען צי אונזערע פארשוינען האָט א מאך געטאָן מיט דער האנד און מען האָט זייא באלד אריינגעפיהרט וויי־טער אין א חדר, וואָס דאָרט איז מען, כפי זייער מיינונג, מחויב געווען א פנים צו שוויטצען געשמאק....

אז מען האָט בנימינ'ן מיט סענדערלין שפעטער אביסעל מיט א צייט ארויס־געפיהרט אויף דער גאס איז שווער געווען זייא צו דערקענען אזוי פארענדערט זענין זייא נעביך געוואָרען : אָפּגעגאָלט פון פאָרענט, אָהן בערד אָהן פאות, דיא אויגען פארדרעהט, נאָר גלעזערנע, אויף דעם שטערען קאלטע גרויסע טראָפּען

שוויים, א וואָלקען א המאַרע אויפֿן גאַנצען פּנים, איינגענורעט, איינגעהויקערט מיט א דראָזש איבער דעם גאַנצען לייב און ארום זייא סאָלדאַטען, אויפֿן הימעל האָט זיך אָנגערוקט א שוואַרצע פינסטערע חמאַרע. א בליץ האָט מיט א מאָל בע־לייכטעט דיא דאָזינע קומפּאַניע, באַלד דאַרויף האָט א דונער געגעבען שרעקליך שטאַרק אז אַלע זענען פאַרציטערט געוואָרען. עס האָט זיך אויפגעהויבען א שטורמווינד, רעדליך שטויב האָבען זיך געטראָגען וויא דיא רוחות, פאַרחאַפּט אויפֿן וועג מיכם, שטרויא, בלעטליך אי שטיקליך פּאַפּיר, אַלע אין איינעם האָ־בען געטאַנצט עפּיס א משוגענעם טאַנץ און זיך געדרעהט געדרעהט אַלץ אין דער הויך אַרויף אַרויף.... דיא טשערדע פונם פעלד איז געלויפען אומרוהיג מיט א געשרייא און א רעווען וויא א סטאַיע הונגעריגע וועלף וואָלטען זיא נאָכגעיאָגט. עס האָט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט גלייך וויא דער אויבערשער איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען אויף דער זינדיגער ערד און אויף אַלדינג וואָס דאָ געהט פיר, ער האָט זיך אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ, געבליצט מיט זיינע צאָרענדיגע אויגען, געהילכט און געשריגען, אי, אי! מיט זיין דונערדיגען קול, עס האָט צום לעצט א זעמיג געטאָן מיט א שרעקליכער דונער, פון הימעל האָט אַראָפּגעקאַ־פּעט וויא טרעהרען גרויסע טראָפּענס רעגען, וואָס איז זייא האָבען זיך אויסגע־מישט טראָפּען נויט שוויים און בלוטיגע טרעהרען פון אונזערע בידנע, אומגליק־ליכע פאַרשווינען....

אך, בנימין און סענדעריל האָבען גאָר ניט געוואוסט, אז נישט דווקא אין דער מדבר איז א סכנה צו רייזען מחמת דיא ווילדע שלעק, עקדעשען, פּיפּערנאָ־טערען און חיות רעות וואָס דאָרט, נאָר דאָ אין דיא מקומות, דאָ איז ערשט דיא גרעסטע סכנה! יענע צייט ווען אונזערע פאַרשווינען האָבען געוואַנדערוועט איז געווען דיא שווערע, פינצטערע ביטערע צייט — דיא צייט, ווען איין יוד האָט געזוכט צו דערטאַפּען דעם אַנדערן און

וויא א לייב אין זיין נאָרע געלויערט האָט ער,

געלויערט צו חאַפּען דעם בעזפּאַספּאָרטנע אהער

און איהם אָפּגעבען פאַר א פּוימענע, א קרבן פאַר זיינע, אָדער פאַר יענעמס קינדער! אך, אונזערע פאַרשווינען נעביך האָבען נישט געוואוסט, אז זייא געפינען זיך שוין טאַקי אין דער מדבר צווישין ווילדע בעשעפעניש אי חיות רעות, און די צווייא שיינע, כשרה יודען זענין גאָר פּיפּערנאָטערען!

## אוים כלה און ווידער א מויד.

איטליכער קען זיך משיג זיין דיא שלעכטע לאגע פון אונזערע בידנע פארשוינען וויא פינצטער און ביטער זייא איז נעביך געווען, מיר פארשפארען עס צו שילדערען, דיא ערשטע צייט זענין זייא געווען וויא צומישט און האבען לחלוטין נישט פארשטאנען וואס מיט זייא טהוט זיך אזוינס. אלסדינג איז פאר זייא געווען פרעמד, אי די סאבראנע, אי דיא סאלדאטען, אי דער לשון און די אלע זאכען וואס מען האט זייא געהייסען טאן. דער שינעל איז אויף זייא געהאנגען וויא א טארבע, ער האט אויסגעזעהן טאקי נאר וויא א ייפע, און דאס היטעל מישטעהנעם געזאגט איז געלעגען אויף זייער קאפ נאר וויא א קאפאטע. אנקוקענדיג זיי האט זיך געדאכט עפים איז עס אין גאנצען גאר איין אנשטעל, עפעס האבען צווייא יודען זיך פארשטעלט און מאכען חוזיק פון דיא אלע זעלנער, קרימען זיי זיך נאך און ווייזען פאר איטליכען גאנץ פרייא וויא נארעש מישטעהנעם געזאגט זיי אלע זיינען מיט זייער אלץ מיט אנאנדער. אז אך־און־וועה צום ביקס נעביך, וואס ער איז אריינגעפאלען צו אונזערע פארשוינען, בייא זייא אין דיא הענד האט ער גאר ניט געהאט דאס פנים, אקוראט וויא א קאטשערע, אין דיא הענד פון א מאנסביל וואס פארעט זיך אין קיךביין פריפעטשעק. בייא דער אוטשעניע פלעגען זייא אפארבייטען אזעלכע שטוקעס מיט דיא הענדליך און דיא פיסליך, אז ס'איז געווען נאר א ריינע קאמעדיע, אין קלעפ פארשטעהט זיך, זענין זייא נישט זשעדנע געווען, נאר וואו איז דען, זאגט מען אין דער וועלט עפים א צרה, וואס דער מענש זאל מיט איהר נישט געוועהנט ווערען? נישט נאר דער מענש אפילו אנדערע בעשעפעניש ווערען אויך געוועהנט. בעדארף מען מעהר פרייא ווי א פויגעל איז, פון דעסטוועגען אז מען פאנגט איהם און מען זעצט איהם אריין אין א שטייגעלע, געוועהנט ער זיך צו ביסליך, הייבט אן צו פיקען זערנע מיט אפעטיט, שפרינגט און זינגט פרייליכע ליעדער, גלייך וויא דיא גאנצע וועלט מיט איהרע פעלדער און וועלדער איז פאר איהם דא אין דעם אייגנען שטייגעלע. אונזער מענדעריל האט ווייטער טאקי אנגעהויבען מיט זיין לאגע זיך צוגעוועהנען, פלעגט זיך גוט צוקוקען צום מושטיר פון דיא זעלנער און פריווען נאכמאכען זייערע אלע שטוקעס אויף זיין שטייגער. ס'איז געווען א פרייד צו זעהן וויא מענדעריל פלעגט אפט פאר זיך אליין איבערחזרען דעם מושטיר, זיך אויסציהען גלייך וויא א סטרונע, פארדרייסען דאס קעפיל, אנבלאזען דיא פיסליך וויא א גבור, הייבען פיסליך און געהן א מארש נאר טאקי וויא איין אנגע־

בלאָזענער אינדיק, פלעגט זיך דרעהן דרעהן און לסוף פארפלאָנטען דיא פיסליך און פאלען. נאָר אקעגען זשע בנימין אָבער ער האָט מיט אזעלכע זאכען בשום אופן נישט געקענט זיך געוועהנען, ער איז געווען בטבע איינער פון יענע מיני פייגעל, וואָס הייסען וואנדער־פייגעל, דאָס הייסט אזעלכע, וואָס זייער טבע איז אלע יאהר סוף זומער אוועקצופליהען און איבערווינטערען דאָרט אין דיא ווייטע ווארעמע מקומות. דיא טבע צו וואנדרעווען מאַהנט אזא מין פויגעל אזוי שטארק, אז באם מען האלט איהם דענסמאָל געפאנגען אין א שטייגעל איז איהם נישט ניחא דאָס לעבען, ער עסט נישט, טרינקט נישט, ער דראפעט זיך אויף דיא גלייכע ווענט און זוכט ערגיץ עפּיס א שפּאלט אנטרונען צו ווערען. דיא נסיעה אהין אין יענע ווייטע מקומות, וואָס האָט וויא א זלודנע זיך איינגעגעסען אין בנימינס קאָפּ, וואָס איז איהם געוואָרען דיא צווייטע נאטור, וואָס צוליעב איהר האָט ער אעקגעוואָרפען ווייב און קינדער, דיא דאָזיגע נסיעה האָטאיהם נישט געלאָזט רוהען קיין רגע, האָט איהם געבויערט, געפּיקט דעם קאָפּ, זיא האָט אין איהם גע־בורטשעט און אלץ געשריגען: געה ווייטער! געה ווייטער, ווייטער.

דער ווייל איז אוועקגעגאנגען אזוי דער ווינטער און אונזער בנימין נעביך האָט זיך שטארק געמוטשעט.

איינמאָל אין א שיינעם טאָג נאָך פּסח אז סענדעריל האָט בינר־לבין-עצמו זיך געמושטירטאיז בנימין צו איהם צוגעגאנגען מיט אזא שמועס:

— הלעבין סענדעריל, דוא ביסט א יונגעל! דוא שפּילסט זיך און מאכסט עפּיס אזעלכע קונצען וויא א קונדעס. וואָס קען דער פון, איך בעט דיך, דער תכלית זיין ?ר פא געסנאָר נישט אז דוא ביסט ברוך השם א בעווייבטער. דער צו נאָך אויך עפּעס א איד היינט צו וואָס פארנעהמסט דוא זיך מי טאזעלכע זא־זאכענישען און לייגסט דרינען דעם גאנצען קאָפּ דיינעם אריין? למאי נפקא מינה צי מיט דער לינקע צי מיט דער רעכטע פוס קרוגאָם, וויא זייא רופען עס דאָרט עפּיס, וואָס מאכט עס אויס?

— ווייס איך? האָט סענדעריל געענטפערט, מען הייסט קרוגאָם זאָל זיין קרוגאָם, וואָס פאר א דאגה איך האָב.

— און אונזער נסיעה, זאָג נאָר, האָסט־דוא שוין פארגעסען? גוואלד אונזער נסיעה, אונזער נסיעה אהין, אהין.... לינדענוואָרם, מויל אייזעל, פּיפּערנאָטער! האָט בנימין געוערדט צוקאָכט.

— מארש, מארש, מארש! האָט סענדעריל געמאכט און געהייבען פּיסליך.

— אז אך און וועה צו דיר סענדעריל, און צו דיין מארש ! פע, סענסט זיך חלעבין שעמען ! זאג מיר נאר בעסער, קונדעס איינער, וועלען מיר מאבען אונזער נסיעה ?

— פון מיינעט וועגען אך ! האט סענדעריל געענטפערט, אבי מען וועט אונז נאר לאזען.

— וואס טויגען מיר זייא און וואס בעדארפען זייא אונז האבען ? האט בנימין זיך אנגערופען. אדרבה סענדעריל זאג אליין ביי דיין יודישקייט, אז באם דער שונא זאל חס ושלום קומען וועלען דען אזעלכע צווייא איהרע וויא מיר זיך קענען שטעלען איהם אקעגען ? און אז דוא וועסט איהם טויזענט מאל זאגען: געה דיר אוועק אלא ניט מאך איך פויא, פויא ! וועט ער דען דיך הערען ? פאר־קעהרטע, ער וויט זיך נאר אנהאפען און דיין גליק וועט זיין אז דוא וועסט לעבע־דיג פון זיינע הענד ארויס. גלוב מיר חלעבין, וויא איך זעה זענין מיר דא אין גאנצען איבעריג, זייא וואלטען גערען געוועז אונזערער פטור צו ווערען. איך האב אליין געהערט וויא דער עלסטער האט זיך איינמאהל אויסגעדרוקט אז מיר זענין טאקי נאר איין אנשיקעניש. ווען עס זאל אין איהם געווענדעט זיין וואלט ער אונז שוין לאנג ארויסגעטריבען צו אלדע שווארצע יאהר. און באמת טאקי וואס טוי־גען מיר זיי ? איך זאג דיר סענדעריל, בפירוש, אז דאס איז גאר לחתחילה געוועזן א קרומע זאך נישט קיין גלייכער שידוך. מיר טויגען זייא נישט און זייא טויגען אונז נישט. דיא יודען וואס האבען אונז אין זייערע הענד אריינגעגעבען האבען זיכער געמוזט זייא דערציילען אויף אונז, אז מיר זענין ווילדע גבורים און קענען טכסיסי מלחמה, טאקי וואס קענען הייסט. מילא וואס זענין מיר שולדיג אז דיא אידען האבען זיי אפגענארט ? למי אונז האבען די אידען אויך מיאוס אפגענארט. מיר זענין דאך נאר מיט דער דעה אהער געקומען עפים צונויפצומאכען און לא־זען זיך ווייטער אין וועג ארויין. פון טכסיסי מלחמה איז כלל קיין מדובר נישט געוועזן, איך וועל שווערען אפילו אין טלית אין קיטעל אז דער פון האט מען אפילו נישט מזכיר געוועזן. גלאט חאפעניש גילטניש איז דאך פשוט שוין קיין יושר ניט, הערט דאך שוין טאקי אויף אלסדינג ! — קורץ זייא זענען ניט שולדיג וואס מען האט אונז אפגענארט און מיר זיינען ניט שולדיג וואס מען האט זיי אפ־גענארט, שולדיג זענין דא נאר דיא יודען, דיא ליגנער, דיא כלבויניקעס, וואס האבעןביידע צדדים אפגעליגנערט. דיא יודען, סענדעריל, דיא יודען זייא אליין זענין דא טאקי אין גאנצען שולדיג, קיינעם בעדארף מען אין דער זאך ניט בע־שולדיגען נאר דיא יודען, דיא יודען און נאך אמאל דיא יודען !...

— מילא וואס ווילסט־דו בנימין זאלען מיר טאן ? האט סענדעריל געפרעגט.

— איך וויל האט בנימין געענטפערט מיר זאלען זיך לאזען ווייטער אויף אונזער נסיעה. אוים כלה און ווייטער א מויד! מיר דאכט זיך אז קיינער וועט אונז דאס נישט פארוועהרען, הן על פי דין והן על פי יושר טאר קיינער אונז נים פארהאלטען, אי וואס, דוא האסט מורא טאמיר וועט מען אונז פארט נישט לאזען, איז דערצו א פראסטע תרופה מיר זאלען פון דאנען שטילערהייט אוועקגעהן, וועמענס עסק איז דאס בייא אונז צו וויסען ? געזעגענען זיך בעדארפען מיר מיט קיינעם נישט.

— איך מיין אויך אזוי, אז געזעגענען זיך איז איין איבעריגע זאך, האט סענדעריל געמאכט, להייא אז מיר זענין פאר א יאהרען אוועקגעגאנגען פון דער היים און קיינעם נישט אפילו ווייב און קינדער נישט געזאגט האטש נא.... טעבי!

פון דעם דאזיגען שמיעס אן האבען אונזערע פארשוינען אנגעהייבען טראכטען ווידער פון זייער נסיעה און זיך אלץ מישב געוועזן וויא צו מאכען פליטה. אין בנימינין האבען זיך שטארק צושפילט דיא געבליטען, ער איז געוועזן שרעקליך אומרוהיג און ארומגעפאדעט צוקאכט וויא א היהן וואס וויל אין וועסנע זיך זעטצען אויף אייער, ער איז געוועזן אזוי פארטיפט אין זיינע געדאנקען אז ער האט נישט געהערט נישט געזעהן וואס ארום איהם טהוט זיך, איז פארבייא איהם דורכגעגאנגען עפים איין עלטסטער האט ער מחמם צוטראגענקייט נישט ארא פגענומען דאס היטעל; האט ער געהאפט א פאטש אדער א זעטץ אין דער פאטיליצע האט ער אפילו זיך נישט פארקרימט גלייך וויא נישט איהם מיינט מען; האט מען צו איהם גערעדט עפים אין עניני המושטיר איז איהם נישט אריין אפילו אין דער לינקער פאה, ער האט געהערט דאס וכדומה אזעלכע זאכען אקוראט וויא אין טשערנאוויטש דיא מגילה. ער האט אין זינען געהאט נישט מעהר וויא דיא נסיעה און דער קאפ זיינער איז געפלויגען ווייט, ווייט!

איינמאל שפעט בייא נאכט אז אלע זעלנער אין דער קאזארמע האבען געשמאק געשלאפען איז בנימין אויף דיא שפיטץ פינגער צוגעגאנגען צו סענדערלס געלעגער.

— סענדעריל, דוא ביסט פארטיג ? האט בנימין שטילערהייט געפרעגט.

סענדעריל האט א שאקעל געטאן מיט דעם קאפ, אנגענומען בנימינין פאר דער פאלע און זענין ביידע שא קיטש ארויסגעגאנגען אויפן הויף.

אין דרויסען האט געבלאזען א ווארעם ווינטעל, שטיקער שווארצע אי ברוינע וואלקענס האבען זיך געטראגען אין דער הויך, און זיך געצויגען איינע נאך

דיא אנדערע, גלייך וויא טויזענטער משימאקעס געהן דארט מיט אנגעלאדענע סוהרען סחורות, און יאגען זיך בעצייטענס אנצוקומען אין הימעל אויף דעם יריד. דיא לבנה איז וויא א פריקאשטשיק אויף געגאנגען מיט דעם דאזיגען משונה לאנגען צוג, פלעגט אויף א מינוט נאר ארויסשטעקען דעם קאפ, א קוק טאן וואס טהוט זיך אין דרויסען. דערנאך ווייטער אויף א היבשע צייט זיך באהאלטען און געלעגן איינגענורעט דארט ערגיץ אונטער א וואלקעריגען לאנטוך, שווארץ אפגע־שמירט וויא מיט סמאלע. אונזערע פארשוינען האבען אין דער פינצטער זיך גע־לאזט געהן איבער דעם הויף און שטילערהייט צוגעגאנגען צום פלייט. זייא זענען ארויפגעקראכען אויף א בארג מיט האלץ און פון דארט איז זייא שוין גרינג גע־ווען ארויפצוקלעטערין אויפן פלייט, פלוצלים האט סענדעריל זיך א חאפ געטאן און געזאגט בנימינין אין אויער אריין:

— אך בנימין, איך האב פארגעסען דיא טארבע זאל איך מיך אומקעהרען נעהמען דיא טארבע:

חלילה! האט בנימין געמאכט, אומקעהרען זיך איז א מיאוסע זאך. אז גאט העלפט א מענשען העלפט ער איהם אויך אויף א טארבע.

— עס קומט מיר איצט פיר, האט סענדעריל געזאגט. וואס דער זיידע רב סענדעריל עליו השלום האט מיך געוואהרענט אין חלום, שטעה אויף סענדעריל, האט ער געזאגט, און לויף פון דאנען אוועק וואוהין דיא אויגען טראגען! חלוואי זיין זכות זאל אונז אצינד ביישטעהן, ער איז געווען טאקי מיטן פולען מויל א יוד, גאר אהן שום מלאכות, דיא באבע עליה השלום פלעגט אלץ דערצעהלען...

נאך איידער סענדעריל האט זיך גענומען צו דערצעהלען וואס זיין באבע פלעגט אלץ דערצעהלען פון זיין זיידען, האט זיך געלאזט הערען א קול פון א זעלנער, וואס איז דארט אין דער זייט געשטאנען אויף דער וואך. אונזערע פאר־שוינען האבען זיך צוגעטולעט צום פלייט, איינגעהאלטען דעם אטהעם, געלעגען שטיל קיין ריהר זיך נישט צו טאהן און אויסגעזעהן וויא צוויא גרויסע אלטע שמאטעס. שפעטער אביסיל, אז ס'איז ווידער געווארין רוהיג שטיל, האבען דיא דאזיגע שמאטעס ארויסגעוויזען א סימן פון לעבען און פאמעליך זיך אראפגע־לאזט פונם פלייט. זייא זענין געקראכען אויף דיא הענד און דיא פיס און זיך גע־ריקט פאמעליך אלץ ווייטער ווייטער, ביז גאט האט זייא געהאלפען אוים צומיי־דען דעם זעלנער וואס אויף דער וואך און ארויסצוקריכען אין א געסיל. אונזערע פארשוינען האבען זיך אויפגעשטעלט אויף דיא פיס, געשטאנען אביסיל צו חאפען דעם אטהעם און זיך אנגעקוקט פרייליך מיט פייערדיגע אויגען.

— דיא באָבע עליה השלום פלעגט אלץ דערעהלען, האָט סענדעריל אָנגע־חייבען צורייזען, וויא דער זיידע רב סענדעריל עליו השלום פלעגט בחייו אלץ דיינקען פאָהרען קיין ארץ ישראל, פארן טויט האָט ער זיך אויפגעזעצט און גע־זאָגט מיט דיא ווערטער: אויב איך האָב נישט זוכה געווען בייא גאָט פאָהרען קיין ארץ ישראל בין איך בטוח אז איינער פון מיינע קינדער וועט דאָרט זיין. דאָס הארץ מיינע זאָגט מיר איצט, אז דאָס האָט ער געמיינט מיך. הלוואי פון מיין מויל אין גאָטס אויערען אריין!

נאָר פון סענדערילס מויל אָבער איז גאָר אין אנדערע אויערען אריין! קוים וואָס סענדעריל האָט ארויסגערעדט דעם וואונש זיינעם האָט פלוצלים איינער אויף מאָסקוויטעריש זייא א פרעג געגעבען: ווער איז דאָ? און אז ער האָט נישט בעקומען קיין ענטפער איז ער געשווינד צוגעגאנגען און ווייטער געפרעגט.

דיא לבנה האָט צום שלימזל, ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער א פינצטערען שטיק חמארע און בעלויכטען אונזערע בידנע פארשוינען, וואָס זענין געשטאנען אָהן לשון, טויט וויא דיא וואנד, און דעם עלטסטען זייערען, וואָס האָט זיך שרעקליך געבייזערט, געמאכט מיט דיא הענט און זייא נעביך געגעבען אין טאטען און אין דער מאמען אריין.

אין עטליכע מינוט ארום זענין אונזערע פארשוינען געזעסען וויא ארעס־טאנטען דאָרט אויף דער הויפטוואכע!

ס'איז גאָר נישטאָ אזעלכע ווערטער צו בעשרייבען דיא שרעקליכע יסורים, וואָס אונזערע פארשוינען האָבען געפיהלט זיטצענדיג אין געפיינגניס. זייא זענין נעביך אראָפּ שטארק פונם פנים און געוואָרען פשוט אויס מענשען. סענדעריל האָטש פלעגט נאָך שלאָפען און שלאָפענדיג האָט ער וויינינגסטענס עטליכע שעה נישט געפיהלט דיא ביטערע צרות, ער פלעגט נאָך א מאָל האָבען א גוטען חלום, דער זיידע רב סענדעריל האָט עפּעס אָנגעהויבען עפטערס זיך צו זעהן און געטרי־בען מיט איהם שפּאס, ער פלעגט קיין מאָל נישט קומען ליידיג: א מאָל איז ער געקומען מיט א פיילענבויגען, מיט א שווערדיל אָדער מיט א המנקלעפּיל, פלעגט א קניפּ געגעבען דעם איינקעל ביים בעקעלע און זאָגען מיט א שמייכעלע: נאַ דיר, קונדעסיל, טשאַטשקעליך! שפּיל שקאַץ דער מיט, מאַך פּוי, פּיף, פּאַף סענדע־ריל!... און אמאָל איז ער געקומען מיט א דריידעל, זיך געזעצט שפּילען מיט זיין ליבהארצעדיקגען סענדערוניון. סענדעריל האָט גערדרעהט, געדרעהט, געדרעהט, געמאכט ג' און געוואונען ביים זיידען א גראָשען.... גוט איז דעם מענשען. אי א

גוטער חלום, דיא וועלט אין גאנצען איז דען נישט א חלום? בנימין אָבער האָט

דאָס אויך נישט געהאט, עס האָט פון איהם זיך אָפּגעטאָהן דער שלאָף ער איז גע־וועזן משונה צוטראָגען און דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט וויא א קעסעל, ער האָט געזעהן דורך דעם פענסטער, דיא זון שיינט גאָר מחיה, דאָס גרינע גראָז וואקסט און שפּראָצט, ביימער צווייטען וואונדער שיין, מענשען געהן, לויפען אהין און אהער, און פייגעל פליהען פרייא אין הימעל, איצונד איז דיא רעכטע צייט צו וואנדערוועו נאָר ער זיצט אָבער פארשפּארט און קען זיך נישט לאָזען אויף זיין נסיעה. ער פלעגט אזש אונטערשפּרינגען פאר גרוים עגמת נפש, זיך האפּען ביים קאָפּ, ארומלויפען צו דולט און שרייען רעדען מיט גאל: גוואלד-! וואס האָב איך זייא געטאָן? גוואלד, גוואלד! וואָס האָבען זייא צו מיר?....

אין דער וואָיענער קאנצעלאריע זענין שפּעטער מיט עטליכע טעג נאָך דער מעשה מיט אונזערע פארשווינען, געזעסען א סך אָפיצירען אין דער פאָלנער פאר־מע. צווישין זייא דער גענעראל מיט דעם פּאָלקאָווניק, אין דער זייט לעבין דער טהיר זיינען געשטאנען צווייא זעלנער מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און האָבען אויס־געזעהן וויא א מויז וואָס מען נעהמט ארויס פון א לאָדעשקע זוויערמילך. דיא אָפיצירען האָבען געקוקט אויף דיא זעלנער, זייא בעטראַכט פון קאָפּ ביז דיא פים, דער נאָך צווישין זיך עפּיס גערעדט און אביסיל אונטערגעשמייכעלט.

— הערסט דוא סענדעריל, האָט איין זעלנער שטילערהייט געזאָגט בשעת דיא אָפיצירען אָבען צווישען זיך געשמיעסט, איך זאָל וויסען מיין טויט זאָל דאָ אפילו זיין מוז איך זייא ארויסזאָגען דעם גאנצען אמת. איך בין שטארק אָנגע־לאָדען.

— פון מיינעטוועגען בנימין זאָג דיר זייא דעם אמת, האָט דער אנדערער זעלנער זיך אָנגערופען, אויב דוא ווילסט אזוי זאָל זיין אזוי, וואָס פאר א דאגה איך האָב.

— איהר זענט עס דיא לייט וואָס האָבען שפּעט בייא דער נאכט זיך ארויס געגנבעט פון דער קאזארמע? האָט דער גענעראל געפרעגט סטראָגע. איהר ווייסט וואָס קומט פאר אזא שולד?

—אָ־ווא, אָ־ווא! איז בנימין אויף גאָטס בעראטה ארויס מיט א שפּראכע, האלב יודעש פאלעווינע רייסיש, און אנידערגעלייגט א שמיעסיל אז חייקיל זאאיקע דער בעל דברן פון מונעיאדעווקע האָט געמעגט חלעבין זיך בעגראָבען ניין איילען אין דער ערד.

דער גענעראל האָט אוועקגעקעהרט דעם קאָפּ מיט א געלעכטער, א מאָך

נעגעבען מיט דער האנד און דער פאָלקאָווניק האָט אָנשטאָט איהם אָנגעהויען צו ריידען.

— איהר האָט זיך שטארק פארזינדיגט, אייך קומט מיאוס צו בעשטראָפען פאר אזא שולד.

— וואשע בלאגאראָדיע! האָט בנימין אויסגעשאָסען אויף א קול, האפען מענשען אין מיטען העלען טאָג און פארקויפען זיי וויא היהנער אויפן מארק דאָס מעג מען, און אז זייא נעביך ווילען ניצול ווערען דאָס רופט מען אָן שולד! אויב אזוי איז דאָך מאקי הפקר א וועלט, און איך פארשטעה שוין אסור נישט וואָס הייסט אזוינס מעגען און נישט מעגען! אדרבה לאָמיר פרעגען דאָ טאקי מענשען זאָלען זייא זאָגען ווער איז שולדיג. א שטיינער וויא וואָלט געוועזן אז מען זאָל אייך האפען ערגעץ אויפן וועג און מיט גוואלד אדיינשטופען אין זאק אריין, נוא וואָלט איהר חלילה שולדיג געוועזן ווען איהר וואָלט מיט אמצות-כח פונם זאק ארויס? איך זאָג אייך בפירוש דאָס איז געוועזן לכתחילה א געניימע זאך א גע־נארערייא, שולדיג זענין דאָ נאָר דיא יודען, מי יודע וואָס זייא האָבען נאָך אָנ־געטרעדט. מיר זענין אייך מוסר מודעה — זאָג סענדעריל זאָג! וואָס שטעהסטו־דו וויא א גולם? געה ארויס מיט דעם אמת אויף גאָטס בעראטה. גאָר אָהן מורא און זאָג מיט מיר אין איינעם: — מיר זענין אייך מוסר מודעה אז פון טכסיסי מלחמה האָבען מיר נישט געוואוסט, מיר ווייסען נישט און מיר ווילען גיט וויסען, מיר זענין ברוך השם בעווייבטע, האָבען אין זינען עפּיס גאָר אנדערש און מיט אזעלכע זאכענישען קענען מיר לחלומין זיך נישט אָפּגעבען. זייא געהן אונז אפילו גאָר אין קאָפּ נישט. היינט מילא וואָס טויגען מיר אייך? מיר דאכט זיך אז איהר בעדארפט אליין וועלען אונזערר פטור ווערען.

און באמת איז בנימין טאקי זעהר גערעכט געוועזן, מען איז נאָך לאנג טאקי גערען געוועזן זייערער פטור ווערען. אז דיא עלסטע האָבען זיך געוועזן צוגעקוקט צו אונזערע פארשוינען, צו זייער הילוך, צו זייערע פאָסטעמקעס, צו זייער שמי־עס און צו זייערע מארשען האָבען זייא שוין זיך אָנגעשטויסען מיט וועלכע נפשות זייא האָבען צו טאָן און פלעגען נישט איינמאָל זיך האלטען בייא דיא זיי־טען לאכענדיג, דער כיון פון דער איצטיגער סאָבראניע אָפיצירען איז געוועזן אז נעהמען אונזערע פארשוינען אויפן פארהער און פריוואן זעהן מיט וועמען זייא האָבען איין עסק. בנימין מיט סענדערלין האָבען דאָ זיך פארהערט און ברוך השם שטארק אויסגענומען נאָך מעהר וויא געוואונשען אזוי אז דיא אלע אָפיצירען

האָבען עפּים משונה הנאה געהאַט פאַר געלעכטער, נוּא, דאָקטאָר, האָט דער גע־נעראַל געמאַכט צו איין אָפיצער, וואָס האָט זיך אריינגעלאָזט אין א שמיעס און מיט אונזערע פּאַרשווינען זיך שטארק אָפּגעגעבען. דער דאָקטאָר האָט אנידערגע־לייגט א פינגער אויפן שטערען און געמאכט שאָקלענדיג מיטן קאָפּ גלייך ווייא ער וואָלט געזאָגט — דאָ פעהלט א קלעפּקע!

דער שפּיטץ איז געווען, נאָכדעם אז דיא אָפיצירען האָבען צווישין זיך גע־רעדט און עפּעס געשריבען, האָט מען געהייסען אָפּלאָזען אונזערע פּאַרשווינען פרייא פונם דינסט.

— געהט אייך, האָט מען צו זייא געזאָגט, געהט אייך געזונטערהייט!

בנימין האָט זיך זעהר שיין געזעגענט מיט א פאַרבייג און זיך געלאָזט אוועק געהן. סענדעריל האָט ווייא א זעלנער געהייבען פיסליך און געגאַנגען נאָך איהם מיט א מאַרש.

ע נ ד ע.

# דאס ווינש־פינגעריל

א מתנה פאר די ליעבע יודישע קינדער.

# א מעשה איבער א מעשה.

אָמר מענדעלי מוכר ספרים, זאָגט מענדעלי מוכר ספרים: געדאַנקט און געלויבט זיין ליעבער נאמען פאַר דיא ביידע קהילות קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע אין דער סביבה פון גלופּסק—דרייא קק״ן, מיט וועלכע ער האט בעשיינט זיין וועלט און אין וועלכע ער האט בעזעצט זיינע געליעבטע קינדער ישראל, צופריעדען זייא דאָרט, פאַר גרויס ליעבשאַפט, מיט אַלע זיינע נסיונות, אויב זייא וועלען קענען אויסהאַלטען יודעשקייט; זיך אָפּצוזאָגען פון עולם הזה, צוברעכען דיא תאוה פון עסען און נאָך אַזעלכע מיאוסע תאוות, אָהן וועלכע אַנדערע מענשען, פּראָסטע בשר־ודם, קענען געוועהנטליך זיך נישט בעגעהען; בכדי דורך דעם זאָל זייא צוקעצט אַז־וואויל־און גוט זיין דאָ אויף דער וועלט, אויך דאָרט אויף יענער וועלט... קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע האבען אויף קידוש השם אויסגעהאַלטען דיא פּראָבע גאר איין אַנטיק, בעשיינפּערליך געוויזען, ווער זייא זיינען, וואס זייא קענען און צו־וואס זייא טויגען. — געלויבט און געאַכפּערט זיין היילינגער נאמען פאַר דער גרויסער זכיה, וואס ער האט מיך, אָרעמען בעל־עבורה, מזכה געוועזן, צו זיין דער שליח, לויפען אַצינד צו דיא דאָזיגע קק״ן מיט א גוטער בשורה.

מזל טוב דיר, קאַבצאַנסק! מזל טוב דיר, טונעיאַדעווקע! אַז־וואויל־און גוט איז אייך ביידע! נרצה, איהר וועט אם־ירצה־השם בעוויליגט ווערען מאַקי באַלד, באַלד....

קוועטשט מיך נישט, אין איין אָטהעם אָפּצוזאָגען, וואס דיא בשורה בעטייט. האט צייט, איך בעט אייך. איהר האט אַזוי פיעל צעהנדלינגער יאָהר אין צרות, אין לייד געוואַרט, וועט אייך דער גוטער יאָהר נישט צונעהמען וואַרטען נאָך אביסיל. איהר זענט דאָך צו אַזעלכע זאַכען שוין געוועהנט געוואָרען, שוין פיעל מאל אין אייער לעבען בעוויזען, אַזאַ איין אייזערנעם כח אויף אַזוי פיעל איבערצוטראָגען און אַלץ וואַרטען... וואַרטען... וואַרטען... האט איהר אליין נאָר מאַקי, איינע אין

דער גאנצער וועלט. — נאר וויא דיא מעשה איז, אויב איהר קענט, אדער קענט נישט, פאר מיר איז אלץ גלייך. איך האב מיך פיינט צו חאפען. ביי מיר, אזוי וויא איהר קוקט מיך אן, איז אלסדינג מיט א סדר, פאמעליכין, נישט געיאגט. דאס פערדיל מיינס אפילו ריהרט זיך אויך שטארק בערעבענט, קוים קוים וואס עס הייבט א פוס, נישט געאיילט. איהר מוזט פריהער אויסהערען דיא גאנצע מעשה מיט קאפ, ביז עס וועט קומען דערצו, וואס דיא גוטע בשורה איז און וואס פאר א גליקען שמעהט אייך פיר. דיא מעשה אליין פאר זיך, נאר אהן אלע זאכען, האט אויך א ווערטה און נייטיג טאקי צו וויסען. אוי, קען איך אייך ברידערליך! ביי אייך איז נאר דער שפיטץ, אזוינס, וואס פאסט צום עסק. יענער איז ביי אייך חשוב, א זעהר אנגעלייגטער גאסט, נאר בל־זמן איהר בעדארפט ביי איהם עפיס אנשמעקען, קוים אבער האט איהר ארויסדערטאפט ביי איהם יענעס, וואס טויג, וואלט איהר שוין גערען זיינער געוועזען פטור צו־ווערען, וויא איין אויסגעקוועטשטע לימאנע. אויף כפרות בעדארפט איהר איהם שוין האבען מיט זיינע מעשהליך, גלייכע ווערטליך און אלע זיינע איבעריגע חכמות... איהר מיינט נישט אזוי דיא הגדה, וויא דיא קניידליך. ניין ברידערליך! זאג איך אייך נאך א מאל בפירוש, מיינט אייך, וואס איהר ווילט, ביי מיר וועט איהר זאגען דיא הגדה, נישקשה, זיך פריהער אנלייענען, אנזאגען וויא א פויק, ביז וואנען איהר וועט דער־עבען זעהען דיא קניידליך. נישט דאס בין איך אויסען.

קאבצאנסק! געדענקסט־דוא, נעדענקסט־דוא דעם אורח, וואס איז ביי דיר פאר א יאהרען זומער געוועזען? דוא ביסט אויס דער הויט געשפרונגען, האסט זיך געבראכען דעם מוח: רבוני של עולם! פון וואנען האט ער זיך גע־נומען, ווער קען ער זיין און וואס וואס בעדארף אזעלכער האבען? דוא האסט נישט געקענט פארשטעהען דעם מיין זיינעם דערמיט, וואס ער איז געוועזען אויפ'ן הייליגען ארט, אנגעקוקט דיין גאנצע פיהרונג, אלץ־מיט־אנאנדער, אויסגעוועזען אין אלע לעכער: אין דיין הקדש, אין דיין תלמוד־תורה, אין דיינע חדרים, דיינע שטיבליך. דיינע שדכנים האבען געטראכט פאר איהם א שידוך, דיינע מקבלים, דיינע בטלנים, גבאים, בעטלער, ארעמע בעלי־הבתים, קינד און קויט זיינען איהם וויא דיא היישרעקען פון אלע זייטען בעפאלען, איטליבער האט געבעטען א נדבה, און דיינע שעהנע יודען, ווילדע חכמים, האבען מיט זייער כבוד אליין זיך מטריח געווען צו איהם אפצושטעקען א „שלום עליכם", דערבייא טאקי, הינטען ארום, איהם א טאפ טהאן, א שמעק טהאן, וואס שמעקט אזוינס אין זיין קומען. — נעדענקסט־דוא, נעדענקסט־דוא, אז ער האט פערלאנגט, מען זאל אפוואשען דעם פאל אין דער

תלמוד־תורה און אין בית־מדרש, איז דיר, שונא־ציון, פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען. סטייטש, אזוינס צו טהאָן! סטייטש, אָפּצורוואשען דיא בלאָטע וואס אונזערע אָבות אבותינו האבען אָנגעמאכט!.... סטייטש, סטייטש! ק א ב צ א נ ס ק! דוא ביסט דענסטמאָל שיער ניט משוגע געוואָרען קלעהרענדיג און גאר נישט דערקלעהרט. דער אורח איז, אָהן א זייא געזונט, אוועק געפאָהרען או דוא ביסט געבליעבען דאס איינענע ק א ב צ א נ ס ק וואס פריהער. ער האט דיך, ברוך־השם נישט אָפּגעביסען.

דער דאָזיגער אורח איז ארייננעפאָהרען גלייך לק״ק ט ו נ י א ד ע ו ו ק ע און האט מיט זיין קומען אָנגעמאכט דאָרט אויך אזא רעש וויא בייא דיר, ק א ב צ א נ ס ק. דאס פארשלאָפענע ט ו נ י א ד ע ו ו ק ע האט זיך אויפגע־האפּט, אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָר אויגען און זיך פארגאפט, וואס איז פלוצים אזוינער געקומען זייא צו חלום! עס האט אויסגעזעהען, וויא מען קומט בייא נאכט פלוצים אריין מיט א ליכט ערגיץ אין א לאָך, וואו עופות דרעמלען, זיטצענדיג אויף דער סידעלע. זייא בלינצעלין מיט דיא אייגליך האלב פארשלאָפען און פרעגען זיך פארוואונדערט, קרעכצענדיג דערבייא עפּיס מיט א נארעשע מינע: וויא נעהמט מען עס אצינד משוגענערווייס ארום! גראד בין איך אין יענער צייט אָנגעקומען קיין ט ו נ י א ד ע ו ו ק ע, פאָהרענדיג אין וועג מיט מיין ביידיל און איידער נאך איך האב מיך ארומגעקוקט, אויסצושפּאנען דאס פערדיל, האט דער דאָרטיגער עולם מיר אָנגעזאָגט דאס גרויסע וואונדער גאר אין איין אטהעם: ר׳ מענדעלי נייס! א מענש, עפּיס א מענש, א מין מענש איז פלוצים צו אונז אראָפּ־געפאלען!... עפּיס קוקט ער זיך אומעטום צו, הערט זיך צו, פאָרשט אויס, ס׳איז נישט גלאטיק. אפשר איז ער איין אונטער־געשיקטער, הא? זאָגט ר׳ מענדעלי! אין דיא קלייטליך האט מען לעת עתה, פארשטעהט איהר, מבער חמץ געווען, א קשיא אויף א מעשה!... אויף דיא מלמדים ציטערט דיא הויט.... יודען מיט יארמולקעס דרעהען זיך נישט אזוי ארום ...

אז איך האב מיך אָפּגעפערטיגט פון דער ארבייט, צופּאקט דאס פעקיל סחורה, אונטערגעפּאקט אביסיל דאס פערדיל, און אליין אויך געוואָלט עפּיס פאקען, גיב איך א בליק, אויפ׳ן שול־הויף פּאקט זיך עפּיס איינער, א מענש אין דיא מיטעלע יאָהרען, טראָגט זיך דייטש נאך דער מאָדע, גאנץ לייטעש און נעהמט זיך פון דערווייטענס אויס, מישטעהנס־געזאָגט, עפּיס גאר חוזק. וויא זאָל איך איך זאָגען, עפּיס וויא איינער וואָלט אין באָד, וואו מענשען געהען נאקעט, אריינ־געקומען אין דעם אָנטהאָן, צו וואס, איך בעט אייך, זיך פוטצען און פאר וועמען זי

בוטצען, אז ביים מונעיאדעווקער עולם איז אויסגעטרעטענע פיאטעס, הוילע לאפעטקעס, בלויזע הערצער און אויסגעריבענע איילענבויגענס אויף זעהר רעכט, נישט חלילה אזא פערברעכען, אבי עס זאל זיין נאר א סימן פון זאקען, פון תחתונים מחילה און א קאפאטע?... אין מונעיאדעווקע מעגט איהר אויף מיין אחריות געהען אויף דער גאס אין איין טלית־קטן, צוהראשטעט, אהן זאקענ־בענדליך, נישט פארשפילעט, וואו מען בעדארף, און אויב חלילה איהר וועט הערען א קרום ווארט, וועל איך שולדיג זיין.... נישט דאס בין איך אויסען. מיינער האט זיך שוין אנגעשטויסען, אז יענער פארשוין איז א פנים דער אורח, און געקוקט אויף איהם עפיס נישט אזוי פריינדליך. פארביינעהענדיג לעבין מייןביידיל, שטעלט ער זיך אפ, קוקט מיך אן, דאס פעררדיל, דאס פעקיל סחורה, פריהער שווייגענדיג, נישט צו ריידען קיין ווארט, דערנאך טהוט ער מיך א פרעג אזוי:

— וואס איז דאס בייא אייך, ר' יוד, דא פאר ספרים?

— ע... עס... ספרים... ברומעל איך אונטער דער נאז, בכדי פון איהם זיך אויסצודרעהען, טראכטענדיג בייא זיך: פאקט זיך, ר' קרוב, ווייטער אביסיל.

— פארט וואס? מאכט ער מיט א בנעימותדיג שמייכעלע, ארייגקוקענדיג מיר אין דיא אויגען עפיס אזוי גוט, אז ער האט מיך דערמיט געגומען. איך הער מיך אויף צובלאזען און ענטפער איהם שוין גלייך, וויא א מענש, מיט ווערטער:

— יודישע ספרים: סידורים, סליחות, מחזורים, תחינות, קינות, וויא גע־וועהנטליך.

— און קיין אנדערע, חוץ דיא, איז בייא אייך נישטא? טהוט ער ווייטער א פרעג און בעקומט באלד פון מיר תשובה:

— עס, קנאפליך... קיין אנדערע לוינט זיך נישט צו פיהרען. לשון־קודש'דיגע איז גאר אין דער ערד. נישט קיין סחורה... היגע יודען קוקען אזעלכע נישט אן אפילו.

— היגע יודען, מאכט ער מיט א זיפץ, היגע יודען נעביך באדארפען ברויט, נישט קיין ספרים...

— וואס? מאך איך, קלאפפערשט וויא נישט גוט איינגעהערט זיינע ווערטער און אין הארצען פארדריסט מיך טאקי אביסיל, וואס ער צושטערבעט מיר אין גאנצען מיין קרעמיל. ער אבער פארשטעהט מיינע געדאנקען און ארויפ־

ליינענדיג זיין תאנר צו מיר אויפ'ן אקסעל, רופט ער זיך אָן מיט א דיט שמייכעלע:

— חלילה, נישט אייערע דאָזיגע ספרים מיין איך. יענע מיין איך, יענע וואס אלץ מיט שטראָף־ווערטער, מיט עצות און א געפילדער: פע, הבלים! פע, אָפּגעלאָזטקייט! געוואַלד בילדונג! יענע, וואס לוינט זיך נישט, וויא איהר זאָגט, צופיהרען און וואס היגע יודען קוקען זייא נישט אָן אפילו. היגע יודען זיינען גערעכט. ברויט, ברויט בעדארפען זייא האבען, מוסר און עצות איז קיין סילוק נישט פאר דעם מאָגען, איהם מיט א פזמון קען מען נישט אָפּקומען. קלאגען זיך אויף אוועק־געשטעלטע מאשינעס, פאר וואס זייא פוילען, שימלען דאָרט ערגיץ אין א ווינקעל, איז נאָר א געלעכטער. נעהמט בעסער הייבט זייא מיט אייערע הענט אויף, שטעלט זייא אויף דיא פיס, לאָזען זייא בייא אייך ארבייטען, וועלען זייא נישקשה נישט שימלען, נאָר איין אנדער פנים האָבען.. נאָר, אויף וויפיעל איך בין בעקאנט מיט דעם היגען ווינקעל, דאכט זיך מיר, אז אזוינס האט מען בייא אייך ווענינ אין זינען. דרשה'נען קען איטליכער זעהר וואויל; א ממרא, א סליחה מהיכא־תיתי, און עפּיס טהאָן — נישט פון דאנען אהין... גענוג חלעבין סליחות! נאך א מאל זאג איך, נישט אייערע חלילה מיין איך, יענע מיין איך. —

פון דיא דאזיגע רייד בין איך א היבשע ווילע געווען שטארק צודרעהט. עפּיס נאר אנדערע ווערטער, נאר א נייער מין פארשוין, נישט וויא געוועהנטליך דיא בריות בייא אונז! האט איהר געהערט אין אייער לעבען, א בריה א דייטש זאָל מיט דעם געמיינעם סאָרט יודישען עולם זיין איינס, נישט לאכען פון זיינע נארעשע גיינג, נישט שטראָפען, מוסרן איהם מיט לאנגע ממרות, פארקעהרט, נאך געבען איהם נאר גערעכט, זאָגען, א רחמנות נעביך, זיינע סליחות איז אָהן סכנות, איבעריג זיינען נאר יענע, דיא בריהשע־סליחות להבדיל!.. עפּיס טאקי א נייער שניט, וויא זאָל איך עס אָנרופען, דייטש אונטערגעשלאָגען מיט חסיד, פראק־לייבסערדאק, נאר א שפּאָגעל נייער מין, אויף וועלכען מען בעדארף מאכען שהחיינו! דער פארשוין איז מיר שטארק געפעלען, דאס הארץ האט מיר עפּיס צו איהם געצויגען. איך בין איהם א פנים אויך געפעלען, ווארום ער האט מיך פארבעטען צו זיך אויף דער אכסניא, מיך מכבד געווען מיט א גלעזעלע פונש און פארהאלטען מיך אין א טיפען שמועס מיט מיר אקעגען אגוטע עטליכע שעה. מנחה האבען מיר געדאַוועגט ביידע, דאָרט טאקי בייא איהם. איך האב מיך שוין דער־וואוסט ווער ער איז, וויא ער הייסט, פון וואנען ער קומט און וואס ער וויל דאָ אין אונזער ווינקעל. ער איז נישט אזא רייכער, וויא זעהר א געלעהרענטער, א

פיינער, אנגעזעהענער מענש; מזיל און אויערען האב איך אויפגעעפענט, הערענדיג זיין שמיעס. ער האט מיר דערצעהלט עפּיס אזוינס, וואס האט מיך דערקוויקט — גוטע זאכען, וואס זיינען זיך צו גאנגען אין אלע מיינע רמ״ח אברים. אי־אי זאכען, אי־אי בשורות!...

נאך א מאל; מזל טוב דיר, קאבצאנסקו מזל טוב דיר, טונער יאדעווקעו א האפנונג צו דעם, וואס לעבט אייביג, אז איהר וועט אויפגעריכט ווערען.

אויף מאָרגען אין דער פריה נאכ׳ן דאווענען, האט ער מיך ווידער פארבעטען צו זיך. נאך אמאל איבערגערעדט געכטיגען שמיעס און מיך געבעטען, אז דער וויל זאָל עס בלייבען בסוד. — ר׳ מענדעלי! האט ער אויסגעלאָזט דעם שמיעס מיט א פריינטליך שמייכעלע, אייער נאמען, נישקשה, איז מיר פון לאנג בעקאנט. עס טהוט מיר הארצעדיג הנאה אונזער בעגעגעניש דאָ. אז השם־יתברך וועט הייסען, קענט איהר מיר זעהר שטארק טאקי צוניטץ קומען. איך האב אייך איבערצונעבען עפּיס א זאך, וואס דערצו זענט טאקי איהר, נאָר איהר אליין מסוגל. עס מוז אָבער אביסעל געדולדיג זיין.

ער האט בייא מיר גענומען מיין אדרעס און מיך פארזיכערט, וויא באלד דער געוויסער ענין האלט אויף א שטייגער, בעקום איך פון איהם א בריעף מיט נאך עפּיס אזוינס... מיר האבען זעהר פיין זיך געזעגענט, איינער דעם אנדערן ווינשענדיג אל־דאס־גוטס.

ביים ווינשעווען האב איך, צו קיין גנאי זאָל עס מיר נישט זיין, מיך אביסיל אויסגעגליטשט. אין דעם ענין אווינשעווען בין איך, צווישען אונז גערעדט, א קנאפּער בריה, וויא א גרויסער טהייל יודען, וואס ווען זייא נעהמען זיך אויף שמחות צום ווינשעווען, מיינענדיג, דאס איז א חיוב, בעקען זייא אוועק א שעה מיט שיינענדיגע פּנימליך, עפּיס אָהן לשון. זייא דעם בעל־שמחה: גאָט זאָל געבען אז... אז... דער בעל־שמחה זייא: הלוואי... אז... אז... עס ווערט אזש נישט גוט צום חלש׳ען, שלאָגט צום הארצען אוןביידע צדדים ווינשען בייא זיך, איינער פּונ׳ם אנדערן פּטור צו ווערען. — געוועהנטליך האלט איך מיך איין, פּאטער אָפּ דעם חוב פון ווינשעווען בקיצור, ברומלענדיג אונטער דער נאָז, דאס מאל אָבער האט מיך דער גוט יאָהר נעטראגען, פאר גרויס ליעבשאפט צו דעם אורח, ארויס מיט א ווינשעניש גאנץ ברייטליך. נאָר אזוי וויא איך האב געעפענט דאס מויל, אזוי בין איך געבליבען וויא דערוואָרגען, געבעקעט, געאזעט אז... אז... מישטעהנס־געזאגט, אליין נישט צו־געסען וואס, און מיך געפונען אין דער קלעהם, נישט אהין, נישט

אהער. זעהר א מיאוסע לאגע, וואס מאכט זיך אמאל מיט א רבי'ל, ועלכען עס גלוסט זיך, האָטש ער קען נישט נעביך, אָלטען א דרשה... נישט דאס בין איך אויסען. דער אורח, לאנג לעבען זאָל ער, האט געפיהלט מיין נעמיט און מיך זעהר דעליקאטנע ארויסגעפיהרט פון דער קלעהם, אָנרופענדיג זיך דערבייא מיט חכמה:

— איך וויס, איך וויים. איהר ווינשט מיר אזוי פיעל גוטס, וואס גאר אונמעגליך ארויסצוזאָגען.

— יא, יא, אזוי חלעבין! מאך איך שוין מיט א גרינגער נעמיטה און טהו מיך דערווייל אליין טאקי א פיק אויף קאטאָוועס: מעלתו ווינשט מיר אויך זעהר פיעל גוטס און זאָגט עס פון־דעסטוועגען גאנץ גלאט ארויס.

— נו, נו, מאכט ער צוריק מיט א שמייכעלע. אין ווינשעווען בין איך איין בריה. דרינען האב איך נעהאט גוטע רבי'ס און דארויף פארבראכט מיינע יונגע יאָהרען. ווען נישט דאס ווינשעניש, וואָלט איך נישט געווען דאס, וואס איך בין אצינד... וואונדערט זיך נישט אזוי, ר' מענדעלי! ס'איז רעכט. אז נאָט וועט געבען דער פלאָן זאָל געהען, וויא געווינשען, וועט איהר דענסטמאָל וויסען און מיך פארשטעהן. לעת־עתה זייט מיר געזונט און פאהרט מיר געזונט!

מיר זיינען אין דעם איינענעם טאָג טאקי אוועקגעפאָהרען, איטליכער אין זיין וועג.

א היבשע צייט איז אוועקגענאנגען און פון דעם אורח מיינעם איז איין קול מיט צעהן אינות, ער איז וויא אין וואסער פארשווינדען געוואָרען. אויפ'ן הארצען איז נישט פרעהליך, שווערע צייטען, שלעכטע געשעפטען, נישט גוט ארום און ארום... דוא קאבצאנסק, דוא טונעיאדעווקע ליגסט נעביך דער־ווייל פארזונקען ביז דעם האלז אין בלאָטע, פון דערוויימענס יענע פעקיל לייט פילדערען א שרעק, גיבען עצות, דער אזוי, יענער אזוי, שטראָפען, זאָגען מוסר, איטליבער מיט זיינס: געוואלד, מהוט אייך אָן א כח, קריכט אויס דער הויט און ראטשקעוועט, זייט מוחל, אליין אייך ארויס! — קאבצאנסק, זייא נישט קאבצאנסק! טונעיאדעווקע, זייא נישט טונעיאדעווקע!...

און אז איך האב שוין א מאל געטהאָן מיט דער האנד, וויא איינער רעדט: פארפאלען, אויס האָפנונג! קומט מיר פלוצים אָן, גאר אומגעריכט, איין אויס־לענדישער בריעף מיט א היבש, פארחתמ'עט פעקיל. איך עפען דעם בריעף — א שמחה! דאס איז פון דעם אורח!... אָט וואס ער שרייבט:

„ידידי ר' מענדעלי! אז איך שר"ב אייך אצינד, איז א סימן ס'איז גוט — דער פלאן שטעהט אויף א שטיינער. אלא נישט, וואלט איך דאך נישט געשריבען. אויף שרייבען גלאט שלום־לאהובי בריוולעך קלעקט מיר נישט דיא צייט. זעהר מעגליך, מיר וועלען זיך, אם־ירצה־השם, אין גיכען זעהען. וועגען דעם עסק איז נאך דא אביסעל צו טהאן. דערוויל פארגיב איך אייך א לייענען, א גייטיג שטיקעל ארבייט, וואס געהער זיך מיט דעם עסק שטארק אן. דא אין דעם פעקיל, וועלכעם איך שיק אייך, וועט מעלתו געפינען מיינס א ספר, אין זעהר א גרינגער דייטשער שפראכע, געדרוקט אין לייפציג, היינטיגס יאהר, בייא בראקהויז, מיט דעם נאמען „ווינשפינגעריל", וואס ניט צו פערשטעהען דיא אלע זאכען, וועלכע עס וועלען, מיט נאטס הילף, איינגעפיהרט ווערען אין דער פראקטיקע, און לעהרענט, וויא אזוי מען בעדארף דערמיט זיך נוהג זיין, בכדי צו דערגרייכען, דאס, וועלכעס מען ווינשט און בענעהרט, נימצליך צו זיין זיך און דער וועלט. פאר וואס דער ספר הייסט „ווינשפינגעריל", דאס וועט איהר ארויסזעהען פון דיא כתבים, וואס זיינען בייגעלייגט אין דעם פעקיל. אין זייא איז דא א גאנצע בעשרייבונג פון מיין לעבען. ס'איז כדאי זייא זאלען אפגעדרוקט ווערען ביים ווינשפינגעריל אויף יודעש מכמה טעמים. איך בין דאך א חלק פונ'ם כלל מענשען, פאר וועלכע מיין לעבען איז דא בעשריבען. איך בין א פעדימיל, איינגעוועבט אין איינעם מיט זייא אין דעם גרויסען שטיק מאטעריע, וואס געהט אין דער וועלט, פון אייבינע צייטען, אונטער דעם נאמען „יוד". אנקוקענדיג מיך, וועלען זייא צוגלייך אנקוקען טאקי זיך אליין. דאס, וואס זייא וועט געפעלען, אדער נישט געפעלען בייא מיר, וועלען זייא עס געפינען אויך בייא זיך און האבענדיג פאר זיך א שפיגעל אין מיר, וועלען זייא זעהען, וואס פאר א פנים זייא האבען... ווירקען אויף א פאלק מענשען, קען נאר אזעלכער, וואס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש: וואס האט געליטען איינע צרות, געפיהלט איינע ווערטיגען מיט זייא. לאזען עס יודען, וויל איך, לאזען זייא עס לייענען און וויסען...

„אצינד, ליעבהארצעדיגער ר' מענדעלי, נעהמט זיך, זייט מוחל, צום איבער־זעטצען אויף יודיש מיין ספר מיט דיא כתבים און לאזט עס אפדרוקען. ס'איז נייטיג, זאג איך אייך, צום עסק. אויב אייך וועט געפעלען מקצר צו זיין, ארויסצו־נעהמען פון דיא כתבים נאר דעם רעכטען עיקר, מעגט איהר, מאכט אזוי, וויא איהר פארשטעהט, דרינען פארלאז איך מיך אין גאנצען אויף אייך. עיקר שכחתי: דאס פערדינסט פון דיא כתבים און זייא אליין שיינק איך אייך. פונ'ם גאנצען הארצען, אויף לעולם־ועד. זייט מיר געזונד! השם־יתברך זאל געבען, זיך באלד

צוזעהען אין פריידען און וואס מיר ווינשען יודען, זאָל מקוים ווערען במהרה בימינו אָמן. ידידכם...״

לכבוד דעם היילינגען באשעפער, דער דאָ לעבט אייביג ולכבוד זיין ליעב פאָלק ישראל האב איך אָנגעטהאָן דיא שפּאָקולען און דורכגעקוקט דיא אריינגעשיקטע כתבים. דיא מעשה, זעה איך, איז טאקי זעהר א שיינע, געשריבען, וויא מען זאָגט, אָגיל ואשמח, קאָכעכדיג און שפּיצעכדיג, דאס הייסט, אין דיא פשוט אנטפּלעקטע זאכען ליגען פארבאָרגענע סודות און שארפע אָנצוהערענישען. נאָר וואס דען ? זיא איז שטארק לאנג און יודעשע קינדער, וואס פערשטעהען זיך אויפ׳ן ווינק, קען דערווייל דיא נשמה אויסגעהען, ביז זייא וועלען אזא לאנגע מעשה אויסלייענען. צופיעל איבערציהען דעם בוינגען טאָהר מען נישט. עס קען זיך איבעררייסען. בכן איז בייא מיר געבליבען, אָפּצומאכען עס וויא ראש השנה מיט דיא לאנגע סטער־פעס פיוט. איך האב ארויסגענומען נאָר אזעלכע שטיקליך, וועלכע מיר טויג, זייא איבערגעניטצעוועט, וואו מען בעדארף אויך אויסגעלאָטעט, צונויפגעשטערכעט אין יודעשען נוסח מיט מיינס א שפּרוך, אזוי אז גאר נישט צודערקענען דיא שטעך און דיא לאָטעס מיינע. דיא מעשה קומט אויס נישקשה׳דיג, גאר קיין מעשה נישט און דערצעהלט זיך פון מיר, גלייך וויא זיא איז מיינע. נאָר ערטערוויים, ווען ס׳איז נייטיג צום ענין, לאָז איך ריידען דעם מחבר אליין. אויך האב איך לכבוד ק א ב־צ א נ ס ק ולכבוד אונזערע ברידערליך, מיך צוגארטעלט, צוגעזאָגט איינעם פון דיא אָרמע בריות בעלוינען איהם שפּעטער, אם ירצה־השם, פונ׳ם פארדינסט, מיט עטליכע גראָשען מינץ, ער זאָל מיר העלפען אין דעם איבערזעטץ פונ׳ם ספר מיט דיא כתבים. ער האט וואָכענוויים געשוויצט, געטהאָן, געארביים געשמאָק. גאָט מעג איהם פאר זיין מיה העלפען. ער פארדינט עס נעביך גאנץ כשר.... נישט דאס בין איך אויסען.

ועתה רבונו של עולם און אצינד דוא הערר פון דער וועלט, דאס איז פאר דיר אנטפּלעקט און וויסיג, אז איך האב גערן געטהאָן דיין ליעבען ווילן, זאָל עס זיין אויך דיין ווילן אויף דער צייט, ווען איך בעט דיך מיט מיינע הענט און פים און מיט מיינע צווייא הונדערט אכט און פערציג אברים, אז דוא זאָלסט אָנשרייען דעם שטן, ער זאָל נישט געוועלטיגען מעכב זיין אויף אונז אונזער פרנסה. זאָלסט באַ־ניטיגען אונזערע מזלות, אונז באשירמען פאר אלע דיא בייזע בעגעגעניש, וואס זייא שטורמען אויף דער וועלט און געבען אונז א געבענטשט לעבען, א פריעדהאפטיג לעבין מיט זיכערליכין. אונזער האָפנונג און דיא גוטע בשורה זאָל נישט זיין צו מידינקייט און צו לער, נייערט זאָל אלץ זיין לברכה והצלחה. ק א ב צ א נ ס ק

און כל ישראל זאָלען זיין געליעבט צו דיא אויבערשטע און געגלויבט צו דיא אונטערשטע. דאס אלע חלומות, וואס אונז זעלבערט, אָדער אנדערע האט געחלמט, זאָל אויף אונז אלע זיין צו גוטען. ותרצנו. און זאָלסט אונז באוווילינען. אָמן.

# דיא מעשה אליין.

## א.

וואס מען וויל, מעג מען אויף קאבצאנסקער יודען זאָגען: זייא זיינען עפּיס נישט אזעלכע גרויסע בריות, טהון אין דער וועלט נישט אויף עפּיס אזעלכע גרויסע חכמות, מישטעהנס־געזאגט זייער לעבען, שטערבען אָפּ דיא וועלט עס, אזוי, מיט גארנישט... און קומען אָפּ מיט שהי פהי — דאס און נאך אזעלכס מעג מען זאָגען, נאָר אין דעם ענין פון פרוכפּערען און מעהרען זיך, קען מען צו זייא חלילה גאר נישט האבען. זייא זיינען דרינען געוואָהרענט, נישט ערגער פון אלע אנדערע יודען. שונאים אפילו קענען נישט לייקענען, אז איטליכער קאבצאנסקער יוד איז א מטופל, אָהן עין־הרע, מיט א סך קינדערליך. און דיא טובה, וואס דער וועלט קומט דערפון ארויס, ווערט דאָ בעשיינפּערליך דערוויזען ווייטער אביסיל.

דיא קאבצאנסקער בעלי־הבתים זיינען, נישט פאר אייך גערעדט, גרויסע אביונים, האבען נישט, איהר זאָלט זאגען, א צובראָכענעם גראָשען ביי דער נשמה. אין קאבצאנסק אליין איז פאר זייא נישטאָ קיין שום פרנסה, סיידען איינער צום אנדערען מיט א טאָרבע אין דיא הייזער ארומצוגעהען. זאָל פריוועז איינער מאכען עפּיס א געשעפטיל, א קלייטיל א שטייגער, באלד טאקי טהוט איהם דער איבעריגער עולם נאך, און וויפיעל יודען אזוי פיעל קלייטליך. קרעמער זיינען דאָ וויא מיסט און א קונה נישט איינער. דעסגלייכען איז אין אנדערע זאכען. איטליכער האט ליעב אריינצושטופּען זיך אין דערמיט, אָנצוטרעטען יענעם אויפ'ן פוס גאנץ יודעשליך. וואו צווייא זאָל ער זיין א דריטער, וואו דרייא — א פערטער און אזוי אלץ ווייטער, ווייטער, ביז עס קומט אויס „וקבצנו יחד“ אלע קבצנים איך איינעם. שטיקען זיך צונויף, חאפּען זיך ארום, גאר ברידערליך, און ווערען אזוי דערשטיקט, פארהאפּט אלע אויף איין מאָל. אזא שטאַרקע אחדות, דאס הייסט, אריינצוקריכען מיט א פוס צו יענעם אין ביטעל, איינער ביים אנדערען דעם

ביסען פונ׳ם מויל ארויסצונעהמען, וואס גאָט ניט, אבי אין איינעם, מיר נישט, דיר נישט — דאס איז איינע פון דיא מדות טובות, וואס געפינט זיך נאָר טאַקי ביים קאַבצאַנסקער יודען. און אין דעם זכות קומט זייא טאַקי אויס איינער צום אנדערען אין דיא הייזער ארומצונעהען... דיא גאַנצע יניקה זייערע איז פון דער פרעמדע, מיינסטענס פון גלופּסק אַנספּאַר קאַבצאַנסק, וואס איז דאָ אַ גלופּסק, וואו מען קען נאָך עפּעס טהאָן און אַ שטיקעל קיום האבען קאַבצאַנסק שיקט אהין געוועהנטליך ארויס אלערלייא סאָרטען נפשות: מיני מלמדים, בעהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, צוגעלעגערטע, אויך פרישצאַפּעלדינגער איידעמליך אַזעלכע, ערשט אראָפּ פונ׳ם קעסט. יודען אַזוינע און אַזוינע, וועלכע דאס הארץ נאָר גלוסט: מיט כתבים, מיט מיחושין, זיידענע, גילדענאָדערדיגע, בעלי־תפלות, שופר־בלאָזערס, יודענעס כל־המינים: זאָגערענס, וויינערענס, שפּרעכערענס, אויסגעקינדעלטע, ווייבער מיט אייער, מיט פּסח׳דיג־געגזענ־שמאַלץ, פעדערענ־פּליקערענס, נאָך אין רעכטען קינדלען. היינט אַ מיש־מאַש בחורים, דיענסט־מיידליך, מיידען מיט צוגעדעקטע קעפּ, ווייבליך אַזוינע און אַמען אַזוינע, אָהן אַ שיעור. דיא דאָזינע לעבעדיגע סחורה גילט אין גלופּסק משונה שטארק, האט דאָרט אַ גרויסען אָפּגאַנג, און קאַבצאַנסק פון איהר זייט, וואס ארביים געשמאַק לטובת הכלל, פאַבריצירט אזא סחורה צו בעגליקען דיא וועלט, איז דער־מיט זיך זעהר מיחס. דעריבער הייסען אלע קאַבצאַנסקער יודען־מיוחסים. אז מען בעגעגענט אַ יודען, עפּעס אַ ווילדען בעל־גאוה, האט מען דעם בעסטען סימן, אז ער מוז זיין אַ קאַבצאַנסקער...

דער מחבר פין דעם „ווינשפינגעריל" האט געהאט דיא זכיה געבוירען צו ווערען דאָ בק"ק קאַבצאַנסק.

דיא עלטערען זיינע האבען פון איהם ביים געבוירען ווערען נישט געמאַכט אזא פירוש. זייא איז נישט איינגעפאַלען אפילו צוטראַכטען אַ ווילע, צרוואס האבען אזעלכע קבצנים וויא זייא, אראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט אַ לעבעדיג בעשעפעניש, אויף צרות נאָר פאַר זיך און אויך פאַר איהם. אָדער וואס האט מען מיט דעם נפש צוטהאָן עפּיס אַזוינס, אז דאס לעבען וועלכס זייא האבען איהם געשיינקט, זאָל איהם גיהא זיין און ער זאָל נישט שפּעטער האבען צו זיין קיין טענות: קבצנים, נעוואלד, וואס האט איהר מיך געהאט!... גארישע זאַכען חלעבין! דיא מאַמע האט געטהאָן איהר זאַך, איהם געטראָגען און געהאט פּשוט אָהן חכמות. אויף דארויף איז זיא דאָך אַ יודענע, זיא זאָל קינדלען. וואס דען? אפילו אַ הוהן להבדיל טהוט אויך, וואס גאָט האט געבאָטען — לייגט זיך אַן

קהאָקעס, נישט צופרענען קיין קשיות. דעם טאַטען ווידער האָט עס אויך נישט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט. טילאַ איז דאָ נאָך אַ נפש, וואָס קען עס איהם אָרען? קיין בויכוועהטיג האָט דאָך עס איהם אויך נישט געקאָסט. בויכוועהטיג האָט דאָך די נקבה און אַז פאַר איהר איז רעכט, איז דאָך פאַר דעם זכר פשיטא!... אי וואָס, ער איז אַ קבצן, מיט אַלע חן־גריבעליך אַ קבצן און נאָך אַ צוגעקומען מויל בעדאַרף דאָך פיקען? — נישמעהר גאַרנישט, לאָז זיך די וועלט זאָרגען. מיט דעם בטחון טאַקי פריהער אויף נאָט, דערנאָך אויף דער וועלט, איז ער אַליין דאָך, זיינע עלטערען און די עלטערענס עלטערען געבוירען געוואָרען. וואַרטען אויף דרך־ארץ, ביז מען וועט פאַר אַ יודישער נשמה אָנגרייטען דאָ פריהער אַלסדינג, וואָס נייטיג איז צום לעבען, און דערנאָך ערשט זיא אָפּמאַכטען אַהער צום גרייטען — דאָס קען אַ יוד נישט. אַ יוד, אַז ער וועט זיך נישט שטופּען מיט געוואַלד, וועט ער מעגען אייביג טאַקי דאַרט וואַרטען. עפּיס נישט אַזאַ מציאה, די וועלט זאָל אָהן איהם חלילה זיך נישט קענען בעגעהען. האָט ער זיך אָבער שוין דורכגעשטופּט און איז שוין דאָ מיטביידע פיס, שטופּט ער זיך מיט גאָטס כח ווייטער, ווייטער. ער שטופּט זיך, קוועטשט זיך מיט אַלע קרעפטען, פאָרענט־אַרום, הינטען־אַרום, אַלץ איינס, דורך טהיר אָדער דורך פענסטער, שטופּט אַזוי אָפּ דאָס גאַנצע לעבען און גאַרנישט...

אויף איין זאַך נאָר האָבען די עלטערען בייא זיין געבוירען ווערען זיך יאָ נעביך פאַרטראַכט און שטאַרק געבראָכען דעם קאָפּ: רבונו של עולם! וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען דעם נייעם נפש דיינעם? די אַלע נעמען, וואָס אין דער משפּחה איז געווען, האָט מען שוין פאַרטהאָן אויף די אַלע קינדערליך, וואָס האָבען זיך פאַרחאַפּט געבוירען צו ווערען פריהער פאַר איהם. מען האָט אָנגעהויבען פון די נאָהענטע קרובים און געגאַנגען כסדר ביז די ווייטעסטע — פערדם־פוס־פידקאָווע. בייא איטליכס קינד האָבען זיך געמיהט צווייא קרובים. דער טאַטע האָט אויסגעקראַצט איינעם פון זיין משפּחה און די מאַמע איינעם פון איהר משפּחה, אַזוי איז צווישען זייא שוין געווען אָפּגעמאַכט, און דאָס קינד האָט געהייסען צווייא נעמען. עס האָט זיך געפּאָרט: חאַסקיל־בן־ציון, ליפּע־טודרוס, דוואָסיע־קרוינע, פּסח־זעליג, ציפּע־סאָסיע, סטיסע־הינדע, קאַרפּיל־פייבוש, חנה־לעמיל, שמעריל־אייזעק, קיילע־ריקיל. אין אַ נויט האָט זיך איבערגעלייגט אַ זכר אין אַ נקבה, אַ נקבה אין אַ זכר, צווייא מתים האָבען זיך געפּאָרט און דער זיווג עולה־יפה געווען. פּונ׳ם פעטער חיים ווערט למזל חיה, פון דער מוהמע ברכה—ברוך; פון גרונע שפּרינצע ארויס גרונם און נחום ווערט איינס מיט נחמה. אַזוי איז דאָס אַ לאַנגע צייט

גענאַנגען, ביז מען האָט פּלוצים זיך אַרומגעקוקט — אַ וועהטיג דיא שונאים! דיא משפּחה האָט זיך אויסגעלאָזט, נישטאָ קיין נעמען!... דיא עלטערן האָבען אַ היבשע צייט זיך געדרעהט דיא קעפּ טראַכטענדיג, און גאָרנישט אויסגע־טראַכט.

— הערסט־דוא, לייזער־יאַנקיל! איז דיא קינפּעטאָרין לסוף אַרויס מיט דער שפּראַכע, נאָכדעם אַז זיא האָט פריהער זיך אַביסיל געקווינקעלט. פאָלג מיך מיין מאַן, און לאָז דאָס קינד הייסען גדליה־הערש, נאָך גדליה־הערשין.

— שאַ, טיפּשאָ! מאַכט דער טאַטע שטאַרק אויפגעבראַכט. לאָז מיר דיין גדליה־הערש מוחל זיין, נישט מוחל זיין, דעם נאָמען זיינעם וויל איך נישט הערען. ניין, צעהן מאָל, הונדערט מאָל ניין.

גדליה־הערש איז פון דער מאַמעס משפּחה. דיא באָבע חאָלצע (פון איהר איז דאָס אַרויסגעשפּרונגען חאַסקיל) האָט איהם אָנגעקעהרט אַ לייבליכע מוהמע. אין דיא הענט האָט ער געהאַט אַ מלאכה, עפּיס גאָר אַ כפול־שמונה׳דיגע. ער האָט געשטשאָבעט תחתונים, קאַפּאָטעס, היטלען, ווייבערשע קליידליך, ייפּעס, יאַמפּער־קעס און אַ מאָל אויך טאַקי געלאַטעט שיך. הכלל—אַלסדינג, וואָס נאָר מען האָט איהם געגעבען. אַ בריה אויף לאַטעס לייגען איז אין גאַנץ קאַבצאַנסק זיין גלייכען נישט געווען. און וויל לאַטעס גילטען ערגיץ נישט אַזוי וויא אין קאַבצאַנסק, דעריבער איז גדליה־הערש שטאַרק אין דער מאָדע געווען דאָרט. בייא וועמען נאָר עפּיס אַ טרען, אַ ריס, באַלד צו גדליה־הערשין; בייא וועמען אַ שוך, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, האָט געפּייפט, פאַרשטאָפּט איהם גדליה־הערש דאָס מויל און זאָגט איהם אָן מיט׳ן הארבען וואָרט, ער זאָל נישט פּייפען. איז דער איינענער טרען, דער איינענער ריס ווידער טאַקי דאָ מאָרגען און דער שוך הערט איהם נישט, האָט אַ העצה באַלד טאַקי ווידער צופּענען אַ מויל, איז גדליה־הערש נישט פויל, לאַטעט און לאַטעט, ביז דער רוח נעהמט צו דיא לאַך מיט דעם מלבוש אין־איינעם. ווען אַזאַ גדליה־הערש זאָל געווען אָנשפּאַרען אין פּאַריז, וואָלט ער גע־גאַנגען אין גאָלד, געטראָגען וואָלט מען איהם דאָרט אויף דיא הענט. אין קאַב־צאַנסק אָבער איז ער געגאַנגען נאַקעט און באָרפיס. און אַז מען האָט איהם דאָ שוין געטראָגען אויף דיא הענט, איז דאָס געווען דעמסטמאָל נאָר, ווען ער איז געפאַלען פון דיא פיס, בשעת ער האָט געכאַפּט איין איבעריגע כוסה. טרינקען האָט ער אפילו געקענט, וויל דיא מלאכה האָט ליעב דעם טרונק און אַנדערש קען מען נישט איינגעקויפט זיין אין דער חברה פ״צ, נאָר פון דעסטוועגען קען מיט דעם גרעסטען טרינקער זיך מאַכען, ער זאָל דווקא זיין אַמאָל שכור־לוט. בייס

אויסניבטערן זיך, פלעגט ער, וויא נעוועהנטליך א געוויסער טהייל שכורים, זיך פארענטפערען, ער איז נישט שולדיג, דאס אומגליק איז געשעהען, נאר ווייל ער האט גענומען דיא כוסה פון דער לינקער האנד. א סימן, אט נעהמט ער באלד טאקי א פלעשיל משקה, וויא געהעריג איז, זופט עס אויס פאר איין עדה יודין און ער זאל זיך חאטש פאר קרימען. אזעלכע קונצען פלעגט ער עפטערס בעווייזען און דער קאבצאנסקער עולם פלעגט נאר אנקוועלען. נישט אנגעקוואלען דערפון האט נאר לייזער־יאנקיל אליין: גדליה־הערש האט איהם מיט דער מלאכה פארשווארצט דיא אויגען. א קאטאוויס עפיס, ער, ר' לייזער־יאנקיל, ימים נוראים א בעל תפילה ערגיץ אין א גלופסקער קלייזעל און דאס גאנצע יאהר אזוי־זיך א שיינער יוד, קוקט אריין אין א ספר און רייבט זיך אין בית־מדרש אונטערען אויוועו—ער און דער בעל מלאכה, דער עם־הארץ, זאלען זיין קרובים! ער האט גדליה־הערשין בשום אופן נישט געוואלט אננעהמען פאר א קרוב, זיך אקעגען איהם געבלאזען און קיין מאל איהם נישט פארבעטען צו זיך א מאל אויף א שמחה. איז ער געקומען אומגעבעטען, האט מען אויף איהם זיך אפילו נישט אומגעקוקט. גדליה־הערש פון זיין זייט, האט פון לייזער־יאנקיל'ס גדלות זיך נאר נישט געמאכט און א מאל אויס איהם אויך געלאכט מיט גוטען, אהן גאל: „ווייס איך, וואס מיט לייזער־יאנקלין איז אזוי דער יחוס! ארומגעהען שלינג־און־שלאנג איז עפיס נישט אזא בריה'שקייט. א לאטע זאל ער פריווען לייגען, אזא לאטע וויא איך, דענסטמאל וועלען מיר זעהען. נאט איך א שמעלקע! א בהמה איז ער, נישט מעהר... לאז איהם גאט נישט שטראפען פאר דיא זינד." אזוי פלעגט ער געוועהנטליך אויסלאזען דעם שמיעס, א מאך־געבענדיג מיט דער האנד. מיט לייזער־יאנקיליכען האט ער זיך פארהאלטען זעהר גוט, פלעגט אויסלאטען איהרע מלבושים, איבערניטצעווען דיא קינדערשע זאכען, לייגען לאטעס אויף אויף דעם מאנס בגדים, נישט צונעהמען דערפאר א פרוטה. פארקעהרט, אונטער איין איינגער צייט פלעגט ער שטילערהייט נאך אונ־טערהעלפען איהר מיט עטליכע גראשען. לייט זאגען, אז אין דער יוגענד איז ער אין איהר געווען פארקאכט, זיא נאך איהם האט אויך געצאפעלט און עס האט גע־האלטען שוין אויף א שטייגער, אט ברעכט מען טעפ—נאר פלוצים האט זיך אונ־טערגעריקט דער שידוך מיט לייזער־יאנקלין, באבעס, מוהמעס האבען זיך פאר איהם געמיהט, אפגעשאצט זיין בייקולכין, פאר וויפיעל מען קען עס אננעהמען אין נדן אריין. ס'איז אויסגעקומען עפיס נאר א גליק, וואס טרעפט זיך איין מאל אין הונדערט יאהר. עס ווערט א קנסמאהל און גדליה־הערש בלייבט נעביך פון דרויסען אויף דער מילבדינער באנק. פון דענסטמאל אן, אזוי שמיעסט מען, איז גדליה־

הערש מוט׳ס פנים ארעס, נאר־נישט דער אייגענער וואס פריהער—עפּיס גאר טאקי א כשוף, איין אַפּגעטאָגענע זאַך, בעהיט זאָל מען ווערען! — איז געווען אלץ פאר־אומערט, פאַרזאָרגט און פאר צרות זיך גענומען צום טרונק. זעהר מעגליך, אז דערמיט האט אויך געשמעקט דיא שנאה אקעגען איהם בייא לייזער־יאַנקלין אין הארצען. נאָר וויא דיא מעשה איז, אזוי אָדער אזוי, דיא שנאה איז געווען גרויס. דעריבער אז לייזער־יאַנקיל האט דאָ פּונ׳ם ווייב נאָר דערהערט דעם נאָמען זיינעם, איז ער אָנגעצונדען געוואָרען.

הגם לייזער־יאַנקיליכע איז געוועהנט געווען צו דעם מאַנס זידלערייא און בייזקייט אויף גדליה־הערשין, נאָר היינטיגס מאל, ליגענדיג אין קינפּעט, האט עס זיא אָנגעחאַפּט ביים הארצען און זיך בעוואשען מיט טרעהרען, דער מאַן האט אויף איהר געקוקט מיט רחמנות און געמאַכט צו איהר שוין ווייכער אביסיל:

— וויין נישט, דוא טיפּשא איינע! זאָג איך דיר. א כשרה, עהרליכע יודענע בעדארף טהאָן דעם מאַנס רצון. אז דער מאַן זאָגט ניין, בעדאַרף זיין ניין. בעד־רעכען זיך נאָר, נארעלע, ווער, ברוך־השם, איז דיין מ אַ ן און ווער איז גדליה־הערש!...

— גדליה־הערש איז געווען א כשרה׳ר יוד, א גוטע נשמה.

— א כשרה׳ר יוד — א בעל מלאכה!! נאָר א געלעכטער חלעבין. קאָרג פארשוואָרצט האט ער מיר דיא אויגען בייא זיין לעבען, זאָל איך אצינד נאך איהם א נאָמען געבען מיינס א קינד און מיר אליין אָנטהאָן אזא חרפה! געה שוין, נארעלע, געה, רייד נישט קיין נארעשקייטען!

— אָבער א נאָמען, לייזער־יענקיל! וואו האסט־דוא א נאָמען? א שיינער טאָטע, מישטעהנס־געזאָגט!...

— א נאָמען!... עט... נישקשה. שטאַמעלט דער טאַטע און פארטראַכט זיך אביסיל.

— אָבער הער־הע! אז איך האב געהאט א חלום, הער־הע!...

— וואס חלום?! מאַכט דער טאַטע, אויסשטעלענדיג א פּאָר אויגען אויף דער מאַמע.

— גדליה־הערש איז מיר געבטען בייא נאַכט געקומען צו חלום. — מזל־טוב דיר, מלכה־טויבע! זאָגט ער און טהוט דערבייא א קרעכץ. איך ליג נישט רוהיג אין קבר דערפאַר, וואס אויף דער וועלט איז נאך נישטאָ מיין נאָמען. דערבאַרם זיך, מלכה־טויבעניו! מאַכט ער מיט א געבעט, וויזענדיג דערבייא אויפ׳ן קינד

אין דיא קישעליך. דוא האסט אצינד אין האנד מיך צו בערוהיגען. איך וועל מיך מיהען דארט פאר דעם כסא־הכבוד פאר דיר, פאר דיין מאן. דאס קינד דיינס וועט, אם־ירצה־השם, זיין א גוט שטיקעל ארבייט, א שארפע נאדעל מיט א שפיטציג קעפיל. בייא דיא דאזיגע ווערטער האט איהם גע־לויכטען דאס פנים און איז באלד פארשווינדען . . . וואס זאגסט־דוא, לייזער־יענקיל ?

— נו, נו... מאכט דער טאטע אהן ווערטער.

— נוקע נישט, לייזער־יענקיל, זאגט דיא מאמע, אזוי זאל איך זעהען פיעל נחת, וויא איך האב איהם געזעהען . . . היינט בייא נאכט איז ער ווידער געקומען. אלץ געקוקט אויף מיר און געוויזען אויפ'ן קינד, געוויזען אויפ'ן קינד און געקוקט אויף מיר . . . געוויזען, געקוקט פריהער מיט א געבעט. דערנאך . . . אוי, דערנאך שטשירעט ער אויס א פאר אויגען און לאזט זיך צו מיר מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וויא ער וויל מיך שטיקען, טהוט א זאג בייז: ווען נישט..

— ווען נישט, וואס ? וואס ? טהוט זיך דער טאטע א חאפ דערשראקע, בעטראכט דיא שיר־המעלותין און דעם קרייז מיט דער קאטשערע אויף דיא ווענט ארום דער קינפעטארין.

— וואס פרעגסט־דוא, לייזער־יענקיל ? וועה איז מיר נישט. עפים שפיעלט מען זיך מיט א מת ! וועה איז מיר, ווינד איז מיר...

— נו, נו. וואס־זשע ווילסט־דוא, טיפשא איינע ?

— האב נאט אין הארצען, וועה איז מיר, לייזער־יענקיל ! און זייא נישט קיין עקשן, ווינד איז מיר !

— טא...

## ב.

ס'איז געבליבען, דאס קינד זאל הייסען הערשיל נאך דעם לעצטען נאמען פון גדליה־הערש און עס האט דרינען געשטעקט א סך שפיטצליך. איין מאל האט דאך דער טאטע דאס רעכט אויך אויף א נאמען. צווייטענס, איז דאך א פשרה מאכען גאנץ יודעשליך, וויא זאגט דער עולם: יאק ני פסק ניחייא בודע פסק'עץ,ביידע צדדים זאלען צופרידען זיין. דריטענס, איז הערשיל פארט נישט גדליה־הערש. דיא חרפה האלב צוגעדעקט, ווארפט זיך נישט יעגעם אזוי אין דיא אויגען. און דיא מאמע, זעהר א גוטע בעל־הבית'טע, ליעב אפצושפארען אלץ אויף שפעטער,

האט בייא זיך געטראכט: הא, לאָז זיך וואלגערען אין דעם בעל־הבתישקייט איין איבעריגער נאמען גדליה, ער וועט אפשר צוניטץ קומען אויף שפעטער.

דיא מאַמע האט טאקי געטראָפען, וויא א חכמה! זיא איז אויסגעקומען מיט דיא נעמען וויא מיטען קרעפיל־פלייש. אין א קורצער צייט ארום איז זיא געלעגען געוואָרען ווייטער מיט א יונגעל און ער האט, הערשלין אויף צו לאַנגע יאָהר, גע־הייסען גדליה...

איך זאָג: הערשלין אויף צו לאַנגע יאָהר, ווייל דער ברודער גדליה האט זיך נישט לאנג געהאלטען, איהם איז נישט געפעלען דער מאַמעס קעסט. עס האט איהם געגרימט אין בייכעל, זיך געביך גענוג אָנגעליטען און ביים אויסשניידען זיך איהם ציינדליך, האט ער זיך מישב געווען און זיך אָפגעטראָגען. אויף דעם דאָזיגען שכל זיינען געפאלען עטליכע פון דיא שוועסטערליך און ברידערליך נאך פריהער, איידער הערשעלע איז געבוירען געוואָרען. זייא האבען געזעהען, אז מיט קבצנים איז נישט גוט צו האבען עסקים. דאס לעבען בייא זייא איז נאר איין אומ־גליק, אייביגע צרות, שטענדיגע יסורים. בעסער איין מאָל שטארבען, וויא צעהן מאָל אין טאָג אויסגעהען פאר הונגער, איידער עלטערן זיך אין דלות, פארוואַרפען אוי[ף] דער פאָלעצע דיא ציין, בעסער יונגערהייט פון דער וועלט געהען. א לאַנג לעבע[ן] אָהן ברויט איז א ביסליכווייסער טויט. נישט אלע מענשען אָבער זיינען גלייך. דוואָסיע־קרוינע און פסח־זעליג האבען זיך איינגעשפארט דווקא לעבען און פאר־זוכען, מישטעהנס־געזאָגט, דעם טעם פון חתונה האבען. זייא זיינען ביטערע אביונים און בעפאָלען מיט קינדערליך. א חוץ זייא האבען פונ'ם מלאך־המות העגט זיך אויסגעדרעהט ציפע־סאָסיע, חנה־לעמיל, קייכע־ריקעל און אונזער הערשעלע. ציפע־סאָסיע, שוין א מויד אין דיא יאָהרען, איז געווען נעביך הויט און ביין. דאס פנים אויסגעצויגען, דיא באַקען איינגעפאלען מיט בלויע רינגע[ן] אונטער דיא אויגען. אין דער יוגענד אָבער איז זיא געווען א בילד־שיינע, א לע־בעדיג מיידיל, זעהר א געראָטענע, א חנ'עוודיגע, א גוטע, עהרליכע, כשרה נשמה — מעלות, וואס אין רייכען שטאַנד ברייגנען דיא גליק, אין דעם אָרמען אָבער זעהר אָפט נאָר אומגליק. צוזעהענדיג דאס גרויסע עלענט בייא דיא עלטערען אין הויז, איז איהר געוואָרען א לאָך אין הארצען. איהר איז נישט אזוי אָנגעגאַנגען אייגענע צרות וויפיעל דיא צרות פונ'ם הויזגעזינד, וויא מענשען נעביך קומען עס אָפ, וויא פיטצליך אומשולדיגע קינדערליך דארבען עס נעביך, דארען־קווארען און געהען אוים ביסליכווייס וויא א לעכט. בייא איהר איז געבליבען, צוגעהען אין דער פרעמד, דינען, פארדינען און אָפגעבען דיא ליעבע עלטערען אין דער נויט. דא האט נאָר

געהאוסט, אז דער מאמע איז בייא זיך א גרויסער מיחוש, עס וועט איהם נישט אנשטעהן, זיינס א קינד זאל זיך שטעלען אין דער פרעסד, נאר דאס האט זיא אבער נישט אפגעשראקען, זיא האט זיך פירגענומען צו טהאן אלע מיטעל, זיך שטרעקען נאך דיא עקען, אזוי לאנג אזוי ברייט, ביז זיא וועט איהר'ס פועלין. זיא האט אויסגעקליבען דארויף א צייט, ווען ס'איז געווען זעהר איינג. אין הויז איז נישט געווען קיין שטיקעל ברויט, דער ווינטער האט צוגעטרעטען מיט זיינע שרעקליכע פרעסט און אין שטוב איז קאלט. חאטש וועלף צוטרייבען, וואכענווייס איז אויס דעם קוימען נישט נעגאנגען קיין רויך. דיא מאמע איז געווען אויף דער צייט מיט קיילע־ריקלען און געהאט זעהר א שווער טראגען. שמערל־אייזיק עליו השלום האט געמאזעלט, געפאכט מיט דער נשמה און דיא איבעריגע נאקעטע, הונגעריגע קינדערליך האבען זיך פארשלאגען אין א ווינקעל, געזעסען איינגעהייקערט אין צעהנטען, מיט סמאהע אויף דיא ליפען, שא, שטיל, נאר צייטענווייס א קרעכץ, א זיפץ טיעף פונ'ם הארצען, און געקוקט אין דער וועלט אריין מיט תמ'אוואטע גלעזערנע אויגען, אין וועלבע עס זיינען געשטאנען פארגליווערטע טרעהרען... דענסטמאל האט זיך ציפע־סאסיע'ן געעפענט דאס מויל, זיא האט געוויינט, גע־חלש'ט פאר דעם טאטען, ער זאל רחמנות האבען אויף דער מאמע'ן, אויף דיא קינדער, אויך אויף איהר און לאזען זיא שטעלען זיך ערגיץ אויף איין ארט. עס האט אויס איהר גערעדט דיא נשמה, א מבול הייסע נעפיהלען האט זיך איהר נעגאסען טיעף פונ'ם הארצען און דער טאטע, דערהרג'עט, דערשלאגען פון דער ביטערער נויט, האט לסוף איהר איינגעוויליגט מיט א געבראכען געמיטה... איהר אוועקפאהרען קיין גלופסק האט דער מאמע גענוג טרעהרען געקאסט, דער טאטע האט מיט איהר זיך געזעגענט שטארק בעטריבט. דיא גוטע, שטילע טויב איז ארויס פון דער נעסט ליידיג און בלויז, נאר מיט דער ברכה פון דיא עלטערען, מיט דעם הייסען „פאהר געזונט!“ פון דיא וויינענדיגע שוועסטערליך און ברידערליך.

קאבצאנסק האט אין א טראנספארט לעבעדיגע סחורה צוגעשטעלט גלופסק א שיינע, א יונגע דינסטמיידיל!...

ציפע־סאסיע האט באלד בעקומען איין ארט ערגיץ דארט אין א נגידיש הויז. דיא ערשטע צייט איז איהר נעגאנגען קיין מעשה נישט. מען איז מיט איהר און מיט איהר ארבייט שטארק צופרידען געווען. זיא האט געשריבען א היים פרעהליכע בריוועליך און אויך צוגעשיקט אביסעל געלט. נאך דערנאך האט זיך אנגעהויבען א מעשה. דער בעל־הבית האט אויף איהר געווארפען איין אויג און הינטער־

ווילעבס געפריווט ווערען מיט איהר א נאָהענטער מחותן. אין אנפאנג איז דאס נאך געווען אביסיל פארשטעלט. אויפ'ן ווינק, גלאט אזוי זיך. ער איז א גוטער מענש, בייא זיך פּראָסט, זעהר צוגעלאָזט און וויל איין אָרעם קינד נעביך מקרב זיין. פאר וואס נישט? פון זיין הויז האבען שוין עטליכע גאנץ פיינע דיענסט־מיידלעך חתונה געהאט, גאר נישקשה'דיג... לאָז זיא נאָר נישט זיין קיין נארעלע, ועט איהר אויך אַז וואויל זיין... ווייטער, ווייטער האט זיך שוין קלעהרער ארויס־געוויזען, וואס א נגידס גוטסקייט און צוגעלאָזטקייט בעטייט. בעהיט זאָל מען ווערען! עס האט זיך פאר איהר געעפענט פּלוצים גאר א נייע וועלט מיט אנדערע מיני קריינקונגען — א וועלט מיט א שטן, מיט א גיהנום און א קאַבעניש, פייער און שוועבעל; אזעלכס, וואס האט זיך איהר נאך פריהער גאר ניט געחלומט. דאס לעבען איז פאר איהר געוואָרען א מלחמה. זיא, שלאפע, אָרעמענקע נעביך, האט געמוזט שטעהען שטענדיג געוואָפענט אקעגען א שטארקען שטן, א געבאלעוועטען פּעמפּיק. דער געדאנק איהרער, וויא אזוי איהרע ליעבע קומען עס נעביך אָפּ, דאָרט אין דער היים, וויא אזוי נייטיג ס'איז פאר זייא חאָטש א קליינע הילף, האט איהר אונטערגעגעבען כח, צו ליידען איהרע גרויסע וועהטיגען. זיא האט זיך גע־ראנגעלט, געראנגעלט ביז איבער דיא כחות און געמוזט פאר צרות דערנאך פאָרט אָפּטרעטען פונ'ם אָרט.

זיא האט זיך געשטעלט נאך אויף איין אָרט. דאָרט איז געווען ווייטער דאס איינענע: פריהער קיין מעשה נישט, דערנאך א מעשה, שוין נישט איינע, נאָר צווייא. א מעשה מיט דעם בעל־הבית און א מעשה מיט דעם בעל־הבית'ס זוהן... קריינקונג, הארצוועהטיג און לסוף אוועק פונ'ם אָרט. ווייטער און ווייטער אלץ אויף דעם דאָזיגען שטייגער: קיין מעשה נישט, שפּעטער א מעשה, דיא אלטע מעשה, א מעשה איבער א מעשה און דער פינסטערער סוף פון דער מעשה. א חוץ מעשיות אין שטוב איז נאך מעשיות אין סעך: מיט קעכנעס, מיט ארייגנעהערס, מיט מעקלערענס און מיט יענע, וואס ווערען אויף דער עלטער נבאי'טעס. הכלל, א „טויזענד און איין נאכט" מיט מעשיות. ציפּע־סאָסיע איז געוואָרען נעביך א קרבן פאר איהר שיינקייט... אויף צרות נאָר איז זיא גע־בוירען געוואָרען א שיינע. וויא קומט אזוינס צו אָרמע לייט, מיט וועלכע מען איז עפּיס נישט אזוי מחויב צו מאַכען צערעמאָניעס און קוקען דארויף, טאָמער קריינקט מען זייא מיט א גראָב וואָרט און נעהמט בייא זייא צו דאס גאנצע חיות מיט א מיאוסער בעהאנדלונג?... אויך מיר א מענש ציפּע־סאָסיע, איין אָרמע דיענסט־מיידיל! דיין שיינקייט, אָך, מהיכא־תיתי און דוא אליין... געמעגס עסק איז עס?

מענסט אפּילו דיא כפרה ווערען. אַי מאַמיר האט ציפּע־סאָסיע פאטער און מוטער, וועלכע האבען זיא הארצעדיג ליעב, מיט איהר אין לעבען פיעל מיה געהאט, נעגוג קאָפּדארעניש, נישט דערגעסען, נישט דערשלאָפען, ביז נאָט האט געהאָלפען זיא איז אויסגעוואקסען; אַי מאַמיר האט ציפּע־סאָסיע איהר עלטערען אויך שטארק ליעב, זיא ארבייט, זיא דיענט וויא־ס'איז אונטערצוהאלטען איהרע ליעבע נעביך, וואס חוץ זייא קריכט איהר גאָר נים אין קאָפּ קיין אנדערע זאכען — אזעלכס נעהט קיינעם אויפ'ן געדאנק אפּילו נישט ארויף. נארעשקייטען, פון ווען מען האט דאָ צו טראכטען!... ציפּע־סאָסיע אָבער האט אויך א נשמה, זיא טראכט, זיא פיהלט.... בעריהרט מען זיא גראָב, טהוט איהר וועה...

„דעריבער, אזוי זאָגט דער מחבר פונ'ם „ווינשפינגעריל“ אין זיינע כתבים, דעריבער האט ציפּע־סאָסיע נישט געקענט מעהר אויסהאלטען און איז קראנק, צו בראָכען מיט א שווער געמיטה נעביך געקומען צוריק א היים, צוריק צו איהרע אָרמע עלטערען, שוין נישט דיא ציפּע־סאָסיע, וואס פריהער. דיא מאמע האט גע־פיהלט דער טאָכטערס ביטער הארץ און איז אויסגעגאנגען פאר רחמנות אויף איהר דערשלאָגען קינד.

„אָרמע, בידנע שוועסטער! דיין אומגליק איז, וואס נאָט האט דיר געגעבען חן; דיין אומגליק איז יענע גליקליבע מיט דיין שיינקייט צו געפעלען. פארשפּילט איז דיין וועלט, פארוויסט איז דיין לעבען, אז אָך און וועה דיר נעביך, אָרמע, אומגליקליכע שוועסטער!....“

## ג.

אצינד אז הערשעלע אונזערער זאָל נעהמען דיא בעסטע לאנד־קארטע, אויף וועלכער עס שטעהען געצייכענט דיא אלע שטעדט פון גרוים ביז קליין און זאָל זוכען אפּילו מיט ליכט, איז פון קאבצאנסק קיין זכר נישטאָ דאָרט און א מאָל אין דער יוגענד האט ער געמיינט, וויא א וואָרעם זיטצענדיג אין חריין, אז קיין בעסערעס פון קאבצאנסק איז נאר נישטאָ. קאבצאנסק אליין טאקי איז איין שטאָדט אויף דער גאנצער וועלט, דער פּופּיק איהרער, פּונקט אין רעכטען מיטען. ווייטער, אין דער זייט, איז שוין מדבר, פארלעגענע ערטער מיט ווילדע חיות. מענשען, וואס מענשען הייסען, אתה־בחרתניקעס, פּאמע צימעס, זיינען נאָר דאָ. פאר זייא אליין שיינט דיא ליכטיגע זון בייא טאָג, דיא לבנה און שטערען בייא נאכט און נאָט נים זיך אָפּ, האט מעהר נישט צו טהאָן נאָר מיט זיינע

קאבצאנסקער יודען... ער גיט רעגנען פון זייערע בהמות וועגען—ציגען זאָלען האבען פאשע, אויך קאַליושעס וואסער אויף צוטרינקען, בכדי צופארשפאָרען אָפּפרעסען דיא שטרוי פון יודישע דעכער און לעקען דיא ווענט פונ׳ם בית־המדרש. ער גיט טרוקענע שיינע פּאָגאָדע, דיא ווייבער זאָל גוט זיין צוגעהען פרייטיג אין יאטקע, אין מארק אריין, איינצוקויפען אויף שבת. ער מאכט א גרויס גערעטעניש אין קארטאָפלעס, ציבעלעס און קנאָבעל, יודעליך נעביך זאָלען האבען וואס צו עסען. הכלל, ער דרעמעלט נישט און שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל, ער ארבייט מעשים, קעהרט א וועלט נאָר צוליעב זייא, צוליעב זייא... דערפאר בלאָזען איהם יודען שופר, זינגען איהם א מלך עליון און שפּרינגען קדושה, דערפאר מאכען דיא פון זיין כבוד וועגען א לאָקשען־קוגעל — שבת, קניידליך און חרעמזיל — פסח און געהען א טענציל לעבעדיג־פרעהליך צו דיא הקפות שמחת־תורה. חנוכה דאנקען זייא איהם אָפּ מיט א דריידל, פורים מיט א המנ־קלעפיל, פארשטעלען זיך און מאכען דיא פורים־שפּיל, דיא גאנצע קאָמעדיע אלץ לשם שמים, צוליעב זיין הייליגען נאָמענס וועגען....

נאך איין שטאָדט אמת איז איהם געוועזען בעקאנט, וועלכע עס האט געשוועבט פאר איהם עפּיס וויא אין דער לופטען, געשווייבעלט און געגריבעלט מיט גאנצע מחנות מלאכים, פלינעל־אדיוטאנטען, און קוריערין פון גאָט־ברוך־הוא צו דיא קינדער ישראל—דאס איז דיא הייליגע שטאָדט ירושלים, וואו יודען ליגען בעגראָבען אין דער ערד, אין ארץ־ישראל ערד, טאקי נאָר לעבעדיגע מתים, וואס פוילען נישט און עס האלט זיך זייער געביין; וואו יודען האבען א פּיינ... איילבערטין, טייטלען, מילגרוימען און ציגען עסען דאָרט באָקסהאָרן.

נאָר, אוי־וועה! ירושלים איז אָבער אצינד וויסט, חרב, אויס שטאָדט, אויס וועלט און פאר אונז, יודישע קינדער, איז היינט א לעבען דאָ, אין קאבצאנסק — אין קאבצאנסק, אין גלות... דער קאבצאנסקער נגות איז דענסטמאָל אין הערשעלעס אויגען בעשטאנען פון גאברילאָ דעם שבת־גוי, וואס שנייצט אָפּ שבת דיא ליכט, נעהמט אראָפּ פונ׳ם טיש דיא מעשענע לייכטער, און הייצט בייא יודען דיא רובעס; פון טעקלע, וואס וואשט גרעט, שווינקט איבער געל־גרינע ווינדעליך פון יודישע קינדער און מעלקט דיא קיה; פון קאָנדראט דעם שכור, וואס פאר א גלעזעל בראנפין פארקויפט מען איהם — דעם גאנצען קאבצאנסקער חמץ; פונ׳ם פריץ, וואס יודען האלטען בייא איהם ארענדעס, דערנעהרען זיך דערפון מיט ווייב און קינדער און מוזען נעביך פון יוצא וועגען איהם צאָהלען אמאל ראטע; וואס מוזען נעביך צו איהם אָנקומען אונטער א יום־טוב, ער זאָל זייא

שיינקען זעקליך קארטאָפלעס, אינדיקעס און ווייץ אויף מצה — אך, ווערה, וועה געשריען ! ערגער נאָך וויא אלע פון מ י ט ק א דעם קליין שיינעציל און זשוקיל זיין קליין הינטעל, פאר וועלכען נישט נאָר קליינע יונגליך האבען געציטערט, אויף יודען מיט בערד, בעווייבטע, גרויסע תקיפים, פלעגען האבען דאס ניין יעהריגע און פאר איהם פאר א מייל אנטלויפען; נאָט ווייסט, צו וואס דער ביטערער גלות של מיטקא וואָלט געפיהרט, ווען ער זאָל זיך ציהען שטענדיג...

„א נס, זאָגט הערשעלע אין זיינע כתבים, א נס, וואס מיטקא האט ליעב געהאט א יודיש שטיקעל חלה. פון א שטיקעל חלה, וואס מען פלעגט איהם אונ־טערריקען הייעש, איז ער געוועהנטליך אויף א געוויסער צייט, געוואָרען גוט, וויך וויא א טייג, האט זיך בעלעקט און געקוקט שוין אנדערש אויף יודישע קינדער. וואס יונגליך האבען פריהער נישט געטהאָרט, האבען זייא שוין געמענט. יעקב׳ס טאַפּ לינזען איז געבליעבען אויף תמיד טאקי זעהר א גוט מיטעל. ווער שמיעסט, א יודיש שטיקעל געפילמטע פיש איז גאר א וואונדער! נאָר חוץ דיא אלע זאכען איז דאָך מיטקא נישט מעהר געווען וויא א גארעש יונגעל און טאקי אליין ליעב געהאט אַפּטהאָן מעשים, שטיפען מיט חברה קונדוסים. ביים שפּילען זיך איז ער מיט זיין גראָבען קאָפּ שוין געלעגען בייא אונז אין דיא הענד. א פערדיל איז ער געווען זעהר א וואוילס, כח צו לויפען, צו דריגען מיט דיא פיס, האט ער געהאט, און מיר, מיט אונזערע יודישע קעפּליך, פלעגען אויף איהם פאָהרען רייטענדיג, דערלאנגען איהם הינטערוויילכס א שמיטצעל און פיהרען איהם בייא דער נאָז, וואָהין מיר האבען געוואָלט . . . האבען מיר עפּיס געמייסטערט, געשטעלט א מילבען ערגיץ אויף א רינשטאָקיל, האט ער מעהר נישט געטוינגט וויא נאָר דערצו: צוברייננען זאמד, טראָגען שטיינער, גראָבען דיא ערד און קריכען אין בלאָטע. יודישע קינדער פלעגען זיך נאָר קוועטשען, אונטערהעלפען איהם מיט א סאָפּען, מאכענדיג: הא־הא, ארבייט, טהו מיטקא, אזוי, אזוי !... שרייבענדיג איבער מיטקען שטעל איך איהם מיר אצינד פיר שוין א גרויסען, א געזונטען. מעגליך, אפשר איז ער ערגיץ אין דער וועלט היינט א גאנצער פּריץ און טראכט אלץ: אָך, ברודער! האסט־דוא פערגעסען יונגעלשע זאכען: לאָזען דיא האנד פרייא...?"

זשוקעל, וויא עס שטעהט געשריבען אין דיא כתבים, איז אויך נישט געווען קיין שלעכט הינטעל. פאר א שטיקעל ברויט פלעגט ער סלוזשען, שטעהען אויף דיא לאַפּקעס און דרעהען מיט דעם וויידעל. און הגם א שטיקעל ברויט האט א גרויסען ווערטה בייא קאַבצאנסקער יודען, פון דעסטוועגען האט זיך קיינער דארויס ניט געמאכט אנגעטרוואָרפען עס אמאל זשוקען, טראכטענדיג בייא זיך: לאָמיך

א ווגנט פארשטאפטן דאס מויל. נישדייא ני לאיע, כאז ער נישט בילען. — יודען מיט בערד פלעגען שמאכען פאר גרויס הנאה, ווען זשוקיל האט זייא אנגעטהאן דעם כבוד, א חאפ צו טהאן פון זייערע הענד דאס ביינדיל און געטוקט אויף זייא פריינטליך, בשעת קנאקענדיג עס מיט דיא שארפע הינטישע ציין. פלעגען שמאכען, גלעטען דאס בערדיל, טרייסטענדיג זיך מיט דער האפנונג: גו, חבר... פון היינט אן זיינען מיר שוין חבר. שוין אהן סכנות.. דערבייא טאקי זיך מאכען קוראזש אנצוריהרען פון דערווייטענס זשוקלען, מיט א שפיטץ פינגער א גלעט צו טהאן איהם ביים קעפיל, און, אז מען איז שוין יא א שטיקעל חשוב, פריווען דערווייל טאקי אנצורייצען איהם אויף אנדערע: אטרנא, קוסייא! וויא דער שטיינער איז פון יודען...

הײנט, אין דיא עלטערע יאהרען, ווייסט אונזער הערשעלע שוין, אז יודען צווישען אלע מענשען אויף דער וועלט זיינען דיא העהנער, וואס ליגען שטענדיג אונטער'ן פעקעליק לעבין ווייב און קינדער. דאס הויזגעזינד איז בייא א יודען דאס גאנצע לעבען, טיעף איינגעבאקען איהם אין הארצען און דער טאטע זיינער איז דרינען געווען א יוד שביודען, א האהן שבהעהנער. ער ווייסט היינט וואויל, אז דער טאטע האט איהם זעהר ליעב געהאט, נאר דאס איז געווען א פארבארגענע ליעב־שאפט אינווענינג אין הארצען, אויפ'ן יודישען שטייגער, אין פנים אבער האט מען עס איהם נישט ארויסגעזעהען. פארקעהרט, אויפ'ן פנים איז איהם שטענדיג גע־לעגען א פינסטערע חמארע. ער האט געקוקט עפים וויא בייז, אנגעלאדען, מיט א ביטער־זויערער מינע. ס'איז איהם עפים וויא נישט אנגעשטאנען צו ריידען, לאבען, נארעש צו מאכען זיך מיט דיא קינדער, האלטענדיג אין דער סברא, אז פאר א טאטען פאסט נים אזעלבע זאכען. קינדער בעדארפען פאר א טאטען מורא האבען, וויסען דרך־ארץ, אין זיינע אויגען נישט אונטערשטעלען זיך הויך ריידען, א לאך צו טהאן חלילה און בעדארפען געהען אויף דיא שפיטץ פינגער. האט זיך א מאל א קינד פארזינדיגט מיט א הויך קול, מיט א געלעכטער און עפים א פרייע בעוועגונג, איז איהם עס נישקשה באקום אויסגעפאלען פון טאטענס א בליק, וואס האט איהם דורך־און־דורך־געשטאכען. מיט דעם ווייב האט ער פאר פרעמדע, אויך פאר אייגענע מענשען קארג־וואס גערעדט, זיא נישט גערופען בייא דעם נאמען, נאר געזאגט געוועהנטליך: דוא, הערסט דוא! און א מאל אויך: טיפשא. אין הארצען איז ער געווען צו איהר טאקי זעהר גוט, גוט וויא דיא וועלט, נאר ארויסווייזען עס בעשיינפערליך האט ער עס פאר זיך געהאלטען פאר אין אומכבוד, עפים פריקרע, נישט שיין פאר א יודען. ער — איז דאך ער א

מאנספערשוין, א יוד, און זיא איז א זיא, נאך אלע זאכען פארט נישט מעהר וויא א נקבה, א יודענע... ער איז געוועזן אין דעם הויזגעזינד טאקי איין אמת'ער האָהן, וואס פיהרט זיך שטענדיג ארום מיט דער הוהן און מיט איהר פליד, זוכט, קראצט פאר זייא אוים ווערעמליך, שפייז פון אונטער דער ערד. נאָר זאָל פריווען א היהנדעל עפּיס טהאָן נישט וויא זיין ווילען, גיט ער עס א פּיק אין קעפּיל. ער געהט פאררוסען דעם קאָפּ אין דער הויך, דיא אייגליך פייערען איהם, קוקט מיט גדלות און בכדי צובעווייזען, וואס אזוינס ער איז, טהוט ער א קלאפּ מיט דיא פליגעל, מאכט א המלך, א ברייטען, גרויסען קוקוריקו! דאס בע־טייט: תרבית היהנער, ווייסט, ווער עלטער איז!...

צוגעלאָזט און בערײדעוודיג איז דער טאטע געוועזן נאָר אין אזעלכע געוויסע פעל, ווען א קינד, א שטייגער, איז קראנק געוועזן. דענסמאָל איז ער פון איהם נישט אָפּגעטרעטען אויף א טריט. האט עס געגלעט, געטאַפּט ביים שטערען, איינגענומען מיט גוטע רייד און צוגעזאָגט מתנות, שיינע שפּיכליך, וויפיעל דאס הארץ גלוסט: א שיין הילצערין שווערדיל אויף תשעה באב, אָפּגעפארבט מיט שווארצע יאגעדעס, א גראגער, א דריידיל, א פאָהן מיט א רויטען עפּעל, ארויפגעשטעקט אויבען, דער־בייא טאקי נאכגעמאכט וויא א גראגער גראגערט, וויא א דריידיל דרעהט זיך, זומזעט און וויא יונגעליך מיט פאָהנען געהען צו דיא הקפות, קוויטשען: עוזר דלים הושיעה נא! אָט אזוי, אזוי... בכדי ארויסצובעקומען דערמיט ביים קראנקען קינד נעביך חאָטש א קליין שמייכעלע. איז עס איהם גערעטען, איז ער געוועזן איבער־גליקליך. אָדער א שטייגער ווען עפּיס א שמחה, א יום־טוב און מייסטענס פּסח צום סדר, אז ער איז געזעסען אָנגעלעהנט, וויא א פּריץ, אויף דער עסע־בעט אין קיטעל, דאס ווייב קלאָהר־וויים אָנגעטהאָן לעבין איהם. ער האט זיא גערופען מלכה, זיא איהם — מלך.ביידע האבען געלויכטען, געקוקט מיט שיינענדיגע אויגען, דאס איינער אויפ'ן אנדערען, דאס אויף דיא אויסגעצוואָגענע קינדערליך ארום דעם טיש און דאס אויף דיא כוסות, אויף דעם טעלער, אין וועלכען עס ליגען שיין, פיין אויסגעלייגט וויא געהעריג: דיא זרוע אין דער רעכטער האנד, אונטען חרוסת, דאס איי אין דער לינקער האנד, אונטען כרפּס, גרינס פון פּעטרעשקע און צווישען זייא מרור, געריבענער חריין, נאר מחיה. א־נו, הערשעלע, פלעגט מאכען דער טאטע, אָנגעהטענדיג דאס קינד פאר'ן בעקעלע, פרעג מיך, הערשעלע, דיא פיער קשיות. הערשעלע האט זיך צושאָקעלט, אָנגעהויבען הויך אויפ'ן בייא־קול'כען, מאכענדיג דערבייא מיט'ן גראָבען פינגער: טאטע! איך וועל דיך פרעגען, טאטע, פיער קשיות! און אָפּגעקנאקט לעבעדיג איין קשיא נאך דער

אנדערער. דענסמאָל איז מען פרייא געווען צורידען, צולאכען, וויפיעל מען וויל. הפקר א וועלט. דיא קינדער פלעגען זיך אָנשיכורין מיט גאנצע כוסות לאקריצע, וואס דיא מאמע האט אָנגעקאָכט אין יענעם גרויסען פ ס ח׳ד י ג ע ן טאָפּ און פלוידערען, אויף וואס דיא וועלט שטעהט.

## ה.

א חוץ דיא דאָזיגע פעל איז דיא מורא פאר׳ן טאטען געווען גרויס. אין שטוב איז אונזער הערשעלע, וויא דיא אלע איבריגע קינדער, געווען שטיל, נאָר אָבער וויא א שטיל וואסריל, וואס גראָבט טיעף. צווישין זיך פלעגען דיא קינדער שטילער־חייט אָפּטהאָן מעשים, קריגען זיך, נאָכקרימען זיך אויפ׳ן ווינק, איינער דעם אנדערען ארויסשטעלען פייגען, דערלאנגען א זעטץ, א קניפּ און שאַ. איטליכער האט גע־וועהנטליך געהאט זיינעם אויף צוקריגען זיך. הערשעלס צולהכעיס׳ניק איז געווען חנה־לעמיל. זייא זיינען געווען פייער און וואסער, צווייא נישט קיין גלייכע מענשען. חנה־לעמיל האט געוואָלט, וויא איין עלטערער ברודער, וואס אַט באלד א חתן־בחוריל לעהרען דעם יונגערען דרך־ארץ. עס האט איהם געברענט, פאר וואס דער טאטע זעצט שבת ביים טיש הערשעלין נאָהענט לעבין זיך און שמעלצט זיך גאר הערענדיג וויא ער טערעלייקעט „כל־מקדש“. און האלט איהם אונטער אין דיא זמירות אויף א דיק־קוויטשיג קול׳כין. ער פלעגט דעריבער אלץ קריכען צום טאטען אויף הער־שעלין מיט מסירות, בכדי צופארמיאוסין איהם אין זיינע אויגען, און שטיקערהייט צווישען זיך פלעגט ער נאָכקרימען הערשעלין וויא ער טערעלייקעט, אריינשטעד־קען דערבייא א פינגער אין גערגעלע, שאָקלען דאס קעפּיל און אָנגעבלאָזען זיך וויא איין אינדיק. הערשעלע פלעגט זידען וויא א קעסיל. ארויסשטעקען דאס צינגעל און מיט אויפגעשטלטע קולעקליך מאכען אין איין כעס: פוקע זיך, חנקע־לעמילדריג! אָבער אלץ שטיל. מען זאָל נישט הערען.

אין שטוב איז הערשעלע געווען וויא א שטארק אָנגעבלאָזען פאחיריל, זיך איינגעהאלטען, קיין פארע זאָל מען פון איהם נישט הערען, אקענען־זשע אָבער אין דרויסען האט דאס פאחיריל געקלאָפּעט און ס׳איז ארויס פרייא אלסדינג, וואס אינווענינג אין איהם האט זיך געשטיקט. דאָרט איז ער געווען א פייער, א שפּירט, איין קונדעס אין דער וועלט. ער האט זיך איבערגעשלאָגען מיט אלע יונגליך און ארויסגעוויזען זיין גרויס בריה׳שאפט. אין שטיינער ווארפען, האפען א ציג פאר דיא הערנער און זעטצען זיך אויף איהר רייטענדיג, אָנגעהמען פבוצלים דעם

קאבצאנסקער קהל'שען צאפ פאר דער באַרד און אויסרייסען איהם א פולען הויפען האָר, שטעכען חתן־כלה אונטער דער חופה מיט שפּילקעס, נאכלויפען א משוגענעם אויף דער גאס, אונטערחאפּען זיך הינטער א וואָגען, בשעת פאָהרענדיג געשווינד, דערצו איז ער געווען איין בריה טאקי. ווייסע־חברה האט דעריבער פון איהם שטארק געהאַלטען און איהם מכבד געווען מיט כהן אין אלע קונדייסקע זאכען. אין דיא מלחמות צווישען דיא קונדסים, איז ער געווען דער גענעראַל, מיט עפּיס א פאפּירין שארמיטצעל פון א בשמים־קרעמיל אויפ'ן קאָפּ, ארומגעשטעקט מיט פעדערען. דיא גבורות און דאס גאנצע גרויסקייט זיינס איז בעשטאַנען אין פיטשקען, וואס ער האט געהייסען איטליכען מקיים פסק זיין, גלאַט אַזוי־זיך פון זיין כבוד וועגען און אַז דער גענעראַל, הערשעלע לייזער־יאַנקילס, האט בעפוילען—איז מחויב געווען איטליכער, פון דעם קליינסטען ביז דעם עלטסטען, באַלד צו פאָלגען. בשעת פרידען, נישט קיין מלחמה צייט, פלעגט אונזער הערשעלע מיט דעם גאנצען פעקיל יונגליך זיך אָפּגעגעבען מיט אַנדערע געשעפטען, און געשעפטען זיינען געווען זעהר פיעל, ברוך־השם, אין איטליכער צייט. זומער ביא טאָג פלעגט ער פיהרען ווייסע חברה באָדען זיך אין ק א ב צ א נ ס ק ע ר טייך—א גרויסער רינשטאָק מיט א פאַר־שימעלטער בלאָטע ביים ברעג, וואו שטאָדט־חזרים זיינען געלעגען איינגעזונקען טיעף ביז איבער דיא אויערען, ארויסשטעקענדיג נאָר דאס פיסקעל. דער גאנג אַהין איז געווען לעבעדיג־רעשיג, טאקי וויא מען זאָגט, בעגראַנדע, נישט אויסגעלאָזען איין זאַך אויפ'ן וועג, מען זאָל עס נישט בעריהרען. יונגע גענזעליך צולויפען זיך, אונטערפליהענדיג אַביסיל מיט דיא קליינע, נאָך נישט גוט בעפעדערטע פליגעליך; דער גאָנער סאָפּעט, סמאָרעט מיט דיא נעזליבער, אויסקרימענדיג דעם האַלז וויא א שלשלת. דאס קעלביל דאָרט איז זיך מטריח אויפצושטעהן פונ'ם גראָז, שטעלט אויס א פּאָר אויגען, רוקט זיך אויף עטליכע טריט אָפּ, וואַרפענדיג מיט'ן קאָפּ און אָנבייגענדיג דעם שטערען צו דער ערד, פאַררייסט דערנאָך דעם וויידיל און אַוועק. . . חברה שפּילעט זיך אָפּ, קנעפּעלט זיך אָפּ, נאָך געהענדיג, אין איילעניש, אַזוי אַז צוקומענדיג צום ברעג טייך פאַלט פון איטליכען דאס אָנטהאָ פלוצים אראָפּ — און פּוטץ אין וואסער אריין, בול־בול־בול! — צווישען מנחה און מעריב איז ווייסע חברה זיך צונייפגעקומען אויפ'ן ירידֿ אין בית־מדרש, אין פּאָלעש דאָרט, איטליכער מיט זיין מין סחורה און מען האט געהאַנדעלט געשמאַק. איינער בייט א קרומען, אַלטען טשוואָק אויף א מעשענעם קנאָפּ אָהן איין אויערל. דער אַנדערער טהוט א וויז א ניסעל, א שווישטש און עס געפינען זיך דארויף צוויא שטאַרקע קונים, מיט שטיקליך שפּיגעל־גלאָז, פאַרצעלאַענע שערבליך פולע

קעשענעס. יענער מיט א גרינגער פאטשערקע איז פארטיפט אין עסק מיט דעם חבר, ואס בעריהמט זיך מיט זיין נאָדעל־מעשיל און א צינערין אויער־לעפעלע. הערשעלע אונזערער איז דאס געווען דער שאמצער און געהאפט פון אויבען פאר זיין מיה. געוועהנטליך לאָזט זיך דער יריד אוים מיט א קריג: קיינער איז נישט צופריעדען, איטליכער טענה'ט, ער האט זיך מיאוס אָפּגענארט. עס האלט שוין ביים פאטשען זיך; עפּיס א קונדס, מיט א פריש גענזען גערגעלע טרומייטערט־צו, א טאראראם, א געפילדער, ביז דער שמש לויפט אין איין כעס ארוים מיט א היק: שקצים! און חברה צולויפט זיך וויא דיא מייז, איטליכער אין זיין ווינקעלע. חנוכה־צייט האט געפלאקערט דאס געשעפט מיט דריידליך, פורים־צייט — מיט מאטעריאל אויף המנ־קלעפּליך, שבועות־צייט—מיט אויסגעבלאָזענע אייער, צומאכען פייגעליך. הכלל איטליכער יום־טוב מיט זיין מין סחורה... צייט אויף צו האנדלען איז, ברוך־השם, געווען גענוג, ווייל דער מלמד פון דער תלמוד־תורה, וואו אונזער הערשעלע האט געלעהרענט, איז אליין געווען שטענדיג פארנומען מיט זעהר פיעל געשעפטען, אהן עין־הרע. ער איז געווען א שטיקעל שדכן, פול געווען אויף אלע חתונות, בריתין און לויות, געווען א בעשטענדיגער עדות אויף גטין. חוץ דעם האט ער בעדארפט אָפּשפּרעכען עין־הרע'ס, איבערקוקען מזוזות און פון אלע מלאכות זיך אָפּרייסען צייט דאָנערשטיג און פרייטיג מיט א פושקעלע אין דיא הייזער ארומצוגעהען. נאָך דעם שבת מעג מען איהם נאָכזאָגען, אז דיא שעה צייט, וועלכע ער האט זיך גע־נומען צום קנעלען, האט ער געארבייט געשמאק מיט אלע בלים. דיא דאָזיגע קורצע צייט איז איהם גאנץ גענוג געווען אויף איבערצושמייסען אלע קינדער און ס'איז איהם נאך איבערגעבליבען עטליכע ליידיגע מינוט צייט אויך. אויף צו־שפּארען זיך מיט'ן קאָפּ צום טיש, אביסיל זיך אויסצורוהען, אָדער קראטצען דיא באָרד, קרעכצען, געניצין וכדומה אזעלכע מלאכות. אויף הערשעלין פלעגט ער זאָגען: הערשעלע איז א גרויסער קונדעס, אָבער א וואויל יונגעל מיט א גוט קעפּיל. דיא מאמע פלעגט, הערענדיג אזוינס, זיך דערמאָהנען אין איהר חלום, וויא גדליה־הערש, עליו השלום, האט ווייזענדיג אויפ'ן קינד געזאָגט: „ער וועט זיין א גוט שטיקעל ארבייט, א שארפע נאָדעל מיט א שפּיצעבדיג קעפּיל" און פאר נחת זיך געשמאָלצען. דער טאטע־זשע אקעגען, אויסהערענדיג אויף איהם מסירות, וויא ער איז פארשייט, פלעגט מאכען געוועהנטליך מיט א שטעכווערטיל: י ע נ ע מ ס נאמען מיט י ע נ ע מ ס נאטור, עס זאָל פעהלען א האָר! י ע נ ע ר, עליו השלום, האט זיין גאנץ לעבען זיך געפּאָרעט מיט לעבער און ד ע ר היינט איז אויך פול אין אלע לעבער. ער פּאָרעט זיך אויך און מאכט נאך לעבער... דאס איז

**געגעען אָנצוהערעניש אקענען יענער מעשה, וואס מיט הערשעלין איז זיך פארלויפען אזוי וויא וויטער וועט שטעהען.**

## ח.

ויהי היום און ס׳איז געוועזן א מאל, איז אין קאָבצאַנסק א גרויס וואונדער געשעהן. פלוצים, מען ווייסט נישט וויא און וויא אָרום, איז פון ערגיץ א דאָקטאָר מיט אמאל אָנגעקומען, עפ״ס אזוי וויא פונ׳ם הימעל אראָפּגעפאַלען. יודען בכלל, אַז דערהערען נאָר א דאָקטאָר, רופט זיך זייא אַלע קראַנקהייטען אָפּ און דערפיהלען איטליכער זיינע וועהטינגען. בימי ירחמיאל הרופא, פאַר אונזער ירחמיאל דעם רופא, וזוגתו יאַחנע הרופאת, און זיין ווייב יאַחנע דיא רופא׳טע, איז אין קאָבצאַנסק שטענדיג געוועזן מיט חסד. בייא יודען האבען דיא קראַנקהייטען געבורטשעט אינוועניג און מען האט זיך געמאַכט נישט וויסענדיג, דער רופא האט געטהאָן זיינס. געגעבען ראַטונקעס: געגאָלט, געשוירען, געשטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס, געלאָזט צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט פון דיא מאַנסבלין, און דיא רופא׳טע פון איהר זייט האט געטהאָן איהרס, געצאַפּט בלוט בייא דיא ווייבער. מען איז פארשלאָפט געוואָרען און געשטאָרבען אָהן חכמות, אָהן גרויסע דולעניש. גאַרנישט, מען האט זיך פלוצלים געלייגט און פלוצלים צוגעמאַכט איין אויג, נישט בעדאַרפען דווקא האבען דערצו פריהער רעצעפּטען און אַפּטייקען... זיבעציג יאָהר—אזוי איז שוין אין דער וועלט געשטעלט — קומט דאָך א מענשען צו לעבען, דארויף איז דאָך דאָ בפירוש א פסוק אין תהלים, וואס אַפּיקורסים אפילו קענען עס אויך נישט אָפּלייקענען, אַי וואס, מען שטאַרבט פריהער פאַר דער צייט, דרינען איז נישט שולדיג קיינער, נישט ירחמיאל דער רופא מיט זיין קליפּערנעצייג, נישט יאַחנע דיא רופא׳טע מיט איהר קליפּערנעצייג און אויך נישט דער פסוק להבדיל, שולדיג אין גאַנצען זיינען דיא חטאים... דיא חטאים אין שטעדטיל. דעם, יענעם האט זיך פאַרגלוסט, וואס מען טאָהר נישט... און דארויף איז דאָך דאָ א רב, זאָל געזונט זיין, מיט א קאָמיסיע שיינע יודען, דיא זאָך אָנצושמעקען און ארויסצופיהרען עס וויא בוימיל אויפ׳ן וואסער. אזוי האט זיך עס געפיהרט און פיהרט זיך אויף אזא שטייגער שטענדיג, נאָר מיט דעם דאָקטאָרס ווייז געבען זיך אין קאָבצאַנסק האט וויא קראָפּעווע נאָך דעם ערשטען זומער־רעגען, ארויסגעשפּראָצט מיט א מאל שלאַפקייטען אַלערלייא, אָהן א צאָהל: ספּאַזמעס, בויכוועהטיג, שטעכעניש אין דיא קריעזשעס, שפּאַרעניש אונטערן לעפּעלע, קוועטשעניש, בייסעניש, מכות,

געשווירען—און אונזער יודישע קראנקהייט, מערידין, איז פון דער פארבארגענ־ניש ארויס גאנץ אָפען, זיך ענפּלעקט, וויא עס געהער צו זיין, מיט אלע פּישטשעווקעס... נישט געווען איין יוד א גאנצער, אָהן א חסרון. יונג און אלט זיינען צום דאָקטאָר געלאָפען אויסלאטען און פּאררייכטען אביסיל דאס געזונד. קליינע קינדער מיט גרויסע בייכליך און דינע פיסליך האבען מאמעס אויף דיא הענד געטראָגען און צו איהם געלאָפען. גאנץ קאבצאנסק, וויא עס ווייזט זיך ארויס, איז איין בקור חולים, אלע זיינען צובראָכען. גאָט דער לעבעדיגער ווייסט, מיט וואס עס וואָלט זיך אויסגעלאָזט, ווען דער דאָקטאָר זאָל נישט געווען אזוי פלוצלים, וויא ער האט זיך בעוויזען, אזוי פלוצלים אויף פארשווינדען. יודען פארגעסען זיך ווידער דיא וועהטיגען, הערען זיך נישט צו, שלעפען זיך ארום, כל־זמן עס דיענען זייא דיא פיס און לעבען, וויא דער שטיינער איז, מיט דעם אימפעט... ירחמיאל דער רופא קריכט ווידער ארויס, וויא דיא לבנה נאכדעם אז דיא זון פארגעהט, ארבייט אויף אלע כלים און יודען — שטארבען מיט חסד...

הערשעלין אָבער איז דער דאָקטאָר פּונ׳ם זינען נישט ארויסגעגאנגען. דיא גאנצע מעשה איז איהם זעהר געפעלען. עס גלוסט זיך איהם ווערען א דאָקטאָר איהם נאכצוטהאָן און צו מאכען, וויא ער, דיא גאנצע שפּיעל מיט דער ווייסער חברה. קינדער האבען, וויא דיא מאלפעס, ליעב נאכצוטהאָן דיא גרויסע אין אלע זאכען וויא זאָגט מען עפּיס: קינדער קייען, וואס אלטע שפּייען. ווייסע חברה קרוינען למזל אונזער הערשעלין פאר א דאָקטאָר און דיא שפּיעל הויבט זיך אין א גוטער שעה אָן. הערשעלע ווערט צוליעב זיך, צוליעב זיין כבוד, א גוטער און זאָרגט זיך קלאָמפערשט פאר זיינע חברים׳ס געזונט, ווינשענדיג דערבייא טאקי פּונ׳ם גאנצען הארצען, א, קריינקען זאָלען זייא, רבונו של עולם! און בעדארפען צו זיין הילף אָנקומען...

פרייטיג איינמאל אין דער פריה, אז דער מאמען איז מיט בויכוועהטיג אָנגעקומען צונעהמען אין קלייטיל אויף באָרג פעפער, צימערינג און מעהל אויף שבת, לאָקחענט אונזער הערשעלע שטילערהייט אראָפּ צו ביסליך פון דיא דאָזיגע זאכען און אוועק שא, קיטש אהין, אויפ׳ן פרייען גראָז, אויפ׳ן ליידיגען פּלאַטץ הינטער דער שטוב. ער זיצט זיך דאָרט לעבין פליט, פאר איהם שטעהט א קליין פּאפּירין קעסטעלע, וואס קאָסט איהם דרייא קנעפּליך מיט א יערבען בייטעלע א צונאָב דערצו. אין קעסטעלע געפינען זיך עטליכע קליינע פלעשעליך, פאר וועלכע א חבר זיינער האט בייא איהם גענומען א נוס, א צווילינג, וואס האלטענדיג איהם אין טויל

ביי דעם ניס־שפּילען איז ער איהם שטאַרק מזל'דיג געווען אויף אָפּצוזאָגען די קינדער, אויף א גרויסען זשוק מיט לאַנגע הערנער, געהאַנגען צוגעבונדען אויף א לאַנגער פערדישער סטרונע. און בשעת די מאַמע פּאָרעט זיך אין שטוב דאָרט, ברעכט נעביך זיך דעם קאָפּ, וויא ס'איז פונ'ם ביסיל מאַטעריאַלין עפּיס צו מאַכען, פּאָרעט זיך אויך איהר זונדיל דאָ מיט דעם אראָפּגעלאַקחענטען פעפער, צימערינג, מעהל און שאָר ירקות, צו מאַכען דערפון רפואות, ווערסערליך, טראָפּענס אין די פלעשעליך. פאַרטיג מיט די רפואות טראַכט ער ביי זיך: אצינד וואו נעהמט מען עפּיס א קראַנקען, טאַקי מיט א גוטער אמת'ר מכה, צו בעווייזען די גרויסע קונץ אין דאָקטאָריע? און וויא ער זיצט זיך אזוי און טראַכט, דערזעהט ער פון־דערווייטענס, וויא משה־ יאָסי, א פּאַרוואָהרלאָזטער יתום, א נאַקעטער, א באָרפיסער, פּאָהרט אויף א שטעקען רייטענדיג און ארבייט נעביך פאַר אלע גאָר א שרעק: פאַר דעם פוהרמאַן, אויך פאַר דעם פערדיל און אויך פאַר דעם וואָגען. ער שמייסט דעם שטעקען, אָנטרייבענדיג איהם מיט א געשרייא: וויאָ, וויאָ! ער הייבט פיסליך, פּוצט אויס דאָס בייכיל, פּאַרוואַרפענדיג אַהינטער דאָס קעפּיל, הירזשעט וויא א פערד, שפּרינגט האָץ־האָץ און לויפט גאַלאָפּ; ער פּויקט מיט דער האַנד אויף די אָנגעפּוישטע באַקען. פון דער זייט א קלאַפּ, פון יענער זייט א קלאַפּ, חריפּעט, סקריפּעט און מאַכט אויף, אלערלייא משונה קולות: טראַ־טראַם־טראַראַראַם! חואי־חיפּ־סיפּ! וויא א קלאַפּערייא און א סקריפּ פון רעדער. ער יאָגט לעבעדיג, קנאַקענדיג־טשאַקענדיג, פייפענדיג גלייך צו חערשעלין און, צו־קומענדיג נאָהענט, טהוט ער א הירזשע, דערנאָך א געשרייא: טפּררוא! אויס־לאָזענדיג מיט א צעהנגאָרענדיגען חחח איפּ־סיפּ און שפּרינגט אראָפּ פונ'ם שטעקען.

אונזער הערשעלי פּאַלט אויף א המצאָה ביי משה־יאָסי'ס אָנקומען און נישט לאַנג געטראַכט, מאַכט ער צו איהם אויף קונדעס־לשון אזוי:

— סויסע־סאָסי, משה־יאָסי, פּוא־סילסט, דוא־ווילסט, סאַן־סראַנק זייך־קראַנק?

— סיין, ניין! ענטפערט משה־יאָסי אָפּ, אויך אויף דעם אייגענעם לשון טאַקי, סאָל־סאָט, זאָל גאָט, סיטען־היטען.

— זאָג יא, נאַרעלע. טאַקי גאָר אָהן קאַטאָוועס. גענוג דייטש! מאַכט הערשעלע, לאָמיר ריידען פּראָסט יודיש. זאָג־זשע יא, נאַרעלע. וואס קען דיך עס ארען? דוא זייא קראַנק און איך וועל דיר געבען רפואות... נו דוא ווילסט?

— איך וויל, הערשעלע, איך וויל בעסער עסען.

— עסען? . . . עסען, משה־יאָסילע, האב איך נישט, נאָר צוזאָגען אויף שפּעטער אמאל, יא, זאָג איך צו. נא דיר מיין האנד תקיעת־כף. נוא, וועסט־דוא שוין זיין קראנק, נארעלע?

— איך בין דאָך אָבער געזונט, הערשעלע!

— נישקשה, נארעלע, איך וועל דיך מאכען קראנק. איך וועל דיר טהאָן א דראפּעלע, א קליין דראפּעלע אונטען אויפ'ן פּוס. זעהסט־דוא אָט מיט דעם טשוואָק. אזוי רעדט הערשעלע איין דעם חבר און נעהמט פון דער פּליודערען־קער־ שענע ארויס א פאַרזשאַווערטען טשוואָק.

— עס וועט דאָך אָבער וועה טהאָן, הערשעלע!

— נאָר א קליין דראפּעלע, משה־יאָסינאָ, וויא איך בין א יוד! עס וועט וועה טהאָן א ווײַלע און באלד טאקי אויפהערען. איך וועל דאָך דיר היילען, איך מיין דאָך דיין טובה. וואס דען? דיין טובה, נארעלע, מיין איך דאָך . . . און דוא ווילסט עס נישט פאַרשטעהען.

— גיב־זשע מיר, אויב יא אזוי, באלד טאקי עסען. אַי, בין איך הונגעריג, הערשעלע!

— א נעראַם אביסיל! מאכט הערשעלע, אָנברוגז'ענדיג זיך קלאָמפּערשט, נעה דיר, נעה! איך וויל איהם היילען, טהאָן א טובה, און ער עסען! פרעסען! . . .

אויף דעם דאָזיגען שמיעס קומען אָן עטליכע ווייסע־חברה־ניקעס, זייא קוועלען נאָר אָן פון הערשעלעס אפּטייקעל און פון דעם איינפאל זיינעם. נעהמען זיך שטארק צו משה־יאָסין, איינצושמיעסען איהם מיט גוטע רייד: משה־יאָסינאָ, דוא נארעלע איינער! אבי מען מאכט דיך נאָר קראנק, וועט מען דיר דערנאָך, נישקשה, שוין אונטעררוקען עפּיס קייען. דוא פאַרשטעהסט? . . . איטליכער גיט איהם דיא האנד תקיעת־כף, איבערשלאָגענדיג מיט א ציצה. משה־יאָסי קוקט איבער דיא ציצה, אויב זיא איז נישט חלילה קיין פּסול'דיגע און אז ער זעהט, זיא איז כשר, דיא אלע אכט פעדים מיט דיא פיער קניפּליך זיינען וויא געהעריג איז, רופט ער זיך אָן, אויפשטעלענדיג א פינגער לעבען דער נאָז, מיט א התראָה: געדיינקט־זשע, קינדער! אויב נישט, וועט אייך גאָט שטראָפען. זאָגט אָמן!

משה־יאָסי שטרעקט אויס, אין א גוטער שעה, דעם פוס, דיא יונגליך האַלטען איהם גוט פון ביידע זייטען און הערשעלע נעהמט זיך צו דער פיאטע זיינער

מיט דעם משוואָק. פריהער מאכט ער איהם פאמעליך א קליין־דראפּעלע, משה־יאָסי פארבייסט דיא ליפּען און שווייגט; דערנאָך נעהמט ער איהם אריין אביסיל טיעפער מיט'ן משוואָק, משה־יאָסי מאכט: אי־אי־אי! — חברה טרייסט איהם: נישקשה, לאָז זיך נארעלע, לאָז! מען וויל דאָך דיר געבען א רפואה... הערשעלע איז נישט פויל און שטופּט דעם משוואָק אריין נאָך ווייטער, עס רינט בלוט, משה־יאָסי רייסט זיך פון דיא יונגליכם הענד און שרייעט: געוואלד!

— שאַ, שאַ, סויסע־סאָסי, משה־יאָסי! נעהמט איהם אונזער הערשעלע איין אויף קונדעס־דייטש מיט א פרעהליך הארץ. סי־סאַקע, דיא מכה דיר, האב איך שוין געמאכט. אצינד בעקומסט־דוא פון מיר סרועה, א רפואה.

הערשעלע נעהמט א פלעשעלע און גיסט זיינע טראָפּענס אויף משה־יאָסי'ס פרישער וואונד. ער פארקרימט זיך נעביך א שרעק, שרייעט: עס ברענט, געוואלד עס ברענט! נישט מיט זיין קול.

משה־יאָסי, האט מאקי געהאט רעכט, געוואוסט נעביך וואס ער שרייעט. דיא טראָפּענס זיינען געווען צו שטארק פעפערדיג און געברענט וויא פייער דאס רויע פלייש איהם אין דער בלוטיגער מכה. ער האט געצאפּעלט, געקרעכצט און זיך פארגאנגען וויינענדיג פאר גרויס וועהטיג. דיא קונדסים האבען געחאפּט א ציטער און זיך צולאָפען. הערשעלע איז אויך אנטלאָפען אביסיל אין דער זייט און זיך גע־שטעלט קוקען פון דאָרט אויף זיין חולה. א היבשע צייט האט ער נעביך זיך גע־וואלגערט אויף דער ערד, שרייענדיג אלץ אין איין קול: עס ברענט, ברענט! דערנאָך איז ער וויא־ס'איז אויפגעשטאנען און האט מיט א יאָמער, א קלאָג זיך געלאָזט געהען זיין וועג, הינקענדיג שטארק אויף דעם רעכטען פוס. געקומען איז ער געזונט און אוועקגעגאנגען קראנק. ער איז געקומען הונגעריג, נאָר לעבעדיג, פרעהליך, הנאה האבענדיג פון דער ליכטיגער וועלט, פונ'ם שיינעם פריהמאָרגען— און האט, פאר גרויס נוטסקייט צו איהם, בעקומען א מכה!...

משה־יאָסי איז אוועקגעלעגען א היבשע צייט מיט א פוס געשוואָלען וויא א בארג און אויסגעקריינקט דיא טובה הערשעלעס. אז דיא דאָזיגע מעשה איז אָנגע־קומען צום טאטען דורך חנה־לעמיל, אלסדיגג מיט איטליכם פיטצעלע, האט ער איהם גוט מכבד געווען, אז ער זאָל געדיינקען און וויא א טאטע דעם זוהן געזאָגט מוסר אזוי:

— שקאָץ איינער! טובות ווילסט־דוא טהאָן? מאך בעסער יענעם נישט קראנק און פארשטער, שקאָץ איינער, דערנאָך איהם צו היילען, צו טהאָן איהם

טובות. ווארט נאָר ווארט, דוא וועסט בייא מיר האבען טובות! א צעהנטען וועסט־דוא פארזאָגען . . .

— בין איך דען איינער? טענה'ט דער זוהן וויינענדיג און וויל דיא שולד ארויפלייגען אויף אנדערע. פאר וואס טענען יענע . . . יענע?

— שא, שקאָץ! טהוט דער טאטע בייז א היק. יענע זיינען אויך אזוינע שקצים וויא דוא. דוא הערסט, הערשיל! מען איז מוחל דיר און דיין גלייבען אייערע שיינע טובות! . . .

„מיט טרעהרען אין דיא אויגען — אזוי לאָזט אוים דער מחבר פונ'ם „ווינש־פינגעריל" זיין ברייטען שמיעס וועגען דעם דאָזיגען ענין אין זיינע כתבים — מיט טרעהרען אין דיא אויגען און מיט א הארץ פארקלעהמט פון חרטה שרייב איך אצינד דיא דאָזיגע מעשה מיט דיר, משה־יאָסי! זייא מיר מוחל, ברודער! איך פיהל מיין שולדיגקייט אקעגען דיר און זעהר אָפט, ווען עס קומט מיר אוים צוזעהען אזעלכע מעשיות אין דעם לעבען, דערמאָהן איך דיך מיט א קרעכץ: אך, משה־יאָסי, משה־יאָסי! . . . איך דיינק מיט שרעק, אפשר, ברודער, פאסירט עס מיט דיר נעביך אויך נאָך היינט, ערגיץ אין דער וועלט, יענע יונגעלשע מעשה, יענע מיאוסע תנועה — דיא מכה פאר דער רפואה... דיין געמאכטע מכה שוועבט מיר פאר דיא אויגען און עס רייסט מיר דאס הארץ אויף דיר, ווייטער, עלענטער ברודער, אויף דיר, מיין גוטער, אומגליקליכער, ליעבהארצעדיגער משה־יאָסי! . . ."

ו.

אך, ווען נישט דאס עסען, ווען נישט דאס עסען וואָלט דאס לעבען אין קאָבצאנסק פאר הערשעלען קינדוויים געווען זעהר א גליקליכס, וויא אין גן־עדן! צייט אויף צו שטיפען, ארומצוקריכען פרייא, האט ער געהאט, א שיינעם נאמען בייא ווייסע־חברה האט ער, ברוך השם, געהאט: עסקים אלערלייא האט ער, נישט צו פארזינדיגען, אויך געהאט. ער איז געווען א גענעראל, א סוחר, אלסדינג וואס איהר וויכט און וואס מאכט יונגליך איבער־גליקליך. נאָר איין קלייניגקייט — אָט דאס עסען, וואס דאס מענענדיל זיינס פלעגט מאָהנען עסען, דאס האט איהם נאָר צודרעהט, פארשטערט דיא שמחה. ס'איז געווען צייטען, ווען ער איז געקומען א היים הונגעריג נאך אזוי פיעל מיה און אנטופען זיך נעביך, נעהאָלעשט עסען, האָטש וואס ס'איז, פון יוצא וועגען — און נארנישט, נישטא קיין קשה! ער פלעגט

וויינעו, זיך קראַטצען, האַלטענדיג ביידע הענטליך אין דיא האָר פונ׳ם קאָפּ און שרייען, שרייען, ביז ער איז געבליעבען ליגען אָהן כחות און אנשלאָפען געוואָרען. שפּעטער איז ער שוין מיט אַזעלכע זאַכען געוועהנט געוואָרען און, אַז ער איז הונגעריג געווען, פלעגט ער מאַכען מיט דיא ליפּען און שווייגען. א רבין אויף שווייגען, אויף שטילערהייט ליידען, האָט ער געהאַט קיילע־דיקלין. זיא איז געווען א שלאָפע, בלייך וויא דיא וואַנד, דער האַלז געשוואָלען, איין אויער פאַרלייגט פאַרשטעקט מיט וואַטע. זיא פלעגט נעביך איבערטראָגען איהר שמערץ, אויך קעלט, הונגער, זיצענדיג איינגענורעט אין א ווינקעל, וויא א שטילע טויב און קוקען מיט א פּאָר פאַרטראַכטע, פייכטע אויגען, שא, שטיל, נאָר וואָס זיא פלעגט מיט א חאָרחלען שלינגען דיא סליונקע און דערבייא עפּיס משונה זיך קרימען. דאָס איז געווען א קרימען־זיך נישט מיט גאַל, מיט בייזקייט אויף דיא גרויסע יסורים. ניין, דאָס גוטסקייט איז איהר נעלענגען אויף׳ן פּנים, דאָס קרימען־זיך האָט בעדייט נאָר פאַרקעהרט, זיא טהוט זיך נעביך אָן א כח, נישט אַרויסצו־ווייזען דיא וועהטיגען מיט א הויכען זיפץ, ווען עס גיט איהר אינוועניג א צופּ, א קלעהם. און איטליכער קרים איהרער האָט אויסגעריסען בייא יענעם א שטיק הארץ . . . אַזאַ רבי קען לעהרנען שכל, מאַכען ווייך, גוט און פרום א סך בעסער וויא אַלע מוסר־ספרים, בעסער וויא יענע נאַרישע חכמים מיט זייערע עסיג־זויערע־לאַקריץ־זיסע שטראָף־רייד. אפילו וואַסקע דער קאָטער (איהר ווייסט דאָך וועמען מען מיינט.. יענעם, דאָרט אין קרילאָוו׳ס באַסנע) א פרעסער, א נאַשער, וואָס דיא נשמה זיינע ליגט איהם נאָר צווישען דיא טעפּ, אפילו איהם וואָלט אַזאַ רבי צוגומען—הכוואַי ער זאָל אַזעלכען נאָר האַבען! — עס וואָלט איהם פאַרגאַנגען דער חשק צו סמעטענע און שטאַרק צופריעדען געווען חאָטש מיט זויערמילך. הערשעלע איז געווען א פאַרשייט קינד, א לעבעדינס, א ריהרענדינס. קוים האָט ער זיך געשטעלט אויף דיא פיסליך, א בליק געטאָן אויף גאָט׳ס וועלטעלע אַרום איהם, איז דאָס וועלטעלע איהם זעהר שיין געפעלען און חשק געהאַט וויא א העזעלע צו שפּרינגען, צו לעבען, נאָר דאָס לעבען האָט איהם אָנגעקוקט וויא א שטיף־מאַמע מיט א בייז פּנים: תרבית, יונגעלע! לאָז זיך א קבצן נישט גלוסטען . . . דאָס בייזע פינסטערע לעבען האָט איהם אָפּגעשטעלט באַלד טאַקי ביים צופיהרען זיך דיא הענטליך; איהם נעגעבען צו פאַרשטעהען דעם טעם פון נויט, פון הונגער; איהם איינגערוימט א סוד, וועה, מישטעהנס־געזאָגט, ער איז, פון וואַנען, מישטעהנס־געזאָגט, ער שטאַמט, לויטער קבצן, לויטער אומגליק . . . און איהם געפרעגט דיא ערשטע קשיא:

**הערשעלי, וואָס איז מיט דיר אַזוינס דיא שמחה?**

הערשעלע׳ס יונגער איז פארגאנגען געשווינד, אפגעבליהט גיך און ער איז קינדוויים נאך געוואָרען א קליין יודעל: דערשלאָגען, פארטראכט, מיט א פאַרזאָרגט פנים און אלע פאסטעמקעס פון א גרויסען, בעווייבטען יודען. עס האט איהם נאָר געפעהלט א בערדיל. דער יוד האט אין זיין ביסעל לעבען אויסצושטעהען אזוי פיעל מיני צרות און לייד, אז בלייבט איהם נישט קיין צייט פאר דער קינדהייט. זיא גיט נאָר אויף א ווילע א שיין, וויא דיא זון אין א מיאוס׳ן ווינטער־טאָג, און פארגעהט טאקי באלד אין א גרויסער לאנגער, פינסטערער חמארע. קוים קריכט דאס יונגעלע ארויס פון דיא וויקעליך און טהוט זיך א שפיעל, גיט מען איהם א האפ צום טייטעל... מען שלעפט אויף איהם ארויף דעם יאָך און וויא, וויא יודעל! — אך, גלוסט זיך עס מיר אצינד חאטש פון דערווייטענס אנקוקען דעם יודען, וואס איז אויסגעוואקסען פון יענעם יודעל, וועלכען מיר איז בעשעהרט געווען צו זעהען א מאל! דענסטמאל איז ער נאך נישט אלט געווען קיין צוויא קאלעכדיגע יאָהר. איך געדיינק נאך וויא היינט זיינע צוויא פאה׳קעליך, זיין יארמילקעלע, זיין שפענצעריל און לייבסערדאקיל. עס שטעהט מיר פאר דיא אויגען זיין בלייך, פינסטער פנימיל, וויא ער האט זיך ענטפלעקט פלוצלים פון א קליין אלקיריל, צו שוובערט, איינגעטונקט אין פעדערען, פון דיא קישעליך א פנים, אויף וועלכע ער האט געשלאפען; וויא ער האט זיך פאמעליכען צוגערוקט אין שטוב צו דער מוטער, איהר זיך געזעצט אויפ׳ן שויס, מיט דיא כשר׳ע הענטעליך ארויסבעקומען איהר פונ׳ם בוזעם דיא ברוסט, געמאכט אויף זיין זיס לשון א ברכה — שהכל און געזוינגען... אמן! האב איך געענטפערט מיט כוונה, בעטראכטענדיג מיט גרויס נחת דאס זייגענדיגע קליינע יודעל, אויף דיא מאמע, געקוקט און געזאגט: אשריכם ישראל, אז וואויל איז אייך פאלק ישראל!...

מיט דיא קונדסים איז אונזער הערשעלע טאקי אלץ געווען חבר, האט מיט זייא געשטיפט וויא פריהער, נאָר דאס איז געווען איין אנדער מין שטיפען, שוין ערענסט, מיט בערעכנונג, דערבייא נישט א ריס צו טהאָן דיא צעריסענע קאפאטע, נישט בלייבען חלילה שטעהען מיט א הוילען קאפ אָהן א היטעל, נישט אויסצור רייסען איינער ביים אנדערען א האר פון דער פאה, און מען האט אין דעם שפיעלען־זיך פארלאנגט, אלץ נאכצוטהאָן דיא גרויסע; מיט גרויסען צורייידען, מיט א גרויסען זיך אביסיל דורכגעהען, דאס איז געוועהנטליך בייא קינדערשע קליינע יודליך א כבוד, זעהר א גרויסער. — גרויסע געהען כסדר נאך דיא גראדען פון אונטען ארויף: א חתן־בחור, א בעל־הביתיל, א בעל־הבית, א קלי־קודש, פונ׳ם שמש ביז דעם רב, בעלי־מלאכות זיינען צווישען יודען נאר אנדער

שני גרויסע, עפּיס נישט אהער, נישט אהין, האבען געווערנטליך אומגאנג מיט יונגליך, מאַכען זיך עפּטערס נאַרעש מיט זייא און האבען בייא דיא אמת'ע גרויסע איין פּנים, וויא זייא, הייסען אויך חברה־לייט, שקצים, יונגאַ־טשעס, וויא זייא.

הערשעלע הייבט אָן צורייבען זיך ארום דיא גרויסע, צוקוקענדיג זיך צו זייערע נייגנג און צוהערענדיג זיך צו זייער שמיעס. זאָלען צווייא יודען זיך שטעלען ערגיץ שמיסען, וואַקסט לעבין זייא, וויא פון דער ערד, אוים הערשעלע, פאַרייסט דאס קעפּיל ארויף און האָרכט מיט א האלב אָפען מיילכען. זאָלען גרויסע עם אזוי־זיך אביסיל דורכגעהען, שלעפּט זיך זייא הערשעלע פון הינטען נאָך, וויא א קוה א קעלביל. א באָרד איז בייא הערשעלין גאר קיין קאָטאָוועס נישט, אין איטליכער באָרד שטעקט תורה און חכמה, א באָרד קען אלסדינג, ווייס אלסדינג, וואס א באָרד זאָגט איז תורת לאַקשען. אז ער האט א מאל דערצעהלט יונגליך עפּיס אזוינס, וואס איז אויסגעקומען משונה ווילד, פלעגט ער אויסלאָזען מיט דיא ווערטער: לאַכט נישט, לאַכט נישט, דאס האט געזאָגט א יוד מיט א באָרד. און אקעגען אזא ליגען מיט א וואָהרצייכען איז שוין נישט געווען, וואס צו טענה'ען.

„קינדרוויים, אזוי זאָגט הערשעלע אין דיא כתבים, האב איך געמיינט, גרויסע זיינען עפּיס גאר א מין אנדער וועלט און קליינע זיינען פאר זיך א וועלט און דיא דאָזיגע ביידע וועלטען געהערען זיך איינע מיט דער אנדערער נישט אָן. נאָר שפּעטער, שפּעטער האב איך בעשיינפּערליך ארויסגעזעהען, אז ס'איז א גראָבער טעות. איין וועלט הלעבין, מיט איינע הנהגות, איינע חכמות און איינע חפצות. קליין און גרוים, יונג און אלט, וואס מאַכט עס אוים? אלע זיינען יודישע קינדער. דער חילוק איז נאָר דאס: א קליין קינד טאָהר נישט און א גרוים קינד מעג. וואס בייא קינדער מיט בערד הייסט א חכמה, גוטסקייט און פרומ־קייט, דאס איינענע טאקי בייא קינדער אָהן בערד רופט מען נארעשקייטען, שקאָצערייא, יונגעלשע זאכען...“

אונזער הערשעלע איז, ביים ווערען א קליין יודעל, געשטאַנען מיט איין פוס צווישען דיא קליינע און מיט דער אנדערער צווישען דיא גרויסע יודישע קינדער. מיט יענעם פוס צווישען דיא חברים איז ער געשטאַנען פעסט אויף דער ערד. קליינע יונגליך שפּיעלען זיך פּשוט דאָ אויף אונזער עולם, זיינען ביים שטיפען מיט דעם גאנצען קאָפּ אריינגעטהאָן אין אזעלכע זאכען, וואס שטעהען פאר דיא אויגען און מען טאַפּט זייא אָן מיט דער האנד. יענער פוס אבער, וואס צווישען דיא

גרויסע, האט געפּיהלט א מאל, וויא עס פאַרשווינדט אונטער איהם דיא ערד און בלייבט הייננען עפּיס וויא אין דער לופטען; גרויסע קינדער אז צושפּילען זיך, פליהען זייא אין הימעל אריין, פאַרקריכען שטיפּענדיג העט, העט וויט, אזוי אז האפּט אזש אָן א שווינדעל... שטעהענדיג אזוי אויף משקולת, האט הערשעלע זיך צוגעהערט צו דיא גרויסע מיט ביידע אויערען. און ווען ער זאָל האבען אפילו נאָך עטליכע פּאָר אויערען, וואָלט ער אלע טאקי געברויכט נאָר דערצו, ווייל זאכען אויף צו הערען איז געווען זעהר פּיעל. הערשעלע האט זיך אָנגעהערט בייא זייא מופתים און וואונדער נאר אָהן א צאָהל — מעשיות פון יענער וועלט, וואס אין גיהנום און אין גן־עדן טהוט זיך, מיט איטליכס פּיצעלע בעזונדער, גלייך וויא זייא וואָלטען ערשט פון דאָרט געקומען און אלסדינג געזעהען אליין מיט אייגענע אויגען; מעשיות פון גלגולים, פון מתים, וואס געהען ארום אויפ׳ן עולם־התועה; מעשיות פון דיא גוטע... און נישט גוטע; מעשיות פון מלאכים און אליהו הנביא, גאָט׳ס משולחים, וואס וואנדרעווען אויס, וואו דיא וועלט האט איין עק און זיינען פול אין איטליכס ווינקעלע. דערבייא איז דערצעהלט געוואָרען א וואונדער שיינע מעשה, וואס האט זיך א מאל, א מאל געטראָפען טאקי דאָ, אין ק א ב צ א נ ס ק, מיט וועלכער עס האט געקלונגען און עס קלינגט נאך עד היום דיא גועלט. דיא מעשה איז אזוי געווען:

## ז.

בימי רבי שמעלקע, אין דער צייט ר׳ שמעלקעס, איין עלטער זיידע פון אונזער עושר, ר׳ יודעל ק א ב צ א נ ס ק ע ר, האט זיך איינמאל אונטער א פּורים אין א שלעכטער איינער צייט גאנץ ק א ב צ א נ ס ק אוועקגעלאָזט קיין ג ל ו פּ ס ק. איבערגעבליבען פון דיא אלע מאנסבילין איז נאָר ר׳ שמעלקע אליין. ר׳ יודעלס עלטער זיידע ר׳ שמעלקע, זכרונו לברכה, א גוטער, א פרומער, מיט דעם פּינטעלע י ו ד, פון דעם אלטענס חסידים, איז געווען, נישט פאר קיין יודען געדאַכט, א בעזדיעטניס. דיא אלע מיטעל, וואס ער האט איבערגעטהאָן צו האבען חאָטש איין קינד, א קדיש, האבען נישט געהאָלפען. ער האט לסוף אוועקגעלייגט דעם בעל־שם, דעם טאַטער מיט דער טאַטערען להבדיל און זיך גענומען צו דיענען גאָט, וואס דיענען הייסט, מיט א ברען, נישט אויסצושפּאנען זיך אויף א רגע פון׳ם יודישקייט. מילא אז ק א ב צ א נ ס ק האט זיך דאָ אוועקגעלאָזט, איז ר׳ שמעלקע געבליבען געפּלעפט: סטייטש, פּורים וועט ער נישט דאווענען און לייענען דיא

מגילה מיט א מנין יודען! און וועמען וועט ער שיקען „משלוח מנות“? און מיט וועמען וועט ער מאכען א כוסה, וויא נאָט האט געבאָטען? און וויא ער זיצט זיך דאָ אזוי אין איינע צרות, אסתר־תענית, צווישען טאָג און נאכט, אָהן א קאָפּ, עפּענט זיך פלוצלים דיא טהיר און עס קומען אריין ניין פּארשוינען. דרייא גרייד גרויע אין ראצעמאָרענע זיפּעצעס, איינער עפּיס אין א מין האלאט מיט טראָלדען, ריא באָרד צוקאָשמעט און אויפ׳ן קאָפּ א הויבער, שפּיצאָסטער ספּאָדיק. נאָך איינער אין א מין סווימקע, אָדער א טשומערקע, מיט א לעדערנעם בייגארטעל, ראָס פּנים בעוואקסען מיט א וואלד האָר. און נאָך איינער עפּיס אזוי וויא פאַר־שלאָפען מיט א גראָבער רויטער נאָז, פול אָנגעזעצט מיט בלאָטערען, ווייםפּערליך, און האט נישט געקענט איינשטעהען אויף דיא פיס. דיא איבעריגע דרייא פּאַר־שוינען זיינען געווען אָנגעטהאָן עפּיס טערקיש, פּאַרענט ברוסט־טיכליך מיט פלימערליך, הינטען קורצע פּארטיכלך, נישט וויא מאנסבילין, נישט וויא ווייבער. ביים אריינקומען האבען זייא געקושט דיא מזוזה, מיט א געשרייא: א גוטען־אָווענט! א גוט יום־טוב, רבי שמעלקע! — ר׳ שמעלקע געהט זייא אקעגען און גיט איטליכען פון דיא פּארשוינען א ברייטען שלום־עליכם, מיט א פרעג, וויא דער שטיינער איז, פון וואנען פאָהרען עס יודען? יענע יודען וויא דיא טערקען האט ער אָנגענומען פאר ירושלמים און דעריבער האט ער זייא געמאכט גאר א גרויסען ברוך־הבאָ, טראכטענדיג בייא זיך: וואוילע געסט חלעבין! פון זייא וועט מען עס אָנהערען זיך אביסיל פון דער „מערת המכפלה“, פון דער מוטער רחל׳ס קבר און אפשר וועט מען בייא זייא קענען קויפען א זעקעלע ארץ־ישראל ערד, אויף צו בעשיטען זיך נאָכ׳ן טויט, ווערעם זאָלען נישט עסען.

— ר׳ שמעלקע! זאָגט דיא טשומערקע, דיא סוחרים מיינע פרעגען, אויב ס׳איז מעגליך בייא אייך צו האלטען פּורים. זייא וועלען אייך גוט בעצאָהלען.

— חלילה! ענטפערט ר׳ שמעלקע, געלד, בשום אופן נישט. זעהר אָנגעליינמע געסט, חלעבין! מיין לוין וועט שוין זיין דאס, וואס איך וועל מיט אזעלכע טהייערע אורחים אָפּרעכטען דיא סעודה גאנץ פרעהליך, יודעשליך. וויין און נאָך אנדערע משקה: ווישניק, מאלינים, האב איך גענוג. פּאַר נויט וועט מען קענען נעהמען א פּאָר פלעשליך פונ׳ם פּסח׳דיגען. און איהר, ר׳ יוד, טהוט ער א זאָג צו דעם אין דער טשומערקע, איהר זענט דאָך א בעל־העגלה און וועט זיך מסתמא פון א גוטען טרינק בראנפען נישט אָפּזאָגען. בראנפען האב איך גאר אײן אנטיק.

— בראנפין!... וואס בראנפין?... רופט זיך אפ יענער מיט דער רויטער נאז, אונטערקומענדיג נעהנטער. אויף בראנפין בין איך א מבין, איינער טאקי אין דער וועלט.

— זעהר אנגעלייגט! דאס האב איך אין אייער פנים ארויסגעזעהען טאקי באלד, זאגט ר' שמעלקע צו דער רויטער נאז. איהר זענט מיר זעהר קענטליך... זענט איהר נישט יענער ברענענדיגער חסיד, מיט וועלכען מיר האבען א מאל אין איינעם יום־טוב געהאלטען ביים אלטען, זאל מאריך ימים זיין? יא, איהר זענט אויף בראנפין א מבין, א גרויסער מבין, ווי א איך בין א יוד!... איהר פארשטעהט דאך מיך, וואס מיט דעם ווארט „מבין" איך מיין. דעם ענין פון בראנפין, וואהין דאס געהט . . . דער ברען, וואס דרינען שטעקט, נישט גלאט פשוט אזוי זיך... דאס פארשטעהען נאר מיר, אזעלכע ווי א איהר, ברענענדיגע, פייערדיגע יודען . . .

ר' שמעלקע האט געפיהרט זיינע געסט אין שול אריין און מען האט דארט געדאווענט מעריב. איינער פון די אלטעטשקע האט געלייענט די מגילה מיט א זיס קול, נאר מחיה. ביים לייענען: ווי א המן הרשע איז דערהויבט געווארען, ווי א איהם גלוסט זיך דורך פאלשע מסירות און בלבולים אויסהרג'ענען אלע יודען, איז דער שפיצאסטער ספאדיק אונטערגעשפרונגען און פאר כעס געמאכט אזא קולאק, אז ר' שמעלקע איז פארציטערט געווארען. ער האט א חאפ געטהאן געשווינד דארט א שטעקען פון די לאנגע חופה־שטעקענס און דערמיט מיט דעם גאנצען כח געשלאגען המן הרשע איבער די טרעפליך פונ'ם בעל־מימר, איהם דעם טויט געמאכט, און אז צום סוף האט געהאלטען אין דער מגילה בייא המן'ס מפלה, האט דער ספאדיק געשיינט, געלויכטען, געשפרונגען און געטאנצט פאר שמחה. די אלטעטשקע האבען זיך אונטערגעהעטשקעט און געזונגען „שושנת יעקב" מיט א זיס ניגונדיל. די נאז מיט וויימפערליך האט זיך נישט געקענט איינ־האלטען און א זאג געטהאן: וואס טויג מיר די מעשיות, איך וואלט פון אלע שמחות שוין געוואלט דערלעבען נעהמען אביסיל בראנפין, טאקי דא באלד אויפ'ן ארט. — דא האט זיך אויך צוהיצט אונזער ר' שמעלקע, איז געשווינד צוגעלאפען צום שמש שאפקעלע, ארויסדערטאפט פון דארט א פלעשיל בראנפין, שליש, מיט עטליכע קעלישקעליך און געמאכט מיט די פארשוינען לחיים. דער שמש אליין איז דערנסטמאל נישט געווען, ווארום אין דעם כתב מיט איהם איז געשטאנען בפירוש אריינגעשריבען א פונקט, אז חנוכה און פורים האט ער, ווי א אנדערע, דאס רעכט ארומצוגעהען אין די הייזער — אין גכופסק. אויך איז דארט געשטאנען א

פתקט, אז נאָר ער אליין האט דאס רעכט מאכען אין קלייזעל א מין שיינקעל און שיינקען דאָרט א גאנץ יאָהר בראנפין. דערבייא האלטען דאָרט אויך צום פאַר־בייסען רעמשענע קיכליך, אייער־ביינעל וכדומה אזעלכע זאכען, אויף וועלכע מען מאכט א ברכה בורא מיני מזונות און מען בעדאַרף זיך דערצו נישט וואשען.

דיא גאנצע נאכט האט זיך ר׳ שמעלקע משמח געווען מיט דיא דרייא פאַר־שוינען. אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען זייא אלע געגאנגען אין וואסער, נאָר דיא נאָז האט נישט געוואָלט געהען. ניין, ניין, האט זיא געזאָגט, פע, איך האב פיינט וואסער. קומט, האט ר׳ שמעלקע צו דער נאָז געמאכט, קומט, נישקשה, אונזער מקוה־וואסער איז געדיכט, מען קען זיא שניידען מיט א מעסער... בשעת לייענען דיא מגילה אין דער שול האט דער ספאָדיק און דיא אלטעטשקע געטהאָן דאס אייגענע, וואס נעכטען. נאך דעם דאווגען האט מען זיך געזעצט עסען און טרינקען. נאך דעם עסען האט מען זיך גענומען מקיים זיין משלוח מנות. נאך דעם משלוח מנות האט מען געמאכט ברכה און גענעסען המנ־קרעפליך, המנ־טעשליך, מאָהנדליך און געטרונקען ווישניק. נאך דעם ברכה־מאכען האט מען זיך ווייטער געזעצט עסען און טרינקען, מקיים זיין דיא סעודה, מען האט גענעסען, געטרונקען, מקיים געווען, געשיכור׳ט, אויף וואס דיא וועלט שטעהט. דיא נאָז האט געטרונקען מעהר פון איטליכען. איידער איינער האט אויסגעטרונקען איין כוסה, האט דיא נאָז אויס־געטרונקען צעהן, געגאָסען וויא אויפ׳ן שטיין. בקיצור, מען האט אזוי פיעל מקיים געווען, געטרונקען, געשיכור׳ט, אז דער קאבצאנסקער עולם איז אויף מאָרגען נאך שושן־פורים צוריק געקומען פון גלופסק, האט מען געטראָפען ר׳ שמעלקין נאך טויט־שכור. אז ר׳ שמעלקע האט זיך אויפגעכאפט, איז ער געווען וויא א דולער פאַר גרויס וואונדער: דיא פאַרשוינען זיינען עפּיס וויא אויסגעטריקענט געוואָרען, אין שטוב איז עפּיס איין איבערקעהרעניש, קיין זאך נישט אויף זיין אָרט, וואס ער זוכט איז נישטא, וואס ער בעדאַרף איז וויא אין וואסער אריין. ס׳איז איהם א גרויס וואונדער, נאר ניט צום פאַרשטעהען ! . . .

דער אלטער, זכרונו לברכה, האט שפּעטער מגלה געווען דעם סוד זיינע מקורבים, דיא מקורבים דערנאָך זייערע מקורבים און אזוי איז עס געגאנגען פון איין אויער אין דעם אנדערען, ביז דאס איז בעקאַנט געוואָרען דער גאנצער וועלט. יענע פאַרשוינען זיינען געווען דיא גוטע כנופיא, נאר דאס גוטע פעקיל ! . . . . דיא דרייא אלטעטשקע זיינען עס געווען דיא אָבות: דער תאַלאַט אין תויכען

שפּיצאסטען ספּאָדיק — מ ר ד כ י, אָנגעטהאָן בגדי מלכות; דיא משומערקע — א ל י ה ו  ה נ ב י א; דיא נאָז מיט ווייטפּערליך — דער בעריהמטער שכור ל ו ט, וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם פעטער א ב ר ה ם  אָ ב י נ ו; דיא דרייא טערקען מיט פּליטערליך און פּאַרטיכבליך — מתתיהו כהן גדול מיט צווייא קינדער, אָנגעטהאָן אין חושן ואפוד. דער אַלטער האט געזאגט, אז איידער דיא גאַנצע קאָמפּאַניע איז געגאַנגען צו ר׳ שמעלקען, האט זיא פריהער זיך געלאָזט מעלדען און בייא איהם גענומען רשות, ווארום ר׳ שמעלקע איז דאָך זיין חסיד און ק א ב צ א נ ס ק געהער צו איהם. דאס הייסט, געהערען אייגענטליך געהער זיא צו א פּריץ, נאָר דעם גראָשען מאַכט ער. . . דאס הייסט, דער פּריץ האַלט דיא קיה פּאַר דיא הערנער און ער להבדיל מ ע ל ק ט . . . ר׳ שמעלקע האט אָנגעהויבען פון יענעם יאָהר מצליח זיין. סעריל זיין דריט ווייב, נאָך נאַר א יונגענד, א לעבעדיגס, א ברענענדיגס, וואָס ער האט זיא גענומען נאָר פּאַר א בעל־הבית׳טע אין שטוב אריין, האט טאַקי אין ניין חדשים ארום נאָך דער מעשה, וואָס איז געשעהען, געהאט חנוכה צייט א יונגעל. דאס איז ר׳ מרדכילע־מתות (אַזוי האט דער אַלטער געהייסען איהם א נאָמען געבען ·נאָך מרדכי הצדיק און מתתיהו החשמונאי). פון דעם ר׳ מרדכילע־מתות איז ארויסגעקומען ר׳ יעקב־אליה, היינטיגען ר׳ יודעל קאבצאנסקערס א פּאַטער. — קאבצאנסק נעהמט זיך שטאַרק איבער מיט דער דאָזיגער מעשה. סטייטש דאָרט בייא איהר זיינען געווען אַזעלכע פּאַרשוינען! ווער שמיעסט ר׳ י ו ד ע ל, דער איז נאַר בייא זיך פּאַרריסען, שטאָלץ וויא א רוח. א קאַטאָוועס עפּיס, זיין זיידע האט אויסגעטרונקען א קעלער וויין, געשיכור׳ט מיט לוט׳ן... און טהוט דערפּאַר גרויסע שידוכים.

אז הערשעלע האט דערנאָך דיא דאָזיגע מעשה איבערגעדערצעהלט דיא יונגליך, איז זיא איטליכען שטאַרק געפעלען. עטליכע יונגליך האבען נאָך עדות געזאגט און זיך געשוואוירען, וויא זייא זיינען יודישע קינדער, זייא זאָלען אזוי הערען שופר של משיח, וויא זייא האבען עס אליין מיט זייערע אויערען געהערט פון זייערע טאַטעס דערצעהלען — און אלע האבען געגלויבט, אז דאס איז אמת. צווייא יונגליך האבען זיך געשפּארט איבער לוט׳ס נאָז, איינער שרייעט, ניין! אזוי האט מיין טאַטע געזאגט: רויט, אָהן ווייטפּערליך. און דער אנדערער שרייעט אקעגען: ניין, ניין, מיט ווייטפּערליך! מיין טאַטע ווייסט בעסער, ער זאגט מיט ווייטפּערליך! עס ווערט א קריעג איבער דיא טאַטעס, וועמעס טאַטע ווייסט בעסער, איינער דעם אַנדערן גיט איז טאַטען אריין. יונגליך מישען זיך אריין, עס ווערט א גע־שרייא: ווייטפּערליך, נישט ווייטפּערליך! גלייך וויא עס וואָלט זיך געהאַנדעלט

איבער זעהר א וויכטיגע זאך, שטארק נוגע אין לעבען אריין, אזוי וויכטיג א שטיינער, וויא י ע נ ע זאכען, איבער וועלכע אונזערע געלעהרענטע האטפערען זיך א מאל אין זייערע ספרים . . . מען האפט זיך צוליעב דער נאז אן פאר דיא נעז, מען גיט זיך צוליעב דיא טאטעס אין טאטען אריין. הערשעלע איז אויך טרוקען נישט ארויס און געלייזט א דראפ אויף דער נאז צוליעב דעם כבוד פון זיין טאטען, פאר וועלכען ער האט זיך מ ו ס ר נ פ ש געווען... בייא דעם טאטען אבער איז דאס נישט אנגעלייגט געווען און ער האט דעם ג ע ט ר י י ע ן זוהן פאר דעם דראפ א ו י ף ק י ד ו ש ה ש ם גוט טאקי אויסגעשייגעצט אזוי: פע, דיינע מיאוסע גיינג !.... אלץ דיינע מעשיות, דיינע נארעשע, יונגעלשע מעשיות ! . . .

## ח.

דער דלות האט אין ק א ב צ א נ ס ק געשוויטעט נאר א שרעק אן דיא יודישע קינדער דארט זיינען געזעסען מיט פארלייגטע הענד, גארנישט צו טהאן — און גארנישט טאקי צו קענען געביך טהאן — וויא דעם דלות ארויסצוטרייבען. מען פלעגט, צונויפקומענדיג זיך אין איינעם, אין בית־מדרש אונטער'ן אויווען, נאר אלץ אצען און קרעבצען: נישט דיא וועלט, וואס א מאל, נישט דאס, וואס פאר־צייטען !... א מאל איז געווען טע־טע־טע ! און היינט — עט . . . וואס א מאל איז געווען א ז ו י, איז היינט נאר א ז ו י . . . דאס אייגענע, דאכט זיך אין פלונק, און פארט א גרויסע נפקא־מיניה. פארצייטענס זיינען מענשען געווען מענשען, יודען — יודען און געשעפטען — געשעפטען... און היינט מישטעהגס־געזאגט, וואס ? . . בייס אויסלאזען דעם „וואס ?“ האט מען געוועהנטליך געקוקט איינער דעם אנדערען אין דיא אויגען אריין, שווייגענדיג שטיל, און געווארט הערען א תירוץ אויף דער קשיא „וואס“ ? — איינער האט געקראצט, געריבען דעם שטערען, געטראכט און האט דערנאך געעפענט דאס מויל און — א געניץ געטהאן. דער אנדערער האט, אנ־געהמענדיג זיך ביים בערדיל מיט א צוגעמאכט איינעל, א מאך געגעבען מיט דער האנד און עפיס וויא פאר זיך געבעקעט: עט... וויים־איך !.. יענער האט, אויפ־הייבענדיג זיך פונ'ם ארט, אנגעשפארטביידע הענט מיט אויסגעשפרייטע פינגער אויפ'ן שטענדער, זיך צושאקעלט און געמאכט: איך וועל אייך דערצעהלען, הערט איהר, היינט איז טאקי נאר, פארשטעהט איהר מיך, משיח צייט. — מיט דעם ענטפער זיינען געוועהנטליך אלע צופריעדען געווען. איטליבען צופלאקערען זיך

דערבייא דיא אויגען און מען טהוט זיך א נעהם צום שמיעס וועגען דעם דאָזיגען ענין. אָנגעהויבען האט זיך עס שטענדיג דערמיט, אז דאס היינטיגע זעקס־טויזענדיגע יאָהר איז גאָטס פרייטיג, נאך דעם חשבון איז אצינד ערב שבת נאך האלבען טאָג און שוין דאָ אלע סימנים, אז משיח נעהט, משיח וועט באלד קומען: דיא טויערען פון פרנסה זיינען צונעשלאָסען, אין קעשעניע נישטאָ קיין פרוטה; ארץ־פיאסקע עזות פנימער זיינען היינט צווישען יודען שרעקליך פיעל; יונגליך האלטען זיך פאר גרויסע לייט, פריצים; א דיק, זאָט בייכיל מיינט, אז אלע חכמות — א כפרה פאר זיינס א ב ו י ך ס ב ר אָ... צרות און גזורות קומען מיט איטליכען טאָג און עס שמעקט שוין מיט דער מלחמה פון ג ו ג ־ מ ג ו ג. איבער גוג־מגוג לייגט מען אנידער א ברייטען שמיעס, עס פאלען איבער איהם אלערלייא דעות. איינער טהוט א נעהם דעם בעקאנטען ספר „א ב ק ת ר ו כ ל", מיטשעט מיט דעם פינגער און לייענט הויך פאר אלע דעם זיבעטען צייכען דאָרט, אזוי:

„האות השביעי, דער זיבעטער צייכען, הקדוש־ברוך־הוא וועט דער וועלט א מופת. מען זאגט, אין ר ו י ם איז דאָ א מירמעלשטיין, וואָס זעהט אויס וויא א בילד־שיינע נקבה, א מכוערת, און דאס איז גאָטס ארבייט, ער אליין האט זיא אזוי בעשאפען. קומען דיא רשעים צו דער מירמעלשטיינענער יפהפה, ומחממין אותה ושוכבים אצלה, און מאכען מיט איהר קוצעניר־מוצעניו. זיא ווערט מעברת, והיא מתבקעת, און סעקט א קינד מיט דעם נאמען א ר מ י ל ו"ס דער שטן, וועלכען דיא אומות רופען א נ ט י ק ר י"ש ט ו. ער איז אומגעלומפערט גרויס: צוועלף איילען לאנג און צוועלף איילען ברייט. דיא אויגען רויט, האָר — גאָלד געפארבט מיט גרינע פיאטעס און צווייא האלז־און־נאקענס. דער דאָזיגער מין פארשוין גיט זיך עס אויס דער וועלט פאר מ ש י ח'ן, נעהט און נעהמט איין מדינות. באותה שעה, דערנסטמאָל יקום נחמיה בן־חושיאל, שטעלט זיך איהם אקעגען נ ח מ י ה דער זוהן פון ח ו ש י א ל (דאס איז משיח בן יוסף!) מיט דרייסיג טויזענט גבורים פונ'ם שבט אפרים און אין דער דאָזיגער מלחמה ווערט נחמיה בן־חושיאל דערהרג'עט, און אזוי נעהט שלים־שלימזל ביז דעם אכטען צייכען. — האות השמיני יעמוד מיכאל, וועט אויפשטעהען דער מלאך מיכאל און בלאָזען שופר, דרייא תקיעות. בייא דער ערשטער תקיעה ווייזט זיך משיח בן־דוד מיט אליהו־הנביא, פארנעהמט דיא צדיקים און נאך יודען צונויפגעקאָפענע, וואס בלאָנקען זיך ארום אין דער מדבר און פיהרט זייא קיין ירושלים. גאָט רעגענט מיט פייער און שוועבעל און האָגעל און דערהרג'עט ארמילו"ס הרשע. בייא דער צווייטער תקיעה, אין דעם ניינטען צייכען, שטעהען דיא טויטע אויף לעבעדיג פון דיא קברים.

משיח בן־דוד לאָזט זיך אוועק צונויפנעהמען די איבעריגע יודען אין אלע עקען וועלט. פריצים טראָגען די יודעליך אויף די פּלייצעס און ברייגנען זיי א מתנה צו גאָט, קיין ארץ־ישראל... ביי דער דריטער תקיעה, אין דעם צעהנטען צייכען ענטפּלעקען זיך די עשרת השבטים מיט די בני משה, רויטע יודעליך, גאר אָהן א צאָהל. יודעליך לעבען, זיצען זיך אין הויכע ספּאָדקעס אויף די קעפּ מיט פאר־לייגטע הענד, קוקען און האבען הנאָה פון דער לויטערער שכינה...״

ק א ב צ א נ ס ק ע ר יודען שמעלצען זיך, הערענדיג לעבין אויווען, עס צר שפּיעלען זיך זייא די נעבליטען, ווערען ביי זיך שטארק, זייגען גרייט צו נעהמען פיילענבויגענס און לויפען אין דער מלחמה . . . מען פארגעסט אויף נישט די גרויסע סעודה פונ׳ם לויתן און דעם שור הבר מיט דעם יין המשומר. רבה בר בר חנא׳ס פעטע נענזליך, פון וועלכע עס רינט שמאלץ, ווערען אויפגעגעבען צום בריליאנטענעם טיש אויף גין־גאָלדענע־פּאָלימעשקעס. צדיקים עסען, טרינקען און לעקען די פינגער. — מיינע הונגעריגע ק א ב צ א נ ס ק ע ר יודען בעלעקען זיך, עס געהט זייא איבער די סמאהע, מען הערט, וויא עס בורטשעט זייא אינווענינ אין בויך און זייא קראַטצען, קראטצען זיך נעביך . . . מען לייגט אוועק פאר צרות דעם לויתן און מען נעהמט זיך לעת־עתה צו דער פּאָליטיקע, צו דעם גאנצען ענין פון טכסיסי מלחמה, אין וועלכען זייא האלטען זיך פאר גרויסע בריות און טהוען דרינגען אויף פשטליך גאנץ שכל־דיג. די גאנצע לאנד־קארטע איז ביי זייא אויסגעמאָהלט אויף דער האנד. און בשעת בעריל מיט זיין קאָמפּאניע שטעלען אוים אויף דער דאָלאָניע קירה׳ס חיל, אויף די פינגער דעם תוגרם, צווישען זייאביידע, אויף דעם קרהחיים, א ים, אָדער דעם פּרוט און עס קעהרט זיך א וועלט, איז לייזער מיט זיין קאָמפּאניע שטארק בעשעפטיגט מיט די שרים זייערע דאָרט, אין הימעל, אויסווייזענדיג בפירוש פון רש״י, אז קיינער פון די מלכיות האט נישט די מפּלה דאָ אונטען, ביז עס פאלט נישט דער שר זיינער דאָרט אויבען. בעריל וויל שוין צומאכען די פינגער אזוי, אז דער תוגר זאָל אומקומען, אריינפאלען אין ים. — ניין, בערעלע! שרייעט איהם לייזער, אומזיסט דיין מיה, דוא עם־הארץ איינער! פאלען מוז נאָר דער שר של אדום, אזוי, גראָבער יונג, שטעהט געשריבען. אז מען ווייסט נישט, בעדארף מען שווייגען און זיך נישט מישען... בערעלען פאר־דריסט עס זעהר שטארק און וואס לייזער זאָל פון אצינד אָן נישט עפּיס זאָגען, שרייעט ער, איהם אויף צו להכעיס, אלץ פארקעהרט. למשל, ווען די צייט איז געקומען איבערצוצעהלען די קאָסע פון געוויסע נגידים און לייזער האט זיך גענומען נאשמאָק צום עסק, האט געשאצט על פּי יושר ר׳ איצע ג ל ו פּ ס ק ע ר ס

פארמעגען אין צוויי'א מיליאָן און ר' קלמן'ס פארמעגען נאָר אין אנדערטהאלבען מיליאָן קערבליך, איז בערלען אויסגעקומען צו שאטצען דווקא פארקעהרט, נישט אזוי וועלען טרעפען דערמיט ר' קלמנ'ען, וויא לייזערען, און דערפון איז א מאל ארוים מיאוסע זאכען. א טהייל האבען געהאלטען מיט לייזערען, א טהייל מיט בערלען. מען האט זיך געדונגען, געהאמפערט, געווערטעלט: וואס איז, עפּיס געלט־שמעלט ?! ישרנים פּרעגען זיך ארייגלייגען אין שלום אריין: פאלגט אונז, נים נאך בערלען אויף ר' קלמנ'ען, וועט ער אייך נאָכגעבען אויף ר' איצען. — מה רעש ? האט איינער געמאכט א פשרה: ר' איצע האט א מיליאָן זיבען הונדערט־פופציג־טויזענט און ר' קלמן אויך אזוי פיעל, א מיליאָן זיבען הונדערט־פופציג־טויזענט קערבליך. מיר דאכט זיך, ס'איז גאנץ אָרענטליך,ביידע צדדים קענען צו־פריעדען זיין. לייזער און בעריל באדארפען שטעלען משקה, עס קומט פון זייא בראנפין. — קוילעט אונז דאָ פאר א גראָשען, שרייט לייזער מיט בערלען אין איין אָטהעם, מיר האבען אָסור נישט קיין פרוטה. — עט, האט מען געענטפערט, נישקשה, דער שמש וועט באָרגען, נים איהם נאָר א משכון...

אז פלעגט קומען צו רייד פון ר' יודעל קאבצאנסקער, האט איטליכער געמאכט א מינע מיט איין ערענסט פּנים. אלע האבען געזאגט פה אחד, ער איז נישט אזוי רייך, וויא אָהן עין־הרע א מוצלח. נאָר פאר וואס איז ער נישט אזוי רייך, וויא א מוצלח ? אָט דריגען האבען זיך געטהיילט דיא מיינונגען. א טהייל האבען געזאגט, אז אליהו הנביא האט דענסטמאָל, דענסטמאָל געשיקט דעם זיידען ר' שמעלקין משלוח־מנות א יערבען בייטעלע מיט א פעניגיל, פון דעם בייטעלע לאָזט זיך קיינמאל נישט אוים, אין איהם איז שטענדיג דאָ נאָר אזוי פיעל געלד, וויפיעל עס קען אריין, נישט מעהר, נישט וויינגער. ווידער א טהייל האבען געזאָגט: ניין, אליהו הנביא האט געשיקט משלוח מנות ר' שמעלקין נאר א ווינש־פינגעריל מיט דעם שם המפורש. ער האט אָבער אָנגעזאגט, ער זאָל ווינשען נאָר אזוי פיעל צו האבען, וויפיעל ער בעדארף. — עט! האבען יענע מיט א קנייטשעל געמאכט, עט און נאך א מאל טאקי עט! .. ווען אפילו אזוי — וואָלט דאָך ר' שמעלקע ביים ווינשעניש מיט דעם ווינשפינגעריל, אז עס האלט שוין ביים ווינשען, געקענט ווינשען, אליהו הנביא זאָל איהם ווינשען, אז ער זאָל מעגען ווינשען, וויפיעל ער ווינשט זיך צו־ווינשען!... אוי, אוי, מיר זאָלען עס נאָר האבען ווינשפינגערליך, וויסען מיר שוין, וואס עס וואָלט געווען! . . . אָח־ח־חאָ! האט מען געקרעבצט, שלעכט ארום און ארום. איין מיטעל טאקי נאָר א ווינשפינגעריל. וואס זאָלען מיר טהאָן? אוים פרנסות. חאָטש צעריים זיך, שונא ציון, וועט דיר גאר נישט

העלפען... היינטיגע צייטען צו לעבען, וויא ס'איז צו דערהאלטען דיא נשמה, בער דארף מען האבען ריינע נסים...

## ם.

אונזער הערשעלע, וואס האט שוין געוואוסט נעביך דעם טעם פון נוים, וואס דאס יונגע בלום זיינס איז נאך געווען זודיג־הייס, וואס דיא דערקוועטשטע נשמה זיינע, אזוי פריה פאר דער צייט, האט זיך, וויא א געפאנגען פייגעלע אין דעם שטייגיל, געשלאָגען נעביך ארויסרייסען זיך פון דער קלעהם אין דער פרייער וועלט — ער, הערשעלע, האט זיך אָנגעחאַפּט אין דעם ווינשפינגעריל מיט אלע זיינע געדאנקען און עס גענומען אויף זיינע כלים. חלעבין, רבוני של עולם, האט ער בייא זיך געטראכט, פאר וואס זאָלען טאקי גאר אָהן קאַטאָוועס, יודען נעביך נישט האבען אזעלכע מיני ווינשפינגערליך? פאר וואס א מאל, אז ס'איז געווען דיין גוטער ווילען, האסט־דוא דיינע קינדער ישראל געגעבען מן אין דער מדבר, פיינעליך, טויבען זיינען זייא געפלויגען אין מויל אריין און פון א שטיין האט זייא געפלייצט וואסער אויף צו טרינקען! לאָז זיך דאכטען, אז היינט זיינען יודען אויך אין דער מדבר צווישען שלאנגען, עקדישען און דעם פיפערנאָטער. — אך, וויא שיין זיין קינדערשער שכל האט איהם אויסגעמאָהלט אזא פינגעריל, וואס אז מען זאָגט: „פינגעריל, פינגעריל! איך ווינש דאס, איך ווינש יענס,“ האט מען דאס, וועלכעס מען ווינשט, גאר אָהן מיה, אָהן קאָפּדאַרעניש. א תענוג חלעבין! אין מעשה־ביכליך האט ער בעגעגענט זעהר פיעל וואונדערליכע זאכען, וואס זיינען געשעהען אויף דער וועלט דורך צויבער, דורך שמות און ווינשפינגערליך. ער האט געלייענט א־שטיינער, וויא איינער איז א מאָל געפלויגען רייטענדיג אויף א רוח איבער טהאָלען און איבער בערג, איבער וועלדער, איבער פעלדער ביז ער איז געקומען ערגיץ אויף א קעמפּע. אויף דער קעמפע שטעהט א בריליאנטענער שלאָס, א פּאלאץ מיט הונדערטער חדרים. אריינקומענדיג אין פּאלאץ, זעהט ער: גילדענע טישען זיינען געגרייט מיט דיא טהייערסטע קרעדענצין און מען זעהט נישט קיין לעבעדיגע מענשען. נעהמט דעם בחור ארויס זיין ווינשפינגעריל און מאכט: פינגעריל, פינגעריל! איך וויל עסען, איך וויל טרינקען. דאס וויל איך, יענס וויל איך, וויל, וויל און וויל. — קומען עס אריין באלד פּרינצעסענס, בת־מלכות, איינע פון דער אנדערער שעהנער, גאר מחיה, איינגעטונקט אין פּעריל, אין דימאנטען, אין גאָלד, אין זילבער אָון טהוען זיך א נעהם צום בחור. עס טהוט פלגעלים א זעטץ א

שארפע קאפעלע, מען פיהרט דעם בחור לעבעדיג מיט א מארש אין א מידטעל־שטיינענער באָד, וואו ער גלייבט זיך אוים דיא ביינער. דערנאָך הויבט זיך אָן א מאהלצייט מיט גילדענע יויך, מיט דעם טהייערסטען ראָזינקעס ווין. מיינער איז נישט פויל, עסט, טרינקט, מהומ זיך וואויל. אזוי געהט עס ווייטער, ווייטער און ווייטער... דאס ווינשפינגעריל איז איהם וויא א טשוואָק געזעסען שטייף אין קאָפּ, שטענדיג וועגען דעם אלץ געטראכט און איז איהם אין שלאָף אפילו פונ׳ם זינען נישט ארויס. דאס וואס א ווינשפינגעריל איז דאָ, איז דאָך א געוויסע זאַך און ער האט דרינען הייליג געגלויבט, ווארום אזוינס האט ער דאָך געהערט אויף פון זיין טאטען. א ט א ט ע ווייסט... סטייטש, פון וואנען האט ער דען געהערט יענע אלע מעשיות פון יענער וועלט, פון אלסדינג, וואס קאָכט זיך אין גיהנום, אין גן־עדן, פון מלאכים, בעלי־שמות, מכשפים, שדים און רוחות, ווען נישט טאקי פונ׳ם טאטען. היינט ווען ער זאָל נישט געווען גלויבען איז „ג ר ו נ ט" אריין, אין דעם „א נ י מ א מ י ן, אז א ט א ט ע ו ו י י ס ט" וואס־זשע וואָלט געוואָרען חליקה פון זיין ביסעל יודעשקייט ? ! . . .

כל־זמן הערשעלע איז נאָך געווען א יונגעל, פלעגט ער אלץ טראכטען, אז ווען ער זאָל נאָר האבען א ווינשפינגעריל, וואלט ער זיך געווונישען א ווארעמע, פרישע בולקע מיט א ראָסעלפלייש און א פעטען קונעל נאר אין מיטען דער וואָך, וייל דענסטמאל פלעגט ער זעהר אָפּט ליידען הונגער, נישט פאר יודען געדאכט, און קיין בעסערס פון אזעלכע מאכלים איז דאָך אויף דער גאנצער וועלט מעהר שוין נישטאָ. אויך וואָלט ער געווינשען, אז אלע מלמדים און חדרים זאָלען, אין־איינעם מיט דיא סידורים טאקי, פארשווינדען ווערען מיט דעם רויך, עס זאָל פון זייא טאקי, רבוני של עולם, קיין זכר נישט בלייבען, ווייל אָנקוקען האט ער נישט גע־קענט דעם חדר און דעם מלמד זיינעם, דעם רוצח. פון דער מוזיקע וואָלט ער זיך געווינשען א גוטען שופר־בלאָזער און א קאטערינשטשיק, ווארום קיין אנדערע מוזיקע, חוץ א שופר א גאנץ חודש אלול און א קאטערינקע, וואס איז אויף עטליכע טעג פארוואָרפען געוואָרען א מאל אין זיין שטעדטיל, האט ער נישט געהערט. — שפעטער, אז ער איז עלטער געוואָרען און אָנגעהויבען צו פיהלען אנדערע מיני בעד־דערפעניששען, האט ער אויך געהאט אנדערע מיני ווינשעניש. דענסטמאל וואָלט ער זיך געווינשען א בת־מלכה, א פרינצעסין, א שטוב מיט א בעל־הבתיש׳קייט, עטליכע ציגען מיט א צווייא דרייא בהמות.

דיא בת־מלכה האט אונזער הערשעלען זיך דענסטמאָהל געמאָהלט אין דער געשטאלט פון ב י י ל ע ן, א יאָרערדיג מיידיל, א דיקס, קורץ געוואקסען מיט

רוימע, פולע באקען, א פאדריסען נעזיל און שווארצליכע־ברענענדיגע אויגען. איהר מאמע בן־ציון צ ב י ה׳ ס — א גלעזער און דערבייא מאקי שוין אויך א שטיקעל ארחיטעקטער, נישט אזא מייסטער מיט דער האק, ווייא א מבין — האט געהאט זיין אייגענע שטוב, דיא דריטע פון הערשעלעס מאמענס הויז, און ווייא דער שטיינער אין יודישע שטעדטליך, איז א נאהענטער שכן איין אייגענער מענש, געהער צו דער משפחה און מאכט אויס מעהר ווייא א לייבליכער קרוב אין דיא גרויסע שטעדט. קליינשטעדטילדיגע שכנים ווייסען איינער ביים אנדערען א מינדסטע זאך, וואס מען רעדט, וואס מען קאכט ווארמעס, איטליכס פיטצעלע, וואס טהוט זיך אין שטוב. איינער דעם אנדערען קוקט־נאך, צאטעוועט ווייא א שפיאן. מען קריגט זיך, זידעלט זיך און מען בעט זיך איבער, ווידער אויף דאס־נייא צוקריגען זיך. שכנות קריכען איינע צו דער אנדער נאך א קויל פייער, לייען א האקמעסער, א ריבאייזען, א כשר־שטיין, א פארעווען טאפ, א ווייקשעפיל און איין איי אויף חלה שמירען. האלטען זיך איין עצה, אויף וויפיעל איינגליך אנצר הויבען דיא פיאטע, ווען אפצולאזען און פארשליסען דעם זאק. פארהערען זיך אין איינגעמאכטס־פרעגלען פון אנרעסען, אין אויספלעבטען דעם פורים־קוילעטש און אפצוויקלען דיא קישעלעך. טראגען איינע צו דיא אנדערע ווייזען אויף חידושים דעם המנטאש אויף פורים, דעם קניש און דעם פיינקוכען אויף שבועות; איינע ווינשט דער אנדערער: דערלעבט איבער א יאהר אין פיעל גוטס מיט דעם מאן און דיא קינדער! טראכטענדיג א מאל אין הארצען: פוקע זיך, שלימזלניצע, נעהמען זאל דיך דער רוח! ... הערשעלעס מאמע און ביילעס האבען געלעבט צווישען זיך ווייא נאהענטע שכנים, און הערשעלע אליין איז קינדוויים שטארק חבר געווען מיט ביילע׳ן: פלעגען לויפען, שפילען זיך אין זשמורקעס מיט נאך חברים און חבר׳טעס טאנצען, שפרינגען בארפיסערהייט נאך א רעגען אין דיא קאליזשעס און זינגען ביידע, האלטענדיג זיך בייא דיא הענטליך, דאס בעקאנטע לידעל: „א זון מיט א רעגען, דיא כלה איז געלעגען. וואס האט זיא געהאט? א יונגעלע. ווייא אזוי האט עס געהייסען? משה׳לע, וואו האט מען עס געוויגט? אין א וויגעלע. וואו האט מען עס בעגראבען? אין א גריבעלע.“—ביילע פלעגט א מאל אין שפאס אנשטאט משה׳לע זאגען: „הערשעלע“, און הערשעלע פון זיין זייט האט אנשטאט „דיא כלה“ געזאגט אויף קאטאוועס: „ביילעניו“ .... ביילע פלעגט קענען דער־צעהלען מעשיות פון גזלנים, מכשפים, מכשפה׳טעס און פון א רב מיט א רביצין. הערשעלע פלעגט אויסהערען איהרע מעשיות, קוקענדיג איהר אין מויל אריין מיט גרויס פארגניגען און נארישט. — ביילע איז פאר איהם געווען דאס אייגענע וואס

פייטיל, מאָטיל און נאָך אנדערע חברים. נאָר שפּעטער אביסיל, אז הערשעלע איז שוין א גמרא־יונגעל, הויבט ער פלוצלים, פון דער העלער הויט, אָן פאַר איהר זיך צו שעהמען, אליין ניט רעכט צו־ווייסען פאר וואָס, פאר וועמען? גאָרנישט, גלאט אזוי, ער שעהמט זיך!... ער האט צו גלייכער צייט זיך געשעהמט, אויך טאקי שטארק חשק געהאט צו איהר, חאָטש פון־דערווייטענס אָנצוקוקען זיא. און ווען ס'איז אמאל אויסגעקומען צונויפקומען זיך מיט איהר אין איינעם, פלעגט ער רויט ווערען און אראָפּלאָזען דיא אויגען. זיא האט אויף איהם קוקענדיג, אויך אָנגעהויבען זיך צו שעהמען אוןביידע האבען גע־זוכט איינער דעם אנדערען וויא מעגליך אויסצומיידען. נאָר וואס מעהר ער האט זיא אויסגעמידען, האט איהם אלץ מעהר דאס הארץ זיינס צו איהר געצויגען. איהר קול האט איהם ליעבליך געקלונגען אין דיא אויערען. איהרס א וואָרט פון־דער־ווייטענס איז איהם זיך צוגאַנגען אין אלע אברים. קיין בעסערע, קיין שעהנערע פון איהר, האט זיך איהם גערוכט, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. ער האט שוין געוואוסט דענסטמאָל פונ'ם לעהרנען, אז קוקען אויף איין אשה און טראַכטען פון איהר, איז א גרויסע עבורה. נאָר ווייל ער האט עס געוואוסט, דעריבער טאַקי האט זיך איהם ערשט געגלוסט; ווייל ער האט געלעהרענט, אז דאס איז איין עבורה, דעריבער טאקי האט עס איהם, וויא אויף צו להכעיס, שטארק געצויגען דווקא אויףביילע'ן צו קוקען, און ווייל דאס איז געווען א געהאַפּטער קוק בגנבה, נישט גאַנץ פרייא, וויא פריהער, דעריבער האט ער טאַקי עפּיס געטראַכט... גע־טראַכט און זיך געשעהמט. — אז הערשעלע האט, רייבענדיג זיך צווישען קאַבּ־צאַנסקער לייט, איבערגענומען בייא זייא דעם שטייגער פון ווינשען איינ־איינעם מיט דער מעשה פונ'ם ווינשפינגעריל, האט ער זיך געווינשען א בת־מלכה, דאס הייסט — ביילען.

דאס ווינשעניש אין קאַבּצאַנסק איז געווען איינע פון דיא גאַנץ געוועהנטליכע בעשעפטיגונגען, צו אונטערהאלטען זיך און פאַרברייגען דערמיט אביסיל דיא צייט — א בעשעפטיגונג, וואס איז געקומען פונ'ם שטענדיגען ליידיג מאַנגעל אין דיא נייטיגסטע בעדערפעגישין און פונ'ם ליידיג זיצען אָהן פרנסה. אזוי ליגט שוין בטבע פונ'ם מענשען: „דאס וואס געהט אָפּ, געהט נישט ארויס פונ'ם זין, מען באַגיטיגט זיך חאָטש מיט דעם טראַכטען דאַרין"... „האָפנונג און ווינשעניש איז דער נויטס מלאכה, דאס משוגע זיין איז פאר וואוילטיג און הצלחה." אזעלכע גרויסע בריות אין דעם ווינשען, וויא קאַבּצאַנסקער יודען, זיינען נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט: פרייע, ליידיגע צייט האבען זייא גענוג, און צרות

זיינען זייא, ברוך־השם, אויך נישט זשעדנע, חיינט וואט־זשע איז דאָ פאר אזא ווינדער, אז אין דעם ענין הווינשטניש האבען זייא דערגרייכט אזא הויכע מדרגה מעהר פון אלע לייט אויף דער ערד! וואס נאָר עפּים א שמיעס איז בייא דיא קאבצאנסקער באלד א ווינשעניש. לאָמיר אָנהאפּען למשל דאס א שטיינער; שמיעסענדיג פונ׳ם ים אוקיונוס קען זיך איינער פארגינען צו־ווינשען: אזוי פיל געלד זאָל איך האבען, וויפיל זאמד אויפ׳ן ברעג זיינעם ארום און ארום!—עט, מאכט דער צווייטער, דער גאנצער ים זאָל זיין טינט און איך זאָל האבען אזוי פיל, וויפיל מען וואָלט מיט דעם טינט געקענט אָפּחתמ׳נען טראָטעס, איטליכע אויף טויזענט קערבליך!... און איך, ווינשט דער דריטער, אויפהייבענדיג מיט א זיפצעלע דיא אויגען צום הימעל: ביידע זאָלט איהר שטארבען, רבוני של עולם, און איך אליין זאָל אייך ירשה׳נען!... גוט צובריינגען פלעגט מען געוועהנטליך דיא זומערדיגע ליכטיגע אָוועגטען. עס וועט גאנץ גענוג זיין אויסצומאָהלען דאָ א קארטינקע פון איין אָוועגט אזעלכען:

אין דיא הייזער ברענט נישט קיין ליכט. טהיר און טויער זיינען אָפען. מען עסט וועטשערע פאר דער לבנה. נאָך דער וועטשערע שיטען זיך, וויא דיא מורעשקעס, ארויס פון דיא הייזער: מאנסבילין אָהן קאפּאָטעס, אין דיא איינע טלית־קטנ׳ס, ווייבער צושפּילעט, נאָר אין דיא אונטערשטע קליידליך, קינדער אויסגעטהאָן האלב־נאַקעט. שכנים א גאנצע קופּה ליינען זיך אויס אין דרויסען, יונג און אלט, קינד און קייט, אלע אין איינעם. גילדענע פאסען פון דער לבנה שלאָגען זיך דורך ערגיץ צווישען דעכליך, ציהען זיך איבער קעפּ, איבער פים אין דער קופּה מענשען, קריכען וויטער, ווייטער, טאנצענדיג אויף ווענט, אויף פלייטען און ווייזען אָן דאָ א קאטץ, וואס דראפּעט זיך, ניסטערט אויף א דאך, דאָרט קיה אויסגעשטרעקט אויף דער גאס, מעלה־גרה׳ן, אונטערשמייסענדיג זיך פאמעליך מיט דיא ווידלען און קייבען, זיפצען מיט א חריפ, עפּים וויא פונ׳ם בויך. — דיא ערשטע עטליכע מינוט איז איטליכער בעשעפטיגט מיט זיך, מען געניצט, סלוקערצט, מען טרייבט פלעה און מען קראצט זיך. ווייבער הויבען דערווייל אָן דעם שמיעס וועגען דער היינטיגער וועטשערע, איטליכע מיט איהרס: בייא דער, זיינען דיא שטשיפּקעס בעטאמט געווען אזוי, אז דער מלכות האט עס געמעגט עסען, בייא יענער איז דער ארבעס צוקאָכט געווען ווייך, וויא מארך, אז מען האט געלעקט דיא פינגער. איינע דערצעהלט דאס גרויסע גליק, וואס זיא האט געטראָפען: פאר א גראָשען האט זיא געהאנדעלט אין מארק א מציאה — א רעטיך גרויס, וויא דער קאָפּ, פון וועלכען מען האט גענוג געגעסען אין דער פריה, אויך אצינד אויף

דער נאַכט און ס׳איז נאָך איבערגעבליבען א היבשער שטיק אויף מאָרגען, מען זאָל לעבען און געזונט זיין! אַלע רעדען הויך אויף אלערלייא דינגע, קוויטשעדיגע קולות. דיא מאַנען ברומען לעת־עתה אונטער, מישען זיך אריין נאָר, וויא פון יוצא וועגען, גלאַט אזוי מיט א וואָרט. זייא לייגען זיך דערנאָך מיט דעם בויך ארויף און, פאַר־קוקענדיג זיך אויף דעם אויסגעשטערענטען בלויען הימעל, נעהמט מען זיך געשמאַק שמיעסין, וואס טהוט זיך אזוינס דאָרט אויבען. דיא לבנה ווייזט זיך אויפ׳ן אָרט, וואו דער עולם כינט; מען קוקט אין איהר אָן דיא ליכטינע צורה פון יהושע און איטליכער מאַכט: אוי, א נאָז מיט אויגען! . . . איציק און בעריל, וואס האַלטען זיך פאַר שטיקליך שטערענזעהער, חקרנים, טייטען מיט פינגער אויף דעם „אלף בית“ פון דיא שטערען און האַמפּערען זיך וועגען דעם „תיו“ און „חית“. דער איבעריגער עולם טהוט צוליעב זייא ביידע. איטליכען פון דיא צווייא חקרנים, וואס טייטעלט איהם מיט א פינגער, גיט מען גערעכט, שווערענדיג זיך: יא, אמת טאַקי, איך זעה, זעה, וויא איך בין א יוד! — אי, אי! יצושרייעט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט א יוד, עפּיס אזוי פיעל שטערען דאָרט, דאָרט איז דיא געפלעקטע, וויסליכע פאַסען, אָנגעזעצט וויא מאָהן! אזוי פיעל רענדליך ווינש איך מיר צר האבען. . . נעהט שוין, געהט! מאַכט דער אַנדערער, איך לאָז פאַר וועלוועלער, פאַר איטליכס שטערענדיל א קאָפּיקע. עס געפינען זיך בעלנים אויף נאָך וועלוועלער, צווייא, פינף, צעהן פאַר א גראָשען, און בשעת יודען טאָרגעווען זיך דאַ אזוי, רעהנען, צעהלען, לאָזען אראָפּ דיא מקחים און וואַרפען דעם קורס פון דיא שטערען, זיצט דאָרט אין דער זייט איינער עפּיס א לץ, דרשה׳ט און זאָגט גלייכע ווערטליך. דיא ווייבער אַרום איהם שרייען קלאָמפּערשט; פע, גענוג! פאַרשטעקענדיג זיך דיא אויערען, הערען זיך אָבער זעהר גוט צו און קייכען פאַר געלעכטער. . . קינדער זיצען אויף נישט ליידיג, קיטצלען זיך, דערלאַנגען איינער דעם אַנדערען א קכאַפּ, א שנאָל אין דער נאָז הינטען ארום. דער פון דער נאָז טהוט א קוויטש, יענער פונ׳ם שנאָל מאַכט זיך צום תם, נעביך נאר א צדיק אין פעלץ און בייזערט זיך קלאָמפּערשט: שאַ, שאַ! מאַמעס שעלטען דיא קינדער, בענומען זאָלען זייא הלוואי ווערען, און אַגב טאַקי זייא מכבד מיט א קניפּ. דיא טאַטעס וואַרפען אַוועק דיא טאָרגעס און פאַלען פלוצלים פונ׳ם הימעל אראָפּ אויף דער ערד. דעם האט א זשוק זיך אַריינגעפּלאָנטערט, אין באָרד, יענעם — אין דיא פאות, דעם דריטען קריכט עפּיס אונטער׳ן העמד דאָרט אויפ׳ן רוקען. א רויטע קוה, א פרעסערען, פון וועלכער עס האט זיך אָפּגעטהאָן דער שלאָף, פאַרקריכט, ביים שטשיפּען גראָז, אין דער זייט נאָם ביז צו דער גאַנצער עדה יודען, דרעהט זיך צו זייא אויס מיט

דעם הינטען מחילה און פיהרט זיך עפּיס אויף פּע, נישט מיט דרך־ארץ. אלע זידלען זיא מיאוס אָפּ, טרייבען זיא און שרייען: היידא! אין איין קול. זיא דרעהט זיך געשווינד אויס פון יודישע הענד און לויפט אהין אין איהר רוה אריין. דערפון שפּינט זיך עפּיס א לאנגער שמיעס: וועמענס קוה איז דאס? וויפיעל מילך גיט דיא קוה? וויפיעל איז דיא קוה ווערטה? „שא, וויפיעל, מיינט איהר, יודען!“ טהוט פּלוצלים איינער א פרעג: „זאָל ווערטה זיין דיא גאנצע קאבּ־צאנסקער טשערעדע, שוין מיט דיא ציגען אין־איינעם?“ איינער שאצט עס אזוי פיעל, דער אנדערער — אזוי פיעל, דער דריטער ווינשט זיך דאס צו האבען, וויפיעל ס'איז ווערטה מעהר. איטליכען בעזונדער חאפּט אָן א ווינשעניש און מען ווינשט, ווינשט, ביז דיא צונג ווערט מיעד ריידענדיג און מען הערט פון־דער־ווייטענס, וויא איינער חראָפּעט שוין אָהן עין־הרע געשמאק. דיא מאנען טרייבען דיא ווייבער: קומט שלאָפען! דיא ווייבער מיט זייער חן קוויינקלען זיך קלאָמפּערשט: עס גלוסט זיך זייא גאָר ניט נעהען אין בעט אריין און וואָלטען דיא גאנצע נאכט גערען דאָ, אין דרויסען, געשלאָפען. א יונג פּאָר פּאָלק געהט אוועק באַלד טאקי, דיא איבעריגע מאכען שיהות, דינגען זיך, ביז פון ערגיץ א ווינקעלע שפּרינגט ארויס פּלוצלים א ציג, וועלכע א פּאָר ווייסע־חברה'ניקעס האבען איבער־געשראָקען, אונטערגגבה'נענדיג זיך שטילערהייט צו איהר אויף דער פריזבע דאָרט; זייא נאך איהר און זיא אין גרויס איילעניש, יאָגעניש, פּוטץ אריין צווישען דער קופּה יודען. עס ווערט א מהומה, א קאָכעניש, מען ניט זיך א הייב אויף ניך און, בטלנ'דיג חלומות, צולויפט מען זיך געשווינד, איינער נאך דעם אנדערען נישט צו זאָגען אפילו א גוטע נאכט! —

•

אז דיא היילינע תורה זאָגט: „יששכר חמור, יששכר איז איין אייזעל, נרם, א ברייטביינינגער, רובץ, וואס הויערט, בין המשפתים, צווישען דיא געמארקען“, ועט נאכדעם, דאכט זיך, קיינעם שוין נישט פריקרע זיין דאס פארגלייכעניש פון א יודיש בר־מצוה יונגעל צו א לאָשאקיל ביים נעהמען עס צו דער ארביים. — עס לויפט זיך א קליין לאָשאקיל הינטער דעם וואָגען, וועלכען דיא וויסטע מאמע זיינע, דיא שקאָפּע, שלעפּט נעביך, איינרייסענדיג זיך דאס געזונד און האפּענדיג הינטער־וויילכם א שמיטצעל, גאָרנישט, עס זאָל איהם דאס אָנהויבען צו ארען. עס לויפט זיך פרייא, יאָגט הענדום־פּענדום, דרינעט מיט דיא פיסליך, טאנצט, שפּרינגט

האָץ־האָץ לעבעדיג פרעהליך, פאררייסענדיג דעם ווײדעל און האט הנאה פונ'ם לעבען. פלוצלים טהוט מען איהם אָן א ציימיל, מען שפּאנט עס צו מיט א שטריקעל צו דער פארוואָגעלטער מאמען. נעה בחור, גיט מען איהם שטארק אָנ־צוהערעניש מיט דער בייטש, נעה בחור, אויפ'ן דראָנזשיק! דאס הארץ רייסט קוקענדיג וויא יונגערהייט איז עס נעביך דערשלאָגען, וויא יונגערהייט געהט עס בעטריבט, פאראומערט אין דעם שווערען יאָך. אין דער־ערד איז נעביך זיין קאָפּ, אז אָך און וועה צו זיינע יונגע יאָהרען!

אונזער הערשעלע ווערט בר־מצוה — א לאָשאקיל שוין מיט א ציימיל! זיין קעפּיל און זיין דאר־קינדערש הענטיל נעביך זיינען געבונדען, גע־וויקעלט שטייף מיט רימענס, רצועות. דאס ערשטע מאל מאכט ער דעם „לשם יחוד" מיט ליב און לעבען און אלע זיינע קרעפטען צו זיין פון היינט אָן משעבד, איינגעשפּאנט אין דער עבודת הבורא...

„וארשתיך לי לעולם" און איך האב דיך פארקנאסט צו מיר אויף אייביג! זאָגט הערשעלע, ארומדרעהענדיג דיא רצועה אויפ'ן פינגער. א צווייטען־מאל א דרעה און ווייטער „וארשתיך"! א דריטען דרעה און ווידער „וארשתיך לי באמונה" איך האב דיך פארקנאסט צו מיר מיט דעם גלויבען „וידעת את ה'" און דוא זאָלסט וויסען וואס פאר א גאָט מיר האבען!...

— נענוג, הערשעלע, זיין א יונגעל! דערמאָהנען איהם אויך דיא עלטערען מיט א מוסר. אויס פרייא! שוין צייט צו זאָרגען, צייט אין זינען צו האבען עפּיס תכלית־זאכען... קום, לאָשאקיל, אויפ'ן דראָנזשיק, קום שלעפּען דעם יאָך, קריעה רייסען אויף דעם שטיקעל ברויט, פארשווארצט ווערען מיט אונז אין איינעם!

צוויא מאל מזל־טוב דיר, קאבצאנסקער ארעם בר־מצוה בחור'ל!— מזל־טוב דיר מיט דעם „עול עבדה" מיט דעם יאָך פון עבודת הבורא! און מזל־טוב דיר אויך מיט דעם „עול דרך ארץ" מיט דעם יאָך פון דער ביטערער פרנסה אין דעם וויסטען לעבען! געזעגנען זיך אָפּ מיט דיינע יונגע יאָהרען — דוא ביסט געבונדען! האב מורא פרייא דעם קאָפּ אויפצר הייבען — ס'איז איין עבורה, מען טאָהר נישט!.. זאָרג, זיפץ, קרעכץ און לאָז דיר דארען, טריקענען דער מוח...

און אזוי וויא הערשעלע האט געהאט א שיין קווּטשעש קול'כען האט דער טאטע דרינען געזעהן דעם תכלית, געוואָלט דערפון מאכען א פרנסה —

דאס זוהנדיל זאָל איהם אונטערהאלטען ימים־נוראים דאָרט אין דעם גלופסקער קלייזיל, וואו ער איז שוין היבשע עטליכע יאָהר כסדר געווען א בעל־תפלה. בר־מצוה איז הערשעלע געוואָרען נאך שבת־נחמו, פונקט טאקי אין דער צייט, ווען בעלי־תפלות הויבען אָן זיך צוגרייטען צום דאוונען, ווען זייא שטעלען דיא „כלי“, פרייווען דעם האלז, פאַרהערען זיך אין שטייגער; ווען עס לאָזט זיך אין דיא אָוועגטען הערען, ווייט אויף דער גאס, שטיקליך פון דער ראש־השנה'דיגער „שמונה־עשרה“ אויף וויינענדיגע, טרויעריגע נגונים.

נישט דער סאָלאָוויטשיק, דער זיסער וואלד־זינגער פאַר א וועלט מענשען, נישט ער איז דער משורר פאַר יודישע קינדער; נישט פאַר זייא שפּיעלט ער זיינע שיינע לידער וועסנע־צייט אין „ספירה“, אויפוועקענדיג דערמיט אין לייטישע הערצער געשמאקע געפיהלען פון ליעבשאפט — ניין! דעם יודענס סאָלאָוויטשיק איז דער בעל־תפלה, געפיהלען פון ליעבשאפט וועקט ער אין איהם אויף מיט דעם וואונדער־שיינעם „אתה זוכר“ און זיסע ליעבליכע ווערטער פון דיא הייליגע נביאים. דעם יודענס ליעבשאפט איז געטליך ריין, האט נישט, וויא נאָט, קיין בילד, קיין געשטאלט, ער ברענט, ער איז פארקאָכט, ציהעט זיך פאַר גרויס חשק מיט אלע זיינע געדאנקען אהין, אהין — צו דער הייליגער שכינה דאָרט אין הימעל...

„כה אָמר ה'!“ אזוי זאָגט נאָט, שרייעט אוים הויך אויף א קול דער בעל־תפלה: „זכרתי לך חסד נעוריך“, אוי געדיינק איך דיר, כנסת ישראל, דאָס גוטס־קייט דיינס אין דער יונענד, אהבת כלולותיך, דיא ליעבשאפט דיינע כלה'ווייס, לכתך אחרי במדבר, דיין שפּאצירען־געהען מיט מיר אין דער מדבר, בארץ לא זרועה, ערגיץ אין א העק עפּים דאָרט. — עס גיט דעם יודען א בריה, א צופּ ביים הארצען, ער צאפּעלט, פלאַטערט, שטרעקט אוים דיא הענד מיט א הייס געבעטען טיעף פון דער נשמה: אי־אי־נאָטוניו, ליעבער, זיסער, רבוני־של עולם! —

און איידער נאך ער קומט צו זיך צו יאַחמערט זיך דער בעל־תפלה, צוגיסט זיך און לאָזט ארוים אין זיסע ריהרענדיגע שטייגער: „הבן יקיר לי אפרים, א טהייער־זוהנדיל, איז מיר אפרים לעב, אם ילד שעשועים, א קינד־א טרייסט, כי מדי דברי בו, ווען איך רעד פון איהם, זכור אזכרנו עוד, קומט ער מיר אויפ'ן זינען אַלץ מעהר. על כן המו מעי לו, דאס הארץ געהט מיר אוים נאך איהם, רחם ארחמנו נאם ה', א נאָט'ס רחמנות געביך אויף איהם“. — מיין יודעלע שטעבט זיך אין דיא אייגעליך טרעהרען, מאכט פּיסקעליך וויא א קינד, עס ווייגט

אין איהם דאס הערצעלע און פיסטעט זיך: אוי, מאמעניו! ווילע, ליעבהערצידיג, געטרייא פאטעריל!..

דאריבער פערזאמלען זיך, וויא דיא בינען אז דערשמעקען ערגיץ האניג, רעדליך יודען הינטער דיא פענסטער פון לייזער־יאנקיל'ס שטוב, וואו ער ארבייט געשמאק אין „ונתנה תוקף" און נאך אזעלכע נוטע שטיקליך. לייזער־יאנקיל זעטצט ווערטער, צוגיסט זיך אויפ'ן העלזעלע אין שטייגער, איבערגעהענדיג פון דער געמבע אין א בייא־קול און הערשעלע ענטפערט איהם אפ אויף א קוויטש.ביידע הארעוועז, געהען אפ מיט שוויים, קולות אלערלייא פליהען — דאס פון איטליכען בעזונדער, איינער נאכ'ן אנדערען כסדר און דאס אויסגעמישט אין־איינעם, דרעהעליך מיט א צוק אהער און אהין, דער א קוועטש אראפ, ברומענדיג מיט א פרענ אויף דער גראבער סטרינע, יענער א הייב פון אונטען ארויף, אויסקוויטשענדיג איין ענטפער אויפ'ן גליינקיל. דיא העלזליך ארבייטען בים־באם־בים — און יודען הינטער דיא פענסטער זיינען זיך מחיה הערענדיג.

אזוי קנאקט דער קאבצאנסקער סאלאווייטשיק, שפיעלט זיינע טרויערדיגע־זיסע נגונים אין דיא אוועגטען ביז א פאר טעג פאר סליחות, וואס דענסטמאל ווערט ער אנשווינען און קלייבט זיך אין וועג אריין אין איין צייט מיט דיא שוועלבעליך און אלע אנדערע זומער־פייגעליך. זייא אהין, ערגיץ אין דיא וויטע, ווארעמע לענדער און ער מיט הערשעלען קיין גלופסק, דארט אין קלייזיל . . .

שא, שטיל איז סליחות־צייט אין דעם וואלד, וויא אין קאבצאנסק שבת, ווען דער עולם שלאפט נאך מיטאג און דאס שטילקייט דארט ווארפט אן א מרה־שחורה. דיא ביימער שטעהען עפיס פארטראכט, פארזארגט, נאר נישט דאס פנים, דאס געשטאלט וואס פריהער. זייער שאקלען מיט דיא צווייגען — דאס איז א ברעכען מיט דיא הענד, זייער זשומען — דאס איז א ביטערער יאמער, א זיפצען, א קרעכצען פון א געטרייער מוטער, וואס בלייבט איבער אליין נאכדעם וויא איהרע קינדער צופאהרען זיך אין אלע זייטען. דארט וואו עס האט ערשט געלעבט, זיך גערעשט, געזונגען, געשפרונגען אין איטליכס ווינקעלע, איז אצינד שטיל־רוהיג, וויא אויף א בית־עולם. אלסדינג דארט דערמאהנט אין דעם צר שיידען זיך מיט דיא ליעבע טיעף אין הארצען איינגעבאקענע. נישטא דאס פריהער־דיגע לעבעדיגקייט, דאס פרישקייט און אויפגערייטקייט, אלסדינג שטעהט עפיס וויא ברוגז, זעהר אומעטיג. דער הימעל קוקט אויף נישט פריינדליך און איז עפיס

שטארק אָנגעבלאָזען. ווייסט איז דיא נעסט — דיא פייגעליך זיינען זיך צופלויגען...
פארזאָרגט, פארטראכט שטעהט דער וואלד, גלייך וויא ער פיהלט, אז דאס אויפ־הייבען זיך און אוועקפליהען פון זיינע שפיעל־פייגעליך בעוויזט נישט אייף קיין גוטס. ער מעג זיך ריכטען, אז באלד־באלד וועט זיך אָנרוקען אויף איהם א חמארע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטען. און ער איז אצינד דעריבער פאראומערט, שטארק בעטריבט.

שא, שטיל, וויא סליחות־צייט אין דעם וואלד, איז אצינד אויך אין ק א ב צ א נ ס ק. מיט ל י י ז ע ר ־ י א נ ק י ל׳ס ריהרען זיך, האט זיך אויך גערירט אפשר א האלב שטעדטיל. ס׳איז אוועק קיין ג ל ו פ ס ק, וויא געוועהנטליך, א טראנספארט מיט אלע סארטען לעבעדיגער סחורה, זוכען אין ג ל ו פ ס ק דאס שטיקעל פרנסה.

ק א ב צ א נ ס ק האט געשפירט דיא ביטערע צייט, עס געהט אויף דעם עולם דער ווינטער מיט אלע זיינע בעדערפענישען: הייצונג, א שוך, א קלייד, און טאקי עפיס עסען אויך. נישטאָ דער זומער, ווען מען ק ו מ ט א י ב ע ר עט־אזוי מיט גרינוואַרג און פטר׳ט אָפּ דאס לעבען וויא־עס־איז מיט שהי־פהי, מיט א רעטיכיל, א גרין אוגערקעלע, מיט א קנאָבעל, א ציבעלע, אבי פארשטאָפּען דעם מאָגען, אויסשטעהען איהם דעם ב ל ב ו ל וועגען דער אבילה. . . און דער גוטער אלמעכטיגער גאָט, וואס דערנעהרט אלע זיינע באשעפעניש, פון׳ם גרויסען חיזיל־טהיר ביז צום קליין ווערמיל אין איי, ער מוטה עס בעצייטענס אָן דיא זומער־פייגעליך: פליהט זוכען אייער שפייז אהין אין דיא ווארעמע לענדער — און איהר ק א ב צ א נ ס ק ע ר יודען: שלעפּט זיך, אָרמענקע יודעליך, זוכען אייער פרנסה אין דער פרעמד, דאָרט אין ג ל ו פ ס ק!

## יא.

מען בעדאַרף ווימען וואס הייסט אזוינס בייא א יונגעל פ א ה ר ע ן, בכדי צו פארשטעהען ה ע ר ש ע ל ע ס הארץ ביים קלייבען זיך אין וועג אריין. גליקליכער פון איהם איז אויף דער גאנצער וועלט נישט געווען אין דעם טאָג, ווען ער האט זיך צוגעגרייט פאָהרען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען אין א פרעמדער שטאָדט אין־איינעם מיט דיא עלטערען. ל י י ז ע ר ־ י א נ ק י ל י כ ע האט זיך אויך נאָכגעשלעפּט. געהייסען האט עס, זיא פאָהרט אויף קבר־אָבות, נאר באמת האט עס געשמעקט מיט א געשעפטיל, אויך מיט אָנקוקען דאכט־זיך עפיס א

חתן, פאר ציפע־סאָסיען אָדער פאר עמיצען אנדערש — דאס איז שוין איהר זאך, קיינעמס עסק נישט. און בבדי אויסצושלאָגען דיא הוצאות האט זיא מיט־געפיהרט אביסעל סחורה, אָפצוזעטצען עס אין גלייכען געלט דאָרט, אין גלופסק. אונזער הערשעלען האט זיך געדאכט, אז גלופסק איז ערגיץ אין עק וועלט, עפּיס לעבין דיא הרי־חושך, וואו דער הימעל לאָזט זיך אראָפּ, און דער טאָג פאָהרען אהינצו וועט זיך ציהען לאנג, זיך גאר ניט אויס־לאָזען.

עס פערשטעהט זיך, אז מיט א נאכט פריהער האט הערשעלע קיין אויג נישט געקענט צו מאכען, זיך געוואָרפען אויף זיין געלעגער פון איין זייט אויף דער אנדערער, טראכטענדיג אלץ פונ'ם גרויסען גליק, וואס איהם שטעהט פיר. עס האט איהם זיך געדאכט וויא גאנץ גלופסק שטעהט אצינד און קוקט ארויס אויף זיין טאטען, אלע אין איין קול: וואו איז ער, ר' לייזער־יאנקיל? ווען קומט ער, ר' לייזער־יאנקיל? א מעשה, א מעשה! נאך אין נישטאָ ר' לייזער־יאנקיל! און פלוצלים ווערט א גרויס פרייד, א גדולה — ר' לייזער־יאנקיל פאָהרט! ר' לייזער־יאנקיל איז שוין געקומען! ער איז נישט אליין, ער האט מיטגעבראכט אויך זיין בחור'ל, א כלי־שלמה! עס איז א צונויפלויפעניש, איין ערד־טרעטעניש, מען שלאָגט זיך איבער דעם טאטען מיט דעם קינד, איטליכער רייסט זייא צו זיך אויף אכסניא, אויף ווארמעס, אויף א קערמישיל. מען טייט אויף זייא פון דערווייטען מיט דיא פינגער: אָט זיינען זייא, אָט געהען זייא, ר' לייזער־יאנקיל מיט זיין בחיר'ל! זייא שטעלען־אוים א שטיקעל דאווגען, א „נעריצך", זינגען א מארש, א וואָלעכיל, פערבייסען מיט א קליוואנער בעטלער — און דער עולם ווערט משוגע, שפרינגט אוים דער הויט הערענדיג אזוינס.

קוים וואס הערשעלע האט דערלעבט טאָג, איז ער געשווינד אויפ־געשטאנען, אָפגעגאָסען נעגעל־וואסער, געחאפּט דאס תפילין־זעקעלע, דורך וועלכען דאס מזל זיינס איז איהם אזוי דערהויבט געוואָרען, און געלאָפען אין בית־מדרש, אין דער גיך אָפּדאוונען. אויסער דעם האט ער טאקי נאך געהאט עטליכע נייטיגע געשעפטליך, וועלכע ער האט בעדארפט פאר'ן אוועקפאָהרען מיט זיינע חברים דאָרט אָפּארבייטען. דיא חברים זיינען אויך בעצייטענס געקומען אין בית־מדרש אריין, ווייל דער חודש־אלול, וויא איטליכען איז בעקאנט, איז איבערהויפט א צייט, ווען פאר יונגליך שטעלט זיך דער גרויסער יריד און אבי געזונט, מיט ארבייט האט מען ניט צו זאָרגען, געשעפטען זיינען ברוך־השם דאָ איבער'ן קאָפּ: מען

בעדארף דערטאפּפּען מיט קונצען דעם שופר און זיך פּריווען בלאָזען הינטערוויילכס דאָרט אין דער ווייבערשער שוהל; דערבייא מוז מען פיהרען דיא גאַנצע תכסיסי מלחמה מיט דעם שמש, וואס ער איז דענסטמאָל דערצאָרענט און בייז וויא צעהן רוחות. אויך בעדארף מען זיין אויפ'ן הייליגען אָרט, אויפ'ן פעלד, ס'איז דאָך דאָרטען עפּיס דאָ א בוים מיט כל־נדרי־באהליך. היינט איז דאָך אויף דער וועלט עפּיס אויך דאָ א וועלדיל מיט ניס־ביימער, ערשט צייטיג געוואָרענע, מען מוז געהען רייסען, אָנשטופּען פולע פּליודערען. נעלויבט איז גאָט, וואס אונטער אזא צייט מיט אזוי פיעל וויכטיגע געשעפטען איז מען נאך חאָטש פרייא, פּטור פון לערנען — דיא מלמדים לויפען דענסטמאָהל, געהען צו קינד, קוואָקען אויף א קנעלונג און „בוטצקען" זיך און בייסען זיך פאר דיא נעז נעביך. הערשעלע האט געקוקט שטאָלץ אויף זיינע חברים ארום איהם אין פּאַליש פונ'ם בית־המדרש, טראכטענדיג בייא זיך: אויך מיר מענשען, מישטעהגס־געזאָגט, זייא בלייבען דאָ און איך — איך פּאָהרן מען זאָל איהם דענסטמאָל געוועזען זאָגען א שטיינער: הערשעלען דער פּריץ שענקט דיר דאס גאַנצע שטעדטיל קאָבצאַנסק מיט זיין שלאָס, אבי בלייב דאָ, פאָהר נישט, וואָלט ער געשפּיגען קלעק און נישט געוואָלט אפילו הערען. — ער געזעגענט זיך מיט חברה און לאָזט זיך געהען לעד בעדינג, פרעהליך.

א טאָג איז דענסטמאל געוועזען זעהר א שיינער, וויא עס גיט זיך אוים אמאל אין אלול איינער פון דיא געשיינקטע טעג. נאך גאנץ פריה האט פון איהר געצעלט דאָרט ביים עק הימעל ארויס געשיינט דיא זון מיט איהר ליכטיג פּנים און, צוטרייבענדיג ביסליכוויים דעם פריש־קיהלבליכען טומאן, זיך געשפּיגעלט אין דיא טויא־טראָפּפענס, וואס האבען געפינקעלט, געשפּיעלט אין אלערלייא קאָלירען וויא דיא ברילאַנטען. דיא שאטענס רוקען זיך מיט דרך־ארץ טריט־בייא־טריט אלץ צוריק און וואס ווייטער, ווייטער ווערט העלער און העלער. פרעהליך שווישצען דיא וואָראָביימשיקעס, אונטערשפּרינגענדיג מיט דיא דינע פיסליך אויף דיא דעכער, אויף דיא פּלייטען, דאס — צונויפלויפען זייא זיך פּעקליכוויים אין־איינעם, עפּיס האַמפּערט מען זיך איבער א קערנדיל, עפּיס שמיעסט דאָ קהל איבער וועגען זייערס א וויכטיגע זאַך און דאס — צלויפען זייא זיך אין בעזונדערע פּאָרליך, טאַנצטענדיג איטליכער אקעגען זיין בעשעהרטער, ווימען זיך, האלזען זיך, ליובען זיך, צאַפּלען, פלאַטערען מיט דיא פליגעליך — און פּיק, פּיק אין קעפּיל . . . מעקענדיג לויפען ראַפּטאָם ציגען פון אלע געסליך אהין, וואו עס פּאַרקלייבט זיך דיא טשערעדע, פון דאָרט נעהט זיא אויפ'ן גאַנצען טאָג אוועק אין פעלד ארייז, דיא פּאַרשיטע

ציגען, דיא שקצים שפרינגען רעשענדיג פאררייסען דיא ווידעליך העט פאראוים, דיא קיה ריהרען זיך פאמעליך מיט סטאטיק, נישט געאיילט, צונייגענדיג מיט דיא קעפליך, וויא פיינע בעלי־הבית'טעס, רוהיג שטיל, נאר עטליכע פארדרעהען אהינטען דיא קעפ און לאזען ארויס וויא פון א צעשפאלטענעם שופר א הייזעריגען, א קיה'עש־נארישען „מע" גלאט אזוי זיך א גרוס נאר פריינטליך דעם גאנצען שטעדטיל יודען, אדער „א זייא געזונט" דיא פארבליבענע קעלבליך. שאקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער פיהרט דער גאנער זיין גאנץ געזינדעל יונגע געגזליך, וואס ערשט אריין אין דיא פעדערען, בלאזט פון זיך א שרעק, גאגאטשעט, שטרעקט דעם האלז, פארווארפענדיג מיטען קעפיל און לאזט זיך מיט דער קאמ־פאניע אראפ אהין צום וואסער. — דער טאג איז שיין, ליכטיג וויא הערשעלען אויפ'ן הארצען. הערשעלע שפילעט־אויף געהענדיג דאס קאפאטקעלע, שטרעקט אוים דיא הענד חאפען דיא לאנגע שנייא־ווייסע פעדים, וואס טראגען זיך ארום אין דער לופט וויא דינע פואטינע, פארקוקט זיך אויף אויף דיא טויבען, וואס שוועבען, דרעהען זיך העט אין דער הויך מיט אויסגעשפרייטע פליגעליך, רייך־קלאהר גלאנצענדיגע, גאלד און זילבער — און ער האט הנאה, ס'איז איהם עפים גוט, גרינג אויף דער נשמה. ער פיהלט, אז היינט איז ער גליקליך. דיא געשעפטען זיינע האט ער געלויבט איז גאט, אפגעארבייט נאך בעסער וויא געווינשען. ער איז פרייא, ער פאהרט. ס'איז יום־טוב'דיג גוט ארום און ארום. רבוני של עולם! טראכט ער — און דיא אויגען בענעטצען זיך איהם פאר פיעל פרייד — איך דאנק דיר און לויב דיר פאר דיינע חסדים. נו, מען בעדארף זיך נעהמען צו דיין דיענסט: פרום זיין, לעהרנען, דאוונען געשמאק — זיין א יוד. געהענדיג אזוי אויפגערייטט, שטארק צופריעדען מיט א הארץ פול פרייד, קומט איהם פלוצלים צו דיא אויגען דאס טהייערע געשטאלט, דיא ליכטיגע צורה פון ביילען.

ביילע איז זיך געשטאנען לעבען דער פריזבע בייא איהר שטוב, וואו זיא האט ארויסגעשטעלט טריקענען דאס צו־וואשענע געפעס און אויסגעהאנגען אויף א שטריקעל עטליכע איבערגעשווינקטע שטיקלעך גרעט. זיא איז געווען נאך נישט אנגעטהאן, נאר אין איין אונטערשט קליידיל, פון הינטען פארשטעקט, בארפים. דיא ארבעל פונ'ם העמד וויט פארקאטשעט אויף דיא פולעטשקע, דיקע ארעמס ביז איבער דיא איילענבויגענס. דער בוזים אביסיל אפען, דער גאנצער האלז, מחילה, אין דרויסען און דיא האר צופאטעלט, וויא געוועהנטליך א בריה א מיידיל פריהמארגען.

אונזער הערשעלע שטארק אויפגערייטט, שמחת־תורה'דיג, לויפט

צו אין גרויס חדוה האסטיג צו זיין בת־מלכה, פרעגט איהם בחרם וויא אזוי דאס איז געשעהען, עפּיס נאָר טאקי וויא דער גוטער יאָהר וואָלט איהם פון הינטען צו איהר א שטופּ געטהאָן. ער געזעגענט זיך מיט איהר, נעהמענדיג זיא בייא דער האנד, וויא זיא וואָלט געווען א מאנספּארשוין, און רעדט עפּיס פאר פייער, פאר וואסער, נישט רעכט צו געדיינקען וואס. ב י י ל ע בלייבט פארגאפט, ווייסט נישט וואס צו טהאָן. און אז דיא ערשטע היטץ איז אריבער לאָזט ה ע ר ש ע ל ע אָפּ ב י י ל ע ס האנד, מאכענדיג, נאך אלץ נישט רעכט ביים זינען, מיט א גארעש געלעכטעריל: הע... בייא א מיידיל דיא האנד!... א יודענע, הע, שלום עליכם!... נאָר וויא ער קומט באלד אין גאנצען צו דיא געדאנקען נעהמט איהם אָפּ דאס לשון, ער ווערט רויט און בלייך. ב י י ל ע שטיקט זיך שטילערהייט פאר געלעכטער מיט אראָפּגעלאָזענע אויגען, אוועקרוקען זיך אין דער זייט, און ה ע ר ש ע ל ע טראָגט זיך אָפּ געשווינד וויא א גנב.

ה ע ר ש ע ל ע איז געווען עפּיס גאר צודרעהט, בייא זיך אין הארצען מיאוס אראָפּגעפאלען. סטייטש, וואס האט ער געטהאָן!... ערשט זאָגט ער צו, דעם רבוני של עולם צו דיענען, זיין א יוד—און פלוצים אזא מעשה, אזוינס „איהם" אָפּצוטהאָן!. . . פע! — ער שפּייעט, קראצט זיך פאר פארדראָס אין דער פּאָה און מאכט נא־נא!...

## יב.

אז ער איז געקומען א היים האט ער געחאפּט א שטיקעל פּסק, פאר וואס ער האט זיך עפּיס אזוי געזאמט. דער טאטע איז שוין געווען אָנגעטהאָן אין דיא וועג־קליידער: א ציצען, אָפּגעבליאקעוועט חאלאטיל, דיא ארבעל און דיא פּאָלעס פון פאָרענט איינגעטונקט אין פעטע, פארהארטעוועטע פלעקען פון אלערלייא מאכלים, אויסגעמי״ט מיט גרינליכער טאבאקע און געגלאנצט עפּיס מיט א מיתה־משונה קאָליר, דער הינטען אויסגעריבען און ערטערווייס דאָרט קוקען ארויס שטיקליך קליאָטשע. אויפ'ן קאָפּ עפּיס א מין אָפּגעפאָהרען שטארק צוקנייטשט מיטצעל. נאָר דיא אלטע צעריסענע וועג־שיך מיט לאטעס, וועלכע ער האט בעדארפט אָנטהאָן זיינען איהם דערווייל אויף דיא פיס נאך נישט געווען, מען האט דיא ערשט געזוכט און געפּריווט מיט דער קאָטשערע ארויסשארען פון אונטער דער בעט. דאס הויזגעזינד האט געטאנצט ארום איהם, שטארק בעשעפטיגט מיט איינפּאקען דיא קלימקעס און ער איז געשטאנען אָנגעזאָטעלט וויא א פערדיל.

יא, נעביך טאקי א פערדיל, וואס האט בעדארפט שלעפען אויף זיך א שטוב מיט קינדער. איין מאל אין יאָהר פלעגט ער מוזען זיך אזוי איינשפּאנען, געהען אין וועג אריין, איינרייסען זיך דאס געזונט, ארבייטען אויף אלע כלים און פאר דער דאָזיגער נסיעה איז אָבגעהאנגען דאס לעבען פונ'ם הויזגעזינד דאס גאנצע יאָהר... דעריבער האט זיך אין אזא טאָג געוויגט דיא גאנצע שטוב, אלע זיינען אויף געווען און לייזער־יאנקיל נעביך איז געשטאנען אָנגעזאָטעלט בלייך, פארטראכט מיט איין ערענסט פנים. — דיא מאמע איז געווען אָנגעטהאָן אין איהרע וועג־קליידער, עפּיס מיני שמאטעס אזעלכע פון חמעלניצקעס צייטען, אין וועלכע זיא איז אויס־געקומען גרעבער, דיקער וויא שטענדיג און א מין טיכיל אָנגערוקט אויפ'ן שטערען ביז איבער דיא אויגען. נאָר הערשעלע אליין האט פארשפּאָרט זיך איבער־צוטהאָן. מעהר וויא דאס איינע קאפּאָטקעלע אויפ'ן לייב האט ער נישט געהאט. דיא מאמע האט איהם אפילו געהייסען איבערקעהרען דאס קאפּאָטקעלע אויף דער לינקער זייט, הערשעלע אָבער האט איהר בעוויזען בעשיינפערליך, אז דער אונטערשלאק איז מיאוס פארשמירט, אויך צוהאקט, צופאלען און טאקי געבליבען בייא דאס זייניגע — פאָהרען גאנץ פּראָסט וויא ער געהט, דערפאר האט ער שוין געמוזט צוליעב טהאָן, נעהמען אויפ'ן קאָפּ דעם טאטענס איין אלט היטעל, עפּיס א מין קאטערוכע, וועלכעס מען האט שוין לאנג געמענט מיט דעם חמץ פארברענען און ארומגארטלען זיך מיט א קרייקע.

אָט אזוי אָנגעטהאָן וויא געהעריג, האבען אונזערע פארשוינען, נאכדעם וויא זייא האבען אין איילעניש עפּיס איבערגעחאפּט, זיך געזעגענט מיט דיא קינדער, געחאפּט דיא קלימקעס און יאָגענדיג אין איין אָטהעם, פארשוויצט, פאר־סאָפּעט, פארדולט וויא אויף א בייזער מהומה, אזוי וויא דער שטייגער איז פון יודען ביים פאָהרען, זיך צום סוף געריהרט מיט גאָט'ס כח אין וועג אריין. —

אונזער הערשעלע דערצעהלט היינט אין פריידען זיין ערשטע נסיעה מיט דיא דאָזיגע ווערטער:

„אויף א לאנגען וואָגען אין דער הויך, האט דיא מאמע אנידערגעשטעלט א שטייג מיט עופות און א קאָרב מיט אייער אין פּאָלאָווע. דער וואָגען איז אָנגע־זעטצט געווען איינג מיט פארשוינען, כמעט א פערטיל קאבצאנסק. דאָרט האבען זיך געפונען מיידליך, ווייבליך, וואס זיינען געפאָהרען זיך שטעלען פאר דיענסטען און אמען, אויך אלערלייא סאָרטען יודען: שיינע יודען, כשר'ע יודען, מיט'ן פולען מויל יודען, ברענענדיגע יודען, צעבראָכענע יודען, גילדענע־אָדער יודען, נלאט יודען, אזוי־זיך יודען און אויף־מיר־יודען. ס'איז געווען א פארמישעניש, א

פארפלאָנטעניש, א פארבייטעניש מיט דיא פיס און א צונויפשטיקעניש נאָר אומ־
צוקומען. איך מיט דיא פארשוינען וואס אין דערמיט, האבען געשוויצט, טאקי
משונה געשוויצט. דיא שיינע יודען האבען נעביך געשוויצט וויא א ביבער, דיא
פנימ׳ליך זייערע זיינען געווען אויסגעפריעט וויא א צימעס און אויב מען האט זיך
נישט פארקיהלט איז נאָר דעריבער, ווייל דער וואָגען איז געווען בעלאָגערט פון דיא
אויפגעהאפטע פארשוינדליך, וואס זיינען אויף משקולות געשטאנען, געזעסען מיט
קונצען פון הינטען, בייא דיא זייטען, אויך אויף דער קעלניע, נישט צו־צו־לאָזען אויף
דיא וואס אין וואָגען קיין פיצעל לופטעלע. נאָר אין אָנהויב איז איטליכער געזעסען
ברוגז, עפיס אָנגעדרודעלט, אונטערגעוואָרטשעט אויף דעם בעל־העגלה און ביים
חאפען א קלאפ אין דיא קריזשעס, א קוועטש אין דער מאזאָליע פון׳ם פינגער האט
מען שטארק פארקרימענדיג זיך פארביסען מיט דיא ליפען, מילא נוא־נוא. נאָר
דערנאָך איז מען געוואָרען שיין אביסיל היימעשער, דרך־ארץ אין דער זייט, איינער
דעם אנדערען בעט מחילה: רוקט זיך אביסיל! פון יענעמס א זעטץ טהוט מען
א געשרייא. יודען זיינען נישט צופריעדען און קריגען זיך. דיא מאמע האט אלץ
געפילדערט אויף א צעבראָכענעם יודען ער זאָל נישט צעברעכען איהר דיא אייער.
דער טאטע האט געהאלטען פארמאכט דאס מויל, איינגעוויקעלט דעם האלז מיט
א שטיקעל פעה, נישט צו פארלירען חלילה דאס קול. דיא פערד הויבען־אָן זיך
אונטערפויכען, שלעפען זיך פאמעליך, מאכענדיג מיט דיא אויסגעקראָכענע ווידלען
און דיא פארשוינען מאכען זיך הארץ, הויבען צווישען זיך אָן א שמיעס. דער ערל,
עפיס איין אָרמער, ערגיץ אמאל געוועזענער עקאָנאָם, וואס דיא גאנצע צייט, זינט
פון׳ם אויפזעטצען זיך זיינעם אין וואָגען, איז ער געווען פארפאפען, נישט אויף דעם
עולם — האט זיך לסוף אויפגעהאפט שוין ניכטער, געקוקט וויא א געבטיגער אויף
דער גאנצער קאָמפאניע ארום איהם און זיך צוגעהערט צום שמיעס, וועלכער איז
געווען פאר איהם טערקיש, פריוועגדיג באלד טאקי אריין אין דער מיט אויך מיט
א שמיעס, וואס איז ווידער פאר יודישע קינדער געווען תרגום. נאָר א יודיש קעפיל
בייסט איין תרגום אויך. אבי געהאפט נאָר עפיס, איין וואָרט פון צעהן, האבע
זייא זיך שוין געשטויסען, געדרינגען דאס איבעריגע מיט זייער איינענעם שכל או
זיך נעקליגט אלע אין־איינעם, געבען דעם גראָבען פויערשען קאפ צו פאר־
שטעהען זייער מיין מיט אלע מיני הסברות: אביסיל מיט אונזער לשון,
אביסיל מיט זייער לשון, אביסיל מיט דיא הענד, אביסיל מיט דעם ווינק, א
דרעה מיט דעם פינגער אויף א נגון. נישקשה, מען האט זיך פארשטאנען. עס
האט זיך געצווינגען א שמיעס וועגען דעם, וואס בייא זייא, וועגען דעם גאס

ביא אונז להבדיל. זיין נאָמען איוואַן אין אונזערער, מען האט עס גער נומען פון להבדיל יוחנן. די אַלע שבע חכמות זיינען גענומענע, אונזערע מען האָט איהם אויך דערקלעהרט זעהר אַ וואוילען משל פונ׳ם מדרש, אַ גלייכוווערטיל פון דער גמרא, קלאהר געמאַכט איהם אין יודישע מנהגים מיט דעם שכל, וואָס דרינען שטעקט. איוואַן אַפּנים ער האט מודה געווען — עטליכע מאל האט ער אַלץ אויסגעשריען: קוגעל, צימעס! און זיך דערביי בעלעקט. דיא ווייבער האָבען געקייכט פאַר געלעכטער, געמאכט: צו זיין קאָפּ, צו זיין לעבען! קוקט איהם אן וויא ער בעלעקט זיך, ער האָט ליעב אונזער קוגעל! עפּיס אַיוגענדט מיט א צוגעדעקטען קאָפּ, וואָס פאָהרט זיך שטעלען פאַר איין אם, ברומט שטילערהייט אונטער פאַר זיך אַ טרויעריג לידעל:

„אויפ׳ן הימעל לויכטען שטערנדליך,
אין וועלדיל שפּילט א סאָלאָווייא,
דער גאנצער וועלט איז ליעב און פרעהליך,
און מיר אליין אז אָך און ווייא.“

דער ערל קעהרט זיך אוועק, מאכט זיך אביסעל נארעש מיט דיא ווייבער און מען נימ אויף איהם א מאַך מיט דער האנד: איין ערל בלייבט טאקי איין ערל! נאכדעם וויא מען איז א היבש שטיקעל וועג זיך אָנגעגאנגען צופוס אונטער א בערגיל, אונטערשטופּענדיג דעם וואָגען און ווידער זיך אויפגעזעטצט, האט דער עולם יודען זיך געשמאק א נעהם געטהאָן צו א ברייטען שמיעס. מען רעדט פון אלסדינג, וואס קאָכט זיך דאָ אויף דער וועלט און דאָרט אויף יענער וועלט. מען רעדט פונ׳ם האנדעל, שאצט דאס פאַרמעגען פון א סך גבירים, עס קומט אויך צורייד דיא אַלטע מעשה מיט ר׳ שמעלקען און עס בלייבט, אז ער האט פון אליהו־הנביא בעקומען א ווינשפינגעריל. עס הויבט זיך באלד טאקי אָן א נעקרעבצערייא, א נעזיפצערייא, א געווינשערייא. איינער זאָגט, ער זאָל האבען א ווינשפינגעריל וואָלט ער געווינשען דאס, דער אנדערער — דאס און דאס, דער דריטער — יענס ... הכלל איטליכער ווינשט עפּיס אנדערש. צדקות איז נעפאלען נענוג וויא מיסט, מיט דער פולער האנד. איינער דעם אנדערען ווייזט ארויס זיין גרויסע פריינדשאפט, צוזאָגענדיג דעם, יענעם גילדענע בערג. דאס גוט־ברידער־שאַפט צווישען דער קאָמפּאניע ווערט געשטארקט, מען פיהלט זיך עפּיס געטרייסט, נישט אזוי פארוואָרפען, פארגעסען אין דער וועלט און איינער ... צו דעם

אנדערען אין זעהר צופריעדען. אַט אזוי האט זיך עס געטהאָן ביז מען האט, מיט דעם אויבערשטענס הילף, אַקעגען גאכט זיך קוים לעבעדיג פארשלעפט קיין גלופסק.“

## ג.

וחיא אָן זיא, גלופסק, האט צו לייזער־יאנקלין נישט אזוי געטהאָן. בבואם מקאַבצאנסק בייא זייער אָנקומען פון קאַבצאַנסק איז גלופסק זייא נישט געלאָפען אַקעגען מקבל־פּנים זיין, וויא הערשעלע האט אין דער היים זיך פירגעשטעלט. מען האט זיך איבער זייא נישט געשלאָגען, נישט געריסען איטליבען בעזונדער צו זיך אויף סטאנציע, אויף א מאָהלצייט. מענשען זיינען קאַלטבליטיג געגאנגען פארבייא, זייא אפילו נישט אָנצוקוקען. הערשעלען איז דיא זאך אין פּלוק שטארק קשה געווען און שטעהענדיג ביים ארויסקריכען פּונ׳ם וואָגען מיט א פּעקיל אין דיא הענד אויף דער גאס, האט ער געקוקט אויפ׳ן טאטען פארוואונדערט, אָהן ווערטער, גלייך וויא גערעדט: הא, וואס זאָל עס אזוינס בעטײַטען? שמעקט נישט דרינען אפשר עפּיס א גראָבער טעות? נאָר נאכדעם וויא ער האט געחאַפּט פון הינטען א דישעל און דער טאטע א שטופּ, אזוי אַז ער איז געביך געפלויגען ווייט אויף עטליכע טריט, שיעור נישט ארויפגעפאלען אויף דעם חזיר, וואס האט געשמאַק געחראָמקעט בייא דער זייט גאס, וואָהין מען האט ערשט פון א גאניקיל אין דער־הויף אראָפּגעגאָסען, וויא געוועהנטליך, א פולע, משונה א שמעקענדיגע פּאָמיי־ניצע מיט אלעם גוטען, און צו דעם דיישעל מיט דעם שטופּ אויך געלייזט נאך, א מאָל צעהן אין טאטען אריין, פּאר וואס שטעהען עס יודען וויא דיא ליימענע גולם׳ס, פארשטעלענדיג דעם ווענ— אָט דענסטמאָל פון אזא אָנצוהערעניש אין איהם, הערשעלען, פארענטפערט געוואָרען דיא קשיות. ער האט אראָפּגעלאָזט דיא נאָז, שוין טאקי גוט פארשטאנען . . . און ער און דער טאטע זיינען אין זיינע אויגען אביסיל אראָפּגעפאלען. באלד ביים קומען איז לייזער־יאנקיל אלץ געשטאנען און זיך געראטהען מיט דעם ווייב וועגען זייערע זאכען און אויב אַצינד איז נישט שפּעטליך א געה צו טהאָן צו בעקאנטע, נאָר נאך אזא בענעגעניש איז בייא זייא ביידע געבליבען מעהר קיין שיהות נישט צו מאכען און בלייבען דערוויל אויף נאכט־לענער דאָ אין דער בעל־העגלה׳שער אכסניא. הערשעלען האט מען מכבד געווען מיט אריינטראָגען פּעקליך אין שטוב אריין, דאָרט דארויף אכטונג געבען

און אליין האבען דיא זיך געבאָברעט ארום דער שטייג מיט עופות, איבער־געשמיעסט מיט דעם בעל־העגלה, ער זאָל מוחל זיין אריינפאָהרען אין הויף אריין, וואו דיא שטייג וועט דערוויל שטעהען אויפ'ן וואָגען ביז מאָרגען.

נישט פאר קיין יודישע קינדער געדאכט אזא נאכט, וועלכע הערשעלע האט אויף דער אכסניא אין גרויסע צרות צוגעבראכט. הונגעריג, מיעד און צער־בראָכען פונ'ם וועג האט ער שוין שפעטליך בייא נאכט, אין דעם גרויסען רעש און דער מהומה פון אלערלייא מיני פארשוינען, זיך דערשטופט ערגיץ אין א ווינקעלע און זיך א וואָרף געטהאָן אויף עפיס א הינקענדיגען צעריסענעם טאפטשאן. דאָרט האט מען איהם שוין יא טאקע מקבל־פנים געווען, און אויפגענומען פאר א גאנץ טהייערען גאסט. — גלופסקער וואנצען, וויא דער גאנצער וועלט איז בעקאנט, נעהמען זעהר גערען אויף אורחים מיט אלע כבוד'ן: האלזען זייא, קלעפען אין זייא און קריכען זייא אונטער דיא נעגעל. הערשעלעס קראטצען זיך און אָנצור־הערעניש־געבען מיט דיא הענד, אז ער איז זייא מוחל דעם כבוד, האט אקעגען אזעלכע נפשות נישט געהאָלפען. זייא האבען זיך טאקי געטהאָן זייערס, זיך גע־דרעהט, געארבייט ארום דעם אורח מיט גרויס פארגניגען, ביז ער האט געמוזט זיך אָפטראגען שא, שטיל און זיך געליינט פשוט אויף דער ערד.

אָט אזוי האט זיך איינגעלאָזט הערשעלעס יענער פרעהליכער טאָג, אויף וועלכען ער האט אזוי ארויסגעקוקט און זיך פירגעשטעלט אין איהם גרויסע גליקען!...

מאָרגען נאך גאנץ פריה האט דיא מאמע זיך געאיילט אין שטאָדט אריין וועגען איהרע געשעפטען. שפעטער אביסיל נאך איהר איז אויך אוועק דער טאטע. ביים אוועקגעהן קוקט ער זיך ארום, אז דיא קעשענע איז איהם צוריסען און פאר גרויס איילעניש חאפט ער און גיט איבער דאס בייטעלע מיט זיין ביסעל פארמעגען הערשעלע'ן, וואס איז איבערגעבליבען אליין לעבין דיא זאכען. אונזער הערשעלע דערטאפט פון א זעקעלע א שטיק ברויט מיט א גרויסער, געלער אונערקע, אויך א ציינדיל קנאָבעל און נעהמט זיך וואויל טהאָן, עסען געשמאק, וויא אויפשטעהענדיג פון א קריינק. אונטערגעלעהנט דאס הארץ בעקומט ער שטארק יצר־הרע ארויסצוגעהען אויף־א־ווייל אין דרויסען, אָנצוקוקען וואס פאר א פנים גלופסק האט.

פאר הערשעלעס אויגען עפענט זיך עפיס גאר א נייע וועלט. אלסדינג איז פאר איהם נייא, גלייך וויא ערשט בעשאפען געוואָרען, ערשט ארויס

געקראָכען פון דער ערד. ער שטעהט פארגאפט, פארריסען דעם קאָפּ און ווייסט נישט אויף וואס פריהער צו קוקען. גאָר צום ערשטען ווארפט זיך איהם אין די אויגען א געדיכטע קאשע פון יודען. מען לויפט, מען שטופט זיך אין יאָגעניש וויא אויף א שרפה. יודען, יודענעס, קינד און קייט — אָהן עין־הרע וויא באָב! — אויסגעמישט אַלע אין איינעם, אָנגעטהאָן אין אלערלייא מלבושים, פון צעריסענע שמאטעס ביז די טהייערסטע קליידער. צווישן זייא אויך נקבות אין סאַמעטענע מענטעליך מיט זיידענע, פארדריפּעטע קליידליך, נאָר שררה׳סטעס און ווען זייא זאָלען נישט געווען ריידען זינגענדיג הויך, אויף דער גאנצער גאס, מיט א קוויטש, שנייצענדיג דערבייא די נאָז, וואָלט ער זיכער געמיינט, אז דאס זיינען פּריצעס . . . פון אַלע זייטען פאָהרען בוידען,ביידליך, פוהרליך, א טהייל פארפלאָנטען, פארהאסען זיך מיט די רעדער, א טהייל מיט די דישלעס און זידלערייען, געשרייען, געוואַלדען ביז דעם זיבעטען הימעל. — דאס וואס רינשטאָק־ליך פּלייצען אין די גאסען איז איהם קיין וואונדער נישט געווען. ס׳איז דאָך א יודישע שטאָדט. אין קאבצאנסק איז אויך גענוג דאָ די אייגענע סחורה. וויא דען אנדערש? דארויף איז דאָך עס א גאס אויף אויסצוגיסען דאָרט פּאָ־מייניצעס. א וואונדער איז איהם נאָר געווען די שפּיציכדיגע שטיינער, וועלכע וואַלגערען זיך אין די גאסען. צו־וואס נאָך שטיינער אזעלכע אויף־צוברעכען ריק־און־לענד, אז אָהן דעם קען מען אויך אין די גריבער דאָ פאַלען זעהר שיין און ברעכען דאס געניק! איינפאַלען זאָל איהם פלוצלים, אז דאס איז א ברוק, סטייטש וויא אזוי! אז געבריקירטע גאסען זיינען פאַר איהם געווען נאָך נאָר א סוד, נישט געהערט, נישט געזעהען קיינמאל אזוינס. אָט ערשט ׳שפּעטער, אז ער איז זיך דערגאַנגען פּונ׳ם סוד, וואס אזעלכס בעטייט, איז איהם עס טאַקי שוין מעהר קיין וואונדער נישט געווען. אזוי איז שוין טאַקי רעכט. אויך איז איהם קיין וואונדער נישט געווען די איינגעהייקערטע שטיבליך מיט צעבראָכענע דעכליך, אָנגעזעטעצט געדיכט איינס לעבין אנדערען, ווייל אזוי בעדאַרף זיין, אזוי האבען א פּנים הייזער, וויא געוועהנטליך יודישע הייזער. משונה ווילד האט איהם אויסגעזעהן עפּיס נאָר אין מיטען־דרינגען א מויעריל אין צווייא, אין דרייא גאָרען. רבוני של עולם, וויא שטופּט זיך עס א יוד ארויף אזוי הויך אונטערען הימעל און שטעלט זיך נאָך איין דאס לעבען ארויפקריכען אהין אויף א שמאָל לייטעריל פון דרויסען! טאַקי נאָר ודוי, פריהער וויא מען געהט אויף אזא לייטעריל ארויף, מוז מען אָפּזאגען ודוי, זיך געזעגנען מיט דעם לעבען. — די אויגען הערשעלעס האבען אלץ געקוקט, געפונען וואס צו זעהען, דאס קעפּיל זיינס האט אלץ בע־

טראכט, געטראכט און דיא פיס זיינע זיינען זיך דערווייל אליין געגאנגען, געגאנגען ביז ער האט פלוצלים זיך א חאפ געטהאן — ע״ע! ער איז פארגאנגען וויטליך און שוין לאנג צייט צוריק.

צוריק אבער ווייסט ער נישט דעם וועג. ער הויבט אן פרעגען בייא יודען וויא געהט מען צו דער קאבצאנסקער אכסניא. א טהייל קוקען איהם, אין איילעניש, לויפעניש, בייזליך אן, נישט צו ענטפערען א ווארט, א טהייל מאהלען איהם אוים בקיצור מיט דער האנד: געה יונגעלע, גלייך, גלייך, דערנאך לינקס, ביז צו א געסעלע, דערנאך רעכטס און ווייטער לינקס. דארט, יונגעלע, טהו א פרעג, וועט מען דיר שוין ווייזען. הערשעלע, א ברירה האט ער געהאט, איז געגאנגען, פארקראכען אין געסעליך, אין בלאטעס, געשפרונגען איבער שמאלע איינע פון דיא אנדערע וויט אפגעטרעטענע קלאטקעס, אנחאפענדיג זיך דערבייא אין דער זייט פאר פליטען. ער איז, א פנים, אריין גלופסק אין דיא קישקעס, אין דעם מאגען, וואו ס׳איז געדיכט, עס שמעקט און פארגעהט אין נאז. ער האט געארבייט אויף אלע כלים און איז נעביך אפגעגאנגען מיט שווייס ביז ער האט זיך אנגעשלאגען אויף א פיינעם יונגען מאן, וואס איז אזוי גוט געווען זיך אפצוגעבען אביסיל מיט איהם.

— קום, זאגט דער יונגער מאן, בעטראכטענדיג הערשעלען מיט א גוט שמייכעלע פונ׳ם קאפ ביז דיא פיס. קום, איך וועל דיך אונטערפיהרען. ביסט דא, וויא איך זעה, נאך גאר א פריש.

הערשעלע דאנקט דעם יונגען מאן פאר זיין גוטען וויכען במעט מיט טרעהרען אין דיא אויגען. —

— העלפען א גר איז א מצוה, מאכט דער יונגער מאן מיט א שיינענדיג פנים. דא אין גלופסק, טאהר מען קיין פריטץ נישט זיין, בייא אונז דא בעדארף מען גוט היטען דיא קעשענעס. פארשטעהסט־דוא מיך יונגעלע?

הערשעלע טהוט זיך געהענדיג א טאפ אין קעשענע. „דוא ביסט שוין א חתן?״ „ניין!״ ענטפערט הערשעלע שוין מיט א פרעהליך הארץ. „פאר וואס ניין? אט וועסט־דוא זעהען, בייא אונז וועט מען אין גיכען דיר שטעלען א חופה״. הערשעלע שטיקט זיך פאר געלעכטער. „וואס, דוא גלויבסט נישט? אט וועסט־דוא זעהען. לאך דיר, לאך, נישקשה! אט איז א קלאטקעלע. פאר־מעליכין! האב נאר אין זינען דיא קעשענע.״ הערשעלע טהוט זיך ווייטער א טאפ. „נו, ס׳איז דא?״ „שרעקט זיך נישט, ס׳איז דא!״ פאר א יאהרען האט

זיך דאס איינענע מאקי געטראָפען מיט א בחור'ל וויא דוא. ער האט זיך אלץ געטאַפּט, געמיינט, אז בייא איהם ליגט עס אין קעשעניע דאס בייטעלע, און לסוף וואס לאָזט זיך אויס? — בוידעם! דיא קארמאנשטיקעס, ברענען זאָלען זייא, האבען עס בייא איהם, נישט פאר דיר געדאכט, דערטאפּט און אנשטאט דעם אריינגעלייגט אהין עפּיס שפּארגאלען, אשר־יצר־פּאפּירליך. דוא פאר־שטעהסט? — נעהם עס מחילה מאקי ארויס און קוק רעכט אַן. פויל מאָהר מען נישט זיין."

אונזער הערשעלע איז נישט פויל, נעהמט ארויס דאס בייטעלע און האלט עס פאר דיא אויגען.

— זעהסט־דוא, הא? וואס האב איך דיר געזאגט! דאס זיינען געווען דיא לעצטע ווערטער פונ'ם פיינעם יונגען מאן, וואס אויסהאפּענדיג הערשעלען פון דיא הענד דאס בייטעלע, מאכט ער א פליטה און ווערט באלד ווייא אויסגע־טריקענט.

הערשעלע בלייבט אין דער הייסער מינוט שטעהען ווייא אויסגעפּאטשט מיט א פּאָר אויסגעשטעלטע אויגען און איין אָפען מויל, נישט צו־וויסען וואו ער איז און וואס מיט איהם טהוט זיך אזוינס.

דעם עולם'ס ווערטיל: „א גאסט אויף א ווייל זעהט אויף א מייל" האט מאקי זיך אקוראט געפּאסט צו הערשעלען. באלד אין דעם ערשטען טאָג פון זיין קומען האט גלופּסק זיך פאר איהם „ענטפּלעקט" מיט איהר גאנצען כבוד און שיינקייט: מיט איהרע שמאָלע קרומע הינטער־געסעליך, מיט איהרע „פּיסקעס", לעוואדעס, רינשטאָקליך, שטארק שמעקענדיגע קאליושעס, נעדיכטע און שיטערע בלאָטעס און מיט איהרע גנבים, בייטעל־שניידער—און דאס ענטפּלעקען זיך איהרס איז איהם באָקים אויסגעפאלען. פארשמירט, פארדריפּעט, מיט א פרישצאָפּעלדיגען גלופּסקער קאטער איז הערשעלע ערשט ארום מנחה־צייט געקומען בעטריבט צוריק אויף דער אכסניא. נישטאָ קיין טאטע, קיין מאמע און דיא קלימקעס—אויך נישטאָ! ער בלייבט טויט מיט אלע אברים, קוקט ווייא א דולער און דאס הארץ טיאָכקעט איהם שטארק. פּכוצלים דערהערט ער וויא מען בייזערט זיך אויף איהם מיט דיא ווערטער: „אָט האסט־דוא איהם, דאס שיינע בחור'ל! וואס זאגסט־דוא, איך בעט דיך, צו זיין טאטען?" און ער דערזעהט פאר זיך רייזע דיא בעל־אכסניא'טע.

רייזע איז א קורצע, דיקע, ברייטבייכיגע יודענע, שוין אין דיא יאָהרען,

מיט א געשטופעלט פנים וואס איז שטענדיג פארשוויצט און מיט א צוויינאָרענדיג נידעריק. א שניריל שיטערע הערליך ציהעט זיך איהר אויף דער אויבערשטער ליפ, וואס פאררייסט זיך בייא דער רעכטער באַק ארויף, אזוי אז מען זעהט א רויט שטיקעל צונג ארויסקוקענדיג דורך א היבש שפּעלטיל אויפ'ן אָרט פון צווייא אויס־געפוילטע ציין. איין עק פארטיך איז איהר שטענדיג פאַרשטעקט, דער בוזים צר־שפּילעט. דיא צווייא עקען פונ'ם קאָפּענ־טיכיל זיינען פארוואָרפען אהינטען און האלט געוועהנטליך אין דער האנט א פּאָלאָניק — א בעוויז, אז זיא פאָרעט זיך שטענדיג לעבין אויבען. זיא רעדט שרייענדיג, ניך אין איין אָטהעם פונ'ם הארצען מיט א בייזער, עס דאכט זיך זיא איז שטארק אויפגעבראכט, קריגט זיך, הגם זיא מיינט חלילה נישט קיין שלעכטס און איז בטבע א גאנץ גוטע. דאס איז בייא איהר גלאט אזא לשון, אזא שטייגער ריידען, וואס האט נאך אויסגעארבייט זיך פון אייבינע עסקים און צוטהאָן־האבען איהר גאנץ לעבען מיט בעל־העגלות. אין דעם שמיעס ווארפט זיא אליץ אריין „העז אביסיל!“ „וואס זאָגסט־דוא צו זיין טאטען? הויך אויף א נגון. אויך איז דער שטייגער איהרער ביים ריידען אָנצובויגען עפּטערס דעם קאָפּ אין דער זייט און א פאָהר טהאָן מיט'ן שפּיטץ נאָז איבער דעם ארבעל, טאקי א וויש אויף דער גאנצער לייגג פונ'ם אָרעם.

— וואס זאָגסט־דוא צו זיין טאטען? איז ר י י ז ע ארויס מיט איהר שרייענדיג לשון אויף אונזער ה ע ר ש ע ל ע ן נעביך און טאקי א גוטען פאָהר־געבענדיג מיט דער נאָז איבער דעם ארבעל. וויא ווערט עס א בחור'ל פארפאלען, העז אביסיל! קוקט איהם נאָר אָן, דאס שיינע בחור'ל! נעהמט זיך און ווערט פארפאלען!

ה ע ר ש ע ל ע שטעהט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, ווארגענדיג זיך מיט טרעהרען און שוויגט.

— ער שוויגט נאך, דאס שיין בחור'ל! טאטע און מאמע ש ט א ר ב ע ן דאָ. און ער, העז אביסיל! שטעהט וויא א למך און שוויגט.

— אוי וועה־וועה מיר! טהוט ה ע ר ש ע ל ע א געשרייא און צוחליפּעט זיך, מיינענדיג טאקי, אז דיא עלטערען זיינען אויף דער וועלט שוין נישטאָ און ער איז געבליבען א יתום.

— נוא. חליפּע נישט, פארפאלען! טרייסט ר י י ז ע אונזער וויסט יתומ'ל. ווייטער זאָל א בחור'ל אזוינס מעהר נישט טהאָן. טאטע און מאמע זיינען דאָך אָהן א נשמה... דיא נשמה איז דיא א ו י ס ג ע ג א נ ג ע ן לויפענדיג...

— איק־איק־איק! חליפעט הערשעלע מיט א פארקלעהמט הארץ. װיל עפּיס זאָגען, נאָר עס שטיקען איהם דיא טרעהרען און קוים וואס ער ברייננט ארויס פונ׳ם מויל איקענדיג א פּאָר האלבע, צעבראָכענע ווערטער: מאמ... גע־שטאָר... איק־איק...

— אוי, א דונער האט מיך נישט דערשלאָגען! טהוט זיך רייזע א חאפּ, ער מיינט „שטארבען" הייסט טאקי געשטאָרבען... עס רעדט זיך נאָר אזוי, נארעלע, ס׳איז אזא לשון... העו אביסיל! טאטע און מאמע האבען טאקי געקענט שטארבען. נוא, שא, אט וועלען זייא באלד קומען געוואָהר ווערען. נאך בייא טאָג האבען זייא זיך מיט דיא זאכען איבערגעקליבען ערגיץ, ווייס איך וואו? פארקויפט דיא היהנער, דיא אייער. איך אליין האב אויך געהאנדעלט. שא, אָט וועל איך דיר געבען פון דער מאמעס אייער. א װעהטיג איז מיר! העו אביסיל, א גאנצען טאָג האט ער נישט געגעסען! — נעה וואש זיך און זעטץ זיך צום טיש.

אונזער הערשעלע איז פון טויט לעבעדיג געוואָרען און זיך גענומען אונטערלעהנען זיין הארץ מיט א פרעזשעניצע, וואס רייזע האט אין דער גיך צוגעטראָגען איהם צום טיש, מאכענדיג דערבייא אויף איהר שרייענדיג בייזער־ענדיג קול:

— נא, עס געזונט! האסט־דוא געהערט, העו אביסיל, מען זאָל אזא טאָג אָפּפאסטען!

באלד זיינען נישט טויט נישט לעבעדיג אריינגעלאָפען אין שטוב דער טאטע און דיא מאמע. א געשרייא, א געפילדער. א פרייד מיט א רוגזא און א מוסר־זאָגען אין־איינעם.

— נעלויבט איז גאָט! שרייעט דיא מאמע מיט א פרעהליך הארץ און מאכט דערבייא טאקי, קוקענדיג אויפ׳ן זוהן, א בייז פנים. דוא ווייסט, וואס דוא ביסט פאר אזא מעשה ווערטה!...

— סטייטש, סטייטש! פייערט דער טאטע, אזוינס צו טהאָן! דוא ביסט דאָך ווערטה, סטייטש, סטייטש. וויא א הערינג זאָל מען דיך צעררייסען!

— העו אביסיל! איז רייזע, וויא א גוטע מליצה, ארויס אויף איהר שפּראַכע, א פאָהר־געבענדיג מיט דער נאָז איבער דעם ארבעל. שיינע טאטע און מאמע! מען זאָל איבערלאָזען א קינד אליין וויא אויפ׳ן וואסער! ער שרייעט! וואס זאגסט־דוא איך בעט דיך צו זיין טאטען? א קינד איז א קינד. וואס דען? אָט שווייגט בעסער, שווייגט!

ר י י ז ע ס ווערטער האבען געווירקט און פון יענער צייט האט הערשעלע ליעב געקריגען ר י י ז ע ן ביי זיך אין הארצען.

## יד.

אונזערע פארשוינען זיינען געשטאנען צושיידט אויף בעזונדערע סטאנציעס. נישט דערפאר ווייל איטליכער פאר זיך האט בעדארפט האבען זיין חדר, זיין ארט בעזונדער. חלילה! גאנץ רייכע יודען אפילו לאָזען זיך אויף דער אכסניא בעגניגען מיט א בעטיל און שטעהען דרייא, פיער איהרע אין־איינעם, אבי עס זאָל וואָלוועל קאָסטען. נארעשקייטען! עפיס בעדארף דען א יוד האבען עולם־הזה? — נאָר וואס דען? ווייל אנדערש איז גאר טאקי נישט מעגליך געווען. דער טאטע האט, וויא געוועהנטליך, זיך אויפגעהאלטען וויא ס'איז ביים שמש פון דעם קלייזעל, וואו ער פלעגט ימים נוראים דאווגען. דעם שמש'ס דירה איז קוים גענוג געווען פאר זיין איינען געזינד. נאָר וויא זאָגט מען עפיס ביי אונז יודען—וואו צווייא איז אויך א דריטער. און מיט דעם דאָזיגען כלל שטעקט א יוד געביך אריין דעם לעפעל צו יענעם אין שיסעל, שטופט זיך אריין וואו ס'איז איינג, קריכט אריין מיט א פוס צו יענעם אין ביטעל, האפט א קוק צו יענעם אין מחזור, שפארט־זיך צו וויא ס'איז צו יענעם אויפ'ן געלעגער, קוועטשט זיך אריין אין בויך צו־גישען פול אָנגעזעצטע פארשוינען און שטערבעט געביך אָפּ אזוי דאס גאנצע לעבען. עס, וואס מאכט עס אויס? אבי א י ב ע ר ק ו מ ע ן; אבי אָ ב פּ ט ר 'ע ן, מישטעהנס־געזאָגט, דאס עסען; אבי ח א פּ ע ן א דרעמיל; א נאכט א י ב ע ר צ ו ל ע ב ע ן; אבי י ו צ א ז י י ן און וויא ס'איז דערהאלטען דיא נשמה. דערבייא האט טאקי ל י י ז ע ר־י א נ ק י ל מיט דעם שמש זיך גערעבענט עפיס ש ט י ק ל י ך קרובים, און וויא דער איינפיהר ביי אונזער עולם איז, האלט עס א יוד זיך פאר א מ ו ז צו פארפאָהרען צו זיינעם האָטש א גאנץ וויטען קרוב, ווייל ווען נישט — אזוי טייטשט ער עס — ווערט ער איהם חליכה בעליידיגען און יענער ווידער קען אויף איהם ברוגז זיין. און אויב ל י י ז ע ר־י א נ ק י ל איז דאס מאל מיט דעם וויב, מיט דעם קינד און האק־פּאק מיט דיא עופות באלד טאקי נישט פארפאָהרען גלייך צום שמש — איז ערשטענס דעריבער, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז אזוינס איז ריין אונמעגליך. אי וואס, יענער קען פאראיבעל האבען. נישקשה, אָהן סכנות! ער ווערט עס איהם געבען צו פארשטעהען. — און צווייטענס, וואס מיינט איהר? איז דאס טאקי נאָר געווען דעם שמש'ס טרפה'ן גליק...

דיא מאמע איז געגאנגען אויף סטאנציע צו איהרער א בעקאנטער יודענע פון קאבצאנסק, א קעכנע אין א נגידיש הויז, וואו זיא האט אפגעזעטצט עטליכע צעהנדלינג אייער און ארויסגעקוקט אנצוגעהמען בייא דער בעל־הבית'טע א פאר טוץ זאקען אין גלייכען געלד אויסצוארבייטען און פון א צוואנציג גענזליך פעדערען איבער'ן ווינטער אויסצופליקען. דיא מאמע האט נאר געשיינט אין דעם שלייער, אין דעם שבת'דיגען טיכיל אויפ'ן קאפ, איהר איז א פנים, אין קעך נאר נישט שלעכט געווען, זיא האט זיך דארט אויסגעגלייכט דיא ביינער. דיא קעכנע האט זיא צוגעפילעוועט, איהר אלץ אונטערגערוקט צו קייען, אנטרייבענדיג זיא אלץ: עסט, מלכה־טויבעניו! עסט, עסט, מיין הארץ —ביידען האט דאס טויל זיך נישט צוגעמאכט, אלץ גערעדט, גערעדט, זיך אויספרעגענדיג איבער פיעל מענשען, בעקאנטע און אויף וויכד פרעמדע, אזעלכע וואס געהערען זיך מיט זייא בכלל נישט אן. זיך דערמאהנט אלטע מעשיות, וואס נאך טוידוויים. — געדיינקט איהר, געדיינקט איהר, מלכה־טויבעניו! געדיינקט איהר, געדיינקט איהר טריינע־סאסעניו! ביידע האבען זיך געשמאלצען, געקוקט איינע אויף דער אנדערער מיט לייכטענדיגע אייגעליך, ביים שמיעסען עפים מיט חן־צונויפגע־צויגען, איינגעשנירט דיא ליפעליך, איינער דער אנדערער אלץ: סערדצע, קרוין זאלט איהר מיר געזונט זיין! . . . עס פארשטעהט זיך, אז פון אלע זאכען האט מען נישט פארגעסען דעם עיקר — רכילות, דאס בעסטע געווירץ, דיא גע־שמאקסטע בשמים אין איטליכען ווייבערשען שמיעס. מען האט מקיים געווען דעם מנהג, אפריכטען אפשפעטען מיט אלע דינים און כוונות וואס דריגען שטעקט. טריינע־סאסיע האט עס מקיים געווען גאנץ פראסט אהן חכמות — גע־פלאקערט, גערעדט מיט צפעטיט, גיך, געשווינד, וויא עס געהער צו זיין . . . . מלכה־טויבע אקעגען האט דאס איינענע טאקי מקיים געווען, נאר מיט שמר־שטיק. אלץ צוגעשאקעלט מיט דעם קאפ, געגלאצט דיא אייגעליך מיט א יראת־שמים פנים'ל, בכומר'שט וויל זיא נישט יענעם בעריידען, פע! — נאר בייא זיך אבער האט זיא דערפון שטארק הנאה, בעלעקט זיך אזש פאר תענוג אוןווארפט אין שמיעס א מאל אריין א ווארט, עפים מיט פיעל טייטשען, אזוי און אזוי. דאס ווארט איהרס, וואס דאכט זיך אין פלוק נאר נישט, עט . . . ציהעט ערשט טריינע־סאסיען ביים צונג און הידעט זיא אונטער צופלאקערען און צו ריידען, שפעטען נאך מעהר.

— זאלט איהר מיר געזונט זיין, מלכה־טויבעניו! הויבט אן טריינע־סאסיל צו מאהלען מיט דעם צינגעל און א מאס רייד איבער דיא

בעל־הבית׳טעס אויסצושיטען. וואס ווייסט איהר, וואס פאר א שלעק זייא זיינען, דיא אלע שיינע היינטיגע בעל־הבית׳טעס! בייא וויפיעל איך בין איבערגעווען איז אלץ איינע ערגער פון דער אנדערער. איטליכע מיט איהר מאנקאָליע, מיינע צרות אויף זייא! האבען נאָר ליעב אָט וואס, זיך צו דרעהען, טאראראמען, פיידערען, קלינגען מיט דיא שליסעליך. מיינען, זייא טהוען עפּיס. און טאָמיר ווייסט איהר וואס?

— וואס, וואס? רוקט מלכה־טויבע אריין א ווערטיל, כלומר׳שטתם און ציהעט דערמיט טאַקי בייא טרײנע־סאָסיען ווערטער פונ׳ם מויל.

— גארנישט!.. צוהיטצט זיך טרײנע־סאָסיע, ווייס איך וואס בייא זייא הייסט עס, נאָר א געלעכטער חלעבין, דיא איז א בריה, פול אין איטליכס ווינקעלע. יא אמת טאַקי אָבער קיינמאל נישט אין יענעם ווינקעלע וואו מען בעדארף. גלייך וויא זיא שפּיעלט זיך אין בעהעלטעניש. זוכט מען זיא דאָ, איז זיא גאר דאָרט און בעדארף מען זיא דאָרט, האַ־האַ! איז זיא דאָ... דער מאַן זוכט, דיא קינדער זוכען, מען רופט, רופט און זיא שרייעט פון ערגיץ ארויס אין איין כעס. — יענע ווידער, מיינע וועהטיגען אויף איהר, געטרויט נישט דיא שין, צעהלט דיא גרויפּען אין טעפּיל, פאר א האלבען גראָשען וואָלט זיא זיך געלאָזט דיא אויגען ארויס־נעהמען, וואס איז?

— א בעל־הבית׳טע, וואס דען? זיא וויל איינברײנגען... מאכט מלכה־טויבע מיט אזא מינעלע עפּיס וויא אויף קאטאָוועס און עפּיס וויא גאנץ ערענסט.

— יא, איינברײנגען! מאכט טרײנע־סאָסיע שטארק פאר־קרימענדיג זיך. זיא וויל איינברײנגען פונ׳ם עסען, א גראָשען און אליין ברײנגט זיא דעם מאַן אוים—ווייס איך אויף וואס—הונדערטערס!... איינע, עפּיס א שלימזל, האנדעלט איין אין מארק אלע מציאות, אייער א מציאָה, פוטער, שמאלץ א מציאָה, נאָט שיקט איהר אלץ צו. האט א שפּיזארנע מיט אלעם גוטען און האלט עס אָבער אונטערען שלאָס אזוי...

— אייערע מיינט איהר? חאַפּט זיך מלכה־טויבע ארוים מיט א וואָרט. בייא אייערער איז עס אלץ אונטערען שלאָס? — א גוטע בעל־הבית׳טע, חלעבין!

— טפוא, א גוטע בעל־הבית׳טע, חלעבין! זאגט טרײנע־סאָסיע איבער יענערס ווערטער מיט א בייז געלעכטעריל, אויסשפּייענדיג דערבייא. האלט

עס אונטער'ן שלאָס אזוי לאנג דיא אלע מציאות, ביז דיא אייער ווערען טובלע, דיא פוטער בעקומט א ריח, דער איינגעמאכטס נעצוקערט און מען ווארפט עס דערנאָך ארויס.... דיא אנדערע, עפּיס א שטיק פלייש, ליגט איבער שטענדיג אין קעך, מישט זיך צום טעפּיל. ווייס איך וואס? חאָטש מען בעדאַרף זיא דאָרט האבען וויא אוינגעוועהטינ. פאַרקעהרט, דורך איהר מישען זיך ווערט ערשט א מישעניניע: דער געבראָטענס צוגעברענט, דיא יאָיך אויסגעלאָפען און ס'איז נאָר א צעפּוקעניש . . .

— שונאים, שונאים! א צעפּוקעניש דיא שונאים! מאכט מלכה־טויבע, אונטערלעקענדיג זיך. עסט אייך, טריינע־סאָסיעניו, נישט אָפּ אזוי דאס הארץ!

— טפוא זאָלען זייא ווערען! שפּייעט טריינע־סאָסיע אויס. וואס ווייסט איהר, וואס ווייסט איהר? מלכה־טויבעניו!... איינע נישט קיין רעכטע! אלע זיינען זייא שלימזלניצעס, ליידיג־געהערענס, האבען נישט וואס צו טהאָן און גיבען זיך אויס קלאָמפּערשט פאר בריות. א קאטאָוועס, אָהן זייא וואָלט דיא גאנצע שטוב האָרנעם־קאָרנעם זיך איבערגעקעהרט. טאָמער ווייסט איהר וואס? — נאָר־נישט!... פריהער בין איך געווען א נאר און זיך גענומען צום הארצען, פלעג פון זייא קייען דיא ערד. און היינט אָבער האב איך מיך מישב געווען — א־אַ, צו אייער קאָפּ, צו אייער לייב און לעבען! איהר ניסטערט, רעדט, בייזערט זיך, שרייעט אייך משוגענערווייס און איך טהוא מיר מיינס. ווערדט צוזעטצט!... וואס איז, טאָמיר ווייסט איהר, עולם־הבא וועל איך האבען? אדרבה, זאגט, קרוין, סערדצע, און איך אליין פאר מי'ר, וואס איז וואס, בעדאַרף נישט עפּיס האבען?... איהר פאַרשטעהט דאָך מיך, מלכה־טויבעניו, געזונט זאלט איהר מיר זיין.

— זאָלט איהר מיר געזונט זיין טריינע־סאָסעניו, וואס דען איך פאַרשטעה נישט? איך פאַרשטעה זעהר גוט.

— וואס, סערדצע, בין איך אפשר נישט גערעכט? וואס איז, טאָמיר ווייסט איהר פון דיא שבירות, וואס איך ניצהם וועל איך מיך א שיין ביסעל מויערען? און אייביג, הא וואס איז, וועל איך דיענען? וויא זאָגט מען עפּיס א מענש איז נישט קיין אייביג געוועהר. כל־זמן מען לעבט, לעבט מען און מען בעדאַרף זיך זאָרגען פאר שפּעטער אויך. איך זאָל מיר נישט געווען דראָבען — שאַ, צווישען אונז זאָל עס בלייבען — אביסיל פונ'ם מעהל, אביסיל פונ'ם קצב, אביסיל פונ'ם איינקויפען נעלט טאַקי געווען א געהטיג מיינע שונאים. צו וואס לאָמיר זיך דאָ

נארען, מלכה־טויבעניו? — נישקשה! איהר פארשטעהט? צו דעם וואס לעבט אייביג האב איך קיין טענות נישט. נישט צו פארזינדיגען. האב, געדאנקט איז זיין ליבער נאמען, וואס אנצוטהאן. — מיין קאסטען קליידער האט איהר נאך נישט געזעהען? קומט, סערדצע, וועל איך אייך ווייזען.

און טריינע־סאסיל נעהמט זיך ווייזען איהר גוטס, צוליינט איהר קרעמיל: שטיוולעטליך אויף קנעפליך, איין קליידיל, דאס אנדערע גענייעט נאך דער לעטצטער מאדע מיט שליארקעליך. א זיידענע פעלערינקע אויסגענייעט מיט גראנאטליך, א קאפטעלע, א שבת׳דיגען בורנאס מיט קוטאסען. זיא האלט זיך פיד־באקים און שמאכט. מלכה־טויבע קוקט זיך צו, וויא א מבינת, צו איטליבער זאך, טאפט און שאצט. דאס פנימעל לויכט איהר, וויא זיא שעפט פיעל נחת פון טריינע־סאסלען, וואס דער אויבערשטער האט זיא אזוי געבענשט, מאכט אך־אך! פארוואראפענדיג מיט דיא אייגליך, אלץ: געלויבט איז השם־יתברך, געלויבט איז זיין ליעבער נאמען! און ווינשעוועט, ווינשעוועט, פארזיכערענדיג בייא איטלעכס מאל טריינע־סאסלען, אז וויא דאס לעבען אזוי ליעב און טהייער איז זיא איהר. זיא האט שוין דאס געזאגט און זאגט טאקי: א פנים אויף דער גאנצער וועלט איז דען נאך דא אזא טריינע־סאסעניו? קיין צער!ביידע שמעכצען זיך און ווערען ברייטער וויא לייגער פאר גרויס פארגניגען.

לאמיר דא איבערלאזען אויף א ווילע דעם מלך מיט דער מלכה — דעם מלך ביים שמש, דיא מלכה אין קעך — און זיך נעהמען צום בן־מלך. אונזער בן־מלך, הערשעלע, איז זיך געלעגען אויסגעצויגען, וויא ביים טאטען אין וויינהויז, אויף א באנק אין קלייזיל. דארט איז פאר איהם געוועזן נישקשה׳דיג פון איין ארט אויף־אנצושפארען דעם קאפ. דיא באנק איז געוועזן צווייא מאל לאנג וויא ער, אזוי אז ער האט געקענט אויסשטרעקען דיא פיס גאנץ פרייא און אנשטאט א קישעלע צו־קאפענס האט איהם זעהר גוט געדיענט דאס פארענטשעלע. מורא צו האבען נעבטינגען דארט האט ער נישט געהאט וואס, ווייל ער איז נישט געוועזן אליין, מיט איהם האבען געשלאפען אין קלייזיל נאך עטליכע יודען, בטלנים, אומעטיג איז דארט אויך נישט געוועזן, מען האט געשמיסט, דערצעהלט וואונדערליכע זאכען, נישט ערגערע פון קאבצאנסקער. גלופסק, נישקשה, נעהמט אויך גארנישט אפ. דארט זיינען אויך דא יודען, אויף דיא אלע שיינע מעשיות. דארט שטעהט אויף פרייא דער וועג צום הימעל, און מען פארקריכט אויף איהם טאקי אויך קיין בויבעריק . . . . גלופסק

מיט בויבעריק איז וויא איין שטאָדט, אקעגען א גוטע העלפט גלופסקער יודען זיינען בויבעריקער. גענעסען האט הערשעלע בייא דיא בעל־הבתים פונ'ם קלייזיל, א מאל בייא דעם, א מאל בייא יענעם, נאָר דערווייל ביז איבער דיא ימים־נוראים, אזוי האט עס געהייסען.

דאכט זיך גאר קיין מעשה נישט. אונזערע פארשווינען זיינען ברוך־השם טאקי געוועזן פארזאָרגט, נישט פארזינדיגען, אלסדינג גוט, עס האט נאָר געפעהלט אביסיל געזונט. הערשעלע האט פונ'ם ערשטען טאָג קומען קיין גלופסק בעקומען א קאטער, אביסיל אונטערגעהוסט, דאס קולכין איז איהם געווען צוגעלענערט, הייזערינגליך. פון־דעסטוועגען איז ער אויפגעשטאַנען צו דיא ערשטע סליחות און אונטערגעהאַלטען דעם טאטען. זיין געליינקיל איז אמת טאקי געווען נעדריפעט, זיין קווימשעלע געפייפט, אויסלאָזענדיג זיך מיט א גרילץ, נאָר אָהן סכנות. איין מאל, איז אָהן איהם אויך געווען העלפערס, פיעל פונ'ם עולם האבען, וויא געוועהנטליך אָפגעענטפערט זיך אָפגערופען „בים־באם!“ אונטערבימקען יענעם זיינען דאָ בייא יודען זעהר פיעל בעלנים. אויב „באם“ פאסט אָדער ניין — אלץ איינס, אבי זיך אריינגעמישט, אבי א שטימע, לאָז יענער נישט מיינען, ער ארבייט אליין . . . און צווייטענס, איז א צוגעלענערט קול עפּיס טאקי גאר וויא געווינשען צו סליחות, עס פאסט צום עסק, מען פיהלט אז ס'איז סליחות. אין דרויסען איז שטאָק־פינסטער, נאכט. אומעטום שא— דיא גאנצע וועלט שלאָפט. נאָר יודען חאפען זיך אראָפ פון דיא געלעגערס, געניצען, קנאקען אוים דיא ביינער, דער שלאָף ליגט זייא אייף דער ברוסט, עס טריקענט זייא אין האלז און זייא שטארקען זיך, לויפען פארשמאכט אין שול אריין, ניסען דאָרט אוים זייער הארץ פאר דעם לעבעדיגען גאָט אין הימעל און קלאָגען זיך נעביך פאר איהם אויף א צולעכצט ברומענדיג־קרעכצענדיג קול, וויא א פארוואָגעלט, אומגליקליך דערשלאָגען קינד קלאָגט זיך פאר דעם פאָטער אויף דיא צרות, וועלכע ער איז אויסגעשטאַנען, ארומבלאָנקענדיג זיך אין דער וועלט. דאס צרלעכצטע, חריפענדיג־פארשמאכטע קול אָט דאס ערשט ריהרט ביים הארצען, דרינגען טאקי ליגט ערשט דער בריא, דאס גאנצע געפיהל פון רחמנות... אז דאס שלאָפע קינד נעביך חאפט זיך אויף פון היטץ בייא נאכט, שטרעקט אוים מיט א געבעט דיא הענטליך צום פאָטער, קרעכצט, יאָמערט פאר וועהטיג אויף א טרוקען־הייזעריגליך קול, פארנטהעהנדיג זיך אין א הוסטעלע — חאפט עס אָן בייא דער לעבער, נעהמט ער ארוים דיא נשמה און שטעכט אין דער זיבעטער ריפ . . .

און דער האָהן פון כפרות, איהם אז מען נים אין דערמים נאכט א טראָג פון דער סידעלע — קום צום „ב נ י א ד ם"! און ער צאפּעלט, קרעכצט אויף א פארדומפּפטן קול, רופט זיך דען זיין חריפענדיק קול נישט אָפּ אין הארצען? רייסט דען זיין האָרחלען נישט בייא דער נשמה?...

## טו.

רבוני של עולם! וואס ליגט אזוינס אין דיין הארטער באנק אין בית־מדרש, אז דער וואס נעכטיגט אויף איהר איבער א נאכט מיט דעם קולאק צוקאָפּענס שטעהט דעם אנדערען טאָג אויף עפּיס גאר איין אנדער מענש, וויא נייא געבוירען? שוין יעקב אָבינו, אז ער האט אין וועג דענסטמאָל בייא זיין אוועקלאָזען זיך פון דער היים, אונטערגענעכטיגט אין „יענעם אָרט" אויף א הארט גע־לעגער, צושפּארענדיג דעם קאָפּ אויף א שטיין — האט באלד ביים אויפשטעהען אין דער פריה געשפּידט: אין זה, נישט אנדערש כי־אם בית אלהים, דאָ איז א בית־מדרש, וזה שער השמים און דאָ איז א טויער צום הימעל. יא, טאַקי צום הימעל. ליגענדיג אויפ'ן הארטען געלעגער גאר אין דעם ערשטען בית־מדרש, נאך אָהן ווענד, אָהן א דאך אָהן איין אונטער־אויבען, האט ער שוין דערזעהען נישט קראָקויא און לעמבערג אליין, נאר אויף יענע וועלט — פייערדיגע מלאכים, וואס האבען איהם אין דיא אויגען זיך געדרעהט ארויף און אראָפּ עפּיס אויף א הויך לייטעריל פון דער ערד ביז העט־העט אין הימעל אריין — און יעקב האט דערפיהלט אין זיך א גרויסע פּארענדערונג....

נאך א מאל רבוני של עולם! וואס ליגט אזוינס אין דעם גלות, אין דעם נע־ונד זיין אין דער פּרעמד, וואס דיינע קינדער ישראל, וועלכע עס האבען אזעלכס פון דיר א מתנה, זיינען דורכדעם אין דער וועלט עפּיס גאר אנדערע מיני מענשען, האבען עפּיס גאָר איין אנדער פּנים, איין אנדער שטייגער לעבען, איין אנדער מזל, אליך־מיט־איינאנדער עפּיס נישט לייטען גלייך?... אין דער צייט ווען אנדערע זיינען נאך גאר יונגליך, פּריש־לעבעדיג, מאכען זיך נארעש און האבען אין זינען עולם הזה, דיא וועלט, איז דיינס א יודעלע געעלטערט, געקניימשט, איינגעהייקערט, פּארזאָרגט און דערשלאָגען. דאס קעפּעלע נאָר עס ארביים: טראכט, טראָגט, פליהעט און אין זינען איז איהם נאָר תכלית־

ו א כ ע ן, אזוינס וואס האט עפּיס א ווערטה, א קיום — ע ו ל ם ה ב א, י ע נ ע ו ו ע ל ט...

אונזער ה ע ר ש ע ל ע ן איז אין דיא ערשטע פאַר טעג פונ'ם גע־וגד זיין אין דער פרעמד און פון דעם שלאָפען אין קלייזיל אויף דער הארטער באנק נישט צו דערקענען געווען, אזוי האט ער זיך געענדערט, איבערגעביטען געוואָרען אין גאַנצען. קיין פרעהליכע מינע האט מען פון איהם נישט געזעהען. ער איז געווען אלץ עפּיס פאַרטראַכט, גלייך וויא הימעל און ערד זיינען אויף איהם געפאַלען. דאס וואָרט „תכלית", וועלכעס ער האט פון דיא עלטערען געהערט צו דער ב ר־מ צ ו ה, איז איהם טיעף אין הארץ אריין און איהם געעקבערט, געלעכערט דעם קאָפּ: געוואלד ת כ ל י ת! וואס וועט זיין דער ת כ ל י ת? מען בעדאַרף טראַכטען, זאָרגען ארום דעם ת כ ל י ת — און ה ע ר ש ע ל ע האט זיך א געשמאַקען נעהם געטהאָן צו דער גמרא. דען וואו אַנדערש האט ער געקענט, נאך זיין פאַרשטאַנד דענסטמאָל, געפינען דעם ת כ ל י ת, ווען נישט אין דער גמרא? אָט דאָ ליגט דאס גאַנצע גליק פאַר א מענשען, דאס בעסטע, וואס ער קען נאָר דערגרייכען דאָ אין דעם לעבען. בייא א בלעטיל גמרא מיט תוספות לאָזט זיך שוין אוים אלע חכמות, און אז גאָט העלפט נאך, מען טרעפט־צו דעם מ ה ר"ם־ש י ף'ס א קשיא, אָדער מען פאַרענטפערט דעם מהרש"אָ'ס א „ו י ש ל י ש ב", איז מען שוין א פאַרטיגער, א פאַרזאָרגטער מענש, מען קען שוין גליקליך אָפּלעבען זיין וועלט, אין עושר, אין כבוד. א קאַטאָוועס עפּיס א למדן! מי לנו גדול, ווער איז אין דער גאַנצער וועלט גרעסער, ש ט א ר ק ע ר און האט דיא גאַנצע דעה מעהר פון א יודען א וואויל־לעהרנער, א רב און א דיין? ו ו ע ל ט האט דענסטמאָל בייא ה ע ר ש ע ל ע ן געהייסען — י ו ד ע ן. ווייטער, גאָרנישט! עס זיינען דאָ אפילו עפּיס נאך א נ ד ע ר ע אויך, נאָר דאס זיינען גלאַט אזוי זיך א ו מ ו ת ה ע ו ל ם און וואס געהען זייא וועמען אָן? וואס קענען זייא, וואס ווייסען זייא מישטעהנס־געזאָגט! אז אין קיין חדר, וויא יודישע קינדער, געהט מען נישט, דאס וואס בייא אונז פאַרשטעהט מען נישט, היינט וואס־זשע?...

ה ע ר ש ע ל ע האט פון דער שאַפע ספרים אין קלייזיל ארויסגענומען א גמרא „בבאָ קמאָ" און זיך געזעטצט לעהרנען „ש ו ר ש נ ג ח א ת ה פ ר ה", וויא ר א ו ב ן'ס אָקס האט געשטויסען ש מ ע ו ן'ס קוה, הויך אויף א קול מיט א נגון, שטאַרק שאָקלענדיג זיך און וואו מען בעדאַרף דעם קוועטש א מאך געבענדיג מיט'ן גראָבען פינגער. ה ע ר ש ע ל ע ס קעפּיל האט שטאַרק געאַרבייט, געפלויגען אין דער לופטען. עס האט זיך פאַר איהם געקייטעלט איין זאך אין דער

אנדערער און ס׳איז מיט א מאָל אויסגעוואקסען א גאנצער לייטער, אויף וועלכען עס האבען זיך גערדרעהט ארויף און אראָפּ אַרישאָ, אָסיפאָ, אַמציעותאָ אין דער געשטאַלט פון בייזע ווייבער, וואס קענען צווישען זיך נישט אויסקומען און אויפ׳ן שפּיטץ דער תּנאָ קמאָ, דער גרויסער פּריץ. הערשעלע וואַרפט זיך אין אלע זייטען, פאַרפּליהעט ווייטליך, עס חאַפּט איהם אזש אָן א שווינדעל, עס פאַרדרעהט זיך איהם דער קאָפּ, אָט־אָט רייסט זיך איבער דיא לעצטע האָר, אין וועלכער ער האלט זיך אָן — און פּלוצלים גיט עס מיט איהם א טראָג צוריק טאַקי צו ראובן׳ס אָקס און שמעון׳ס קוה. הא־הא דאס קעפּיל איז איהם ווידער אויפ׳ן אָרט, ער צושאָקעלט זיך און לעהרענט מיט חשק...

מען מוז פריהער איבערגעבטיגען א היבש ביסעל געכט אין בית־מדרש אויף דער באַנק הארט וויא א שטיין, בכדי צו דערגרייכען דעם סוד פון אזא לייטער, צו פיהלען דעם טעם דערפון און רעכט וויא געהעריג צו פאַרשטעהען, אז דאס אלסדינג איז נישט גלאַט אזוי זיך עפּיס זאגען, אז ראובן׳ס אָקס, שמעון׳ס קוה זיינען נישט מנושם־גראָב, פּשוטע קיה, וואס נעהם און מעלק זייא אויס. ניין! זייא שטעלען זיך פיר גאר אנדערש, עפּיס וויא דער אָקס, דער ווידער, דאס צווילינגיל און דיא בתולה דאָרט אין דיא צוועלף מזלות...

אונזער הערשעלע האט געלעהרענט מיט א ברען, וויא ער האט נאָך קיינמאל אין זיין לעבען אזוי נישט געלעהרענט און דאס האט איהם געגעבען צו חן און צו לייטזעליקייט אין דיא אויגען פון פיעל מענשען אין דעם קלייזיל. א וואויל יונגעלע, האט מען געזאגט, ער בענעהרט לעהרנען! דער טאַטע האט זיך גאר געשמאָלצען און דערצעהלט דעם זוהנס גרויסע מעלות אין א ברייטליבען שמיעס מיט מענשען וועגען איהם.

— עט, האט ער געמאכט, וואס ווייסט איהר, וואס מיינער איז! דיא קאַבצאַנסקער מלמדים קענען זיך נישט זאט אָפּלויבען זיין גוט קעפּיל, זיין תפיסה. בייא צוועלף יאָהר—וועט איהר גלויבען?—האט זיך בייא זייא אויסגעלאָזט תורה פאר איהם. אויף זיינע קשיות איז בייא זייא נישט געווען קיין תירוצים. דער תירוץ איז געווען א צוויוא הייסע פּעטש, א קניפּ, א טראַך אין דער באַק בביזון טאַקי, פאַרשטעהט איהר מיך, בכדי ער זאָל בייא זיך זיין געפאַלען, נישט מיינען, אז ער איז עפּיס, אויך א מענש! באמת, מיינע ליעבע יודען, איז טאַקי אזוי, א יונגעל טאָהר נישט האבען זיין שכל, וויא איין עלטערער זאָגט, אזוי בעדאַרף זיין. א יונגעל בעדאַרף וויסען, זאָגט איין עלטערער טאָג, תאַטש עס מעג זיך

זיין נאכט, איז מאַג, נאר אָהן קשיות. אלא נישט, איז בימער. חיינט פרעגט ער אזא קשיא און מאָרגען וועט ער שוין פרעגען נאר עט־מע־טע! עס וועט איהם שוין נישט געפעלען, פארשטעהסט איהר מיך, דאס, יענס, א סך זאכען... איך זאָג עס אקעגען דעם, אז מאמעס בעדארפען עס וויסען. אונזערע עלטערען פארצייטען האבען עס פארשטאנען בעסער פון דיא היינטיגע, דעריבער מאקי איז געווען אז גוט און וואויל. מילא וויא דיא מעשה איז, פעטש אהער, פעטש אהין, מיינער איז דערוויל ארויס פונ׳ם חדר און האט אָנגעהויבען אונטער מיין השגחה צו לעהרנען בייא אונז אין בית־מדרש אליין פאר זיך. עס פארשטעהט זיך, איך וויז איהם א מאל אונטער, וויא איהר קוקט איהם אָן־אָ, קען ער שוין, אַט־אָ דער שנעק, גאנץ ביצה, קידושין, כתובות און נדה!...

אזוי האט געוועהנטליך דער טאטע אויסגעלאָזט דעם שמיעס מיט א שיינענ־דיג פנים, אָנווייזענדיג פון דערווייטענס מיט א פינגער אויפ׳ן זוהן, און געטראכט בשעת מעשה בייא זיך: הא? אפשר וויל גאָט נאר א שידוך... דערפון זאָל זיך אויספיקען א כלה — טא!...

## מז.

צו דערצעהלען דאָ וויא לייזער־יאנקיל האט ראש־השנה שמארס נעארבייט אין דאוונען, וואָלט געווען א שטיקעל אומרעכט אקעגען דעם איבעריגען עולם פונ׳ם קלייזיל, וויל דער עולם יודען האט פון זיין זיים אויך געארבייט, גע־שרינען מיט איהם אין־איינעם. לייזער־יאנקיל איז אמת מאקי געווען דער „שליח־צבור“, דאס הייסט, דער דעפוטאט, אויסגעקליבען פון קהל, צו דעם רבוני של עולם; נאָר יודישע קינדער אָבער האבען ליעב אומעטום זיך ארייגצומישען און ווען זייער דעפוטאט זאָל אפילו זיין מיט הערנער, איין אנטיק אין דער וועלט, דאָך קוים לאָז ער עפענען א מויל זיך עפעס אָנצורופען, פאלען זייא איהם אריין אין דער מיט איטליכער מיט זיינס, איטליכער מיט זיין ציגנעל אויף זיין שטיינער, טראכטענדיג אין הארצען: יענער מעג זיך זיין דאָרט וואס ער איז, פארשטעהט איך נאך נישקשה א זאך אפשר אזוי גוט וויא ער. יענער מעג זיך הייסטן מיין מענש, האבען פון מיר א „כח־הרשאה“, פון־דעסטוועגען קוקען איהם אין מויל אריין צופיעל, טאָהר מען נישט, מען מוז איהם א מאל ווייזען און ארויס מיט א וואָרט. קלאָמפערשט הייסט עס, יענער איז דער אדוואָקאט, דער שתדלן, מען פארלאָזט זיך אין גאנצען אויף איהם, פון־דעסטוועגען אלייז גנז מען אויך עפיס

טהאָן, זיך קלאָגען אויבען, אין סענאט פאר דעם אויבערשטען און אנבעטען הינטען־ארום אויך דיא גרויסע שרים פצפציה וכדומה דאס גאנצע פעקיל סטראפטשעס, סעקרעטארען מיט זייערע פאקטוירים אין בית דין של מעלה דאָרט. און דיא קינדער ישראל ארבייטען, לאָזען זיך הערען אויף קולות ביז דעם זיבעטען הימעל. ס'איז א ליאַרם, א געפילדער, א געוואַלד, אז טאקי איין גאָט נאָר קען פארשטעהען, וואס זיינע יודעליך ווילען, וואס זייא בעטען און שרייען.

דער עולם יודען האט גוט געשריגען, לייזער־יאנקיל אָבער האט זיא אריבער געשריגען, פאָרט טאקי אויסגעפיהרט זיינס — אָפגעשפילט דעם מלך עליון" מיט א מארש לעבעדיג, קנאקענדיג און הערשעלען איז אויך עטליכע מאל געראָטען צו טהאָן א קוויטש, אזוי אז עס האט געהילכט. אָט אזוי איז אָפגעלאָפען דאס דאוונען דעם ערשטען טאָג ראש־השנה. לייזער־יאנקיל, הייסט עס, איז געוועזען פון אויבען, ער האט איינגענומען. דעם אנדערען טאָג אָבער האט שוין נובר געוועזען טאקי דער עולם. עס האט זיך גערעשט און גע־רוישט ביים זאָגען דיא שטיקליך פיוט מיט דיא תפילות, וויא עס רוישט זיך דער וואלד בשעת א שטורמווינד, אויף אלערלייא טרויערדיגע קולות. עס האבען גע־שריגען העלזער, געזיפצט, געקרעכצט הערצער, הענד האבען געפאטשט, פינגער געקנאקט און קעפ האלב־איבערגעדעקטע און אין גאנצען ביז דעם בויך איבערגע־דעקטע מיט טליתים האבען זיך געוואָרפען אין אלע זייטען, געשאָקעלט ארויף און אראָפ. איינע איז געוועזען אין קלייזיל, א שפילצען קעפיל אהין נישט אריינצרוואָרפען. הייס, א שרעק! לייזער־יאנקיל איז אָפגעגאנגען מיט שוויים און הא־פענדיג א בלאָז פון א צונ־ווינטעל האט ער פארלוירען דאס קול, איז געבליבען וויא דערוואָרגען געביך. געראטעוועט האט איהם נאָר דאס איינציגע מיטעל, וואס ער האט, וואו ס'איז אויסגעקומען צוזאָגען מיט מויל עפּיס א ריהרענדיג שטיקעל, זיך געשמאק צרוויינט, גענאָסען טייכען טרעהרען, אָפּהאפּענדיג דערווייל דיא ווערטער אונטער דער נאָז — און דאס איז איטליכען שטארק געפעלען. אויף וויינען איז לייזער־יאנקיל געוועזען איין מייסטער אין דער וועלט, ער האט געוויינט עפּיס מחיה'דיג־געשמאק. דאס האט איהם פארשאפט א נאָמען אין אונזער ווינקעל און ער האט געהייסען „דער קאבצאנסקער בעל־בכי.“ אנדערע האבען איהם דריגען פארגליכען צו דעם בעריהמטען ליטווישען חזן „דיא קלאָג־מוטער“. יענער, אזוי שמיעסט פון איהם דיא וועלט, האט אין זיין צייט געוויינט עפּיס געטליך, בעטעטט: אלץ מאמע, מאמע! גאנץ יודעשליך, מיט דעם

דיבעסטן חן. — הערשעלע האט אויף דעם טאטען קוקענדיג זיך אויף צר־וויינט און דערפון טאקי בייא זיך אין הארצען זעהר הנאה געהאט. מען בעדארף װיסען, וואס הייסט אזוינס בייא א יונגעל וויינען ראש־השנה און יום־כפור אין שוהל, אז אלע זאָלען זעהען. דערצו טהוען יונגליך שאר־פע מי־טעל — שמעקען געביך טאבאקע, קנייפען זיך שטילערהייט, רייבען דיא אויגען — און אונזער הערשעלע איז דאס מאל אזוי גליקליך געווען צרוויינען גאר אָהן יענע אלע זאכען! דעריבער איז איהם עפּיס גוט געווען אויפ׳ן הארצען פון זיינע טרעהרען, ער האט געקוקט אויף זיך עפּיס מיט גרוים דרך־ארץ, זיך אומגעקוקט אויב מען זעהט וויא ער וויינט און עס געהען נישט פארלוירען זיינע טרעהרען, דערבייא טאקי אלץ געטאפּט הינטערוויילינכס דיא באקען אויב זייא זיינען גוט נאס.

א פּאר טעג נאך ראש־השנה איז מלכה־טויבע אוועקגעפאהרען א היים, מיטפיהרענדיג מיט זיך גאנצע זעק פעדערען, וואס זיא האט אין עטליכע גע־הייבענע ערטער אָנגענומען, איבער דעם ווינטער עס אויסצופליקען, אויף פּאָדים א היבש פּעקיל אויף זאָקען אויסצואורבייטען און דערצו נאך אביסיל סחורה אין גלייכען נעלד: זייף, קראַכמעל, ציטץ אויף קליידליך מיט רויטע גרויסע קווייטען, עפּיס נאר א מיאוסע מציאה און דיא בעריהמטע גלופסקער שוועבעליך, וואס ווערען אויף דעם פייער אפילו נישט פארברענט און מעגען זיין א גוט מיטעל צו לעשען מיט זייא שרפות. אוועקגעפאהרען איז זיא עפּיס בייז, פול מיט פארדראָס. זיא איז ברוגז געווען, שטארק אָנגעלאָדען אויף טריינע־סאָסלען, מיט וועלכער זיא האט נאך דעם גרויסען גוט לעבען זיך מיאוס צרווערטעלט און פון דער שטארקער ליעב־שאפט האט זיך אויסגעלאָזט א טייך. — ניין מאָס רייד קלעקט פאר צוויא ווייבער נישט מעהר וויא אויף א פּאר טעג. ביז וואנען ס׳איז נאך געווען פון וואס, פון וועמען צו ריידען האט דער צונג געקלאפּט, געמאָהלען, קוים אָבער האט זיך אויס־געלאָזט רייד, האבען זייא אָנגעהויבען איינער צו דער אנדערער זיך צוקוקען, איינער אין דער אנדערער אויסצוזוכען פעהלער און זיך געבלאָזען. מלכה־טויבען איז נישט געפעלען דער איינגעהער, וואס קומט אלץ צו טריינע־סאָסלען, מאכענדיג מיט איהר קוצעניו־מוצעניו, און נאך ווען? אין אזעלכע טעג, וואס א פיש אין וואסער ציטערט. הייגט איז איהר אויך נישט געפעלען וואס דאס טיכיל אויפ׳ן קאָפּ איז איהר ארויפגערוקט, אזוי אז עס קוקט ארויס האָר; וואס הינטערען קליידיל רוקט זיא ארונטער עפּיס א בארג מיט שמאטעס מיט רייפען, בבדי עס זאָל אויסקומען, מחילה, דיקער, גרעבער. זיא האט איהר מכה יענס געגעבען אנצוהערעניש: עפּיס נישט ווא בייא א יודישער טאָכטער, אויף עטליכע מאָל

אליין מיט איהרע כשר'ע הענד גענומען און אראפּגעקלאַפּט איהר נידעריגער אויפ'ן שטערען דאס טיכעל, א טאפּ געטהאָן איהר פון הינטען דאס קליידיל, געמאכט דערנאך פון דיאביידע פּאַרענט־צו אויסגעשטרעקטעע הענד א קאַלכדינגען בייגעל, געשאָקעלט דערבייא מיט'ן קאָפּ, אויסציהענדיג דיא ליפּעליך עפּיס מיט א משונה זויער קרימעלע, גלייך וויא גערעדט: אָ־אָ, האסט־דוא עס א ב אָ מ ב ע, בעהיט זאָל מען ווערען! ט ר ײ י נ ע־ס אָ ס ל ע ן ווידער האט נישט געטווינגט צו דער זאך א פרעמד אויג, האבען לעבין זיך א רביצען. איהר איז אויך גרויס געווען אין דיא אויגען מ ל כ ה־ט ו י ב ע ס עסען, וויא זיא פּאַקט, עסט פאר צעהן און קען נישט חאַפּען דיא זעט, עפּיס נאָר א היישרעק! אין דעם פּסק, וועלכען זיא האט איינמאל געחאַפּט פון דער בעל־הבית'טע, האט זיא בייא זיך בעשולדיגט מ ל כ ה־ט ו י ב ע ן — דאס האט זיא איהר צוגעשטעלט א היהנטער־שיסעלע, דאס איז טאקי נאָר איהר מלאכה. מ ל כ ה־ט ו י ב ע האט טאקי א פּאָר מאָל זיך געשושקעט עפּיס מיט דער בעל־הבית'טע, געגלאָצט מיט דיא אייגעליך, מאכענדיג א פאַרפרומט פּנימיל און אלץ געשפּיגען, געשנייצט דיא נאָז. און אז ט ר ײ י נ ע־ס אָ ס י ל איז דארויף אָנגעקומען, איז דער שמיעס פּלוצלים איבער־געהאקט געוואָרען. מ ל כ ה־ט ו י ב ע האט, רויט ווערענדיג וויא א צוויק, זיך נעקראַצט, געדרעהט, געמאכט מיט דיא אקסלען און געבליבען דערנאך שטעהען מיט א קרומען רוקען, איינגעהויקערט וויא א קאַטץ, אונטערשפּאַרענדיג דיא באק מיט א פינגער... הבלל, דיא פריהערדיגע ביידע חבר'תות, וואס זיינען געווען דאס לעבען מיט דער נשמה, האבען זיך געבלאָזען, איינע דער אנדערער געגעבען אָנצר הערעניש מיט שטעכווערטליך. דיא — יענער א פּיק, יענע — דער א פּיק, ביז זייא זיינען לסוף ארויס מיט דיא געשליפענע צינגליך און האבען זיך גוט צוקריגט. און מ ל כ ה־ט ו י ב ע, שטארק אויפגעבראַכט אויף ט ר ײ י נ ע־ס אָ ס ל ע ן, האט ביים אוועקפאָהרען אויסגעלאָזט איהר כעס צו דער גאַנצער וועלט און צו איטליכען בעזונדער: צו דעם בעל־העגלה. פאר וואס א צעהן גראָשען מעהר וויא בייא אנדערע נעהמט ער, נישקשה, בייא איהר און זעטצען — זאָל איהם ארויס־זעטצען דיא נשמה! — זעטצט ער זיא אראפּ אונטען, צווישען דיא אקענענדיגע פּארשוינען; צו דעם מעקלער, וואס האט זיא געמאַהנט א דרייער פאר זיין טירחא, רופענדיג זיא: מ ו ה מ ע; צו דער קוה, וואס איז אונטערגעקומען אויף דער גאס צום וואגען, גאַנץ היימעש וויא איין איינענע, אָהן גרויסע צערעמאָניעס, זיך ארייננער־שטעקט דיא מאָרדע אונטער איהר געזיים און ארויסגעשלעפּט א פול מויל שטרויא, נישט געמיינט חלילה עמיצען דערמיט צו בעליידיגען, נאָר גלאַט אַזוי, וויא דער

שטיינער איהרער איז שטענדיג, חאפּען א לעק פון דיא וואָגענס; אויף צו דעם יונגען מאַנטשיק להבדיל, וואס דרעהענדיג דאס שטעקעלע, אויף זיין שטיינער, ביים נעהען אויף דער גאַס, האט ער, שטופּענדיג זיך הארט ביים וואָגען, מיט׳ן סקיפּקעלע איהר דערלאַנגט א זעטץ אין פּנים, שיעור איין אויג איהר נישט ארויסגענומען. עס פארשטעהט זיך אומגערען, נישט געמיינט חלילה קיין שלעכטס. הבלל זיא האט זיך געוואָרפען, אומזיסט־אומנישט אויסגעלאָזט איהר צאָרן צו דעם, צו יענעם און צו גאנץ גלופּסק, וואס האט גענומען פון איהרעטוועגען איינגעזונקען ווערען, גלייך וויא דיא אלע נעביך זיינען שולדיג דארין, וואס טריינע־סאָסיל איז א הוטצליכע, א שלאַק פון זיין ליעבען נאָמען:

דער בעל־העגלה האט זיך גענומען מחילה בעטען זיינע געפּגר׳טע פערד, וואס ביים מעקלער, דעם בעל־העגלה׳שען שדכן — א בריה אויף צו פאַרגרעסערען וויא געוועהנמליך אלע אנדערע שדכנים — הייסען אזעלכע לייבען, אָדלער, און דיא נבלות האבען נאָך א צעהנדלינג בייטשען זיך נעקוועטשט, מטריח נעווען דיא אלטעביינער זיך צו ריהרען פונ׳ם אָרט, ארויסשטעקענדיג דיא צינגליך און אונטערשמייסענדיג זיך מיט דיא אויסגעקראָכענע דינע וויידעליך. מכבה־טויבע האט נאָך דעם צעהנטען מאָל געזעגנען זיך אויסגעשטרעקט דיא האנד פונ׳ם וואָגען און נאָכגעשריגען דעם מאַן איבער דער גאַנצער גאַס הויך אויף א קול:

— לייזער־יאנקיל! למען־השם פארגעס נישט מכח יענס!... ברייננ א היים עטליכע פעקליך ציקאָריע! לייזער־יאנקיל, למען־השם שוויטצען! טרינק אוים עטליכע גלעזליך טרוקענע מאַלינעס! הערשעלע! דעם טאַטענס שטיקעל פעה ליגט איינגעבונדען מיט דעם וועג־היטעל! געדיינק־ושע שוויטצען!...

ז.

נאָכדעם אז הערשעלע האט ארויסבעגלייט דיא מאמע, איז ער גע־גאַנגען ווידער אין זיין רוה אריין, אהין אין קלייזיל, וואו ער איז שוין געווען אביסיל היימעש. עס האבען איהם אהין געצויגען וויא א מאַגנעט צוויא מענשען דאָרט — איינער א גרייד־גרויער יוד, ר׳ אברהם מקבל און דער אנדערער, משה׳לע, איין אָרעם בחור׳ל, מיט איהם כמעט אין איינע יאָהרע

ר' אברהם איז געווען פון דיא געהייבענע מקבלים, וואס רעכנען זיך ביא יודען צום קאפּיטעל כּלי־קודש און שטעהען אויף דער צווייטער שטופע נאָך דיא דיינים. דער טיטעל זייערער איז געוועהנטליך: שיינע יודען. דעם גרעסטען טהייל טאָג איז ער געזעסען אין קלייזיל איבער א ספר און גענעכטיגט האט ער ביא זיך אין דער היים. ער איז געווען זעהר איינגעזעהען ביא דיא אַלע בעלי־הבתים אין קלייזיל, פון וועלכע דער גרעסטער טהייל האבען נאָך בעל־הבית׳לוויס, באלד נאָך זייער חתונה, איהם דאָ געטראָפען אזוי דיענען גאָט און זיינען מיט איהם דעריבער שטארק געוועהנט געוואָרען. אָהן איהם וואָלט דאכט זיך דאס קלייזיל קיין קלייזיל נישט געווען, עס וואָלט עפּיס געפעהלט. ר' אברהם האט געהאט איינגאנג אין פיעל לייטעשע הייזער און זיך געריבען ארום נגידים, צו וועלכע ער פלעגט א מאָל ארייננקומען א שבת־צונאכט אויף א גלעזיל פּונש, מאכען מיט זייא עפּיס א שמיעס, נעהמענדיג דערבייא א גוטען ציגאר־טיטון און וועלכע עס פלעגען איהם א מאל אויסהערען וועגען א שידוך. דער נאמען שיינער יוד האט איהם באמת טאקי געפּאסט. אויף זיין קאפּאָטע האט זיך נישט געפונען קיין שפּריינקעלע, שטענדיג ריין, גאנץ אָהן א ריס, אָהן א טרען, אין דער קעשענע א נאָז־טיכיל, קיינמאל נישט געשפּיגען, נישט געשנייצט דיא נאָז פרייא אקעגען מענשען אין פּנים אריין און נישט געווישט זיא מיט דעם ארבעל אָדער מיט איין עק פּאָלע וויא אנדערע. זיין שווארצע, סאמעטענע יארמולקע איז געווען פריש, פיין אָהן פּעדערען, נישט פארשמאָלצעוועט דיק מיט פעטע מיאוסע פלעקען, איין עפּוש, פון פּארטריקענטען שוויס. דאס פּנים כויטער מיט א מיטעלער באָרד, ריין, וויס, וויא אויסגעפּאלענער שנייא. דיא נעדיכטע גרויע וואָנצעס נישט אָפּגעשאָטען מיט טא־באקע פון א מיתה משונה קאָליר און אויף דיא ליפּען שטענדיג א גוט שמייכעלע.

ר' אברהם איז שטענדיג געווען אויפגערייטמט מיט א פרעהליכער מינע און אז ער האט געטהאָן אמאל א זיפץ, איז דאס נישט געווען פאר זאָרג און יסורים, נאָר גלאט אזוי זיך א יודיש זיפצעלע, וויא דער שטייגער איז ביים עפענען א ספר, אָדער מאכען ברכה, נעהמענדיג אין האנד א גלעזעלע וויין, אויך ביים שטעלען זיך דאווגען. זיטצענדיג אין קלייזיל ביים טיש איבער א ספר פלעגט ער געוועהנטליך ליעב האבען שמיעסען מיט מענשען, הערען וואס דער, וואס יענער דערצעהלט חדשות און אליין טאקי עפּיס אויך דערצעהלען. ביים ריידען פלעגט ער גלעטען מיט דער האנד דעם שטערן, אויך אונטערהייבען א קאפּעלע דיא יארמולקע, פאָכענדיג פּא־מעליכען מיט איהר אויפ׳ן קאָפּ. איהם האט נישט אויסגעמאכט דערוואקסענע מענשען, אָדער יונגע לייט, בחורים׳ליך, ער האט גערעדט גערען מיט אַלע גלייך.

גענומען צום הארצן איטליבענס א זאך און נישט אוועקגעמאכט קיינעם מיט דער האנד. יונגליך זיינען אויך מענשען. דאס ווארט „שקאץ“. וואס ער פלעגט עס זאגען א מאל מיט א שמייכעלע איינעם, א יונגען מאן, האט עס געהייסען בייא איהם א סימן פון ליעבשאפט, אז ער האלט פון יענעם זעהר שטארק.

ר׳ אברהם האט באלד פונ׳ם ערשטען טאג זיך צוגעקוקט פון דער־ווייטענס צו הערשעלען וויא ער פיהרט זיך גוט אויף און געטראכט בייא זיך: א וואויל קינד אונזער לייזער־יאנקילס, מען בעדארף איהם מקרב זיין. אז הערשעלע איז איינמאל פארטיפט געווען אין דעם לערנען אונטער־שפארענדיג דעם קאפ מיטביידע הענד אויפ׳ן שטענדער, האט ר׳ אברהם פארבייגעהענדיג לעבין איהם זיך אפגעשטעלט, אריינגעקוקט פון דער זייט צו איהם אין דער גמרא, איהם אזוי זיך פון־אויבען־אויף א פריוו געטהאן, א פרעג געגעבען, וואס בעוואהרענט רש״י דא מיט זיין כלומר? וואס דער תנא לאזט מיך דא הערען? און וואו ליגט דא דער רעכטער קוועטש? . . . ר׳ אברהם אליין האט נישט געהאט קיין שפיצעכדיגען קאפ, אויפצוטהאן שארפע פשטליך, ער איז געווען נאר א בעל־הבתישער למדן. זיין עיקר לעהרנען איז געווען מוסר־ספרים, עין־יעקב און מדרש, וואו עס געפינען זיך וואונדערליכע מעשיות, ווערטליך, משלים, שיינע איינפאלען. אויך האט ער געזופט „זוהר“ וויא וואסער, אפצו־פרישען זיך נאר מיט דיא ווערטער אליין, נישט אפצושטעלען זיך לאנג איבער א הארב ווארט, צוטרעפען דעם רעכטען טייטש. צייטענווייס פלעגט איהם פלוצלים עפים געבען א בריה — און ער האט זיך גענומען זופען „זוהר“ גע׳שמאק מיט חשק, דיא אויגען האבען איהם געפלאקערט, דאס פנים געפלאמט, וויא בייא א פארליעבטען. דאס פלעגט זיך מיט איהם מאכען געוועהנטליך בייא יענע שטעלען דארט, וואו גאט שפאצירט אין גן־עדן מיט דיא צדיקים, דיא ביימער שמעקען, גיבען פון זיך ארויס זיסע ריחות פון בשמים, כתות, כתות פון מלאכים שפרינגען קדושה, לויבען, ריהמען, בעשיינען זיין הייליגען נאמען און זאגען שירה; וואו דיא „שכינה“ צוגיסט זיך אין הייסע, הייליגע געפיהלען, בייגקט, קרעכצט, ברומענדיג וויא א טויב פאר גרויס ליעבשאפט צו דיא כנסת ישראל. א מאל קלאגט זיא, ווייגט אויף זיך וויא אויף אויף איהר געליעבט פאלק, וואס איז געביך אזוי פארוואגעלט, פארשווארצט אין גלות און א מאל טרייסט זיא איהם, איהר טהייערען זיסען געליעבטען, נעהמט איהם איין מיט זיסע רייד און גוטע האפנונגען אויף שפעטער. נישקשה, זייא וועלען זיך נאך אם־ירצה־השם צונוי־געהען — און דענסטמאל וועט זיין אזא לעבען, וואס דיא וועלט האט עס נאך נישט געהאט. . .

דער ז ו ה ר דאס איז א ס י נ י, א פייער־שפייענדיגער בארג פון חיילינער, רייינער ליעבשאפט, דאָרט זיינען זיך משדך דיא ערד מיט דעם הימעל, מלאכים, שרפים מישען זיך אויס אין־איינעם מיט מענשען און גיבען, קושענדיג זיך, איינער דעם אנדערען איבער געטליכע געפיהלען; דאס איז א פייערדיגער זייל פון ליעבע, וואס האט צום ערשטען מאָל א שיין געגעבען פאר יודישע קינדער אין דיא מיטעלע יאהרהונדערטען, ווען ארום זייא איז געווען שטאָק־פינסטער, ווען פיינדשאפט, ווילדע אכזריות, פארבלענדזקייט האבען זייא אָנגעטהאָן ג ע ב ר ע נ ט ע, ג ע־ ב ר אָ ט ע נ ע לייד און פארגיפטעט זיא נעביך דאס לעבען. — דאס איז דער ערשטער יודישער ראָמאַן, דער „ש י ר ה ש י ר י ם", דער ראָמאַן פון אלע ראָ־ מאַנען... ר' א ב ר ה ם איז אין זיין גראד געווען, וויא רופט מען עם עפּיס, א פּאָ ע ט. עס האט איהם עפּיס געצויגען צו הגדתות, צו דיא וואונדערליכע, שיינע זאכען אין דעם ז ו ה ר און איז אויף זיין שטיינער געווען פאַרליעבט. דיא ג מ ר א אקעגען איז פאר איהם געווען א טרוקענע זאַך, וואס דערנעהרט דעם שכל און קוויקט נישט דאס הארץ. ער האט דעריבער דאס לעהרנען זיא געהאלטען נאָר פאר א מוז און געלעהרענט אויף אזוי פיעל נאָר, וויפיעל איהם איז עס נייטיג געווען צום עסק: אין דיא נייז טעג, א שטייגער, צו מאכען א סיום, בכדי דיא בעלי־הבתים זיינע זאָלען מעגען עסען פליישינס, ערב־פסח א סיום פאר זיינע בע־ קאַנטע ב כ ו ר י ם, זייא זאָלען דעם טאָג נישט פאסטען און א פרק משניות אלע טאָג מיט א רבנן־קדיש פאר א מת, וואס דארויף האבען איהם דאָך דיא יורשים געדונגען אויף א גאנץ יאָהר. פון דעסטוועגען איז איהם דיא ג מ ר אָ געווען הייליג און האט שטארק הנאָה געהאט אז יענע לעהרנען. אז ה ע ר ש ע ל ע האט געלעהרענט איז עס בייא איהם געווען זעהר אָנגעלייגט, מהיכאָ־תיתי שיין, גאנץ פיין. און ווען ער האט פארבייגעהענדיג ה ע ר ש ע ל ע ן א פרעג געטהאָן, וואס ר ש"י בעוואָהרענט מיט דעם כ ל ו מ ר? איז דאס געווען גלאַט איין אויסרייד, ווייל אזוי האט עס איהם געפאסט, נישט געמיינט גאָר אריינצולאָזען זיך דאָ מיט איהם טיעפליך אין א פלפול. אבי ה ע ר ש ע ל ע האט עפּיס געענטפערט, זיך געדרעהט מיט דעם קעפּיל, מאכענדיג דערבייא מיט א פינגער, איז עס פאר איהם שוין געווען גאנץ גענוג — א סימן אז ה ע ר ש ע ל ע איז א גוט יונגעל, איין עהרליך קינד — און ער האט איהם דערפאר שוין טאַקי ליעב בע־ קומען.

מ ש ה' ל ע — א שווארצ־חנ'עווידיגער מיט פרישטשיקליך אויפ'ן ברייט־ פלאטשיקען פנים, איז געווען א שטיק יונגעל, א שלאפּס פון אָרמע עלטערען,

עהרליכע לייט, בייא וועלכע ער איז נעביך פון קינדרווייס אויף שטארק אפגעקומען אין נויט, אין דחקות און זיך קיינמאל זאט נישט אנגעגעסען. נאך גאר קליינער־הייט האט ער זיך ארויסגעוויזען פאר א פארשטענדיג קינד מיט א גוט קעפיל צום לעהרנען און דאס איז בייא דיא עלטערען געווען דער איינציגער טרייסט אין זייער ביטער לעבען. זייא האבען אפגעשפארט פון דיא נייטיגסטע בעדערפעניש, פיעל מאל נישט דערגעסען, נישט דערטרונקען, בכדי צו צאהלען פאר מ ש ה׳ל ע ן ש כ ר ־ ל י מ ו ד, אבי זייער מ ש ה׳ל ע זאל קענען לעהרנען און דערמיט אליין ייגען זייא געווען זאט, זעהר צופריעדען. אויב יודען זיינען אויך מענשען וויא אלע אנדערע, אדער נישט? — דאס איז א גאנץ אלטע שאלה, מיט וועלכער דיא וועלט דולט זיך שוין פון אייביגע יאהרען און ביז היינט נאך נישט געקומען צו קיין עק. נאר דאס אבער איז א גאנץ קלאהרע, געוויסע זאך, אז דער יודישער מאגען איז עפּיס גאר אנדערש וויא בייא אלע אנדערע מענשען. דען וואו נאך איז דא אזא מאגען, וואס זאל זאט זיין מיט לעהרנען, מיט ת ו ר ה, וויא בייא יודישע קינדער? בייא וועמען נאך פון דיא אלע פעלקער איז אין זייערע ספרים דא אזא אויסדרוק, אזא פסוק „ו ת ו ר ת ך ב ת ו ך מ ע י" און דיין ת ו ר ה איז מיר אין מיינע געדערם, וויא בייא אונז יודען? דאס מעגען י ע נ ע דארט אין דער וועלט הערען און זיך גוט בעטראכטען. אזא מאשינע, אין וועלכער עס ארבייט אזא געט־ליכע קראפט איז איין אייביג געוועהר און וועט פון יענעמס א בלאז מיט דעם מויל, פון יענעמס א קלאפּ מיט דער האנד זיך נישקשה נישט אנידערשטעלען. אזא זייגער, וואס געהט דורך עלעקטריציטייט — דורך דעם גייסט פונ׳ם חומש׳ל, פון נאטס הייליג ווארט, וועט אייביג וויזען דיא צייט פון טאג און נאכט און קלינגען אין דער וועלט. מ ש ה׳ל ע האט געלעהרענט און דיא ארמע, הונגעריגע עלטערען האבען זיך געקוויקט, גרויס נחת געהאט. אז דאס קינד איז אונטערגעוואקסען און שוין אין שטאנד געווען אליין א בלעטיל ג מ ר א איינצובייסען, איז ער ארויס פונ׳ם חדר און זיך געזעטצט לעהרנען פאר־זיך דא אין קלייזיל. איז איהם אויסגע־קומען א מאל אין דעם לעהרנען קריטיש, עפּיס א הארבליך שטיקעל, פלעגט ער זיך ווענדען צו יודען לומדים און זייא פלעגען איהם העלפען ארויף אויפ׳ן וועג. מ ש ה׳ל ע, פון דער נאטור א שעהמענדיגער מיט א גוטען, ווייכען האראקטער, דערצו נאך א שלאפער, א קריינקליכער, דערשלאגען פון דער ביטערער נויט — איז געווען שטענדיג וויא עפּיס פארטראכט, און זיך געהאלטען אפגעזונדערט פון איטליכען אין דער זייט. מען האט פון איהם נישט געהערט קיינמאל קיין הויך קול, זיך געזעסען אין א ווינקעלע און געלעהרענט שטיל. אזוי איז ער אויך געווען

צווישען זיינע חברים, בעקאנטע יונגליך, קיינעם נישט בעליידיגט מיט א גראָב וואָרט, נישט אָנגעריהרט קיינמאָל אפילו א פליג אויף דער וואנד. שווייגען דאס איז דער שטייגער זיינער געווען שטענדיג, דערפאַר אָבער האבען בייא איהם גערעדט דיא אויגען. אך, רבוני של עולם, וואס פאַר א אויגען! וואס זיינען דאס געווען פאַר א אויגען! אויף א קריינקליך־בלייך פנים פלוצלים אזעלכע צווייא אויגען! זייא האבען עפּיס געריהרט בייא דער נשמה, ארויסגענומען א מאל בייא יענעם דאס הארץ, עפּיס איז אין זייא געלעגען א גאנצער אָפּגרונט, עס האט זיך ארויסגעקוקט דיא מינדסטע בעוועגונג, אלכדינג, וואס אינוועגדיג דאָרט אין איהם געהט פיר. דער ערגסטער קונדס אפילו קוים האט ער געפיהלט אויף זיך משה'לעס אויגען, איז ער באַלד אָפּהענדיג געוואָרען און עס האט איהם נישט דערלאָזט דאס הארץ אָנצוריהרען איהם מיט א פינגער. הערשעלע האט אנפאנג אויף משה'לען זיך נעבלאָזען. עס האט איהם פארדראָסען, פאַר וואס האלט ער זיך ווייט פון איהם אין א ווינקעלע, אָננעהמענדיג עס פון משה'לעס זייט פאַר שטאָלצקייט. הערשעלע אליין איז בייא זיך אין הארצען געווען א שטיקעל גדלן, נישט געקענט ליידען, אז איהם זאָל מען נישט בעמערקען. ער איז געוועהנט געווען בייא זיך אין שטעדטיל זיין שטענדיג דער ערשטער און היינט מאכט איהם עפּיס משה'לע גלאט אזוי אוועק. ניין, האט ער בייא זיך געטראכט, אנדערש וועל איך מיט איהם נישט בעקאנט ווערען ביז ער מוז פריהער צו מיר קומען. אז א פאָר טעג אָבער איז אוועקגעגאנגען און משה'לע איז אלץ טאַקי נישט געקומען, האט הערשעלע שוין נישט געקענט מעהר אויסהאַלטען און איז מיט זיין כבוד אליין צו־געגאנגען צו משה'לען מיט דער דעה איהם אָנצולעהרנען — ארויסרופען איהם אויף א פּאָיעדיניק, מיט א וויזעניש אין דער גמרא, אדרבה, לאָז מען זעהען ווער ווער וועמען וועט איבערשפּאַרען. דיא מלחמה צווישען זייא האט זיך אָנגעהויבען. איינער דעם אנדערען האט פארגעבען א וויזעניש. הערשעלע האט זיך געהיצט, זיך געוואָרפען, גערדרעהט אהער־אהין מיט אלע אברים. משה'לע אקעגען האט זיך אויסגעדרעהט, אָפּגעשלאָגען דיא קלאָטץ־קשיות רוהיג, געלאַסען, און דער שפּיטץ איז געווען — זייא זיינען געוואָרען חבר. הערשעלע האט דערקענט, אז ער האט אין משה'לען געהאַט א גראָבען טעות, און איז צו איהם וויא צוגעקאָכט געוואָרען. וואס ווייטער, ווייטער איז דיא ליעבשאַפט צווישען זייא גע־וואָרען אלץ גרעסער, שטארקער, ביז זייא האבען זיך צונויפגענומען אוןביידע איך־איינעם געלערענט איין מסכתא. ר' אברהם האט זייא דערפאַר ביידע געלויבט

אין דיא אויגען, איטליכען בעזונדער גערופען מיט א שמייכעלע „שקאָץ" — און דיא פריינדשאַפט צווישען דיא אַלע דרייא איז געוואָרען שטאַרק.

## יח.

ל י י ז ע ר־ י א נ ק י ל האט געטהאָן דעם ווייב'ס רצון, געטרונקען ביינאַכט פאַר'ן שלאָף טרוקענע מאַלינעס און געשוויצט. אויף מאָרגען האט ער נאָך ארומגעבונדען דעם האלז מיט דעם שטיקעל פעה, וועלכס ה ע ר ש ע ל ע האט געפונען טאַקי דאָרט בייא איהם אין דעם וועג־מיטציל, און אויך אויסגעזופּט א פּאָר לייזע אייער. נאָר דאס אַלסדינג אָבער האט נישט געהאָלפען. ער האט זיך א פּנים שטאַרק פאַרקיהלט דעם צווייטען טאָג ראש־השנה ביים דאַווענען. דיא ברוסט איז איהם אַלץ טאַקי געוועזען פאַרלייגט און ביים פּריווען דאס קול פלעגט ער פיהלען א שטאָך אין דער לינקער זייט. מילא א שטאָך יאָק א שטאָך, דאס וואָלט איהם אזוי נאָך נישט געאַרט, צו שטעכעניש איז שוין א יוד געוועהנט און מאַכט זיך נישט וויסענדיג. גוט געאַרט האט איהם אָבער דאס קול — דאס איינציגע מיטעל זיינס צום לעבען, פון וואַנען ער ציהט דאס שטיקעל פּרנסה, דערנעהרט, מישטעהנס־געזאָגט, דערמיט ווייב און קינדער. אָט איז שוין באַלד יום־כפּור, ווען דיא „כ ל י" אין איהם אזוי נייטיג, מען בעדאַרף אויף איהר אזוי פיעל אַרבייטען — און דאָ איז ער גאַר הייזעריג. ער האט אראָפּגעלאָזט דיא נאָז און געהאַט דערפון גרויסע יסורים. דיא שמש'טע האט געפיהלט זיין הארץ, און פאַר גרויס רחמנות זיך גענומען איהם צו היילען מיט אַלע באַבסקע מיטעל. זיא האט איהם געשטעלט א גרויסע שפּאַניש־פליג, געמאַכט עפּיס א שמירעכטס אויף איינצורייבען אונטער'ן לעפעלע, געגעבען איהם טרינקען עפּיס קרייטיכצער אזוינע, פון איין אַלטער דאָרפס גויע, אויך ראָסעל פון אוגערקעס, אונטערגערייבערט איהם מיט פעדערען, געגעבען איהם שמעקען טאַבאַקע, איבערגעברענטע, געמאָהלענע קאווע, אָפּגעשפּראָכען איהם אין־איינוועגס טאַקי איין עין־הרע אויך און פאַרבונדען איהם דעם האלז מיט איהרען א גראָבען וואָלענעם זאָק. ל י י ז ע ר־ י א נ ק י ל נעביך האט וויא א קינד זיך געלאָזט טהאָן מיט זיך אַלסדינג, וואס מען וויל, אבי עס זאָל איהם זיין דאס קול.

עס נעהט אַוועק א טאָג, נאָך א טאָג און גאָרנישט. ערב יום־כפּור אין דער פריה האט זיך בייא ל י י ז ע ר־ י א נ ק ל י ן געוויזען עפּיס א קול, אָבער ס'איז געמלאכה'ט, נישט זיין „כ ל י" וויא שטענדיג, עפּיס גאַר א מין בייא־קול,

אונטען גרעבליך און אויבען אביסיל געפייפט. ער האט נעפריוועט זאָגען דערמיט די „י ע ל ו ת". דיא שמש'טע האט אויסגעהערט און שאָקלענדיג דעם קאָפּ, זיך מיט טרעהרען אין דיא אויגען אָנגערופען:

— געלויבט איז ברוך־הוא וברוך שמו! גאר א דערקוויקעניש חלעבין, נאך בעסער וויא פריהער.

דעם יום־כפור האט ל י י ז ע ר ־ י א נ ק י ל וויא ס'איז אָפּגעשפּיעלט אויפ'ן נייעם מין ביי־קולבין, אלץ הויך, אויף דער דינער סטרונע. בייא איהם איז אויסגעקומען דעם עולם'ס ווערטיל פארקעהרט: „אז מען קען נישט ארונטער מוז מען אריבער". אבי גאָט האט געהאָלפען, ער איז דעם יום־כפור איבערגעקומען בשלום און האט זיך שוין געקענט בענגעהען אָהן דעם קול ביז איבער א יאָהר ימים נוראים, אם־ירצה השם, האט איהם שוין נישט אזוי אויסגעמאכט דאס, וואס ער איז הייזעריגליך. ביז איבער א יאָהר איז נאך גאָט א טאטע. נאָר קוים איז איהם ארדים פונ'ם זינגען דאס קול, האט זיך איהם אָפּגערופען שטארק אין דער זייט דאס שטעכעניש, אזוי אז ער האט שוין נישט געקענט זיך נישט וויסענדיג מאכען און זיך געמוזט צור הערען. פריהער האט ער זיך געטרייסט אלץ מיט דער האָפנונג, עט, נישקשה! עס וועט פארגעהען, ער בעדארף זיך נאָר א פּאָר טעג איבערליגען. דיא שמש'טע האט אויך געזאָגט: עט, ס'איז גארנישט! ס'איז היינט עפּיס אזא אונטערגאַנג. און דערנאָך ערשט, אז ער האט שוין נישט געקענט האפּען דעם אָטהעם און גע־פּאָכט מיט דער נשמה — איז געוואָרען א טאראראם, א געפּילדער. מען האט אראָפּגעבראכט דעם רופא מיט דעם גאנצען קליפּער־געציוג, וואס האט איהם גע־שטעלט באנקעס, געלאָזט צו דער אָדער און איהם אָפּגעצאָפּט א היבש ביסעל בלוט. עס האט איהם אָבער נישט געהאָלפען דער רופא אויך און מען האט איהם כמעט א טויטען אָפּגעפיהרט אויף א וועגעלע אין דעם בקור־חולים, וואו ער איז עטליכע וואָכען אָפּגעלעגען שטארק קראַנק.

דערווייל איז זיך אזוי אוועקגעגאנגען דער סוכות. אונזער ה ע ר ש ע ל ע האט געהאט געביך א פארשטערטען יום־טוב. פונקט אין שמחת תורה איז דעם טאַטען געוואָרען אזוי שלעכט, אז מען האט געמיינט, אָט געהט איהם אויס דיא נשמה, און דער דאָזיגער טאָג, דער בעסטער, דער פרעהליכסטער פאר יודישע קינדער, איז בייא ה ע ר ש ע ל ע ן געווען תשעה־באב. דעם גאנצען טאָג האט ער פאר גרויסע צרות אין מויל נישט געהאט חוץ א שטיקעל לעקאך, וואס ער האט בע־קומען ביים אויפרופען איהם צו דער תורה אין שוהל „עם כל־הנערים". נאָר פּשטעהנס־געזאָגט, וואס דאס איז געווען פאר א שטיקעל לעקאך! גאר נים

דאס, וואס א מאָל. אין אנדערס מאָל האט דאס איינענע שטיקעל לעקאָך געשיינט געלויכטען יום־טוב׳דיג, געהאט דעם זיבעטען חן, עפּיס גאר איין אנדער טעם, אויף איהם איז וויא געשטאַנען אָנגעשריבען „שמחת־תורה!“ עפּיס האט עס גערעדט ווערטער, געשמעקט מחיה, דערפרעהט דאס הארץ, געשפּייזט און דערקוויקט די נשמה — און דאס מאָל איז עס געווען א וואָכעדיגע זאך — גלאט אזוי א מין געבעקס, קאָרן־מעהל מיט האָניג, וואס מען קויפט עס אין מארק פאר א גראָשען און מאַכט דארויף א ברכה „בורא מיני מזונות“... בייא יודען האט איבערהויפּט דאס עסען שבת און יום־טוב עפּיס גאר איין אנדער טעם. ס׳איז דאָ אין דעם עסען, זאָגען אונזערע אַלטע היילינע חכמים, א מין געווירץ אזוינס, וואס „שבת“ הייסט עס ביים נאמען אזא געווירץ, וואס וואקסט ערגיץ נישט דאָ אויף דער וועלט, וואס פאר קיין גין־גאָלד איז עס נישט צו בעקומען אין דעם האנדעל און קיינעם פון די אלע פעלקער איז עס נישט בעקאנט — די היילינע מלאכים בריינגען עס פון׳ם גן־עדן פרייטיג איטליכען יודען אין שטוב אריין, וואו זייא שטעלען זיך, וויא אונזער עולם זאָגט, קאָכען דעם טשאָלענט. פרייא פאר דער גאנצער וועלט קען מען גאנץ זיכער זאָגען — אנדערע מעגען זיך דארויס לאַכען — אז דער וואס האט אינ׳ם גוטען יודעשקייט נישט פארזוכט קיין טשאָלענט, האט אין זיין לעבען קיין גוטס נישט גענעסען און ווייסט נישט וואס געקעכטס הייסט אזוינס...

אז דעם טאַטען האט עס אָנגעהויבען צו געהען בעסער איז הערשעלען ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. די ערשטע צייט איז ער געווען פול פרייד, אזוי אז ער האט פון קיין אנדער זאך נישט געטראַכט, זיך פארגעסען גאר אין זיך אליין. דערפאר אָבער שפּעטער אביסיל איז איהם דאס טראַכטען צוגעטרעטען מיט א מאל. עס האט זיך אויף איהם אָנגערוקט א שטארקע מרה־שחורה און ער האט בייא זיך אלץ געטראַכט אזוי: אָט באלד, באלד וועט מען בעדארפען פאָהרען א היים, נאָר וויא ווארפט מען אוועק דאָ משה׳לען און ר׳ אברהם׳ן, מיט וועלכע ער איז שוין אזוי געוועהנט און עס ציהט איהם צו זייא אזוי דאס הארץ? הגם דאס פאָהרען א היים איז א גוטע זאך. עס ציהט איהם אהין טאַקי — זעהען די מאַמע, שוועסטער און ברידער, אויך אלע אנדערע בעקאַנטע; נאָר צוריק געשמיעסט, וואס קען פון איהם דער תכלית זיין דאָרט אין דער היים? עס האט איהם זיך פאָרגעשטעלט דאס גרויסע עלענט אין דער היים, וויא דאס גאנצע הויז געזינד קומט אָפּ נעביך, ליידט הונגער, קעלט און וויא ער אליין פלעגט אויסגעהען פיעל מאָל פאר א שטיקעל ברויט. דערמאָהנענדיג זיך נאָר אין דעם איז איהם א גרויל איבער׳ן לייב איבערגעגאנגען. בלייבען־זשע ווידער דאָ — דאס האט זיך איהם

איך אין קאָפּ עפּיס נישט געליינט. וואס הייסט בלייבען! ביים ווערען בלייבען
גלאט וויא נעהמט עס א יונגעל איינער אליין אָהן עלטערען און בלייבט! און ווען
אפילו אזוי, בלייבען — נוא, וואס . . . וואס?. . . אָט אזעלכע געדאנקען האבען זיך
געדרעהט ביים הערשעלען אין קאָפּ און ער איז געווען שטארק בעטריבט,
אוים מענש. ר׳ אברהם האט בעמערקט, אז ער איז עפּיס פּונ׳ם פּנים אראָפּ
און פאַר גרויס רחמנות זיך גענומען אויספרעגען, וואס מיט איהם איז אזוינס,
פאַרט וואס איז אזוינס דיא מַעֲשֶׂה? הערשעלע האט זיך צרוויינט און איהם
ארויסגעזאָגט זיין גאַנץ ביטער הארץ. ר׳ אברהם האט איהם א גלעט גע־
געבען ביים קעפּעלע און זיך אָנגערופען:

— נוא, גוט, גוט! איך וועל מיך שוין בעטראַכטען. עס האט נאך צייט.
לעת־עתה זייא נאָר נישט קיין נארעלע און וויין נישט שקאָץ!

## יט.

דער טאטע איז אין עטליכע טעג ארום ארויס פונ׳ם בקור־חולים. עס האט
געריסען דאס הארץ קוקענדיג אויף איהם, אזוי בלייך, טויט איז זיין פּנים געווען.
ער איז געביך א שווערע קריינק אויסגעשטאנען, כמעט נישט געווען צו דערקענען
איהם, אזוי איז ער פונ׳ם לייב אראָפּ. נאָר הויט און ביין. קיינמאל אין זיין לעבען
האט הערשעלע אזוי נישט ליעב געהאט דעם טאטען וויא דענסטמאָל, און
קיינמאל אין זיין לעבען ווידער האט אויך דער טאטע אזוי גוט, ליעבהארציג נישט
געקוקט, אזוי זיס־שטיל אויף א ווייבער־שוואכער שטימע נישט גערעדט וויא אין
יענער צייט. עפּיס איז ער אליין געוואָרען א קינד און האט מיט זיין בליק, מיט
זיין שטיל־שוואך לשון ארויסגענומען א שטיק געזונט. עפּיס איז דרינען געלעגען א
קלאָגען־זיך שטיל אָהן ווערטער אויף דיא וועהטיגען זיינע אין דעם וויסטען לעבען
און א געבעט: געוואלד, גענוג! נישטאָ שוין מעהר קיין כח אויסצוהאלטען . . .
מען האט בעשיינפּערליך ארויסגעזעהען, אז ווען הערשעלע זאָל זיך נישט
געווען שעהמען, וואָלט ער דענסטמאָל אלע גלידער דעם טאטען אויסגעקושט.
ער האט זיך אָבער געשעהמט, ווייל קושען זיך איז ביים יודען נישט קיין איינ־
פיהר. וויא נעהמט מען עס עפּיס גלאט אזוי און מען קושט! בפרט א קינד א
טאטען! . . .

ר׳ אברהם האט אוועקגענומען דעם טאטען אין א ווינקעל און מיט
איהם דאָרט א היבשע צייט געשמועסט, באלד דארויף האט מען צוגערופען אַהין

אויך הערשעלען און דער טאטע האט זיך געווענדעט צו איהם מיט דיא ווערטער:

— מיר שמיעסין דאָ מיט ר׳ אברהם׳ן, אז אויב דוא ווילסט, הערשעלע, מעגסט־דוא דיר דאָ בלייבען.

הערשעלע האט זיך צו־וויינט, געקוקט אויפ׳ן טאטען מיט גרויס ליעב־שאפט און איז נישט אין שטאנד געווען ארויסצוברייננגען א וואָרט, אזוי האט איהם פארקלעהמט ביים הארצען. און אז דער טאטע איז מיט א געבעט צו־געשטאַנען צו איהם, ער זאָל ריידען ריינע ווערטער, האט ער געענטפערט גאַנץ קורץ:

— ניין! אָהן דיר, טאטע, קען איך נישט זיין...

— אָך, הערשעלע! מאכט דער טאטע מיט א זיפץ טיעף פונ׳ם הארצען, נישט אייביג, נארעלע, איז א קינד לעבין א טאטען. וואס קען מען טהאָן? איך פיהל, אוי, אז דיא כחות געהען מיר ביסליכוויים אוים. גענוג קריעה געריסען אין מיין לעבען. וויין נישט, הערשעלע, וואס קען מען טהאָן? פריהער אָדער שפעטער מען מוז זיך שיידען...

— טאטע, טאטע! וויינט הערשעלע מיט א געבעט. א היים טאטע, א היים!

— א היים! האָניג וועסט־דוא דאָרט לעקען, אין דער היים... זיפצט דער טאטע און ווענדט זיך צו ר׳ אברהם׳ן, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ: זאָגט איהם חאָטש, ר׳ אברהם.

— זייא נישט קיין עקשן, פע! הויבט אָן מיט גוטען ר׳ אברהם. אָהן דיר איז אויך דאָ גענוג אין דער היים. דער טאטע — דוא זעהסט נישט? — האט מעהר קיין כח נים צו הארעווען. פונ׳ם ביסיל געלד, וועלכס ער האט דאָ פארדינט איז ווייניג געבליבען. א קריינק קאָסט. עס געהט א לאנגער ווינטער נאך מיט איין עבור. א רחמנות געביך אויף דיא איבריגע קינדער. דוא אליין וועסט דארבען און זייא נאך שאדטען. דעם לעטצטען ביסען, מישטעהנס געזאָגט, זייא פונ׳ם מויל אויסרייסען.

פון ר׳ אברהם׳ס דאָזיגע ווערטער איז הערשעלען דאס הארץ מיט בלוט פארלאָפען און ער האט געגאָסען מיט הייסע טרעהרען.

— דאנק ר׳ אברהם׳ן, זאָגט דער טאטע, דאנק זייא פאר זייער גוטס־קיים, צו זאָרגען זיך דאָ פאר דיר און צו האבען אויף דיר השגחה. געה מיין קינד

אין רעכמען וועג און פאָלג ר׳ אברהם׳ן וויא א טאַטען. זייא מיינען — ווא הערסט? — דיין תכלית. גאָט זאָל זייא נאָר דערלייגגערן דיא יאָהרען.

— א־נוא, שקאָץ! מאַכט ר׳ אברהם, א קלאַפּ געבענדיג פאַמעליכען הערשעלען אויף דעם אַקסעל, מיט א זיס שמייכעלע. אזוי, אזוי! וויש דיר אויס דיא אויגען און גנעה דיר, גנעה אצינד צו דיין חבר דאָרט, דעם שקאָץ...

פריה האט אין יענעם יאָהר זיך געשטעלט דער ווינטער. פלוצלים, איידער דער עולם האט זיך ארומגעקוקט האט פון צפון זייט א בלאָז געטהאָן א קאַלטער ווינט און זיך אָנגערוקט א בייזע, פינסטערע חמאַרע — דעם ווינטערס צווייא קאָזאקעם — לויפענדיג פאָראויס מיט א שטורם, א פייפען: „ציטערט לעבעדיגע בעשעפעניש! אָט קומט ער, דער קאַלטער פעטער און וועט אייך אָנרייבען א רויטע נאָז“... דיא פעלדער ליגען שוין בעגראָבען אין דעם ווייסען קיטעל פון שנייא. דיא בוימער דאָרט שטעהען אָפּגעשמיסענע, נאַקעטע, אראָפּגעלאָזען דיא קעפּ און דיא צווייגען געפּענטעט מיט קייטען פון פליטערליך, פרענטעס אייז. פון פייגעל און וואלד־חיה׳ליך איז נישטאָ קיין שפּור, אלע וויא אויסגעשטאָרבען, דיא ליגען באהאלטען טיעף אין דיא לעכער, יענע האבען בעצייטענס געמאכט א פליטה — אוועק וואָהין דיא אויגען טראָגען, און אומעטום איז שא, שטיל. נאָר וואָראָנעס דרעהען זיך ערטערווייס ארום אין דער לופט, עפּיס האבען זייא געשעפּטען: חתונות אָדער גלאָט אזוי אסיפות וועגען קהל׳שע זאכען — און וויסט זייא דער גוטער יאָהר וואס זייא קראַקען דאָרט, קרעכצען, רייסען זיך אויף דיא העלזער... וויט ארום און ארום הערשט שוין אין דער וועלט דער ווינטער, נאָר דיא יודישע שטאָדט, נכופּסק, זיא אליין וויל זיך איהם נאך נישט אונטערגעבען. ער פיהרט מיט איהר א שטאַרקע מלחמה. ער שיקט אָן אויף איהר א פרעסטיל, און דיא קאַליזשעס איהרע אין דיא נאסען נעהמט נישט קיין קויל, בלייבען טאקי דאס, וואס פריהער; ער רעגענט אויף איהר מיט גרייפּליך־שנייא, און אומזיסט זיין מיה, בלאָטע!... דיא גלופּסקער יודעליך ניבען זיך א שאָט וויא דיא מורעש־קעס, טרעטען עס מיט דיא פיס און מאַכען דאַרויס א קאַשע, א שיטערע, א גרויא־שווארצליכע בלאָטע; ער שטעלט זיין ווייס שנייען פענדיל אויף דעכליך, צום בעוויז, אז ער איז פון אויבען — קומען הונגעריגע קיה, גאַנצע מחנות ציגען און שליידערען עס אראָפּ ביים ארויסשלעפּען הויפענווייס שטרויא אויף־צופרעסען, אָדער יודען, יודענעס קומען מיט טעפּ, מיט צעברעס, שטופּען עס אָן פול מיט דעם דאָזיגען שנייא, צו מאַכען דערפון וואסער אויף קאָכען. אויך איז דאָ אקעגען דעם נאָך א מיטעל — שרפות. בייא יודישע קינדער נעהמט זיך דענסטמאָל גראָד

אָן דיא קוימענס און גלופסק נעטצט... גלופסק שטעלט געוועהנטליך דעם ווינטער ארויס אפייערדיגען צונג — ער, דער ווינטער, קנאקט, בלאזט, שטורמט, און יודעליך זיינען איהם מבטל! געהען זיך נאקעט, בארפים, גלייך וויא נישט זייא מיינט מען, אָדער וויא זייא טהוען איהם אויף צו להכעים.

און בשעת דער דאזיגער מלחמה פונ׳ם ווינטער אין גלופסק שטעהט דארט לעבין דער קאַבצאַנסקער אכסניא א יאַזדע מיט דריי דאַרע מירי־דענדיגע, קרומרוקענדיגע, קאלטונעוואטע, לאנג־האלזדיגע און קורץ־ווידעלדיגע פערד, מחילה, וואס האבען עס בעדארפט פאר זייערע זינד זיך מטריח זיין שלעפען קיין קאַבצאַנסק איהר׳ע אַ פאָר מנינים יידען און צווישען זייא אויך אונזער לייזער־יאַנקלין. דער מעקלער באָברעט זיך עפּיס ארום דעם וואגען, שארט צונויף מיט דער בייטש דיא שירים — עטליכע בלעטליך הייא און פאר־קרימענדיג זיך מיט איין אייגעל אויף איינעם פון דיא פערד, דערלאנגט ער איהם א טראַך אין דער מאָרדע, גלאט אזוי זיך, שילטענדיג דערביא: אַ־אַ פגר׳ן זאלסט־דוא, פגירה איינע! וויא ער קען עס אביסיל נישט איינשטעהען אויף דיא פיס... פליהען גלוסט זיך איהם, דעם אָדלער, דעם שיינעם. אַ, פליהען זאלסט־דוא צו אלדע שווארצע יאהר! לייזער־יאנקיל איז אנגעטהאן אין זיינע וועג־קליידער און אויפ׳ן קאפּ אָנגערוקט דאס מיטצעל, גיך אין איילעניש צוגעקומען צום וואָגען. הערשעלע מיט אפעקיל נאך איהם, און איבערגעבענדיג עס דעם מעקלער צו דיא הענד מיט א געבעט, ער זאל מאכען אגוט געזיים, זיינען זייא ביידע אריינגעגאנגען דערוויל אין דער אכסניא.

רייזע, וויא דער שטייגער איהרער מיט א פארשטעקט פארטוך און מיט אַ פּאָלאָניק אין דער האַנד, איז שטאַרק בעשעפטיגט געווען מיט דעם בעל־העגלה און דיא פארשוינען ארום איהר, מיט וועלכע זיא האט זיך אפגערעכענט, מאכענ־דיג דערביי אויף א בייזער צו דעם, צו יענעם אליץ: העאן אביסיל! וואָס זאגסט דוא, איך בעט דיך צו זיין מאטען? אַז זיא האט זיך שוין מיט איטליכען אָפּגע־פארטיגט און דערזעהן אין דער זייט אונזערע ביידע פארשוינען, דעם מאטען מיט דעם זוהן, האט זיא זיך אויף זייא אפגעלאזט מיט איהר שרייענדיג לשון, אפאהר געבענדיג מיט דער נאז איבער דעם גאנצען ארבעל.

— אט האסט־דוא איהם ווייטער, דעם שיינעם בחור׳ל! וואס? געקומען פאהרען? נאקעט, בארפים העט אביסיל! אין אזא קעלט זאל מען אזוי פאהרען! וואס זאגסט־דוא, איך בעט דיך, צו זיין יעצט דא, א שיינער מאטע, חלעבין!

אליין, העט אביסיל, איז ער אין א מיטציל, ארומגעבונדען נישקשה, און דאס קינד זומערדיג! וואס זאגסט־דוא פארט, איך בעט דיך, צו זיין מאמען?

— מיין זוהן פאהרט נישט, ענטפערט דער מאמע.

— גאר נייעס! אליין פאהרט מען און מען לאזט איבער א קינד הפקר, העט אביסיל! נאקעט מיט א הויל הארץ אין דרויסען. וואס זאגסט־דוא צו זיין מאמען? מען בעדארף האבען מאקי א הארץ פון א מאמער! אזוי לאזט ריזע אויס דעם שמיעס, בעטראכטענדיג הערשעלען פון אויבען ביז אראפ, און נעהמט זיך אוועק.

דער בעל־העגלה הויבט אן אונטערטרייבען דעם עולם — היידא, פאהרען! דיא פארשוינען שטופען זיך אין איילעניש ארויס אויף דער גאס, צו פארחאפען נע־שווינד ערטער אין דעם וואגען. איטליכער ווארפט זיך אהין אריין אויף קידוש־השם מיט הענד און מיט פיס. ס'איז א שטופעניש, א קוועטשעניש, איין איינג־שאפט, א דערשטיקעניש. ליזער־יא קיל געביך זומצט, וויא ס'איז אויף א שפיטץ קלימעקיל, אין איינע צרות און נעהמט אן פאר ליעב איטליכען שטופ, וואס ער בעקומט אין דיא זייטען. ער געזעגענט זיך מיט הערשעלען זעהר טרויעריג אויף א וויינענדיג־ציטערדיג קול. הערשעלע קוקט דאס לעטצטע מאל גוט אריין אין דעם מאמענס בלייך פנים און בעוואשט זיך מיט בלוטיגע טרעהרען, נישט אין שטאנד צו זיין ארויסברייננגען עפיס א ווארט און נישט צו זעהען וויא דער וואגען האט זיך גערירהרט פונ'ם ארט.

— הא, וואס איז דא צרוויינען! מאכט ריזע, ארויסלויפענדיג צו הערשעלען אויף דער גאס, נאכדעם אז דיא יאזדע איז אוועקגעפאהרען. אז א מאמע פאהרט אוועק, העט אביסיל, נוא איז וואס! חלילה נישט גע־שטארבען. נא, בעסער — נעהמט זיא און שטופט איהם אריין אין דער האנד איין אלט לייבעל — נעהם און טראג געזונט. נישט געוויינט. קום, אפשר ווילסט־דוא עסען?

— ניין! ענטפערט הערשעלע שוין אביסיל געטרייסט פון ריזעס ווערטער.

— נא דיר ניין! רופט זיך ריזע אן. העט אביסיל, מען זאל זאגען ניין! פאר וואס איז עסען ניין? נוא, געה־זשע דיר געזונטערהייט, אז ניין. נאר מאמער עסט־דוא וועלען, געדיינק־זשע, זאלסט־דוא קומען!...

## כ.

לעתיד לבוא, העט־העט שפּעטער, אם ירצה־השם — אזוי שטעהט געשריבען אין אונזערע הייליגע ספרים — נאכדעם אז מען וועט אויפשטעהען תחית־המתים און נאָט וועט משפּט'ן דיא וועלט, דענסטמאָל וועלען אלע מענשען זיין אויסגע־שטעלט אויף א גרויסען פּלאַטץ, איינגעטהיילט אין צוויא טהייל: אויף איין זייט דיא רשעים, אויף דער אנדערער זייט דיא צדיקים און צווישען זייא אין דער מיט דער יצר־הרע. יענע, דיא רשעים, וועט דער יצר־הרע זיך אויסדאכטען גאנץ דין וויא א האָר. דיא אנדערע אָקענען — גרויס וויא א בארג, און אלע מענשען פוןביידע זייטען וועלען, קוקענדיג אויף איהם, שרעקליך וויינען, דיא רשעים יאָמערען, שרייען: געוואלד, אזא דינע האָר אויפ'ן גלייכען וועג איז אונז שווער געווען איבערצוגעהען און מיר זיינען פּארקראָכען מיט קרומע גיינג צו אלדע שווארצע יאָהר! אקעגען־זשע דיא צדיקים קלאָגען, גיסען טרעהרען: רבוני של עולם, מיר פארשטעהען נישט וויא עס האט זיך צו אונז גענומען איין אייזערנער כח אזא שרעקליכען, הויכען בארג איבערצוגעהען, אזוי פיעל פּיין און יסורים אין אונזער לעבען אויסצושטעהען!...

דיא דאָזיגע וואונדערליך אויסגעמאָהלטע קארטינקע, קען דיענען זעהר גוט פאר א הקדמה צו דער ערצעהלונג, וויפיעל יסורים, וועהטיגען הערשעלע איז אין זיין לעבין נעביך אויסגעשטאַנען. דערמאָהנענדיג זיך אצינד אין דיא בעסערע יאָהרען, וויפיעל בערג צרות, אלע מיני פּורעניות און לייד ער האט בעדארפט איבערגעהען ביז ער איז לסוף ארויס אויף א וועג, וויינט אין איהם דאס הארץ און ער וואונדערט זיך וויא אזא שנעק, א ווערמיל, א גאָרנישט מיט א נישט, זאָל געווען קענען אזוינס איבערטראָגען, נישט ווערען צוטרעטען אין דער וועלט אונטער דיא פיס! ער וויינט אויף זיך וויא אויף אויף פיל אזעלכע זיין גלייכען בייא אונז יודען, וואס זייא איז בעשעהרט פון קינדוויס אָן צו ראנגלען זיך מיט אלערלייא אָנשיקעניששען, אויסצוקריכען אלע לעבער, צודראַפּען זיך אויף דיא גלייבע ווענט און צו פיהלען דעם ביטערען טעם פונ'ם טויט, בכדי צו דערגרייכען יענע שטופע, נעלכע זייא שוועבט פון דערווייטענס פאר דיא אויגען.

אומגליקליכע יודישע קינדער! אומגליקליכע אפילו שוין כלומר'שט אין דעם גליק. נעהמט יענע א שטיינער, וואס שטעהען שוין אויף א שטופע, האבען א פּנים און לעבען. נאָר איז דאס שטעהען זייערס אייזען־פעסט, וואס שטעהען הייסט, מיט

ביידע פיס, אז עס זאָל נישט מעגליך זיין פון א מינדסטען בלאָז אומצופאַלען? איז דאס פנים זייערס אין דער וועלט לייטעש פיין, א מענשליכס? איז דאס לעבען זייערס דאָרט אין גאַנצען א גליקליכס וויא עס געהער צו זיין? — איז דען כדאי פאַר אזא גליק, מישטעהנס־געזאָגט, אָנצוליידען זיך אזוי פיעל אומגליק; פאַר אזא פנים כלומר׳שט אזוי קריכען אויס דער הויט, און פאַר אזא לעבען, אויף שונאים געזאָגט געוואָרען, אזוי אויסגעהען, צעהן מאָל אין טאָג שטאַרבען פאַר הונגער?...

יא, צו יענער קאַרטינקע פעהלט נאָך א סך. דיא רשעים טאָקי זיינען דאָ, דיא צדיקים דאָ, דער בארג צרות אויך דאָ, נאָר דער תחית־המתים אָבער איז געמלאכה׳ט, און זעהר פיעל ליגען נאָך גאר טויט, ניין איילען טיעף בעגראָבען אין דער ערד, גאָט און זיין משפט איז נאָך אויך נישטאָ.

ר׳ אברהם האט אין זינען געהאט הערשעלען, געטהאָן פאַר איהם וואס נאָר מעגליך. ער האט איהם בעשטעלט שבת ביייא איינעם פון זיינע בעד־קאַנטע בעלי־הבתים און אין מיטען דער וואָך פלעגט איהם אויף ר׳ אברהם׳ס בקשה נעהמען אויף א וואַרמעס אָדער אויף א וועטשערע, א מאָל דער, א מאָל יענער פון דיא, וואס דאווענען אין קלייזיל. אָט אויף אזא שטייגער האט הערשעלע נעביך וויא־ס׳איז איבערגעלעבט א טאָג, האַלב געגעסען, האַלב גע־פאַסט, געמאַכט מיט דיא ליפּען, און איהם איז דענסטמאָל שוין אויסגעקומען גוט צו פיהלען דעם טעם, פון וואַנען נעהמט זיך עס, אז „ויאכלו״ — אזא פּשוט, בעקאַנט וואָרט דאַכט זיך וויא „ויאכלו״ — זאָל ביייא אונז יודען נאָר דער טייטש זיין „און זייא האבען געטהאָן טהון גלייך וויא געגעסען״. יא, פיעל אָרמענקע אַזעלכע ביייא אונז קומט אויס דעם דאָזיגען טעם נעביך צו פיהלען. אז דאס הארץ חלש׳ט, מען וואָלט שוין געוואָלט דערלעבען עפּיס אין מויל אריין צו נעהמען הויבט זיך געוועהנטליך אָן אָט דער לאַנגער מזמור: וואשט זיך ... וואַרט אביסיל, מיט דער קוואָרט טאָהר מען נישט... לאָז מען געבען איין אנדערע... נוא, דאָרט, זייט מוחל, דאָרט זוכט דעם האַנדטוך. זאָגט שאו ידיכם. זעצט זיך. מאַכט המוציא. באלד, באלד, וואַרט אביסיל, אָט וועט מען געבען זאַלץ. שטעקט אריין דעם לעפּעל, חאַפּט א שטיקעל פלייש. מים אחרונים. מכבד מיט מזומן. בענטשט! — „רבותי מיר וועלען בענשען!״ דאס הייסט אויף דעם מאַנענס לשון: „רבותי מיר ווילען עסען!״ דאס איז נאָך נאָלד, עפּטערס פלעגט זיך מאַכען, אז „ויאכלו״ האט ביייא הערשעלען גאר קיין טייטש נישט געהאט, פּשוט טאָקי גאָרנישט — און נישט איינמאָל, ליינענדיג זיך אזוי נעביך שלאָפען, האבען זיך איהם ביייא נאַכט מהלומט בעטלער. נענוג איז איהם אָפּגעפאַלען דאס פלייש פאַר צרות פונ׳ם

עסען, האט איהם נאך וועה געטהאָן אויף דיא נשמה — ער האט דיא ערשטע צייט שטאַרק געבייגקט א היים. אין דער היים האט ער דאָך, אמת טאקי, אויך נישט געלעקט קיין האָניג, נאָר פאָרט נאך א גרויסער חילוק. דאָרט איז איהם געווען עפּיס ווארם, גריינגער אויף דער נשמה, וויא א פייגעלע אין נעסט, אונטער דער מאַמעס פליגעליך. דאָרט איז ער געווען איין איינענער, אלסדינג ארום איהם, אין דער היים, אין שטאָדט, זיינען איהם געווען אייגענע, זיינע, זייא האבען זיך פאַרשטאַנען: אפילו דיא בהמות דאָרט, דיא הייזער, דיא לופט, וואס ער האט געאָטהעמט, דיא ערטער, וואו ער האט געשפּאַצירט, זיך געשפּיעלט מיט זיינע חברים האבען עפּיס גערעדט צום הארצען און זיך מיט איהם אָנגעגעהרט — און דאָ איז ער עלענד, פרעמד, עס קלעפּט זיך עפּיס נישט, אלסדינג גאר נישט דאס, עפּיס גאר אנדערש. דיא זון, דיא לבנה און דיא שטערען קוקען דאָ עפּיס נישט אזוי, וויא א מאל בייא זיך אין שטעדטיל, נישט אזוי פריינדליך, גוט וויא פריהער און ער האט א פּנים, וויא ביים בעגעגענען זיך מיט דעם ווייב'ס משפּחה נאכ'ן גט, שוין נישט מעהר קיין אייגענע, נאָר גלאט אלטע בעקאַנטע, געוועזענע קרובים. אזא געפיהל וויא בייגקען, וואס צופּט, נאָגט טיעף אין הארצען, לאָזט זיך נישט איבערגעבען מיט ווערטער, דאס פאַרשטעהט נאָר דער, וואס איז געפּריווט גע־וואָרען צו פאַרזוכען אמאל אין לעבען דעם טעם פון עלענד, צרזיין פּכוצלים אָפּ־געריסען פון זיינע ליעבע און בלייבען אליין פאר זיך, א קאַטאָוועס עפּיס ! איין קליין פּינטעלע, א ברויזען, אין אזא גרויסער, גרויסער וועלט...

עס ציהט זיך גאָטס גרויסע וועלט אין דער לייגג, אין דער ברייט אָהן א סוף אָהן איין עק. אין דער מיט וועלט, אויף דער קיילעכדיגער ערד, איז דאָ א קליין פלעקעלע, וויא א פליג האט איבערגעלאָזט — דאס איז ג ל ו פּ ס ק. אין דעם דאָזיגען פלעקעלע איז דאָ א פּינטעלע — א קלייזיל. אין דעם פּינטעלע איז דאָ נאך א ברעקיל פּינטעלע — א באַנק. און אין דעם ברעקיל פּינטעלע ליגט נאך א פּיטצינקעלע פּינטעלע — א מין בעשעפעניש אזוינס, וואס הייסט ה ע ר ש ע ל ע. דאס פּיטצינקעלע בעשעפעניש ליגט וויא א שפּין פּונקט אין דער מיט פּונ'ם גרויסען ראָד פּאָוויטינע. פון איהם ציהען זיך ארום און ארום אין אלע זייטען לאנגע דינע פעדימליך, פול און פול אָנגעזעטצט, הארט איינס ביים אנדערען, מיט עפּיס לופטינע מיני פּינטעליך, אזעלכע, גאר ניט פאר דעם אויג, וואס הייסען בייא דיא פילוסופין „אטהאָמען״, און געהען העט־העט ווייט צו דיא שטערען אין הימעל, צו אלסדינג אין דער וועלט ארום, און, עס פאַרשטעהט זיך, קיין ק אָ ב צ אָ נ ס ק אויך. אויף דיא דאָזיגע לופטיגע פעדעמליך קלעטערט ה ע ר ש ע ל ע ס נשמה,

קאַראַבקעט זיך מיט אלע זיינע געדאַנקען אַ הין אַ הין — אַ היים. זיא קאַראַבקעט זיך וויא דיא עלעקטריציטייט אין דעם טעלעגראַפישען דראָט, אַנריהרענדיג מיט איהרע ברענענדיגע געפיהלען איין טהייל'כיל פונ'ם לאַנגען, לופטיגען פעדימיל, דאס טהייל'כיל גיט פון זיך איבער דעם ברען דעם ווייטערדיגען טהייל'כיל און אזוי פליהט עס שרעקליך געשווינד ווייטער ווייטער, ביז עס טרעפט וויא אַ בלי'טץ אין דיא הערצער פון זיינע עלטערען. זייא דערפיהלען באַלד הערשעלעס הארץ און טהוען אַ סקוקערץ. הערשעלע, זאָגען זייא, דערמאָהנט אונז. עס שטעלט זיך זייא פיר זיין לאַגע, איינער אליין נעביך אין דער פרעמד — און נעהען אויס פאר רחמנות. נאך וואס קענען אזעלכע נעפאַלענע נעביך טהאָן, אז זייא אליין אין שלעכט און קומען שרעקליך אָפּ? דיא מאַמע ארבייט, נעהמט זיך דיא אויגען ארויס ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט דעם פעדערען פליקען, און פון דער גאַנצער ארבייט איז, מישטעהנס־געזאָגט, קיין וואסער אויף קאַשע אפילו נישטאָ. דער טאַטע נעביך האט, זינט אַ היים קומענדיג, נישט אויפגעהערט צו קריינקען. ער צאַנקט, נעהט אויס וויא אַ ליכט, ער קען נישט צוזעהען דאס גרויסע עלענד אין שטוב, דעם צער פון דיא הונגעריגע, דערשלאָגענע קינדער. דאס ביטערע אָרעמקייט איז איהם שוין שווער איבערצוטראָגען, גענוג שוין זיך אָנגעליטען, נישטאָ שוין מעהר קיין כח — אָט־אָט טריקענט שוין אויס דער לעצטער טראָפּען זאַפט פון זיין וויסט, געבראָכען לעבען. דיא עלטערען זיפצען, אָכצען, קרעכצען, פי׳שטעלענדיג זיך דאס עלענדע, פאַרוואָגעלטע קינד, צו וועלכען עס ציהט זייא אזוי דאס הארץ — און זייער ביטער נעמיטה טעלעגראַפירט זיך, דורך דיא איינענע לופטיגע פעדימליך טאָקי, אין הערשעלעס הארצען צוריק. עס סוד'עט זיך אַ הארץ מיט אַ הארץ — שושקעט זיך אַ נשמה מיט אַ נשמה, גיסען זיך איינער פאר דער אנדערער אויס און שמיעסין זיך איבער שטיל אָהן ווערטער... עס דאַכט זיך הערשעלען, דער טאַטע ליגט נעביך שלאָף, פאַרשמאַכט, קוקט עפּיס מיט אַ געבעט וויא ביים צושיידען זיך. עס שוועבט איהם פאַר דיא אויגען דעם טאַטענס בלייך פנים, יענע גוטע, זיסע מינע זיינע בשעת געזעגענען זיך מיט איהם — און הערשעלע איז צוקאָכט, ער וויינט שטי'לערהייט בייא נאַכט אויף זיין הארט געלעגער, איבערטראַכטענדיג אַ שרעק... אָט דאס איז עס, וואס געוועהנטליך הייסט דאס ביים עולם: „דאס הארץ זאָגט.“

יאָ, דאס הארץ האט הערשעלען געזאָגט און אַ היבשע צייט איהם נישט אויפגעהערט צו זאָגען, ביז ער האט איינמאל פון דער היים בעקומען דיא וויסטע בשורה: „הערשעלע זאָג קדיש נאָכ'ן טאַטען; דוא ביסט אַ יתום!“

# כא.

דאס ביינסען א היים, דאס הארצוועהטיג פונ'ם פאטער'ס טויט, דיא גרויסע יסורים דערפון, וויא אזוי דיא מוטער מיט דיא קינדער קומען עס געביך אפ אין דער היים און דאס איינענע פעקיל צרות: נויט, עלענד, פארוואגלונג דא אין דער פרעמד — דאס אלסדינג אין איינעם האט מיט דער צייט אויף הערשעלען געווירקט, ארייננצולאזען זיך, וויא א טשערעפאשקע, אינוועניג אין זיך, אלץ טראכטען און פארטיפט זיין אין זיינע געדאנקען. זיין לעבען איז געווען טראכטען. דארט טיעף אינוועניג אין זיך, איז פאר איהם געווען א וועלט, וואו דיא נשמה זיינע האט אויסגעשפרייט דיא פליגעליך און געפלויגען פרייא העט וויים־וויים. אונזער פראקטישע ווירקליכע וועלט איז פאר איהם געווען א שטייגעלע, וואו דיא נויט האט איהם געהאלטען געפאנגען, איהם נישט געלאזט אויפהייבען דעם קאפ, בעווייזענדיג איהם אויף איטליכען טריט זיין שלאפקייט, זיין קליינקייט; וואו ער האט פאר זיך געזעהען נאר צרות, צרות און צרות. ער האט אנגעהויבען צו בעשאפען ביא זיך אינוועניג אין הארצען א וואונדערליכע וועלט, א גן־עדן, וואו עס בליהט, עס שמעקט, עס פליסט מילך און האניג; וואו עס איז אפען דער הימעל, קעפליך פון מלאכים קוקען ארויס, ווינקען מיט נוטע, פריינדליכע פנימער און זינגען זיסע לידער פון האפנונג, טרייסט, ליעבשאפט, רחמנות. עס ווערט עפיס גרינג אויפ'ן הארצען און עס לעבט זיך אזוי גוט, אזוי געשמאק, מחיה! מאטעריאל אויף צו בויען דיא דאזיגע וואונדערליכע וועלט, האבען איהם געדינט אלטע מעשיות, וועלכע ער האט זיך אנגעהערט א מאל, נאך אין קאבצאנסק, אויך נייע פון אצ'נד. דיא גמרא מיט איהרע טרוקענע, ערנסטע זאכען, האט הערשעלען שוין נישט צופריעדען געשטעלט, נאך אנגעמאכט אויף איהם נאר עפיס א מרה־שחורה. ער האט זיא געלעהרענט נאר פון יוצא וועגען, ווייל לעהרנען האט ער געמוזט, ווייל אנדערש וואלט ער דאך מיאוס אראפגעפאלען ביא דיא קלויז בעלי־הבתים און מען וואלט איהם מעהר נישט געגעבען קיין ווארמעס; אויך ווייל משה'לע דער חבר זיינער, פלעגט איהם אונטערטרייבען, אלץ: לעהרנע, לעהרנען! ביים נעהמען זיך צו דער גמרא איז איהם געווען עפיס נישט גוט, פריקרע. ער האט בעדארפט זיך אנטהאן א כח, פריהער זיך צורוו גען, צורשאקלען, בכדי צו מאכען זיך א חשק און ס'איז איהם געווען צום הארצען וויא ביים ארייננקריכען אין א קאלט

ביטעל. געמאכטער חשק אָבער איז א פייערוווערק, עס טהוט א פליה מיט א פלאם און ווערט באלד טאקע פארלאָשען נאָך עטליכע מאָל אונטערטוקען זיך אין דעם „ים־התלמוד" האט הערשעלע שוין געשפירט א קעלט און זיך געאיילט ארויס, אָנצרוואַרמען דיא נשמה. איין אָרט אויף אָנצרוואַרמען זיך איז פאר איהם געווען הגדתות, מעשיות אין הייליגע מוסר־ספרים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך קוויקען, אוועקשטעלענדיג אויף א ווייכע אין דער זייט ראובן'ס אָקס און שמעון'ס קוה מיט דעם בטחון: נישקשה, דער גוטער יאָהר וועט זייא נישט נעהמען! . . .

הערשעלע האט געלייענט זעהר שיינע מעשיות מיט רבי מאיר בעל־הנס, מיט רבי יהושע בן־לוי, וויא אליה הנביא האט איהם איינ־מאָל מיטגענומען וואנדרעווען בקומפּאניע אויף דער וועלט, נאָר בתנאי, הערען, זעהען און שווייגען. מעשיות מיט רבי חנינא בן־דוסא — א ביטערער אביון, וויא עפּיס א האנד פונ'ם הימעל האט איהם געגעבען א גילדען פיסיל פון א גילדענעם טיש, אויך מיט רבי שמעון בן־חלפתא, וויא איינמאל, אז ער האט נישט געהאט אויף שבת, האט מען איהם פונ'ם הימעל דערלאנגט א טהייערען בריליאנט; וויא רבי שמעון בן־יוחאי האט איינמאל ארויסגעפיהרט זיינע תלמידים אין עפּיס א גרויסען טהאָל און געזאגט: טהאָל, טהאָל, פיל זיך אָן מיט רענדליך! און ער האט זיך אָנגעפיקט טאקי באלד; וויא רבי ישמעאל בן־אלישע האט אראָפּגעבראכט פונ'ם הימעל דעם „שר־התורה"—יופיאל המלאך, אין גאנצען פלאַם־פייער מיט א שיינענדיג פּנים וויא א בליטץ, און וויא אליה הנביא האט רבה בר רב חנינא — א גרויסען אביון, גע־געבען טהייערע שמעקענדיגע גן־עדן בלעטליך, וועלבע יענער האט פארקויפט עפּיס פאר צוועלף טויזענט גילדענע רענדליך! — משה'לע איז זעהר נישט צופרידען געווען פון הערשעלע'ס פארטיפען זיך אין אַזעלכע זאכען, אָפּרייסענדיג זיך דערוייל פונ'ם לערהנען. און זיטצענדיג ביידע אין קלייזיל בייא אָפענע ספרים אויף דיא שטענדערס, פלעגט צווישען דיא צווייא חברים עפּעטרס פירגעהען אזא שמיעס: „הערשעלע, געוואלד הערשעלע! טאמיר וואלט שוין גענוג געווען זיך צו פארטיפען אזוי." „הא, וואס, משה'לע?" „לערהנען, הערשעלע!" „איך קוק דאָך אריין אין א ספר, משה'לע!" „וואס טויג מיר אין א ספר, קוק בעסער אריין אין דער גמרא. נוא, הערשעלע, הייב אָן: „תנו רבנן, האבען דיא רבנן געלעהרענט" . . . „אי־אי א גליק! אזא גליק!" „וואס הייסט?!" מאכט משה'לע, אויסשטעלענדיג אויף

הערשעלען א פּאָר אויגען." „גוא זאָג שוין, געוואַלד, וואס טהוט מען דאָ מיט דעם תוספות? — האַרבליך!" „אך גוט, זעהר גוט!" „זאָג־זשע, אויב ס'איז גוט!" מאַכט משה'לע לעבעדיג, גאַנץ זיכער בייא זיך, אז דער תוספות קומט בייא הערשעלען אוים גוט. „דוא פאַרשטעהסט משה'לע, וויא גוט רבי יוסף'ן האט געמוחט זיין אויפ'ן האַרצען, אז ביים אויפשניידען פרייטיג דעם פיש, געפינט ער, קבצן, אין בויך א טהייערען דימאַנט, וועלכען גאָט האט איהם צו־געשיקט!" „עט!" גיט משה'לע א מאַך מיט דיא אַקסלען און קראַצט זיך פאַר פאַרדראָס. „אָבער תוספות! וואס וויל דאָ תוספות האבען פון רש"י?"

אָט אזא שטיינער שמיעס פלעגט פירגעהען צווישען דיא ביידע חברים געד־וועהנטליך אין דער וואָכען. משה'לע האט, קראַצענדיג זיך, אלץ אונטערגע־טריבען, און הערשעלע האט אלץ זיך אָפּגעבעטען. דערפאַר אין שבת־צו־נאַכט פאַר הערשעלען געווען א לעבען. דענסטמאָל איז איהם געשטאַנען פרייא צו פאַרטיפען זיך אין וואונדערליכע זאכען, וויפיעל דאס האַרץ גלוסט. משה'לע פלעגט דענסטמאָל געוועהנטליך פאַרביינגען דאס לעהרנען און איהם נישט עקבערען דעם קאָפּ מיט דער גמרא. היינט איז דיא דאָזיגע נאַכט אליין טאַקי עפּיס אזעלכע, וואס איז מסוגל צו טראַכטען, צו פאַרפליהען אין הימעל אריין. זיא האט אין זיך עפּיס אזעלכס, וואס צושרויפט דעם יודען, מאַכט אויף איהם א זיס־טרויערדיגע מרה־שחורה און דרעהט, דרעהט איהם אינוועניג אין דער נשמה. עפּיס איז ער צודרעהט, אומרוהיג און פאַרטראַכט. — „ווילט איהר דעם שבת־צו־נאַכט פאַרשטעהען, מוזט איהר צו דעם יודען אין הויז געהען". קומט־זשע, זייט מוחל, אהער אויף א ווייַלע, צו משה'לעס פאָטער!

משה'לעס טאַטע—שמואל'יק, איז א טאַנדעטניק. א גאַנצען טאָג פון פריה ביז אין דער נאַכט לויפט ער ארום מיט אַלטע זאכען, שלאָגט אָפּ דיא טהירען צו קויפען און צו פאַרקויפען זיין סחורה. ער איז געקרומט, געבוינען מיט א בלייך פּנים, געקנייטשט, געעלטערט פאַר זאָרג און צרות. אָנקויפענדיג זיך וויא א הונט, קומט ער מיעד, צעבראָכען אין זיין וויכט שטיביל — א קאַנורע, מיט עטליכע גראָשען פאַרדינסט, און אמאל גאר מיט א ליידיגער קעשענע, האפּט אָפּ עפּיס, וואַרמעס מיט וועטשערע אין־איינעם, און טהוט זיך א וואָרף שלאָפען. ער ליגט נעביך וויא א דערהרג'טער, פיהלט אין זיך נישט קיין גאַנץ אבר. גאַנץ פריה שטעהט דער טויטער אויף, מישטעהנס־געזאגט, תחית־המתים און ווייטער לויפען, ווייטער ארומיאָגען זיך. אזוי פאַרברייגגט ער זיין היגטעש לעבען דיא גאַנצע

וואָך. פרייטיג צו־נאכט בעקומט דיא קאָנורע עפּיס גאר איין אנדער פּנים — אויס־געשמירט, אויסגעוואשען, ריין אין איטליכס ווינקעלע. דער טיש געדעקט מיט א ווייסען טישטוך, אויף איהם דרייא מעשענע, אויסגעשייערטע לייכטער מיט דיא בענש־ליכט, און צווייא שיינע קוילעטשען, אָפּגעשמירט מיט געלבען פון איין איי, שיינען פון דערווייטענס, פארנעהמען דיא אויגען. אין שטוב הערשט עפּיס א זיס רוהיגקייט, עס שמעקט א ריח פון צוגעדעמפּפטע שפּייזען, וואס שטעהען אויפ'ן פריפּעטשיק איבערגעדעקט מיט א קישען. דיא מאמע, א גאנצע וואך פארשמירט, פארפינסטערט, לויכט אין דעם שבת'דיגען שלייער, עס רוהט אויף איהר דיא שכינה. דיא באָרפיסע מיידעליך, פארקעמט, אויסגעצוואָגען, האלטען זיך אין־איינעם אין א ווינקעלע און מען זעהט אָן אין זייער פּנים וויא זייא ווארטען, קוקען אויף עפּיס ארויס מיט א פרעהליך הארץ. — שא, עס הערט זיך טריט... מען גערהט... דיא טהיר עפענט זיך אויף.

— גוט שבת! זאָגט שמואל'יק קומענדיג פון דער שוהל און קוקט פריינדליך מיט א שיינענדיג פּנים אויפ'ן ווייב, אויף דיא קינדער.

— גוט שבת! זאגט משה'לע הויך אויף א קול, אריינלויפענדיג גער־שווינד וויא מיט א גוטער בשורה.

און דער טאטע מיט דעם זוהן הויבען אָןביידע, ארומגעהענדיג איבער'ן שטוב, צו זאָגען אויף א נגון „שלום עליכם!“ — דאס נעהמט מען אזוי אויף דיא הייליגע מלאכים, געשיקט פון דעם אויבערשטען, פונ'ם מלך איבער אלע מלכים, הקדוש ברוך־הוא, וואס האבען זייא בעלייט פון דער שוהל א היים. דער טאנדעטניק איז שוין נישט מעהר קיין הונט, ער איז א פּרינץ, עפּיס האט ער בעקומען א נייע נשמה, א נייע הוים. ער מאכט קידוש, וואשט זיך, זעטצט זיך צום טיש, דאס ווייב, דיא פּרינצעסין און דיא קינדער ארום איהם, מען שטופּט דעם גאָפּעל, דעם לעפעל און מען האפּט א שטיקעל פיש, א לאָקש, א ביינדיל, אביסעל צימעס — אזעלכע מאכלים, וואס מען האט עס א גאנצע וואך אין דיא אויגען נישט געזעהן. איטליכס פון דיא קינדער עסט עס, שטארק היטענדיג זיך קיין ברעקיל זאָל חליכה נישט אראָפּפאלען, עפּיס מיט א גוט ערענסט פּנימיל, וואס וועקט אויף אין הארצען געפיהלען פון רחמנות. עפּיס נאָר וויא א וועווריקיל, וואס זיטצט זיך אויף א ביימיל און קנאַקט עפּיס אזוי שיין, אזוי ערענסט א ניסיל... שמואל'יק שטעלט דיא „בלי“ צו דיא זמירות און שפּיעלט אָפּ טשאַקענדיג א „מה ידידות“: „וויא ליעב דיא רוה איז דיינע, פּרינצעסין שבת פיינע! מיר לויפען דיר אקעגען אלע, מיר

בעטען: קום נעקריינטע כלה! . . . פון אלע מלאכות איז איין עס, דיא פרבייט ליינט מען איצט אוועק, זיך תענוג אנצוטהאן ביים טיש, מיט היהנער, חלה, פלייש און פיש." ס מ ב ט י ו ן דער טייך, וואס לויפט, רוהט נישט דיא גאנצע וואך, בלייבט שבת פלוצלים שטעהען, "עס הערען־אויף דיא קולות, געוואלדען, ווען הויך דער יוד זינגט דיא זמירות זיינע. דער שרעקליכער טייך שטערט איהם נישט אין דעם שטייגער זינגען, עס שווייגען דיא בייזע חוואליעס, אוים רעש — שא, ס'איז רוה!" . . . אזוי פרייעט זיך א מעת־לעת דאס הארץ, "א פרייד, א שמחה אויף דיא אלע יודען, זייא זיינען פרייא פון זארג און שטארק צופרידען".

אויפ'ן אנדערען טאג פאר־נאכט, נאך שלש־סעודות, זיטצט אונזער ש מ ו א ל ' י ק אראפגעלאזט דיא נאז אין שוהל. ס'איז טונקעל. יודען ברומען, זאגען אויף א קרעכצענדיג קול דאס קאפיטעל תהלים "אשרי תמימי דרך", וואס דערמאהנט אין דעם, אז דיא פרינצעסין־שבת קלייבט זיך אין וועג אריין. עס הערשט עפים איין אומעטיקייט און עס שמעקט מיט ראסעל פון אוגערקעס. דיא זון איז שוין פארגאנגען, פייער־רויטע וואלקענס שרפה'נען ביים עק הימעל און עס שטעלט זיך יודען פיר דער ברענענדיגער גיהנום. עס קלינגט זייא אין דיא אויערען דאס שרעקליכע בעפעהל: "ישובו רשעים לשאולה!" — דיא רשעים אויף יענער וועלט, וועלכע מען האט געלאזט שבת צורוה, זיך קויקלען דארט פרייא אויף בערג פון שנייא, טרייבט מען עס אצינד ווידער אין חדר אריין: געהט זיך פרעגלען אהין אין גיהנום! און מלאכי־חבלה דרעהען זיך עפים פאר דיא אויגען. אך, דער גיהנום! דער יוד נעביך זעהט פאר זיך דעם גיהנום. אין דער היים בייא זיך זיטצט אויף דער מילכדיגער באנק דאס ווייב, פארליינט דיא הענד און דיא פים אונטער זיך, ס'איז פינסטער. א ליכטיגער פאס פון דער לבנה שיינט אריין דורך א פענסטעריל, אפשלאגענדיג זיך אקעגען אויף דער וואנד אויף דער סטעליע, און שאטענס פון משונה'דיגע געשטאלטען טאנצען, שפרינגען, מאכען אן עפים א מורא אויף דיא אלע קינדער, וואס שטיקען זיך צונויף אין איינעם, וויא דיא דערשראקענע שעפעליך, מיט אראפגעלאזטע קעפ, איינס מיט דעם אנדערען נישט צו ריידען קיין ווארט. שא, שטיל! נאר א פאר גרילצען גרילצען זיך איינע מיט דער אנדערער איבער פון דיא שפעלטליך ערגיץ אין א ווינקעל. דאס ווייב זיטצט פארטראכט, שאקעלט מיט דעם קאפ און נעהמט זיך דערנאך זאגען מיט א גנעניץ: "ג א ט פ ו ן א ב ר ה ם . . . אז דער ליעבער שבת קודש געהט אהין . . ." אויף א טרויער־זינגענדיג קול. — איין עק, הייסט עס, א סוף. מען רייבט, רייבט מיט קונצען עפים א מין שוועבעלע, א צווייטס, א דריטס, ביז עס ווייזט זיך מיט א בייזער אין א

רויך, א נעשטיינק א בלויא־רויטליך פייעריל, בייא וועלכען מען צינדט נאך פיעל מיה אָן א חלב'דיג־גראָשען ליכטיל.

— גוטע וואָך! זאָגט איטליכער און פיהלט וויא עס רייסט זיך איהם עפּיס אָפּ אינוועניג אין הארצען.

— א גוטע וואָך! זאָגט שמואל'יק, אויף א פאַרדומפּפּען קול ביים אריינקומען אין שטוב וויא א קעטצעלע. ער דרעהט זיך אַרום וויא א נעבטיגער, דיא אויגען זיינע וואַרפען זיך עפּיס, דאס פּנים בלייך, אויסגעצויגען און מען זעהט וויא אין איהם נעהט פיר עפּיס א פאַרענדערונג. — דאס הויבט זיך אין איהם אָן דאס איבערקעהרעניש פון א פּרינץ ווידער אין א הונט. עס שטעלט זיך פאַר שמואל'יקן דיא וואָך מיט דעם הינטעשען לעבען: מיט דעם ארומלויפעניש, מיט דעם קאָפּדרעהעניש, מיט דיא חרפּות, בזיונות און דעם זוכעניש דאס דאַר שטיקעל ברויט — און עס בעשלאָגען איהם אנגסטען. נאָר דער פּרינץ וויל זיך אָבער אַזוי גיך נישט אונטערגעבען, ער ראַנגעלט זיך, לאָזט זיך נישט נעהמען אין ניהנום אריין, פּלוצלים אין א הונט פאַרוואָרפען צו ווערען; ער צאַפּעלט, ער זוכט אין וואס זיך אָנצוהאַלטען — טאָמער איז נאך פאַרט דאָ עפּיס א האָפנונג, גאָט קען נאך רחמנות האבען — און דיא האָפנונג גיט איהם א שיין אין דער ברענענ־דיגער הבדלה. פרום מיט פאַרגלאָצטע אויגען נעהמט ער זיך מאַכען הבדלה: „הנה אל ישועתי" אָט איז ער, דער גאָט פון מיין היכף, „אבטח ולא אפחד" איך בין פאַרזיכער און שרעק מיך נישט!... ער שמעקט און מינטערט זיך מיט בשמים, ער טרינקט פונ'ם כוס און שמירט דערפון דיא קעשענעס — א סגולה צו א גוטער, מזל'דיגער וואָך. און דיא האָפנונג שיינט איהם אויף אין דיא שבת־צו־נאַכטיגע זמירות. ער הויבט אָן אויף א זיס־טרויערדיגען נגון אונטערצוזינגען „המבדיל"...

און דיא האָפנונג שיינט איהם נאך מעהר אין דעם „איש חסיד". עס צופלאַקערען איהם זיך דיא אויגען. עס פאַרפאַרבט איהם זיך אביסיל רויטליך דאס פּנים, ער קוקט אויפ'ן וויב, אויף דיא קינדער און מיט בטחון אויף גאָט ברומקעט ער בעהאַרצט דאס וואונדער שיינע מעשה'לע מיט דעם חסיד.

אך, גאָטעניו! לאָזט שמואל'יק אויס דעם „איש חסיד" מיט פאַר־גלאָצטע אויגען און פאַרגעהט זיך, ברומקענדיג אונטער זיך א וויינענדיג־יודיש שטיינעריל אויף דער דינער סטרינע. — אך, טהוא עפּיס א נס און העלף, גאָטעניו, העכף, העלף, וויא איז מיר!....

— גוטע וואך! זאָגט משה'לע, אריינקומענדיג אין שטוב און מיט איהם קומט געוועהנטליך שבת־צו־נאכט אויך הערשעלע אויף מלוה־מלכה. זייא זאָגען ביידע דיא זמירות — פון „ויתן לך“, וואו יודען ווערט צוגעזאָגט אַל־דאס־גוטס פון פייגעל־מילך: א געראטעניש אין תבואה, טשערעדעס בהמות און שאָף, דיא ברכה אין דער דייזשע, אין דער ספּיזשאַרנע, אין דעם האנדעל, עושר אויך כבוד און נאך גרויסע נגיקען — ביז נאך דיא „אליהו'ס“. אויפ'ן בריפּעטשיק ברענט א פייעריל, דיא מאמע פּאָרעט זיך עפּיס לעבען אויווען, דאס הויזגעזינד זיצט נישט ווייט בייא א טיש, איטליכער מיט עפּיס א שטיקעל ארבייט, און איינער פון דיא ביידע חברים, א מאל דער, א מאל יענער, לייענט זייא פיר דעם ספר הישר, דיא מעשה דאָרט וויא דיא ברידער פּאַרקויפען יוסף'ן וכדומה נאך אזעלכע שיינע מעשיות פון הייליגע ספרים. דערבייא שפּינט זיך א שמיעס, איטליכער ווארפט אריין א וואָרט, מען פארפליהעט ווייטליך, מען איז עפּיס נישט אויף דעם עולם — און דערווייל ווערט פּאַרטיג דער באָרשטש, מיט וועלכען מען בעלייט שבת־המלכה. אין שטוב זעהט טאַקי אויס וויא אויפ'ן הארצען: האלב שבת'דיג, האלב וואָכעדיג, האלב זיסליך, האלב זויער אזוי וויא ביים לעטצטען וואַרמעס, ווען מען ריכט אויס א טהייערען גאסט אין וועג אריין — מען זיפצט און מען טרייסט זיך, זיך אין גיכען ווידער צו זעהען...

אָט דיא אלע יענע וואונדערליכע מעשיות, וויא עס געשעהען גרויסע נסים מיט מענשען אין דער וועלט און וויא אליהו־הנביא בעגליקט א מאל נויט־בעדערפטיגע, אָרעמענקע נעביך, האבען הערשעלען געטרייסט, פאַרזיסט זיין ביטער לעבען. דיא אלטגעבאַקענע מעשה מיט ר' שמעלקין איז בייא איהם אצינד אויפגעפרישט געוואָרען. ער האט געגלויבט אין איהר הייליג און געטראכט, אז אליהו־הנביא האט א מאל ר' שמעלקין געהאָלפען, קען דאָך זעהר גוט מעגליך זיין, ער זאָל איהם אויך העלפען. פאַר וואס דען נישט? — מען בעדאַרף נאָר נישט פערלירען דיא האָפנונג, בעטען גאָט, דאַווגען פונ'ם גאנצען הארצען. בייא הערשעלען הויבט זיך אָן יענע געוויסע צייט אין דעם מענשענס לעבען — דיא וועסנע־צייט פון דער אמונה, ווען עס שפּראָצען פרישע בלעטליך פונ'ם גלויבען, ווען עס בליהעט דיא האָפנונג, עס עפענט זיך א קוואַל געפיהלען פון ליעבשאפט, דער כח־המדמי'ה צושפּילט זיך, פליהעט אין הימעל אין קיין זאך איז פאַר איהם נישט צו־שווער, נישט אוממעגליך. עפּיס גלויבט זיך, האָפט זיך, טיעף פונ'ם הארצען גיסען זיך הייסע תפילות צו גאָט און עס וויינט זיך שטילער־הייט, א מאל בייא נאַכט אויפ'ן געלעגער, עפּיס אזוי געשמאַק, אזוי געשמאַק....

עס פארשטעהט זיך, נישט בייא איטליכען איז דיא ראָזינע וועסנע־צייט גלייך, בייא א טהייל מענשען נעהט זיא איבער קאַלט מיט פוילע ווינטען, נישט איבער־צו לאָזען פון זיך אין דעם לעבען עפּיס א זכר. אזעלכע וויא בייא הערשעלען אָבער טרעפט זיך נאָר בייא איינעם פון טויזענטער — בייא מענשען מיט גייסט, דיא „אתה־בחרתניקעס אליין..

און אונזער הערשעלע נעהמט זיך אצינד געשמאַק צום דאַווענען מיט א ברען. ער דאַווענט וויא א יוד דרייא מאָל אין טאָג מיט דעם עולם, און דאַווענט, בעט אויף שטיל פאַר זיך אליין ווען נאָר עס קומט איהם אָן דער חשק. דיא צייט נעהט זיך דערווייל איהר גאַנג, עס ווערט טאָג און נאַכט, וויא דער שטיינער איז, טאָג און נאַכט ווערט אויך בייא הערשעלען אין דער נשמה, געפיהלען פון האָפנונג און מרה־שחורה בייטען זיך אין איהם כסדר איינע נאָך דיא אנדערע.

## כב.

דיא לבנה, ברכו און קדושה זיינען מאַקי עפּיס נאָר וויא א מאַנגעט, וואָס ציהען־צו פון דערווייטענס יודען און שטעלען זייא אָפּ, זייא מעגען זיך וויא קיין צייט נישט האָבען און לויפען נאָר אָהן א נשמה. איהר נעהט אייך אין גלופּסק, א שטייגער, אָוונט־צייט אויף דער גאַס, שטאַרק פאַרטראָגען אין עסק, פלוצלים קוטט אייך פון דער זייט גאַס צו דיא אויערען עפּיס א מין „שלום־עליכם!" באַלד מאַקי געפינט איהר זיך צווישען א רעדיל יודען, ענטפערט איטליכען אויף א זינגענדיג קול „עליכם־שלום!" שאָקעלט אייך און שפּרינגט מיט אלע אין־איינעם אקעגען דער לבנה. — אין איילעניש, אין לויפעניש א מאָל פאַרבייא א קלייזיל, א שטיבעל, הערט איהר פלוצלים א פויקען מיט פינגער אין דיא פענסטער — גיכער, ר' יוד, גיכער! איידער נאָך איהר בעטראַכט זיך שטעהט איהר שוין מיטביידע פיס אינווענינג דאָרט בייא דער טהיר און מאַכט אָנגעבוינען „ברכו", אָדער איהר שפּרינגט „קדוש" מיט דעם גאַנצען עולם יודען דאָרט. דערנסטמאָל זענט איהר נישט אייערער, איהר האָט איבער אייך אליין קיין שליטה נישט, גלייך וויא מען וואָלט אייך אָפּגעטהאָן א כישוף. דעסגלייכען טרעפט זיך מיט אייך א מאָל, ווען איהר שטעהט פריהמאָרגענס אין קלויז, עס שפּאַרט אייך אונטער'ן קעפּעלע און איהר האָט בדעה עפּיס צו טהאָן, פלוצלים שאַרט זיך, וויא א קעטצעלע, צו עפּיס א יוד, שוין נאָך נקיות, שטעלט זיך פון אייער כבוד וועגען, לעבען אייך און, רייבענדיג דיא הענד איינגעהויקערט, שיין, פיין, מיט א פרנס

פנים'ל, הייבט ער אָן זיס־מחיה דיא ברכות: אשר נתן לשכוי בינה וואס האט דעם האָהן גענעבען פאַרשטאַנד, להבחין בין יום ובין לילה, אונטערצושיידען צווישען טאָג און נאכט. איהר, איין ברירה, ענטפערט „ברוך־שמו, אָמן !" קנייטשענדיג זיך מיט איין ערנסט־זויער מינעלע. ער טהוט אייך א טובה, שיט מיט ברכות, איינע נאך דער אנדערער, און איהר אלץ: „אָמן, ברוך־שמו, אָמן !" שטעהט עפּיס וויא צונעקאָוועט, נישט צו ריהרען זיך פונ'ם אָרט, גלייך וויא מען וואָלט אייך, מחילה, געמאָלקען... קוים אָבער האט איהר אָפּגעשלום־עליכם'ט, אָפּגעברכו'ט, אָפּגעקדוש'ט, אָפּגעסיכקט אייערע אָמן'ס, גיט איהר א מאך מיט דיא אקסלען, טהוט זיך א קראַטץ, שפּייעט אויס, גאַנץ פיין — און געהט אייך ווידער אייער וועגס.

אויף אונזער ר' אברהם'ס פּויקען אין פענסטער צו מנחה, האבען זיך אריינגעהאַפּט ראַפּטאָם עטליכע יודען, וואס זיינען געגאַנגען פאַרבייא דעם קלייזל. זייא האבען אין איילעניש געהאַפּט א גאָטס וואָרט, געשפּרונגען „קדושה" פאַר־סאָפּעט, נאָר אין איין אָטהעם — און באלד דערנאך טאַקי זיך צולאָפען. איינער נאָר איז איבערגעבליבען. ער האט עפּיס א ווילע זיך געדרעהט, ארומגעקוקט און פונ'ם גאנצען בענעהמען זיך זיינעם האט מען ארויסגעזעהען, אַז ער איז א פרעמדער, נישט קיין היגער. דיא לאַנגע, גלאַנצענדיגע נאָז זיינע האט געזאָגט, אַז ערשט היינט, נעכטען, איז זיא פונ'ם וועג, וואו דער ווינט האט זיא שטארק געפּייניגט, זיא געשטשיפּעט און מיאוס איהר אָנגעפּייפּט. דיא צווייא, גרויע, קאַטצענע אויגען זיינע האבען זיך געוואָרפען, נישט צו קוקען גלייך אין איין זייט, וויא זייא וואָלט געוועזן ברוגז — איינע האט געקוקט קיין דרום און דיא אַנדערע קיין צפון זייט. ר' אברהם האט, ווינקענדיג מיט דער האנד, צוגערופען דעם פּארשוין און איהם אָנגעוויזען איין אָרט לעבען זיך. ביים דאַוונען האט דער פּארשוין זיך גע־שאָקעלט מיט חן, גאַנץ יודישליך, און פונ'ם שאָקלען זיך זיינעם האט אויסגעזעהען, אַז ער איז א טאַטענס א קינד, נישט קיין פּראָסט מענשיל.

— א־פּנים נישט קיין היגער ? הא ? האט ר' אברהם נאך דעם דאַוונען זיך געווענדעט צום פּארשוין, אָנקוקענדיג איהם מיט א פריינדליכער מינע.

— וואס־דען ? גיט דער פּאַרשוין, וויא דער שטייגער איז, א „פרענענדיגען ענטפער" אויף עפּיס א מין קרעכצענדיג־חסידיש־חאָרחעלע, שנייצענדיג דערבייא גאַנץ ברייטליך דיא גלאַנצענדיגע נאָז, וואס האט זיך צוגאָסען אין שטיינער און גענאָסען ביז אויף א הילך.

— אַ, אויב אזוי, שלום־עליכם! פרעגט ר׳ אברהם אויין צום פאַרשוין מיט דער האנד. פון וואַנעט זאָל עס, הא, אַ יוד זיין?

— האָפּ־סי! האָפּ־צי! ענטפערט אָפּ ניסענדיג דיא נאָז פאר איהר בעל־הבית.

— פון יהופיץ אפשר? עפּיס אזוי זעהט עס מיר אויס, מאַכט זיך ר׳ אברהם זיין השערה דערווייל איידער דיא נאָז וועט זיך בערוהיגען און איז זיא מכבד אגב מיט אַ שמעק טאַבאַקע.

— ווען שטעלט מען זיך בייא אייך דאָ, מאָרגען פריה, דאַווענען? פרעגט דער פאַרשוין, נאָכדעם וויא ער האט זיך אָפּגעפּאַרטיגט מיט דער נאָז.

— ווען? פרעגט איהר — ענטפערט ר׳ אברהם — וויא געוועהנטליך. וואס איז?

— יאָהרצייט האב איך, פאַרשטעהט איהר מיך. דעם זעקסטען טאָג אין תמוז האב איך יאָהרצייט נאָך אַ טאַטען. מאַכט דער פאַרשוין מיט אַ זיפצעלע.

— אזוי, יאָהרצייט? זאָגט ר׳ אברהם, אַ נעהם געבענדיג זיך בייא דער באָרד. זעהר אָנגעלייגט חלעבין. קומט־זשע, זייט מוחל, מאָרגען אין דער געוועהנטליכער צייט.

דער פאַרשוין איז נאָך אביסיל געזעסען, שמיסענדיג מיט ר׳ אברהם׳ן און דיא אויגען האבען זיך איהם דערווייל געוואָרפען אין איטליכס ווינקעלע. ביים אויפהייבען זיך פונ׳ם ביינקעל האט ער זיך מיט אַ קרומעלע געקראַצט אין דער פּאָה, גלייך וויא דאס ארויסגעהען פונ׳ם מקום־קדוש איז איהם שווער.

„דאכט זיך הא?.... נישקשה׳דיג פון אַ יודען“.... מאַכט ר׳ אברהם שטיל פאר זיך, אויפהייבענדיג זיך פון זיין אָרט, נאָכדעם אַז דער פאַרשוין איז אוועקגעגאַנגען. און ווענדענדיג זיך צו משה׳לען, וואס האט גערעדט מיט הערשעלען אין אַ ווינקעל, רופט ער זיך אָן הויך:

— אַ היים, שקאָץ! קום, צייט זיך אויסצורוהען פאר אַ גאַנצען טאָג און שלאָפען. — און דוא שקאָץ, זאָגט ער צו הערשעלען, לייג זיך דאָ אויך שלאָפען. הונגעריג ביסט־דוא נישט, הא?

— ניין! ענטפערט הערשעלע מיט דעם מויל אָן אין הארצען בייא זיך טראַכט ער: אוי, עסען!... אוי וואָלט איך עפּיס געגעסען!...

ר׳ אברהם אָבער איז געשטאַנען, נישט צו ריהרען זיך פון דעם אָרט. ער האט בעשולדיגט אליין זיך אין הארצען, וואס פארדרעהענדיג זיך מיט דעם יודען, איז איהם דערווייל נאר פונ׳ם זינען ארויס, צו בעטען איינעם פון דיא בעלי־הבתים — נעהמען הערשעלען אויף וועטשערע. הערשעלעס ענטפער „ניין!" דאס הייסט, נישט הונגעריג, האט ער אָנגענומען גלאט אזוי פאר א זאָג, אוים איידעלקייט נאָר, ווייסענדיג זעהר גוט, אז פון איין מאל אין טאָג עסען, און נאך וואס פאר איין עסען, מישמענס־געזאָגט—טרוקען ברויט מיט א קנאָבעל, קען א מענש נישט זאט זיין, בפרט נאך א יונג קינד, בייא וועלכען דער אפעטיט איז גרויס. ער איז געשטאַנען עפיס צודרעהט, נישט אהין, נישט אהער, און א קוק געבענדיג אויף משה׳לען איהם, צומישט עפיס, א פרעג געטהאָן:

— נוא, ביז וויא לאנג וועסט־דוא שטעהען?... געגוג גערעדט!

— ר׳ אברהם, זאָגט משה׳לע, ער איז געבליבען אָהן וועטשערע, הערשעלע!... איך בעט איהם דאָ, קום מיט מיר א היים עפעס עסען. וואס איז? נישקשה — און ער וויל נישט!

— וואס, וואס? מאַכט ר׳ אברהם שטארק צוקאָכט, עפיס נאר אָהן וועטשער.

— בעט איך איהם: נוא, וועל איך דיר ברייגגען עפיס פון דער היים אהער, וויל ער אויך נישט! — חלעבין, נארעלע, ווענדט זיך משה׳לע מיט א געבעט צו הערשעלען, וואס האסט־דוא מורא? עס וועט, נישקשה, פאר מיר אויך גענוג זיין. נוא, יא?

הערשעלע שאָקעלט מיט דעם קאָפּ אויף ניין, נישט ארויסצוברייגגען פונ׳ם מויל קיין וואָרט. אין הארצען קאָכט איהם וויא אין א קעסיל און דיא פארב שטעהט איהם אין פנים.

ר׳ אברהם זוכט דערווייל בייא זיך אין קעשענע, בעקומט פון דאָרט א הארטען דרייער, וועלכען ער שטופּט הערשעלען אין דער האנד, בעטענדיג איהם פונ׳ם גאנצען הארצען:

— נעהם, נישקשה!... וועסט דערפאר עפיס דיר קויפען.

הערשעלע נעהמט דעם דרייער און בעוואשט זיך מיט טרעהרען...

אויף מאָרגען איז דער פארשוין געקומען דאווגען אקוראט אין דער „גע־וועהנטליכער צייט" און איז ווידער טאקי געזעסען לעבין ר׳ אברהם׳ן. דיא נאָז האט איהם אלץ טאקי געגלאנצט, נאר שוין נישט אזוי געניעסט מיט אזא

בייזער וויא נעבעכען. צו דער תורה האט מען איהם אויפגערופען (דאָגערשטיג איז געוועזען דענסטמאל) יעמוד ר' שניאור זאב וואָלף ב"ר שרגא־פייבוש! ר' אברהם האט נאכ'ן דאווגען געלעהרענט א פרק משניות און איהם מכבד געווען זאָגען א רבנן־קדיש. געזאגט האט ער בנעימות'דיג גרייזלענדיג דערבייא א פּאָה, מיט צוגעמאכטע אייגעליך, געשאָקעלט דאס קעפּעלע גאנץ לייטעש, און יענע מיני יודען, וואס פארבלייבען געוועהנטליך אויף א שעה נאכ'ן דאווגען איבער דעם דרויב, שטיקליך יהי רצון'ס און דעם „חוק'ל'', האבען איהם געשייגקט אָמן'ס פונ'ם גאנצען הארצען מיט דער כוונה — יאָהרצייט־בראָנפין. דיא דאָזיגע כוונה איז זייא געלעגען אין דיא ליפּעליך, אין דיא גערגעליך, וויא זייא האבען זיך בעלעקט און געשלונגען דיא סלינקע. נישט דעריבער וייל זייא זאָלען אזוי להוט זיין נאך אביסיל משקה, חלילה! שכרות איז בייא זייא דיא גרעסטע עבורה; נאָר דעריבער, וואס אין דעם יאָהרצייט־בראנפין ליגט עפּיס א בעזונדער מין יצר־הרע, עס האט עפּיס איין אנדער טעם — א כפּרה שאמפּאניער, דער בעסטער „נסח"! דער שמש האט מאקי באלד געבראכט א קוואָרט בראנפין — שליש מיט קיכליך, אויערבייגעל צום פארבייסען און מען האט זיך גע־נומען מאכען לחיים.

— לחיים ר' שניאור־וואָלף! בעבעט אייגער, השם־יתברך זאָל געבען . . . בפשטות מאקי, הא, — פרנסה . . . פרנסה זיינע יודעליך, אַך־אַך — הא!

— לחיים ר', ר' . . . הא? שניאור! אָט וואס, ר' שניאור! קוועטשט זיך נאך איינער אויס עפּיס צו זאָגען, נאכדעם וויא ער האט פריהער אָפּגעזופט אביסיל פונ'ם קעלישיקיל און זיך בעלעקט. פרנסה, מהיכא־תיתי! וויא ארום? בע... דארויף איז ער דאָך א רבוני־של עולם, הא!... אזוי צי אזוי — ווייס איך? — אָט כאָז ער אייך העלפען . . . האט איהר עפּיס דאָ, הא, א געשעפטיל? . . . וואס? . . . לאָזט ער אויס חכמה'דיג, א טאפּ צו געבען דער־וויל אין וואָגען.

— ע־עט!... מאכט שניאור עפּיס אָהן ווערטער.

— אהער שקאָץ! רופט ר' אברהם צו הערשעלען, וואס אי איז א ווינקעלע געזעסען מיט משה'לען איבער דער גמרא. נא! איין אייער־בייגעל דיר מיט אביסיל בראנפין און דעם אנדערען גיב דאָרט יענעם שקאָץ, דיין חבר.

דעם פארשוינס אייגעליך האבען זיך אין איין צייט געדארפט אויף ערשעלען דא, און אויף משה׳לען דארט אין ווינקעלע.

אז דער עולם איז זיך צוגאנגנען, האט דער פארשוין זיך אריינגעלאזט מיט ר׳ אברהם׳ן אין א שמיעס מכח יודען, קרעכצענדיג שטארק מקנא געוועזן יענע, וואס קענען זיטצען אין בית־מדרש על התורה ועל העבודה און אנב טאקי א טאפ געבענדיג מיט א פרעג:

— ווער זיינען עס בייא אייך יענע צווייא בחורים׳ליך דארט, וואס זיטצען איבער דער גמרא? גאנץ פיינע קינדער.

— א מבין, חלעבין! ענטפערט ר׳ אברהם מיט א שטאלץ שמייכעלע, וויא א פאטער בשעת מען לויבט איהם זיינע קינדער. — איינער איז א היגער טאקי און איינער, וועלכען איך האב פריהער צוגערופען, איז נעביך א גר, פון א שטעדטיל, א יתום. האלט זיך דא אויף. א מצאצקע!

— מען זעהט עס איהם ארויס באלד טאקי אין פנים, מאכט דער פארשוין, א קוק געבענדיג אין הערשעלעס זייט. א שאד חלעבין, ער מוז דא נעביך אפקומען.

— אוודאי, אוודאי! זיפצט ר׳ אברהם. איין ארעם קינד, איין עלענט יתום׳ל, נעביך.

— ווייסט איהר וואס! רופט זיך אן דער פארשוין, נאכדעם אז ער האט אביסיל געטראכט, און דיא גרויע אויגען האבען זיך איהם צופלאקערט. ווייסט איהר, וואס מיר איז דא פאר איהם איינגעפאלען?

— א קשיא אויף א מעשה! מאכט ר׳ אברהם מיט א גוט שמייכעלע, פאכענדיג אויפ׳ן קאפ מיט דער יארמולקע. אפשר א שידוך, הא?

— כמו וויא א שידוך. מאכט מיט איין ערענסט פנים׳ל דער פארשוין. שפעטער, מיט דער צייט, קען טאקי זיין, אם ירצה השם, א שידוך. ס׳איז דא אויך א בתולה, פארשטעהט איהר מיך. דיא מעשה דערפון איז אזוי . . . לאזט זיך נאר דיענען.

— זאגט, אדרבה, זאגט. מהיכא־תיתי!

— בקיצור, צו וואס דא א ים ברייען, צושאקעלט זיך דער פארשוין, דיא מעשה אט, איז אזוי: מיט מיר איז דא מיינער א שותף, א גאנץ פיינער בעל־הבית, וויא איך זאג אייך, נאר נישקשה׳דיג. האט דער שותף מיינער, פארשטעהט איהר מיך, א יונגעלע און וויל זעהר, דאס יונגעלע זאל קענען לערנען. בייא

אונז דאַרט דיא חדרים זיינען, וויא זאָל איך אייך זאָגען, עס . . . דער בראָדער מלמד איז א בהמה, דער ליטוואַק — א צלם־קאָפּ און דיא איבעריגע — טפוא!... מיין איך, אז אייער יתום׳ל זאָל עס א־פּנים פאר מיין שותּף׳ס יונגעל זיין... איהר פארשטעהט?

— איך פארשטעה. איהר מיינט, מיינער זאָל לעהרנען מיט דעם יונגעלע.

— מ־מהו! מאכט דער פּארשוין, בלינצענדיג מיט דיא איינעליך. אָט דאס מיינט דער פּסוק. עס וועט איהם זיין גאַנץ גוט. ער וועט האבען קעסט, זיין בע־שוכט און בעקליידט. וועט ער נאָר קיין שוטה נישט זיין קען ווערען א שידוך אויך. פאר וואס נישט? א בתולה איז דאָ.. צוקייעט עס נאָר.

— דאכט זיך אין פלוק, האַ? נישקשה! זאָגט ר׳ א ב ר ה ם און רייבט דעם שטערען.

— וויל איך, דערקלעהרט עס גאַנץ קלאָהר דער פּארשוין, וויל איך, פאר־שטעהט איהר מיך, גאר פּשוט טהאָן א מצוה. פאַרזאָרגען א יתום. מסתמא איז דאָך אזוי באשעהרט. — נוא, האט איהר עס צוקייעט?

— נישט שלעכט, ענטפערט ר׳ א ב ר ה ם, נאָר...

— וואס נאָר? ! טהוט זיך דער פּארשוין א חאַפּ. נישט שלעכט, זאָגט איהר; ניין — גאַנץ גוט! אָט דאס איז דאָך דיא מעשה מיט א יודען, האט קיין פאראיבעל נישט! וואס, נאָר? נאָר, ווען א י ך זאָגען. מען מוז דעם שותּף מיינעם וויזען פריהער דאס בחור׳ל, לאָז ער איהם נאָר געפעלען. אָט, וואס! ווילט איהר האבען א חלק אין דער מצוה, האיעט־זשע נישט און לאָזט, זייט מוחל, דעם קליינעם מיט מיר געהען צו מיין שותּף. באלד טאַקי נישטאָ קיין צייט!

— טאַ! מאכט ר׳ א ב ר ה ם אויפהייבענדיג זיך פונ׳ם ביינקעל. אָט נעה איך מיט מיינעם איבערשמיעסין.

אין דעם פּנים פון ר׳ א ב ר ה ם׳ן און פון ה ע ר ש ע ל ע ן איז געוועזען צו דערקענען, אז ביידע קווינקלען זיך עפּיס אין הארצען, האָטש ר׳ א ב ר ה ם האט דיא זאך אנידערגעשטעלט גלאטיק, און ה ע ר ש ע ל ע האט קוקענדיג איהם אין דיא אויגען, צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אויף יאָ. דער פארשוין האט עס פון דערווייטענס זעהר גוט בעמערקט, נאָר ער האט געמאכט א מינע וויא פאר איהם איז אלץ איינס. און אויפהייבענדיג זיך פונ׳ם אָרט רופט ער זיך אָן מיט א קניימשעלע:

— נישטאָ קיין צייט! וויל ער, זאָל ער באַלד מיט מיר גערן... וויא איהר ווילט אייך.

— נאָך א רגע'לע, איין רגע'לע! בעט ר' אברהם און טרייבט אונטער הערשעלען, וואס האט, צוקומענדיג צו משה'לען, זיך געבאָברעט עפּיס מיט איהם דאָרט אין דעם שטענדער. — גיי שוין, גיי, הערשעלע! דער יוד האט נישט קיין צייט. גיי און קום גיך צוריק מיט ענטפער. איך וועל דאָ וואַרטען.

— איך וועל מיך נישט זיימען. זאָגט הערשעלע און נעהמט אַרויס אין־איינעם מיט דעם פאַרשוין.

## כג.

ר' אברהם האט באַלד נאָך הערשעלעס אוועקגעהען זיך גענומען זאָגען זוהר מיט א ברען אויף א נגון. דיא אויגען האבען איהם געפלאַקערט, דאס פּנים האט זיך איהם פאַרפאַרבט — ער האט געזופט זוהר מיט אַפּעטיט און מען האט בעשיינפערליך געזעהען וויא עס קומט איהם צו דערפון חיות, א סך מעהר וויא איין אנדערען פון א גלעזיל קאַפּע מיט פּוטערגעבעקסליך צום פריהשטיק. ר' אברהם'ס פריהשטיק איז אלע טאָג בעשטאַנען פון א טרוקען שטיקעל משניות, עטליכע געשמאַקע הגדתות, מיט א זופּ זוהר פאַרביסען — און איז דערמיט זאַט געווען ביז וואַרמעס. א היבשע צייט איז ער אזוי פאַרטיפט געווען אין דעם זאָגען, געפלויגען הויך, עפּיס אין אנדערע וועלטען. דערנאָך האט זיך איהם עפּיס געענדערט דאס קול, אַלץ נידעריגער, נידעריגער, וויא ער איז פונ'ם זיבעטען הימעל אַראָפּ אויף דער ערד. ער האט געטהאָן א זיפץ, געגלעט דיא באָרד, דעם שטערען, געקוקט, זיצענדיג אויף זיין אָרט, אין דעם אָפענעם פענסטער גלייך איהם אַקעגען און זיך פאַרטראַכט.

אין דרויסען האבען זיך געטראָגען שוועלבעליך, געשוועבט אין דער לופטען פלינק־געשווינד, אַרויף און אַראָפּ, צופליהענדיג איינס נאָכ'ן אַנדערען מיט א שווישטש — „ציק־טשיק” צו דיא נעסטען איבער דיא פענסטער און אונטער'ן גע־זימס פונ'ם קלייזיל.

„גם־צפּור מצאה בית” אויף דאס פייגעלע געפינט איהר הייזיל — קומט ר' אברהם'ן אויפ'ן געדאַנק דעק געוויסער פּסוק אין תהלים — „ודרור קן לה”

און דאס שוועלבעלע זיין נעסט, „אשר־שתה את אפרוחיה" וואס פריטולעט דיא יונגע פייגעליך „את מזבחותיך ה' צבאות" בייא דיין מקום־קדוש, הארצעדיגער פאטער, גאטעניו!... ער נימ א בליק אויף משה׳לען דערמאהנט זיך אויף אין הערשעלען און טראכט בייא זיך: יודישע קינדערליך! — פון ארמע עלטערען פייגעליך, פריטולעטע נעביך אין קלייזליך...

— וואס בעטייט עס? ווענדעט ער זיך פון דערוויטענס מיט א פרעג צו משה׳לען, וואס איז געזעסען שטיל אין ווינקעלע, אנשפארענדיג דאס קעפעלע אויף דער גמרא. וואס בעטייט עס, וואס ער איז נאך נישטא?

— ווייס איך? ענטפערט משה׳לע גאנץ קורץ, עפיס אויף איין אומעטיג קול.

— א־ווא, א מעשה, א מעשה! ברומלעט ר' אברהם. מיר איז גאר ארויס פונ׳ם זינען צו פרעגען אויף וועלכער אכסניא שטעהט אם דער דאזיגער, ויא הייסט ער עפים? שניאור־וואלף, דאכט זיך, הא?

— דאכט זיך אזוי, ענטפערט משה׳לע נעצוילטע ווערטער עפים דורך דיא ציין.

— הא, פון וואס פאר א שטאדט, האט ער געזאגט, איז ער — אט דער שניאור־וואלף? איך געדענק נישט אסור וואס ער האט געזאגט...

ר' אברהם׳ס דאזיגע ווערטער זיינען געבליבען אהן איין ענטפער. ער האט זיך גענומען ארייגקוקען אין א ספר, נאר דער געדאנק, פאר וואס זיימט זיך אזוי הערשעלע האט איהם געפיקט אין קאפ, אזוי אז ער איז נישט אין שטאנד געווען צו פארשטעהען קיין ווארט — געקוקט מאקי נאר וויא א האהן אין בני־אדם. עס האט איהם אנגעהויבען אין דעם פארשוין עפים קשה צו ווערען, זיך עפים נישט צו שיקען. באלד ביים ערשטען שלום־עליכם איז איהם אפילו דער שניאור־וואלף עפים נישט געווען צום הארצען — עפים ווארפען זיך זיינע אויגען, קוקען יענעם נישט גלייך אין פנים אריין, נאר ר' אברהם׳ס גוטסקייט און פרומקייט האבען עס נישט דערלאזט גלאט אזוי פון א יודען עפים שלעכטס צו טראכטען. מילא וואס... גארנישט... א יודעש קינד. — אצינד אבער, אז ער איז דא געווען אומרוהיג, האט דאס הארץ זיינס אנגעהויבען פרייא זיך ארויסצוזאגען אקעגען דעם פארשוין, און ער איז שטארק נישט צופרידען געווען מיט זיך אליין, מיט דעם גאנצען עסק, עפים אזוי אין חאפעניש! סטייטש, ער ווייסט דאך אפילו נישט רעכט נומ פון וואנען דער פארשוין איז!... עס האט איהם עפים אנטערגעטראגען פונ׳ם ביינקיל, נישט געקענט מעהר איינזיטצען אויף זיין ארט.

ער איז צוגעגאנגען צו דעם אָפענעם פענסטער און געקוקט, ארויסגעקוקט אין דרויסען.

פאר זיינע אויגען איז פירגעגאנגען א ריהרענדיגע סצענע. אין א שוועלבעלעס א נעסט, אונטער'ן גזימס, האט זיך פארקליבען עפיס א גזלן — א וואראָבייטשיקיל און זיך צולייגט דאָרט מיט אויסגעשפרייטע פליגעליך וויא ביים טאטען אין וויינ־הויז. אונטער דעם שוועלבעלשען־עולם ווערט א בהלה, א צונויף־פליהעניש פון אלע זייטען. דאס פאָרעל בענז'לטע שוועלבעליך פליהען, פלאטערען דערשראָקען אהין־אהער, שווישטשען געוואלד, מאכען זיך הארץ און פרוווען זיך נאָהענט צוקומען צו זייער נעסט. דער וואָראָבייטשיקיל אָבער שטעקט ארויס, שטארק אָנגעלאָדען, דאס קעפיל, עפענט א מויל און פיק, פיק....

עס טהוט ר' אברהם'ן עפיס א צופ בייא דעם הארצען, ער טרעט אָפ פונ'ם פענסטער, א מאך געבענדיג מיט דער האנד וויא אָפצוטרייבען פון זיך עפיס אזוינס, וואס בעאומרוהיגט איהם שטארק, און נעהמט זיך געהען הין־און־צוריק איבער דעם קלייזיל. דאס קעפיל פונ'ם וואָראָבייטשיקיל אָבער, שוועבט איהם פאר דיא אויגען, ער קוקט פארטראכט אין משה'לעס זייט, שטעלט זיך אָפ פאר־ביינעהענדיג לעבין זיין שטענדער און נאך עטליכע מינוט שוויינען טהוט ער איהם א זאָג:

— טאָמיר, משה'לע, וואָלסט דוא א שפרונג געטהאָן זעהען, וואו איז ער ערגיץ דאָרט, דער שקאָץ הא? שוין באלד דרייא א זייגער. לויף אהין אין דיא אכסניות. ווען נישט אין דער, איז אין יענער, אין איינער ערגיץ וועסט־דוא איהם דאָך טרעפען.

— אליין האב איך שוין אויך דאס איינענע געטראכט. ענטפערט משה'לע, צומאכענדיג דיא גמרא און לאָזט זיך באלד מאקי געהען.

משה'לען איז אין דעם טאָג געווען שטארק אָנגעזאלצען אויפ'ן הארצען דערפון, וואס פלוצלים האט זיך דאָ געמאכט אזוי, אז ער זאָל זיך בעדארפען שיידען מיט הערשעלען, מיט וועלכען ער האט געלעבט וויא ברידער, געלעהרענט און פארבראכט טעג און נעכט אין ליידען, אין פריידען, מיט איהם אין־איינעם. נאך אזא ליעבען חבר געקניפט און געבונדען, איבערצובלייבען פלוצלים אליין—דאס איז איהם געווען שווערער פונ'ם טויט. ס'איז אינווענינג אין איהם פירגעגאנגען א שפארעניש, א שארפער פלפול צווישען דיא געפיהלען. דאס געפיהל פון ליעבשאפט צו הערשעלען האט געשריגען: א רחמנות! ער ליידט דאָ געביך, קומט

דא אזוי אָט, לאָז ער אהין פּאָתרען! טאָמער וועט ער אויף ווער שמעלע דאָרט זיך אויסגלייבען דיא ביינער. א קענגען־זשע יענס געפּיהל פון ליעבשאַפט צו זיך אליין האט געטענה׳ט: אויף מיר נישקשה אין אויך א רחמנות! דאָ מיט איהם אין־איינעם איז מיר בעסער, הײמליכער, איינגענעהמער דאס לעבען... און נאָך עפּיס א מין געפּיהל — א „וצדקתך“ האט זיך אריינגעלייגט אין א פּשרה מיט נגבה׳שע תנועה׳ליך: אויףביידע א רחמנות! איהם איז טאַקי א יושר שוין אביסיל אויפ־געריכט צו ווערען, נאָר גאָט דער גוטער, אויב ער וויל, וועט איהם דאָך דאָ אויפ׳ן אָרט אויך קענען עפּיס צושיקען. — הערשעלעס זיימען זיך אָבער האט אין גאַנצען איין עק געמאַכט פונ׳ם דאָזיגען פּלפּול, אצינד איז משה׳לען נאָר דאס געלעגען אין זינען: וואו איז הערשעלע? ר׳ אברהם׳ס נישט רוהיג זיין עפּיס האט איהם נאָך מעהר צודרעהט, ער איז געוועזען בעטריבט און נישט געוואוסט וואס איבערצוטראַכטען.

אויף עטליכע אכסניות איז משה׳לע געוועזען און אומזיסט אזא פּאַרשוין, וועלכען ער האט געזוכט, האט מען דאָרט נישט געזעהען נישט געהערט. האלטענ־דיג אין געהען אויף דיא איבעריגע אכסניות, איז איהם ווי א קול אין האַרצען אריין פּלוצלים א געדאַנק — הא, צום טייך! הערשעלע האט זעהר ליעב צו־באָדען זיך, צו שווימען, איבערצומאַכען אין וואסער אלע קונצען, אפשר האט ער ביים וועג געהענדיג זיך אראָפּגעחאַפּט באָדען און... ווייטער, מיט וואס אזעלכס שמעקט, האט משה׳לע קיין האַרץ נישט געהאט דייטליך צו טראַכטען, ער איז נאָר געוואָרען בלייך און נאָר אָהן א נשמה געלאָפען אהין, צו יענע ערטער, וואו געוועהנטליך מען באָדט זיך. נאָר אומזיסט זיין מיה, הערשעלע איז נישטאָ! נישט ווילענדיג האט איהם זיך געדאַכט, שוין גאַנץ קלאָר, מיט איטליכס פּיטצעלע בעזונדער: הערשעלע איז ביים אונטערטוקען זיך איינגעזונקען גע־געוואָרען אין דער זומפּיגער בלאָטע. ראַקעס האבען זיך אין זיין לייב שוין איינגע־געסען, נאַגען איהם דעם מארך פון דיא ביינער. דער טייך געהמט דאָך אלע זומער צו א זיבען מענשען. ווער ווייסט, וואס פון משה׳לען וואָלט פּאַר ביטערע יסורים און אנגסטען געוואָרען, ווען עס זאָל איהם באַלד, ווי א בליטץ, נישט א זעטץ טהאָן איין אנדער געדאַנק — ס׳איז דאָך עפּיס אויף דער וועלט דאָ א קאַבצאַנסקער אכסניא! מעגליך, טאַקי מעגליך, אז הערשעלע איז אריין אהין זיך צו זעהען מיט פרישע קאבצאַנסקער פּאַרשוינען, אפּצונעהמען א גרוס, אָדער א בריף פון דער היים. משה׳לע האט אין דעם געדאַנק זיך אנגעחאַפּט מיט ביידע הענד, זיך שטאַרק געוואונדערט, פאַר וואס איז דאס איהם

פריהער נאך נישט איינגעפאלען, און געשטארקט פון דער גוטער האפנונג האט ער זיך געלאזט גיהען צו דער ק א ב צ א נ ס ק ע ר אכסניא.

דיא אכסניא פון דרויסען איז בעלאגערט געווען פון בעלי־העגלות, וואס זיינען געשטאנען, געזעסען אויף פריזבעס מיט בייטשען אין דיא הענד, שטארק בייז, האבען זיך געקראטצט אין דיא פאות, געשפיגען און גלאט אזוי זיך אין דער וועלט אריין געפכוכט, געשאלטען; אויף פון מעקלערס, וואס האבען זיך גערונגען מיט פאר־שוינען, אויף זייער לשון — מוהמעס, פעטערס, אגווייזענדיג זייא פון דערווייטענס ביידליך, און צוגעזאגט איטליכען א טהייער פאהרעכטס, גיך, געשווינד, גערייטיג, וויא דיא שררות. בייא מ ש ה ' ל ע ס צוקומען זיינען איהם, וויא דיא היישרעקען בעפאלען מעקלערס, איהם געצויגען, געריסען: אהער יונגער מאן! וואהין פאהרען? אט שטעהט א ביידיל, גרייט, באלד טאקי פאהרען! — מ ש ה ' ל ע האט זיך קוים א לעבעדיגער פון זייערע הענד אויסגעדרעהט און זיך אריינגעחאפט אין שטוב אריין. דארט איז ער דורכגעגאנגען צווישען אלע פארשוינען, געזוכט מיט דיא אויגען אין איטליכס ווינקעלע — און ה ע ר ש ע ל ע איז נישטא! עס ווערט איהם נישט גוט, ביטער און פינסטער אויף דעם הארצען. נאר ס'איז נאך דא א שטיקעל האפנונג. ער פריווט זיך דורך דער הינטער טהיר ארויס אין הויף אריין. שטופענ־דיג זיך צווישען ביידליך און וועגעליך, צווישען מענשען, פערד, להבדיל, אויסגעמישט אין־איינעם און חאפענדיג הינטערווייליכס א שמיטץ אין פנים פון פערדישע ווידלען, דערזעהט ער אין דער זייט דארט א בעקאנט פנים — און עס גיט איהם א קלאפ אין הארצען פאר פרייד אויף אזא מציאה. אונזער ש נ י א ו ר ־ ו ו א ל ף שטעהט עס דארט מיט עמיצען לעבין א געשפאנט וועגעלע, האלטענדיג דיא נאז אראפגעלאזען און זעהט אוים עפיס וויא איין אפגעשמיסענער. מ ש ה ' ל ע טהוט זיך א לאז צו איהם האסטיג מיט א פרעג, נאר אין איין אטהעם:

— וואו איז ה ע ר ש ע ל ע ?... ה ע ר ש ע ל ע וואו איז?

— א־א! טהוט זיך ש נ י א ו ר ־ ו ו א ל ף א חאפ וויא פונ'ם שלאף, שארף אנקוקענדיג מ ש ה ' ל ע ן און נאך עטליכע מינוט טראכטען רופט ער זיך אן, שוין לעבעדיגער אביסיל: אט באלד, באלד! ווארט נאך אביסיל, לאמיך נאר אפפארטיגען זיך דא אט מיט דעם יודען.

ש נ י א ו ר ־ ו ו א ל ף רופט אוועק דעם יודען אין דער זייט, ביידע שמיעסין דארט א היבשע צייט גאנץ שטיל צווישען זיך, מעהר אויף דעם ווינק. דער יוד וועטצט זיך דערנאך אריין אין א וועגעלע, ש נ י א ו ר ־ ו ו א ל ף געזעגענט זיך מיט

איהם: פאָהרט געזונט! און צוקומענדיג באַלד צו משה'לען מאַכט ער נאָר פריינטליך מיט א זיס שמייכעלע:

— נוא, אצינד קען איך דיר ענטפערען. וואס האסט־דוא מיך עפּיס געפרעגט, וואס?

— וואו איז הערשעלע?

— א־א, דיין חבר מיינסט־דוא! מאַכט שניאור־וואָלף וויא ער שטויסט זיך ערשט אָן. אַזוי־זשע רעד. — דיין הערשעלע איז אצינד דאָרט, דאָרט בייא דעם שותף מיינעם. איך שטעה אויף אבסניא דאָ, און ער, דער שותף, פארשטעהסט־דוא מיך, שטעהט בייא זיינעם א מחותן עפּיס. אָט געה איך אליין באַלד אהין. קום, אויב דוא ווילסט, מיט מיר טאַקי.

עס פערשטעהט זיך, אז משה'לע איז זעהר גערען געוועזן צו געהען און האט געזאָגט: אָך, א שיינעם דאַנק!

שניאור־וואָלף האט געפיהרט משה'לען עפּיס געדרעהט דורך שמאָלע געסעליך און הינטערגעסעליך. נאָך א שטרעקע וועג גאַנג הויבט משה'לע אָן ביסליכוויים זיך אָפּצושטעלען, קוקענדיג עפּיס אומרוהיג, גלייך וויא געדעט: ביז וואַנען וועט עס מיך פיהרען?!

„נא־נא, א פּאַרקליבען זיך עס אביסיל! עפּיס אין עק וועלט!" ברומט שניאור־וואָלף אונטער דער נאָז פאַר זיך, וויא אויך שטאַרק נישט צופרידען. און א קוק געבענדיג דערנאָך משה'לען אין פּנים אריין מאַכט ער מיט א זיס מינעלע: אָט באַלד, באַלד!

— יא! רופט זיך משה'לע אָנגעברוגז'ט, אָט באַלד זיינען מיר שוין אויף יענער זייט שטאָדט. אָט איז שוין טאַקי דער בית־עולם!

— וואס בין איך שולדיג? נעהמט איין שניאור־וואָלף משה'לען מיט גוטע ריידעליך. נישקשה, וואס קען עס דיך אַרען, נאַרעלע, אז דוא וועסט דערווייל דורכגעהן זיך אביסיל שפּאַצירען? אָט קוק א גרין ביימעלע, א שמעקענדיג גרעזעלע, פייגעליך שווישטשען — טשיריק־חיריק־טשיק!

משה'לע טהוט א שמייכעל און נעהמט אָן א פרעהליך פּנים.

— אָט אַזוי, האב איך דיך טאַקי ליעב! רופט זיך אָן שניאור־וואָלף, אונטערהנפּה'נענדיג זיך. וואס האסט דוא עס אַזוי קיין צייט נישט? אלץ לעהרנען, לעהרנען! נאָך א מאָל אָמר אביי, ווידער א מאָל אָמר אביי, מען בעדאַרף דיא וועלט אויך אָנקוקען.

שמיעסענדיג אויף אַזא שטייגער איז שניאור־וואָלף מיט משה'לע

דערוויל נעגאנגנען אלץ ווייטער, ווייטער ביז העט אויף יענער זייט בית עולם. דארט האט זיך געשלעפט פאמעליך עפיס א פוהריל, א יודליק איז דארויף געזעסען, גע־האלטען אין דיא הענד שלאף דיא לייצען, גלאט נאר פון יוצא ווענען, פארלאזענדיג זיך אויף דעם פערדעלס יושר, לאז עס זיך, עס, געהען, וויא זיין גוטער ווילען איז. שניאור־וואלף האט זיך איבערגעווינקען מיט דעם יודיל און איידער משה׳לע האט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען, טהוט ער איהם א חאפ, ווארפט איהם אריין אין וואגען און שפרינגט אין דער הייסער רגע אויף טאקי אריין אהין. דאס יודיל טהוט א שמיץ דאס פערדיל און אוועק, אוועק...

## כד.

ר׳ אברהם נעהט דערוויל אין איינע צרות הין־און צוריק איבער דעם קלייזיל שטארק אומרוהיג, רייבט מיט דער האנד דעם שטערען און רעדט אלץ צו זיך אליין פארוואונדערט: רבוני של עולם, וואס טהוט זיך דא אזוינס! וואו זיינען עס דיא קינדער?! יענער איז נישטא, דער — זיימט זיך עפיס אויף צו לאנג. א שיינער אוועקגאנג אביסיל! מילא דער יאק דער, נארנישט! אבער יענער, וואו איז יענער?! ס׳איז עפיס נישט גלאטיג. ער בלייבט שטעהען לעבין פענסטער און נעהמט זיך ארויס דיא אויגען קוקענדיג אין דרויסען, נאר אומזיסט אבער דאס קוקען, מען הערט נישט, מען זעהט נישט. ער טהוט זיך געשווינד אהן, נעהמט אין דער האנד דעם שטעקען און געהט ארויס מיט דער דעה אליין עפיס צו טהאן, געוואהר צו ווערען, וואס איז דיא מעשה.

אויף דער גאס קומט איהם אקעגען איינער, זיינער א גוטער בעקאנטער, א יונגער מאן פון א יאהר דרייסיג, לייטיש געקליידעט, עפיס האלב־דייטש, האלב־יודיש, מיט א שווארץ בערדעלע און מיט א קלוג, זיס פנים. דער יונגער מאן קוקט אן פארוואונדערט ר׳ אברהם׳ן וויא ער יאגט אהן א נשמה און שטעלט איהם אפ מיט א פרעגע:

— וואס יאגט איהר עס עפיס אזוי? וואהין איז? ר׳ אברהם! אין עסק עפיס, וואס?

— עפיס א שמיקעל עגמת־נפש. ענטפערט ר׳ אברהם, חאפענדיג דעם אטהעם. גוט חלעבין, וואס איהר זענט מיר געקומען אקעגען. איך האב מיך דער־מאהנט, ס׳איז דא מיט אייך צו ריידען וועגען עפיס איין ענין. נאר נישט אצינד, נישט אצינד ר׳ רפאל.

— אודאי וועגען א שידוך! טהוט מיט א שמייכעלע א זאג רפאל. דאס

איהר געהערט בעסער נייעס, ר' אברהם? אייער גדליה ווינטהאפער האט אנגעזעצט!

— אוואַ, אַ־וואַ! מאכט פארוואונדערט ר' אברהם. עפּיס אזוי פלוצלים, אומגעריכט! און וויא שטעהט מעלתו מיט איהם?

— נישקשה! זאָגט רפאל, א דרעה געבענדיג מיט דער נאָז. איך האב מיך לאנג דארויף געריכט. זיינע וועקסלען מיר פאר דער סחורה האב איך באלד מאקי סקאָנטירט, וויינינער מיט עטליכע פראָצענט—אָהן סכנות! מיינע לאָדזער פאבריקאנטען, נישקשה, וועלען דערפאר אויף מיר נישט ברוגז זיין אצינד. וואס־זשע פאַרט, ר' אברהם, איז דיא מעשה, וואס איהר זענט עפּיס צוטראָגען אזוי? ווייסט איהר וואס? קומט חלעבין אצינד צו מיר, וועלען מיר ריידען בייא א גלעזיל פונש. עפּיס בין איך היינט זעהר גוט אויפגעלייגט.

— האַ?... גוט! מאכט ר' אברהם, א חאפּ געבענדיג זיך, וויא ער איז אויף עפּיס געפאלען נאך א פּאר מינוט טראכטען. גוט, איך וועל אייך אונטער־פיהרען ביז צו אייער שטיבעל אויפ׳ן הויף און אליין וועל איך דאָרט אריינגעהען אויף דער קאבצאנסקער אכסניא עפּיס וועגין א זאך. קוים ענדיגט זיך גוט, בין איך דיא רגע בייא אייך. קוממט!

ר' אברהם, לאָזט זיך געהען ווייטער גיך, רפאל נעהמט איהם קוים נאך און קען נישט פארשטעהן, וואס דאס איילעניש ר' אברהם׳ס זאָל בע־דייטען אזוינס.

— נעדיינקט־זשע, ר' אברהם רופט זיך אָן רפאל ביים צושיידען זיך אויפ׳ן הויף פון דער אכסניא. וויא באלד איהר וועט זיך אָפּפּארטיגען דאָ, זאָלט איהר אריינקומען גלייך צו מיר.

— אַ־נאָט העלף, רייזעניו! זאָגט ר' אברהם אויף א גנון, אריינ־קומענדיג ברייטליך צו רייזע׳ן, אין איהר בעזונדער אלקיריל, בשעת זיא האט ערשט אוועקגעלייגט דאס פלייש זאלצען איבער א וויקשעפּטיל און זיך גענומען צו דיא פיש, צו א געזונטען קארפּ מיט א גרויסען העכט אויף שבת.

— אָ, א גאסט, חלעבין! מאכט רייזע, אָפּרייסענדיג זיך פון דער אר־ביים און א פּאָהר געבענדיג מיט דער נאָז איבער דעם ארבעל. א לאַנגע צייט, העך־אביסיל, האט מען אייך נישט געזעהן, ר' אברהם! הא, רעכט עפּיס אזוי? גוא, זעטצט זיך, זייט מוחל!

צווישען רייזע׳ן און ר' אברהם׳ן איז געוועזן פון גאנץ לאנג א גוטע בעקאנטשאפט. איהר מאן, עליו השלום, האט ביים לעבען געדאוונט אין דעם

קליידל, וואו ר׳ אברהם, און זיך מיט איהם זעהר גוט פארהאלטען. רייזע האט נאך ביז אצינד אונטער ימים־נוראים געדאווענט אין דער ווייבערשער שוהל דארט, אויף איהר שטאט, און מיט דיא יאהרצייטען נאך דעם מאן, נאך איהר טאטען און מאמען זיך שטענדיג פארלאזט אויף ר׳ אברהם׳ן, וואס ער פלעגט עס אקוראט אפהיטען. ער פלעגט שוין געדיינקען דיא דאזיגע טעג, אין זינען האבען דיא ליכט, דיא פרקים משניות, אויף בעשטעלען א מנין יודען אויף דעם הייליגען ארט און דערנאך מיט איהר זיך אפרעכענען. אויסער דעם פלעגט ר׳ אברהם אפט קומען צו איהר אין הויז, א מאל נאך א נדבה אויף עפיס א מצוה־זאך, א מאל צו זעהען זיך מיט א בעקאנטען אורח, וואס איז פארפאהרען צו איהר אויף אכסניא און א מאל גלאט אזוי געוואהר ווערען, וואס הערט זיך. רייזע האט איהם אויפגענומען שטענדיג מיט כבוד, איז זעהר גערן געווען זיך ארייננצולאזען מיט איהם אין א שמיעס וועגען יודעשקייט, וועגען דעם שטיינער לעבען פריהער אין יענע צייטען און קרעכצען: היינט איז נישט דאס, וואס אמאל!

— יא, גערעכט, חלעבין, נישט געזעהען זיך טאקי א היבשע צייט. עס האט זיך עפיס נישט געמאכט. היינט בין איך געקומען... דרעהט זיך ר׳ אברהם עפיס און זעטצט זיך אנידער אויף א ביינקיל.

— א בער אין וואלד האט געמוזט פגר׳ן! שפאסט אויף איהר שרייענדיג קול רייזע.

— היינט בין איך געקומען, הויבט ר׳ אברהם אן דעם שמיעס, אט וואס: זאגט נאר רייזעניו, האט איהר נישט געזעהען היינט בייא אייך דאס קאב־צאנסקע בחור׳ל? איהר ווייסט דאך וועמען איך מיין, יענם בחור׳ל, אונזער בעל־תפלה׳ס, עליו השלום. אין דער פריה איז ער אויף א שעה אוועקגעגאנגען און נאך נישטא!

— אוי, א וואונדער האט מיך נישט דערשלאגען! טהוט רייזע א געשרייא און פארווארפט מיט דעם קאפ.

— וואס איז, הא?! טהוט זיך ר׳ אברהם א חאפ דערשראקען. אויפ־שפרינגענדיג פונ׳ם ביינקיל.

— אייך עק פון זיין לעבען, פארוויסט — זיינע יונגע יאהרען! טרויערט רייזע וויא צו דיא קינות. דאס הארץ, א וועהטיג איז מיר, האט מיר טאקי געזאגט, אז ס׳איז עפיס נישט גלאט. אצינד איז שוין קלאהר וויא דער טאג — ער איז געקוילעט געביך. אי, געקוילעט זאלען זייא ווערען אהן א מעסער!

— נאָט איז מיט אייך, ר י י ז ע! ווער? וואס? בעט ר׳ א ב ר ה ם רחמים און איז טויט מיט אלע אברים.

— נאָט אייך א וואַרעניק, העט אביסיל! צולאָזט זיך ר י י ז ע אויף איהר קול. פלוצלים גאר זיטצט ער דאָ צווישען צוויא אומבעקאַנטע יודען, דער רוח ווייסט זייער טאַטען, ווער זייא זיינען, און עסט א וואַרעניס! וואס זיינען זייא מיט איהם פאַר א שמעלקעס, זייא זאָגען איהם דעם ביסען פונ׳ם מויל אוועקגעבען! נישט עפּיס אזעלכע מילדע. מיט מיר, נישקשה, האבען זייא זיך גוט געדונגען פאַר דעם וואַרמעס, האבען נאך אין א טאָרבעלע פאַרנומען דיא איבערגעבליבענע שטיק־ליך ברויט פונ׳ם טיש. — מיר איז עס באַלד עפּיס נישט געפעלען.

— נוא, נוא! טרייבט אונטער ר׳ א ב ר ה ם.

— נוא, מאַכט ר י י ז ע, איבערגעהענדיג פון דער דינער אויף דער גראָבער סטרינע, מילא איז מיר נישט געפעלען. וואס־זשע איז? דאס ערשטע מאָל, העך־אביסיל, מאַכט זיך מיר אזוינס, וואס מיר איז נישט געפעלען? — פון דעסטוועגען האט עס מיך פאַרט עפּיס געמאָנטעט, אריינצושטעקען, וויא מען זאָגט, דיא נאָז, טאָמיר וועל איך עפּיס אָנשמעקען. עפּיס וויא שטעהט דאָרטען, ר׳ א ב ר ה ם, א יודענע האט ליעב...

— גיכער, סערדצע, איך בעט אייך. צאַפּעלט ר׳ א ב ר ה ם הערען ווייטער, דעם שפּיטץ.

— וואס דען? א יודענע איז א יודענע. לאָזט ר י י ז ע נאך אויף א טאָן נידריגער אראָפּ דיא געמבע. בין איך ציקאָווע געוועזן ש מ ע ק ע ן ביים דערלאַנגען יענע פאַרשוינען צום טיש, חאַפּען פאַרבייגעהענדיג א לעק פון זייער שמיעס. עפּיס איז מיר דאס שושקען־זיך זייערס און דאס מינעלע, וועלכע זייא האבען דערבייא געמאַכט, איבערווינקענדיג זיך מיט גנבה׳שע אויגען, גאָר טאַקי נישט געפעלען. א פּאָר ווערטער, וואס איך האב געחאַפּט, זיינען מיר שטארק אין נאָז אריין, און דאס הארץ האט מיר געזאגט: ח א פּ ע ר ס! נישט אַנדערש זייא זיינען אויסען דאס יתום׳ל אין געוואַנט אריינשטעקען מיט איין אָנשטעל. אָט וואס דער וואַרעניק בעטייט... איך האב געזוכט דאס בחור׳ל, נראָד. איז ער מיר אין דער הייסער רגע צו דיא אויגען נישט געקומען. דערווייל בין איך דאָך א יודענע „מה אָני, מה חייני" מישטעהנס־געזאגט א קאָטצען־מוח, אין איין אויער אריין פונ׳ם אַנדערען ארויס. א קאַטאָוועס, העך אביסיל, שטענדיג האט מען דאס כויפעניש. אַצינד ווייזט זיך עס גאַנץ קכאָהר ארויס! — חאַפּט זיך פּלוצלים ר י י ז ע ארויף הויך אויפ׳ן בייא־קולבען — געחאַפּט האבען זייא איהם אודאי, פאַרחאַפּט זאָגען זייא ווערען. א

**בימער רחמנות, וועה איז מיר, אזא וואויל קינד! — אוי, א דונער איז מיר, ר' אברהם! וואס איז מיט אייך?** לאָזט זיך נישט אָפּ!

א קאַלטער שוויים האט בעשלאָגען ר' אברהם'ן, טרעהרען, וויא דיא באָבען, זיינען איהם נעשטאַנען אין דיא אויגען, אלע גלידער האבען איהם געציטערט און ער האט קוים זיך נעהאלטען אויף דיא פיס.

— איך בין שולדיג, אייקעט ער אָנהאַפּענדיג זיך ביים קאָפּ. אי־אי־אי, וואס האב איך געטהאָן! ביים ערשטען בעגעגעניש מיט א מענשען, נישט רעכט צו וויסען ווער ער איז, פון וואַנען ער איז, נעהם איך און גיב איבער אין זיינע הענד אריין דאס עלענטע יתום'ל נעביך, אי־אי!!

— וואס זענט איהר שולדיג? נעהמט רייזע איין ר' אברהם'ן מיט גוטע רייד. מסתמא איז דאָך זיין פינסטער מזל אזוי. אזוי, מסתמא איז אויף איהם אָנגעהחתמ'ט געוואָרען. וויא זאָגט מען עפּיס? עס פּאַלט נישט דיא שפּין ביז עס ליגט נישט עפּיס דרין.

— הרג'ענען בין איך ווערטה זאָל מען מיך, אלטען נאר — הערט נישט אויף ר' אברהם צו אָכצען, צו קרעכצען — אויף מיר האט עס לייזער־יאנקיל, עליו השלום, איבערגעלאָזט זיין קינד און געשטאָרבען מיט דער האָפנונג, אז איך וועל עס דאָ אויף איהם האבען דיא השגחה וויא א טאַטע. — יאָ, א שיינע השגחה! א גוטער טאַטע!...

— נוא, וואס זאָל מען טהאָן? הען־אביסיל, זעטצט זיך, ר' אברהם! בעט רייזע מיט טרעהרען אין דיא אויגען, אונטערזוקענדיג איהם דאס ביינקיל.

— וואו איז מיין קינד? וועט דער טאַטע דאָרט שרייען, נישט איינ־ליגענדיג רוהיג אין קבר. אזוי האט איהר עס געהאַלטען וואָרט.... און וואס וועל איך ענטפערען דער מאַמע, דער וויסטער אלמנה? אז זיא וועט קומען וויינען איבער מיין קאָפּ... רעדט, זאָרגט ר' אברהם מיט א געבראָכען האַרץ, טהוט זיך א וואָרף אויפ'ן ביינקיל, פאַרדעקט מיט ביידע הענד דאס פּנים און בלייבט זיטצען שטיל, שטום וויא דיא וואַנד.

— הען־אביסיל! הויבט אָן רייזע מיט א מוסר, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ נאָך עטליכע מינוט שטיל־שווייגען, און פון דיא אויגען קאַפּען איהר טרעהרען. וויא טהאָר מען, הען־אביסיל, זיך אזוי נעהמען צום האַרצען! און נאָך א מאַנסביל, א יוד, א למדן, ווייסט וואס שטעהט געשריבען דאָרט אין היילינע ספרים! היינט וואָס זאָל מען שוין זאָגען אויף א יודענע? מה נאמר, מה נדבר, עט, חלעבין, וויא איך בין א יודישע טאָכטער! הא! וואס איז עס דאַרטען פּאַר א וואָרף? טהוט זיא זיך פּלוצלים א חאַפּ, דערהערענדיג א שטאַרקען קלאַפּ אויף יענער זייט אַלקיר, וויא עפּיס איז אומגעפאַלען. טפוא, זאָל עס ווערען, נאָר עס ברעכט, עס צאַרפּט! נישט אויסצוהאַלטען, וואס דאָ טהוט זיך א טאָג איבער!...

רייזע לויפט געשווינד אַרויס פונ'ם אַלקיר'ל און שלאָגט זיך אָן נישט וויים

רערפון, אין א טונקעל ווינקעלע, אין עמיצען עפּיס, וואס האט באַברענדיג זיך דאָרט אויף דער ערד מיט זאַבען, אומגעוואָרפען א ביינקיל מיט קווערטליך און קופּערוואַרג.

— וואס זאָגסטדוא, איך בעט דיך, צו זיין טאַטען? כאָזט זיך הערען ר י י ז ע ס קול דאָרט, הויך אויף א בייזער. וואָהין ער האט זיך עס, הען־אביסיל, פאַרקליבען מיט דיא קלימקעס! גאר נישט געפונען, חלעבין, קיין אנדער אָרט! ווער איז?

קיין צייט נישט צו האבען וואַרטען אויף ענטפער בייגט זיך ר י י ז ע איין מיט איהר כבוד אליין, צו זעהען, ווער איז, וואס באַברעט זיך דאָ. זיא קוקט דעם פאַרשווין אין פּנים אריין און לאָזט ארויס א געשרייא נישט מיט איהר קול:

— ר, א ב ר ה ם! גיבער, ר׳ א ב ר ה ם!

ר׳ א ב ר ה ם האפּט זיך אויף וויא פונ׳ם שלאָף און פליהט מיט איםפּעט ארויס פונ׳ם אלקיריל.

— ער איז דאָ! שרייעט ר י י ז ע ניך אין איין אָטהעם, טייטענדיג מיט אלע פינף פינגער. אָט, איז ער, אָט, ער!...

— ה ע ר ש ע ל ע! מאַכט ר׳ א ב ר ה ם אויף א דומפּף־ציטערדיג קול, ארויסשפּרינגענדיג פון דיא כלים פאַר גרויס וואונדער.

ה ע ר ש ע ל ע איז געשטאַנען אראָפּגעלאָזען דיא נאָז, וויא איינער וואס האט זיך פאַרזינדיגט און פיהלט, אז אָט חאַפּט ער א פּסק.

— ג ו מ ל בעדאַרפסט־דוא בענשען, שיין בחור׳ל, וואס דוא ביסט טרוקען ארויס. רופט ר י י ז ע זיך אָן.

— וואס בין איך שולדיג? אומגערען האב איך עס דאָך אומגעוואָרפען. פאַרענטפערט זיך ה ע ר ש ע ל ע.

— ניין, נישט דאס, פאַלט אריין אין דיא רייד ר׳ א ב ר ה ם. דוא ביסט טרוקען ארויס, מיינט ר י י ז ע, פון דיא יודענס הענד. — וואס קוקסט־דוא עס עפּיס אויף מיר אזוי פאַרוואונדערט, ה ע ר ש ע ל ע?

— איך פאַרשטעה נישט, וואס איהר זאָגט! ענטפערט ה ע ר ש ע ל ע, טאַ־בענדיג מיט דיא אַקסלען און נעהמט זיך צונויפקלייבען דאס אראָפּגעפאַלענע קופּערנע געפּעס.

— איהר הערט? ווענדט זיך ר׳ א ב ר ה ם אין דער זייט צו ר י י ז ע ן. ער פאַרשטעהט נישט, וואס מען רעדט! אומזיסט אומנישט, האב איך מורא, חושד געווען יודען. גאָט זאָל אונז נישט שטראָפען.

— עט, וואס דאַכט זיך אייך! זאָגט ר י י ז ע מיט א שמייכעלע. וואס דען־זשע בעטייט דער וואַרעניק? האט זיך יענע פאַר ווערטער, וואס איך האב געחאַפּט, מיר נאָר געחלומט?... א־נוא, גיט איהם נאָר, זייט מוחל, א פרעג, וואו איז ער עס ביז אצינד פאַרפאַלען געוואָרען?

— זאָג נאָר, שקאָץ! מאַכט ר' א ב ר ה ם. וואו ביסטו־דוא עס פאַר־פאַלען געוואָרען ביז אצינד?

— וואס האסט־דוא עס זיך צו באַברען דאָ מיט זאכען? מיט וועמענס זאכען? פרעגט ר י י ז ע צווייא קשיות מיט א מאל און בייגט זיך אָן א קוק טהאָן צו א פעקעלע מיט זאכען.

ה ע ר ש ע ל ע שטעהט צודולט, האלט אראָפּגעלאָזען דיא אויגען און ענט־פערט נישט קיין וואָרט.

— איהר זעהט עפּיס שיינס! צולאָזט זיך אויף איהר קול ר י י ז ע, האלטענ־דיג אין דער האנד א קליידיל, וועלכס זיא האט געפונען צווישען דיא זאכען. וואס זאָגסט־דוא, איך בעט דיך, צו זיין טאַטען? א־נוא, שיין בחור'ל, וואס בעטייט דאס קליידיל, א מיידעלש קליידיל?

— וואס, וואס! מאַכט פאַרוואונדערט ר' א ב ר ה ם.

ה ע ר ש ע ל ע ווערט אָנגעצונדען, רויט וויא פייער און קען נישט ארויס־ברייגען קיין וואָרט, אזוי פאַרקלעהמט האט איהם דאס האַרץ.

— דערווייל, ר' א ב ר ה ם שטעהט איהר דאָ אויף דיא פיס, רופט זיך ר י י ז ע אָן. אָט נעהט בעסער מיט איהם אריין אין אַלקירל, וועט איהר מאַכען ב ר כ ה. דאס בחור'ל וועט אויך עפּיס עסען. ער איז דאָך אודאי הונגעריג, העך־אָביסיל! ער וועט עסען און מיר וועלען דערווייל פון איהם געוואָהר ווערען אלסדינג.

## כה.

דיא מעשה מיט ה ע ר ש ע ל ע ן איז אזוי:

ש נ י א ו ר ־ וו אָ ל ף האט געפיהרט ה ע ר ש ע ל ע ן פונ'ם קלייזיל גלייך אויף דער ק אַ ב צ אַ נ ס ק ע ר אכסניא, וואו ער איז גראָד געשטאַנען. געגנג סאָגט זיך דאָך אויף דער דאָזיגער אכסניא אלע טאָג פון זעהר פיעל פאַרשוינען, וואס קומען און פאָהרען אוועק, איז דאס קאַבעניש דאָרט דאָנערשטיג נאָך גרויסער. דאָנערשטיג הויבען געוועהנטליך יודען אָן שוין קיין צייט נישט צו האבען און דיא, וואס האַלטען אין פאָהרען, איילען זיך אויף שבת, אויס מורא, דער שטן זאָל חלילה נישט מקטרג זיין: עס זאָל אין דער מיט וועג נישט ברעכען איין אקס, דער וואָגען זאָל זיך נישט איבערקעהרען מיט אלע פאַרשוינדליך, נישט איינגע־זינקען ווערען איבער דיא רעדער אין א בלאָטע, אָדער, לא יעלה ולא יבוא, דיא פערד זאָלען נישט צושטעהען און מען זאָל, בעהיט גאָט, פאַרשפּעטיגען: איינער— דעם ראָסעל־פלייש, דער אנדערער — דעם מ ר ח ץ. אָדער, דיא בייזע שעה זאָל נישט זיין — און מען זאָל נאר אריינפאָהרען מיט דעם דישעל אין דער שיסעל לאָקשען. אין דער גרויסער בהלה דאָרט פון מענשען, דענסטמאל ווען איטליכער איז פאַרטראָגען מיט זיך, נישט אין זינען צו האבען יענעם — איז ביים עק טיש, אין א ווינקעל, געזעסען נאָר א יודיל מיט א רויטער באָרד און שטאַרק געשוויצט איבער א שיסעל מיט וואַרעניקעס, פון וועלכער עס האט געזעצט א פּאַרע גרא

א רויף. ער האט גענעסען מיט כוונה, גוט געקייעט, נישט געאײלט ווי א גרויסער מייסטער אין דער אכילה. קוקענדיג בשעת מעשה אויף איהם האט מען בעקומען איין אייזערנעם אפעטיט, חאטש ער איז שוין פון א צייט פארפאלען געווארען און עס האבען דערצו נישט געהאלפען קיין דאקטוירים. וואס רופאים, וואס דאקטוירים! איין מיטעל צום אפעטיט איז א בריה, א פרעסער—קוקען אויף איהם ווי ער רייבט מיט א לשם־יחוד...

שניאור־וואלף איז צוגעקומען אליין צו דעם יודעל און מיט איהם שטילערהייט עפיס געשמיעסט. דאס יודעל האט זיך פארטראכט, אנידערגעלייגט אויף א ווײלע דעם לעפעל, קייענדיג זעהר פאמעליך, קוים קוים צו מאכען מיט די ליפען, און מען האט אין זיין שיינענדיג פנים׳ל, אין זיין שמייכעלע, דערקענט, אז עס טהוט איהם עפיס שטארק הנאה. הערשעלע איז זיך דערווייל געשטאנען אין דעם אנדערען עק שטוב און געווארט, וואס וועט דא זיין. שפעטער אביסיל האט שניאור־וואלף מיט א ווינק איהם צוגערופען צו זיך און פירגעשטעלט פאר דעם יודיל, וואס האט איהם געבעטען זיטצען לעבין זיך, מאכענדיג נאר פריינטליך:

— מיר ביסט־דוא אויפ׳ן אנבליק, געפעלען. איך פארהאף, אז דעם שוואגער מיינעם, וואס זוכט א גוט בחור׳ל פאר זיין יונגעל, וועסט־דוא אויך געפעלען. נאר מיין שוואגער שטעהט אכסניא ווייטליך פון דאנען. ער איז א גאנץ איידעל, אפ־געהיט מענשעל און בעדארף האבען צו זיין געזונט א גערטענדיל, אביסיל פרישע לופט. נאך דעם עסען פאהרען מיר אהין, דיך טאקי אויך מיטנעהמען, כאַ ער דיך נאר אנקוקען, נישקשה. דאס איבעריגע — איז שוין אונזער זאך. עס וועט זיין רעכט! . . . דערווייל קום עסען!

— עסט געזונט! ענטפערט הערשעלע, ווי דער שטיינער איז אז מען בעט עסען!

— ניין! זאגט דאס יודיל, טאקי אין רעכטען אמת קום עסען. — זאגט, זייט מוחל, ווענדט ער זיך צו שניאור־וואלף׳ן, זאגט דער בעל־הבית׳טע, זיא זאל אייך ביידען געבען עסען.

— א שיינעם דאנק! איך בין נישט הונגעריג. בעדאנקט הערשעלע, אויס דרך־ארץ נאר, הגם עס וואלט איהם נאר נישט געשאדט טאקי, אין מויל אריין צו נעהמען עפיס.

— נעהם־זשע חאטש וואס ס׳איז, בעט דאס יודיל און שטופט מיט געוואלד הערשעלען אין דער האנד אריין א גרויסען, א שווארצען, אינע־ווייניג מיט קעז אנגעפילטען ווארעניק.

— בעל־הבית׳טע, בעל־הבית׳טע! רופט צו שניאור־וואלף רייזען, וואס איז דורכגעלאפען פארבייא מיט דעם פאלאניק אין דער האנד, מיט געשרייא און געפילדער.

„וואס זאגסט־דו איך בעט דיך צו זיין טאטען?!" לאזט זי צוקומענדיג אויס איהרען עפיס א שמועס מיט א פארשווין דארט, צווישען דעם עולם.

— נישטאָ עפּיס צו עסען, בעל־הבית'טע? פרעגט שניאור־וואָלף.
— וואס צו עסען, עפּיס? חזר'ט רייזע איבער יענעמס ווערטער, מאַ־בענדיג א שלשלת. וואס הייסט עפּיס? ווארמעס ווערט שפּעטער אביסיל זיין.
— איך בין דאָך אָבער טויט הונגעריג, א געוואלד!
— העןְ־אביסיל! זאָל איך מיך צערייסען, פון מיר מאכען עסען! וועל איך דערוויל מאכען אייך א רעטיך. ענטפערט אָפּ רייזע, ווארפענדיג א בליק אויף דיאביידע יודען, אויך אויף הערשעלען, וואס האט, זיצענדיג בקומפּאניע, מיט דרך־ארץ גענעסען א ווארעניק. זיא האט עפּיס פּארדרעהט מיט דער נאָז און איז אוועקגעגאנגען אין איהר רוה אריין.
אז שניאור־וואָלף האט, כפי־המדובר, דערהאלטען פון רייזען דעם אופּנאָב אויפ'ן ווארמעס — א רעטיך, צו וועלכען ער האט זיך גענומען מיט גרוים חשק, שטארק פּארטיפּענדיג זיך אין טעלער, האט דיא פּאָליטיקע הערשעלעס מתחייב געווען, זיך צו דערווייטערען דערוויל ערגיץ אין דער זייט, ווייל ס'איז קיין דרך־ארץ נישט, יענעם קוקען אין דיא אויגען אריין בשעת ער עסט. דיא טהיר פונ'ם שטוב האט א רגע זיך נישט צוגעמאכט — דער אריין, יענער ארויס. חאַפּענדיג, אזוי וויא ער שטעהט זיך דאָ אזוי, א שטופּ פון הינטען קוקט ער זיך אום און דער־זעהט צווישען פרישע אריינקומענדיגע פּארשוינען — וועמען מיינט איהר? — ביילען! עס האט איהם א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען, עפּיס וויא א ווארמער שטראָם איז איהם איבער דעם גאנצען לייב דורכגעלאָפען און ס'איז איהם געווען אזוי גוט, אזוי געשמאק, גלייך וויא ער וואָלט דערזעהען א שוועסטער, דיא מאמען, אלע זיינע ליעבע, נאך וועלכע ער האט אזוי שטארק געבייגקט. עס האט איהם מיט א מאל א שיין געטהאָן פאר דיא אויגען זיין שטעדטיל, זיין היים און זיך אין דער דאָזיגער מינוט געפיהלט נישט עלענד. פאר גרוים פרייד איז ער געוואָרען צו־מישט, אזוי אז ער האט גערוקט ביילען דיא האנד ביים צולויפען צו איהר, נאר פארגעסען, אז זיא איז א מיידיל, איין אשה און עס קומט איהר נישט קיין שלום־עליכם. ביילע האט מיט א שטיל געלעכטעריל אָפּגעשטויסען פאמעלכין פון זיך זיין האנד, אָנצוהערעניש געבענדיג איהם דערמיט זיין גראָבען טעות. הערשעלע איז געוואָרען רויט וויא א צוויק, האט זיך ארומגעקוקט פארשעהמט אין אלע זייטען אויב מענשען האבען נישט בעמערקט זיין ווילדען טעות און עפּיס געברומבעלט גלאט אזוי, נאר אָהן ווערטער.
— איך האב געבראַכט דיר א מתנה, פון דער היים נאָ דיר אָט דאס־אָ! רופט זיך אָן ביילע, געבענדיג הערשעלען א פּעקעלע. דאס שיקט דיין מאמע דיר און לאָזט דיר גריסען.
אין דעם פּעקעלע איז געלעגען א פּאָר אלטע אונטערגעארבייטע זאָקען, איין אלט אויסגעלאָטעט העמד, איינגעוויקעלט אין א קאַפּאָטקעלע, איבערגענייעט אויף דער לינקער זייט פונ'ם טאטענס אלטער וואָכעדיגער קאַפּאָטע מיט א פּאָלבאָן. הערשעלע האט זיך געשמאָלצען אין דעם העמד, אין דיא זאָקען, זייא האבען

געהאט בייא איהם דעם זיבעטען חן, עפּיס איהם דערצעהלט, גערעדט ווערטער. איטליכע לאַטע איז געווען א מגילה, א גאַנצע געשיכטע, ווער עס האט זיא געליינט, וויא אזוי און מיט וואס פאַר א האַרץ מען האט זיא געליינט. ער האט אויך בעטראַכט דאס קאַפּאָטקעלע — און טרעהרען זיינען איהם געשטאַנען אין דיא אויגען. עס האט איהם געשוועבט פאַר זיינע אויגען דעם טאַטענס בלייך פּנים, געקוקט אין דיא אויערען זיין שטיל־שוואַך לשון, זיין זיפצען ביים געזעגענען זיך מיט איהם: „פריהער שפּעטער, הערשעלע, מען מוז זיך שיידען!“ — בעטראַכטענדיג דאס קאַפּאָטקעלע האט איהם זיך געהערט עפּיס וויא א גרוס פון יענער וועלט, א וועה־געשריגען פונ׳ם טאַטען: „אָך, האב איך עס מיך געפּלאָגט דאס גאַנצע לעבען — און אָט האסט־דוא דיר אַצינד דעם גאַנצען סך־הכל: מיין נשמה האט גענומען גאָט, מיין לייב — דיא ערד און דיא אלטע קאַפּאָטקע, מיין גאַנץ פאַרמעגען, נעהם דוא, זוהנעניו, און טראַג געזונט!“....

ביילע האט דערצעהלט הערשעלען, אז איהרע אַרמע עלטערען האבען זיא געשיקט אַהער, קיין גלופּסק, זיך צו שטעלען ערגיץ אויף איין אָרט. און אזוי וויא זיא איז דאָ ווילד־פרעמד, האט זיא איהם געפרעגט, טאָמער ווייסט ער, וואו איז דאָ ערגיץ דיא „זאָרג־באַנק“ — דאס אָרט, וואו דיענסטען, מעקלערענס קומען זיך צונויף, אזוי האט זיא געהערט זאָגען, און אויב זיין גוטער ווילען איז, זאָל ער אליין טאַקי מוחל זיין זיא אהין אָפּצופיהרען. פאַר גרויס פרייד דורכצוגעהען זיך דאָ מיט ביילען און וואס דערוויל וועט ער טאַקי קענען אויספרעגען זיא אויף איטליכען בעזונדער אין דער היים, איז איהם גאַר ארויס פונ׳ם זינען שניאור־וואָלף מיט זיין שותף, מיט דער גאַנצער שמעכע. שניאור־וואָלף און דאס יודיל, וואס זאָלען זייא דאָ דיינקען? דאס בחור׳ל—וואס דען זאָל ער טהאָן?— דרעהט זיך ארום אין שטוב צווישען דעם עולם, זייא האבען א פאַר מאל אויך אכטונג געגעבען. נישקשה, ער וועט וואַרטען, ער בעדאַרף דאָך זייער טובה! און בשעת שניאור־וואָלף איז דאָ געווען אזוי פאַרטהאָן אין דעם רעטיך און דאס יודיל האט זיך געגרונטעוועט אין דער שיסעל מיט וואַרעניקעס, אין דער גוטער האָפנונג, אז באלד וועט דיא בעל־הבית׳טע צוטראָגען נאָך עפּיס — זיינען אונזערעביידע קאַבצאַנסקער יונגע פאַרשוינען וויא א פאָר טויבען ארויס געפלויגען פון דער אכסניא און זיך געשפּאַצירט איבער גלופּסק. ביידע האבען זיך געפיהלט עפּיס גוט, ביידען האט עפּיס הנאה געטהאָן. דיא דערמאָהנונגען פון דער היים האבען זייא אונטערגעגעבען פייער, געעפענט א מויל צום ריידען. דאס שעהמען זיך זייערס א מאל אין קאַבצאַנסק, איז דאָ, אין דער פרעמד, פאַרשווינדען וויא א רויך. הערשעלע האט זיך זאַט נישט געקענט אָנריידען, אויסגעפרעגט אויף איטליכ׳ס פּיטצעלע אין דער היים, אין דעם גאַנצען שטעדטיל, אויסמישענדיג אלסדינג אין־איינעם, נישט פאַרגעסען אפילו שעפּסיל דעם מלמד׳ס ציג, זימל דעם שיינקערס נייא איידעמיל, נח־אליהו דעם וואַסערפיהרערס לאָשאַקיל און אנשיל דעם האָרבאַטענס קעלביל. מילאָ דיא אלע בעשעפעניש זיינען דאָך פאַרט

לעבעדיגע נפשות און האבען מיט הערשעלעס נשמה עפּיס וואס ס'איז חאַטש א שטיקעל שייכות; אָבער וואס פאַרט האט זיך מיט איהם אָנגעגערט חיים דעם געשטופּעלטענס שטרויענער דאך, לייבצע־טעמצעס פּליטה וכדומה אזעלכע פּוימע, נישט קיין לעבעדיגע זאכען, מיט וועלכע ער האט זיך שטאַרק אינטערעסירט און ס'איז איהם צוגעקומען א שטיק געזונט, אז ביילע האט איהם פון דעם אלסדינג דערצעהלט? מען בעדאַרף אָבער עלענד זיין אין דער פרעמד און אויך גוט זיך צוקוקען, צוהערען צו זיך, בכדי צו פיהלען דעם טעם דערפון און ענטפערען אויף דער דאָזיגער קשיא.—ס'איז חלעבין רעכט! אין דעם מענשענס נשמה שפּיגעלט זיך אָפּ א גאַנצע וועלט. דער ים געפיהלען אין הארצען נעהמט זיך פון טויזענטער קוואַלען אינוועניגסטע אין איהם און אויסווענינגסטע חוץ איהם...

דיא זאָרג־באַנק, וואָהין אונזערע יונגע פאַרשוינען זיינען געגאַנגען, האט זיך אין־גאַנצען וויא זיא איז ענטפּלעקט פאר זייערע אויגען, געוויזען וואס זיא אזוינס בעטייט און מיט א מאָל בייא זייא צוגענומען דעם חשק צום ריידען. עס האט זיך א וויז געטהאָן איין אויסמישעניש פון אַלערלייא צורות און געשטאַלטען: פאָנפעוואַטע, צוגעפּלאַטשטע און געשוואָלענע נעז, ווארגעס, לעפּצען, בער־פרישטשעטע, שווייסיג־גלאַנצענדיגע שטערענס און שיינע חנ'עוודיגע פּנימער, גע־עלטערט, געקנייטשט פאר דער צייט: א קאַשע פון אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און פון משונה־ווילדע מאָדניצעס, מישטעהנס־געזאַנט: שמאַטעס, לאַטעס, צור־האַקטע ייפּעס, נאַקעט לייב, הוילע, פון צופאַלענע שיך ארויסקוקענדיגע פינגער, אין־איינעם מיט אָפּגעבלאַקעוועטע, אָפּגעפּאָהרענע, כלומר'שט נאך דער מאָדע געניייעטע קליידליך, ווילדע קרינאָלינעס, מגושם'דיגע שטיוועלעטליך אויף הויכע, אויסגעקרימטע קנעפּעליך; א דור הפלגה פון פארמישטע לשונות און געמבעס: גראָבע, דינע, קוויטשעדיגע, הייזערדיגע, חאָרחלענדיגע און זינגענדיגע קולות — דאס איז דיא גאַנצע אָרעמינקע קאַמאַנדע פון מיידליך, ווייבליך, יוגענטען מיט ברעקליך קינדער און שלימזל'דיגע, אָפּגעקומענע בעלי־הבית'טעס, געטריבען פון דער ביטערער נויט אהער אויף דעם יריד, צו פאַרהאַנדלען זיך פאר קעכענס, דיענסטען, ניאַנקעס און אמען אין נגידישע, בעל־הבתישע הייזער. עס איז א געדרעדרייא, א געפּלוידערייא: געשליפענע צינגליך קלאַפּען, מיילער אויף שרויפען מאָהלען, ווערטלען זיך, שפּעטען, בעריידען, אָפּגעקומענע בעלי־הבית'טעס אָכצען, קרעכצען, ווישען דיא נאָז און רייבען דיא אויגען. מעקלערענס אין שאַלען, אין ייפּעס אויף איין אַרבעל, דרעהען זיך ארום וויא דיא מלאכי־חבלות. איינע האַפּט, וויא פון דער שטייג עופות, ארויס א ווייבעל, א מיידעל און פיהרט זיא ערגיץ אוועק. דיא צווייטע קומט צולויפען בייז וויא א רוח, עפּיס מיט עמיצע שטאַרק נישט צופרידען. און דיא דריטע מענה'ט, רעדט צוקער־זיס מיט בעלי־הבית'טעס טאַקי דאָ אויפ'ן אָרט, אָפּלויבענדיג אין טאָג אריין איהר סחורה: דיא איז א בריה אויף חלה־באַקען, דיא האט גילדענע הענד צום שייערען מעש, קופּערוואַרג גאר אנטיק און יענע איז איין קעכנע אין דער וועלט, איהרע מאכלים מעג דער מלכות עסען, נאך קיינמאָל—

אז קיין צער — אין דעם ברויט נישט געווען בייא לייטען, אליין בייא זיך געווען א בעל־הבית׳טע — א קאטאוועס נחום׳צע דעם בטלן׳ס א ווייב אונזערע פאר־שוינען זיינען געבליבען פארגאפט און א היבשע צייט געשטאַנען שטום מיט א פאר־קלעהמט הארץ, וויא דיא שעפעליך, אויף דעם דאָזיגען מארק. הערשעלע האט דערנאך זיך אפילו א חאפ געטהאָן, ס׳איז קיין דרך־ארץ נישט, וואס ער איז אוועקגעגאנגען און כאָוט שניאור־וואָלף׳ן אויף זיך ווארטען אזוי לאנג; נאר דאס הארץ אָבער האט איהם נישט געלאָזט, אָפרייסען זיך פון ביילע׳ן, צו וועלכער עס האט איהם עפּיס געצויגען, געזוכט בייא זיך דארויף א תירוץ כלומר׳שט—זיא איז דאָך פון זיין שטאָדט, א נאָהענטע שכנה, דאָ נאָך נאר פרעמד, איז דאָך זיין שולדינקייט, באַכּד אין דער ערשטער שעה זיא נישט אוועק־צו־ווארפען. איהם איז ארויף א געדאנק, מעגליך שניאור־וואָלף, וועט דערווייל מיט פארדראָס אוועקפאָהרען, פארלירט ער דאָך א שטעלע, נאָר—הערט א וואונדער!— דאס האט איהם גאר עפּיס נישט אזוי נעארט. פארקעהרט, יא, לאָז זיך טאקי זיין אזוי. עס האט זיך איהם עפּיס שטארק נישט געגלוסט, אז גראָד אין דער צייט ווען ביילע איז געקומען זאָל ער בעדארפען אוועקפאָהרען. עס האט איהם טאקי זיך נישט געגלוסט און פאָרט נישט געוואָלט מודה זיך זיין, וואס בייא איהם דאָרט טיף אין הארצען געהט פיר, ער האט געזוכט בייא זיך אנדערע טעמים, זיך געדרעהט מיט הסברות און איז לסוף, וויא דער שטיינער פון מענשען איז א מאל אין געוויסע זאכען, געפאלען אויף א שווינדעל, אריינצולייגען דיא שמד־שטיק אין דער יראָה אריין—אָט דאס אין גאנצען איז פון גאָט! ממה־נפשך, איז בעשעהרט, וועט ער נישקשה דיא שטעלע נישט פארזיימען; אכא נישט, האט דאָך עס טאקי גאָט אזוי געמאכט, עס זאָל זיך איהם גלוסטען דאָ שיהות צו מאכען... און יענער זאָל דערווייל אוועק־פאָהרען. — אבי גאָט איז שוין דאָ אין־מיטען האט הערשעלע זיך נישט גע־איילט און איז מיט א גרינג הארץ געבליבען לעבין ביילען ווארטען ביז ער וועט נישט זעהען, וואס מיט איהר וועט זיך דאָ מאכען. דיא צייט איז זיך דערווייל גע־גאנגען און ס׳איז געוואָרען שפעטליך.

איינע, עפּיס א מעקלערען א־פּנים, האט פון דערווייטענס אלץ בעטראַכט ביילען, זיא איז איהר א־פּנים זעהר געפעלען, וויא עס האט זיך טאקי ארויס־געוויזען שפּעטער אין דיא גוטע, זיסע ריידעליך, מיט וועלכע זיא האט צוקומענדיג זיך געווענדט צו ביילע׳ן, אז זיא האט פאר איהר זעהר א גוט אָרט, וואו מען קען זיך אויסגלייכען דיא ביינער, עסען, טרינקען ווייט ביז איבער דעם האלז, אבי נאָר זיא וועט קיין שלימזל׳ניצע נישט זיין. ביילע איז באלד טאקי מיט דער יודענע ניגאנגען, געבעטען פאר דעם אוועקגאנג הערשעלען ער זאָל אזוי גוט זיין געוואָהר ווערען אויף דער אכסניא צו איהרע זאכען, וועלכע זיא האט דערווייל אין א ווינקעלע דאָרט איבערגעלאָזט. הערשעלע, עס פארשטעהט זיך, איז נישט פויל געווען צו טהאָן איהר ווילען און בשעת ער האט אין ווינקעל דאָרט, לעבין אלקיריל, זיך געבאָברעט איבער דיא זאכען, אומוואָרפענדיג דערבייא דאס ביינקיל מיט דעם קופערוואָרג, איז רייזע ארויס מיט א געפּילדער און האט איהם דערטאפּט.

## כו.

רפאל האט דערוויל צוגעגרייט בייא זיך א סדר מיט פונש און מיט פארבייסען, אלסדינג וויא געהעריג, נאר געוואָרט, דיא טהיר זאָל זיך עפענען און זאָגען: ברוך־הבא, ר׳ אברהם! ער האט געמענט טאָקי היינט אָפּריכטען דעם סדר, אז גאָט האט מיט גרויסע נסים איהם אויסגעלייזט פון גדליה ווינטהאפער, פון וועלכען עס האט זיך אויסגעלאָזט א טייך, וואו היבש מענשען זיינען, וויא דיא מצריים א מאל, אריין איבער דיא אויערען, דערטרונקען געוואָרען מיט זייער פארמעגען — און ער איז האָפערליך פון איהם טרוקען ארויס.

רפאל האט געשטאַמט פון א שטעדטיל ערגיץ אין פוילען. ערשט א קענען א פינף־זעקס יאָהר, אז ער האט זיך בעזעצט אין גלופסק און געהאַט דאָ אין קאָמיסיע סחורה פון דיא גרויסע לאָדזער פאבריקאנטען. גלופסק איז פון לאנגג־אָן בעקאנט פאר א גוטען האנדעלס־פונקט, אויף וועלכען א סך פאבריקאנטען פון דער וועלט האבען איין אויג, אָפּצוזעטצען דאָ זייערע מיני סחורות. נישט דעריבער ווייל גלופסק האט א פּאָרט, אָדער א בערזע מיט בעריהמטע קאנטאָרען, ניין! אויף איהר פיאַטאָגנילעווקע זעגלען נישט קיין אָקרענטען. זומער אין דיא גרויסע היטצען איז אין איהר, חוץ פאר דיא שטאָדט־חזרים, נישטאָ קיין אָרט, וואו זיך צו באָדען, און וויא געוועהנטליך קלעקט נישט דאס ביסיל וואסער אויף צו לעשען דיא שרפות. איינמאל האט זיך שוין אפילו געטראָפען, אז אויפשטעהענדיג אין א שיינעם פריהמאָרגען האט דער גלופסקער עולם פונ׳ם גאנצען טייך קיין סימן אפילו נישט געפונען — ער האט אָנגעזעטצט און יבש... בייא נאכט, אָהן א זייא־געזונט, עוקר געווען, וויא אין דער ערד אריין; עס האט דענסטמאָל געקלונגען דערמיט דיא וועלט, פאר חידושים זיך געפּויקט אין דיא גאזעטען: נישטאָ קיין פיאַטאָגנילעווקע! פיאַטאָגנילעווקע איז אנטלאָפען!... אין א קורצער צייט נאך דעם אנטרינען, האט זיא וויא דער שטייגער איז פון אלע אנדערע אָנזעטצערס, ווידער זיך געוויזען און אויף דאס־נייא בעקומען בייא דיא בעלי־הבתים קרעדיט — שמעקענדיגע, פרישע פּאָמייניצעס מיט אלעם גוטען... פון קיין בערזע ווייסט גלופסק אויך נישט וואס צו זאָגען, יודען פערזאמלען זיך קופּקעסווייס אויף דער גאס, אויף דיא גאניקעס דאָרט. און אנשטאט קאנטאָרען איז מען זעהר גוט יוצא מיט בעלי־הלוואות, וואָכערניקעס, וואס מאכען עס נישט ערגער פון א טהייל באנקירען אין אנדערע שטעדט און רעכענען פּראָצענט נאר פּראָסט אָהן חכמות אויף דיא סדרות פון דער הייליגער תורה... וואס־זשע דען? גלופסק האט א גרויסען ווערטה דערמיט אליין נאָר, וואס זיא איז אָנגעזעטצט מיט א ים יודען, אָהן עין־הרע. א כפּרה אלע ימין, אלע פּאָרטען און אלע בערזעס פאר א יודיש קעפּיל! דאס יודישע קעפּיל איז עפּיס א דראָט־ארבייט, פליהעט הויך אין דער לופטען, עס דרעהט און קעהרט וועלטען. — וואו יודען, דאָרט איז מערקור המלאך, דער ממונה איבער דעם האנדעל... פאררוקט א יוד דאס היטעל ווערט געבוירען א פּלאַן, נים ער א קנייטש דעם שטערען, שפּרינגט ארויס

א פריש־צאפּעלדיג עסק'ל און לאָז ער א קראַטץ טהאָן זיך אין דער פּאָה, וואקסט וויא פון דער ערד ארויס א טראַנספּאָרט סחורה. און בייא דיא גלופּסקער, נישקשה, איז ארויף ביז דעם האלבען קאָפּ פּאררוקט ראס היטעל, זייא קנייטשען גוט דעם שטערען און קראַטצען, קראַטצען געשמאַק דיא פּאָה. מען בעדאַרף נאָר קיין נאַר נישט זיין, היטען זיך דיא ביינער, קען מען אין גלופּסק מאַכען געשעפטען. און, איבעריגענס, אז מען חאַפּט א מאל פון עמיצען א „קוממיות“, מילא וואס איז דאָ אזוינס? אויף דעם ים געהט דען א מאָל נישט אונטער א שיף מיט סחורה און ווערט דערטרונקען? דער גאנצער חילוק איז נאָר, וואס דאָרט איז דערטרונקען—דערטרונקען, מיט איין עק! און דאָ ווערט געוועהנטליך נאָכ'ן „קוממיות“ נאך געצאָהלט קבורה־געלד געוויסע „מאַכערס“ אזעלכע, פאר זייער מיה, דעם געשעדיגטען „קדיש“ צו טהאָן זיין רעכט. אז רפאל האט געקענט א יאָהר זעקס זיך האלטען מיט זיין קאָמיסיע אין גלופּסק און נישט געשעדיגט געוואָרען, איז דערפון זעהר גוט געדרונגען, אז קיין נאַר איז ער זיכער נישט געווען.

אין דער שטאָדט איז רפאל בעקאנט געווען פאר א גוטען, פיינעם, עהרליכען יונגען מאן, הגם ער האט געחאַפּט א שטיקעל אָנבליק פון דעם נייעם שנים מענשען, נאָר זיין האנדעל אין דער וועלט מיט סוחרים האט דעם קליינעם חסרון פארריבען און מען האט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. עט, וואס מאכט עס אויס! בייא א סוחר קוקט מען איבערהויפּט נישט אויף פיעל ערגערע זאכען אויך. א סוחר, נישקשה, מעג... און אזוי וויא רפאל איז געווען איין אלמן, האבען זעהר פיל, פונ'ם פרומען עולם אפילו, געשארפט אויף איהם דיא ציין, צו דערטאַפּען איהם פאר איין איידים. ער איז געווען איינער פון יענע יונגע לייט, מיט א יאָהר פערציג צוריק אונטער יודען, וואס זיינען פונ'ם תנ"ך און דער גמרא געוואָרען „באהאלטענע משכילים“.—יענע, עליהם־השלום, זיינען נישט אָפּגעזונדערט געווען פונ'ם איבעריגען עולם, נישט אין דעם יודישקייט, נישט אין דער הלבשה; געלעהרענט, געדאווענט דרייא מאָל אין טאָג, זיך געוואַשען, געבענשט גלייך וויא אלע; געגאַנגען געקליידט, געטראָגען איין ארבע כנפות, נישט געזעסען אָהן א היטעל — אלסדינג גלייך וויא אנדערע, אויסער נאָר, וואס זייא האבען זיך מתיר געווען איבערצוהיפּערען געוויסע שטיקליך פּיוט, אביסיל אונטערקירצען דיא קאַפּאָטע, בכדי זיך נישט צו פארדריפּען, צו לאָזען וואקסען אביסיל דיא האָר, אונטערצושניידען א קאַפּעלע דיא פּאות און האלטען ריין, אויסגעקעמט דאס בערדיל, וואס דערפאר פלעגט מען אויף זייא צווישען דעם עולם עפּיס מורמלען.— דאס זיינען פון יענער צייט דיא נייע „למדן־וואָווניקעס“ אין דער בילדונג, פון דרויסען אָנקוקענדיג זייא איז דאכט זיך גארנישט, דאס מויל צוגעמאַכט, נישט נעפּלאַפּעלט; אָבער, הייליגער גאָט, וואס אינוועניג בייא זייא האט זיך געטהאָן אין הארצען! אין הארצען האט געגליהט דאס יודיש־פּינטעלע, עס האט געברענט דאס הייליגע פייעריל פון ליעבשאַפט צו דער גאנצער וועלט מענשען. פאר זייערע אויגען האט געשוועבט עפּיס איין אָנהויב פון א נייער, א גוטער, א שיינער וועלט. עס האט זיך געגלויבט, געהאָפט, אָט אָט קריכט זיא פונ'ם איי

ארויס למזל אין א ליכטיגער צייט—און עס וועט זיך לעבען אין א גן־עדן, זעהר גוט. צווישען זיך האבען זייא שטילערהייט געלעבט וויא ברידער, וויא חסידים פון איין רבי׳ן, נאָר אנשטאט משקה האבען זייא געשלונגען דיא ווערטער פון דיא היילינע נביאים, פון מליצה־ספרים, זיך געקוויקט, זיך ארומגעטראָגען מיט יענעמס עפּיס א שיר׳ל און אליין אויך געמאַכט מליצות אַזוי, אָדער אין א שלום־לאהובי בריוועל—אלץ אהה! הוי! אָה! וועה־געשריגען! האט עמיצער, א יונגער מאַן, חשק בעד־קומען זיך צו נעהמען אויף דעם נייעם דרך, עפּיס צו לעהרנען, איז דאס בייא זייא זעהר אָנגעלייגט געווען, גלייך וויא ער טהוט זייא דערמיט א גרויסע טובה, און האבען איהם געהאָלפען מיט וואס נאָר מעגליך.—אָט אַזוי האבען געלעבט א מאל יענע יונגע־אלטע נארען, עליהם־השלום, נאָך נישט נעחאַפּט אין דער בילדונג, דעם רעכטען סטריה, נאָך נישט געוואוסט וואס היינטיגע אלטע־קלוגע קינדער, אז דער סוד פון השכלה איז דווקא איין אָפען מויל, א ברענענדיגס, פעך און שוועפעל, און א הארץ—קאַלט וויא אייז; אז דיא בעסטע תורה איז סחורה און דיא בעסטע מליצה—א קערביל...

בייא דער פאַמיליע האט רפאל געהייסען לובלינסקי, נאָר יודען האבען איהם געוועהנטליך גערופען פשוט ביים נאמען אין דיא אויגען—ר׳ רפאל, א סימן וויא שטאַרק בעליבט ער איז געווען ביים עולם. בייא רייזען איז ער געווען נאר דאס אויבערשטע פונ׳ם שטייסיל. באַלד נאָך זיין קומען קיין גלופּסק האט ער בייא איהר אויפ׳ן הויף געדונגען א דירה מיט קעסט. און רייזע האט איהם שטאַרק אָפּגעהיט, זיך געפלייסט שטענדיג, אז דער ווארמעס פאר איהם זאָל זיין צו דער צייט און בעטעמט.

דיא בעקאַנטשאַפט ר׳ אברהם׳ס מיט איהם האט זיך אָנגעהויבען דורך א שידוך־ריידען איהם, געוואַקסען וואס ווייטער אלץ מעהר ביז זיא האט זיך אויס־געלאָזט צום סוף מיט א הייסער פריינדשאַפט צווישעןביידע צדדים. אין איטליבען פון זייא איז געלעגען עפּיס אַזוינס, וואס דאס האט געצויגען איין הארץ צו דעם אנדערען. ביידע האבען גרויס פאַרגניגען געהאַט, צו פאַרברייגנען א מאל א שעה־צייט בייא א גלעזיל טהעע אָדער פּונש, אין א ווארמען שמיעס צווישען זיך, גאר אָהן שום זייטיגע אינטערעסען.

אז דער סדר איז שוין געווען פאַרטיג, רפאל איז אין חאַלאַט מיט שטעק־שיבעליך געזעסען אָנגעלעהנט אויף א ביינקעל אריינקוקענדיג אין א ספר, איז ר׳ אברהם אריינגעקומען אין שטוב מיט א ברייטען „גאָט־העלף!“

— א, ברוך־הבא! טהוט רפאל זיך א חאַפּ פונ׳ם ביינקעל, נעהמט ר׳ אברהם׳ן אָקעגען און קוקט איהם גלייך אין פּנים אריין. עפּיס שיינט איהר דאָך גאר, ר׳ אברהם, נאר נישט דער אייגענער, וואס פריהער אביסיל! אָט אַזוי האב איך טאַקי ליעב.

— זעהט איהר, הא, רופט זיך אָן ר׳ אברהם, וויא גאָט קען מאַכען אין איין מינוט פון שלעכט גוט. איך בין נישט אליין, האב געבראַכט נאָך עמיצען.

— וואַרזשע איז ער? פרעגט רפאל, בעט איהם אריין, אייער גאַסט זאָלען מיר האבען טאַקי א מזומן.

ר׳ אברהם האט באלד אריינגעפיהרט הערשעלען, וואס איז ביים אריינקומען געבליבען דערוויל אין פאר־חדר, און איהם פירגעשטעלט פאר רפאל׳ן.

— מיינעם א גוטען באקאנטענס, עליו־השלום א בחור׳ל. פון דער פרעמד לעהרענט בייא מיר אין קלייזיל. איבער איהם האב איך עס היינט געהאט אזא הארצוועהטיג. נוא, געלויבט השם־יתברך, וואס עס האט זיך אויסגעלאזט גוט. פון מיר קומט היינט א טרונק.

— גוט יום־טוב! זאגט מיט א שמייכעלע רפאל, בייא אונזביידע איז דאך היינט עפּיס אזא פרעהליכער טאג! קומט־זשע איך בעט אייך, צום טיש און לאמיר זיך וואויל־טהאן.

ביים טיש האט רפאל אונטערגעטריבען הערשעלען, ער זאל עסען, טרינקען, זיך נישט שעהמען, צולייגענדיג איהם אלץ, דאס, יענס, אויפ׳ן טעלער. דאס פערמעשיל האט אויסגעזעהן עפּיס טאקי וויא א שמחה. דער קליינער עולם איז געוועז צופרידען, שטארק הנאה געהאט ביים פונש. זיטצענדיג אין צווייען מיט רפאל׳ן ביים אפענעם פענסטער, האט ר׳ אברהם איהם איבערגעגעבען דיא גאנצע מעשה מיט הערשעלען. רפאל האט פון דערווייטענס זיך צוגעקוקט צו הערשעלען, וואס איז געזעסען ביים עק טיש איבער א גלאז טהעע, און זיך עפּיס פארטראכט. אין זיין פנים איז געוועזן צו דערקענען, אז הערשעלע איז איהם שטארק געפעלען און דאס ביטערע עלענד זיינס האט איהם געריהרט ביים הארצען.

— דאס איינציגע, וואס איך בין אין שטאנד דערוויל צו טהאן פאר אייער בחור׳ל, זאגט רפאל שטיל צו ר׳ אברהם׳ן איז דאס נאר, וואס איך קען איהם געבען בייא מיר איין ארט אויף נאכטלעגער. לאז ער חאטש זיך ניט וואלגערען אין קלויז אויף דער הארטער באנק דארט. און ווייטער וועלען מיר זעהען.

— אך, איהר וועט האבען א גרויסע מצוה! מאכט ר׳ אברהם אויפ־הייבענדיג זיך פונ׳ם ביינקעל און ווענדט זיך באלד טאקי צו הערשעלען מיט דער בשורה: דוא הערסט? פון היינט אן וועסט־דוא האבען נאכטלעגער דא, בייא ר׳ רפאל׳ן. דאנק זייא פאר זייער גוט הארץ און קום!

דעם עולם׳ס ווערטיל „ווען פרעהט זיך איין ארעמאן? אז ער געפינט וואס ער פארלירט“ — דאס איז זעהר גלייך טאקי צוגעפאסט געוועזן צו ר׳ אברהם׳ן. ער איז זעהר שטארק אויפגערייטט געוועזן, דעם גאנצען וועג, געהענדיג פון רפאל׳ן. ער האט זיך געפרעהט קוקענדיג אויף הערשעלען, וואס איז איהם געגאנגען בייא דער זייט און געטריבען מיט איהם אלץ קאטאוועס. ס׳איז איהם צייטענווייס אפילו דורכגעלאפען וויא א וואלקען נישט קיין איינגענעהמער געדאנק, פאר וואס ער האט אומזיסט חושד געוועזן א יודען געביך—נאר דאס איז געוועזן א פיטצעל זומער־וואלקענדיל, וואס פליהעט אויף א ווייל פארבייא דער ליכטיגער זון און פארשווינד באלד וויא א רויך. הערשעלע ווידער איז געוועזן עפּיס צודרעהט, געגאנגען פאר־מעליך און פארטראכט. איהם האט נישט געלאזט רוהען ביילע — איז איהר גע־ראטען צו בעקומען איין ארט אדער בלאנקעט זיא זיך ערגיץ אזוי ארום? — און אויף דאס קלימעקיל איהרס אויף דער אכסניא.

— קום ניכער אביסיל! האט ר׳ אברהם אונטערגעטריבן הערשעלען, וואס געהסט־דוא עפים אזוי פאמעליך? משה׳לע נעביך מוז זיטצען אליין דערווייל דארט און בעאומרוהיגט זיך אוודאי שטארק וועגן דיר. א רחמנות, תלעבין, ניכער, ניכער אביסיל!

ר׳ אברהם! רופט זיך הערשעלע אן מיט א געבעט. לאזט מיך, איך בעט אייך, א לויף טהאן צוריק אויף דער אכסניא. אין איילעניש האב איך פארגעסען בעטען רייזען אכטונג צו געבען דארט גוט אויף דיא זאכען. ס׳איז דאך איין ארעמס... איין ארם מיידעלס א קלימעקיל.

— טא! מאכט ר׳ אברהם, אנקוקענדיג א ווילע הערשעלען, וואס האט זיך אפגעשטעלט און אראפגעלאזען דעם קאפ. האיע־זשע, למען־השם, נישט און קום געשווינד צוריק. איך וועל אליין געהען מיט דער בשורה.

וויא א באמבע איז ר׳ אברהם אריינגעפלויגען אין פאליש, אנגעלאדען מיט דער פרעהליכער בשורה, קוים איינהאלטענדיג זיך, נישט אויסצושיסען זיא דארט. בייא דער טהיר פונ׳ם קלייזיל אבער שלאגט ער זיך אן מיט א יודענע, וואס טהוט איהם א פרעג אויף א טרויערדיג קול:

— וואו איז משה׳לע?

— א, משה׳לעס מאמע! מאכט ר׳ אברהם.

— דאס צווייטע מאל בין איך שוין דא, זאגט משה׳לעס מאמע אויף א ציטערדינער שטימע. איהר מוזט אפשר וויסען וואו איז ער, מיין זוהן! א גאנצען טאג איז זיין פוס אין דער היים נישט געוועזן און קיין לעפעל וואסער אין דעם מויל נאך נישט נעהאט. וואו דיא וועלט האט איין עק האב איך איהם שוין אויסגעזוכט. אוי געוואלד, נשמה׳ניו! זאגט מיר וואו, וואו איז ער, מיין משה׳לע?!

— וואס הייסט!... סטייטש!... מאכט ר׳ אברהם פארוואונדערט און ווערט בלייך וויא דיא וואנט.

## כז.

פון דער דעמבענער קרעטשמע, אקעגען א זיבעק־אכט ווערסטליך פון גלופסק, ציהעט זיך בייאביידע זייטען פונ׳ם ברייטען זאמדיגען שליאך, צו דער שטאדט־צו, א גרויסער שיינער וואלד פון הויכע סאסנעס און דעמבענע ביימער. דער שליאך איז ערטערווייס גריבערדיג מיט זומפיגע קאליזשעס, אין וועלכע עס האלטען זיך אויף זשאבעס, קוואקען, רייסען זיך אויף דיא העלזער, קינדלען זיך דארט און ניבען איבער בירושה זייערע בלאטעס מיט אלע זייערע משוגענע הוויות פון איין דור צום אנדערען דור. דעריבער פארצווייגען זיך ווייטליך אין דעם וואלד זייטוועגליך, אויף וועלכע בעלי־העגלה׳שע בוידען און גוים מיט פוהרליך האלץ נעהמען זיך פונ׳ם שליאך ארויף און פאהרען, איטליכער אויף זיין דרך מיט זיין נירסא. א בעל־העגלה בעדארף זיין א גרויסער בקי דארט, א חריף, א למדן־מופלג צו דרעהען זיך הין־און־הער, זיסט, קעהרט זיך איבער דער וואגען אין איינע פון דיא קאר־טאוקעליך — און מען ברעכט ריק־און־לענד.

אויף א שמאָל שטענגלע צווישען יונגע פרישע ביימליך,ביים ברעג וואַלד, געהט זיך פאַרנאַכט ש מ ו א ל׳ י ק דער טאַנדעטניק, צוחראַסטעט, אויפגעשפּילעט די קאַפּאָטע מיט א קליין פּעסעלע אונטער דעם אָרם. מיט דעם דאָזיגען פּעסעלע געהט ער עס אזוי אלע דאָנערשטיג כמעט צו דער ד ע מ ב ע נ ע ר קרעטשמע, וואו ער פּילט עס אָן מיט גוטען בראַנפּין אויף א וואָלוועלען מקח און טראָגט עס גאַנץ פריא אין שטאָדט אריין פאַר זיינע געוויסע בעלי־הבתים אויף שבת, פון וואס עס בלייבט איהם אביסיל פאַר זיך אויף קידוש, אויף עטליכע גראָשען דערצו פאַרדינסט. דער איבעריגער עולם, וואס וויל וואָלוועלען בראַנפּין פאַר זיין געברויך נאָר, נישט דערמיט צו פאַרדינען, לאָזט זיך אהינצו נאָך דער משקה געוועהנטליך פרייטיג פריה, און דענסטמאָל איז דער וועג אהין אָפּגעשיט אָפּט מיט קינד און קייט, יונג און אלט, בעלאָדען מיט פלעשער, פלעשעליך און אלערלייא כלים. אזוי איז שוין דאָרט איינ־געפיהרט פון אלטע צייטען—און א יודישער מנהג ברעכט א דין, אפילו דעם דין פון דער אַרענדע און בפרט א ג ל ו פּ ס ק ע ר אַרענדע, וואס א מאָל אָהן ראַטע...

די זון איז געשטאַנען ביים עק הימעל, גרויס, רויט וויא פייער און געזע־גענענדיג זיך מיט דער וועלט פאַר דעם אוועקגעהען אין איהר רוה אריין האט זי געוואָרפען א בליק — איהרע מילדע גילדענע שטראַהלען, אויף גראָז, אויף ביימער, אויף בערגליך און טהאָלען. דער אָפּגלאַנץ פון איהר ליכטיג פּנים אויף זייא האט זיך אויסגעדאַכט עפּיס נאָר וויא א שיינענדיג־פריינדליך שמייכעלע צווישען דעם מרה־שחורה׳דיגען שאַטען, וואס אויף זייא אלע האט זיך אָנגערוקט. ס׳איז געווען צום הארצען עפּיס אומעטיג־פרעהליך, זיס־ביטערליך צו גלייכער צייט. די שיינע נאַטור זומער פאַרנאַכט איז א כלה צום בעדעקענס אונטער דעם שלייער—און דענסטמאָל טאַקי האט זי ערשט דעם זיבעטען חן, ציהעט זי דעם חתן בייא דער נשמה, עס צושפּילט זיך איהם דער כח־המדמ׳ה, ער טראַכט און פאַרטרכט זיך אויף איהר פּנים, וואס שיינט אַרויס, שמייכלענדיג צו איהם, פונ׳ם פאַרבאָרגעניש אונטער דעם דעק־טוך און רעדט, צונעהמט איהם עפּיס אזוי, אָהן ווערטער.

ש מ ו א ל׳ י ק — אָט דער טאַנדעטניק, וואס אין שטאָדט אַרומיאָגענדיג זיך לינט איהם די נשמה אין גאַנצען מיט אלע געדאַנקען אין דער פּרנסה, קיין זאַך געהט איהם נישט אָן נאָר אַלץ ברויט, דאס זינדיגע שטיקעל ברויט — אצינד, דאָ אויפ׳ן גרינעם גראָז, אויף דער פרייער לופט איז ער עפּיס וויא נייא־געבוירען. עס דערוועקען זיך אין איהם איידעלע געטליכע געפיהלען, די אויגען קוקען, האבען הנאָה פון גאָטס שיין וועלטעלע, די נאָז שמעקט זיסע טהייערע ריחות פון טויזענטערלייא קרייטעכצער; די אויערען האָרכען די וואונדער־שיינע קאַפּעליע פון שפּיל־פייגעליך, וואס רופען זיך איינס מיט דעם אנדערען איבער אויף זייער לשון ערגיץ צווישען בלעטער פון ביימער; וואס צוגיסען זיך אין שטייגער אויפ׳ן העלזעלע, פלאַטערענדיג מיט די פליגעליך, זאָגען שירה און שפּרינגען „קדוש“ אויף דינע צווייגעליך. ש מ ו א ל׳ י ק ס נשמה חאַפּט זיך אויף וויא פונ׳ם שלאָף, דאס פּנים איז איהם עפּיס וויא איבערגעביטען, ער קוקט און טראַכט: אוי, מחיה! טראַכט און פיהלט:

אוי, ציהעט עס עפּיס, ציהעט דאס הארץ! עס גלוסט זיך, ווילט זיך עפּיס, אכיין נישט צו וויסען וואס! . . . נעהענדיג אזוי אויפ׳ן שטענגעלע גיט איהם זיך א ווייז אקעגען אין וואלד א גרינער, פרייער פּלאטץ, נעהילט אין א טונקעלען מאנטעל פון שאטען מיט ליכטיגע, העל־גילדענע שטרייפּעליך. ער טהוט זיך דאָרט א וואָרף און ציהעט זיך אויס אויף דעם סאַמעט־ווייכען גראָז.

שמואל׳יק ליגט מיט פארמאכטע אויגען, זיינע גלידער, פיהלט ער, ווערען שווער, עפּיס ציהעט איהם דיא ערד שטאַרק צו זיך, וויא זיא ציהעט איהם אַרויס דיא אלע וועהטיגען—און אקעגען־זשע אויף דער נשמה ווערט איהם גרינג, מחיה גוט. א ווייך, א ריהרענדיגס גרעזעלע גלעט איהם דיא נאָז, דיא באַקען, נאך איינס קיטצעלט איהם אונטער׳ן קאָלנער הינטען־ארום אין האַלז און נישט וויט פון־צווישען גראָז טיקעט איהם א גרילבענדיל אין דיא אויערען אריין. עס דערצעהלט א מעשה, עס זינגט א לידיל, פארוויגט און פארשלעפערט איהם וויא א קינד.—שמואל׳יק ליגט האַלב־געדרעמעלט, האַלב־וואך און עס פּלאָנטערט זיך איהם עפּיס אין קאָפּ. עס טראַכט זיך איהם פון א לעבען אָהן קאָפּ־דאַרעניש, וויא גוט ס׳איז צו האבען קאַשע מיט יאָיך—איין אייגען שטיבעלע, א קליינס, מיט א גערטענדיל, דערצו אויך א בהמה׳לע, לאָז זיך זיין חאָטש א ציג. ס׳איז דאָך א גליק, בעסערס דערפון איז שוין איין איבעריגע זאך! עס טראַכט זיך איהם פונ׳ם ליעבען גאָט: אוי, גאָטוניו, הצליחה־נאָ! העלף, טאַטע־פאָטער, ווייז טאַקי וויז, אז דוא קענסט בעגליקען א מענשען... וויא איך בין א יוד, גאָטוניו, הושיעה־נאָ! און אין קאָפּ בייא איהם פּיקט זיך א גאַנצער פּלאַן פון זיינע נדבות דענסטמאָל, פונ׳ם מענגטליק, וועלכען ער וועט מיט זיין גוטסקייט און פרומקייט גאָט אָנטהאָן... עס קומט איהם אַפּיר באַלד טאַקי אויפ׳ן געדאַנק משה׳לע. — ער איז דאָך א צאַצקעלע, לעהרענט וואויל וויא דיא וועלט, קען דאָך גאָט נעבען, איהם זאָל אויסחאַפּען א רייכער מחותן און איהם אָפּגילטען... מיט דער צייט קען משה׳לע גאר ווערען רב ערגיץ אין א גרויסער שטאָדט און דענסטמאָל... דענסטמאָל אדוואויל וועט זיין אויף איהם, דעם טאַטען! ער וועט אויף דער עלטער זיך אָפּלעבען זיינע יאָהרען אין גרויס נחת, אין כבוד. א קליינינקייט עפּיס דעם רב׳ס פאָטער!... דיא דאָזיגע זיסע חלומות וואַכענדיג זיינען איבערגעריסען געוואָרען אין דערמיט דורך א קלאַפּען פון רעדער ערגיץ דאָרט אויף א זייטענוועגעלע אין דעם וואַלד. שמואל׳יק עפענט דיא אויגען, טראַכט בייא זיך: נאָ, נענוג, שוין צייט א היים! ער זעטצט זיך פאַמעליכען אויף, טהוט א נעניץ, אויסקנייקענדיג דיא ביינער און נעהמט זיך צום פעסעלע, וואס איהם בייא דער זייט. דערווייל פאָהרט פון הינטען אָן נאָהענט א פוהריל, נאך א מינוטעלע — טהוט א הילך אויף דעם גאַנצען וואלד א ביטער געשרייא: „אי, טאַטע!"

שמואל׳יק קוקט זיך געשווינד צו און בלייבט פארגאַפט.

משה׳לע! וואָס? וואָהין?!... דאס איז דאס איינציגע, וואס שמואל׳יק ברייננט קוים אַרויס פונ׳ם מויל פאר גרויס וואונדער און שרעק. דאס הארץ האָט איהם באַלד נעזאָגט, ס׳איז א צרה. זיין משה׳לע איז אין א גרויס אומגליק!...

— ניבער, טאטע, ניבער, ראטעווע! שרייעט אויף א ווייענדיג קול משה'לע, װאס האט אויסגעזעהען וויא א שעפעלע צווישען צווייא וועלף מיט פייערדיגע אויגען.

צולויפען צום וואגען און אנצוחאפען זיך אין איהם מיט ביידע הענד האט בייא שמואל'יקין נישט געדויערט קיין איין רגע. דיא וועלף אבער האבען דערצארענט געקריצט מיט דיא ציין, איהם א שליידער געטהאן פון זיך, אזוי אז ער האט צווייא מאל זיך איבערגעקעהרט אויף דער ערד און ביז וואגען ער איז געקומען צו דיא גע־דאנקען זיינען זייא שוין געווען אויף א היבשער שטרעקע ווייט.

שמואל'יק האט זיך צתופנעטמען מיט אלע קרעפטען און זיך געלאזט האסטיג נאך דעם וואגען. ער יאגט, כויפט, און יענע שטייסען, שטייסען דאס פערדיל. דער וואגען איז אלץ ווייטער, אט־אט ווערט עס פארשווינדען. שמואל'יק קייכט, דאס הארץ פארלויפט איהם מיט בלוט, קוים וואס ער אטהעמט, דיא אויגען שפארען איהם פונ'ם קאפ ארויס פאר גרויס אנגסטען, ער אבער יאגט מיט אימפעט, נישט צו פיהלען, חוץ דער גרויסער סכנה, קיין שום זאך. — דער וואגען הויבט אן צו פארשווינדען, נאך א ווילע—ער איז שוין נישטא!... שמואל'יק רייסט אויף זיך, לויפענדיג, דיא האר, וויינט אהן טרעהרען, דיא פיס ווילען איהם שוין נישט מעהר דינען, אט דאכט זיך, פאלט ער אנידער און ס'איז איין עק פון זיין לעבען. נאר מיט דעם אימפעט פליהעט ער ווייטער, און פלוצלים—א, רחמנות'דיגער גאט!—וואקסט פאר איהם פון דער ערד אויס דער וואגען אין א קאנאווע, וואו ער האט זיך איבער־געקעהרט ביים ארופנעהמען זיך פונ'ם זייטענגוועגעלע אויף דעם שליאך. שמואל'יק טהוט זיך א ווארף אהין אזוי פלינק, וויא א פארוואונדעטע חיה ווארפט זיך אויף דיא יעגערס, וואס האבען נישט גוט דערשיסענדיג זיא גערויבט מיט געוואלד איהר געליבט קינד—און עס הויבט זיך אן א מלחמה, א בלוטיגע מלחמה. בשעת איינער פון דיא לייט איז שטארק בעשעפטיגט געווען אויפצוהויבען דעם וואגען האט שמואל'יק וויא א פיאווקע זיך איינגעגעסען מיט דיא ציין דעם צווייטען אין דיא פיס און מיט דיא הענד געריסען פון איהם משה'לען צו זיך. דיא ליבשאפט צום קינד, דאס שרעק־ליכע אומגליק און דאס ברענען זיך נוקם צו זיין—דיא אלע דרייא זאכען אין־איינעם האבען פון דעם שוואכען שמואל'יקין געמאכט א שמשון הגבור. נאר אקעגען יודישע־פלשתים אבער העלפט שמשון הגבור'ס גבורה אויך נישט... פיער הענד, חוץ פיס און ציין, האבען איהם געשלאגען וויפיעל ס'איז אין איהם אריין. משה'לע האט בעזונדער געלייזט, געהאט זיין הערליך אויסקומעניש דערפאר, וואס ער האט זיך נישט געקענט פארהאלטען רוהיג בשעת יענע האבען זיך אפגערעכענט מיט זיין טאטען. דאס פערד־און־וועגעלע איז שוין דערווייל ווידער ווייט, נאך א פאר מינוט נאר—בלייבט שמואל'יק טויט און... איין עק, וויא אין וואסער פארפאלען! צום גליק, פאהרט אן פלוצלים א בויד מיט פארשוינען. יודען שפרינגען ארויס געשווינד פון דער יאזדע צו העלפען, דיא שיינע לייט פאלען אויף א שכל, באצייטענס זיך אפצוטראגען — און האידא! איידער וואס, איידער ווען זיינען זייא אנטרינען געווארען.

נישט בעשעהרט נעוועז ש מ ו א ל׳ י ק י ן האבען פארגנינען, א חיי־שעה, יענעם שיינעם פארנאכט, דורכצוגעהען זיך אויפ׳ן שטענגלע אונטער א חופה פון געדיכט־פארצווייגטע ביימער, בעלייט מיט א קאפעליע וואלד־פייגעליך, ביז צו נ ל ו פ ס ק ; נישט בעשעהרט געוועזן איהם אפצוגעבען אויף דעם וועג א „שלום עליכם" דער יונגער ל ב נ ה, וואס האט שפעטער אביסיל זיך געשיפט אין דעם גרויסען, בלויען לופטיגען ים, אראפקוקענדיג אויף דער וועלט מיט איהר זילבער־שיינענדיגער צורה און בערוהיגט א סך שווערע הערצער. צוהרג׳עט, צובלוטיגט איז ער און מ ש ה׳ ל ע נעביך געלעגען אין דער בויד, וואהין מען האט פאר רחמנות זייא ארויפגענומען. ביידע זיינען געלעגען אהן לשון, שטארק פארדולט און האבען זיך גענייטיגט וויא צום גיכסטען אין הילף פון א דאקטאר. אז דיא בויד איז צוגעקומען צו דער שטאדט, האט איינער פון דיא פארשווינען, עפיס א לייטישער מענש גע־דונגען א וועגעלע און אפגעפיהרט דיא קראנקע אין בקור־חולים אריין.

ויהי און דיא דאזיגע מעשה איז געשעהען בימי „הכפרה־היהנדליך", אדער, וויא אין דער מגילה פון יענער צייט שטעהט, בימי „פונ׳ם נעיעג והשפיל אין קאטץ און אין מויז". דאס טייטש: דענסטמאל ווען מען האט אפגע־לאזט יודישע קינדער צו שטיפען אביסיל צווישען זיך און בעווייזען זייערע גבורות אין דעם נעיענ, אהן פייל־און־בויגענס, נאר פשוט וויא דיא קאטץ נעהמט אויפ׳ן געיעג, חאפען מייז—נאר הפקר א וועלט! כפרה־היינדעל, אדער מייזעלע האט, לויט דער שפיל, געהייסען יענער, וואס איז ארויס פון דער נארע וויטליך אביסיל, אהן א געשריפטס מיט איין אדלער. אזעלכען האט דיא קאטץ געמעגט חאפען, זאגען „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי!" און באלד איהם אין געוואנד אריינשטעקען. — און עס האבען זיך געפונען אזעלכע יודעליך, וואס האבען זיך גע־קליגט, איינער דעם אנדערען אפצונארען, וויטליך צו פארנארען און מיט אלע המצאות צו מאכען איהם דיא שפיל ... שניאור־וואלף האט געשפילט דיא ראליע זיינע און פארנארט הערשעלען ממזר׳ש, וויא א בעסטיע, אין זיין טאטען אריין! נאר אז הערשעלע האט, נאר אומגעריכט, פון זיינע לאפעס זיך ארויס געגליטשט און דערוויל איז גראד משה׳לע אונטערגעשפרונגען—איז ער אנשטאט דעם חבר אריין אין דיא לאפעס און באטץ, געווארען, „געפאנגען!"

„ברידער! — קלאגט דארויף הערשעלע אין זיינע כתבים — אלע אייערע הונדערט־טויזענטער, וואס זיינען געקוילעט געווארען פון טיטוס׳ן בשעת דעם גרויסען חורבן; וואס זיינען אומגעקומען, פארברענט געווארען אויפ׳ן פייער אין שפאניען, נאך און נאך אזעלכע—דיא אלע איך־איינעם פארביטערען מיר נישט אזוי דאס לעבען וויא עטליכע נעז, וואס יודען אליין האבען איינע דיא אנדערע זיך אפגעריסען. דארט האב איך נאך א טרייסט: גבורים! זייא זיינען געשטארבען פאר דעם פאטערלאנד. קדושים! זייא זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם. אבער געוואלד, וואס קען אזוינס שטעקען אין יודישע נעז, פון יודען אליין טאקי אפ־געריסענע! — אויף פעטש פון אנדערע וויין איך און זאג: נישקשה! גוטע און שלאפע ליידען אפט אין דער וועלט, מעגליך אפשר, יענע וועלען נאך א מאל חרטה האבען, נאר אז נעפאטשטע פאטשען זיך אליין, אז צודראפעטע דראפען איינער דעם אנדערען וויין איך און האב—אוי, וועה!—נארנישט וואס צו זאגען... דערמאהן איך מיך אין יענע נעביך, פון אייך אליין נעפייניגטע „געפאנגענע", רייסט מיר דאס הארץ. עס וויינט און שרייעט: אוי, מיין משונה דערשלאגען, מיין גוילד געפאלען פאלק ישראל!..."

**ע נ ד ע**

# די אלטע מעשׂה.

# דיא אלטע מעשה.

— פון —

## מענדעלי מוכר־ספרים.

---

**אמר מענדעלע** מוכר ספרים, דיא מעשה, וואָס איך בין דאָ אויסען אייך צודערצעהלען, איז אין־פּליגק איין אלטע, נאָר נישקשה, רבותים, זיא פּאַסט זיך זעהר גוט צו אונז, יודישע קינדער, אויך אין היינטיגע צייטען. מה אנו מה חינו, וואס איז דען, פרעג איך אייך, דאס יודישע לעבען אין־גאַנצען? עס איז אין תוך אריין א לאנגע אלטע מעשה, וואס חזרט זיך תמיד איבער אויף־דאס־נייא אונטער פארשידענע פאָרמען און אָנשטעלען, כויט דער מאָדע פון איטליכער צייט. אלץ טאקי דיא אייגענע מעשה מיט דיא בהלות, אָנשיקעניש, קוועטשעניש, יאָגעניש־לויפעניש, מיט דעם דולעניש, שפּאַרעניש, פּלאָנטעניש אויפטהועניש, דרינגעניש, בייסעניש און קאָפּדרעהעניש. איטליכער דור מיט זיינע חכמים. גוטע, פרומע, וויא אויך אָפּגעקומענע, געפאלענע, געשלאָגענע נעביך, און מיט זיינע נאראנים, אויפגעקומענע, געהייבענע עזות פּנימער, עמי־הארצים, קאָכלעפעל און דרעהער א שרעק, יענער קרח, וואס א מאָל, דער רייכער, דער רעדעלפיהרער, דער אָנחאפּער, וואס האט זיך געשטופּט צו דער כהונה, צו זיין דער עלטסטער, דער העכסטער — דער קורח איז דאָ נאָך היינט אויך, ער הייסט יאנקיל, בעריל, יאָצמיך, שמעריל, מיט א נייעם מין פּיטץ; ער שטופּט זיך אויך אויבענאָן און וויל זיין דאָס אויבערשטע פּונ׳ם שטייסיל. יענער פּארצייטיגער סנבלט מיט דער כנופיא רכיכותניקעס, ליגנערס, פּלאָטקעמאכערס, בריות אויף אָפּצוזאָגען אויף דעם אויף יענעם א פּזמון, א בכבול, נים פּויל אויף דער פּען אָנצושרייבען א שיר־המעלה, צולייגען א קנייטעל, כדי צושטערען דער מיט א נעבייא — יענע פּיינע

לייט, נישקשה, האט דער רוח נישט צוגענומען בייא אונז אויך אצינד. זייא זיינען דאָ, זייא וואקסען און שפּראָצען, ברוך־השם! דער שפּיטץ איז טאקי וויא דער פּסוק זאָגט: מא שהיה, דאָס וואס איז געשעהן הוא שיהיה, דאס וועט זיין, נישטא קיין נייעס אונטער דער ליכטיגער זון, יש דבר, ס'איז דאָ׳א זאך — קאָלאָניעס א שטיינער — שיאמר, וואָס מען זאָגט: זעה, דאָס איז נייעס! ניין ברידער, כבר היה, דאס איז שוין לאנג געווען אויף דער וועלט, קוקט זיך, זייט מוחל גוט צו צו דער מעשה דאָ וועט איהר זעהען, אז יודען איז שוין לאנג דער קאפּ געלעגען אין דער ערד . . . איהר וועט אויך זעהען, אז אזוי וויא איטליכע שטאָדט האט איהר משוגענעם, איהרע ווייסע חברה, קונדסים ארום איהם, אזוי האט זיא איהר חכם, איהר בעל עצה און איהם אקעגען איהר ווילדען תקיף, א פיינע־בריה, וואס וויל, אויף צולהכעיס, אלץ פארקעהרט, אלץ קאפּויר, און איבער דעם איז — אוי, אז אך און וועה צו אונז! . . .

## 1.

**דער חכם און בעל עצה אין אונזער שטעטעל איז געוועזן ב נ י מ י ן דער** מענש, פארשריבען איז ער געשטאנען אין דעם רייסטער פון דיא נפשות מיט דער פאמיליע קורנאָסע. מעגליך, אז יענע, פון וועלכע דער שפיטץ־נאָמען, זיינער שטאמט, האבען געהאט קורצע נעז, נאָר אונזער בנימין'ס נאָז איז געוועזן נישט ערגער פון אלע יודישע נעז — א לאנגע מיט א האָרביקעל און אויסלאָזענדיג זיך בארג־אראָב מיט א שפיטץ. דיא פאמיליע זיינע איז אָבער געשטאנען טאקי נאָר אין רייסטער און געהייסען האט ער געוועהנטליך בנימין דער מענש, בנימין האט א מאל ביים בעריהמטען גביר ר׳ יונה יהופיצער געהאט א שיינע שטעלע און איז היבשע עטליכע יאָהר אוועקגעוועזן בייא איהם א מענש. אז דעם גבירס געשעפטען האבען זיך אויסגעלאָזט און בנימין ווערד אויס מ ע נ ש, איז דער נאמען מענש פון דעסטוועגען איהם טאקי געבליבען, אין שטעטעל האט זיך בנימין גערעכענט איינער פון דיא שיינע, יוסטע בעלי־הבתים, זיין שטוב מיט א גרין גאניקעל און א הויכען דאך פון שינדלען איז געשטאנען אין מיטען מארק, פונקט אקעגען דעם רינג קלייטען. שורה זיין ווייב, א הויכע, א דארע יודענע מיט א לאנגער דינער נאָז, מיט עטליכע שנירליך פעריל און א גילדענעם אויבעל אויפן האלדז, תמיד אין דער־וואָכען אפילו, פלעגט זיך אָפגעבען מיט דעם בעל־הבתישקייט, ציהען דיא פרנסה פון א געהייבען שיינקיל בייא זיך אין שטוב, וואס חוץ בראנפין און פארבייסען, האט זיך בייא איהר געפונען ביער, מעד, ווישניק און א געבראָטען גענזיל אויך. דעם סוד פון זייערע אונערקעס שטעלען האט זיא אליין נאָר געוואוסט: איהר אונערקע איז געוועזן הארט, שטייף, נישט געבייטעלט. בייא איהר אין שיינקעל האבען געטרונקען דיא „פ י א נ י ה ע י ר“: דער צעכמייסטער, דער גאָלאָווא מיט דעם שרייבער און נאך אזעלכע געהייבענע פארשוינען פון ז י י ע ר קהל. „סאָרקע“ איז בייא זייא נאר קיין קאטאָוועס נישט. נאָר עפיס—איז צו „סאָרקען,“ פון „סאָרקעס“ א שטיקעל געפילטע פיש לעקען זייא דיא פינגער. פאר סאָרקען **איז, בשעת האבענדיג א כוסה אין קאָפ, אָפען זייער הארץ, וואס אויף דער לונג, דאס אויף דער צונג.** מען האט מיט איהר אָפט דענסטמאל א ויכוח **איבער דער**

„נ א מ נ ה", עס לאזט זיך געוועהנטליך אויס מיט נאך א פלעשיל משקה און מען פסקעט מיט א גוט, זיס שמייכעלע: אלע „נאמנה'ס" זיינען גוט, אונזערע, אייערע אלץ איינס.... אויך חברה־קדישא לייט, להבדיל, אָדער עפּיס אונזערע קהלס־לייט, אז זייא האט א מאָל נעחאלעש דאס הארץ און האבען זיך געוואָלט אביסעל קוויקען נעביך, פלעגען זייא שיקען נעהמען משקה מיט א נעגזיל בייא שרה בנימינס. שרה איז געווען דיא אשת־חיל און בנימין האט אין דיא עלטערע יאָהרען זיך נעפיהרט א רוהיג לעבען, אָהן קאָפּדרעניש, קינדער זיינען איהם נישט בעפאלען, זיינע דרייא טעכטער האט ער שוין לאנג אויסגעגעבען און זייא האבען נעלעבט מיט דיא מאנען צופריעדען, וויא גאָט האט געבאָטען. בייא זיך האט ער נעהאט נאָר איין־אייניקעל, א יונג מיידיל, זעהר א שיינס, א געראָטען קינד וואס איז קינדווייט נעבליבען א יתומה נאך זיין איינציגען זוהן. זיא איז איהם געווען א טרייסט, איינגעבאקען טיף אין הארצען.

בנימין האט געהערט צום סאָרט איידעלע יודען, וואס דאס איידעלקייט ליגט זייא אויפן פנים, מען דערקענט באלד אין זייער אויסזעהען, אז זייא שטאמען פון א פיינער משפחה, דיא תורה שיינט זייא ארויס אין דיא אויגען און אויף דעם הויכען שטערען שטעהט זייא אָנגעשריעבען: דאס זיינען גאנץ אלטע, אָפּגעקומענע מיוחסים פון דער גילדענער פאָן — קינדער פון דיא הייליגע אין דער גאנצער וועלט בעריהמטע, טהייערע אָבות: אברהם, יצחק און יעקב!...

בנימין איז אויך געווען א „פּאָליטשנער" מענש, א קלוגער, א געניטער, ער האט בעטראכט א זאך גאנץ רוהיג, בפשטות, אזוי וויא זיא איז, זיך קיינמאל נישט געהיצט, נישט פארגרעסערט וויא אנדערע און געגאנגען תמיד מיט זיין איינענעם דרך. זיין שטיינער ריידען איז נעווען שטיל, עפּיס אויף א בנעימות־היוזריגליכער שטימע: האט דערבייא אָנגעבויגען דעם קאָפּ מיט האלב־צוגעמאכטע אויגען. גערעדט האט ער קורץ און שארף, אריינוואַרפענדיג א משל, א ווערטיל וויא א בליטץ, וואס האט געטראָפען און נעפאסט צום עסק. ער איז געווען א שוואכער מענש און האט נעלעבט דעריבער זעהר בערעכענט, אָפּגעהיט דאס געזונט. אין בית־המדרש פלעגט ער קומען דאווגען נאָר שבת, זעהר זעלטען אין מיטען דער וואָך, אי דאס אויך נאָר פארנאכט א מאל צו מנחה דאָרט האט ער זיך נישט געשטופּט אויבענאָן, אין דער מזרח וואנד, זיין אָרט איז נעוועהנטליך געווען אונטערן אויבען. מיט בנימינס קומען פלעגט דער אונטער־אויבען עפּעס וויא בעלעבט ווערען. א רעדעל מענשען פלעגען תמיד שטעהען ארום זיין שטענדער און עס האט זיך געשמייעסט עפּיס אזוי גוט, עפּיס אזוי געשמאק....: און צוליעב בנים'נן האב

גרשון־אייזיק און דוד־אבא, צוויא שטיקלאך חקרנים, פארלאָזען זייערע שטעט אין דער שפּיגעל־וואַנד און זיך בעזעטצט לעבין איהם דאָרט אין שכנות. דיאביידע חקרנים — אזוי איז געוועהנטליך דער שטיינער געוועזען — הויבען אָן דעם שמיעס, אונזער בנימין זיטצט שוויינענדיג מיט האלב פארמאכטע אויגען און הערט. דער שמיעס ווערט אלץ ברייטער, גרעסער, עס מישען זיך אין איהם אריין מענשען פונ'ם עולם, איטליכער גיט איהם א ציה, א שלעפּ אביסעל אין דער זייט און אָט קומט שוין אויס בוידעם, גאָר נישט דאס, פון וואס מען האט אָנגעהויבען, פלוצלים עפענט בנימין דאס מויל, עס ווערט שטיל, שאַ! שאַ! און ער זאָגט אָפּ זיינס, געצעהלטע ווערטער, וואס טרעפען אין קארב אריין, אלע זיינען מסכים און מאַכען מיט אויס־געצויגענע פּנימער: אָ־אָ!....

„דעם גאַנצען טאָג פלעגט בנימין צוברייגנען בייא זיך אין א בעזונדער אלקיר, אריינקוקען אין א ספר, זיטצענדיג אָנגעלעהנט אויף א געבעט ביינקיל, אין א חאַ־לאַטיל אין פאַנטעפעליך, נאָר אליין איז ער כמעט קיינמאל נישט געזעסען, שטענדיג האט מען בייא איהם געטראָפען אלערלייא מענשען: יודען, יודענעס, יונג און אלט. אַזעלכע, וואס פלעגען קומען זיך מיט איהם איין עצה האלטען, אויך אַזעלכע פון זיינע מקורבים, וואס האבען מיט איהם פאַרבראַכט, אביסעל דיא צייט, גלאַט אזוי, אין א שמיעס. דער צעכמייסטער מיט דעם גאַלאָווא, ווען זייא זיינען געוועזען אביסעל בגילופין, פלעגען זיך אמאָל אויך אַריינכאַפּען צו איהם מיט א כוסה אין דער האַנד און אין איין קול: פאַני בניאָמקאַ! נישט אַנדערש, זייא ווילען טרינקען לחיים צו פאַני בניאָמקאַ, דער צעכמייסטער, קלאַפּענדיג מיט א פינגער זיך אויפען שטערען, מאַכט האלב יודיש, האַלב רוסיש: „בניאָמקאַ, גרויסע קאָפּ! וועליקי פאַני־בריה, אוי ווייא מיר!“.... דעם גאַלאָווא פרעהט זיך דאס הארץ, ער שניידט עפּעס איבער דער „נאמנה“, וויל אַרויסווייזען זיינע לומדיש און מישט אויס בוידעם־פּאַלעצע, איבערקייענדיג צעהן מאל איין וואָרט, אלץ: „רבי משה, אדאַם, האמאַן! שטשאָ או וואַס, טאָ או נאַס. וואַש דאַוויד, נאַש דאַוויד... טילקאָ חזיר ני, ני! טרייף...“ ס'איז א לעבען, א חדוה, א ליבשאַפט, זייא זיינען זיס וויא לאַקעריצע, האַלזען בנימינ'ען, קוים־קוים וואס זייא רייסען זיך פון איהם אָפּ און געהען אוועק, פלאָנטענדיג מיט דיא פיס. — הכלל בנימין זיטצט נישט אליין, אלע צו איהם, שלאָגט זיך א שטייגער איינער אין דער דעה וועגען עפּעס א שידוך, געהט ער צו בנימינ'ן. דרעהט זיך ערגיץ א פּאָר פאַלק, קומט איטליכער בעזונדער פון ביידע צדדים אויסריידען דאס הארץ פאַר בנימינ'ן, געהט א בעל־הבית'ל אַראָפּ פון קעסט און ווייסט נישט צו וואס זיך צו נעהמען, דולט ער א קאָפּ בנימינ'ן. רייסען זיך

צווייא יודען עפּעס צווישען זיך, גלייבט זייא אויס בנימין, שטארבט א יוד און לאָזט איבער ירושה, הערען דיא יורשים נישט אויף זיך צו קריגען ביז צווישען זייא מישט זיך נישט אריין בנימין; שטארבט א יוד און חוץ א ווייב און קינדער לאָזט ער נישט איבער קיין ירושה, איבער וועמענס קאָפּ ווייגט דיא אַלמנה? איבער בנימינס. בקיצור, וואס נאָר קומט מען צו בנימינ'ן, א שטעטישע זאַך — אויך צו בנימינ'ן. בנימין הערט אַלסדינג רוהיג אויס, געפינט פאר איטליבען א משל, א ווערטיל, איין עצה און מען נעהמט זיינע ווערטער אָן פאר ליעב, הגם זייא מעגען טרעפען א מאָל יענעם אין קנעפּיל, שטעכען אין דער זיבעטער ריפּ.

אָט דאס האט איהר אייך א בילד פון בנימינ'ן, פונ'ם בעל־עצה א מאל אין אונזער יודיש שטעטיל, וואס אַזעלכע וויא ער, זיינען היינט בייא אונז זעהר זעלטען.

---

## 2.

אקעגענ־זשע האט אין אונזער שטעטעל זיך געפונען א ר׳ יעקב, פון דיא מיני ר׳ יעקב׳ס, וואס זיינען געווען א מאָל, וואס זיינען דאָ אצינד און וואס וועלען זיין אויך שפּעטער אין אלע יודישע ערטער, כל־זמן פון דיא קינדער ישראל וועט נאָך בלייבען א זכר און אין זייא זיך שלאָגען נאָך איין אָדער. דיא דאָזיגע מיני פארשווינען מעגען זיך פארשידען זיין אין זייערע נעמען, אין זייער שטייגער פּרנסה, אויך אין דער הלבשה און אין דער גאנצער פיהרונג זייערער: בינאַטישע פון דער אלטער וועלט, אָבער ,,אויפגעיורענע" פונ׳ם היינטיגען שניט — נאָר אין גרונט גע־נומען אָבער זיינען זייא אלע גלייך, איין טבע, איין חאראַקטער, אלע האבען זייא פלייא אין דער נאָז און אונטערגעשלאָגען מיט הונט, אליין זיינען זייא נישט ווערט קיין דרייער און ווילען גילטען אין דער וועלט זעהר שטארק. אייגענעם שכל האבען זייא נישט פאר א גראָשען און ווילען זיין מבינים אויף אַנדערע. זאָגען דעות אין זאכען, וואס זיינען פאר זייא תרגום. מיינען קלאָמפּערשט אלץ לשם־שמים, וואס אויף דער לונג דאס אויף דער צונג — און זיינען באמת שטארק פארביסען, זיינען נישט דאס, פאר וואס זייא גיבען זיך אויס. צו וואס זייא ריהרען זיך צו, ווערט א קרעטציל, אין וואס זייא מישען זיך אריין איז צרות, בייזע מהומות, א דרעהעניש, א פּלאָנטעניש פון רכילות, מסירות, לייטישע מיילער און לאָזען נאָך זיך איבער א מיאוסען סליד וויא דיא וואנצען, וואס מיט קיין צעהן וואסערען נישט אָפּצר וואשען.

אונזער ר' יעקב איז געווען א בינאָטישער יוד, קלאָמפּערשט גאָט און ציצית. און ווען דער לייב, דער מלך פון דיא חיות, האט אויף זיך, לויט אונזערע הייליגע חכמים זאָגען, איין אָנשיקעניש, דאס קליין שרץ „מפגיע", דער גרויסער, געזונטער העלפאַנט — דיא מיק, האט בנימין אויף זיך געהאט זיין אָנשיקעניש ר' יעקב'ן — א נפש, פון וועלכען ער האט זיך געהאט צוקראַטצען.

ר' יעקב איז געווען גאר א חידוש, א גאָטס וואונדער! אין איהם האט מען בעשיינפערליך געזעהען דיא אייגענע גבורות הבורא, וואס בייא פיעל קליינע שרצים'ליך. יענע, וויא מיר ווייסען, ווערען נאך דעם ארויסקריכען פונ'ם איי מגולגל ביים לעבען אין דרייערלייא געשטאלטען, כסדר איינע נאך דער אנדערער: אין דער געשטאלט פון א ווערעמיל, וואס קריכט נאָר און פרעסט. דאס ווערעמיל מאכט זיך שפּעטער תם, קלאָמפּערשט וויא נעפגר'ט, מיט א פעניצעל נאָר עפּיס טאקי א ליאלקע און פון דער שטיקער ליאַלקע שפּרינגט דערנאך פון דער העלער הויט ארויס א באבאטשקע, א זומער־פייגעלע, וואס צושפּרייט דיא פלינעליך און פליהט — הע'הע! — גאנץ הויך. פונקט דאס אייגענע טאקי איז אויך געשעהען מיט אונזער מין בעשעפּענעש, להבדיל.

פריהער, אין ערשטען גלגול, איז ער געווען א וואָרעם און האט גע־הייסען יאנקיל, אָדער גאר פשוט יאנקוטש. יאנקיל איז אין דער יוגענד געווען א קליין משרתיל, געקראָכען אויפן בויך, געארבייט נעביך פאר דעם עסען, מעהר וויא עסען איז איהם אויפן זינן אפילו נישט געקומען. בייא איטליכען איז ער גע־לעגען אונטער דיא פיס און מען האט איהם געטראָטען וויא א וואָרעם. ער איז בייא זיך אליין געווען ניעדריג, זעהר געפאלען, זעהר גוט געוואוסט, אז ער איז א רויא יונגעל און קען נעביך גאר נישט, דעריבער האט ער אָנגעבויגען דעם קאָפּ, גע־קראָכען, וויא מען זאָגט, איטליכען אונטער דיא נעגעל — און דאס טאקי האט איהם געראַטעוועט. דורכדעם האט מען אלץ ווייטער מעהר אויף איהם זיך אומ־געקוקט און ער איז אלץ וואס ווייטער מעהר ארויס פון דער בלאָטע, פון א קליין משרתיל געוואָרען א גרויסער משרת, שוין געחאפּט דיא זעט, פונ'ם געהאלט זיינעם אלץ געשפּאָרט, א גראָשען צו א גראָשען ביז ער האט אָנגעקליבען אביסיל געלט און חתונה געהאט פאר א האלב־דינסטמיידיל, דאס הייסט איינע פון יענע אָרמע מיני מיידליך, וואס ארבייטען, האָרעווען, רייסען קריעה יאָהרען לאַנג עפּיס בייא קרובים אזוינע און הייסען עס, זייא העלפען גלאט אזוי זיך, וויא אייגענע, אין דעם בעל־הבתישקייט אומזיסט, נישט צונעהמען קיין גראָשען חלילה. דערפאר שטעלט מען זיך ארויס פאר מחותנים בייא זייא אויף דער חתונה דערמיט, וואס

מען שיינקט זייא א בורנאַס, א שמאַכטע און א פּאָר אַלטע קליידליך! פון דער גאַרדעראָבע, מען טהוט זייא נאָך אָן א גרויס כבוד, אויך וואס מען עסט, מע טרינקט בייא זייא אויף דער חתונה און מען גיט מיט דער כלה דעם כשר־טאנץ... נאָך דער חתונה האט יאנקיל געפּריוועט דאס מזל און אָנגעהויבען ביסליכ־ווייז אונטערצוהאַנדלען, אליין פאַר זיך צו מאַכען געשעפטליך. ער האט פּאַרליהען אָרמע יודען, בעלי־מלאכות, קליינע קרעמערליך, געלט אויף וואָכערס, שפּעטער אביסיל געמאַכט אויף הלוואות שרייבערליך אין אַלערלייא פּריסוסטווען. השם־יתברך האט איהם געהאָלפען, איהם געגעבען ברכה והצלחה אין דיא פּאַרדינסטליך, ביז ער האט מיט דער צייט געמאַכט א גאַנץ שיין קאַפּיטאַל, מיט דעם אייבערשטענס הילף, און איז געוואָרען — א קאַטאָוועס עפּיס — א פּריציש ער בעל־הלוואה! ער האט געקויפט א הויז און שוין געלעבט ברייט וויא א פיינער בעל־הבית. דענסטמאָל הויבט זיך בייא איהם אָן דער צווייטער גלגול. פון א וואָרעם, א יאנקיל ווערט א מין פיינע־בריה, מיט א פּנים פון א שיינעם יודען און הייסט שוין ר׳ יאנקיל! ער איז שוין איין אָפּגעפּיינט מענשיל, א ליאלקע, זיין שטאָט איז אין דער שפּינעל־וואַנד דאָרט אין קלויז צווישען דעם רעכטען צימעס, לייט וויסען בייא זיך זעהר גוט ווער ער איז, פון וואַנען, מישטעהנס־געזאָגט, ער שטאַמט, נאָר מאַכען זיך בזכות זיין געלד, נישט וויסענדיג. געלד איז פּאַר דעם מענשען דער בעסטער מליץ יושר... מען נעהמט איהם אריין צווישען דיא מורנוס— יעמוד מורנו ר׳ יאנקיל! און זיינע באָסאַקעס רופען איהם ר׳ יאנקיל, שוין אונטער דיא אויגען אפילו — דאס איז בייא אונז יודען אויף איין מדרגה מיט דעם טיטעל „סטאַטסקי סאָוויעטניק" בייא זייא להבדיל. ר׳ יאנקיל אליין געדיינקט נאָך אויך זעהר גוט, וואס ער איז פריהער געווען — א קליין מענשיל, א משרתיל, איין עם־האָרץ. דעריבער האַלט ער עס פאַר א גרויס כבוד, וואס אָנגעזעהענע מענשען זיינען מיט איהם חבר און נעהמען איהם אין קאָהן אריין וויא זייער גלייכען. זייא, האַלט ער בייא זיך פאַר איידעלערע, געלערענטערע פון איהם און היט זיך דעריבער מיט א וואָרט. זאָגען זייא עפּיס, שאָקעלט ער צו מיט דעם קאָפּ. ער קוקט זיך צו גוט צו דיא אַלע גיינג פון איידעלע יודען און זוכט אין אלסדינג זייא נאָכצוטאָהן: זייא אין שיך און זעקעליך, ער אויך אַזוי; זייא האבען אויסגעווייקטע פּנימליך און ריידען מיט א זיפצעלע, ער פּריוועט זיך אָנגעהמען אויף א פרום־יודיש פּנימיל און לאָזען שטילע זיפצעליך; זייא פּיעסטין זיך פאַר גאָט־ברוך־הוא אין דעם דאַווענען, מאַכען פּיסקעליך, פאַרגעהען זיך און שרייען: אי, אי, טאַטע, פאָטער! אונטער שפּרינגענדיג ער אויך אַזוי: זייא א מאָל עפּיס נאָר אָהן ווערטער:

„סאנצעלאָמעס", „מהיכא־תיתי", „בים־בים־בים", ער אויך אזוי, אָהן ווערטער. הכלל, ער איידעלט זיך, ער לעהרענט זיך, גערדאנקט און געלויבט גאָט ער איז לייטען גלייך, ער חאפט שוין אויך א כבוד מיט מציצה און ס'איז דאָ א האָפנונג, אַט־אַט הויבט מען איהם מכבד צו זיין שוין מיט סנדק... זיטצט ער א מאָל אויף איין אסיפה צווישען דיא פיינע־בריות, שמעלצט ער זיך פאר תענוג און וויל אלץ, מען זאָל עס זעהען, מען זאָל עס וויסען... זאָגט מען: ר' יאנסיל! וויא איז אייער דעה? איז ער גאר איבערגליקליך. טרעפט ער א מאָל גראד צו אין עפּיס א זאך בנימינ'ן, איז ער אויפן זיבעטען הימעל, בנימין איז בייא איהם איין חכם, דאס אויבערשטע פונ'ם שטייסעל. סטיימש, בנימין! מיט איהם צו ריידען איז א זכיה. — אַט אזוי רייבט זיך א היבשע צייט אונזער ר' יאנקיל, מאכט דערווייל אויך, מיט דעם אויבערשטענס הילף, גוטע געשעפטען, איז אריין אין דיא גרויסע פעדערען און וואקסט, וואקסט ביז פון דער שטומער ל ע ל ע רייבט זיך אויס און שפּרינגט פון דער העלער הויט, אין דעם דריטען גלגול ארויס א גר:יסער פויגעל, וואס צושפּרייט שטארק דיא פליגעליך, פליהט הויך איטליכען איבער דיא קעפּ און הייסט שוין ר' י ע ק ב! איהם איז שוין קארג זיין גלייך מיט אלע, ער וויל זיין ה ע כ ע ר פון אלע, קלינער פון אלע, האבען מעהר דעה פון אלע. א שטאָט אין דער שפּיגעל־וואנט איז פאר איהם שוין נארנישט, עס ציהט איהם אהין, אויבענאָן, הארט לעבין אָרון־קדש און וויל זיין אומעטום דער ערשטער, שוין א מורה־מורנו. — ר' יעקב געדיינקט שוין אצינד נישט, אז ער איז פריהער געווען יאנקיל דער משרת, א ווארעם, א מין קליין בעשעפעניש. דאס געלד פארשטאָקט איהם דאס הארץ, פארשטאָפּט איהם דעם מוח. אויף דעם אָרט פונ'ם זכרון דאָרט א מאָל ליגט אצינד א קערביל. וואו אין איהם איז א מאָל געווען דאָרט א שטיקעל יושר, א קאָפּ רחמנות, עטוואס מענשליכקייט און א פּיטצעל פארשטאנד, שטעקט היינט א מטבע. אין איהם טהוט, ארבייט דיא מטבע, דער גאנצער שכל איז בייא איהם נאָר דיא מטבע. אין אלע פינף חושים זיינע איז ארייגעטאָהן דיא מטבע: זיין קוקען, הערען, שמעקען, טאפּען און פיהלען איז אלץ נאָר דיא מטבע. און בייא יודען איז דאָך פון אייביג אָן שוין אזוי בטבע — דערזעהען זייא בייא עמיצין א גילדענע מטבע, מעג ער זיך זיין א קאלב, א בהמה, איז ער בייא זייא א גאָט, בוקען זיך צו איהם, טאנצען ארום איהם, לעקען און גיבען איהם גרויס כבוד אָפּ... באַסאַקעס מאכען א ברייטען המלך: ר' יעקב! און יודען זאָגען נאך מיט גרויס דרך־ארץ ברוך הוא וברוך שמו ר' יעקב, אָמן!

ר' יעקב, אונזער גיכרען קעלביכ, איז שוין קדש! זיינע באַסאַקעס, דיא

מענצער, דיענען איהם נעטרייא, רייכערען איהם. אונטער מיט ווייריך, לויבען זיין נאמען און מאכען אָן מיט איהם אויף מענשען אין דער שטאָדט א מורא. מען טאָר אונטער דיא אויגען אפילו נישט דערמאָהנען זיין נאמען צום שלעכטען. מען טאָר אקעגען איהם נישט זינדיגען מיט א וואָרט און אלסדינג וואס ער טהוט, א נארעשקייט, איין אומרעכט אפילו, מוז מען אָננעהמען פאר ליעב, גלייך וויא מען האט געשוואוירען אויפן בארג סיני צו גלויבען אין איהם מיט לייב און לעבען פונ'ם גאנצען הארצען. מען האלט זיך איין, צווישען זיך אפילו א מאָל אין א שמיעס, נישט ארויס צו לאָזען פונ'ם מויל דאס, וואס איטליכער בעזונדער וועגען איהם טראכט. אין הארצען שפעט מען, מיט דעם מויל לויבט מען, אלע וויסען דעם אָנשטעל און איינער דעם אנדערן נארט... אָט אויף אזא שטיינער פארמעהרט זיך דערוויל צווישען יודען חניפה, פאלשקייט, מיאוסע זאכען, עטליכע עזות־פנימער, באסאָקעס, ארבייטען מעשים, פיהרען א שטאָדט בייא דער נאָז און יודען, דער־נידערנדיגע, געפאלענע, ציטערנדיגע טהוען נאָך, טראָגען דיא נעז זייערע אזעלכע לייט אקעגען. — נאָר אזוי וויא אפיקורסים אין דער וועלט מוזען דאָך זיין, וואס לייקענען אין גאָט אפילו; דעריבער האבען זיך אין שטעטיל געפינען מיאוסע אפיקורסים אזוינע, וואס זיינען אויך אין ר' יעקב'ן נישט פארגלויבט געווען, איהם געהאלטען מחילה פאר א בהמה, פאר א גראָבען יונג, וואס זיין מישען זיך מיט תקיפות אין שטאָדט־זאכען איז א ביטער אומגליק פאר יודישע קינדער. — און פאר אזעלכע חטאים אקעגען זיין כבוד, איז דאס שטעטיל נישקשה בעשטראָפט גע־וואָרען מיט בייזע מהומות: קריג, פלאָטקעס, רכילות, מסירות, אכזריות און אלע פורעניות, וואס דרינגען שמעקט.

ר' יעקב קען שוין זינגען! עס געפעלט איהם שוין נישט דער חזן, וואס איז א צייט מיט יאָהרען אוועק געווען אין דעם שטעטיל, וויל איהם אויף דער עלטער ברעכען פון ברויט דערפאר, וואס ער האט איינמאָל פארגעסען איהם גוט יום־טוב ביטען, און אויף זיין אָרט צונעהמען איינעם עפיס פון זיינע לייט. אין שטעטיל ווערט א קאָבעניש, א מהומה, א הארמידער!

ר' יעקב פסק'ת שוין שאלות! ער זאָגט דעות דיא דיינים, קווייַקעלט זיך עפיס אויף דעם שוחט, וויל נישט שטעלען אויף איהם אין א סירכא, ס'איז איהם עפיס נים גלאטיק... עס ווייזט זיך פלוצים אין שטעטיל א מין פארשוין, דעם אלטענס שוחט א שוחט. עס ווערט א נערוודער, א קריג אויף מעסער־שטעך און עס קעהרט זיך דיא שטאָדט!

ר' יעקב איז שוין א גרויסער בעל־צדקה! ער העכערט

דעם מקח אויפן פלייש, גים פונ'ם דאזיגען געלד א טהייל זיינע אָרעמע קרובים, א טהייל זיינע טעכטער און א טהייל לאָזט ער אראָפּ צו זיך אין קעשענע, א מתן בסתר, אויף זאַכען אזעלכע, וועלכע ער אליין ווייסט. ר' יעקב טהוט גוטס און אָרמע לייט גריזען ביינער, זאָבען און קריינקען...

ר' יעקב איז שוין א מומחה! אין דעם בקור־חולים „זיינעם", וואו ער איז גבאי, לאָזט ער דעם דאָקטאָר קיין קאָפּ נישט אויפהייבען, נעהמט אריין און טרייבט ארויס קראנקע וויא ער פארשטעהט, טהוט דארט אלסדינג, וואס ער וויל, וואס איהם פאלט איין, ער ווייסט א קריינק און קראנקע אָרמע לייט בעקומען פון איהם באלד דעם טויט.

ר' יעקב איז שוין א מבין אויף לעהרנען! ער קוואָקעט שוין אויך אויף גבאי אין דער ישיבה, זאָגט בויך־סברות אין דעם שטיינער לעהרנען און קרימט זיך עפּיס אויף דעם ראש־ישיבה, פון דער גאַנצער גמרא קען ער טאקי „מכות". נישקשה! ביים וויב איז ער א גרויסער למדן, ער קען זעהר גוט...

ר' יעקב איז שוין א ווילדער חכם! ער האלט פון זיך א שרעק, איז מיט זיך משונה שטארק צופריעדען, האט ווילד הנאה פון זיינם ווערטיל. אויף איין אסיפה וויל ער, אלע זאָלען איהם הערען. ער ווייסט בייא זיך זעהר גוט, מסתמא דרשה'ט ער נישט „אומזיסט" פארשטעהט נישקשה איין עסק.... דעריבער איז ער ברוגז, אז אנדערע זאָגען א דעה און קען נישט ליידען מען זאָל איהם איבערשפּארען.

— איך הייס, פארשטעהט איהר מיך, ר' יעקב! איז דער שטיינער זיינער געוועז אין אזא פאל צו זאָגען מיט ברייטקייט, טייטענדיג מיט דעם גראָבען פינגער אויפן הארצען.

„איך הייס ר' יעקב"! האט אזוי פיעל געהייסען, וואס שווער איבערצוגעבען עם מיט טויזענט ווערטער. דרינען איז געלעגען דער גאַנצער ר' יעקב מיט דיא ביינער. איטליכער האט עס געטייטשט וויא ער פארשטעהט, זיך געשטיקט אינווענינ און געשוויגען, אויס מורא מיט איהם איינצורייסען.

איין בנימין האט קיין מורא נים געהאט ארויסצוזאָגען זיין דעה פרייא, אויף דעם שטיינער זיינעם, רוהיג, שטיל, זיך נישט צו מאַכען כלל פון ר' יעקב'ן, גלייך וויא ער איז נאר אויף דער וועלט נישטאָ. האט ר' יעקב זיך געהיצט און טייטענדיג מיט דעם פינגער אויפן הארצען אין איין פייער געמאַכט: איך הייס ר' יעקב!... האט איהם בנימין בשעת מעשה אָנגעקוקט גאַנץ קאלטבלוטיג, נישט צו ענטפערען

נעוועהנטליך קיין ווארט, אָדער גענעגטפּערט א מאָל גאנץ קורץ: איך ווייס, נישקשה, פון קינדוויים אָן וויא איהר הייסט. דאס געהר זיך אָבער נישט אָן צום ענין... און וויטער טאקי זיך גאנץ רוהיג גערעדט. דאס פלעגט ר׳ יעקב׳ן שטעכען וויא מיט א מעסער און איהם צוקאָכען דאס בלוט. בנימין איז איהם געווען וויא א דאָרן אין דיא אויגען, אָנקוקען האט ער נישט געקענט בנימין׳ן מיט זיינע לייט. עס האט איהם געברענט, פאר וואס זאָל אין דער שטאָדט זיין נאך איינער, פון וועלכען מען האלט. און נאך ווער? אזעלכער, וואס האט עפּיס נישט אזוי פיעל געלד!.. בייא איהם איז איינגערעדט געווען: בנימין בגזל׳ט איהם, נעהמט בייא איהם צו א חלק כבוד, דאס וואס איהם אליין נאָר קומט. בנימין איז גאר נישט אזוי קלוג, אזוי פיין וויא מען מיינט, ער פארבלענדעט נאָר דיא אויגען. ער מוז עס בלי נדר דערווייזען, אז מען האט אין איהם א גראָבען טעות. — דעריבער פלעגט ער צו בנימין׳ן זיך זוכען, אויף איהם אלץ גראָבען, איהם געוואָלט אלץ מבטל זיין און פארמיאוסין ביים עולם:

א פּאָר וויכטיגע זאכען זיינען שפּעטער זיך פארקאָפּען, וואס האבען אויפגער־ריהרט דאס גאנצע שטעטיל. אלע זיינען דערמיט נאָר בעשעפטיגט געווען, און אונזער ר׳ יעקב האט דענסטמאָל זיך בענוצט, אויסצוגיסען אויף בנימין׳ן דעם גאנצען צאָרן און אָפּצורעכענען זיך מיט איהם וויא מיט א טאטען!

---

## 3.

ויהי בימי הרעב הגדול, און עס איז געווען אין דיא טעג פונ׳ם גרויסען הונגער, נישט הייגט געדאכט, אין אונזער ווינקעל איז נישט געראָטען קיין תבואה, דער יקרות איז געווען שרעקליך גרויס און מען איז געשטאָרבען, אויסגעגאנגען פאר א שטיקעל ברויט. און אז דאס שלימזל געהט, געהט עס מיט אלעמען, מענשען האבען פארלוירען איינער צום אנדערען דאס פארטרויען, אלע פארדיענסטען האבען זיך אויסגעלאָזט, מענשליכקייט און יושר — אויפגעהערט, עס איז א בייזע מהומה, א צאָרען פון גאָט, דער שטארקער שטיקט דעם שוואכען, דער אומגער־רעכטער דעם גערעכטען און וויא געוועהנטליך ליידען מעהר וויא אלע, אין א שווערע צייט, דיא אָרמע, שוואכע יודען נעבעך. אויף זייא גיסט זיך אויס דער צאָרען פון אלע זייטען, אז ס׳איז נישטאָ וואס צו טאָהן נעהמט מען זיך צו זייא. יודען אין שטעטיל אָחצע—קרעבצען, פאלען אויף דיא פּנימער און בעטען רחמים.

ר׳ יעקב פון זיין זייט, טהוט וואס ער קען — ער טהוט דאס, יענעס, העבערט דעם מקח אויפן פלייש אויך, אונטערצוהאלטען זיינע לייט און אָרמע קרובים. אודאי איז דאס א מצוה, א גרויסע צדקה, מחיה צו זיין יודישע „נפשות״, נאָר אַקענען א וועלט קען מען נישט יוצא זיין — דער אָרמער עולם קלאָגט זיך אלץ זעהר שטאַרק!

אין יענערער ביטערער צייט גראד איז ארויס א קלאנג, אז אין חערסאָנער גובערניע מאכען יודען קאָלאָניעס, דאָרט איז פשוט א גן־עדן און צווישען דעם עולם איז דענסטמאָל אומגעגאנגען א לידעל, וואס יונג און אלט האבען עס געזונגען, דאס לידעל איז דאכט זיך, כמעט אזוי:

האט איהר געהערט דאס לאנד חערסאָן
נישט וויט פונ׳ם פעטער ישמעאל,
פון פויגעל מילך איז דאָרט פאראן,
פאר יודען ארץ־ישראל.

א פיי׳ם א ציג, א שאָף א דרייער,
א הוהן, איין אינדיק האלב אומזיסט,
אלסדינג בזיל־זול, קיין זאך נישט טהייער
און תבואות דאָרטען פול וויא מיסט.

דאס לאנד איז גוט און וואויל א ווינדער,
אויב לעבען, ברידער, ווילט איהר פיין,
פארנעהמט דיא קלימקעס, ווייב און קינדער
און לאָמיר עולה־רגל זיין!

דאס לידעל האט מען טאקי געזונגען, מענשען צום אונטערטרייבען, אונטער־ווארעמען האט אויך נישט געפעהלט און פונ׳ם אָרט האט מען לעת־עתה זיך אלץ נישט גערירט. ערשטענס, האט מען, וויא דער שטייגער איז בייא אונז יודען, גע־קוקט איינער אויפן אנדערען, אויף דרך־ארץ — לאָזען יענע מאכען דעם אָנהויב צום ערשטען און מיר נאך זייא. יענע אָבער האבען נאָר געקענט שיין דרשה׳נען, זיינען געווען בריות נאָר מיט דער צונג און דעם כבוד עפּיס טאקי צו טאָהן האבען זייא מוחל געווען אנדערע ... צווייטענס, האט מען דאָך, וויא דער שטייגער איז בייא אונז יודען, נישט געקענט נעהמען גלאט טאָהן עפּעס א זאך, זיך נישט אָנצור־ריידען וויא א פויק פריהער אזוי, דערנאך שמועסען דאס איינענע ווי״ד. ר

פארקעהרט.... און דריטענס, איז דאָך, נאָך א מאָל מאקי, וויא דער שטיינער איז ביי אונז יודען, נישט אזוי וויכטיג דער פסוק וויא דער דרש, דאס אויסרעדעניש אויף איהם, מען לעהרענט דיא גמרא נישט אזוי צוליעב דעם פשט, וויסען דעם דין, וויא צוליעב דעם פלפול. אַגב טהוט א יוד אויף סברות, מען שפּאַרט זיך, אָנ־נעהמענדיג זיך, איינער דעם אנדערען ביי דיא בערדליך, מען פֿרעגט קלאָטץ־קשיות, מען ווייזט ארויס גרויסע חריפות מיט קנייטשליך, שפּיטצליך, „בע־וואָהרעניׁשען", געדרינגעניׁשען, וואס שארפען און שפּאַלטען דעם מוח. — אין דעם דאָזיגען ענין מכח דיא קאָלאָניעס איז געווען אויך דאס אייגענע מאקי: א שפּארעניש, א האמפּערניש, א קריגעניש, א „ווידער־איינאנד" פרעגעניש, איין אָפּ־ווענדעניש, א חוזיק־מאכעניש, מיט געשפּעט און שטעכווערטליך איינער צום אנדערען: „חכם מיינער!", „שיינער יוד איינער! !"ביידע צדדים האבען זיך גע־שמאק געזידעכט און געווען צווישען זיך פייער מיט וואסער. דיא דרינגנען יא, יענע—ניין. יא, ווייל יענע זאָגען ניין און ניין, ווייל דיא זאָגען יא.... פלאטשעקע קעפּליך האלטען געוועהנטליך מיט דיא, וואס האבען גוטע געמבעס צום שרייען, פּיסקליך אויף שרויפען און וואס קענען מאכען פונ'ם מויל א חאָלאָווע. —

דערוויל, אין דעם גרויסען טאראראם, קומט גראד איינער, אונזערער א מלמד, פון יענע וויימע מקומות דאָרט ערגיץ אין וואָהלין, צום וייב אויף יום־טוב, אין א נייער קאַפּאָטע. ער קוקט אביסעל מיט גדלות וויא איינער, וואס איז אויס־געווען א וועלט און ווארפט אריין אין דעם שמועס פרעמדע, וואָהלינישע ווערטער. אַנשטאָט „יו", זאָגט ער „יא", אַנשטאַט „קרופּניק"—„קאָליש" און „קיטקע" הייסט ביי איהם „קוילעטש", ארום איהם פארקלייבען זיך רעדליך מענשען, מען קוקט אויף איהם עפּעס וויא אויף א חידוש און מען שלינגט איטליכס וואָרט זיינס פון זיינע מעשיות, קראַטצענדיג זיך דערביי א פּאר גרויס הנאָה. וואָהלין, דערצעהלט ער, איז א נעבענשט אָרט מיט אלעם גוטען. קוילעטש עסט מען דאָרט גאר אין מיטען דער וואָך, וויין טרינקט מען דאָרט וויא וואסער, היינט זייער ראָסעלפּליישיל, קנאָבעל, „פּראַקעס", „פּאלירטשיקעס" איז א מאכל מלכים! דיא ווידלען ביי דיא שׁעפּסען (ביי דיא „שאָף", מיין איך חאַפּט ער זיך באַלד און פּאר־ריכט) זיינען אָפּגעגאָסען מיט שמאלץ און שלעפּען זייא פון הינטען זיך נאָך אויף רעדליך. קאָדע, אזוי הייסט עס דאָרט, יו — יא, יא! מיין איך. — נאָר דיא מענשען דאָרטיגע זיינען גראָב, פארשטאָפּטע קעפּ. יודען פונ'ם היגען ווינקעל קענען זייא אין זאק ארייננארען און מאכען גוטע געשעפטען. מלמדים פון אונזער קאַנט האבען דאָרט דיא בעסטע קנעלונגען. זייערע — זיינען חמורים, ליגען אנידער

אײן „עברי" מישטעהנס־געזאָגט, נח מיט זיבען גרײזען, קמץ בית בו, מלופם וואו אי. דערפאַר אָבער קענען זײא עסען....

דער מלמד מיט דער נײער קאַפּאָטע, געגרײזעלטע פּאות, און מיט זײנע וואונדערליכע דערצעהלונגען, שטאַרק פאַרגרעסערטע, מאַכט אַן אין דעם שטעטיל א האַלעבורדע, עס פאַרקאָכט זיך דאָרט א געדיכטע קאַשע, א טחייל שרײען: אהין אין יענע מקומות ערגיץ, וואו מען קען קנעלען, מאַכען שײנע געשעפטען! א טחייל שרײען: נײן, אהין „נישט ווײט פון׳ם פעטער ישמעאל" אויף דיא קאָ־לאָניעס! געזעטצטע מענשליך, מיט פעטע בײבלעך מאַכען: עס, חלעבין, ס׳איז אין גאַנצען אײן אויסגעבלאָזען אײ! גלײכער נישט אהין נישט אהער, אשרי יושבי ביתך — דעם פױערש ווערטעל טאַקע: „סידי דאָמא דא ני ריפּאַיסאַ". און גוטע, ווײבע מענשליך, לעדערנע דישלעס, בײנען זיך, וויא עס קומט א מאָל אויס, אי אהין אי אהער, ס׳איז א דולעניש, א קאָכעניש, ביז אין דעם שטעטיל ווערט געמאַכט א גרויסע אסיפה, אויף וועלכער ס׳איז געווען ר׳ יעקב און אויך בנימין.

פריהער פון אַלע, עס פאַרשטעהט זיך, איז ארויסגעשפּרונגען מיט א וואָרט ר׳ יעקב. זײן דעה איז געווען—בלײבען. קאָלאָניעס, האט ער געזאָגט, איז נישט פאַר יודישע קינדער. דערצו איז עשו. קנעלען און שטאַרבען פערזאָמט מען קײנ־מאָל נישט אומעטום. דעם בטחון צו גאָט ברוך־הוא טאָר מען נישט פאַרלירען, גלויבט און ריהרט זיך נישט פון׳ם אָרט... פעטע בײבלעך און לעדערנע דישלעס האבען זיך געבוײנגען אויף זײן זײט, געהאַלטען מיט איהם. דערנאָך האט זיך צו־שאָקעלט דער איבעריגער עולם, אַלע האבען גערעדט, געשריגען אין אײן קול צום טויב ווערען. מען האט מעהר נישט געהערט וויא: קאָלאָניעס! וואָהלין!... עס זײנען געפלױגען זידלערײען, פלאָם־פײער, פעך און שוועביל. עס האט געהילכט, געשטורמט און לעדערנע דישלעס האבען זיך געבויגען, וויא א טשערעטיל פאַר דעם ווינט, אהין און אהער. געמבעס פון ר׳ יעקב׳ס באַסאַקעס האבען פּכוצלים גע־דונערט: קבצנים! שלעפּען ווילט זיך אײך אויף יענעמס קאָפּ. הולטאַיעס, בעלי־צדקות איבער א פרעמדען בײטעל!... א העזה אביסעל מען זאָל נישט הערען, וואס גבירים, גרויסע לײט זאָגען! איהר מײנט, ס׳איז שוין הפקר א וועלט? וואַרט נאָר וואַרט! וועט איהר זעהען ווער עלטער איז... וואס הײסט זיך אויסשפּאַנען, נישט צאָהלען... ר׳ יעקב, זאָל געזונט זײן, לעבט נאָך, מאריך ימים זאָל ער זײן. דיא קאָלאָניעס אין וואָהלין ווערען אָנגעצונדען, פײערען אין אײנעם אויף דיא באַסאַקעס און שיטען זײא אָב מיט הײסען פּריסעק. בנימין איז דיא גאַנצע צײט געזעסען רוהיג,

אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געשווינגען, ערשט אז דער עולם איז מיעד געוואָרען שרייענדיג, האט ער אויפגעהויבען פּאַמעליכען דעם קאָפּ, ארויפלייגענדיג דיא האנד אויפן שטערען, וואס האט בייא איהם בעטייט, אז ער וויל עפּיס זאָגען.

— שא, שא! איז געוואָרען א קלאַפּערייא, א שושקערייא צווישען דעם עולם. ר' בנימין וויל עפּעס ריידען, שא, שטיל!

— האט איהר זיך שוין אָפּגעקיהלט, רבותים, און וועט הערען? מאַכט בנימין מיט א פריינדליכער מינע.

— יא, יא, ר' בנימין! רעדט, זאָלט איהר געזונט זיין, מיר הערען.

— אומזיסט קריגט איהר זיך, מיינע ליעבע יודען. הויבט אָן בנימין שטיל, רוהיג וויא זיין שטייגער איז, וויא איך זעה קענט איהר נישט אונזער יודישע היסטאָריע, נאט אייך זיא דאָ אין גאַנצען אין עטליכע ווערטער.

דער עולם איז געבליעבען שטיל אָהן שום בעוועגונג, קיין שאָרך, קיין פּארע האט מען פון קיינעם נישט געהערט, גלייך וויא אלע זיינען אויסגעשטאָרבען, און בנימין האט שטיל מיט האלב פארמאַכטע אויגען אָנגעהויבען אזוי:

— וויא באַלד, רבותים, אברהם אָבינו דערגרייכט מיט זיין שכל דאס יודישקייט, הויבט מיט איהם זיך אָן דיא סדרא לך־לך, און ווערט פאַרוואָגעלט פון זיין פאטערלאַנד, קוים מל'עט ער זיך, ווערט דער ערשטער געמל'טער יוד, האט ער שוין אויף דער עלטער גאר א זוהן, יצחק, געיודישט נאך קינדוויים, האט שוין דערפאר מיט א מאָל טאקי א צוויילינג און לך־לך, וואָגעלט זיך אויף ארום אין דער וועלט. — יעקב, א כשר קינד מיט א יודעש הארץ, מאַכט א פליטה, לך־לך פאר עשו'ן קיין חרן... פיער מאל חתונה געהאט, האט א טוץ קינדערליך און לך־לך, לויפט ווייטער פאר לבן־הארמי... בלאָנקעט זיך ארום ביז ער קומט אויף דער עלטער מיט זיינע קינדער קיין מצרים, וואו יוסף זיינער איז א חשוב אין הויף, א גרויסער פּריץ, איין מוכר־תבואה'ניק אין דער וועלט! דאס, וואס דיא קינדער ישראל בלייבען דאָרט א לאַנגע צייט זיצען, זיינען זייא דרינען נישט שולדיג, דער קאָזאק האט זייא שוין געהאַלטען. אין צרות, אין לייד האבען זייא זיך דערוויילע געפּרוכפּערט און געמעהרט, שונאים אויף צו שפּרינגעניש. משה רבינו, וואס האט יונגערהייט שוין געוואוסט דיא סדרא לך־לך, פּועלט דערנאך, דורך גרויסע וואונדער, אָפּצולאָזען דיא יודישע קינדער אויף דרייא טעג נאָר פרייא צו אטהמען, אבי פון פרעה'ס הענד ארויס, איז שוין דא א ברירה בייא זייא געוועזן צו מאַכען אויף לעולם ועד לך־לך. זייא נעהמען דיא תורה אויפן בארג סיני און לך־לך מיט איהר א צייט מיט יאָהרען אין דער מדבר. מיד, צובראָכען פונ'ם שטענדיגען ארומוואנגלען,

קומען זייא אין דעם לאנד כנען, ווילען האבען דארט א מקום מנוחה, רוהען אבער וויינינ, האבען נאנג אויסצושטעהן שטענדיג פון שונאים ארום און ארום. דערנאך, אז גאט העלפט, זייא ווערען שטיקליך בעלי־הבתים מיט א בית־המקדש, יודען זיטצען זיך אין־וויינגערטנער, אנגעלעהנט אונטער פייגענבוימער און מען הויבט ערישט אן וויסען פון א לעבען צו זאגען, צו פאטשען זיך פכוצלים יודישע קינדער און צופאלען אויף צווייא שטיק מיט בעזונדערע שטיבליך. רייסען איינער ביים אנדערען אף דיא קעפ, ביז שלמנאסר דער מלך פון אשור זאגט דיא קינדער ישראל לך־לך! אהין אזש, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט דארט, און מען וויסט עד היום נישט וואו זייער נעביין איז אהינגעקומען, שפעטער קומט נבוכדנאצר מלך בבל, זאגט אויך דעם שבט יהודה: לך־לך און זייא ווערען פארוואגעלט. — אין א צייט ארום קעהרען זיך א טהייל יודען צוריק ווידער קיין ארץ־ישראל. נאר ס'איז שוין א געמוטשעטע לעבען. זייא זיינען קנעבט בייא זיך אין דער היים, ווערען פארשווארצט אין עושר און אין כבוד, לייזען קלעפ פון אנדערע און רייסען זיך בייא דיא נעז צווישען זיך, אזוי ציהט עס זיך אין צרות אין יסורים, ביז טיטוס הרשע חזר'ט מיט זייא גוט איבער לך־לך אין דאס איז זייא ביז היינט געבליבען גוט אין דעם זכרון. זינט דענסטמאהל געהט כסדר אלץ דיא סדרא לך־לך!...

— אט דאס, רבותים, האט בנימין אויסגעלאזט אויף א נידעריגער שטימע, מיט א זיפץ וואס האט געריהרט ביים הארצען. אט דאס איז דיא אלטע יודישע היסטאריע, וואס בלייבט תמיד נייא. אין גאנצען איז זיא א לך־לך, אין אנהויב, אין דער מיט און אויך היינט, ברידערליך. לך־לך! קיין חערסאן, קיין וואהלין, ערגיץ אנדערש—אלץ איינס, דערמיט נעהמט נאך דיא געשיכטע נישט קיין עק, פאר־וואגלעניש הערט נאך נישט אויף, דיא פארוואגעלטע אין חערסאן וועלען נאך געהן קיין וואהלין און ווידער דיא פון דאנען — זיך לאזען אהין... וואס קען מען טאהן? געהט, יודישע קינדער! נאר אל תרגזו בדרך, קריגט זיך נישט איבער דעם וועג, אויך אויף דעם וועג... געהט, ברידער, גאט זאל אייך העלפען!

— איהר רעדט, ר' בנימין, וויא א חכם! רופען זיך אן מענשען פונ'ם עולם, נאר וויא געהט מען אהן געלד. מיר בעדארפען האבען הילף, אויף הוצאות געלד!...

— פון מיין זייט, ענטפערט בנימין, ווארנענדיג זיך מיט טרעהרען, פון מיין זייט בין איך ברייט צו געבען פיעל מעהר וויא איך קען, לאזען אויך אנדערע געבען נאר וויפיעל זייא קענען, אפילו וויינינער וויפיעל זייא קענען, אבי געבען. וויא זאגט מען עפעס: אביסעל און אביסעל, ווערט א פולע שיסעל".

— יודען! טהוט ר׳ יעקב פלוצלים א היק, שטארק אָנגעצונדען, איך דער־קען אייך היינט גאר ניט, יודען! פארשטעהע נישט, וואס אייך איז היינט אזוינס געשעהען? וויא אזוי קענען עס יודען מיט א קאלטער לעבער צוהערען אזעלכע רייד פון דעם ר׳ בנימינ׳ן א י י ע ר ע ן?... ס׳איז דאָך חילע־חאלאָשעס, א חילול־השם, מען זאָל נעהמען דיא תורה האק־דייזשע (הקדושה) און מאכען פון איהר גלייבע ווערטליך!... געוואלד, דיא היילינע תורה! געוואלד, דיא היילינע אָבות! מען נעהמט א סדרא לך־לך און מאכט פון איהר מאָנדרוש, א לע־מעשקע! —

אוי־וועה, מען בעדארף דאָך, הערענדיג אזוינס, קריעה רייסען!...

— שוין נענוג געריסען... נישטאָ שוין מעהר וואס צו רייסען! — האט זיך נעלאָזט הערען עמיצענס א קול פון צווישען דעם עולם — דיא גוטע כנופיא האט שוין אָפגעריסען דיא הויט פון לעבעדיגע און פון טויטע.

— תרבות עזות־פנים! טהוט ר׳ יעקב א היק, ווער איז דאס דאָרט דער יונגאטש אזוינער?!

— האט רחמנות, ר׳ יעקב! שרייען יודען אין איין קול. זעהט, זאָל עפּעס ווערען אויף הוצאות! ס׳איז שלעכט, ר׳ יעקב! שלעכט, שלעכט... מיר זיינען פארבייא.

— יודען בעדארפען האבען בטחון צו דעם וואס לעבט אייביג אין הימעל, ברוך הוא וברוך שמו, זאָגט ר׳ יעקב דעם עולם מוסר. ה׳ ילחם לכם — הקדוש ברוך הוא וועט אייך געבען ב ר ו י ט, געבען קען נאָר ער, זיין ליעבער נאָמען אליין, שבו לכם עם החמור. בכייבט און האָפט אויף דעם, וואס וועט קומען רייטענדיג אויפן חמור. אזוי זאָג איך אייך, איך ר׳ יעקב!... פארגעסט נישט, איהר זייט שטיקלעך בעלי־חובות, צום רייסטער קומט, אויך מיר און... פאר גאָט טאָר מען נישט אנטלויפען, זאָגט תהלים, פאסט, הללוהו בתוף ומחול, צום סוף וועט ער אייך מוחל זיין, נישקשה... זיין רחמנות איז גרויס.

בנימין האט זיך אויפגעהייבען פונ׳ם אָרט און ארויסגעגאנגען שטיל, נישט צו ענטפערן ר׳ יעקב׳ן קיין וואָרט. באלד נאָך איהם איז אויך דער איבעריגער עולם זיך צוגאנגען און דיא אסיפה האט, וויא געוועהנטליך, זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

מיט גאָרנישט פאר דעם אָרמען עולם און מיט א ביס אָבער פאר בנימינ׳ן — א ביס אזש צייבענס זיינען געשטאנען. ר׳ יעקב האט זינט דענסטמאָל אויף דער

אסיפה זיך געגעבען דאס וואָרט, בלי נדר בנימינ'ן אָנצוזאלצען, אז אייביג זאָל עס איהם ליגען אין טעם. געזאָגט געטאָהן — און עס האט נישט געדויערט לאנג איז פונקט אקעגען בנימינ'ס הויז אויסגעוואקסען א געהייבען שיינקעל גאר א וואונדער, וואו דיא „פ י א נ י ה ע י ר" האבען אָפט געטרונקען און פארביסען. —

בנימין האט שוין נישט דיא פרנסה, וואס פריהער, ער ווייסט שוין דעם טעם פון נויט. שרה זיין ווייב איז פאר יסורים געעלטערט, בעטריבט. דיא שנירליך פערעל מיט דעם גילדענעם אויבעל זעהט מען שוין נישט בייא איהר אויפן האלז אפילו שבת און יום־טוב. זייא ליגען ערגיץ פארזעטצט. נאָר בנימין האלט זיך נאך פון דעסטוועגען און דער שטייגער לעבען זיינער איז נים געענדערט אויף א האָר. ער זיטצט אלץ טאקע בייא זיך אין אלקיר, קוקט אריין אין א ספר, שמועסט דאָרט מיט מענשען שטיל, רוהיג, געלאסען ווייא א מאָל.

אזוי האלט זיך געוועהנטליך א בוים, וועלכען דער וואָרעם עסט, טאָטשעט אונטען ביים וואָרצעל. וועסנע־צייט בעדעקט ער זיך מיט בלעטער, זעהט אויס פריש, גרין, נישט צו דערקענען, אז אינווענינ איז ער געביך פויל — ביז זיין מלאך־המות, דער וואָרעם, טהוט דעם לעצטען פיק, דערגעהט איהם דעם עק און ער פאלט פלוצלים אנידער!...

---

## 4.

**א נייא אומגליק האט דאס שטעטיל געטראָפען — און בנימין איז געפאלען א קרבן!**

אז דיא היינטיגמאָדישע בילדונג האט, ווייא א מגפה, זיך אריינגעחאפט אין אונזער ווינקעל און אָנגעמאכט צרות, האט נאָט אונזער שטעטיל פון אזא פורעניות אויסגעהיט, דאָרט האט מען פון אזא אָנשיקעניש א לאנגע צייט נישט געוואוסט, מען האט אפילו געהערט א מאל עפים א קלאנג פון דערווייטענס מכח דייטשליך— געבוכבעטע יודען אזוינע אָהן יארמולקעס און מכח ביכליך עפים אזוינע מיט קורצע שורה'ליך, נאָר אלץ נישט בייא אונז געדאכט. אונזערע יודען האט מיט זיינע שיינע אָנשטעלען דער רוח נישט גענומען. גיכער, דאכט זיך, וואָלט דער יצר־הרע מרוצה געווען געהען צו אלע שווארצע יאָהר איידער קומען צו אונזערען א יודען ברייננען איהם צו א זינד... דער יצר־הרע אליין האט, דאכט זיך, בעדארפט האבען איין אייזערנעם יצר־הרע אזוינס צו טאָהן. — פלוצלים אָבער ווערט אין שטעטיל, א גע־טומעל, א געשרייא, א געפילדער: אוי־ווייא, דיא קליפה איז דאָ! —

ביא א יונגען מאנטשיק עפּיס — און צו אלע צרות נאָך, איין איידעמיל איינעמס עפּיס פון ר' יעקב'ס לייט נעפינט מען אונטער דער „גמרא" א „טרפה־פסול" ! מען נעהמט זיך צו דעם פושע־ישראל און עס ווייסט זיך ארויס — אוי, א וועהטיג ! — ער איז נישט איינער און אויך נישט דער רעכטער בעל־עברה. דיא אמת'ע טרפניאקעס, אבי־אבות הטומאָהניקעס זיינען עטליכע בעלי־הבתישע קינדער. מען נעהמט זיך צו דיא פיינע לייט און עס ווייזט זיך ווייטער ארויס, אז זייא זיינען, הע־הע ! גרויסע עזות־פּנימער, האבען גאר קיין מורא נישט פאר קיינעם. דיא קליפה רחמנא־ליצלן, האט צונענומען בייא זייא דעם שכל מיט דעם יודישקייט אין איינעם. זיינען אליין קאליע און קאליע געמאכט נאָך אנדערע. עס רעשט זיך, עס קאָכט זיך, דאס גאנצע שטעטיל ווינט זיך. איטליכער אלץ — אָווא, א מעשה אזא מעשה !... טאטעס — מאמעס—ציטערען, פלאטערען פאר זייערע קינדער, דיא קליפה זאָל אין אזא אונטערגאנג, נישט דאָ געדאכט, צו זייא זיך אויך נישט אָנ־נעהמען. שיינע יודען, נאָטס־סטראפּצעס, נעהמען זיך אָן נאָטס קריוודע. סטייטש, רבונו של עולם, מען זאָל אזוינס איהם אָפּטאָהן !... און גלאט אזוי יודען מיינען נישט קיין שום זאַך וויא דערווייל איז דאָך דאָ איין עסק צו ארבייטען, פילדערען, שרייען און נישט זיטצען ליידיג. מעהר פון אלע האט געברענט ר' יעקב. און איטליכער וואָרים האט א דאָרים : איין מאָל, איז ער, הייסט דאָך עס, דער עלטסטער, אויף איהם שטעהט דאס גאנצע שטעטיל און ער וועט בעדארפען נאָט ענטפערען פאר דיא אלע חטאים, אָפּגעבען דין וחשבון פאר כל־ישראל. „פאר וואס ר' יעקב — וועט דער מלך עליון, ברוך הוא וברוך שמו, זאָגען — האסט־דוא נישט, וויא דער פאסטוך פאָרשט זיין טשערעדע, געטאָהן איבערפיהרען מיינע שאָף ישראל אונטער דיין רוט, כדי זייא זאָלען וויסען ווער ע ל ט ע ר א י ז און וואס פאר א גאָט זייא האבען ? !)..." היינט צווייטענס, האט דאָך אין דער מיאוסע מעשה געשמעקט דאס איידעמיל פון זיינעם א לייב־מענשען. אזוינס איז דאָך שוין טאקי א פאדראָס, נישט אויסצוהאלטען. און דריטענס — נוא, דאס מוטכען שוין שונאים, לאָז עס בלייבען צווישען אונז — האט דיא גאנצע מעשה גלאט נישט גע־טוינט ר' יעקב'ן צום עסק. דאס הארץ האט איהם געזאָגט, אז דיא דאָזיגע קליפה מיט איהרע ביכליך, ווען זיא חאפּט זיך חלילה אריין צווישען יודישע קינדער, קען איהם זעהר פיעל שאדען צו זיין נאָמען און צו דיא מיני געשעפטען זיינע, דענסטמאָל איז ער דערהרג'עט, וויא דיא פלעדערמויז אין פינסטערן קעלער בשעת עס חאפּט זיך אהין פלוצים אריין א שיין פון דער ליכטיגער זון...

אין דעם דאָזיגען קאָכעניש לאָזט מען, עס פארשטעהט זיך, נישט אויס

אונזער בנימינ׳ן. מען לויפט צו איהם משוגענערווייס און מען זוזשעט איהם אָן פולע אויערן מיט דער מעשה, נאָהענטע קרובים נעהמען און פיהרען די שיינע יונגע לייטליך צו בנימינ׳ן בבדי אויסצושטראָפען, אויסצושיינעצען זייא פאר מענשען. אויף בנימינ׳ן, האט עס געהייסען, וועלען זייא ליינען כבוד און ער וועט שוין נישקשה מיט זייא לעהרנען בלק.

נאָר אונזער בנימין נעהמט אויף דיא יונגע לייט נאר פריינטליך מיט א שיינעם „ברוך־הבאָ!״ ער בעט זייא זיטצען און מאכט א וויטען שמיעס, דאכט זיך, עפּיס גאר נישט צו דער זאך. דער שמיעס אָבער קומט אלץ וואס וויטער מעהר ארויף אויף א דרך, אלץ נעהנטער, נעהנטער צום עסק, דיא יונגע לייט ווערען דערווייל גוט אויפגעלייגט, ריידען מיט א מויל און בנימין בעריהרט דעם חטא זייערען גאנץ דיליקאט.

— מילא, מאכט ער שטיל־רוהיג מיט משלים אויף זיין שטייגער, מילא דיר. חוה, האט זיך פארגלוסט עסען פונ׳ם עץ־הדעת מהיכא־תיתי, עס, אויף דיר דיא עברה. אָבער פאר וואס האסט־דוא נאך געהאט פונ׳ם עץ־הדעת צו געבען אָדם׳ן נעביך, ער זאָל שטארבען? !

— הייסט עס א פּנים, טהוען זיך דיא יונגע לייט א חאפּ מיט פייער, אז בילדונג איז איין עבורה און דיא קשיא איז, פאר וואס האבען מיר, אָרמע בעלי־עבורות, נאך פארפיהרט אנדערע אין אזא אומגליק? אהא? מיר פארשטעהען, פארשטעהען! אזוי, ר׳ בנימין, בעטייטען אייערע ווערטער?

— יא, קינדער, אזוי.

— ניין! מיר אָבער מיינען נים אזוי. צושאָקלען זיך דיא יונגע לייט מיט א שטעכענדיג שמייכעלע און נעהמען זיך אין איין פייער לעהרנען דעם אלטען בנימינ׳ן, אז בילדונג איז דאס... בילדונג איז יענעס... פאר יודען נאָר א גליק. בנימין הערט אלסדינג נעדולדיג אויס, נישט איבערצושלאָגען דיא רייד. דיא יונגע לייט היטצען זיך, ריידען פאר פייער, פאר וואסער אלץ בילדינג, בילדונג, ביז עס לאָזט זיך זייא אויס ווערטער און ווערען אנשווינען. דענסטמאָל הויבט אָן בנימין גאנץ רוהיג, אָנגעבוינען דעם קאָפּ, און ווארפט פון זיין זייט ווייטער אריין א וואָרט. אזוי:

— דער עץ־הדעת אליין פאר זיך איז גאר נים שלעכט. שלעכט איז נאָר אָט וואס, וואס אָדם מיט חוה׳ן האבען באלד נאך דעם פארזוכען נאָר פונ׳ם עץ־הדעת זיך שוין געשעהמט מיט זיך אליין, שוין זיך געפיהלט אומגליקליך, וואס זייא זיינען נאקעט־באָרפיס, נישט אָנגעטאָהן

וויא מענשען און אָנגעהויבען צוקליידען זיך נאָך דער ע ר ש ט ע ר  מ אָ ד ע. אַז אין גן־עדן האט מען זיך געפיהלט אומגליקליך, אַ פּשיטא שוין ה י י נ ט ערגיץ א נ ד ע ר ש !....

דיא יונגע לייט שטויסען זיך אָן וואָהין בנימינ׳ס ווערטער דערלאַנגען און הויבען אָן אַלע אַקענען איהם צו טענה׳ן, צו פּאַרשיטען איהם מיט ניין מאָס רייד, שרייענדיג דערבייא אַלץ: לאָזט זיך דיענען, לאָזט זיך דיענען! הנם בנימין איז געזעסען שטיל, נישט געעפענט קיין מויל. נאָכדעם אַז דער שמיעס האָט זיך אָפּ, שטעהט בנימין אויף פונ׳ם ביינקעל, געהט זיך דורך עטליכע מאָל הין און צוריק אין אַלקיר און שטעלט זיך דערנאָך פאַרטראַכט לעבין פענסטער, וואס געהט ארויס אין אַ קליין גערטענדיל בייא זיך אין הויף, וואו זיין לעבען איז געוועזען זומער צו זיטצען, אָנקוועלענדיג פון איטליכס ביימעלע, פון איטליכס גרעזעלע בעז־ונדער.

— א־א, וואס אין דרויסען טהוט זיך! זאָגט בנימין אַ קוק געבענדיג אין פענסטער. עפּיס אַ זאַווערוכע גאָר אַ שרעק! ס׳אין שוין נאָך פורים, וועסנע־צייט, און דער ווינטער האַלט, וויל נישט נאָכלאָזען!...

דער ווינטער האט געוויזען טאָקי זיין ווילדע, שרעקליכע קראַפט, גלייך וויא אַ פאַרוואונדעטע חיה־רעה, אין וועלכער עס צוברענט זיך דיא רציחה, פיהלענדיג איהרע לעצטע מינוטען און וויל זיך חאַטש נוקם זיין אביסעל איידער זיא געהט פון דער וועלט. עס האט זיך צושפּילט אַ שטאַרקער שטורמווינט, מיט אַ רוזען, אַ געהייל וויא פון טשאַטעס הונגעריגע וועלף, געריסען דעכער, געסערט, געטראָגען גאַנצע זיילען שנייא פון דער ערד אַרויף, אויסמישענדיג עס אין דער לופט מיט אַ פּריש, פאַרפרוירען שנייעלע ערשט ארויסגעשאָטען פון שוואַרצליך־גרויע חמארעס, וואס האבען בעדעקט דעם הימעל אַרום און אַרום, אָנמאַכענדיג אויף איטליכען מיט זייער פינסטער פּנים אַ שרעקליכע מרה־שחורה. אויף דיא געזימסען אונטערן דאך זיינען געשטאַנען איינגעהייקערט, מיט איינגעצייגענע העלזליך, וואָראָנעס נעביך, אויסבאַהאַלטענדיג זיך פאַר דער שרעקליכער בורע, וואס האט זייא פּלוצלים אָנגעפאַלען, עפּיס וויא זיך שטאַרק געוואונדערט, אין אַזא צייט, ווען בייא לייטען, אין יענע געגענדען דאָרט, איז שוין זומער, ווארם מחיה, זאָל זיך דאָ א ז ו י נ ס פּלוצלים מאַכען... ביימער פאַר דעם פענסטער, נאַקעט מיט הויכע ריטער, אָהן אַ סימן לעבען, וויא גרויסע פאַרדאַרטע בייזעמער, האבען זיך געשאָקעלט, גע־וואָרפען, אָנבויגענדיג דיא קעפּ, וואָהין דער ווינד בלאָזט און דאַכט זיך, אָט ווערען זייא צובראָכען, עס ווערט פון זייא אַ הויפען שפּענער.

אויף אלע מענשען אין שטוב איז עפּיס אָנגעפאלען א מרה־שחורה, איטליכען נישט גוט אויפן הארצען — און מען האט גערעדט, געשמיסט פון הייגטיגער, שלעכטע פּאָגאָדע.

— פארפאלען, דאכט זיך, מיינע ביימליך, רופט זיך אָן בנימין, א מאך נע־בענדיג בעטריבט מיט דער האנד. דער בייזער ווינטער מיט זיינע פרעסט און שטורמווינדען וועט, דאכט זיך, מיט זייא עקען.

— האט נישט קיין פּאַרבט, ר׳ בנימין! טהוט איינער פון דיא יונגע לייט א זאָג מיט אזא שמייכעלע, וואס האט עפּיס בעטייט וויא: פרעג דיך בחרם אלטער, וואס דוא רעדסט, דרינען האב איך שוין א ידיעה. — נישקשה, ר׳ בנימין! דאס דאכט זיך מאקי נאָר אזוי. דיא נאטור האט נישקשה פאר אייערע ביימליך זיך געזאָרגט. בכדי זייא צו דערהאלטען, האט זיא דעם זאפט אינווענינ אין זייא אויף א צייט איינגעשטעלט, גוט באהאלטען, וויא מען בעהאלט עפּיס איין עסענווארג אין קעלער גוט פארוויקעלט, פארשטעקט, דיא קעלט זאָל עס נישט איבערפיהרען.

— אָ־ווא! מאכט בנימין, וויא גרויס איז גאָט׳ס וואונדער!... נוא, א שטיינער, אז מען וואָלט מיט עפּיס אזא קונץ געמאכט אצינד, דער זאפט זאָל ארויס פונ׳ם באהעלטעניש פרייא און אויף דיא צווייגען זאָלען שפּראָצען בלעטליך, נוא, וואס? מען זאָגט, מיט דער שווארצער־קונץ האבען מענשען געמאכט א מאָל אזעלכע זאכען.

— דאס איז מעשה־פּאָקוסניקעס. רופט זיך אָן נאך איינער פון דיא יונגע לייט. דורך אזוינע פּאָקוסען וואָלטען דיא ביימער אומגעקומען. דאס איין מינוט געמאכטע גרינקייט, קלאָמפּערשט, וואָלט זייא גענומען דאס לעבען זייערס. דער פראָסט וואָלט א חאפּ געטאָהן דעם זאפט, געמאכט אויס איהם תּל, דיא צווייגליך מיט דיא געמלאכה׳טע בלעטליך וואָלטען געגאנגען קאפּוט און פון פּירות וואָלט אפילו קיין אָנהויב נישט געווען.

— הייסט דאך עס א פּנים, קינדער, וויא איהר זאָגט, מאכט בנימין וואונדערנדיג זיך, אז וואס גאָט טהוט איז גוט און קלוג. זעהר שיין חכעבין! פאר וואָס־זשע זאָלט איהר, קינדערליך, אין דיא יודען אצינד, בייא זייער הייגטיגע לאגע, נישט זעהען דיא אייגענע גבורות הבורא, וואס אין דעם בוים ווינטער? א יא, דער הימעל איז אצינד ארום און ארום בעלייגט מיט פינסטערע חמארעס, פון אלע זייטען שטורמען שטארקע, קאלטע ווינטען. דער יוד שאָקעלט זיך נעביך, אָנבווינענדיג דעם קאָפּ אהין און אהער, אָהן א רגע מנוחה, דאכט זיך, אָט פאלט

ער און עס ווערט אויס איהם א הויפען ביינער. נאָר דער זאפט פונ'ם יודיש־ קייט אָבער ליגט אין איהם נוט באהאלטען, ס'איז דאָ טיף אינוועניג אין איהם א לעבען, א נשמה... לאָז מען־זשע אצינד איהם לאָזען צורוה און נישט וועלען מיט געוואלד, דורך פאָקוסען, אָנהייגנען אויף איהם פאַר דער צייט עפּיס בלעטליך אזעלכע, וואס חוץ צרות, קריינקונג און יסורים וועט דערפון קיין פירות נישט ארויסקומען. — שפּעטער, אם־ירצה־השם, אז עס וועט א שיין געבען דיא ליכטיגע זו, דיא ווינטען וועלען געשטילט ווערן אין דרויסען וועט זיין מחיה ווארם־ דענסטמאָל וועט, וויא ישעיה הנביא זאָגט, שפּראָצען און בליהען ישראל און ארויס געבען פיעל פרוכטען.... אז אין גוטע צייטען גיט ישראל דער וועלט גענוג פרוכטען ארויס — דערפאר קען דיא יודישע היסטאָריע זעהר גוט ערב זיין....

בנימינ'ס רייד האט וויא א בליטץ פּלוצלים דיא יונגע לייט געטראָפען, זייא האבען זיך אָנגעקוקט שטארק פארוואונדערט און געבליבען אָהן לשון. דער עלטערער פון זייא האט זיך באלד בעטראכט און זיך אָנגערופען מיט הארץ:

— ווילט איהר א פּנים, ר' בנימין, מיר זאָלען נישט לעהרנען! וואס זאָלען מיר טאָהן, אז אונז גלוסט זיך פאָרט עפּיס וויסען און זיין שטיקליך מענשען! ...

— חלילה! ענטפערט בנימין. לעהרנען חכמה, מהיכא־תיתי מעגט איהר, נאָר מיט דיא דאָזיגע תנאים: ערשטענס, זאָלט איהר, קינדערליך, דערבייא נישט פארגעסען דיא צייט, אין וועלכער איהר לעבט און אלסדינג וואס ארום אייך טהוט זיך אצינד און שטארק געוואָהרענט זיין. איהר זאָלט למען־השם ולמען־השם זיך היטען, דיא קעלט פון דרויסען זאָל אינוועניג אין אייך זיך נישט ארייננחאפּען און קאליע מאכען דעם לעבענסזאפט פונ'ם יודישקייט. איהר בעדארפט אויך בייא אייך פונ'ם אָנהויב אָן זיין גרייט, פונ'ם לעהרנען נישט צו דערווארטען פאר אייך קיין גרויסע נוטצען און גליקען אין לעבען חוץ דעם פארגניגען אליין, וואס דעם מענשענס הארץ פיהלט נאר טאקי פונ'ם פארשטעהען עפּיס א חכמה. דעם יודענ'ס לעהרנען בעדארף און מוז זיין לשמה. פארשטעהט איהר מיך, כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. יודען האבען — עולם הבא.. און צווייטענס, זאָלט איהר אצינד נישט וועלען מיט געוואלד אָנהייגנען יענעם אייער בילדונג, דורך וועלכער איהר קענט איהם נאך מאכען מעהר אומגליקליך... איהר וועט געפינען עפּיס אנדערש אין פּראקטישען לעבען מיט וואס ניטצליך צו זיין אייערע ברידער, אויב איהר ווילט.

בנימינ'ס ווערטער זיינען דיא יונגע לייט טיעף אין הארצען אריין. מיט טרעהרען אין דיא אויגען האבען זייא אנגענומען איהם בייא דער האנד און גע־שוואוירען זיינע ווערטער אייביג צו געדיינקען...

אז דיא יונגע לייט זיינען מיט א גערירהרט הארץ אוועקגעגאנגען, האט מען געזעהען, וויא בנימין איז עפיס צוטראָגען, דיא האלב־צוגעמאכטע אויגען זיינען איהם פארלאָפען מיט טרעהרען. נאך עטליכע רגע שווייגען זאָגט ער מיט א קרכץ, שאָקלענדיג דערבייא מיט'ן קאָפּ:

— וואס איז שולדיג דאס אָרמע קינד, דער יתום'ל נעביך, אז דאס יונגע בלוט זיינס איז ווארם? אז עס גלוסט זיך איהם נעביך אויך אָנקוקען גאָט'ס וועלט, צו לעבען, ארבייטען, צופיהרען אביסעל דיא הענטליך אין דיא יונגע יאָהרען וויא אלע אנדערע?... ניין, יתום'ל! זאָגט מען איהם, דיין בלוט טאָהר נישט זיין ווארם... ניין, נישטאָ פאר דיר קיין יוגענד!... לאָז זיך איין אָרעמאנס א קינד נישט גלוסטען, שטופּ זיך נישט צווישען אנדערע! זייא מעגען און דוא טאָהרסט נישט, דאס וואס פאר זייא איז א גליק, איז פאר דיר נאר איין אומגליק. שא, ליעג בעגראָבען!... א רחמנות חלעבען אויף דיא דאָזיגע יונגע לייט. זעהר ווא־ילע קינדער! — —

ר' יעקב האט דערווייל נישט גערוהט, דאס איידעמיל האט, אויף זיין בע־פעהל, דער שווער שוין ארויסגעטריבען, איהם געצווינגען דער טאָכטער זיינער געבען א גט. דאס יונגע פּאָר פאָלק, זאָגט מען, האבען צווישען זיך זעהר גוט גע־לעבט און ביים צושיידען זיך בּיידע שרעקליך געוויינט. מיט זייא אין איינעם האט געוויינט זייערס א קליין מיידעלע, וואס איז אין דיא קינדערשע יאָהרען נעביך איבערגעבליבען א ווייסטע יתומה'לע. האט דאס ווייסטע קינד נעבעך, אויס־שטרעקענדיג דיא הענטליך און זוכענדיג מיט דיא אייגליך, געשריגען א מאָל אין איין קול: טא — טא!... פלעגט דיא פאראומערטע מאמע זיך בעוואשען מיט בלוטיגע טרעהרען, אָפּענטפערענדיג שטיל, טרויערדיג: שא, נישטאָ טא! פאר־וויסט זיינען מיר ביידע, שא, שא!... און אז ר' יעקב האט דאָ געטראכט, זיך צו־געגרייט „איבערצופיהרען דיא איבעריגע שעפעליך ישראל אונטער זיין רוט" איז ער זיך דערגאנגען דורך זיינע לייט, וואס האבען איהם אָפּגעטראָגען מיט זייע־רע אייגענע צוגעלייגטע פּזמונות, אז בנימין האט דער „קליפּה" גאר געגעבען גערעכט. אז דיא טרפה'נע יונגע לייט זיינען איהם זעהר געפעלען און ער איז מיט זייא נאר איינס!... ר' יעקב איז געוואָרען אָנגעצינדען, פלאם־פייער און האט זיך געגעבען א נדר, ער מוז פון בנימינ'ן מאכען אש, דאס האט בייא איהם נאך

געהייסען א גרויסע מצוה. בנימין איז דאָך איין אפּיקורוס און אַקעגען איין אפּיקורוס מעג מען טאָהן אַלסדינג... זוכען א סך וואס צו טאָהן האט ר׳ יעקב נישט בע־דאַרפט, ביי איהם איז תמיד געווען פאַרטיג א שפּרוך און געקענט צולייגען א קנייטעל...

אין א קורצער צייט ארום איז דער רעוויזאָר פונ׳ם אַקציז מיט עטליכע פּאַ־ליצייסקע איבערגעפאַלען פלוצלים בנימינ׳ס הויז און איהם פאַרחתמ׳עט אויף אייביג זיין געהייבען שיינקיל... בנימין איז אויף דער עלטער געבעך געבראָכען געוואָרען פון ברויט און זיך נאך פאַרזעטצט דאַרויף און דערונטער, צו בעצאָהלען דעם שטראָף, וועלכען מען האט אויף איהם אַרויפגעלייגט. ס׳איז געווען עפּעס איין אונ־טערגעוואָרפענע מעשה...

---

5.

דיא שיינע פרנסה מיינע. מישטעהנס־געזאָגט, מיט ספרים, האט מיך אויף א היבשע צייט אָפּגעריסען פון דער היים, און פונ׳ם שטענדיגען ארומוואַגלען זיך צווישען יודישע קינדער, פון איין שטעדטיל צום אַנדערען, איז מיר דער קאָפּ גע־לעגען נאָר אין דעם ביידעל סחורה, ווייטער איז מיך נישט אָנגעגאַנגען דיא גאַנצע וועלט, זיא זאָל זיך געווען אפילו איבערקעהרען, וויא דער שטיינער איז פון אַלע יודישע סוחרים, בעזאָנדערענס יענע, וואס גיבען זיך אָפּ מיט ספרים... נישט דאס בין איך אויסען. אז איך בין אין־א צייט ארום צוריק געקומען א היים און מיך ארומגעקוקט, וואס טהוט זיך דאָרט אַזוינס, האָב איך געהערט, אז בנימין איז אויס בעל־הבית, זיין הויז מיט האק און פּאַק איבערגעגאַנגען אין פרעמדע הענד, מען האט עס אָפּגעשאַטצט און פאַרקויפט פאר דיא חובות זיינע. שרה, זיין ווייב, איז פאר גרויס עסעניש און קריינקונגען פון דער וועלט געגאַנגען פאר דער צייט, און ער נעביך, איין אַלמן, לעבט אין נויט, אין פּיין, אויף דיא עלטערע יאָהרען עלענד וויא א שטיין. ר׳ יעקב, אַקעגען־זשע, געזונט אייזען, אין עושר, אין כבוד, ברוך־השם, דרעהט וויא פריהער א וועלט און פיהרט נאָך אַלץ דאס גאַנצע שטעדטיל ביי דער נאָז, מיט דעם אויבערשטענס הילף. עס שיינט, בליהט וויא א רויז און זיך דערלעבט אויף דער עלטער זעהען יונגע נייע עזות־פּנימ׳ער, וואס וואַקסען וויא קראָפּאָווע ארום איהם, און וואס וועלען אין זייער צייט, אם־ירצה השם נאָך דער פּטירה זיינער, אַרויף אויפן ביינקעל אָנשטאָט איהם, כדי יודישע קינדער, צאָך

קדשים, זאָלען איין רגע חלילה נישט בלייבען וויא שאָף אָהן א פּאסטוך, וויא א משערעדע אָהן הינד. —

און אונזערע יודעליך? וואס מאכען זייא עפּעס, מיט וואס האט זיך אויס־געקאָזט זייער דולעניש א מאָל? — אוי, שוין בעסער שווייגען!... איבעריגענס, פּרובּפּערען זייא זיך און מעהרען, זיינען גרויסע קבצנים, גוטע, דומע שעפּעליך, חאַפּען א שמיטצעל און שא.

איינמאָל האב איך מיך אריינגעלאָזט אין א שמועס מיט בעקאַנטע, בנימין׳ס גוטע פריינד. עס האט מיך אונטערגעטראָגען פאר רחמנות אויף איהם, נעביך, געוואלד צו וואס אזא מענש איז געקומען! און דורך וועמען? דורך עפּעס א מין נפש, איין עזות׳ניק, א גארנישט, מישטעהנס־געזאָגט! איך קרעכץ, זיפץ אָך־און־וועה, רעד און רעד, עס פּוקעט זיך מיר דאס הארץ און מען זאָל זיך עס חאַטש אָנרופען, ארויס מיט א וואָרט, אלע שווייגען, פאר גרויס שרעק, מסתמא. איינער פונ׳ם עולם, אמת, האט זיך שוין נישט געקענט איינהאלטען, נישט געקענט שוין איבערטראָגען, אזוי האט עס איהם אָנגענומען ביים הארץ. ארומקוקענדיג זיך גוט אין אלע זייטען און געזעהען, אז קיינער, חוץ אונזעריגע, איז נישטאָ, האט ער זיך אָנגעלאָדען מיט גרויס גבורה. ער האט זיך אָנגעבייגען און שטארק אין כעס, פלאַם־פייער, אי־אי! מיר אין אויער אויסגעשאָסען ב ס ו ד יענעם מיאוס הארב וואָרט:

יאנקויץ, א רוח אין דיין טאטענס טאטענס, טאטענס...!

יענע לייט ארום מיר האבען עס נישט געהערט, אָדער זיך געמאכט נישט הערענדיג בלומרשט, נאָר דער רוח האט זייא פאר שרעק שיעור נישט צוגענומען און זיינען אין איין איטפּעט, וויא דיא מייז אין דיא ווינקעליך, זיך צולאָפען. — איך בין געבליבען, אוי־וועה, איינער אליין! איך שטעה, קוק, שאָקעל־נאָך מיט׳ן קאָפּ און שיס פאר הארצוועהטיג אויס מיט א ביטער געלעכטער! —

# א נאכט אין צרות.

עס איז שוין העט שפעט אין דער נאכט, גלופסק שלאפט — און דיא קאַ־פעלע האט נאך אלץ געשפּילט. צוויא יודישע קינדער קענען קיין אויג נישט צו־מאכען, ווארפען זיך נעביך פון איין זיים אויף דער אנדערער — און דיא געלעגערס אונטער זייא ארבייטען: סקריפּען, קרעכצען, גיבען אָפּ קאָנצערט, וויא דער שטיינער פון יודישע געלעגערס, וואס צרווינען זיך, צו שאָקלען זיך, צו פּילדערען זיך, זאָגען שירה ביי־נאכט פון א מינדסטען ריהר. פון א מנין געלעגערס אין א יודיש הויז דיא שירה ביי־נאכט צוהערען איז אודאי אז וואויל; נאָר נישקשה, מיט דער דאָזינער קאפּעלע דאָ, פון אונזערע צווייא פּארשוינען, אין וועלכער עס האט געטרייא געאַרבייט א הינקעדינער, א געריהרטער, א הויקעריגער, אויסגעדיענטער טאפּטשאַן מיט עפּעס א מין ריק־בעט — האט מען געקענט אויך זעהר גוט יוצא זיין. אויף דעם טאפּטשאַן, אין פּאָדער־חדר, האט געשפּילט אונזער הערשעלע, און אויף דעם ריק־בעט, אין אלקעריל — אונזער רפאל.ביידע האט זיך עפּיס נישט גענומען קיין שלאָף, איטליכער האט געהאט צוזינגען און צוזאָגען מיט זיינס.

דיא קשיא איז אָבער: מה נשתנה הלילה הזה, פאר וואס איז פאַרענדערט געוואָרען דיא דאָזינע נאכט פון אלע אנדערע נעכט? שבכל הלילות פונ'ם אונטער־נעכטינען דאָ בייא רפאל'ן, האט הערשעלע געשלאָפען, אָהן עין־הרע, גאר נישקשהדיג. נאר ביים ערשטען אריינטרעטען זיינס אהין, צו רפאל'ן, אויף נאכט־לאגער, איז איהם געווען גוט עפּיס אויפ'ן הארצען, וויא איינעם וועלכען גאָט דער־הויכט פלוצלים דאס מזל, דאס קליינע, נידריגע שטיבעל, וואו ס'איז א מעגליכ־קייט צו בלייבען א ווייכע פאר זיך אליין, אומגעשטערט פון א עולם מענשען, וויא דאָרט אין קלייזיל — האט איהם אויסגעזעהן שררות. ער האט געקוקט אויף אלסדינג דאָרט עפּיס מיט א מין דרך־ארץ, געקוקט, געטאפּט, קוים צו־צוריהרען זיך מיט א פינגער און געשמאָכט פאר גרויס פאַרגניגען. עס האט אזוי פיעל גע־

חייסען וויא: „א־נוא, נום, הערשעלע, מיר האבען א נאָט, הא?!“ דאס פארוויסטע באנק־בעטיל, אין־גאנצען וויא־סאיז, מיט דיא שלאפע פיס, אויסגע־ריבען, צעטרענט, ערטערוויים מיט ארויסגעקראָכענע קישקעס קליאַטשע און אלטע פארשמאָלצעוועטע לאטעס, האט בייא איהם אין דיא אויגען געהאט דעם זיבענטען חן. וויא דיא מעשה איז — איין אָפּגעקומענס, אָפּגעבאָרעטעס, פאָרט א מיוחס, מיט א געשפּיקעוועטען בויך, א זכר פון אמאָלדיגע גוטע יאָהרען . . . ביים ארויפ־קריכען דארויף דאס ערשטע מאל, האט עס זיך שטארק געטאָהן א בייזער, א סקריפּ מיט גרויס פאראיבעל. הערשעלע איז, איינהאלטענדיג דעם אטהעם, פאר־ביסען דיא ליפּען, געבליבען שטעהן וויא אויף משקולת, נישט אהין, נישט אהער, אויס פאָרכט, נישט אָנצומאכען דאָ א שפּיל, א גאנצע חתונה או. רפאל'ן דאָרט פונ'ם שלאָף נישט ארויסצוברייננגען. נאָר באלד אָבער האט ער זיך איינגעשטעלט, האט עס מחילה געבעטען, פאמעליכין — פאמעליכין זיך גערוקט, אויסגעצויגען, פריהער איין פוס, דערנאָך דעם אנדערען — און נישקשה, מיט חסד — שפּעטער אביסעל האט א קליין בייזעריל איהם שוין נישט אזוי אויסגעמאכט, וואס ווייטער, ווייטער איז ער מיט א גרעסערען שוין אפילו געוואוינט געוואָרען, עס האט געמעגט שרייען, רייסען זיך צעזעטצטערהייט, ער האט זיך דארויס גאר נישט געמאכט און געשלאָפען געזונטערהייט.

בלייבט דאָך טאקי הערשעלעס נישט שלאָפען אצינד א גרויסע קשיא!

אפשר איז הערשעלע הונגריג געווען און דער ליידיגער בויך האט איהם גע־מאָהנט מזונות, נישט געלאָזט איהם צורוה? — ניין? ערשטענס, איז א יודענס א מאָגען גאר ניט אזוי ארייננעמאָהר אין דער אכילה, אז וויא באלד עס דערנעהט איהם נישט זאָל ער האבען טענות. צווייטענס, איז דער מאָגען בייא יודען גאר ניט אזא פארנעהם, מען זאָל זיך אויס זיינע טענות עפּיס מאכען. אזוי פיעל דינים, אזוי פיעל גזרות, אלטע און נייע, אלץ מכח דעם זינדיגען מאָגען וויא איהם צו לערנען דרך־ארץ: דאס לאָז זיך דיר נישט גלוסטען, מען מאָר נישט! דאס יא, נאָר אביסעל, ס'איז טהייער און דאס איז א מוז חאָטש פריקרע, הארבליך — אזוינס האבען נאָר מיר, קינדער ישראל, אליין און אין דעם זכות טאקי זשיפּען מיר ביז אצינד אין דער וועלט... הייננט דריטענס, האט הערשעלעס מאָגען דענסטמאל בכלל נישט געהאט וואס זיך צו בעקלאָגען, זינד ער האט אָנגעהויבען „צו נעכטיגען“ איז ער מיט א ליידיגען בויך קיינמאָל געגאנגען שלאָפען. בייא רפאל'ן איז פאר איהם תמיד געווען א גלעזיל טהע מיט א שטיקעל ברויט, און דיא נאכט גראָד איז נאָך געווען א קעפּיל פון א הערינג, א ביינדיל מיט א שטיקל פלייש אויך,

איבערגעבליבען רפאל'ן פונ'ם מיטאג, וואס ער האט גענטסען אָהן אפעטיט, און הערשעלע האט דערצו אפילו זיך נישט צוגעריהרט.

אפשר־זשע האט זיך הערשעלען נישט געשיקט עפּיס אין דער גמרא דאָרט און דער מח זיינער האט געארבייט, וויא איינצובייסען א הארב תוספות'ל, צופאלען אויף רשי"ס א בעוואָהרעניש, געפינען „דעם רעכטען קוועטש" און אויפטאָהן שפּיצעבדיג מיט א גערדאנג? — נאך א מאָל טאקי ניין! אדרבה, פערקעהרט, אין דער גמרא איז איהם היינט אויסגעקומען משונה ווילד גלאט: אי רש"י איז חלילה נישט משונע, אי תוספות קשיא בלייבט טאקי א קשיא — ביידע זיינען גערעכט.

מילא וואס־זשע פארט איז היינט מיט הערשעלען אזוינס דיא מעשה.

אָווא, א מעשה! איהם לאָזט נישט שלאָפען —ביילע!

„אי, רבונו של עולם, ביילע! געוואלד, טאטוניא, וואו איז ביילע?" — אָט דיא דאָזיגע עטליכע ווערטער פּיקען הערשעלען אין קאָפּ. ארום זייא דרעהען זיך אלע זיינע געדאנקען און האפּען זיך א מאל ארויס מיט א ביטערען קרעכץ טיעף פונ'ם הארץ. שוין א גאנץ היבשע צייט איז דרינען, זינט הערשעלע האט זיך צר שיידט מיט ביילע'ן דאָרט אויף דער זאַרגבאנק, אין דער האָפנונג, אז אָט־אָט שטעלט זיא זיך אויפ'ן אָרט, וואָהין מען האט זיא געפיהרט, באלד זעהען זייא זיך ווידער און נעהמען ווייטער אפיר דעם איבערגעריסענעם שמיעס ווענען איטליכס פּיטצעלע בעזונדער אין דער היים. אונזער עלענטער, פארוואָגלטער הערשעלע האט זאט אָנריידען זיך נישט געקענט בייא דעם ערשטען בעגעגעניש מיט א שכנ'ס א מיידעל, במעט איין איינגענע, א היימישע פון קינוויים־אויף. זיא אין־גאַנצען האט געשמעקט עפּיס פריש מיט היים, מיט קאבצאנסק — פון איהרע אויגען האבען ארויסגעלויכטען, זיך געלאָזט זעהען פיעל ליעבע זאכען אין דיא פריהערדיגע יאָהרען, אלסדינג, האק און פאק, האט זיך איהם געפיהלט אין איהר שטימע. ער האט אויפגעחאפּט איהר איטליכס וואָרט, אויך גערעדט אליין פאר צעהן און ס'איז איהם נאך איבערגעבליבען גענוג רייד אויף שפּעטער — און פלוצלים אזא וועהטיג, אזא אויסחאפּעניש . . . נישטאָ ביילע, וויא אין וואסער אריינגעפאלען, ביילע!

דיא ערשטע צייט האט הערשעלע זיך געטרייסט אליין מיט דער האָפנונג: אָט אין־גיכען וועט זיא זיך מסתמא ווייזען. וואס דען? אפשר איז זיא דאָרט שטארק פארנומען אויפ'ן נייעם אָרט, לאָז זיא נאָר אביסעל זיך ארומקוקען, קומט זיא זיכער באלד צו רייזען, זיא האט דאך איבערגעלאָזט אויף דער אבסניא איהרע

זוכען. — אז שפעטער א חודש צייט אבער איז זיא אוועק און זיא איז אלץ נישטא, האט איהם שוין אנגעהויבען גוט צו ארען, אצינד האט איהם אנגעהויבען בע־שיינפערליך צו אינטערעסירען ביילע. נישט ווייל זיא איז א היימישע, ערשט פון דאס זייניגע דארט אין דער היים, נאר זיא טאקי, זיא, ביילע אליין — ווייל אויף איהר געביך איז א ביטער רחמנות, ווער ווייסט, וואס מיט איהר געביך איז אזוינס געשעהען? דאס געפיהל פון רחמנות האט בייא איהם געוואקסען פון איין אנדער געפיהל, א פארבארגענס, עפּיס גאר אהן א נאמען — א מין ציהעניש אזוינס, נאך פון קינדוויים אן, טיף אינעווענינ אין דער נשמה. דאס מין ציהעניש ווידער האט אנגעהויבען שטארקער זיך לאזען פיהלען, בעקומען שוין עפּעס א נאמען דורכדעם טאקי, וואס דאס רחמנות איז אלץ מעהר און מעהר געוואקסען. דיא ביידע דאזיגע געפיהלען האבען געשפּראצט, געוואקסען און זיך דערנצהרט איינס פונ'ם אנדערען, דערצו איז אויך געווען נאך א צוגאב, נאר א וויכטיגע זאך. עס האט זיך דערוויזען הערשרלען גאנץ קלאהר דאס גרויסע אומגליק, אין וועלכען ער איז געשטאנען. שניאור־וואלף וואלט איהם זיכער אין ניצוואנט אריינגעשטעקט ווען עס זאל זיך נישט געווען אונטערדרוקען פּכוצלים ביילע. איין גאט אליין האט זיא אונטערגעשיקט, פּונקט אין דער רעכטער צייט, איהם פון יודישע הענד מציל זיין. און וויא פיעל דאנק איז ער איהר שולדיג פאר אזא גרויסע טובה! ער בעדארף דאך, וויא מען זאגט, דיא פיס איהר וואשען און דיא וואסער טרינקען, וואס אבער לאזט זיך אויס? זיא איהם האט געראטעוועט און ער זיא — בעגראבען, דורך דעם אוועקגאנג זייערס פון דער אכסניא צו דער זארגבאנק, איז ער פונ'ם אומגליק ארויס, און זיא אריין. אוי, דער גוטער מלאך איז פארשווינדען, גאט ווייסט וואהין! ס'איז א רחמנות, עס רייסט, רייסט דאס הארץ!... דאס אלסדינג אין איינעם האט אויף הערשעלען שטארק געווירקט, ארויסגערופען אין איהם אזעלכע געדאנקען, אזעלכע הייסע קלאהרע געפיהלען, וואס זיינע פאר איהם געווען פריהער נאך טונקעל, כמעט א סוד. ביילע'ס געשטאלט איז ארויסגעטרעטען אלץ העלער, העלער, געשוועבט פאר זיינע אויגען, איהם געבריהט, געגאנט, געצויגען בייא דער נשמה. עס האט איהם עפּיס גלאט אזוי, נישט ווילענדיג זיך געטראכט, שטילערהייט א מאל געוויינט, געווארען עפּיס גוט, ווייך וויא א טייג, זיך געלאזט פון זיינע געדאנקען טראגען, וויא א געוויקעלט קינד, און זיך פארטראגען, פאר־פליהען א שרעק וואהין!.... ביילע איז איהם פון זינען נישט ארויס און ער האט זיך קיין עצה נישט געקענט געבען, וויא ארום ווערט מען וועגען איהר עפּיס געוואויר. — געהען זוכען, פרעגען? וויא געשיקט זיך עס, א בחור'ל פרעגט זיך אויף

א מיידעל! און נאך ווער? ער, הערשעלע! אזביים דערמאהנען נאר איהר נאמען קומט איהם דיא פארב אין פנים, איהם דאכט זיך א שרעק! לייט קענען זעהר גרינג חלילה זיך אנשטויסען, וואס איהם ליגט אזוינס אין זינען, וואס פאר א שיין בחור׳ל, אוי, ער איז — און דענסטמאל איז ער אויסגעשטעלט, פארפאלען פוןביידע וועלטען אויף אייביג. א קאטאוועס עפיס אזא מעשה, אזוינס גאר צו טראכטען!... וואו האט מען עס בייא יודען געהערט? געגוג איז דאך דער גיהנם אין אפקומענעש פאר אזיינע זינד, נאר פיעל ערגער נאך איז אין יודישע מיילער אריינצופאלען. דאס איינציגע טרייסט זיינע איז נאך געוועזען, טאמער איז ביילע צוריק א היים אוועקגעפאהרען. אי דיא זאבען, זיא האט דאך דא איבערגעלאזט איהר קלימיקעל? מילא, האט זיא פערגעסען, א קשיא אויף א מעשה וואס קען זיך מאכען! אונזער הערשעלע איז שטארק פון פנים אראפ. ער האט געזארגט, געקימען, נאר געשטיקט דיא וועהטיגען אינווענינ אין זיך און אלץ געווארט אויף א ידיעה וועגען ביילע׳ן פון דער היים — ביז ער האט זיך לסוף דערווארט און דיא ידיעה טאקי בעקומען.

„יא זוהנוניא — אזוי שרייבט איהם דיא מאמע אין איהר׳ס א בריוועל — עיקר שבחתי, האב סאנצעלאמעס, מיך אזוי פיעל דא פאררעדט און פארגעסען דערווייל מכח בן־ציון־צביה׳ס מיידעל, דורך וועלכער איך האב דיר געשיקט א פאר אונטערגענעהטע זאקען, א קאפאטקעלע מיט א אויסגעלאטעט העמד, טראג געזונט ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, ציפע סאסיע, זאל געזונט זיין, האט פון איהרע פיס דיא זאקען אראפגענומען און דיר געשיקט. השי״ת זאל רחמנות האבען איהר צושיקען דעם בעשעהרטען. שוין ציים. זיא איז נעביך אויסגעטריקענט, געל און גרין אויף מיר קוקענדיג, אויף מיינע פינסטערע ביטערע צרות. דיא אויגען מיינע דיענען מיר נישט, פאר קיין יודען געדאכט, פונ׳ם פיצדערען־פליקען. אוי וועה איז מיר, וויסטע אלמנה! מילא וואס האב איך דא געוואלט, הא, וואס! — יא, מכח דעם מיידעל. קארג איינענע צרות, איז נאך דא, וויא זאגט מען עפיס, א צוגאב פרעמדע אויך. בן־ציון־צביה׳ס מיין איך. ער איז נעביך אלט, קראנק, א צובראכענער שארבען, האט נישט קיין פרנסה. אזא קבצנות, וויא אין קאבצאנסק היינט, געדיינקען אלטע קאבצאנסקער קבצנים נים. אז דיא נשמה האלט זיך איז ריינע נסים, נאר זכות אבות טאקי, אח־חא־חא! און דא האט זיין ליעבער נאמען, בעהיט זאל מען ווערען, איהם געשטראפט מיט א נייא מין שטראף — פונ׳ם מיידיל איז ביז אויף היינטיגען טאג קיין איינגעטונקטע פען, קיין גרוס נישטא. ער האלט עס נעביך נישט אויס. — טאמיר, זוהנוניא, זעהסט־דוא זיא, אדער ווייסט עפיס

פון איהר, שרייב! ועסט זיך קויפען דאס אייבינע לעבען"....

א בזית חריין ווען הערשעלע זאל געווען מיט א מאל אויפעסען וואלט איהם נישט געווען אזוי ביטער, נישט אזוי פארגאנגען אין נאז, אין דיא אויגען וויא פון דער מאמעס דאזיגע לעצטע ווערטער. אז ער האט זיך געהאלטען אויף דיא פיס און נישט געפאלען, האט ער עס געהאט צו פארדאנקען נאר דעם שטענדער, בייא וועלכען ער איז, אין קלייזיל דארט אין א ווינקעל געשטאנען אנגעשפארט איבער דער אפענער גמרא ביצה. דעם גאנצען טאג איז ער ארומגעגאנגען אהן א קאפ און אז ער איז געקומען „נעכטיגען" האט שוין רפאל'ס בעטיל אין אלקעריל גע־סקריפעט. — האט באלד טאקי זיך געטאהן א ווארף אויפ'ן געלעגער, זיך גענומען טראכטען, זיפצען, קרעכצען געשמאק וועגען ביילע'ן — און דער טאפטשאן האט צונעשפיעלט, אונטערגעהאלטען געשמאק דאס ריק־בעט אויף זיין שטייגער.

---

מילא הערשעלע האט זיך געווארפען אויפ'ן טאפטשאן איז רעכט, ס'איז דא א תירוץ — ביילע, אבער רפאל! וואס בעטייט זיין ווארפען זיך? דאס קול פון דעם ריק־בעט וואס לאזט מיך אזוינס הערען?

אוי, עס לאזט מיך הערען א מעשה! ס'איז כדאי זיא צו בעשרייבען.

וויא דיא וועלט איז בעקאנט, איז לייבצע דער רויטער אין גלופסק א יוד א נגיד, א לייטישער מענש: מיט א בלייך פנים, א לאנגע נאז און א קליין בערדיל— איננאנצען מיט דעם יודישען חן. ער איז איינער פון יענע לייט, וואס קוואקען אויף פיינע־בריות, אריינצוטרעטען אין דער גוטער בנופיא, וואס גיט פון זיך ארויס פאר דעם פאלק אלערלייא גבאים, פיהרער, קאבלעפעל, טהוערס, מאכערס, טענצערס, נאך און נאך אזעלכע ניטצליכע פיינע פארשוינען, צו פארזארגען אונז, ארעמינקע יודישע קינדער. געוועהנטליך זיינען זייא דימענטינע מענשען, וואס נעהמען בייא יענעם ארויס דיא נשמה מיט גוטען; זייא זיינען, דאכט־זיך, נאר אהן א גאל און האבען א פולע נאז מיט פליי; כבוד איז בייא זייא גאר נישט — נאר יענעמס, אליין פאר זיך האבען זייא עס שטארק ליעב. בייא זייא איז געלט שמעלט — אבער נאר פרעמדס, מיין איינענער גראשען זעהר טהייער; נדבות — מהיכא־תיתא, א גרויסע מצוה, נאר געבען זאל יענער; זיפצען, קרעכצען אויפ'ן כלל ישראל, אך, אויף וואס דיא וועלט שטעהט, נאר קאסטען זאל עס נישט קיין פרוטה; יודישקייט איז זעהר טהייער, נאר א מינדסט אינטערעסיל איז נאך

מהייערער. — לייבצע דער רויטער שניידט זיך אויף א פיינע בריה און לעבעט שטארק ארייגצוטרעטען מיט א פוס צווישען דיא גרויסע.

בעפאלען מיט קינדער איז לייבצע נישט געווען, ער האט געהאט נאר צוויא טעכטער, יונגע בתולות, דיא עלטערע, א בילד־שיינע, איין איידעלע — חנצה און דיא יונגערע, א דיקע, א ציטערדינע — באבקע. יענטעל, לייבצעס ווייב, פיהרט א גוט לעבען, איז א בעל־הבית'טע, קלינגט תמיד מיט א גאנצען בונד שליסעליך און האט אונטער דעם מאן, וויא מען שמועסט, א שיין קניפעל, עסט, שלאפט, טהוט זיך וואויל, איז אהן עין־הרע פעט, בעקליבט — און פון דעסטוועגען האפט זיך איהר עפטערס פונ'ם מויל ארויס א זיפץ, א קרעכץ, זיא קלאגט זיך, און א שמועס מיט בעקאנטע, קלאפט זיך אלץ אין הארצען, אז אט דא, דא האט זיא א וואונד, שאקעלט מיט דעם קאפ, פארגלאצט דיא אייגעליך, אלץ טענות צום רבונו של עולם: אוי א זוהן, א קדיש! זיא האט שוין איבערגעטאהן אלע מיטעל, געפריפט אלסדיינג, נאר אומזיסט דיא מיה — נישטא קיין זוהן!

— אז איך אליין, איז דער שטיינער איהרער געווען צו זאגען, אז איך אליין נעביך בין אזוי געשטראפט, אזוי אומגליקליך, לאמיך־זשע האטש נחת האבען פון דיא טעכטער, זוכה זיין בייא דעם וואס לעבט אייביג, טאטע־פאטער, און ניבען זייא אונטער דער חופה פיהרען און דערלעבען פון זייא יונגליך אייניקליך.

דעריבער קוים איז חנצה אלט געווארען פערצעהן יאהר, האט יענטעלען זיך שטארק פארגלוסט א חתן פאר איהר — עפיס אזא מין פארגלוסטען זיך נאך מעהר וויא דער שטיינער איז פון אלע אנדערע מאמעס, וואס דער ענין פון קינדער חתונה צו מאכען, גלאט פאר זיך אליין, איז נאר טאקי א ברענענדיגער יצר־הרע עפיס בייא זייא... יעטיל האט געברענט, געארבייט אויף אלע כלים, געדולט דעם מאן א קאפ טאג וויא נאכט: גוואלד א חתן, א שידוך פאר דער טאכטער! נאר לייבצע האט זיך נישט אזוי שטארק געהיצט, איז געווען אין שידוכים א גרויסער איבערקלייבער, איהם האט זיך געגלוסט איין איידעם מיט אלע מעלות: א זיידען קינד, א פרומס מיט א וואויל קעפיל, פון א געהייבענער משפחה, איינגעטונקען אין יחוס, אז נאט און לייט זאלען איהם מקנא זיין. לייבצע האט, וויא א סוחר, געזוכט אין א שידוך א גוט געשעפט — איינצוהאנדלען אי פאר זיך אי פאר דער טאכטער, עס האט איהם געפאסט צום עסק זיך משדך צו זיין מיט בערען, איינ־צוקויפען זיך אין דער נאכדענער פאהן, גאלע ציטעס. ער האט געזוכט און ברוך־השם דערטאפט דעם אנטיק — דערטאפט א בענציה מיט איין אויסגעווייקט פנים'ל, א בלייך בחור'ל, א דארס, ערשט בר־מצוה און שוין קאנדידאט אויף

מר׳ ,, הכלל — א תכשיט וויא געוואונשען. חנצה ווערט למזל א כלה, און צו פונפצעהן יאָהר איין אשת־איש, א פלונית׳טע. זיא זיטצט מיט איהרען ביים טאַטען אויף קעסט, דאס מאַנדעלע איז איין איידעמיל מיט אלע פישטשעווקעס: עס געהט זיך טאָג־טעגליך אין איין צייט דאַווענען, בעלאָדען מיט א טלית־און־תפילין־זאַק, גרויס וויא ער, קומט צוריק, קושט דיא מזוזה, זאָגט, אין דער וועלט אריין, גוט מאָרגען! מעהר קיין וואָרט — און עסען — אָפּגעגעסען, געהט עס זיך באַלד טאַסי ווידער אין קלויז לעהרנען און קומט נאָך א מאל עסען. אָפּגעגעסען, ווייטער אין קלויז, קומט אויף דער נאַכט צוריק, זאָגט, אין דער וועלט אריין, א גוט נאַווענט, עסט אָפּ, און גיכער אין בעט אריין — שלאָפען! עפּיס שמעקט עס טובלע, ניט זיך־גאָך מיט בעל־הבית׳ל, נאָר א דערקוויקענעש. חנצה איז זיך דערווייל וויא פריהער טאַקי חנצה — נאָר נישט... נאָר מיט א צוגעדעקטען קאָפּ. א שטיקעל פאַרענדערונג אָבער אין איהר, פון נאָך דער חתונה, איז יא דאָ—עפּיס שעהמט זיא זיך. דערזעהט זיא איהם, איהרען, לאָזט זיא אראָפּ דיא אויגען, פאר פרעמדע איז נאָך וויא ס׳איז, נאָר פאר בעקאַנטע ווערט זיא רויט און זוכט וויא אנטרינען צו ווערען, עפּיס איז איהר פריקרע. וואס? — דאס איז שון איהר סוד. דיא בעקאַנטע פלעגען צווישען זיך איבערווינקען זיך מיט א שמייכעלע, גלייך וויא גערעדט: מיר פאַרשטעהען נישקשה, מיר פארשטעהען.... דיא מאַמע פלעגט זיא, ביים אנטרינען ווערען, בעגלייטען מיט א מילדען בליק און שמעלצענדיג זיך אויף שמייכלען דערבייא און צושאָקלען מיט דעם קאָפּ.

רפאל׳ן האבען גראָד דיא געשעפטען זיינע געפיהרט בעקאַנט צו ווערען מיט לייבצען, קומען צו איהם אין הויז אריין. נאָך ביים ערשטען מאָל זעהען רפאל׳ן פון דערווייטענס דורך דער אָפענער טהיר אין טאַטענס חדר, איז ער חנצה׳ן פיר־געקומען עפּיס משונה נייא — א מענש, נאָר עפּיס איין אנדער מין, איין אנדער ריידען, איין אנדער בענעהמונג, איין אנדער קליידונג, אלסדינג אנדערש, נישט וויא בייא יענע, וואס זיינען איהר צו דיא אויגען געקומען ביז אהער. זיא האט הינטער־וויילעכס געוואָרפען אייגעליך אויף איהם, אליין נישט צו־וויסען וואס זיא וויל, גלאַט אזוי, עס גלוסט זיך האַפּען א קוק. זיא האט געקוקט און אין קאָפּ בייא איהר איז נאָך נישט געווען פארטיג קיין פּיטצעל מיינונג איבער איהם. אז דער טאַטע האט נאָך רפאל׳ס אוועקגעהען א מאל געמאַכט אין שטוב א שמועס וועגען איהם, געלויבט איהם אין טאָג אריין, האט זיא זיך גוט צוגעהערט, נישט צו פארלירען קיין איין וואָרט.

— יא — מאַכט לייבצע אויפגערייטמט און דאס היטעל פעררייסט זיך איהם

אויפ'ן קאָפּ — א שיין געשעפּטיל, גאר נישקשהדיג... ער רעדט צו דער זאך, פאַר־שטעהט איין עסק, איז דורכגעטריבען קלוג, וויא א רוח. א, א קעפּיל! א שאָד נאָר — בעדויערט ער און קלאַפּט מיט א פינגער זיך אויפ'ן שטערען — וואס ער איז אביסעל דאס... וויא הייסט עס בייא זייא דאָרט, צו אַלדע שווארצע יאָהר, אויפגעיורען. נאָר באַ, עט... דאָך נישט וויא יענע אָרמע בעלי־עברות, דיא היינט מאָדישע. אויך מיר מענשען מישטעהנס געזאָגט!... קבצנים! ער, פאַר־שטעהט איהר מיך, ער איז א סוחר, ווייסט וויא צו פאַרדינען א קערביל. אָט וואס!...

ריא דאָזיגע שבחים זיינען פונ'ם טאַטענס מויל אין דער טאָכטערס אויערען אריין, גאר ניט צרוויסען, וואס ער אליין האט זיך דערמ'ט אָנגעמאַכט. זייט יענער צייט הויבט בייא חנצה'ן אָן צו ארבייטען דער מח. דאָרט אין קאָפּ, וואו ביז אהער איז געווען רוהיג, שטאָק־טונקעל, האט אָנגעהויבען פּלוצים צו טאָגען — עס האט זיך אויפגעהאַפּט פונ'ם שלאָף דער יונגער שכל, מיט איהם האבען זיך אויך נער־ריהרט געדאַנקען און זיך גענומען צום עסק: אַלטדינג צו בעטראַכטען, צו פרעגען, וואס בעטייט דאס, וואס בעטייט יענעס? עס ווערט אפּירגענומען רפאל, חנצה'ס געדאַנקען דרעהען זיך ארום איהם, בעקוקען זיין פּנים, זיין געשטאַלט, אַלסדינג, וויא ער שטעהט און געהט. עס שטעלט זיך פיר אויך צוגלייך בנציה, מישטעהנס געזאָגט, אַזוי וויא ער איז, מיט דעם פּניציל, מיט דיא צנאָטקעלעך און אלע זיינע גיינג. פאַרקרימענדיג זיך קעהרען איהרע געדאַנקען זיך באַלד אום פון איהם ווידער צו רפאל'ן. יא, ער איז טאַקי שיין, דער טאַטע האט רעכט.... ער איז בעסער, קליגער, קיין פאַרגלייך! פונ'ם קאָפּ רופט זיך עס אָפּ אין הארצען. עס טהוען זיך א נעהם געפיהלען, עפּיס צופּט עס צופּט, מאָנטעט בייא דער נשמה. דאס הארץ גיט אָנצוהערעניש — און חנצה'ן פאַרווילט זיך איהם נאך א מאָל זעהען. אוי, חאָטש נאָר א ווייכע א קוק טאָהן אויף איהם. נאָר אָנשטאָט איהם קומט וויא געוועהנטליך אלע טאָג איהרער, מישטעהנס־געזאָגט, מיט זיין קושען דיא מזוזה און מיט זיין שיינעם גוט־מאָרגען! זיא לאָזט אראָפּ, בייא זיין אריינקומען, דיא אויגען, נאָר דרינען ליגט נישט מעהר קוין שעהמען זיך, דאס וואס פריהער, ניין! דאס איז שוין גאר עפּיס אנדערש — עס קומט איהר אוים עפּיס פע, עס שלאָגט צום הארצען... זיא ווערט מיט זיך נישט צופריעדען, האלט עס פון איהר זייט פאר א גרוים אומרעכט, סטייטש, א קענען א מאָן! וויא קומט עס צו א יודישע טאָכטער? זיא טהוט זיך אָן א כּח דיא זינד צו פאַרגלעטען—דוקא טאָהן אויף איהם א בליק, ווייזען א פריינדליכע מינע. קוים אָבער פועל'ט זיא עס בייא

זיך, אין דער רגע טאַקי קומט איהר, מעשה שטן, אויפ'ן געראַנק, וויא אויף צו להבהעים, ער. חנצה איז עפּיס מיט זיך אַליין צודרעהט, נישט רעכט צו פאַר־שטעהען, וואס איז איהר אַזוינס געשעהען? זיא זוכט זיך אויס אַרבייט, בכדי דעם קאָפּ זיך צו פאַרשלאָגען, מישט זיך אין דעם בעל־הבתיש'קייט, חאַפּט זיך צו אַזעלכע מלאכות, וואס זיא האט נאר קיינמאל נישט געטאָהן, דיא מאַמע קוועלט נאר אָנקוקענדיג, שמעלצט זיך פאַר נרוים פרייד און גיט איהר אונטער חשק: אַזוי, טאָכטער, אַזוי, לעהרען זיך זיין א בעל־הבית'טע, מיט דיינעם ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

זיא שטעהט זיך איינמאל אַליין אין שטוב פריה־מאָרגענס, אָנגעטאָהן א דינס, א שניי־ווייס קאָפּטעלע מיט א געשטיקט קרעקעֶנדיל, פּעסט געשפּילעט אַרום א קלאָהר וויא פון עלפּענביין אויסגעטאָקט העלזועלע, דאס יונג פּנים'ל מלא־חן, בלוט און מילך, א מיילכין נאָר צום מאַהלען, שוואַרצליכע־ברענענדיגע אויגען, אויפ'ן קאָפּ א זיידען טיכיל, אַרויפגערוקט אַביסעל און עס קוקען אַרויס בגנבה האָר. קיינער אין שטוב, חוץ איהר, איז נישטאָ. זיא איז בעשעפטיגט מיט איבער־ווישען גכעזער, אויס וועלכע מען האט געטרונקען טהע. פּלוצלים עפענט זיך דיא טהיר און עס קומט אַריין — ער, רפאל. ער וויטעט זיך מיט איהר בנעימות'דיג אויף דעם נייעם שניט און פרעגט זיא אויפ'ן פאָטער. זיא ווערט עפּיס צו מישט, רוקט געשווינד אַראָפּ דאס טיכיל און שווייגט. איהם גיט עס עפּיס א נעהם, ער זעהט פאַר זיך א שיינהייט, נאך גאר א קינד — און שוין מיט א צוגעדעקטען קאָפּ! ער קוקט א ווייַלע אויף אָהן ווערטער און איז פאַרגאַפּט. באַלד אָבער געפינט ער זיך ווידער און פרעגט, אויב דער טאַטע וועט באַלד קומען. זיא טראַכט ענטפערען ניין, נאָר נישט ווילענדיג חאַפּט זיך איהר פונ'ם מויל אַרויס „יא“ און בעט איהם זיטצען, וואונדערט זיך דערנאָך אַליין דערויף, וואס זיא האט דאָ געטאָהן, נאָר פאַרפאַלען. אויך דיא אייגענע מעשה טאַקי מיט איהם, איידער זיך רעכט צו בע־דיינקען זיטצט ער שוין אַראָפּגעלאָזט דיא נאָז. וויא דער גוטער יאָהר וואָלט איהם גענומען און אַנידערגעזעצט אויפ'ן ביינקיל. אין קאָפּ פּיקט עס איהם אַלץ אין איין פּיקעניש: קום, קום, ברודער, זייא נישט קיין לעקיש! און דאס האַרץ אָבער דערלאָזט איהם נישט, אַלץ: זיטץ, זיטץ, נישקשה! דיא האַנד דערווייל נעהט פון זיך אַליין — נעהמט און דרעהט א פּאַפּיראָס. חנצה איז גערען חאַטש מיט וואס ס'איז צו דיענען און טראָגט אונטער א פּעקיל שוועבעליך. רפאל דאַנקט, זוכט אויס עפּיס א נעשפּרעך, תחלת נעהט עס שווערליך, קורץ, איבער־געהאַקט, עס קלעפּט זיך נישט. ער — איין מאָל א פרעג, ווייטער א פרעג, גלאַט אַזוי פון דער

חעלער הויט, און זיא אלץ: יא, ניין, א שאָקעל מיט'ן קאָפּ, נאָר דערנאָך שפּינט זיך דאס געשפּרעך שוין גרינגער, לייכטער. מען רעדט איבער דעם גלופּסקען עולם, איבער גלופּסקער „אריסטאָקראַטצען" — מיני יודעליך אזעלכע, אויפגעיורענע הויזען־בלאָזען. חנצה אינטערעסירט זיך צו וויסען אויב ער איז אויך פון דער קאָמפּאַניע און אז ער האט געמאכט מיט'ן קאָפּ, זיך שטארק פארקרימענדיג, וואס האט געהייסען ערגער נאך וויא זייא געשאָלטען אין טאטען אריין, איז זיא עפּיס לעבעדיגער געוואָרען.

— דער טאטע מיינער — זאָגט זיא — האט זייא נישט ליעב, אָנקוקען קען ער דיא דאָזיגע לייט נישט.

— א א, דער טאטע! — מאכט רפאל און דרעהט מיט דער נאָז, וויא עס האט איהם נישט געשמעקט — זיין נישט קענען אָנקוקען איז עפּעס אנדערש.

פון דעם דאָזיגען געשפּרעך איז מען איבער געגאנגען דארויף, וואס דענסטמאָל האט עס געהייסען גזרות, דיא גזרה פון שקאָלעס און דעסגלייכען, רפאל האט געמאכט א ריידע דערפון מיט א מיין — ארייגווארפען אין חנצה'ן א פונק, און זיך גענומען בעווייזען, אז דיא גזרות זיינען גאר קיין גזרות נישט. אין מיטען דעם שמועס עפענט זיך דיא טהיר, עס ווייזט זיך א גרויסער טלית־און־תפילין־זאק פון א בן־פּקועה פעלכען, ארומגעליאמעוועט מיט בלויע קרייקעס, אויף וועלכע ס'איז אויסגענעהט עפּיס ווייסע צייכענס און ציפערס פונ'ם יאָהר. א הענטיל, נים א שמיר דיא מזוזה, עס הערט זיך א קוש — און אין שטוב רוקט זיך אריין מיט א משונה ווילדען גוט־מאָרגען א קליין יונגערמאַנטשיקיל, א דארס, א בלייכס אין א לאנגער לאסטיקענער קאפּאָטע מיט א ים־שוימען שטעקעלע אין דער האנד. בנציה ווארפט א בליק אויף חנצה'ן, אויף רפאל'ן, ווערט רויט וויא איין אינדיק און לויפט דורך מיט דיא פיסעלעך געשווינד, שטארק אויפגעבראכט צו זיך אין חדר'ל אריין. אין דעם בייזען בליק זיינעם איז נישט געלעגען דאס וואס מען רופט עס „פּפעפערזיכטיג", חלילה! וויא קומט עס צו איהם? פרעגט איהם בחרם אזוינס גאר צו טראכטען, חלומ'ען אפילו וואָלט זיך איהם נישט געקענט אזעלכעס... נאָר וואס דען? איהם האט אונטערגעטראָגען גלאט אזוי, גאר אָהן אלע חכמות, דאס שמועסען איהרס מיט א מאנסביל, איהר זיטצען מיט איהם אָהן א שומר, דאס אליין איז איין עבירה, ס'איז דאָך דאָ בפירוש א דין — מען טאָר נים... פונקט אזוי וואָלט איהם אויך געארט א פליישיג טעפּיל ביים פייער לעבין א מילכדינס, ס'איז נישט רעכט, נאך איידער גאר עס קען ווערען א שאלה...

חנצה איז געבליבען זיטצען וויא אפגעבריהט, און איהר איז פארגעקאנגען אזעלכעס, פון וואס זיא האט אין איהר לעבען נאך ניט געוואוסט — א גאנצער קנויל פון פארמישטע געפיהלען. דא — פיהלט זיא א בושה, גלאט „מאן" אליין איז עפיס פריקרע, עס בעדארף זיין בסוד, נישט ארויסוויזען עס פאר לייט; דא—איז איהר נישט ניחא דאס שלימזל איהרס, דאס ארייגקומען זיינס, זיין געשטאלט אלץ מיט־איינאנדער, מישטעהנס־געזאגט, וואס דיינקט וועגען איהם רפאל? פע, וויא קומט ד׳ער, איהרער, צו דעם! דא—איז זיא בייז אויף זיך אליין וואס געהער זיא זיך אן אט מיט דעם? לאז ער זיך דיינקען וואס ער וויל, אלץ איינס; דא פיהלט זיא זיך בעליידיגט פאר דעם מאן, פארוואס זאל יענער דיינקען פון איהם שלעכט, ער איז דאך פארט איהרער. עס פארדריסט זיא צרוואס האט זיא דא איהם פאר־האלטען, א פרעמדע מענשען, וואס וויל זיא, וואס פארלאנגט זיא! און דא — פיהלט זיא וויא עס ציהט איהר עפיס דאס הארץ, עס ציהט, ציהט א שרעק! — ס׳איז אינוועניג אין איהר א קאכעניש, א פלאנטעניש, זיא מינעט זיך, דיא פארב שטעהט איהר אין פנים און זיא איז וואונדער שיין, שעהנער נאך וויא פריהער. רפאל פארשטעהט איהר לאגע, פיהלט אז איצט וואלט גלייך געווען זיא לאזען צורוה. ער רייסט זיך, רייסט זיך אוועק געהן, נאר אומזיסט — ער קען פון איהר דיא אויגען נישט אפרייסען. ביידע שוויגען, זיטצען וויא אויף שפילקעס. באלד אבער קומט אן לייבצע און נעהמט אוועק רפאל׳ן צו זיך אין חדר שמועסין עסק.

# שלמה ר׳ חיים׳ס

א בילד פון יודישען לעבען אין דער ליטא.

# שלמה ר׳ חיים׳ס

(א בילד פון אידישען לעבען אין דער ליטא)

— פון —

## מענדעלי מוכר־ספרים.

1.

א צעהן וויערסטליך פונ׳ם שטעדטיל ק... אין דער ליטא ערגיץ, געפינט זיך א מין קליין דערפיל עפיס, ארומגערינגעלט מיט גרויסע וועלדער, צווישען וועלכע עס פלייצט א היבשער, א שיינער טייך, וואס לעבין איהם שטעהט א מיהל, און דעריבער הייסט דאס דערפיל מליניצא. אויף איין זייט טייך קוקען ארויס פון צווישען גרינוואַרג און ביימער א דרייא קליינע הייזליך פאַר דרייא פויערישע פאַ־מיליעס, דיא איינציגע איינוואוינער דאָרט. און אויף דער אנדערער זייט טייך שטעהט הארט לעבין וואַלד איין־איינציגע שטוב פון קאַלעכדיגע ברעוונעס מיט קליינע פענסטער און א הויכען, אַלטען דאַך. דאָרט זיטצט חנאָ מליניצער מיט זיין הויזגעזינד, דער ארענדאַר פון דער מיהל, וואס דיא חזקה אויף דער ארענדע געהט איבער אין זיין משפחה פון טאַטעס צו קינדער. אין גאנצען זעהט מליניצא אויס וויא א נעסט, וואס ליגט פערבאָרגען אין א ווינקעל, אָפּגעריסען פון דער וועלט, ווייט פון מענשען און פונ׳ם טראַקט, נאָר קליינע־שטאַלע וועגליך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד דורך טאָהלען און בערגליך און פיהרען צו דערפער, וואס ליגען צוזייעט אַרום און אַרום. און ווען מענשען זיינען דאָ זעלטען, עס רעש׳ט נישט, עס קאָכט נישט וויא אין שטעדט, דערפאַר שוויבעלט און גריבעלט דאָ אין דיא וועלדער, אין דיא זומפּען און פעלדער אלערלייא בעשעפעניש, חיות און עופות; דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערען אלערלייא קולות: א געזאַנג פון פייגעל,

א קראקען א קוואַקען, א שמוצערען א גרילצען זומער, א וואיען א היילען פון הונגעריגע וועלף ווינטער, און א מאל א ברומען פון א פערבלאָנדזשעטען בער אויך — און אין דעם דאָזיגען קאָנצערט פערטראגט זיך א רוישען פונ'ם וואסער ביי'ם אראָפּפאַלען אויף דיא רעדער, א קלאפּען, א מאָהלען פון דער מיהל.

ס'איז אחרון של פּסח — א שיינער, א ווארמער וועסנע־טאָג. דיא גילדענע זון האט ביי'ם אויפגעהן צעריסען, צעטריבען דיא גרויע וואָלקענס אין דער קופּט און מיט איהר ליכטיג פּנים אראָפּגעקוקט פונ'ם בלויען הימעל מילד פריינדליך אויף דער ערד. גאָטס בעשעפעניש, אלע פון גרויס ביז קליין, האבען אויפחאפּענדיג זיך פונ'ם לאַנגען ווינטער־שלאָף לעבעדיג פרעהליך, זיך גענומען איטליכער צו זיין זאך. פריש־געלע בלומען שטעקען ארויס דיא קעפּליך פון צווישען יונגע־גרינע גראָז, קוקען ארויס און מאַכען חן. ווערבעס ביי'ם טייך חאפּען זיך אָנטאָהן זייער נייע־גרינע זופּיצע, שפּיגלענדיג זיך אין דעם וואסער ריין קלאָהר וויא זילבער. פון דיא ווייטע ווארמע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען עופות טשאַטעסוויים צוריק אהער אין זייער רוה אריין. ווילדע געגנז פליסקען זיך ערגיץ צווישען וויספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאטשקעס דרעהען זיך ארום דעם טשערעט, ארויס, אריין מיט א געהילך, א געשווישטש. שוועלבעליך פלאטערן, שוועבען אהין, אהער אין דער לופט, שטארק פערטראָגען אין דעם בויען, פעררירכטען נייע און אלטע נעסטער. ברוך־הבאָ! דאס אלטע בעקאנטע פּאָר־פאָלק בושעלס איז אויך למזל דאָ אין א גוטער שעה. זיא, דיא בושעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאס קעפּיל אין דער זייט, שטעהט בעטראכט איהר אלטע נעסט אויבען אויף א שפּיטץ בוים, און ער אויף דיא לאַנגע שטעלצען שפּאצירט זיך האפּערדיג אויף דעם זומפּף דאָרט, צו־קוקענדיג זיך צו א קאַכיזשע, וואו עס שפּרינגען, קוואקען זשאבעס, און פּלוצים פּיק־פּיק, א חאַפּ אין דעם רויטען ווייטען פּיסק אריין... ס'איז א לעבען, א פרייד, א פליהעניש, א זזשעניש, א געזינגערייא, א געשווישטשערייא אומיטום.

ס'איז יום־טוב, ס'איז וועסנע־צייט! ...

דאס גאנצע הויזגעזינד דעם ארענדאַרס איז אצינד אין דרויסען. חנאָ זיטצט ציגשפּילעט אויף דער באַנק לעבין דער שטוב, קוקט אויף גאָט'ס שיין וועלטיל און געהניצט... ער האט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, באלד נאך מיטאג גע־חאַפּט א דרעמיל. דיא עלטערע קינדער ארום איהם שטעהען און שמועסען תוך־זאכען: וועגען א גרעבליע, וואס עס האט ערגיץ נישט ווייט פון דאנען אָפּגע־ריסען; וועגען דעם פאָהרען אהין אין שטעדטיל מאָרגען פריה, איינצוקויפען דאָרט

פאר דעם פריץ און אויף פאר זיך נייטיגע זאכען; ווענען דער שקאפע, א זקנה פון א יאהר דרייסיג, בלינדליך אביסיל, וואס ליגט, מחילה צעלייגט אויפ'ן גרינעם גראז אקעגען, קויקעלט זיך און גלייבט זיך אויס דיא אלטע קראנקע ביינער, וכדומה נאך אזעלכע וויכטיגע זאכען אין דעם בעל־הבתישקייט. דיא יונגערע לויפען ארום פרייא און זיינען שטארק בעשעפטיגט: א טייל שטעהען אויפ'ן בריקעל לעבין דער מיהל, קוקען וויא דאס וואסער לויפט דורך דיא אפענע זאסטאווקעס, פאלט אין איין גוס, וויא איין שטיק גלאז, אראפ טיף אונטען מיט איםפעט, מיט גערויש און צעשפריגנט אין טויזענטער קליינע שפריטצליך, שפילענדיג אקעגען דער זון אין אלערלייא קאהלירען, וויא בריליאנטען. ווידער א טהייל שטעלען־אונטער שיסעליך לעבין בערעזענע ביימער, פון וועלכע עס רינט, דורך א געמאכט שפעלטיל אין זייא, א נעשמאקער, קלאהרער זאפט. אלע זיינען פרעהליך, זעהען אויס יום־טוב'דיג. צוציק, דער הונד, א דיקבייביגער מיט קורצע פיס און שווארצע פלעקען אויף דער שמוטציג־ווייסער פעל, איהם פרייעט זיך אויך דאס הארץ, פיהלט אויך, אז היינט איז יום־טוב. ער האט היינט נישקשה געחאפט שיריים אונטער דעם טיש, אפגע־לעקט א ביין. ער פערדרייסט דעם ווידעל, טאנצט, שפרינגט משוגענערוויס אהער, אהין, אונטערפישטשענדיג עפיס אויף א מין משונה הינטיש קול.

אויף א פריי־גרינעם פלאטץ אין וואלד הינטער דער שטוב, זיצט אויף א שטיק קלאטץ פון א גרויסער אומגעפאלענער סאסנע חנא־מליניצערס ווייב, א שעהנע בעטאגטע יודענע, אינאיינעם מיט איהר טאכטער, א ווייביל פון עטליכע און צוואנציג יאהר. אקעגען אויפ'ן גראז זיטצען אנגעלעהנט צווייא קינדער איהרע— א מיידיל, א שיינהייט, א בלאנדינקע מיט געקרויזטע לאקען פון א יאהר פינפצעהן, און א יונגעל אויף א פאר יאהר יונגער פון איהר. ס'איז עפיס נאר ניט דאס פנים, דאס אויסזעהען בייא דיא דאזיגע דא וויא בייא יענע דארט פאר דער שטוב. יענע און דיא זיינען עפיס וויא אנדערע מענשען. יענע זיינען אויפגערייטט, יום־טוב'דיג און דיא זיינען פערא׳מערט, פערזארגט, זיטצען עפיס וויא תשעה־באב צו דיא קינות. דיא מאמע און דיא טאכטער ביידע זעהען אויס שטארק צעטראגען. ביידע האבען אויפ'ן הארץ זעהר פיעל און שטיקען זיך מיט א ווארט, איינע ווארט דיא אנדערע זאל אנהויבען צו ריידען.

— נו, לאה! — האט לסוף נאך א היבשער צייט שווייגען דיא מאמע גלייך וויא אין דער וועלט אריין א זאג געטהאן — האבען מיר שוין, ברוך־השם, דעם יום־טוב אויך איבערגעקומען. נו וואס ווייטער, לאה?

— ווייטער איז צרות. דיא אַלטע צרות. אזוי, אזוי, מאָרגען פאָהר איך מאמע !

— אז דוא וועסט בלייבען צוגאַסט נאָך א פּאָר טעג, לאָה, וואס קען עס דיך אַרען ? — זאָגט דיא מאמע און דיא אויגען פערלויפען איהר מיט טרערען.

— איך קען נישט, איך קען נישט ! — ענטפערט לאָה, א מאַך געבענדיג מיט דער האַנד.

— זיא קען נישט ! — מאַכט דיא מאמע בעוואַשענדיג זיך מיט טרערען — ס'איז איהר ביטער שווער לעבין דער מאמע !...

— ועהסט דאָך, מאמע, אַז איך בין צו דיר געקומען.

— געקומען, זאָגט זיא ... יאָ, דוא ביסט געקומען, א שיינעם דאַנק דיר. נאָר... דאס מאַמעס הארץ פיהלט — פיהלט, אז דער טאָכטער איז שווער. זיא זיטצט דאָ וויא אויף שפּילקעס. זיא שווייגט און דיא אויגען איהרע ריידען, איטליכער בליק איז א שטאָך, איטליכע מינע איז פול מיט פערדראָס, ביטער וויא גאַל. געוואַלד, איך האַלט עס נישט אויס, עס שניידט מיך ביז אין דער זיבעטער ריפּ !

— מאמע !...

— וועה איז דער מאמע, וואס האט דיא וויסטע מאמע געקענט טאָהן, בעסער מאַכען ? ס'איז מיר אויסגעקומען האָטש לייגען זיך, שונא־ציון און שטאַרבען, אויסגעהן פאַר הונגער, און וואס וואָלט געוואָרען פון דיא ברעקליך קינדער ?

— און היינט, וואס וועט היינט פון זייא ווערען ? — מאַכט לאָה, מיט א זיפץ פונ'ם האַרצען.

— היינט ? וויא דיא מעשה איז, איידיל איז א כלה און דוד'ל...

— איין איבערביינדעל, א בילעט איטליכען אין דיא אויגען... און איידיל, מישטעהנס געזאָגט, איז א כלה ! ס'איז נאָר א וועהטיג צוהערען... איידילע, וואס איז דיר ? ! — טהוט זיך לאָה א חאַפּ צו דער שוועסטעריל וואס האט פּלוצים זיך א קרום געטהאָן און בלייך געוואָרען וויא דיא וואַנד — דיר איז נישט גוט, טהוט וועה ? ווייטער אין דעם הארצען ?...

— נישקשה, לאָה, נאַרנישט. גלאַט אזוי זיך א שטאָך.

— נעה, נשמה, — רופט זיך אָן דיא מאמע — נעה אין שטוב אריין און לייג זיך צו. נעה, דוד'ל, מיט איהר און דעקט זיא דאָרט גוט איין מיט מיין שאַל.

ביידע קינדער הייבען זיך אויף און געהען אוועק אומעטיג מיט אראפגע־לאָזטע קעפּ.

— שיינע תכליתים! איידיל איז א כלה, יא נ ע ב י ך א כלה, א וו י ס ט ע כלה! — זאגט לאה בעטריבט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — א יונגע רויז, ערשט אָנגעהויבען בליהען און שוין פערדארט...

— לאָה, איך האלט עס נישט אויס! א הארץ האב איך פול מיט מכות און דוא שיטסט מיר נאך זאלץ אויף דיא וואונדען. געוואלד וואס בין איך שולדיג, וואס האב איך געקענט טהון? געוואלד רחמנות, האב רחמנות!

— נו, גענוג גענוג, מאמעניו!... קום בעסער זעהן וואו איז ערגיץ שלמה. וואָהין ווערט ער עס אזוי אָפּט עפּיס וויא פערפאלען?

— זאָל איך אזוי וויסען בייז. דעם היינטיגען ווינטער, וואס ער איז דאָ בייא מיר, האט ער פערבראכט אין לערנען. פלעגט אויפשטעהען פארטאָג לערנען גמרא פאר זיך, און בייא טאָג — מיט דיא קינדער. דיא מאַמע האט נאר אָנגעקוואָלען פון אזא זוהן. דאס הארץ האט מיר זיך געפרעהט קוקענדיג אויף איהם. דיא לעצטע צייט אָבער איז ער עפּיס וויא איבערגעביטען געוואָרען. דיא גמרא אין דער זייט, תמיד פערטראכט, שרייבט, טענטעלט, איך זאָל אזוי וויסען פון צער וואס ער טענטעלט אזוינס. און זינד ס'איז ווארם געוואָרען, עס האט אָנגעהויבען אומיטום צו וואקסען, צו שפּראָצען, בכאנקעט ער זיך שטענדיג איינער אליין אין וואלד ארום. אלץ פערטראָגען, פערפלאָמט. טאָמיר ווייסט־דוא וואס? אין מיטעל וואָלט געוועזען חתונה מאכען, נאָר ער איז אָבער א פּנים, א שלימזול...

— אין וואס, מאַמע, זעהסט־דוא עס ארויס?

— ס'איז א וועהטיג צו זאגען. דרייא כלות איינע נאך דער אנדערער האט מען מיר גערעדט פאר איהם. איך בין געפאָהרען זייא אָנקוקען. און וואס לאָזט זיך אויס? איינע איז א בלינדע אויף איין אויג, דיא צווייטע מיט א צוגעפלעטשטער נאָז און דיא דריטע הינקט־צו אויף א פיסיל. דאס מזל זיינס איז שוין א פּנים, אזוי... מילא חתונה מאכען — נישט, וואס דען־זשע? ווייטער אין דיא ישיבות אריין, זיטצען און לערנען דאָרט, דערפון וויל ער נישט הערען. לאָז מיך צורות, זאָגט ער, מיט דיינע ישיבות, מיט דיינע תכליתים! גענוג געשווארצט דאס פּנים, געגעסען טעג, גענוג געקוועטשט דיא באנק, געריבען זיך. רייבען זיך ווייטער דאָרט ביז איך וועל מיך אויסרייבען און ווערען א שמאטע — פע! גענוג אויס־געריבענע שמאטעס בייא אונז אָהן מיר אויך... דוא הערסט א לשון אביסיל

פון א בחור, א זיבצעהניעהריגען בחור! — שא, אט נעהט ער, אט איז ער אליין! טאַמיר וואַלסט־דוא, וויא א שוועסטער, נעפּריווט מיט איהם א רייד טאָהן, גלאַט אזוי זיך.

א בחור'ל מיט שווארצע גענרייזעלטע האָר, א הויכען שטערען און ברעג־נענדיגע אויגען ווייזט זיך פונ'ם וואלד. ער לייענט געהענדיג עפּיס א ביכעל, שטארק פערטיפט אזוי, אז ער זעהט נישט וואס ארום איהם.

— הא, וואס איז עפּיס אזוי פערטראכט שלמה! — מאכט דיא שוועסטער מיט א שמייכעלע, אָפּשטעלענדיג איהם אויפ'ן וועג.

— א־א, לאה! — טהוט זיך שלמה א חאפּ און באלד טאקי קוקט ער אריין ווייטער אין ביכעל.

— עפּיס ביסט־דוא העט־העט דאָרט, נאר ניט אויף דעם עולם — זאָגט לאה, ארויפלייגענדיג דיא האנד איהם אויפ'ן ביכעל — וואס איז, איך בעט דיך ד אָ ר ט אזוינס?

— דאָרט איז נישט וואס דאָ — ענטפערט שלמה, אנקוקענדיג דיא שוועסטער — דאָ איז צרות...

— אוים יום־טוב, שלמה! רופט זיך אָן לאה און אין דיא אויגען שטעלען זיך איהר טרערען — מאָרגען פאָהר איך, דאס וואס ס'איז דאָ צורייזען לאָמיר ריידען היינט. קום.

דיא מאמע געהט אונטער איין אויסרייד אוועק אין שטוב אריין, איבער־לאָזענדיג דיא קינדער אליין, און זייא, דער ברודער מיט דער שוועסטער שפּאצירען ארום, אהין־אהער,ביידע ארייננעטהאָן אין א ווייטען א ברייטען שמיעס, און וויא עס זעהט אוים נאר ניט אין קיין פרעהליכען שמיעס.

דערוויל פאלט צו דיא נאכט. שטילער, שטילער ווערט דאס גערויש, דאס געווימעל ארום און ארום. איינס נאך דאס אנדערע צינדען זיך אָן שטערענדליך אין דעם הימעל. וואלד און פעלד שווייגט, אלסדינג דאָרט רוהט. עס גלעט זייא, פערוויגט זייא דאס מילדע ווארמע ועסנע־ווינטעל. דער סאָלאָווייא זינגט זייא א שיין לידעל, זשאבעם קוואקען, דערצעהלען זייערע אלטע מעשיות — און נאָטס בעשעפעניש שלאָפט. עס שלאָפט אונטער דעם שאָטען פון ביימער און טשערעט אויף דער טייך, איבערגעדעקט מיט טומאַן. שא, שטיל, נאָר וואס א מאָל טהוט זיך א וואָרף פון אונטען א פיש און דערלאַנגט איהם א פּאטש.

ביי א הנאָ טליניצער אקענען איז דאס גאַנצע הויזגעזינד אצינד אויף —

מען פטרט ארויס דעם פסח פון שטוב, און דאס ארויספטר'ן איהם, האק און פאק מיט אלע זיינע כלים, מאכט אָן אויף דעם יודענס נשמה עפּיס א מרה־שחורה. אך, רבונו־של־עולם, וויפיעל חן עס ליגט אין דעם פסח'דיגען פארעווען טאָפּ, אין דעם גרויסען בייכיגען בייטיל, אין דיא מאקערטעס, פלעשליך און גלעזליך! דאס איינענע גלעזיל, וואס אלע נעכט פון א גאנץ יאָהר, איז אזעלכעס פראָסט א קעלישיקיל, הכיכה הזה, דיא נאכט פון פסח, איז עס א כוס... עס שיינט עס רעדט עפּיס ווערטער, עס דערמאָהנט א מאָל אויך אין אלטע צייטען, וועלכע עס האט איבערגעלעבט, און עס הערט זיך א גרים אייניקליך פון זיידעס, באָבעס... דער איבערגאנג פון יום־טוב צו וואָך לאָזט זיך איבערהויפט שווער פיהלען דעם יודען, נאך שווערער, נאך איז איהם אויפ'ן נעמיטה ביי'ם געזעגנען זיך מיט דעם פסח — אויס פריץ, ווייטער א יאָך!...

מאָרגען גאנץ פריה האט פון מליניצא זיך געלאָזט א וואָגען, וועלכען עס האט געשלעפט מיט איהר כבוד אליין דיא אלטע שקאפע, וואס איז געלעגען נעכטען צוליינט מחילה, קויקלענדיג זיך פראנק און פרייא אויפ'ן גרינעם גראָז. אויבען אין וואָגען אויף פעקליך זאכען מיט א גרויסער קישען זיטצט לאָה. איינער פון חנא'ס זיהן זיטצט אויף דער קעלניע, מיט א בייטשיל אין דער האנד, גלאט אזוי זיך, פון יוצא ווענען, נישט צו בעליידיגען דערמיט חלילה דיא זקנה נעביך, וואס איז כמעט צווייא מאָל עלטער פון איהם און האט נאך דעם זיידען זיינעם, עליו השלום, געפיהרט. זיא נעהמט זיך איהר וועג געלאסען, העצקענדיג זיך שיין פיין, וויא איהר שטעהט אָן, און צוציק דער הונד, לאָזט, וויא א טרייער געזעלע זיא נישט אָפּ: דאָ דרעהט ער זיך איהר אקעגען, פלאָנטעט זיך איהר צווישען דיא פיס; דאָ הייבט ער זיך איהר אויפ'ן האלז אונטערשפּרינגענדיג אין אָנהאָווקענדיג איהרע פולע אויערען, דערנאך טהוט ער זיך העגדום־פּענדום א יאָג, פערלויפט איהר דעם וועג העט ווייט און שטעלט זיך ווארטען אויף איהר דאָרט, ארויסשטעקענדיג א צונג אין מאכענדיג מיט דיא זייטען. שפּילענדיג און העצקענדיג זיך אזוי איז דער וואָגען אין א פאָר שעה ארום אריינגעפאָהרען אין ק... גלייך אויפ'ן מארק.

## 2.

צווישען דעם רינג הייזער אויפ'ן מארק, דער שענסטער פלאטץ אין דעם שטעדטיל ק . . . שטעהט א הילצערנע שטוב מיט א גאניקעל, במעט איין פאסאָן, איין געשטאַלט מיט דיא אַלע אַנדערע הייזער דאָרט, נישט מעהר, וואס זיא איז אָפּגעטינקעוועט, וויים אָפּגעשמירט פאָרענט אויף דער גאס ארויס. דאס קליינ־שטעדטילדיגע, אַלטפעטערישע לעבען איבערהויפּט און דאס געבייא פון דיא הייזער איז, קען מען זאָגען, וויא דאס לעבען און דאס בויען נעסטען בייא פייגעל, פראָסט איין שטייגער, איין שניט פאר אַלע גלייך. עס וועט גענוג זיין, פון א זכר וועגען אָפּצומאָהלען איין הויז פונ'ם רינג הייזער אין שטעדטיל ק . . . למען ידעו דורותיכם. . .

לאָזען קינדס־קינדער וויסען אין וועלכע הייזער דיא זיידעס זיינען געזעסען און האבען אָפּגעלעבט זייערע יאָהרען אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע און פאָרפאָלקען אויף קעסט!

ביים עפנען דיא טהיר קומט מען גלייך פון דער גאס אריין, אזוי וויא מען שטעהט און געהט, אין א חדר, א גרויס, א לאנגס, דער עיקר דירה, וואס הייסט איינענטליך שטוב. אין דער הינטערסטער וואנד פון שטוב, אינוועניג אקעגען דעם אריינגאנג, פיהרט א טהיר אין א פינסטער הויז, אָהן פענצטער, אָהן א באַלקען — איין אָרט פאר האָלץ וכדומה נייטיגע זאכען אין דעם בעל־הבתישקייט און א מאָל איז עס אויך א שטאַל פאַר דער בהמה, בשעת דיא גרויסע פרעסט ווינטער אָדער ווען זיא איז קעלביג, א שטייגער, און קען נעביך נישט נעכטיגען, וויא געוועהנטליך, אין דרויסען. בייא דער זייט פון דער דאָזיגער הינטער־טהיר לינקס, שטעהט א גרויסער אויבען, אויף צוקאָכען און באַקען, און אונטער דעם פריפעטשיק איז דאָ איין אָרט (א קאַטוך) פאַר עופות, וואס לייגען דאָרט אייער און קוואַקען, וואס נעכטיגען דאָרט ב״י נאַכט, קריכען גאנץ פריה פון דאָרט ארויס און שפּאַצירען זיך פרייא אין שטוב ארום, פול אין איטליכעס ווינקעלע, אויף טיש און אויף בייגק. האַרט לעבין דעם אויבען שטעהט א רובע פון גריגע קאפּלעס, א הויכע, א לאנגע מיט צווייא בייגק: דיא פליישיגע און דיא מילכיגע באַנק. אָט דיא דאָזיגע ביידע או־בענס און א וועגטיל מיט טהירליך נאָך זייא, וואס ציהען זיך איבער דער גאנצער ל־נג שטוב, צעטהיילען זיא אין צווייא העלפטען, איין העלפט איז דיא הויפּט־דירה, וועלכע איז דאָ בעשריבען, און דיא אַנדערע בעשטעהט פון אַלקערליך פאַר

זיך און פאר שכנים. אקעגען דער רובע הייגנט פונ׳ם סופיט אראָפּ א לייכטען קוימענדיל, עפּיס וויא א מין גלאָק מיט צווייא דראָטענע קייטעליך, איינס אקעגען דאס אנדערע, אונטען ביים ראנד, צו וועלכע עס ווערט צוגעקייטעלט עפּיס א מין אייזערנע סקאָוואָראָדע (א לוטשניק), אויף וועלכער עס ווערט צוגייגט א פּייעריל פון דארע שפּענדליך צובעלייכטען אלע אָוועגד דיא שטוב, חוץ פרייטאג צו־נאכט. וואס דענסטמאָל ווערט עס בעלויכטען פון חלב׳דיגע בענשליכט אין מעשענע לייכטער אויפ׳ן טיש און אין דעם זעקס־רעהרענדיגען קופּערנעם הייגנ־לייכטער אויבען מיט איין אָדלער. דער דאָזיגער „לוטשניק“ גיט, וויא דיא זון, ליכט ווארמקייט דעם גאנצען הויזגעזינד און טראָגט אריין פרעהליכקייט, לעבען אין שטוב. ארום איהם פערברייגגט מען דיא ווינטער־נעכט אין געזעלשאפט מיט עפּיס איין ארבייט, אָדער גלאט אזוי זיך א געשפּרעך. ווייבער, היימישע און א־מאָל אויך איינע אָדער א פּאָר נאָהענטע שכנות אין דערמיט, זיטצען זיך אויף דער פליישיגער, אויף דער מילכיגער באנק, פליקען פעדערען און בעריידען דיא וועלט. שבת־צו־נאכט ווערט צוגערוקט א טיש, מען לייענט פיר פון „ספר־הישר“, פון „גדולת יוסף“ — און מען עסט געקאָכטע קארטאָפּלעס. חנוכה שפּילען דיא קינדער אין דריידיל, דיא עלטערע אין קאָרטען — און מען עסט לאַטקעס. און גלאט אזוי א נאכט, ווען מען פרעגעלט שמאלץ, זיטצט מען אויפגערייםט, דערצעהלענדיג מעשיות — און מען עסט גריוועו.

אויף לאָזען דיא קינדס־קינדער וויסען, אז אויף מעביל האבען דיא זיידעס זיך שטארק נישט אויסגעבראכט. א זיידענס שטוב איז אויסגעשטעלט געוועהנטליך אזוי: לאנגע הילצערנע ביינק בייא דיא ווענד, אויבענאָן א לאנגער פּיערפּיסיגער, רויטגעפארבטער טיש, שווארצע און ווייסע קעסטעליך, איינס איבער דאס אנדערע געהיפערט, אין דערמיט טיש אויף צושפּילען אין דאמקעס. דאָרט אין א ווינקעל פון דער העלפט וואנד ביז צו דער סטעליע, שטעהט פעסט איינגעפּאסט א ווינקעל־שאפקלע מיט געגלייזטע טהירליך, פון וועלבע עס קוקען ארויס א בעכער מיט קידוש־גלעזליך, א הדס׳ל פון דראָט־ארבייט, א חנוכה־לעמפּיל, א פושקעלע פאר דעם אתרוג סוכּות, א מייערקעפּיל אויף־חידושים, א טאָץ מיט שעלכליך אויף איינגעמאכטס, טעמבעקאָווע און ווארשאווער־זילבערנע לעפּעל. גאנץ הויך אויף דער וואנד הייגנט א שפּיגעל, אין וועלכען ס׳איז נישט מעגליך זיך אָנצוקוקען ביז מען שטעלט זיך נישט אויף א ביינקעל, און נאך אלע מיה זעהט מען אין איהם אוים גרין און געל מיט געשוואָלענע באקען פון ציינוועהטיג. ס׳איז זיך גלאט אזוי א שפּיגעל פון־שיינקייט וועגען, נישט חלילה צושפּיגלען זיך. פּע!... דערפאר

אז מען איז שוין ארויף אויפ׳ן ביינקעל זעהט מען חאָטש דאס נעמעהל אויף דיא פּאָרטרעטליך, וואס היינגען איהם בייא דיא זייטען: עפּיס א יוד א גאון אין טלית און תפילין, א מין יענעראל אויף א פערד, האלב צוביסען פון פליגען אויף א „מזרח" מיט צאצקעליך און משונה ווילדע חיות, וואס זיינען נאך לעת־עתה אין אונזערע לענדער נישטאָ.

אויך לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אז א זיידענס שטוב אין דעם שטעדטיל ק... איז מסוגל צו אלע מינים בעדערפעניש אין דעם מענשענס לעבען. א חוץ וואס זיא דינט פאר א קעך, פאר איין עס־צימער, אויך פאר א שלאָפצימער, וואו מען שלאָפט אויף צונויפגערוקטע ביינק בייא דיא ווענד און בייא דיא אויוועגס, איז נאך אין איהר געוועהנטליך דאָ א שיינקיל אויך. א גאנצע וואָך, פאר דעם ביסעל שטאָדט־גוים, דלפנים, איז דאָ נאָר בראנפען און ביינעל: בשעת דיא ירידים אָבער אין דיא מארק־טעג, איז שוין אויסגעשטעלט פון פיינעל־מילך: געקאָכטע אייער, שטיקלעך לעבער, הערינג און פיש מיט דרילעס אויך. ווינטער בשעת דיא קאָ־ליאדעס זייערע פערקלייבען זיך אהער אלע אָווענד אויסגעפּוצטע שיקסעס מיט בחורים־שקצים א פולע שטוב, אזוי איז שוין פון אייביג אָן געשטעלט. זייא זיטצען, קנאקען ניס, בלאָזען זיך, לאכען, פּקוידערען, זינגען, שטיפּען און פארזיטצען זיך שפּעט ביז מען שפּריצט זייא אָפּ מיט וואסער און שטופּט זייא ארויס, אזוי איז אויך שוין פון אייביג אָן געשטעלט. און ווען דיא שטוב טויג פאר א טעאטער א פשיטא שוין טויג זיא פאר א קאזארמע. קיין בעסער אָרט אויף צומושטירען סאָל־דאטען וויא אין דעם זיידענס שטוב ווינטער אין דיא אָבענדען איז גאר נישטאָ. ס׳איזווארם, ס׳איז ליכטיג, מען זעהט וויא צו געבען — א פּאטש...

אָט אזא מין שטוב איז אויך יענע אָפּגעטינקעוועטע צווישען דעם רינג הייזער, וואס האט גענעהרט צו ר׳ חיים׳ן — א שיינער געהויבענער בעל־הבית, א פארנעהם אין דעם שטעדטיל.

צו זיין א שיינער יוסטער בעל־הבית איז אין ק... געגוג געווען צו האבען א שטוב, א קוה און עפּיס א שטיקעל פּרנסה דערצו, אָבער צו זיין א פארנעהם, געאכט, געליבט איז קארג א רייכקייט, אפילו א סך א גרעסערעס דערפון. אין דער ליטא א מאָל, היינט אפשר שוין נישט אזוי, האט מען געלייגט כבוד נישט אזוי אויף געלד וויא אויף תורה. א גראָבער יונג א רייכער בלייבט נאך אלע זאכען פּאָרט טאָקי א גראָבער יונג, וויא דעם עולם׳ס ווערטיל מאכי: פון א חזיר־שווענציל קען מען קיין שטריימיל נישט מאכען. שפּרינגען אויבענאָן, זאָגען דעות — דאס

ליגט שוין אזעלכען און זיין נלייבען בטבע, זינט דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען, מען מוז נאך אפשר אמאָל צוזעהן אזוינס, הערען און שוויינען, נאר נעהמען אנידער־זעטצען אזעלכע אויבענאן און קוקען זייא אין מויל אריין מיט׳ן גוטען ווילען, ליעב האבען זייא באמת פונ׳ם הארצען — אָ, ניין, זוכה זיין דערצו בעדארף מען זיין א למדן, גוט און פרום, האבען זכות־אבות. יחוס איז נישט דאס בייטעל נאָר דער קאָפּ, דאס הארץ. אָט אזוי איז אין דער ליטא איבערהויפּט, בפרט נאך אין דעם שטעדטיל ק . . . איין אָרט פון תורה פון אייביגע יאָהרען, וואו דיא איינוואוינער זיינען במעט אַלע לומדים, וואו דער בית־המדרש, דער קלויז איז פול מיט בעלי־הבתים און בעלי־הביתליך, וואס זיטצען און לערנען, אויך מיט ישיבה־בחורים, פּרושים פון דער פרעמדע, וואס פערלאָזען ווייב און קינד, קנייטשען דיא גמרא און עסען טעג; וואו אַלע פּארנאַכט, בין מנחה למעריב, פערקלייבען זיך ארום בעזונדערע טישען בעלי־מלאכות און נאך אנדערע פונ׳ם עולם, צוהערען א גוט וואָרט פון דיא פּירזאָגער דאָרט — בייא איין טיש „מדרש“, ביים צווייטען „עין־יעקב“, ביים דריטען „פסוק“, ביים פערטען „חובת־הלבבות“ וכדומה אזעלכע חקירה און מוסר־ספרים; וואו שבת און יום־טוב ווערט פונ׳ם בעל־מימר לעבען דעם אָרון־קודש, געזאָגט פלאַמענדיגע דרשות, וואס צינדען אָן דאס הארץ פון דיא כנסת־ישראל מיט הייליגער ליעבע צו דער שכינה, וואס זיינען געווירצט מיט טרייסט־ווערטער פון דיא נביאים, מיט משלים, קלוגע, שארפע גלייכווערטליך פון דיא חכמים, מיט א קול, מיט א ניגון וואס דערקוויקט, צוגעהט זיך אין אַלע אברים. אין אזא שטעדטיל אז מען איז זוכה צו זיין א פארנעהם, מסתמא איז עס נים אומזיסט, מסתמא איז מען גוט, פרום און געלערענט, מיט אַלע מעלות.

און ר׳ חיים האט דיא אַלע מעלות אין זיך געהאט. מען קען זיכער זאָגען, ווען ר׳ חיים׳ס „פּאָנדיש“, זיין גאנץ פארמעגען בייא זיך אין שטעדטיל וואָלט ערגיץ אנדערש זיך אָנגעזעהען וויא גאר נישט, אקענען־זשע וואָלט דער איינענער ר׳ חיים מיט זיינע מעלות אין א גרויסער שטאָדט געוואַקסען, געוועז פיעל מאָל גרעסער, נאך געהויבענער.

נאך אין דיא רעכטע יונגע יאָהרען, ווען אנדערע, נישט קיין יודישע קינדער, טראַכטען ערשט חתונה האבען, איז שוין ר׳ חיים געוואָרען א זיידע און שרה זיין ווייב א באבע למזל. לויט דעם חשבון יאָהרען, גערעכענט צוריק, פונ׳ם זיבעטען קינד לעת־עתה ביז דעם עלסטען זוהן, שוין א טאַטע, אויף קעסט נאך דערוויל, האט ר׳ חיים חתונה געהאט, א־פּנים, ועהר פריה, במעט נאך גאר א

קינד. עס האט געהייסען, וויא שרה פלעגט ליעב האבען אפט צו דערצעהלען, אז זיא איז נאך געווען א קליין מיידעלע און ער, דער מאן, א קליין יונגעלע, האט מען זייא פלוצלים אפגעשטעלט א חופה, אין דער בהלה, נישט היינט געדאכט. נאר ווען בהלה, וואס בהלה? — דאס מאכט א יודען נישט אויס, אזעלכע אדער אזעלכע, אלץ איינס. ווער קען זיך זייא אלע אנגעדיינקען?! מעגליך אז דאס איז געשעהען בשעת דער גזרה, מען זאל נעהמען יודישע קינדער פאר רעקרוטען. דענסטמאל האבען יודען זיך געקלינגט, אין חאפעניש, אין איילעניש אפצושטעלען חופות ברעקליך קינדער, גאנץ שכל'דיג אזוי: וויא באלד אז דוא, שנעק איינער, קענסט זיין א זעלנער, קענסט דוא דאך זיין א בעל־הבית אודאי!...

ר' חיים איז געווען, וויא מען זאגט, אי צו גאט, אי צו לייט. זיין צייט איז געווען אפגעגעבען צו דער פרנסה, צו תורה און אויף צו שטעדטישע זאכען. יאהרענלאנג האט ער געהאלטען דיא טאקסע פונ'ם פלייש אין דעם שטעדטיל. יאהרענלאנג אוועקגעווען א קאזאנער רב דארט, נישט בעלוינט צו ווערען דערפאר. פלעגט אויך זאגען אומזיסט א שיעור גמרא מיט פוסקים פאר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען תמיד פול, דער אריין, יענער ארויס. קיין זאך האט זיך נישט געטאהן אהן איהם, וואו ערגיץ א שפארעניש, א לאדעניש איז ער געווען דער פערמיטלער. בשעת עפיס א נויט אין כלל־זאכען פלעגט מען אנקומען צו זיינס איין עצה און וועגען אלסדינג מיט איהם זיך מיישב זיין.

נאר צו וואס א ים בדייען? איין סצענע דא, למשל, וועט זאגען בעסער פון אלע ווערטער. שא!...

### 3.

ס'איז ווינטער, שבת־צונאכט, נאך הבדלה. אויפ'ן „לוטשניק" אונטער'ן קיימענדיל, ברענט פרעהליך א פייעריל, וואס פון צייט צו צייט ווערד עס אונטער־געהאלטען מיט דינע טרוקענע שפענדליך. דעם פייעריל אקעגען, ביי א טיש, צו־גערוקט צו דער ווארמער רובע, זיצט דאס הויזגעזינד, א שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייעס וויא א פויק, איז אויך דא, מען ווארפט זיך איבער מיט א ווארט און מען פליקט פעדערען. דערבייא טאקי לייענט איינער פון דיא קינדער פיר דיא מעשה פון יוסף הצדיק מיט דיא ברידער אויף עברי־טייטש. מען האט הנאה, מען וואונדערט זיך אויף דער גבורה פון יהודה — פון זיינס א געשרייא ווערט שיער נישט א תל פון גאנץ מצרים; דיא קאטץ זיצט צושארענדיג זיך צום

אויוועז, לעקט א קאפקעלע, מאכט מיט דיא אויערליך און האט, וויא עס זעהט אוים, אויך הנאה. אין אויוועז הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע. נאָר קודם־כל זידט דאָרט א טעפיל קארטאָפלעס אויף איבערצוהאפען דערווייל. ר׳ חיים געהט הין און צורק איבער דער שטוב, נאך אין דער שבת׳דינער קאפאָטע און זינגט זיך „אליהו־הנביא“ מיט גרויס געפיהל. און וויא ער לאָזט אוים דעם סוף „במהרה יבוא אלינו“, ניך און באלד קומט ער צו אונז, עפענט זיך דיא טהיר און לייטישע מענשען פונ׳ם שטעדטיל קומען אריין — א גוטע וואָך, א גוט יאָהר!

און דאס פארשטעהט זיך אליין, אז לייטישע מענשען גיבען איינער דעם אנדערען אָפּ כבוד ביי׳ם אריינקומען, האלטענדיג א שעה אָפען דיא טהיר אפילו ווינטער, נאָר אומצוקומען דערווייל אין שטוב פאר קעלט, אזוי אויך ביי׳ם זעטצען זיך. ס׳איז אוועק היבש צייט אין רוקעניש, אין ווינקעניש, אין בעטעניש, פלאָנ־טענדיג זיך דערווייל דער יענעם אונטער דיא פיס, ביז דיא לייטישע מענשען האבען זיך לסוף אויסגעזעצט. שרה איז מכבד דיא געסט גאָר פריינדליך מיט טרינקען „שפעציעס“— מיני קרייטעבצער, וואס א כפרה פאר זייא טהעע - און מיט שטיקליך קאנדעלצוקער, וואס א כפרה דערפאר הייטנינער צוקער... מען זיצט זיך, מען בלאָזט און מען טרינקט, איינער פעררייבערט זיך דיא פיפקע — א פארצעלייען לולקעלע מיט א זילבערן דעקעל און א לאנגען געפלאָכטענעם ציביק. א פאָר הוסטען זיך אוים, טאפען זיך בייא דיא נעז, בייא דיא בערד און עס הויבט זיך אָהן א שמיעס. אהין אהער, דאס א ביסעל, יענס א ביסעל ביז מען קומט ארויף לסוף אויף אזא שמיעס!

— אָח־חאָ־חאָ, דיא גזרה פון דיא קליידער איז דאך טאקי א מיאוסע זאך!— מאכט אלע מיט א זיפץ — יודען זאָלען זיך אָנטהון דייטש: א קארטוז מיט א דאשיק... ס׳איז דאָך עפּיס משונה א שרעק! און געוואלד צו וואס, רבונו־של־עולם, צו וואס?!... וואס קען „זייא“ דארט, זייא וואס קען ארויסקומען דערפון, אז יודען וועלען זיך שוין אָנטהון דייטש?... עס מוז דאך עפּעס אלץ מיט א נאנג.

— מען שמיעסט, דרינען שטעקט א שפּיצעל — רופט זיך אָן מיט א קנייט־שעלע יענער פונ׳ם פיפקעלע, פארציהענדיג זיך שטארק און ארויסלאָזענדיג פונ׳ם מויל רינגעליך רויך — וואקסען זאָל עס גאָר וואקסען... פון וועמען מיינט איהר?— פון מאָנטיפיורען!

— נאָט איז מיט אייך, ר׳ בער! וואס רעדט איהר?

— אָט דאס וואס איהר הערט. אָבער ר׳ ברוך הלל׳ס מעג מען גלייבען? ער קומט ערשט פון דיא ירידין און האט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויערען...

— איך האב אויך עפעס אזוינס געהערט — פאלט אריין אין דיא רייד א ריהרעווידינער, צאפלענדינער יוד, פערבייסענדיג א ליפ — הא, ווארט נאר ווארט, וואס האב איך געהערט?

— שלאָגט נישט איבער, ר׳ יוסיל — מאכט דער עולם — שא!... א־נו, ר׳ בער!

— מען שמיעסט, הייסט עס — הייבט אָן ר׳ בער געלאסען, פאמעליך און קייעט איטליכס ווארט ביז ער ברייננט עס ארויס פונ׳ם מויל — אָט וואָס: אז מאַנטיפיורע האט געזעהען ס׳איז פע... איז ער געקומען מיט אזא פּראָיעקט: אדוני מלך, זאגט ער, פערקויף מיר דיינע יודען. איך וועל געבען פאר זייא אזויפיעל און אזוי פיעל מיליאָן.

— הונדערט טויזענט, האב איך געהערט, הונדערט טויזענט מיליאָן! — פאלט ר׳ יוסיל ווייטער אין דיא רייד אריין. געמיינט דערמיט נישט אזוי דיא סומע געלד וויא ארויסצר־ווייזען דא דעם עולם. אז ער ווייסט אויך וואס טהוט זיך אויף דער וועלט, נישט ערגער פון אנדערע.

— מילא וואס מאכט עס אויס — טהוט ר׳ בער א זאָג פערדרעהענדיג מיט דער נאָז און דערצעהלט ווייטער — מהיכא־תיתי! ענטפערט דער מלכות בקיצור, מען מאכט באלד טאקי א תקיעת־כף און מאַנטיפיורע גיט דערווייל איין אדעראויף.

— חלילה, הונדערט טויזענט מיליאן באלד טאקי, באלד במזומנים — צושאָקעלט זיך ר׳ יוסיל וויא ביי׳ם שפּארען זיך מיט עמיצין איבער א שטיקעל גמרא.

— אי, זייט־זשע מוחל, ר׳ יוסיל, שא! בעטען איהם אלע מחילה, ער זאל שווייגען.

— בקיצור ער גיט דערווייל איין אדעראויף — דערצעהלט ר׳ בער ווייטער, רוהיג געלאסען, נישט מאכענדיג זיך אויס ר׳ יוסיל׳ס רייד — והמותר איז ער זיך מתחייב סילק׳ן צום טערמין ביים נעהמען דיא ס ח ו ר ה — דיא יודען הייסט עס. דערמיט איז מען זיך צונאנגען. זייא געזונד — פאָהר געזונד! נאך אָנבייסען נעהט זיך דער מלכות, וויא דער שטיינער איז, אין סענאט און איז שטארק אויפגע־ראמט. — אדוני מלך, פרעגט איהם דער מיניסטער, וואס איז דיא מעשה, וואס דוא ביסט היינט עפּיס אזוי אויפגעראמט? — אזוי און אזוי, ענטפערט דער מלכות מיט א שמייכעלע, געמאכט א געשעפטיל, פאר אזויפיעל און אזויפיעל פארקויפט היינט מיינע יודעליך. — אדוני מלך! טהוט זיך א חאפּ דער מיניסטער זעהר

דערשראָקען, וואס האסט־דוא געטהון ? ס'איז א מקח טעות !... און באלד מאַכ־ פיהרט ער איהם ארויט פון דיא קאָנטאָרסקע ביכער א קלאָהרען חשבון, אז דאס פראָצענט, וואס אזא ס ח ו ר ה — יודען הייסט עס, טראָגט אין א געוויסע צייט יאָהרען איין, טרעפט העט־העט מיט א שמיצעל אריבער דעם מקח פאר דער גאַנצער סחורה. — וואס־זשע טהוט מען ? מאַכט דער מלך. גערעדט איז דאָך גערעדט און פון א מלכות א וואָרט איז דאָך א גזרה. אדרבה זאָג, האסט דאָך א קאָפּ פון א מיניסטער, פאַל עפּיס אויף א הסברה. — אדוני מלך ! רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאכדעם וויא ער האט א ווײַלע געטראַכט, ס'איז דאָ איין עצה. גיב ארויס א בעפעהל, אָבער טאַקי באלד, יודען זאָלען זיך אָנטהון דייטש. גראַם־ שטראָם ! מאַכט דער מלכות, וואס איז שייך דאס דערמיט ? — ס'איז רעכט ! זאָגט דער מיניסטער האלב עפּיס אויפ'ן ווינק — וויא באלד דייטש, איז דאָך שוין, פערשטעהסט־דוא מיך, נאר עפּיס אַנדערש... מיט דיר איז דאָך גענוג אויפ'ן ווינק — א־א, שכל'דיג ! גיט זיך דער מלכות א חאַפּ, דוא ביסט ווערטה פאר דער עצה א גילדענעם מעדיאַל. — הערט־זשע רבותי, דעם שפּיטץ — מאַכט ר' בער, נעהמענדיג זיך אויסרייניגען מיט א דרעטעלע דאס פּיפּקעלע פונ'ם אש — אַקוראַט צו'ם טערמין קומט מסתמא מאָנטיפיורע ...

— ניין, נישט אזוי, ער קומט נישט, ער לאָזט פריהער מעלדען — קען זיך ר' יוסיל נישט איינהאַלטען, צעשאָקעלט זיך און פאַלט ווידער אריין אין דיא רייד.

— שאַ, זייט־זשע מוחל ! האַלט זיך איין א ווײַלע און שלאָגט נישט איבער, ר' יוסיל ! — בעט דער עולם, וואס איז זעהר ציקאַווע צוהערען דעם סוף — נו, ר' בער, גרנו !

— קומט ער, הייסט עס — הייבט ר' בער אָן ווייטער דעם שמיעס, ציהענדיג דיא ווערטער וויא יענעם אויף צו להכעיס און שמאָכענדיג פאר הנאה — קומט ער, אזוי וויא איך זאָג אייך דאָ, צו'ם טערמין און מאַכט כהאי לישנא : אדוני מלך ! נאַ דאס מותר געלד און לאָמיך, כפּי השליל־צעטיל, נעהמען דיא ס ח ו ר ה — יודען הייסט עס. — אָך ! מאַכט דער מלכות, מהיכא־תיתי... געה דיר, זייא מוחל, און וואו דוא וועסט דערזעהן א יודען נעהם דיר איהם, בשם אלהי ישראל, דיא סחורה דיינע... מאָנטיפיורע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען און געהט. ער געהט אין איין שטאָדט — נישטאָ, נאָך אין א שטאָדט — נישטאָ. בקיצור אין ברדיטשוב — אויך נישטאָ. קיין סימן אפילו נישט פון א יודען. אלע יודען זיינען אנגעטהון דייטש — דייטשען !

— אַווא, אַווא! — מאַכט דער עולם פערוואונדערט — אזוי, זאָגט איהר, אזוי שמיעסט דיא וועלט!

— עט! — מאַכט ר׳ חיים מיט א שמייכעלע — נישט תמיד איז אמת וואס טראָגט זיך ארום אין דער וועלט. ס׳איז זיך א ממרא...

— אזוי צו אזוי, דערווייל איז שפל — זאָגט דער עולם מיט א קרעכץ — דיא גזרה איז דאָך טאַקי א גזרה! מילא דיא קאַפּאָטע יאַק קאַפּאָטע, וועט מען אין איהר מאַכען א האַק, דער גוטער יאָהר וועט זיא נישט נעהמען מיט א שפּאָלט פון הינטען אויך, אָבער א קאַרטוז — רבונו־של־עולם א קאַרטוז!... ר׳ חיים, פאַלט עפּיס אויף איין עצה, הא, וואס טראַכט איהר, ר׳ חיים?

— איך טראַכט — ענטפערט ר׳ חיים נאָך עטליכע מינוטען שוויינגען, רייבענדיג זיך דעם שטערען — איך טראַכט, וואס פאַרט האבען אין א נויט דיא חכמים מיט זייער חכמה נישט געמאַכט. מע טאָר א שטיינער שבת נישט טראָגען, נא, ציה איבער א שנירעל און טראָג. מען טאָר נישט נעהמען פּראָצענט, נא דיר א היתר־עסקא און נעהם! — ס׳איז דאָ איין עצה, יודישע קינדער! זאָגט מיר, רבותי, וואס איז אזוינס א קלאַפּאָווע היטעל (א חצי־שבת׳ל)?

— וואס הייסט? — וואונדערן זיך אַלע אין איין קול — א יודיש קלאַפּאָווע היטעל איז א קלאַפּאָווע היטעל, א וואַכענדיג היטעל מיט קלאַפּען! פוןביידע זייטען האט עס אויפגעשטעלטע, מיט קליאַטשע אָנגעשטאָפּטע קלאַפּען, פון רויכ־ווארג, פערשטעהט זיך, און פאָרענט איז עס בעליינט. פון איין קלאַפּען צום אנדערן, מיט א שמאָל שטיקעל רויכווארג, גוט צוגענעהט אונטען, אויך צום ווערכיל אויבען. ווער ווייסט עס דען נישט א יודיש קלאַפּאָווע היטעל?!

— מילא — שמייכעלט ר׳ חיים מיט א קנייטשעלע — מה רעש? וועט יענס שטיקעל פאָרענט, נישט צוגענעהט זיין צו׳ם ווערכיל נור מיט דער אונטערסטער זיים אַליין, אזוי אז עס זאָל זיך קענען אָפּלעגען: וויל מען איז דאס וויא היינט א היטעל, כשר יודישליך, וויל מען לייגט מען עס אָפּ, קומט עס אויס א דאשיק, איז מען יוצא לכל הדעות און פטור. און וואס קען מען צו א יודען מיט אזא היטעל האבען? — א דייטש!....

— טאַקי וואו תורה דאָרט חכמה. מאריך ימים ושנים זאָלט איהר, ר׳ חיים, זיין! — זאָגט דער עולם גאַנץ צופרידען, אָנווינשענדיג איהם א פולען קאָפּ.

דאס דאָזיגע מין היטעל מיט דעם אָפּגעלייגטען דאשיק איז דערנאָך אָנגע־נומע׳ געוואָרען בכל תפוצות ישראל און גילט נאָך עד היום ביי אַלע פרומע

יודען דאָרט אונטער דעם נאמען „נאַפּאָלעאָנקע". דיא וועלט אָבער בעדאַרף וויסען אז נולד איז דאס היטעל געוואָרען אין דעם שטעדטיל ק... און אין דער היסטאָריע בעדאַרף עס שטעהן פערשריבען אויף דעם נאָמען ר׳ חיים׳ס, דער ערשטער, וואס האט עס ממציא געווען. — נאַפּאָלעאָן, מעגליך, האט געטראָגען פון אזא פאסאָן א היטעל, גאנץ זיכער אָבער, מען מעג שווערען, אז ר׳ חיים האט מיט נאַפּאָלעאָנען זיך כלל נישט אָנגעגעהרט און קיינמאָל זיין היטעל אפילו אין דיא אויגען נישט געזעהן.

צו ר׳ חיים׳ן פלעגט מען אָנקומען אויף בשעת נישט־דאָ־געדאַכט עפּיס א קראַנקהייט. קיין דאָקטאָר אין שטעדטיל איז נישט געווען, חוץ א רופא וואס האט מעהר נישט געוואוסט וויא שלאָגען צו דער אָדער, שטעלען פּיאַווקעס, באַנקעס, אויף גאָלען און שערען. וויא באַלד עפּיס א שלאַפקייט, האט זיך געוויזען דער רופא מיט דעם גאַנצען קליפּערנעצייג און געאַרבייט אויף אלע כלים: צוקאַראַ־דאשעט ריק און לענד, האלז און נעניק, צו־ווינשענדיג דערנאָך עפּיס אויף דייטשערעס, „צו־געזונדהייט!" און אז דיא ברכה זיינע האט נאָך אלע מיטעל נישט געהאָלפען, דעם קראַנקען איז נאָך געוואָרען ערגער, פלעגט מען קומען מיט א געבעט צו ר׳ חיים׳ן, ער זאָל מוחל זיין געהן, דעם חולה „צו בעטראַכטען" — און ר׳ חיים, וואס האט ער געקענט טהון, איז געגאַנגען בעטראַכטען. ביים עולם איז איינגערעדט געווען, אז ר׳ חיים איז א מעטער, א גרויסער מבין אין דאָקטאָריע. ער אליין ווידער האט זיך געהאַלטען טאַקי דרינען פאַר א שטיקעל מבין. פון וואַנען האט אזוינס צו איהם זיך גענומען? דאַרויף איז דאָ א טעם. ר׳ חיים אליין איז בטבע געווען א שוואַכער, א שלאַפער מענש. חוץ דער יודישער קראַנקהייט „מערידין", א ירושה פון דיא עלטערען, האבען איהם אין לעבען נישט אויסגעלאָזט נאָך אנדערע מיני וועהטיגען: שטעכעניש אין דיא קריזשעס, א שפּאַרעניש אונטערן לעפּעלע, קוועטשעניש, מאַדטקייט אין דיא גלידער, וואס היינט הייסט עס עפּיס „נערוועז", איבער וועלכע ער האט א מאָל, בייא א געלעגענהייט, זיך מיישב געווען מיט גרויסע דאָקטוירים ערגיץ, און צו׳ם גרעסטען טהייל אָבער זיך נישט ווייסענדיג געמאַכט — עט, גאַרנישט א מיחוש, עס וועט אזוי זיך איבער־געהן. איינמאָל אָבער איז ער טאַקי שטאַרק פערשלאַפט געוואָרען, בעקומען א היטציגע קראַנקהייט עפּיס, אזוי אז מען האט צו איהם עטליכע מאָל אַראָבגעבראַכט א גרויסען דאָקטאָר פון דער סביבה, דאַכט זיך דעם שלאָס־דאָקטאָר, וואס ביי׳ם דוכס, אליין, און דאס אויסגעהען זיך זיינס פון דער קראַנקהייט איז געווען בעז־שיינפּערליך׳א וואונדער וויא פון טויט לעבעדיג. דאס אָלסדינג האט געמאַכט

ר׳ חיים׳ן פאר א געניטען. איהם גענעבען דאס רעכט א מבין צו זיין אויף קריינק, שוין נישט צו ריידען פון רפואה־ביכליך פאר׳ן פאָקק, און וועלכע ער פלעגט אריינ־קוקען, פון אלע רעצעפטען, וואס האבען מיט דער צייט בייא איהם זיך אָנגעקליבען. פרעגט נישט, זאָגט מען, דעם דאָקטאָר, פרעגט דעם קראנקען, — און קראנק איז דאָך ר׳ חיים אין זיין לעבען פיעל מאל געווען, און באמת טאקי פאר וואס זאָל דאָקטאָריע ערגער זיין פון אדוואָקאטסטווא, א שטייגער? אין יענער שטאָדט, נישט ווייט פון ק... איז דאָ א ר׳ אָהרן, דוקא נישט אזא למדן, און דיא שקאָלעס ערגיץ נישט געלערענט, פון דעסטוועגען גילט ער אין דער סביבה פאר א „זאקאָנשטשיק“ נאר א מורא! בייא עפּיס א קרעטציל, א מיאוסען עסק, ווענדעט מען זיך צו איהם, נאָר טאקי דערפאר אליין, וואס ער, ר׳ אָהרן, איז אין זיין לעבען אין פיעל תפיסות איבער־געזעסען, פאר בלבולים און גנבות, פאר פאלשע מסירות וכדומה נאך בלבולים אזעלכע בעהיט זאָל מען ווערען, און איהם איז אויסגעקומען דורכדעם גוט בעקאנט צו־ווערען מיט „נאטשאלסטווא“, ווייסט דיא אלע גיינג, וואס מען האט צו טהון, וואס צו שרייבען, וואס צו ריידען מיט אלע דרעהדליך, שפּיטצליך און אָבשניטצליך.

ר׳ חיים אָבער איז געווען א דאָקטאָר נאָר צו געוויסע קריינק, פון וועלכע מען קען חלילה ליגען, אָדער מען ליגט שוין טאקי אין בעט, קיין כח נישט האָבענדיג זיך צוריהרען. צו אנדערע, גלאט אזוי זיך וועהטיגען זיינען שוין געווען אַנדערע אין שטעדטיל, וואס האבען געטויגט איטליכער צו זיין זאך. אויגען־וועהטיג, א שטייגער, דארויף איז געווען א ר׳ פישיל. ער האט געהאט בסוד עפּיס א וועסעריל, פון וועלכעס ער פלעגט געבען עטליכע טראָפּענס אויף א רפואה, אומזיסט, נאָר פון מצוה וועגען. צו מאָגערקייט, אויסדאָרעניש האט פעטרוכא, דיא אלטע גויע געגעבען עפּיס מיני קרייטעכער אזוינע. צו דער ניבפּה, צו א מאנקאָליע, א רווישען אין קאָפּ — דארויף איז געווען א מייסטער יאָש דער טאָטער. אויף איין עין־הרע אָפּשפּרעכען, ציינוועהטיג פארריידען, גיסען וואקס, מיט אייער אויסקויקלען — דערצו איז געווען איין בריה גיטעל דיא זאָגעריין, און צו קדחת, מאיאָווע אָדער קדחת־רביעית, פלעגט זעהר גוט העלפען דער מלמד ליפּא ראובן׳ס וואס איז באמת געווען א גרייליכער (זעלטענער) מענש, נישטאָ, האט עס געהייסען, ווייט אין דער וועלט צוגעבען זיין גלייכען.

## 4.

**ליפּא ראובן׳ס, א יוד אין דיא מיטלע יאָהרען, איז איינער פון יענע מענשען,** אין **וועלבע** נאָט האט אריינגעלייגט אלע גוטע מתנות: גייסט, הארץ און **געפיהלען,** נאר פערגעסען אָבער זייא צוגעבען איין קליינינקייט — מזל! ביים ארויסגעהען פון נאַטים הענד אהער אויף דער וועלט האט זייא דער רוח, וויא א קערנדיל תבואה, פערטראָגען ערגיץ אין א העק, אין א וויסט אָרט, וואו ס׳איז נישטאָ **דיא אלע** מיטעל, וויא געהעריג איז צו וואקסען. דער גייסט אין זייא רייסט זיך, **זוכט זיך** ערגיץ איין אָרט וואו צו ווייזען זיך פרייא, צעפיהרען אביסעל דיא **הענד — בייא** א טהייל אָבער ווערט ער, נאך אלע אומזיסטע מיה, נאך **דעם אויסגליטשען זיך** אויף שטיינער אין דעם וועג, אלץ שוואכער, שוואכער, **און זייא ווערען אינגאנצען** אָפּהענדיג. זייא ליגען, פוילען, נעהמען זיך אמאָל אויף פאר **קריינקונג צו דער** משקה, טויגען צו נאַרנישט און הייסען בייא דער וועלט: טויגעניכטסען, פער־קוירענע מענשען. ווידער בייא א טהייל הערט דער גייסט פאָרט טאקי **נישט אויף** צורייסען זיך ארויס, עפּיס קאָכט עס, בורטשעט עס אין זייא, **ס׳איז** א שטענדיגע קאָכעניש, א ראנגלען זיך, איין אינוועניגסטע נישט־צופרידענהייט. **פאר** עסעניש געהען זייא פונ׳ם לייב אראָפּ, זיינען עפּיס פערזומערט, **פערטראַכט, דער** גייסט לאָזט זייא נישט רוהען, זייא חאַפּען זיך צו אלסדינג, **דאָ** צו דער, **דאָ** צו יענער זאך, נאָר איטליכע זאך קומט אויס עפּיס משונה, **עפּיס ווילד וויא דיא** נאַטור אליין, וואס נאך רוי, נישט בעארבייט — **דאס** זיינען יענע מיני **קינסטלער,** **וואס, וויא דיא וועלט זאגט, אין דער** האנד הונדערט מלאכות **און** **וועניג** ברכות׳ן.

**ליפּא ראובן׳ס** איז **געוועזן א דארער,** א **קורצזיכטיגער** מיט א בלייך **פּנים,** א שטילער, א גוטער און זעהר בעליעבט בייא איטליכען אין דעם **שטעדטיל.** זיין **חאראקטער,** זיין וואויגונג, זיין שטייגער לעבען. זיין טהון און אלץ **מיט אנאנדער** האט בעשיינפערליך געוויזען, אז אין איהם איז דאָ דאס פינטעלע, **דער ברען פון א** קינסטלער. ער האט געהאט א האנד צו שניטצען, צו מאָהלען, **צו שרייבען און צו** קריטצען אויף קופּער און אויף **שטיינער,** נישט צו מאַבען זיך **דארויס א פּרנסה,** נאר גלאט אזוי, ווייל דאס איז געוועזן זיין בעסטער פערגניגען; **ווייל** עס האט איהם **דערצו** עפּיס געטריבען און ער האט בעדארפט, געמוזט **מייסטערען.** **בייא** **דעם שטעדטיכדיגען עולם־יודען** האט ער געהייסען א בריה **צו אלסדינג, א קענער,**

עפּים נאר א שרעק — און זייא האבען בייא איטליכער געלעגענהייט זיך מיט זיין בריה׳שקייט בעניטצט. מען האט איהם מ כ ב ד געווען מיט שניטצען דעם אָרון־קודש, מאָהלען א „מזרח“, שלאָגען מצבות, קריטצען חתימות. מיידליך, כלות, פּלעגען איהם מטריח זיין, מיט זיין גוטען ווילען צו מאַכען פאַר זייא מוסטערען, אויף קייטעלשטיכליך, אויף העפטען, אויסנעהען פאַר זייערע חתנים תפילין־זעקליך. און אַז ער טויג שוין יא צו אַלע זאכען און איז דערצו נאָך א גוטער מענש אויך, טהוט איטליכען צו־ליעב, אַזוי זיך, אומזיסט, פאַר וואָס־זשע זאָלען ווייבער נעבּיך אַזוי זינדיג זיין, נישט צו בעניטצען זיך מיט איהם אויך — צו קדחת א שטיינער? מען האט איהם געבעטען האט ער געשריבען עפּיס אַזוינס אויף מאַנדלען, אָדער אויף טעלער מיט טינט, וואס צעפּיהרענדיג עס דערנאָך מיט וואסער גיט מען עס דעם קראַנקען טרינקען — און עס העלפט! . . . צו דיא אַלע זאכען האט ליפּא ראובן׳ס נאָך צוגעקנעלט אויך.

### פאַר א מלמד האט איהם געמאכט ר׳ חיים!

שלמה ר׳ חיים׳ס, א יונגעלע פון א יאָהר זיבען, האט פון דער קינדהייט זיך געוויזען פאַר א וואוילעס, א לעבעדיגעס, מיט א שאַרף קעפּיל צום לערנען. אין איין יאָהר האט ער זיך אויסגעלערנט בייא משה שלייען גוט עברי, געלייענט גיך וויא א וואסער און אָנגעהויבען חומש, וויא דער שטייגער איז, פון „ויקרא“, וואס אַנדערע קינדער בעדאַרפען דאַרויף אָוועקזיטצען אין חדר א צוויא־דרייא יאָהר. ביים גאַנצען הויזגעזינד ר׳ חיים׳ס וויא אויך בייא פרעמדע, אריינגעהערס צו איהם אין שטוב, איז שלמה׳לע געווען זעהר בעליבט פאַר זיין לעבעדיגקייט, פאַר זיין פּאַלען אַמאָל אויף קלאָטץ־קשיות, און נאָך מעהר — פאַר זיינע אָנשטעלען. ס׳איז אין איהם געלעגען בטבע עפּיס אַזוינס, אויפצוחאַפּען באַלד ביים ערשטען בליק יענעמס א מינע, א וואָרט, וואס עפּיס נישט אַזוי, משונה וויא בייא אַנדערע. ער פלעגט וואונדער־שיין נאָכמאַכען אבי וועמען מיט אַלע פאַסטעמקעס — וויא יענער רעדט, וויא יענער שטעהט און געהט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטען בייא דיא זייטען פאַר געלעכטער, זעהענדיג און הערענדיג איהם. בעזאָנדערס ליעב האט ער געהאט נאָכצומאַכען ג י ט ע ל דיא זאָגערין, וויא זיא קושט דיא מזוזה ביי׳ם אריינקומען אין שטוב, אָנגעטהון אין דער יופּע אויף איין ארבעל; וויא זיא פער־ציהט דיא ליפּעליך, זאָגט: „א גאָט העלף!“ מיט חן; ווען זיא גיט א בייג דעם רוקען וויא א קעטצעלע, אַזוי אַז איין אקסעל קומט אויס נידעריג, דיא אַנדערע העכער, דאס קעפּעלע אין דער זייט, אונטערגעהאַלטען מיט דער האַנד, און א

פינגער אויף דער באק; ווי זי קנייטשט דאס פניצ'ל, א פטאַרע מיט דעם נעזיל, פערגלאַצט די אייגעליך און רעדט מיט תחינה־לשון, אַלץ: „געלויבט און געאַכפּערט דער אַלמאַכטיגער, ברוך הוא וברוך שמו, וואס באַשירעמט זיין פאָלק ישראל!“ אריינוואַרפענדיג אין דערמיט שטיקליך פונ'ם „נחלת צבי“ און רבינו בחיי. — די מאַמע פלעגט מיט אַנדערע גלייך טאַקי אויך לאַכען, נאָר דערביי, מיט א פינגער אויף דער נאָז בלומר'שט אין כעס צו איהם מאַכען:

— וואַרט נאָר, וואַרט, שיין בחור'ל איינער! איך וועל נישקשה דערצעהלען דעם טאַטען, וועסט־דוא שוין וויסען, נישקשה, ווער עלטער איז, וויא איין עלטערען נאָכצוקרימען זיך. — זאָל איך אַזוי וויסען בייז, אויב איך פאַרשטעה, וואס פאַר א מין שלאַק דאס איז, רבונו־של־עולם!...

דער טאַטע אָבער איז אויף דעם קינד א מבין געוועז. ער האט, גוט פערשטאַנען, אַז בייא א געהעריגען סדר לערנען דאס אַלסדינג, וואס מען בעדאַרף, און בייא א רעכטען מלמד אין די הענד, קען פון אַזא קינד, מיט דער צייט, ווערען א לייט. לערנען אַלסדינג, וואס מען בעדאַרף, האט בייא יודען צו יענער צייט, און בפרט נאָך אין אַזא שטעדטיל וויא ק... נישט געהייסען שפּראַכען, חכמה־זאַכען, דאס וואס היינט. צו גמרא און פוסקים זיין נאָך א בעל־תנ"ך אויך, פערשטעהען אביסעל דקדוק — איז מען שוין א פאַרטיגער מענש, א ווילדער בריה איינער אין דער וועלט, מעהר דערפון איז גאָר נישטאָ, טאַקי איין איבריגע זאַך. נאָר ווער אָבער האט, חוץ דעם אָנהויב פון איטליכער סדרה, געלערנט קינדער תנ"ך? מען האט זיך עפּיס געשייעט, עס האט עפּיס געשמעקט מיט אפּיקורסות. ס'איז טאַקי א גרויס וואונדער, נישט צופערשטעהן אַזוינס... נאָר וויא די מעשה איז, אַזוי איז עס געוועז, און אַזוי איז עס בייא א טהייל יודען נאָך היינט. גרויסע רבנים, פאַרצייטען און אויך היינט, האבען נישט געוואוסט און וויסען נישט רעכט גוט עד־היום, וואס שטעהט אַזוינס אין תנ"ך, און פון דעסטוועגען שאַ! מען קען זיין א גרויסער למדן פסקנען שאלות אָהן פסוק אויך... ר' חיים'ן אָבער האט זיך געגלוסט פאַר שכמה'לען זיינעם מאַכען איין אויסנאַהמע, פּריווען לערנען איהם דוקא גאַנץ תנ"ך, מיט דעם תּרגום אויך, כסדר פון אָנהויב ביז צום סוף. ר' חיים אַליין האט געקענט תנ"ך, און געשריבען מליצה. פון זיינע בריוולעך פלעגט מען לעקען די פינגער. ער האט געהייסען צווישען זיינע אַלע בעקאַנטע א „בעל־לשון“... נאָר וואו נעהמט מען אָבער דעם מלמד דערצו? אָט דאס האט ר' חיים געטראַכט און איז לסוף געפאַלען אויף ליפּא ראובן'ס. איהם האט עס

ר' חיים געמאכט פאר א מלמד, צוקנעלען מיט זיין שלמה'לען, מתיר־געווען איהם צוצונעהמען נאך עטליכע קינדער, כדי ער זאל קענען וויא־עס־איז מיט ווייב און קינד, וויא אלע יודישע קינדער, עט אזוי זיך לעבען...

און דער זיווג האט עולה־יפה געווען! דער רבי און דער תלמיד האבען זיך איינער דעם אנדערען זעהר גוט געפאסט. דער רבי האט געקנעלט געטרייא, און דער תלמיד — געלערנט געשמאק. דער שטייגער איז געוועהנטליך געווען, בשעת דעם לערנען ביים טיש פלעגט דער רבי זיטצען אויף זיין ארט מיט עפיס איין ארבייט — מאהלען אדער שטעכען א חתימה'לע. נאר דאס האט אבער נישט גע־שאדט צום גאנג פונ'ם לערנען, ער האט ניש־קשה, זיך גוט צוגעהערט, פערקעהרט דאס לערנען איז געגאנגען נאך פיעל בעסער. דיא ארבייט איז פאר איהם געווען דאס אייגענע וואס פאר א פראסטען בעל־מלאכה א גוטער טרינק בראנפען, זיא האט איהם בעגייסטערט, בעלעבט, געמאכט בערייעדעווידיג. ערשט דענסטמאל האט ער דערקלעהרט אלסדינג שארף קלאהר, פונ'ם מויל האבען זיך איהם געשאטען פעריל, אין דיא אויגען האט געפינקעלט א הייליג פייעריל, ער האט געקוקט מיט ליעבשאפט עפיס אזוי גוט, אזוי גוט... און דעם תלמיד פלעגט עס געבען א נעהם, א ברען, אונטערגענעבען איהם א חשק, ער האט געשלינגען איטליכעס ווארט, אויפשטעלענדיג דיא אויערליך. דאס לערנען איז נישט געווען, וויא בייא י ע נ ע, ערגיץ אנדערש א שטייגער, א שווערע משא, א ריין אפקומעניש, וואו דער רבי מיט דעם תלמיד ליידען נעביך ביידע גלייך: איינער שלאגט אין קאפ אריין מיט געוואלד, איז דערבייא אויפגעבראכט, היטצט זיך א שרעק און דער אנדערער, וואס זאל ער נעביך טהון, מאכט זיך בלומר'שט וויא איהם איז עס אין קאפ אריין, ציטערט, פלאטערט — און ביידע ווינשען איינער פונ'ם אנדערען פטור צו ווערען... ניין! דאס איז געווען גאר עפיס וויא א שמיעס צווישען צווייא פריינד, אין וועלכען איין הארץ פיהלט דאס אנדערע — א שמיעס וואס מאכט פערגניגען אי דעם, וואס רעדט, אי יענעם, וואס הערט, ביידע פערשטעהען זיך זעהר גוט, און עס וויל־זיך צוברייננגען אזוי דיא צייט נאך און נאך...

שלמה'לע האט מיט דער צייט אלץ געוואקסען, געוואקסען, וויא א בלימעלע אונטער א גוטער השגחה, און ווערענדיג אלץ וואס ווייטער פערשטענדיגער הערט ער נישט אויף פונדעסטוועגען צו בלייבען, נאך זיינע יאהרען נאך, א קינד. שלמה'לע אין חדר און שלמה'לע אין דרויסען זיינען עפיס גאר אנדערע, פערשידענע מענשען. לערענט ער איז געלערענט, ער איז מיט דעם גאנצען קאפ אריינגעטהון אין לערנען.

ער דיינקט, טראכט, וויל גרינדליך איטליכע זאך פערשטעהן; נאָר קוים צוגע־מאכט דעם ספר איז ער וויא איבערגעביטען געוואָרען, ער לעבט, שטיפט — א יונגעל מיט דיא ביינער. איבערהויפט האט שלמה׳לעס חאראקטער פון קינדוויוס אויף זיך געוויזען עפּיס וויא א צונויפגעשטעלטער פון פערשידענע מינים, נישט פון איין שטיק מאטעריע. עפּיס האבען צווייא נשמות — א מלאך מיט א רוח, גע־שטעקט אין איהם ביידע אינאיינעם. ער איז געווען אי איינגעשפארט, הארט וויא א שטיין, אי וויך וויא א טייג, לאָזענדיג זיך פיהרען אמאָל בייא דער נאָז; אי בייז, אי מילד, גוט וויא דיא וועלט; אי ביטער־גאַל, אי צוקער־זיס; אי ערענסט, אי א קאַטאָוועס־טרייבער; אי אומיטיג־פערטראכט, אי לוסטיג־פרעהליך. שלמה׳לע איז בטבע געווען א הייס־בלוטיגער, אָנצינדענדיג זיך וויא א שוועבעלע, וויא באלד נאָר עפּיס האט איהם געטהון א ריהר. דיא פייערדיגע רייד פון דיא נבאים, דיא דערצעהלונגען זייערע איבער גאָט, איבער דיא וועלט, האבען אויפגעוועקט זיין כח־הדמיון און איהם געגעבען גענוג שטאָף צו דיינקען, צו טראכטען. — „איך האב געזעהען גאָט, זאָגט ישעיה הנביא, וויא ער זיצט אויף זיין הויכען שטול, דיא פאָלעס צעשפּרייט, פערנעהמען דעם הייליגען פּאלאץ. שרפים ברענענדיג מלאכים, שטעהען איבער איהם, איטליכער מיט זעקס פליגעל... און עס רופט איינער צום אנדערען און זאָגט: קדוש, קדוש, קדוש — הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט צבאות, פול איז דיא וועלט מיט זיין כבוד! און עס וויגט זיך, עס ציטערען דיא זייכען דאָרט פונ׳ם שרייענדיגען קול, און דאס הויז ווערט פול מיט רויך. אוי, זאָג איך, וועה איז מיר, איך בין פארבייא! איך בין דאָך א מענש מיט איין אומריין מויל און צווישען א פאָלק מיט א בייז אומריין מויל געפין איך מיך“. שלמה׳לען זיינען דיא דאָזיגע ווערטער שטארק אין קאָפּ אריין. ער הויבט אָן צו טראכטען איבער גאָט, זיך פירצושטעלען מלאכים מיט פליגעל, און וויל אַלץ וויסען זעהר פיעל אזוינס וואס פיקט איהם דעם מוח, פאָדערט א דערקלעהרונג פרעגען דעם רבי׳ן — דערצו האט ער נישט תמיד גענוג מוטה געהאט. איינמאָל האט ער יא זיך געפּריוווט מאכען מיט איהם א רייד, רויט־ווערענדיג דערבייא פלאם־פייער, נאָר דער רבי האט אויסגעהערט מיט א שמייכעלע, שווייגענדיג א קרים זיך געטהון, וויא איינער רעדט: עט!... אויף זיינע שאלות בייא אנדערע, עלטערע מיט בערד, פלעגט ער בעקומען תמיד איין ענטפער: שא, שקאָץ! א יונגעלע טאָהר נישט פרעגען. א יונגעלע בעדארף נור פאָלגען, טהון וואס גאָט הייסט — לערנען, דאווענען, אז נישט, וועט דער אויבערשטער שטראָפען, שמייסען דאָרט מיט אייזערנע ריטער — און פאר א רוט האט שלמה׳לע געציטערט, נישט אַזוי פאר דעם וועהטיג, ווייל אז מען שמייסט

מתום ועוה, וויא פאר דער שאנדע — פע, ס'איז א חרפה!... שלמה'לען איז פיר־
עקומען גאָט עפּיס נור וויא א בייזער פריץ מיט א קאנטשיק אין דער האנד, פאר
א מינדסט קליינינקייט ווערט ער אָנגעצונדען, אש־להבה — שמייסט! בייא א
מינדסט עברה'לע: איבערהיפּערן א שטייגער אין דאוונען עפּיס א וואָרט, נישט
ענטפערען אָמן, א טרונק וואסער טהון א מאָל אָהן א „שהכל“, האט ער געהאפּט
א ציטער און געטראכט: „אוי, וועה איז מיר, איך בין פארבייא!“ —

און ווער שמיעסט ימים־נוראים, וואס, כפי יודען זאָגען, אפילו א פיש אין
וואסער ציטערט דענסטמאָל — איז שלמה'לע געווען אין איין שרעק. דער גאנצער
ענין פונ'ם אויפשטעהען צו סליחות, דאס האפּעניש, לויפעניש אין שול, אויפ'ן
פעלד, דאָס יאָממערען־וויינען, דאס טרויערדיגע ניגון'דיל ביי'ם דאוונען, דאס
אומעטיגע פּנים'ל פון דער מאמע און פונ'ם גאנצען הויזגעזינד, גלייך וויא עס הענגט
איבער זייא דיא רוט און מען קען זייא, מחילה, מקיים־פּסק זיין — אָט דאָס
אלסדינג האט אויף איהם אָנגעמאכט א שרעקליכע פינסטערע מרה־שחורה, ס'איז
איהם נישט ניחא געווען דער גאנצער יום־טוב, דיא פיש מיט דעם צימעס, עס
האט איהם זיך נור געדאכט, וויא ער, דער אויבערשטער, זיצט אויף דעם הויכען
שטול, דיא פּאָלעס איבער דעם מקום־קדוש, ברענענדיגע מלאכים ארום איהם,
פליהען ברייגנען ספרים, שרייבען, רעכנען איטליבענס עברות מיט א רעש, א גע־
פילדער, און עס ווינט זיך דיא וועלט, עס ציטערען דיא טויערען פונ'ם הימעל
פון זייער געשרייא — און ער טראכט: „אוי, וועה איז מיר, איך בין פאר־
בייא!“ . . .

נאָר אזוי וויא אין דער וועלט איז שוין אזוי געשטעלט, אז ס'איז נישטאָ,
אין איהר אינגאנצען גוט'ס, אָהן עפּיס שלעכטס, און ריין שלעכט, וואס דרינען זאָל
נישט שטעקען עפּעס גוטס, איז דאריבער אויך מיט דיא ימים־נוראים געקניפּט
און געבונדען געווען זאכען אזעלכע, וואס האבען געלינדערט אביסעל דעם שרעק,
צוגעגעבען א זיסקייט דער ביטערע מרה־שחורה. דיא וויכטיגסטע פון יענע אלע
זאכען זיינען עס דיא „ישובניקעס“, דיא ארענדארעס פון דיא דערפער, וואס
פלעגען אויף דיא הייליגע טעג קומען מיט זייער הויזגעזינד אין שטאָדט אריין. דאס
אָנקומען זייערס האט אויפגעריהרט דאס שטעדטיל, אָפּגעמינטערט, אָפּגעפרישט
אביסעל דעם עולם, און עס האט געהאט עפּיס א מין בעזונדער טעם — כצפּיחית
בדבש, האָניג מיט פעפער און ציבעלעס אינאיינעם.

דיא היסטאָריע פאָדערט, אז דיא זאך זאָל דאָ אביסעל מעהר דערקלערט

ווערען, זיסט, וועט אפשר אין איהר פעהלען זעהר א וויכטיג בלעטיל, און פאר דיא שפעטערדיגע דורות — אוי! ווער ווייסט? — קען דיא זאך בלייבען נישט פערשטענדליך.

5.

פונ׳ם חודש תשרי הייבט זיך אן א צעטיל ימים־טובים: דיאביידע ערשטע טעג פונ׳ם חודש איז ראש־השנה, דער צעהנטער טאג — יום־כפור, זייא הייסען ימים־נוראים, שרעקליכע טעג, און אינאיינעם מיט דיא טעג, וואס צווישען זייא הייסען זייא אויך עשרת־ימי־תשובה — צעהן טעג צייט, חרטה צו האבען אויף דיא זינד: וויינען, בעטען און אויסבעטען א גוט יאהר. דענסטמאל איז אויפ׳ן הימעל א יריד, עס קאכט זיך דארט א שרעק.

„ונתנה תוקף קדושת היום, און דערצעהלען וועלען מיר — אזוי טהוט זיך דער מחזור דארט א זאג — דיא שטארקע הייליגקייט פונ׳ם טאג. דען שרעקליך פארכטיג איז ער צונלייך, אין איהם שטייגט הויך דיין קעניגרייך. אויף גנאד איז, גאט, דיין שטול געשטעלט, דוא זיצט מיט אמת אויף איהם צו ריכטען דיא וועלט. יא, אמת! דוא ביסט דער ריכטער און פארקלאגער, דוא ווייסט און ביסט דער עדות־זאגער. דוא שרייבסט און חתמ׳סט, צעהלסט און רעכענסט אלץ מיט צאהל, געדיינקסט פערגעסענע זאכען וואס העט אמאל. דוא עפענסט אויף דאס קאנטעבוך, עס לייענט דרוים אליין זיך איטליכס ווארט, פון יעדען מענשען אייגענ־הענדיג שטעהט דיא חתימה זיינע דארט. מיט׳ן גרויסען שופר טהוט מען דארט א בלאז, אווא! א דינע שטימע לאזט זיך הערען — שטיל, שא. מלאכים יאגען, אין איינע שרעק אהער־הין און זאגען: עס־איז אט־א דער יום־הדין, אויף אפצור־רעכנען זיך מיט׳ן גאנצ׳ן געדימעל, א־דא אין הימעל! דען וויל אין דיינע אויגען ריין און פיין, איז ביי׳ם געריכט נישט מעגליך זייא צו זיין, און אלע אויף דער וועלט וויא בריים זייא איז און לאנג, געהן דיר פערבייא וויא שעפעליך א גאנג. וויא זיינע לעמער קוקט דער פאסטוך איבער גוט, ער לאזט שאף זיינע דורכגעהן אונטער׳ן רוט, אזוי אט נעהמסט דוא אלע ב׳שעפעניש אפיר, דוא רעכענסט, צעהלסט און לאזט פאסירען זייא פאר דיר. בעשטימסט פאר יעדען זיינס פאראויס, און גיבסט זיין פסק יעדען ארויס, ראש־השנה ווערט אויף זייא דארט אנגעשריבען, יום־כפור אפגעחתמ׳ט אונטערשריבען. וויפיל זאלען אומקומען, וויפיל זאלען צוקומען, ווער זאל לעבען און ווער שטארבען, ווער אויסלעבען זיין צייט זאל ביז צום עק, און ווער

פון דאנען פאר דער צייט אוועק. ווערמען אין וואסער, ווערמען אין פייער א טויט א שווערען, ווער דורך א שווערד, ווער דורך א חיה זאָל דערהרג'ט ווערען, ווערמען פאר הונגער, ווערמען פאר דאָרשט און נויט, ווערמען דורך שטורם און ווערמען דורך מגפה א טויט. ווערמען דערשטיקעניש, אין האלי א ביין, און ווערמען — אין קאָפּ א שטיין, ווער זאָל צו הויז זיך רוהיג בלייבען, און ווער אין דער פרעמד זיך ארום צוטרייבען, ווער זאָל זיך לעבען שטיל, און ווער אין דולעניש פיל, ווער אין פריידען, ווער אין ליידען, ווער אָנווערען, ווער רייך ווערען, ווער האלטען זאָל אראָפּ, און ווער ארויף דעם קאָפּ".

און וויא דער ירוד, דער רעש אויפ'ן הימעל, אזוי רעשט זיך אויך דאָ אויף דער ערד. נאָך מיט א חודש פריהער טהוט אין דיא שולען א בלאָז דער שופר און וואָהרענט: יודען, עס נעהמט דער יום־הדין! און יודען הויבען בעצייטענס אָן זיך ארומקוקען, מאכען א קלאָהרען חשבון פון זייערע מעשים א גאנץ יאָהר, און טהוען אלע מיטעל, וויא ארויס רייז פונ'ם משפט, וואס שטעהט זייא פיר — זייא זאָגען סליחות, זוכען זיך גוטע אדוואָקאטען אין צדקה, אין אלטע זכות־אָבות, צו זיין מליצי יושר, פירשפרעכער אויף זייא פאר זיין הייליגען כסא־הכבוד.

טהון תשובה, בעטען, מיט צדקה שמירען —
דאס העלפט א שלעכטען פסק צו קאסירען.

דיא ארענדארעס פון דערפער ארום און ארום קומען מיט קינד און קייט, האק און פאק אין דיא שטעדט אריין, איינאיינעם מיט בל־ישראל צושטעהן דאָרט פאר גאָטס געריכט און אויסבעטען פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט מענשען, נאר אָהן א שום חילוק, א גוט יאָהר, א דערלייזונג פון אל־דאָס בייז.

דאס שטעדטיל ק.... איז גאר נישט דאס שטעדטיל, וואס א גאנץ יאָהר, וואו מען זעהט קיין פרישען מענשען נישט און וואו דאס לעבען פליסט געוועהנט־ליך וויא א שטיל וואסעריל רוהיג, עפיס וויא פערשלאָפען. א פאר טעג פאר ימים־נוראים האָפּט עס זיך אויף, עס ווימעלט פון נייע פארשוינען, וואס קומען פונ'ם ישוב, פיהרליך אָנגעזעצט מיט ווייבער און קינדער אויף גאנצע בערג בעבעכעס, איבערבעטען, זעקליך שפייז און שטייגען מיט עופות ציהען זיך איבער דיא גאסען. בעלי־בתים, יונגליך, ווייסע חברה, נעהען און לויפען אקעגען, איטליכער אקעגען זיין ארענדאר, וואס שטעהט בייא איהם יום־טוב אויף סטאנציע. פוןביידע זייטען שיטען זיך רייד הויך אויף אלטרלייא קולות — פון דאנען שאלות: פאר וואס אזוי שפעט? פאר וואס אזוי און פאר וואס אזוי? און פון דער אנדערער זייט

מעשיות, וואונדער און נסים גרויסע: עס האט געלאָפענט אין וועג איין אקס, געפאלען א פערד, אפגעריסען א בריק, א מעוברת ווייביל האט זיך פערוואלט אין מיטענדרינען געהן צו־קינד, זיך איבערגעקעהרט א וואגען, מע בעדאַרף נומל בענשען, קוים מיט דעם לעבען ארויס.... דאַרפס־הינט ביים אָנקומען מיט זייערע בעלי־בתים רייצען אויף דיא אלע שטעדטעלדיגע הינט, עס ווערט צווישען זייא א געבילעררייא, א געשלעגערייא, גלייך וויא זייא זיינען נישט ברידער פון דער הינטישע זרע, מיט איין הינטיש מויל, איינע הינטישע ציין. און באמת טאקי איז דאָ צווישען זייא א גרויסער אונטערשייד. דער דאַרפס־הונט איז דאס, וויא גאָט האט איהם בעשאפען, ווייסט ניט קיין פּאָליטיקע, חוץ דעם בעל־הבית און דיא שטוב קען ער נישט קיינעם, בילט אויף איטליכען אָרים און רייך אלע גלייך. האפּט טאקי א ביין, אז יענער גיט, חאפּט און בילט פּאָרט וויטער טאקי, בילט מיט זיין אייגען קול נישט פערשטעלט, ער איז פראָסט אָהן אָנשטעלען. דער שטאָדט־הונט אקעגען איז שוין עפּיס געמלאכה׳ט, אויסגעפיינט, אביסעל פאלש און האט מורא פאר א שטעקען — בילט אויף איין אָרימאַן, אויף אזעלכען וואס קען זיך נישט וועהרען, פאר א שטאַרקען האט ער אפּשייא, פאר א רייכען, שיין געקליידט — אזאס! מיט א שטיקעל ברויט שוחד פערשטאָפּט מען איהם דאָס מויל, שא! גיט יענער פון דער אַנדערער זייט, א ווילד פרעמדער נאר, א גרעסער שטיקעל, טהוט ער שוין איהם צוליב, פאָלגט וואס מען הייסט. ער שפּאצירט זיך אָפּט ארום, שמעקט וואו עפּיס א קערמעשיל, וואס מען קען חאפּען א לעק, מאכט בעקאנטשאפען, דרעהט מיט דעם וויידיל, שטעהט אויף דיא לאַפּקעס און בילט אמאָל עפּיס נאר ניט מיט זיין קול, גלאַט אזוי זיך מען זאָל נישט פערגעסען, אז ס׳איז דאָ א הונט... אז ער האט ציין און קען, אין א נויט־פאַל, הינטען ארום א ביס טהון אויך.... אַט דיא דאָזיגע ביידע מיני הינט אָנקוקען קענען זייא זיך נישט איינער דעם אנדערען. דיא גאַנצע צייט, וואס זייא ביידע געפינען זיך אין דעם שטעדטיל הערשט דאָרט א בילען, א האווקען, א שרייען אויף דיא ציין, עפּיס א „הינטישער וואָפּראָס“, שטענדיגע קריעג און שטענדיגע געשלעג, דער קאָפּ אזש ווערט דול! וואָרטשון א שטיינער, א דאָרפס־הונט אָהן חכמות, ווייסט נישט מעהר וויא צו היטען דיא שטוב, ליגט זיך אויסגעצויגען אין דרויסען פאר דער טהיר, קוקט בייז וויא א רוח מיט פערלאָפענע פון בלוט, האלב צוגעמאכטע אויגען, רייבט, קראצט דעם בויך אין דער ערד, שטיל אונטערפישטשענדיג פאר גרויס הנאה, פלוצים רוקט זיך אונטער קאשטאן, א הויכער, א דארער, איינער פון דיא שיינע בעלי־בתישע שטאָדט־הינט. ס׳איז איהם פון דערווייטענס אין דער נאָז ארײן א ריח פון יודישע

פיש, אויף וועלכע ער איז א גרויסער בעלן, אויף א ריח פון געבראָטענעס, וואס קאָכט זיך לכבוד יום־טוב דאָרט אין שטוב, און ער לאָזט זיך, וויא געוועהנטליך, צוקומען נאָהענט, שמעקען, נישטערען, טאָמיר וועט דאס מזל איהם דיענען א חאַפּ טהון עפּיס. וואָרטשונען אָבער איז דיא זאַך נישט געפעלען — וואס געהסט־דוא עזות־פּנים, אין מיין גבול אריין ? און וואס איז עס גלאַט פאַר א מאָדע, הונט איינער, ארומגעהען איבער דיא הייזער, אריינשטעקען א מאָרדע וואו מען בעדאַרף נישט ? ! ער גיט זיך אויף איהם פון הינטען פּלוצים א וואָרף, טהוט א ביס און רייסט איהם אויס א זשמענע האָר. קאַשטאַן ווערד אזש פערצאַפּעלט, פערלייגט, מחילה, דעם וויידיל, חאַפּט דיא פּיס אויף דיא פּלייצעס — און אוועק אוועק מיט א קוויטש... דאס איינענע איז אויך מיט פּילקען, א שווארץ הינטעל מיט איין אויסגעקרימטען ריקען און הינקענדיג פיסעל, וואס לעבט פון קצבה — פון יודישע פּאָמייניצעס. ער לאָזט זיך וויא דער שטיינער זיינער איז, צו א יודענס שטוב, וואס זאָל ער דאָ איבערטראַכטען ? פּלוצים טהוט איהם א חאַפּ טרעזאָר, א געזונטער, א קודלאָטער דאָרפס־הונט, און ברעכט איהם א ביין, אזוי אז ער פערגעהט זיך נעביך פאַר וועהטיג, לויפט שפּרינגענדיג, דאס הינקענדיג פיסעל אין דער לופטען, דאָס געזייסיל אין דער זייט אויסגעקרימט און היילט, רויעט אויף א גריכצענדיג קול. אזא פּסק חאַפּען אויך נאָך אנדערע שטאָדט־הינט. ס'איז זייא פערשטערט דאס לעבען — נישטאָ קיין צוטריט צו א יודישע שטוב ! דערפאַר אָבער, דערטאַפּען זייא א דאָרפס־הונט בייא זיך, ערגיץ אויף דער גאס, מעג ער שוין זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. זייא וואַרפען זיך אויף איהם פון אלע זייטען, שאַרפען דיא ציין, צופּען און רייסען. עס ווערד א געקוויטשערייא, נישט אויסצוהאלטען. קונדסים מישען זיך אויך אריין, הידען אונטער, וואַרפען שטיינער, מאַמעס שטעהען אין דיא טהירען, רופען, שרייען און שעלטען. יודען אויף דער גאס חאַפּען א ציטער, ראַטעווען זיך און לויפען גאר אין איין אָטעם, האלטענדיג זיך בייא דיא פּאָלעס.

הכלל עס רעשט זיך, עס קאָכט זיך, דאס שטעדטיל איז אויף, ס'איז וויא מען זאָגט, ליהודים ! דאס לעבען אין דעם שטעדטיל געהט שוין שטאַרקער, עס זעהט אויס, וויא א שטעהענדיג טייכעל, וואס וועסנע־צייט צוגיסט זיך עס, פּלייצט ניך, האַסטיג מיט א גערייש.

און בשעת דעם גערייש ווייזט זיך פון דערווייטענס א לאַנגער וואָגען פול אנגעזעצט מיט חנאָ מליניצערס הויזגעזינד. דיא אלטע שקאַפּע, וואס האט אביפּעל

זיך צונעשטעלט אויפ'ן וועג, טהוט זיך אציגד אָן א כח, ארייגפאָהרען אויף דעם מארק קוממיות, האָפערליך, מיט דער פּאָמפּע. און לכבוד דעם שטעדטיל ולכבוד דיא פּארשוינען, המסובין בכאן אויפ'ן וואָגען, פערדרייסט זיא דעם ווידיל, שטעלט אויף דיא אויערען, הייבט פּיסליך און העצקעט זיך לעבעדיג פרעהליך מיט א טאראראם, א געקלאַפּעריייא פון דיא רעדער. צוציק לאָזט זיך פּאַראויס מיט דער בשורה — אז מען פּאָהרט! היטענדיג זיך, פון דעסטוועגען, דיא ביינער בייא א בענענעניש מיט זיין גלייבען, אין הינטישע מיילער נישט אריינצופאלען. יענע איהם א שמעק — שלום עליכם, און ער יענע א שמעק — עליכם שלום! מאכט ער אָפּ בקיצור, א שמעק נאָר פון יוצא ווענען, דרעהט זיך באלד טאקי אויס און לויפט וויטער, דיא „זקנה" נאך איהם, האָץ־האָץ בייא ר' חיים'ס שטוב, וואס פון א היבשע צייט יאָהרען שטעהט דארט איין חנאָ פון דער מיהל מיט וויב און קינדער— א גרויס פּעקיל, אָהן עין־הרע!

פּאר שלמה'לען שטעלט זיך דענסטמאָל א וועלט מיט נייע עסקים. ס'איז דאָ ברוך־השם וואס צו טהון, אויף וואס צו קוקען, וואס צו בעטראַכטען. לאָז זיך שוין גאָט אָנשרייבען דארט, וואס ער וויל, דערווייל אָבער אז מען לעבט בעדארף מען לעבען.

קודם־כל חאפּט שלמה'לע זיך ארויף, באלד טאקי נאך חנאָ'ס אָנקומען אויף דעם וואָגען, עטליכע קונדסים אריין מיט איהם, א פּאָר שטעהען, אָנהאלטענדיג זיך פון הינטען, צווישען דיא רעדער — און היידא! מען ציהט בייא דיא לייצען, מען שמייסט, מען מאכט מיט דיא ליפּען, שרייעט אין איין קול: „וויאָ־וויאָ! און מען טהוט א פּאָהר אביסעל פערבייא דער שטוב. דערנאך נעהמט מען צום ספיק צוציקין, מען טהוט מיט איהם א רעד עפּיס אויף איין אנדער מין לשון, אריינ־לאָזענדיג זיך מיט איהם אין דיא הויכע דרכים פּאַרהערענדיג איהם וואס ער קען, פריהער פון דערווייטענס, מיט אָפּשייא, אונטערוואַרפענדיג איהם שטיקליך ברויט, שפּעטער אליין נעהנטער ביז מען פערקירט דעם דרך־ארץ, און עס ענדיגט זיך, וויא דער שטייגער איז, מיט א שטיין און מיט א קווימש...

שלמה'לע אינטערעסירט זיך אויף שטארק מיט דיא נייע מיני דאָרפס־פּארשוינען, אלסדינג אין זייא קומט איהם אויס עפּיס משונה. מיידלעך אין נייע גראָבע שיך און זאָקען אין נייע סיטצענע קליידעליך פון א מיתה־משונה קאָליר, מיט גרויסע רויטע קווייטען, גלאָטצען אויס גרויסע קעלבערנע אויגען, א פינגעריל אין דעם מויל — און קוקען. יונגליך אין חאלאטליך, אין נייע קנאַקענדיגע לייב־

סערדאקליך און לייוועגדע פלידערליך, בלאָזען זיך, שעהמען זיך, דאלובען דיא נאָז— און שיסען פלוצים אוים, אין קילאק, א געלעכטער, ווישענדיג בשעת מעשה טאקי מיט דעם ארבעל, מיט דער פאָלע דיא נאָז, מחילה. היינט דאם ריידען זייערס, דאס עסען, איז אויך עפּים אומגעלימפּערט — דאכט זיך גערעדט, און ס'איז עפּים גאר געבעבעט, דאכט זיך גענעסען, און ס'איז עפּים גאר געפּרעסען. א קייען אביסעל, מישטעהנס־געזאָגט, א מאכען מיט דיא באקען, א זופען מיט א הילך! דאס איינגע פּנים, דאכט זיך, דאס איינענע פלייש, און פאָרט עפּים נישט אזוי וויא ביא שטאָדט־לייט — עס שמעקט עפּים מיט דאָרף. דיא ווילדע גאנז, א שטיינער, איז דאָס איינענע טאקי וואס דיא היימישע, איין פלייש, און דאָך עפּים אנדערש — איין אנדער טעם, איין אנדער קאָליר. חנאָ אליין איז איינענטליך געווען נישט קיין גראָבער מענש, נאָר צווישען איהם און ר' חיים'ן איז נאָר קיין פערגלייך. דער חילוק צווישען זייא ביידע האט שלמה'לען געוואָרפען זיך אין דיא אויגען — חנאָ אקעגען דעם טאטען האט גאר עפּים קיין פּנים נישט! ס'איז אויך א גרויסער חילוק צווישען טויבע־סאָסיען, חנאָ'ס ווייב, און דער מאמע זיינער. טויבע־סאָסיע איז א ברייטביינענדיגע, א יאָדערדיגע; איהרע הענדע, איהר פּנים זיינען עפּים מגושם: פערברענט, פערבראָטען פון דער זון. נעהט זיא — איז גע־גאַנגען, מען פיהלט, אז זיא שטעלט א פוס, רעדט זיא — איז גערעדט מיט לעפצען, אויף דער געמבע. זיא איז גוט נאָר אָבער פּראָסט. זיא איז פרום, וויינט בייא ליבט־בענשען, חליפעט וויא באלד זיא דערהערט פון דער פירזאָגערין א קול, חאָטש זיא פערשטעהט נים קיין וואָרט. אקעגען־זשע שרה, דיא מאמע זיינע, איז איין איידעלע, א שוואכע. האט קליינע, וויסע הענד מיט דינע בלויע עדערליך, א פערפרומט בלייך פּנים מיט דינע ליפּען — אין גאנצען עפּים א רוחניות, און אז זיא נעהט דאכט זיך זיא שוועבט. זיא איז א וואוילקענענדיגע, קען אלע תחינות פון ארץ־ישראל, ווייסט אויך דעם „מעין־טהור", אלע דינים פון „חנ"ה", וואס געהערען זיך אָן מיט איין אשה, לייענט דעם „צאינה־וראינה", דעם „מנורת־המאור" און נאך אזעלכע ספרים. ווייזט ווייבער אין שול צו דאווגען, וואָס צו זאָגען, ווען צו שפּרינגען קדושה, לייענט זייא אויף פיר, און האט מיט זיך דאָרט, אין דער ווייבערשער שול, א לימענע אָדער טראָפּענס אזוינע, אויף־צוטינטערען אי זיך אי אנדערע בשעת דעם חלשה'ן....

און באמת טאקי, אז שרה פלעגט לייענען האט מען געקענט טאקי חלשה'ן. איהר לייענען איז געווען פול מיט געפיהל, איהר נגון'דיל דערבייא האט געריהרט, געציפּט בייא דער נשמה, א שטיין אפילו וואָלט פון איהרע טרערען אויף

צונאָסען געוואָרען. ס׳איז כדאי אויף א ציקאוועשם צו שטעלען דאָ תאָמש אביסעל פון דער תחינה ערב יום־כפור, בייא דיא וועקסענע ליכט מאַכען.

שרה לייגט קנייטליך. ווייבער, שכנות מיט נעבראָכענע הערצער שטעהען ארום איהר. זיא לייגט און לייענט זייא דערבייא פיר מיט א ריהרענדער שטימע טיעף פונ׳ם הארצען:

„רבונו של עולם, דערבארמדיגער גאָט! דיא ליכט וואס מיר וועלען מאַכען אין שול אריין פאר דיין הייליגען נאָמען וועגען און פאר דיא הייליגע ריינע נשמות, זאָלען דערוועקען דיא הייליגע אבות ואמהות, זייא זאָלען אויס זייערע קברים פאר אונז בעטען, אז קיין בייז, קיין צרות, קיין לייד זאָלען אויף אונז נישט קומען, און אונזער ליכט און אונזער מאנענס ליכט און קינדערס ליכט זאָלען נישט אויסגעד לאָשען ווערען פאר דער צייט, חס ושלום.... וויא איך וועל לייגען דעם פאָדעם פון דיא קנייטליך פאר אונזער פאטער אברהם, וואס דוא האסט איהם מציל געוועזען פון דעם פייער אין קאלכאויוועו, אזוי זאָלסט־דוא אונז רייניגען פון זינד, אונזער נשמה זאָל קומען ריין פון שוכד צו דיר, וויא זיא איז נעקומען ריין אין אונזער גוף אריין. — אין דעם זכות וואס איך לייג דעם פאָדעם פאר אונזער מוטער שרה, זאָל גאָט ברוך־הוא אונז געדענקען דעם זכות פון איהר צער, אז מען האט איהר ליבען זוהן יצחק געפיהרט צו דער עקדה. לאָז זיא א גוטע מליצה זיין, אז מען זאָל נים האָפען בייא אונז אונזערע קינד׳ערליך, זייא זאָלען פון אונז נישט אוועקגענומען ווערען און נישט פער׳וואָרפען ווערען ווייט פון אונז וויא דיא בלודנע שעפעליך. — אין דעם זכות, וואס מיר לייגען דעם פאָדעם פאר אונזער פאָטער יצחק, זאָלסט דוא זיך איבער אונז דערבארמען, אז מיר זאָלען קענען מגדל זיין אונזערע קינדער, זייא קענען האלטען בייא א רבי׳ן, עס זאָלען, וויא דאס ליכט, אונזערע קינדערס אויגען לייכטען אין לערנען, אין דער ליעבער תורה.... פאר דעם פאָדעם, וואס מיר לייגען פאר אונזער פאָטער יעקב, וועלכען דוא האסט געהאָלפען פון דיא שונאים, ביינעשטאַנען איהם אין זיינע נויטען, אזוי זאָלסט־דוא אונז העלפען פון כל המשחיתים והמקטרגים, זייא זאָלען נישט קענען אָנריידען אויף אונז שלעכטס, אויסטראַכטען בלבולים, צו פערשווארצען אונזער נאָמען.... מיר זאָלען אין דעם יום־הדין האבען א גוטען משפט מיט אונזערע מאנען און קינדער, מיר זאָלען חליכה נישט זיין קיין אלמנות און אונזערע קינדער קיין יתומים.... בזכות שלמה וואס האט געבויעט דאס בית־המקדש און תפילה געטהון, ווען אפילו נישט קיין יוד, א פרעמדער נאר פון איין אנדער אומה, אז ער וועט קומען אין בית־המקדש

**אריין און דיך בעטען, זאָל זיין געבעט אויף אָנגענומען ווערען — אין דעם זכות, רבונו של עולם זאָל נישט פערשלאָסען ווערען דער טויער פונ'ם הימעל פאר מיין געבעט און לאָמיר גערא**כט ווערען מיט מיין מאן און מיט מיינע קינדער און מיט אַלע לייט צום גוטען אין דעם נייעם יאָהר. אָמן!"

לאָז נאכדם לאבען, ווער עס קען, לאָז ער זאָגען, אויב עס קיינט זיך איהם דאס מויל, אז דאס איז נארישע זאכען. — אהער ליכט, אהער א סך אזעלכע ריינע נשמות־ליכט! א סך אהער אזעלכע ברענענדיגע געפיהלען, ריינע הערצליכע ווערטער, הייסע טרעהרען, געבעט און ליעבשאפט צו תורה און חכמה, ליעבשאפט צו מענשען, צו א גאנצער וועלט מענשען! און דאס אלסדינג בייא וועמען איז עס? בייא יודענעס, בייא פראָסטע יודענעס, וואס אָנקוקענדיג זייא פון דרויסען דאכט זיך, זייא זיינען גאר נישט; וואס אָנקוקענדיג זייא פון מארך דאכט זיך זייא זיינען משונה פערגרעבט.... הלואי א סך אזעלכע ווייבער מיט אזעלכע געפיהלען און אזעלכע ווערטער!

דאס מענען הערען יענע, יענע.... און וויסען וואס אזוינס א יודיש הארץ בעטייט, מעגען הערען און — שטומען!

## 6.

א פאָר יאָהר אין דרינען זינט שלמה'לע האט אָנגעהויבען לערנען תנ"ך, אין גאנצען איז ער נאך א קינד, און וואס פאָרט, רבונו של עולם, האט ער שוין נישט איבערגעלעבט, וואו איז ער אין דער דאָזיגער צייט שוין נישט אויסגעווען? טאקי נאָר עפּיס וויא איין אלטער, וואס וואָלט אוועקגעלעבט משותלח'ס יאָהרען! — ער איז געווען אין ארם־נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי און שושן הבירה דאָרט, און נאך אין מדינות, פון הודו ביז כוש, אויך אין דער וויסטעניש, אין מדבריות און אָנגעזעהען זיך, אָנגעהערט זיך דאָרט זעהר פיעל וואונדערליכע זאכען. לאָז מען פון דעסטוועגען קיין טעות נישט האבען, נישט מיינען, אז עס האט זיך געמאכט עפּיס איין אומגליק, און ר' חיים האט געמוזט עוקר זיין, זיך ארום־וואָגלען מיט זיין הויזגעזינד נעביך, אָדער א שרפה, א מגפה, א בייזע מהומה, נישט דאָ געדאכט, איז אָנגעשיקט געוואָרען אויף דעם שטעדטיל, און דיא איינוואוינער זיינען זיך צעלאָפען, האבען, וויא דער שטיינער פון יודען איז אין גלות, זיך צע־שלעפּט אער אהין, איבער דער גאנצער וועלט. חלילה, קיין צער קיין בייז! דאָס

שטעדטיל איז וויא פריער א שטעדטיל, דיא איינוואוינער וויא פריהער איינוואוינער, ר׳ חיים איז ר׳ חיים, אלסדינג וויא פריער, איטליכער, ברוך־השם, אויף זיין ארט און שלמה׳לע האט פונ׳ם שטעדטיל קיין פוס אפילו ניט ארויסגעשטעלט. — וואס־זשע דען? דאס איז אזוינס, וואס פאר אלע אנדערע פעלקער איז עס א סוד, גאר ניט צום פערשטעהן, נאר בייא יודען פערקויפט זיך עס זעהר אפט. בייא יודישע קינדער נאר געשעהט אזוינס, אז מען זאל זיטצען טאג וויא נאכט פער־שפארט אויף איין ארט, נישט צו וויסען, וואס דא ארום געהט פיר, וואס מען ברויכט צו לערנען, צו טהון, בכדי צו לעבען מיט לייטען גלייך; מען זאל אויס־געטהון זיין פון אלסדינג דא, מבטל זיין אלע זאכען, וואס זיינען נייטיג פשוט אין לעבען אריין און איבערטראגען זיך אינגאנצען מיט דיא ביינער און אלע געדאנקען העט וויים אין איין אנדער עולם, אין אנדערע צייטען; מען זאל נישט זעהען פאר זיך דיא וועלט, דאס וואס פאר דער נאז, און אפגעבען זיך אינגאנצען נאר מיט אזעלכעס, וואס העט א מאל, צו וועלכס מען בעדארף נישט האבען אזוי דיא אויגען און דיא אנדערע מענשליכע גראבע חושים וויא א שארפען כח הדמיון — א הויכע נאקעטע נשמה אהן לייב אהן לעבען!

שלמה׳לע נאך א יונג קינד, א היהנדעלע, וואס ליגט נאך אין דעם איי, נישט צו וויסען דאס ארט, דאס לאנד, וואו ער איז, נישט דאס פאלק, דיא מענשען, צווישען וועלכע ער געפינט זיך; וואס פרעגט איהם בחרם פון א לעבען דא צו זאגען — ער, שלמה׳לע, בעקלאגט זיך אין דיא געדאנקען ארום ערגיץ אין דיא ווייטע מקומות דארט! ער איז פערוואגעלט אין מצרים, אין דיא לענדער פון סיחון, עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאפ ליגט איהם אין דעם ים־סוף, אין דעם ים־המלח, אין דעם טייך פרס און דעם ירדן. פאר איהם גע־פינען זיך מיני מענשען, מיט וועלכע מען בעדארף ריידען לשון־קודש, עפים גאר תרגום, מען זיטצט זיך בייא זייא אין געצעלטען, מען רייט אויף מויל־אייזלען און קעמלען, מען טרינקט פון א „לאגעל", מען געהט בארפיס און טראגט נאזבאנדען, אלסדינג וויא דער שטייגער איז. אונזער נאטור דא, מיט איהרע מיני געוועקס, חיות און עופות געהער זיך מיט שלמה׳לען נישט אן. וואס מאכט עס איהם אויס פעלדער מיט תבואה — קארען, רעצשקע, קארטאפלעס, פון וואנען ער עסט א „קרופניק" מיט ברויט אלע טאג? וואס ווייסט ער א סאסנע, בערעזענע און דעמבענע ביימער! ער ווייסט נאר בייא זיך אין הארצען: וויינגערטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און איילבירטען, פימסענהאלץ און בונסענביימער. פון לבערינגע מיני בעשעפעניש ווייסט ער: א וויזילטהיר, א לינדענוואָרם און א פיפערנאטער, א

לעמפערט, א אינד, וואס טהוט מאַהן גלוסטען אויף קוואלען וואסער, א שור־הבר און א טירקילטויב. הכלל שלמה'לע איז נאָר א געבירטינער דאָ און אליין איז ער עפּיס וויא נישט קיין היגער, לעבט ערגיץ דאָרט, דאָרט... זיין צייט איז פארצייטען און זיין וועלט איז א יענע, וואס א מאָל, דאָ איז ער א גר און דאָרט — איין אלט־געזעסענער; ער קומט א היים, נאָר אויף א ווייִלע, וויא א גאסט אויף דער סטאנציע, עסט־אָפּ, נעבטינט איבער — און מארש אהין, ווייטער טאקי אהין!....

זיין לעבען איז, וויא דאס לעבען פון טויזענדער אנדערע שלמה'ליך, נאָר פון א זכר וועגען — אזוי און אזוי איז געוועזען דענסטמאָל, בימים ההם, אין יענע צייטען.

נאָר לעבען מיט דעם זכר אליין דערפון, וואס איז געוועזען; בלייבען בייא א געשיכטע און דרעהען זיך, דרעהען זיך אויף איין אָרט, ווייטער נישט אויף קיין האָר — אזעלכעס הייסט נישט געלעבט נאָר געטרוימט. אונזערע עלטערן, וואס זיינען געזעסען בייא דיא טייכען פון בבל און דער קאָפּ איז זייא געלעגען נאר ערגיץ אנדערש, האבען שפּעטער ערשט, ביים צוריק־קעהרען זיך פונ'ם גלות, דערפיהלט אליין און אין שמחות דערצעהלט, לויט עס שטעהט אין דעם שיר־המעלות, אז נישט געלעבט האבען מיר, נאָר היינו כחולמים, מיר האבען געחלומט.

און וויא באלד אזא לעבען וואס איז א חלום, וואס־זשע איז פאר א וואונדער, אויב אין איהם גרייטט זיך אזוינס, וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, אויב עס דרעהען זיך ארום אין איהם רוחות, שלעק, און ס'איז גאנץ רעכט אויף בהמות מיט מענשליכע צורות, ובדומה נאך אזעלכע ווילדע בעשעפעניש!....

ווען נישט דיא ציצית, דיא מזוזה און קריאת־שמע, דיא דאָזיגע דרייא גוטע שמירות, וואס האבען שלמה'לען אביסעל בערוהיגט, וואָלט ער חלילה יונג פון דער וועלט געגאנגען פאר גרויס מורא, וואס ווילדע בעשעפעניש האבען אויף איהם אנגעמאכט.

ס'איז כדאי צו וויסען האָטשע נור א טהייל חלומות פון שלמה'לעס יוגענד, וויא אזוי און דורך ועמען ס'איז איהם ענטפּלעקט געוואָרען דער סוד פון רוחות, גלגולים און פיעל אנדערע שרעקליכע זאכען נאך גאר אין דיא קינדישע יאָהרען.

אין דעם שטעדטיל ק... פלעגט צייטענווייס זיך א וויז טהאָן, וויא פּלוצים פונ'ם הימעל אראָפּגעפאלען, א יוד מיט א ווילדער גרויער באָרד, איין אויג א בלינדס, דאס אויסזעהן זיינס שטארק שטארק משונה און געקוקט האט ער בייז פון אונטער דיא לאנגע ברעמען, האלטענדיג אביסעל איינגעבויגען דעם קאָפּ.

זיין אָנקומען האט זיך געלאָזט הערען אין דעם גאנצען שטעדטיל, אלע אין איין קול: דער בעל־שם, רבי אליה בעל־שם! יודען פלעגען ניט קענען זיך זאט אָנדערצעהלען פון רבי אליה׳ס גרויסע וואונדער פון זיינע סגולות און קמיעות — דאָרט און דאָרט האט ער ארויסגעטריבען א גלגול, דענסטמאָל און דענסטמאָל האט ער געהאט צו טאָהן מיט „זייא“, מיט דיא נישט־גוטע, וואס האבען פאר איהם דאס נייך־יעהריגע, ציטערען פאר זיין פיפס. דערבייא איז דערקלעהרט געוואָרען דער טעם פון זיין בלינד אויג, אזוי: אז ער רופט צונויף דיא שדים ווענען עפיס א זאך, שיט ער אויס א זעקעלע מאָהן און הייסט זייא מיט א שפרוך, ביז איין מאָהנדעל צונויפ־קלייבען, ווארום אָהן עפיס איין ארבייט, לאָזען זייא איין רגע שטעהען ליידיג קענען זייא מזיק זיין. איינמאָל האט ער זיך פארגעסען מאָהן אויסצושיטען האבען זייא איהם איין אויג אויסגעדראפעט.

אָט דעם רבי אליה׳ן, איבער וועלכען עס האט זיך ארומגעטראָגען אזעלכע שרעקליכע מעשיות, אז שלמה׳לע האט דערזעהן, איז איהם פאר שרעק דער מאמעס מילך ענטפאלען. אמת טאקי וויא רבי אליה פאָרעט זיך מיט רוחות, דערבייא איז ער נישט געווען, נאָר דאס בלינדע אייגעל האט איהם בעוויזען גאנץ קלאָהר, אז דיא מעשה א־פנים איז טאקי אזוי — אלא נישט, פאר וואָס־זשע איז ער בלינד?... שפעטער אביסעל מיט דער צייט, איז איהם בעשעהרט געווען צו זעהן אזוינס אליין טאקי, מיט זיינע אויגען.

ווינטער בייא נאכט, ארום ניין א זייגער, פלעגט געוועהנטליך שלמה׳לע און זיינע חברים געהען פונ׳ם חדר מיט פאפירענע לאמטערנעליך אין דיא הענד, מיט געפיילדער און געזאנג, פייפענדיג אין דיא קולאקעס און צופויקענדיג מיט דיא באקען. קוים איז מען אויפ׳ן וועג צוגעקומען צו דער גרויסער קאלטער שול, וואו עס דאווגען אלע נאכט מתים, לויט יודען מיט בערד זאָגען, האט פלוצים עפיס וויא אָפגענומען דאס לשון. מען איז אין איין שרעק איבערגעלאָפען דאס שטיקעל וועג פארבייא איהר, האלטענדיג זיך בייא דיא ציצית און שרייענדיג, בייא זיך אין הארצען, שמע־ישראל! דערנאך אז גאָט האט געהאָלפען מען איז פון דער סכנה ארויס, האבען יודישע קינדער, וויא דער שטייגער איז, זיך געשטארקט, געעפענט א מויל און געזונגען שירה האָפערדיג בעהארצט.

איינמאָל, אין א שטארק קאלטער ווינטער־נאכט, אז שלמה׳לע איז בעהארצט, וויא געוועהנטליך, ארייגעלאָפען אין שטוב, האט מען איהם באלד אָפגעשטעלט מיט א ביידאומיטינער מינע, און דער „גוט׳ן אָוועגט!“ איז איהם געבליעבען שטעהן

ווא א ביין אין האלז. ער וויל ארויס מיט עפּעס א וואָרט, נאָר מען ווייזט איהם ווינקענדיג מיט א פינגער אויפ׳ן מויל — שאַ! ער זעהט, ס׳איז עפּיס נישט גלאַט. אין שטוב איז טונקעל, דיא מאַמע איז נישטאָ, פון דיא טאַנסביקען אויך קיינער נישטאָ, דיא קינדער זיטצען צושטערט, איטליכער פאר זיך אין א ווינקעלע. וואס זאָל ער נעביך טאָהן? ער נעהט, פון קיינעם נישט בעמערקט, אויף דיא שפּיטץ־פינגער און קלעטערט ארויף שטיל ווי א קעטצעלע אויפ׳ן אויווען, חאַטש צו דער־ווארעמען אביסעל דיא נשמה פאר קעלט. פונ׳ם אָקירעל אויף יענער זייט אויווען — א חדר׳ל פאר א פאָר־פאָלק, פאר דעם עלטערן ברודער מיט דעם ווייב — טהוט איהם עפּיס שטארק א שיין, ער ציהעט ליגענדיג זיך אויס מיט דעם קאָפּ אהין, נימ בגנבה א בליק און בלייבט פערגאַפט, נישט קענען א ריהר זיך צו טהון מיט קיין אבר. דאס ווייבערשע בעט דאָרט איז פערהאַנגען, זעהט ער, מיט א פאָרהאַנג, אָנגעזעטצט פון אויבען ביז אראָפּ מיט בריוולין־שפּילקעס, וואס פונקלען אקעגען דער שיין פון אוואָניש־ליכט, (א גראַב־חלבדיג ליכט מיט א באוולענעם קנייט׳ל), דיא באנק, וואס לעבין דער רובע דאָרט, איז אָבגערוקט און אויף איהר אָרט איז אויסגעגראָבען אין דער ערד א גריבעל. איינער עפּיס פון א ווילד אויסזעהען האלט א שווארצען האָהן, רייבערט קרייטיכער אזוינע און מאַכט משונגענע הוויות. טהוט א זעטץ דעם האָהן אין קעפּיל און לאָזט ארויס אויף משונה קולות עפּעס נישט קיין מענשליכע ווערטער: „איה־ביה סטיטיה, אגרפטי, מרום, שמריאל“, ער דרעהט מיט דיא אויגען, בלאָזט שעפּשטשעט: „מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ“, א טופּ געבענדיג מיט דיא פיס, א מאך מיט דיא הענד, ווי ער ראנגעלט זיך מיט עמיצען, און בייא איטליכעס „מצפּץ“ דערלאַנגט ער א דרעה, א זעטץ דעם האָהן אין קעפּיל אזוי, אז ער פערגעהט זיך נעביך חאַרחלענדיג. פון אונטער דעם פאָר־האַנג הערט זיך אויך א שרייען, א קרעכצען, וואס רייסט אויס א שטיק הארץ. דער ווילדער פארשוין צושאָקעלט זיך שטארק בייז, ציהעט איין דעם אָטהעם אין זיך, קוועטשט זיך און לאָזט ארויס ווי פונ׳ם בויך עפּיס משונה׳דיגע ווערטער: „תלמכא חישה ובסוסביק פסלמניא“, חאַפּט דעם האָהן ביים גאָרגעל, דרעהט מיט איהם ווי צו כפּרות, טהוט איהם א וואָרף אין גריבעל.... פארשיט און — דאס ביינקעל שטעהט באלד טאקי ווידער אויף זיין אָרט.... פון אונטער׳ן פאָרהאַנג געהן ארויס א ביטער געשרייא, צוגלייך טאקי א קוויטשעלע מיט א געוויין — מזל טוב! זאָגט עפּיס א יודענע און דיא מאַמע, צונעהמענדיג אביסעל דעם פאָרהאַנג און ארוישטעקענדיג דיא קעפּ, א יונגעל, הלואי אויף לאַנגע יאָהר!

— מזל טוב! — מאכט יענער פארשוין, סאפענדיג וויא א גאנז — איך האב געהאט היינט מיט „זייא" א גוט שטיקעל ארבייט. פון היינט אן וועלען שוין בייא דער קינפעטארען דיא קינדער זיך האלטען און קיין „בענעמעניש" וועט זיך, גאנץ זיכער, מעהר נישט טרעפען.

דעם פירוש פונ'ם דאזיגען גאנצען ענין און פון „בענעמעניש", איז שלמה'לע אין עטליכע טעג ארום געוואהר געווארען דורך „גרויסע", וואס האבען וועגען דעם צווישען זיך געפיהרט א ברייטען שמיעס און דערבייא גאנץ ערנסט מיט אויס־געצווינגענע פנימער דערצעהלט א געשריבענע מעשה, וואס דיא האר שטעלען זיך קאפויר זיא הערענדיג.

„אין דעם קליין שטעדטיל גאלינג, נישט ווייט פון חעלעם, איז געוועזען איינער מיט דעם נאמען ר' גבריאל. אז דאס ווייב זיינס איז געלעגען געווארען למזל מיט א יונגעל, האט ער געשיקט בעטען דעם חעלמער רב, רבי אליה בעל שם, ער זאל קומען מיט זיין כבוד מהל זיין דאס קינד. דיא מעשה איז געשעהען אין חודש סיון, דאנערשטיג. רבי אליה איז אין דעם טאג טאקי אוועגט־צייט געקומען נאהענט צום שטעדטיל, האט ער דערזעהען מכשפים און מכשפות מעהר פון הונדערט טויזענד. איטליכען פונ'ם מויל געהט ארויס א פלאם־פייער, ארום זייא ברענט אויך א פייער, און זייא אלע שפילען זיך אם מיט דעם דאזיגען קינד טאקי, וואס איז געבוירען געווארען. אז דער רב האט א קוק געטאהן, ע"הע, אזוי איז דיא מעשה; טהוט ער א זאג דעם משרת זיינעם: גיכער גיב מיר אהער וואסער פון מיין פלעשיל! פאר'ן וואשען דיא הענד האט ער געזאגט א שפרוך מיט דעם שם און גענומען זיבען מעסערס, זיבען ברעטליך, צווייא חלות מיט זיבען שיך, אין איטליכען שוך ארייג־געשטעקט א מעסער, דערנאך טהוט ער אויס דיא שיך פון זיינע פיס, וואשט צווייא מאל דיא הענד, שטעלט אויף דעם גראבען פינגער פון דער רעכטער האנד און זאגט אזוי: מיט דעם כח פונ'ם הייליגען שם, אזעלכען און אזעלכען, בין איך מבטל דעם כישוף פון דיא מענער און ווייבער, דיא מכשפים און מכשפות, עס זאל נישט שאדען דעם קינד, און מיט דעם דאזיגען שם האט רבי אליה דערהרגעט אלע מכשפים. באלד טאקי געהמט ער דאס קינד, אפפיהרען עס צו זיין פאטער און מוטער, און תיכף וויא ער קומט אריין צו זייא רעדט ער ארויס דעם הייליגען שם „שמשיהו" האבען אלע מענשען אין שטוב באלד דערזעהען, אז יענס קינד, וואס ליגט לעבין דער קינפעטארען, איז גאר שטרוי און קליאטשע — א פערבלענדזשע־ניש, בעהיט זאל מען ווערען! עס האט זיך נאר געדאכט, אז א מענש מישטעהנס

נעזאָגט, ער נעהמט דאס אמת'ע קינד, וואס ער האט מציל געווען פון דיא קליפות, און ניט עס אָפּ צוריק דער מוטער" *).

פון דענסטמאָל אָן איז שלמה'לע שטארק צודרעהט, עס דאכט זיך איהם, ס'איז איננאנצען דאָ — א פערבלענדזעניש! אָט האפּט דעם, יענעם דער רוח, אָדער דער רוח האט זייא שוין לאנג געהאפּט, עס דאכט זיך נאָר בריות, און באמת איז זייער נשמה פון קליאַטשע. ער אליין איז אויך קליאַטשע....

7.

א מייסטערין שרעקליכע מעשיות אזעלכע צו דערצעהלען איז געווען יאחנער פּאָסיע, אָדער לייביצבע, וויא זיא האט געהייסען. זיא האט, זאָל זיך איהר גרינג שלוקערצען דאָרט, מיט איהרע מעשיות זעהר פיל אויף שלמה'לען געווירקט.

לייביצבען, קען מען זיכער זאָגען, האט נאָט בעשאפען אויף דער וועלט מיט דער איינציגער כוונה אליין, כדי אויסצודריקען מיט איהר געשטאלט גאנץ שאַרף, און העכסטען גראַד, א טהייל פון יענע חפצות, וואס געפינען זיך בייא ווייבער איבערהויפּט צו ביסליכווייס נאָר. ווען א גרויסע מאָדניצע אין פאריז, אָדער אין ברדיטשוב א שטיינער, שטעלט מיט זיך פיר וויא זיא שטעהט און געהט, א לעבעדיג בילד פון דער ווייבערשער תאוה — פוטצען זיך, דאס הייסט, איננאנצען איז זיא א נאַרנישט, נאָר א פוטץ, אזוי האט לייביצבע אויך פירנעשטעלט מיט איהר מייכלען דיא ווייבערשע תאוה — צוריידען און בערידען, נישט אויסצולאָזען קיינעם און קיין זאך אין דער וועלט. אוועקגענומען בייא איהר דיא דאָזיגע איינציגע מעלה, וואלט זיא געמענט גאר ניט געבוירען ווערען, קיינעם חלילה וואלט עס נישט געארט. — לייביצבע פלעגט, וויא א נאָהענטע שכנה, קומען צו שרה'ן ר' חיים'ס ווייב, לייען אמאָל דאס, אמאָל יענס, און במעט אלע פריהמאָרגען נעהמען פונ'ם פריפּיטשאָק א קויל פייער בייא איהם. שוועבעליך, וויא היינט, האט מען דענסטמאָל ווייניג געוואוסט, מען פלעגט געברויכען אנדערע מיני מיטעל און פייערנעציינג. לייביצבע פלעגט דאס קויל פייער אריינשארען אין א טעפּיל, בלאָזען עס צווישען דיא קאלטע קוילען דאָרט, און דערבייא אויסשיטען גאנצע זעק רייד. איין מאָל אין וואָך האט געמוזט צווישען דיא דאָזיגע צווייא שכנות זיך מאכען א רוגז.

---

*) ספר „תולדות אדם" מאת הר"ר אליהו בעל שם, סימן פ״ו.

געוועהנטליך פלעגט דער רוגז ארויסשפרינגען אין א מארק־טאָג, איבער עפּיס א מציאה, נאָר מעהר פון א טאָג האט ער קיינמאָל נישט געדויעט. מאָרגען גאנץ פריה איז שוין לייבציכע מיט דעם פייערטעפּיל געקומען, איז געוועזן זיס וויא צוקער, געבלאָזען אין טעפּיל און גערעדט א שרעק.

אין דיא לאנגע ווינטער־נעכט פלעגט זיא אָפּט קומען זיטצען בייא שרה'ן מיט עפּיס איין ארבייט, מיינסטענס מיט א זאָק אין דער האנד און האלטען זיך עצות, צי ס'איז שוין צייט אָנצוהויבען דיא פּיאטע, אָדער אויף וויפיל אייגליך אָפּ־צולאָזען דיא זאָק. דערבייא האט זיך איהר נישט צוגעמאכט דאס מויל, גערעדט, בערעדט, דערצעהלט משונה וואונדערליכע מעשיות, וואס זיינען זיך פערלאָפען אין דער וועלט, אויך מיט איהר אליין און מיט איהר זיידען עליו־השלום, שווערענדיג זיך מיט כל השבועות, אז אלסדינג, וואס זיא דערצעהלט, איז אמת. פון איין מעשה איז זיא איבערגאנגען אין דער אנדערער, און אמאָל האט זיא אויסגעמישט צווייא מעשיות אינאיינעם. פון וואס מען זאָל נישט געוועזן ריידען איז זיך עס נישט אויסגעגאנגען אָהן לייבציכעס א מעשה. האט מען גערעדט פון עפּיס א שלאפקייט, קדחת א שטייגער, איז לייבציכע ארויס מיט דער שפּראכע:

— שא, אָט האט איהר אייך, יודישע קינדער, גאר א פרישע מעשה! פּסח קלאָטץ, אָט דער ישובניק קלאָטץ, א רויטער, א געזונטער, נאָר טאקי א פּויער. זיטצט ער זיך, פּסח, איבער א גרויסער שיסעל זויערמילך, אריינגעטאָהן איינ־גאנצען מיט חשק אין דער אכילה. וואס דען־זשע זאָל א גראָבער יונג טאָהן? וויא פּסח זיטצט זיך דאָ אזוי, דיא נשמה זיינע אין שיסעל, קומט אריין אין קרעטשמע צו איהם עפּיס א פרישער פּארשוין. ווער דער פּארשוין איז? דאס וועט זיך שוין ארויסווייזען ווייטער, שפּעטער אביסעל. שטעהט ער זיך דער פרישער פּארשוין אקעגען קלאָטץ'ן, קוקט־קוקט, נישט אראָפּצונעהמען פון איהם דיא אויגען. און וויא פּסח שעפּט אָן א גרויס לעפעל זויערמילך און טראָגט עס צום מויל, אזש מיין פּארשוין טהוט איהם א פּאטש איבער דער האנד און דאס לעפעל מיט דעם זויערמילך פאלט אריין באַק אין שיסעל. דוא זעהסט, מאכט דער פּארשוין צו איהם, אָט דאס קליינעטשקע שווארצענקע פּינטעלע, וואס שווימט דאָ ארום אין שיסעל? ניין, דאס איז נישט קיין פּראָסטע פּינטעלע. ס'איז דיין מזל, וואס איך האב מיך דאָ בעצייטענס אונטערגעחאפּט איידער דוא האסט עס אראָפּגעשלונגען. דאס גוטעטשקע פּינטעלע איז עס. ווילסט וויסען ווער, וואס? — נא! דאס קדחת האט זיך עס פערוואָרפען אין א שווארץ פּינטעלע און געוואָלט מיט דעם זויערמילך

אינאײנעם דיר אין בויך אריין. ער נעהמט באלד טאקי א פאחיריל, גיסט אהין אינווייניג אריין דאס זויערמילך מיט דעם פינטעלע און הײנגט עס אויף איבער דעם אויבען. פסח קלאָטץ שטויסט זיך שוין אָן ווער דער פארשוין איז, אײנער פון דער גוטער כנופיא איז ער. ער האט איהם זעהר שיין בעדאנקט. דערנאך איז פסח קלאָטץ געפאָהרען אין שטאָדט אריין און געבענשט גומל.... ווענט איהר דאָך מיך פרעגען, וואס איז, יאחנע־סאָסיע, דער סוף מיט דעם פאחיריל? אוי, אזא סוף מיט אלע אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרען! עס איז אויסגעטריקענט געוואָרען וויא א שפענדיל, פון א מינדסטען בלאָז האט עס מיט איהם געוואָרפען וויא א קדחת. דער רוח האט שיער נישט צוגענומען דאס קדחת, אזוי האט עס געליטען, ליגענדיג דאָרט פערשפארט. בעדארף זיך מאכען, אז מען זאָל מיט א שפילקע א שטאָך טאָהן אין דעם פאחיריל איז דאס קדחת וויא א רוח ארויסגעפלויגען. אזוי פליהען זאָל איך, רבונו של עולם, אין פיעל גוטס, אָמן!

זינט דער דאָזיגער מעשה זאָגט זיך שלמה'לע אָפּ, פאר שרעק, פון זויערמילך. עס בעקומט איהם נישט איבערהויפט דאס עסען, דיא בעסטע שפייז אפילו. ער קוקט זיך צו אין טעלער צו א מינדסט שווארץ פינטעלע און ציטערט — אָט טהוט איהם א נעהם דאס קדחת!

איינמאָל אין א ווינטער־נאכט זיצט זיך שרה מיט לייבציכען לעבין אויבען און פליקען ביידע פעדערען. אקעגען זייא אויף דער באנק זיצט דיא קאטץ, פערליינענדיג אונטער זיך דיא הינטערסטע פיס, מאכט מיט דעם וויידעלע און קוקט מיט א פאָר גרינע אויגען. אויפ'ן „לוטשניק" ברענט א פייעריל, דיא קינדער, א מאָל דער, א מאָל יענער, ווארפען אונטער דארע שפענדליך. אין שטוב איז ווארם, מחיה, עס רעדט זיך עפּיס געשמאק, אזוי געשמאק.

— וואס פון דער קוה, שרה, רעדסט־דוא? — פאלט לייבציכע אריין שרה'ן אין דיא רייד — דיא קוה גיט עפיס ווייניג מילך, זאָגסט־דוא, דיא קוה? דאס נעהמען דיא מכשפות צו דאס מילך. איין מיטעל דערצו איז, קאָכען דאס „צער־דעלקע" (א שטיקעל לײנוואנד אויף איבערזייען דאס מילך). אז איך בין נאך א מיידיל געוועזען האט זיך געטראָפען ביים זיידען, מיר אויף צולאנגע יאָהר, א מעשה, אין דעם יאָהר טאקי, וואס מיט דעם גאנצער, א ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האבען — דער זיידע. ס'איז נאך אזא מעשה נישט דערהערט געוואָרען אין דער גאנצער וועלט. מען האט איהם נישט געקענט ריהרען פונ'ם אָרט, אזוי שווער איז דער גאנער געוועזען, א הונדערט פונט, און אפשר נאך מעהר. ער האט בעדארפט

געבען אודאי עטליכע טעפּ שמאלץ, און גריוועז גאר אָהן א צאָהל. צוריקטראָגענדיג איהם פונ׳ם שוחט, א געקוילעטער שוין, גיט ער זיך פּלוצים א שמעל אויף דיא פיס, טהוט זיך א לאָז, מיט א פייף איבער דער גאנצער גאס, און ווערט פער־שוואינדען. ווער גאַנער, וואס גאַנער — א גנגול איז דאס גאר געווען!.... טפו, איך מיש איין מעשה מיט דער אנדערער, פלייש׳יגס מיט מילכיגס. פון מילך וויל איך דאָ גאר דערצעהלען. א מיידיל אז איך בין נאך געווען, האט דיא רוימע קוה דעם זיידענס, עליו־השלום, אויפגעהערט כמעט צוגעבען מילך, איז געוואָרען מאָגער, דאר־קוואר מיט לייזיגע אייטער. דיא באָבע מעמע, זאָל א גוטע מליצה זיין, האט זיך שטארק געערגערט. געה, זאָגט זיא, גיב פרעסען א קוה, אז זיא וויל נישט געבען קיין מילך. מכות איהר... פעטריכע, זאָל זיך מיהען נישט מיהען דאָרט, האט צוקרינענדיג זיך מיט איהרע א חברתה, א מכשפה, אויסגעזאגט דעם סוד, אז דאס איז איהר מלאכה, און פאר א טרונק בראנפען געהייסען אָט וואס: „מעמא, מאכט זיא, נעהם צעלייג אָוועגט־צייט אויפ׳ן פריפּיטשאָק א פייער, שטעל ארויף דאָרט אויף א טרינישקע א טעפּיל, אין טעפּיל טהו אריין דיא „צעדעלקע״ און דיא האָר פון א פלעדערמויז מיט דיא קרייטעכצער, וואס איך גיב דיר דאָ. טהיר און לאָדען זאָלען זיין גוט צוגעמאַכט, חוץ דיר, זאָל קיינער אין שטוב נישט זיין. אויב דוא האסט שטארק מורא, מעג יאחנא־סאָסיא מיט דיר בלייבען. אז דאס טעפּיל וועט אָנהויבען קאָכען וועסט־דוא הערען א קלאפּ אין דער טהיר, שפּעטער אביסל קולות מיט א געבעט: טעמא עפען דיא טהיר! און דוא שא. דאס וועט דיא מכשפה קייקעלינדיג זיך אויפ׳ן בויך, קומען בעטען זיך, און אָננעהמען דאס קול פון דיין מאָן, און נאך אנדערע אלערלייא קולות, דוא אָבער ציט.... עפען נים למען־השם ולמען־השם״. בך־הוה. איך געדענק עס וויא היינט. ס׳איז אָוועגט־צייט, אין שטוב איז פינסטער, איך מיט דער באָבען, מיר אויף צו לאנגע יאָהר, שטעהען מיר ביים פריפּיטשאָק. דאס טעפּיל אויף דער טרינישקע, אונטען ברענט א פייער, קוים הויבט אָן דאס טעפּיל טיאָך, טיאָך, הערט זיך אין דער טהיר קלאפּ, קלאפּ. דיא באָבע ציטערט, שמשירעט אוים אויף מיר איין אויג, פארבייסענדיג מיט דיא ליפּען. מיר אין הארצען קלאפּט אויך — טיאָך, טיאָך, נאָר גארנישט, שא! פּלוצים הערט זיך א קול וויא פונ׳ם זיידען, אָבער אקוראט אזוי, מען האט געמענט שווערען, מיט א געבעט: טעמע, לאָז מיך אריין, טעמע! דיא באָבע פארבייסט נאך שטארקער מיט דיא ליפּען, ווינקט מיר מיט א פינגער אויפ׳ן מויל, דאס הייסט — שא יאחנע־סאָסיע! איך לייג אלץ אונטער שפּענדליך. דאס טעפּיל קאָכט פון דרויסען הערען זיך קולות: ווידער וויא דעם זיידענס קול מיט גוטען און מיט

בייזען. דאס איז געווען זיא, דיא מכשפה'טע, עס האט איהר א פנים גוט געדרעהט אין בויך פונ'ם קאָבעניש אין טעפּיל. שפעטער אביסעל א חריוקען פון א חזיר, א היילען פון א הונד, א מעקען פון א ציג, א מייוקען פון א קאַטץ. דערנאַך, דערנאָך, הערסט־דוא, שרה, וואס איך וועל דיר בעססער זאָגען — טהוט פּלוצים א זאָג לייבציכע, פארקוקענדיג זיך אויף דער קאַטץ, וואס ליגט זיך אויסגעשטרעקט אקעגען אויף דער באַנק, דרעהענדיג דעם ווידעל און מאַכענדיג מיט דיא פאָדערסטע לאַפּקעס — דוא הערסט, עס געפעלט מיר עפּיס נישט דיין קאַטץ. איך האב מורא, אוי א וועהטיג איז מיר נישט, דאס איז א גלגול!.... א קאָטא!

— א־קאָטא, א־קאָטא, א־קאָטא!....

דיא קאַטץ דערשרעקט זיך, לויפט און פאַלט אריין אין דעם טאָפּ פעדערען, שפּריינגט געשווינד ארויס, איינגעטינקט אין פעדערען וויא א שווארץ־יאָהר. עס ווערט א געשרייא, א יאָגעניש, זיא פּוטץ אויף טיש און אויף ביינק, און אלע נאך איהר. ס'איז א צאַרען, א מהומה אויף דער בידנער קאַטץ נעביך נאר פּלוצים, אומגעריכט!....

פון דענסטמאָל־אָן דאכט זיך שלמה'לען גלגולים. דער נאַנער איז נישט קיין נאַנער, דיא קאַטץ איז נישט קיין קאַטץ, אויף דער מענש, להבדיל, איז נישט קיין מענש, דיא דאָזיגע וועלט דאָ איז איגגאַנצען טאַקי נאָר — איין עולם הדמיון!

## 8.

דאָ אויף דעם עולם איז שלמה'לע א למדן, ווייסט נישט פון א לעבען צוואַנגען, דערפאר דאָרט — אויף יענעם עולם, וואָהין ער פארפּליהט דורך דעם לערנען, איז ער א ווילדער חכם, קען אלסדינג וויא א גרויסער למדן, אזעלכעס אפילו, וואס איז פאר אנדערע היינט נאר א סוד; ער לערענט גמרא, פארנעהממט זיך מיט דינים ומשפּטים און נאך אנדערע זאכען דאָרט. ער איז א דאָרטינער מיט אלע נענג, מיט דעם שטיינער רעדען, מיט דעם שאָקלען זיך, איגגאַנצען מיט דיא ביינער, מיט לייב און לעבען. פאר איהם איז דאָרט א וועלט מיט עסקים — ס'איז דאָרט א מחלוקת איבער איין איי, וואס דיא הוהן האט יום־טוב געלעגט. לוים געהמען מעשר, כהנים נעהמען תרומה, זיינען מקריב קרבנות, און יודען — שטייסט

מען מלקות.... שלמה'לע איז שטארק פארנומען. וואו פאר איהם צייט, ווען צייט? נישטא קיין צייט! — דער קאפ איז איהם דול.

איינמאל, נאך א גרויס דולעניש, אז שלמה'לע איז וויא א גאסט פון יענער וועלט אהיים אראפגעפאלען, עפיס איבערצוהאפען, האט ער באלד ביים אריינגאנג אין שטוב דערהערט א יאמער א קלאג, וויא מען בעוויינט א טויטען. דיא מאמע ברעכט דיא הענד, טענה'ט עפיס און וויינט אויף א ניגון. דוד'ל און איידעלע, צווייא ברעקליך קינדער, שטעהען פון דערווייטענס אין א ווינקעלע און רעווען, קוקענדיג אויף דער מאמע, מיט אפענע מייליכליך. לאה, דיא עלטערע שוועסטער, זיטצט אויף דער מילכיגער באנק אראפגעלאזט דעם קאפ און איז שטארק פאר־אימערט. שלמה'לען גיט א טיאכקע דאס הארץ, אין דיא אויגען שטעלען זיך איהם טרערען, און ער הויבט אן באלד טאקי אויך צו וויינען.

— אוי, א גזר־דין, א גרויס אומגליק, אוי־וועה, האט אונז געטראפען! — טענה'ט דיא מאמע, פארגעהענדיג זיך פון טרערען.

— מא—אמע, מא—מע—ע! רעווען דיא קליינע קינדער און קראטצען דיא קעפליך מיטביידע הענטליך.

— אי—איך—היק! שלוכצט שלמה'לע, דער ד א ר ט י ג ע ר חכם, און שנייצט דיא נאז.

— וויין, שלמה'לע, וויין! — זאגט דיא מאמע מיט תחנה־לשון, אז זיא האט איהם בעמערקט, און לייגט ביידע הענד איהם אויפ'ן קאפ ארויף — טהו, אל־מאכטינער פאטער, דיא טרערען פון ריינע אומשולדיגע קינדער מאהן אין דיין לאגעל. אוי, אומגליקליך קינד, וויסט איז אונז, פינצטער איז אונז — פינצטערע שקאלעם ... יודישע קינדער נעהמען אין דיא שקאלעם!

— נעוואלד! — שרייעט שלמה'לע, פארגעהענדיג זיך אונטער דער מאמעס הענד.

שלמה'לע דער „ד א ר ט י ג ע ר" האט געהערט, אז אויף דער וועלט „ד א" געפינט זיך בייא „ז י י א" עפיס שקאלעס. וואס מען טהוט דארט אזוינס? דאס האט ער נישט געוואוסט. נעהערט נאר, אז מען שמייסט א שרעק. אצינד, דער־וויסענדיג זיך, וואס דער מאמעס געוויין בעטייט, — אז ס'איז דא א בעפעהל, מען זאל יודישע קינדער נעהמען אין דיא שקאלעס, איז איהם ענטפאלען דאס געזונט. עס האט איהם זיך געדאכט, אט שטעהען זעלנער, מען נעהמט איהם, מען פיהרט איהם, מען שמייסט.... און דאריבער האט ער נעביך געשריגען — נעוואלד!

דיא מאמע־זשע ווידער האט געווײנט נישט אזוי דערפאר, וואס מען שמייסט, שמייסען שמייסט מען דאך אין חדרים להבדיל אויך, נאר גראט אזוי, ווייל שקאַלעס איז א מיאוסע זאך. דער נאָמען שקאַלעס אליין איז שוין פע, א שרעק, ס׳איז דאך איין עק פון דער וועלט, אויס יודישקייט. וואס קען חלילה פון יודישע קינדער ווערען?

יודען אין שטעדטיל זיינען ארומגעגאנגען אהן קעפּ, מען האט געזיפצט, גע־קרעכצט און גערעדט פון דיא שקאַלעס. דערבייא געמומעלט אויף עפּיס א דייטשיל, א ליכטענטהאל, וואס פון איהם און נאך אזעלכע וויא ער, „בערלינער“, קומט דאס גאנצע שפּיל ארויס. מען האט געמאכט אסיפות און געטראכט, וואס טהוט מען עפּיס דערצו. ס׳איז געבליבען: מען זאָל גוזר־תענית זיין, זאָגען תהלים, רייסען קברים און איינלעגען דיא וועלט. מלמדים נעביך זיינען געווען געפלעווט, שטארק דערשלאָגען, האבען געציטערט פאר זייערע קנעלונגען. דיא שקאַלעס וועלען זייא דאך דערגעהען דאס לעבען, מאכען דעם טויט. אז גאט אליין וועט זיך דאָ נישט אריינמישען, נישט טהון עפּיס א נס, וועלען זייא דאך בלייבען אויסגעשטעלט. עס פערשטעהט זיך, דאריבער, וויא שטארק נעביך זייא האבען געפילדערט, אונטער־געהידעט דעם עולם. אלע טאָג פריה און פארנאכט זיינען דיא שולען פול געווען פון יודען. מלמדים האבען געפיהרט אהין קינדער פון דיא חדרים. מען האט געזאָגט געוויסע קאפּיטליך תהלים, געוויינט, געפאסט. דער ערשטער תענית שלמה׳לעס איז געווען יענער, וואס ווענען דיא שקאַלעס. ווייבער זיינען געגאנגען אויף קבר־אָבות, געמאָסטען פעלד און פארגאָסען טייכען טרערען. — ס׳איז געווען א פאר־ווינטער זומער! אפילו דאס ביסעל גוים אין דעם שטעדטיל זיינען אויך געווען עפּיס וויא צודרעהט. דיא גוים און יודען פונ׳ם שטעדטיל האבען געלעבט צווישען זיך זעהר גוט — איינער פונ׳ם אנדערען געצווינגען דאס שטיקעל פרנסה, איינער ביים אנדערען האט געוואוסט וואס עס טהוט זיך, און איינער דעם אנדערען זיך געלאָזט דערקענען סיי אין לייד, סיי אין פרייד. איז א חתונה געווען, א שטיינער, בייא א יודען, האבען בעקאנטע גוים, געשיקט איהם דרשה־געשאנק: דער א הוהן, יענער עטליכע צעהנדלינג אייער, איינער א ברויט, דער אנדערער א קוילעטש, איטליכער נאך זיין שטאנד, און דאס איינענע טאקי אויך פארקעהרט. דאריבער האט דאס געוויין, דאס געפילדער, דענסטמאָל בייא יודען אָנגעמאכט א מרה־שחורה אויף דיא גוים און זייא האבען זיך געוואונדערט וואס זאָל עס אזוינס בעטייטען!

— אָי, ריצקאָ, קאזשי, שטשאָ נאשי זשידקי טאמיטשקי פלאטשוש, קריטשאט נואלד, יאק בודטאָ איך ריעזשוט?

— עוטאָ חאפּנאַ וויני פּתאַיעססאַ, שטשאָבי חאפּן איך ני חוואַטאיע.

— א־ני! דאָ חאפּונא שצאָ דאַליעקאַ. מאָזשע מיסיאַצי דוואַ אַלבאָ טרי בודע דאָ איך סודנאָוואַ דניאַ. טרעבאַ פּיטאַטי, שטשאָ צע טאַקיי? באַציש אָט חיקאַ!

— סטאָפּ חיקאַ! קאַזשר־נאָ, שטשאָ עווטאָ טי טאַקי בינאַיע אי נירקאַ פּלאַטשעס, אָ?

— אוי־וועה מעקיטאַ, נעסצענסיטצע! נימאַ טצאַסי. אָט בערקאָ! פּיטאַי או בערקאָ, ניחאַי קאַזשי בערקאָ, וועה איז מיר! — ענטפּערט חיה־גרונא, לויפענדיג באַרג אַראָפּ צום בית־עולם אין איין אָטהעם.

— אָי, בערקאָ! טשויעש, אַ־אַ שטשאָ טאַק זשידקי חניקאַיוט, הא?

— עטאָ אוי, צעלאָוויצי דאָבריע, אוי ליחאָ.... בודוט חאפּאַט חלאָפּצעוו נאַשיך אוב שקאָלי! — שטעלט זיך בערקא דערצעהלען דיא גוים, וויא ער קען, דעם גאַנצען ענין פון דיא שקאָלעס. ס׳איז עפּיס אויסגעקומען טאַקי אז אָך און וועה צו דיא שקאָלעס, וואס פאַר אַ פּנים זייא האַבען נעביך געהאַט, אריינפאַלענדיג צו בערקא׳ן אין מויל. דיא גוים אָבער האַבען איהם פערשטאַנען, זיך איבערגעצלמט און דרייא מאָל אויסגעשפּיגען, וויא דאס איז טאַקי איין אומגליק.

ביז וואַנען אָבער זכות־אָבות וועט ביישטעהן, זיך מיהען פאַר דעם כסא־הכבוד און דער אייבערשטער וועט אַ נס טהון, דערווייל האַבען יודען זיך געטהון דיא אַלטע סגולה — חתונה מאַכען יונגע קינדער. ס׳איז געוואָרען אַ בהלה. שדכנים, גוטע פיינע מענשען, האַבען נישט געשפּאָרט קיין מיה, געאַרבייט, אויס ליבע צום פאָלק ישראל, אויף אַלע כלים. מען האט געחאַפּט און אָפּגעשטעלט חופות קליינע יונגליך מיט יונגע מיידליך, עס זאָל הייסען, אין דעם פאַל ווען חליכה שקאָלעס, הע־הע, אָפּגעטאָהן אויף טערקיש — נישטאָ קיין קינדער, נאָר לויטער בעלי־בית׳ליך, קליינע יודליך!... און בבדי טאַטעס פון קליינע מיידליך זאָלען זיך נישט איינשפּארען, זיך נישט שטאַרק איבערנעהמען מיט זייער כחורה, איז ארויס אַ קלאַנג, אַז מיידליך וועט מען אויך נעהמען עפּיס אין דיא קאַלאָניע ערגיץ. אַז שלמה׳לע איז ארויס טרוקען. נישט חתונה געהאַט דענסטמאָל אין דער בהלה, איז דאס מסתמאָ נאָר אַ נאָט־זאך — פאַר איהם איז אין דעם שטעדטיל נישט געווען זיין בעשעהרטע, און אקעגען גאָט קען מען נישט געהן, עס העלפט נישט אקעגען איהם קיין חכמות. מיט וואס דען אַנדערש לאָזט זיך עס דערקלעהרען?.... דיא מאַמע האט דאָך חשק געהאַט, דער טאַטע, אמת טאַקי, האט זיך געקרימט, וויא איינער רעדט:

פע! נאָר נאַרישקייטען. אין אזוינע זאַכען איז דער ווילען פון דיא ווייבער שרעקליך שטאַרק, ברעכט אייזען. און פון שלמה׳לעס זייט וואָלט נישט נאָר קיין מניעה נישט געווען, אדרבה עס וואָלט איהם נאָך גאר משונה הנאָה געטאָהן. איין מאָל, פאַר וואס זאָל ער ערגער זיין פון אנדערע יונגליך, פאַר וואס אנדערע יונגליך קומט עס יא כלות און איהם נישט? — אָי, האט ער עס מקנא געווען א חתן־בחור׳ל, עפּיס איז אזעלכער א גאַנצער מיוחס. קיין בערדיל, אמת, האט ער נישט, שמייסען אין חדר שמייסט מען איהם ווייטער טאַקי אויך, פון דעסטוועגען איז ער פאָרט עפּיס וויא א שטיקעל גרויסער: ער מענשעלט זיך, קוקט אויף זיינע חברים אראָפּ מיט גאוה, אָט־אָט, נאָך אביסעל, איז ער שוין אליין א טאַטע.... און צווייטענס, האט זיך איהם, גאר אָהן דיא אַלע זאַכען, גלאַט אַזוי זיך געוואָלט האבען א כלה. ס׳איז עפּיס א גאַנצער עסק — איך, בחור׳ל, האב מיר א כלה, זיטץ מיר און טראַכט מיר בייא זיך — כלה! מען בעדאַרף נישט פערגעסען, אז שלמה׳לע איז דאָך געווען א ד א ר ט י ג ע ר, א גאַנצער ירושלמי, קליינע חתן־כלה איז דאָרט אין לאַנד גאַנץ נעוועהנטליך, היינט האט ער דאָך אין דער גמרא מכת פּאַר־פאָלק־זאַכען עפּיס געלערענט אויך, דערצו נאָך געהאט א פייערדיגען כח־הדמיון, דאס פּאָעטישע פינקעלע, וואס גיט אַמאָל פּלוצלים, וויא פון דער העלער הויט, א בריה....

נאָר וויא דיא מעשה איז, שלמה׳לע האט אין דער בהלה נישט חתונה גע־האט, געבליבען וויא פריהער א יונגעל. גם זו לטובה! וואָרום וויא דערנאָך האט זיך ארויסגעוויזען איז אומזיסט געווען דיא בהלה. יונגליך אין דיא שקאָלעס אריין האט מען מיט געוואַלד נישט גענומען, מיידליך אין דיא קאָלאָניעס — אויך נישט. חדרים זיינען געבליבען חדרים און מלמדים ווייטער טאַקי מלמדים, אלסדינג וואס פריהער. אין אנדערע גרויסע שטעדט האט מען אפילו געמאַכט יודישע שקאָלעס, נאָר אָהן סכנות! קינדער זיינען דאָרט ווענינ געווען, און מישטעהנס־געזאָגט וועלכע? אָרמענקע עפּיס, פון דעם געמיינעם עולם — אויך מיר מענשען!

אויך ליכענטהאַל איז עפּיס וויא פערשווינדען געוואָרען. פון דער קאָמפּאַניע זיינער איז אין דעם שטעדטיל ק.... וויא פון דיא שקאָלעס, קיין זכר נישט גע־בליבען. מען האט איגגאַנצען אין זייא פארגעסען. שלמה׳לע וואָלט נישט געוואוסט פון זייער געביין, אויב אזעלכע זיינען נאָר אויף דער וועלט ערגיץ דאָ, ווען עס זאָל זיך נישט געווען שפּעטער מאַכען אָט דיא דאָזיגע מעשה:

ויהי היום איז אין א שיינעם זומער־טאָג געקומען אין דעם שטעדטיל א

גרייד־גרויער יוד, נידעריג געוואקסען מיט א בייבעל און מיט זעהר א ליעבליך פנים. עס האט געהייסען בייא איטליכען אין שטעדטיל: מיר האבען א גאסט — רבי נחום רויזעווער, רבי נחום איז געקומען זיך געזעגנען!....

און אלע האבען זעהר גוט פערשטאנען, וואס „געקומען זיך געזעגנען" הייסט אזוינס.

אז רבי נחום פונ'ם שטעדטיל רויזעוו האט אויסגעגעבען דיא יונגסטע טאכטער זיינע און איז געבליבען אויף דער עלטער איין אלמן האט ער זיך פירגענומען פאהרען בלי־נדר שטארבען אין ארץ־ישראל. נאר אזוי וויא ביז דעם שטארבען בעדארף דאך א מענש האבען צום לעבען און א יוד — דערצו נאך חתונה האבען אויך, הייסט דאך עס, מען בעדארף האבען געלד, וואס־זשע טהוט מען? בכן האט רבי נחום געטהון דאס, וואס אנדערע יודען אין אזא פאל טהון — ער איז עטליכע יאהר ארומגעפאהרען צווישען יודישע קינדער, פון איין שטאט אין דער אנדערער זיך צו געזעגנען, דאס הייסט נעהמען שיינע נדבות און מאבען בעשטעלונגען, אויב עס לאזט זיך נאר, אויף ווייטער אויך, אם־ירצה־השם. אזא פרנסה וויא „געזעגנען זיך" רעבענט זיך בייא יודען שוין גאר ניש־קשה דיג, אזעלכער, וואס פאהרט אהין שטארבען, איז בכבודיגער פון אלע אנדערע מיני מקבלים, במלנים און אויך פון נשרפים א שטייגער, ער שמעקט שוין מיט קברות־בלעטליך — מיט ארץ־ישראל, ער איז שוין א קאנדידאט אויף א ירושלמי!.... רבי נחום איז ארומגע־פאהרען אזוי עטליכע יאהר און האט צו יודען חלילה נישט דערלעגט. מען האט איהם פארבעטען דער אויף א וועטשערע, יענער אויף וואַרמעס, און ביים געזעגנען זיך, איהם גענעבען אין האנד אריין אויך. רבי נחום פון זיין זייט האט זייא צוגע־זאגט דערפאר זעהר פיעל הבטחות. — דעם אזוי, יענעם אזוי, איינעם — בעטען פאר איהם אויפ'ן קבר פון מאיר בעל־הנס, און דעם אנדערען — ארץ־ישראל ערד.... רבי נחום האט נישט פארשעהמט דאס שטעדטיל ק... וואו ער האט געהאט בעי־קאנטע און עטליכע ווייטע קרובים, און אין א שיינעם זומר־טאג איז ער געקומען זיך געזעגנען אהין.

געוועהנטליך עסט מען זומער אין שטעדטיל וועטשערע בייא דער שיין פון דער לבנה, אויב זיא איז דא, און אויב נים — בייא א חלב'דיג גראשען ליכטעל. מען מאכט עס אפ בקיצור, און א גוטע נאכט — שלאפען! באלד טאקי, אדער נאכ־דעם וויא מען לופטערט זיך אין דרויסען אביסעל אויס. אין איין זומער נאכט אבער, זעהר א ליכטיגע, האטש פעריל צוקלייבען, איז בייא ר' חיים'ן אין הויז געוועזען א

פארענדערונג: דער טיש איז געוועזן גאנץ פיין, ליכט ברענען אין פעשענע לייכטער, עפּיס יום־טוב'דיג. — דאס האט ר' חיים פארבעטען צו זיך רבי נחום רויזשוער אויף וועטשערע. עס האט זיך געצויגען ביים טיש א לאנגער, א ברייטער שמיעס איבער דעם כותל־מערבי און דער מערת־המכפלה, איבער דעם הר־הזיתים און דער מוטער רחל'ס קבר, איבער חורבות און קברים, און מען האט פארביסען מיט א שמיעס איבער פייגען, טייטלען, מילגרוימען און באָקסהאָרען. אלע האבען זיך בעלעקט, דיא אויגען האבען געפלאמט, געפונקעלט פאר גרויס הנאָה. רבי נחום איז זעהר בערעדעוודיג, רעדט און רעדט, גלייך וויא ער איז שוין דאָרט געוועזן, אלסדינג געזעהן מיט זיינע אויגען, און אלע קוקען איהם אין מויל אריין, קוקען מיט ליבשאפט, מיט גרויס דרך־ארץ און זיינען איהם אין הארץ שטארק מקנא, וואס איהם איז בעשעהרט דאָרט צו זיין. עפּיס אזוי גרינג זאָגט זיך עס: ארץ־ישראל, ירושלים! דאכט זיך אין פלוג א לאנד—א לאנד, א שטאָדט — א שטאָדט: הייזער, ערד, שטויב, מיסט, בלאָטע, נאָר ניין! עפּיס איז עס אנדערש. וואס אנדערש, וויא אנדערש? דאס לאָזט זיך גאר ניט זאָגען. עפּיס איז עס נישט מגושם גראָב, נאָר א רוחניות. מען בעדארף עס פיהלען. הייגט נעמען — אויף לשון־קודש, שטעדט, ערטער, וואס שטעהען אין דער תורה!...

דער שמיעס איז דערנאך איבערגעגאנגען אויף אנדערע, פראָסטע זאכען. רבי נחום איז דאך אויסגעוועזן עפּיס א וועלט, זיך געזעגענט מיט אזוי פיעל יודען, אָהן עין־הרע, און אָנגעזעהן, אָנגעהערט זיך זאכען גאָר א ים! ווילנא האט אין דעם שמיעס געשפיעלט דיא הויפּט־ראָליע, מעהר וויא פון אנדערע שטעדט האט מען זיך אינטערעסירט מיר איהר. רבי נחום האט דערצעהלט חידושים פון איהרע משונה בעריהמטע רבנים, פון איהרע ווילדע קצינים און שרעקליך גרויסע גבירים, פון קכויזען, ישיבות און אָרמע בחורים — אי־אי! אויסלאָזענדיג מיט האלבע־מלכות עפּיס, אין א געסיל ערגיץ דאָרט, וואו ס'איז סכנות, און מען שייעט זיך געהען דאָרט בייא נאכט — שוין אויף א נידעריג אומוטיג קול: אָי־אָי! און גאר צום סוף איז עד ארויס שטארק אָנגעלאָדען אויף בערלינער עפּיס. — אָט דיא יודען פון דיא שקאָלעס דאָרט פון לילענטהאלס כנופיא, האט ער געזאָגט, פארדרעהענדיג מיט דער נאָז, גענומען דערצעהלען מעשיות, חוזק מאכען פון זייא, אז דאס זיינען עפּיס ווילדע ברואים, זיטצען בייא זיך, ווען קיינער זעהט נישט, אָהן היטלען און עסען אָהן געוואשען! דיא תורה זייערע בעשטעהט אין לשון, אין קורצע שורה'ליך מיט מליצה, אלץ: אהה, אהה, וועהגעשריגען!.... איינער, דער עלטסטער זייערער, עסט, זאָגט מען, שנויצען מיט ברויט. מען זאָגט, ער

שטעקט אריין א חלב'דיג ליכט אין דער קאשע און עסט.... שיינע ברואים, מישטעהנס־געזאָגט — לאָזט אויס רבי נחום מיט א קרעכץ — אָה־האָ־האָ!

מיכא האלבע־מלכות יא! דאס האט זיך נאך געלייגט שלמה'לען אין מח. האלבע־מלכות זיינען מסתמא קליפות, דיא גוטע נקבות וויא לילית און רוסאַלקעס, א שטיינער, איבער וועלכע ער האט זיך געגוג שרעקליכע מעשיות אָנגעהערט, וויא אזוי זייא פערפיהרען מענשען מיט זייערע תנועות און זיינען הונדערט מאָל ערגער פון דעם טייפעל, פונ'ם אשמדאי אליין. דעריבער איז רעכט, וואס דיא ווילנער שייען זיך געהען בייא נאכט אין יענע וויסטע געסליך. אָבער בערלינער, נישט קיין לצים, נאָר יודען מיט א קאָפּ, מיט הענד און מיט פיס. יודען, וואס אָהן היטלען און וואס עסען אָהן געוואשען — אזעלכעס איז גאר נישט צום פערשטעהן!.... סטייטש, וויא נעשיקט זיך עס, א יוד — און אָהן א היטעל! סטייטש, סטייטש א יוד — און נישט וואשען זיך צום עסען!! משוגע זיינען זייא צי חסר־דעה? ווייסען זייא דען נישט, וואס פאר א פסק עס קומט דערפאר דאָרט — פעך, שוועפעל און אייזערנע ריטער!.... און נאר אָהן דיא אלע זאכען, וואס פאר א פנים האט עס גלאט א יוד אָהן א היטעל? — נאָר אזעלכס אָבער האט דאך געזאָגט רבי נחום, א יוד וואס געזעגענט זיך, וואס פאָהרט קיין ארץ־ישראל. אזא יודען מוז מען גלויבען. אין־ברירה, בייא שלמה'לען האט שוין געמוזט זיך לעגען אין מוח אי אזעלכעס אויך, און דער נאמען בערלינער האט זינט דענסטמאָל גע־האט בייא איהם דעם טייטש: א יוד אָהן א היטעל, וואס וואשט זיך נישט און עסט ברויט מיט שנויצען.

## 9.

שלמה'לען געהט למזל דאס עלפטע יאָהר. דיא תורה פאר איהם בייא ליפא־ראובן'ס לאָזט זיך אויס און ער געהט איבער אויף דעם טאטענס הענד, לערנען אונטער זיין השגחה. — ללמוד, לערנען אליין, וללמד לערנען אויך מיט אנדערע, בפרט נאך מיט אייגענע קינדער, דאס איז איינס פון נאָטס געבאָט, וואס יודען זאָגען עס, בעטען דארויף אין דאווענען אלע טאָג, און אז וואויל איז דעם, וואס איז אין שטאנד עס מקיים צו זיין. ר' חיים פלעגט אזוי טאקי מיט זיינע קינדער זיך נוהג זיין. מיט איטליכען בעזונדער פון דיא צווייא עלטערע זיהן האט ער געלערנט, נאכדעם אז זייא זיינען ארויס, איטליכער אין זיין צייט, פונ'ם חדר, ביז דער חתונה. וויא בעשעפטיגט ער איז געווען פלעגט ער אָפּרייסען א שעה אָדער א פאָר שעה

צייט אין טאָג, צו לערנען א בלעטיל גמרא מיט זייא און מיט זייערע חברים, איך פאל אז זייא האבען אזעלכע געהאט. אזוי האט ער נעלערענט אויך מיט זיין איידעם, לאה'ס מאן, דיא ערשטע צייט נאך דער חתונה, און מיט נאך יונגע בעל־הבית'ליך צו איהם, נאר אומזיסט. און אזוי איז אויך געקומען שלמה'לעס צייט לערנען תורה ביים טאטען. דער שטייגער לערנען זיינער איז געווען אזוי: אלע פריהמארגען, באלד נאכ'ן דאוונען, פלעגט דער טאטע, זיצענדיג אויף זיין שטאט אויבענאן אין קלויז, לערנען מיט איהם א פרק אדער צוויא פרקים משניות בסדר. נאך דעם אנבייסען פלעגט ער בלייבען אין דער היים, צוגרייטען אין אלקיריל דארט דאס לייענען, וואס דער טאטע האט איהם אין דער גמרא פארגעבען מיט תוספות און מהרש"א. ער האט עס בעדארפט דערנאך איבערזאגען, אין דער היים טאקי, אמאל בייא טאג, אמאל בייא נאכט, וויא דעם טאטען איז אויסגעקומען, און נאר אמאל פלעגט דער טאטע אויפוועקען שלמה'לען פארטאג אויף, און אוועק־געהן מיט איהם לערנען אין קלויז.

אמת טאקי, דאס אויפשטעהן פארטאג, בשעת דער שלאף איז אזוי גע־שמאק, איז שלמה'לען אנגעקומען נישט אזוי גרינג. נאר איז ער אבער שוין אויפ־געשטאנען, אראפ פונ'ם געלעגער האט עס איהם זעהר הנאה געטהאן. דאס אויף־זיין, דאס געהן אין קלויז און דאס לערנען האט איהם גרויס פערגניגען געמאכט. ווער ס'איז א יוד, א יוד מיט דעם פינטעלע, דער קען פיהלען דעם טעם פון אזא פערגניגען. אין דעם יודענס קאפ מאהלט זיך דיא נאכט מיט וואונדער־שעהנע בילדער. עס שטעלט זיך איהם פיר אין דער נאכט געטליכע זאכען, יענע וואונדער־ליכע ערצעהלונגען פון דיא הייליגע ספרים, וואס ריהרען בייא דער לעבער — און ער ווערט אזש צושמאלצען פאר הייסע ברענענדיגע געפיהלען.

„נאך דעם ערשטען משמר, ארום האלבע נאכט — אזוי שטעהט געשריבען — ווייעט א צפון־ווינטעלע, און דיא וואכען פון דיא מלאכים בייטען זיך דארט אין הימעל. עס גיט, אט דאס ווינטעלע, דעם מלאך גבריאל א ריהר — און ער שרייעט אויבען זעקס קולות אויס, לייענט דערנאך פון א בוך ארויס דיא מענשענס אלע מעשים וואס ווערען אפגעטהון בייא טאג. פון איהם דארט נים עס א טארע אונטער דיא פליגעל דעם האהן דא. ער חאפט זיך אויף און קרעהט הויך אויף א קול. אי אויבען אי אונטען ווערט א געטימעל; דער האהן קרעהט אויף דער ערד, און גבריאל אויפ'ן הימעל. דערנאכטמאל לאזט זיך גאט פון דרייא הונדערט און נייגציג הימלען אראפ אין גן־עדן אריין. כתות מלאכים לויפען פאראוים און זאגען שירה:

עפּעגס טויער'ן ברייט זיך אויף,
עפּעגס הו ך זיך ביז ארויף —
א איהר אייביג פעסטע טהירען,
קומען לאָז דאָ נאָט שפּאַצירען!

עס זינגען אויף דיא ביימער אין גן־עדן, גיבען פון זיך ארויס זיסע שמעקענדיגע ריחות פון בשמים. אָט איז ער שוין אריין, נאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אליין — שא! מלאכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרויס דרך־ארץ און שווייגען. פול מיט רחמנות קוקט ער אויף דיא הייליגע נשמות פון צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פּלוצלים לאָזט ער ארויס א געשרייא, א ברומען וויא א לייב, דאס ווייגט ער, קלאָגט אויפ'ן חורבן בית־המקדש, אויף ירושלים, דיא וויסטע שטאָדט, אויף ציון, דיא ביטערע אלמנה, אויף דיא קינדער ישראל זיינע, וואס אין גלות — און צוויא הייסע טראָפּענס טרעהרען פאלען איהם אויס דיא אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אריין....

אזוי וויינט נאָט דרייא מאָל אלע נאכט דאָרט אין זיינע הימלען. גוטע־פרומע יודישע קינדער לאָזט עס נישט איינלינען. זייא שטעהען־אויף ביי־נאכט פון דיא געלעגערס, „ריכטען אָפּ הצות", וויינען זיך אויס פאר דעם זיסען, בארמהערצדיגען פאָטער אין הימעל, און דאס יודיש הארץ פיהלט עפּיס דענסטמאָל א מין בעזונדער טעם — זיס ביטער און זויער אינאיינעם.

שלמה'לע נעהט פארטאָג איבער דער גאס, דאס שטעדטיל שלאָפט. לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואך. עס דאכט זיך איהם: דאָרט, אויבען, טהוט זיך עס אציגד עפּיס גאר א שרעק! טהוט פון ערגיץ א בלאָז, דאכט זיך איהם יענס צפון־ווינטעלע, דאס גוטע ווינטעלע, וואס וויעט אונטער דיא פליגעל פון מלאכים, וואס האט א מאָל אויך געבלאָזען אויף דוד־המלך'ס פידעלע, איהם צוקאָפּענס ביי־נאכט אויפ'ן געלעגער, און עס האט זיך געשפּילט זיסע נעטליכע לידער. זזשען ערגיץ ביימער אין א גאָרטען — דאס זשוזשען דאָרט דיא ביימער אין גן־עדן; קרעהט ערגיץ א האָהן — דאס זאָגט ער שירה, און זיינען איהם דיא האָר, דאס פנים, פייכט פון טוי־טראָפּען — דאס זיינען נאָטס טרעהרען, דאס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פארוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער ישראל!.... עס צושפּילעט זיך שלמה'לען דיא גע־בליטען, זיין כח־הדמיון איז פלאם־פייער, דאס הארץ צוגעהט איהם שיעור פאר גרויסע געפיהלען — און ער נעהמט זיך לערנען מיט חשק, געשמאק אויף א ניגון.

מיט דעם ארויסגעהען שלמה׳לעס פונ׳ם חדר געהט ביטליכוויים בייא איהם פיר א פארענדערונג אין דעם לעבען. אצינד פיהלט עד זיך שוין פרייער צו פער־בלייבען אביסעל מעהר דא אויף דעם עולם. עפּיס טהוט א וויהע אין איהם איין אנדער גייסט, העלער אביסעל ווערט איהם אין מוח, ער הויבט זיך אן ארומ־צוקוקען — און דערזעהט פאר זיך עפּיס אזוינס, וואס פריהער האט ער עס, דאכט זיך, אויך געזעהן, נאר עס האט איהם זיך אויסגעוויזען נאר אנדערש, אבער עס האט גלאט אזוי זיך איהם געווארפען אין דיא אויגען, נישט צומאכען אינוועניג אין דעם קאפּ קיין פּיטצעל רושם. עפּיס טאקי נור א מענש־א בהמה, א לייטענער גולם, מישטעהנס־געזאגט: שטעהט און ווייסט נישט אויף וואס ער שטעהט, זעהט און ווייסט נים וואס ער זעהט. געגוג איז דאך זיין וועלטיל דא אזוי אויך קליין, האט ער עס נאך מעהר פערקלענערט — פון דיא אלע גאסען אין שטעדטיל איז פאר איהם געוועזן נור דער שול־הויף: פון אלע הייזער — דער חדר, דער קלויז, דער בית־מדרש, וואו ס׳איז דער טויער צום הימעל; פון אלע מענשען — אייג־וואהנער — נור דאס ביסעל יודען, און דאס אויך דוקא דיא וואס פון זיין בית־מדרש, יענע אקענען וואס פון דעם אדער פון איין אנדער קלייזעל זיינען שוין עפּיס בע.... און באמת טאקי, כפי עס שטעהט געשריבען, איז דאך דיא וועלט אקענען יענער וועלט נישט מעהר וויא א פאר־הייזעל אקעגען א פּאלאטץ, און וואס מאכט עס א יודען אויס, שוין גאר א גרויסען מיט א באַרד אפילו אז דאס פאר־הייזיל איז עפּיס נישט אזוי, אביסעל איינגליך? מילא הייקערט מען זיך אביסעל איין, מאכט מען זיך א קאפּעלע נים וויסענדיג און שטערבעט אפּ דאס לעבען וויא עס איז, פון יוצא־וועגען, אבי איבערקומען. לעבט דען נישט דער ווארעם, להבדיל אין חריין, און ס׳איז איהם געוויס גוט און זיס, אויף כפרות דיא וועלט מיט דער גאנצער „עולם הזה“ ?!....

שלמה הויבט זיך אן ארומצוקוקען וויא איינער וואס שטעהט אויף פון שלאף, אין דיא אויגען געהט איהם אויף א ליכט און אלסדינג קומט איהם פיר עפּיס גאר נייא, גלייך וויא ערשט פונ׳ם איי ארויסגעקראכען. עס שטעהט זיך א שטעדטיל אויף א הויכען בארג, חוץ דעם שול־הויף זיינען דא נאך גאסען, וואו ס׳איז אויך א לעבען, עס געפינען זיך נאך אי געסליך אזוינע, דוקא נישט קיין יודישע, וואס זיינען, נאט זאל נים שטראפען פאר דיא רייד, אפשר טאקי ריינער און שעהנער, מיט גערטנער, ביימער און שאר־ירקות. — דיא טאהלען „בארג־אראפּ“ זיינען ערטערוויים אויך בעזעמצט, בעוואקסען מיט גרינוואַרג. זייא ציהען זיך ווייט ארום דער שטאדט, צו־ווארפענדיג זיך אין פערשידענע פּאנאראמעס:

נשרטנער, פעלדער און וועלדליך פון ניט, אויף געשייטעלטען, גריבענישטעטע זומפען מיט פליושניק (זשאוער) און חושענות, צווישען וועלכע עס רינען קוואלען וואסער, עס שווימלען און גריבלען מיני עופות. אויף יענער זייט טאהלען ווייטער בערג, ווייטער פעלדער, וועלדליך און וועלדער. שלמה'לע שטעלט אויס א פאר אויגען, קוקענדיג דארויף איינגאנצען פארגאפט, מיט אזא מינע, גלייך וויא ער זעהט עס דאס ערשטע מאל.

שלמה'לע דערגעהט זיך שפעטער, אז דאס שטעדטיל געהער נאר צום גראף וויטגעשטיין, יודישע קינדער זיינען נור שכנים דא, זיטצען אויף צינש; אז דיא גוים דא, הערט א מעשה, זיינען בעלי־הבתים אזוי גוט וויא זייא, און אפשר נאך מעהר, האבען אויף א שטיקעל ווערטה! היינט פון־וואנען, איז איהם א גרויס וואונדער, זאל זיך עס צום שטעדטיל נעהמען דיא קדושה, דער ק"ק, וויא עס הייסט? דער מארק מיט דיא קלייטען, מיט דיא סוחרים און מעקלערס, מיט דיא שיינקען, אכסניות מיט דיא משרתים און פאקטוירים — דיא אלע זיינען, אמת טאקי, אין דער גוטער יודישקייט, אבער דיא ערד, דיא פעלדער ארום־און־ארום זיינען דאך גויעשע, זייערע להבדיל!.... א בעווייז דערויף האט ער אין דיא יאגעדעס, און דיא ניס, — יודישע קינדער געהען מיט טעפליך, קרינגליך קלייבען יאגעדעס אין וואלד, רייסען ניס און עס ציטערט אויף זייא דיא הויט: אט קומט עשו נעהמט עס אוועק און איז נאך מכבד מיט א קלאפ אויך. ס'איז זייא פארשטערט נעביך דאס לעבען, דער וואלד מיט זיינע ביימער מיט זיינע שמעקענדיגע קרייטעכצער איז פאר זייא נור א ריינע אפקומעניש, א שרעק. זאל ערגיץ פאלען א בלעטיל, ענט־פאלט זייא דאס געזונד, זאל ערגיץ א פיפס טאהן א פויגעל טהוט זייא א טיאבקע דאס הארץ. איטליכער שרייעט אין דיא געדאנקען „שמע־ישראל", זיפצט נעביך און טהוט תפלה שטיל אינוועניג אין זיך, גלייך וויא זייא וואלטען געוואנדערט אין דער מדבר ערגיץ.... ער אליין איז דאך געפריווט געווארען, געוועזן אין אזא צרה, נישט היינט גערדאכט, אז ער איז געגאנגען איינמאל מיט א פאר חברים רייסען גרינס אויף שבועות, קוים האט ער אפגעריסען א צווייגעל עפיס פון א בליהענד בארעגבויימעל ערגיץ דארט לעבין א פלייט פון א גארטען, אזש צוויא שקצימליך טהוען זיך א לאז איהם אקעגען און וואלטען זיכער איהם געמאכט דעם טויט. א נס וואס נאט האט איהם נעגעבען פיס, האט ער זיך צונויפגענומען מיט אלע זיינע קרעפטען און באלד טאקי געשווינד מיט אימפעט אוועק, אוועק, איבער לאזענדיג זיינע חברים אויף גאטסבעוואהר.

שלמה׳לע קוקט זיך צו און זעהט — אָווא, א חידוש חלעבין, עס זיינען דאָ יודען, וואס גיבען זיך נישט אזוי אָפּ מיט דער גמרא, האבען אין זינען אנדערע זאכען און לעבען אויך! ער האט געמיינט, א וועלט יודען ווייסט נישט מעהר וויא לערנען, וויא אויפצוטוהען א פשטיל, וויא צו פאַלען אויף מהרשא׳ס א קשיא. מען אינטערעסירט זיך נור איינער ביים אנדערן צו־וויסען וואו האלט דער אין „ביצה", יענער אין „מכות״; נאך „ביך־הזמנים" ארבייט מען אויף אלע כלים און מען טהוט זיך א נעהם לערנען — און לסוף זעהט ער, אז ס'איז עפּיס נישט אזוי דיא מעשה! תחילת איז איהם דיא זאך אפילו אביסעל פריקרע, וואס הייסט?... נאָר דערנאך טראכט ער בייא זיך: טא; מסתמא בעדארף דאָך געטעניאָ אויף זיין וועלטיל האבען אזעלכע יודען אויך.

און וועמעס ארבייט האט עס געקענט זיין, ארייגלעגען שלמה׳לען א פינגער אין מויל, ארויפצופיהרען איהם אויף אזוינע זאכען? סטייטש, וועמעס אנדערש ווען נישט דעם יצר־הרע׳ס! אז אין דעם מענשען שטעקט א יצר־טוב און א יצר־הרע, דאס איז קלאָר וויא דער טאָג, אלע וייסען עס, א קינד אפילו. דיא פראגע איז נאָר, ווער פון דיאביידע קריכט דעם מענשען פריהער אין דער נשמה אריין — דאס הייסט, בשעת קומענדיג אהער אויף דער וועלט אין דעם מענשענס נשמה, א נאַלד, אדער אונטערגעשלאָגען מיט הינד? ווער פון דיא ביידע איז בעריידעווערדיגער, קליגער, פּאַליטישנער, פארשטעהט בעסער וויא זיך־בעליבט צומאכען, וויא אָפּצוארבייטען איין עסק? און וויא דיא מעשה איז, אזוי צו אזוי, איז דען דאס איינגע טאקי בייא אלע מענשען גלייך, אָדער ניין? — נאָר ענטפערען אויף דיא דאָזיגע אלע זאכען איבערהויפּט, דאס זאָלען מוחל זיין יענע חקרנים, וואס זיינען מחויב צו־וויסען אלסדינג, אפילו אזעלכס, וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען.

דאָ אָבער געהט דיא ריידע איבער שלמה׳לע ר׳ חיים׳ס. דיא בעקאנטשאפט מיט זיין יצר־טוב און יצר־הרע הויבט זיך אָן דאָ אין דער דאָזיגער מעשה מיט איהם ערשט דענסטמאָל ווען ער ווערט פרייער אביסעל, ארויסצוהאפּען זיך פון דאָרטי פון יענעם עולם הייסט עס — אהער אויף אונזער עולם — וואס דאָרט, אויף יענער וועלט, עס געהט מיט א יודיש קינד, פיר, דאס געוועגדט זיך נישט אין איהם, נישט אין יצר־טוב און נישט אין דעם יצר־הרע זיינעם, דאָרט געפינען זיך רבי׳ס, משניחים, בעהעלפערס, מיני נפשות אזוינע, און אזוינע, וואס פיהרען איהם, לערנען איהם, קענען אליין אָהן יענע זייער שטעדטיל בעשטעהן און שלאָגען איהם חכמות, זאבאבאָנעס זייערע אין קאָפּ אריין. דאָרט געפינען זיך אויך מזיקים, מחבלים מיט אייזערנע ריטער.... שלמה׳לעס ערשטער שטעל דאָ אויף

דער וועלט, נאָך גאר ביים אָנהויב, בעווייזט שוין, וואס פאר א מין יצר־הרע זיינער איז, וואָהין ער קוקט, וואס ער טראכט, וואס ער זאָגט, און עס לאָזט זיך שוין בע־ צייטענס פאָראויסזעהן, וואס פון איהם וועט אויכוואקסען שפּעטער. א קעפּיל האָ־ה־אָ!....

שלמה׳לע איז בטבע געוועזן א הייסבלוטיגער, אין איהם איז געלעגען פאר־ באָרגען א פּאָעטישער פונק, און דעריבער האט דער יצר־הרע זיך געקליגט אויפ־ צובלאָזען דעם דאָזיגען פונק, איינגעבען איהם שכל, געפיהל, ליבשאפט צו דער שעהנער נאטור — א גוט מיטעל אוועקצורייסען פון יענעם עולם, ארויסצושלאָגען דאס דולעניש פונ׳ם קאָפּ.... אָט גאר דורך וואנען־ארום! פריהער מיט דער פּאָליטיקע, דיא שמד־שטיק אין דער יראָה אריינגעלעגט, אלץ גאָט און זיין הייליג געבאָט — זעה, בחור׳ל, זייא מקים א מצוה, שטערבעט ער איהם, זעה „גאָטס־ וואונדער“ אין דעם אויסגעשטערנטען הימעל, אין דעם רעגענבויגען און אין דיא פונקעלדיגע טוי־טראָפּענס אויף דעם גרינוואָרג אין גאָרטען. הער „גאָטס קול“ אין דונער, אין בליטץ, אין שטורמווינד און אין דעם ווייען פון א שטיל לופטעלע, אין דעם זשוזשען פון בינען זשוקליך, און אין דעם שוועבען פון מיקען... שלמה׳לע לאָזט זיך איינריידען, פארקוקט זיך אויף אלסדינג, שפּילט זיך און איז דערווייל מפסיק פונ׳ם לערנען. וואס ווייטער, ווייטער ציהט עס איהם אהין אין דיא פרייע גרינע פעלדער, אין דיא געדיכט פערצווייגטע וועלדער. — לכה דודי, רעדט איין דער יצר־הרע, קום שפּאצירען! שלמה׳לע גנב׳ט זיך ארויס פון שטוב און געהט אויפ׳ן קבלת פנים צו דער שעהן חנ׳עוודיגער נאטור, וויא א חתן אקעגען דער כלה!....
דיא כלה וויטעט זיך, לאָזט זיך איהם הערען שטיל אויף א שושקענדיג קול׳כיל פון צווישען שאָקלענדיגע זאנגען ווייץ און קאָרן; ווינקט איהם דורך זשוואווע־ ריהרענדיגע צווייגען פון הויך־געוואקסענע ביימער; שמייכעלט, מאכט חן דורך א שיינענדיגען זייל שטראהלען, דורכברעכענדיג זיך צווישען דעם גרינעם ים בלעטער. זיא ווייזט איהם איהר שעהנע־רייכע גארדעראָבע, מאכט איהם א חשק אויסציהען זיך אויף גרינע מיט קווייטען־בלומען געשטיקטע קאָווי׳אָרען, און מיט א ווייך־ געשפּרינקעלטע קישעלע פון מאָך צוקאָפּענס; שיקט איהם א קוש, גרייזעלט איהם דיא האָר דורך א מילד־ווארם ווינטעלע און לאָזט פאר איהם ארום־און־ארום שפּילען א וואונדער־שעהנע קאפּעלע — עס קנאַקט דער סאָלאָווייא, צוגיסט זיך אין טרעלען, דער ציזיג, דער שטיגליטץ מיט דער גאנצער חברה משוררים זייערע האלטען איהם אונטער אויף פיסטליך, געליינקליך און בייקול׳כליך. ערגיץ פון דערווייטענס רופען זיך אָפּ געטבעס: א מעקען פון ציגען, א הירזשען פון פערד,

פיטערענדיג זיך דאָרט אויף דער פּאַשע און עסיט וויא א שופר־בלאָזען פון קיה. פייגעליך, זינגען, שפּרינגען אויבען אויף דיא ביימער, פּאַביטשקעליך, געפּוצט־נעצירט באַלאָווע דרעהען זיך, טראָגען־זיך אין דער לופט, גריל|ען, היישרעקען שמוצערען, טאַנצען, הייבען פיסליך אויף דער ערד אונטען. עס איז א לעבען, א וועלט נישקשה דאָ אויך!.... שלמה׳לען טהוט עס אינגווענינ א בריה, ער ווערט אזש צושמאָלצען פאר הייסע־זיסע נעפיהלען. זאָל מען געווען מגדל זיין איהם וויא נעהעריג איז, וויא עס פּאַסט אזעלכען מיט גוטע מתנות פון זיין ליבען נאָמען, וואָלטען דיא נעפיהלען זיינע ארויסגעגאָסען זיך אין שרייבען, אין מאָהלען, אין שפּילען, א שטיינער. שלמה׳לע אָבער האט דיא אלע זאכען, חוץ תנ״ך און גמרא, נישט געוואוסט, נישט געהערט אפילו, אז אזעלכע זיינען אויף דער וועלט נאר דאָ. מליצה־ביכליך האט ער אין דיא אויגען אפילו נישט געזעהן, דעריבער פלעגט ער אין דער הייסער שעה צוגיסען זיך אין א טרעלעלייקען — אין א נגון׳דיל פון זמירות, און א וויינענדיגס צו א „בעדעקענס״, אדער געזאַנט „ברכי־נפשי״ הויך אויף א קול, צוקייענדיג איטליכס וואָרט, און געפיהלט דערבייא עפּיס גאר א בעזונדער טעם.

דאכט זיך אין אָנהויב גאנץ גוט, וואס קען מען, הא, צו אזא יצר־הרע האבען?....

## 10.

מילא נאַטור־שמור איז נאך צו דערליידען. הגם ס׳איז דאָך א נארישקייט, נישט ווערטה צו פארליערען דארויף א מינוט צייט אפילו, גלאט אזוי זיך אָהן א שום נוצען; נאָר דאס וואס איז נישט שעהן, פּאסט נישט פאר א יודען, א בעווייבטען, א טרוד אין דער פּרנסה, קען מען עס נאך וויא ס׳איז מתיר זיין א יונגעל: מהיכא־תיתי, שפּאַציר דיר א מאל הינטער דער שטוב — אויף דער נאַטור, וויא הייסט עס בייא זייא דאָרט, וואלגער זיך אויף דער ערד, אויפ׳ן גראָז און קוק דיר אָב אָט איז א זשוקעל, א משה־רבנו׳ס קיהלע, א פייגעלע, א שמייגעלע! פּאָרט נישט מעהר וויא א נאריש יונגעל, אָבער אלסדינגג, שייגעץ, מיט א מאָס. פּארגעס נישט, יונגאטש, אז א יודיש קינד בעדארף לערנען, אז א יונגעלע, דוא שנעק איינער, בעדארף אין זינען האבען דיא גמרא, עפּיס איז דאָך, שקאָץ, א גמרא „ביצה״, „כתובות״ אויף דאָ אויף דער וועלט!.... יא, ווען אזוי, וואָלט מען צו שלמה׳לען גאר נישט געקענט האבען, מילא איז ער זיך אביסעל... ווייס איך וואס?

נאר נישט! דיא צרה פאקי איז דאך אָבער וואס ער האט נישט געוואוסט קיין מאָס, האט זיך אביסעל מאקי פארגעסען, פלעגט פערפאלען ווערען א מאָל און פערשפעטיגען אהיים צו מיטאָג. דער טאטע האט עס נישט בעמערקט, ווייל שטענדיג איז ער בעשעפטיגט, פלעגט תמיד, חוץ שבת און יום־טוב, עסען בעזונדער נישט אינאיינעם מיט דעם הויזגעזינד. דיא מאמע ווידער האט געהאט צו טהון מיט דעם בעל־הבתישקייט, פערנומען געוועז מיט איהרע זאכען. און אז זיא איז אקעגען איהם איינמאָל ארויס מיט דער שפראך: וואהין ווערט עס א יונגעלע פארפאלען? דערבייא איהם געשראָקען, אז זיא מוז עס נישקשה דערצעהלען דעם טאטען — האט שלמה׳לע זיך געמאכט תם, געענטפערט מיט אזא מינעלע, וויא איינער וואס איז גאָט דיא נשמה שולדיג, סטייטש, ער איז דאך געזעסען דיא גאנצע צייט אויבען, הע־הע, אין דער וויבערשער שול און געלערנט!

אָט דענסטמאָל ערשט, אז שלמה׳לע איז שוין פערקראָכען אביסעל ווייטליך, האט דער שלימזלניק, דער יצר־טוב זיינער, זיך אויסגעשלאָפען איהם גוט אוישיינעצען — אזוי און אזוי קונדים איינער! לאַ־די וואס געהסט ארום שלינג־און־שלאנג, אָפּגעריסען זיך פונ׳ם לערנען, ביסט־דוא נאך צו אלע צרות א ליגנער אויך — נארסט אָפּ, ווען נאך? איין אייגענע מאמען! דער גיהנם איז דאך פאר דיר קארג....

אוי, א וועהטיג א גרויסער, דעם גיהנם האט דאך שלמה׳לע גוט געקענט פונ׳ם „שבט מוסר" און נאך אזעלכע ספרים, וואו יענע בעשרייבען דיא זיבען מיני העלישע פייערען, אין וועלכער עס פרענגלען זיך, עס קומען אָפּ דיא אָרמע בעלי־עברות; אויך דיא משונה ווילדע מלאכי־חבלה מיט דיא אייזערנע ריטער; בע־שריבען איטליכעס פיצעלע בעזונדער, גלייך וויא זייא וואָלטען דאָרט געוועזען אליין, אלסדינג געזעהן מיט אייגענע אויגען! — אוי־וועה, ס׳איז דאך עפּיס נאר ניט גוט! וואס טהוט מען? —

שלמה׳לע טהוט תשובה!.... ער דאווענט, בעט, גיסט אויס זיין הארץ פאר גאָט שטילערהייט מיט געפיהל, און זאגט איהם צו הרים־וגבעות; נעהמען זיך בלי־נדר ווייטער צום לערנען, זיין, אם־ירצה־השם, א יוד, מאקי וואס א יוד הייסט — חוץ דעם בית־מדרש נישט אָנצוקוקען דיא וועלט, פע־פע!....

דאס איז אָבער נאָר געזאגט. פערפאלען! איז אין א מענש דאָ געשמאק, געפיהל, בעהיט זאָל מען ווערען, לאָזט זיך עס נישט אזוי גרינג מיט דער האנד

אוועקמאכען. איז איהם נעפעלען, מעשה־שטן, דיא מגושם־שעהנע ווערק גאָטס, פּשוט אין דער פאָרמע, אין דער געשטאלט וויא זייא זיינען, וועט קיין מוסר־ספר נישט קענען עס איהם פערמיאוסען, מאכענדיג דערפון אש, עפר ועפר.... עס וועט איהם, לא־עליכם, אלץ וואס ווייטער מעהר אריין אין טעם, עס וועט איהם, נישט פאר יודישע קינדער געדאכט, עפּים נאָר וויא א מאגנעט ציהען, ציהען, ציהען ... שעהנע צורות, נוטע זאכען, דעם זינדיגען מענשען דערמיט צו פערפיהרען, זיינען פאר דעם יצר־הרע אויף דער וועלט דאָ גענוג, איבערגענוג — ווילסט נישט דאס, נא־זשע דיר, נשמה'ניו יענס, דאס כלומר'שט איז פע, נא־זשע דיר, שלמה'לע, א פראדיל, א שעהנעס, א פיינס, מלא־חן!....

פראדיל, נאך גאר א קינד, מיט שלמה'לען אין איינע יאָהרען, שטאמט פון לייטישע עלטערען, ר' חיים'ס שטיקליך מחותנים, וואס האבען מיט עטליכע יאָהר צוריק זיך בעזעצט אין דעם שטעדטיל ק.... פראדיל פלעגט זעהר אָפט קומען צו ר' חיים'ן אין הויז, זיך שפּילען מיט דיא קינדער דאָרט, איז בעליבט געווען ביים גאנצען הויזגעזינד פאר איהר גוטסקייט, פאר איהר שעהנקייט — און שלמה'לע האט זיך אויס איהר גארנישט געמאכט, גלייך וויא זיא איז גאר אויף דער וועלט נישטאָ. פראדיל — פראדיל, איינע וואס האט געהייסען פראדיל! מיט א מאָל אָבער וואקסט פאר איהם אויס פּלוצלים, וויא פון דער העלער הויט, א פראדיל, א בילד־שעהנע, גאר אנטיק — און עס גיט איהם עפּיס א ציה, א טיאָכק דאס הערצעלע, עפּיס לויפט איהם וויא א הייסער שטראָם דורך דיא אלע גלידער, רויט און בלייך ווערט ער אויף איינמאָל! עס ציהט איהם, עס גלוסט זיך איהם אויף איהר צוקוקען און קוקען, נאָר גוואלד, רבונו־של־עולם, וואס טהוט מען מיט דיר? ס'איז דאָך א גרויסע עברה!... ער ראנגעלט זיך מיט דעם יצר־הרע, וויא א יוד, א ווילדער עקשן: ניין, מען טאָר נישט, ניין־ניין, וועסט עס בייא מיר נישט פועל'ן — און חאפּט כסוף נעביך א קליין סוקעלע! שפּעטער אביסעל — שוין עטליכע, וואס ווייטער, ווייטער ווערט דאס ראנגלען זיך זיינס מיט דעם יצר־הרע שוואכער, דיא מורא פאר גאָט שוין נישט אזוי גרויס וויא דיא מורא פאר לייט — אוי, כאָז חאָטש א זייטיגער מענש עס נישט בעמערקען חלילה. אין הונדערטען פאל, טאָמיר שטויסט זיך עמיצער אָן איז איהם ניחא בעגראָבען זיך לעבעדיגער־הייט. ער האט אָנגעהויבען פאר מורא זיך ארומצוקוקען וויא א גנב, חושד זיין בייא זיך איטליכען אין שטוב טאָמיר האט דער עפּיס אָנגעשמעקט, טאָמיר ווייסט יענער וואס אין הארץ בייא איהם טהוט זיך אזוינס, גלייך וויא ער וואָלט געווען פון גנאַז,

דורכזיכטיג, מען זעהט זיינע געדאנקען, זיינע געפיהלען, אלסדינג וואס אינווענינ אין איהם געהט פיר.

די מורא זיינע איז אָבער געוועזן אומזיסט. ווען אפילו עס זאָל מעגליך געוועזן אריינצוקוקען איהם אין הארץ, וואָלט מען נאָר געקוקט וויא דער האָהן אין „בני־אָדם", נישט צו וויסען דעם פירוש פון זיינע געדאנקען דאָרט. ליעבעס, דאס איז נישט פאר דעם יודישען מוח, דאס איז פאר איהם תרגום. ביי יודען איז נאר אַזוינס נישט דערהערט געוואָרען, בפרט נאך דענסטמאָל אין יענער צייט, און נאך וואו? — אין אַזוינע קליינע שטעדטליך וויא ק... און נאך ביי וועמען? — ביי מענשען פונ'ם בעל־בתישען שטאנד!.... פאלש איז דער חן און נאריש דאס שעהנקייט, זאָגט דער פסוק, ליעבעס איז אויך נישט קיין אייביג געוועהר. בויען דארויף דאס פאמיליענלעבען, דאס איינענע גליק און דאס גליק פון קינדער, איז וויא שטעלען א בנין אויף א הינעריש פיסעל, היינט ביסט דוא שעהן, בליהסט וויא א רויז, מאָרגען ביסט־דוא פערדארט; היינט געה איך אוים נאך דיר און מאָרגען — נאך עמיצען אַנדערש, געה דיר צו אַלדע שווארץ יאָהר!.... חתונה האבען, קינדלען, דאס איז ביי יודען א גאָטס געבאָט. עהרליך האלטען א ווייב, זיא ליעב צוהאָבען, ווייל זיא איז א ווייב, א בעל־הבית'טע, א מאמע פון קינדער, און זאָרגען זיך פאר דעם הויזגעזינד — דאס איז א הייליגער חוב, א מצוה, וואס דארויף איז זיך א יוד מקריב. און אָט דאס טאקי האט צוגעגעבען דעם פאָלק ישראל א שטיק געזינד, דאס אייביגע לעבען; אָט דאס איז אונזערע עלטערן אכע מאָל ביינעשטאנען אין דיא נויטען. איז שלעכט, ביטער, פינסטער, טרויערדיג דאָרט אין דער וועלט, דערפאר איז גוט, זיס, ליכטיג, פרעהליך בייא זיך אין הויז צווישען איינענע — לעבין ווייב און קינדער!... יא, אזא זייפענבולבעלכע וויא ליעבעס, וואס פלאצט, צושפרינגט פון א בלאָז, האט מען בייא יודען אין יענער צייט נאך נישט געוואוסט. דאס איז איין מאָל. היינט צווייטענס ווען אפילו יא ליעבעס, בייא מענשען אפילו פון היינטיגער וועלט, וואָלט בשום אופן זייא נישט געקענט איינפאלען, אז בייא קליינע קינדער זאָל נאר געמאָהלט זיין אַזוינס! קינדער זיינען קינדער. יונגליך, מיידליך, וואס מאכט עס אוים, אָדער זייא שפילען זיך אינאיינעם מיט צאצקעס צווישען זיך, אָדער דיא ניאנקעס, באָנעס, נובערנאנטקעס שפילען זיך, צאצקען זיך מיט זייא, קושען זייא, האלזען זייא, און — נארנישט, פרענט זייא בחרם!...

זאָל דאס איינענע טאקי, וואס בייא שלמה'לען, זיך געוועזן מאכען מיט איינעם, א דערוואקסענעם מענש, וואָלט עס אונמעגליך אין איהם געבליבען פער־

בארגען. עס וואלט זיך ארויסגעוויזען איהם אין דעם פּנים, אין דעם ריידען ובדומה נאך אין אנדערע זאכען, עס וואלט דערפון געוואוסט בפירוש, נישט אנדערש טאקי, דער אנדערער צד אויך. ליעבען וויא געוועהנטליך איז א שרפה, וואס ווערט אונטערגעהאלטען פון מאטריאל מנושמ'דיגע זאכען. עס ברענט, עס קנאקט ביז פונ'ם מאטעריאל ווערט האלאוועשקעס און דאס פייער לאזט זיך אים מיט א טשאד, א רויך.... שלמה'לעס ליעבע אקעגען, דאס איז א ריינע, אינוועניגסטע, אין זיך אליין; דאס איז יענס געטליכעס פייעריל, וואס האט געברענט און דער דארענבוים איז נישט געווארען פערברענט; דאס איז א בליץ פון גייסט, א חשק, א גלוסטען צו שיינקייט, וואס לאזט זיך דערקענען אין דעם רויט־פארביגען הימעל ביים אויפגאנג פונ'ם מארגענשטערען, אין פוקען־זיך פון דער רויז, אין פרישע פורפער־ליפען, אין חן־גריבעליך, אין דעם מילדען שמייכעלע און אין דעם ווארעמען בליק פון ברענענדיגע אויגען.... דאס איז יענע ליעבע, וואס ברענט וויא א „נר־תמיד" אין הארצען ביי א פאטען — פון גאט געלייטזעליגטע מענשען; וואס ווארעמט דיא נשמה, גיט א מאל א נעהם אויסצוגיסען זיך אין געבעט, אויס־ווינען זיך פאר גאט שטילעדהייט....

עס פערשטעהט זיך, אז שלמה'לעס ליעבע איז, אזוי גוט וויא פאר אנדערע, אויך פאר פרעמדען געוועזען א סוד! אבי ער ווייסט וויא שטארק אנגעליינט ביי איהם איז, אז זיא קומט צו גאסט, וויא עס טהוט איהם הנאה, אז ער חאפט בגנבה אויף איהר א קוק, אז ער עסט זיא מיט דיא אויגען הינטערוויילעכס, און וואס, הא, ווען ארויסקומען, איהם אדער איהר, אז זיא וועט עס אויך וויסען? — פארט וואס?.... און גאט אליין וואס קען עס איהם ארען? — טראכט שלמה'לע, טרייסטענדיג זיך אין הארצען — מה רעש, אז עס טהוט זיך א מאל א קוק! אבער מיט איהם, מיט דעם לערנען, מיט דעם דאווגען געהער עס זיך כלל גאר נישט אן. זיינס בעקומט דאך דער רבונו־של־עולם פינקטליך: א שחרית, א מנחה, א מעריב טאג־טעגליך צו דער צייט, און א נדבה, זאל נישט אויסגערעדט זיין — עטליכע קאפיטליך תהלים א מאל אויך!....

נאר ווער ווייסט, אפשר אין דעם זכות טאקי איז שלמה'לען בעשיינפערליך געשעהן א נס פון גאט, אז ער איז געשטאנען אין א סכנה איינמאל, אליין דעם סוד זיינעם אויסצוגעבען.

שבת־נחמו, וויא דער וועלט איז בעקאנט, איז א טאג פון שמחות, סעודות ביי יודישע קינדער אין דיא שטעדטליך. נאך מיט א וואך, אדער א פאר

האָבן פֿריִער שטיפֿן קינדער, פּעקלעכיים צווישן זיך אַ, [illegible] יענעם שבת אַ סעודה ויערפֿן, וואס איטליכער וועט בעטייטענס מיט דעם טמען ווילען זיינם ברענגען צו דעם, בייא וועלכען חברה האט אויסגעקליבען. און באלד מאַכט הויבט זיך אָן איין עסק פֿון טראָגעניש, וואס מען קען נאָר, כשר צי בגנבה, בייא זיך אין דער היים דערטאַפּען. איינער ברענגט אַ שטיקעל קיכעל, אַ גרינעם עפּעל, אַ מער — בשתיקה פֿונ׳ם בינטעל וואס צום צימעס; דער אַנדערער אַ גרויסע, געלע אוגערקע, אַ האלב איי, אָפּגעשפּאָרט נעביך פֿון זיין מיטאָג: דער דריטער דאס, דער פֿירטער יענס. אַ דאַר שטיקעל ברויט, אַ רעטיכיל, אַ ציבעלע, אַ שווענציל פֿון אַ הערינג איז אויך אַ סחורה. אַזוי טהון דענסטמאָל קינדער, קונדסים, און קינדער, בר־מצוה בחורים — האבען חתונה. אָט אין אַזאַ שבת־נחמו, ביי־טאָג נאָך דעם שלאָף, איז געווען, אָהן עין־הרע, פֿרעהליך, אַ רעש, אַ געפּילדער פֿון קינדער, יונגליך און מיידליך, דאָרט אויפֿ׳ן פֿרייעם פּלאַץ לעבין ר׳ חיים׳ס שטוב. בייא אַ טהייל קינדער איז דאס מויל, די ליפּען געפאַרבט, מיט וואָנטשעס, פֿון געקאָכטע שווארצע יאַגאָדעס און האבען אַ פּנים ווי משונה ווילדע בריות, עפּיס גאר אַ שרעק! ווידער בייא אַ טהייל פֿייערט אַ באַק, צודראַפּעט אַביסעל די נאָז — צייכענס פֿון די גבורות זייערע אין דער מלחמה. עטליכע זיינען בייא דער סעודה פֿריהער נישט צופֿרידען געווען מיט זייערע חלקים. איטליכער קוקט וואס בייא יענעם און זיינס איז גאָרנישט — עפּיס אַזוינס, וואס קיי־שפּיי, פֿויל, ביטער, טפֿוי זאָל עס ווערען! הענד האט דאָך גאָט געגעבען, נענעל אויך, נעז, אָהן עין־הרע, בייא יודישע קינדער זיינען אויך דאָ, נו האט מען זיך אַביסעל, ווי דער שטיינער איז — צודראַפּעט. טאַקי נאָר אַביסעל, ווייל דער טאָג שטעהט נישט, נישטאָ קיין צייט, מען בעדאַרף זיך שפּילען. אויך פֿראַדיכל האט זיך געפֿונען צווישען די קינדער, זי איז געווען וואונדער־שעהן, עפּעס נאָך שעהנער ווי תמיד, און שלמה׳לע האט זאט אָנקוקען זיך אויף איהר נישט געקענט.

אויף דער לאַנגער, נידעריגער באַנק דאָרט פֿאַר דער שטוב זיצען ווייבער שכנות, בעקאַנטע, צווישען זיי שרה, אויך גיטיל, פֿראַדעלס מאַמע, און די גוטע לייבציכע. מען זיצט חלילה נישט ליידיג — מען רעדט, מען רעדט זיך אויס, איטליכע וואס אויף דעם האַרץ. איינע אַ מעוברתע, אַ דיקע מיט געלע פּליאַמעס אויף די באַקען קלאָגט זיך, אַז עס שפּאַרט איהר אונטער׳ן לעפּעלע, אַ פּנים פֿונ׳ם טשאָלענט. זי שוויצט, פּאָכט זיך מיט דעם עק פֿאַרטוך, פֿערוואַרפֿענדיג אַרונטער דעם קאָפּ, איין וואָרט, איין געשרייא: אָי, וואו נעהמט מען אַ קאַ[illegible]

טרינק וואסער ! ס'איז דאָ אויך יענע ידענע מיט דער ספּאָזמע, וואס גענוצט נאר א שרעק, שפּייט און ווישט מחילה דיא נאָז. איינע א דארע, הויט און ביין, נאך הייזעריג פון דיא תשעה־באָב'דיגע קינות, רעדט מיט דעם גאנצען כח אויף א צוריפּעט־פּארדומפּפען קול, קוים וואס זיא חאפּט דעם אָטעם, קייכט, הוסט, ארויס שטעקענדיג נעביך דיא צונג. א גאנץ לייטישע, שעהנע יודענע מיט פערזאָטענע אויגען אָהן ברעמען קוקט אריין א קינד, וואס בייא איהר אויפ'ן שויס, אין קעפּיל, גריזענדיג עס אויך אנדערע לעבין איהר, אויף א ציקאָוועשץ, וואס פּאר א מיטעל וועלען זייא ראָטען.... לייבציכע קען, שונא־ציון, זיך נישט צורייסען, אזוי פיעל ארבייט האט זיא אצינד. א קאטאָוועס עפּיס מיט אזא עולם ווייבער איבערצוריידען, איטליבער זאָג א וואָרט, דערצעהל א מעשה, גאר נישט לאנג געטראכט ! היינט האט דאָך גאָט געגעבען אויגען אויך, אז זייא זאָלען אומיטום קוקען, נישט אויסצר לאָזען חלילה קיין שום זאך, בייא אזוי פיעל ארבייט וועט גאר קיין וואונדער נישט זיין, אז לייבציכע פערפּלאָנטעט זיך אמאָל, מישט אויס, וויא מען זאָגט, „קאשע מיט מאָהן" עטליכע מעשיות אינאיינעם, אין דער האָפנונג אז מען וועט זיך אָנ־שטויסען, נישקשה, און איטליכע וועט פונ'ם אויסמישעניש ארויסנעהמען דאס, וואס איז איין אָנצוהערעניש אקעגען איהר.

— למען־השם, זיך נישט געקוועטשט ! אז דעם מגיד, געדענק איך, איז דאס צונגעל אראָפּגעפּאלען, האט ער, דער זיידע, איהם געזאָגט עליו השלום : שאָ, האלט זיך, זייט מוחל, איין, קוועטשט זיך נישט אזוי — ריידען.... אז עס הויבט אָן צושפּארען, נישט געפּריווט זאָל מען ווערען, שפּארען אָט דאָ אונטער דעם לעפּעלע, איז איין ברירה : עפּען א מויל, ברען־אָפּ, גיב ארויס וואס דאָרט אין דיר איז און האלט נישט.... אָהאָ, האלט ער זיא עס אביסעל ! נאכגעיאָגט, נעך חאפּט און האלט זיא, דאס שעהן בחור'ל, יא־האָ־האָ !

אָט דיא דאָזיגע לייבציכעס ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרען אקעגען דער הייזעריגער און דער מעוברת'דיגער יודענע. און חאפּענדיג דערווייל א קוק אויף דיא קינדער דאָרט, וואס שפּילען זיך אין זשמורקעס, זעהט זיא, וויא שלמה'לע יאָגט זיך נור נאך פּראדלען, אלץ מיט איהר און לאָזט זיא פונ'ם אויג נישט אָפּ.

— אוי, גיטעלע, איך האלט עס נישט אויס ! — מאכט לייבציכע, שאָך לענדיג מיט'ן קעפּעלע פון דערווייטענס צו פראדעלס מאמע — אוי, איז זיא שעהן,

אייער פראדעלע, ס'איז איהר אין פנים נישט ארייגצוקוקען וויא אין דער ליב־טינער זון!

— ניט איהר נאר קיין עין־הרע נישט! ענטפערט אפ גיטעל, וואס האלט אין א שמיעס מיט א פאר ווייבער איבער דער דאליע זייערער.

—. טפוי־טפוי! — שפייט לייבציכע, פארדרעהענדיג דיא נאז מיט א ווינק אויף יענער מיט דער ספאזמע — א געניצען אביסעל, א שפייען!.... ביים אפ־שפרעכען א גוט אויג דיא באבע מיר צו כאנגע יאהר, מיידעלוויים. שעהן בין איך געווען וויא נאר דיא וועלט, מען האט זיך אויף מיר געהאגנען. מאכט זיך א מעשה פלוצלים גאר אומגעריכט... שא, שרה'ניו דוא ביסט דאך עס מחויב צוגעדענקען— דרעהט זיא זיך געשווינד אויס צו שלמה'לעס מאמע — קוק נאר אן דארט, אין מחשבות'ן, דיין בחור'ל! לויפט איהר נאך וויא א קוה א קעלבעל, פראדלען. הא? זעהר א שעהן פארעל... הלואי אין גיכען, רבונו־של־עולם, זאל יאחנע־סאסיע דיר זאגען מזל־טוב! געדיינק מיינע ווערטער.

— איין איינפאל אביסעל, נאך אזוי יונג!

— ביסט עס, שרה'ניו, מחויב צו געדענקען דיא מעשה א מאל, א מאל בשעת דער בהלה. וויפיעל, הא, מיינסט־דוא איז מיר דענסטמאל געווען צו דער חתונה? מיינער איז נישט מעהר געווען וויא א יאהר אכט־ניין, און אפשר טאקי נאך ווייניגער.

— אודאי מיט עטליכע יאהר צוריק, בשעת דער בהלה פון דיא שקאלעס, נישט היינט געדאכט, ווען דענסטמאל פראדיל זאל זיך אונטערדוקען, הער'הע! וואכט געווען טאקי דיא רעכטע צייט. מסתמא איז דאך עס נישט בעשעהרט. צינד איז עט, נארישקייטען...

— יאחנע־סאסיען זיינען נאך, ברוך־השם, דיא אויגען נישט ארויס... אט זעה איך זעה! — דיא דאזיגע לעצטע פיער ווערטער האט שוין לייבציכע געזאגט דער יודענע מיט דיא פערזאטענע אויגען, וואס האט איהר אנגעטהון כבוד, גלייך וויא דיא אלע אנדערע דא, און דאס קינד מיט דעם קעפיל כמעט אונטער דער נאז איהר אונטערגערוקט. לייבציכע האט וויא א געניטע עס בעטראכט, דארויף פאמעליך געבלאזען, אנגעהויבען צו דערצעהלען מכח דעם א לאנגע מעשה, און פארקראכען ווייט, אזוי אז זיא האט דערווייל אין שלמה'לען זיך פערגעסען.

שלמה'לע האט גענומען בענשען גומל. ווען נישט דיא מעשה, וואלט ער, חס־ושלום, וויא דיא בידנע קאץ געביך אמאל, טרוקען פון לייבציכען נישט ארויס!...

## II.

מען קען זיך שוין ·פירשטעלען, וואס פאר א טעם „ביצה“ קען האבען נאָכ־דעם אז מען טהוט א לעק פון יענע זאכען, צו וועלכע דער יצר־הרע ניט אונטער א חשק. נעה פארשפאר זיך, לערען און טראָג זיך איבער מיט אלע געדאנקען העט־העט אין אזא צייט, אין אזא אָרט, גאנץ וייט און פרעמד פון דיר, בשעת פאר דיא אויגען שטעהט דאָ גאָטס וועלטעלע מיט שיינע גוטע זאכען, וואס ציהען דיך בייא דער נשמה: נא, פארזוך, נישקשה, און ווייס פון דיין חיות צו זאָגען! שלמה׳לע איז אצינד עפּיס וויא דערוויטערט געוואָרען פון „יענעם עולם“, אין וועלכען ער איז געווען אריינגעטהון פריהער מיט לייב און לעבען — דער קאָפּ זיינער לינט שוין נישט אין דער גמרא וויא א מאָל. עס גלוסט זיך איהם דאס, יענס און ער האט אין זינען הבלי־העולם. דאס שטיקעל „לייענען“ פאר דעם טאַטען מאַכט ער נאך וויא ס׳איז, זיפּט אָפּ א בלעטיל גמרא אין־חאפעניש, אין־אייכעניש עט אזוי, אבי נעפּטר׳ט, איבערגעקומען, און שפּאצירט זיך דערנאך דעם גרעסטען טהייל טאָג ארום. ער זוכט זיך אוים נייע מיני ניינג, נייע מיני חברים, זיין גלייכען, נישט זיין גלייכען, יונגער צי עלטער פון איהם וואס מאכט עס אוים? אבי זייא זיינען איהם צום הארצען, עס פערברייננט זיך מיט זייא דיא צייט, עס שמיעסט זיך, עס טראכט זיך און עס פיהלט זיך עפּיס אזוי גוט, אזוי געשמאַק....

שלמה׳לע חאפּט זיך עפּטערס אריין צו אייזיק דעם שמידט אין קוזנע, בעז־זאָנדערענס ווען אין־דרויסען אין נאס, קאַלט און איהם איז עפּיס אומיטיגליך אויף דעם הארצען. ער זיטצט זיך דאָרט אין א ווינקעל און קוקט פארטראכט. אין קוזנע איז טונקעל, אקעגען איהם פּאַכט הייזעריגליך א לעדערנער, געלאטעטער בלאָז־זאַק. ער טהוט א בלאָז און א זייל פונקען שפּריגנען, טאנצען וויא דיא רוחות אין אויבען. עס קומט איהם דערבייא פיר יענע מעשה אין חומש, א־מאָל, א־מאָל — וויא אברהם־אָבינו זיטצט מרה־שחורה׳דיג און דרעמעלט. דיא זון געהט אונטער. עס איז א נעבעל — און אָט אין איין אויבען, רויך און א פלאָם־פייער... דיא פונקען שפּרינגען און שלמה׳לעס געדאנקען פארפליהען וויטער־וויטער; עס מאָהלט זיך איהם עפּים משונה׳דיגע צורות, דרעהענדיג זיך צווישען דיא פונקען און דראַפּענדיג זיך פון דאָרט אויף דיא אָפּגעשיינטע וואנד אקעגען. עס בייטען זיך דיא געשטאַלטען, ארויס־אריין, ביז עס טהוט איהם שיינענדיג זיך א וויז פּראדיל! ער נוערט צוקאָכט, נעהמט זיך מיט גרויס חשק זוא צו בעטראַכטען, קוקט־קוקט

און דערזעהט בעשײנפּערליך דיא ליכטיגע צורה פון אײזיקען, וואס הידעט־אונטער פּאַרגרעסערט אַלץ דאס פייער. פּלוצים, אין דער הייסער מינוט טאַקי, חאַפּט אײזיק פונ׳ם העליש־פייער ארוי׳ס מיט צוואַנגען א גליהענד שטיק אײזען, און האַל־טענדיג עס אַזוי אויף דער „קאָוואדלע״ מיט אײן האַנד, שלאָגט ער עס מיט דעם האַמער אין דער אַנדערער האַנד, בשעת א געזונטער, ברייט־ביינעדיגער, צור חראַסטעטער בחור, בעוואָפּענט מיט א גרויסען, שווערען האַמער קלאַפּט דארויף אַקעגען. אײזיק איין קלאַפּ, דער בחור צווייא; אײזיק א דרעה דעם אײזען אַהער, דער בחור — קלאַפּ; אײזיק א דרעה אַהין און דער בחור קלאַפּ־קלאַפּ, אַזש פונקען פליהען... ס׳איז דאָ פאַר שלמה׳לען וואס צו זעהען, א מאָל עפּיס אַנדערש, ס׳איז דאָ פאַר איהם אויך וואס צו הערען — דיא אַרבייט האַט ליעב א המצאָה, א ווערטיל, עס זאָל געטהון ווערען לעבעדיג, פרעהליך. דאָרט ווערט אויך דערצעהלט שרעקליכע מעשיות, וואס דאס לייב גרוילט הערענדיג זייא. און מענשען צום ריידען איז ברוך־השם נישטאָ קיין מאַנגעל. ס׳איז דאָ נענוג, אי אייגענע, אי פרעמדע, וואס קומען געבען אַרבייט: דער קומט מיט א שטימפּע האַק, יענער קומט מיט א צעבראָכען מילעכדיג קלינגעל, איין איבערגרדרעהטען שלאָס. אײנער קומט פּידקאָווען א פערד און דער אַנדערער ארויפציהען איין אײזערנע רייף אויף א ראָד. — אײזיק אַליין איז בטבע געווען זעהר בערײדעווידיג, א צונגלאָזטער מענש, מיט אַבי וועמען זיך אַרײנגעלאָזט אין א ברייטען שמיעס. בעזאָנדערס האָט ער ליעב געהאַט אַרײנלאָזען זיך אין חקירות, געבען יענעם צופאַרשטעהן דעם שפּיטץ פון א זאַך, און דערקלערען פאַר וואס איז יענס אַזוי און איז נישט אַזוי? פאַר וואס נעזלעבער, א שטײנער, זײנען אין דער נאָז אונטען, נישט אויבען, דיא לופט צו אָטהיימען איז דאָך פון אויבען פרישער, רײנער וויא פון אונטען מחילה? אַזא קשיא האָט ער זיך געסענט פרעגען, פאַרקנייטשענדיג זיך גאַנץ ערענסט, און דער־נאָך פאַרענטפערן עס מיט א גוט שמײבעלע, אַזוי: דאס איז, פאַרשטעהט איהר מיך, גאַנץ שכל׳דיג: כדי דער רעגען זאָל אַהין נישט אַרײנרינען, אין דער נאָז, פאַרשטעהט איהר מיך. נאָך און נאָך קשיות אַזעלכע פלעגט ער פרעגען, וואונדערענדיג זיך אויף דעם סדר־העולם, אויף דייא ווערק גאָטס און זיין פיהרונג אין דער וועלט, אַלץ: פאַר וואס, פאַר וואס? און לסוף אויסדרינגען על פּי חקירה, אַז אַזוי וויא עס איז, אַזוי מסתמא בעדאַרף זיין, אַזוי מסתמא איז גאַנץ גוט, גאָט נישקשה איז גערעכט! דיא קאַטץ האָט דעריבער שאַרפע נעגעל כדי זיא זאָל זיך קענען דראַפּען אויף דיא גלייכע ווענד, דאס פערד האָט דעריבער א ווײדעל כדי אַראָפּשמייסען פון זיך דיא פליגען, און דיא פליגען ווידער האָבען

דעריבער פלינעל כדי נעשווינד מאכן אוועקצופליהען.... לערנען האט אייזיק דער שמידט דוקא גאָר נים געקענט, פונדעסטוועגען האט עס איהם כלל נישט געשאַדעט צו דיא חקירות זיינע, צו הייסען ביים עולם: אייזיק דער חקרן. לערנען מיט חקירה זיינען א פנים גאר צווייא בעזונדערע זאכען.

נעגוג שיין האט דאָך אייזיק דער שמידט דיא גאנצע וואָך זיך אויסגענומען שטעהענדיג אין א צעלעכערטען לעדערנעם פארטוך, אָהן א קאפאָטע בייא זיך אין קוזנע און זאָגענדיג דאָרט חקירות, נאָר נאָך שעהנער אויסגעזעהען האט ער שבת און יום־טוב פארנאכט אויפ'ן שולהויף. ער שטעהט זיך דאָרט אָנגעטהאָן אין א לאסטיקענע זופיצע, אויפ'ן קאָפּ א שטריימיל, גלייך מיט אנדערע בכבוד'יגע בעלי־בתים, און דרשה'ט פאר א רעדעל מענשען ארום איהם, ארייגשטעקענדיג איין האנד אין דעם נארטעל ביז דעם גראָבען פינגער. אלץ וואס ווייטער פארגרעסערט זיך דאס רעדעל, עס ציהעט איטליכען עפּיס וויא א מאגנעט צוגעהען נעהענטער, צוליינען איין אויער און הארכען, וואס זאָגט אייזיק דאָרט עפּיס אזוינס. עס געהט דאָרט א שמיעס איבער צימעס, דערנאָך א חקירה: וואס צימעס? וואס טייטש צימעס? מען קומט פון דעם ענין ארויף אויף פאסטערנאק, און אייזיק נעהמט זיך דערקלעהרען על פי חקירה, פאר וואס פארלירט פאסטערנאק דעם טעם באלד נאָך דעם ערשטען דונער. ער פארפּוטעט זיך אין דער חקירה און פארקריכט אויף קראָפּיווע: פאר וואס קראָפּיווע זייעט מען נישט און עס וואקסט? — הערסטו! מהוט ער זיך א דרעה צוריק, הערסטו, אַט דעריבער מאכי וואס מען זייעט עס נישט וואקסט עס אליין. אויף דיא אייגענע מעשה, פארשטעהט איהר מיך וואס מיט נאראָנים ... גאָט נישקשה פארשטעהט, פארשטעהט איהר מיך, אז אזעלכם בעדארף אויף דער וועלט אויף זיין, פארשטעהט איהר מיך. אין דעם רעדעל ווערט פרעהליך, מען האט משונה הנאה און מען לאכט. דיא חדוה אָבער איז נאָך גרעסער ווען עס קומט אמאל אוים א שפּארעניש דאָרט צווישען אייזיק דעם שמידט און לייזקען, דעם צווייטען חקרן אין דעם שטעדטיל. לייזקע איז א געוועזענער ארענדאר, א ישובניק, וואס אויף דער עלטער האט ער זיך בעזעצט אין דעם שטעדטיל, כדי צוגעפינען זיך צווישען יודען, הערען א „ברכו", א „קדושה" און לעבען וויא גאָט האט געבאָטען. לייזקען איז דיא נאָז פארלייגט, עפּיס אָנגעדראָלען, דעריבער אז ער רעדט קומט אוים געפאָנפעט און א מאָל אויך עפּיס וויא געפייפט. לייזקע קען בעל־הבתיש לערנען, קוקט אריין אין אלטע יודישע חקירה־ספרים און צווישען איהם מיט אייזיקען איז תמיד א שפּארעניש. לייזקע פאררופט

זיך אלץ אויף אנדערע חקרנים, אויף אריסטו, אויף דעם „ספר־הברית“ וכדומה נאך אזעלכע, און ער אליין איז נישט אזא בעל־מוח; אייזיק דער שמידט אקעגען שטעלט נור אויף זיין שכל, ווייסט נישט פון קיין אריסטו און געהט אין חקירה אויף זיין אייגענעם דרך. בעזאנדערענס בעריהמט איז זייער שפארעניש איבער באנקעס — פאר וואס שטעהט א באנקע צו פעסט צום לייב און פאלט נישט אראפ? לייזקע זאגט:

— אזוי איז דיא מעשה, רבותי! דורך דעם שטעק מיט דער ברענענדיגער ליכט, וואס מען טהוט אין דער באנקע ווערט זיא, אט א־פנים, אויסגעליידיגט פון דער לופט. היינט געדיינקט־זשע, יודען! אזוי וויא מיר האבען א קיימא־לן, אז דיא נאטור האט פיינד ליידיגקייט, בכן־רבותי, ציהעט זיך דאס לייב, אט א־פנים, פארנעהמען דאס ליידיגע ארט אין דער באנקע.

— וואס מיר שטעק, וואס מיר ליידיגקייט־שמיידיגקייט! — זאגט אייזיק מיט א שמייכעלע גאנץ רוהיג, נעהמענדיג זיך פאר׳ן בערדיל — און פריהער וואס איז דען, זאלט איהר מיר געזונד זיין, דיא באנקע געוועזן, נישט ליידיג? לופט האט דען א ממשות? אדרבה, פריוווט זיך אויסציהען אויבען אין דער־הויך אויף דער לופט, אויב ס׳איז אזוי. און גאר א־חוץ דעם, וואס איז עס גלאט פאר א לשון — אויסגעליידיגט דורך א שטעק מיט דער ליכט!

— דאס איז נישט מיין לשון — פאנפעט בייזליך לייזקע — אזוי זאגט אריסטו. איהר הערט? אריסטו!

— אווא, אריסטו! א קאטאוועס אביסעל אריסטו! א רב איז ער דען, וואס פסק׳ט שאלות, הא?

— אבער אז אזוי שטעהט דארט אין אונזערע יודישע חקירה־ספרים! — זאגט לייזקע שוין שטארק אויפגעבראכט.

— וואס טויג מיר, וואס בייא אייך, זאלט איהר מיר געזונד זיין, שטעהט אלץ דארט, דארט! איך אליין שטעה, ברוך־השם, אזוי פיעל יאהר שטעה איך אין קוזנע ביים אויבען. דארט ברענט א פייער, אביסעל א גרעסערעס פון אייער ליכט, און פונדעסטוועגען גארנישט, נישט דאס וואס דיא באנקע.... פאר וואס?

— ע־ע, וואס האט מען צו ריידען מיט א יונגעל! — טהוט לייזקע א זאג, א מאך געבענדיג פאר גרויס פארדראס מיט דער האנד, און געהט אוועק, נישט אויסהערענדיג, וויא אייזיק דערקלערט דעם עולם אויף זיין דרך דעם שפיטץ, וואס איז דער באנקע שטעקט.

אייזיק דער שמידט, א יוד, א זיידע, ברוך־השם, וואס האט שוין דערלעבט אייניקליך פון זיין עלטסטער טאָכטער, בייא איהם אויף קעסט מיט דעם מאַן א וואויל־לערנער, איז מיט אלע פּאָסטעמקעס זיינע געווען טאַקי נור עפּיס א יונגעל — איין אלטער־יונגעל, וואס איז א חידוש צווישען יודען. נאָך דער גרויסער מרה־שחורה, וואס דערוואקסענע יודען, בעווייבטע, מאַכען אָן מיט זייערע ערענסט־פינסטערע פּנימער, מיט זייער זאָרגען אָך־און־וועה, און ביטער־זויערען מוסר־זאָגען תמיד, איז אייזיקס פריינדליכע־פרעהליכע צורה געווען שלמה'לען אזוי טהייער גוט, אזוי צום הארצען וויא דיא ליכטיגע זון ביים בעווייזען זיך איהרס פון דיא פינסטערע חמאַרעס, און דער גאנצער שטייגער שמיעס זיינער מיט אלע זיינע אגדתאָ איז איהם געווען אזוי געשמאַק, גאר א דערקוויקעניש, וויא א שטיקעל חקירות נאָך א משנה. פריקרע הארב בלעטיל גמרא. דאס יודיש קינד, וואס קוים שטעלט זיך עס אויף דיא פיסליך יודעלט מען עס שוין, מאַכענדיג אוים איהם א קליין יודעל; וואס זיין יוגענד פארשווינד גיך וויא א חלום און ווערט, אז־אָך־און וועה צו איהם, פאראומערט, געעלטערט פאר דער צייט — אָט אזעלכס געביך פיהלט זיך עפּיס וויא ניי־געבאָרען אין דעם געזעלשאפט פון א מענשען, וואס איז צו איהם צוגעלאָזט, ווייזט איהם א גוטע מינע, וואס איז אליין אויך נאָך גאר א קינד, וואס רעדט מיט איהם איין לשון, און נעהט איהם אריין אין דער נשמה מיט זיינע מעשיות. דאס קינד לעכטצט נאָך אזעלכען, נאָך זיינס א וואָרט, וויא א דאר גרעזעלע בשעת דיא גרויסע היטצען נאָך א טראָפּען וואסער, און ווערט צו איהם צוגעזאָטען מיט לייב און לעבען. נאָר אזעלכע יונג־אלטע מענשען אָבער איז זעהר שווער בייא אונז צו געפינען, וואס ווייטער־ווייטער וועט פון זייא נישט זיין אפילו אויף קיין שהחיינו. אין שלמה'לעם צייטען איז נאָך, אויף זיין מזל, געבליבען א פּאָר לייט אזוינע אין זיין שטעדטיל — אייזיק דער שמידט, איינער, און הערצעל קיילעס דער סטאָליער, דער צווייטער. ביידע האבען געווירקט אויף שלמה'לעס גייסט, דערהאלטען אין איהם דאס יונגע פייעריל, ביידע זיינען איהם געווען זעהר טהייער און צו ביידע האט איהם דאס הארץ שטארק געצויגען.

הערצעל קייכעס איז געווען וויא אייזיק שוין אין דיא יאָהרען, א טאטע פון קינדער, אויך א דארער א בלייכער וויא ער, מיט דעם אונטערשייד נאָר: אייזיק איז א הויכער און הערצעל א קליינטשקער, נידריג געוואקסען. אייזיק איז געווען תמיד רוהיג, געלאסען, גערעדט אויף איין שטימע גלייך, נישט געדרעהט, געשריגען זיך נישט געיאָגט, געהיטצט און נישט ארוים פון דיא כלים, אזוי וויא עס פּאסט

טאקי פאר א חקרן. אקענגען־דשע הערצעל איז א שפירט,ביים רעדען בייט זיך איהם דיא שטימע און ער נימט פון זיך ארויס משונה'דיגע קולות, א מאל אויף מיט א קוויטש. דער שמיעס זיינער איז געהאקט, געבראָכען, לאָזט זיך אויס, פאר גרויס איילעניש, מיט א ווינק, א מאך מיט דער האנד. נאָר עפּיס נישט אזוי וויא ער וויל, קאָכט ער, זידט און צאפּעלט מיט אלע גליעדער, איינגאנצען טאקי א פּאָעט מיט דיא ביינער, אזוי משונע, אזוי קאפּריזנע, אזוי אויפגעבראכט וויא א פּאָעט. און באמת האט אין איהם טאקי עפּיס אזוינס געבורטשעט — עס האט אין איהם געשטעקט א גייסט פון א ק י נ ס ט ל ע ר. דער דאָזיגער גייסט זיינער האט אינוועניג אין איהם וויא דער סמבטיון נישט גערוהרט, זיך געריסען מיט אלע קרעפטען ארויס, זיך צו ארויסווייזען אין אלערלייא האנד־ארבייט. דיא סאָלערייא איז בייא איהם געווען נישט אזוי, ווענען דער פרנסה וויא צוליעב דעם פארגניגען, וואס ער האט דרינען געהאט — צו מאכען א כלי. ער האט געקענט אוועקזיטצען איבער א שטיקעל ארבייט מעהר וויפיעל מען בעדאַרף. פארציהרען עס מיט צאצקעס, שניטצערייא, חאָטש יענער האט גאר אזוי פיל נישט פארלאנגט, נאָר צוליעב דעם אליין, עס זאָל זיין שעהן... ער האט געזעהען ליפּא־ראובן'ס מאָהלט „א ו ש פ י ז י ן“, אויפצוהענגען עס אין סכה, אריינדרעהענדיג אהין, וויא אין נח'ס תבה, אלערלייא חיות און עופות, נעהמט ער און מאכט „א רבי יוסי“ — א גע־מעהל אזעלכעס, וואס שטעלט פיר א מעשה פון דער גמרא: „וויא רבי יוסי (אויסגעמאָהלט מיט א גרייז שפּיטציג בערדעלע אין טלית און תפילין) דאווענט אין איינער פון דיא ירושלים'דיגע חורבות און הערט דאָרט א בת־קול, וואס ברומט וויא א טויב (שטעהט אויסגעמאָהלט עפּיס אביסעל משונה), זאָגענדיג: „אוי, וועה איז דיא קינדער, וואס פאר זייערע זינד האב איך חרב געמאכט מיין הויז, פאר־ברענט מיין הייליגען פאלאטץ און זייא האב איך פארטריבען אין גלות צווישען דיא אומות!“ מבינים אין דעם שטעדטיל האבען זאָט אָנקוקען זיך נישט געקענט אויפ'ן געמעהל און געזאָגט, אז עס איז איינס טאקי אין דער וועלט. רבי יוסי איז נאָך יאָק רבי יוסי, אָבער דיא טויב, דיא ברומענדיגע טויב, רבונו־של־עולם, ס'איז עפּיס נאר א גוואַלד!.... הערצעל האט אויך געשפּילט פידעל, נישט אויף חתונות חלילה, דארויף איז דאָך געווען דער יודישער כליזמר, פייטעל, אויף דיא וואָכענדיגע טעג, און קאָנדראַט דער גויעשער אויף שבת, בייא דער כלה אויף דעם „פאָר־שפּיל“ — נאָר גלאַט אזוי זיך האט ער זיך געשפּילט. זומער פארנאכט, אז דיא שטאָדט־בהמות זיינען שוין געקומען פונ'ם פעלד, ליגען זיך, שוין אויסגעמאָלקענע, אויף דער גאס; אויס דיא קוימענס ציהעט זיך פאמעליך עפּיס וויא פארשלאָפע

חעל־גרויע זיילען רויך, ווייבער שטעהען בייא דיא פריפעטשיקעס, קאָכען וועטשערע:
ערגיץ פון־דערווייטענס, פון א טייכעל פארטראָגט זיך א קוואַקען פון זשאבעס און
זשוקליך טראָגען זיך זשושענדיג ארום אין דער לופט — דענסטמאָל צוגיסט זיך
געוועהנטליך הערצעל אויף א פידעלע, שטעהענדיג אין־דרויסען, בייא זיך אויפ'ן
גאניקעל, באָרפיס, אין איינע תחתונים, מחילה. קינדער מיט שטיקער ברויט און
האלבע אייער פאַרזאַמלען זיך אַרום איהם; שטאַפּען אָן פולע מיילער, שטעלען
אויף דיא אויערליך, נאפען און הערען. הערצעל פידעלט און זינגט אונטער, פידעלט
און מאַכט זיך נאַרעש מיט דיא קינדער, טהוט א פידעל און שטעלט זיך אָפּ, עס
אַרט איהם עפּיס, ווייטער א פידעל און — הע־הע! ער איז שוין אין כעס. אין
דער־ערד אַריין דיא פידעל, אויס שפּילען, הערצעל האט זיך צושפּילט — און באלד
לאָזט זיך איבער דער גאַנצער גאַס הערען וויא א תקיעה־גדולה א לאַנגער, א
משונה־ווילדער קוויטש!.... הערצעל האט אויך ליעב געהאט אָפּגעבען זיך מיט
זייען און פלאַנצען בייא זיך אין גאָרטען. עס האט געהייסען בייא איהם איז דאָ
א ביכעל, א „ספר־הרפואות“, וואס געהט אין דער משפחה זיינער איבער בסוד־
סודות פון מאַטעס צו קינדער, אין וועלכען עס שטעהט בעשריבען דיא טבע פון
אלע מיני גראָזען און קרייטעכצער מיט דיא סגולות זייערע צו איטליכער קראַנק־
הייט בעזונדער, א שאָד, נאָר, חלעבען, וואס איז שטאַרק פאַרבאָטען מיט אלע
פאַרבאָטענישען, אָסור־חזיר, דערמיט זיך צו בענוטצען. זיסט, וואָלט ער פּשוט
טאַקי געקענט מחיה־מתים זיין. אויף כפּרות פּערילאַ, אלטיצ גויעס, טאָטערקעס
מיט זייערע קרייטעכצער! הערצעלס שטייגער לעבען איז איבערהויפּט נישט געווען
לייטען גלייך וויא בייא אַנדערע יודען — קיין שיינקעל אין שטוב בייא איהם
נישטאָ, חוץ קיה איז נאָך אין שטאַל דאָ א פּאָר אָקסען, א פערד אויך, א פּויער,
טראַחים, אויף שכירות, אויך, אויף צו אַקערען, בעאַרבייטען דיא פעלדער, וואס
זיינען איהם איבערגעגאַנגען בירושה פון זיינע עלטערן. א הונט, עס פאַרשטעהט
זיך, איז אויך געווען, דער איינציגער יודישער הונט אין דעם שטעדטיל. אין שול
אַריין איז הערצעל געגאַנגען זעהר זעלטען, נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען איין
אַפּיקורוס, האט נישט מורא געהאט פאַר גאָט, חלילה! אדרבה, ער האט גע־
גלויבט אפילו אין רוחות, מורא געהאַט, געציטערט וויא געוועהנטליך א יוד נאָר
וואס דען? גלאַט אזוי זיך, גאַר אָהן א שום טעם. דאס איינגנע טאַקי מיט
עמיצען אַנדערש, ער זאָל פאַרפעהלען נור א מנחה, וואָלט מיט איהם געהאַט צו־
טאָהן א וועלט מענשען — סטייטש הולטייא אָנזעטצען א מנחה! הערצעל אָבער
האט זיך גענומען אָנזעטצען הונדערטער מנחות און גאָרנישט. קיינער האט זיך

דארויס נאר נישט נעמאכט, ווייל ער איז פארר־עכענט געוועזן בייא איטליכען פאר א יונגעל, א צוטראָגענע מין בריה, מישטעהנס־געזאָגט. היינט מאקי האט מען נאך מורא נעהאט, צו־וואס זאָל מען זיך דאָ נארען, פאר זיין קווימש אויך. איז ער גע־קומען א מאָל אין שול איז זיין בעסט אָרט געוועזן צווישען יונגליך ווייסע חברה, הינטער דער בימה, עס ווערט דאָרט א לעבען, א גערעדערייא, א געשטופערייא, און דאוונען נישט קיין וואָרט, דער שמש מעג זיך, פון יוצא ווענען, שרייען: שא! און שיינע בעלי־בתים מעגען פאטשען אויף דיא שטענדערס, מיאוס־קרומענדיג זיך, און מאכען: אי, אי!

הערצעל־קיילעס איז געוועזן פאר שלמה׳לען אקוראט ווי דיא געווינשען. דיא דאָזיגע צווייא, פארשידען אין דיא יאָהרען, זיינען געוועזן עפּיס ווי איינס אין זייערע געפיהלען. דאס וואס שלמה׳לען האט עפּיס אלץ נעמאָנטעט, אינוועניג אין איהם געבורטשעט; אזוינס וואס לאָזט זיך נישט דערקלערען, א מין ציהעניש אזעלכס וואס אָהן א נאָמען; עפּיס אזוינס, וואס איז נישטאָ בייא אלע פערזאָרגטע, שעהנע יודען אין דעם שטעדטיל, מיט וועלכע כ׳איז איהם עפּיס איינג, עס קוועטשט איהם, שטיקט איהם נור צום חלש׳ן — אָט דאס האט ער, דיא נשמה זיינע, דער־שמעקט, מעשה־שטן, אין הערצעל־קיילעס. און לוים וויא עס וויזט זיך שפעטער ארויס, האט דער יצר־הרע קיין בעסערן חבר פאר שלמה׳לען מאקי נישט געקענט אָפּזוכען.

**ע נ ד ע.**

# איבער אַ שטאָט אין מזרח.

## אַ מעשה נורא, וואָס איז זיך פאַרלאָפען אין קאַבצאַנסק.

---

קאַבצאַנסק, איינע פון יענע געוויסע מקומות, וואו די יודען רוהען, איז תמיד פאַררעכענט געווען אין דער וועלט פאַר אַ שטעדטיל אַ רוהיגס, אַ שטילס, יודען עהרליכע, צעבראָכענע, אַלטפעטערישע, זענען זיך דאָרט געזעסען, אויסגעטהון פון דער וועלט, געגאַנגען זייער וועג, געאַרבייט אין דעם יודישקייט: זיך געיודעלט, געקינדעלט און מיט אַלע פירושים טאַקי אָבגעריכט גלות. זיי איז, ווי מען זאָגט, חוץ גאָט און ציצית נישט אָנגעגאַנגען די אַלע היינטיגע חכמות, אַ כפּרה פון זייערטוועגען אַלע נייע־מאָדנע פאַרלאַמענטען־סמאַרלאַמענטען מיט די פאָליטיקעס, דרשות, האַמפּעריייען דאָרט פאַר זייער קלויז, פאַר זייער אונטער־אויבען, און זייער באָד להבדיל. אַ יוד אין גלות, איז דער שטייגער זייערער געווען צו זאָגען, בעדאַרף מוחל זיין אויף כבוד, נישט פאַררייסען די נאָז, נישט קוקען אַרויף; אַ יודען אין גלות בעדאַרף זיין דער קאָפּ אין דער ערד, ער איז מחויב איבערצוטראָגען אַלס־דינג, הערען, זעהן און שווייגען... אָט אַזוי האָט קאַבצאַנסק, זינט זי איז קאַבצאַנסק, געלעבט שעהן־פיין, שאַ־שטיל. וואָס גאָט האָט געגעבען, גוטס, שלעכטס, האָט זי מקבל־באהבה געווען, אַ פּאַטש אַפילו, אַ שפּיי אין פּנים אויך אָנגענומען פאַר ליעב, ביי איהר איז עס געבליבען — שאַ! און פּלוצ־לונג איז קאַבצאַנסק אַרויס פון די כלים. איבערגעביטען איז זי געוואָרען. ווי שטיל דאָרט איז אַמאָל געווען, אַזוי רעש'ט זיך, קאָכט זיך אין איהר היינט, עפּעס נאָר אַ פייער־שפּייענדיגער באַרג, בעהיט זאָל מען ווערען — פייערט, שיסט, גיסט פּעך און שוועבעל, און דאָס געפּילדער איהרס צוטראָגט זיך העט וויט. גיכער וואָלט מען זיך געריכט אויף איהר אַ טוידט, אַ מיתה משונה די שונאים, איידער הערען פון איהר אַזוינע געוואַלדען, גאָר אַ שרעק.

און פון וואָס, וועט מען זיכער פרעגען, האָט אָט דאָס גאַנצע איבער־קעהרעניש זיך גענומען? — אוי, אַ געלעכטער צו זאָגען, אַ געלעכטער מיט

גרינע ווערעם! געגומען האָט זיך עס גאָר אין אָנהויב פון עפּעס אַ קלייניג־קייט, דערנאָך האָט זיך עס געקייטעלט איין מעשה אין דער אַנדערער, ביז ס'איז געוואָרען אַ גאַנצער באַרג, פון וואַנען ס'איז אַרויס דער גאַנצער גיהינום: לאַנגע צונגען פלאַם־פייערדיגע — קראַך־טראַך־טאַראַראַך, קולות ביז אין דעם זיבעטען הימעל! נישמעהר, וואָס איז דאָ זיך צו וואונדערען, אַז אינגאַנצען הייגגט דער יוד אויף אַ האָר, שטעהט אויף משקולת, אַ מינדסט קלייניגקייט ווירקט אויף דעם גאַנצען גאַנג פון'ם יודישען לעבען. דאָס יודיש מזל איז שוין אַזוי, משטיינס־געזאָגט. איבער אַ האָהן מיט אַ הוהן איז צעשטערט גע־וואָרען אַ שטאָדט טור־מלכא, און איבער אַ דעמבענע אַקס איז געוואָרען תל ביתר. אַזוי איז די יודענס אַלטע געשיכטע און אַזוי אויך די געשיכטע זייערע די נייע. פון אַ גאָרנישט ווערט אַ מוסקאַט־קול, פון שו־שו־שו יענעם אין די אויערען דונערט־בליצט, און עס גיסט זיך אוים אויף זיי די תוחכה.

אוי, איבער אַ שטאָט אין מזרח־וואַנד איז אין קאַבצאַנסק היינט אַ בייזע מהומה!

* *

*

נאָך היעט־העט פון גאַנץ לאַנג, זינט עס האָט זיך אויסגעמויערט די קאַבצאַנסקער גרויסע קלויז ביז אין די שפּעטערדיגע צייטען, האָבען פּאַרנו־מען דאָרט אַ שטאָט אין מזרח־וואַנד די לייבעליך. אַזוי האָט די גרעסטע, געהויבענסטע משפחה אין קאַבצאַנסק געהייסען אויף דעם נאָמען פון'ם על־טער־זיידען — רב לייבעלי, זכרונו לברכה, דער נגיד, דער פּרנס־חודש, דער פיינע־בריה אין דער גאַנצער קהלה, מיט וועלכען קאַבצאַנסק האָט זיך שטאַרק מיחס געווען. די דאָזיגע שטאָט איז איבערגעגאַנגען בירושה פון טאַטעס צו קינדער ביז אויף לעצט צו רב אליקום געציל'ן, עליו השלום, אויך אַ גרוי־סער פּאַרנעהם, אַ תקיף, אַ כל־ולך אין הויף ביים דוקעס — דער פּריץ פון קאַבצאַנסקער שליסעל און נאָך אַנדערע גרויסע מאַיאָנטקעס. רב אליקום גע־ציל האָט געהאַלטען קאַבצאַנסק פון'ם דוקעס באַרענדע, און איז נתעשר גע־וואָרען. מען האָט איהם געשאַצט אַודאי אין אַ דריי־פיער זעקליך, חוץ זיין נחלה — אַ שאַרפע פּריצעשע איינפאָרהויז מיט בעל־הבית'ישקייט און אַ בוי־דעם מיט היי, וואָס אינאיינעם האָט עס בסך הכל געמענגט בעטרעפען אויף טרפות שיינע־גראָבע עטליכע הונדערט קערבליך. יאָ, יאָ ס'איז אַ סברא, אַז נאָך אפשר מיט אַ שמיצעל אַריבער! זיין רייכקייט, זיין גרויסקייט איז געווען גאָר שלא כדרך הטבע. היינו, וואָס הייסט גרויסקייט? — גרויסקייט הייסט

נישט דאָס אַליין נאָר, וואָס יודישע קינדער אין שטעדטיל האָבּען פאַר איהם געהאַט דאָס נייןֿ־יעהריגע קדחת, דרך־ארץ הייסט עס, גאָר געקוואָלען אָנקוקענדיג זיין ליכטיג פּנים, משונה הנאָה געהאַט פון זיין ווילד בּרייטקייט, ווי ער זיצט זיך אַ שטייגער אויף זיין שטאָט בּרייטליך, די גרייז־גרויע בּאָרד, צעפּלאָסען, דער טלית מיט אַיין עטרה פון פליטערליך איבּער'ן קאָפּ און שאָקעלט זיך אַ געוואַלד; ניין דאָס איז נאָך גאָרנישט, פון יודענס דרך־ארץ האָבּען איז אַמאָל גאָרנישט געדרונגען, אלא וואָס דען, אַפילו גוים, להבדיל, זענען פאַר איהם די כּפּרה געווען, נישט אַנדערש איהם גערופען ווי „נאַש אַלאַקום“ (געציל איז זיי שווער געווען אויסצורייזען). דער עקאָנאָם פונ'ם הויף און אַמאָל טאַקי אויך דעם ·דוקעס קאַמערדינער אין עפּעס אַ מין טיזליק מיט טרעסטען און מעשענע קנעפּליך, פלעגען קומען שבּת, יום־טוב עסען בּיי איהם פיש. פאַר פּסח פלעגט ער פונ'ם הויף בּעקומען ווייץ אויף מצה און אַ פּאָר אינדיקעס, אַזוי איז שוין עס געשטעלט געווען. בּיים אויסגעבּען די מיזינקע זיינע, איז זי, די כּלה הייסט עס, אויף מאָרגען נאָך דער חופּה, געגאַנגען מיט די מחותנים און מיט די כּלי־זמר צום דוקעס אין הויף. זי אַליין מיט איהרע כּשר'ע הענד האָט צוגעטראָגען דעם דוקעס אַ טאַץ מיט לעקיך און אייגעמאַכטס, מיט סטרודעל און מלכות־בּרויטליך. דער דוקעס האָט עס מיט אַ משונה־זיס שמייכעלע צוגענומען, אַנידערגעלעגט אויפ'ן טאַץ אַ רויט־גילדענעם רענדיל, דרשה־געשאַנק הייסט עס, עפּעס געבּעבּעט, אָנגעבּעבּעט אַ פולע קאָפּ, אויסגעמישט קאַשע מיט מאָהן, אַליץ: חתע, חתע, פּאה'קעלע, ציצעלע, חוסיד, תּלמוד, לאַפּסערדאַקלע, דער רוח ווייסט, וואָס ער האָט געמיינט, אַזאַ מין מזל־טוב בּיי זיי איז עס אַפּנים. דערנאָך האָט ער, אָנגעהמענדיג זי, די כּלה הייסט עס, בּיים בּעקעלע, אַ גלעט געטאָהן, איין מאָל און געזאָגט: פּיענקנאַ דיווטשאַטאַ! נאָך אַמאָל אַ גלעט, אַ קניפּ אין בּעקעלע, און צו רבּ אליקום־געציל'ן שוין שמייכעלדיג געזאָגט: האַרנאַ או טעבּי, לאַקום, צורקאַ! — אָט וואָס הייסט כּבוד, אָט וואָס הייסט גרויסקייט!...

נאָר געה טהו עפּעס דעם רבּונו־של־עולם, אַז ער זיטצט אויבּען און דרעהט דאָס רעדעל, טאַקי ווי אין דעם „ונתנה תּוקף“ דאָרט: מי ירום ומי ישפל — ווער אַרויף און ווער אַראָבּ. בּעדאַרף זיך אין אַ צייט אַרום איבּערדרעהען דאָס רעדיל, און רבּ אליקים געציל פאַלט אַראָבּ, בּלייבּט אַ קבּצן הייסט עס. יאָ, אַ קבּצן וואָלט נאָך געווען נישקשה, נימער ערגער, וקבּצנו בּיחד, גלייך מיט אַלע קאַבּצאַנסקער יודען, מיר נישט, דיר נישט, ווי זאָגט מען עפּעס — עט, פונדעסטוועגען לעבּט מען דאָך, בּרוך השם, אַבּיסעל נישט דערעסען, נישט דערטרונקען, מילאָ וואָס? בּע!... נישט פערזינדיגען.

מען שטערבט אָב דאָס לעבען און מען שטאַרבט גלייך מיט לייטען. ניין, נישט אַ קבצן בפשטות איז ער געבליבען, נאָר אַ קבצן מיט מכות, מיט חובות. איינענטליך איז ער נישט געבליבען, וואָרום ער איז גאָר לכתחילה נישט געווען קיין עושר, ווי מען האָט געמיינט. גלאַט, קאַבצאַנסק האָט איהם איינגעוויגט פאַר אַ נגיד, געהייבען אויף דרוקעס, האָט ער, ווי דער שטייגער איז, זיך געמוזט האַלטען. קאַבצאַנסק האָט געלוינט מאַכען איהם בּיי זיך פאַר אַ גביר כדי צו נעהמען בּיי איהם נדבות, און ער נעביך, אַז אָך און וועה צו איהם, האָט געמוזט געבען. עס טרעפט זיך אַמאָל צווישען יודען אַזוינע זאַכען. דער סוף איז געווען ווי געוועהנטליך — יבש! במזומנים נישטאָ קיין גראָשען, איינגעטונקט אין חובות, פאַר דער אַרענדע אַ צייט־לאַנג ניט גע־צאָהלט קיין ראַטע, פאַר בראַנפען דעם פּריץ קומט אויך. הכלל, עס קומט, קומט, מען מאָהנט, מען פאָדערט, און דער ענטפער זיינער איז, ווי עס הייסט געוועהנליך בּיי סוחרים — קוממיות! רב אליקום געציל מיט זיין גוט האַרץ האָט עס נישט געקענט איבּערטראָגען, זיך פאַרעסען און געשטאָרבען. דער פּריץ האָט פאַר די חובות צוגענומען זיין הויז, געליינט איין אַרעסט אויף די חפצים, אויך אויף דער שטאָט זיינער אין מזרח־וואַנד. דאָס הויזגעזינד רב אליקום־געציל'ס האָט זיך צושלעפּט, דער אַהין, דער אַהער — אוים ליי־בעליך!

די שטאָט שטעהט ליידיג, נישט בּעזעצט, זעהט אויס ווי אַ וויסטע אַלמנה. ליב איז זי איטליכען טאָקי, ליב און טהייער, צום האַרצען; נאָר וואָס טהוט מען אָבער מיט דעם פּריץ? ער איז, ווי איטליכער מאַגנאַט, אַ שטיקעל קאַפּריז, ווי איטליכער שררה אַביסעל משוגע — עס ווילט זיך איהם זיין אַ בעל־הבית פון אַ שטאָט אין אַ יודישען מקום־קדוש! — אוי, ווי שטאַרק וועה עס טהוט דאָס יודישע האַרץ זעהענדיג, אַז יענעם אָרט, וואו עס זיינען געזעסען פריהער אַזוינע לייבּעליך, אַזאַ רב אליקום געציל, וואָס ממש די שכינה האָט אויף איהם גערוהט, געהער אַצינד דעם פּריץ! אַז אַ פּריץ מישט זיך אַמאָל אַריין, ווען עס קומט איהם אָן דער שגעון, אין אַתה־הראתה. אין הקפות און ביים אויסוועהלען גבאים. אַ וועהטיג איז דאָס אוודאי אַ גרויסער, נאָר בעפרייען זיך פון אַזאַ גלות, אויסלייזען פון פרעמדע הענד די שטאָט צו־גלייך מיט דעם מקום קדוש, דערצו האָט זיך געפיהלט דער קאַבצאַנסקער עולם צו שוואַך, צו אָרעם און פאַרלוירען כמעט די האָפנונג.

צוויי פאַרשוינען נאָר, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָבען גע־האַט איין אויג אויף דער שטאָט, קומען צו איהר, איטליכער אויף זיין דרך — איינער איז רב שמעלקי, דער אַנדערער — חייקיל חיים — צוויי נישט קיין

גלייכע מענשען, איינער מיט דעם אַנדערען קידער־ווידער ווי צוויי קעטץ אין איין זאַק.

רב שמעלקי געהער צו דעם סאָרט נפשות, אויף וועלכע עס שיקט זיך צו זאָגען, אַז זיי זענען צווישען אונז מענשען דאָס איינגע, וואָס אוגערקעס אַ שטיינער צווישען דעם גאָרטענוואַרג. עס טהוט זיך אַ וויז פריהמאָרגענס אין גאָרטען דאָרט, וואו נעכטען האָט מען גאָרנישט בעמערקט, אַ גרויסע גרינע אוגערקע, עפּעס פלוצלים, גאַר אומגעריכט. אוגערקעס, אַזוי הייסט עס, וואַקסען ביי נאַכט, אַז עס זעהט נישט קיין אויג — און אַזוי אויך די פיינע בריות. איינער עפּעס אַ יודעל, אַ שמעלקי פונ'ם געמיינעם קאַב־צאַנסקען עולם, ווער האָט איהם געהערט, ווער האָט איהם געוואוסט, איז פלוצלים פון דער ערד אַרויסגעקראָכען — און מזל טוב דיר, קאַבצאַנסק, מיט דיין אוגערקע, מיט אַ ניי־אויסגעוואַקסענעם רב שמעלקי! מאַך שהחיינו.

רב שמעלקי — ער האַלט עס היינט די קאַבצאַנסקער אַרענדע, איז אַ פאַקטאָר אין הויף, אַ מאַכער אין שטאָדט און שטאַרק געהייבען.

דאָס חשיבות פון רב שמעלקין איז, וואָס ווי שטומפּיקליך ער איז אויף דער עברי, נישט אַזאַ געלערענטער, אַזוי אַ שאַרפער אַ גרויסער פרומאַק איז ער. אַזאַ מאַמין ווי ער איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט זיין גלייכען. ער גלויבט אין אַלסדינג, וואָס נישט פאַר זיין שכל. — גלויבט אין גאָט און אויך אין רוחות, גלויבט אין חלומות, אין ניסים, אין כשוף און אָב־שפּרעכענישען. אויך די מעלה מוז מען איהם נאָכזאָגען, אַז ווי גרויס ער האַלט זיך פאַר קליינע, אַזוי קליין האַלט ער זיך פאַר גרויסע; ווי שטאַרק ער שטעהט פאַר אַ פּיטצעל כבוד דאָ אין שטעדטיל, אַזוי איז ער מוחל אויף זיין כבוד דאָרט אין הויף, אַ שטיינער, לאָז מען זיך שפּעטען פון איהם ווי־פיעל דאָס האַרץ גלוסט, מאַכט איהם נישט אויס, און ווי אַ בריה ער איז צווישען דאָס זייניגע מיט דער צונג, אַזוי נעהמט איהם דאָס לשון, ציטערט פאַר דעם פריץ'ס אַ בליק.

רב שמעלקי, אַ שטיינער, האָט, זינט ער איז אַ רב שמעלקי, שטאַרק חשק צו די לייבעליכעס שטאָט, ווייסענדיג ביי זיך זעהר גוט, אַז דורך דעם וועט ער ווערען געהויכט. ווי באַלד ער בעזיצט די שטאָט אין מזרח, האָרט נעַ־בען ארון־קודש קרוינט ער זיך שוין מיט אַ פיינזילבערנער עטרה אויפ'ן טלית, בעקומט ער שוין מיט רעכט, לכל־הדעות, די בעסטע עליה, ששי, און צו־גלייך דערמיט דעם טיטעל מורנו — אַזעלכע זאַכען, וואָס קיין בעסערס, קיין העכערעס דערפון איז ביי יודען מעהר נישטאָ. נאָר בעטראַכטענדיג זיך, אַז דער בעל־הבית פון דער שטאָט איז דער פריץ, איז איהם באַלד מאַקי פאַר־

גאַנגען דער חשק און האָט אַראָבגעלאָזט די נאָז. אין דעם עולם'ס אַ שמועס אַמאָל: „געוואַלד, רב שמעלקי! ווען וועט שוין אונזער מקום קדוש אַרויס פון גוי'עשע הענד"? פלעגט רב שמעלקי מיט אַ פרום-זיפצעלע ענטפערען: וואָס קענען מיר טאָהן? וואַרט, ברידערליך, ביז השם-יתברך וועט רחמנות האָבען, טהאָן אַ נס, חאַפּט זיך נאָר נישט פאַר דער צייט...

יאָ, רב שמעלקי איז איין אונגערקע, אַזעלכע, וואָס וואַקסט אויס סוף זו־מער, בשעת אויף גאָטס וועלטיל רוקט זיך אָן דער גלות פונ'ם ווינטער, זי איז געל, קרום, געבויגען נישט ווי איין אונגערקע בעדאַרף זיין, האַרט, ביטער אויסגעטריקענט אָהן אַ קאַפּעלע זאַפט!...

אַקעגען אַזאַ געלער, פוילער אונגערקע, ווי רב שמעלקי, איז אַ שעהן־פריש קאַרפּירער אתרוג'ל חייקיל־חיים פון דער נייער שטאָדט — אַזוי הייסט יענער קליינער טהייל קאַבצאַנסק, וואָס אויף יענער זייט בריקעל. וואו די לופט איז אַביסעל פרייער, די איינוואָהנער דאָרט אַביסעל נישט אַזוי... ביי זיי, הייסט עס, איז אויך רעכט אַביסעל עולם הזה. אַלט־קאַבצאַנסק קוקט אויף זיי פאַרדרעהענדיג אַביסעל די נאָז, עפּעס דאַכט זיך איהר, ס'איז אַביסעל גראָבליך... דאַכט זיך דאָס... יודישליך און פאָרט עפּעס נישט דאָס... דאָס שיינדיל פון דער נייער שטאָדט, אָדער ווי זי הייסט ניי־קאַבצאַנסק, איז געווען חייקיל־חיים. דאָרט איז ער געבוירען געוואָרען ביי זיין טאַטען, עליו השלום, וואָס איז געווען אַ יוסטער בעל־הבית, אַ קרוב מיט די לייבעליך. דאָרט איז ער אויסגעוואַקסען, חתונה געהאַט און גע־וואוינט ביז דער איצטיגער צייט. ער בעדאַרף אַלט זיין היינט אַקעגען אַ פערציג יאָהר. אַ מושלם איז חייקיל־חיים, טאַקי ווי מען זאָגט מיט אַלע מעלות. וואָס ווילט איהר קען ער ניט? ווילט איהר לערנען, איז ער געלערענט; ווילט איהר לשון, אי'ז לשון, אָבער אַזוי מליצה'דיג, טיף, ווי הייסט עס עפּעס היינט, פּסיכעלאָגיע; טיף מיט אַלע קונצען אין דער נשמה אַריין. ווילט איהר פּאָליטיקע, איז פּאָליטיקע, און ווילט איהר אפשר חקירה, איז אויך חקירה. הכלל, ער איז אַ בעל־מוח, אַ מושלם! פונדעסטוועגען האָט אַלט־קאַבצאַנסק איהם דאָס מוחל געווען און שטאַרק געהאַלטען פון איהם פאַר זיין גוט האַרץ, פאַר זיין שעהנער בענעהמונג און צוגעלאָזקייט צום קלענס־טען אפילו. בעזאָנדערס האָט איהם אַלט־קאַבצאַנסק ליעב געקריגען זינט ער האָט זיך צו איהר איבערגעקליבען, פונ'ם נייעם בית־מדרש דאָרט זיך איבער־געטראָגען צו איהר אין דעם אַלטען. פאַר וואָס ער האָט זיך איבערגעקליבען? דערויף איז דאָ אַ סך סברות, נאָר וואָס מאַכט עס אויס, צום עסק געהער זיך

עס כּלל נישט אָן, ער האָט ליב אַלט־קאַבצאַנסק, אַלט־קאַבצאַנסק האָט ליב איהם — און, ווי אַ ליטוואַק זאָגט, פּטור!

די קלויז האָט אויפגענומען חייקיל־חיים'ן בּיי זיך אונטער־אויבען. די אַלע אַנדערע געהייבענע שטעט דאָרט זענען נישט געשטאַנען ליידיג, נאָר דער אונטער־אויבען איז אויך נישקשה. ער האָט זיך עפּעס זיין בּעזונדער מין חן. ציהעט צו זיך־צו נאָר טאַקי ווי אַ מאַגנעט. דאָרט איז געוועהנטליך אַ מקום־מנוחה פאַר איידעלע מענשען פונ'ם בּעל־הבּת'ישען שטאַנד, וואָס האָבען ליב זיך צו וואַרמען, אַריינקוקען אין אַ ספר, ניט אין דער גמרא דאָרט, וואו מען בּעדאַרף צולייגען מוח, נאָר אין אַגדתות, אין מדרש, וואו עס ווערט דערצעהלט וואונדערליכע זאַכען, חידושים ונפלאות, פון וועלכע עס ווערט עפּעס וואַרעם, גרינג אויף דער נשמה. דאָרט אונטער־אויבען הייסט עס, רעדט זיך עפּעס געשמאַק, מיט אַפּעטיט; עס פיהלט זיך אין איטליכען שמועס, אין יעגעמס אַ וואָרט עפּעס גאָר אַ בּעזונדער מין טעם. חייקיל־חיים מיט זיין געשליפען צינגעל, מיט זיין בּריה'שקייט איז פאַר זיי געווען סחורה, ווי געוויגשען. פון איהם פלעגען זיי הערען אַמאָל אַ פריש וואָרט, אַזוינס פון וואָס פריהער האָט זיך זיי אַפילו נישט געחלומט. ער האָט מיט זיינע מעשיות זיי אַיינגעגעבען שכל, צוגעגעבען מוטה, אַריינגעזעצט אין זיי פּשוט אַ נייע נשמה. די רעדליך מענשען אַרום איהם האָבען פון טאָג צו טאָג געוואַקסען, מען האָט זיך מחיה געווען הערענדיג עפּעס אַ גוט וואָרט. נישט אומזיסט האָט ער געהייסען מכלכּל חיים, ער האָט אַריינגעטראָגען אין דעם אַלט־קאַבצאַנסקער עולם אַ נייע וועלט מיט אַ ניי לעבען. בּידנע, דערשלאָגענע קאַבצאַנסקער בּרידערליך, זיי האָבען נעבּיך ערשט דערפיהלט, אַז זיי זענען אויך מענשען, אַז זייער נשמה איז אויך נישט פון קליאַטשע!

און מיט אַזעלכע מענשליכע געפיהלען ווי שטאַרק בּיטער זיי האָט געמוזט זיין, אפשר הונדערט מאָל נאָך ערגער ווי פריהער, צוזעהענדיג, אַז דאָס שטיקעל מקום קדוש, דער איינציגער טרייסט זייערער אין לעבען, דאָס איינציגע אָרט, זייער היים. זייער אַלץ־מיט־אַנאַנדער, וואו אויסצווויינען זיך אַמאָל, וואו אויסצוגיסען זייער האַרץ פאַר דעם פאָטער אין הימעל — אַז דאָס דאָזיגע מקום קדוש, דאָס חיות זייערע, איז אַצינד אין די הענד בּיים פריץ, וואָס מאַכט זיך דאַרויף אַ שפּיל, אַ געשפּעט, טהוט דאָרט וואָס ער וויל, ווי עס קומט איהם אָהן דער שגעון, ער איז דאָרט, אַז אָך און וועה, דער בּעל־הבּית, און זיי עפּעס טאַקי נאָר ווי אַיינגעבּעטענע געסט — אַ גלות, וואָס איז שווער צו דערליידען!

בּיי אַנדערע וועט די גאַנצע דאָזיגע זאַך, זיין אפשר אַ געלעכטער, נאָ־

ריעשקייטען, פון וואס משטיינס-געזאגט, מען האט דא צו ווידען! נאר לאזען יענע איבערקומען אויפן קאבצאנסקער עולם'ס שטאנד, וויסען וואס הייסט אזוינס עלענד, נויט, אבהיינגען אינגאנצען פון א פריץ, א קאפריז; וויסען וואס פאר אזעלכע נעביך הייסט אזוינס א מקום-קדוש, — אוי, וואלטען זיי דענסט-מאל געפיהלט, גערעדט, נישקשה, אנדערע ווערטער!

חייקיל-חיים האט גוט געפיהלט די מיאוסע קאבצאנסקער לאגע, ער אליין איז דאך, אין גרונד גענומען, אויך א קאבצאנסקער, און ליגט מיט זיי אינאיינעם, ווי מען זאגט, אין קוואס. ס'איז איהם געווען א בושה, א חרפה, א וועהטיג, זיין אזוי מיאוס דערנידעררינגט, לאזען זיך טרעטען ווי א ווארעם אונטער די פיס, קריכען, זינגען דעם פריץ „מה-יפית" — ניין, אזוינס איז נישט פאר איהם! ער האט זיך אריינגענומען אין קאפ, נישט אנדערש טאקי ווי בעפרייען דאס מקום-קדוש. לאז מען חאטש האבען דא ביי זיך א שטיקעל מנוחה, נישט צו זיין צו שאנד און שפאט.

איינמאל, חנוכה, ווען יודישע קינדער מ ע נ ש ל ע ן ז י ך, נעהמען זיך איבער מיט די גבורות און מלחמות פון זייערע גבורים פארצייטענס, זאגען ב ע ה א ר צ ט על-הנסים, שפילען אין ד ר י י ד י ל, אין דער האפנונג, אז זיי וועלען נאך, נישקשה, מיט דעם אויבערשטענס ניסים ד ר ע ה ע ן וועל-טען — דענסטמאל, אז חייקיל-חיים האט, אריינגעלאזען זיך אין א ברייטלי-כען שמועס איבער חנוכה, געגעבען דעם עולם צו פארשטעהען, אז ניסים זענען זיך ניסים, פונדעסטוועגען טהאן בעדארף א מענש טהאן טאקי זיינס, און ווען די חשמונאים זאלען נישט געווען אנהויבען די מלחמה מיט דעם שונא, וואלט דער נס פון חנוכה נישט געקענט זיין, איז ער אט פונ'ם דאזיגען שמועס ארויף אויף דעם קאבצאנסקען מקום-קדוש, וואס איז אין פרעמדע הענד, און בעוועגט דעם עולם, פרויוען זיך טהאן וואס נאר מעגליך, אז זיי זאלען זיין די בעלי-בתים דארט. — איך פון מיין זייט, האט ער גע-זאגט, בין גרייט צו טהאן אלסדינג, נישט שפארען קיין מיה, קיין צייט, אבי ווילט איהר נאר, עס זאל קיין מניעה נישט זיין פון געלד. די האניג-זיסע ווערטער זיינע האבען זיך איהם געגאסען פונ'ם מויל גלייך די קאבצאנסקער אין הארץ אריין. די זאך איז אריין אין טעם, וואס ווייטער ווייטער זיך פאר-ברייט, ביז לסוף האט געקלונגען מיט איהר גאנץ קאבצאנסק.

רב שמעלקען איז די דאזיגע זאך געווען ווי א מעסער אין הארץ, עס האט איהם געשטאכען ביז אין דער זיבענטער ריפ. פאר וואס? ערשטענס, דערפאר וואס אימליכער גראבער יונג, דערצו נאך א פרומאק, האט אמת פיינט א מענשען איין איידעלען, א געלערנטען. דער גאנצער טהוער דדינגען

איז דאָך חייקיל־חיים, וועלכען ער קען נישט אָנקוקען. צווייטענס, דערפאַר וואָס חייקיל־חיים קען מיט דער צייט זיך דערשלאָגען צו די לייבעליכעס שטאַט, און דעם כבוד האָבען ווילט זיך דאָך איהם אַליין. דריטענס, דערפאַר וואָס איז אַ מורא איינצורייסען מיט דעם פּריץ, ער קען ברוגז ווערען און דורכדעם זאָל עס איהם חלילה שאַדען צום עסק, צו דער אַרענדע. און פערטענס איז גאָר פּשוט, דערפאַר וואָס אַ רב שמעלקי מוז זיין תמיד דאַווידער, וויל יענער אַזוי, וויל ער דוקא פאַרקעהרט; זאָגט יענער „יעהופּעץ" זאָגט ער אויף־צו להכעיס „בויבעריק"... פונדעסטוועגען האָט רב שמעלקי זיך דאַרויס כלומרשט גאָרנישט געמאַכט, אַלץ געזאָגט ווערטליך, געפרעגט קשיות מיט אַ שמעכעדיג שמייכעלע, אַ שטייגער אָט אַזוי:

— ווילט איהר, הייסט עס אַפּנים, ווי פריהער פּילייגעוועזען אין מקום־קדוש, פאַרגעסט־זשע נישט, מיינע ליעבע יודען, אַז די שטאָט דאַרט געהערט דאָך פאַרט דעם פּריץ.

— מילאָ, וואָס זשע איז? — ענטפערט מען איהם פּונ'ם עולם — דער פּריץ האָט דאָך זי אין האַנד פאַר חובות, נו ווערט מען זי אויסלייזען.

— און געלד, מיינע ליבע יודען? ווער ווערט עס געבען געלד, אפשר אייער מכלכל חיים?

— נישקשה, רב שמעלקי! געלד ווערט זיין, לאָז נאָר קאַבצאַנסק וועלען.

— קאַבצאַנסק! אַ געלעכטער חלעבען, זעהט איהר — אויף צו נעהמען, אָך, איז דאָ אין קאַבצאַנסק, אָהן עין־הרע, זעהר פיעל בעלנים! נאָר לאָז זיין אפילו אַזוי — אויסלייזען. געלד איז דאָ, ווערט דען, פרעג איך אייך, קאַבצאַנסק אַ סך דערפון אַרויסקומען? גאַנץ קאַבצאַנסק אין מזרח־וואַנד ווערט דאָך נישט אַרויפקריכען, הייגט צו וואָס, נאָך אַמאָל פרעג איך אייך, זאָל...

— שאַ, לאָזט זיך דינען, רב שמעלקי! פאַלט איהם אַריין אין די רייד איינער פּונ'ם עולם; דאָ געהט נישט מעהר, פאַרשטעהט איהר, ווי אין דעם פינטעלע, אין דעם י ו ד י ש ע ן פּ י נ ט ע ל ע. יודישט מען די שטאָט, דאָס הייסט זיצט ווידער אויף איהר אַ יוד, געווינט דורך דעם גאַנץ קאַבצאַנסק זעהר פיעל. זי ווייס דענסטמאָל, אַז זי האָט אַ מקום־קדוש, און דאָס אַליין ווערט איהר צוגעבען אַ שטיק געזונד, פרישע קרעפטען און שטאַרקען דעם גייסט. חי ווערט הייסען געלעבט!

— פּ ש ש ש! מאַכט רב שמעלקי, פאַרקרימענדיג זיך מיט אַ זויערע מינע, אוי, ווערט זיין חי געלעבט, אוי, ווערט מען וויסען וואָס הייסט אַזוינס דער'רגזנ'ען אַ פּריץ!

**מעהר האָט רב שמעלקי נישט געזאָגט; ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען שפּעטער, האָט ער מעהר טאַקי געטהאָן ווי גערעדט.**

**אַי, האָט זיך עס פון יענער צייט אָנגעהויבען טהאָן, טהאָן!...**

**זומער** איינמאָל אין דער פריה, אַז דער קאַבּצאַנסקער עולם איז מיט די טלית=און=תפילין=זעק געגאַנגען פריי צושפּילעט, די הערצער אָפען אַקעגען דער זון, משונה הנאה האָבּענדיג, ווי זי בּאַקט, וואַרעמט גאָר מחיה; גענזעהען פאַר זיך גאָטס שעהן וועלטיל: בּוימער, גרינס, געוועקס, אָבשאַצענדיג בּיי זיך אין געלד די סחורה, דאָס גערעטעניש, הייסט עס, אין גאָרטענוואַרג: ציבּעלעס, רעטיך, קאַרטאָפעל, וואָס וועט, געלויבּט דער אויבּערשטער, זיין היינטיגס יאָהר, — מיט אַ=מאָל הייבּען זיך אויף פון עק גאַס זיילען שטויב, עס לאָזט זיך הערען אַ רעש, אַ געפּילדער: מע, מו, מע=ע! ערשט וואָס? דאָס מעקעט=מוקעט, לויפט הונגעריג, פערשמאַכט די טשערדע בּהמות צוריק פונ'ם פעלד, גאָר פלוצלים, נישט אין דער געוועהנליכער צייט. עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ בּייז וואונדער: האַ, וואָס איז? און דער עולם בּעקומט בּאַלד טאַקי די פינסטערע בּשורה: אוי וועה! דער פּריץ וויל מעהר נישט לאָזען פיטערען זיך בּיי איהם אויפ'ן פעלד די יודישע בּהמות ווי פריהער.

שלעכט, גאָר ניט קיין גוטער משא=ומתן!... לויפט מען דאָך מסתמא אין הויף צום אָרון הגדול, וויינען, בּעטען. איז אָבער צום פּריץ נישט צו צוטרעטען, מען לאָזט נישט אויף דער שוועל. פאַלט מען אַריין מיט אַ געבּעט צום עקאָנאָם: טאַטעניו, האַרצדיגער, העלף! זאָגט ער: יודעלי'ך=יודלאַקעסליך. ניין! — שרייט מען: אוי, נשמה'ניו, ליובּעניו, פאַר וואָס? — ענטפערט ער: דער פּריץ איז בּייז. איהר יודעליך=חאַלאַמייעליך, האָט ער געהערט, „ווילט איהם פאַרטרייבּען פון דער שטאָט. — איז מען, ווי דער שטייגער איז, איהם מטמא, אַריינשטעקענדיג איהם אין דער האַנד אַ מטבּע. — נאַ, טאַטעניו, נשמה'ניו, נעהם! ער זאָל חאָטש בּגנבה לאָזען יודישע בּהמות זיך פיטערען ערגעץ=וואו און אַוועקוקען, צומאַכען די אויגען. די מטבּע נעהמט ער — ער איז בּטבע נישט קיין שלעכטער מענש — און בּאַלד טאַקי בּעט ער ווייטער. — הכּלל, ס'איז געמאַטערט, עס קומט אָן, שונא ציון, מיט ווערעם.

**און געשטעקט אין דערמיטען, ווי מען איז זיך דערגאַנגען, האָט רב שמעלקי, דאָס איז געווען זיין מלאכה.**

אָט דענסטמאָל, איז אַרויס דאָס פייער — אַ כּעס, אַ צאָרען, אַ מחלוקת, און קאַבּצנסק ווערט צוטהיילט אין צוויי מחנות, אויף מעסער=שטעך איינע מיט די אַנדערע.

די פון חייקיל־חיים׳ס חברה־לייט, אָדער ווי זיי הייסען דאָרט מכלכל־חיים׳ניקעס, שווייגען נישט אין זייער זאַך: — זיי פייערען. יענע, פון רב שמעלקעס לייט, שמעלקעניקעס, הייסט עס, בעלי־בתים פראַקטישע, וואָס די פרנסה זייערע איז פון דער אַרענדע, שווייגען אויך נישט. — פייערען.

און צווישען די צוויי פייערען זענען צו ערשט געשטאַנען די קאַבצאַנס־קער בהמות, און דערנאָך, — אַ ביטער רחמנות נעביך — די קאַבצאַנסקער כלי־קודש.

מילא, בהמות זענען בהמות, קיה הייסט עס שטילע ברואים מיט דרך־ארץ. פון זיי, אַז זיי האָבען אַמאָל געהונגערט, געהינעט אין דער היים, איז אין נאָך געווען צו דערליידען. ציגען אָבער, שקצים, ווייסע־חברה׳ניקעס, אַז זיי געהען נישט אין חדר, אין פעלד הייסט עס, קעהרען זיי אַ וועלט און זע־נען פול אין אַלע ווינקעלעך. מען בעדאַרף וויסען, אַז אין קאַבצאַנסק איז דאָ אַ גרויסע עדה ציגען, ווי באַלד זיי איז נישט דערגאַנגען אַמאָל אין דער קישקע, האָבען זיי אָנגעטהאָן מעשים — געשפּרונגען אין די גערטנער, גע־קראָכען וואו מען בעדאַרף נישט, געחאַפּט אין מאַרק פון די טולטערס און אויפ־געווייגעלט אַ קעגען זיך אַ שטאָדט מיט מענשען און מיט הינט, להבדיל. וואו ערגעץ אַ הונד האָט געפּעגט אַ טויל, געבילט, געהאַויקעט, זיך געלאָזט הער־רען ווייט איבער די גאַסען. די שטאָדט איז געווען אויף, פּשוט נישט אויסצו־האַלטען. מען געהט אַרום דול אָהן קאָפּ און מען איז גערען ווי מעגליך פון דער צרה פּטור צו ווערען. — אָט דאָ הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט געלד, די אַלטע מעשה מיט צונויפנעהמען ביים עולם געלד! און מיט צונויפ־נעהמער האָט מען ברוך השם, קיין דאגה ניט, הלואי אַזוי פיעל געלד וויפיעל צונויפנעהמער עס זענען דאָ. די נעהמען צונויף געלד פאַר דעם עקאָנאָם מיט די בעדינטע אין הויף, לאָז מען חאָטש האָבען אַ חיי שעה, אַ רוהיגע מינוט פון די הונגעריגע בהמות; יענע נעהמען צונויף אויסקויף־געלד פאַר דעם פּריץ, און נאָך אַנדערע נעהמען צונויף גלאַט אַזוי געלד, אויף הוצאות, הייסט עס. יודען, זאָגט מען, גיט געלד! פון איטליכם בהמה אַזוי פיעל און אַזוי פיעל...

ערגער נאָך פון די בהמות איז געווען נעבעך די כלי־קודש: רבנים, חזנים, שמשים, שוחטים אַ שטייגער, זיי איז געווען ביטער און פינסטער פון אַלע זייטען, סיי־ווי־סיי, וואוהין זיי זאָלען זיך נישט קעהרען, ווענדען, וועט ברענען אויף זיי אַ פייער פון דעם אָדער פון יענעם צד. ביידע צדדים זענען צו׳להכעיס׳ניקעס, טהוען אין דער גאַל אַריין איינער דעם אַנדערען. פאַר גרויס פאַרכט און איבערראַכטעניש האָבען זיי, די כלי־קודש הייסט עס, ווי די

צזדולטע זיך געחאַפּט, אַליין נישט רעכט צו וויסען אויף וואָס פיר אַ וועלט זיי זענען, און מקיים געווען אַלסדינג: אַ שמעק דאָ, אַ שמעק דאָרט, אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ דעם, אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ יענעם, אַ שפּרונג אַהין, אַ שפּרונג אַהער, און אַ שפּרונג־אָב צוריק — נישט אַהין און נישט אַהער. אַלסדינג האָבען זיי געטהאָן, זיך געשטרעקט, ווי מען זאָגט, אין אַלע עקען — און זענען נעבעך אומגעקומען, געוואָרען קדושים, אַ שיינע ריינע כּפּרה פאַר יודישע קינדער! עס רעש'ט זיך קאַבּצאַנסק, און דאָס מחלוקת דאָרט וואַקסט, וואַקסט!

דען כּפי ס'איז בּעקאַנט, מאַכט זיך נישט אין דער וועלט קיין זאַך, וואָס זאָל נישט מיטבּריינגען מיט זיך צוגלייך איהרע געוויסע בּעשעפּענישען און דינען זיי פאַר אַ מיטעל צום לעבּען. אין אַ בּלאָטע, אַ שטייגער, האַלטען זיך טייפעל; אין אַ קאַליזשע — זשאַבּעס; וואו אומריינינגקייט־שוויבּלען־גריבּלען אַלערליי מיני שרצים, און וואו קריעג, מחלוקת — שפּראָצען, קומען אויף מענשליך אַזוינע, דער שוואַרץ יאָהר וויסט ווער זיי זענען, וואָס ציהען דערפון די פּרנסה בּכּבוד, זענען שטאַרק אין דער מאָדע און גילטען בּיי אַלע נאַראָנים.

אָט אַזוינע מענשעליך, אַזעלכע מאָדנע נפשות עפּעס גאָר נײַע מיני־כּלי־קודש, זענען אַרויפגעשוואומען אויך דאָ, אין קאַבּצאַנסק, בּשעת דער מהומה, געוואָרען רעדעל־פיהרער און זיי האָט געטויגט צום עסק אונטערצובּלאָזען דעם פייער, די שנאָה זאָל וואַקסען. זייענדיג לפנים הייסע חסידים חייקיל־חיים'ס, האָבּען זיי געמיינט בּיי זיך, איהם צו פיהרען בּיי דער נאָז, ער זאָל בּיי זיי זיין ווי דער בּער בּיים ציגיינער, וואָס פיהרט זיך מיט איהם אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט, שפּילען די קאָמעדיע, זינגען, טאַנצען — און מאַכען די קאָפּיקע.

— קומט, חברה — האָבּען די מענשעליך געזאָגט — קומט, לאָמיר נעהמען קאַבּצאַנסק אין אונזערע הענד אַריין!

קאַבּצאַנסק האָט עס דערהערט, איז זי פאַרצאַפּעלט געוואָרען! עס האָט אין איהר געקאָכט און געראָישט ווי אין ים בּשעת אַ שטורמווינד. פון בּיידע מחנות זענען אַרויס גבּורים אויף אַ מלחמה איינע אַ קעגען די אַנדערע — און די ערשטע הייסע פייערדיגע פּעטש זיינען געפלויגען אין קלויז איבּער גבּאות... פון דאָרט זענען זיי געפלויגען ווייטער ווייטער, אַ שרעק! אַ קאַטאָוועס עפּעס אַז יודישע קינדער צושפּילען זיך די געבּליטען, דערנסטמאָל הערט מען נישט אַ וועלט, לייגט מען נישט קיין כּבוד יונגע אויף אַלטע,

קינדער אויף טאטעס, אין עם־הארץ שעמט זיך נישט צו זאגן א דעה אין לערנען!...

פעטש זענען געפלויגען און פליהען נאך עד היום, — און די קאב־צאנסקער יודען, אז אך און וועה צו זיי, האבען טאקי נעביך א פנים ווי די אויסגעפאטשטע!

די זאך גופא, פון וועלכער די אלע קריעג האבען זיך גענומען, האט שוין נישט אזוי אויסגעמאכט, גלאט דאס קריעגען זיך אליין איז געזוען א געשעפט, ביי א טהייל געהט עס אינגאנצען נישט מעהר ווי אין נצחנות, עס מעג זיך זיין וואס עס וויל, אבי וויזען יענע ווער עלטער ער איז. פון גע־רעכט נישט גערעכט, פון י ו ד י ש ק י י ט נ י ש ט י ו ד י ש ק י י ט, ק ע־נ ע ן נ י ש ט ק ע נ ע ן — איז דא ניט די רייד, דער עיקר איז אויס־פיהרען. און ווידער ביי א טהייל, ביי יענע מענשליך, א שטייגער, געהט עס נישט מעהר ווי אין דער פרנסה, דערווייל איז עס דאך איין עסק — הו־הא! א לויפעניש, א פליהעניש אהין אהער, א שרייבעניש. א שושקעניש, און דער־לייגען צום פאלק ישראל נישקשה דערלייגט מען נישט, אך. מען מעג איהם, אודאי, ליב האבען...

די אלטע כלי־קודש זאלען זיך מיהען, האבען דאך אויך ליב געהאט דאס פאלק ישראל, געקרעכצט אויף גלות השכינה. נאר די היינטיגע קאב־צאנסקער נייע כלי־קודש האבען איהם ליב און קרעכצען אויף גלות השכינה טע־טע־טע, גאר אויף דער נייער מעטאדע... היינטיגע זענען נישט קיין פארוויינטע נשמות ווי די אלטע. היינטיגע זענען גרויסע בעלי־בטחון׳ס. אין הארצען מעגען זיי זיך וויסען, אז ס׳איז פע, דאך מאכען זיי א פרעהליכע מינע, זענען תמיד אויפגערוימט מיט שיינענדיגע פנים׳לעך, פארזיכערען, אז זייער צד איז געהויבען, עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין רעכט — לאזען, הייסט עס, די שמעלקעניקעס צופוקעט ווערען!

ס׳איז א פוקעניש, א צעזעטצעניש,ביידע צדדים זענען אנגעצונדען, לע־גען צו קנויטליך איינער דער אנדערען, און קאבצאנסק קאכט.

אינמיטענדרינען, ווי דא טהוט זיך אזוינס, העכערט דער פריץ דעם צינז פון די קאבצאנסקער הייזער, א צעהן מאל מעהר ווי פריהער, און לאזט מודיע זיין די בעלי־הבתים מיט דעם הארבען ווארט, אז ער וועט איינגעבען פארמאלנע וואו מען בעדארף, אז מען זאל יענע, וואס ווילען ניט צאהלען וויפיעל ער האט געשטעלט, ארויסטרייבען פון זייערע הייזער, וואס שטעהען אויף זיין גרונט. עס ווערט א גערודער, א קאכעניש אין דער גאנצער שטאדט: גוואלד רבונו של עולם, ס׳איז דאך נישט אויסצוהאלטען. ס׳איז שוין

איבער די כחות! לויפט מען דאָך, ווי דער שטיינער איז, אין הויף, צום פּריץ. אַדוני פּריץ! שרייט מען, פאַלענדיג איהם צו די פיס: אָ, זאָל ברומען דיין רחמנות אויף אונז! — דער פּריץ אָבער ענטפערט נישט קיין וואָרט. ברומען ברומט אַפילו — נאָר דאָס ברומען הינט, דער פּריץ האָט אָנגערייצט אויף זיי זיינע הינט. חאַפּט מען די פיס אויף די פּלייצעס און מען אַנטלויפט... אַז בקשות העלפען נישט, מאַכט מען זיך האַרץ שטעלען זיך דעם פּריץ אַקעגען. וואָס הייסט? טענה'ט מען, ציגנז איז ציגנז, איין מקח אויף תמיד. די הייזער זענען אונזערע, פון אָבות אַבותינו. וויל ער נישט מיט גוטען, מוז מען זיך מיט איהם לאָדען. אַדרבה, טאַקי אַיינגעבען. נישקשה, ס'איז דאָך דאָ עפּעס יושר, מענשליכקייט אויף דער וועלט!

האָט קאַבצאַנסק, ברוך־השם, אַ נייעם עסק! בעדאַרף מען דאָך שתדלנים. אָך, דאַרוף זענען דאָך עפּעס דאָ מענשליך, יענע בריה'ס־מענשליך! עס פערשטעהט זיך מען קלייבט זיי אויס צו שיקען אַהינצו, אין דער גובערניע. בעדאַרף מען דאָך אויף הוצאות. אַ פאָהר אַהין אַ פאָהר צוריק, אַיין עס, אַ טרונק קאָסט דאָך געלד, און וואו זענען ווייבער? די ווייבער אין דער היים איבערלאָזען בעדאַרף מען דאָך עפּעס אויך. — טרעסעלט מען אויס אַלע פּושקעס. פון יענעם געלד, וואָס פון די בהמות, פאַרנעהמט מען אויך. קאַבצאַנסק ברייננט זיך אויס. קאַבצאַנסק טהוט זיך אַריין איינגאַנצען אין „זאַקאָנעס“, קינד־און־קייט שאַרפען דעם מוח, טהוען־אויף סברות, ווי די געלערנטע אַדוואָקאַטען. ס'איז דאָ צווישען זיי אויך, אָהן עין־הרע, פיעל גרויסע און קליינע יאַבעדניקעס. קאַבצאַנסק ליגט אין קאָפּ נישט מעהר ווי איהר משפּט, עס קריכט איהר אַרויס די אויגען וואַרטענדיג דעם סוף. ברוך־השם, זיך דערלעבט. עס הויבט זיך אָן דאָס לאָדעניש — און מען פאַרשפּיעלט! — באשר וואָס איז? לערענט מען דאָרט דעם פּשט, ציגנז, אמת טאַקי, טאָר אַ פּריץ נישט, על פּי דין, העכערען. נאָר אַזוי ווי פאַר עטליכע יאָהר צוריק האָט דער קאַבצאַנסקער דוקעס מוסיף געווען פאַר איטליכען בעל־הבית אין קאַבצאַנסק עטליכע קאָפּיקעס אויף דעם ציגנז, און קיינער האָט זיך נישט געמאַכט דאַרוים און בשעת צאָהלען נאָך צושריבען זיך ביי איהם אויף פּאַפּיר, הייסט דאָך עס שוין זינט דענסטמאָל, אַז זיי, די קאַבצאַנסקער בעלי־הבתים, זיטצען אויף דעם דוקעס ערד נישט בתורת ציגנז ווי פריהער, נאָר בתורת אַרענדע, און די אַרענדע האָט דער דוקעס רעכט, על־פּי־דין, צו העכערען ווען ער וויל און וויפיעל ער וויל. לא די וואָס פאַרשפּיעלט, בעדאַרף נאָך קאַבצאַנסק צאָהלען די הוצאות פון'ם משפּט, עפּעס גאָר אַ גרידע געלד!

**אָט ווי קאַבצאַנסק איז פאַרקראָכען פון איין צרה אין דער אַנדערער.**

און האָט זיך שטאַרק פערפּלאָנטעט! נאָר ווי אָבער פּלאָנטעט מען זיך דאָ אַרוים? אין אַיין אַנדער צייט, אַז קאַבצאַנסק זאָל געווען זיין אין דער קלעם, וואָלט זי נעביך טאַקי קיין עצה זיך נישט געקענט געבען. משטיינס־געזאָגט וועך? היינט אָבער איז נישט דאָס קאַבצאַנסק וואָס פריהער. היינט איז דער עולם איהרער גאָר עפּעס אַנדערש. די שטענדיגע מהומות, וואָס אין דער לעצ־טער צייט, האָבען איהם צוקאָכט דאָס בלוט, צורייצט, אויפגעוועקט אין איהם דעם עזות־פּנים. אַ קאַבצאַנסקער יוד היינט איז פלאַם־פייער, שטאַרק אָנגעלאָ־דען, נאָר עפּעס אַ וואָרט נישט אַזוי ווי ער וויל, שיסט ער אוים מיט שאַרפע, שטעכעדיגע ווערטער, וואָס פליהען מיט אימפּעט איהם פונ׳ם מויל אויף שרוי־פען, די שטענדיגע עסקים, וואָס אין דער לעצטער צייט, האָבען געמאַכט פון די קאַבצאַנסער ווילדע חכמים, עצות־געבער, דעות־זאָגער אין האַנדעל, אין לאָדעניש, אין באַנקירסקע און אַלע אַנדערע מיני געשעפטען, וואָס אין דער וועלט. דיפּלאָמאַטיע, פּאָליטיקע, אַ שטייגער, פּראַטאָקאָלען, אַפּעליאַציעס, וכדומה — דאָס זענען אַזעלכע זאַכען, וואָס יונגליך, קלויזניקעס, האַלטען עס שטענדיג אין מויל און זענען זיך דרינען מפלפל. מיט עצות האָט קאַבצאַנסק, ברוך־השם, שוין נישט געהאַט וואָס צו זאָרגען. דאָס אומגליק אָבער איז, וואָס צופיעל. אַ טהייל האָבען געזאָגט מען זאָל אונטערשיקען צום פּריץ איי־נעם פון זיינע מקורבים, בעטען רחמים, שטיצענדיג זיך אויף דעם עולם׳ס אַ ווערטיל: אַז מען קען נית אַריבער, מוז מען אַרונטער. ווידער אַ טהייל האָ־בען געזאָגט: יאָ און ניין! אונטערשיקען יאָ, טאַקי אונטערשיקען, נאָר בעּ־טען רחמים גלאַט פּראָסט, ניין! עס בעדאַרף זיין מיט פּאָליטיקע — אַ שטיי־גער געבען איהם אין שמועס אָנצוהערעניש מיט אַ פּרעג: וואָס פיר אַ ווערטה קען האָבען זיין קאַבצאַנסק אָהן קאַבצאַנסקער למשל?... און נאָך אַ טהייל האָבען געשריגען: עט! אויף רחמנות, אויף יושר איז לאַנג צו וואַרטען, אָנצוהערעניש איז גאָר נישט. דאָס בעסטע מיטעל איז אַיין אַפּעליאַציע אַהין, אין די הויכע פענסטער. נישקשה, אַיין עדה מענשען, אַבי זי וויל נאָר, וועט אויספיהרען... הכּלל, די אַזוי, יענע אַזוי, נישט קיין גלייכע דעות, און ווי־פיעל דעות אַזויפיעל צדדים. קאַבצאַנסק פערקריכט ווייטער און פאַרפּלאָנ־טעט זיך נאָך מעהר!

גוט יום־טוב! — ס׳איז פּסח. נאָך אַזויפיעל קאָפּדאַרעניש, אַזויפיעל בויכ־וועהטיג אַריינגעבראַכט, געלויבט איז גאָט, דעם טהייערען גאַסט, דעם פּסח! דער פּסח לאָזט זיך פיהלען אומעטום: אין שוהל, אין דער היים, אין דער לופט שמעקט מיט פּסח — מיט זיינע קניידלעך, זיינע חרעמזליך און זיינע אַלע גוטע זאַכען. ער קריכט אויך אַריין איטליכען, גרוים און קליין, אָרעם און רייך, טיף אינוועניג אין דער נשמה. עס ווערט עפּעס ליכטיג, פרעהליך

אויף דער נשמה, קאַבצאַנסק שיינט! אָרעם נעביך, נישט אַזוי געקליידט, רייך מיט דער מאָדע, אַ ווייס חעמד צום לייב מיט אַ אַלטער שבת׳דיגער קאַפּאָטע די גאַנצע הלבשה — און שיינט! עסט נישט קיין אינדיקעס, קיין קאַמפּאָטען, טרינקט נישט טהייערע ווייגען; עסט, פון יוצא-וועגען, אַ שטיקעל פלייש מיט פריש אָנגעריבענעם חריין, אַ פּאַסטערנאַק-צימעס; טרינקט לאַק־ריצע, ראָזינקעס וויין אַ גלעזעל — און בעלעקט זיך, האָט הנאה! קוויקט זיך מיט „אתה בחרתנו“, מיט די גוטע שטיקליך פּיוט, מיט דעם גאַנצען יום-טוב׳־דיגען דאַווגען — און מען זעהט ווי זי שעפּט תענוג, עס קומט איהר צו אַ שטיק געזונד, עס רוהט עפּעס אויף איהר די שכינה.

בידנע קאַבצאַנסק, פאַרוואָגעלטע קאַבצאַנסק, נאָך אַזויפיעל צרות אַ גאַנץ יאָהר האָב חאָטש יום-טוב אַ רוהיגע מינוט!

שביעי של פסח, אַ פרעהליכער טאָג. ווען די יודען זענען איבערגעגאַנ־גען דעם ים, און די מצרים די נאָכיאָגער זייערע, זענען דערטרונקען געוואָ־רען דאָרט; ווען קאַבצאַנסק איז געווען יום-טוב׳דיג, פול מיט האָפנונג צו השם-יתברך, דעם בעשיטצער פון זיין געליבט פאָלק ישראל אין אַלע צייטען, פלוצים ווערט אַ רעש, אַ געוואַלד: מען געהט! — הע-הע, דעם פּריץ׳ס לייט, גאַנצע חאָפּטעס, געהען מיט אַ פייפעריי, שווישטשעריי, שלאָגען-אויס פענסטער, ברעכען אויבענס, רייסען בעטגעוואַנד! וואָס איז? דער פּריץ הייסט טרייבען יודען ג נ ב י ם, ש ו ו י נ ד ל ע ר, ב ל ו ט ז ו י ג ע ר, וואָס האָבען זיך פאַרקליבען צו איהם אין שכנות, אין ז י י נ ע ה י י ז ע ר, און ווילען נישט צאָהלען קיין אָרענדע געלד. אַצונד לעהרנען עס זיינע לייט מיט קאַבצאַנסק בלק!

ביז נאַכט האָבען די דאָזיגע רבי׳ס מיט דער היינט-מאָדעשער מעטאָדע געענדיגט פון בלק איין פרשה, איין גאַס הייסט עס, די טונעיאַדעווקער גאַס, לעת-עתה, וואו עס זיטצען די עכטע בלוטזויגער, די אמת׳ע קאַבצאַנסקער קבצנים, און די איבעריגע אָבגעלייגט אויף שפּעטער אַביסעל. יודישע קינדער, גוט אָנגעלערענטע, וואַלגערען זיך נאַקעטע, הונגעריגע אין נעטץ, אין קעלט, אויף די גאַסען, אונטער דעם פרייעם הימעל.

אוי-וועה, שרייט קאַבצאַנסק, אַ דונער האָט מיך געטראָפען!

וואָס-זשע נעביך טהוען יודישע קינדער? וואַלגערען זיך דאָ אויף דער גאַס איז קיין תכלית נישט, שרייען איז אויך ניט קיין גוטער משא-ומתן, נעה־מען יודעליך און ריהרען זיך פון אָרט: אַ טהייל שלעפּען זיך אַוועק ווייט אין עק וועלט און אַ טהייל שטופּען זיך אַריין דערוויייל אין ניי-קאַבצאַנסק,

מאַכען דאָרט אָן אַנ'ענגשאַפט און שטעהען די נײַ־קאַבצאַנסקער אין דער גרגרת. און דאָס פערשטעהט דאָך אַפילו אַ קינד אויך, אַז עס שטעלט זיך נישט־דאָ־געדאַכט, אַ ביין אין האַלז הוסט מען, קייכט מען מיט אַלע כּוחות, פונ'ם ביין ווי־ס'איז פּטור צו ווערען, דעריבער האָבען די נײַ־קאַבצאַנסקער נעביך גאָר נישט ווילענדיג שטאַרק זיך צוהוסט, דאָס הייסט געאַרבּייט אויף אַלע כּלים, ווי לײַז צו ווערען פון אַזאַ אָנשיקעניש, פון אַזוינע כּפול־שמונה־דיגע קבצנים. און געזוכט מיטעל, ווי צו שטילען דאָס פייער אין אַלט־קאַבצאַנסק, אַז זייערע ברידערליך דאָרט זאָלען מעהר נישט קומען צו אַזאַ מיאוס'ער לאַגע, זאָלען זיצען רוהיג בּײַ זיך אין דער היים און אויך זיי אויף־ווייטער לאָזען צו רוה. בּײַם פּריץ זענען זיי געווען שטיקליך תּקיפים. קיין סכסוכים צווישען זיי מיט איהם איז קיינמאָהל נישט געווען, און אַרויסשטעלען זיך איהם אַקעגען פאַר דעם מקום קדוש מיט דער שטאָט דאָרט, האָבען זיי אַפילו אין זינען נישט געהאַט... ווײַסענדיג זעהר גוט זיין קאַפּריז. אַלסדינג איז ער גרייט אַמאָל נאָכצוגעבען, נאָר נישט אויף קיין האָר פון זיין קאַפּריז. בּכן קומען זיי צו חייקיל־חיים'ן מיט אַזאַ פּלאַן:

הערט אויס, רב חייקיל־חיים! מיט קאַבצאַנסק שטעהט עס אַצונד שמאָל. אַז אָך־און־וועה צו איהר צו וואָס זי איז געקומען פאַר איהרע זינד! זי ברויכט באַלד טאַקי הילף. מיט אַ פּריץ מאַכט מען נישט מיט געוואַלד. דער פּריץ איז אַ פּריץ און קאַבצאַנסק איז קאַבצאַנסק. מען בעדאַרף נאָכגעבען זיין שגעון. מיט דער צייט קען ער ווערען ווייך ווי אַ טייג, האָטש צולייגען איהם צו אַ געשוויר. נאָר אַצונד לאָזט איהם אָב, אָט דעם קאַפּריז... קורץ גערעדט, רב חייקיל־חיים, מאַכט זיך נישט וויסענדיג אַצונד פון דער שטאָט אין מזרח־וואַנד, איבער וועלכער עס האָט די גאַנצע קאַשע זיך פערקאָכט. און כּדי פערבלענדען דעם דוקעס די אויגען, ער זאָל מיינען, אַז איהר האָט זי שוין מעהר אין זינען נישט, נעהמט אָן, זייט אַזויפיעל גוט, אָט די שטאָט, וועלכע מען לייגט אײַך איצט פאַר, אויך טאַקי אין מזרח־וואַנד, נאָר ערגיץ אַנדערש, ווייטער אַביסעל. אין פאָלעש פון דער אַלטער שוהל געפינט זיך, ווייסט איהר דאָך, אַ פינסטער קעמעריל, אַ ליידיגס, וויל מען, הייסט עס, דאָס קעמעריל גוט צורעכט מאַכען מיט אַיין אָרון קודש, מיט אַלסדינג, ווי אַ שטיבעל בעדאַרף זיין, פאַר אײַך מיט אײַערע לייט, וואו איהר וועט זיין דערוויל, פערשטעהט איהר? די גאַנצע בּעלי־בּתים. — ווי באַלד איהר טהוט עס, וועט געשטילט ווערען דעם פּריץ'ס כּעס און ממילא פאַרבעסערט ווערען די יודישע לאַגע... שונאים, ווי אַ רב שמעלקי, אַ שטיינער, וועלען אויך פאַרשטומט ווערען, בּלייבענדיג דאָ אַליין די איינציגע פיינע בּריות, און אומגעשטערט פאַרנעהמען צו זיך די אַלע

כּבודים, גבּאות, עליות וכּדומה — לאָזען זיי זיך דערמיט וואַרגען!

פון חייקיל-חיים׳ס וועגען און אַ טהייל פון זיינע לייט וואָלט די זאַך גאָר ניט קרום געווען. האַ, אפשר איז באמת טאַקי דערוויי ל אַ סברא! פאַר וואָס ניט? נאָר פאַר געוויסע מענשליך, כּלי-קודש, איז דער דאָזיגער פּלאַן געווען אַ סם, סטייטש, אַז אוים מחלוקת, אוים פייער ווי-זשע וועלען זיי ברענען אַ וועלט? לאַ! האָבען זיי געשריען, אוים דער הויט געשפּרונגען, און אויפגעריהרט גאַנץ קאַבּצאַנסק.

און ווי האַלט עס אין קאַבּצאַנסק אַצונד?

אוי, שלעבּט, ס׳איז אַ מהומה, יודען שלעפען זיך אַוועק מיט די טאָר־בּעס אין דער ווייטער וועלט — און ס׳איז אַ מעשה אָהן איין עק!...

# די ענטדעקונג פון וואהלין.

## גענומען פון די חראניקעס.

---

אין א יאָהר אַרום נאָך דער בעוואוסטער שרפה האָט זיך אָנגעהויבען אין דער ליטאָ, לויט ווי עס שטעהט אין די חראָניקעס, דער גרויסער הונגער, נישט היינט געדאַכט.

עד היום ליגט יענע שווערע ביטערע צייט יודישע קינדער אין טעם. אַלטע לייט אַז זיי דערצעהלען היינט די שטאַרקע נויט, וועלכע מענשען נעביך זענען דערנסטמאָל בשעת דעם הונגער אויסגעשטאַנען, שטעלט זיך פשוט די האָר קאַפּויר הערענדיג. הונגעריגע, אָרעמענקע מענשען, אויסגעדאַרטע-אויסגעדייווערטע, הויט און ביין מיט סמאַהע אויף די ליפּען, אַיינגעפאַלענע באַקען און משונה אויסגעשטעלטע גלעזערנע אויגען, האָבען ווי די פאַרסאַמטע מייז אומעטום זיך אַרומגעבלאָנקעט, קוים פלאָנטענדיג מיט די פיס, געזוכט, געניסטערט וואָס-ס'איז עפּעס עסענוואַרג, גאָר ניט איבער צוקלייבען, גראָז איז אויך סחורה, זיך ניט גע'מיאוס'ט אַפילו דערמיט, וואָס ליגט, פוילט אין דעם מיסט. הונגער דאָס איז איינס פון די ערגסטע אָנשיקענישען, דאָס איז אַ מין ליידען, ווי ברענען פאַמעליכען אָהן אַיין אויפהער אויפ'ן שטיל פייעריל. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען ווי גרוים דאָס עלענד איז געוועזען אין דעם ליטווישען שטעדטיל דלפוניוועקע, וואָס איז אָנגעזעצט געדיכט מיט יודען, אָהן עין-הרע, מיינסטענס, ווי דער שטייגער איז, קבצנים נעביך. גאָר אין די גוטע יאָהרען אַפילו האָבען דלפוניוועקער יודען זיך אויך נישט קיינמאָל זאַט אָנגעגעסען. אַ הערינג מיט אַביסעל ליאַק דערצו, אַיינצוטונקען דערינען אַ שטיקעל ברויט — דאָס זענען צוויי שפּייזען אַזוינע, מיט וועלכע מען האָט געוועהנטליך זעהר שעהן יוצא געוועזען דעם מיטאָג, אַ קרופּניק — נעמליך: אַ מין געקעכטס פון וואַסער מיט אַביסעל גרויפּען, פאַרווייסט לפנים מיט אַ קאַפעלע מילך, אָדער עטליכע געקאָכטע קאַרטאָפעל, אַזוינס האָט שוין געהייסען עפּעס גאָר עולם הזה, אַ סעודה ווי ביי שלמה

המלך אין זיין צייט! אַצונד איז זעהר גרינג זיך צו מאַכען אַ געדראַנג: ווען אין די גוטע יאָהרען אַזוי, וואָס־זשע האָט שוין געקענט זיין פאַר אַ מין עסען בשעת הונגער־צייט?! יאָ, דער דלפוניוויקער אָרעמער עולם איז טאַקי באמת, נישט נאָר ווי עס רעדט זיך, געשוואָלען געוואָרען פאַר הונגער, געשוואָלען וואָס געשוואָלען הייסט. אַי, וואָס, ווי געשיקט זיך עס אַזוי צו לעבען? נאָ־רעשקייטען! אַ שאלה אַביסעל אויף יודען? ביי יודען איז מעגליך אלסדינג, אַזאַ מין לעבען אויך. יודען האָבען אַ גאָט!...

צו דעם הונגער האָט זיך נאָך צוגעוואָרפען אַ מגפה, עפּעס אַ מין אונ־טערנאַגג, אַ היטציגע קראַנקייט אַזוינע. מענשען זענען געפאַלען ווי די פליי־גען און קליינע קינדער זענען אַוועק פון סקאַרלאַטינע, נישט־דאָ־געדאַכט. אין דעם עולם איז געוואָרען אַ ליאַרם, אַ געשריי: חטאים! אַנדערש האָט זיך עס נישט געקענט לייגען טאַקי אויף דעם מוח. וואָרום פונוואַנען האָט זיך עס פלוצים גענומען אַזאַ קריינק אויף אַ כלל ישראל? ס'איז שייך צו זאָגען אַ קריינק דעם, יענעם, אָבער איטליכען, ווי געשיקט זיך עס? זאָגען ווידער, אַז געקומען איז עס דאַריבער, וואָס אין דער שטאָדט איז נישטאָ קיין דאָקטאָר דאָס איז אודאי קרום. וואָרום פאַר וואָס איז עס געקומען גראָד דענסט־מאָל — בשעת דעם הונגער און נישט פריהער? נישט אַנדערש טאַקי מוז מען זאָגען — חטאים!... מען איז גוזר תענית, מען פאַסט קליין און גרויס, מעוברת'ע אפילו אויך. פון תהלים איז קיין ריידע נישט, מען זאָגט תהלים פון פריה ביז פאַרנאַכט, מען מאַכט אַסיפות, מען קלייבט אויס אַ קאָמיסיע יודען עפּעס צוטהאָן אַקעגען די חטאים, און צוליב די הוצאות דאַרויף העכ־ערט מען אַ קאָפּיקע טאַקסע אויף דעם פונט פלייש. די קאָמיסיע געהט פון הויז צו הויז איבערצוקוקען די מזוזות, טאָמיר עפּעס נאָר נישט אַזוי מאַכט מען פסול; צו בעטראַכטען ווי שטעהען פון פאָרפאָלקען, פון שכנים אין איין צימער די בעטען, נישט צונאָהענט אפשר איינע צו די אַנדערע חס־ושלום... הכלל די קאָמיסיע איז נישט פויל, מען קוקט, מען ריקט־איבער בעטען אַהין, בעטען אַהער אומזיסט אָבער די מיה — מען שטאַרבט! שווייגט מען דאָך מסתמא נישט און מען געברויכט נאָך מיטעל: ווייבער מעסטען פעלד, רייסען קברים, פאַלען אַריין אין אָרון־קודש מיט אַ געשריי, אַ געוויין, מגידים דרשה'נען, שטראָפען דעם עולם: געוואַלד יודען שלאָגט זיך אָשמנו, טהוט תשובה, יודישע קינדער! עס העלפט נישט — מען שטאַרבט!...

ווי באַלד אַזוי, מוז מען דאָך שוין טאַקי איינוועגדען אַלע כחות, פּרויוען טאָהן דאָס לעצטע וואָס מען קען. העכערט מען נאָך אַ קאָפּיקע אויף דעם

פונט פליהש און מען אכטעט אפ אהער אין שטעדטיל דעם בעריהמטען האנ־
דריקעווער רב. צו איהם זעצט מען צו דעם דלפוניווקער רב מיט די דיינים
און נאך עטליכע שעהנע־כשר׳ע יודען. מען לאזט אויסרופען אין אלע שוהלען
בחרם יהושע בן־נון, אז ווער עס וויסט עפעס א חטא, ווי הייסט מען עס...
אויף ווען ס׳איז, זאל קומען מודיע זיין דעם בית־דין צדק, וואס זיצט אלע
טאג מכח די חטאים אין דעם קהל־שטיבעל. בית־דין שיקט רופען די טוקער־
רען, פארהערט זי אין ווייבערשע זאכען, אין דינים פון מקוה און נעגעל־
שניידען. מען ציהט ביי דער צונג געניטע... אלטע נבאי׳טעס. צי וויסען
זיי נישט אפשר עפעס אויף דער, אויף יענער וואס צו זאגען. די שטאדט
וויגט זיך, א קאכעניש, א שושקעניש צווישען דעם עולם. עס טראגט זיך ארום
עפעס א קלאנג, א מומלען, מען טומעלט אויף אייגעם עפעס איין אלמן און
אויף איינער, א חצופה, איין אשת־איש. עס קומט אן ביז דער קאמיסיע
פון די רבנים, גרויסע לייט, בערען! זי לאזט רופען צו זיך יענעם,
זאגט איהם מיט דעם הארבעןווארט: הולטיי, זיי זיך מודה!... זי איז איהם
מתרה: מען וועט דיר, פושע־ישראל, טאהן דאס און דאס. אז עס העלפט
נישט מיט בייזען פריוווט מען זיך מיט גוטען, מען בעט זיך ווי פאר א גזלן:
געוואלד, האב רחמנות אויפ׳ן פאלק ישראל, אויף איין עדה יודען! געוואלד,
וואס האסט־דו צו קליינע אומשולדיגע קינדער נעביך? נאר רייד צו דער
וואנד — דער פושע ישראל איז זיך נישט מודה. טהוט מען זיך א נעהם צו
דער חצופה — הולטייקע, זיי זיך מודה! זי וויינט, חלשט, פארשטעהט
כלומר׳שט נישט וואס מען וויל פון איהר האבען. ס׳איז נאר ארויסגעווארפענע
רייד, זי, די קליפה, איז זיך אויך נישט מודה. און דערווייל איז שלעכט —
מען שטארבט! דער צארען איז אזוי וויט געגאנגען ביז צום עק, עס האט
שוין אנגערירהט העט־העט סאמע אין דעם שפיטץ. ס׳איז פארשלאפט געווא־
רען און געשטארבען איינער פון די לומדים אין קלויז. א יוד א זקן, א פרו־
מער, וואס האט געפאסט הפסקות, געדינט דעם בורא, אזעקלייגענדיג פאר
איהם ממש דאס גאנצע געזונד... אי־אי! האט מען געשריגען, אז אזעלכער
שטארבט איז שוין טאקי אוים וועלט, איז שוין קיינער נים זיכער מיט דעם
לעבען. „אם לויתן בחכה הועלה, ווען אזא שטארקער לויתן איז אויף דער
ווענטקע געחאפט געווארען, מה יעשו דגי הרקק, וואס־זשע זאלען שוין טאהן
מיר שלאפענקע פישעליך אין דער בלאטע?״ אזוי האט איהם מספיד געווען
דער שטאדט־מגיד אויפ׳ן שוהל־הויף צו דער לויה און דער עולם איז צוגא־
סען געווארען פון טרערען. דערנאך האט מען דעם מת אין קיטעל אריינגע־
שטעקט א קוויטעל — דאס איז געווען א „פראשעניע״ צו גאט, זעהר וואויל
אנגעשריבען בישיבה של מטה, אין דער קאמיסיע פונ׳ם בית־דין, על דעת

הקהל, אין דעם נאָמען פונ׳ם גאַנצען שטעדטיל. „געה — האָט מען דעם מת געזאָגט — געה, זיי אונזער שליח. ווי באַלד דו וועסט קומען אַ ה י ן זאָלסט־דו עס איבערגעבען אונזער פאָטער אין הימעל, זיך מיהען דאָרט פאַר דעם כסא הכבוד, זיין אַ גוטער מליץ, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף אונז, יודישע קינדער, נישט זיין אַזוי שטאַרק אין כעס, ברוגז אויף אונז אַ שרעק, און זאָל זאָגען דעם מלאך־המות: גענוג, לייג דעם חלף צוריק אין שיידעל אַריין! ער זאָל אויך אָנשרייען אויף דעם שטן דאָרט און אויף די אַלע משטינים דאָ, אַז עס זאָל זיי פאַרשטאָפּט ווערען דאָס מויל, עס זאָל זיי... א. ז. וו. א. ז. וו.

פאַר יודען אַזוינע, וואָס גלויבען יענעם אויפ׳ן וואָרט, נישט אַריינלאָזען זיך חלילה אין ווייטע חקירות, טאָמיר איז־עס אַזוי, טאָמיר אַזוי, און טאָמיר איז גאָר די גאַנצע זאַך אַ ליגען — זיי ווייסט, גאַנץ געווים גענוג זיין דאָס־ביסעל, וואָס איז געזאָגט געוואָרען דאָ פון יענעם קוויטעל. יענע אָבער, וואָס האָבען אַ נאַטור נישט צו גלויבען דעם עהרליכסטען יודען אפילו, ביז זיי זעהען נישט אַליין מיט זייערע אויגען, שוואַרץ אויף ווייס, פאַר זיי איז דאָ איין ענטפער: געהט, זייט מוחל, און לייענט אַליין מיט אייער כבוד אין דלפוניוור־קער פנקס, וואו די גאַנצע מעשה געפינט זיך כתוב וחתום מיט עדות כשר׳ע, פיינע־בריות, גרויסע לייט, און וואָס פון דאָרטען איז עס דערנאָך איבערגע־שריבען געוואָרען אין די חראָניקעס מיט אַ גאַנצער ממרא פונ׳ם שרייבער דאָרט, אויסלאָזענדיג זיך לסוף אַזוי: „היינט פרעג איך אייך, רבותי, מה נשתנה, מיט וואָס אַ שטייגער זאָל אַ דעפּוטאַציע צום רבונו של עולם דורך אַ מת אויף יענער וועלט זיין מעהר משונה ווי דעפּוטאַציעס צו גרויסע פריצים דורך לעבעדיגע מתים דאָ אויף דער וועלט? נאָר ווי די מעשה איז, יענע האָט בעשיינפערליך געהאָלפען: אין אַ צייט אַרום נאָך דעם קוויטעל איז די מגפה טאַקי געשטילט געוואָרען — און ליהודים אין שטעדטיל, אַ שמחה אַ פרייד אויף יודישע קינדער!״.

טאַקי גאַנץ אמת, דאָס יאָהר האָבען יודישע קינדער, לויט אַלטע לייט דערצעהלען, געמאַכט סוכות גאָר אַנטיק, אין פאַריז האָט מען קיין בעסערע נישט געקענט האָבען. ס׳איז געווען גענוג מאַטעריאַל פון דער שרפה די סוכות צובויען, פאַרשפּאָרט בענוטצען דערצו, ווי געוועהנטליך, לאָקשענברעטליך, טשאָלענטברעטליך, נאָך און נאָך אַזוינע מיני ברעטליך. פּלאַטץ פאַר די סוכות איז אויך געווען גענוג, נישט פאַרריקט, ווי אַלע יאָהר, ערגיץ אין אַ לאָך, לעבין שטאַל און אומריינע ערטער, מחילה. היינט האָט מען מקיים געווען זיטצען און שלאָפען אין סוכה ווי אין שטוב אויף רעכטען אמת טאַקי,

נישט גלאַט אַזוי זיך. יודען האָבען פאַרבראַכט דעם יום־טוב פרעהליך, נישט געזאָרגט, געלויבט גאָט און געהאָפט צו זיין ליבען נאָמען מיט בטחון.

און גאָט ברוך־הוא האָט זיינע דלפוניוויקער בעלי־בטחון'ס נישקשה ניט פערלאָזען. פון די אומגליקען האָט זיך פאַר זיי אויסגעלאָזט גאָר אַ גליק, און דורך די נויטען, שווערע ביטערע צרות האָט זיך זיי געעפענט אַ וועג אין אַ נייע לאַנד — אין וואָהלין, הייסט עס, אַ געבענשט אָרט מיט אַל־דאָס גוטס, וואָס זייער פוס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען.

ענטדעקט וואָהלין האָבען די משולחים, וועלכע דלפוניוויקע האָט נאָך דער שרפה אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט קלייבען געלד. לאָז מען נאָר קיין טעות נישט האָבען אַז אַרויסגעשיקט מיינט מען מיט געוואַלד, דאָס הייסט, מען האָט זיי געטויט פון קהל, אַלע אין איין קול: טהוט אונז די טובה און פאָהרט מאַכען געלד! חלילה, ביי יודען זאָל זיך אַזוינס טרעפען. וואָס דען? גלאַט אַזוי זיך, דריי פיינע מענשען, נויטבעדערפטיגע, בעפאַלען מיט ווייב און קינדער, אָהן אַ שום פרנסה נעביך, ווי דער שטייגער איז, האָבען מיט דעם גוטען ווילען גענומען פאַר מצוה אויף זיך די גרויסע טרחא צו זיין משולחים לטובה פאַר אַ שטאָדט יודען נעביך און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין. מען האָט זיי פאַרזאָגט מיט כתבים, אונטערגעשריבען פונ'ם גאַנצען כלי־קודש, פאָרנעהמסטע לייט, אין וועלכע מען האָט מיט הויכע מליצות געשילדערט דאָס אָנשיקעניש, וואָס אויף דער קהילה זייערער איז אָנגעשיקט געוואָרען, און געבעטען מיט אַלע מיני געבעט די קינדער ישראל, רחמנות צו האָבען אויף די נשרפים נעביך און געבען די משולחים נדבות, איטליכער כפי זיין פאַרמעגליכקייט. עס פאַרשטעהט זיך אַז חוץ די כתבים האָט מען ביים אַרויספאָהר געמוזט געבען די משולחים געלט אויך, אויף די נויטהיגע הוצאות פאַר זיך אַליין און אויף איבערצולאָזען צום לעבען זייערע ווייבער און קינדער. עס האָט געקאָסט אמת טאַקי נישט טהייער — איין קאָפּעקע נאָר האָט מען געהעבערט אויף דעם פונט פלייש!

אַ לאַנגע צייט איז פון די משולחים גישט געווען קיין שום ידיעה, גלייך ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלען. ס'איז איטליכען אין שטעדטיל געווען אַ גרויס וואונדער, גאָר ניט צו פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אַזוינס בעטייטען! מען האָט זיך געוואונדערט, געוואונדערט ביז מען האָט זיך אויפגעהערט צו וואונדערען. מען וואָלט זיך אין די משולחים שוין געווען גאָר פאַרגעסען. מוחל געווען אַלץ מיט־איינאַנדער, ווען נישט די ווייבער זייערע וואָס האָבען געפאָדערט ביים שטעדטיל מזונות, געשריגען, געפילדערט: געוואַלד! פאַר וואָס זאָלען מיר זיין עגונות, פאַרוויסטען אונזערע יאָהרען, ליידען פאַר אַנדערע?

דאָס שטעדטיל האָט געמוזט אויסשטעהן זייערע טענות און געשפּיזט די לעד־בעדיגע אַלמנות. טילא, וואָס זאָל מען טאָהן? איז נאָך אַ קאָפּעקע אויפ׳ן פונט פלייש!

פּלוצלים, גאָר אומגעריכט, קומט אָן צום רב פון די משולחים אַ בּריף פול מיט התנצלות, אַ פאַרענטפערען זיך אויף דעם לאַנגען שטיל־שווייגען, און מיט אַ קלאָגען זיך אויף דעם פינסטערען מזל, אַז נשרפים איז גאָר ניט אַזאַ געהויבּענע סחורה, ווי מען האָט געמיינט. געגוג נשרפים אַזוינע און אַזוינע שלעפּען זיך אין דער וועלט אַרום. ס׳איז געוואָרען עפּעס ווי אַ גאַנג־וועגעלע, אַ חוק, אַז ווי בּאַלד עס הויבּט זיך אָן דער זומער הויבּען אָן יודי־שע שטעדטליך צו בּרענען. עס פאָהרען אויך אַרום משולחים פון ישיבות, משולחים פון מאיר־בּעל־הנס, משולחים׳ס משולחים, ירושלמים, עגונות, אייניקלעך און יורען מיט כּתבים פון אַלערליי סאָרטען, וועלכע מען וויל. בּכן איז שאָפּעל... דאָס בּיסעל געלד וואָס זיי האָבּען געמאַכט האָט געקלעקט קוים אויף הוצאות. עס קומט זיי נאָך אַרויס, נאָר זיי זענען מוחל, גאָט זאָל זיי בּעצאָהלען פאַר זייער מיה. די ווייבּער איז אויך אָנגעקומען בּריף, נאָך מיט אַבּיסעל געלד דערצו, פון די מאַנען זייערע, וואָס בּעטען זיי שטאַרק מחילה פאַר דעם שווייגען בּיז אַהער, מסתמא איז רעכט, מסתמא אַז זיי האָבּען געשוויגען האָבּען זיי געוואוסט פאַר וואָס... געפינען, געפינען זיי זיך אין וואָהלין, זעהר אַ פעט ווינקעל, וואו זיי וועלען פאַרבּלייבּען אויף תמיד און אם־ירצה־השם מיט דער צייט מאַכען עפּעס אַ שטיקעל עסק. לעת־עתה קנעלען זיי אונטער. וואָרום אַזוי פּאַסט עס זיי צום עסק מכּמה וכּמה טעמים... אין אַ קורצער צייט אַרום — אַזוי שרייבּען זיי — וועלען מיר אייך אַלע אַרויסנעהמען צו זיך, וועט אייך מיט דעם אויבּערשטענס הילף פאַרענטפערט ווערען אַלע קשיות. דערווייל לאָז זיין אַלסדינג בּסוד. למען־השם שווייגט, זאָגט נישט קיינעם וואו מיר זענען, וואָרום דאָס טויג נישט מחמת פיעל טעמים... וד״ל.

נאָר ווייבּער זאָלען האַלטען אַ סוד, און נאָך דריי ווייבּער מיט־אַ־מאָל, אַזוינס האָט זיך נאָך נישט געטראָפען זינט די וועלט שטעהט. עס פער־שטעהט זיך, אַז פאַר גרויס פרייד האָט זיך זיי געשאָטען ניין מאָס רייד פונ׳ם מויל ווי פון אַ לעכערדיגען זאַק. זיי האָבּען דערצעהלט איטליכען די גרויסע גליקען זייערע, אָפּגעלויבּט אין טאָג אַריין וואָהלין מיט געטאָקטע ליגען, אַז דאָרט איז דאָ פון פויגעלמילך, געלד וואַלגערט זיך אין די גאַסען, און מלמדים גילט מען דאָרט אָפּ, זיי געהען אין גאָלד. הערענדיג אַזוינס מאַבען יודען נישט לאַנג שיהות, נעהמען די פיס אויף די פּלייצעס און לאָזען

זיך אוועק קיין וואָהלין. אויף דלפוניווקע קוקענדיג האָבען פון אַנדערע ליט־ווישע שטעדט יודען זיך אָנגעהויבען אַוועקצולאָזען אַהין. מען בעדאַרף ווי־סען, אַז אונטער דעם נאָמען וואָהלין האָט געהייסען און הייסט נאָך היינט בײַ יודען נישט נאָר וואָהלינער גובערניע אַליין, אלא וואָס דען אויך פּאָדאָ־ליע און בעסאַראַביע. דער גאַנצער געגענד וואָס בײַ אונז צו דרום־זייט. אַזוי ווי בײַ וואַרשויער יודען, אַ שטייגער, הייסען אַלע, נישט קיין פּוילישע, אי ליטווישע אי וואָהלינער יודען — ליטוואַקעס.

דאָס־אייגענע, וואָס אַמעריקאַ איז פאַר אונז יודען היינטיגע צייטען, איז וואָהלין פאַר זיי געווען דענסטמאָל אין יענער צײַט. דער אונטערשיעד איז נאָר אָט וואָס: אין אַמעריקאַ פאָהרט מען מיט דעם ים, אין אַ דאַמפּשיף, אַקענען אַ פּאָר וואָכען, און אין וואָהלין האָט מען זיך געשלעפּט מיט דער יבשה צו פוס גוטע עטליכע וואָכען, און אַמאָל אויך נאָך מעהר, אָפּשטעט־לענדיג זיך בײַם וועג — געהענדיג אין שטעדטליך, צווישען יודען רחמנים בני רחמנים... אין אַמעריקאַ זענען יודען, בײַם אָנקומען, געוועהנליך טאָג־דעטניקעס, אַרומגעהערס מיט פּעקליך סחורה — שמאָכטעס, שניידער, אַרביי־טער אין פאַבריקעס, און אין וואָהלין זענען די ערשטע, וואָס האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אַהין, געווען כמעט אַלע מלמדים.

דער שרייבער אין די חראָניקעס לאָזט אויס די דאָזיגע מעשה דאָרט אויפ'ן סוף אָט מיט די ווערטער:

„די יודישע היסטאָריע, אין וועלכער די השגחה פון גאָט אויף זיין גע־ליבט פאָלק, ענטפּלעקט זיך אַזוי בעשיינפּערליך אויטליכען, וואָס האָט נאָר אויגען צוזעהן און שכל צופאַרשטעהן — זי, די היסטאָריע הייסט עס, איג־גאַנצען איז זי אַ שטענדיגע שלעפּעניש, אַיין אייביגע אַרומוואָגלעניש פון אַברהם אָבינו ביז אַצונד. עס רוהט נישט, עס ראַסט נישט דאָס פאָלק ישראל ז״.

* *

*

אָט אַזוי, כמעט אין דעם נוסח, פלעגט אָפּט דערצעהלען אונז, קינדער, די דאָזיגע מעשה מיין זיידע, עליו־השלום.

אַ דלפוניווקער, שלים־מזלדיגער יוד איז געווען מיין זיידע! פאַר צרות האָט ער בשעת דעם גרויסען הונגער זיך אַוועק געלאָזט קיין וואָהלין, געני־דערט קיין קישינעוו, די הויפּטשטאָדט פון בעסאַראַביע — אַלאַנד, וואָס פליסט מילך און האָניג. האָט געקנעלט דאָרט אינאיינעם מיט נאָך אַ סך

דלפוניוזקער זיין גלייכען און גענאָסען פיעל גוטס: גענעסען מאַמאַליגע, פאַרביסען מיט קאָדע, געטרונקען וויין און געלעבט רוהיג, אָרענטליך פיין, ווי גאָט האָט געבאָטען, גלייך מיט אַלע דאָרטיגע יודען און נישט געוואוסט פון קיין בייז.

ווער זאָל זיך עס דענסטמאָל געווען ריכטען אַז מיר, זיין איינִיקעל, זאָל אין אַ צייט אַרוּם שפּעטער בעשעהרט זיין זעהן אויף די עלטערע יאָהרען, ווי דאָס אייגענע אָרט, וואָס האָט פריהער געפליסט מילך און האָניג, פליסט אַצונד, אוי־וועה — עס איז שווער צו זאָגען... נאָר איך מענדעלי בין דערצו שוואַך, אַלט. מיין איינציגער כח, אוי, איז נישט מעהר, וויינען שטילערהייט פאַר זיך, וואַרגען זיך מיט טרערען, און צו די אַלע פריי־הערדיגע, אַלטע יודישע צרות צו־צושרייבען אין די חראָניקעס אויך די היינטיגע, נייע צרה.

# אַ גרויע האָר.

אַז דער בייזער ווינטער געהט־אַהין און ווערנע בײַ אונז אין לאַנד — טהוט זיך אין גאַנץ וועלטיל אומעטום! אַלע מיני באַשעפענים: פונ'ם קליינעם ווערעמיל ביז דעם מענשען, דעם גרויסען פיינע־בריה, טהוען זיך אַ נעהם צו דער אַרבייט זייער גאַנץ געשמאַק — רייניגען און ראַמען, בויען און פעררריכטען נעסטען, הייזלעך און דירות אין לעבער און שפּאַלטען, אין וועלדער און אין פעלדער, אין שטעדט און דערפער. דענסטמאָל הערשט דאָס ווייב אין שטוב, גאָר אַ שרעק. אויף איהר בעפעהל ווערען געעפענט די טאָפּעל פענסטער, אַרויסגעטראָגען. איבערגעטראָגען טיש און בייניק, קאַסטענס, שאַפעס און בעטען. זי גיט אָפּ איטליכען דערפון זיין אָרט, אויסשטערלענדיג זיי ווי זי וויל און ווער איז דעם, וואָס שטעלט זיך איהר אַקעגען און בריינגט זי אין כעס אַריין, זי ווערט אָנגעצונדען און איז בערייט איהם צופאַרברענען מיט דעם מויל. אַ קלוגער מאַן בעהאַלט זיך דעריבער דענסטמאָל ערגעץ אין אַ ווינקעל — און שאַ!

און גבריאל כרפס, אַ קלוגער מענש, אויך אַ מאַן אַ קלוגער, זיטצט אין אָבענד, וואָס פאַר ערב פסח, איינער אַליין בײַ זיך אין צימער, נעבען שרייב־טיש, אַראָבגעלאָזט די נאָז, פאַרקנייטשט דעם שטערען, וואַרפענדיג אָפּטער אַ בליק אויף אַן אַלטער צעריפּעטער שאַפע, וואָס שטעהט דאָרט אין אַ ווינקעל. און מען זעהט ווי שטאַרק בעטריעבט ער איז, פאַרטיעפט אין די געדאַנקען.

געגנוג וואַרפעניש, פאַרפאָלגעניש איז די דאָזיגע שאַפע אויסגעשטאַנען זינט זי איז צו כרפס'ן אין הויז אַריינגעפאַלען ביז זי איז לסוף פאַרוואָרפען געוואָרען אַהער, אין דעם דאָזיגען צימער. וואו זי שטעהט שוין אַ צייט מיט יאָהרען פאַריקט, ווי אַ קבצן, אַ בעטלער, הינטער די שעהנע, פאַרפּוצטע שאַפעס, ניט וואַרפענדיג זיך אין די אויגען, נישט אין דער מאַדאַמס נישט

אין איהר מאַנס אויגען, אַזוי, אַז מען האָט זיך אין איהר גאָר פאַרגעסען, גלייך ווי זי וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען. און היינט אַז די מאַדאַם כּרפּס האָט געקאָמאַנדעוועט אין שטוב, צוקוקענדיג זיך גוט, ווי אַ בעל־הבית'טע, אין איטליכס ווינקעלע, עס זאָלען שיינען, פינקלען אומעטום, איז דער צאָרען איהרער אויף דער שאַפע צום שלים־מזל געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט בעפוילען, די שאַפע זאָל אין שטוב זיך נישט געפינען; נישט אַנדערש, מען זאָל אַזאַ מצאָצע, אַזאַ מיאוס'קייט, אין קעלער אַראָפּוואַרפען, צו אַלדע־רוחות. פוילען זאָל זי אינאיינעם מיט אַלע אַלטע, אָפּגעדינטע שמאַטעס דאָרט, אַצינד האָט זיך כּרפּס אין דער שאַפע דערמאָהנט און דאָס שיידען זיך מיט איהר איז איהם געווען זעהר שווער. אָבער וואָס זאָל ער טאָהן, אַז געגען דעם ווייב'ס בעפעהל קען מען ניט געהן. איהם אַליין האָט זי דאָך נישקשה אויך גוט מכבד געווען היינט. ער האָט נעבאַך געליטען, געדאַרבט, פערבראַכט אַ טאָג אין צרות, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט!

זעצט זיך כּרפּס איינער אַליין טרויעריג, פערטראַכט און אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. פּלוצלונג הויבט ער זיך אויף פונ'ם אָרט און קומט צו צו דער שאַפע, ווי איינער, וואָס קומט זיך געזעגענען מיט אַ פריינד פאַר'ן אַוועקפאָהרען. ער עפענט די שאַפע, נעהמט אַרויס פון צווישען פאַרשטויבטע, פאַרשימעלטע, איינג־אָנגעשטעלטע ספרים דאָרט, אַ גרויסען האַלבענבויגענדיגען, דיק־גראָבען ספר, טאָוולען פון ברעטלעך מיט לעדער איבערגעצויגענע, צונויפשפּילענדיג זיך מיט גרויסע מעשענע העקלעך. ער בעטראַכט דעם ספר, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ, געהט און לייגט איהם אַנידער אויף'ן טיש. ווי באַלד אָבער ער האָט זיך געזעצט, אויפגעעפענט דעם ספר און אַריינגעקוקט דרינען, איז ער פערציטערט געוואָרען, האָט זיך אַ חאַפּ געטאָהן געשווינד פונ'ם בּיינקעל, גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ בּיס געטאָהן, און זיך געלאָזט געהן הין און הער איבער דעם צימער שטאַרק צודולט, אַזוי אַז ער האָט נישט בעמערקט ווער ס'איז גראָד בשעת מעשה אַריינגעקומען אַהין.

— כּרפּס! — טהוט אַ זאָג יענער, נאָכדעם ווי ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען בּיי דער טהיר פערוואונדערט, אָהן לשון.

כּרפּס דרעהט זיך אוים שטאַרק דערשראָקען מיט דעם פּנים צו יענעם, וואָס רופט איהם אָן בּיים נאָמען, קוקט איהם שאַרף און טהוט זיך אַ לאָז צו איהם מיט אַ געשריי:

— אַ־אַ, זרחי!... אָט וואָס הייסט אַ גאַסט, אַ ליעבער, טהייערער גאַסט!

— וואָס־זשע מאַכסטו דו, כּרפּס מיינער, ביזט־דו, הא, רעכט געזונד?

— ווען ביסט־דו געקומען און פון וואַנען געקומען? וואָס שטעהסט־דו ביי דער טהיר, ליעבער זרחי מיינער?

— געקומען בין איך היינט... אַרומפאָהרענדיג וועגען מיינע געשעפ־טען בין איך אין איינוועגס געקומען אַהער, אין דיין שטאָדט אַריין.

כּרפּס און זרחי ביידע זיינען געבירטיגע פון איין שטאָדט, חברים, גוטע ברידער פון קליינערהייט; ביידע האָבען געשעפּט תּורה ביי איינע מלמדים ביז זיי זענען געוואָרען בּחורים; ביידע זענען צוגלייך אַרויס פונ'ם חדר און געגאַנגען אין די שקאָלעס; ביידע זענען פון די שקאָלעס אַרויס מיט דיפּלאָמען, געבילדעטע, לייטישע מענשען, און ביידע האָבען פערגעסען דאָס יודישקייט האַק־און־פּאַק מיט דער תּורה, וואָס זיי האָבען געלערענט יונגעלוויין, און זיך אָבגעגעבען מיט זייערע געשעפטען. איטליכער אין זיין אָרט, וואו ער האָט זיך בּעזעצט, האָבען גענומען ווייבער, געהאַט קינדער און געלעבּט גאַנץ ברייט. אַ טאַטען האָט כּרפּס געהאַט זעהר אַ פיינעם. ער איז געוועזן, עליו השלום, אַ יוד מיט'ן פוללען מויל, אַ יוד אַ הייסער, אַ גו־טער, אַ פרומער און אַ וואויל לערנער. ער האָט גבריאל'ן, דעם זוהן זיינעם איבערגעלאָזט ירושה די גאַנצע כּלי־בית זיינע מיט דער דאָזיגער שאַפּע ספרים, דעם אָרון־קודש — דאָס הייליגסטע, טהייערסטע אין זיין לעבּען. די כּלי־בית זענען געווען זעהר אָנגעלייגט, מען האָט זיי געבּרויכט ביי גבריאל'ן אין הויז צו יעדער צייט, און דאָס אָרון־קודש'ל — אָט די שאַפּע מיט הייליגע ספרים, איז געווען איין איבעריגע זאַך, אָהן אַ שום נוטצען. מען האָט זיך דערמיט געוואָרפען אַהין־אַהער און פערשטופּט לסוף אין אַ ווינקעל, נישט האָבענדיג ז' מעהר אין זינען.

לעבען האָט כּרפּס געלעבּט גאַנץ פריי. די גאַנצע פיהרונג ביי איהם אין הויז מיט דער ערציהונג פון די קינדער איז געווען אויף דעם נייעם שניט, פער'גוי'עשט הייסט עס. פונ'ם יודישקייט איז איהם איבערגעבליבען נישט מעהר ווי אַ לאַנגע נאָז, געגרייזעלטע האָר, אַ פליהענדיגער מוח, גרינג זיך צושפּילענדיגע געבּליטען און צאַפּלענדיגע נערווען.

אַצינד אַז כּרפּס האָט דאָ געהאַפּט עפּעס אַ ציטער און איז געווען שטאַרק צוקאָכט, איז ביי איהם זעהר אָנגעלייגט געווען, וואָס דער חבר זיינער איז געקומען און זיך מיט איהם שטאַרק דערפרעהט.

— זעהר גלייך געטאָהן, ליעבער פריינד, וואָס דו ביזט געקומען! —

זאָגט כּרפּס, אַרומנעהמענדיג דעם חבר זיינעם — זעטץ זיך, איך בעט דיך, אָט אויף דעם ווייכגעבעטען שטוהל, די פיס דיינע „לעהן־אונטער" אויף דעם בּיינקעלע, אָט אַזוי, אַזוי... אַצונד דערצעהל מיר, וואָס מאַכסט־דו? ווי געהט עס דיר?

— האַ, וואָס איז דאָס?! — מאַכט זרחי פערוואונדערט, צוקוקענדיג זיך צו דעם ספר, וואָס ליגט אָפען אויף'ן טיש — דעם „שלחן ערוך" האָלסט דו! די דינים פון פּסח לערענסט דו?

כּרפּס בלייבּט צומישט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערען.

— מיר זיינען דאָ אייגענע מענשען — זאָגט זרחי מיט אַ פריינדלי־כען שמייכעל — פאַר מיר, נישקשה, האָסט דו זיך נישט צו שעהמען. פון זוען אָן, זאָג נאָר, בּיזט־דו עס געוואָרען אַ בעל־תּשובה?

— פון ווען אָן? פרעגסט־דו, פון היינט, פון היינטיגען אָבענד! און אָט דאָס, דאָס, וואָס מיך האָט געבּראַכט דערצו! — האָט כּרפּס זיך געמאַכט האַרץ און געזאָגט, טייטלענדיג מיט אַ פינגער אין דעם ספר — קוק נאָר אַהער, זעה וואָס ליגט אַזוינס דאָ?

— אַ צוריבענע וואַנץ, — רופט זיך אָן זרחי — פונ'ם אַלטען דוד'ס וואַנצען, האָט אַ וואַנץ דאָ די קבורה געהאַט און ליגט זיך רוהיג אַזוי דאָ, אין דעם קבר, שוין אַ צייט מיט יאָהרען.

— און דאָס, האַ, וואָס איז?

— דאָס? אַ האָר איז עס. אַ גרויע האָר!

— דאָס איז מיין פאָטערס, עליו השלום, פון זיין באָרד אַ האָר! — זאָגט כּרפּס שטאַרק געריהרט — אָט דאָס דאָזיגע האָר איז אַרויסגעפאַלען איהם פון דער באָרד בשעת ער האָט מיט מיר, אין מיין יוגענד, געלערענט „הלכות פּסח" אָט אין דעם ספר, און איז געבּליבען דאָ ליגען ביז היינט, שוין אַ דרייסיג יאָהר! דאָס גרויע האָר איז מיר צו די אויגען געקומען אַצונד, ווען דער לעצטער פונק יודישקייט מיינער שטעהט אין סכּנה, אין גאַנצען אויסגעלאָשען צו ווערען, אַז קיין זכר אפילו זאָל דערפון ביי מיר אין הויז נישט בלייבען. איך זאָג עס אָקעגען די היילגע ספרים, זאָג איך עס, אַקעגען דעם יודישען שאַטץ אָט אין דעם אָרון קודש, וואָס דער טאַטע האָט מיר איבּערגעלאָזט בּירושה. דער טאַטע מיינער, ווי דו ווייסט, איז נישט בעזעסען קיין גרוים רייכקייט, קיין גיטער, דאָס גאַנצע פערמעגען זיינס אויף דער וועלט איז בעשטאַנען אָט אין דעם שאַפעלע, אין דעם אָרון, וואָס

עס איז איהם טהייערער פון ברילליאַנטען, בעסער פון גינגאָלד, און דאָס האָט ער איבערגעלאָזט ירושה מיר, זיין קינד, זיין געבירטהע נאָך איהם! וואָס־זשע לאָזט זיך אויס אַצונד? אָט דער דאָזיגער אָרון, די שאַפּע הייסט עס, וואָס זעהט אויס אַלטפּעטעריש, נישט מיט דעם פּוּטץ, הייטנטמאָדיש, וואָס שטעהט אָבגעזונדערט, אָהן אַ שום געברויך אַזאַ צייט מיט יאָהרען, און האָט דעריבער בעקומען אַזאַ געשטאַלט, אַזאַ פינסטער פּנים. — אַצונד, הער נאָר אַ מעשה, אַצונד איז אויף איהם אַרויס אַ פּסק, ער זאָל בעגראָבען ווערען אויף אייביג! דאָס ווייב מיינס זאָגט: פּע! אַז אַזאַ שברי כלי מוט'ן ביסעל אָרעמקייט, וואָס דרינען, זאָל פערנעהמען אַ פּלאַטץ אין אַ לייטישער דירה, צווישען שעהנעם מעבעל און אָנגעמאָהלטע גולם'ס, זיין אָרט איז אין אַ לאָך ערגעץ אין קעלער, און עס האָט מיר נישט געהאָלפען די רייד, נישט מיט גוטען, נישט מיט בייזען אויסצומאַכען די דאָזיגע גזרה און האָב הייגט דער־פון געהאַט גרויס עגמת נפש דעם גאַנצען טאָג. אמת טאַקי, שוין אַ פופ־צעהן און אפשר טאַקי אַ צוואַנציג יאָהר, אַז די דאָזיגע שאַפּע מיט די ספרים זענען מיר אַרויס פונ'ם זינען, אָבער אַצונד אַז מען וויל דערפון מאַכען אַ תל, רייסט מיר דאָס האַרץ, דערמאָהנענדיג זיך, אַז דאָס איז מיר איבער־געגעבען געוואָרען אַ ירושה פון עלטערען, דערמאָהנענדיג זיך אויך אָן מיין טאַטען, אין מיין יוגענד, אין מיין געבורטסאָרט, וואָס זענען מיר איינגעבאַקען טיעף אין האַרצען, און דערמאָהנענדיג זיך דאָס אַלסדינג, בין איך געגאַנגען, כמעט אַליין נישט צו וויסען אַז איך געה, האָב אַרויסגענומען אָט דעם ספר, וואָס ליגט פאַר דיינע אויגען, און אויפעפענדיג איהם טהוט זיך מיר אַ וויין דעם טאַטענס גרויע האָר דאָרט, בלייב איך צומישט, טוידט מיט אַלע אברים...

יאָ, ס'איז מיר בעפאַלען אַ שרעק. אַזוינס אָבער, וואָס מיט מיר איז געשעהן דערנאָך, אין אַ ווייליל אַרום, איז נאָך פיעל שרעקליכער, גאָר קיין פערגלייך. נאָר לאָז זיין געגוג — האַקט כרפס איבער אין דערמיט זיין שמועס — זיי מיר מוחל, איך בעט דיך, ברודער, וואָס איך האָב מיך דאָ צורעדט, אויסגיסענדיג מיין האַרץ, עפּעס גאָר טאַקי ווי אַ יודענע, נישט וויסענדיג קיין דרך־ארץ און פאַרגעסענדיג זיך ווי אויפצונעהמען אַ גאַסט. סטייטש, אַזאַ טהייערער גאַסט, ווי דו, קומסט צו מיר אין הויז, אינטערעסיר איך מיר נישט מיט איהם, נאָר איך רייד אַלץ פון מיר. איך בעט דיך, ליעבער פריינד, דערצעהל מיר דו וואָס דו מאַכסט, וואָס דו טהוסט!

— איך וועל דיר דערצעהלען, כרפס מיינער, אַלסדינג דערצעהלען, אָבער מיט דעם תנאי, אַז דו זאָלסט פריהער אָבדערצעהלען מיר די מעשה

דיינע אין גאַנצען, נישט צו פערפעהלען איין וואָרט, וואָרום דו קאָנסט מיר נישט מאַכען קיין גרעסערען פערגעניגען פון דעם, וואָס איך האָב פון דיין אימליכם וואָרט. דערצעהל־זשע, איך בעט דיך, און איך וועל הערען און שווייגען. דו ביזט געבליבען שטעהן דערביי: אַזוינס, וואָס מיט דיר איז געשעהן אין אַ ווײַלע שפּעטער איז נאָך פיעל שרעקליכער.

— אַזוי טאַקי, אַזוי — הויבט כּרפּס אָן ווידער צו דערצעהלען — דער שרעק מיינער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר איז פערגליווערט געוואָרען דאָס בלוט און בּין אָרוים פון די כּלים. אַ מענש אַפּילו אַזעלכער, וואָס האַלט נאָר דערפון, וואָס עס זאָגט דער שכל, וואָס ער טאַפּט עס אָן און פיהלט מיט זיינע חושים, ווייטער איז גאָר נישט — מיט איהם קאָן זיך אַמאָל טרעפען, אַז אומשטענדען אַזוינע זאָלען איהם אַראָפּפיהרען פונ׳ם זינען, ער זאָל זעהן נישט מיט די אויגען, הערען נישט מיט די אויערען און פיהלען אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט אָננעהמען. אָט דאָס האָר, בּאַלד ווי איך האָב עס דערזעהן, האָט אָנגעהויבען פאַר מיינע אויגען אַליין וואַקסען מעהר און מעהר — און אָט איז אַ בּאָרד, אָט איז אַ פּנים, און אָט איז דער טאַטע אין גאַנצען, שטעהענדיג אויף די פיס, די האַנד זיינע אין אויסגע־שטרעקט אַקעגען דער שאַפע, די אויגען אויסגעשטעלט אויף מיר עפּעס מיט אַזאַ בּליק, אין וועלכען עס ליגט אויסגעדריקט אי פאַרדראָס, אי שטראָפרייד, אי אַ קלאָגען זיך אויף בּעליידיגונג, אי אומעט און זאָרג; אַזאַ בּליק, וואָס דרינגען איז דאָ פאַר דיר געבּראָטענע לייד, צופּעניש, שטעכעניש אין לייב און אין דער נשמה. אָ, רבונו של עולם, דונערען און בּליטצען, שפּיזען און פיילען איידער אַזאַ מורא׳דיג שרעקליכען בּליק!... דאָס האַרץ קלאַפּט מיר, מוסר׳ט מיך, און אַלע מעשים מיינע, פון דער קינדהייט ביז איצט שטע־לען זיך מיר לעבעדיג פאָר. איך זעה מיר נאָך ווי אַ יונגעל אין הויז בּיי מיינע עלטערען, אין די חדרים בּיי מיינע מלמדים, אין די שוהלען און בּתּי מדרשים, אַלע מיינע גענג, מיינע שפּיעלען און פערגעניגענס, מיינע ימים־טובים און שבּתים שטעהען מיר פאַר די אויגען. איך זעה דאָס אַלסדינג און זעה מיך אַליין טאַקי אויך. די אַלע יענע זאַכען קומען מיר נישט פאַר איינע נאָך די אַנדערע אין פערלויף פון דער צייט, נאָר וואָס דען, אַלע קומען זיי מיט אַמאָל. נישטאָ קיין פריהער, נישטאָ קיין שפּעטער, נישטאָ אויך קיין נאָהענטקייט און נישטאָ קיין ווייטקייט אין דעם פליהענדיגען כּח המדמה. אויב איך זאָל וועלען דערצעהלען אַלע זאַכען, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, וועט זיך פערציהען די מעשה אויף לאַנג און געדויערען אַ היבשע צייט זי אויסצוהערען. די אַלע זאַכען, אַלע בּילדער יענע זענען עפּעס צום האַרצען, גוט־מחיה. עס זאָגט זיך אין זיי אַרויס ליעבע צו גאָט, כּבוד און שעהנקייט

**צום פאָלק ישראל, הייסע געפיהלען פון עפּעס אַ בּיינקעניש, וואָס ציהען, ציהען בּיי דער נשמה... ווי שעהן, אַ שטייגער איז דאָס בּילד:**

אַוועק איז דער ווינטער, דער שנעע איז צוגאַנגען, פּסח-צייט איז געקו־מען און דאָס קול פון דעם אינדיק לאָזט זיך הערען בּיי אונז אין שטעדטעל. און איך מיט דיר, מיט די חברים אונזערע זיטצען מיר אין חדר אַרום טיש, דער רבּי אין דערמיט, מיר שאָקלען זיך און לערנען „שיר השירים" מיט אַלע אויסרייידענישען פון רש"י, זינגענדיג הויך אויף אַ קול אַלע איגאַיינעם שטאַרק פאַרפּלאַמט, אַזוי: „ישקני מנשיקות פּיהו — דעם דאָזיגען שיר זאָגט די כּנסת ישראל, די וויסטע אַלמנה, אין גלות, וואָס טהוט טהון גלוסטען צו איהר געליעבּטען, צו שלמה, דאָס מיינט מען צו גאָט, וואָס דער שלום איז זיינער, איז זיך מודה אויף איהרע זינד און דערמאָהנט די גרויסע חסדים, וואָס ער האָט געטהון מיט איהר אַמאָל אין דער יוגענד. אָ, זאָגט זי. ווער וואָלט געבּען ער זאָל מיך טהון ווידער קושען אַ קושעניש פון זיין מויל!... שחורה אַני, שוואַרץ מיאוס בּין איך מיט מיינע זינדיגע מעשים ונאוה אָבּער שעהן מיט די מעשים פון מיינע עלטערען, די הייליגע אָבות... אַל תּראוני, זאָגט זי, קוקט מיך ניט אָן מיט געשפּעט שאני שחרחרת וואָס איך זעה אויס שוואַרץ, ניט אַזוי בּין איך געבּוירען געוואָרען, ששזפתני השמש, מיך האָט אָפּגעבּרענט די זון; בּני אמי, מיין מאַמעס קינדער, דאָס מיינט מען די ערב־רב פונ׳ם לאַנד, צווישען וועלכע איך בּין אויפגעוואַקסען, נחרו־בי, האָבּען געצאָרענט, געפייערט אויף מיר, שמוני נוטרה את־הכּרמים מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין זייערע וויינגערטנער, כּרמי שלי, מיין וויינגאָרטען, וואָס איז מיר בּירושה פון מיינע עלטערען, לא נטרתּי האָבּ איך ניט געהיט... ענט־פערט דער געליעבּטער איהר: אם לא תדעי לך, אויבּ דו ווייסט ניט ווי צו ראַטעווען זיך פון בּעצווינגער, אַז דיינע קינדער זאָלען ניט אויסמישען זיך, פאַרלירען זיך צווישען זיי, צאי לך, געה-זשע דיר בּעקבי הצאן אין די טריט פון דיינע אָבות, וואָס האָבּען מקבּל געווען מיין תּורה, ורעי את־גדיותיך, און פיטער דיינע ציגעלעך על משכּנות הרועים, בּיי די געצעלטען פון די פאַסטוכער ישראל׳ם.

אַך, וויפיעל זיסע הייליגע געפיהלען זענען אין דעם דאָזיגען שיר אויס־געדריקט! דו כּנסת־ישראל, דו בּיזט עס די ליעבּע געטרייע מאַמע; מיר קליינוואַרג, מיר זענען עס צאן קדשים, דיינע ציגעלעך, ליעבּע האַרציגע קינדערלעך, און די פאַסטוכער — דאָס זענען דיינע גרויסע לייט, די הייליגע חכמים! — עס הערט זיך מיר דרינען יענע געוויסע ליעדעל דער מאַמעס, ווי זי פאַרוויגט מיך, זינגענדיג עס מיר אויף אַ שטיל אומעטיג קול:

אונטער גבריאל'נקום וויגעלע
שטעהט א קלאר־ווייס ציגעלע
. . . . . . . . . . . . . . . . .
תורה וועט ער לערנען
ספרים וועט ער שרייבען
א גוטער פרומער ייד וועט ער בלייבען.

און ווי איך בין דאָ אַזוי פאַרטיעפט אין די כנסת־ישראל געה פשוט אוים פאַר מתיקות, וואַרפט זיך מיר די וויסטע שאַפּע פאַר די אויגען. גראָבע געזונדע הענד שלעפּען זי אַהין אין איהר בעגרעבעניש, אין קעלער, און זי סקריפּעט, גרילצט, קרעכצט, רוקענדיג זיך, און איטליכער סקריפּ איהרער לעכערט מיר דעם מוח. זי קרעכצט, סקריפּעט און די פערשימעלטע מיט שטויב בעדעקטע ספרים שרייען פון איהר אַרוים מיט אַ קלאָג: הוי, וועה־געשריען אויף די ציגעלעך אַז זיי ווערען צאַפּעס, אַז זיי אַנטלויפען פון זייערע פּאַסטוכער און שפּרינגען אין פרעמדע גערטנער!... דער טאַטע ברעכט די הענד, פליקט די באָרד, רייסט אויף זיך די האָר, שאָקלענדיג אויף מיר מיט דעם קאָפּ, טהוט אַ גלאָץ מיט די אויגען און — פערשווינדעט...

איך בין זיך מודה — לאָזט כרפס אוים זיין שמועס — אַז דאָס אַלסדינג, וואָס איך האָב אַצונד איבערגעלעבט, האָט אויף מיר אַזוי גע־ווירקט, אַז איך בין איצט אין האַרצען טאַקי אַ שטיקעל בעל־תשובה, און עס וועט מיר ניט אַרען טאָמער וועסט דו אוים מיר לאַכען און זאָגען: אַז־אָך־און־וועה צו דיין בילדונג, צו דער חכמה דיינער, מ'שטיינס געזאָגט, אַז אַ האָר קאָן זי אומוואַרפען.

— זייַ רוהיג ברודער! — ענטפערט זרחי — איך בין נאָך פריהער פון דיר געוואָרען אַ בעל־תשובה, אויך איבער אַ מעשה ווי בייַ דיר, מיט דעם חלוק נאָר, דאָס וואָס דיר איז פאָרגעקומען עפּעס ווי אין חלום, האָט האָט זיך עס מיר געמאַכט טאַקי אויף'ן וואָהר, און דאָס וואָס מיט דיר האָט זיך געמאַכט דורך דיין פאָטער, דאָס אייגענע טאַקי האָט זיך מיר געמאַכט דורך מיין זוהן. ס'איז עפּעס בעשיינפערליך גאָר אַ נס.

כרפס שטעלט אוים אַ פּאָר אויגען און פאָדערט אויף שווייַגענדיג דעם פרייַנד זייַנעם מיט דעם בליק ער זאָל איהם די ווערטער זייַנע דערקלעה־רען. זרחי מאַכט ניט לאַנג שהיות און הויבט אָן צו דערצעהלען.

— פֿאַדיי, דאָס ערשטע קינד מיינס, דער בכור, ווי באַלד ער איז געבוירען געוואָרען האָב איך מיר פֿירגענומען צו דערציהען, אויסצובילדען דעם „מענשען" וואָס אין איהם. דאָס הייסט אויסבילדען איהם אַזוי, אַז ער זאָל טויגען צום לעבען פֿון אַ וועלט מענשען, ווי איינער פֿון זיי, ניט נאָר צו אַ בעגרענעצט לעבען אין איינגשאַפּט צווישען יודען, און אויף אַזוי וויט וויפֿיעל דאָס יודישקייט דערלאָזט. יודען ניט יודען זאָל איהם כלל ניט אויסמאַכען. אָנלאָדען אויף זיך אַ משא יודישקייט און אַראָפּוואַרפֿען עס דערנאָך פֿון זיך — איז דען ניט פֿיעל גלייכער גאָר פֿון לכתחלה דערפֿון ניט צו וויסען? צו וואָס, איך בעט דיר, דאָס איינשפּאַנען און דאָס אויסשפּאַנען זיך — אַזאַ אומזיסטע אַרבייט, אויף וועלכער איך, זיין טאַטע, האָב אַוועקגעהאָרעוועט אַ צייט ביז איך בין פֿון איהר פּטור געוואָרען. וויפֿיעל אַ שטייגער קאָסט אָפּ אַ יודען פּייבוש, נעביך, דער גע׳מלאכה׳טער נאָמען זיינער פּ אַ ו ו נ ו ט י אַ, ניט אַזוי ווי ער שטעהט פֿערשריבען? דאָס פּלאָנטעניש אין די נעמען מאַכט דאָך אָן אַ פּלאָנטעניש אין זיינע עסקים, אין נויטהיגע פּאַפּירען, און ברייננט איהם אַמאָל אויך פֿיעל שאדען. פּע, חלעבען! אַז מעהר נעהם טאַטע און זאָג: ויקרא שמו בישראל פּאַוונוטיאַ... דעריבער טאַקי איז פֿאַדיי מיינער אויסגעוואַקסען אָהן תורה, אָהן יודישקייט, דאָס לערנען זיינס און זיין לשון אין גאַנצען איז געווען ווי ביי ניט קיין יודישע קינדער.

פֿאַדיי איז געווען זעהר אַ גוט יונגעל, אַ פֿרעהליכס, אַ לעבעדיגס, געלערענט האָט ער אין דער היים ביי גובערנאַנטקעס, לעהרער, ביז ער האָט אויסגעהאַלטען עקזאַמען, גוט, אויסגעצייכענט, און איז אַריין אין גימנאַזיע. יענער טאָג פֿון דעם אַריינטרעטען זיינס אַהין איז ביי מיר געווען אַ יום־טוב, פֿאַרגעסענדיג מיך אין גאַנצען וויפֿיעל דאָס האָט מיך אָפּגעקאָסט געלד, מיה, לויפֿעניש, געבעט און אומ׳כבוד, איך האָב מוחל געווען דאָס אַלסדינג און זיך געפֿרעהט, אַבי ער איז אַריין. נאָר אָבער מיין ווייב, זאָל זיך איהר גרינג שלוקערצען, זי האָט, ווי דער שטייגער איז פֿון ווייבער אויסצוווייגען זיך אין פֿריידען, יענעם טאָג געגאָסען טרעהרען, דערמאָהנענדיג זיך, וויפֿיעל געזונד און יסורים האָט איהר געקאָסט די דאָזיגע שמחה.

עס געהט אַוועק אַ צייט, זעה איך, פֿאַדיי מיינער איז עפּעס אַראָפּ פֿונ׳ם פּנים, אומעטיג, פֿערטראַכט, גאָר ניט דער וואָס פֿריהער. אַזוי איז ער, דאַכט זיך, געזונד, לערנען לערענט ער זיך אויך גוט. וואָס־זשע דען? האָב איך גערעכענט צו דעם איבערגאַנג פֿון די יונגעלשע יאָהרען אין די יאָהרען פֿון אַ בחור, פֿאַרשטעהסט דו? — און מיך בערוהיגט. שפּעטער אַביסעל

מיט א צייט, הויבט מיין זוהן אָן מיר צו פערגעבען שאלות, ווי א שטייגער: טאַטע, פון וואָס פאַר א נאַציע ביזט דו? טאַטע, וואָס א יוד בין איך? טאַטע, האַ, וואָס איז א יוד אַזוינס? טאַטע זאָג, עסען איבערהויפּט יודען קנאָבעל און ציבעלעס? טאַטע דאָס, טאַטע יענעס, גאָר אָהן איין עק. איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז אונזער ברודער עשו שטעקט דאָ אין דערמיטען. ער האָט דאָס יעקב׳ס קינד דערקלעהרט דאָס, וואָס דער טאַטע האָט עס גע־מאַכט פאַר איהם א שוויג; ער האָט עס אָנגעהויבען איהם פאַרזוכען צו געבען די ביטערע גלות־טראָפּענס, צו בעטריבען זיין געמיטה, זיין לעבען. איך האָב מיין זוהן תמיד געענטפערט אויף זיינע שאלות מיט א האַלבען מויל, אַבי אויסצודרעהען זיך, און בכלל האָב איך איהם געראַטהען ער זאָל אָנבוי־גען דעם קאָפּ און זיך ניט צוהערען צו יענעמס נאַרישקייטען, געבענדיג עס איהם צו פערשטעהן מיט קרילאָווס געוויסען משל „דער עלעפאַנט און דאָס הינטעל" און אַרויסנעהמענדיג דערפון א מוסר־השכל גאַנץ חכמה׳דיג, אַז א מענש, א קלוגער, בעדאַרף, ווי דער עלעפאַנט דאָרט, אַראָפּשלינגען אַלע בעליידיגונגען פון יענע ביללערס און זיך דאַרויס גאָר ניט מאַכען. דער זוהן א פנים איז ניט צופרידען געוועזען פונ׳ם טאַטענס עצה, וואָרום ער איז אַלץ וואָס ווייטער, ווייטער מעהר אומעטיגער געוואָרען, זיך דערווייטערט פון מענשען, בעזאָנדערס פון מיר, עפּעס ווי ברוגז אויף מיר, און געזעסען איינער אַליין פערשפּאַרט ביי זיך אין חדר.

איינמאָל קומט פאַדיי פונ׳ם קלאַס זעהר שטאַרק צוקאָכט און לויפט אַריין האַסטיג צו זיך אין חדר. די מאַמע, מיין ווייב הייסט עס, א שוואַכע, א קריינקליכע, איז גראָד געלעגען אין בעט ביי זיך אין צימער און האָט עס ניט בעמערקט, ווי באַלד מען האָט זיך געקליבען עסען מיטאָג און פאַדיי איז ניט אַריין צום טיש. בין איך אַריין צו איהם. איך טרעף איהם ליגען אויפ׳ן בעט, מיט דעם פנים אַראָפּ, איינגעהילט אין קישען. עס קומט מיר באַלד אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, ער האָט זיכער היינט געהאַט א שלעכטע בעגע־נעניש, און האָב איהם נעביך שטאַרק בעדויערט. איך רוף איהם — און ער ענטפערט ניט. דאָס האַרץ האָט מיר געריסען אָנקוקענדיג איהם נעביך אין אַזאַ לאַגע. איך רוף איהם צום צווייטען מאָל, מיט א ריהרענדיגער שטימע — און ער קעהרט אום צו מיר דאָס פנים זיינס. אַך, ווי שרעקליך ער האָט אויסגעזעהן דענסטמאָל! דאָס פנים האָט איהם געפלאַמט און די אויגען זענען איהם פערלאָפען פון טרעהרען.

— וואָס איז דיר מיין זוהן? — פרעג איך איהם שטאַרק גע־ריהרט.

**און ער זיפצט און זאָגט עפּעס מיט פאַרדראָס:**

— וואָס פרעגסט דו מיך? ווייסט דען ניט אַליין, אַז איך געפין מיך דאָרט צווישען פיינד? געגנוג האָבען זיי מיר געטאָהן אין דער גאַל ביז אַצונד, און היינט האָבען זיי מיך געפּייניגט נאָך מעהר, אויסוואַרפענדיג מיר עפּעס אַ מעשה מיט בלוט אין די מצות, אין דעם יום־טוב פסח, וואָס לויט זיי זאָגען איז דער דאָזיגער יום־טוב ביי יודען טאַקי היינט...

ווי אַ דונער האָט מיך געטראָפען, אַזוי בין איך געווען צומישט הער־רענדיג אַזוינס, און ניט געקענט אַרויסבריינגען פונ'ם מויל קיין וואָרט. גע־פיהלען פון רחמנות, פון שאַנדע און חרטה האָבען ווי דער ים געשטורעמט אין מיר, און די נשמה מיינע האָט עס געוואָרפען פון איין חוואַליע צו דער אַנדערער נאָר אומצוקומען פאַר גרויס לייד!

איך פיהל די צרות פון מיין זוהן, פיהל זיין ביטער געמיטה און דאָס האַרץ מיינס פלאַגט מיך און זאָגט: דיין זוהן'ס דאָזיגע צרות האָסט דו דאָך, דו, איהם אָנגעמאַכט, דיר האָט ער דאָך זיי צו פערדאַנקען! דו האָסט אַוועקגענומען אַ נפש פון זיין פאָלק, עס זאָל זיך דערמיט ניט אָנגעהערען, נאָר מיט דער מענשהייט אַליין, ניט צו בערעכבענען זיך אַז מענשהייט איז איי־געגנטליך ניט מעהר ווי אַ וואָרט. אין דער וועלט זיינען באמת דאָ נאָר נאַציעס, פעלקער, און דער סך־הכל פון זיי, פון די אַלע פעלקער אינאיינעם רופט מען מענשהייט. עס קומט אַזוי פיעל אויס קרום ווי איינער, אַ שטייגער, זאָל זאָגען, בוימער איז ביי מיר גאָרנישט, וואָס געהט מיך אָן אַ בוים? דער עקר איז ביי מיר דער וואַלד!... דאָס האָסט דו דיר איינס, און צווייטענס, לאָז שוין זיין אַפילו אַזוי, מענשהייט — איז דאָך די קשיא, פאַד וואָס איז ביי דיר אויסגעקומען, אַז דער וועג צו דער מענשהייט געהט דוקא אָט דורך דער נאַציע, וועלכע דו האָסט פאַר דעם זוהן דיינעם אויסגעקליבען, און דורך ד י י נ ע ר, חלילה־וחס! קאָן מען גאָר פאַרקריכען קיין בוימ־ע־ריק?... זעה נאָר, דיין זוהן, פאַר וועלכען דו האָסט געזוכט דאָס גליק ניט אין דיין פאָלק, זעה וואָס פון איהם איז אַצונד געוואָרען! וואו איז זיין גליק, וואו איז זיין נחת? פון זיין פאָלק איז ער אָפּגעריסען און פונ'ם פרעמדען פאָלק ניט אויפגענומען, הענגט ער דאָך נעביך אין דער לופטען — און פאַרפינסטערט איז איהם זיין וועלט געוואָרען נאָך גאָר אין דער יוגענד! יודישע קינדער פון קליינערהייט אויפדערוואַקסענע צווישען זייער פאָלק, אין דעם גוטען יודישקייט. זיי ליגט גוט אין טעם יענע מנהגים, צערעמאָניעס און פיעל אַנדערע זאַכען אַזעלכע אין דעם פאַמיליען לעבען און אין דעם כלל יודישען לעבען, וואָס פאַרזיסען זייער יוגענד און פאַרווירצען זייערע

טעג און יאָהרען ביז העט אין דער עלטער. דערמאָהן זיך, אין דיין יונגער, דערמאָהן זיך, אַ שטייגער, אין דעם סדר פסח, ביי דיינע עלטערען אין הויז! די שכינה פשוט האָט דאָך דענסטמאָל גערוהט אויף איטליכער זאַך דאָרט — אויף דעם שעהן־געגרייטען טיש מיט די כוסות, אויף דעם טאַטען, אויף דער מאַמען און אויף די קינדער אַרום טיש, און דו אַליין האָסט דאָך געשיינט, געלויכטען, זיך געשמאָלצען פאַר גרויס פרייד. דערמאָהן זיך, ווי דאָס האַרץ פלעגט זיך דיר פרעהען בשעת די ימים־טובים, וויפיעל נחת, וויפיעל פערגעניגען איטליכער יום־טוב האָט דיר פערשאַפט. און היינט — היינט איז דער יום־טוב ביי דיר גאָר ניט, וואָכעדיג, און דיין זוהן איז געוואָהר געוואָרען, אַז ביי יודען איז היינט פסח פון „ז י י"... אומגליקליך איז דיין זוהן, וואָס ביי פרעמדע איז ער אַ יוד, נאָך אומגליקליכער אָבער, וואָס ביי יודען איז ער אַ פרעמדער!!

וואָס זאָל איך דיר זאָגען, ברודער, ביטער און זויער איז מיר געווען צו יענער צייט! מיין זוהן ליגט אויפ'ן בעטעל, דער׳הרג׳עט, דערשלאָגען צוליעב מיינע זינד, און איך שטעה בבושה וחרפה, שלאָגענדיג מיך אָשמנו, ביים דאָזיגען קרבן — און דאָס האַרץ, אוי, טהוט מיר וועה!...

היינט אַז איך דערמאָהן מיך דערינען, וואונדערט מיך אויף זיך אַליין, ווי אַזוי האָב איך מיך אַיינגעהאַלטען, טאַקע באַלד ניט צו פאַרריכטען דעם פעהלער, וואָס איך האָב געמאַכט אין מיין זוהן'ס ערציהונג, אוים רחמנות אויף איהם און אויף מיין כבוד טאַקי אויך. ניט מעהר די דאגת הפרנסה, וואָס פיקט אין מוח, פאַרשלאָגט די געפיהלען פונ'ם האַרץ, און אַלסדינג ביי מיר האָט זיך געפיהרט אויף דעם שטייגער ווי פריהער. נאָר דאָס, וואָס איך האָב ניט געטאָהן, האָט געטאָהן די צייט.

עס האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, אַז דער לעהרער פון היסטאָריע, אַ המן איז זיך געזעסען איינמאָל אויף דער קאַפעדרע זאָגענדיג דעם שיעור פאַר די תלמידים, פלוצים טראָגט איהם אונטער דער רוח אַ סמאַרע צו טאָהן מיט דער נאָז און זאָגען: עס שמעקט דאָ שטאַרק מיט קנאָבעל! אַלע אויגען, וויפיעל עס זיינען געווען אין קלאַס, ווענדען זיך צו מיין זוהן, אָנקוקענדיג איהם מיט שפּאָט, און דאָס פנים זיינס מינעט זיך איהם נעבּיך פאַר בושה. ער קען ניט אויסהאַלטען, שטעלט זיך אויף און זאָגט עפּעס אַ וואָרט אַקעגען דעם לעהרער. קורץ, עס ווערט איהם ניט געשיינקט — מען שטופּט איהם אַרויס פון גימנאַזיע.

איך האָב זיך מישב געווען, ווי באַלד אַרויסגעשטופּט זאָל זיין אַרויס־

געשטופט, מעהר וויל איך שוין ניט שווארצען דאס פנים פאר די לעהרער, פאר דעם גאנצען פעקעל עשרת בני המן, מיט געבעט, מיט מתנות, ווי דער שטייגער איז, מיין זוהן זאל ווידער אין גימנאזיע אריינטרעטען, לאז ער בלייבען בעסער אין דער היים, און דא אויסלערנען די תורה, וואס איז נויטהיג אויף אריינצוגעהן אין אוניווערסיטעט. איך האב איהם אפגעגעבען א בעזונדער שטיבעל, אין גאנצען פאר זיך, כדי ער זאל דארט קענען לערנען, ארבייטען פריי, אומגעשטערט.

צו מיין זוהן אין שטיבעל האבען אנגעהויבען אריינצוקומען עפעס נייע חברים זיינע, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אונטערהאלטען בשעת א פרייע צייט פון דעם לערנען. פריהער איז די צאהל זייערע געווען ווייניג, דערנאך איז די צאהל פון די חברים געוואקסען אלץ מעהר, און קומענדיג צו איהם עפטערס, פלעגען זיי מאכען צווישען זיך עפעס א שמועס, האמפערענדיג, שפארענדיג זיך מיט א ליארם, א געשריי. צווישען די דאזיגע חברים האבען זיך געפונען שילער פון אלערליי שולען, קלויזניקעס, ישיבה-בחורים און גלאט אזוי זיך בחורים — קאפאטעס און מונדירען מיט מעשענע קנעפלעך, קאשקעטלעך, קאטערוכעס, היטלעך מיט הערבען אויסגעמישט אינאיינעם. מיר זענען די אלע חברה-לייט ניט געווען צום הארצען. איך האב איבערגעטראכט, צו זענען זיי אפשר ניט פון יענע, וואס ווילען פארבעסערען די וועלט, קען דאך, חס-ושלום, מיך טרעפען איין אונגליק דורך זיי. איך גדיינק דאך נאך די אמאליגע יונגע לייט אין אונזער צייט, וואס זיי האבען געוואלט און וואס פון זיי נעביך איז געווארען. א טהייל זענען געזעסען, אפגעקומען אין תפיסה, א טהייל זענען פערשיקט געווארען אזש וואו דער שווארצער פעפער וואקסט דארט, און א טהייל האבען הונגעריג, עלענד זיך ארומגעבלאנקעט אין דער וועלט. אויך מיר, גדיינקסטו, פלעגען זיך צונויפקומען אמאל מיט דער דאזיגער קאמפאניע און שיער שיער זענען מיר אויך ניט אריין אין אזא צרה. פאר א געשלאגענעם הונד — איז דא א ווערטעל — טאהר מען קיין שטעקען ניט ווייזען. דעריבער, אז איך האב דא געזעהן די חברה יונגע לייט קומען אפט צו מיין זוהן, האט אויף מיר תמיד געציטערט די הויט. א מינדסטער שארך האט זיך מיר געדאכט ווי טריט — הא-הא, מען געהט!... די מלאכי-חבלה קומען בדקעווען ביי מיר אין הויז.

זאגען-זשע מיין זוהן, אז איך וויל ניט ליידען, די דאזיגע חברים זיינע זאלען קומען צו איהם, דאס האב איך ניט געוואלט. גאנץ פשוט, ווייל מיין זוהן איז שוין ארויס פון די קינדערשע שיכלעך און האט שוין זיין דעת, היינט אז איך וועל מיט איהם אנהויבען מיט בייזען וועט ער מיך ניט הערען.

בפרט נאָך, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזען, איז ער שוין פון לאַנג ביי זיך אין האַרצען געווען אויף מיר עפּעס אַביסעל אָנגעדרודעלט. אַ חוץ דעם האָב איך מיך בעטראַכט, פיעל בעסער איז פאַר מיר מיט מיין זוהן, אַז די חברים זאָלען געהן צו איהם איידער ער זאָל געהן צו זיי. מען בעדאַרף נאָר שטילערהייט גוט אַכטונג געבען אויף איהם אַזוי אַז ער זאָל עס ניט בעמערקען.

און אַזוי טאַקע האָב איך עס געטאָהן.

אַז מיין זוהן איז איינמאָל געגאַנגען מיט חברה שפּאַצירען, האָב איך מיך אַריינגעחאַפּט צו איהם אין שטיבעל, איבערגעקוקט דאָרט דאָס שאַפּ־קעלע מיט די ספרים און אַלע האָבען זיך דערוויזען כשר. טהו איך דערנאָך אַ בליק אויף'ן טיש און דערזעה אויף איהם דריי ספרים און איינס איין אָפען ביכעל. איך קוק מיר צו בלייב איך פאַרגאַפט — איך געפין אַזוינס וואָס מיר האָט קיינמאָל ניט געקאָנט גאָר איינפאַלען! צוויי ספרים, הערט אַ מעשה, זענען פון די הייליגע נביאים, איין ספר איז עפּעס אַ מעטהאָדע, אַלע אויף לשון קודש, און אין דעם ביכעל שטעהען פאַרשריבען לשון קודש'דיגע ווערטער, פאַרטייטשט אויף רוסיש — און די האַנדשריפט איז מיין זוהן'ס!... הייסט דאָס אַ פנים, אַז פאַדיי האָט זיך גענומען צו תנ"ך, צו לשון קודש. נאָר פון וואַנען קומט צו איהם אַזוינס און ווער איז דאָס דער רבי זיינער? טאַ! מאַך איך, ס'איז ניט צו פערשטעהן, מען בעדאַרף עס איבערלאָזען דער צייט.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג, קומט מיין זוהן צו מיר מיט אַ בקשה, איך זאָל איהם ניט אָפּזאָגען, פאַרבעטען צו מיר אין הויז, מאָרגען אין אָבענד איין עולם מענשען פון זיינע בעקאַנטע, דענסטמאָל איז געווען חנכה. אָך, האָב איך געזאָגט, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען! איך וועל נאָך מאַכען פאַר דעם עולם אַ קערמישעל אויך, טראַכטענדיג ביי זיך, אָט לאָזען יודישע קינדער זיך שפּילען חנכה אין קאָרטען, ווי דער שטייגער איז, און אַגב טאַקי וועל איך אָנשמעקען, וואָס פאַר אַ מיני מענשען זענען זיי. דאָס ווייב מיינס איז צופריעדען געווען דערמיט און צוגעגרייט אַ מאָהל־צייט פון דער פולער האַנד. וואָס זאָל איך דיר זאָ־גען, מיין ליעבער, ביי מיר אין הויז איז נאָך קיינמאָל אַזאַ שמחה ניט גע־ווען ווי אין יענעם אָבענד. דער גרעסטער טהייל עולם איז בעשטאַנען פון יונגע לייט: בחורים און מיידלעך, גימנאַזיסטען, סטודענטען און קלויזניקעס, אָרעם און רייך אַלע גלייך. אַלע צווישען זיך פריינדליך, ליעבליך, לעבע־

דיג, פרעהליך טאַקי פונ׳ם האַרצען, און עס שיינט זיי, לויכט זיי דאָס פּנים.

אין זינען האָבענדיג מיינע געסט האָב איך מוחל געווען אויף מיין כבוד, אנידערצוזעטצען זיך אויבענאָן אויף אַ שטוהל, נאָר וואָס דען, איך האָב מיך אַרומגעדרעהט, אַרויס, אַריין, זעהען, ווי אַ בעל הבית, אַז אַלסדינג זאָל געטאָהן ווערען ווי געהעריג. דעריבער בין איך ביים אריינקומען אין שטוב געבליבען פערוואונדערט, זעהענדיג ווי דער עולם רעש׳ט זיך דאָ אַזוי שטאַרק און פּאַטשט מיט די הענד. איך שטעה, בעטראַכט מיך אַ ווײלע און פערוואונדער מיך נאָך מעהר — הער אַ מעשה, פּאַדיי שטעהט און דרשה׳ט פאַר׳ן עולם, און אַלע שרייען איהם בראַוואָ!

דער סוף פון דער דרשה זיינער, וואָס איך האָב זוכה געווען צו הער־רען, איז אַזוי:

„משיח — זאָגט פּאַדיי פאַרפלאַמט און דאָס קול זיינס קלינגט ווי אַ גלעקעל — משיח דאָס איז דאָס העכסטע אידעאַל, וועלכע דאָס פאָלק שטעלט זיך פאַר, דער תּכלית זיינער הייסט עס, וואָס דערהאַלט איהם ביי דער נשמה אין דער וועלט. אין משיח׳ן זעהט דאָס פאָלק אַ קוואַל פון לעבען און ליכט, פון גערעכטיגקייט און יושר, פון פריעדען און גליק. און די אייגענע מעשה, וואָס מיט דער זון איז און דער ערד, דאָס איז אויך מיט משיח׳ן און דעם פאָלק. די ערד, ווי מיר ווייסען, שטעהט דאָך ניט אויף איין אָרט, נאָר וואָס דען, זי געהט, און דורך איהר גאַנג, אומקעהרענדיג זיך מיט דעם פּנים צו דער זון וואָס שטעהט, בעקומט זי פון איהר דאָס ליכטיגקייט — אַ שעהנעם גוט מאָרגען, אַ גוטען טאָג! אַ וואָס מען זאָגט: די זון געהט אויף, די זון פאַרגעהט, דאָס זאָגט מען נאָר גלאַט, ווייל עס דאַכט זיך אַזוי. באמת אָבער איז גאָר פאַרקעהרט: דער זון זאָגט מען און די ערד מיינט מען. אָט דאָס טאַקי איז אויף משיח׳ן מיט׳ן פאָלק אויך געזאָגט געוואָרען. אַ פאָלק, וואָס שטעהט גאָר נישט צו טאָהן, און וואַרט, האָפט אויף משיח׳ן ער זאָל צו איהם קומען, קען עס אפשר טאַקי דיענען איהם, דעם פאָלק הייסט עס, פאַר אַ בעוויז, אַז ס׳איז נאָך דאָ אין איהם אַ פונק לעבען. אָבער מ׳שטיינס געזאָגט אַזאַ לעבען! אמת לעבען קען עס נאָר, סיידען עס זאָל זיך ניט פוילען, און מוחל זיין, אַליין מיט זיין כבוד געהן צו משיח׳ן. וואָס מעהר אַ פאָלק פלייסט זיך צו פאַרבעסערען זיין שטאַנד, צו פאַרגרעסערען זיין קאַפּיטאַל פון מדות טובות און קרעפטען זייגע, וואָס זענען איהם גע־געבען געוואָרען אַ מתנה פון זיין ליעבען נאָמען; וואָס מעהר עס טהוט זיך אָן אַ כח בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען, וואָס ליגען איהם אויף׳ן וועג און עס געהט, געהט אַלץ העכער — מעהר נעהענטער קומט אַזאַ

פאָלק צום ציעל און עס הייסט, משיח, דער דערלעזער זיינער איז איהם געקומען!...

ראיות דאַרויף איז אין דער וועלט־היסטאָרי דאָ איבערגענוג. איז נאָר־ הענט צו איהר ציעל אַ נאַציע צוגעקומען, ווערט זי אויפגעקומען. צו זיין אַ נאַציע איז נאָר יענע ווערטה, וואָס קען, ווייסט איהר ווערטה. דאָס איי־ גענע איז אויך מיט אונז יודען. דאָס דערצעהלט אונז היינט גאַנץ קלאָהר אונזער יום־טוב חנוכה, וואָס מיר מאַכען לכבוד אונזערע גבורים די חשמונאים אין וועלכען די ליעבע צום פאָלק, די ליעבע צום יודישקייט האָט ווי אַ פייער...

נאָר איידער נאָך פאַדיי האָט אויסגעפיהרט אין גאַנצען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, איז די שטוב פול געוואָרען מיט אַ רעש, אַ געפליעס־ קעריי, אַזוי אַז עס האָבען געציטערט די ווענד. מיין ווייב זאָל געזונד זיין, שמעלצט זיך פאַר פרייד, ווערט ברייטער ווי לענגער. הערענדיג ווי מען לויבט אין טאָג אַריין איהר זוהן. איך האָב אויך געגאָסען כבוד אין זיין זכות. דער עולם גיט מיר די הענד מיט אַ ווינשעניש, ווי ביים אָפגעבען אַ מזל־טוב, זאָגענדיג: הלואי ווי ער אַ סך אַזוינע ביי יודען! און איך שטעה, ווי אַ תם, חאַטש נעהם מעלק מיך אוים, שטעה און מאַך מיט די אַקסלען, טראַכטענדיג ביי זיך: „וואָס פיר אַ גרויסער גאָט דו ביזט, רבונו של עולם! און ווי גרויס זענען די וואונדער דיינע, וואָס דו טהוסט אין דיין וועלט!“ ווער וואָלט זיך עס געריכט אַז פאַדיי, ער — אַ געבוירענער „אַסימיליאַטאָר“, פרעגט איהם בחרם וואָס יודען, וואָס יודישקייט, אַ יודיש אות האָט ער קיינמאָהל אַפילו אין די אויגען ניט געזעהען, ער זאָל שטעהן אַזוי פאַר זיין נאַציע, פאַר כלל ישראל; זאָל זיין אַזוי פאַרקאָכט פאַר'ן יודישקייט און זאָל דרשה'נען אַזוי ווי אַ למדן!

נאָך פיעל אַנדערע האָבען געהאַלטען רעדעס אין יענעם אָבענד. דאָס אויפלעבען אויף דאָס נייע פונ'ם יודישען פאָלק — דאָס איז איטליכען געלעג־ נען אין מויל, דערינען זיינען אַלע געווען איינס, נאָר אין די וועגען, ווי אַרום צוקומען דערצו, האָבען די מיינונגען זיך געטהיילט, איטליכער איז זיך געגאַנגען מיט זיין דרך, מאַכענדיג צונישט דעם אַנדערען, איז דערפון אַרויס־ געקומען אַ שפּאַרעניש, אַלע האָבען זיך געהיצט, געווען פלאַם פייער.

איינער, עפּעס אַ צוטראָגענער, וואָס דער ישיבה־בחור ליגט איהם אויף'ן פנים, אין אַלע זיינע גענג; רעדט אויף אַ קוויטש, אויפשטעלענדיג דעם גראָבען פינגער, און אויסברייענדיג משל לעמעשקע ווי אַ חריף, אַ בעל־

**מוח — חאַפּט זיך אַרויף אויף מיין זוהן מיט אַ געדראַנג און גמרא ניגון:**

— ווייל זרחי, זאָגט ער, לאָזט מיך הערען אַלץ פאָלק, יודישקייט וכדומה, איז דאָך די משמעות, אַז ער האַלט ווי יענער מאַן־דאמר, וואָס דער עיקר איז ביי איהם דאָס... קולטורע, חכמת ישראל, מיין איך, און ציון איז לאו דוקא. משיח איז גאָר דאָס... און דאָס קען דאָך קומען אומעטום דאָס... איז דאָך געדרונגען אַז ער איז ניט קיין ציוניסט, ניט דאָס, נאָר אַ דאָס, אַ לאומי, אַ נאַציאָנאַליסט מיין איך!

**פלוצים קומט אונטער נאָך איינער, עפּעס ווי פון דער זייט, און פריש, געזונד און משוגע טהוט ער זיך אַ זאָג:**

כדי צו ראַטעווען דאָס יודישקייט, דאָס שריפטליכע ווי דאָס מינדליכע, האַק־און־פּאַק מיט די אַלע הייליגע ספרים, וואָס דערפון אייגענטליך האָט זיך גענומען דער יודישער פאָלקס־גייסט, אָדער, ווי הייסט מען עס, נאַציאָנאַליטעט, פראָסט גערעדט, דער יוד מיט די ביינער — איז אויב נאָר עס איז געמאָהלט אַ בעזונדערע יודישע מדינה קען זי געמאָהלט זיין וואו מען וויל, נאָר נישט אין ארץ־ישראל. אַ מדינה אַ לייטעשע, ווי עס בעדאַרף צו זיין, איז אונמעגליך היינט צו גרינדען אויף יענע געזעץ און מצוות, וועלכע זיינען געוועזען צוגעפּאַסט צו יענעם שטייגער לעבען פאַרצייטענס, וואָס איז משונה ווייט, ווי הימעל פון דער ערד, פונ׳ם שטייגער לעבען אין היינטיגער צייט. דעריבער איז, גרינדען אַ לאַנד אין ארץ־ישראל און נישט האַלטען אַ סך זאַכען, אויך די מצוות, וואָס געהערען זיך אָן על־פּי־דין מיט דעם לאַנד, הייסט דאָך אַזוי פיעל, ווי פאַרבויגען די תורה׳לע, אָפּזאָגען זיך דערפון. פיעל זאַכען אַזוינע, ווי תפלות ובקשות און מנהגים אין דעם לעבען, סיי אין שוהל, סיי אין דער פאַמיליע, וואָס האָבען אַריינגעזעצט אין דעם פאָלק אַ יודישע נשמה, אַ יודיש האַרץ מיט בעזונדערע יודישע געפיהלען, וועלען דאָך מוזען אין דעם לאַנד אויפהערען, ניט צו קענען גאָר פאַר׳ן מויל געבראַכט צו ווערען. קומט דאָך אויס, אַז דאָס אויפלעבונג פון׳ם לאַנד איז אַ טוידט פאַר ישראל. אָנגענומען אַפילו, אַז ישראל וועט דאָרט אויפשטעהן תחית־המתים, נאָר עס וועט דאָך אָבער זיין גאָר איין אַנדערער, אַ נייער ישראל, ניט די תורות, ניט דער פאָלקס־גייסט, ניט די געפיהלען, עפּעס גאָר איין אַנדער מין בריה, ניט דער אייגענער וואָס פריהער, און מיט אַזאַ תחית־המתים איז אַ מענש ניט צופריעדען. איטליכער וויל, ער זאָל בלייבען דער אייגענער, אַזוי ווי ער איז, אויף תמיד. אינו־דומה אין חוץ־לאָרץ קען **דער יוד זיך גרינדען אַ לאַנד אויפ ־־ם שטייגער פון היינטיגער צייט,**

נים עובר צו זיין דערמיט אויף די געזעטצע פון זיינע תורות. ער בעדאַרף זיך דערפון נים אַפּזאָגען נאָר עס זאָגען ווי אַ יהי רצון, אַזוי ווי מיר זאָגען היינט: „יהי רצון, עס זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר גאָט אונזער גאָט פון אונזערע עלטערען דאָס עס זאָל זיין אונזערע רייד פון די לעפּצען באַוויליגט צו פאַר דיר גלייך ווי מיר וואָלטען מקריב געווען דעם קרבן... גלייך ווי מיר וואָלטען מקריב געווען פאַר דיר די געווירצען... גלייך ווי מיר וואָלטען, וואָלטען און וואָלטען... דעריבער...

— דעריבער שאַ, שאַ! — איז אויף איהם אַרויף דער עולם פון אַלע זייטען מיט אַ געשריי אין מיטען די רייד, און ער האָט זיך ווי אַ קעצעלע אַרויסגערוקט, שאַ, שטיל.

מילא אין קאָרטען, ווי דו זעהסט, האָט מען נים געשפּילט, מען האָט פערבראַכט דעם אָבענד זעהר גוט, ריידענדיג אַלץ וועגען כלל ישראל. ווער פון זיי איז גערעכט, האָט געזאָגט גלייך, דרינען געה איך נים אריין, מיר זענען איטליכענם רייד געפעלען, ווייל זיי זענען הערצליך, אוים ליעבע צום פאָלק.

אַצונד ווייס איך שוין וואָס פאַריי איז און ווער זיינע חברים זענען אַזעלכע. אומזיסט האָב איך זיי חושד געווען פריהער. נים די וועלט פאַרבע־סערען ווילען זיי נאָר דאָס פאָלק זייערס. זיי ווילען מיטהעלפען איינצוגעבען דעם פאָלק אַ פרישען גייסט — ער זאָל אָנהויבען זיך צו קענען, צו פיהלען זיין כבוד, זיין אייגענעם ווערטה און נים צו פאַרלירען די האָפנונג זיינע אויף שפּעטער. ווילען אויך אויפרישען, אויפלעבען דעם פאָלקס אַלטע שפּראַך, די שפּראַך פון דער תורה, פון זיינע הייליגע נביאים. נים אומצו־וואַרפען זענען זיי אויסען, אַדרבה נאָר צובויען, צו דערלעבען זעהן יודישע קינדער, זיטצענדיג ווי בעלי־בתּים ביי זיך אין לאַנד. דאָס זענען פונ׳ם נייעם שניט מענשען, פון וועלכע מי האָט נים געוואוסט אין אונזער צייט. זיי זענען אויסען, צוציהען יודישע קינדער, יונגע צווייגעלעך אָפּגעריסענע פון דעם יודישען בוים. און בעהעפטען זיי ברידערליך צוריק צו זייער פאָלק דורך ליטעראַטור, שפּראַכע און יודישע געשיכטע. די וואָס קענען יודיש, נעה־מען זיך אונטער ביי זיי צו לערנען יענע, וואָס קענען נים, איבערגעבענדיג זיי זייער תורה מיט זייער גייסט. אָט די דאָזיגע לייט, זיי האָבען עס געיוי־דישט פאַדייען און נאָך אַזוינע נפשות ווי ער, געבענדיג זיי שטונדען אין דעם יודישקייט. און מיין זוהן׳ס שטיבעל האָט זיי געדיענט פאַר אַ וואויל אָרט, אויף צונויפקומען זיך דאָרט, איבער׳שמועס׳ען און בעראַטהען זיך וועגען זייערע אינטערעסען.

װײנט בעטראַכט זיך נאָר — לאָזט אױס זרחי זײן דערצעהלונג — די גבורות פון מײן זוהן, אַז ער האָט געקענט צושטעהן אַזױ צו זײן פאָלק! אַזעלכע, װאָס פון קלײנװײז אױף זענען זײ אײנגעטונקט געװען אין יודישקײט און עלטערװערענדיג האָבען זײ זיך דערפון אױסגעטאָהן — אַזעלכע, זאָג, איך, איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז אפשר אין דעם זכות פון זײערע עלטערען, כשרה יודען, און אין דעם זכות פון דער תורה זײערער, מיט װעלכער זײ האָבען זיך אָנגעזאַפּט אין דער יוגענד װעלען זײ זיך צוריקחאַפּען צום יודישקײט. אָבער װאָס איז דאָ צו האָפען פון קינדער, װאָס די טאַטעס זײערע אַלײן זענען אַראָפּ פונ׳ם װעג און פאַרפיהרט מיט זיך זײ, זײערע קינדער, ניט צו געבען זײ פאַרזוכען פונ׳ם יודישקײט אַ לעק? אַזעלכע אַז קעהרען זיך אום צו זײער פאָלק איז װירקליך טאַקי אַ גרױסער נס, װאָס טרעפט זיך זעהר זעלטען. בײ פאַדײען איז נאָך גרעסער דער נס, װאָס ניט גענוג ער אַלײן האָט זיך צוריקגעקעהרט האָט ער נאָך צוגעצױגען אױך מיך, דעם טאַטען זײנעם!

אױך דאָס מוז איך דיר זאָגען, אַזױ װי דער תשובה טהאָן פאַדײ׳ס װאָס איז ניט ערצױגען געװאָרען יודישלעך װי איך, איז חשוב׳ער פון מײנס, פונקט אַזױ חשוב׳ער פון מײנס איז אױך דײן תשובה טהאָן: איך אַלײן בין דאָך ניט געװאָרען אַ בעל־תשובה ערשט נאָך דעם אַז איך בין געקומען צו אַזױ פיעל חרפות־בזיונות, גענוג האָבען שונאים משונה װילד נעביך געאַרבײט, אַרײנגעלעגט אין מיר אַזױ פיעל מיהע ביז זײ האָבען מיר געמאַכט פאַר אַ יודען, און דו האָסט אַ גרױע האָר דערזעהען, אָט דאָס האָר פון דײן פאָטער, ביזט דו באַלד איבערגעביטען געװאָרען. דאָס װאָס אַזאַ האָר האָט געװירקט אױף דיר אין אַ רגע, האָבען שונאים געװירקט אױף מיר ערשט נאָך אַ צײט מיט יאָהרען. — כבוד, גרױס כבוד דיר, ליעבער פרײנד! כבוד, גרױס כבוד דעם טאַטען דײנעמס גרױע האָר!...

— כבוד, גרױס כבוד דעם זוהן דײנעם! — האָט כרפּס אָפּגעענט־פערט שטאַרק גערידהרט — כבוד, גרױס כבוד אױך די חברים זײנע, יונגע לײט, די שװעלבעלעך, װאָס ברײנגען די בשורה פון אַ װעסנע, די בענײאונג, די אױפלעבונג פון אונזער פאָלק! — — —

אַ געשמאַק דערקװיקענדיג װינטעל האָט זיך שטיל שװעבענדיג אַרײנ־גע׳גנב׳עט אין צימער דורך דעם אָפענעם פענסטער צום גאָרטען צו. די בײדע פרײנד האָקען איבער דאָס געשפּרעך, קעהרען זיך אום מיט דעם פנים צום גאָרטען, אײנגעהמענדיג גרױס פערגעניגען פונ׳ם ערשטען סמן לעבען, װאָס די װעלט װײזט אַרױס, פונ׳ם ערשטען ריהרען זיך איהרם בײם

אָנהויב וועסנע נאָך אזא לאַנגען, שטאַרקען ווינטער-שלאָף. קוים קוקען אַרויס פון דער ערד יונגע גרעזעלעך, קוים פוקען זיך די בוימער, נאָך נאַקעט, אָהן אַ מלבוש פון גרינע בלעטער — קלינגט שוין דאָס לעבענס-ליעד אין דער גאַנצער וועלט! אָט דאָס ליעד האָבען געזונגען היינט לעבע-דיג, פרעהליך די פייגעלעך צווישען צווייגען; זשאַבעס אין קאַליוזשעס, טייכען; פליגען, בינען ביים אַרויסקריכען פון לעבער, שפּאַלטען. די זון איז היינט אַרויס פון איהר פוטער-פּאַס פרעהליך, אָנקוקענדיג די ערד מיט איהר ליכטיג פנים, זי געקושט ליעבליך, וואַרעם, ווי אַחתן אַ כּלה — האָט זי, די ערד, זיך גאָר מחיה געווען, זיך גענומען אָפּרייניגען פונ'ם גאַנצען שמוץ, פון די אַלטע פערפוילטע געוועקס איהרע און צוגרייטען זיך נייע, גוטע, שעהנע זאַכען צו דער חתונה איהרער למזל-טוב. אָבענד האָט זי זיך איינגעהילט אין אַ טונקעלען דעקטוך מיט העלע זילבערנע פלימערלעך פונ'ם שיין פון דער לבנה און איינגעדרימעלט מיט זיסע גוטע האָפנונגען אויף מאָרגענ-דיגען טאָג.

וועסנע אין אַ גוטע מזל'דיגע שעה!

זרחי הויבט זיך אויף פונ'ם אָרט און קלייבט זיך געהן צו זיך אין איינפאָהרהויז.

— צו מיר מאָרגען אויף וועטשערע — בעט כּרפּס דעם חבר זיינעם, געבענדיג איהם די האַנד.

— „אויף וועטשערע" זאָגסט דו, און ניט צום סדר?!

— יאָ, ליעבער זרחי, טאַקע אַזוי, און עס טהוט מיר זעהר באַנק וואָס איז אַזוי. פונ'ם גאַנצען הארצען וויל איך מאַכען אַ סדר צוליעב מיר און מיינע קינדער, וואָרום קיין זאַך פאַרזיסט ניט אַזוי דאָס הויזליכע לעבען, זעצט ניט אַריין אַזוי פעסט דאָס יודישקייט אין די קינדערשע הערצער ווי די ימים-טובים. נאָר וואָס זאָל איך טהאָן אַז דאָס הויז — דאָס איז דאָס ווייב, און דאָס ווייב מיינס, דו קענסט דאָך זי, איז ניט פון יענע ווייבער, וואָס לייענען תחינות, זי האַלט עפּעס ניט פונ'ם יודישקייט.

— נאָר ניט געזאָרגט, כּרפּס מיינער! נאָך היינט געה איך צו דיין ווייב און גיב איהר אַ שטונדע אין יודישקייט. מעגסט זיך, נישקשה, אויף מיר פאַרלאָזען, אז איך וועל זי יודישען, און מיר וועלען אם-ירצה-השם עסען מצה, מרור און חרוסת, פיש, קניידלעך און אַלע יודישע מאכלים. צו דיר ליעבער כּרפּס, מאָרגען צום סדר בעט איך דיך, צו דיר אין הויז.

* *

*

און אַ סדר האָט מען אָפּגעריכט בײ כּרפּס'ן אין הויז זעהר אַ שעהנעם, אַ כּשר'ן טאַקי ווי זרחי האָט געזאָגט. דער טיש איז געוועזען געגרייט מיט אַלע צערעמאָניעס ווי געהעריג. כּרפּס דער מלך איז געזעסען אויף דער עסבּעט גאַנץ געהויבען, דאָס ווייבּ, די מלכּה איהם צו דער רעכטער זייט. זרחי ווי אַ משנה־למלך — צו דער לינקער זייט, און אין שטוּב איז געוועזען ליכטיג, פרעהליך, דאָס קלײנוואַרג וואונדערט זיך, אײנס דעם אַנדערען פרעגען: מה נשתּנה, פאַר וואָס איז די נאַכט געוואָרען עפּעס פערענדערט פון אַלע אַנדערע נעכט? ווינשענדיג זיך — הלואי תּמיד זאָל זיין אַזוי. און די גרויסע זאָגען די הגדה ווי מען איז דערלעזט געוואָרען פונ'ם גלות־מצרים, ווינשענדיג זיך, הלואי, רבּונו של עולם, דערלעזט צו ווערען פונ'ם הײנטיגען גלות — און לשנה הבּאָה בּירושלים.

# ספר הגלגולים

## וואו דער מחבר בעשרייבט באריכות די אלע גלגולים, אין וועלכע ער האט בעדארפט, כמנהג יוד, מגולגל ווערען ביים לעבען פון איינעם אין דעם אנדערען.

---

דער מחבר פונ'ם „ספר הגלגולים" הויבט אָן צו דערצעהלען אָט מיט די ווערטער:

ויהי בימי אֲכילת קעסט, שימת בנים וישיבת בית-מדרש — און עס איז געוועזען, נישט-דאָ-געדאַכט, אין דער צייט ווען בעלי-בית'ליך האָבען געגעסען קעסט, געקינדעלט און געזעסען פערלעגט די הענד אין בית מדרש. איך זאָג, זאָגט ער, נישט-דאָ-געדאַכט דעריבער, ווייל וואו ויהי, זאָגען די חכמים, איז אַ צרה. די צרה אונזערע איז, וואָס בעלי-בית'-ליך אין יענער צייט זענען, חוץ אין זייער זאַך, נישט אַזוי קלוג געוועזען ווי די דאָזיגע אין היינטיגער צייט. זייער אייגענעם תכלית צו פערזאָרגען קענען אמת די היינטיגע ווי די אַמאָליגע נישט, און טויגען טאַקע נישט; גאַנץ פּשוט, ווייל דערצו זענען נויטהיג אַזעלכע זאַכען, וואָס ביי בטלנים זענען זיי, בעוונותינו-הרבים, נישטאָ, פריהעריגע אָדער שפּעטערדיגע אַלץ איינס, און בעשולדיגען זיי דערפאַר עפּענט זיך קיינעם נישט דאָס מויל. וואָרום עס וואָלט געוועזען ווי אַ לועג לרש, שפּעטען פון אַ קבצן, פאַר וואָס מאַכט ער עס נישט פאַר זיך עפּעס אַ גרויס געשעפט, אָדער פון אַ שטומען, פאַר וואָס רעדט ער נישט, פון אַ געלעהמטען פאַר וואָס טאַנצט ער נישט, און פון אַ געבוינגטען פאַר וואָס הויבט ער נישט אויף דעם קאָפּ. אָבער נישט צו טויגען פאַר זיך — אַזוי טענה'ן די היינטיגע — האָבען י ע נ ע דאָך נישט געטויגט אויך אַ קאַץ אַנ'עק צובינדען, דאָס מיינט מען די כנסת ישראל, פאַר איהר אין גאַנצען זיך אָזועקלעגען. נישט צו קענען פער-

זאָרגען דעם אייגענעם תּכלית, האָבען י ע נ ע, אַז אַך־און־וועה צו זייער קאָפּ, צו זייער לעבען, נישט געטראַכט, נישט איינגעלעגט אַ וועלט צו פערזאָרגען כּל־ישראלים תּכלית!... זיי האָבען געפוילט, גע־שימעלט, נישט געמאַכט קיין חבריות, קיין כּנופיות; נישט געפּרובט צונויפקומען זיך אויף אַסיפות, אויפ'ן אָרט טאַקע, אָדער דורכצופּאַה־רען זיך אָפּטערס, עס פערשטעהט זיך, נישט אויף זייערע הוצאות, אַהין אַהער. פּיס האָבען זיי געהאַט, נישט אויף צו געהן; אַ מויל, מ'שטיינס־געזאָגט. האָבען זיי געהאַט, נישט אויף צו רײדען, צו האַלטען דרשות. אַזוי פוילען זאָלען אַלע אונזערע שונאים ווי זיי! וואָס האָבען זיי פערשטאַנען, וואָס האָבען זיי געוואוסט?... אַקציעס? — ניין! פאָנדען? — ניין! קולטוריאַ? — מכּות! וואָס־זשע דען? גאָרנישט! מען האָט געגענעצט, געדאַווענט, געבעבעט, אָפּגעריכט חצות, געזאָגט קינות, סליחות, מ'שטיינס־געזאָגט אַריינגעקוקט, געלערענט, און זיך אויסגעלע־רענט זיין צובראָכענע גלות־יודען מיט זייער שעהנעם, קנאַקענדיגען „מה־יפית“. — ומפּני חטאינו, אָט פאַר די דאָזיגע זאַכען איז דער צאָרן אויף י ע נ ע נעביך אַזוי אויסגעגאָסען געוואָרען. ראשית חכמה און סוף חכמה הייגט בּיי קינדער איז אַ פּאַטש די טאַטעס, י ע נ ע פון די פריהערדיגע צייטען. פּע, הייסט עס, פּע אַלטע, אַמאָלדיגע צייטען! אָט דערינען בּעשטעהט עס די גאַנצע חכמה, טאַקע גאַנץ יודישלעך, אויף דעם שטייגער טאַקע פון איין עם חכם ונבון, אַ קלוג, פערשטענדיג פאָלק ווי מיר יודען זענען — און דאָס איז, אוי, טאַקע די צרה!...

**נאָר נישט דאָס, זאָגט דער מחבר, בּין איך אויסען.**

**און מען מעג עס איהם טאַקע גלויבען, וואָרום דער גאַנצער מיין זיינער דאָ בּאמת, ווי עס ווייזט זיך אַרויס צום סוף, איז טאַקע גאָר עפּעס אַנדערש.**

**איך בּין דאָ אויסען, זאָגט ער, צו דערצעהלען, וואָס מיט מיר** איז פאָרגעגאַנגען אַמאָל אין יענער צייט, ווען איך בּין, ווי דער שטיי־גער איז פון אייזעמס, געזעסען בּיי שוועהר און שוויגער אויף קעסט. דער שוועהר מיינער, אַ פּראָסטער מענש, אַ שעהנער, יוסטער בּעל־הבּית האָט מיך, ווי אַ קאָרפּירער אתרוג'ל, אַ חשוב־בּחור'ל, אַ וואויל־לערנער, גענומען פון דער ישיבה פאַר זיין איינציגער געליעבטער טאָכטער, איין אויג אין קאָפּ. וויפיעל איך בּין אַלט געווען צו דער חתונה, איז שווער צו זאָגען, ווייל אין דעם חשבּון פון מיינע יאָהרען איז איבּערהויפּט גע־ווען אַ פּלאָנטעניש, ניט אַרויסצוקריכען. די מאַמע מיינע האָט גערע־

כּענט נאָך עפּעס אַ גרויסער שׂרפה, אַט דענסטמאָל איז זי מיט מיר געלעגען געוואָרען. די באָבע אָבער האָט עס גערעכענט נאָך עפּעס אַ בּהלה, און די מוהמעס מיינע האָבּען וועגען דעם געהאַט גאָר אַנדערע חשבונות. נאָר ווי די מעשה איז, אַזוי צי אַזוי, איך וויים נישט מעהר, אַז צו דער חתונה איז בּיי מיר געווען אַ גלאַט בּערדיל, אָהן אַ חתימת־זקן, ווי בּיי אַ יונגעל.

די ערשטע פּאָר יאָהר נאָך דער חתונה איז געווען קיין מעשה נישט . . . איך האָבּ געוואוסט נישט מעהר ווי דאַוונען, עסען קעסט און לערנען. נאַרישקייטען, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל בּיי אַ מענשען, איז מיר אין זינען נישט געלעגען — קיין קינד האָט מיין ווייבּ נאָך נישט געהאַט . . . די ערשטע צייט פלעג איך מיר אַזוי קומען אַהיים אָפּעסען, אָפּטרינקען און גאָרנישט, נישט צו הערען אַ קרום וואָרט, נישט צו בּע־מערקען אַ קרומע מינע. דערנאָך ווערט עפּעס אַ שטיקעל פּערענדערונג, עס לאָזט זיך מיר פיהלען פון דער שוויגער'ס זייט עפּעס אַ קרימעניש, אַ בּלאָזעניש, איך זאָל עס אָנהויבּען צו פערשטעהן פאַר וואָס. און אַזוי ווי איך האָבּ עס נישט פערשטאַנען, אַזוי טאַקע האָט עס מיר נישט גע־שאַדט — איך האָבּ מיר געטהון דאָס מייניגע און געגעסען געשמאַק. בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז איז מיר דערקלעהרט געוואָרען דער טעם פונ'ם בּלאָזעניש. פריהער על פּי ר מ ז, דאָס הייסט אויפ'ן וואונק, מיט אָנ־צוהערעניש, כּלומר, אַזוי מיינט זי — ק י נ ד ע ר! ווי האָט עס נישט אַ יוד קיין קינדער! . . . און שפּעטער האָט עס מיך די שוויגער געלאָזט הערען בּפירוש, מיט דעם פּראָסטען פּ ש ט. סטייטש, טענה'ט זי מיט מיר, שטאַרק אויפגעבּראַכט, גלייך ווי איך וואָלט איהר געקוילעט די קאַפּאָטע — סטייטש, צוויי קאַלעכדיגע יאָהר נאָך דער חתונה, און גאָר־נישט! . . . איידעמס בּיי לייטען, וואָס האָבּען חתונה געהאַט אין איין צייט מיט דיר, זענען שוין לאַנג טאַטעס, וועדר פון איינס, וועדר פון צוויי קינדער; מענשען זענען זיי, האָבּען אין זינען דעם תּכלית . . . אַז וואויל איז זיי, אַז וואויל אויך זייערע עלטערען! און דו וואָס? אַ שעהן בּעל־הבּית'ל. מ'שטיינס געזאָגט! און נאָך שפּעטער האָט מען געאַרבּייט אַרום דער דאָזיגער זאַך בּ ס ו ד. איך פלעג טרעפען אָפט די שוויגער זיטצענדיג מיט ווייבּער, שכנות, גבּאי'טעס, טוקערקעס, דאָס ווייבּ מיינס מיט אַראָפּגעלאָזטע, פערוויינטע אויגען אין דערמיט, און שושקענדיג זיך, איבּערווינקענדיג זיך איינע מיט דער אַנדערער, אַיין אַלטע גוי'ע להבדיל האָבּ איך אויך אַ פּאָר מאָל געטראָפען צווישען זיי. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען צום סוף, איז מען דאָס געזעסען און געטראַכט וועגען דעם,

פאַר וואָס האָט עס די שווינגער פון דער טאָכטער איהרער, פון מיין ווייב הייסט עס, קיין איניקעל נישט? און מען האָט געבראָכט דערצו באַבסקע מיטעל. די אַלטע גוי׳ע מיט דעם היימישען שטאָדט-טאָטער האָבען, עס פערשטעהט זיך, בּיידע געטאַנצט אין דעם קאָהן אינאיינעם מיט די געניטע אויסגעקינדעלטע ווייבער.

מיר אָבער איז נאַרישקייטען ניט געלעגען אין זינען, איך האָב מיר געשמאַק געגעסען קעסט און געשמאַק געלערענט.

אַז עס האָט נישט געהאָלפען נישט קיין רמז, נישט קיין פשט, נישט קיין סוד, איז די שווינגער אַרויס אַקעגען מיר מיט דרוש. דרשה׳נען האָט זי געקענט זעהר וואויל, אַז זי האָט געעפענט אַ מויל, האָבען זיך איהר געשאָטען, ווי פון אַ לעכערדיגען זאַק — אַ מגיד, ניין מאָס רייד, אויסגעמישט אינאיינעם גראַם-שטראָם, קובּעבּע-לאַקריצע, גוי׳עשע ווערט-ליך מיט להבדיל שטיקלעך גמרא, משל-לעמעשקע, פערווירצט מיט זים-זויער תחינה-לשון, עס זאָל האָבען דעם רעכטען יודישען טעם. דער שטעל איהרער אין די דרשות איבער מיר איז געווען אויף דעם געוויסען פסוק: „מיינס, מ׳שטיינס-געזאָגט, איז נישט לייטעש". — און זי האָט זיך גענומען גאַנץ ברייטליך אויפוייזען, אַז נישט לייטעש איז, וואָס איך בין דאָס, יענעס... נישט לייטעש, וואָס טאַקע ווי דעם פויער׳ס אַ ווערטיל: ני ראַק, ני ריבּאַ, דאָס הייסט אויף יודיש: ני מע, ני מו, ני קוקוריקו. וואָס דען-זשע? אַ לעקיש בּין איך. נישט לייטעש איז אויך דאָס: בּיי אַנדערע אַ שטייגער נעהמט אַ שוועהר דעם איידעם און פאָהרט זיך מיט איהם דורך צום חאַנדריקעווער, זאָל געזונד זיין, אָדער ווען נישט ער אַליין, טהוט ער עס דורך איינעם פון די חסידים, מאַכען זיי פון איהם אַ לייט. פיהרען זיי איהם אַהין... און דעריבּער טאַקע איז מזל און ברכה — זרענו וכספנו, קינדער און געלד, ווי אין „ויתן לך" שטעהט. און בּיי מיר — פלעגט זי אויסלאָזען, אַ קוק געבּענדיג בּייז אויף דעם שוועהר נעבּיך, וואָס ער האָט געהאַט פון איהר קאַלט און וואַ-רעם — בּיי מיר, אוי רבונו של עולם, הלואי אויף שונאי-ציון גע-זאָגט געוואָרען, אָמן, אָמן!...

פון מגידים די דרשות אַז איך הער היינט, שטעהען זיי אַזוי צו מיר צו ווי אַיין אַרבּעס צו דער וואַנד. איך קוק זיי נאָר אָן מיט רחמנות, ווי מענשען נעבּיך חכמה׳נען זיך, ווייסענדיג זיכער זעהר גוט בּיי זיך, אַזוי גוט ווי איך ווייס, אַז די חכמניות זייערע איז גע-מלאכה׳ט, לויטער שווינדעל, דראָט-אַרבּייט. נאָר די דרשה אָבער פון

דער שוידיגער מיינער דעמסטמאַל, איז מיר צו געשטאַנען ווי אַ פּיאַווקע צום האַרץ און געזויגען מיין בלוט. געגעסען האָב איך מיר קעסט אַלץ טאַקע געשמאַק, געלערענט אויך געשמאַק, נאָר עס האָט עפּעס נישט געהאַט דעם טעם וואָס אַמאָל. עס האָט מיך עפּעס געגענזועלט, געפּיקט מיר עפּעס אין קאָפּ, און פלעג מיך קענען אַמאָל אויף עטליכע מינוט פערטראַכטען מיט אויסגעשטעלטע אויגען, גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין, פונדעסטוועגען נישקשה, אָהן סכנות! איך וואָלט מיר געקענט גאָר קיין מעשה ניט אַזוי זיך אָבּשטערכען דאָס ביסעל יונגע יאָהרען ביז עס וואָלט געקומען אויך אויף מיר אַ צייט, אויסזוכען זיך איינע פון די יודישע פּרנסות: אַ קנעלונג, אַ קלייטעל, אָדער אַ שיינקעל אַ שטייגער, און זיין אַליין פאַר זיך אַ בעל־הבית. בעדאַרף זיך אָן מיר אָנטשעפּען זפּעם אַ דבוק, דער יצר־הרע אַליין, אין דעם געשטאַלט פון אַ חסיד, און מיך אָנריידען דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט וואָס, מיך וועלען פערפיהרען, דער רוח ווייסט וואוהין...

מיין יצר־הרע, דער חסיד, איז געווען אַ מנוול מיט אַלע פּאָסטעמפּקעס, מיט דעם גאַנצען חן, ווי אַזעלכען שטעהט־אָן. אַ דבור'ל האָט ער געהאַט גאָר אַנטיק, עס האָט געלעכערט דעם קאָפּ. אויף מעשיות צו דערצעהלען, איז אַזאַ בריה ווי ער נישט געווען, נישטאָ און וועט נישט זיין אין דער גאַנצער וועלט. פאַר איהם איז אָפען געווען דער הימעל, געמעגט דאָרט טהון וואָס ער וויל, איהם איז געשטאַנען פריי דער גיהנם און דער גן־עדן. מלאָכים, רוחות זענען ביי איהם געווען משרתים, ווי אַ שפּילכעל איז איהם געווען פייער און וואַסער... ער האָט געקענט מיט זיינע מעשיות נעהמען אַ מענשען ביי דער נשמה. האָט ער געוואָלט — איז פון זיי אָנגעפאַלען אויף אַ מענשען עפּעס אַ זיס דרעמיל, אַ וואַרימקייט איז זיך צוגאַנגען אין אַלע גלידער און עס האָט זיך געקראַצט עפּעס גאָר מחיה. האָט ער זיך בעלעקט, צמאָקענדיג מיט די ליפּען — איז אָנגעקומען יענעם אַ חשק צום טרינקען, פּשוט טהון אַ טרונק בראַנפען...

אָט אַזוי איז דער יצר־הרע מיינער, וואָס האָט זיך, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, צו מיר געגומען!

— זאָג מיר שמייגער! — הויבט אָן דער יצר־הרע מיך צו שטראָפען — ביז וואַנען וועסט די עס זיין אַ שמייגער? וואָס פאָרט קען אַרויסקומען פונ'ם תנו־רבנן, וואָס דו תנו־רבנן'סט מיר טאָג און נאַכט? פונ'ם זיצען ווי אַ קוואָצקע איבער דער גמרא וועסט דו קיין קינדער נישט

אויסזיצען — און וואָס פאַרט וועט דער תכלית זיין דערפון? ביסט דאָך עפּעס אַ יוד, דו שמייגער איינער!... איין עברה, כ'לעבען, אַזאַ יונגער־מאַן... עס וואָלט מיך נישט געאַרט אַ געבראָטענער ליטוואַק, אַ מתנגד, שוין אין די יאָהרען, אַ פרוש — אַ באַנק־קוועטשער מיט אַ באָרד — אין דער־ערד אַריין, צלם־קאָפּ! זיץ דיר, שאָקעל זיך, קוועטש דיר אָן מרידין, ביסט אַריין אין די מ"ט שערי־טומאָה און פערפאַלען, וועסט אייביג שוין נישט אַרוים! דו שמייגער אָבער ביסט נאָך אַ שנעק, האָסט נאָך צייט אַרויסצוטרייבען פון דיר דעם ליטוואַק, און ווערען אַ מענש, אַ כלי־שלמה. געהם זיך ביי־צייטענס אויף דעם רעכטען וועג און פאָלג מיך, שטעה נישט אָפּ פון אַנדערע יונגע בעלי־הבית'ליך, טאַטענ'ס קינדער, שטעה נישט אָפּ, זאָג איך דיר, און קום... קום... אַנדערע אפשר וועלען דיר זאָגען: קום קיין האַנדריקעוו, אָדער קום קיין יהופיץ, צום יהופיצער, און איך זאָג דיר — בויבעריק! ס'איז דאָ זייערע אַ סך, אַלע, דאַכט זיך פון איין שניט, קיינעם פון זיי געהט, ברוך־השם, נישט אָפּ אין דעם גוטען יודישקייט, געזונד און שטאַרק זאָלען זיי זיין! נאָר זיי אַלע אינאיינעם גענומען זענען ווי אַ שאָלעכטס פון קנאָבעל אַקעגען דעם בויבעריקער, זאָל לעבען. — קום, זאָג איך דיר, קיין בויבעריק. דאָרט וועסט דו געהאָלפען ווערען. איין מומחה צו עקרת איז טאַקע ער, דער בויבעריקער. אַ חוץ דעם וועט זיך דיר עפענען די אויגען, אָנקוקענדיג זיין ליכטיג פנים. „וועסט זיך וואַרעמען אַקעגען זיין ליכט", דו פערפרוירענער ישיבה'ניק, קאַלטער מתנגד. וועסט, ווי די אַצילו בני ישראל, זעהן די שכינה רוהט אויף זיין פנים און פאַר גרויס התלהבות ווי זיי עסען ביי איהם און טרינקען... אַצונד האָסט דו דערצו די מעגליכקייט, זיצסט דיר אויף קעסט, דער נדן דיינער איז נאָך נישט געריהרט; שפּעטער, אַזוי פערהאָף איך, וועסט דו אַ משכון פער־זעצען, דאָס לעצטע ביסעל ציהרונג ביים ווייב אַרויס'גנב'ענען — און פאָהרען, אָדער געהן צו־פוס קיין בויבעריק!...

אַזוי האָט אַלץ גערעדט און מיך איינגערעדט דער יצר־הרע. און אַז ער האָט געזעהן, אַז ער איז מיט מיר נאָך נישט פאַרטיג, מוסר העלפט נישט, האָט ער געפרובט ווירקען אויף מיר דורך משקה. ער פלעגט אָהן ווערטער צמאָקען מיט די ליפּעליך אַזוי, אַז מיר האָט זיך פערגלוסט נעהמען אַ קאָפּעלע בראַנפען. אָנגעהויבען האָט זיך עס פון יאָהר־צייט אָדער תיקון־בראַנפען, דערנאָך איז געגאַנגען אַ גאַנג, סיום־בראַנפען, אַלע מיני מצוה־בראַנפען, ווי אַ שמייגער ראש־חודש־בראַנפען, קידוש־לבנה־בראַנפען, ל"ג־בעומר־בראַנפען, שהי־פּורי־בראַנפען, ביז עס

האָט זיך אויסגעלאָזט מיט פּראָסט, גלאַט אַזוי זיך בּראָנפן. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז איבּערהאַפּענדיג איינמאָל די מאָס בּין איך אַרויס פון די כלים, דאָס הייסט — התפשטות הגשמיות, אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט, און געווען בּגילופין, אויף דעם זיבּעטען הימעל!

דאָס וואָס איך האָבּ, אָדער גלייכער צו זאָגען די נשמה מיינע האָט געהערט, געזעהן כביכול אויפ'ן הימעל, לאָזט זיך קוים־קוים איבּער־געבּען אויף דעם מענשליכען לשון. איך טהו עס פונדעסטוועגען, ווי וויט מעגליך איז, נאָר טאַקע דעם עולם צוליעבּ, ווייל דער עולם איז שטאַרק ציקאַווע, חלש'ט צו וויסען, וואָס טהוט זיך אויפ'ן הימעל, דאָרט אויף יענער וועלט.

נאָר צום ערשטען האָט מיך מקבל־פּנים געווען דאָרט אַ משונה־לאַנגע נאָז, אַ דיקע־געשוואָלענע ווי אַ בּאַרג, פייער־רויט, אַ בּיסעל פּער־בּליווט, ווי אַ פלאַם פון בּרענענדיגען ספּירט, און אָנגעזעצט פול־און־פול מיט ווייַנפּערליך, בּעפּייכטעטע פון קוואַלען שוויים. נאָך דער נאָז האָט זיך געוויזען איהר בּעל־הבּית, שוועבּענדיג, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס, עפּעס נאָר... לוט — דאָס איז געווען דער שר־המשקים פונ'ם יין־המשומר פאַר די צדיקים, ער מיט זיין כבוד אַליין. און בּאַלד לאָזט זיך הערען אַ בּת־קול ווי פון אַ משונה־גרויסע פוסטע פאַס: פּנו־מקום — מאַכט אַ וואַרע דעם גאַסט, פּלוני בּן סאָסיע!... אַ ציטערניש האָט מיך אָנגעחאַפּט דערהערענדיג דאָס קול, אַ ציטערניש ווי אַ געווינערין. דער שר־המשקים האָט מיך אַ שמיר געגעבּען איבּער די לעפּצען, אַריינגעגאָסען מיר אין מויל אַ הונדערט־גראַדוסנעם בּיטערען טראָפּען, בּין איך ווי ניי געבּוירען געוואָרען. — איך וויים, זאָגט ער צו מיר, וואָס דו ווילסט, צוליעבּ וואָס דו בּיסט אַהער געקומען. דאָס קול פון דיין שוויגער, בּעטענדיג פאַר איהר טאָכטער, דיין ווייבּ די עקרה, שפּאַלט די הימלען. דאָס שפּרעכען פונ'ם טאַטער לענגט איין וועלטען. מיר האָט מען עס בּעפּעהלען, געהן דיר אויף קבּלת־פּנים אַקעגען, שטאַרקען דיך מיט אַ בּיסעל משקה און אָפּפיהרען דיך בּיז צו דער ערשטער אינסטאַנציע, אָדער ווי עס הייסט בּיי אייך דאָרט, בּיז דער ערשטער קרעצמע. און אַזוי ווי דו בּיסט פון די בּאַנק־קוועטשער, וואָס שטעהען אונטער דער השגחה פונ'ם שר־התורה, לכן מוז מען זיך ווענדען צו איהם, און ער וועט שון דער בּקשה דיינער געבּען אַ גאַנג, וואוהין מען בּעדאַרף...

נאַ, נעהם נאָך אַבּיסעל „שהכל" און קום!

און באַלד טאַקע טהוט ער מיך אַ נעהם און עס טראָגט מיך ווי אַ רוח אַ מלמד, גיך־געשווינד אַזוי, אַז עס פערדרעהט זיך מיר דער קאָפּ. פּלוצלים טהוט עס מיך אַ וואָרף, האָפּ! און בלייב שטעהן אויף די פיס איינער אַליין און עס ווערט מיר מיט אַמאָל ליכטיג אין אַלע רמ״ח אברים. און איך הויב אויף די אויגען און דערזעה פאַר מיר אַ פּאַלאַץ ת״ק מייל די הויך, איינגאַנצען פון מירמעל־שטיין און גינגאָלד. און טויערען האָט דער פּאַלאַץ ת״ק גרויסע, און איטליכער גרויסער טויער ת״ק קליי־נע טויערען. צווישען זיי איז דאָ שערי חכמה, שערי בינה, שערי תלמוד, שערי חסידות, שערי התלהבות און שערי דבקות. און פונ׳ם פּאַלאַץ, זעה איך, געהען אַרוים ווי צוויי שרעקליך לאַנגע בליצען און אַ גע־שטאַלט פון אַ האַנד נעהמט אָן אַ הויפען שוואַרצען פייער און מאַכט כתרים צו די אותיות פון דער תורה. עס שטרויכלען זיך מיר די קניע־בעל פאַר שרעק און איך פאַל אַנידער אויפ׳ן פּנים. און איך פיהל, אַ האַנד ריהרט מיך אָן, און איך הערך אַ קול רופענדיג צו מיר: שטעה, זיי מוחל, אויף, בן־אדם, יפהפיה שר התורה האָט געהערט דיין שוויגער׳ס בקשה! און איך פיהל — אַ פּראָסט געהט מיר איבער דעם גאַנצען לייב, אַ צאָהן אָן אַ צאָהן קלאַפּט מיר פאַר קעלט, און שטעלענדיג זיך אויף די פיס דערזעה איך פאַר מיר אַ קאַלטען מלאך, אַ שטיק אייז! — דאָס בין איך, זאָגט ער, דיין מלאך, למדן מיינער, דער מלאך פון לומדים־מתנגדים און ישיבה־בחורים, דער אויבער־שווייצאַר פון שערי־תלמוד. קום, איך וועל דיר אָפּפיהרען, ווי איך בין געבאָטען געוואָרען, אַהין, צו לילה׳ן דעם שר פון החיון, דאָס הייסט פון מעברת מאַכען.

און ער טהוט מיך אַ נעהם, דער קאַלטער מלאך, און טראָגט מיך געשווינד ווי אַ רוח אַ מלמד, עס עסט מיך די קעלט און איך בין אוים מענש. פּלוצים — האָפּ־האָפּ! און איך בלייב שטעהן אויף מיינע פיס, און אַ ליעבע וואַרימקייט צעגיסט זיך מיר מיט אַמאָל אין אַלע רמ״ח אברים. און איך הויב אויף די אויגען און דערזעה אַקעגען מיר אַ ת״ק־גאַנ־רענדיגען פּאַלאַץ פון אַלע מיני איידעלשטיינער שטעהט אין אַ וואונדער־שעהנעם גאָרטען, מיט אַלערליי שפּראָצונג: רויזען, בלומען און בוימער — אַ גלוסטונג פאַר די אויגען. און איבער זיי איז איינגאַנצען אויסגעשפּרייט אַ טונקעל־בלויער פאָרהאַנג מיט אַ גילדענער לבנה אין דערמיט און ברי־ליאַנטענע שטערען, וואָס נעהמט זיך אוים אויפ׳ן אָנבליק ווי אַ שעהנע זומער־נאַכט. אין דעם גאָרטען ציהען זיך אין אַלע זייטען טויזענדער אַלייען, אָפּענע און פערבאָרגענע, וואו עס שפּאַצירען און קושען זיך פּאַרליך מלאָכים, צוגיסענדיג זיך אין אַ זיסער ליעבער שירה, אַמוריעל

המלאָך, דער שר אַהבה, געוואָפּענט מיט אַ פיל־און־בויגען, שיסט, שפּיעלט זיך מיט כּרובים ווי קינדער. וואָס ליעגען בעהאַלטען צווישען געדיכטע צווייגען, און די פייל זיינע טרעפט, פון איטליכען שאָס שפּרינגט פונ'ם בעהעלטערניש אַרויס אַ כּרוב'ל... אַ מחיה געוועזן צו שטעהן און קוקען, עס האָט מיך עפּעס געמאַנטעט, עפּעס נור טאַקע ווי ביים זאָגען שיר־השירים. און באַלד הערך איך אַמוריעל'ס קול, רופענדיג מיך ביים נאָמען: פּלוני בן־סאָסיע! — הנני, זאָג איך, איך בין אָנגעבּרייט! — אַבּי דו בּיסט אָנגעבּרייט איז גוט. איך שטעה שוין און קוק אויף דיר אַרויס צו דערפיהלען דיין בקשה. אָבּזאָגענדיג מיר די דאָזיגע ווערטער, ווענדעט ער זיך צו עפּעס אַ מלאָך און זאָגט: געה, עפּען דעם אוצר הנשמות און ברייננג מיר פאַר דעם בן־אָדם אַ נשמה'לע אַ טשאַקענדיקע. דער מלאָך געהט גיך אַוועק אין זיינע שליחות און באַלד קומט ער מיט ליידיגע הענד צוריק. וואָס איז? מען קען נישט עפּענען — נישטאָ דער שליסעל! און עס ווערט אַ גערודער, ומלאָכים יחפּזון, מען זוכט, זוכט און מען דערגעהט זיך — אַך, ביים בּויבעריקער איז דער שליסעל!... עפּענט מען די לאָך אין הימעל, דורך וועלכע עס קומען אָן פון בּויבעריק די תּפלות. מען בעט רחמים דעם בּויבעריקער, געוואַלד, גיט אַהער פאַר איין עקרה דעם שליסעל! נור אומזיסט די רייד, ער האַלט זיך ביי זיינס — ניין, זאָל זי, די עקרה, קומען צו מיר!...

אַמוריעל ווערט שטאַרק אין כּעס אויף דעם בּויבעריקער, און לאָזט אויס דעם כּעס צו מיר און צו אַלע יודען נעביך. — נישט אויסצוהאַלטען, זאָגט ער, פון אַייך יודעלעך! פון אַלע אוצרות די שליסעל פערנעהמט איהר אַייך אין די הענד אַריין, אויך אונז, שרים, מיינט איהר צו מאַכען פאַר אַייערע משרתים. אומעטום זענט איהר פול, און קיין יריד אויפ'ן הימעל איז נישטאָ אָהן אַייך... וואוהין קריכסט דו?! טהוט ער אויף מיר אַ הוק — דיין אָרט איז דאָרט אין דער יודישער גאַס. וואָס טהוט אַ יודעל דאָ צווישען אונז? טרייבּט איהם אַרויס...

און איך בּעקום אין האַלז־און־נאַקען איין שטויס נאָכ'ן אַנדערען ביז איך פערליר די געדאַנקען. און אַז איך עפען דערנאָך די אויגען, זעה איך מיך ליעגענדיג אין בעט, ביי מיר אין אַלקיר, און אַרום מיר דאָס הויזגעזינד, אַלע אין איין קול: אַ געפונענער! פון טוידט לעבעדיג!... וואָס איז? הערט אַ מעשה, אַ דריי טעג בין איך געלעגען אין הינהער־פּלעט!

א מענש אין הינהער־פּלעט, ווי ס'איז בעקאַנט, זעהט אוים אינ־גאַנצען ווי טוידט, דער גוף זיינער איז דאָ, אויף דעם עולם, און די נשמה זיינע, לויט ווי די וועלט זאָגט, שוועבט אין הימעל, דאָרט וואַרפט מען אויף איהם גורל, אַהין, אָדער אַהער, דאָס הייסט בלייבען א דאָרטיגער, אויף יענער וועלט, אָדער אַ היגער, ווידער צוריק אויף דער וועלט. אין דער צייט פונ'ם פּלעטען, שפּאַצירט זיך דערווייל דעם מענשענ'ס נשמה פריי אין הימעל אַרום און זעהט זיך אָן וואונדער־שעהנע זאַכען דאָרט. פון גאַנץ אַלטע צייטען נאָך געהען אַרום צווי־שען דעם עולם און געפינען זיך אויך אין ספרים זעהר וואונדערליכע מעשיות, וואָס מענשען, געוועזענע אין הינהער־פּלעט אויפ'ן הימעל, האָבען דערצעהלט, צוריקקומענדיג פון דאָרט. רב יוסף דער זוהן פון רבי יהושע בן־לוי — דערצעהלט די גמרא — איז שטאַרק פערשלאָפט געוואָרען און געבליבען ליעגען ווי טוידט אין הינהער־פּלעט. אַז ער איז דערנאָך צו זיך געקומען, פרעגט איהם דער פאָטער: וואָס האָסטו דאָרט געזעהן? און דער זוהן דערצעהלט איהם, עפּעס האָט ער דאָרט געזעהן גאָר קאַפּויר — געהויבענע דאָ זענען דאָרט דערנידעריגט, און דערנידעריגטע דאָ זענען דאָרט געהויבען... און אויף דעם פאָטער'ס פרעגע, ווי שטעהען מיר, חכמים, געלערענטע, מיר ווי זעהען אוים דאָרט? ענטפערט ער קורץ און שאַרף — דאָס אייגענע (מ'שטיינס גע־זאָגט) וואָס דאָ!... און נאָך זאַכען אַזוינע האָט ער איהם דערצעהלט.

דעריבער, אויב דער ענין פון הינהער־פּלעט איז יאָ אַזוי גרויס, וועט קיינעם קיין וואונדער ניט זיין, וואָס מענשען, גרויס און קליין, יונג און אַלט, זענען מיך ווי די היישרעקען בעפאַלען, אַז איך בין צו מיינע קרעפטען געקומען, און גע'חלש'ט הערען פון מיר אַ וואָרט, איך זאָל זיי דערצעהלען, וואָס אויפ'ן הימעל פערלויפט זיך, וואָס פאַרט הערט זיך דאָרט. פאַר גרויס חשק איז די סמאַהע זיי איבער די ליפּען איבער־געגאַנגען, קוקענדיג אויף מיר מיט גרויס דרך־ארץ. איך זאָל געוועזען דענסטמאָל שכל האָבען און וויסען אַ צורת מטבע, וואָס פאַר אַ ווערטה די מטבע האָט, וואָלט איך, ווי פיעלע אַנדערע הימעל־מענשען ביי אונז, געמאַכט פון מיין הינהער־פּלעט אַ געשעפט, איך וואָלט ווי יענע, דער־צעהלט מעשיות. גוזמא־גוזמאות, לאָזען די בהמות הערען, זיי וואָלטען הנאָה געהאַט, און איך וואָלט געגאַנגען אין גאָלד. איך אָבער בין דענסט־מאָל געווען אַ יונגעל, געזעסען אויף קעסט, האָב חוץ דער גמרא נישט געוואוסט דעם טעם פון דער שווערער ביטערער פרנסה. דערי־בער האָב איך, שוטה, מיך געהאַלטען אָן דעם אמת, דערצעהלט נאָר

דאָס, וואָס איך וויים. דאָס אייגענע טאַקע האָב איך אויך דערצעהלט אונזער רב. זאָל געזונד זיין. און אַז ער האָט מיך ווי אַ למדן אַ פרעג געטהון: ווי שטעהען מיר, יודען, דאָרט? האָב איך איהם געענטפערט ווי דער אמת איז: שפל — מען טרייבט!...

ס'איז געווען אַ גאָט'ס רחמנות איהם אָנצוקוקען, וואָס פאַר אַ מינע ער, נעבּיך, האָט געמאַכט, אַ זיפץ געבּענדיג טיעף פונ'ם הארצען.

ואחר הדברים האלה — און נאָך דער דאָזיגער מעשה, האָט מיין יצר-הרע, דער חסיד, זיך שטאַרקער נאָך גענומען צו מיר מיט זיינע גנבה'שע תנועות, לאמר, אַזוי צו זאָגען:

— היינט זעהסט דו שוין, שמייגער איינער, ווי געריהמט און געאַכפּערט „ער", זאָל געזונד זיין, איז אויבען דאָרט. אדרבה זאָג, זאָג...

— אַזוי געאַכפּערט זאָלען אונזערע אַלע שונאים זיין! — ענטפער איך שטיל, אונטער די נאָז, דערמאָהנענדיג זיך אָן די זלוולים, וואָס מיר איז געקומען צו די אויערען פון יענע דאָרט.

— עט! — זאָגט ער מיר — מילא וואָס מאַכט עס וועמען אוים, אַז יענע דאָרט ריידען צווישען זיך? אָבער אַ תקיף איז „ער", איין אוחז ביד איז „ער", און פון די אוצרות דעם שליסעל האָט „ער", און די ברירה צו געבּען האָט „ער"!... געה-זשע קיין בּויבּעריק! איך פער-שטעה אָסור נישט וואָס דיך קוועטשש?

אוי, האָט מיך געקוועטשט! עס האָט מיך געקוועטשט גלאַט בּויבּעריק אַליין, וואָס איז מיר און איטליכען אין מיין ווינקעל, אויסגעקומען עפּעס משונה-ווילד. עס האָט מיר אויך געקוועטשט גלאַט סתם דאָס יודישע עקשנות, ובפרט נאָך האָט מיך געקוועטשט דאָס אַוועקלעגען אַ ביסעל אין דער זייט די גמרא, צו וועלכער איך בין פון קליינוויין אַזוי געוועהנט געווען. — פון דער אַנדערער זייט אָבער, מוז איך זיך מודה זיין, איז מיר בּויבּעריק, אַ חוץ דעם וואָס האָט מיך געצוואונגען זיין דאָרטען וועגען מיין עסק, בּיסלעכווייז אַריין טאַקע אין טעם און אָנגעהויבּען צו געפעלען. ווי ווילד, דאַכט זיך, די בּויבּעריקער זעהען אוים, דאָך גוט צוקוקענדיג זיך, געפינט מען אין זיי פיעל שעהנע מעלות. זיי זענען גרויסע בעלי-בטחון'ס. זאָרג, אומעטיגקייט איז איין עברה, פע! דער בּויבּעריקער האָט געהייסען פרעהליך זיין. זיי

האַלטען זיך אינאיינעם, יונג, אַלט, אָרעם און רייך אַלע גלייך, אַלע צווישען זיך אויף חברה־לשון. זיי זענען נישט אַזוי טרוקען, נישט אַזוי קאַלט מיט פינסטערע צורות, ווי יודען פון מיין ווינקעל. זיי קענען אַמאָל נעהמען אַ ביסעל משקה און געהן אַ טענציל נישט דוקא פורים און שמחת־תורה, נאָר פּראָסט אין אַ וואָכענטאָג. איך האָב שוין ביי מיר גע'פּועל'ט פאָלגען דעם יצר הרע, בעדאַרף זיך פלוצלים טרעפען אָט וואָס...

בעדאַרף פלוצלים מיין ווייב, הערט אַ מעשה! — מעוברת ווערען, גאָר אָהן דעם בויבעריקער'ס לאַסקע, און האָבען — צוויי יונגליך מיט אַמאָל!

דאָס האָט שוין אַ ביסעל אָפּגעשוואַכט מיין יצר־הרע. בויבעריק איז דערווייל ביי מיר אַ ביסעל אַראָפּ אין דער זייט, און איך בין געבליבען שטעהן ווי שבת אַ יוד, מיט איין פוס אין דעם תחום, מיט דעם אנדערען אויף יענער זייט תחום — נישט אַהער און נישט אַהין!...

# ספר הבהמות

## מעשיות פון בהמות, אלערליי מיני בעשעפניש און אלסדינג, וואס פארלויפט זיך אין זייער עולם.

---

ליעבהארצעדיגער רב מענדעלי!

איך קען מיר פארשטעלען מיט וואס פאר א קרום פנים איהר וועט בעגעגענען דעם דאזיגען ספר מיינעם, וועלכען איך ברייננג אייך במתנה. „סטייטש, וואס הייסט — וועט איהר מאכען פערוואונדערט. בטלנ'דיג צו מיר, צו מיין קאפ חלומות — א בעל-לשון, וואס ארבייט כל-ימיו אין דעם „וויינגארטען פון דער יודישער ליטעראטור", שטענדיג געהאט צו טהון מיט יודען, געהאט מיט זיי צו זינגען און צו זאגען, — אזעל-כער זאל פלוצים אוועקווארפען אלסדינג, וואו וויינגארטען, וואו פאלק ישראל — נאט אייך גאר בהמות!... און גאר חוץ אלע זאכען, ווי געשיקט זיך עס גלאט מעשיות פון בהמות, פונ'ם בהמה'שען עולם?! מעשיות פון גלגולים, א שטייגער ווי מענשען, אזוינע און אזוינע, ווערען, רחמנא-לצלן, בהמות: פערד, אייזלען, חזירים, נישט פאר אייך געדאכט, מילא דאס איז חאטש על-פי דרך-הטבע. מען קען עס פערשטעהן. עס האט זיך שוין אזוינס געטראפען און טרעפט זיך נאך עד-היום אין אונ-זערע יודישע שטעדט. אבער מלכתחלה אמת'ע עכטע בהמות זאלען פיהלען, וויסען פון זייער חיות — אזוינס נעהמט דאך נישט דער שכל. ס'איז דאך נאר א געלעכטער. נישט אנדערש טאקי ער איז משוגע!"

לאז זיין אזוי, רב מענדעלי, איך בין משוגע. איך וועל מיך נישט שפארען; די שאלה איז אבער, וואס פאר א מין משוגע'נער איך בין. א מענש קען הייסען משוגע, פערשטעהט איהר מיך, איינס פון צוויי:

אָדער פונ׳ם זינען געהט אַראָפּ ער, און דער עולם איז קלאָהר, אָדער פערקעהרט — דער עולם געהט פונ׳ם זינען אַראָפּ, און ער איינער איז קלאָהר. דען דער שגעון פון אַ וועלט הייסט סדר־העולם. יענעם, וואָס אין דער מאָדע, עס מעג זיך זיין קרום, איז גלייך. משוגע איז דער יחיד מאַקי סיי־ווי־סיי, איןביידע פעלע, דער חילוק איז נישט מעהר אָט אין דעם: אין ערשטען פאַל איז ער איין עכטער משוגע׳נער, וואָס משוגע הייסט. אין דעם צווייטען פאַל אָקעגען איז ער נאָר אַ געמאַכטער. און דאָס, פערשטעהט איהר מיך, מאַכט זעהר פיעל אויס. מיין שגעון איז — אַזוי וויל איך מיר גלויבען — וואָס איך בין נישט משוגע גלייך מיט אַנדערע. דאָס הייסט, וואָס איך רעד נישט מיט דעם עולם איינע רייד, איינע ווערטער, נישט קוקענדיג אויף דער מאָדע. אודאי איז דאָס אַ נאַרעשקייט. אַ מענש — זאָגען די פילוסופין — איז בטבע אַ חברה־מאַן... אינאיינעם מיט חברה איז תמיד גוט. ס׳איז דאָ אי כבוד, אי צו־ליעבזאַכען: דו מיר... פערשטעהסט דו מיך, און איך דיר... פערשטעהסט דו מיך. הכלל, דערלייגען דערלייגט מען נישט. — יאָ, זעהר גוט. נאָר וואָס טהוט מען אָבער, אַז מען וויל אונטערבאַמקען און עס געהט נישט? אַז אינוועניג אין דיר זיצט עפּעס ווי אַ שומר, וואָס אַבי עס דאַכט זיך איהם ביי דיר עפּעס אַ חכמה׳לע, מאַכט ער: שאַ! עפּעס אַ תנועה׳לע — לאָזט ער דיך נישט פון דאַנען אַהין...

דערקלעהרען זיך דאָ פאַר אייך — אָך! נאָר ציהט מיך נישט, רב מענדעלי, פאַר דער צונג, צו דערקלעהרען אַלסדינג ריין, שאַרף ביז איטליכם פּיצעלע, נישט פערשטעלט. איבעריג חלעבין! מיר יודען פער־שטעהען זיך אויפ׳ן ווינק. איין וואָרט, אַמאָל, נישט דעררעדט, נישט געענדיגט, אַ סמאַרע מיט דער נאָז, אַ דרעה מיט׳ן פינגער, זאָגט ביי אונז מעהר ווי ביי די אומות העולם אַ גאַנצער ספר. ביי וועמען פון זיי איז דאָ אַזוי פיעל ראָשי־תיבות, וואָס ברעכען דעם מוח, אַזוי פיעל ווערטער מיט פינטליך אויף שטאַרקע אָנצוהערעניש צו געבען, ווי ביי אונז? אויף איין אות, וואָס דעם, יענעם דאַכט זיך איבעריג, שטעהען אָנגעבויעט גאַנצע בערג יודישקייט. איהר פערשטעהט? בערג הייגגען אין דער לופטען אויף אַ האָר, יודען אין דער לופטען אויף זיי, באָמבלען זיך מיט אויבער־הסברות אהין אַהער, אַ שרעק!... אָט אַזוי איז דער שטייגער ריידען ביי אונז: דרינגעניש, אָנשטויסעניש, עפּעס גלאַט אָהן ווערטער — אי... בע... עט... אָנגעהויבען עפּעס און וגו׳ אַ האַלב וואָרט און וכו׳, ענדיגען ענדיג דיר, זיי מוחל, דו מיט דיין כבוד אַליין. וד״ל — דו ביסט נישט קליין צו טרעפען נישקשה, וואָס מען מיינט.

**מילאַ, הערט=זשע רב מענדעלי!**

יאָ, אַקעגען דעם וואָס מעלתו זאָגט — „וויינגאַרטען", אוי, טהוט זיך עס דאָרט היינט אַביסעל, אַי=אַי=אַי! גאָר נים דער וואָס פריהערי· מילא ריינקייט, שעהנקייט... בין איך מוחל — נארעשקייטען! אָבער וואו איז דאָס רוהיגקייט, דער געקליבענער עולם דאָרט וואָס אַמאָל? היינט איז כל=דכפין — אריין! צוגליך מיט די געהויבענע, פאַרנעהמסטע לייט דאָרט, אויך קינד און קייט, אָהן עין=הרע. עס הילכט, עס שווישטשעט פון איטליכס ווינקעלע. נייע פייגעליך — נייע ניגונים; נייע גרילען — נייע גרילצעניש. עפּעס רעדט מען מיני דבורים, עפּעס וויל מען, וויל מען... וואָס? שווער צו זאָגען. בע! עפּעס האַרבליך אַביסעל זייער לשון. זוי עס זעהט אוים זענען זיי עפּעס אָנגעדרודעלט. פאַר וואָס? קיין יודישע נשמה קען מען נישט שאַצען. מסתמא וויסען זיי פאַר וואָס. נאָר אויף וויפיעל ס'איז מעגליך צו פערשטעהן דאכט זיך, אַז זיי זענען גאָר נים אַזעלכע בייזע... ווי זיי זעהען אוים. די אַלע דבורים זענען נישט פון זייער קאָפּ, חלילה. דאָס האָבען זיי געגאַשט ביי יענע להבדיל דאָרט, וואָס היינט אין דער מאָדע. די גאַנצע זאַך נישט מעהר איז, וואָס ביי יענע איז דאָס נאָך עט... צו דערליידען. ביי אונזערע אָבער האָט עס, מ'שטיינס געזאָגט, אַ פּנים ווי אַ פּאַריזער מאָדע ווערט פערטראָגען, אַז אָח=און=וועה צו איהר, צו יודישע מיידליך, דינסטמיידליך ערגעץ אין אַ יהופּעץ. הכלל, ס'איז ליהודים.

דאָך בין איך מיר געגאַנגען מיין וועג — שאַ, גאָר נישט, גלייך ווי מיר איז פערלייגט די אויערען. אדרבה, נאָך אָפּשטעלען זיך גאָר אַמאָל אין דער זייט דאָרט און האָרכען אויף ציקאַוועשטש, בשעת אַ גרויס דולעניש צווישען עלטערע, געלערענטע איבער היינטיגע משיח'ס צייטען, אַ שטייגער, האָטש ס'איז אַביסעל פערשטעלט, ארץ=ישראל הייסט עס, עפּעס נישט דערזאָגט, האַלבע ווערטער, ראָשי=תיבות: א"י, א"י מיט פּינטעלעך, וואָס ווערט געטייטשט מיט ל"ב פּירושים. איינער, אַ שטייגער איז אויסען נישט אַזוי א"י, גלאַט פּשוט מגושם ארץ=ישראל, ווי דאָס פּינטעלע דריִנען. דער שפּיטץ אינגאַנצען, וואָס שטעקט און מוז שטעקען דרינען, איז אָט=אָ דאָס — דאָס פּינטעלע יודישקייט, די גאַנצע חכמה, ווי הייסט מען עס, פערשטעהט איהר מיך. א"י, הייסט עס, האָט דעם יודישען טעם. מען בעדאַרף עס פּיהלען ווי עפּעס אַ רוחניות. עס האָט אין זיך אַזוינס, עפּעס אַזוינס, אַזוינס... וואָס כמעט נאָר פאַר דער נשמה, אַנדערש לאָזט זיך עס נישט טייטשען... קומט נאָך איינער און

זאָגט אויך פינטעלע טאַקי, נאָר א״י איז בע... לאו דוקא, פערשטעהט איהר מיך, וואָס לאו דוקא הייסט. אַי איז דאָך די קשיא, אַז נישטאָ קיין אָרט, אויף וואָס־זשע שטעלען דאָס פינטעלע? — די וועלט נישקשה איז גרוים, ס'איז גענוג פּלאַץ דאָרט פּאַר איהם אויך. מען בעדאַרף נאָר האַלטען זיך במעלה און זיך מאַכען הארץ. אַי וואָס — וואָס, וואָס? מען בעדאַרף מורא האָבען... נישקשה, נישקשה! נאַרעשע מענשען! זאָגען אַ טהייל. יאָ א״י, טאַקי א״י, נאָר דערצו בעדאַרף מען פריהער גוט טאַקי זיך קוועטשען. וואָס מיינט איהר קוועטשען? — קוועטשען די באַנק, געהן אין חדר אַריין!... דאָס מיינט מען עפּעס קולטורע, ווי הייסט עס ביי זיי היינט, השכלה אויף דעם נייעם שניט, פערשטעהט איהר מיך. — נאָך אַ טהייל מענשען, גאָר אָהן חכמות, אָהן מלאכות, מאַכען: עט! נאָט אייך אַ גראָשען, אַ פערציגער הייסט עס, און אַי, חלעבין! וואָס נאָך? — אַ תנועה אַביסעל פון יודען, אַ האַרטען פערציגער דערפאַר אינגאַנצען, איהר פערשטעהט? — נאָר ווי די מעשה איז, אַזוי צי אַזוי, וואָס קען עס מיך אַזאַ געשריי, אַזאַ איקערייי אַרען? לאָז זיך מיר דאַכטען אַ קלייזעל...

איך שפּאַציר מיר אַזוי איינמאָל אין „וויינגאָרטען“, ווי דער שטייגער מיינער איז, ביחידות, אויף וועגעליך, וואו נישט אַלע געהען, צוקוקענדיג מיך פון דערווייטענס צום עולם, בעטראַכ־טענדיג דאָס, יענעס, פּאַמעליך, פּאַמעליך, זיך נישט געיאָגט, געהאַפּט, און פערטיעפענדיג זיך אַמאָל אויך אין די געדאַנקען. פּלוצלים קומט מיר צו די אויערען אַ האַמפּעריי, קולות פון אַ סך מיילער, דער געזאָגט, יענער געזאָגט, אַלע אינאיינעם עפּעס אַזוי:

— משכּילים!... אַסימילאַטאָרעס!

— זעכציגער, זיבציגער יאָהרען!

— געמיינט השכלה, האָבען זיי, אַ סגולה צו די צרות.

— וואָס געטהון די משכּילים פריהער?

— פאַר'ן פאָלק וואָס געטהון?

איך שטוים מיך שוין אָן וואָס דאָס בעדייט. — דאָס רעכנען זיך דאָ אָפּ קינדער מיט טאַטעס, דער נייער דור מיט דעם אַלטען. עס פער־דריסט מיך שוין טאַקי אויף זיי, אויף די היינטיגע הייסט עס. הע־הע, זידלערייען! נישט צו פערשטעהן פון טאָג צו נאַכט — אַז דענסטמאָל

האָט ערשט אָנגעהויבען צו טאָגען, נאָך אַזאַ לאַנגער פינסטערער נאַכט צו טאָגען! נישט וויסענדיג זיך צו מאַכען פונ'ם חילוק פון היינט ביז אַמאָל — אַז אַנדערע צייטען — אַנדערע וועהטאָגען, אַנדערע וועהטאָ־גען — אַנדערע סגולות. אַז צו מענשליכע צרות איבערהויפּט איז ביל־דונג פעררעכענט געוועהן דענסטמאָל פאַר דאָס איינציגע מיטעל ביי דער גאַנצער וועלט בכלל. נישט צו בעטראַכטען די ביטערע לאַגע, אין וועלכער די בידנע משכּילים נעביך האָבען דענסטמאָל זיך געפונען צווישען אַיין עולם, וואָס איז בערייט געוועהן פאַר אַ מינדסטע זאַך, עפּעס נישט אַזוי ווי ביי איהם איז אַיינגערעדט, זיי צערייסען אויף שטיקער. אוי, האָבען זיי דענסטמאָל נעביך געליטען! און נאָך פאַר וואָס? פאַר'ן תנ"ך, דקדוק, לשון געליטען!... אויף בוידעמס, אין קעלערס, לעכער, חורבות האָבען זיי געלערענט. די שנאה פון אַלע זייטען איז גרויס, סכנות, נויטה, אָרעמ־קייט — אַ שרעק, און זיי פונדעסטוועגען טהוען זייערס, דערגרייכען אַ סך. דעם פונדאַמענט צו אונזער איצטיגען צושטאַנד געלייגט האָט ווער? — זיי! גאַזעטען, שפּראַכע, השכלה־ספרים האָבען מיט זייער אָנהויב צו פערדאַנקען וועמען? — זיי, זיי! שאַ, און איהר, קינדערליך, פון וואַנען האָט איהר זיך גענומען? פון וואַנען די אַלע היינטיגע חכמים, גרויסע קעפּ, בריות־מענשען, ווען די טאַטעס, די משכּילים פאַר זיי, וואָלטען זיך נישט געוועהן מיהען?... אַי־וואָס, יענע מיני פאַרשוינען דענסטמאָל, קריכער, אַסימיליאַטאָרען הייסט עס? קראַפּיווע זייעט מען נישט, עס וואַקסט אַליין. אַזעלכע וואַקסען אומעטום אין אַלע צייטען. קאָרנ אַ שטיינער זענען זיי דאָ צווישען אַיך, היינט טאַקי?...

נאָך מעהר פעררדראָס איז אָבער, וואָס דער גאַנצער „הכּצעקתה" איז גאָר אַיין איבעריגע זאַך. איהר ווילט עפּעס טהון פאַר'ן פאָלק? — אָך קינדערליך, מהיכא־תיתי! צו וואָס־זשע איז אַזוי דאָס פייער, דאָס זידלען זיך, דאָס קלאָגען זיך אויף די טאַטעס, מאַכען זיי אויסצודרעהען? שוין נישט זאָגען פאַר וואָס ק ו מ ט עס זיי אַזוינס, פרעג איך נישט מעהר: צו־וואָס, טאָמיר ווייסט איהר, ב ע ד א ר ף מען עס? אפשר אויף אויסצופיינען זיך דערמיט פאַר'ן עולם: גאָט זעהט, הייסט עס, ווי מען טהוט תשובה, מען שלאָגט זיך „אָשמנו" פאַר דעם חטא פון השכּלה, פאַר די זינד פון טאַטעס, אַלטע משכּילים? — אַט, חלעבין! לאַ־די וואָס דער עולם וועט נישט גלויבען, ווייל די אויגען זענען איהם נאָך נישט אַרויסגעקראָכען נישקשה, צו זעהן די אַלטע זינד פון די פאָטערס אויף ביי די קינדער, וועט ער נאָך, צומאַכענדיג מחילה די נאָז, זאָגען: פע! אויף דעם אָרט וואו די בעלי־תשובות שטעהען קענען אמת'ע־

**צדיקים מאַקי נישט איינשטעהן... אלא וואָס דען־ושע בעדאַרף מען עס? — גאָר נישט!**

גלאַט אַזוי זיך, פּיזערען, פּילדערען. מה נאמר ומה נדבר, ס'איז מאַקי מעשה יוד. צוהיטצט זיך אַ יוד, דענסטמאָל — אָ, אזאַ'ס! רעדט ער און רעדט אַפילו אויף „ננתקה" אויך. לעכצט אַ יוד נאָך כּבוד, מוז ער דערוויל מאַכען צו נישט אַנדערע. בּיי איהם איז ישר והפוך — אי גערעדט אַזוי, אי דאָס איינענע פערקעהרט; אי אַ הויב אַרויף, אי אַ וואָרף אַראָפּ; אי מאַכען זיך אוים זיין יחוס, זכות אָבות, אַ גאַנצען צימעס, אי אויסמאַכען עס צו גלייכער צייט. און ווי עס דאַכט זיך פּיהלט ער עפּעס גאָר אַ בּעזונדער מין משונה פערגעניגען אין מבטל זיין די זייניגע און דאָס זייניגע, אין דעם שנייצען, ווי זאָגט מען עפּעס, די נאָז און שמירען דאָס פּנים. איינגעהמען תענוג פון מבטל־זיך־זיין, פון קיין פּנים־נישט־האָבען — אַזוי'ס קענען נאָר מאַקי מיר יודען!...

עס צושפּילען זיך אין מיר פאַר גרויס פערדראָס, די געבּליטען. עס רייסען זיך מיר אויף דער צונג טיעף פּונ'ם האַרצען ווערטער, ריי־דען ווילט זיך מיר, ריידען — און דאַכט זיך מאַקי: אָט שטעה איך פאַר'ן עולם, זאָג און שריי ווי אַ נביא מיט דעם בּעקאַנטען טרויערדי־גען ניגון: הוי, וועה־געשריגען אויף די, וואָס קענען אַנדערש ניט ניל־טען פאַר גוט און פרום, פאַר חכמים און פיינע־בּריות, בּיז זיי מאַכען נישט אַ תל פון יענע! הוי, וועה־געשריגען אויף בּריה'שאַפט זיך צוהיט־צען, צופלאַקערען; אויף גיכע אָנצינדעניש און אויף גיכע אָפּקיהלע־ניש!... הוי, וועה־געשריגען אויף... נאָר בּאַלד טהו איך מיר אַ חאַפּ — אוי, חלומות! איך איינער אַליין גּ ע ה ד אָ א ו י ף ד ע ם ו ו ע־ג ע ל ע. וואו עולם? נישטאָ קיין עולם!...

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו הערען דאָרט אין דעם „וויינ־נאָרטען" קולות, געשרייען נאָך שטאַרקערע ווי פריהער, מיינסטענס איבּער לאומיות — אַ שפּאָגעל־נייַ וואָרט אַזוי'נס, נישט דערהערט געוואָ־רען אַמאָל בּיי אָבות־אבותינו. הייסען זאָל עס אייגענטליך הייסען לאומיות כּמו אַזוי ווי גויית (לאום און גוי האָבען דאָך איין טייטש: פאָלק, נאַציע), דאָס הייסט, פערשטעהט איהר מיך — ווי זאָל איך עס זאָ־גען? — עפּעס אַזוי: פאָלק איז פאָלק און רעליגיע איז רעליגיע. צוויי בּעזונדערע זאַכען, ווי בּיי זיי להבדיל, וואָס בּיי יודען גאָר ניט צו פער־שטעהן! מסבּיר צו זיין עס אַבּיסעל, מוז איך געבּרויכען עטליכע ווער־טער חקירה, זאָל מיך גאָט נישט שטראָפען פאַר די זינד. שרעקט זיך

ניט, רבּ מענדעלי, טאַקי נאָר עטליכע ווערטער, נישט מעהר, ווי איך בּין אַ יוד! — דת בּיי אונז יודישע קינדער, פערשטעהט איהר מיך, איז נישט דאָס, וואָס בּיי אַנדערע פעלקער אמונה, גלויבּען, רעליגיע — הימעלזאַכען, יענע וועלט; נאָר וואָס דען? גוטע, קלוגע, גערעכטע געזעטצען, א י ן ל ע ב ע ן אַריין נויטהיגע זאַכען, טאַקי דאָ אויף דער וועלט, און אויך געבּאָט, וואָס זענען געשטעלט אויף היסטאָרישע, געשעהענע זאַכען, פון אַ זכר וועגען. אַזעלכע געזעטצען, אַזעלכע געבּאָט דריקען אויס און דערהאַלטען דאָס לבּען אי דעם גייסט פונ׳ם פאָלק. דת און לאומיות זענען דעריבּער בּיי אונז איינס. איטליבער אין דעם גוטען יודישקייט איז, וויסענדיג נישט וויסענדיג, ווילענדיג נישט ווילענדיג אַ יוד, אַ לאומי. „קודשא־בּריך־הוא, ישראל און די תּורה, זענען איינס" — אַזוי זאָגען אויך אונזערע הייליגע חכמים. — קורץ און שאַרף!

נאָר גאַנץ פּשוט, גאָר אָהן אַלע חקירות לאָזט זיך נישט פער־גלייכען דאָס, וואָס בּיי יודען, מיט דעם, וואָס בּיי אַנדערע פעלקער. פעלקער בּיי זיך אין לאַנד, פערזאָרגט מיט אַלע נויטהיגע זאַכען צום לעבּען. זיי מ ע ג ע ן אמונה און לאומיות טהיילען און ק ע נ ע ן עס טאַקי טהיילען. זיי ה אָ בּ ע ן ו ו אָ ס צו טהיילען — ס׳איז דאָ אי וואָס צו גאָט, אי וואָס צו לייט; אָבּער יודען... זיי טאָרען נישט און קענען נישט טהיילען, דען וואָס האָבּען יודען, מ׳שטיינס־געזאָגט, אין גלות? אין וואָס זאָל עס בּעשטעהן פאַר זיך אַליין, גלאַט יודישקייט, לאומיות, ווי הייסט מען עס בּיי זיי היינט, אַז נישט דאָס, נישט יענעס, אַז קיין זאַך נישט ווי בּיי לייטען? איהר פערשטעהט דאָך וואָס מען מיינט... גלאַט לאומיות דאָ אין גלות, אָפּגעטהיילט פאַר זיך בּעזונדער פונ׳ם דת, איז דאָך עפּעס אַ וואָרט נישט צו פערשטעהן. פאָרט וואָס זאָל עס אַזוינס זיין, און וואָס זאָל עס בּעשטעהן?

— לאומיות בּעשטעהט — אַזוי שרייט מען היינט בּיי אונז אין איין קול — אין לשון. היסטאָריע!

אָוואַ, אין לשון! פּקוד, פּקדתּי, הייסט עס. הערט אַ מעשה, אין לייענען היסטאָריע!... אָט דאָס גאָר? אָט דרינען בּעשטעהט עס איינ־גאַנצען דאָס פייער, דער בּרען? אַ נס, חלעבּין, וואָס די היינטיגע האָבּען זיך מחילה פאַרשפּעטיגט, זיי זאָלען זיך געוווען אונטעררייקען מיט זייער חקירה אין יענע פריהערדיגע צייטען, און מען זאָל זיי געוווען, חלילה, הערען, וואָלט פון יודען שוין לאַנג קיין זכר נישט איבּערגעבּליבּען. פאַר

דעם לשון און היסטאָריע, מ׳שטיינס=געזאָגט, וואָלט קיינער פון יודישע קינדער, זיי אוודאי ניט, זיך נישט מוטר נפש געווען. — לשון, מהיכא־תיתי! אַ מהייערע זאַך. נאָר גוט מיט עפּעם דערצו, פערשטעהט איהר מיך מיט אַ שטיקעל אייגענס מ אַ י אָ נ ט ע ק, אַ שטייגער, וואו דו ביסט אַ פּריץ און ד י י ן וואָ ר ט דאָרטען גילט. אַז דאָס אָבער נישט, נישטאָ פאַר איהם, פאַר דעם לשון דיינעם הייסט עס, קיין אָרט, קיין געבּרויך — נישט אין מאַרק, אין קלייט, אין קאַנטאָר, אין דער פּרנסה, בעונותינו הרבים, און ערגיץ נישט אין דעם לעבען, וואו=זשע? בלייבט דאָך איהם איבער דאָס איינציגע נאָר די שוהל. איז דאָס איינציגע אָנשפּאַרעניש זיינס הייגט נעביך אין דעם חומש׳ל, תנ״ך׳ל, אין דעם סדור׳ל, מחזור׳ל און אַנדערע הייליגע ספרים, אין וועלכע דער יוד ליגט אין גאַנצען מיט די ביינער, מיט לייב און לעבען און זיינע אַלע געדאַנקען, אין וועלכע ער געפינט פאַר זיך טרייסט, פול זאַכען, געבּאָט אַזוינע אויף=צו=וועקען און קרעפטיגען אין איהם זיינע נאַציאָנאַלע געפיהלען. טאַקי אין גאַנצען וואָס דיין לשון נעביך האָט זיך דערהאַלטען און האַלט זיך נאָך אין גלות אַצונד, האָט עס צו פערדאַנקען נאָר זיי, אָט די אַלע זאַכען — דאָס לעבען, די נשמה פונ׳ם יודישקייט. נעהמט מען צו דאָס, דאָס הייסט, מען רוקט זיי אָפּ אַביסעלע אין דער זייט, מען גיט דערפון, ווי אויף אַ רפואה, אַ קאַווע=לעפעלע אַ שעה — נעהמט מען ביי איהם צו, ביים לשון הייסט עס, די נשמה. אָהן אַזאַ אָנשפּאַרעניש דאָ, אין גלות, נאָר גלאַט פאַך זיך אַליין, וועט עס, פריהער אָדער שפּעטער אַביסעל, זיכער פאַלען.

אוי, די מעטאָדעס, די מעטאָדעס! דאָס איז פאַר דעם לשון סם, דאָס אייגענע וואָס פאַר דעם פיש די יבשה. אוי, די יבשה — די טרוקענע אָהן גייסט, די וואָכעדיגע אָהן הייליגקייט, מעטאָדעס!... אָנגענומען, זיי דינען גרינגער אויסצולערנען די שפּראַכע, אָבער אַקעגען דעם דינען זיי אויך, נאָך גרינגער זי צופערגעסען. ראשית חכמה מוז מען דאָס האַרץ באַלד טאַקי אין אָנהויב, לאָזען פיהלען דעם הייליגען געטליכען גייסט. אָט דאָס ערשט קען דינען פאַר אַ גרונט פאַר׳ן לשון, עס זאָל שפּראָצען, וואַקסען און געבען פּירות; אָהן דעם אָבער וועט זיך עס ווי גראָז נישט לאַנג האַלטען. בפרט היינט, אַז פון אַרום און אַרום בלאָזען שטאַרקע ווינטען און רייסען אויס אין דעם יודישקייט פיעל זאַכען, וואָס נישט פעסט דאָרט אַיינגעוואָרצעלט... לאָז נור אַוועקגעהן אַ שטיקעל צייט וועט זיך אַרויסווייזען, צו עס איז פאַר איהם אַ לעבען, ווי די היינטיגע זאָגען, אָדער, הלואי איך זאָל ליגען זאָגען, גאָר אַ טוידט.

— למאי אונגאַריש, פּויליש, צעכיש און דאָסגלייכען! — שרייען דאָרט יענע לייט, נעהמענדיג זיך געשמאַק קודם־כל צואַרבייטען, מאַכען אַ לשון.

עס ווילט זיך מיר שטאַרק זיי עפּעס זאָגען, נאָר ביי מיר איז אָבער געווען אָפּגעמאַכט, איינהאַלטען זיך ווי ווייט מעגליך, נישט אָנ־רופען זיך מיר אַ וואָרט. און צוקיהלען מיר דאָס האַרץ נעהם איך מיך אויס'טענה'ן מיט זיי אין די געדאַנקען, ריידענדיג פאַר מיר און פאַר זיי, ווי דער שטייגער איז פון אַ מענשען אַמאָל נאָך אַ שלעכטע בעגעגעניש מיט עמיצען.

— רבותי! — מאַך איך טראַכטענדיג ביי מיר — וואָס איז דאָס פאַר אַ פערגלייך? מען בעדאַרף זיין בלינד, נישט צוזעהען דעם ווייטען חילוק פון אונז צו יענע. אם־ירצה־השם אויף זייער אָרט, אין זייער שטאַנד, וועט עס ביי אונז זיין אויך אַזוי, אפשר פיעל מאָל בעסער נאָך ווי ביי זיי.

— דאָס איז דאָך אָבער אַ סגולה, לשון, מעטאָדעס, הייסט עס. פאַר אונזערע קנעכט, פאַר אונזערע קריכער און זייערע קינדער! — לאָז איך זיי טענה'ן, ריידען אַקעגען מיר.

— חכמים! — טהו איך זיי אונטער די אויגען אַ פּיק — דאָס איז אַזאַ מיטעל ווי אָנשיטען זאַלץ אַ פייגעלע אויפ'ן וויידעלע כדי עס צוחאַפּען. משוגע וועלען יענע זיין, קריכען אייך אין די הענד אַריין איהר זאָלט מיט אַזוינע מיטעל מתקן זיין זייער נשמה, מאַכען זיי פאַר יודען. בפרט אַז די מיטעל אַליין טויגען נאָך דערצו אויך נישט. מעטאָ־דעס און גלאַט לשון, אָהן דעם הייליגען יודישען גייסט, דערצו נאָך אָהן אַ שום געבּרויך אין דעם לעבען, אין דער פּרנסה, זענען דאָס אייגענע וואָס אַ טוידטען באַנקעס... איהר הערט? איהר מעגט נישקשה, צורעכ־נען דערצו אויך היסטאָריע.

— אַי, אַי, יודישע קינדער! — לאָז איך זיי שרייען, אָנחאַפּענדיג זיך ביים קאָפּ — ס'איז דאָך עפּעס אַ שרעק! אויס היסטאָריע, אויס זכרון, אַ מענש זאָל נישט געדענקען וואָס מיט איהם אַמאָל! היסטאָריע, דאָס איז דאָך דער זכרון פון אַ פאָלק. דאָס איז אַ קול פון עלטערען, וואָהרנונגען און לעהר־נונגען; אַ פערצייכעניש פון זאַכען, געשעהענישען, איינפיהרונגען פאַרצייטען.

— דאָס אַלסדינג העלפט אָבער אַזוי ווי איין אַרבעס צו דער

ראַנד! — ענטפער איך אָפּ צוריק ביי זיך טאַקי אין די געדאַנקען — מען הערט און מען טהוט נישט וואָס מען הערט, אָדער מען טהוט און מען הערט נישט יענעמס נסיונות זענען נישט קיין תורה פאַר אַנדערע, נעכטיגע — טויגען נישט מאָרגען. קינדער האַלטען זיך קליגער פון די טאַטעס. שאַ, איהר אַליין טאַקי בעריהמט זיך דאָך מיט אייער יונגקייט דערמיט אַליין וואָס איהר זענט יונגע לייט, און רעכענט זיך אָפּ מיט עלטערע ווי מיט אַ טאַטען!... אַלטקייט איז אַיין עבירה שוין דערפאַר וואָס ס'איז אַלט. ווייסט איהר-זשע נישט, אַז יונגקייט איז נישט אייביג, אָט-אָט ווערט איהר אַלט און שפּעטערדיגע יונגע לייט וועלען אויס אייך שפּאָטען? מעגליך איהר ווייסט, דער נסיון איז פאַר אייערע אויגען, ע ס ל י ג ט א י י ך א י ן ז כ ר ו ן און עס העלפט פאָרט נישט דער זכרון. ס'איז נאָך באמת דאָ עפּעס אַ גאַנצע דרעהעניש: ג ע ד י י נ-ק ע ן א ו ן ה ע ר ע ן — הייסט דאָך בלייבען שטעהן, אויף איין שטאַנד נישט ריהרען זיך פונ'ם אָרט. פע! — אלא, וואָס דען, אַלץ ווייטער ווייטער געהן, דאָס הייסט, ג ע ד י י נ ק ע ן א ו ן נ י ש ט ה ע ר ע ן, קומט דאָך אויס עפּעס אַזוי משונה ווי אַ שטעהן און אַ געהן ביידע אינאיינעם! צו וואָס געדענקען, צו וואָס דער גאַנצער זכרון, ער זאָל זיך נור באַמבלען אונטער די פיס און שווער מאַכען דאָס געהן? שוין פיעל גלייכער אַזוי: נ י ש ט ג ע ד י י נ ק ע ן א ו ן נ י ש ט ה ע ר ע ן. און געוועהנטליך קומען טאַקי פאַר אין דעם לעבען אָט יענע מאַכערס, אַ שטייגער, וואָס ווייסען נישט, ה ע ר ע ן נ י ש ט אַ וועלט און טהוען, אַ ר ב י י ט ע ן מ ע ש י ם...

— פילוסופיא! — לייג איך זיי אין מויל אַריין, אויף אָפּצוזיידלען מיך בלומרישט, אַזאַ וואָרט, וואָס הייסט ביי דער וועלט אַזוי פיעל ווי נאַרעשקייטען, מעשה מלמד, און דאָך האָט איטליכער, אויף וועמען עס איז געזאָגט געוואָרען, דערפון ביי זיך אין האַרצען הנאה — גלאַט אין דער וועלט אַריין פילוסופיא, זייטיגע זאַכען. אַהער בעסער מיט אונזערס, מיט יודישע היסטאָריע! זי דערפרישט, היינט און בעשעהנט, זי גיט צו אַ שטיק געזונד, כח און לעבען.

— מיט וואָס?

— סטייטש מיט וואָס! מיט אַגאַנץ צעטיל פון תנאים, אמוראים, גאונים, רבנים, ראשי-ישיבות, מורי-הוראות, דיינים, פרומע כשר'ע יודען און מחברים כל-המינים.

— מהיכא-תיתי! אויב אָט דאָס-אָ הייסט און קען הייסען היס-

טאָריע, איז עס נאָך גוט פאַר אַזעלכע, פאַר וועלכע עס זענען אָפען די ספרים פון יענע אַלע לייט דאָ אין דעם צעטיל, הגם זיי קענען זעהר גוט זיין דאָס וואָס זיי זענען, אויך אָהן אַזאַ היסטאָריע; פאַר אַזעלכע, ביי וועלכע די דאָזיגע אַלע לייט מיט זייערע ספרים זענען שטאַרק בחשיבות און האָבען אַ גרויסע ווירקונג, אַ דעה אין זייער לעבען. ווען אָבער נישט דאָס, וואָס קען דען אַזאַ היסטאָריע, גלאַט אַ צעטיל נעמען אַליין עפּעס געבען? — גאָר נישט! נישט איין זאַך פון די, וואָס איהר ווילט. מען קען זיך איבערקוקען דאָס גאַנצע צעטעל, אויב מען וויל, און בלייבען טאַקע קאַלט ווי אייז. אויף דערויף אַליין האַלטען זיך איז דאָס יודישקייט אַ בלאָז! און באמת טאַקי, וואָס פאַר איין אינטערעס, וואָס פאַר געפיהלען פון ליעבשאַפט צו זיך קענען ביי יענע אין הארץ אויפ־וועקען אַזעלכע לייט, וואָס קומען זיי אוים אביסעל משונה ווילדליך, עפּעס גאָר ווי פון איין אַנדער וועלט? קדושים אַפילו. די אַלע גרויסע צרות, רדיפות, דערנידערונגען, געבּרענטע געבראָטענע לייד, מיט וועלכע אונזער היסטאָריע איז אַזוי רייך, איז אויך אַ קנאַפּער מיטעל צוזאַמען דערמיט יענע קאַלטע פאַר הייסע יודען. דערפרישען, הויבען און בע־שעהנען, מיינט איהר דערמיט — אדרבה! עס קען נאָך אויף זיי ווירקען פונקט פערקעהרט. זיי קענען, לייענענדיג עס, גאָר פערדרעהען די נעז, טראַכטען: נו, אַ פאָלק!... אויף צרות, אויף אומגליק נאָר אַזאַ פאָלק, וואָס איז צו שאַנד, צו שפּאָט אין אַלע ערטער און אַלע צייטען. גלייכער די חרפות־בזיונות, די אַלע צרות און דערנידערונגען צו פערדעקען, שאַ, לאָזען עס חאָטש אַנדערע היינט נישט הערען, לאָז מען נישט זאָגען: קנעכט, אַקעגען דעם וואָס פריהער זענט איהר היינט פריצים! אויך אונ־זערע קינדער לאָזען עס נישט וויסען. צו וואָס פערגיפטען דערמיט זייער לעבען, קרענקען, שוואַך מאַכען זיי מיט מעשיות פונ'ם ביטערען גלות, דערשטיקען אין זיי דעם מענשליכען שטאָלץ און צונעהמען ביי זיי דעם מוטה אין די יונגע יאָהרען?... יאָ, ס'איז גאָר אַ שאלה אויב אַ לעבען פון אַ פאָלק אין דעם לאַנגען גלות, וואו עס לעבט־זיך, טהוט זיך נישט מיט זיין אייגענעם ווילען, נאָר מיט יענעמס, נישט ווי עס ווילט זיך, נאָר ווי עס לאָזט זיך; וואו די לאַגע זיינע ענדערט זיך תמיד ווי דאָס וועטער נאָך די ווינטען, וואָס בלאָזען פון פערשידענע זייטען; וואו באַלד גיט עס איהם אַ טראַג אין דער לופטען און באַלד אַ וואָרף אין דער ערד אַריין, היינט פערוואָרפט עס איהם ווי אַ בלעטיל אַהין און מאָרגען אַהער — אָט אַזאַ לעבען מ'שטעהנס־געזאָגט פון אַזאַ פאָלק איז די שאלה, אויב עס קען גאָר הייסען היסטאָריע... עס האָט

אַ פּנים טאַקי נאָר ווי עפּעס אַ שלעפּער, אַ בעטלער רעכענט און פֿער־שרייבּט די צאָהל הייזער, פֿון וועלכע מען האָט איהם אַרויסגעטריבּען, די צאָהל משרתים, לאַקייען, וואָס האָבּען איהם אַרויסבּעגלייט, און די קלעפּ, די הייסע פּעטש, וועלכע ער האָט דערבּיי פֿון זיי געחאַפּט, פּינקטליך אַקוראַט, נישט צופֿערפֿעהלען נישט איינס פֿון זיי חלילה!... היסטאָריע און לשון קענען זיין דאָס, וואָס זיי בּעדאַרפֿען זיין, ערשט דענסטמאָל, ווען זיי ווערען געמאַכט און האָבּען אַ געבּרויך בּיים פֿאָלק, ווען זיי געהען אין דער וועלט מיט איהם און דורך איהם, בּשעת ער, דאָס פֿאָלק הייסט עס, היינגט אָפּ פֿון זיך, פֿון זיין ווילען, טהוט, אַרבּייט, און ווייסט צוזאָגען פֿון זיין לעבּען... דערווייל אין גלות, איז לשון — לשון־קודש (הייליג צוליעב די הייליגע ספרים) נישט פּשוט, פֿאַר זיך אַליין לשון, און היסטאָריע — אוי, אויף שונא־ציון געזאָגט געוואָרען!...

— הערסט דו, אָט דאָס טאַקי שרייען מיר דאָך: ציון! — — —

דאָס אויס'טענה'ן זיך אין די געדאַנקען איז מיר אַצונד קאַרג. וואָס העלפֿט דיין טראַכטען, דיין פֿערבּאָרגענע חכמה אינווענינ אין זיך, בּשעת די אומשטענדען פֿאָדערען, יענעם פֿריי טאַקי זיי אַרויסצוזאָגען? רעד, לאָז מען הערען! — עס ווערט אין מיר עפּעס אַ פֿערענדערונג. עס גיט מיך אַ טראָג — און פּלוצים ווי פֿון דער העלער הויט וואַקס איך אויס פֿאַר דעם עולם עפּעס מיט אַ גאַנצער דרשה.

— אַזוי! — זאָג איך הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלען הערען — ציון, הער איך, זאָגט איהר. ארץ־ישראל הייסט עס מיינט איהר! אָך, הלואי רבּונו־של־עולם, מיט דעם גאַנצען האַרצען! אויבּ אַזוי למה רגשו, צו־וואָס־זשע דאָס שטורעמען ולאומים יהגו, מחילה, דולען זיך מיט חקירות נישט צו דער זאַך? מיט חקירות, וואָס האָבּען אייגענטליך איין ווערטהע מיט דעם „האַ“, וואָס איינער אַ לייזיגגעהער מאַכט בּשעת יענער האָרעוועט. האַקט האָלץ, און פֿערדולען דערווייל דעם עולם דעם מוח; מיט זאַבּענישען, וואָס דערצאָרנען נאָר, וואָס זענען **איבּעריג**, **אי פֿאַר דער צייט**. דאָס, וואָס אַיינצופֿיהרען עס דאַכט זיך **דאָ אַצונד גוט**, קען נאָר זיין **שפּעטער דאָרט שלעכט**. דאָס, וואָס **דאָ אַצונד איז שווער**, וועט **שפּעטער דאָרט געשעהען גאַנץ נאַטירליך** פֿון זיך אַליין און גרינג. כּי האָדם — דער מענש איז, זאָגט דער פּסוק, ווי אַ בּוים. ווינטער איז דער בּוים, דאַכט זיך, אָהן לעבּען, נאָר אַ שטיין, רעדט, טהוט כּל־**המיטעל — אומזיסט, נישטאָ קיין גרין בּלעטעל! לאָז נאָר אָבּער אַ שיין**

**טהון די ליבטינע זון, זמער — ווערט ער ווי נײ געבוירען, פריש, לעבעדיג. ער גרינט, ער בליהט און גיט ארויס פון זיך פירות אין דער געהעריגער צייט... לאָז נאָר זײן ציון, נײן! ארץ־ישראל מײן איך, פער־שטעהט איהר מיר...**

— האַ! וואָס איז דאָס פאַר אַ נײַן, פאַר אַ חאַפּען זיך עס עפּעס צוריק? — וואונדערט איהר זיך שטאַרק אויף מיר — יאָ, רבותי, לאָז די זאַך האָבען איהר ריכטיגען נאָמען! אין אַ נאָמען איז אַמאָל זעהר פיעל געווענדעט. טאקי ארץ־ישראל, אַזוי איז גלייכער און פאַר דער וועלט פערשטענדיגער. ווייל דרינען איז גאַנץ בולט אויסגעדריקט אַייער פערלאַנגען. גאַנץ קלאָר: מען וויל ארץ־ישראל, און ציון, עס פער־שטעהט זיך, אויך בכלל. ציון אָבער דריקט נישט אויס דײַטליך וואָס מען וויל. עס האָט אַסך פירושים, אַזוינע, וואָס פאַר אַייך נישט קײן משא־ומתן. ווייל אין ציון ליגט אַזוינס, אין וואָס אַייך איז אייגענט־ליך גאָר ניט געלעגען — ווייל ציון, פערשטעהט איהר מיך, האָט נישט און קען טאַקי מעהר נישט האָבען דעם אַמאָליגען טעם פאַר וועלטליכע מענשען באַנקירען היינט; פאַר געשעפטמאַכער, וואָס ווילען גיך־געשווינד, מיט אַייזענבאַהן, נישט אַרויסנעהמען זיך די אויגען קוקענדיג, מעשה קבצן, רייטענדיג אויפ'ן אייזעל. ווייל פריהערדיגער ציון, ביי יענע כלי־קודש דאָרט און ביי יענע אין די הענד, ווי אַמאָל נאָך אין די יונגעלשע יאָהרען, פאַסען מעהר נישט פאַר אַזעלכע קלוגעטשקע ווי איהר היינט, וואָס ווילען זיך נישט מעהר לאָזען פיהרען אין חדר אַריין, און וואָס קענען אַליין, ברוך־השם בעשטעהן זייער שטערטיל. ווייל, פערשטעהט איהר מיך... דאָס גאַנצע צאַצקעלע, ווי הייסט מען עס, וואָס איהר בינדט עס היינט אָן, ווי תפילין להבדיל, פאַר אַ צייכען אויף אַייערע קליידער — איז אייגענטליך גאָר ניט צום פערשטעהן. פון וואַנען האָט עס צו אַייך זיך גענומען? וואו שטעהט עס געשריבען אין דער תורה? אדרבה, פערקעהרט... לייענט דאָרט, לייענט נאָך ערגיץ וועט איהר פערשטעהן. און די היסטאָריע אונזערע פאַרצייטען וואָס זאָגט? דאָס צוריסען זיך פונ'ם פאָלק ישראל אין צוויי בעזונדערע טהיל, איינער מיט דעם אַנדערען אויף מעסער־שטעך, גלייך פרעמדע; די צוואַנג, די פּיין, אויסגעלאַסענקייט, קריג, געשלעג און חורבנות, ווען הויבט זיך עס אָן און פון וואַנען איז עס גיך און באַלד געקומען? — זאָגט, זאָגט, רבותי!

**אוי, רב מענדעלי, האָבען זיי עס געזאָגט אַביסעל, אָט די רבותים!**

נישט זיי אַ פּנים האָבען פערשטאַנען מיך, נישט איך זיי. אפשר שפּעטער קען זיין וועלען מיר איינער דעם אַנדערען פערשטעהן, דערוויל גיב איך אַ מאַך מיט דער האַנד אויף דעם גאַנצען עולם, לאָז ער איבערגעהן צו אַנדערע שרייבער אין די הענד, בשם אלהי ישראל! און נעהם מיך אויף דער עלטער — וואָס זאָל איך טהון — ווידער צו מיינע בהמות.

פערגעסט נישט, רב מענדעלי, אַז נאָך אין דער יוגענד האָב איך געשריבען און מיך אָפּגעגעבען מיט אַלערליי מיני בהמות. תחילת איז דאָס ביי מיר געווען פּשוט עפּעס אַ מין שפּילכען. עס האָבען מיך פעראינטערעסירט זייערע פערשיעדענע געשטאַלטען, זייערע גענג, זייערע העוויות, גלאַט אַזוי, ווייל ס'איז משונה, עפּעס אַנדערש ווי געוועהנטליך ביי מענשען. עס הירזשעט זיך, אַ שטייגער, אַ פערד פּראָסט אויפ'ן מאַרק נעבען וואָגען, נישט געקוועטשט זיך ווי יענער להבדיל ביי אונז נעבען עמוד, אָדער דאָרט אויף דער סצענע. עס רעוועט זיך אַ קיה אויף דער געמבע, נישט מיט דער ברייטקייט, מיט דער פּאָרסע ווי יענע לייטעשע געמבעס. עפּעס הפקר איז זיך אַ ציגען-בערדיל מען מעג עס נישקשה צופּען, רייסען, די ציג מעקעט — און גאָר נישט! וואָס דאָס הירזשען, דאָס רעווען, דאָס מעקען בעדייט, דאָס איז מיך קנאַפּ אָנגעגאַנגען. ערשט שפּעטער, אַז איך האָב מיינע בהמות דערקענט בעסער, איינגעזעהען אַז זיי זענען ווי מענשען פלייש און בלוט, ווי מענשען מיט אַלע חושים, מיט געפיהלען, און ערענסט בעטראַכט זייער לאַגע, זייער וויסט לעבען, ווי זיי זענען עס אין גלות נעביך, קומען עס אָפּ ביי די מענשליך אויף דער וועלט — האָט מיך שוין אָנגעהויבען ציהען צו זיי דאָס געפיהל פון רחמנות. איך הער אַמאָל קולות פון זיי און פערשטעה, דאָס איז אַ הירזשען, אַ רעווען, אַ מעקען נעביך פאַר וועטהאָג און ביטערע יסורים; דאָס איז אַ קייכען, אַ סאָפּען, אַ זיפצען אונטער צו אַ שווערער משא. — אַז די דאָזיגע בידנע גאָט'ס-בעשעפעניש האָבען געפיהל און פערשטאַנד זאָגען אויך פיעל חכמים אין זייערע ספרים, ס'איז דאָ דאַרויף טויזענדער בעווייזען. ס'איז ביי זיי אפשר אַנדערש, אָבער זיי פיהלען און פערשטעהען, זיי האָבען אויך **ז י י ע ר  ל ש ו ן**... אויך זייער שטייגער חובות, בענעהמונגען איינער אָקעגען דעם אַנדערען און אויך אָקעגען איין **א ו י ב ע ר ש ט ע ן** — זיי האָבען דאָך ווי איטליכען איז בעקאַנט, זייער פּרק-שירה!...

איבעריגענס, למאי זיך דאָ אַזוי צולאָזען אין שבחים איבער בהמות.

גלייך ווי אויף מיר ליגט די שולד צופערענטפערען זיך פאר דער מחותנה'שאפט מיינער מיט זיי? — אט אזוי וויל איך, אזוי געפעלט מיר, און פטור! זיי געפעלען מיר פשוט אפשר נאך בעסער אמאל פון אנדערע ביי אונז, און דאס לשון זייערס, ווי משונה דאכט זיך עס איז, דאך איז עס אפט פערשטענדליכער ווי דאס געקליגעלטע, גע'מלאכה'טע ביכער-לשון, וואס איז בכיוון נאר געמאכט געווארען אויף צופערדרעהען דעם מוח און די גרינגסטע זאך מרחיק מן השכל זיין, דערוויטערען, הייסט עס, פונ'ם פשט אזוי, אז דו זאלסט זיך אנהערען, זיך אנלייענען ווי א פויק און מכות טאקי וויסען. חושד זיין-זשע מיך, אז איך האב דערביי עפעס א שטיקעל אינטערעס, קען מען מיך אויף קיין פאל נישט. וואס א שטייגער? געלד, פון בהמות געלד? — אזוינס איז דאך נור א געלעכטער גאר צודענקען! אפשר-זשע כבוד? קעלבליך זאלען מיר נאכלויפען, קיה זאלען מיך טראגען אויף די הערנער, פערד אויף די פלייצעס — אזוינס איז נאך נארעשער צודענקען!... עט, חלעבין. נישטא פון וואס צורריידען. פאר אנדערע איז איין ווארט אפילו איין עברה. צו וואס? דאס ביסעל-זשע, וואס איך האב דא גערעדט איז טאקי נאר צו־ליעב אייך, רב מענדעלי! ווייל איך האב אייך, פערשטעהט איהר מיך, ליעב, און געוואלט בעשיינען אט דעם דאזיגען ספר מיינעם מיט אייער ליעבען נאמען דארויף. איך פערהאף, אז אצונד פערשטעהט איהר מיך שוין זעהר גוט, אוים קשיות, און די דאזיגע מתנה מיינע וועט מיט דעם אויבערשטענס הילף ביי אייך זיין שטארק אנגעלייגט. און צוריק גע־שמועסט טאקי פאר וואס ניט? וואס קען עס אייך ארען?

צווישען אונז גערעדט. תחילת איז א סברא געוועו דעם דאזיגען כיבוד אפצוגעבען אייער פערדיל, דעם לייב אייערען, ווי הייסט עס ביי אייך, אזוי טאקי, א לכבוד מיט דעם גאנצען טיטעל. פארט, ווי זאגט מען עס, אזוי פיעל יאהר אוועקגעלייגט דאס געזונד אין דער ליטע־ראטור, געשוויצט, געארבייט איבער די כחות. אמת, א פערד איז ער טאקי, א פראסטער ארבייטער; נאר ווי זאגען זיי עפעס, אונזערע חכמים דארט: גאט איז נישט מקפח שכר, נעהמט נישט אוועק דאס פערדינסט ביי קיין שום בריה. נאר דערנאך איז מכמה וכמה טעמים געבליבען: ניין! לאז זיין מיט דעם לכבוד רב מענדעלי לעב, און דאס פערדיל מיט אנהויבענס — במקום כהן, להבדיל, די אלע אנדערע בהמות. וואס קומען דא נאך איהם אין דעם דאזיגען ספר מיט זייערע מעשיות זענען דאך באמת טאקי אויך נאר במקום'ס דאס הייסט: במקום ישראל.

.1

# דער לייב.

## א טאג אין צרות.

---

מיט דעם הינטען מחילה צום בית־המדרש און מיט דעם קאָפּ צום וואָגען, קנייטשענדיג דעם שטערען, אויפשטעלענדיג די אויערען און אַרויסשטעקענדיג אַ שפּיטץ צינגעל, שטעהט ער ביחידות אויפ׳ן שול־הויף, זומער נאָך האַלבען טאָג, פערזומערט און פערשמאַכט פונ׳ם לאַנגען, שווערען תענית. פאַסטען איז ער אַפּילו שוין געוועהנט, זינט ער טראָגט אויף זיך דעם עול פונ׳ם יודישקייט, דעם גאַנצען באַרג ספרים, איז איהם זעהר אָפט נעביך אויסגעקומען צו פאַסטען, אַמאָל אַ תענית־יחיד, ער פאַר זיך אַליין און אַמאָל אַ תענית־ציבור, ער מיט דעם בעל־הבית און דעם הויז־געזינד אינאיינעם. זאָל ער נישט זוכה זיין איבער הונדערט יאָהר דאָרט אַיינגעשפּאַנט צו זיין אין דער מרכבה, דעם היילינגען רייטוואָגען, צווישען די שרפי־ברענענדיגע חיות־הקדש; צו עסען די סעודה פונ׳ם היילינגען האָבער און פערטרינקען מיט פולע איימער גן־עדן וואַסער דאָרט אויף יענער וועלט, אויב ער האָט די גאַנצע צייט אין דער איצטיגער פרנסה זיינער געוואוסט דעם טעם פון אַ האָבער, פון אַלע גוטע זאַכען, ווי אַנדערע זיין גלייכען דאָ אויף דער וועלט. אַזוי פיעל מכות, רבונו־של־עולם, זיי, די ווילדע חיות־רעות, וויפיעל מאָל ער איז נעביך אויסגעשטאַנען נויטה, הונגער ביים אַרומשלעפּען זיך זיינעם שטענדיג מיט פּעקליך יודישקייט — און פונדעסטוועגען שאַ, גאָרנישט! נאָר היינטיגס מאָל אָבער האָט דער יצר־הרע פונ׳ם עסען זיך אין איהם געשטאַרקט; איהם אונטערגעגעבען חשק צו וועלען דערהאַלטען זיין לעבען, ווי אַ לעבעדיג בעשעפעניש בעדאַרף וועלען נישט זיך מאַכען גע׳פגר׳ט, שונא־ציון, גלאַט עט־שמעט . . . דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער, עס האָט געברענט — געבראָ־

מען. ער איז געקומען היינט פונ׳ם וועג קוים אַ לעבעדיגער — צובראָכן, פערשוואָלען, אונטערהינקענדיג אויף נאָך איין פוס, מיעד, צעבראָכען, אַ שאַרבען, לא עליכם. געוואַלד, עסען! חאַטש עפּעס וואָס עס איז צוזערהאַלטען די נשמה!...

אויפ׳ן שול־הויף און ווייט אַרום־און־אַרום איז נישטאָ קיין לעבעדיג בעשעפעניש. מען ליגט פאַר היטץ בעהאַלטען, אָפּגעהענדיג מיט שוויים. די בהמות, קליין און גרויס, אַלע זענען אויפ׳ן פעלד, טהוען זיך אָן וואוילטאָג אויף דעם גרינעם גראָז, ס׳איז דאָרט אַ לעבען פראַנק און פריי — קיה מיט עקסעליך, צאַפּעס מיט ציגעליך, גאָר מחיה! און ער, — ער, שלים־מזל זיין אָרט איז, ווי געוועהנטליך, אוי־וועה, נעבען בית־המדרש! עס הערשט דאָ, אויף דעם אָרט עפּעס אַ מרה־שחורה. נישטאָ קיין סימן גרעזעלע, קיין ביימעלע, נאָר זאמד, מיסט, פערטראָגענע בלעטליך און פערשלעפּטע פוילע־פערשימעלטע מיני סחורה.

ער שטעהט זיך אַזוי אָנגעדרודעלט צווישען די האָלאָבלעס, אויסגעדרעהט מיט דעם קאָפּ צום וואָגען. די אונטערשטע ליפּ היינגט איהם אַראָפּ, עס קוקען אַרויס ציין, עפּעס ווי גערעדט: נאַ, חאַטש נעהם פערוואַרף זיי אויף דער פּאָלאָצע! דער יצר־הרע טאָרעט איהם, טאָרעט אין מאָגען, אָנמאַכענדיג אינוועניג אין איהם אַ גאַנצע מרידה, אַ דרעהעניש — ויתרוצצו, און עס בורטשעט איהם אין בויך, עס ציטערט, טרעסעלט זיך אויף איהם די הויט. ער קוקט מיט האַלב פערמאַכטע אויגען אויף די פעקליך ספרים; קוקט, זיפצט און איז שטאַרק פערטראַכט.

ס׳איז דאָ נישקשה פאַר וואָס צו זיין פערטראַכט. אונזער שלים־מזל האָט, נישקשה, זיין געשיכטע, פון וועלכען אַלע בהמות מעגען אַ מוסר זיך אַראָפּנעהמען, נישט פון די יונגע יאָהרען נאָך האָט ער געהאַט אַזאַ פינסטער געשטאַלט, אַזאַ מיאוס פּנים. ניין! אַ לאָשאַקיל איז ער געוועזען אַ לעבעדיגס, אַ שעהנס, גאָר אַ חריפות. ער האָט געהאַט פאַר זיך אויך גוטע צייטען, איז געווען פעט מיט אַ בויך, מיט פיס, געגאַנגען אַ גאַנג האָפּערדיג, פעררייסענדיג דעם קאָפּ, און אַמאָל טאַקי אויך קוממיות, שטעלענדיג זיך דיבאָם.

נאָר אַזוי ווי דער זכרון איז, לא עליכם, ביי איהם, דאַכט זיך, געשוואַכט; נעדענקען אַלע מעשיות. געשעהעניש מיט איהם אין דעם לעבען. גאַנץ דייטליך, קלאָהר מיט פערשטאַנד, איז פאַר איהם

שוועהליך, פּאַרט אַ בהמה, עפּעס אַ שטייגער, אַ תּרח, מ׳שטעהנס-גע׳ זאָגט — דעריבּער איז פיעל גלייכער צו זאָגען, עס חלומ׳ט זיך איהם נאָר געשיכטע איידער זאָגען, ער טראַכט פון איהר, פון זיין לעבען אַמאָל.

יאָ, עס חלומ׳ט זיך איהם! עס דאַכט זיך איהם אַלסדינג נאָר מאַקי ווי אין חלום. אָט ווי איהר קוקט אָן דעם דאָזיגען שלים-מזל אַצונד, איינגאַנצען מיט זיין געביין, איז באַלד אין איהם צודערקענען, ווי אין אַ געפּאַלענעם, אָפּגעקומענעם נגיד, אַז ער איז נישט עפּעס פון די פּראָסטע, נישט אַ גראָבער ברודער ווי יענע, די פּויערשע. ער שטאַמט מאַקי פון אַ גוטער „פּאָראָדע״, פון איידעל בלוט, און דערפאַר האָט מען איהם אין דער יוגענד אַיינגעהאַנדעלט ווי אַ גוט שטיקעל סחורה אויפ׳ן מאַרק און איהם געהאַלטען בכבוד. אַ קאַטאָוועס עפּעס זיין שטאַל, אַזאַ שטאַל, וועלכע ער מיט נאָך אַקעגען אַ טוץ זיין-גלייכען האָבען אַמאָל געהאַט! משרתים זענען דאָרטען געווען געגוג, אויבער-משרתים אי אונטער-משרתים אויף רייניגען, שפּריצען, רייכערען, קראַצען און אַיינדעקען. אמת, זיי פלעגען ביי איהם נעביך אַראָפּ׳לקח׳ענען, ווי דער שטייגער פון אַזעלכע לייט איז, אַקעגען אַ צעהנט׳חלק פון זיין פוטער, די אַביסעל, יענע אַביסעל, נאָר, נישקשה, מיט חסד. ער איז חלילה פאַר הונגער נישט גע׳פּגר׳ט. מען קען נישט זאָגען, ער זאָל זיך געווען דענסטמאָל לעבען פריי, נישט זיין ביי יענעם אין דער אַרבּייט. סטייטש, ווי געשיקט זיך עס? וואו איז דאָס ערגיץ צווישען בהמות דערהערט געוואָרען צו-זיין גלאַט אַזוי אַ בהמה פאַר זיך? ביסט-דו אַ קיה — גיב מילך! ביסט-דו אַיין אָקס — געה אַקער די ערד! ביסט-דו אַ שאָף — לאָז זיך שערען! ביסט-דו אַ פערד — זאָל מען אויף דיר רייטען. אלא ניט, צו-וואָס זענט איהר גאָר געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט. עס פערשטעהט זיך, אַז ער איז אויך געווען אין דער אַרבּייט, האָט געהאַט זיינעם, וואָס זאָל איהם רייטען אויף דעם רוקען, איהם אַיינשפּאַנען אין דער קאַרעטע, אָנטהון איהם אַ צוים און האַלטען אין די לייצען. געהאַט זיין שמייסער מיט דער לאַנגער בּייטש, וואָס פלעגט דערמיט טראַסקען און איהם מכבד זיין מיט אַ שמיטץ. צו-וואָס זאָל מען זיך נאַרען? עס האָט איהם מאַקי זעהר גוט וועה געטהון, פערגאַנגען אַזש אין דער זיבּעטער ריפּ; דאָך האָט ער עס אָנגענומען און געמוזט אָננעהמען פאַר ליעב. פּאָרט, ווי זאָגט מען עפּעס. אַ שמייסער הגדול, אַ הייטישער, אַ נאָהענטער שמעל-קע, אַ יונג מיט שפּאָרען, מיט טרעסטען, מיט פלימערליך, און הינטען,

מחילה, דיק-גראָב, דער קאַפּטען, ווי הייסט מען עס, מיט פאַלדען, און די ביימש — זי איז דאָך עפּעס אויך אַ צאַצע, פערפּוטצט גאַנץ פיין מיט געפלאָכטענע כפול-שמונה'דיגע רצועות, כשר-ויושר, טשאַקענדיג מיט אַלע דינים. דער שמיטץ נישט גלאַט גראָב ווי פון אַ פויערשער עס האָט אַ טעם ווי פון מלקות, מלא חן.

אַבי-וועי אַ געפאַלענער פערטיעפט זיך געוועהנטליך, בשעת גרויסע צרות, אין חלומות פון פריהערדיגע גוטע יאָהרען, און ווערט ביי זיך געהויבען פון זיין כבוד אַמאָל. אונזער ליב, שטעהענדיג אין איינע צרות צווישען די האַלאַבלעס דאָ, גיט עס איהם פלוצלים עפּעס אַ טראָג. ער טהוט אין חלום אַ הויב מיט גדלות דעם אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, פער-רייסט דאָס אויסגעדייווערטע העלזעלע, פון וואַנען עס סטאַרצעט אַרוים דאָס גערגעלע און אויף וועלכען עס באַמבלען זיך פערפּלאָנטעטע צעפּ-ליך, אַ סימן פון האָר מ'שטעהנס-געזאָגט, עס טהוט איהם, אַ-פּנים, משונה הנאָה, גלייך ווי ער וואָלט געשפּירט דעם ריח פון פעלד, פון אַלע גוטע זאַכען דאָרט, גלייך ווי נישטאָ מעהר דאָ פאַר איהם קיין קינות, קיין תחינות, די אַלע פעקליך צרות'דיגע ספרים, נאָר הייא און האָבער, די שעהנע קאַרעטע, יענע פאַרשוינען מיט דער פּאָמפּע און די גאַנצע גדולה וואָס אַמאָל. בעדאַרף גראָד דער רוח אָנטראָגען אַ זליודנע, אַ פליג, וואָס זיין אָנגעריבענער צעקראַצטער רוקען איז איהר אַקוראַט ווי געוואונשען, און אָפּטאַנצענדיג פריהער פאַר פרייד, פאַר ליעבשאַפט דאָס בעקאַנטע פליגענטענציל זעצט זי זיך דאַרויף מיט גרויס חשק, שטרעקט אויס דאָס פיסקעלע און טהוט — אַ בים, אַ קוש הייסט עס. אונזער שלים-מזל שפּרינגט אַזש אונטער פונ'ם ליעבען קוש. פערדרייסט דעם ווידעל און וויל דער חצופה דערלאַנגען אַ שמיטץ, נאָר ער איז אָבער אויסגעקראָכען און דערגרייכט נישט ביז צו איהר. ער מאַכט זיך, וואָס זאָל ער נעביך טהון, נישט וויסענדיג, בויגט זיך אָן און קראַצט זיך, ווי ס'איז, אין אַ האַלאַבלע מיט אַ געשמאַק זיפצעלע פון אַ קבצן פאַר גרויס מתיקות דערפון.

ס'איז דאָ אַ שטיקעל סברא ביי איהם אַ פריוו טהון, דורכגעהן זיך אַהין ווייטער אַביסעל. דאָס איז איהם צודערקענען אין דעם געניץ זיינעם מיט דעם פוילען מויל, אין דעם ציהען זיך, אויסקנאַקען זיך די ביינער, אַ טרעסע נעבענדיג דערביי מיט דער גאַנצער פעל פון אויבען ביז אַראָפּ, גלייך ווי גערעדט: הנני — איך בין בערייט! און באמת טאַקי, וואָס איז פאַר אַ תכלית דאָ אויפ'ן שול-הויף? וואָס מ'שטעהנס-

געזאָגט, איז דאָ צודערוואַרטען, אַז אַרום-און-אַרום איז טוידט, ווייסט, נישטאָ. איהר זאָלט זאָגען, חאָטש עפּעס אַ לעקּ?... הנני! מאַכט ער אויף פּערדיש און איז פאַרטיג צוגעבען — אוי, טהוט איהם אַ ציה, ניט-דאָ-געדאַכט, דער פוס, צוליעב וועלכען ער האָט פער־זינדיגט, פערשפּילט זיין וועלט און פערלוירען זיין ווערטה! דאָס אומ־גליק זיינס דענסטמאָל האָט מיט איהם אינגאַנצען געעקט: געה טראָג אויף זיך יענע לייט אַז ס'איז נישטאָ, נישט פיר בהמות געדאַכט, קיין פּיס, אַז זיי זאָגען זיך דיר אָפּ צודינען, האָבען נישט מעהר דעם ריכ־טיגען גאַנג און גליטשען זיך אַמאָל מיאוס אויס. און ווי באַלד אַזוי — געה-זשע דיר צו אַלדע-שוואַרץ-יאָהר!... ער איז טאַקי געגאַנגען, איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענד, פון איין האַנד צו דער אַנדערער, אַלץ וואָס וויטער נידעריגער, נידעריגער געפאַלען, נישטאָ ביי איהם היינט אַזוי פיעל האָר אין זוידעל וויפיעל בעלי-הבתים ער האָט איבערגעהאַט. ביי וועמען ער איז געווען האָט ער קיין האָניג נישט גע־לעקט. ווען עפּעס אַ צרה איז ער שולדיג געוועזן, האָבען די חברים זיינע זיך פערפּלאָנטעט, געשפּרונגען אויס די האָלאָבלעס, געפאַלען ווי שכורים פון די פיס און אַריין אין אַ גרוב, האָט פאַר זיי אַלע גע־חאַפּט אַ פּסק ער. עס האָט געהייסען: אָט דער שלאַק, די פגירה, די נבלה! און דאָסגלייכען מיאוסע צונעמינעשען. זיין געשיכטע זינט דענסט־מאָל איז, אַז-אָך-און-וועה צו איהם, אַ געשיכטע פון שלעפּעניש, טריי־בעניש, מכות, יסורים און בייטשען,

דער פוס שטאָך — שטאָך — און דער שטאָך פליעט, שליינג־לענדיג זיך דורך די גליעדער, פּיק-פּיק איהם אין דעם מוח. עס טהוט זיך אַ לאָז אַראָפּ דער קאָפּ, אַ זיפּטץ, אַ קרים, אַ שאָקעל די אונטערשטע ליפּ. עס מאַכען זיך צו די אויגען און זיי פון די ווינקעליך ציהען זיך איבער די באַקען שמוטציגע-פייכטע רינשטאָקליך ווי פון טרערען. אין קאָפּ איז אַ שוואַרץ-טונקעלע אויסמישעניש, עס דרעהען זיך איהם דאָרט, ווי אין חלום, פעסליך וואַסער, בעל-עגלה'שע וואָגענס, בוידען, שטע־קענס, בייטשען, קולאַקעס... און פלוצלים טהוט עס מיט איהם אַ וואָרף ווי אַ קדחת — עס דאַכט זיך איהם די ראָד, יענע גרויסע ראָד! די אַלע אַנדערע יסורים און פּיין זיינע זענען נאָר אַ שפּילבעל געווען אַקעגען יענע, וואָס אַמאָל אין אַ מיהל עפּעס, ביים דרעהען די ראָד דאָרט. ווי שווער ס'איז ביי די בעלי-העגלות, ווי גריבערדיג דער וועג איז, דאָך איז נאָך צודערליידען — פאָרט אַ וועג. מען שלעפּט זיך, חאָטש פּאַמעליך, איינרייסענדיג זיך דאָס געזונד, דאָך פאָרט רוקט מען

זיך אלץ וויטער־וויטער. מען זעהט עפּעס נייעס, עפּעס אַ פערענדערונג: אָט איז אַ בערגיל, אָט איז אַ טהאָל, אָט איז אַ בריקעל און אָט איז אַ קרעטשעם! נאָר דרעהען זיך. טופּענדיג זיך שטענדיג אויף איין אָרט, נישט זעהען פאַר זיך די וועלט, נישט הערען קיין שום זאַך חוץ אַ שטענדיגען מאָהלען, איבער׳חזר׳ן ווידער דאָס אייגענע, נאָך אַמאָל דאָס אייגענע — אַזוינס, בעהיט זאָל מען ווערען, איז אַ טוידט. עס פערדרעהט זיך דיר דער קאָפּ, דו ווייסט נישט פון דיין חיות — און פרעג דיר בחרם וואָס מיט דיר טהוט זיך אַזוינס.

און ווי ער שטעהט דאָ אַזוי אין איינע צרות עפּענט זיך איהם אויף אַביסעל איין אויג. ער קוקט מיט שרעק — גאָרנישט! עס עפּענט זיך דאָס צווייטע, בלינצעלט, קוקט, — און, געלויבט דער אויבערשטער, נישטאָ קיין ראָד! ער ווערט ביי זיך עפּעס שטאַרקער, מענשעלט זיך כלומר׳שט, פערדעלט זיך, הייסט עס, הויבט אויף די מאָרדע און טהוט אַ לעק אַ פּעקיל ספרים, עס הייסט אַזוי פיעל ווי גערעדט: דאָס בעסטע פון די מכות איז פאָרט דאָס, ווי די מעשה איז, אַלץ בעסער ווי ביי זיי, ביי יענע בעלי־הבתים אַמאָל!

און אויב יאָ אַזוי, פאַר וואָס־זשע נישט צולאָזען זיך אַ שטיקעל עולם־הזה, ווי אַ נידערלייגען זיך, אַ שטייגער, אדער אפשר גאָר אויסציהען זיך טאַקי אַביסעל? ביז וואַנען איז דער שיעור אַריינקוקען, אַלץ אַריינקוקען? — און נישט לאַנג געטראַכט צעלייגט זיך מיינער אויף דער ערד, נעבין וואָגען, גאַנץ בְרייט, ווי ביים טאַטען אין וויינהויז, קעהרט זיך איבער אויף דעם רוקען מחילה מיט די פיס אַרויף, קייקעלט זיך, קאָשקעט זיך, אונטערהערענדיג פאַר גרויס תענוג, גלייך ווי ער וואָלט געפיהלט אין זיך עפּעס אַ נייע יום־טוב׳דיגע נשמה. עס דויערט אָבער נישט לאַנג, שפּרינגט ווי פון אונטער איהם אַרויס עפּעס אַ לעבעדיג בעשעפעניש מיט אַ משונה קוויטש, אַזוי אַז אונזער לייב גיט זיך אַ חאַפּ שטאַרק דערשראָקען און טהוט זיך אַ שטעל, נישט טוידט, נישט לעבעדיג אויף די פיס, אַרומקוקענדיג זיך פערוואונדערט מיט אַ פּאָר אויגען און אויפגעשטעלטע אויערען. וואָס לאָזט זיך אויס? — אַ הונד!

בשעת אונזערער האָט זיך דאָ געמאַכט יום־טוב, געטאַנצט. געדריגעט הייסט עס מיט די פיס. האָט דערווייל זיך אַריינגעחאַפּט אויפ׳ן שול־הויף אַ גוי׳עשער הונד, זיך אונטערגע׳גנבה׳ט צום וואָגען, כדי צו דערטאַפּען דאָרט עפּעס, און געחאַפּט, אַ־פּנים, גאָר אומגעריכט אַ זעטץ. ער שטעהט עס אַצונד מלא המן, פעררייסען דעם וויידעל, אויסגעשטרעקט

**דעם האלז און בילט, פערגעהענדיג זיך אזש פאר כעס. ער בילט נישט אזוי פאר דעם זעטץ ווי דערפאר, וואס איהם איז נישט געראטען; וואס ער האט זיך דא מיאוס אפגענארט. אנשטאט נאשען, ווי דער שטייגער איז, חאפּען א לעק, געפינט ער פאר זיך אין וואגען דא א מין סחורה אזעלכע, וואס האט נישט אין זיינע אויגען קיין שום ווערטה.** אומזיסט נאר זיך געשמוצט, געבראכען די פיס פון זיין געסיל אהער. דאס בילען זיינס האט געהייסען אויף הינטעש אזוי פיעל ווי געזאגט: פערדאק איי־נער, אז־אך־און־וועה צו דיר מיט דיין סחורה... האוו־האוו! טאקי נור א פערדאק ווי דו ביסט קען אזוינס האבען... הארך־זשע, זאג איך דיר, האוו־האוו! ווייזט דו זיך דערמיט צו אונז אין געסיל, צעררייס איך מיט מיינע חברים דיך אויף שטיקער, פערדאק־דאק־דאק!... אונזער שלים־מזל נעביך פאכט מיט די נעזליכער, שאקלענדיג מיט דעם האלז, מיט דעם קאפּ ארויף און אראפּ, שטשירעט אויס איין אויג — איז זיך מישב און קעהרט זיך אום צום הונד מיט דעם הינטען, ווי איינער רעדט: נא... וואס וועל איך דא מיט דיר טענה'ן!

די זון, וואס ווי באלד זי ווייזט זיך מיט איהר ליכטיג פנים אין שטעדטיל, שטעהט זי סטאנציע דעם גאנצען טאג אויפ'ן שול־הויף, האט מנחה־צייט, ווי דער שטייגער איהרער איז, זיך געקליבען פון דארט אהין, אין איהר רוהה אריין. זי האט אויסגעשטעלט א צורה, גאר עפּעס נישט די וואס פריהער, געקוקט, געקוקט אויף אונזער שלים־מזל, אויף דעם ביידעל ספרים, מינענדיג זיך און משונה רויט ווערענדיג. גלייך ווי עס וואלט איהר שטארק באנק געטהון צושיידען זיך מיט אזא פארשוין און מיט אזא סחורה. און באמת טאקי, וואלט אונזער לייב דער שמייגער געמעגט שווערען, אז איהר כיוון אינגאנצען מיט דעם קומען איהרען איז טאקי נאר צוליעב איהם און זיין סחורה, ווייטער וואס געהט זי אן א וועלט. ביי איהם פון דעסטוועגען איז דאס קוקען איהרס אזוי אויף איהם גאר נישט אנגעלייגט. נארעשקייטען! קוקעניש־שמוקעניש. וואס קומט ארויס דערפון? גארנישט! עס ווערט נאר שטארק היים, אומצו־קומען. בעסער טאקי אזוי, אזוי פון דערווייטענס. אצונד פיהלט מען זיך עפּעס פרישער, מען אטהעמט פרייער, מען ווערט, דאכט זיך, ברייטער, לייננער — אט ווי ווייט עס ציהט זיך אויס דער שאטען!...

פון אונזער שמייגער וואקסט באמת טאקי אויס פלוצלים א גאנצער עוג מלך הבשן. דער קאפּ פערקריכט איהם אויפ'ן דאך פונ'ם בית־מדרש און מיט דעם ווייזעל שפּארט ער אן העט דארט אויף א שטיבעל

**איננאנצען איז ער** עפעס אומגעלומפערט, **א מין חיה, א פערזעהעניש,**
גאר אנטיק. לאז דעריבער קיין קשיא נישט זיין, **פאר וואס האט** די
ציג, לויפענדיג פאראוים דער טשערעדע פארביי דעם **שול־הויף, זיך**
דא אפגעשטעלט און געמאכט אין איין קול מע — דאס האט זי **געמע־**
קעט צום גאנצען עולם בהמות: מע־ע! **אהער בהמה׳ליך זעהען עפעס**
שעהנם אויף חידושים.

פריהער פאר אלע טהוען זיך, ווי דער **שטייגער איז, א לאז**
אהער אויף קבלת־פנים אקעגען א מנין ציגען מיט א **ציגענעם שלום**
עליכם! דער קהל׳שער צאפ, דער ציגענער פיינע־בריה, **זאל גע־**
זונד זיין, האט לעת־עתה נישט געקענט קומען צום קבלת־פנים, **וויל**
**ער איז** געווען א טרוד, פערנומען אין עפעס א וויכטיגען ענין **מיט**
**דעם פעקעל** שטאדט־קונדסים, וואס פאהרען אויף איהם רייטענדיג, **פיה־**
**רענדיג** איהם ביי דער נאז, און מאכען מיט איהם, ווי **געוועהנטליך,**
**די קאמעדיע,** די שפיל.

מע־ע־מע! מאכען די ציגען, **דרעהענדיג מיט די ווייךעליך, און**
**שפרינגען** ארויף פלינק אויף דעם וואגען, נישט ווארטענדיג **אויף דרך־**
**ארץ,** ביז מען וועט זיי בעטען. זיי שמעקען, לעקען, **נישטערען, זוכען**
**עפעס** נאשעריי׳ען צו־ווארפענדיג פעקליך ספרים. עס איז א **שטופעניש,**
א חאפעניש און א שפארעניש. צוויי זייערע שטעהען איבער א ספר,
**האלטענדיג** אנגעבויגען די קעפ, טרעסענדיג מיט די בערדליך, איינע
אקעגען דער אנדערער און מאכען באראן־בוץ, עפעס נאר טאקי ווי
לומדים להבדיל בוצקען זיך איבער א הארב שטיקעל אין דעם **לערנען.**
**דאס זענען** געוועז א־פנים ציגען־בטלנים, וואס האבען נישט אין זינען
**די פרנסה,** צופערזארגען די היים חאטש מיט א קאפ מילך, **נישטא פון**
**זיי,** מ׳שטעהנם־געזאגט, קיין שום נוטצען; דעריבער קענען זיי **זיך פער־**
**נעהמען** מיט אזוינע זאכענישען, און האבען זיך דא טאקי **אוועקגעבוצ־**
**קעט** א היבשע צייט.

אונזער לייב האט איננאנצען ווי ער איז מיט זיין **שעהנער צורה,**
**אויפגערירהט** דאס גאנצע שטעדטיל בהמות. עס האט זיך פערבריימעט
צווישען זיי ווענען איהם עפעס גאנצע מעשיות. יענער הונד האט אנ-
געהויבען און די איבעריגע האבען איהם אונטערגעהאלטען, איטליכער
הונד אויף זיין סמיטניק, איטליכער אויף זיין שטייגער בילען. **דאס**
געבילעריי האט זיך פערטראגען ווייט אין אלע זייטען שטאדט, **זיך אפ־**
געררופען אין די הערצער פון אלע מיני בהמות, וואס **לאזען זיך הערען**

אויך אויף זייערע קולות, עפּעס גאָר אַ גוואַלד, אַליין נישט רעכט צו ווייסען וואָס. און בשעת עלטערע קיה שטעהען ערענסט איבער די מעלק־שעפליך, צוהערענדיג זיך צום געריוש, צום מומלען דאָרט, נישט מפסיק צו זיין אין דערמיט מעלקען זיך חלילה. לאָזט זיך אַ פאַרשייטע „טע־לעצע", אַ יוגענד, אויף ציקאַוועשץ צום שול־הויף. אַ רויטער אַ געזונדער בּוהאַי פעררייסט דעם עק, מעשה קאַוואַליר, און פּוטץ נאָך איהר. לויפט, קומט צו לויפען סאָפּענדיג, פערקאָכט און נעהמט זיך דרעהען מיט דער יפהפה זיינער אַרום און אַרום, ווי אונטער דער חופּה דאָרט.

קליינשטעדטעלדיגע בהמות, ווי איטליכער ווייסט, איז זייער לעבען דער שול־הויף, צופערברייגגען דאָרט אַביסעל די צייט; נישט ווי יענע אין די גרויסע שטעדט, וואָס קוקען נישט אָן דעם שול־הויף נאָר זעלטען, אַמאָל אין יאָהר, אָדער אפשר גאָר קיינמאָל נישט אין זייער לעבען. נאָר אַזאַ צונויפלויפעניש אַהין ווי דענסטמאָל, געדיינקען אויך די אַלט־געזעסענע בהמות פונ׳ם שטעדטיל נישט.

אַז בעטאָגטע קיה זענען געקומען, אויסגעמאָלקענע שוין, אויפ׳ן שול־הויף, צונעכטיגען דאָרט, ווי געוועהנטליך, און דערזעהען, אַז די ערטער זייערע, אויף וועלכע זיי האָבען פון גאַנץ לאַנג אַ חזקה, זענען פערנומען, בלייבען זיי פערגאַפט, נישט ווייסענדיג וואָס צוטהון, געה ליג זיך מחילה אַז דאָ שטעהט גאָר אַ וואָגען און נאָך עפּעס אַ מין פאַרשוין. — פריקרע! געה רוה אין אַזאַ געטומעל, אַזאַ חתונה דאָ. פּע אַ חרפּה, אַ בושה! אָנרופען זיך מיט אַ מו? חס־וחלילה! מו קען גאָר הייסען אַזוינס, וואָס פּאַסט נישט פאַר כשר׳ע בהמות, צנועות. זאַטשעפּען זיך מיט ציגען — שפּרינגען זיי דיר אויפ׳ן קאָפּ. מאַכען דער „טעלעצע" אַ קרומע מינע: פּע, טאָכטער, נישט שעהן! — וועט דער בוהאַי אָט־אָ דיך דורס זיין. אין־ברירה, זיי שטעהען נעביך אויף די פיס שטיל, אויס־שטעלענדיג די אויגען לעקישעוואַטע אויף אונזער לייב, שלינגען דאָס שפּייעכטס און מעלה־גרה׳ן. דאָס איז ביי בהמות אַזאַ בעשעפטיגונג ווי זאָקען אַרבייטען ביי ווייבער.

נאָר אין־מיטען־דרינען פליהט אַריין עפּעס אַ מין ווילדע בריאָה אַ צעטראָגענער, אַ מנוול מיט אַ פערוואַקסען פּנים און אַ צופּאַטעלטע באָרד. די צוגעפּלעטשטע נאָז, עפּעס ווי אויף שרויפען — קרימט זיך, קנייטשט זיך, שמעקט, בלאָזט, פירקעט ווי פון טאַבאַקע. ער איז קליין געוואַקסען, ברייטער ווי לייגער, אַ קורצפיס׳גער אין תחתונים פון האָר, אַראָפּהייגענדיג ווי טריפעלקעס ביז איבער די קניעס. און אַ ריח פון

שווײם מיט נאָך עפּעס אַזוינס, ווי הײסט מען עס, גיט זיך פון איהם מחילה שטאַרק נאָך — דאָס איז ער, זאָל געזונד זײן, דער צאַפּ מיט זײן כבוד אַלײן! באַלד בײם אָנקומען, פון דערווײטענס נאָך, טהוט ער זיך אַ בוק, אַ לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ, פירקעט, בעבעט עפּעס אונטער דער נאָז, לויפט דער נאָך צו הענדום־פּענדום — און בעך־בעך אונזער שלים־מזל אונטער דער דעך.

אונזער לײב שפּרינגט אַזש אונטער פאַר גרויס וועהטאָג פון אַזא שלום־עליכם, און עס רײסט זיך איהם נישט ווילענדיג אַרויס אַ הירזשע טיעף פונ׳ם האַלז, ווי געדעדט מיט פערדראָס, שטאַרק פאַראיבעל האָבענ־דיג: אי, פע, חלעבין!... וואָלט ער געקענט מעקען גוט צאַפּעש, אָדער חאָטש אַביסעל, צאַפּעש כלומר׳שט הײסט עס, און אויך דאָס לשון פון יענע אַנדערע מיני ברואים דאָ, וואָלט ער זיכער מיט זײ זיך אויס־גע׳טענה׳ט, פאַר וואָס בענעהמען זײ זיך מיט איהם דאָ אַזוי גראָבליך, וואָלט זײ געפרעגט גאַנץ רײן און שאַרף: בהמה׳ליך! וואָס אַזוינס האָב איך אײך געטהון? ער וואָלט זײ דערצעהלט פון דער שווערער מיה זײנער מיט דער דאָזיגער סחורה דאָ; פון די גרויסע פערדינ־סטען, מ׳שטעהנס־געזאָגט, דערפון, אַז עס קלעקט אַפילו נישט אויף אַ בינטעל הײ. זיך זאַט אָנצועסען. מען פאָהרט, מען שלעפּט זיך, מען האַנדעלט, האַנדעלט און וואָס? גאָר נישט! דאַכט זיך ער שטעהט, האַלט זיך אויף די פיס, נאָר וואָס בײ איהם אינווענינ, אין מאָגען, טהוט זיך, ווײסט קײנער נישט. חוץ אַביסעל סיטשקע הײנט פריהמאָר־גענס האָט ער דעם גאַנצען טאָג, אָסור־חזיר, אַפילו קײן לעק הײ אין מויל נישט געהאַט. ס׳איז אוודאי נישט פאַר תענוג, מסתמא שטעהט עס מיט דעם פדיון שמאָל, ס׳איז דאָ אַ מכה!...

נאָר דאָס וואָס אונזער שלים־מזל קען נישט אַרויסזאָגען מיט דער צונג, גיט ער עס צופערשטעהן אויף דעם ווינק, מיט דעם בליק און מיט אַלע זײנע אברים. זײן אויסדרעהען פריהער דעם קאָפּ און בעטראַכטען זיך אַלײן, זאָל אַזויפיעל הײסען: האַ! דאַכט זיך, אַלס־דינג בײ מיר ווי עס בעדאַרף צו זײן? אַ בהמה ווי אַלע בהמות! און פאַרטיג ווערענדיג דערמיט בײ זיך שטרעקט ער אויס דעם ווײ־דעל שוין צו זײ: נאַט זעהט, בהמות, הײסט עס, נישט צו פערזינ־דיגען. אַ בויך איז דאָ: הויט און בײן דאָ, בין אַ בשר ודם ווי איהר אַלע! וואָס־זשע ווילט איהר פון מיר האָבען?

דער צאַפּ אָבער ווײסט נישט קײן חכמות, פערשטעהט זיך נישט

אויפן ווינק. ער גורט אן זיינע לענדען, טהוט זיך א לאז ראפטאם צו אונזער שלים-מזל — און טראך-טראך ווי פריהער! אלע בהמות שטעהען. קוקען, און עס זאל זיי דאס אנהויבען צו ארען... דער לייב נעביך לאזט אראפ דעם קאפ, מאכט צו די אויגען, און טיעף פונ׳ם בויך רייסען זיך איהם ארויס שטילע זיפצען. אצונד טהוט ער שוין אפילו קיין קליין הירזשעלע אויך נישט, ווייסענדיג, אז עס וועט נישט העלפען.

יא, רב לייב, דו פערדיל איינער! עס וועט דיר נישט העלפען אפילו ווען עס זאל זיך דיר עפענען דאס מויל צום ריידען ווי דיין עלטער-עלטער באבע אמאל — בלעם׳ס איזעל, דיר צו לאנגע יאהר! זאיידער דיר זאל זיך עפענען א מויל, וואלט פיעל בעסער געווירקט זיי דאס מויל צו פערשטאפען. דאס הייסט, ווען אנשטאט ביכלעך ביי דיר אין וואגען, וואלט געווען דא פאר זיי עפעס אזוינס, וואס צו נאשען.

ס׳איז דא אפילו א שטיקעל פערענטפערונג דעם צאפ, אז ער איז גאר נימ אזוי גראב שולדיג. מען בעדארף דאך וויסען, אז צו זיין א קהל׳שער צאפ איז עפעס נישט אזא גרינגע, גוטע שטעלע. פערגעסט נישט וויפיעל ער האט אויף זיך ארבייט. מיט איטליכען שייגעץ אין שטאדט מוז מען איבערהאבען געשעפטען, מען מוז אמאל אפארבייטען עסקים אינאיינעם מיט ווייסע-חברה; צונויפקומען זיך, בוצקען זיך אמאל דאס מיט דעם, דאס מיט יענעם. אומעטום בעדארף מען זיין, דא אין שול, דא אין מארק, צווישען די זיטצערענס מיט קוישלעך, מיט מולטערס, דא מוז מען זיך פון אלע מלאכות אראפחאפען צו דעם, צו יענעם אין גארטען אויף ברכה-מאכען, און נאך ווי? אומגעבעטען. מאכט זיך אמאל, יענער איז נישט צופריעדען, בעקומסט דו א פסק, אזוי אז דאס ברכה-מאכען פאלט דיר אוים באקום. דו לערענסט אמאל דעם פשט דערפון, יענער א-פנים איז נישט געווען צופריעדען דערפאר, וואס דו האסט זיך פערשפעטיגט קומען אויף כיבוד צו איהם, בכן ווילסט דו דאך יוצא זיין און חאפסט זיך אריין מארגען טאקי אהין צו איהם שוין פריהער — הערט א מעשה, איז אויך שלעכט! חאפסט דו נאך איין ערגערען פסק ווי נעכטען. — יא, ס׳איז דא א סברא, אז ערשט היינט, זאל איהם נישט זיין צו קיין בושה, האט ער געהאט זיין עהרליך אויסקומעניש. ער איז געקומען שטארק צודרעהט. דאס ווייטעלע זיינס איז געווען פערקלעמט אין א שפריי-העלצעל — און ער האט דעריבער אויסגעלאזט זיין שוער, בישער תארץ צו אונזער שלים-מזל.

שטעהענדיג אזוי פערזומערט דערפיהלט אונזער שלים־מזל פלוצלים פון הינטען עפעס א ווארעמען גלעט. עס דאכט זיך איהם: אהא, בעל־הבית... היי... סיטשקע! ער טהוט א הויב דעם קאפ און א שטעל אויף די אויערען. וואס לאזט זיך אוים? בוידעם! איינע פון די כשר'ע, בער־טאגטע קיה האט איהם מיט דער מארדע גאנץ דעליקאט אנצוהערעניש געגעבען, ער זאל זיך מוחל זיין רוקען ווייטער אביסעל, און באלד טאקי זיך אנידערגעלייגט נעבען איהם אויף נאכטלעגער, אין דער דעה, מארגען, אם־ירצה־השם, אויפשטעהן כ ל ח ו ך ה ש ו ר, און היידא — צו דער אכילה, אין פעלד אריין!

די זון פערגעהט — אין דער ערד מיט'ן קאפ! דער בוהאי שטעלט זיך אין דערמיט שול־הויף, בלאזט שופר אויף זיין צוריפעט קול, גראבענ־דיג מיט די הערנער אונטער זיך די ערד, פערדרייסט דעם ווידעל — זייט מיר געזונד! הייסט עס, און אוועק, אוועק. דער צאפ פערנעהמט זיינע ציגען און לאזט זיך מיט זיי צו דער ווייבערשער שוהל, אהין — אין זיין רוה אריין. די שווארץ־חן'עווריגע נאכט, געציהרט, געפוצט אין דעם טהייערען שטערענטיכעל, וויזט זיך מיט איהר כבוד אין שטעדטיל — און שא, ערגיץ נישט דארט קיין פיפס!

מען שלאפט! — — —

פון דערוויטענס לאזט זיך הערען טריט, אט קומען צו נאהענט צום וואגען פיס, באלד שטעקען זיך אוים הענד — און מזל־טוב, מזל־טוב! דער לייב אונזערער איז אריינגעטהון מיט דעם קאפ אין דער אלטער טארבע, חראמקעט געשמאק סיטשקע, עפעס מיט א „יהי־רצון“, גלייך ווי ער וואלט געגעסען האבער.

אבי די טארבע סיטשקע, אבי עס דערגעהט איהם די קישקע פער־געסט ער די פריהערדיגע צרות, חראמקעט זיך רוהיג, און איז, אז־אך־און־וועה צו איהם, גאנץ צופריעדען!...

2.

## דאס תוספות יום טוב קעלביל.

דאס קעלביל האט אזוי געהייסען, עס פארשטעהט זיך, נישט פאר דעם אריינקוקען זיינס אין דעם משניות מיט דעם תוספות יום טוב אזוי, א שמייגער, ווי מען זאגט ביי אונז א האהן קוקט אריין אין „בני־אדם“,

אָדער אַ קעלבינגער מגיד קוועטשט זיך פאַר אַיין עולם. אַזוינע ווערמ־ליך ווי די, וואָס נישט אויסגעטראַכט, נאָר שטאַמען איינענטליך פון אונזער לעבען, זענען ביי אונז פאַר בהמות נישט געזאָגט געוואָרען. מעגליך אפשר ערגיץ אַנדערש יאָ, ארץ־ישראל — בהמות אַ שטיינער, אויף זיי שטעהט דאָך געשריבען: „ציון, בך כל־בהמה ועוף הכמו!" ביי דיר, ציון, איז איטליכע בהמה קלוג. אַיין אייזעל דאָרט אַפילו איז אַ למדן, גוט און פרום — ווי פנחס בן־יאיר'ס אַ שטיינער. אין אונזער ווינקעל אָבער זענען בהמות טאַקי בהמות און קעלבליך גע־העוָן אַרום פוסט־און־פּאַס.

נאָר וואָס דען? דאָס קעלביל האָט אַזוי געהייסען איבער אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפען מיט זיין מאַמע באַלד נאָך דעם קעלבען זיך, און אָנגעמאַכט אַ רעש, אַ קאָכעניש אין דעם גאַנצען שטעדטיל.

די מאַמע זיינע, זאָל זיך דאָרט מיהען, איז געווען אַ שעהנע, כשר'ע בהמה, שעהן מיינט מען נישט פשוט שעהן ווי יענע קיה, האַלענדערקעס, אַ שטיינער, מיט אַ שעהן פּנים'ל, פעטע, דיקבייכיגע, מיט גרויסע אָנגעגאָסענע אייטער, די הויט אַ גלאַטע מיט דעם פוטץ און אַ לאַנגען עק מחילה הינטען ווי אַ שלעפּע. אדרבה, פאַרקעהרט, זי, די מאַמע הייסט עס, זאָל זיך איהר דאָרט גרינג שלוקערצען, זי איז געווען דוקא אַ מאָגערע, הויט און ביין, אייטערליך מחילה נישט מעהר אפשר ווי אַ כזית, עס האָט זיך עפּעס געבאָמבעלט אַ דאַר שטיקעל, עס גלאַט אַזוי זיך. די יפּע, די פעל הייסט עס, דוקא פאַרשמירט, פאַרשמוצט, פאַרשלומפּערט תמיד, פון הינטען דוקא פאַר־קריצט, כלומר'שט אַיין עק משטעהנס־געזאָגט — און פונדעסטוועגען נישקשה, חלעבין, וויַיט אין דער וועלט צו זוכען נישט געווען איהר גלייכען...
דאָס שעהנקייט איהרס איז בעשטאַנען אין מעשים טובים — אין איהר גוטקייט, שטילקייט און עהרליכע אויפפיהרונג, דהיינו: זי פלעגט, ווי אַ יודישע קיה, אָפּריכטען גלות, נישט צו האָבען אַ מקום מנוחה; פלעגט נעכטיגען, וואַלגערען זיך אויף דער גאַס, זיך קייקלען, האָבען גלגול־שלג ווינטער אויפ'ן שניי, סיידען אַמאָל אין די גרויסע ברענענדיגע פרעסט פלעגט מען זי פאַרבעטען אויף נאַכטלעגער אין דעם פינסטערען הויז, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס פעסיל וואַסער, די גרויכע, פולע פאַמיי־ניצע, קלעצליך האָלץ, פוילע שמאַטעס, גאַנץ אַלטע אי פריש־שמעקענ־דיגע בלאָטע און מיסט. צום פאַסטען איז זי געווען אַיין בריה אין דער וועלט. זי האָט געקענט אָפּפאַסטען גאַנצע טעג און גאַרנישט! בכלל,

**איז זי נישט געווען אַזוי אַריינגעטהון אין דער אכילה , ווי אַנדערע ,** גוי׳עשע אַ שטייגער, זי האָט אין דעם גוטען יודישקייט ביסלעכווייז זיך אָפּגעוועהנט פונ׳ם עסען, אַזוי אַז זי האָט אָנגענומען פאַר ליעב חאָטש וואָס ס׳איז און וויפיעל ס׳איז אַבי יוצא זיין, פאַרשטאָפּען דאָס מויל. פיעל יודישע בהמות האָבען דאָך אַזעלכע מעלות, נאָר זי איז זיי אַריבער אַלע.

אַיינגעהאַנדעלט האט מען זי לכתחילה פאַר אַ מציאָה , עס האָט געהייסען פּישש... עס גיסט זיך פון איהר — מילך. אַ בהמה, קיין עין-הרע , אַ וואוילע, נאָר אַ חריפות. הלואי מיט מזל, יעלה ויצמח, עס זאָל זיך גיסען, שפּריצען, מען זאָל לעקען דערפון די פינגער! שפּעטער אָבער האָט זיך אַרויסבעוויזען, אַז ס׳איז נישט אַזוי די מעשה. דאָס וואָס מען האָט פערלאַנגט איז נישטאָ! דאָך זי שולדיג מאַכען דריגען אינגאַנצען וואָלט געווען אַ גרויס אומרעכט. וואָס איז, זי האָט דען געהאַט און נישט געגעבען? אַי וואָס מען האָט זי אַיינגעהאַנדעלט אויף דעם תנאי, מען זאָל האָבען פון איהר פיעל גוטס און נחת — עט, נאַרעשקייטען, נאַרעשקייטען , למאַי מען האָט איהר אָנגעפּייפּט אין די מזונות , אין דעם קעסט עסען כפי ההתחייבות! עס טרעפט זיך ביי יודען אַזוינע זאכען. ביידע צדדים, נאַרען איינער דעם אַנדערען אָפּ, נישט אַזוי ווי מען זאָגט, ווי מען שטעלט זיך פיר — און גאָרנישט. אויך בעשולדיגען זי פאַר דער פרנסה איהרער, פאַר דעם אַרומשלעפּען זיך אין מאַרק צווישען די גוי׳עשע פוהרליך, אַ שמעק דאָ, אַ טאַפּ דאָרט, אַ שטעק די מאָרדע אַהין און חאַפּען אַ לעק — דאָס וואָלט געווים אַ גרויסע עולה געווען. וואָרום אדרבה זאָגט, וואָס זאָל אַ בהמה נעביך טהון ביים אַראָפּגעהן פון קעסט , אַז עס לאָזט זיך איהר אוים די מזונות? לייגען זיך , שונא-ציון, אין דערמיט גאַס און פגר׳ן פאַר הונגער? לאָז מען זיך מטריח זיין אין אַ יודיש שטעדטיל ערגיץ, וועלכעס עס איז, וועט מען זעהען, אַז אַלע בהמות ווי זיי זענען זיך מפרנס דאָרט אַזוי. און גאָר נאָך אַלע גליקען מ׳שטעהנם-געזאָגט , אַז אונזערער פלעגט שוין געראָטען אַ חאַפּ טהון עפּעס פון אויבען, אינגאַנצען אַ פּעטרישקע, פלעגט עס איהר נעביך באָקים אויספאַלען. זי פלעגט חאַפּען ביטשען, קלעפּ ווי האָלץ, וויפיעל אין איהר איז אַריין , געשפּעט און לייטישע רייד פונ׳ם גראָבען עולם אַ צוגאָב נאָך דערצו. וואָס הינט האָבען צו איהר געהאַט, פאַר וואָס הינט האָבען געהאַוקעט , געבילט, זי אָנגעחאַפּט, געביסען? — דאָס איז כלל נישט צום פערשטעהן; סטייטש, הינט וואָס לעקען אָפּ אַ ביינדיל, חאַפּען שיריים פון יודישע פּאָמייניצעס; הינט וואָס יודען פערשטאָפּען

זיי תמיד דאָס מויל, איהר פערשטעהט, מיט אַ שטיקעל ברויט; הינט, וואָס יודען מיידען תמיד זיי אויס דעם וועג מיט אָבשיי, וואָס האָבען פונדערוויטענס נאָך פאַר זיי גרויס דרך־ארץ! נישמעהר, גאָרנישט. אויף בילערס איז נים שייך צו פרעגען קשיות.

מילא, בקיצור, האָט מען דאָ אַ קלאָרען חשבון פון אונזער בהמה'ס שעהנקייט, עהרליכקייט. און דאָס וואָס איהר גוטקייט, שטילקייט אָנבע־טרעפט, דאַרויף קענען עדות זאָגען אפשר אַ האַלב שטעדטיל יודען. פיעל מאָל פלעגט זיך מאַכען, אין די שטאָק־פינסטערע נעכט, אַ שטיי־גער, איז אַ יוד נעביך געשטרויכעלט געוואָרען און אַרויפגעפאַלען פונקט אויף איהר, אויף אונזער בהמה הייסט עס, וואָס האָט געהויערט אין גאָס צווישען די געמאַרקען, איין אַנדערע אויף איהר אָרט וואָלט עס זיכער אונטערגעטראָגען: סטייטש, וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדע קריכען בײ־נאַכט, און וואָלט איהם דערלאַנגט אַ וואָרף פון זיך העט, וויט, צו אַלדע־שוואַרץ־יאָהר. אונזערע אָבער פלעגט זיך אויפהויבען שאַ שטיל, אַ שטעלגעבענדיג זיך אויף די פיס, און טראָגען דעם פאַרשוין, רייטענדיג איהר אויף דעם רוקען, אַ שטרעקע וועג, ביז ער איז אַראָפגעפאַלען אליין, ברעכענדיג זיך האַלז און געניג.

אמת טאַקי צו די דאָזיגע אַלע שעהנע, גוטע מעלות האָט זי גע־האַט, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, אַביסעל חסרונות אויך. נאָר וואו איז דען דאָ אַ בהמה דורכאויס אַ כשר'ע אָהן אַ ברעקיל סרכא? בעדאַרף מען אַ בעסערען ווי אונזער בוהאַי, אַ שטייגער, אַ גדול, אַ גרויסער, אַ הדרת־פנים מיט אַ ברייטען שטערען און אַ דיק־קיילעכדיג בייכעל, אָדער הצאפ שלנו, אַ קאַטאָוועס עפּעס אונזער צאַפּ, אַזאַ פאַרנעהם, דער גרעסטער צווישען אַ שטאָדט ציגען — און פונדעסטוועגען, זאָל זיי דער שור־הבר נישט שטראָפען פאַר די זינד, זענען ביידע דאָס, וואָס מען טאָר נישט זאָגען, נישט דעם, נישט יענעם טאָר מען נישט לאָזען אין שטאַל אָהן אַ שומר.

ווינטער אַמאָל, גאַנץ פריה, אַז איך בין געלעגען איינגענורעט אונטער דער קאָלדרע, פאַרשלאָפען, נאָך נישט בדעה האָבענדיג אויפ־שטעהן, געהן אין חדר, דערפיהל איך ווי מען וועקט מיך, טאָרעט מיך, אין איין געשריי: גיכער שטעה־אויף, גיכער, גיכער! איך טהו מיך, נישט טוידט נישט לעבעדיג, אַ חאַפּ־אויף און דערזעה פאַר מיר מיין שוועסטעריל, אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוועלף. דאָס פנים'ל שיינט איהר, די אויגעלעך פינקלען עפּעס מיט אַ גלאַנץ גאָר משונה. דאָס מיילכען

האַלב אָפען, אויף די ליפּעלעך עפּעס אַ פאַרגליווערט מין שמייכעלע, זי וויל עפּעס זאָגען און קען נישט, אַזוי פאַרנעהמט איהר דער אָטהעם. נאָר וואָס זי שטרעקט אויס, ווערגענדיג זיך, דאָס הענטיל, טייטענדיג אויף עפּיס דאָרט אין דערמיט שטוב — אָ — אָ! איך גיב אַ קוק — אוי, געוואַלד, אַ קעלביל! און אַזוי ווי איך בין, בּאָרפעס, נאַקעט, אין איין העמדיל, האַלטענדיג איין האַנד אויפ׳ן קאָפּ, קיין צייט נישט האָבענדיג אויסזוכען דאָ און אָנטהון דאָס יאַרמולקעלע, טהו איך אַ שפּרונג אַראָפּ פונ׳ם געלעגער, געשווינד צו איהם. די פרייד מיט מיר איז געווען אַזוי גרויס, גלייך ווי די וועלט איז מיינע, גלייך ווי אַלסדינג אין איהר, פיהלט מיין שמחה. עפּעס לייכט די זון גאָר אַנדערש, עפּעס איז דער פריהמאָרגען מילדער, פריינדליכער ווי תמיד. עפּעס פיהלט זיך אומעטום אין דער לופט יום=טוב׳דיג, פול=און=פול מיט קעלביל. אַלסדינג שמייכעלט, זאָגט: גוט יום=טוב, מזל=טוב דיר מיט׳ן קעלביל!...

איך זעטץ מיך אויף די קניעליך, אַביסעל פונדערווייטענס, און בעטראַכט מיר דאָס קעלביל. אַ שעהנס, אַ רויטס מראה געלכען, אויף דעם שטערען אַ ווייסער פלעק ווי אַ זילבערנע קאָקאַרדע, גאָר אַ גאַטס וואונדער. וואָס ווייטער ווייטער גיב איך מיך אַ רוק=אונטער, בּעקענענדיג מיך מיט איהם נעהענטער; וואָס ווייטער ווייטער גיב איך עס אַ גרי׳עט, דאָ אַ טאַפּ. דאָרט מיט אַ פינגער, אַריינקוקענדיג איהם בשעת מעשה אין די אויגען, ביז איך ווער דערמיט שוין אַ נאָהענטער שמעלקע און לאָז איהם אַראָפּ אַ גראָבען „שלום=עליכם“, אַזוי טאַקי מיט דער גאַנצער האַנד, מיט אַלע פינף פינגער. דאָס קעלביל האָט אַ פּנים נאָך נישט געוואוסט דעם טייטש פונ׳ם „שלום=עליכם“, מיט וואָס מען עסט עס, וואָרום עס האָט זיך עפּעס געפיהלט ווי בעליידיגט, און צונויפנעהמענדיג זיך מיט אַלע קרעפטען געפרופט אויפשטעהן. פריהער האָט עס אָנגע־הויבען הינטען=אַרום, פאַמעליכען=פאַמעליכען זיך געשטעלט אויף די הינ־טערסטע פיסלעך, בלייבענדיג אָנגעשפּאַרט אויף די קניע פון די פּע־דערשטע, וואָס נאָך פערלייגט אונטער זיך אַזוי, אַז ס׳איז אויסגעקומען עפּעס משונה, ווי עס שטעהט מחילה ראַקום. שפּעטער אַביסעל האָט זיך עס שוין געשטעלט אויף אַלע פיער פיס, וואָס האָבען זיך געשאָקעלט ווי פיסלעך פון אַ צושאָטענעם טיש. פונ׳ם פופּיק איז איהם אַראָפּגעהאַנגען, באָמבּלענדיג זיך, עפּעס ווי אַ שטיקעל בענדיל און אויסגעזועהען אינגאַנ־צען מראה לעקיש. אַזוי איז עס שאָקלענדיג זיך, אומגעלומפּערט, אויס־שטעלענדיג אַ פּאָר קעלבערנע אויגען, אַ היבשע ווײלע געשטאַנען — און פּלוצלים פערדרייסט עס דעם ווײדעל און גאַלאָפּ, גאַלאָפּ איבער

דער שטוב. עס ווערט אַ רעש אַ געפּילדער, עס פֿאַלט אום די מילכיגע באַנק מיט דעם צעבראָכענעם פּיסעל, עס דערשרעקען זיך די היהנער, פֿליהען משוגע׳נערווייז איבער טיש און ביינק, צעבראָכען אַ גלעזעל און קעהרען איבער עפּעס אַ שיסעל. די מאַמע בּיי דער קינפּעטאָרען, בּיי דער בּהמה הייסט עס, דאָרט אין הויז, דערהערט דעם מאַראַראַם, דעם האַרמידער, לויפט אין איין אָטהעם אַריין אין שטוב שטאַרק אויפגעבראַכט און לאָזט אויס איהר צאָרען צו מיין קאָפּ:

אוי, אַ טאָג, האָב איך עס געהאַט דערנסטמאָל, אַ טאָג פון פּעטש און קלעפּ אין דער היים, אין חדר, געלייזט געגנג, נישט פֿאַר קיין יודען געראַכט!

אוועקגעגאַנגען פון דער היים אין חדר בּין איך מיט אַ קאָפּ פול מיט קעלבּיל. וועמען איך האָב בּעגעגענט אויפ׳ן וועג האָב איך אָנגעזאָגט די בּשורה: אונזער קיה האָט געהאַט אַ קעלבּיל! פֿאַר איטליכען פון מיינע בּעקאַנטע יונגליך האָב איך אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין דאָס קעלבּיל, אונטערשמייכלענדיג דערבּיי פֿאַר גרויס הנאָה ווי אַ בּעל־שמחה, געמיינט דערמיט — הע־הע! לאָזען זיי מיר מקנא זיין. וועמען מיר האָט געטויגט האָב איך צוגעזאָגט ווייזען איהם דאָס קעלבּיל, אינאיינעם מיט מיר זיך דערמיט אַביסעל אָנשפּילען. בּיי איינעם אַפילו האָב איך גענומען פֿאַראויס אַ פֿאַר יונ׳ישע מעשענע קנעפּ מיט אָדלערס און אַ יערכען בּייטעלע, שווערענדיג איהם: „ווי איך בּין אַ יוד!" אַז דער כּיבוד פֿאַהרען רייטענדיג צום־ערשטען אויפ׳ן קעלבּיל געהער איהם. עס פֿערשטעהט זיך, אַז פֿאַר גרויס שמחה און אַזוי פיעל געשעפֿטען האָב איך מיר פֿערשפּעטיגט קומען אין חדר, און געחאַפּט אַ מיאוס׳ן פּסק.

נאָר פּעטש זענען פּעטש און קעלבּיל איז קעלבּיל. די גמרא ליגט פֿאַר מיר אָפען און עס קוקט אַרויס פון דאָרט, עס דרעהט זיך מיר פֿאַר די אויגען — קעלבּיל. עס קריכט, קריכט מיר אין קאָפּ אַ מאָרדעצקע, אַ שעהנס, אַ געטאָקטס, אויערליך קליינטשקע, אויפגעשטעלטע, אַ קעפּעלע, אַ העלזעלע. דער רבי קנעלט, מריקעט מיט אַ גמרא ניגון, און מיר אין די אויערען מעקעט די קיה נאָכ׳ן קעלבּיל. דער רבי שהוט זיך אַ הויב פונ׳ם בּיינקעל — דאָס קעלבּיל אַ הויב אויף די פּיסלעך; דער רבי שטרעקט אויס די האַנד — דעם קעלבּיל פֿערדרייכט זיך דאָס שוויענציל: האָץ־האָץ־האָץ — און עס פליהט אַ פּאַטש! דער רבי איז בּייז, פֿרעגט וואו איך האַלט? איך האַלט מיך בּיי דער בּאַק. עס האַלט שוין בּיי מקיים פּסק זיין, איך האַלט עס נישט אויס. עפּענט זיך פּלוצלים די טהיר —

און עס עפֿענט זיך מיר ווידער אַ וועלט. סקאַציל קטט, רבי׳צען! אַהאַ, אָט איז ווידער דאָס קעלבּיל. די רבּי׳צען לויפֿט אַרוים בּייז, אַ קלאַפּגעבּענדיג מיט דער טהיר, דער רבּי, אַרוים פֿון די כּלים, לאָזט אויס זיין שוּוער-בּיטער געמיטה צו מיר.

אַז איך בּין יענעם טאָג אַ לעבּעדיגער, אַ גאַנצער אַ היים געקומען, איז טאַקי נאָר גרויסע נסים מיר געשעהען.

קומענדיג אַ היים איז די ערשטע זאַך מיינע געוועזן — קעלבּיל. שטיל אויף די שפּיטץ פינגער האָבּ איך בּשתיקה, ווי אַ ליעבּהאָבּער צו דער געליעבּטער, מיך צוגע׳גנבה׳ט צום קעלבּיל. די מאַמע האָט עס פערשטופּט אין אַ ווינקעלע פאַר אַ גוט אויג, מען זאָל עס קיין עין-הרע נישט געבּען. אָנגעהויבּען האָט זיך בּיי מיר ווי דער שטייגער איז, פריהער אַ קוק, איין עסען פאַר ליעבּשאַפט מיט די אויגען. אין אַ ווילע אַרום שוין אַ גלעט, אַ טאַפּ, דערנאָך אַ האַלזען, איין אַרומנעהמען, גאָר נפש אַחת, און לסוף שוין גראָבּליך מחילה אַ קוועטש — און מיין קעלבּיל פון אַ שפּרונג אַ הין-אַהער איבּער דער שטוּבּ, ווערט עס איין איבּערקעהרעניש, סדום ועמודה, און עס רעגענט אויף מיר פּעך און שוועבּיל, פייערדיגע פּעטש הייסט עס, גאָר אַ שרעק!

די ליעבּע צום קעלבּיל האָט בּיי מיר געוואַקסען מיט יעדען טאָג און צוגלייך מיט איהר די יסורים, האַרצוועהטאָג מיינע, וואָס זי האָט מיר אָנגעמאַכט, מיין קינדערש הערציל איז פערלאָפען מיט בּלוט, האָט נישט נעקענט רוהיג אָהן פערדראָס האָרכען דעם שמועס איבּער דעם קעלבּיל, ווי מען וויל עס נעבּיך קוילען, ווי מען דינגט זיך מיט דעם קצב, מיט וואָס פאַר אַ גרינגע לעבּער מען צוגלידערט עס לעבּעדיגערהייט, שנײַדט, טהיילט זיין גופ׳ל נעבּיך, ווי מען רעכענט אויף די פינגער אַזוי פיעל פאַר זיין פעלכען, אַזוי פיעל פאַר דעם פעדער-חלק, אַזוי פיעל און אַזוי פיעל פאַר זיין איטליכם גליעד בּעזונדער. עס שטעהט זיך, קוקט קוקט אַזוי גוט, היימיש, לעקט דער מאַמעס האַנד אַזוי ליעבּליך-פריינדליך, און דאָ שאַצט מען אָפּ דעם ווערטה פון זיין לעקער, פון זיין צינגעל! ס׳איז עפּעס טאַקי אַ געוואַלד, אַ רציחה! — דענסטמאָל האָבּ איך נאָך נישט געוואוסט קיין חכמות, זיך נישט אַריינגעלאָזט אין טיעפע חקירות איבּער מענשען, בּהמות, גאָר נישט איינגעפאַלען מיר אפילו איבּערצוטראַכטען, אַז אין דער פיהרונג פון דער וועלט קען געמאָהלט זיין פעזלער; אַז דאָס אַלדינג, וואָס איז פון גאַנץ לאַנג שוין אַזוי געשטעלט, בּיי לייט אָנגענומען, האָט אפשר נישט קיין האַפט; אַז גרויסע

מיט בערד קענען גאָר זיין יונגליך; אז חכמות אַזוינע און אַזוינע קענען גאָר זיין נאַרעשקייטען, פילוסופיות — פלודערייען, גוטסקייט און פרומ־קייט — אַכזריות, ווילדקייט. חלילה! אַלסדינג ווי אַזוי ביי די עלטערען אין שטוב, ווי אַזוי אין חדר, אין שוהל, אין בית־המדרש דאָרט, דאָס איז שכל׳דיג, רעכט, פיין, ווי גאָט האָט געבאָטען. און אויב מיר איז פריקרע געווען אַמאָל, עס האָט מיך עפּעס געאַרט, איז דאָס נאָר געווען גלאַט אַזוי זיך, בשוגג, אומגערען. גלאַט עס האָט זיך אַזוי געפיהלט, גאָר פון זיך אַליין אַזוי געוואָלט — און דאָס פלעגט מיר דערנאָך ערגערען, קאָס־טען אַ שטיק געזונד, ווייל טאַקי אין דעם פיהלען, אין דעם וועלען, אָט דרינען, לויט זיי זאָגען שטעקט דער יצר־הרע. ער גיט עס אַיין דעם מענשענס האַרץ חשק, עס זאָל פיהלען, עס זאָל וועלען. ולא תתורו אַחרי לבבכם — אַ יונגעלע זאָל זיך נישט וועלען, האָט געטייטש דער רבי. — עס האָט מיר וועה געטהון דאָס האַרץ אויפ׳ן קעלביל: געוואַלד אַ רחמנות! עס האָט מיך פערדראָסען, געבּרענט, געבּראָטען: געוואַלד, וואָס וויל מען האָבען נעביך פון זיין לעבען! און דערביי האָט עס מיך טאַקי געפּיקט, געפּיקט: געוואַלד אַיין עבירה! אויף וועמען דו האָסט רחמנות און אויף וועמען דו ביסט אָנגעדרודעלט, שייגעץ איינער!... איך האָב מיר אָנגעטהון אַ כּח אַרויסשלאָגען פונ׳ם זינען די גאַנצע מעשה מיט דעם קעלביל, איך בין נישט מחויב פאַר איהם מקריב זיין מיין נשמה, פּרעגלען זיך אויפ׳ן פייער אין גיהנם, גאָר עס האָט אָבער נישט געהאָלפען, פאַרקעהרט, וואָס מעהר איך האָב עס געטריבען, מעהר איז עס מיר אין קאָפּ אַריין געקראָכען. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַזוינס, וואָס אַ שרעק: פון איין זייט, דאַכט זיך, אַיין אויסגעשטרעקט, איבער־געשניטען העלזועלע, אַ גיסען־זיך בלוט, אַיין אַרויסגעשטעקטע צונג, פאַר־גלייזטע אויגען, אַ חאָרחלען, אַ מאַכען מיט די זייטען, אַ צאַפּלען, אַ וואַר־פען־זיך, אַ דריגען מיט די פיס. פון דער אַנדערער זייט אַ שוחט מיט אַ פרום־פּנים׳ל, אַ חלף אין דער האַנד און אַ ברכה־מאַכען מיט די ליפּע־ליך. — איך בין אַרומגעגאַנגען צוקאָכט, ווינד־און־וועה איז מיר געווען פון ביידע זייטען, האָב מיך געשעמט קוקען דעם קעלביל און דער מאַמע, להבדיל, אין די אויגען. ווער ווייס צו וואָס דאָס וואָלט גע־פיהרט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אונטערדוקען פלוצלים אַזוינס, אויף וואָס מען האָט זיך כלל נישט געריכט.

ס׳איז אַ ווינטער־נאַכט. אַ פראָסט מיט אַ ווינד. אַ פראָסט אַ ברע־נענדיגער, אַ ווינד אַ שטורעמדיגער, עס בלאָזט, פייפט, ריפּ־סקריפּ, ווי אויף אַ חתונה פון טויזענדער רוחות; עס שפּרינגען, טאַנצען זיילען שנעע,

דרעהענדיג זיך משוגע'נערוויז איבער די גאַסען. עס קנאַקען, טראַסקען דעכער, עס היילט, וויעט אין די קוימענס און עס זשומען, צימבלען שויבען אין די פענסטער. אויף דער גאַס קיין לעבעדיג בעשעפעניש, נישט איין יודישע בהמה, אַלע ווי אויסגערוימט. און וועלכע זענען פער־בליבען דאָ, ליגען בעגראָבען, אַז אָך־און־וועה צו זיי, טיעף איבער די אויערען אין שנעע. אונזער בהמה, עפּעס נאָך מ'שטעהנס־געזאָגט אַ שטי־קעל קינדבעטאָרען, האָט אונטערגענעכטיגט אין דעם פינסטערען הויז, אין נעץ און שמוץ, וואו עס בלאָזט פון אויבען, פון אונטען, פון אַלע זייטען; וואו ס'איז אומצוקומען פאַר קעלט. און וואָס טהוט אַ בהמה? אַ בהמה מעלה־גרה'ט, חזרט, קייעט איבער אַלץ פריהערדיגע, שוין האַלב פערדייעטע, פוילע, נמאָס־ומיאוס געוואָרענע זאַכען, אַז נייע שפּייז פאַר זיך האָט זי דאָך מכּות — און ביים איבערקייען קייכט זי, לאָזט זי שטילע זיפצען. די זיפצען צוגעהען זיך ווייט אַרום און לאָזען זיך פיהלען אויך אין שטוב.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט מיך אויפגעוועקט פונ'ם שלאָף אַ ביטער געשריי, אַ יאָמער, אַ קלאָג ווי מען בעוויינט אַ טוידטען. — דאָס וויינט, שרייט די מאַמע. וואָס איז? גע'פגר'ט די בהמה! דאָס הויז־געזינד איז פעראומערט, אין שטוב הערשט אַ טרויער, אפילו דער האָהן שטעהט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נישט אַרויסגעפיהרט די היהנער זיינע פון אונטער דעם אויבען האָפּערדיג, קוממיות, ווי תמיד. איינע פון די היהנער מיט איין איי פאַדעט, קוואָקעט, זוכט אַיין אָרט, וויל זיך לייגען, און נישטאָ ווער זאָל איבערדעקען זי מיט דער זיפּ ווי גע־וועהנטליך. נאָך איינע פליהט אַרויס פון אונטער דער בעט, הענדום־פענדום אויף אַ ביינקעל מיט אַ פעררים קעפּעלע, זעהר שטאָלץ אין איין קול: מזל־טוב מיר מיט אַיין איי, זיך שוין געלייגט אין אַ גוטער שעה! און דער שעהנער מאַן, דער האָהן, זאָל זיך עס אויף איהר חאַטש אַרומקוקען, צוגעהן, ווי דער שטייגער איז, אַרונטערנעהמען זי אונטער די פליגעליך, קוצעניו־מוצעניו פאַר אַזאַ גוטע בשורה. קיינעם איז נישט אין קאָפּ, אַלע שטעהען פעראומערט, ווייבער, שכנה'ס אויך אין דערמיט. די מאַמע איז מספּיד פאַר זיי די בהמה, דערצעהלט איהרע שבחים, איהר קעז און פוטער, וואָס איך וויינגסטענס האָב עס אין די אויגען נישט געזעהען, נאָך מעלות אַזעלכע, אַל־דאָס־גוטס, פון וועלכע — אַ חידוש חלעבין! — איך האָב פריהער גאָר נים געוואוסט, און לאָזט אוים מיט אַ וויינענדיגען ניגון, אַז דאָס איז זי גע'פגר'ט פאַר אונזערע זינד.

— הערט אַ מעשה — זאָגט זי, פערגלאָצענדיג די אויגען צו דער סטעליע — הערט וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען! היינט גאַנץ פריה, כּלחוך השור, אָט די טהיר אָט־אָ, פון דער שטוב אין דעם הויז, עפען איך. געה איך ווי אַ בעל־הבית'טע מעלקען פריה אריין. דאָס מעלק־שעפעל אין דער האַנד. שטרוי צום פרעסען האָט דער בעל־קאָנטער גוי נאָך נישט געבראַכט. פאַרגעסען. אַ פּראָסט אַ שרעק. צייט מעלקען. רוף איך: מאַין־מאַין־מאַין! זי רופט זיך נישט אָפּ. געה איך שוין צו נאָהענט, אַביסעל מיט פערדראָס, טראַכטענדיג ביי מיר: סטער־וואַ. וויל איך מעלקען — הע־הע, איז זי פערשאָטען מיט שנעע, אריינטראָגענדיג זיך ביי־נאַכט דורך די שפּאַרונעס, די האָר פערפרוירען ווי סטרעמפּלעס אויף דעם רוקען שטעל איך אוועק דאָס מעלק־שעפעל, נעהם אַ בעזעם, נעהם, שאַר־שאַר דעם שנעע, און זי, די שפלה, זאָל זיך עס חאָטש ריהרען. איך גיב אַ קוק — אוי, אַ דונער האָט מיך נישט דערשלאָגען, זי איז טוידט! סטייטש, וואָס הייסט? פאַר ווען, פאַר וואָס? פון דער העלער הויט? נישט צום פערשטעהן. פאַלט מיר פּלוצלים איין: אוי, אַ וועהטאָג אַ גרויסער, אַ וועהטאָג מיינע שונאים! איהר הערט, מיר האָבען פערגעסען די סעודה, מאַכען נעכטען ווי אַלע יאָהר „תוספות־יום־טוב! מיין יחוס איז עפּעס אַ קאַטאָוועס. פונ'ם תוספות־יום־טוב משפּחה שטאַם איך. אין דער מגילה זיינער אויף דעם נס, וואָס איהם איז געשעהען, האָט דער גרויסער צדיק, עליו־השלום, בעשוואָרען זיינע קינדס־קינדם קינדער, זיי זאָלען אין חודש אדר, נעכטען הייסט עס, מאַכען אַ סעודה, ווי פורים. ווער עס וועט עמיצער נישט מקיים זיין, זאָל זיך איהם טרעפען איין אומגליק. אָט, האָט איהר טאַקי, איהר הערט, דאָס אומגליק. דעריבער טאַקי איז די בהמה סאַנצעלאָמעס די כּפּרה געוואָרען. וואָס דען? גאָר פּלוצלים ערשט נאָכ'ן קעלבען זיך, פּגר'ט עס, אַ בהמה! — —

און אין דערמיט הספד, פליהט אריין פונ'ם אַלקירעל דאָס קעל־ביל, האָץ־האָץ מיט אַ פעררייסען ווייַדעל, אַ פערוואָרפען קעפּעל, מע־מע אין איין קול. דאָס האַרץ רייסט ביי איטליכען אין שטוב, קוקענדיג אויף דער יתומה נעבי'ך. אַלע פערשטעהען דעם טייטש פון מע, וואָס דאָס מע בעדייט. דאָס מעקעט עס נעביך נאָך דער ברוסט, עס וויל עסען. דאָס מעקעט עס, בעט זיך צו דער מאַמע, זי זאָל עס אויסצוואָגען, אָפּלעקען מיט דער צונג. ווייבער, שכנה'ס, ווישען די נעז, די אויגען, מאַכען פּיס־קליך, און די ליפּעליך זייערע ריהרען זיך, גרייט צום ריידען. איינע פון פון זיי, אַ וואָוילקענעדיגע, וואָס שיט אין די רייד ווערטער פון די הייליגע

וחכמים, פונ'ם רבינו בחיי, פערהאַפט זיך פריהער און צולאָזט זיך אין אַ ברייטען שמועס.

— דער וואָס לעבט אייביג, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס איך בין נישט ווערטה זיין נאָמען צודערמאָהנען — הויבט זי אָן אויף תחינה-לשון, צונויפשנירענדיג די ליפּעליך און קנייטשענדיג אַ פרום פּנים'ל — דער אַלמעכטיגער, וואָס איז געאַכפּערט, געגרויסט צווישען די הער-שאַפטען מלאָכים, די דאָ הייסען חיות הקודש, ער איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט, כי מפני הרעה, פאַר די זינד, זאָגען די חכמים, פגר'ט אַמאָל אַ בהמה. לאָז זי, די בהמה, זיין אַ קרבן-עולה, מכפּר זיין, ווי די פּרה-אדומה, אַייך און כל-ישראל, פון אַלע אומריינינ-קייט און פון אַלע אומווירדיגקייט, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: אויב די זינד זענען ווי פּורפּיל רויט, וועלען זיי ווייס ווערען ווי אַ שנעע. און אויב אַזוי, אַז דורך אַ פיך, די בהמה מיינט מען, האָט בעשיינפּערליך זיך געטהון ענטפּלעקען אַזאַ גרויס וואונדער, וואָלט מיין ראַטה, עצה טובה, געווען, דאָס דאָס קעלביל, די פרוכט פון איהר מוטער-לייב, זאָל בלייבען די ווידערשפּענעדיגע קינדער צום אָנדיינקען, אויף דעם משונה-ווילדען מופת, דאָס זיי זאָלען מעהר נישט מוטווילינגען. נישט פאַרשוועכען די שבועה פון פאָרכצומטע צדיקים. לאָז עס ביי אַייך זיך האָדעווען, און דער, וואָס שפּייזט מביצי כינים, פונ'ם קליין ווערמיל ביז דעם וויזעלטהיר, וועט העלפען עס צושפּייזען אַמאָל מיט שאָלעכטס פון קאַרטאָפּעל, אַמאָל מיט אַביסעל קלייען, דאָס אַביסעל, יענעס אַביסעל. וואָס קען עס זיך אָנזעהען אין דעם בעל-הבתי'שקייט אַ קעלביל. לאָז זיך אַייך דאַכטען אַ ישיבה-בחור — נאָך אַ לעפעל געקעכטס, נאָך אַשטיקעל ברויט, אַ קבצן אַ קבצן נעביך. איהר פערשטעהט, פון אַ ישיבה-בחור, טפוי, פון אַ קעלביל מיין איך, וואַקסט אויס אַ בהמה, און אַ בהמה איז גוט, תמיד אָנגעלייגט, ווער שמועסט ביי היינטיגע משוגע'נע צייטען, און בפרט נאָך ביי יודען. אָח-חאָ-חאָ! שפּיעלט אַוודאי אַ גרויסע ראָליע אַ בהמה. אַלע ווייבער באַ-סעווען צו. די מאַמע לאָזט זיך אַיינריידען. דאָס קעלבעל בלייבט לע-בען — און מיר פאַלט אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען.

די מעשה מיט דער בהמה, איהר אונגעוועהנליכער טוידט, גאָר שלא כדרך הטבע, האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין שטעדטיל. לייט זענען געקומען אויף חידושים אָנקוקען דאָס קעלביל, עס האָט בעקומען א שם און געהייסען: „תוספות-יום-טוב קעלביל“.

א קעגען א דריי טעג האָט זיך געטראָגען איבער דעם שטעדטיל

**אַ הײלען, אַ רױען, נאָר טױב צו װערען. דאָס האָבען געריװעט הינט, װאָס האָבען זיך טשאַטעס־װײז פאַרקליבען אױפ׳ן פעלד, צו־טהון דער בּהמה איהר רעכט, זיך געריסען, געביסען און מטפל געװען, װי געהער־ריג, מיט דער נבלה.**

שטאַרק געבּײנקט די ערשטע צײט האָט דאָס קעלבּיל נעביך נאָך דער בּרוסט. מען האָט עס געשטילט אַמאָל מיט אַ לעמעשקע פון קאָ־רענע קלײען, אַמאָל מיט בּרױט אַ שטיקעל, מיט אַ הױפען הײ. צײנדלעך האָט עס געהאַט אַכט פעדערשטע, שעהנע װײסע, נאָך בּײם געבּױרען װערען, איך האָב זײ אַלײן געצעהלט. עס האָט געגעסען און דאָך צו װײלען אונטערגעמריקעט. עס האָט אַלץ געסמאָרעט מיט דער נאָז, גע־זוכט, געשמעקט, און װאָס נאָר איהם איז צום מױל געקומען, אַ האַנד־טוך, אַ טישטוך, אַ זאָק, האָט עס געקײט. אַ היטעל, אַ יאַרמולקע — אױך סחורה. אײנמאָל האָט עס שיער זיך נישט דערװאָרגען מיט אַ טשאָ־לענט־שמאַטע. אַ נס װאָס מען האָט זיך בּעצײטענס אַרומגעקוקט, גראָד בּעדאַרפט גיכער פעררוקען דעם טשאָלענט. און אױב מען איז פון איהם דאָס אַלסדינג אױסגעשטאַנען, נישט זײנער פטור צו־װערען, איז דאָס נאָר געװען אין דעם זכות פון דער מאַמען זײנער, זאָל זיך דאָרט מיהען. איך אײנער האָב עס אמת טאַקי ליעב געהאַט טיעף פונ׳ם האַרצען, עס שטאַרק בּעדױערט: אַ רחמנות, ס׳איז נעביך עלענד, אַ יתום!... האָט מען עס אַמאָל בּעלײדיגט מיט אַ קלאַפּ, מיט אַ זעטץ, פלעג איך מיר אַרױסשטעלען, זיך אָנגעהמען קעלבּיל׳ס קריװדע, און געחאַפּט דערפאַר דאָס מײניגע. אָט דאָס האָט מיך נאָך מעהר צוגעצױגען צום קעלבּיל דערפאַר. װאָס מען איז אַקעגען אונז בּײדע געװען גראָב אומגערעכט, װאָס מיר בּײדע האָבען געליטען פון אַנדערע, שטאַרקערע פון אונז, גאָר אומזיסט. נישט אַזױ די בּעלײדיגונג, די יסורים, דער װעהטאָג פון קלעפּ האָט מיך געאַרט, װי דאָס אומרעכט, מיט װעלכעס יענע האָבען עס אָנגעטהון. — און אַ פּנים בּײם קעלבּיל בּין איך אױך טאַקי געװען אַ שטיקעל חשוב. װאָרום עס פלעגט זיך לאָזען גלעטען פון מיר בּײם קעפּיל, אָנגעהמען בּײ די אױערליך, קוקענדיג דערבּײ צו מיר מיט אַפּאָר אומעטיגע אױגען, לעקענדיג מיך פרײנדליך, גלײך װי עס װאָלט זיך פאַר מיר עפּעס געקלאָגט, געװאָלט עפּעס אַזױנס זאָגען. איך װידער האָב עס, דאַכט זיך, פערשטאַנען, געפיהלט װאָס איהם אױף דער לונג, װאָס לעקט עס מיך מיט דער צונג.

**אָט דענסטמאָלט־אָ, דעם קעלבּיל צו פעדדאַנקען און דעם הױז־געזינדס**

בענעהמונג אַקעגען איהם, איז אין מיר אַריין אַ געדאַנק, נאָר עפּעס ווי אַ דבּוק — אַ געדאַנק, זאָג איך, נישט גלאַט אַ געפיהל, אַ טונקעלם אַ שטומם אָהן לשון, נאָר טאַקי ריין גערעדט, מיט ווערטער; אַז אַ בהמה, בּלוט און פלייש ווי אַ מענש, האָט אויך, איהר הערט? אַ נשמה ווי ער; אַז אַ בּהמה מיט האַרץ, מיט אַלע רמ״ח אברים, לייב־און־לעבּען ווי אַ מענש, פיהלט לייד און פרייד, יסורים און פערגעניגען אויך ווי ער! — שפּעטער האָבּ איך מיט דעם דאָזיגען געדאַנק מיך אַרומגעטראָגען גאַנץ אָפּען, איהם געלאָזט וואַקסען, וויאַקסען, זיך אַרויסזאָגען פריי, נישט געהערט אַ וועלט, בּיז ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז בּהמות האָבּען אויך אַ לשון, זייער לשון, זייער קוק אויף דער וועלט, זייער מין יושר און דרך־ארץ, זייער פאַמיליענלעבּען, אייגענע און קהל'שע אינטערעסען, זייערע מיני געבּאָט, מנהגים, געריכט, און אפשר טאַקי אויך זייער מין רעליגיע — קורץ, אַלע מעלות און חסרונות ווי מיר, נישט צוזאָגען אפילו להבדיל. ס'איז דאָ אויך צווישען זיי אַלערליי אומות, נאַציעס, מינים הייסט עס אומות גרויסע, שטאַרקע, געוואָפּענטע מיט גומע כּלי־זיין, וואָס רויבּען, רייסען, געוועלטיגען בּיד רמה, און אומות קליינטשקע, שוואַכע, קריכענדע, פערוואָגעלטע, בּיי יענע אין די לאַפּעס. צווישען איין אומה בּהמות גופא זענען דאָ פערשיעדענע קלאַסען: בּהמות געהויבּענע, זאַטע, פעטע, שעהנע, ליידיגגעהער, געלערענטע, מיט אָנשטעלען, און זיי אַקעגען יענע פונ'ם געמיינעם עולם: אויף־מיר־בּהמות, הונגעריגע, דאַרע, אויסגעדייווערטע, שטענדיג אין דער אַרבּייט, פערגרעבּטע, פערפינסטערטע, וויסען נישט פון זייער חיות. עס זענען דאָ צווישען זיי גוטע אי שלעכטע, בּייזע אי שטילע. רוהיגע, געלאַסענע; פוילע אי בּריות; פאַלשע אי געטרייע; גנבים, נאַשערס, פרעסערס אי עהרליכע, כּשר'ע, נישט קיין טרפה'נע העלזער; עגאָאיסטען, נישט פאַרגינערס, קאַפּאַבּעל אויף אַלסדינגג פאַר'ן אייגען נפש'ל, אי בּאַרעמהערציגע, בּערייט זיך מקריב זיין פאַר יענעם אין אַ נויטה־ראיות דאַרויף זענען דאָ גוזמא־גוזמאות, גאַנצע פּעק, ס'איז דאָ אַזעלכע, וואָס איטליכען פאַר דער נאָז, מען פערשפּאָרט גאָר ווייט צו זוכען. ווער אַ שטייגער האָט נישט געזעהען, וואָס פאַר אַ מכנים־אורח'מע אַ קיה איז? אַ מנין בּהמות אפילו מעגען אַריינשטעקען די מאָרדעס צו איהר אין צעבּער, בּשעת זי פרעסט — און גאָרנישט, זי זאָל עס חאָטש אַ פּיפּס טהון. אָדער נעהמט אַ הונט, אַ שטייגער. עס מאַכט זיך אַמאָל אַ הונט קומט אין שטעדטיל, עס מעג זיך זיין אַיין אויסלענדער, פון פרס־ומדי, פון עק וועלט, בּילט ער מיט אַלע גלייך, אַיין הינטעש לשון, איין

דיעה — פאַני־בראַמצי מיט אַלע זיין־גלייכען, אַ הונט ווי אַלע הינט, פערשטעהען זיך איינער דעם אַנדערען זעהר גוט. אדרבה, איז עס דער־זעהען אָדער דערהערט געוואָרען צווישען בהמות אַזאַ קללה, אַז אַ הונט, אַ שטיינער, זאָל מוזען בילען אַזוי פיעל לשונות וויפיעל עס זענען דאָ מדינות. און דער וואָס בילט הינטיש דאָ, זאָל זיין אַ שטומער דאָרט? יאָ, ראיות זענען דאָ גענוג, איבערגענוג, נאָר דער מענש אָבער וויל דערפון נישט וויסען. איהם איז גלייכער מאַכען זיי, די בהמות, פאַר שטיקער פלייש, נישט צוצולאָזען זיי קיין שום פיצעל שכל, קיין שום געפיהל. איינגאַנצען וואָס זיי לעבען איז נאָר פאַר איהם: טייגען זיי איהם, הייסען זיי ניטצליכע; אלא ניט, זענען זיי שעדליכע, איבעריגע אויף דער וועלט. נאָר העט אין די פריהערדיגע דורות האָבען מענשען, ווי עס זעהט אויס, זיך אַ פנים געשייט אַזוי מיאוס גראָב זיין אַקעגען די בהמות, די רציחה צו עסען זיי, געזוכט אַריינלעגען אין יראת־שמים. — עס האָט געהייסען, ברענגען גאָט אַ קרבן, קוילען זיי לכבוד זיין נאָמען, איהם אַ שטיקעל, זיינע „פריסטער" אַ שטיקעל, און אַגב טאַקי דאָס איבע־ריגע פאַר זיך אַליין. — אָט אַזוי האָב איך מיט דעם געדאַנק מיך ארומגעטראָגען, שוין אין די עלטערע יאָהרען, אָבער דענסטמאָל, בשעת נאָך אַ יונגעל, האָב איך דעם דאָזיגען געדאַנק, באַלד טאַקי ביים גע־באָרען ווערען, געשטיקט אין מיר ווי אַ ממזר, נישט צולאָזען איהם אויפ־קומען, הויך אַ פיפס טהון. לאָזען לייט נישט זעהן וואָס פאַר אַ בחור'ל איך בין, פערקראָכען גאָר צו בהמות און טראַכט אַזוינס, וואָס מען טאָר נישט. נאַט אייך אַבעל רחמים! איך האָב געהאַט דערפון פיעל צער. נאָר דער יצר־הרע פון רחמנות איז אַזוי גרויס. אַז עס האָט מיך געצויגען צום קעלביל, און מיר זענען געוואָרען געטרייע חברים!

געטרייע חברים! די דאָזיגע ווערטער ווערען עפּעס קלינגען משונה ווילד, עפּעס גאָר ניט פאַר דעם מוח. אמת! אַזוינע, ווי נאָך פיעלע אַנדערע זאַכען אין דער וועלט, זענען נישט טאַקי צופערשטעהן מיט דעם מוח, נאָר צו פיהלען בעדאַרף מען זיי מיט דעם האַרצען. אונטערג־ליך צודערקלעהרען זיך רעכט גוט יענעמס שטייגער דיינקען, יענעמס מעשים, נישט צופערזעטצען זיך אין יענעמס לאַגע — אין זיין צייט, זיין עלטער, און זיין אָרט. די צייט יאָהרען פון איטליכס עלטער אין דעם מענשענס לעבען איז אַ בעזונדער וועלט פאַר זיך מיט איהרע גיינג, מיט איהרע געדאַנקען, פאַרשטעלונגען וואָס איז גוט, וואָס שלעכט, מיט איהר געשמאַק, מיט איהרע חפציות, אַלץ־מיט־אַנאַנדער. ווילט איהר אַ שטייגער דאָס יונגעל פערשטעהן, מוזט איהר אין דעם יונגעלס וועלט געהן.

איהר בעדאַרפט זיך פיהלען, הייסט עס, יונג, עס זאָל זיך אייך דאַכטען אַ יונגעל מיט די ביינער. דער חסרון איז אָבער, וואָס גרויסע, דערוואַקסענע, צי מחמת אַ קורצען זכרון צי מחמת עפּעס אַנדערש. בעטראַכטען די גיינג פון קינדער נישט לויט דער קינדערשער וועלט, אין וועלכער זיי אַליין האָבען זיך אַמאָל געפונען, נאָר לויט זייער איצטיגער וועלט אין די עלטערע יאָהרען. אַזעלכע אָבער, יונג־אַלטע, נעמליך, וואָס ווילען זיך אַראָפּלאָזען צו מיר, אין מיין דענסטמאָליג וועלטיל אין מיך גוט פיהלען — פאַר זיי וועט דער גאַנצער שמועס מיינער דאָ גאָר ניט זיין אַזוי פרעמד. דענסטמאָל האָב איך מיר אָלסדינג נאָך מיין שטאַנד זיך פאָרגעשטעלט. עס האָט מיר זיך געדאַכט, אַז ווי דאָס שטעדטיל מיינס אַזוי איז די גאַנצע וועלט. איין פּנים, איין שטייגער פיהרונג, מענשען בהמות אַלע גלייך, וואָס מאַכט עס אויס? מ ע נ ש ע ן, י ו ד ע ן הייסט עס, דאַוונען, זאָגען תהלים, לערנען משניות, אַ בלעטיל גמרא, זיצען אין קלייטליך, גע־נעצען, טאַלעבענדען זיך אַרום, בעשטעקלענדיג זיך מיט שטעקענס, שטעקעליך אַלערליי. יונגלעך געהען אין חדר, קעלבליך, בהמות אין דער טשערעדע. דער רבי מיט דעם קאַנטשיק, דער פאַסטוך מיט דער בייטש. איין רפואה צו אַ פאַטש, צו אַלע וועהטאָגען איז דאָס שפּי־לען זיך מיט חברים. אַ יונגעל, אַ קעלביל וואָס מאַכט עס אויס? אַבי אַ לעבעדיג בעשעפעניש. זאָל מען אַ שטייגער האָבען די זכיה געפינען חן ביי אַ ליאַד הינטעל אין די אויגען ער זאָל פאָלגען, בילען אָנ־פאַלען אַז מען הייסט, איז מען גרייט איהם נישט נאָר דעם מיטאָג, אַפילו די נשמה איהם אויך אַוועקגעבען. חבר זיין מיט אַ הונט איז אַ גרויסער, גרויסער יחוס...

נישט דאָס בין איך אויסען.

ס'איז נאָך פסח. אויס בין־הזמנים. מלמדים נעהמען זיך קנעלען, איטליכער מיט זיין חדר, און דער פאַסטוך מיט זיינע בהמות. בעהעל־פערם שלעפען, טראָגען, ווי דער סדר העולם איז, פיצליך קינדער, שלאַ־פענקע אויף די פּלייצעס אין חדר אַריין, און דאָס קעלביל אונזערס, אַ געזונדס, נישט קליין צולויפען מיט די פיסעליך אַליין, בלייבט גאָר איבער — אַ חידוש חלעבין — אין דער היים! עס געהט אַרום בטל. פאַר וואָס? — ס'איז נאָך צו־יונג צוטרייבען עס אין דער טשערעדע, זאָגט דער פאַסטוך, עס וועט נישט פערזאַמען די תורה זיינע: מעלה־גרה'ן, מאַכען מיט דעם מויל, נישקשה שפּעטער אַביסעל אויך. לעת־עתה, זאָגט ער, זאָל זיך עס מגדל זיין אונטער אַ היימישער השגחה

ביז דער רעכטער צייט. אין־ברירה, דאָס קעלבּיל בּלייבּט נעבּיך און גערט איבּער אויף אַ סך הענד. קיין האָניג דערפון האָט עס נישט גע־לעקט. די מאַמע וואַשט איהם אַ היי אין סידור; דער פערשטאָפּט איהם דאָס מויל מיט שהי־פּחי; יענער לערענט דאָס דרך־ארץ — און פון די פּיעלע טובות איז עס נעבּיך שטענדיג הונגעריג, שטאַרק פונ׳ם לייב אַראָפּ. אויף זיין גליק האָט זיך בּיי מיין מלמד אויסגעלאָזט די תּורה פאַר מיר. איך הויבּ אָן דערוואַיל צו לערנען, הייסט עס, אין בּית־המדרש אַליין פאַר זיך. מען פערלאָזט זיך, הייסט עס, אויף מיין יושר, און די השגחה אויפ׳ן קעלבּיל געהט מיט־דער־צייט איבּער אינגאַנצען מיר אין די הענד. איך ווער עס דער מדריך זיינס אין אַ גוטער שעה!

עס עפענט זיך פאַר אונז בּיידע אַ נייע וועלט — אַ וועלט אַ ליכטיגע, אַ שעהנע, אַ פרייע, וואָס נישט איך, נישט דאָס קעלבּיל האָבּען זי בּיז אַהער, ליגענדיג פערשפּאַרט אין חדר, אין שטאַל־כען, קיינמאָל נישט אָנגעקוקט. לכה דודי! — זאָג איך אָננעהמענדיג דאָס קעלבּיל בּיים שטריקעל, וואָס איהם אַרום דעם האַלז — קום מיין פריינד. נצא השדה, אַהין אויפ׳ן גרינעם גראָז.

אי־אַי, איז עס דאָרט גוט, מחיה! עס לעבּט, עס ריהרט זיך אַרום־און־אַרום. גאָטס בּעשעפעניש, וואָס בּיז אַהער גאָר ווילד־פרעמדע פאַר מיר, פייגעליך אַלערליי, מיני זשוקליך אַזוינע, היישרעקען, גרילען אַזוינע און אַזוינע, פליהען, שפּרינגען הויך אין דער לופט אי אונטען צווישען דעם גראָז לעבּעדיג פרעהליך מיט אַ געזענגעריי, אַ זשוועריי, אַ צימבּלעריי. עס הערט זיך אַ קאָנצערט, עס פיהלט זיך ריחות פון בּשמים, עס שימערט אין די אויגען פון בּלומען כּל־המיני קאָלירען. עס אָטהעמט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי פריי. עפּעס טהוט עס מיך אינוועניג אַ בּריה — האָפּ־האָפּ־האָפּ! טהו איך אַ שפּרונג, קוליע מיך פאַר גרויס פערגעניגען עטליכע מאָל איבּער און ציה מיך אויס אויף פריש־ווייכע מאַך מיט דעם בּויך אַרויף. די ליכטיגע זון קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין, שיינט, שמייכעלט, ווי גערעדט: אַ יאַ, יונגעלע, גוט?

עפּעס גאָר ניט ווילענדיג, ווי פון זיך אַליין, עפענט מיר זיך דאָס מויל און אַ יקום־פורקן ניגון לאָזט זיך הערען אויף אַ וויינענדיג־קווישיקען בּיי־קול׳כען. דאָס קעלבּיל קוקט זיך צו מיר אום און מאַכט: מע! עס האָט אַזוי פּיעל געהייסען: שאַ, וואָס איז?...

איך טהו מיך אַ חאַפּ — האַ! וואָס איז, רב יודעלע, בּאמת דאָ אַזוי דאָס געזוין? שפּיי אויס, און בּלייב שטום.

דאָס קעלביל פערטיעפט זיך אין דעם עסען געשמאַק מיט פּנה. איך קוק, קוק פערטראַכט און עס קומט מיר פאָר יעקב אָבינו, ווי ער פיטערט די שאָף ביי לבן־אַרמי, עס דאַכט זיך מיר אויך דאָס גוטע בע־געגעניש זיינס מיט רחל'ען ביים ברונען דאָרט, ווי זיי קושען, האַלזען זיך פאַר גרויס ליעבשאַפט. עס טהוט מיך אינווענינג פלוצלים עפּעס אַ פּיק — און בלייב ליגען עפּעס ווי אָפּגעקאָכט.

דאָס איז געווען אַ פּיק פון יצר־הרע. דאָס האָט ער מיר געגעבען אַנצוהערעניש אַקעגען אַ שכן'ס אַ מיידעל, זעהר אַ שעהנס, מיט וועלכעס איך פלעג מיך תמיד שפּילען, און פּלוצלים אָנגעהויבען זיך שעמען, רויטווערענדיג ביים בעגעגענען זיך מיט איהר, נישט רעכט צו־וויסען פאַר וואָס. היינטיגער פּיק אָבער האָט מיר געגעבען גוט צו פערשטעהן אַלסדינג, ס'איז מיר טאַקי גוט אין טעם אַריין — און איך האָב דערפון גרויס צער געהאַט. דער יצר־טוב האָט מיר דערנאָך געגעסען: זעהסט־דו, בחור, אָט דאָס האָסט־דו איהר, פון דער נאַטור דיינער, ווי הייסט מען עס! זי, די שעהנע נאַטור, מ'שטעהנס־געזאָגט, מיט איהר פּוטץ, מיט איהר חן, אָט די מ כ ש פ ה'ט ע גיט עס איין אַ מענשען מיאוסע געפיהלען אַזוינע ווי דיר אַצונד. נאַטור־שמור, שעהנקייט — שמיינקייט — פּע!... אין בית־מדרש אַריין, שיינגעץ איינער!

עס פערשטעהט זיך, דאָס קעלביל נעבּיך האָט פון איהם זיך אויך נישט גענאַרט. „סטייטש, סטייטש אַ יודיש יונגעל און אַ קעלביל!! אַ שיי־געץ ביסט־דו דען, שיינגעץ איינער?!" —

דער יצר־הרע אָבער איז נישקשה קלינגער פונ'ם יצר־טוב. אויך פיעל שטאַרקער פון איהם. קוים איז אַ יונגעלע אַרויס פונ'ם אונטער־אויבען גע־שטעלט אַ פּיסעלע אין גאַטס שעהן פריי וועלטעל, אַ קוקעלע געטהון דאַרויף און ס'איז איהם אַריין אין טעם, הע־הע! וועט איהם שוין שווער זיין זיך אומקעהרען צוריק; וועט עס פון אַ מינדסט שטופּעלע זיך רוקען, רוקען ווייטער ווייטער, און דערנאָך — וועט עס געהן ווי אַ פּוטער, גאַר פון זיך אַליין.

איך בין נעגאַנגען, וואוהין? עס פערשטעהט זיך אַהין, אין דעם פרייען פעלד, איך מיט דעם קעלביל טאַקי.

אָנגעהויבען לכתחילה האָבען מיר די פּיטערונג מיט דעם גרינעם באַרג, נישט ווייט פונ'ם שטעדטיל, דערנאָך האָבען מיר זיך פערקליבען העט ווייט, אויסזוכענדיג אַ וואונדער־שעהן אָרט, גאָר אַ געמעהל. לאָז

זיך אייך דאכטען א וואלד. בוימער־סאסנעס געוויקסיגע ציהען זיך ווי א סטרונקע גלייך, הויך אין הימעל אריין, אונטען גלאט־נאקעט און אויף די קעפ גרינע היטלען־קאפעלושען א ים, צווישען וועלכע עס ברעכען זיך דורך שטראהלען ליכטיגע פון דער זון און בעלייגען דאס רייניע סאמעט־טענע גראז ווי בײ די פיס מיט העלע פאסען גינגאלדענע. פאר דעם וואלד שטעהען קליינע־געדיכטע וועלדליך, פון נידעריגע, יונג־פרישע זאפטיגע בוימליך כל־המינים, צו־ווארפען דא, דארט, אויף א היבשען, פרייען מיט גרעזעליך און שמעקענדיגע קרייטעכצער בעוואקסענעם פלאץ. פארענט־צו ציהען זיך פון איהם, פונ'ם פלאץ, אוועק פעלדער תבואה העט לאנג, נישט צופערנעהמען מיט'ן אויג, און איהם בײ דער זייט לאזט זיך די גאנצע געגענד אלץ נידעריגער־נידעריגער אראפ אין א טהאל, וואו עס שפורדעלט, רייזעלט א ריין־קלאהר וואסעריל לעבעדיג־שפילענדיג ווי א קינד, דאס בעהאלטענדיג זיך ערגיץ צווישען געדיכט פערצווייגטע ווער־בעס דארט, דאס א ווייז־געבענדיג זיך ווידער, לויפענדיג־שפריינגענדיג בארג־אראפ פון שטיינדליך אויף שטיינדליך, האלטענדיג אין איין מאכען בול־בול־בול! חוץ מיר און דעם קעלביל נישטא דארט קיינער. נאר וואס אמאל טראגט דער גוטער יאהר אן עפעס א פויגעל, שטעלט זיך אויף א צווייגעל, ווארפט אויף מיר בגנבה איין אויגעל, וואונדערענדיג זיך, ווער זאל עס זיין אט דער מין נפש, טהוט באלד טאקי א בוק מיט'ן קעפעל, א טרייסיל מיט'ן ווידעלע, א מאך מיט די פליגעליך און — זיי געזונד! אוועק, אוועק... אדער אויף יענער זייט טהאל אקעגען לאזט זיך אמאל אראפ א בושעל, טהוט זיך א שטעל אויף די לאנגע, רויטע פיס, אויסשטרעקענ־דיג אין דער הויך דעם לאנגען זילבער־ווייסען האלז מיט דעם רויטען פיסק, שטעהט אזוי א ווײלע קיין ריהר זיך נישט צוטהון. פלוצלים קליפ־קלאפ, קלאפ־קליפ מיט דעם שנאבעל און — מארש, מארש איבער דעם זומפ. צייטענווייז פערטראגט זיך א ווידער־קול ערגיץ אין דעם וואלד, א געקלא־פעריי פון פוהרלעך אויף דעם וועג דארט.

איך ליג מיר מחילה צולייגט, שמאכענדיג פאר גרויס פערגעניגען, קוק אויפ'ן קעלביל און טראכט: אז וואויל איז אונז ביידע! ביידע האָ־בען מיר איינער דעם אנדערען צופערדאנקען דערמיט, וואס מיר זענען דא. ווען נישט איך וואלסט־דו אצונד געהינעט אין שטאלכען, און ווען נישט דו וואלט איך אצונד געהינעט אין בית־מדרש.

אט אזוי פלעג איך פערברייננגען א שטיק טאג, שעפענדיג נחת פון נאטור וועלטיל און פונ'ם קעלביל, וואס האט זיך שטארק צוגעלאזט צו

מיר, געוואָרען מיט מיר, ווי מען זאָגט, פּאַני־בראַטצי. מען האָט געמעגט אָנקוקען אויף חידושים מיט וואָס פאַר אַ שמחה עס האָט זיך געשפּילט מיט מיר, מיט וואָס פאַר אַ קלבערנע התלהבות עס האָט זיך געלאָזט לויפען, אונטערהויבענדיג דעם הינטען מחילה, אַזוי זיך פּלוצלים, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל בּיי אונז יודישע קינדער, עפּעס גאָר פון דער העלער הויט. טאַקי נאָר עפּעס ווי אַ קינד צו דער מאַמע פלעגט עס אַמאָל אויסשטרעקען דעם האַלז, אָנבּייגענדיג צו מיר דעם קאָפּ, ווי געזאָגט: נאַ, קראַטץ מיך! אין פערלויף פונ׳ם זומער זענען מיר בּיידע ווי איבּערגעבּיטען געוואָרען. דאָס קעלבּיל האָט אויץ זיך גענומען לייבּ, ס׳איז איהם אויסגעקראָכען די האָר און בּעקומען אַ נייע גלאַנצענדיגע הויט. איך בּין אויך געקומען צו די קרעפטען, בּעקומען גאָר עפּעס אַ נייע הויט און זעהר אַ שטאַרקען אַפּעטיט. דאָס לערנען האָט בּיי מיר דענסטמאָל אַזאַ טעם געהאַט ווי בּיים זאַט קעלבּיל קומענדיג פונ׳ם פעלד האָט אַ טעם געהאַט שטרוי, קאַרטאָפעל־שאָלעכטס — עט, גאָרנישט, קיי־שפּיי!...

— מילא ווענען דעם קעלבּיל איז שוין נישטאָ וואָס צו־ריידען, מען האַלט שוין דערמיט אויף אַ שטייגער — עס וועט אם־ירצה־השם, אַבּי געזונד, זיין אַ בּהמה. די שאלה אָבּער איז אַצונד: בּחור! וואָו האַלט מען מיט דיר? אָט קוק דיך חאָטש אָן, דאָס אויסזעהן דיינס. גאָר ניט דאָס איידעלקייט, דאָס יודיש פּנים וואָס פריהער. אַ פּנים, מ׳שטעהנס־געזאָגט, אַ רויטס, עפּעס אינגאַנצען מגושם גראָבּ, געזונד עשו! איין עסען אַבּיסעל, עפּעס נאָר געפרעסען, בּעהיט זאָל מען ווערען! אָט דאָס האָסט־דו דיר, בּחור׳ל, פון דיינע פעלדער, דיינע וועלדער. וואָס דען, גוטס קען דערפון אַרויסקומען?...

אַזוי האָבּען זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ מוסר מיינע היימישע, מיך געפרעגט און געענטפערט פאַר מיר, זיי טאַקי אליין:

— איין מיטעל פאַר דיר, בּהמה איינער, עס זאָל אוים דיר ווערען אַ לייט, איז נאָר די ישיבה. קיין אַנדער תּכלית איז גאָר ניט געמאָהלט.

עס האָט מיר האַרציג בּאַנק געטהון שיידען זיך מיט דעם קעלבּיל, מיט גאָטס וועלטעלע, דאָס שעהנע, וואָס האָט מיר אַריינגעגעבּען אַ נייע נשמה; נאָר ווער וויל עס נישט ווערען אַ לייט, קומען צו אַ תּכלית? אך, רבּונו־של־עולם, האָבּ איך בּיי מיר געטראַכט, עס זאָל מעגליך זיין אַריבּערצופּעקלען אַהינצו, אין דער ישיבה, אָט דאָס אַלס־דינג, דאָס קעלבּיל אַהין אויך טאַקי!

דאָס לעבען מײנס אין דער ישיבה, אָדער בעסער צװאָגען דאָס װאַלגערען זיך מײנס דאָרט, אין אַ װילד־פרעמד אָרט, פּאַסט נישט אַהער צו דער מעשה. דער עיקר איז דאָך דאָ די מעשה מיט דעם קעל־ביל, איך שלעפּ מיך נאָר װי אַ צוגאָב איהם נאָך, נישמעהר גלאַט, אַז ס'איז שוין געקומען צודייד מוז איך חאַטש זאָגען עטליכע װערטער. יאָ, אמת, די ישיבה טאַקי װירקט! במשך פון אַ קורצער צייט האָט זי אויס מיר געמאַכט אַ נפש מיט איין אויסגעװייקט פּנים'ל, מיט העזיות און פּאַסטעמקעליך, װאָס האָבען געהאַט דעם זיבעטען חן. װאָלט איך װי אַנדערע זיך געװען אַװעקגעװאַלגערט יאָהרענלאַנג דאָרט, איז גאַנץ זיכער, אַז זי װאָלט אויס מיר געמאַכט אַ לײט, טאַקי װאָס לייט הייסט, לכל־הפּחות נישט ערגער פון יענע אַלע אונזערע שעהנע לייט װאָס זענען איהר ארבייט, איהר מלאכה. נאָר אָמנם חטאתי! מיך געשטערט דרינען האָט זעהר פיעל דער יצר־הרע. ער אין דער געשטאַלט פונ'ם קעלביל און פון דער יפת־תואר — די נאַטור די שעהנע, ער האָט עם מיר פערדרעהט דעם קאָפּ, נישט לאָזענדיג מיך װערען אַ כלי־שלמה. אָנקוקענדיג פאַר מיר די קלויזניקעס, די ישיבה־בחורים האָט זיך מיר געדאַכט — קעלביל. פלעגט איינער. װי דער שטיינער איז, זיך קראַטצען — אָט אַזוי האָט זיך געקראַטצט דאָס קעלביל. פלעגט איינער אַ האַרב שטיקעל עפּעס אין דעם לערנען אַ מאָל־צעהן איבער־קייען — אָט אַזוי האָט געקייעט, גע'מעלה־גרה'ט דאָס קעלביל. האָט איינעם, װי געװעהנטליך, „געפעהלט אַ טאָג" און נישטאָ װאָס צוקייען, ער האָט געהונגערט, געלעכצט נעביך נאָך אַ שטיקעל ברויט — אָט אַזוי האָט די ערשטע צייט געהונגערט, געלכצט נאָך דער ברוסט דאָס קעלביל. הכּלל, איטליכע תנועה זייערע האָט דערמאָהנט קעלביל. אוי־מעטום איז פאַר די אויגען מיינע געשטאַנען דאָס קעלביל. און װאַלגע־רענדיג זיך אין דער ישיבה, גלייך אַנדערע דאָרט, אַמאָל אויף אַ האַרטער באַנק, אַמאָל אויף דער ערד, אַ קולאַק צוקאָפּענס, עס שטינקט מחילה װאַנצען, פליי בייסען — אָט דענסטמאָל גראָד, הערט אַ מעשה, פלעגט זיך מיר עפענען אין די געדאַנקען װאונדער־שעהנע פּאַנאָראַמעס: בוימער, תבואות, בלומען, בערגליך, טהאָלען, אַ גילדענע זון און אַ ריינער בלויער הימעל, אין קאָפּ שפּילט מיר אַ ציזיג, אין די אויערען זשעט מיר אַ זשוקיל, אין נאָז פאַרגעהען מיר ריחות — דאַכט זיך בשמים... צוקאָ־פּענס, דאַכט זיך מיר, פון מאָך אַ קישעלע און עס קריכען אויף מור, דאַכט זיך משה־רבינו'ס פערדעליך. עס ציעהט מיך, ציעהט ביי דער נשמה אַלץ אַהין, אַהין... נו, אַ יצר־הרע! — —

און אַמאָל פלעגט עס מיר טהון אַ טראַג — אויף, עס פלעגט דערוועקען זיך אין מיר הייסע געפיהלען, עס האָט געקאָכט געוויינט אין מיר דאָס האַרץ אויף מיר, אויף מיינע חברים, יודישע קינדער:

אַך, ברידער, אין דער פרעמד פערוואָגעלטע ברידער, אַז־אָך־און־וועה צו אונזערע „טעג" צו אונזערע יאָהרען! געגוג אָנגעלערענט זיך אויף דער ערד, לעבעדיגערהייט זיך דאָ צוּבעגראָבען, שוואַרצען דאָס פנים, זיך לאָזען בייסען פון פליי, פון וואַנצען. אין דער־ערד זענען מ י ר, אין דער־ערד איז א ו נ ז ע ר לערנען...

נאָר מיינע חברים אַרום מיר ליגען ווי דער׳הרג׳טע. שלאָפען! — איך איינער בין וואַך, ביז, טראַכט וועגען זיי עפּעס אַ שרעק און באַלד האָב איך חרטה, וויין שטילערהייט:

ברידערליך, זייט מיר מוחל וואָס איך בין פונע אייער כבוד מיט אַ בייזען געדאַנק, מיט אַ שלעכט וואָרט אַמאָל. אַ גאַנץ רחמנות נעביך אויף אייך — שלאָפט, שלאָפט געזונדערהייט!...

„מאַמע לעב! — שרייב איך אין איין שעהנעם זומער־טאָג אַ היים צווישען אַנדערע זאַכען — נעכטען איז ביי אונז געווען אַ סיום אויף „ביצה"! איך בעגער, נישקשה, לערנען, האַלט שוין, ברוך־השם, אויף אַ שטייגער... נאָר וואָס דען? שטאַרק אַ היים בּיינק איך, נאָך דיר, מאַמע, נאָך איטליכען (נאָכ׳ן קעלביל האָב איך מיך געשעמט זאָגען). אוי, לאָז מיך אויף אַ פּאָר טעג קומען אַ היים! עס וועט קיין הוצאות נישט קאָסטען. איך וועל געהן צופוס. נישקשה, וואָס איז? אַלע בחורים ביי אונז געהען צופוס. און נאָך וואָס פאַר אַ מין געהן — באָרפיס. מיט דעם שטעקען אין דער האַנד און דעם פעקעל אויף די פּלייצעס. אַקעגען אַ ח"י גראָשען פערמאָג איך טאַקי במזומנים, נאָך פון פורים, פאַר לייענען די מגילה דער קעבּנע דאָרט, וואו איך עס שבת, און פאַר אָפּטראָגען פונ׳ם בעל־הבית משלוח־מנות צו זיין מחותן. לאָז מיך, מאַ־מעניו, אוי, איך בעט דיך!

און נישט וואַרטענדיג אויף תשובה לאָז איך מיך שפּעטער מיט עט־ליכע טעג, אַזוי ווי איך שטעה און געה, אין וועג אַריין, עס פערשטעהט זיך צופוס. אויב ס׳איז נאָר געמאָהלט אויף דער וועלט גליק, און געווען דענססמאָלט איין גליקליכער מענש אויף איהר, איז דער איינער געווען איך. עס פאָהרען דאָך סוהרים אין בוידען, פּריצים אין קאַרעטעס, אָבער

וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס פאָהרען זייערם אַקעגען דעם צופוס געהן פון אַ ישיבה־בחור ווי איך, וואָס רייסט זיך אַרויס פון שימעל, אַ דער־שטיקעניש, אויף דער פרישער לופט, פון אַ פינסטערער מרה־שחורה דאָרט אויף דער פרייער ליכטיגער וועלט; וואָס ווערט עפּעס ווי פון טוידט לעבּעדיג? אַרויסגעגאַנגען בין איך גאַנץ פריה, געגאַנגען מיט זייטענ־וועגליך צווישען וויץ און קאָרן דעם גאַנצען טאָג, אונטערשפּרינגענדיג פאַר פרייד, אויך אונטערזעטצענדיג זיך אַמאָל, און געקומען אַ היים בּין איך מנחה־צייט, ווען בּהמות קומען צוריק פונ'ם פעלד.

מיין קעלבּיל זעה איך, איז הע־הע, אָהן עין־הרע, אַ קאַלבּ. עפּעס אַ גאַנצע יפהפה! צוויי בּיקליך קאַוואַלירען פיהרען זי אָפּ אַ היים אַזש בּיז צום פלויט פונ'ם גאָרטען הינטער דער שטוּבּ, שדכ'נען זיך, אונטער־לעקען זיך צו איהר, אַרויסווייזענדיג דרינען גרויסע בּריה'שקייט. און היינגען זיך פּשוט אויף איהר. איך בּעט מחילה די פיינע חתנים, פער־טרייבּ זיי מיט אַ שטעקען און גיבּ מיך אַ שטעל דער כּלה מיינער גלייך איהר אַ קעגען פּנים. — שלום־עליכם, קעלבּיל! מאַך איך און וויל עס אַ גלעט טהון. עס בּויגט־אָן דעם קאָפּ, נישט אָנצוקוקען מיך, אויסשטע־לענדיג מיר אַ פּאָר קליינע, שפּיטציגע הערנער, ווי גערעדט: אָהן הענד! וואָס פאַר אַ מחותן מיט מיר, מיך צוגלעטען, בּיסט־דו, פעטער? — עס פערדריסט מיך טאַקי אַבּיסעל, נאָר, נישקשה, טראַכט איך מיר, מען בּעדאַרף זיך פּריוועןן נאָך אַמאָל. — מאַין־מאַין־מאַין! זאָג איך, האַל־טענדיג דער יפהפה פאַר דער נאָז, אַבּיסעל פונדערווייטענס. אַ הויפען גראָז־נאַ, הייסט עס, אַ מתנה פון מיר! זי שמעקט, סמאָרעט מיט דער נאָז, אָנקוקענדיג מיך פערוואונדערט, גלייך ווי געזאָגט: עפּעס קענטליך! דאַכט זיך דער, און פאָרט נישט דער. — האַ, נישט דערקענט? אַי־אַי! שמייכעל איך אַבּיסעל מיט תּרעומות, מיט גאַל, הייסט עס. און קוקענ־דיג אַ ווייל אַזוי אויפ'ן קעלבּיל ווי שעהן, געזונד, בּעלייבּט, ווי לע־בּעדיג פריש עס זעהט אויס; פערגלייכענדיג איהם אַקעגען דאָס דאַרע־קוואַרע לייבּ מיינס, דאָס בּלייך אויסגעווייקט פּנים'ל מיט דער גאַנצער ישיבה־בּחור'שע געשטאַלט מיינער, מ'שטעהנס־געזאָגט, חאַפּט זיך מיר נישטווילענדיג אַרויס אַ זיפץ טיעף פונ'ם האַרצען. דאָס איז געוועןן אַ זיפץ אויף מיין פערוויסטע יוגענד, אַ הספד אויף מיינע פאַר דער צייט אָפּגע־שניטענע יאָהרען; דאָס איז געוועןן אַ בּיטערע פראַגע: רבּונו־של־עולם, איז דען טאַקי דאָס דיין ווילען, אַז מען זאָל אַ מענשען נאָך קינדוויז פער־שפּאַרען ווי אַ גאַנז אין שטייג נישט אָנצוקוקען דיין וועלט, אָנשטאָפּען איהם אַ מוח ווי מיר, און מאַכען אויס איהם אַזעלכען אַ שטייגער ווי

איך? — דאָס קעלבּיל, דערקענענדיג מיר אַ פּנים אין דעם קול, ווערט מיט מיר היימישער, שטרעקט פריינדליך אויס צו מיר דעם האַלז צום קראַטצען, ווי דער שטייגער זיינער איז געווען פריהער. עס שטעהט אַזוי עפּעס ווי גערירהרט, קוקט מיט האַלב פערמאַכטע אויגען, אונטער־מריקענדיג צו מיר שטיל פון דער בּרוסט: המ־מ־ם! ס'איז דרינען גע־לעגען אַזוינס, וואָס גאָר ניט פאַר דעם מענשענס לשון. איך האָבּ עס אָבּער גוט געפיהלט. עס האָט אויסגעדריקט אַ געבּעט: קראַטץ מיך, קראַטץ מיך דען דיינער אַ קראַטץ איז מיר בּעסער ווי דאָס גרין־גראָז. אויך האָט עס אויסגעדריקט אַ פראַגע: וואו בּיסט־דו דאָס פּלוצלים אַהינ־געקומען? וואו האָסט־דו בּיז אַהער זיך ג ע פּ י ט ע ר ט און צווישען ווילבע בּהמות דאָרט? און צוגלייך טאַקי אַ בּעדויערען: המ־מ־ם, וואָס פאַר אַ פּנים נעבּיך דו האָסט!

די מאַמע מיינע האָט פון מיין פּנים דוקא גאָר אָנגעקוואָלען, אַדרבּה, זעהר שעהן. עס האָט איהר בּעשיינפּערליך בּעוויזען, אַז איך בּענעהר לערנען, האָבּ אַ פּנים פון אַ גוט קינד, גאַנץ יורישלעך, אַ בּלייכס, איין איידעלס און עס ווערט אם־ירצה־השם שטאַרק טויגען צו אַ שידוך. און ווי עס האָט אויסגעזועהען האָבּען זיך געשדכנ'ט צו מיר אַ פּאָר מחותנים, זיי האָבּען זיך עפּעס אַלץ געשושקעט מיט דער מאַמע, ווינקענדיג אויף מיר מיט אַ שיינענדיג מינעלע און אַ קנייטשעלע, ווי בּיים קויפען אַ שטי־קעל סחורה. דער קרעמער אַליין: פּישש! און די קונים — בּעו! פּאַר מיר איז דאָס געווען, עס פערשטעהט זיך, אַ סוד. עפּעס אַ קעלבּיל איז דען אַ בּחור'ל, צו־וויסען פון אַזעלכע זאַכען? — עס וואָלט געווען בּאמת גאָר אַ פּלא, אַז איך מיט דעם קעלבּיל בּיידע וועלען מיר אין איין צייט זיך פאַר'קנס'ען! נאָר אַ פּנים מיר איז נישט בּעשעהרט געווען און פונ'ם גאַנצען עסק האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

דער יצר־הרע אָבּער שלאָפט נישט, איז ווי פריהער צוגעשטאַנען צו מיר, נישט אַנדערש איך זאָל מיך מטריח זיין צו א י ה ר — איהר פערשטעהט, אויף דעם פרייען פעלד דאָרט צו א י ה ר, צו דער נאַ־טור הייסט עס, אונטער איין אויסרייד, צוליעב דיין געזונד טאַקי, פון דיין טובה און דיין הנאה וועגען, נאַרעלע. גע'פּועל'ט בּיי מיר דאָס, גיט ער מיר אַ טאַפּ, כּלומר'שט גלאַט אַזוי זיך, הינטען־אַרום. מכּוח מיין חכמה, מיין געלערענטקייט, מיין בּעשעפטיגונג און דעם תכלית מיינעם פון די אַלע זאַכען, און בּיי איטליכען טאַפּ פערקרימט ער זיך מיט אַ שטע־כּענדיג געלעכטעריל, עפּעס ווי איך בּין אַ פּרא־אָדם, אַ ווילדע בּריאה,

נישט פון דעם עולם, מ'שטעהנס-געזאָגט. קורץ עס קוסט דערצו, אזוי ווייט, אַז ער צוטרענצעלט מיר די ישיבה, דאָס, יענעס, האַק און פּאַק — אַזוי און אַזוי: דו ביסט אַ... בּהמה! מיינסט-דו אפשר? חלילה. אַ בּהמה איז זיך אַ בּהמה, ווי גאָט האָט זי בּעשאַפען, לעבּט נאָך זיינע געבּאָט, אָהן שפּיטצליך, אָהן דרעהדליך. אַ מענש, אַ נאַר אָבּער זוכט זיך אויס זאַכען אַזעלכע, כּדי צו זיין נישט אַזוי ווי גאָט האָט איהם בּעשאַפען. דאָס לעבּען זיינס פיהרט זיך נאָך זיין אייגענע אויפטהועכטסען, פון איהם געמאַכטע, אָנגעמאַכטע זאַכענישען. — אַ נאַרישער מענש, אָט וואָס דו בּיסט, תּכשיט מיינער!...

נאָר, עט, דברים בּטלים! די נויטה בּרעכט אַייזען, אַיין אַייזערנעם יצר-הרע אויך אפילו. בּלייבּען בּיי דער אָרימער מאַמע, אַ וויסטע אַלמנה מיט יתומים, איז געווען ריין אוּנמעגליך. איך געזעגען מיך מיט מיינע אַלע ליעבּסטע, זאָג אַ זיי-געזונד די שעהנע פעלדער, די גרינע וועלדער, וואו איך האָבּ געשפּאַצירט, און לאָז מיך אַוועק צופוס ווייטער אַהין, אין דער ישיבה.

אַ בּיטער יאָהר, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, האָבּ איך געהאַט דאָס מאָל אין דער ישיבה, פיעל ערגער נאָך ווי פריהער. אַ יאָהר אָהן „טעג" — עס האָט מיר געפעהלט טעג צום עסען, און איך האָבּ געליטען הונגער. צרת רבּים, זאָגען די חכמים, חצי נחמה. אויף יודיש הייסט עס: די צרה פון כּל-ישראל, איז אַ האַלבּע טרייסט פאַר רבּ-ישראל. נו, הייסט עס אַ פּנים אַ גליק פאַר מיר, וואָס פיעל אַנדערע פון די אָרעמע בּחורים האָבּען אויך געדאַרבּט, געהונגערט — איז עס פאַר מיר געווען חאָטש אַ האַלבּע טרייסט. גע'פּטר'ט, הייסט עס, אַ האַלבּע צרה, מיט דער אנדערער העלפט איז שוין עט, נישט אַזוי קיין סכּנות. אַזוי, דאַכט זיך, האָט עס בּעדאַרפט זיין, אי על פּי די חכמים אי על פּי דרך הטבע. וואָס-זשע לאָזט זיך אויס? בּוידעם! אדרבּה, לא-די וואָס מיר איז שטאַרק שווער געווען איבּערצוטראָגען די האַלבּע צרה מיינע, אַלץ געמורמעלט: געוואַלד, רבּונו-של-עולם, עסען! האָט מיר נאָך געקריינקט די בּיטערע נויטה פון מיינע עלענדע חברים. איך בּין זיך מודה, עס האָט מיך דענסטמאָל זעהר פערדראָסען אויף דער ישיבה און אויף דעם גאַנצען משא-ומתן דאָרט. צו-וואָס? נאָר דאָס איז געווען אין-אָנהויבּ, שפּעטער אָבּער, אַז איך בּין מיט די צרות שוין געוועהנט געוואָרען, האָט מיר די אבילה שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט. עס האָט מיר אויך קנאַפּ וואָס געאַרט צעריסענע שיך, הוילע פיאַטעס, אַ קאַפּאָטע אַ שמאַטע מיט אויס-

געריבענע עלענבויגענס. פערקעהרט, אינאיינעם מיט די חברים פלעגען
מיר פון אַזעלכע קלייניגקייטען אַמאָל גאָר חוזק מאַכען, אָפּזאָגען דאַרויף
גלייכגילטיג. ערשט שפּעטער איז מיר קלאָהר געוואָרען, וואָס שטעקט
אַזוינס אין דער ישיבה און די גרויסע מעלה איהרע. אָט וואָס: די קבצנים
איהרע, וואָס זי לאָזט אַרויס, זענען פרעהליכע קבצנים; איהרע מלמדים,
מקבלים, בטלנים זענען מוחל די עולם־הזה, הערען זי אין דער פּיאַטע.
און פאַר יודישע קינדער אין גלות איז דאָך בעשײנפערליך טאַקי אַ גרויס
גליק!...

„מזל־טוב דיר, זוהנעניו — שרייבט מיר די מאַמע נאָך אַ לאַנגע צייט
שטילשווייגען — מזל־טוב אויך מיר מיט מיין בהמה!... פערשטעהסט
דאָך מסתמא, וואָס מען מיינט בהמה? עס האָט זיך געקעלבט דיין קעלביל,
איז געוואָרען, אויף קעז און אויף פּוטער, אַ בהמה! ס'איז שוין נימער
ערגער. אין שטוב איז דאָ מילכיגס, אַביסעל צום פערקויפען און פאַר זיך
אויך אַביסעל. ווי דערלעב איך שוין אויך פון דיר אין־גיכען נחת, הלואי
אָמן, רבונו־של־עולם! זעהר אַ גוטע בהמה. נאָר וואָס דען? איך האָב פון
איהר צרות. זי לאָזט זיך נישט מעלקען. וואַרפט זיך, שרייט, בּיינקט,
געהט פּשוט אויס נאָכ'ן קעלביל. האָסט־דו געהערט, אַ בהמה זאָל נישט
קענען פערגעסען דאָס קעלביל! עפּעס טאַקי נאָר ווי אַ מאַמע אַ קינד,
להבדיל. משוגע איז זי טאַקי נאָך קעלבילוויז געווען, געטויגט האָסט־דו איי־
נער טאַקי צו איהר. גוט אויסגע'ערענט האָסט־דו זי. האָסט געמעגט וויי־
נער לערנען זי און לערנען בעסער אַליין. לערען, זוהנעניו, לערען, וועט
אויס דיר אם־ירצה־השם ווערען אַ לייט. אַז מען רייבט זיך, איז דאָ
אַ ווערטעל, רייבט מען זיך אויס. יאָ, מען קען אַנדערש ניט זאָגען.
אַ קעלבעלע איז דאָס געווען זעהר אַ גראָטענס, טאַקי גאָר אַנטיק. דער
קצב האָט מיר דערפאַר געגעבען אַ גוטען מקח, אויך דאָס לונג־און־לעבע־
ריל. פונ'ם געלד שיק איך דיר דאָ דורך חיה־הינדען אויך אַ פּאָר גילדען
און דעם קעלבילס אַ שטיקעל געבראָטען לעבעריל. גאַ, וויים, האָב אויך
הנאָה האָטשע פאַר דיין מיה אַמאָל מיט דיין קעלביל! איהר בּיידע זענען
דאָך ווי אַנדערע צווי. ווייטער שרייב איך דיר, אַז...“

נאָר גענוג! וואָס ווייטער זי שרייבט האָב איך שוין נישט געלייענט.
עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, פערדרעהט זיך מיר דער קאָפּ,
פּע, נישט גוט, אַזוי אַז מען האָט געמוזט אָפּגיסען מיך מיט אַ גאַנצען
איימער וואַסער. מיינע חברים שטעהען צו מיר צו, פרעגען: וואָס איז
פּאַרט די מעשה? איז עמיצער פון די היימישע חס־ושלום קראַנק, אָדער,

די שעה זאָל נישט זיין, אפשר גאָר געשטאָרבען? און איך שוויג, האַלטענדיג זיך בײם האַרצען. גיה דערצעהל, נאָר אויף לייטישע געלעכטער, יענעם אַ מעשה מיט אַ קעלבּיל! אַז דאָס איז מיר נישט גוט פאַר רחמנות אויף אַ בּהמה, מיט וועלכער מיר איז בּעשעהרט געווען, צום ערשטען מאָל אין אונזערע בּיידענס יונגע יאָהרען, אָנצוקוקען גאָטס וועלט מיט איהרע פעלדער די שעהנע און צוּבּריינגען דאָרט בּיידע אַ שטיק צייט, די טהייערסטע אין לעבּען; אַז דאָס טריפט מיר דאָס בּלוט פאַר רחמנות אויף אַ בּהמה, אַ מאַמע, אַיין ערשטלינג, וואָס בּייגקט נאָך איהר קינד, נאָך איהר געקוילעט קינד נעבּיך!...

אַ יודיש קינד איבּערהויפּט, וואָס אינגאַנצען איז עס אַ רוחניות, עס וואַרפען זיך אין איהם תמיד די אָדערליך, איהם איז דאָך גענוג אַבּי עפּעס אַ בּלאָז, עפּעס אַ ריהר, אַז ער זאָל זיך צושאָקלען און עס זאָל זיך איהם צושפּילען די פאַנטאַזיע גאָר אַ שרעק, אַ פּשיטא-שוין ווי איך אַ גמרא-יונגעל, אַיין אָרעם ישיבה-בּחור׳ל אָהן „טעג״, אָהן לייבּ, אָהן געזונד, נאָר וואָס דאָס קעפּעלע אין איהם; וואָס שטענדיג האַלט עס אין אַיין פליהעניש, אין איין טראַכטעניש, צאַפּלעניש. גענוג איבּערגענוג איז פאַר מיר געווען דער מאַמעס עטליכע ווערטער, אַז איך זאָל ווערען צוקאָכט, צורייצט; אַז די פאַנטאַזיע זאָל אַרבּייטען מעשים, מיך נישט לאָזען רוהען די נעכט. קוים וואָס זיך געלייגט — אַהאַ, בּרוך-הבּא! הויבּט זיך אָן די שפּיעל. עס טרעט אַרויס אויף דער סצענע דאָס אַלטע קעלבּיל, שוין אַ מאַמע, מיט דעם קינד — אַ קעלבּעלע אַ בּריליאַנט. עס טשעפּעט זיך דאָס קעלבּעלע, זויגט די בּרוסט, אונטערשלאָגענדיג צו-וויילען די אַייטער, דרעהענדיג דערבּיי מיט דעם ווײדעלע. די מאַמע איז גאָר איבּערגליקליך. ס׳איז איהר דאָס צודערקענען אין דעם גאַנצען בּענעהמען איהרס, ווי זי בּויגט אוים דעם קאָפּ צום קינד, לעקט עס, לעקט, שטיל אונטערמריקענדיג פאַר גרויס ליעבּשאַפט. איך קוק פערגאַפט אויף דער מאַמע, זי אויך אויף מיר, און בּיידע פערשטעהען מיר זיך, וואָס אַזוינס אין דעם קוקען אונזערם ליגט. עס פינקעלט, שימערט אַרום-און-אַרום, אַ ליעבּליכע ווערמע צוגיסט זיך אין די אַלע גלידער און אויפ׳ן האַרצען פיהלט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי גוט... בּאַלד טאַקי טהוט זיך עפּעס ווי אַ דרעה. עס טונקעלט אין די אויגען, אוים געשטאַלטען, אוים קאָלירען, אוים אַלס-דינג — גאָרנישט!... קיהל. אינווענינג אין מיר איז עפּעס אַ מרידה — אַי, עסען! עס דאַכט זיך מילך, אַ טעפּעל סמעטענע, קעז און אַ ריפּטעלע בּרויט מיט פוטער. עס דאַכט זיך אויך געבּראָטענס. פלייש אַ שטיקעל, איינגעפּרעגעלט מיט שמאַלץ און ציבּעלעס, מחיה. איך חלש, האַלט עס

נישט אויס, אוי, געבראָטענס! איך וואַרף מיך, קעהר מיך אום אויף דער אנדערער זייט, קלינג-קלאַנג ווי מיט אַ גלעקעלע אין די אויערען — העע, ווידער די שפּיעל! אַ סצענע אַ טרויערדיגע. עס רייסט זיך דאָס יונגע קעלבעלע רייסט זיך דעם קצב פון די הענד אַרויס, עס לויפט מיט אַ ביטער געשריי און דער קצב נאָך איהם. פיהלענדיג זיין מלאך-המות און שטאַרק וועלענדיג לעבען, לויפט עס אויסער זיך נעביך פאַר שרעק, בעהאַלט זיך עמיצען דאָרט צווישען די פּאָלעס, קייכט, מעקעט, ווי עס בעט רחמים: ראַטעוועט! יענער אָבער טהוט עס אַ שטופּ, מאַכענדיג: „געה! דאַרויף ביסט-דו דאָך געבוירען געוואָרען." — „אום-ברחמנות! לאָזט זיך פערנעהמען אַ פערדומפּען קול ווי פון אונטער דעם פּאָרהאַנג — פאַר אַזאַ ענטפער אַמאָל בין איך פונ'ם אויבערשטען מיט אַ לאַנגער שווערער קריינק בעשטראָפט געוואָרען. ורחמיו על כל-מעשיו, גאָט ברוך-הוא האָט רחמנות אויף אַלע זיינע בעשעפעניש." דאָס קול איז טאַקי אַ קול, עס רופט, רופט — און קיינער אָבער מאַכט זיך דאַרויס נישט. דער קצב חאַפּט דאָס שוואַך קעלבעלע, בינדט עס אויף אַלע פיער, עס צאַפּעלט, שרייט מע-מע — מאַמע הייסט עס, נאָר אומזיסט! די מאַמע איז אויפ'ן פעלד, הערט נישט דאָס ביטער געשריי פון איהר ליעב קינד. הערט נישט דעם קינדס געזעגענען זיך מיט איהר פאַר'ן טוידט! דער קצב טהוט עס אַ וואָרף אויף דער ערד, קוועטשט עס גוט צו מיט דער קניע, שטרעקט איהם אויס דאָס העלזעלע, דאָס שוחט'ל — פליק-פליק, ברוך אַתה... און חיק! —

רויט-בלוי, אַ פערבלענדזעניש, אויסמישענעש אַרום-און-אַרום. איך טאַפּ מיך, וויש מיך — דאַכט זיך בלוט, שפּריצלעך בלוט — —

עס בעשלאָגט מיך אַ שווייס!...

און זינט דענסטמאָל ווערט מיין קערפּער אַ צושטערטע, צובראָכענע כלי. אַלסדינג אין איהם טהוט זיך נישט ווי געהעריג, צווישען ווירקליכקייט און חלומות נישטאָ קיין אונטערשיעד. ס'איז אַ דרעהעניש, אַ פלאָנטעניש, קידער-ווידער. מיין דעה איז גאָרנישט, אוים בעל-הבית, הפקר אַ וועלט! עפּעס דאַכט זיך, אויף דער נאָז אַ לונג-און-לעבער, פונ'ם געקוילעטען קעלביל דאָס געבראָטענע לעבעריל, עס פּאַטשט מיך, שטעכט מיך ווי מיט שפּילקעס. עפּעס ברענט, בריהעט מיך אין קעשעניע — און עס שפּרינגען פון דאָרט אַרויס צוויי ווייסע גילדען. עס קוקען אַרויס דאַכט זיך פון זיי אַ פּאָר רויטע, מיט בלוט פערלאָפענע אויגען — אוי, אויגען דער מאַמעס, מיין קעלבילס אויגען! איטליכער

בליק אידהרער איז מיר אַ פֿייל אין האַרצען. עס רוישט, קלינגט מיר אין די אויערען אויף אַ טרויערדיג קול אַ האַרבער מוסר: תּכשיט! אָט ביסט־דו, אָט איז דיין קעלביל. צוויי בעשעפֿעניש אַרוים אויף גאָטס וועלט צו לעבען. דאָס קעלביל וואַקסט ווי געהעריג, ווערט אַ בהמה, לעבט אַצונד פֿאַר זיך אי פֿאַר דיין היימישען עולם. קאַרג פֿאַר איהם איהר מילך, מען מעלקט זי, ציהט זי, האָט פון איהר אַ נוטצען, נעהמט נאָך ביי איהר צו אַ שטיק פֿונס לעבען, מען פערקויפֿט צו דער שחיטה איהר קינד. דו הערסט? זאָג נאָר דו, ווי אַזוי וואַקסט דו? — דו לעבסט? אַז אָך־און־וועה צו אַזאַ לעבען, אין נויטה, שמאַך, בעטלען! קוק אָן דיין געשטאַלט, מ׳שטעהנס־געזאָגט, און די געשטאַלט פון יענע, דיין גלייכען, פאַרפינסטערט זענט איהר געוואָרען! — דו ניטצסט? האַ, מ י ט ו ו אָ ס? דאָס בעבען דיינס — צ ו־ו ו אָ ס? איינגאַנצען טויג עס א ו י ף ו ו אָ ס? צאַפּעס, קיין וואָל, קיין מילך פון אַייך! לעבסט נישט פאַר זיך, זעטצסט־דו זיך נאָך אָן אויף יענעמס לעבען. די צוויי גילדען, תּכשיט. פ ו ן־ו ו אַ נ ע ן? דאָס איז פֿונ׳ס געלד פאַר דיין בהמה׳ס בידנע קעלביל! — דו זעהסט?... דאָס פֿאָר פערזאָטענע אויגען קוקען אויף מיר מיט פערדראָס, עס שטעכט מיך ביז אין דער זיבעטער ריפּ. עס וואַרפען זיך אין מיר אַלע מיינע גליעדער. עס זידט, קאָכט, רוישט אַרום מיר, עפּעס אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. אוים א י ך! וואָס איך? ווען איך? וואו איך? — עס מעקעט, מוקעט. עס שפּרינגט אַ נאַקעט אָפּגעשונדען קעלביל, ביים מויל נאָר אַ סימן פעלכיל ווי וואָנצעס. עס שוועבען אַ פּאָר רויטע, פערוויינטע אוגען, עס דרעהען זיך אַרום, מיני בעשעפֿענישען, בחורים־בטלנים, מיני געשטאַלטען, פּאַרזעהענישען. עס פייפען נעזער, חאָרחלען העלזער, עס חראָפּעט, קייכט, הוסט, אַ שרעק!

אַי דער קאָפּ, עס שפּאַלט זיך מיר דער קאָפּ!

אין דעם טאָג, וואָס מען האָט מיך בעדאַרפט אָפּפיהרען אין ביקור־חולים, איז מיר אָנגעקומען פון דער היים אַ מוסר און אַ קלאָג: זעה, זוהנעניו, זיי אַ מענש! נאָר אויף דער ישיבה אַליין, אויף דעם לערנען דיינעם דאַרט האָסט־דו אַצונד צורופען, ווייטער נישט אויף קיינעם. וויסט איז דער מאַמען, זיך אויסגעלאָזט סאַנצעלאָמעס די אַלע פּרנסות. דאָס איינציגע אָנהאַלטעניש אויך פערזינדיגט —

גע׳פגר׳ט די בהמה!

# איף אסיפות.

—איך זאָג עס אקעגען דעם זאָג איך עס, אז וויא דיא מעשה איז, אזוי אָדער אזוי, לאָז מען שמועסען אזוי אָדער ווידער פארקעהרט, איז אלץ גאָר נישט. דער שפּיץ איז, זאָג איך אייך, בע, נישטאָ ביי וואָס אָנצינעהמען.

— ריינע דבורים, רב יודעל! לאָז מען הערען ווערטער. ביי אייך, האָט קיין פּאראיבעל נישט, איז אלץ עפּיס אין דער זיים, פּאָפּעריס, מעשה ליטוואק, מחילה, אלץ „אקעגען דעם זאָג איך עס, אקעגען דעם זאָג איך עס". און וואָס? נעה, שטוים זיך אָן. נעה, זיי א נביא, טרעף וואָס „כלומר" איז דער טייטש. אי פּע, כ'לעבען, האָט קיין פּאראיבעל נישט, רב יודעל!

— טאַקי באמת טאקי, רב יודעל, האָט קיין פּאראיבעל נישט, רב יודעל! חסקיל אונזערער איז אפילו א שטיקעל דאָס... אויף חסידעש הייסט עס פּשוט „שייגעץ", נאָר גערעכט איז ער דאָך פּארט. נאָך א מאָל: מיר, יודען, נעהמען זיך דאָ צונויף ווענען אזא וויכטיגען ענין, ווענען כלל ישראל, וויא ראטעוועט מען זיך און דאָס ביסעל יודישקייט, וואָס שטעהט אזוי שמאָל. איטליכער פון אונז דאָ לאָזט זיך הערען מיט זיינס א וואָרט, מיט איין עצה, מיט א סברא, וויא ווייט מעגליך, און אז עס קומט צו אייך; שאַ! לאָז מען הערען, וואָס זאָגט עפּיס רב יודעל. זאָגט רב יודעל... וואָס? הא, פּאָרט וואָס? מען חלש'ט דאָך הערען רב יודעלס א וואָרט.

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען — יודישע קינדער זאָלען חלש'ן הערן א וואָרט! ריידען, מהיכא תיתי, ס'איז ביי זיי עפּיס אזא מין חולשה אזוינע... איך זאָג עס אקעגען דעם זאָג איך עס, אז ס'איז נישטאָ וואָס צו זאָגען. „לאָז מען הערען, זאָגט איהר, וואָס זאָגט רב יודעל"? — א קאַטאָוועס עפּיס! לאָמיר זיך נישט נארען, מיינע ליעבע יודען, אי זענט איהר קלוגעשטע, אי זענט איהר דורכגעטריבענע, וואָס מאכט ביי אייך אוים אזוינער וויא רב יודעל; משטיינס-געזאָגט, דער גאנצער יודעל!...

— סטייטש, סטייטש, רב יודעל! נאט איז מיט אייך, איהר זאלט אזוינס זאגט „רב יודעל!

— נו, וועל איך נישט זאגען... און מען פארשפארט עס טאקי צו זאגען. אין גאנצען מיט אייערע גיינג, מיט אייער בענעהמען זאגט איהר עס טאקי אליין. אייער פאררייסען דיא נאז, אייער קוקעלע, עפיס אזוי, פון אויבען אראב, אייער נישט דערהערענדיג זיך כלומרשט בשעת מען רעדט, אייער נישט וויסענדיג זיך מאכען, נישט צו־דערקענען זיך געבענדיג א מאל, שטייף, שטייף האלטענדיג דיא האנד אין דער קעשענע — דאס אלסדינג, האט קיין פאר־איבעל נישט, זאגט, ניש־קשה, זאגט און זאגט. איך זאג עס אקעגען דעם, פאר־שטעהט איהר מיך, זאג איך עס, אז...

— נאט אייך גאר פלוצלים. מאווע־מאווע מאקע!... גוט מארגען, געלע, רעמיך טראג איך.

— ווער בענומען האסקיל! וועסט נישט אויפהערען מיט דיינע שטיקלעך? גער דיר, גער צו אלדע גוטע יאהר! — אמת טאקי, רב יודעל, האסקיל אונזערער איז אפילו א שטיקעל דאס... א שייגעץ הייסט עס אויף חסידיש, אלעם איינס, וואס א ברענענדיגער חסיד, א מזיק, א ספירט, נאר גערעכט אבער איז ער דאך פארט. א פרעג א ביסעל: וועגען וואס? ! סטייטש מי רעדט, רעדט אזא לאנגע נאכט. עס האט גערעדט רב איציק יענקיל, זאל געזונד זיין; רב ישראל חיים, זאל לעבען; רב הירש ליב; רב ליב הירש, נאך און נאך. מען האט גערעדט, גענאגט, געשריגען הידד! סטייטש, נישט געהערט?!

— הערען האב איך געהרט אז מען רעדט, נאר וועגען וואס, בין איך זיך מודה, ווייס איך נישט. גאנץ פשוט, רב איציק יענקל'ן האט פארשלאגען דיא רייד, רב ישראל חיים, רב ישראל חיים'לען האט פערהאלטען רב הירש ליב, רב הירש ליב'ן האט פערהאלטען רב ליב הירש און אזוי ווייטער, ווייטער. עפיס א גאנצער חד־גדיא פארשלאגעניש, אבשלאגעניש, אוועקשלאגעניש ביז אנגעטענבעשלאגעניש, האט מיר קיין פאראיבעל נים. איך זאג עס אקעגען דעם זאג איך עס, אז מחמת דעם פארשלאגעניש טרעפט זיך עס א מאל ביי יודען, אז מען זאל נישט וויסען וואס יענער זאגט, יא, מען זאל נישט וויסען אפילו אליין וואס מען זאגט. ביי יודען מיט גמרא־קעפליך, וואס דער עיקר איז ביי זיי „סלסלה“ דאס גרייזלעניש דאס דרעהעלע דאס פאר־דרעהעלע און אויסדרעהעלע מאכט זיך עס א מאל, אז מען פארקריכט אין טיפע חקירות עפים גאר נים צו דער זאך, פארפלאנטעט זיך, פארפליהט העט העט אזוי, אז עס כאפט אזש אן א שווינדעל, נישט צום פארשטעהען! — נאך א מאל, זאג איך, האט מיר קיין פאראיבעל נישט.

— אויף אייך, רב יודעל, פאראיבעל האָבען, חלילה! מעגליך, ס'איז אייך נישט אריין אין קאָפּ, ווייל אייך איז דער קאָפּ פארשלאָגען אצינד. א קאַטאָוועס עפּיס זענט איהר ביי אייך דאָרט אין שטאָדט דעם היינטיגען נאָך פסח אויסגעשטאַנען, רב יודעל! דערצעהלט כאָטש עפּיס, איהר מיט אייער מויל, רב יודעל, וואָס איז אזוינס געשעהן. הא, וואָס?

— צרות! מיינע ליעבע יודען. איך זאָג אקעגען דעם זאָג איך עס, אז ס'איז נישטאָ וואָס צו זאָגען. נעהמט אונזערע „קינות“, אונזערע יענע טרויעריגע „סליחות“, דיא אלע מעשיות און מעשטיינס־געזאָגט אונזערע „געשיכטעס“ פון גאַנץ אלטע צייטען, פון אלטע, פון מיטעלע און וויטערדיגע צייטען וועט איהר אייך האָבען סך־הכל דאָס אייגענע וואָס היינט ביי אונז. דיא אייגענע צרות, דיא אייגענע פורעניות, דיא אייגענע געברענטע־געבראָטענע לייד, צו־וואָס זיי איבעררעכנען, איבערזאָגען? א חשק א ביסעל אויפדעקען דאָס צוקאָטעוועטע לייב, מחילה, און ארויסשטעלען דער וועלט — נאַט, קוקט דיא וואונדען! וואָס איז, א כבוד א גרויסער איז עס, א שיינקייט, א פארגניגען?...

מען מוז דאָך טאַקע עפּיס טהון, רב יודעל, זיך ראַטעווען. און גיכער טאַקע, און איטליכער טאַקע, אָהן א שום אונטערשייד.

— אָט דאָס איז טאַקע דיא גרעסטע צרה, וואָס גיכער און איטליכער אָהן אונטערשייד. איך זאָג עס אקעגען דעם זאָג איך עס, ברידער, וואָס איך אליין, נישט פאר אייך געדאכט, האָב ערשט ניטש לאַנג דערפון מיאוס געליטען. בדיל־הדל בין איך געוואָרען צוליעב דיא שיינע ראַטונקעס. איך זאָג עס אקעגען דעם, אז דאָס היטצען זיך, דאָס פילדערען איז נישט אויף גוטס. פון היטצען זיך און פילדערען איז נאָך נישט געדרונגען, אז מען איז פארטיג טאַקע אין־דעכטען־אמת צו טהון. פון אָנגעצונדענע פייערווערק האָט מען נאָר רויך און טשאַד. אוי, ברידער, ס'איז א וועהטיג צו דערצעהלען, אזוי האָב איך געליטען.

— מען דאַרף איהם ריידעוודיג מאַכען דורך דעם „וויענער געטריינקעל“.

— ווײן, מיינסט־דו, חאַסקיל? שווערליך, ווײן טרינקט נישט רב יודעל.

— א טפּש ביסט־דו, נימפּעל. אבער קידוש מאַכט רב יודעל? נו, וועט ער מאַכען קידוש. וואָס מאַכט עס דען אויס, קידוש הייסט דען נישט געטרונקען? פאַרקעהרט, נאָך א רוב כוס, א כוס פון א רביעית. עס וועט איהם זיך עפנען דאָס מויל, ניש־קשה. אי, וועט ער ריידען! איך קען בעסער רב יודלען, דו טפּש איינער, ביי איהם איז קיין זאַך נישט מיט א מאָס. שווייגט

ער איז געשוויגען, רעדט ער איז געערט, אחן איין אויפהער. — רב מענדיל, א, רב מענדיל! רופט זיך אב, טויב זענט איהר היינט צו וואס? מען אזל עס הערען פון אייך היינט א ווארט. עפיס נאר וויא געמאכט א האסלע אינאיינעם מיט רב יודלען, אז אלע מעגען זיך ריידען צוזעצטערהייט און זיי זאלען שווייגען.

— יא, האסקילע מיינער, טאקי אזוי: שווייגען ווען אלע ריידען, נאר אבער ריידען ווען אלע שווייגען.

— נו, ריהרט זיך־זשע, רב מענדיל. נעהמט א כוס און מאכט לחיים צו רב יודלען, פאר׳כוס׳עט איהם אזוי, אז ער זאל ווערען לעבעדיג און ריידען. עס וועט שוין זיין שטיל, אלע וועלען שווייגען, ניש־קשה.

דאס „כרמל־געטריינקעל" איז הפנים א גוט מיטעל, וויא איך היים גימפעל! איהר זעהט, עולם, וויא רב יודעל איז איצט בגילופין, לעבעדיג, אויפגערייםט. ער איז קאפאבעל „אדם יסודו מעפר" אפילו אבצושפיעלען, וויא איין אדעסער שניידער, מיט א מארש. צו איהם טויג טאקי איין רב מענדיל. שא עולם, אט עפענט רב יודעל א מויל און הויבט אן צו דערצעהלען.

שא, שא, שא!

— דאס גאנצע ביסעל גוטס מיינס האט אין דעם קאסטען זיך געפונען, א קאסטען איין אלטפעטערישער, בירושה פונ׳ם עלטערזיידען, אין שטוב האט זיך געפונען נאך אזעלכעס, וואס ווערט געברויכט אין דעם בעל־הבתישקיים, וואס איז נייטיג אין לעבען אריין. איך זאג עס אקעגען דעם זאג איך עס, אז פאר א יודען בלייבט איין מיטעל — דיא תבה, ער מוז שטענדיג זיין גרייט, געפאקט אין דער תבה מאלע וואס עס קען זיך מאכען: א בייזע מהומה, איין איבערפאלעניש, איין אנשיקעניש, א כאפעניש־לאפעניש, צעשטערעניש, בעהיט זאל מען ווערען. דיא אלע אנדרערע זאכען, וואס זענען א חוץ דער תבה — איז פו! איך זאג עס אקעגען דעם וויא נארעש, שטארק נארעש ס׳איז אויסברייגגען זיך, ציהען פון זיך דיא קליי, פארקויפען זיך, אוועקגעבען דיא נשמה, א שטיק געזונד, וואס איז? כדי ארויסשטעלען זיך פאר דער וועלט מיט דעם פוטע, מיט דער פאמפע — נאט, קוקט וואס ביי מיר געפינט זיך! דיא שעה זאל נישט זיין, איין בלאז פון ערגיץ, פון דיא, פון יענע, ווערט דערפון אין גאנצען א שפה. ביז וואנען דו וועסט זיך בעטראכטען, זיך צונויפנעהמען ווערט פון דיר תל. אריין, זאג איך, אריין, יוד, האק און פאק אין דער תבה! פארשלים זיא, שטעל איהר אונטער רעדליך, אין א נויטפאל זאל זיא געהן וויא א פוטער. און דו אליין זיי א העזעלע, גוט צוהארכענדיג זיך, סיי ביים וואכען סיי ביים שלאפען, מיט אויפגעשטעלטע אויערליך, קוים עפיס א פייף: טרו—טו—טו! באפ, וויא מען זאגט, „סקרינקע—פערינע",

דיא פיס אויף דיא פלייצעס — און ויברח: אויף א בוידעם, אין א קעלער און וואו ס'איז ערגיץ עפּיס א לאָך, וואָס דער שומר ישראל, „דער וואָס טהוט אָבהיטען זיין פאָלק ישראל" שיקט דיר צו. אָט אויף אזא אופן, זאָג איך עס, קען דער יוד נאָך האָבען א קיום. לאָז זיך אייך דאכטען לופט, ער איז למשל לופט אין איין אָנגעבלאָזענעם פּאַפּירעל, גיט מען איהם א קוועטש דאָ, איז ער דאָרט, א קוועטש דאָרט, איז ער דאָ. אפשר ווילט איהר, איז ער א קוועק־זילבער, דאָ וואו ס'איז קאַלט, זינקט ער, פאַלט ער אראָב. אראָב. און דאָרט, וואו ס'איז ווארעם, איז ער געהויבען, שטייגט ער ארויף, ארויף. איך זאָג עס אקעגען דעם זאָג איך עס, וויא מען בעדארף זיין תמיד גרייט בארעכענט, נישט געכאַפּט, נישט געיאָגט וויא דער שטייגער איז בשעת א צרה גאָר אומגעריכט. מילא, הערט־זשע ברידער, בשעת דעם איבערפאַלעניש היינטיגס יאהר, נישט־דאָ־געדאכט, איז מיר אָבגעגאָלטען, אָבגעלאָפען מיט חסד. איטליכער ביי אונז איז געוועזן פארנומען מיט זיך. דער משחית איז נישט איבערגעשפּרונגען קיין איין יודיש הויז. נישט ווארטענדיג אויף כבוד ביז ער, דער משחית הייסט עס, וועט קומען צו מיר, לאָז איך דעם קאסטען א פאָהר־טהון אויף דיא רעדליך, שטופּ, שטופּ דיא תבה פאר מיר, דאָס ווייב מיט דיא קינדער הינטער מיר, און מיר שטופּען זיך מיט דעם אויבערשטענס הילף אריין אין קעלער — א מערת המכפלה אזוינע, דאָס הייסט א לאָך אין א לאָך, וואָס חוץ א יודען וועט קיין בן־אדם פון יענע לייט נישט זוכה זיין א פוס אהין אריינצושטעלען. איך זאָג עס אקעגען דעם זאָג איך עס, אז א קאָפּ אויף דורכשטופּען זיך אין דער וועלט, אָנשפּארען אין אלע לעכער, האָט נאָר טאַקי א יוד, ער איז מששת ימי בראשית בעשאַפען געוואָרען טאַקי צו זיין אין גלות.

— קיין קאָנטראַקט פון דעסטוועגען מיט דעם רבונו של עולם, אז מען זאָל מחויב זיין אין גלות, האָט דער יוד נישט געמאַכט. גענוג, איבערגענוג! לאָז זיך דער רבונו של עולם זוכען אנדערע אויף גלות אָבריכטען אנשטאט דעם יודען זיינעם. דער יוד וועט זיי מוחל זיין דעם שארפען קאָפּ מיט דיא אלע שפּיצלעך, אלע אָבשניצליך און אויבער־הסברות זיינע, וועלכע מען דארף צום גלות נייטיג האָבען. אי וואָס, וואָס וועלען טהון יודען אָהן גלות? פאר וועמען וועלען זיי זינגען „מה יפית", ביי וועמען וועלען זיי זיין תקיפים און וועמען וועלען זיי אין אויער איינריימען — דאָס וועט מען צייט האָבען צו בעטראַכטען אם ירצה השם שפּעטער, דערוייל לאָמיר נעהמען צו־ביסליך „כרמל". מאַכט ברכה, רב יודעל! אָט אזוי, אזוי, א רוב כוס, וויא על פּי דין. אצינד פאָהרט, זייט מוחל, ווייטער, רב יודעל! שטעהט, הייסט עס, דיא תבה אין לאָך.

—שטעהען מיר, הייסט עס, אין לאָך, זאָג איך אייך, אזוי לאַנג אזוי ברייט ביז ס'איז שוין אָהן סכנות, מען מעג שוין א קוק טהון אויף דער ליכטיגע

וועלט. איך זאָג עס אַקעגען דעם זאָג איך עס „דיא ליכטיגע וועלט" וויא פאַר וועמען. פאַר אנדערע איז זיא ליכטיג, פאַר אונז איז דאָס אייגענע וואָס דער לאָך. דיא זון שיינט, נישט אָבער פאַר אונז, דיא לבנה לויכט פאַר יענע, וואָס שפּאַצירען אַרום מיט זייערע ליעבע אין דיא פרייע ערטער, פאַר אונז איז זיא דאָ גאָר דאַרויף, זיא מקדש צו זיין, נישט מעהר. פון בוימער, פון בלומען, פון רויזען האָבען מיר נאָר גרינגע ציבעלעס, פון שפּיעלפייגעלעך — גרילען; אַ שפּור פון'ם זומער אין שטוב — פליגען און פלעה — כחול הים. ברוך השם איבערגעקומען, אוים לאָך און ווידער אין שטוב, ווידער אַ בעל הבית וויא געוועזן, שאַ, רוהיג, שטיל, נישט מעהר וואָס דער קאָפּ דאַרט וועגן דער פּרנסה, וואָס דאָס האַרץ טיאַכקעט פון אַ מינדסטען שאָרך. אַט אזוי האָט זיך עס געלעבט, נישט צו פאַרזינדיגען, גאַנץ געוועהנטליך, וויא דער שטייגער איז. בעדאַרף, מעשה שטן, זיך פון דער העלער הוים מאַכען אַ שרפה, עס נעצט אַ שרעק. און וואו נעצט? נישט ווייט פון מיר, אין מיין געסיל. איך אַליין האָב מיך גראַד אַרומגעדרעהט אין מאַרק, דערהערט: עס נעצט, לויף איך דאָך מסתמא גאָר אין איין אָטהעם און פאַל פון דיא פיס לויפענדיג. ביז גאָט האָט מיך געבראַכט אַהיים, איז מיר שיער דיא נשמה נישט אַרוים. הע־הע, וואָס עס טהוט זיך! דיא שטוב מיינע איז בעפאַלען, נישט פון שלעק, משחיתים, חלילה, נאָר פון יודען, גוטע ברידער, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפען פאַר רחמנות צו ראַטעווען. און וואָס טהוען זיי? זיי געוואַלדעווען, שטרעקען הענט, טייטען מיט דיא פינגער, אַלע אין איין קול: געוואַלד, ראַטעוועט! פאַר גרוים איילעניש און אימפּעט כאַפּט מען, דער אַ לאָקשענברעטיל, אַ ווייקשעפּטיל, אַ טשאָלענט־טעפּיל, יענער אַ ריבאייזען, אַ פּלעקיל, אַ מילכדיג־לעפעל און יאָגען זיך האַסטיג, הענדום־פּענדום, מיט דער דאָזיגער סחורה גלייך וויא מיט עפּים רעכטס, מיינענדיג, זיי ראַטעווען, אַרבייטען מעשים. — וואָס טויג מיר, שריי איך, דיא שמאַכטעס, דיא קליינינג־קייטען, נאַרעשקייטען, געוואַלד דער קאַסטען, מיין קאַסטען! דאָרט געפינט זיך מיין גאַנץ פערמעגען, מיי מיה, מיין אַלץ־מיט־אייגאַנדער פון אזוי פיעל יאהרען. — איהר פאַרשטעהט, יודישע קינדער, זיי כאַפּען זיך צו אזעלכעס, וואָס אבי געזונט, אבי גאָט העלפט, מען איז אַ בעל הבית, קומען שוין דיא אַלע דאָזיגע זאַכען ממילא פון זיך אַליין, גאָר אומבעמערקט. איך זאָג עס אַקעגען דעם זאָג איך עס, וואָס הייסט אזוינס, אז מען איז צוטראָגען. אצינד, לאחר המעשה, לאַכען יענע אַליין פון זיך, וואָס פאַר אַ נאַראָנים זיי זענען געוועזן, איבער וואָס זיי האָבען זיך אזוי געהיצט, אַנמאַכענדיג אַ טאַראַראַם, אַ רעש, אַ געפּילדער, אַליין גאָר נישט געטהאָן און אנדערע נאָך אין זייער אַרבייט געשטערט. איינער האָט אָנגעהויבען, געפיהרט דאָס רעדיל, און דיא איבעריגע שוטים נאָך איהם. — צום קאַסטען איז שווער צוצוקומען, יודען

באַברען זיך, שטופּען זיך אַרום איהם, וואָס זיי ווילען, איז נישט צו פערשטעהן. איך דערשטופּ מיך פּאַרט צום קאַסטען, טהו איהם אַ שטופּ — ער ריהרט זיך נישט וויא אַ שטיין, שטופּ איהם און שטופּ — נישט פונ׳ם אָרט. איך טהו אַ קוק — אַ־אַ, נישטאָ דיא רעדליך! יודען אין כאַפּעניש, שטופּעניש, האַבען צעבראָכען דיא רעדליך. רוקען אַזאַ משא איז שווער וויא אַ מויער צו ריהרען. דאָס פייער דערווייל שווייגט נישט, עס קומט צו נעהענטער, פונקען פליהען, דער הימעל רויט און זיילען רויך טראָגען זיך הויך אין דער לופט, יודען זענען צודולט, וואַרפען זיך אַהין אַהער להבדיל וויא דיא פאַר׳סם׳טע מייז, פּלאָנטען זיך איינער דעם אַנדערען פאַר דיא פיס — און הילף, נישט אויף קיין האָר. כאַפּ איך, טהו אַ שטעק דעם שליסעל אין שלאָס אַרויין, כאַטש איינציגוויין מציל זיין פונ׳ם קאַסטען מיינע זאַכען. אָבער נאַר־וואָס איך וויל טהון אַ דרעה, טהוען זיך אַ לאָז צום שלאָס הענד, דער אַ דרעה, יענער אַ דרעה, נישט צו וויסען אין וועלכער זייט, אַהער אָדער אַהין, גלאַט אַ דרעה אין דער וועלט אַריין, אבי געדרעהט, איטליכער מיינט, אז ער קען העלפען מיט זיין דרעה. קיין גוטס, זעה איך אַרויס, קען פון דיא דרעהענישען נישט אַרויסקומען, מען טאָר אַזוי נישט לאָזען. נו אַז מיינער נעהמט זיך צונויף מיט אַלע קרעפטען, כאַפּט זיך צום שלאָס, וויל דרעהרען — עס געהט נישט, איך גיב אַ קוק, שלעכט! און טהו אַ היק אויף דעם עולם, אָבער וואָס אַ היק הגדול והנורא: אַט זעהט, יודען, וואָס איהר האָט מיט אייער איילעניש, כאַפּעניש אָנגעמאַכט — דער שלאָס וויל זיך ניט עפענען! עס פעהלט דערצו איין קלייניגקייט, עס פעהלט — דאָס הערצעל! צעבראָכען אינעווייניג איז דאָס הערצעל, אָהן אַ הערצעל וועט אייך נישט העלפען קיין שום חכמות, אַלע אייערע דרעהעניעשן... און באַלד טאַקי טרעט צו דאָס פייער, עס קנאַקען דעכער, עס קראַכען פענסטער, שויבען פּלאַטצען, פייערדיגע צונגען, מלאכי־חבלה׳ס רייסען זיך אַריין אין הויז גאַנץ פריי, ברעכען, צערשטערען אומבע׳רחמנות. מיינע יודען טהוען זיך אַ כאַפּ־אויף וויא פונ׳ם שלאָף, רוקען זיך אָב ווייט און בלייבען פאַרגאַפּט.

**אוי, מיין קאַסטען! — — —**

# פריה מארגען אין גלופסק.

— איינגעזונקען זאָל עס נאָר ווערען אָט דאָס פערשאָלטענע גלופסק! טאָג וויא נאכט איז הו־הא; קלינג־קלאַנג, שרפות! האין־האַץ, חתונות! אוי — געוואלד, גנבים!... נישט איין מינוט מנוחה, נאָר דול צו ווערען!

אָט דיא ווערטער האָט רפאל אויסגעשריגען נישט מיט זיין קול, אויפכאפּענדיג זיך דערשראָקען וויא א פערדולטער, באלד טאַקי וויא ער איז א ביסעל איינגעדרעמעלט נאָך א נאכט אין צרות, אין טראכטען וועגען שטילע וועהטיגען, וואָס האָבען זיך געלאָזט פיהלען אין זיינע געשעפטען...

צו דיא אויערען איז איהם פון דער גאַס געקומען א שפּיעלען פון א פידעלע, א רייסען זיך פון א פלייט און א געקלאַפּעריי פון א קעסעלפּויק; דאָס גוטע נגון׳דיל, מיט וועלכען מען פיהרט געוועהנליך א היים מחותנים נאָך דער חופּה־וועטשערע.

רפאל שפּרינגט אראָב פונ׳ם געלעגער, עפענט א פענסטער און שטעלט זיך אַרויסקוקען אויף דער גאַס.

א פרישער מאָרגען־ווינטעל האָט איהם א בלאָז געטהאָן גלייך אין פּנים אַריין, איהם געגלעט, געקושט דיא באַקען, דיא אויגען, געשפּיעלט זיך מיט דיא האָר און האָט אָבגעפרישט דעם קאָפּ. אין דרויסען איז טונקעל. דער הימעל אין מזרח־זייט איז רויטליך פערפאַרבט; ווייטער א ביסעל שימערט אויף איהם עפּיס א בלאַסער פלעק, א סימן פון דער לבנה. ס׳איז איין אויס־מישעניש פון טאָג און נאכט. מען שפּירט, אז דיא זון איז שוין נישט ווייט. אָט־אָט קומט זיא אָן. דאָס זאָגען דיא שוועלבעליך, וואָס זענען, קוים געעפענט די איינעליך, אַרויס פון דיא נעסטען און שוועבען, דרעהען זיך מיט א שירה אין דער לופט.

עס געהט זיך פאַמעליכין א דאַר בלייך יודעל פון יענע מיני יודלעך, וואָס וואוינען צעהן אין איין שטיבעל דאָרט ערגיץ אין א הינטער־געסיל. אויף

זייער פנים ליעגט תמיד א בארג מרה־שחורה און ציטערן פריי אויפצוהעבען דעם קאפ. אצינד געהט זיך אט דאס יודעל האפערדיג, קוממיות, אנגעטהאן שבת'דיג, דאס קעפעל פערדרייט, דיא הענטליך פערלייגט אהינטער און לאזט זיך אנטהון כבוד. דיא כלי־זמר ארבייטען געשמאק אויף דיא כלים, יונגעליך אין ספענצערס, הינטען מיט ארויסגעשטעקטע העמדליך, לויפען פאר־אויס. א יודענע אין א יופע, אויף איין ארבעל פערשטעקט דאס פארטוך, דיא עקען פונ'ם קאפענטיכעל צעלאזט, העצקעט זיך לעבעדיג, פרעהליך.

אזוי פיהרט מען אב אהיים מיט א מארש דורך אלע הויפטגאסען צוויי פיינע מחותנים. זאל דער עולם נישט קענען שלאפען, זאל גאנץ גלופסק טאקי וויסען!...

רפאל פערקרומט דיא נאז. ער איז חפנים מיט דעם מאראאם נישט צופריעדען. פון זיינעטוועגען וואלט נאר נישט געוועזען קיין אומגליק, אז יענע מחותנים'לאך וואלטען אהיים געגאנגען אהן א קאפעליע....

א קלאפ אין פאדער־חדר ברענגט רפאל'ן ארויס פון זיינע געדאנקען. ער הארכט זיך צו מיט איין אויער און טראכט ביי זיך: א, הערשעלע!

הערשעלע איז א קאבצאנסקער ארים־בחור'ל, א יתום, פאר רחמנות האט איהם רפאל אריינגענומען צו זיך אין שטוב, ער זאל נעביך האבען כאטש וואו דעם קאפ אנידערצולייגען, דערביי זאל ער טהון וויא ווייט מעגליך, אויף איהם האבען השגחה, צו מאכען איהם פאר א שטיקעל מענש. נאר פון דעם שטענדיגען פארטראגען־זיין אין דיא געשעפטען, האט ער, וויא עס פיהרט זיך געוועהנליך, אין איהם גאר פערגעסען. אצינד האט דער דאזיגער קלאפ פונ'ם פאדער־חדר, וואו הערשעלע איז געשלאפען, זיך אבגערופען ביי איהם אין הארצען, ער האט זיך אן איהם דערמאנט און האט זיך געפיהלט שולדיג אקעגען דעם ארימען קינד.

און וויא רפאל טראכט אזוי וועגען הערשעלע, הערט זיך ווידער א קלאפ, שוין א גרעסערער, א שטארקערער, וויא ביים עפענען א פענסטער מיט אימפעט. דערביי לאזט זיך הערען הערשעלעס א געשריי גאר אין איין אטהעם:

— זיא!... ס'איז זיא, זיא!...

אז רפאל איז, נישט־טויט נישט־לעבעדיג, אריין אין פאדער־חדר, איז שוין הערשעלע דארט נים געוועזען. ער איז דורך דעם פענסטער ארויסגעשפרונגען ראפטום אויף דער גאס. דרויסען האט ער זיך געלאזט יאגען נאך דיא מחותנים דארט און פערשווינדעט באלד מיט זיי אין א געסיל.

— וואו־אהין קען ער זיך אזוי יאָגען הענדום־פּענדום, ארויסשפּרינגענדיג דאָ דורך דעם פענסטער, און אזוי פריה? — האָט רפאל ביי זיך געטראַכט, ארויסקוקענדיג פונ׳ם אָפענעם פענסטער אויף דער גאַס, שטאַרק פערוואונדערט וויא הערשעלע לויפט דאָרט משוגענערווייז — ס׳איז עפּיס נישט גלאַט.

ער מאַכט נישט לאַנג קיין שהיות, טהוט זיך באַלד אָן און לאָזט זיך אין עטליכע מינוט ארום געהען געוואויר ווערען, וואָס עס בעטייט עפּיס אזוינס דאָרט.

פון אייביג אָן איז שוין אין גלופּסק אזוי געשטעלט: זאָל נאָר איינער זיך ריהרען ריהרט זיך מיט איהם כסדר איינער נאָך דעם אנדערן, א גאַנצע עדה יודען. איין יוד אליין פאר זיך איז זעלטען צו בעקומען. יודען געהען דאָרט אויפ׳ן צעהנדליג, מנינים־וויוז אין־איינעם. יודישע נשמות קלעבען איינע אין דער אַנדערער פעסט, וויא הערינג ענג צונויפגעקניפּט אין א פעסיל, שווער זיך אָבצורייסען. טהוט עפּיס איינער, טראָגט עס אונטער באַלד דעם אנדערן; עפענט נאָר אימיצער דאָס מויל צום רעדען, שלאָגט איהם שוין יענער איבער; וויל גרונעם טהון א טריט, פלאָנטעט זיך איהם גימפּעל פאר דיא פיס, און לאָז זיך איינער וועלען בעהאלטען אין א ווינקעל, וואַקסט דאָרט באַלד, וויא פון דער ערד ארויס, א צווייטער...

וויא רפאל האָט זיך געלאָזט געהן דאָ אויף דער גאַס, זענען איהם שוין עטליכע פארשוינליך פערלאָפען דעם וועג, יאָגענדיג עפּיס גאָר אָהן א נשמה, נאָך נישט רעכט אָנגעטהון. איינער אין דיא שטעק־שיך, אָהן זאָקען, שטופּט־שטופּט לויפענדיג דיא האַנד אין ארבעל פון דער קאַפּאָטע; דער צווייטער האָט אין איילעניש צו טהון מיט דיא קנעפּליך פון דיא פּלודערן, מחילה, וואָס ווילען אויף צו־להכעים גראָד נישט זיין צוגעשפּילעט; דער דריטער, נישט צו פערגינענען זיך איין מינוט אויף אָבצושטעלען זיך, האַלט צווישען דיא פינגער דיא נאָז גרייט, זיא אויסצושנייצען ביי דער ערשטער געלעגענהייט; דער פערטער פערטשעפּעט זיך אין גרויס יאָגעניש אין איין אנדערן יוד, ביידע פאַלען און ציהען זיך נעביך אויס.

גלופּסק ריהרט זיך.

רב־יוד, רב־יוד! וואָס איז אזוינס אויף אייך דאָס לויפעניש? — שרייט א יוד פון דער־ווייטענס, אָנקומענדיג פון א זייט, און לאָזט זיך טאַקי באַלד אויף מיטלויפען.

— רב־יוד, רב־יוד! וואָס יאָגט איהר? — שרייט רפאל דאָ צו דעם, דאָ צו יענעם, ער ווערט שוין טאַקי גוט אומרוהיג. ער בעקומט אבער נישט קיין ענטפער. מען ווייזט איהם נאָר אָליץ מיט דיא הענד: אהין, אהין אין געסיל.

איינער נאָר ענטפערט קורץ און שאַרף:

— יודען לויפען, לויף איך אויך!...

ביים אריינגעהן אין געסיל שלאָגט זיך עפּיס א יודענע אָן מיט רפאל'ן. זיא איז שטאַרק צוטראָגען, פּעראומערט, ברעכט דיא הענד און טענה'ט אליין צו זיך אויף א וויינענדיג־זינגענדיג קול, וויא מען בעוויינט א טויטען:

— וועה איז מיר!... א וועהטיג האָט אונז געטראָפען. וועה איז מיר!...

— וואָס איז געשעהען? — פרעגט רפאל, אויסער זיך פאר שרעק — וואָס האָט געטראָפען? וועמען האָט געטראָפען?...

— איך ווייס? עפּיס לויפט מען אזוי! — ענטפערט דיא יודענע א מאַך־געבענדיג מיט דיא אקסלען, און געהט זיך ווייטער איהר וועג.

דאָס געסיל איז בעלעבט. יודען אין טלית־קטן'ס, אָהן קאַפּאָטקעס, אין יארמולקעס מיט פעדערן, האלב פערשלאָפען, נאָך נישט פארטיגע שטעהען ביי זיך אין דיא טהירען, דיא קעפּ מיט דיא שפּיצעכדיגע בערדליך פעררייסען, איין האנד איבער דיא אויגען און קוקען, קוקען. פון דיא פענסטער אויף ביידע זייטען גאָס שטעקען ארויס ווייבערישע קעפּליך, אויסגעפּריעטע פּנים'ליך, ערשט פון אונטער דיא איבערבעטען, שרייען זיך איבער צווישען זיך, באַרכלענדיג פון א צונעלעגערטער ברוסט. איין עולם יודען, אָהן עין־הרע, דרעהט זיך, דיא אהין, יענע שוין צוריק. ס'איז א גערעדעריי, א האנדמאכעריי, א ווערטילזאָגעריי, איינער ווייסט נישט פונ'ם אנדערן, איטליכער קומט מיט זיינס.

— שכורים האָבען זיך געשלאָגען. ס'איז געפלויגען פעטש וויא האָלץ, וויא שמחת תורה אין שול צו דיא הקפות...

— א בייטעל־שניידער האָט גע'לקח'ט... האָט מען איהם געגעבען, ווי־פיעל ס'איז אין איהם אריין!

— דיא כלי־זמר האָבען זיך אין דער מיט אָבגעשטעלט, נישט געוואָלט מעהר אָבפיהרען דיא מחותנים, זיי האָבען געביך געפאָדערט „שבת"... דיא שיינע מחותנים, עפּיס קבצנים, האָבען נישט געוואָלט געבען קיין גראָשען „שבת"!

— מען מאכט איהם שוין דאָרט, דעם שיינעם בחור, א גוטע לויה... דיא מלאכי־חבלה זענען שוין געקומען!

פון דיא אלע זאָגענישען האָט רפאל ארויסגענומען, אז דאָ מוז זיין א צרה. הערשעלע, נישט אנדערש, שטעהט אצינד אין איין אומגליק — און

ער האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צום אַנדערן עק געסיל, דאָרט אַהין וואו ס'איז געוון אַ געטומעל, אַ צונויפלויפעניש, אַ רעדיל מענשען. ער שטופּט זיך דורך צווישן דעם עולם, פליהט אין דער מיט רעדיל אריין וויא אַ באָמבע — און עס קומט איהם צו דיא אויגען אַ מיאוסע מעשה. הערשעלע צו'הרג'עט, צושלאָגען, מיט אַ בייל אויף דעם שטערין האלט פעסט ביי דיא פּאָלעס מיט ביידע הענד אַ יודענע אין אַ שבת'דיגער יופּע און אַ פּאָליציייסקי שלעפּט איהם ביים קאָלנער, דערלאַנגענדיג איהם הינטערוויילכס אין קאָרק. הערשעלע טענה'ט, בעט, שווערט זיך אויף אַ ביטער געוויין,, און דיא יודענע, יענע מחותנת'טע, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געגאַנגען מיט כלי־זמר און האָט זיך געהעצקעט דאָרט אויף דער גאַס — פלוכט, שעלט מיט אַ פּיסק אויף שרויפען, וואַרפענדיג דיא הענד אין אַלע זייטען.

— וואָס הייסט דאָס, הא ? ! — מאַכט רפאל שטאַרק צוקאָכט, אַ שטעל געבענדיג זיך הערשעלען גלייך אַקעגען.

— אַי, רב־רפאל ! — טהוט הערשעלע אַ געשריי נישט מיט זיין קול, און אַ נייער קוואַל טרערען לאָזט זיך איהם פון דיא אויגען.

— וואָס הערט איהר דעם גנב ! — צולאָזט זיך דיא יודענע אויף אַ קוויטשיג קול'כען, ווענדענ ִ זיך דאָ צו רפאל'ן, דאָ צום פּאָליצייסקי, דאָ צום עולם און מאָהלט אויס,גמישט האלב יודיש האלב גויש, וויא עס קומט איהר אויס צום עסק. — חאַראַבי יעמו, רבונו של עולם ! פון דער קעשענע ביי מיר האָט ער ארויסגעשלעפּט, ניחיי יעמו מכה טאַקי וויא גרויס דאָס בייטעלע איז. יאַ בידנע קאַביטע, וועה איז מיר !... וואָס שוויינסט דו, שמענדריק ? — טרייבט זיא אונטער דעם מאַן, וואָס שטעהט איהר ביי דער זייט, אַ זעץ־געבענדיג איהם מיט דעם עלענבויגען — טשויעטע, ניעך טען טשעלאָויטשי קאַזשע... רעד שוין, דו הונד ! יאַק ווין...

— וואָס זאָגסט דו, איך בעט דיך, צו זיין טאַטען ! — מאַכט רייזע דיא בעל־אכסניא'טע אויף איהר שטייגער, אריינשטופּענדיג זיך אין דער מיט צווישען עולם מיט אַ קויש אין דער האַנד, אויף איינקויפען שפּייז אין מאַרק — אַ שיין בחור'ל, כ'לעבען. הא, אַזעלכע עסקים !...

— אוי דערבאַרמט איך ! — קייכט הערשעלע, ווייזענדיג מיט אַ נעבעט אויף דער יודענע — דאָס טראַכט זיא נאָר אַזוי אויס... איך האָב זיא דערקענט. לאָז זיא אָנווייזען, וואו־אַהין זיא האָט פערפיהרט יענע...

— איך זאָל אָנהייבען צו פערשטעהן ! — וואונדערט זיך רפאל.

— אַט יענע, רייזעניו! יענע, וואָס איז געקומען פון מיין שטערטיל, איהר געדענקסט, יענע, וואָס האָט ביי איהר אָנקומען איבערגעלאָזט ביי אייך אין דער אכסניא דיא זאכען!..

— אוי, א דונער האָט מיך נישט געטראָפפען! — מאַכט רייזע פערוואָרפענ־דיג מיט דעם קאָפּ — איך שטוים מיך שוין, אהא! איך פערשטעה, פערשטעה, אצינד איז שוין רעכט. דאָס איז דאָך דיא גוטע האָדיל, האָדיל דיא מעקלערין... שווייגט נישט, רב־רפאל, איהר וועט שוין שפּעטער וויסען, לאָז מען זיא נאָר דערווייל אָבפיהרען אהין אין דער פּאָליציי..

דער פּאָליצייסקי, מיט וועלכען רפאל האָט זיך איבערגעשמועסט, איז געבליבען א ווייַלע שטעהן. ער האָט געגלאָצט מיט דיא אויגען דאָ אויף הערשעלען, דאָ אויף דער יודענע, געקוקט צו דעם, געקוקט צו יענעם און געווארט...

— א יושר א ביסעל פון יודען, טאַקי נאָר וויא סדום! — מאָהלט דיא יודענע גיך אין איין אָטהעם אין אלע כלים — קאליא ברעשע, רבונו של עולם, וויא איך בין א יודישע טאָכטער, ניחוי מעני יאזיק סאכנע! לאָזען אַט זאָגען עדות... שמענדריק, א קריינק דיר אין דיא ביינער, וואָס שטומסט דו?... טשויעטע פּאנע! יא סעבי אידע יאק, וויא זאָגט מען עפּיס, יאק מחותנת'טע פּאַ זשידאָווסקי, באטשיטע, אט אוו מעני לעקיך. נאטי וואס לעקיך! אידע יא, ראבי סעבי האַץ־האַץ, א ווין, דער פיינער בחור...

— הע, א ביסעל א מאָהלען! — פּאלד רייזע דער יודענע אין דיא רייד אריין — וואָס זאָגט איהר, איך בעט אייך, צו איהר טאַטען? מען קען זיא נעביך גאר נישט, ווער זיא איז.

— זייט איהם מטמא! — הערט זיך א קול פון צווישען עולם.

רפאל נעמט אוועק דעם פּאָליצייסקי ביי דער האַנד און באלד טאַקי האָט מען דיא פיינע מחותנים אין איינעם מיט הערשעלע'ן אוועקגעפיהרט אין דער פּאָליציי.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

צוויי מאָל איז שוין האָדיל'ס עלטסטע טאָכטער ציפּע געוועזן א כלה און ביידע חתנים האָבען אָבגעלאָזט דעם שדוך, איינער נאָך דעם אנדערן, ווייל זיא האָט נעביך נישט געקענט מסלק זיין דעם נדן, וואָס זיא האָט צוגעזאָגט. דער איצטיגער דריטער חתן האָט זיך אויך איינגעשפּאַרט און האָט געוואָלט איין

עס מאכען מיט דעם שדוך, אז מען וועט איהם נישט סלוק'ן דעם גאנצען נדן, קלינגען און קלאפּען טאקי עד פּרוטה אחרונה. האדיל'ס אלע תחבולות האבען אקעגען דעם חתן גאר נישט געהאָלפען. ער האט נישט געוואלט בעשטעהן אויף קיין שום בעוואָרענישען אין דער וועלט. נישט אויף א „חרם־קוויטעל“, אפילו נישט אויף א וועקסעל און אויף א „שטר חצי־זכר“, אז איבער הונדערט יאהר נאך איהר טויט זאל ער נעהמען א חלק ירושה, דיא העלפט וויא א זכר; נאר געלד מזומנים — און געלד האט האדיל נישט געהאט!

זיא פלעגט זיך ארומדרעהען ביי יענע שיינע לייט, וואס האנדלען מיט לעבדיגער סחורה. דאס איז געווען דיא איינציגע פּרנסה איהרע, קוים־קוים צום לעבען. דער מאן איז געווען א לא־יצלח, געלעגען ביי איהר אונטער'ן פאנטאפעל און נישט פערדיענט א גראשען.

האדיל האט געהאט שטארק צער, אז אך און וועה איז צו איהרע יאהר, אט קען דער דריטער חתן אויך אבלאזען דעם שדוך און דיא טאכטער איהרע קען נאך חלילה בלייבען זיצען א מויד ביז אין גראען צאפּ אריין. פאר גרויסע צרות פלעגט זיא אויסלאזען איהר כעס און איהר שווער ביטער געמיטה צו דעם מאן איהרען און צו זיין קאפּ.. ער, טאקי נאר ער, אזא שוטה, שלים־שלימזל, איז שולדיג; נאר ער, אט אזא בהמה, אזא שוטה, אזא לעקיש! זיא האט זיך אויך נישט בעגניגט מיט דעם מויל, נאר זיא פלעגט איהם א מאל מכבד זיין מיט דער יד אויך. דער בעטריעבטער מאן נעביך פלעגט באין ברירה שווייגען און אלסדינג מקבל זיין באהבה. א מאל פלעגט זיא זיך גאר נעהמען אויס'טענה'ן מיט דעם רבונו של עולם אליין, איהם אויסווארפען, אז ער פיהרט נישט דאס וועלטיל זיינס מיט יושר; געלד געהט צום רייכען, עס דארט איהם נישט דער קאפּ. דעם ארימאן געהט עס שלים־שלימזל, מיט דער פוטער אראב, און נאך דעסגלייכען אזוינע ווערטליך. און דענסטמאל האט זיך האדיל דיא מעקלערין שטארק פערעסען, נאר עפּיס טאקי א חיה רעה, וואס דיא קינדער איהרע הונגערן, און זיא האט זיך געלאזט מיט אלע כלים, מיט כל מיני הסברות אויפ'ן „געיעג“, צו פאנגען וויא וויט מעגליך...

סוף כל סוף האט איהר דאס מזל צוגעשפּיעלט. זיא האט דערטאפּט איהר בעדערפעניש, אזוי וויא געוואונשען. צוויי מיידליך, שיינע, געראטענע, וואס זיינען ערשט אנגעקומען קיין גלופסק, האט זיא מיט איהרע פאלשע גענג פערשלייערט זיי אין איין חודש טאקי פאר צוויי פארשוינען פון דער גוטער חברה, וואס האנדלען מיט לעבעדיגער סחורה. דיא צוויי קונים האבען גענומען דיא דאזיגע סחורה און זענען באלד מיט איהר אוועק איבער דיא גרעניץ. שרכנות־געלד האט זיא בעקומען א שיינעם, טאקי א גראב שטיקעל. אצינד, האט זיא געהאלטען ביים אויספיהרען נאך א „שדוך“ מיט א קאבצאנסקער

מיידיל, ביילע. מיט עטליכע חדשים צוריק האָט זיא זיא פערפיהרט אין איין „אָרענטליך הויז" אריין און געכאַפּט דערפאר א שיין פערדיענסטעל. היינט איז דאָ א בעלן אויף אַבהאַנדלען זיא אוועקצופיהרען, און אז גאָט וועט העלפען, קען זיא דאָ אויך אָבלעקען א פעט ביינדעל...

ביילע האָט ביי איהר אָנקומען אין גלופּסק זיך באַלד געטראָפען מיט הערשעלע, וואָס פלעגט זעהר אָפט קומען צו רייזע'ן דער בעל־אכסניא'טע, וואו דיא קאַבצאַנסקע פלעגן געוועהנליך פאַרפאָהרען. דיא אָרימע קינדער,ביידע פון איין שטעדטיל, נאָהנטע שכנים דאָרט, האָבען ביים בעגעגעניש זיך שטאַרק דערפרייט. ביילע איז געקומען זיך שטעלען אויף איין אָרט פאר א דיענסט־מיידעל און געבראַכט הערשעלע'ן פון דער היים א פּאָר אַלטע אונטערגענעהטע זאָקען און א פערלאַטעט העמד. הערשעלע האָט זיא אָבגעפיהרט צו דעם פּלאַץ, וואו עס שטעהען דיא אָרימע, וואָס זוכען ערטער אויף צו דיענען. כמעט דעם גאַנצען טאָג זענען זיי אָבגעשטאַנען דאָרט, ביז ס'איז אונטערגעקומען עפּיס א מעקלערין, גענומען ביילע'ן, זיא צו פיהרען אויף א נגידיש אָרט און האָט זיא גאָר ערגיץ אַנדערש אָבגעפיהרט... הערשעלע איז ארומגעגאַנגען וויא אָהן א קאָפּ, נישט צו וויסען וואו ביילע איז אַהינגעקומען. דיא זאַכען האָט זיא איבערגעלאָזט אין דער אכסניא און איז נישט מעהר געקומען, גאָר וויא אין וואַסער אריינגעפאַלען!

האָדיל האָט אין דיא גוטע פערדיענסטליך איהרע פון דער לעצטער צייט בעשיינפּערליך געזעהן גרויסע נסים, אז נאָר זכות־אבות האָבען זיך געמיהט פאַר איהר. זיא האָט אויפגעהויבען דיא אויגען מיט א לויב און א דאַנק צו זיין ליעבען נאָמען, ברוך הוא וברוך שמו, פאר זיינע גרויסע חסדים. דעם נדן האָט זיא ברוך־השם גע'סילוק'ט כפי דיא תנאים, געמאַכט דער כלה, נישט צו פערזינדיגען, א שיינע גאַרדעראָבע, גלייך מיט אַלע בעל־בתישע טעכטער; אויך האָט זיא געמאַכט צו דער חתונה זיך א נייע יופּע און דעם מאַן א נייע קאַפּאָטע, און זוכה געווען צו פיהרען דיא טאָכטער אונטער דער חופּה. און מען האָט געטאַנצט, געלעבט א גאַנצע נאַכט!

• • • • • • • • • • • • • • • • • • •

ווען הערשעלע זאָל זיא נישט געווען גראד אַצינד דערקענען און אָנכאַפּען ביי דיא פּאָלעס מיט א געשריי, וואָלט גלופּסק פערשלאָפען דיא גרויסע שמחה און וואָלט זיך נישט צונויפגעלאָפען אָבגעבען כבוד אזא טהייערער מחותנת'טע...

# איידיל.

...איהרע חבר'טעם ביי לוי בחור אין שטוב האָבען זיא געהאַלטען פאַר זייער עלטסטע, נעהאַט פאַר איהר גרויס דרך ארץ און זיא נישט אַנדערש גערופען וויא „דיא אַפּיציערקע“.

אייד יל איז געווען איהר נאָמען.

---

געשטאַמט האָט זיא פון עפּיס א שטעדטיל, ווייט ערגיץ אין פּולין, דיא עלטערן איהרע, אַבגעקומענע בעלי־בתים, זענען געווען פון שיינעם שטאַנד, פון דיא פאַרנעהמסטע אין שטעטעל, געלעבט האָבען זיי אָרים, מיט בערעכנונג, זיך נישט צוגעלאָזט קיין וואוילטאָג, דאָך האָט זיי דאָס אָרימקייט נישט ערנידריגט וויא אַנדערע אָרימע לייט. אין דעם הויזגעזינד האָט געהערשט פריעדען, ליעבשאַפט, א ברכה פון גאָט, איינער דעם אַנדערן איז גרייט געווען אַוועקצוגעבען דעם לעצטען ביסען פונ'ם מויל, וואָס נאָט גיט אבי אין איינעם. מיט דעם האָבען זיי געמעגט פיעל רייכע לייט מקנא זיין. אַזעלכע, וואָס באָדען זיך אין מילך און פּוטער, און האָבען ביי זיך אין הויז א צושטערט לעבען, איינער מיט דעם אַנדערן קידער־ווידער.

דיא געליעבסטע ביים גאַנצען הויזגעזינד איז געווען איידיל, דיא עלטסטע טאָכטער. אַלע האָבען זיא געשעצט, איהרס א וואָרט איז געווען ביי איטליכען טהייער, און איידיל האָט עס טאַקי מיט רעכט פערדיענט, ס'איז געווען ווענען ליעב צו האָבען. שיין איז זיא געווען, עפּיס טאַקי נאָר א בילד, דער רבונו של עולם, דער גרויסער מייכטער, א מאהלער איינער אין דער וועלט, האָט גענומען דיא פיינסטע מאַטעריאַלען פון זיינע אוצרות: דאָס ווייסקייט פון דיא ליליען אויף באַקען, דאָס רויטקייט פון קאָראַלען אויף ליפּען, דאָס בלויע פונ'ם הימעל אויף אויגען, דאָס שווארצקייט פון ראָבען צו דיא האָר, צו דעם האָט ער צוגעגעבען דעם זיבעטען טעם, חן, ליעבליכקייט און גוטסקייט, אויסגעמישט דאָס אַלדינג אין איינעם, געמהאָן א מאַך, און עס איז אַרויס א בילדשיינע איידיל. — גוט איז זיא געווען אָהן א גאַל, א בריה גאָר א'ן אַנטיע.

פון איהר בריה'שקייט האט געזונגען איטליכעס ווינקעלע אין שטוב, מען האט עס ארויסגעזעהען אין דיא שיינע פריש־שמעקענדיגע בלומענטעפעלעך, אין דיא גישטיקטע זילבער־קלארע פארהענגליך אויף דיא פענסטער, אויך אין דעם מעש און קופערווארג, וואס האט געשיינט, געפונקעלט, פערנומען דיא אויגען. זיא האט גענעהט, געשטיקט, געוואשען, געטהאן אלסדינג אין דעם בעל־בתיש־קייט און פארהיט, דיא מאמע זאל זיך נישט קיין שווערען בייג געבען. אויסער־דעם האט זיא נאך מיט איהר נעהען און שטיקען פאר אנדערע צו ביסלעך פערדיענט אויך.

ויהי היום, האט זיך בעזעצט אין דעם שטעטעל א יונגער מאן, א פיינער, אנשטענדיג־לייטיש געקליידעט, מיט דעם נאמען ש מ ע ר י ל. געהייסען האט עס, אז ער איז פון גאנץ ווייט און האט מיט פריצים דא ארום געשעפטען. יודען פון'ם שטעטעל, ליידיג־געהער, וואס געהען ארום גאנצע טעג שלינק־און־שלאנק און האבען נישט מעהר וואס צו טהון נאר צו רעדען, שמעקען, טאפען און אבגעבען זיך מיט יענעמס געשעפטען, האבען אין דעם דאזיגען פארשוין בעקומען א ניי עסק אויף צו רעדען, ארויסצואווייזען חכמות און בויך־סברות. יעדען טאג האט מען ארויסגעלאזט וועגען איהם אנדערע מיני פאטשטען, שמעריל איז א חשוב אין דיא הויכע פענסטער, שמעריל פערמאגט קרח'ס אוצרות, שמעריל איז אמאכער ביי דיא גרעסטע פריצים, שמעריל איז נישט קיין בעווייבטער! און אויב אזוי בעדארף מען דאך נישט שווייגען. — שיינע יודען רוקען זיך צו איהם, אבשטעקען א „שלום עליכם"; מקבלים שטעלען אויף דיא הענד, צו נעהמען ביי איהם א נדבה; שדכנים לויפען וויא פער־סם'ט, אויסזוכען פאר איהם א שידוך, שמעריל אבער איז א בחור, וואס קוקט נישט אויף געלד, נאר אויף שיינקייט, און איידיל געפעלט איהם בעסער וויא אלע מיידליך אין שטאדט. דיא שדכנים נעהמען דיא פאלעס פון דער קאפאטע אין דער האנד, דיא פיס אויף דיא פלייצעס און לויפען וויא משוגע צו איידיל'ס עלטערן און שיטען זיי אב מיט ניין מאס רייד, לויבען אין טאג אריין און זאגען, אז עס איז גאר נישטא קיין בעסערער שידוך פאר זייער טאכטער וויא שמעריל, וויא רבי שמעריל, וואס איז געלייטזעלינט מיט אלע מעלות. סטייטש שמעריל, עפּיס א קאטאוועס רבי שמעריל, עפּיס זאגט זיך עס אזוי גרינג שמעריל, רבי שמעריל, אז מען זאל אויסגעהן עק וועלט און זוכען מיט לעכט, וועט מען נישט געפינען זיינסגלייכען. דיא גאנצע מעשה פון אנהייב ביז צום סוף, וואס שמעריל איז דא אהער געקומען און האלט זיך דא אויף, איז עפּיס נאר טאקי מעשה נסים, עס ווייזט בעשיינפערליך, אז עס איז טאקי נאר א זווג מן השמים. פערציג טאג איידער איידיל איז געבוירען געווארען, האט מען דאס שוין אויבען אין הימעל אויסגערופען. זאגען דעם רבונו של עולם דעות און שטעלען זיך אקעגען א זווג, איז א מיאוס'ע זאך, וואס פאסט נישט

פּאַר א יוד, און טענות מיט קשיות קענען דאָ טאַקי גאָר נישט העלפען. מען מוז זיך איבערדעם איילען, כאַפּען דיא מציאה מיט ביידע הענד, כדי איין אַנדערער זאָל זיא דערווייל חלילה אויסכאַפּען...

דער טאַטע איז ביי זיך אין הארצען גרייט, מהיכא־תיתי, אָך, פאַר־וואָס נישט? — נאָר מיט'ן מויל מאַכט ער: אי!... כלומר'שט וויל ער נאָך האָבען אַ ישוב, גלאַט אַזוי פון דרך ארץ וועגען. דיא ווייעדער, א יודענע וויא אַלע יודענעס, וואָס האָבען עפּיס א ברענענדיגען יצר הרע אויף חתונה מאַכען קינדער, כאַפּט זיך באַלד אָן אין דעם שדוך מיט לייב און לעבען... און איידיל איז צו מזל א כלה געוואָרען!

דער חתן האָט אפילו נישט פערלאַנגט קיין נדן, דאָך האָבען זיך די מחותנים מתחייב געווען צו געבען דער טאָכטער א נדן כפי זייער פערמעגליכקייט און איהר צו מאַכען שבת'דיגע און יום'טוב'דיגע מלבושים גאַנץ נגידישלאָך. גלאַט אַזוי פּטר'ן דאָס עלטסטע געליעבטע קינד, איז זיי נישט אָנגעשטאַנען, לאָז דער מאַן איהר נישט האָבען א מאָל אויסצוואַרפען: איך האָב דיך פון א שטאָל ארויסגענומען, פון דיין טאַטענס הויז דעם אביון, נאַקעט און באָרפוס ביזט די געווען, איך האָב דיך ערשט בעקליידעט און געמאַכט אויס דיר א מענש לייטען גלייך.

באַלד נאָך דיא תנאים האָט דער חתן געאיילט אָבצושטעלען דיא חופּה וויא צום גיכסטען. זיינע געשעפטען פאָדערן עס אצינד, האָט ער דערקלערט, ער זאָל געשווינד אהיים קומען. און וויא שווער עס איז געווען דיא עלטערן דאָס שיידען־זיך מיט זייער טיעף אין הארץ איינגעבאַקענער טאָכטער, ארויס־צולאָזען דאָס שענסטע ציערונג פונ'ם הויז, האָבען זיי זיך דאָך געטרייסט געמיט, וואָס דיא טאָכטער איז ברוך השם פערזאָרגט. זיי האָבען זיך אָנגעטהאָן א כח, מסלק צו זיין דעם נדן, איינגעפּאַקט איהר דיא גאַרדעראָבע און זיא ארויסבעגלייט מיט טרערען אין דיא אויגען און מיט א ביטער הארץ. דאָס הויז איז געוואָרען עפּיס וויסט, עס האָט אויסגעזעהן וויא א ליידיגע נעסט, וואָס דיא טויב איז ארויסגעפלויגען פון איהר.

---

דאָס יונגע פּאָר פּאָלק איז אוועקגעפאָהרען און האָט זיך אָבגעשטעלט אין גלופּסק. נישט ווייל מען האָט בעדאַרפט דאָרט ארום צו פאָהרען, נאָר ווייל דיא געשעפטען האָבען עס אזוי געפאָדערט, לויט שמעריל האָט געזאָגט, אז זיי מוזען זיך אראָבנעהמען פונ'ם גלייכען וועג און זיך אָבשטעלען אויף א קורצע צייט אין גלופּסק. און אַזוי וויא עס איז געווען דער האָניג־זיסער חודש נאָך דער חתונה, האָט זיך שמעריל געפלייסט, וויא א געטרייער ליעבער מאַן, צו מאַכען דעם ווייב פערגניגען און אויסגעזוכט אַן אכסניא דוקא נישט אין דער מיט שטאָדט, וואו עס קאָכט, רוישט שטענדיג, נאָר ערגיץ א ביסעל

אין דער זייט, וואו ס'איז רוהיג, שטיל, מען זעהט א גרעזעלע, א ביימעלע און מען הערט א מאָל אויך א קול פון א שפּיעל־פייגעלע. ער האָט זיך נישט געקאַרגט און גענומען דאָרט דריי שיינע צימער, וויא איהם שטעהט אָן. דער בעל־אכסניא, א יוד מיט א בייכעל און מיט א געלער באָרד, האָט בעגעגענט שמעריל'ן מיט א שיינעם „ברוך הבא", עפּיס וויא א גוטער אַלטער בעקאַנטער פון גאַנץ לאַנג. הגם דאָס איז נישט אזא גרויסער בעוויז, ווייל איטליכער ווייסט, אז דיא בעלי־אכסניות זענען צום גרעסטען טהייל מיט שיינענדיגע צורות, מיט זיס־שמייכלענדיגע ליפּעלעך, קוועלען, פרייען זיך ביים ערשטען בעגעגעניש מיט דיא אורחים, גלייך וויא נאָהנטע לייבליכע קרובים וואָלטען צו זיין געקומען צו פאָהרען. נאָר וויא דיא מעשה איז, שמעריל איז געווען א זעהר אָנגעלייגטער גאַסט. דער בעל אכסניא האָט, ארויפליינענדיג דיא האַנד אויפ'ן האַרצען און א שאָקעל־געבענדיג מיט דער געלער באָרד, פערזיכערט ביי זיין יודישקייט, אז אַלסדינג ניש־קשה וועט זיין אין אָרדנונג. און אז ער האָט געכאַפּט הינטערוויילינס א קוק אויף דעם שיינעם ווייבעל דאָ און האָט זיך ממזר'יש דערוואוסט אין דעם שמועס, אז דאָס איז שמעריל'ס ווייב, ערשט נאָך דער חתונה, האָב ער ביידע אָבגעגעבען גאַנץ יודישליך א „מזל טוב" מיט גנבה'שע אייגעלעך, מאָהנענדיג דערביי „לעקיך" מיט א שמייכעלע.

איידיל האָט זיך נאָך דעם טאַראַראַם אין דעם היים און אויף דעם וועג גוט אויסגעשלאָפען און אויסגערוהט אויף דער אכסניא. קיינער האָט זיא דאָרט נישט געשטערט. אַנדערע אורחים האָט מען דאָרט גראָד דענסטמאָל כמעט נישט געזעהן. ס'איז שא, שטיל, אַלסדינג אין דער צייט וויא געהעריג, און איידיל איז צופריעדען!

אויף דער אכסניא פלעגט אָפּט אהין־קומען עפּיס א יודעל, א ריהרעוודיגס, א געשטיפּעלטס, דאָס רעכטע אויג זיינס מיט א בילמע, א ווייס פּינטעלע, שטאָק־בלינד, נאָר אָפען, נישט צוגעמאַכט. דאָס בלינדע אייגעל איז אבער קיינמאָל נישט שטיל געשטאַנען, עס האָט אין אַלסדינג נאָכגעטהאָן דעם זעהענ־דיגען, גלייך וויא עס וואָלט איהם געדיענט פאר איין עדות. האָט זיך דאָס געזונטע אויג געוואָרפען, געקוקט בייז, האָט זיך דאָס בלינדע מיט דעם ווייסען פּינטעלע אויך געוואָרפען און אָנגענומען א בייזע מיענע. האָט יענץ ממזר'יש געווינקען, לייכטענדיג, פרעהליך, איז דאָס בלינדע מיט דעם פּינטעלע אויך נישט פויל געווען ארויסצוווייזען ווינקענדיג ממזריש שטיקלעך, גלייך וויא גערעדט: אדם א מענש, קאַטשקע ריק זיך! — און דאָס האָט דעם פּנים צוגעגעבען א ווילדען אויסדרוק, עפּיס חלשות'דיג, אז עס וואָלט פיעל גלייכער געווען אי פאר'ן יודעל אי פאר דער וועלט, ווען דאָס בלינדע אייגעל זאָל איהם געווען אויסרינען, פערכאַפּט ווערען אין גאַנצען...

איידיל האָט דאָס יודעל נישט געקענט ליידען. ער איז איהר געווען נמאס

ביי איטליכעם מאָל קומען אין שטוב. נאָר איהר מאַן צוליעב, וואָס האָט מיט איהם געשעפטען און פערברענגט מיט איהם גענוג צייט, מעהרסטענטיילס נישט אין דער היים, האָט זיא זיך גענייט, איהם יעדעס מאָל שיין אויפ־צונעהמען.

איינמאָל קומט שמעריל אהיים צו לויפען ראַפּטום, גאָר אין איין אָטעם, און דאָס יודעל נאָך איהם עפּיס וויא שטאַרק פערטראַגען. ער נעמט דאָס ווייב אוועק אין א ווינקעל און שושקעט איהר דאָרט אין אויער אריין עפּיס גאַנץ שטיל מיט א געבעט:

— איידילע, נשמה'ניו מיינע! א געשעפט... עס טרעפט זיך מיר א געשעפט, א גוט געשעפט... איך האָב אָבער ווייניג געלד... עס פעהלען מיר נאָך עטליכע הונדערטער.. וואָס טהוט מען דאָ?... דער יוד אָט־אָ וויל לייען, ס'איז אָבער געוואָנדעט א ביסעל אין דיר... ער פערלאַנגט, פערשטעהסטו מיך, דעם ווייב'ס אונטערשריפט, דיין אונטערשריפט אויף דעם וועקסעל... העלף, נשמה מיינע!... גיכער, נישטאָ קיין צייט, א מינוט א רענדיל, נאַ, קעצעלע!...

און באַלד טאַקי אין דער הייסער רגע ליעגט שוין פאַר איידל'ן א וועקסעלע, וועלכען זיא שרייבט אונטער, נישט צו רעדען א קרום וואָרט. פּאַרקערט, עס טהוט איהר נאָך הנאה אויף דעם כבוד, וואָס מען האָט איהר דאָ אָבגעגעבען און וואָס זיא קען דעם מאַן ברענגען א נוצען. עס הייסט אזוי פיעל וויא: עפּיס זענען מיר אויך ברוך השם שטיקליך מענשען. אונזער חתימה האָט אויך א ווערטה, מיר מאַכען אויך געשעפטען!...

דאָס יודעל נעמט דאָס וועקסעל, גוט צוקוקענדיג זיך צו דער אונטער־שריפט מיט דעם זעהענדיגען אויג, יענץ מיט דעם פּינטעלע טהוט זיך א וואָרף און קוקט זיך כלומרשט אויך צו, דאָס זעהענדיגע אויג שיינט טהוט ממזריש א ווינק, און דאָס בלינדע אויך. ער לייגט דערנאָך דאָס וועקסעלע גאַנץ געלאַסען צונויף, בעהאַלט עס גוט אין טאַש ביי זיך, רוקט זיך באַלד טאַקי פון דער שטוב ארויס און שמעריל נאָך איהם.

---

יענער טאָג איז געוועזן א גוטער טאָג פאַר איידיל. זיא האָט איבער־געקלערט אלעס, וואָס עס איז מיט איהר געשעהן אין דער לעצטער צייט, דיא גרויסע ענדערונג, וואָס איז געקומען אין איהר לעבען, און האָט אויפגעהויבען דיא הענד מיט א דאַנק צו זיין ליעבען נאָמען, וואָס ער האָט איהר געגעבען אזא טהייערן מאַן, אזא גליק, וואָס איהר איז געקומען אומגעריכט. פאַר גרויס שמחה האָט זיא גענומען א פעדער און זיך געזעצט שרייבען א בריעף צו דיא עלטערן. זיא האָט זיך אָבער באַלד מישב געווען און אָבגעלייגט דאָס שרייבען אויף שפּעטער אביסעל, ווען זיא וועט שוין קומען אויפ'ן אָרט מיט איהר מאַן בשלום און זיך ארומקוקען, זעהעז אלסדינגג דאָרט מיט איהרע אויגען, דאָס

גוטס און דאס גרויסע גליק, וואס זיא האט געטראפען, דערנסטמאל וועט זיא אהיים שרייבען איטליכעם פיצעלע בעזונדער גאנץ קלאר, דערפרייען זיי מיט גוטע בשורות פון איהר גליק, דערצו וועט זיא נאך שיקען איטליכען מתנות: דעם טאטען, דער מאמען און דעם איבריגען הויזגעזינד. און כפי עס זעהט אוים פונ׳ם היינטיגען געשעפטיל, דאכט זיך איהר, אז דער מאן האט שוין דא אבגעטהאן אלסדינג, זיי וועלען שוין באלד קענען אוועקפאהרען און זיא וועט קומען אם ירצה השם אין גיכען אין איהר רוה אריין...

ביי נאכט איז שמעריל אהיים געקומען לוסטיג, דאס פנים פערפלאמט. ער האט ארומגעכאפט דאס ווייב און אנגעהויבען צו פלאנטען מיט דער צונג עפיס האלבע ווערטער וויא א שכור:

— געעקט!... בעשפריצט מיט משקה און יעלה ויצמח, ברעך טעפ!... ס׳וועט אויפגעהן וויא א גארטען... ס׳וועט שפראצ...צען!...

— וואס רעדסטו אזוינס? וואס איז דאס פאר א לשון? — רופט זיך אן איידיל שטארק פערוואונדערט, אויסרייסענדיג זיך פונ׳ם מאנ׳ס הענד.

— אי־אי־אי, שמייליג!... זעהסט נאר דיא חסידית׳טע דא... קוק מיך אן, ריהר מיך נישט אן... נישט צופריעדען? נו, איז „אינה מקודשת“, געסמאהע דיר פארפיל!... יבנה המקדש!... פארשטעהסט וואס דאס איז טייטש אויף יוניש, הא? — טהוט שמעריל א זאג אנגעצונדען, אנקוקענדיג דאס ווייב בייז און לאזט אוים מיט א פייף.

— נו גענוג, גענוג, געה שוין געה בעסער שלאפען! — נעמט איידיל איין דעם מאן מיט גוטע רייד, אראבשלינגענדיג זיינע מיאוסע ווערטער.

ער לאזט זיך איינרעדען און זיא נעמט איהם אונטערן ארם, לייגט איהם אריין אין בעט, אנזאגענדיג איהם ער זאל שלאפען.

א גאנצע נאכט איז דערנאך איידיל געלעגען ביי זיך אויף איהר געלעגער און האט נישט געקענט איין אויג צומאכען. דעם מאנס אויפפיהרונג היינט האט איהר געשלאגען צום הארצען. עפיס אזוי גראב, אזעלכע משונה׳דיגע ווערטער האט זיא נאך קיינמאל נישט געהערט. דער קאפ האט זיך איהר געשפאלטען טראכטענדיג און איבערטראכטענדיג: וויים איך וואו ער איז געוועזען? מיט וועמען איז ער דארט צונויפגעקומען? א מאנסביל, א קשיא אויף א מאנסביל!... פאר גרוים פערדרוס זענען איהר דיא אויגען פארלאפען מיט טרערען. — ניין, ניין, ווייטער וועט עס שוין ביי מיר נישט אזוי זיין! פון היינט אן וועל איך שוין קליגער ווערען. מען בעדארף איהם האלטען אין דיא הענד... אהן מיר, קיין טריט; אהן מיר, נישט אויף א האר!... א ווייב בעדארף אלסדינג וויסען... אזוי האט זיך איידיל געגעבען דאס ווארט, וויא זיך אויפצופיהרען מיט דעם מאן אויף ווייטער, נעהמען איהם אין דיא הענד

אריין, צוליעב זייערביידענס טובה ווענען טאקי. דאס האט זיא א ביטע בערוהיגט און זיא איז לסוף ענטשלאפען געווארען.

אויפגעשטאנען אויף מארגען איז איידיל שפעטליך און איז נאך געבליבען ליעגען אויף איהר געלעגער, טראכטענדיג ביי זיך, געמאכט א פלאן, וויא אזוי מען נעמט עפים דעם מאן אין דיא הענד אריין, ער זאל פאר איהר מורא בעקומען. דאס איינציגע מיטעל, וואס זיא געפינט צו דעם, איז ברוגז־ווערען. ברוגז זיין איז ביי ווייבער איבערהויפט דאס בעסטע מיטעל אקעגען דיא מאנען, בשעת עפים נאר א מלחמה, בעזונדערס אין דער ערשטער צייט נאך רער חתונה. דער שטארקסטער מאן אפילו קען זיך נישט האלטען פעסט אקעגען איין אנגע׳ברוגז׳ט ווייב מעהר וויא עטליכע טעג. דערנאך מוז ער בחרפה ובבושה אנידערלעגען דאס געוועהר און בעטען רחמים, ווערען א שטיל שעפעלע, ביז צום צווייטען רוגז.

איידיל האט זיך צוגעגרייט אנצוהייבען איהר ארבייט נאך אין דעם זעלבען טאג. זיא האט אנגענומען, וויא אויף א פראבע, א בייזע מיענע, געמאכט זיך ברוגז׳דיג, פערקרומט דיא נאז, אנגעלאדען גרייט צו דער מלחמה און געווארט, קוים זאל זיך נאר דער מאן ווייזען מיט א „גוט מארגען״ — וועט זיא דעם רוגז באלד אויסשיסען. אומזיסט אבער איהר ווארטען, ער ווייזט זיך נישט. עס הייבט זיך שוין אן טאקי גוט צו פערדריסען, עס קאכט אין איהר וויא אין א קעסיל. זיא ווייסט שוין נישט, וואס זיא זאל טהון. ליעגען און ווארטען קען זיא נישט מעהר, ווייל ביז וויא לאנג קען זיא דען אזוי ליעגען? אין ברירה, מען מוז אויפשטעהן. נאר אריין צו איהם דארט אין דעם צווייטען חדר, דאס נישט, אויף קיין פאל נישט! אזוי דרעהט זיא זיך ארום אין צימער נאך נישט רעכט אנגעטהון, זיא פערטיעפט זיך אין איהרע געדאנקען, טראכט, איז ברוגז, פלאם־פייער; דערווייל הערט זיא זיך טאקי צו מיט איין אויער צו יענעם צימער, דארט איז שטיל, זיא ווערט ציקאווע און עפענט פאמעליכע א ביסעל דיא טהיר, קיין שארך! זיא האלט עס מעהר נישט אויס און עפענט שוין מיט א מאל דיא גאנצע טהיר, טהוט א קוק אריין — ער איז נישטא!... ס׳איז א צופוקעניש, א שרעק, צו האלטען א פערדרוס אין זיך, נישט אויסצו־גיסען. זיא טראכט מיט א פערקלעמט הארץ: א איין עק, דאס לעצטע מא״ וועט עס איהם ביי מיר זיין! ער געהט זיך אהין ערגעץ צו זיינע דארט, פערברענגט זיך דיא צייט מיט ווייס איך וועמען, און אארען זאל עס איהם אנהייבען א ווייב.... א לשון א ביסעל נעכטען ביי נאכט אקעגען א ווייב! הא, זאל איך שווייגען? ניין... הא — וואס איז מיט מיר עפים אזוינס? וויא קומט צו מיר אזעלכע מיאוס׳ע געדאנקען, אזוינס גאר צו טראכטען? עפים איז ער אהער געקומען זיך דא שפיעלען, אזא מענש מיט געשעפטען. אוי, דאס הארץ, מיין הארץ... לאמיך זיך נאר אנטהון.

זיא טהוט א קוק אונטער דעם פאראוואן אין דעם צימער און גיט זיך אווארף צוריק טויט אָהן א נשמה...

— וואָס איז, מאַדאַם? נישטאָ אויף אייך, וועה איז מיר, עפּיס נישטאָ דאָך קיין פּנים. — טהוט דאָס דיענסט־מיידעל פון דער אכסניא א פרעג, אריינ' קומענדיג צו איידלען אין שטוב מיט'ן בעזים אין דער האנד.

— זאכען!... וואו דיא זאכען, מיינע זאכען? שרייט איידיל נישט מיט איהר קול, און עס ציטערן איהר אַלע גליעדער.

— אהאַ, דיא זאכען? — מאַכט דאָס מיידיל אויף א מין זינגענדיג לשון מיט א געלעכטער'ל, ציהענדיג דיא ווערטער — מעהר קיין צרות נישט!... שאַ, גיש־קשה, הי־הי־הי, נאָך גאַנץ פריה, כלחוך השור, איידער דיא ציינג אונזערע איז ארוים מיט דער סטאַדע אין פעלד אריין, האָט אייער מאַן אוועקגעפיהרט דיא זאכען, שאַ, ניש־קשה, און מיר געזאָגט, הי־הי־הי, האָט ער מיר געזאָגט אי־ער מאַן...

— נו, גיכער, גיכער, זאָג שוין! — טרייבט איידיל דאָס דיענסט־מיידעל

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— וואָס געזאָגט? — מאַכט דאָס מיידעל מיט א ביסעל לעקישיוואטע און צוויי שורות ווייסע ציין ענטפּלעקען זיך ביי איהר אין מויל — ווארט'ס נאָר אוים, לאָמיך זיך כאָטש דערמאָנען, וואָס האָט ער מיר געזאָגט, ער... הא, יאָ, טאַקי אזוי: אין א שעה ארום, האָט ער געזאָגט, הי־הי־הי, וועט ער קומען און וועט אייך נעהמען דאָרט אהין.

— וואו־אהין?

— וואָס הייסט וואו־אהין? — וואונדערט זיך דאָס מיידעל, ציהענדיג מיט דיא אקסלען — אהין איז אהין. מסתמא ווייסט איהר דאָך, וואו דאָס איז אהין...

— וויא שפּעט איז שוין אצינד? — פרעגט איידיל אויפגערעגט.

— וויא שפּעט עס איז אצינד, ווילט איהר וויסען? — ענטפערט דאָס מיידעל, פערקרומענדיג דערביי דאָס פּנים מיט חן — ס'איז שוין לאַנג האלבער טאָג! צייט, הי־הי־הי, צו עסען שוין דאָס אנדערע מאָל. הונדערט מאָל אודאי בין איך געקומען געוואָהר ווערען צו אייך און איהר, אָהן עין־הרע, האָט געשמאַק געשלאָפען וויא נאָך א באָד. הי־הי. וואָס זענט איהר עפּיס אזוי בלייך? אוי, זאָל איך אפשר גיין אייך ברענגען אָנצובייסען?

— ניין, ניין! — ענטפערט איידיל, א מאַך־געבענדיג מיט דער האנד נערן געוועזן ארויסצו'פּטר'ן דאָס דיענסטמיידעל און בלייבען אַליין.

---

דעם גאַנצען טאָג האָט איידיל צוגעבראַכט אין צרות און אָבגעגעבען זיך א רעכנונג פון אַלסדינג, וואָס מיט איהר איז געשעהן. דיא גאַנצע מעשה מיט

שמערלין היבט זיא אָן נוט צו בעטראַכטען, צוגליעדערן אין דיא גערדאַנקען, און עס קומט איהר אויס משונה־ווילד, דער אָנהייב פון דער מעשה נאָך ווילדער ווייא דער סוף...

פלוצים קומט ווי פון׳ם הימעל אַראָבגעפּאַלען אַ שמעריל. וועד שמעריל, וואָס שמעריל, פון וואַנעט שמעריל? דאָס ווייס קיינער נישט! גלאַט אַזוי אַ שמעריל, אַ מאַנסביל, אַ יונגער־מאַן, און גענוג. — ס׳איז אַ חתונה, עס שפּיעלען כלי־זמר, מען טאַנצט און מען שפּרינגט, אַ שמחה, אַ פרייד!... זיא, אַ יודישע טאָכטער, געהט אונטער דער חופּה, ווייל זיא איז זיך סומך אויף דיא עלטערן, מסתמא ווייסען זיי דאָך וואָס זיי טהוען, מיט וועמען זיי מאַכען איהר חתונה. דיא עלטערן איהרע ווידער האָבען זיך סומך געווען אויף דיא שדכנים, גאַנץ עהרליכע יודען, וואָס קענען נישט זאָגען קיין ליגען חלילה, און דיא שדכנים זיינען זיך סומך אויף דעם, וואָס זיי האָבען געהערט פון׳ם עולם; ס׳איז אַ קלאַנג אין שטאָדט, און אַז עס קלינגט איז דאָך מסתמא אמת, תורת־לאַקשען.

אַצינד ערשט עפענען זיך איהר דיא אויגען און זיא זעהט וויא שענדליך דאָס איז, זיך צו פערבינד׳ען מיט אַ מענש איידער מען קען איהם פריהער גוט, ווער ער איז און וואָס ער איז, אַצינד ערשט גיט זיא זיך אַ כאַפּ: געוואַלד, וויא נאַריש מיר יודען זענען, וואָס לאָזען זיך איינרעדען, פערבלענדען אין שדוכים פון יענע ליגנערס, וואָס בעדיענען זיך מיט דעם ווערטעל „זווג מן השמים", ווייל עס טויג זיי צו דער פרנסה. אויף אַלסדינג ביי אַ שדוך האָבען זיי נאָר דאָס איינע ווערטעל, דיא איינע תשובה אויף אַלע טענות. יענע אַלע טענות, אַ שטיינער: עס געשיקט זיך נישט דאָס, ס׳איז עפּים נישט רעכט יענץ, אַ ביסעל קרום, אַ ביסעל אַ מום, אָט דאָס טאַקי גופא דיענט ערשט פאַר אַ בעוויז, אַז ס׳איז פון׳ם אייבערשטען און מען טאָר נישט איבערדענקען, נאָכקלערען ווענען דעם. נאַראָנים גלויבען און עס פאַלט זיי גאָר נישט איין צו פרעגען: וויא אַזוי ווייסען עס אָט יענע ליגנערס, וואָס גאָט וויל? האָט ער עס אפשר זיי דערציילט? און אויב יאַ אַזוי, וויא דיא דאָזיגע ליגנערס זאָגען, אַז זיי זיינען שליחים פון גאָט, וואָלטען דאָך אַלע שדוכים, וואָס ווערען דורך זיי אויסגעפיהרט, בעדאַרפט האָבען אַ האַפט, אַ קיום אויף אייביג. היינט פאַר וואָס זעהען מיר אַזוי פיעל אונגליקליכע פאָר פאַלקען, אַזוי פיעל געוויין און טרערען, שנאה און קריעג, גרושות און עגונות צווישען אונזערע יודען?...

אוי, ס׳איז אַ שווינדעל. דיא גאַנצע זאַך מיט דיא זווגים, איז נישט מעהר וויא נאַרישקייט און בעטריגעריי. דאָס זעהט זיא שוין ביי זיך אַליין. וואו איז אָבער פריהער געווען איהר שכל, וואו איז געווען דער שכל פון דיא עלטערן? רבונו של עולם, מענשען אַ חוץ וואָס זיי זענען זכרים און נקבות, זענען זיי דאָך עפּים דערצו אויך מענשען מיט אַ נשמה, מיט מענשליכקייט,

מיט געפּיהלען — און עס בעדאַרף דאָך ביי זיי אַנדערש זיין וויא ביי בהמות... צוליעב כאַפּעניש און איילעניש אָהן בערעכנונג, איז זיא מיאוס אריינגעפאַלען, נאָם ווייסט וועמען אין דיא הענד אריין, און איז אַצינד אין א גרויסער צרה. זיא איז נאַקעט, בלויז, נאָר אין איין סיטצען קליידעל אויף איהר לייב, אָהן א גראָשען אין קעשענע און עלענד וויא א שטיין אין דער פרעמד. וואָס וועט איהר סוף זיין דאָ, און דער סוף פון איהרע עלטערן דאָרט, אז זיי וועלען בעקומען דיא בשורה וועגען זייער אומגליקליכער טאָכטער? אזא אוּמגליק, אזא שאַנדע, ס'איז א בושה אין פנים און א ווייטאָג אין האַרץ.

דאַכט זיך גענוג ביטער, גענוג פינסטער. און פּלוצלינג — געה טרעף א מענשענס האַרץ, — גיט איהר שוין א שטיקעל האָפנונג: ניין, אונמעגליך, לאָמיך נישט זינדיגען מיט דיא רייד, אימזיסט איהם חושד זיין, עס קען זיך אויסלאָזען גאָר נישט... מען בעדאַרף וואַרטען, האָבען געדולד, לאָז דערווייל זיין שאַ. — גוט וואָס דער בעל הבית פון דער אכסניא איז גראָד אַצינד אוועק־געפאָהרען אויף א פּאָר טעג. לאָז ער נישט וויסען. לאָז דערוויל זיין שאַ...

זיא שטעלט זיך קוקען אין פענסטער, זיא קוקט און נעמט זיך דיא אויגען, אַרוים קוקענדיג — נישטאָ.

אזוי איז איר פערגאַנגען דער טאָג אין לייד, אין אַנגסטען, אין טרערען, נישט צו נעהמען אין מויל אריין עפּיס עסען. ביי נאַכט איז זיא אַנידערגעפאַלען אויף איהר געלעגער וויא א דער'הרג'עטע.

---

אויף מאָרגען פריה קומט אריין דאָס יודעל מיט דעם בלינדען אויגעל. איידיל ווערט עפּיס וויא לעבעדיג, דערזעהענדיג פאַר זיך א בעקאַנטען מענש. הגם ער איז פריהער נישט געוועזן ביי איהר אזא חשוב, און זיא טהוט זיך א לאָז איהם אקעגען.

— אוי, א זעהר אַנגעלייגטער גאַסט, כ'לעבען, ווען איך זאָל געוועז: וויסען וואו איהר וואוינט, וואָלט איך נאָך נעכטען געקומען צו אייך אהיים... איהר האָט געהערט?... זאָגט, אפשר ווייסט איהר עפּיס... אפשר ווייסט איהר וואו ער איז? — טהוט איידיל א פרעג, וואַרגענדיג זיך מיט טרערען און נעמט נישט פון'ם יודעל קיין אויג אַראָב.

— איך האָב געהערט. ער זאָל אזוי וויסען פון זיין לעבען צו זאָגען, דער ממזר, דער גזלן, וויא איך וויים פון זיין געביין. גענוג געלד, גענוג צייט קאָסט ער מיך, אָט דער כל־בו'ניק. פגר'ן זאָל ער וואו ער איז, קיין גוטס זאָל איהם נישט זיין, אזוי לאַנג וויא ער וועט לעבען, פאַר מיין געלד. אַי, איך זאָל וויסען וואו ער איז ערגיץ, הע־הע־הע. וואָלט איהש שוין נישט־קשה א רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אריין, — רופט זיך אָן דאָס יודעל שטאַרק בייז, מאַכענדיג דערביי מיט דעם גראָבען פינגער אהין און אהער.

— אוי אומגליקליך, אזוי אומגליקליך... איך בין נעקוילעט, געבליבען אזוי וויא איהר קוקט מיך דא אן, איך האב נישט מעהר אין מיין פערמעגען וויא דאס איינציג קליידעל, וואס אויף מיר. וואס קען איך אצינד טהון, וואו זאל איך אצינד געהן? — וויינט איידיל און בעדעקט זיך דאס פנים מיט ביידע הענד.

קיין תשובה.

איידיל כליפעט, און דאס יודעל בעטראכט זיא שוויינענדיג, מעסט זיא אויס מיט דעם געזונטען אויג פון קאפ ביז פיס, און יענץ מיט דעם ווייסען פינטעלע ארבייט אויך, ווארפענדיג זיך בלינדערהייט ארויף און אראב.

— וויינט נישט, איך בעט אייך, א שאד אייערע אויגען, וויא איך בין א יוד, —טארעט זיא פלוצלינג דאס יודעל ביים אקסעל, מאכענדיג עפיס מיט א קול פון געבעטע, גלייך וויא עס רייסט איהם שטארק דאס הארץ— נו, גענוג! האט'ס רחמנות אויף אייערע יונגע יאהרען און הערט אויף צו וויינען.... לאמיר זיך נישט נארען און בעטראכטען דיא זאך געלאסען, אזוי וויא זיא איז. אין אמת'ן האט איהר דאך דא גאר נישט פערלוירען. אדרבה, אין דער ערד אריין מיט אזא כלב שבכלבים; איהר מעגט נאך אויפהייבען דיא הענד צו זיין ליעבען נאמען און מאכען א ברכה „ברוך שפטרני“... און וואס איז אזוינס דא, איך בעט אייך, דאס וויינען? איהר זענט דאך צווישען יודען, נישט ערגיץ אין א וואלד צווישען גזלנים אדער אין א מדבר צווישען חיות רעות, חלילה.

— אי, ס'איז דאך אבער שלעכט, אצינד איז מיר זעהר ביטער, —קלאגט זיך איידיל וויא פאר איין אייגענעם— נישטא צום לעבען קיין גראשען אין קעשענע און איך בין נאך שולדיג אנדערע. ער איז אוועק און האט מיך דא איבערגעלאזט פאר א משכון. אויף דער אכסניא קומט, מען האט שוין אריינגעשיקט צו מיר מאהנען; היינט קומט דאך אייך אויך, איהר האט דאך אויף מיר א וועקסעל...

— נו, וואס איז? אז עס קומט, זאלט איהר זיך צערייסען, זיך נעהמען אזוי צום הארצען און חלילה־וחס מיר־נישט דיר־נישט. גאנץ שכל'דיג כ'לעבען, אדרבה, וועגען דעם טעם אליין טאקי, וואס איהר זענט שולדיג אנדערע, ליעגט אויף אייך א חיוב אקעגען זיך אליין, איהר זאלט אבהיטען אייער געזונד, טהייער האלטען אייערע שיינע אויגען און אייער לייב, איהר זאלט קענען, פערשטעהט איהר מיך, ארבייטען און פערדיענען אויף פרנסה, און דערנאך זיך ארומצאהלען מיט אייערע בעלי חובות. עס האט זיך שוין ביי יודען אזעלכע זאכען געטראפען... איך פון מיין זייט, אך, בין גרייט צו ווארטען. נו, וואס־זשע איז דא פאר אזא אומגליק? אי דיא מורא, וואס איהר בלייבט אייז ענונה, עט!.. טאקי נאך א מאל עט, נארישקייטען כ'לעבען! מיר וועלען

שוין מיט דעם איבערשטענס הילף אויף דעם אויך געפינען א תחבולה, ניש־קשה!...

איידיל בלייבט שטעהן זעהר געריהרט פון אזעלכע גוטע טרייסט־ווערטער און ווייסט נישט רעכט וויא צו דאנקען דעם יודעל פאר זיין גוטקייט, וואס ער שטעהט איהר ביי אין דער נויט.

— אט ווייסט איהר וואס — ווענדט זיך דאס יודעל צו איידלען גאר פריינדליך — קומט, זייט מוחל, דערווייל צו מיר אהיים אויף קוואטיר. ביי מיין ווייב וועט עס שטארק אנגעלייגט זיין, וויא איך בין א יוד! איך זאל אזוי לעבען, וויא איהר וועט דערמיט מיין ווייב מאכען א פערגניגען. זיא איז זעהר א גוט מענש, איטליכער איז איהר ליעב. לאזט זיך נישט כ'לעבען לאנג בעטען. פערדיענען וועט איהר, איך וועל שוין אם ירצה השם טראכטען, אז איהר זאלט פערדיענען. עט, גאר־נישט, מיר וועלען זיך נאך אברעכנען, אבי געזונד... אט געה איך בעצאהלען פאר אייך דער אכסניא.

— א יודישע נשמה קען מען טאקי נישט שאצען! — טראכט זיך איידיל נאכדעם וויא דאס יודעל איז ארויסגעגאנגען — אויפ'ן אנבליק איז ער, דאכט זיך, עפּים נישט אזוי און וואס פאר א גוט הארץ ער האט! א יוד בלייבט טאקי א יוד. וויא מיאוס ער מעג זיך זיין פון דרויסען, אזוי שיין, אזוי ריין איז ער אינווייניג. גאט זאל מיך נישט שטראפען פאר דיא זינד, איך האב עס פריהער אין איהם גאר נישט ארויסגעזעהען און האב איהם נישט געקענט ליידען...

בשעת איידיל טראכט דא אזוי און האט שטארק חרטה דארויף, וואס זיא האט אין הארצען אומזיסט־אומנישט פיינד געהאט אזא כשר'ע נשמה, קומט דאס יודעל אריין צוריק, נעמט איידלען ארויס פון דער אכסניא און פיהרט זיא צו זיך אהיים — צו זיין ווייב ש י י נ צ ע.

---

שיינצע איז א בעלייבטע, א בייכיגע, א דיקע, קורצגעוואקסענע יודענע, שוין א בעטאגטע, אין דיא עלטערע יאהרען. דאס פנים אונטען־צו מגושם־ברייט פון דיא פעטע אראבהענגענדיגע פאר באקען מיט געלע פלאמעס, צווישען וועלכע עס שלענגלען זיך רויטע דינע עדערליך. אויבען־צו איז עס צוגעשפּיצט מיט א קליין שמאל שטערענדיל, אונטער וועלכען עס זיצען פערמיעפּט צוויי גרויע קליינע פייכטע אייגעליך מיט א גלאנץ עפּים וויא פון גלאז. דיא גאנצע געשטאלט פון איהר גוף איבערהויפּט, אט אזוי וויא ער געהט פון אונטען ברייט און דערנאך שמעלער־שמעלער ביז ארויף, זעהט אויס נאר טאקי עפּים וויא א הימעל צוקער. דער מלאך דארט האט זיך ביי איהר געבווירען־ווערען הפנים געפלייסט, וויא א בריה א משרת, איינגעפּאקט איהר נשמה'לע און ארויסגעלאזט אויף דער וועלט אזא סחורה אין א שקארמיץ... אויף דער וועלט

האָט דיא דאָזיגע סחורה געהאַט אַ גאַנג און שטאַרק געגאָלטען אונטער דעם נאָמען „דיא מוהמע שיינצע".

אין דער יוגענד איז שיינצע געווען דאָס, וואָס מען טאָר נישט זאָגען... מוידווייז האָט זיא זיך אויפגעהאַלטען אין איינע פון יענע הייזער, וואָס מען טאָר אויך נישט זאָגען — און ניש־קשה געלעבט. נאָר פּליצלינג, שוין אַ ביסעל אין דיא יאָהרען, נעמט זיא און האָט חתונה, שטעלט זיך פאַר אַ ווייב ביי לוי בחור..

שיינצע'ן איז דאָס מזל געגאַנגען. זיא עפּענט אַ הייזעל און איז מיט דער צייט געוואָרען אַ בעל־הבית'טע מיט אַ געשעפט אַליין פאַר זיך. שיינצע האָט שטאַרק אָבגעהיט דאָס יודישקייט, איז געוואָרענט געווען אין דיא ווייבערשע מצוות, געגאַנגען שבת אין שוהל אריין מיט אַ גרויסען גראָבען „קרבן־מנחה", און געוויינט ביי דיא תחינות, געגאָסען טייכען טרערען. אויפ'ן קאָפּ האָט זיא געטראָגען אַ זיידען טיכעל, נישט קיין היטעלע, חלילה, טאַקי גוט־גוט אראָבגערוקט, עס זאָל איהר קיין האָר נישט ארויסקוקען. אָט דאָס טיכעלע איז ביי איהר געווען גאָר קיין קאַטאָוועס, איהר גאַנצער שטאָלץ: דאָס טיכעלע האָט דאָך פערדעקט דיא חרפּה און געוויזען דער וועלט, אַז זיא איז אַ ווייבעל. צו איהר גליק איז איהר נישט מעהר אָבגעגאַנגען וויא קינדער. נאָר קינדער אָבער האָט זיא נישט געהאַט און דאָס האָט איהר פאַראומערט דאָס לעבען. „געה פרעג גאָט אַ קשיא", איז דער שטייגער איהרער געווען זיך צו קלאָגען, טאַפּענדיג זיך ביים קאָפּ, „שוין אַ צוגעדעקטער קאָפּ", ברוך השם, שוין מיט אַ טיכעל, און פאָרט גאָר־נישט, אַלץ טאַקי וואָס פריהער, מסתמא איז אַזוי רעכט!...

שיינצע און לוי זענען געווען אַ גלייך פּאָר פאָלק, טאַקי אַ זווג מן השמים. ביידע האָבען געאַרבייט אין דער פּרנסה, ארויסווייזענדיג זיין בריה'שאַפט, איטליכער נאָך זיין גאַנג. און ווען שיינצע האָט ביי דער וועלט פערדיענט דעם נאָמען „מוהמע", האָט לוי פון זיין זייט כשר פערדיענט דעם נאָמען „בחור". וויא בלינד ער איז געווען אויף איין אייגעל, איז קיינער צווישען זיין חברה נישט געווען אַזאַ מבין אויף „סחורה" וויא ער, מען בעדאַרף נישט פערגעסען ווער דיא חברה־לייט, וואָס האַנדלען ביי יודען מיט „לעבדיגער סחורה", ווער אַזוינס זיי זענען. אַלע דאַרכגעטריבענע, קלוגע ממזרים, יאָלדען מיט ביינער. עפּיס אַ שפּאַס, וואָס זיי טהוען איבער, קעהרען וועלטען, דרעהען און פערדרעהען ביי יענע דיא קעפּ, בלענדען און פערפיהרען הונדערטער נפשות מיט אַלערליי המצאות. ס'איז דאָ צווישען זיי אַלע מיני פאַקוסניקעס, קאָמעדיאַנטען, וואָס מאַכען דיא שפּיעל, פערשטעלען זיך, כדי יענע צו פערפיהרען, פאַר חתנים, פאַר מענשען מיט געשעפטען, פאַר אַגענטען, פאַר גלאַט גוטע שיינע כשרע יודען, וכדומה נאָך אַנדערע אַזעלכע פאַקוסען,

וויא עס פאסט צום עניו. היינט אז אזוינע לייט האבען תרבית פאר לוי'ן, האלטען פון איהם וויא פון א רבי'ן און פרעגען איהם א מאל א שאלה אין א הארב שטיקעל ארבייט, איז מסתמא לוי א בחור, טאקי וואס א בחור הייסט!

אט אין דער דאזיגער גאנצער מעשה מיט איידלען איז שמעריל, דער מאן כלומרשט, און לוי בחור, דאס יודעל מיט דעם בלינדען אייגעל, געווען יד אחת. דער בעל אכסניא, א געוועזענער משרת, א פאקטער, וואס פערשטעהט איין עסק. האט אויך ביי זיי געטאנצט אין קאהן. דיא דאזיגע פארשוינען האבען דא געמאכט דיא שפיעל נאר וויא אין א טהעאטער. איטליכער האט געשפיעלט זיין ראלע וויא א מייסטער.

---

דא ביי לוי בחור אין הויז שטעלט זיך פאר איידלען א נייע וועלט מיט נייע צרות... דיא פריהערדיגע זענען נישט מעהר געווען וויא א הקדמה צו דער מעשה, וואס הייבט זיך ערשט דא מיט איהר אן... דיא מעשה אליין איז זעהר א שרעקליכע, אבער א גאנץ געוויינליכע; א מעשה, וואס טרעפט זיך כמעט יעדען טאג מיט נאך א סך אנדערע יודישע טעכטער, אזעלכע אומגליק־ליכע נפשות וויא איידיל. א מעשה, וואס איז בעקאנט און מען פערשפארט א סך צו רעדען וועגען איהר... עס הייבט זיך אן מיט גוטען, דערנאך געהט עס מיט בייזען. עס האט אין זיך אלערליי טעמים, זויער און ביטער. פון איין זייט: דאס פיהלען דעם חיוב אבצוהיטען זיין ווערטה, זיין מענשליכען כבוד און ארענטליכקייט. פון דער אנדערער זייט: נויט, עלענד, הונגער, פיין, צוואנג, וועקסלען, בעלי־חובות, עזות־פנימער, אלע מיני שלעק און אנשיקענישען... ס'איז אינווייניג אין זיך א קאכעניש, א שטארם, א מלחמה, און דער מענש איז נישט מעהר וויא א זינדיגער מענש, פלייש און בלוט — — און פאלט!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איידיל נעביך איז טאקי אויך געפאלען, אבער טיעף געזונקען איז זיא נישט אמת, ס'איז אויף איהר אויסגעגאסען געווארען דער צארן, מען האט איהר אנגעטהאן געבראטענע לייד, געפייניגט, צוגענומען ביי איהר דאס געזונד; — אבער דיא נשמה, דעם גייסט, א מתנה פון גאט, דאס צונעהמען ביי איהר, האט מען נישט געקענט. אויך דיא אייגענע מעשה טאקי, וואס מיט דעם שטן און איוב'ן: ביי דיר, וועלט, אין דער האנד איז יענעמס לייב, נאר נישט זיין נפש.. און דאס איז איינס פון דעם אייבערשטענס גרויסע נסים, זאנסט וואלטען דיא מענשען מיט זייערע חפצות שוין לאנג געמאכט איינער פון אנדערן ווילדע חיות.

אין איידל'ן האט זיך נאך געקלאפט א מענשליך הארץ מיט געפיהלען פון גוטסקייט און רחמנות. זיא האט געפיהלט דאס ביטערע הארץ פון פיעל

אומגליקליכע נפשות נעביך, וואָס זענען מיט איהר דאָרט געווען און מיט וועלכע עס האָט זיך אויך אזעלכע טרויעריגע מעשיות פערלאָפען. זיא איז זיי בייגעשטאַנען אין דיא נויטען, געווען פאַר זיי א גוטע מליצה און בשעת א מאָל א כעס, א רוגזא, פלעגט זיא זיך ארויסשטעלען פאַר זיי אַקעגען לוי'ן און דער מוהמע שיינצע, נישט קוקענדיג דארויף, וואָס זיא פלעגט אָפט דורכדעם האָבען יסורים, צוציהען צו זיך שנאה און לייד.

לוי בחור — דעם שבח מוז מען איהם אָבגעבען — פלעגט זיך זעהר געטריי בעשעפטיגען מיט דער ערציהונג פון זיינע „לערנמיידליך", וויא זיי האָבען ביי איהם געהייסען, געקנעלט מיט זיי וויא א גוטער מלמד און אָנגעווענדט אַלע מיטעל, ארויסצוטרייבען פון זיי דאָס קליינשטעדטילדיגע ווילדקייט, דאָס שעהמען זיך פאַר לייט, דאָס נארישע שמייליגע עקשנות, און לערנען זיי דרך־ארץ, צו זיין פארטיגע מענשען... „דרך־ארץ איז פריהער פאַר אַלע זאַכען"!
אזוי איז דער שטייגער זיינער געווען צו זאָגען, „א מיידעלע בעדאַרף זיין א שטילעטשקע, א גוטעטשקע, ליעב האָבען מענשען און אויפנעהמען איטליכען פריינדליך מיט א זיס־־שמייכעלדיג פנים"... און אז עס האָט נישט געהאָלפען קיין רייד, פלעגט ער שוין געברויכען דיא הענד, א שטעקען און א ריעמען אויך. נאָר עפּים נישט אזוי, זענען געפלויגען פעטש, קלעפּ, וויפיל ס'איז נאָר אריין. א מאָל איז מען אויך געזעסען ביי איהם פערשפּאַרט אין א קעלער, אָהן עסען, אָהן טרינקען, און דאָרט האָט דיא גרעסטע עקשן'טע אפילו תשובה געטהאָן אויף איהרע זינד, ארויסגעשלאָגען זיך פונ'ם קאָפּ דיא נארישקייט, דיא קליינשעט־טילדיגע מיאוסע נענג, וויא בושה, שמייליגקייט וכדומה אזעלכע ווילדע זאַכען..

דער טייפעל, דער מלאך־חבלה, וואָס איז פול און פול מיט אויגען, מאַכט נישט אָן אזא מורא וויא לוי בחור מיט דעם בלינדען אייגעל. אין איהם שטעקט אפשר א צעהנדליג טייפעל. און דאָס בלינדע אייגעל זיינס, וואָס ווארפט זיך איהם אין אַלע זייטען, איז עפּיס נאָר טאַקי וויא א מת, וואָס האָט נישט קיין רוה אין קבר און בלאָנקעט זיך ארום נאָכ'ן טויט אויף דעם עולם התועה. זעהר פיעל מיני נפשות אזוינע זענען דאָ אויף גאָט'ס וועלטעל, וואָס האָבען דאכט זיך א מענשליך געשטאַלט, עסען און טרינקען וויא מענשען, און באמת זענען זיי נאָר רוחות, טייפעל. דאָס זענען דער נידריגסטער סאָרט לצים, טייפעל שבטייפעל. דעזערטירען, וואָס האָבען זיך דאָרט אין גיהנום אָבגעריסען פון דער קייט, אריבער דיא גרעניץ בגנבה און געקומען אהער, צו פערפיהרען דעם עולם מיט האָקוס־פּאָקוס, אָנצוטהון דער וועלט גרויסע צרות, און עס איז נישט פון זיי פּטור צו ווערען, נישט דאָרך א שפּרוך, נישט דאָרך אויס־רויכערן מיט ווייררויך און אויך נישט דאָרך ט י נ ט, וואָס דער שטן אפילו מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע ציטערן דערפאַר. דיא גיהנום־פּאָליציי מיט איהרע

רוחות יאָגען נישט נאָך אַזעלכע מיאוסע דעזע־טירען, אויסוואָרפען, צו כאַפּען זיי און צו שליידערן צו אַלדע שוואַרצע יאָהר צוריק אין דער ערד אריין; אדרבה, עס טהוט זיי הנאה, וואָס זיי זיינען פּטור אַזעלכע פערשטונקענע רוחות, מחילה!....

היינט ווער שמועסט דיא מוהמע שיינצע, זיא האָט געוועלטיגט גאָר אַ שרעק. געוואָלט אַז חוץ איהר זאָל קיינער אין שטוב ניט טאָרען אויפהויבען דעם קאָפּ, האָבען עפּעס אַ ווילען. זיא פלעגט זיך אַליין קלאָגען אויף היינטיגע צייטען, אויף היינטיגע מענשען:

—— אַט אַזוי האָט מען עס היינט פון זיי, פון מיינע יפהפיות דאָ, מיין איך! מען וואַשט זיי, מען רייניגט זיי, מען שוכט און קליידעט זיי. און אַז עס כאַפּט דיא זעט, ווערט עס פריצות, קיינמאָל נישט צופריעדען, גלייך מען וואָלט זיי דאָ געקוילעט. אוי צייטען, היינטיגע צייטען!...

איז איינע געווען זעהר שיין, פלעגט עס זיא אין הארצען שטאַרק פער־דריסען. פלעגט זיך שטעלען מיט יענער פערהערען און דערצעהלען איהר פון יענע גוטע יאָהרען:

— אַט אַזוי, טאָכטער, בין איך שיין געווען, נאָך אפשר צעהן מאָל מעהר, מען האָט זיך פּשוט אויף מיר געהאַנגען. נעם זיך גאָר נישט איבער, דו נאַרעלע! אודאי הייסט עס אַצינד איך בין אַלט, נאַר וויא דו קוקסט מיך אָן אַט־אָ — דערביי האָט זיא געמאַכט אַ פריקרע־זים שמייכעלע, אויסשטרעקענדיג זיך וויא גרויס זיא איז, דאָס קעפּעלע פערוואָרפען אַהינטער, דאָס בייכעל אויסגעפּוצט פאָרענט־צו, נעמענדיג זיך מיט ביידע הענד ביי דיא זייטען — אַט וויא דו קוקסט מיך אָן־אָ, איז נאָך שיינצע גאָר ניש־קשה'דיג... מאַך נאָר נישט קיין חן, דו!

האָט זיך איינע אַמאָל איינגעשפּאַרט אין עפּיס אַ זאַך, נישט געטהאָן באַלד וואָס זיא הייסט, האָט זיך דיא מוהמע שיינצע צעשריגען און דינע רויטע עדערליך זענען איהר ארויסגעטרעטען אויף דיא פעטע מיט שמאַלץ אָבגעגאָסענע באַקען:

— אויף מיר אַ מענש!... זיא מיינט, זיא איז אויך עפּיס, זיא האָט אויך אַ ווילען!... דו ביזט נישט מעהר, חצופה איינע, וויא אַ גולם, אַ שטיק פליישׁ, אַ נבלה!...

אַ דם־שונא איז דיא מוהמע שיינצע געווען איידלען, אי פאַר איהר שיינקייט, אי פאַר איהר גוטקייט, וואָס זיא שטעהט אַזוי פאַר דיא חבר'טעס איהרע, און דאָרכדעם זיי ארויסגעבראַכט אוים דער העזה.... אונטער דיא אויגען פלעגט זיא זיך אַליין בעקלאָגען אויף איידלין:

— אַט האָסטו דיר דעם דאַנק פאַר דער טובה, וואָס מיר האָבען איהר געטהאָן! דער מאַן מיינער איז איהר בייגעשטאַנען אין דעם אומגליק, בשעת

זיא איז געבליבען א וויסטע עגונה, עלענד וויא א שטיין. נישט גענוג, וואס ער האט זיא נישט געמאהנט זיין אייגען געלד, וואס קומט פון איהר, האט ער נאך אנדערע אויסגעצאהלט חובות פאר איהר. מיר האבען זיא אריינ־גענומען אין הויז צו זיך, זיא עסט אונזער זאלץ און ברויט, טראגט אונזערע קליידער און טהוט זיך אן וואוילטאג פון אונזער גוטס. ווען נישט מיר, וואלט זיא דאך, דיא עגונה, גע'פגר'ט פאר הונגער, און היינט... היינט...

דיא מוהמע שיינצע איז, נאך איהר שטייגער דענקען, אפשר טאקי פאר זיך נישט אומגערעכט געווען. באמת, האט דאך איידיל מיט איהרע גוטע רייד, מיט איהר גאנצער בענעהמונג איינגעגעבען איהרע חבר'טעס שכל, זיי געלערנט נישט צו פערליערען אין גאנצען דאס מענשליכקייט, האבען אליין פאר זיך אויך א שטיקעל ווילען; פונקט פערקעהרט פון דער מוהמע שיינצע'ס תורה. „מען איז טאקי", פלעגט זיא זאגען, „ביים טייפעל אין דיא הענד; ער האלט פעסט מיט ביידע לאפעס, שלעכט, מען איז געפאנגען. נאר דער גוף וויא דער גוף, גאט'ס נשמה אבער מוז מען אבהיטען, זיא האלטען ריין וויא ווייט מעגליך. גרויסע צדיקות'ן, שטעהט געשריבען אין ספרים, זענען אמאל אויך געווען געפאנגען און דער גוטער גאט האט זיי מוחל געווען דיא זינד צוליעב דער ריינער נשמה זייערע"...

דיא חבר'טעס האט דאס הארץ געצויגען צו איהר. זיא איז ביי זיי געווען דער קאפ. מ א ל ו ו י נ ק ע, א יאדערדיג מיידעל, א קלוגס, א לעבעדיגס, א פרייליכס, מיט א ברייט פנים און א פערריסען נעזיל, האט איידלען געקריינט מיט דעם נאמען „אפיציערקע", און אזוי האט זיא געהייסען ביי איטליכען. דיא „טערקינע" אפילו, וואס פריהער איז זיא געווען דיא עלטסטע, האט מוחל געווען אויף איהר כבוד און איז צוגעקאכט געווארען צו איידלין, זיא האט אין איהר געקלעבט נאך פיעל מעהר פון אלע אנדערע. — דיא דאזיגע טערקינע, ג י ט ל מיט'ן נאמען, האט געשטאמט פון א קליין שטעדטיל ערגיץ, דלפוניוווקא, וואס דיא איינוואהנער דארט זענען עהרליכע יודען, ביטערע קבצנים. עפיס איינער, דער גוטער יאהר ווייסט איהם ווער ער איז, איז א מאל געקומען אהין אין שטעדטיל און געלאזט מעלדען: הנה זייט וויסען, ווער פון דיא היעגע מיידלאך וויל מאכען א גוט לעבען, פערדיענען גאלד פון האנד־ארבייט, זאל פאהרען מיט איהם אהיים קיין סטאמבול... דער גאנצער עולם יודען פונ'ם שטעדטיל האט זיך באלד טאקי א לאז געטהאן צו איהם, איטליכער וויינט, בעט: געוואלט, האט רחמנות און נעמט מיין טאכטער! ער האט זיך דער־בארעמט און אויסגעקליבען דריי מיידליך, דיא שענסטע אין שטעדטיל, און גיטל איז אריין אין דעם צעטעל פון דיא דאזיגע „גליקליכע". דער שפיץ פון דער זאך איז געווען, אז נאך פיעל פאהרעניש איז גיטל מגולגל געווארען צו לוי בחור אין הויז און איז דארט למזל געווארען א ט ע ר ק י נ ע. נישט אנצוקוקען דיא טערקישע שטאדט סטאמבול אפילו אין דיא אויגען.

איידלין האָט אין דער מיאוסער לאַנגע איהרער צונעגעבען קראַפּט אויס־צוהאַלטען איהרע צרות נאָר דער גלויבען, דיא האָפנונג אויסגעלייזט צו ווערען פונ׳ם טייפעל׳ס האנד. זיא האָט אַלץ געהאָפּט, געהאָפּט — און לסוף...

דער סוף איהרער איז געווען וויא דער סוף פון אַלע אומגליקליכע איהרס־גלייכען — אַ קרענק, אַ פּלאָג, וואָס האָט זיך איהר דערנאָך אריינגעכאַפּט אין דיא ביינער. אַ היבשע צייט איז זיא אוועקגעלעגען אין שפּיטאָל, אין איין אָבגעזונדערט אָרט דאָרט, אָבגעריסען פון דער וועלט, פערוואָרפען, פערגעסען, וויא אַ פערדאַרטע בלום, אַ צעבראָכען כלי, אַ שאַרבען, וואָס ניצט נישט מעהר קיינעם, וואָס מען מיידט אוים און שייעט זיך עס אָנצוקוקען...

דיא מוהמע שיינצע איז דיא גאַנצע צייט אפילו איין מאָל נישט געקומען צו איהר געוואָהר ווערען, אויך פערבאָטען און שטאַרק אָבגעהיט, אז דיא חבר׳טעם איהרע זאָלען צו איהר אהין אפילו דיא נאָז נישט ווייזען. זעלטען פּלעגט זיי נאָך פיעל מיה געראַטען, איבערשיקען איהר אַ ביסעל איינגעמאַכטס צום קוויקען זיך דורך מאַלווינקע׳ן, וואָס פלעגט זיך איינשטעלען בגנבה און אריינכאַפּען זיך צו איידלין מיט דער איבערגעפּעקעלטער טרפה סחורה.

איידיל איז געלעגען אין שפּיטאָל ביז זיא איז אַרוים שלאָף, צעבראָכען, געל וויא וואַקס, אויסגעדאַרט, אויסגעטרוקענט; דיא האָר אויסגעקראָכען, אין איין אַלט אָבגעבלאַקעוועט קליידעל... און נישט צו האָבען קיין אָרט, וואו דעם קאָפּ אנידערצולייגען, איז זיא כמעט נאַקעט, הונגעריג־פערשמאַכט צוגעקומען אבענד־צייט צו לוי בחור׳ס הויז. דיא מוהמע שיינצע אבער האָט זיא נישט געלאָזט אויף דער שוועל, פערשפּאַרט פאַר איהר דיא טהיר און זיא איז נעבעך געבליבען געפּלעווט, נישט צו וויסען וואו זיך אהינצוטהון, וואו דיא נאַכט איבערצולעבען.

אויף דעם אנדערן טאָג אין דער פריה האָט מען זיא געפונען ביי לוי בחור אין גאָרטען — הענגענדיג אויף אַ בוים.

. . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ווער איז אָנגעגאַנגען אזא נפש, מישטיינס־געזאָגט, וויא איין איידיל, אז זיא האָט זיך געהאַנגען. איז דען אזעלכע גאָר ווערטה פון איהר צו רעדען, זיא אויף דעם מויל צו ברענגען? עס פערשטעהט זיך אז ניין, אַ שיינע ריינע כפרה!... אָנגעגאַנגען איז זיא נאָר איהרע חבר׳טעם. אזעלכע נפשות מישטיינס־געזאָגט, אזא סחורה וויא זיא אליין. דער טאָג פון איידיל׳ס טויט איז ביי זיי אַלע געווען אַ טרויער. איהר לעבען פונ׳ם אָנהייב אָן און איהר וויסטער סוף האָט זיי געריהרט גום ביי דער לעבער, שטאַרק אָנצוהערענעש נעגעבען וויא ווייט אומגליקליך דערנידריגט זיי זענען — און זיי האָבען זיך שטאַרק פערטראַכט.

נישט צו מאַכען קיין גרויסע צערעמאָניעס, האָט מען איידלין, אזוי וויא זיא איז, אריינגעוואָרפען אין אַ מיסט־וועגעלע, געפיהרט אויפ׳ן בית־עולם און

זיא בעגראָבען וויא א הונד אונטער דעם פּלויט דאָרטען.

אויף דעם פרישען קבר איז געשטאַנען דיא טערקינע און מאַלווינקא, אראָב־געלאָזט דיא קעפּ און דערביי ביטער געיאָמערט, געקלאָגט.

— ע — ע! צו וואָס זיך נעהמען אזוי צום הארצען? — טהוט מאַלווינקא א זאָג, אויסווישענדיג זיך דיא אויגען און א מאַך־געבענדיג מיט דער האנד.

— דו זעסט, מאַלווינקא, אָט דאָס, דאָס? — מאַכט דיא טערקינע, אויסשטעלענדיג א פּאָר רויטע פערשוואָלענע אויגען פון הייסע בלוטיגע טרערען, און ווייזט איהר מיט א פינגער אויפ'ן פלויט אין א ווינקעלע.

— שפּינען־געוועב זעה איך מיט הוילע הייטליך פון פליעגען!

— אָט, דאָס שוועסטער, ביזט דו, בין איך, זיינען די אונזעריגע אלע; אָט אזוי איז אונזער סוף! דיא שפּינען אונזערע נאָגען אונז געפאַנגענע אין דער נעץ, נאָגען, נאָגען אויס,, געהען זיך דערנאָך ווייטער זייער וועג, און מיר הענגען, פוילען!... אוי, אַ צוזעצעניש! — לאָזט אויס דיא טערקינע אויף א וויינענדיג קול, אַנכאַפּענדיג זיך ביים הארצען — יענע וואָס פייניגען, פערפיהרען, נאָגען, זיי זיינען עס דיא פיינע לייט, און דיא געפּייניגטע, פער־פיהרטע, אויסגענאָגטע זענען... דו ווייסט וואָס?... יענע האָבען דאָ אויפ'ן בית־עולם, זעה נאָר זעה, דעם אויבען־אָן, מצבות מיט לאַנגע שבחים, און איידיל, דיא גוטע, דיא טהייערע, וואָס מען האָט פערוויסט איהר וועלט, פערגיפט איהר לעבען, זיא איז דאָ בעגראָבען וויא א הונד אונטער'ן פלויט! טאַטע־מאַמע, דער לעבעדיגער גאָט ווייסט וואו זיי זענען ערגיץ, קענען אפילו נישט האָבען דיא האָפנונג, זיך א מאָל אויסצו־וויינען אויף זייער טאָכטער'ס קבר. אוי, מיין אומגליקליכע איידיל, צו וואָס מענשען האָבען דיך געבראַכט!... אוי, וואו ביזט דו אל מלא רחמים, גוטער דערבארעמדיגער גאָט!..

— וואָס העלפט דאָס קלאָגען, וואָס העלפט דאָס וויינען, אז ס'איז גאָר נישט צו מאַכען? שאַ, שאַ, גענוג! — נעמט מאַלווינקא איין מיט רייד דיא טערקינע, בעט אז זיא זאָל נישט וויינען, און צעוויינט זיך אליין.

— איך בין אויך געווען א קינד, א געליעבט ציטערדיג קינד — צעגיעסט זיך דיא טערקינע אין אַנייעם קוואל טרערען — דיא מאַמע האָט געהאָט מיט מיר גענוג מיה, נעכטווייז איבער מיר נישט געשלאָפען, נישט דערגעסען, נישט דערטרונקען, ביז זיא האָט דערלעבט צו זעהען איהר קינד אויסגעוואַקסען וויא א בליהענדיגע רויז; פּליצלינג קומען מענשען צום גרייטען, מענשען אָהן הארץ, אָהן רחמנות, און האָבען דיא רויז איהרע אויסגעריסען, צעטרעטען... לאָמיך־זשע כאָטש אצינד מיך אויסוויינען, לאָז אין דעם דאָזיגען פרישען קבר אהין פאַלען צו איהר מיינע בלוטיגע טרערען, זיא זאָל וויסען, אז עס בעקלאָגט און בעוויינט זיא איהר געטרייע אומגליקליכע שוועסטער.. . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

# ישראליק.

..... לצים לאכען, נישטגוטע שפעטען. עס איז א געשפעטעריי, א געריידעריי גאַר פערריקט צו ווערען. דער קאָפּ איז דול.... דיא פּיס, אוי, פּיהלען נישט קיין אַנהאַלטעניש אונטער זיך — און איך הייננ, דאכט זיך, גאַר אין דער לופטען!.... דער רוח, דער אשמדאי טהוט עס מיך א נעהם און הויבט זיך מיט מיר אויף גאַנץ הויך. ער האָט מיך געטראָגען וויא א רוח א מלמד און זעהר גיך מיט מיר גע־פלויגען.

נאָך אונז זיינען נאָכגעפלויגען גאַנצע מחנות רוחות. א טהייל זיינען גע־פאָהרען רייטענדיג אויף עפּעס מיני פלעדערמייז, וואָס הייסען וואַמפּירען, א טהייל אויף דראַקאָנען, אזעלכע מיני בייזע שלאַנגען מיט פליגעל, אנדערע אויף סאָווּעס און נאָך אנדערע אויף יאַשטשירקעס. צווישען האָבען זיך געדרעהט אויך מכשפים, טאַשענשפּיעלער, פּאָקוסניקעס, שפרעכער פון אלערליי נאַציעס, אינ־איינעם מיט רוסאַלקעס. אלטע מכשפד'טעס, קאָרטענוואַרפערענס, ציגאַנערקעס פון איטליכער נאַמנה האָבען זיך אויפגעהויבען גאַנץ הויך, רייטענדיג אויף מעט־לעס, עפּעס אויף מיני דראַבעס, קאָכלעפעל, אויף קאָטשערעס און לאָפּעטעס. ס'איז געווען א פּחד אָנצוקוקען דאָס שרעקליך פּעקיל, וואָס האָט א גאַנץ וועג זיך געדרעהט, פּונקט וויא שטויב דרעהט זיך פונ'ם ווינד אין א רעדיל; וואָס האָט געטאַנצט, געשטיפט, געפייפט, געברומט, געפּישטשעט, געשווישטשעט, נישט גערוהט קיין רגע.

דער אשמדאי האָט מיך געהאַלטען אין זיין האַנד, וויא א פייגעלע, זיך גע־היט מיר חלילה קיין קוועטש נישט צו טהון, צייטענווייס זיך מיט מיר אונטערגע־שפּיעלט און געמאַכט קוצעניו־מוצעניו.

— ישראליק! — האָט ער איינמאָל צו מיר זיך אָנגערופען, בשעת מיר זיינען געפלויגען העט־העט הויך — קוק, זיי מוחל, אראָב אונטען וועסט דוא עפּעס זעהען און הערען.

— איך זעה — ענטפער איך, אראָבקוקענדיג אונטען — איך זעה עפּע: זעהר א שרעקליכען טומאַן. קוים־קוים וואָס איך זעה ארומקריכענדיג דאָרט עפּעס מיני בישעפעניש, ווילדע ברואים. זיי וואַרפען זיך, צאַפּלען זיך עפּיס משונה, קריכען איינער אויף דעם אנדערען, עפענען דאָס מויל, אזוי וויא זיי שרייען דאכט זיך, מיט קולות. נישט אנדערש דאָס איז דער גיהנם, מען מאַטערט זיך דאָרט און מען ליידט שווערע, ביטערע יסורים. איך זעה אָבער נישט און הער נישט ריכטיג וויא געהעריג

— באלד, באלד, ישראליק, וועסט דוא זעהען און הערען ריכטיג אלסדינג— זאָגט דער אשמדאי און טהוט מיר אָן שארפע ברילען וויא שפּאקטיוועס — אנו, וואָס זעהסט דוא אצינד?

— ערד, ערד! טהו איך א געשריי, נישט מיט יענעם פרעהליכען קול, וואָס קאָלומבוס האָט א מאָל א געשריי געגעבען בשעת ער האָט נאָך א לאנגער רייזע אויף דעם ים פּלוצלים דערזעהן דיא ערד פון אמעריקא; נאָר מיט אזא קול, וואָס איינער לאָזט ארויס ווען ער דערשרעקט זיך פאר עפּעס א ווילדע זאך. איך האָב דערקענט אונזער ערד מיט איהרע דערפער, מיט איהרע שטעדט און מיט אלע איהרע מיני פארשוינדליך. איך האָב געזעהען וואָס דאָרט געהט־פיר און בין פערציטערט געוואָרען.

— ציטער נישט אזוי, ישראליק! — בעט דער אשמדאי מיך מיט א שמייכעלע — נישקשה איך האלט דיך גוט אין דיא הענד. קוק בעסער און גיב מיר איבער ריכטיג וואָס עס טהוט זיך דאָרט אזוינס.

איך זעה אויף פעלדער ווייט ארום און ארום ליגען אויסגעשטרעקט טויטע קערפּער פון מענשען אינאיינעם מיט נבלות, געפיינערטע פערד. ביי א טהייל זיינען אָבגעריסען דיא הענד. ביי א טהייל דיא פיס. וויעדער ביי אנדערע קריכען ארויס דיא געדערעם. צווישען זיי קרימען זיך, צאפּלען זיך, נישט טויט נישט לעבעדיג, עפּעס מענשליכע געשטאלטען, מישטעהנס־געזאָגט. פון וואונדען רינט זיי בלוט, דיא מיילער אָפען, דיא אייגען פערזאָטען און דיא ליפּען פערברענט פערשמאכט פון דאָרשט. העט דאָרט טראָגען הינט גאנצע קעפּ, ראָבען און אנדערע מיני רויב־פייגעל בעפאלען דיא טויטע, פּיקען פּיקען זיי דיא אויגען און רייסען זיי אויס שטיקער פלייש.... אוי, בלוט! עס גיסט זיך, רינט בלוט גאנצע טייכען, פון וועלכע עס זעצט ארויס א הייסע פּארע, וואָס געהט ארויף ביז צו דיא וואָלקענס.

— נישקשה נארעלע! — פאלט ארייין דער אשמדאי מיר אין דער מיט רייד מיט זיינס א וואָרט — פון דיא וואָלקענס, נארעלע, וועט עס פערשטעהסט דוא מיך, אראָבטריפען אין גרויסע טראָפּענס, אָנצוטרינקען זאט דיא פעלדער מיט זייערע תבואות, און דיא שיינע וויינגערטנער, וואָס זייער וויין וועט דורכדעם גערָאטען און וועט דערפרעהען מענשענס הערצער... נישקשה, תכשיט מיינער. קוק ווייטער! הא, וואָס?

— הינט, זעה איך, לעקען בלוט — און מענשען... אוי, מענשען, מענשען עפּעס אזוינע בעפאלען וויא דיא הינט דאָרט זייערע טויטע ברידער, בעזוכען זיי,

בע'גנב'נען און בערייסען זיי, אהן א פּיצעל געפיהל פון מענשליכקייט, פון רחמנות. איינער דארט, זעה איך, א פערוואונדעטער, קוים וואס ער זיפּעט, עפענט דאס מויל, שטרעקט אוים דיא האנד, לעבצענדיג נעביך נאך וואסער, און יענע פארשווינען שלעפּען איהם, בעטאפּען איהם און נעהמען צו אלסדינג, וואס געפינט זיך ביי איהם, און אויף איהם מיט א קאלטע לעבער.... ניין, איך קען נישט קוקען שרעקליך, שרעקליך!

— עס! — מאכט דער אשמדאי מיט א קנייטשעלע, שפּעטענדיג אוים מיר — גאנץ געוועהנטליכע זאכען... מלחמות! וויא דען אנדערש? א שעהנער משא־ומתן וואלט, הלעבען, געווען פאר מיר, ווען מענשען חס ושלום וואלטען זינט דיא וועלט שטעהט ביז אצינד איינער דעם אנדערען נישט געמאכט דעם טויט. דאס איינציגע שטיקעל נחת, דאס איינציגע שטיקעל נוטצען, וואס איך, טייפעל, האב פון אייך, שעהנע, פיינע מענשעליך. שעהן איז נור דאס א: זיי פערדארבען, פערטיליגען, טהוען אן גרוים שאד, און אויף מיר גיסט מען אוים דאס גאנצע באד. זיי שעכטען און מיך מאכט מען צום שלעכטען. צבועקעס! אין דעם חומש'ל, אין דעם תנ"כ'ל, נישקשה, איז איהם גאנץ רעכט דיא מלחמות און דיא הריגות דארט. יענער, וואס איך טאר זיין נאמען נישט דערמאנען, הייסט ביי זיי דארט איש מלחמה, א פעלדמארשאל אין א רויטען מונדיר מיט שפּארען. דארט איז רעכט, נישקשה, און דא איז איהם שרעקליך, שרעקליך!... מאך נישט קיין חן, ישראליק. קוק!

— איך קען נישט, אסור! — שוועהר איך ביי מיין יודישקייט — עס ליגט מיר נישט בטבע אזוינע זאכען. פע, וויא איך בין א יוד!.... טראג מיך, רוח'ל, טראג מיך ווייטער ווייטער!

דער רוח טהוט א פליה, ווייטער, בלייבט באלד שטעהען שוועבעסדיג אויף איין ארט און הייסט מיר אראבקוקען אונטען.

פאר מיינע אויגען וואקסט אוים עפּעס א שטאדט. איך זעה מחנות מענשען לויפען משוגענערווייז, פאלען אן וויא דיא היישרעקען אויף הייזער, ברעכען פענסטער מיט שטיינער, זעטצען אוים טהירען, האקען, בראקען, רייסען, צופּען שלאגען מיט אכזריות, ערגער נאך פון ווילדע חיות, יונג און אלט גאר אהן רחמנות. און דאס אלסדינג, אוי־וועה, פאר גאט און פאר לייט, אין דער מיט שטאדט!...

— געוואלד! — שריי איך מיט א פערקלעמט הארץ — וואו זיינען מיר.... וואו זיינען מיר עס אצינד?

— אַט האָט איהר אייך דעם חכם! — לאַכט דער אשמדאי איבערווינקענ־דיג זיך מיט דעם גאנצען פּעקיל לצים — דיא בעסטע יונגע יאָהרען פאַרעט מען זיך ביי זיי דאָרט אוועק מיט געאָגראַפיע, וויא עס הייסט ביי זיי, מישטעהנס געזאָגט, מען פאָהרט איבער דער לאַנד־קאַרטע מיט פינף פינגער טאַקי, אָנטייר־טענדיג איטליכעס ווינקעלע, איטליכעס טייכעלע. דיא גאנצע ערד, דאַכט זיך, איז אין זייערע הענד. א קאַטאָוועס עפּעס אזוינע קעפּ, אזוינע אָנגעשטאָפּטע לומדים! און אז עס קומט אויס א מאָל עפּעס וואָס אין דעם לעבען איז מען בהמות, גרויסע עמי־הארצים, ווייסט מען נישט פון דאנען ביז אהין, זעהט מען נישט ווייטער פון דער נאָז.... בהמה! איבער רומעניען פליהען מיר אצינד. קוק, שוטה איינער. קוק!

— אי־אי! — שריי איך קולות וויא א קינד איבער דער גאַס ביים בעהעל־פער אויף דיא פּלייצעס, נישט וועלענדיג אָנקוקען דעם פינסטערען חדר, ו־יק ארויף דיא ברילען אויף דעם שטערען און פערמאַך דיא אויגען.

— שא, שא, טהייערע נשמה! — נעהמט מיך איין דער אשמדאי, צמאָקענ־דיג צו מיר מיט דיא ליפּען, א גלעט געבענדיג מיך אין בעקעלע און לייגט מיר צו באלד טאַקי צום אייער עפּעס א רעהריל — אויב דיר נשמה'ניו איז שווערליך מיט א מאָל צו קוקען, טא הארך־זשע דערווייל א ביסיל. נו, וואָס?

— איך הער א געשריי, א געבעט פון אומגליקליכע נעביך, איך הער א קרעב־צען, א גוסען, א כאַרחלען.... אוי! — בעט איך רחמים — ווידער דאָס אייגענע. געוואלד, לאָז זיין אוים מלחמות, האָב רחמנות, גענוג מלחמות!

— שטילער, נארעלע, שא! דאָס איז נישט קיין מלחמות. דאָס איז גלאט אזוי זיך א מין שפּיעל, א ניימאָדנע שפּיעל. מענשעליך נעביך צופיהרען זיך אביסיל דיא הענד. א מין פּאָלעוואַני, נארעלע, איז דאָס. מען שלאָגט און מען לאַכט.

—וועד וועמען?

— האָסט דען נישט דערקענט אין דיא הענד ווער? ! האָסט דען נישט דערקענט אין דעם קול וועמען? הקול קול....

— יעקב, אי־אי! — שריי איך, אָנהאַפּענדיג זיך ביים קאָפּ — געוואלד, פאַר וואָס, פאַר וואָס?

— חי־חי־חא! — צולאַכט זיך דער אשמדאי, טרעסענדיג מיט דעם ציגען בערדיל — ער פרעגט פאַר וואָס? ! וואָס מאכט עס אוים? יאָ פאַר וואָס, נישט פאַר וואָס, אבי מען שלאָגט! דערויף איז דאָך עס א שפּיעל, א מין שפּיעל,

חי־חא־חא! א זון מיט א רעגען, א געוויין מיט א געלעכטער אינאיינעם, אט ביינ דיין אויער, ישראליק, און הער!

— ניין, ניין! — מאך איך, פערוואָרפענדיג מיט דעם קאָפּ, אין שטופּ דאָס רעהריל אָב פון׳ם אויער — איך קען נישט, אסור חזיר, איך קען ניט, קען נישט הערען!

—טרום! — טהוט דער אשמדאי אויף מיר א היק מיט שפּאָט — ער קען נישט! קען נישט קוקען, קען נישט הערען! און לייענען דיא אָנגעמאַכטע געשיכטעס אייערע, וויא הייסט עס ביי אייך עפּעס היסטאָריעס־ מיסטאָריעס, קענסט דוא? אויף אָנצושרייבען א צעטעל פון פיין רדיפות, צרות, געברענטע־געבראָטענע לייד, און אלע מיני פורעניות; א צעטיל פון פערטריבענע, פערוואָגעלטע, געשלאָגענע, געפּאטשטע, געמאַטערטע, אומגעקומענע —דארויף נישקשה זייגען זיי בריות. חלילה, אזוינס צו פערגעסען. אדרבה, לאָז עס בלייבען, ליגען אין טעם קינד־קינדס־קינדער. עס איז מסוגל דעם פאָלק צו דער נשמה, שעהן, פיין גאָר א מחיה.... קראַצט מען ערגיץ אוים, העט אין דיא פריהערדיגע דורות, נאָך איין אויסגעפּאַטשטען האפּט מען איהם אויף וויא וויא אן אבן טוב, נאָך א געשמיסענעם — פוטץ אהער אויסגעשטעלט אין צעטיל.... נא, קוק, לאָז דיא וועלט קוקען, וויסען אונזערע גבורות!... סאיז א כבוד א שעהנקייט, מען שעפּט ־ערפון נחת, מען פיהלט זיך עפּעס פרישער, לעבעדיגער, מישטעהנס־געזאָגט, מיט א מענשליך פנים—און לאָז אָבער אויסקומען איינעם צו לידען, אליין טאקי, עפּעס א מינדסט־קליינינקייט, אָדער צוצוזעהען עס מיט די אויגען, צוהערן עס מיט דיא אויערן, הא־הא! צאַפּעלט ער מיט די הענד, מיט פיס ער קען נישט! א קאַטאַוועס עפּעס ישראליק, אזא גיבור, אזא אָנגעלערענטער, אזא יחסן, נאַר א שרעק!—לאָזט ער אוים מיט א בייז געלעכטעריל, א קוועטש געבענדיג מיך דערביי אזוי, אז נישט ווילענדיג טהו איך א קוויטש.

אודאי איז מיר נישט ליעב געווען דער גאנצער עסק: נישט דער קוועטש נישט דיא שטעכווערטליך, אָנצוהערעניש אקעגען יענע, וויא ער זאָגט, יענע געשיכטעס. פע, גאָר נים קיין גוטער משא ומתן! נאָר וואָס קען מען אָבער טאָהן אז מען איז ביי יענעם אין דיא הענד, אז מען הייגגט אין דער לופטען, אָבהייגנגענדיג אינגאנצען פון יענעמס ווילען, מישטעהענס געזאָגט. אָט וויל ער טהוט ער א מאך מיט דער האנד, ווארפט דיך ארוים — און עס ווערט פון דיר א תל! וויא אין כעס מען זאָל נישט זיין מוז מען שווייגען, אראָבשלינגגען אלסדינג, וויא עס זאָל נישט פארדריסען מוז מען זיך נישט וויסענדיג מאכען, יאָ, נאָך

מאכען א פרעהליכע מינע צו דער בייזער שפיל, כלומרשט: עט, גאָר נים. נאָר אַלע דינג איז גערעדט געוואָרען קעגען יענע — ביי זיי העלפט חכמניות, פערשטעלען זיך, טראכט אלס דאס בייז אבי א גוט פרום פנים'ל אבי א צינגעלע וויא צוקער. דער רוח אָבער לאָזט זיך נישט נארען, ער פערשטעהט זעהר גוט דיינע געדאנקען. אז מען זאָגט: „קלוג וויא דער רוח" איז אפנים טאקי אמת.

— עפעס ביסטו מיר, ישראליק, גאָר צודרעהט. הא, עפעס וויא שטאַרק נישט צופריעדען. אפשר איז דיר ענג דאָס אָרט דאָ ביי מיר אין האנד, מעגסט דו דיר ארוים, נאַה!—זאָגט דער אשמדאי, שארף אָנקוקענדיג מיך, און נישט צו מאכען מיט מיר גרויסע צערעבאָניעס נעהמט ער און זעצט מיך ארויף באלד טאקי צו זיך אויף דעם שפיץ פונ'ם מינדעסטען פינגער.

איך שטעה אויף משקולת, נים אהין, נישט אהער. פון א מינדסטען בלאָז חלילה, קען איך פערשליידערט ווערען העט־העט, בלייבען א קדוש, מען זאָל אפילו נישט וויסען וואו איז אהינגעקומען מיין געביין. עס גרוילט מיר פאר פחד דאָס לייב.—אוי, זעהרא מיאוסע לאגע;...

— ישראליק, ביי דיר איז דיא ברירה — מאכט דער אשמדאי עפעס וויא אָנגעברוגוז'ט — געה דיר געה, זיי מוחל, אויב דיר געפעהלט נישט דאָ ביי מיר!

— וואָס הייסט עס געפעהלט נישט ? ! — מאך איך מיך תם, שטאמעל צו־דולט, מיט א חניפה־שמייכעלע, אָנחאפענדיג זיך אין דעם רוח מיט ביידע הענד —אדרבה, פאני אשמדאי, ס'איז גאָר א מחיה. זעהר גוט, אָהן עין־הרע! איך פאָהר מיר אומזיסט, אָהן א בילעט, וויא א פריץ. דיינע לצים מאכען זיך אפילו א מאָהל ביסעל נאריש מיט מיר, נאָר נישקשה, בין שוין געוועהנט מיט זיי. עט, גאָר נישט!......

און איינרייזענדיג דעם אשכדאי אזוי, קריך איך מיר דערווייל בגנבה ארויף וויא א פלוי צו איהם אין דעם בוזעם און בעזעטץ מיך דאָרט, וואו מען טאָר נים......

—- אוי, ביסט דוא א קלוגעטשקער, ישראליק! — מאכט מיט א בייז גע־לעכטעו־יל דער אשמדאי, אויסשטרעקענדיג דאביי דיא הענד און וויל מיך דער־טאפען.

ש'לעכט!.... נאר פלוצלים פאלט אָן עפעס א בייזע מהומה די לצים ציטערן פלאטערן, דיא נישט גוטע בלייבען צומישט, געפלעווט. עס ווערט א קאָבעניש, א פליהעניש וויא דיא פערסאמטע—און מען פערגעסט דערווייל אין מיר.

ערגעץ נאָגע ווייט, אין דיא אויבערשטע וועלטען, צו מזרח־זייט, שפאלט זיך דעם הימעל, און עס קוקען ארויס פייערויטע קעפליך פון שיינע ליכטיגע

כרובים, שרפים ואפנים, דיא גאנצע הימלישע חיל שטעהען מיט גרויס דרך־ארץ אויבען דארט. רופען איינער צום אנדערן און זאגען: קדוש, קדוש, קדוש — הייליג, הייליג איז צבאות גאט דער הערשארען! און באלד לאזט זיך הערען פון כארען פון מלאכים א „הללויה“, וואס צוגעהט זיך אויף א געטליכער סטרונע איבער דער גאנצער וועלט אין א זיסער, פיין־שטילער מעלאדיע, ריהרענדיג איטליכע נשמה. וועקענדיג אלע בעשעפענישען. אלע לויבען, דאנקען דעם אויבערשטען, פול איז דיא וועלט מיט זיין כבוד.

מיט דעם אשמדאי הויבט עס אן צו ווארפען וויא א קדחת. עס דרעהט איהם צונויף פריהער וויא א קנויל, דערנאך טהוט ער זיך א ראפטאם מיט א גריל־צענדיג פייף א ציה־אויס, אונטערשפרינגענדיג מיילענווייט אין דער לופט, טהוט זיך פלוצלים א שטעל פארריסען דעם קאפ ארויף, עפענט א מויל, זידט קאכט און רעדט מיט העזה, אויפהויבענדיג דעם קולאק אין דער הויך.

— אז אך און וועה צו אייך, צום געזאנג און לויב אייערן!.... איך קען אייך נישקשה. קנעכט זענט איהר, משרתים, אהן אפיצעל אייגענעם ווילען, נאראנים, בטלנים!.... איך קען נישקשה אויך יענעם דעם בעל־הבית אייערן, דעם גרויסען פריץ. יענעם איז ליעב חניפה, צו הערען שטענדיג קאמפלימענטען, לויב און דאנק פאר זיין גוטסקייט, דאס אלסדינג וואס ביי אנדערע וויל ער נישט ליידען, האלט עס פאר א מיאוסע עבירה. חלילה בעטען געצאהלט פאר א מצוה, א דאנק פאר א טובה! איהם אבער בענש, דאווען, דאווען, דאנק און לויב אהן א אויפהער פאר איטליכעם פיטצעלע—און איהר קארגט נישט, גיט איהם שבחים מיט דער פור־לער מאס. חנפים, באסאקעס זענט איהר, קריכערס, אונטערלעקערס!....

אזוי זידעלט זיך דער אשמדאי, קריצענדיג מיט דיא הינטעשע ציין און טרייבט אונטער דיא רוהות גיכער, גיכער צופליהען.

ברכה־זאגען, וואס איך האב אנגעהויבען וויא געוועהנטליך אין דער פריה, איז מיר געבליעבען שטעהן וויא א ביין אין האלז. געה דאווען, זיי מקיים יודיש־קייט ביים טייפעל דארט, נאך אזעלכע ווערטער, וואס א שרעק! אוי, איך בין צודרעהט.... ס'איז נישט גוט, שטארק נישט גוט!

מיט רעש, מיט אימפעט פליהען די רוחות איבער פלאנעטעס און שטערן, וויט ווייט ערגיץ העט אין עק וועלט. עס ווערט מיט א מאהל שווארץ־טונקעל אין דיא אויגען. עס רוישט, שטורעמט ארום און ארום, עס בלאזט, קלאפט מיט שרעק. דאס האט פון גאט דער פארטריבענער, דער וויסטער פארצייטיגער „תהו־ובהו“ זיך געריסען וויא א ווילדע חיה פונ׳ם פערשלאסענעם געפיינגניש,

אריינצושפרינגען אין דעם גבול פון אָרט און צייט. דאָס האָט דער אשמדאי געפּאָכט מיט זיינע פליגעל, געקלאפּט אין דיא טויערן פון דער אייביגער, אמאָלדיגער פינסטערניש, געקראצט, געזוכט עפּעס א שפּאלט וויא הינטענארום ארויסצולאָזען זיא פריי און פערפינסטערן דיא וועלט. אי, וויא שרעקליך דאָס דאָזיגע אָרט איז גאָר א געוואלד! דאָ איז דיא גרענעץ פון ליכט—„ווירקליכקייט“—און פון חשכות—„גאָרנישט“ א תהום. עס איז א געוואלדעניש, א שפּארעניש, א ראנגלען זיך דאָ צווישען דיא געמארקען. עס הויבען זיך אויף שווארצע חמארעס וויא דיא בערג, אָט־אָט, דאכט זיך, פערשלינגען זיי הימעל און ערד. פייערדיגע מלאכים אָבער, וואָס שטעהען אויף דער וואך ביט בלייזע פלאמענדיגע שווערדען, דונערן און בליטצען און שרייען: „אָזאָס!... בין דאנען און ניט מעהר!“—עס ווערט א חאפּעניש. א יאָגעניש, פּוטץ צוריק אין זייער רוח אריין.... פון איין זייט דאָרט טאָגט וואָס ווייטער אַלץ העלער און העלער. דיא הימלען פערשטעלען דעם כבוד פון גאָט, כיתות מלכים זאָגען שירה, איטליכע נשמה לויבט זיין נאָמען הללויה! און פון דער אנדערער זייט אקעגען איז שטאָק־פינסטער—נאכט!... עס ווידמען זיך דאָרט מיני שלעה, שוויבלען און גריבלען דיא אלע ווילדע נפשות, בייזע רוחות שרייען וויא דיא לעמפּערטען, ווילען פערציקען, צערשעטערן — אלסדינג צו אלדי שווארצע יאָהר!

יונה הנביא. איהם איז ניט אזוי שלעכט געוועזן צוליגען אין בויך ביים פיש וויא מיר ביים אשמדאי אין בוזעם. אונז ביידען, אמת טאקי, איז געוועזן גענוג פינסטער און ביטער. אז־אָך און וועה צו אונזער ביידענס מזל, צו ליעגען אין דער קלעהם, אין אזא שכנות מישטעהענס געזאָגט. דאָ איז פּאָרט א גרויסער חילוק. ער, יונה, האָט וועניגסטענס געקענט האָטש שרייען. תפלה טאָהן צום אויבערשטען, זיך בעטען אהיים—און איך האָב געמוזט האלטען מויל, נישט געטאָרט אפילו א פּיפּס טאָהן, שא! דיא לצים זאָלען עס חלילה נישט דערהערען, דער רוח זאָל מיך נישט א חאפּ טאָהן, דערמאָהנענדיג זיך אין מיר, און ארויסוואַרפען מיך וויא א דערקוועטשטע וואנץ אין דעם טיעפען אָבגרונד.

עס איז א רעש, א געפּילדער! הויך אין דיא הימלען דרעהען זיך, קעהרען זיך וועלטען. זונען און לבנות געהען אויף און אונטערגעהען, איטליכער בעזונדער פאַר זיך. עס ענדערן זיך דיא צייטען, עס בייטען זיך פון שטערען דיא וואכען. דיא אראָב יענע ארויף, איטליכער אין זיין צייט, יעדער איז זיין אָרט, עס זאָל עס געקרימט ווערען אויף א האאר! דער אשמדאי פויקט צונויף זיין פּעקעל רוחות און לאָזט זיך מיט זיי צוריק צו אונזער ערד, וואָס דרעהט זיך, אויסזע־

הענדיג וויא א שפילצען־קעפעל, ערגעץ ווייט דארט. ער וויל, הער איך, זיא נישט אבלאזען. קיין אנדערע וויא זיא טויג איהם נישט אזוי צו זיין ארבייט, דא האט ער געגוג בעהעלפערס, געגוג מיטעל צו ווייזען זיינע גבורות. דא איז א האפנונג ער זאל בייקומען, אין דער מלחמה מיט דעם רבונו של עולם זא ער זיין פון אויבען.

—וואס טויגט איהר?... וואס קומט אייך ארויס פון יענע אלע הימלען, פון אייערע אלע גן־עדן'ס, אז איהר זענט קנעכט, לאקייען? אז איהר האט נישט קיין פרייהייט, קיין אייגענעם ווילען, אז איהר זענט נור קוקלעס, וואס טהוען, מאכען מיט דיא ליפען, פלאפלען אזוי וויא מען דרודעלט זיי אן?! טפו זאל עס ווערען אין גאנצען!—זאגט דער אשמדאי, אויפשטעלענדיג ביידע קוקאקעס אין דער הויך, שפייעט מיט פעך און שוועבעל, בליצט—בלינצעלט מיט דיא אויגען, שיסט דערנאך אויס מיט א געלעכטער, א שניידיגס וויא א מעסער, שרייט זיך איבער מיט דיא רוחות אויף משונה ווילדע קולות און גיט זיי אונטער חשק גיכער נאך איהם צופליהען.

ער פליהט האסטיג. וואס א מאך מיט דיא פליגעל פליהט ער אב א וועלט, וואס ווייטער ווייטער ווערט דיא ערד גרעסער גרעסער און דער אשמדאי אלץ רוהיגער. פלוצלים בלייבט ער שוועבען שטיל, ברעכט זיך, ציהט זיך, גלייך וויא ער וואלט פון זיך אראבגעווארפען משא גאנצע בערג, און אריינפאהרענדיג מיט דער האנד צו זיך אין בוזעם, א קראטץ צוטוהן זיך מסתמא, טאפט ער גאר אומגעריכט מיך אן.

— ע. ע, וואהין, ישראליק, דוא האסט זיך פערקליעבען! לאז מען, נור א ווילע פונ'ם אויג דיך אבלאזען קריכסט־דוא קריכסט און קענסט באלד אין דער גרגרת אריינקריכען!..... א־נו זייט זיך מטריח, רב ישראליק, ווייטער אביסעל, ריקט זיך, רב ישראליק, זייט־זשע מוחל!—בעט מיך דער אשמדאי מחילה און שלעפט מיך ארויס, האלטענדיג צווישען דיא פינגער מיט א קליין קוועטשע־לע.

אוודאי איז פע, טאקי וואס פע הייסט! דאך פאל איך ביי מיר ניט אראפ, מאך מיר הארץ, דערמאהנענדיג זיך אין מיין וואונדערדיגער געשיכטע, וואס מיט מיר האט ביז אהער זיך פאסירט, און טראכט ביי מיר: בע..... נישקשה! אז א־ך האב געקענט מאכען ביז אהער אזא רייזע, א קאטאוועס עפעס אזא רייזע, אוים זיין וואו דיא וועלט האט איין עק, געפינענדיג זיך צווישען אזוי פיעל נישט גוטע, אלערליי שלעק און בלייבען גאנץ מיט דיא ביינער, וועל איך, אם־ירצה־

השם וויטער מיך מסתמא אויך אויסדרעהען. מיט דעם דאזיגען בטחון צאפעל איך ביים אשמדאי צווישען דיא פינגער, אנקוקענדיג איהם דערביי משונה, עפעס מיט אזא מינע, וויא איינער רעדט: מילא א קוועטש איז א קוועטש, בין שוין געוועהנט.... קלייניגקייטען! וואס-זשע אבער נו וועט זיין וויטער?

— דיין טרפה'נע מזל, ישרליק, וואס אצינד גראד בין איך אויפגערייטט, שיינק איך דיר. זיסט, וואלסט דוא ביי מיר געפלויגען מיט'ן קאפ אין דער-ערד, עס וואלט פון דיר נישט געבליעבען קיין זכר—זאגט דער אשמדאי און לאזט מיך אב פריי ביי זיך אויף דער האנד.

אבי זוכה געווען צו הערען עפים א גוטווארט ווער איך שוין ביי מיר שטארק געהויבען...... און שטעל מיך איין, וויא א היימישער, דעם אשמדאי אויף צו-קאוועשטש צו טאהן א פרעג:

— וואס איז מיט דיר, פאני אשמדאי, אזוי דיא שמחה?

— אט וועסט דוא, בהמה, באלד זעהען פאר וואס—ענטפערט ער און טחוט מיר וויעדער אן ברילען, א שנעל מיר דערביי מיט א זיס-זויער שמייכעלע אין דער שפיטץ נאז—א-נו, דוא זעהסט עפעס דארט אויף דער ערד.

— שווערליך! זאג איך, רייבענדיג דיא נאז און דיא אויגען—עפעס געהן ארויף זיילען רויך וויא פון טויזענד פייערשפייענדיגע בערג. סאיז דארט עפעס איין איבערקעהרעניש וויא סדום און עמורה!

—ניין, נארעלע!—מאכט דער אשמדאי, א בלאז געבענדיג אזוי, אז דער רויך איז זיך צוגעגאנגען אין דער זייט—קוק אצינד וועסט דוא זעהען קוימענס. דאס רויכערן דארט גרויסע, הויכע קוימענס פון מיינע טויזענטערליי פאבריקעס פאבריקעס פון הארמאטעס, ביקסען און כל-א-מיני אנדערע כלי-זין אויף צו מא-כען דעם טוידט; פאבריקעס מעהר וויא פיעל מען בעדארף אויף צו פעלשען אין לעבען נויטיגע זאכען, און אויך פאבריקעס אזוינע אויף צו מאכען שמאכטעס, וואס עפעס ניט אזוי שטארק נויטיג אין לעבען אריין; פאבריקעס פון כלים און מאשינעס, צו פערשפארען מענשענס הענד, פערוועלווערען זייער ארבייט און צונעהמען ביי א סך דיא פרנסה; פאבריקעס פון אזעלכע מיני המצאות וויא צו פערקירצען ארט און צייט און דורך דעם צו פערקירצען זעהר אפט טאקי דעם בענשענס יאהרען; פאבריקעס צו דרוקען און פערשפרייטען אין דער וועלט גיך און געשווינד זעהר פיעל נארישקייטען—ליגענס רכילות, בלבולים, וואס נישט געשטויגען נישט געפלויגען, שנאה—קנאה, נאך און נאך אזעלכע מיאוסע זאעכנישען און אל דאס בייז איינע אקעגען דיא אנדערע.... קורץ און גוט—

דאס איז דער רויך פון דער „ציוויליזאציע,“ ווי הייסט עס ביי אייך דארט, ווארט נור, ווארט א ווײלע אט האסט דוא א פאנאראמע. קוק, זיי מוחל, און האב הנאה!

עס עפענט זיך אויף פאר מיינע אויגען א שטיק לאנד, וואונדער שעהן, נור א געמעהל. פעלדער געהילט אין א סאמעט־גרינעם מאנטעל פון יונגע פרישע תבואות, געשפרינקעלט מיט בלומכענליך ביי דיא קאנטען. אין טאהלען פיטערן זיך שאף און אויף בערגלאך שפרינגען קלאהר־ווייסע ציגען. אין דער לופט טראגט זיך א קאנצערט פון אלערליי שטימעס: א געזאנג, א קנאקען פון שפיל־פייגעלאך און וועלדער און וועלדליך; א שמוצערן, א זשוזשען, א צימבלען פון פליהענדע מיקען, זשוקליך אויבען, און פון שפרינגענדיגע גרילען, היישעריקען אין דעם גראז אונטען, און צו־ווײלען א הירזען פון פערד אויף א צובאסעווען פון קוה אויף דער ברייטער געמבע. ווייט ארום ליעגען צוזייט דערפלאך, פערמעס, ה־־זער געזונטע. געבוים מיט אלסדינג אין דער בעל־הבית־קייט, דערביי גרויסע שעהנע גערטנער און וויינגערטנער. דארט בליהט דער ווינשטאק, דער פייגענבוים צולאזט זיינע בלעטער, רויזען און אלע אנדערע שמעקעדיגע קרייטעכצער גיבען פון זיך ארוים א ריח פון געווירץ. קינדער שפרינגען וויא דיא ציגעלך אויף דיא הויפען, שטיפען לאכען פונ׳ם גאנצען הארצען, עלטערע זיטצען אנגעלעהנט אונ־טע רביימער, רויכערן, שמועסען גאר פרייליך, עסען, טרינקען און זיינען פרייליך.

אך—זאג איך — וויא גוט, וויא שעהן! ס׳איז דאך עפעס דא א ליבען. גאר א גן־עדן!

— א־יא שעהן? אט וועסט דוא באלד זעהען עטוואס שעהנערער!— זא־גענדיג אזוי טהוט דער אשמדאי א מאך מיט דער האנד פאר מיינע אויגען פלינק וויא א פאקוסניק און הייסט מיר קוקען.

— אי־אי! לאז איך ארויס א ביטער געשריי—נישט צו דערקענען דאס לאנד אזוי וויסט איז עס, אזא חורבן! נאקעט זענען דיא פעלדער, נישטא קיין ווייץ, נישטא קיין קארען, א פייער האט אויסגעקוילעט, אויסגעברענט ביז איין גרעזעלע דארט. פערדארט שטעהען ביימער, דיא צווייגען צובראכען, אוים פרעהליכקייט ביי מענשען. מען הערט נישט קיין קול פון פיה—שא, נישט קיין פיפס, פייגעל און בהמות עפעס וויא אויסגעשטארבען!.....

—דאס האט זיא, דיא ציוויליזאציע, אזוי געמיהט — דערקלעהרט מיר דער אשמדאי דיא זאך מיט זיין געוועהנטליך בייז געלעכטעריל—דאס איז זיא פאר גוטסקייט געקומען אהער אומגעבעטען מיט בלוט און פייער און זיילען רויך. געקומען איז זיא פון גאנץ ווייט זיך לאזען צו דערקענען דעם היגען פראסטען

עולם דאָ מיט איהרע טובות. און אזוי וויא דער עולם אָבער האָט זיך בעז אנסט, געוואָלט לעבען וויא פריהער אָהן דיא טובות, האָט זיא איהם געלעהרענט דרך־ארץ, געוויזען ווער עלטער איז.—וואָס איז מיט מיר, פרענגסטו, אזוי דיא שמחה? בהמה! ס'איז א פרייד צו זעהען וויא זיא ברענט, סמאליעט א וועלט. קלעקט איהר נישט אויף איהרע הפצות דיא וועלדער, גראָבט זי זיך וויא א קראָט טיף אין דער ערד. רייסט דאָרט קברים פון פארצייטיגע געוועקס, פלאנצען העט־העט נאָך פאר דעם מבול, פון וועלכע סאיז געוואָרען פערהארטעוועטע קוילען, און נעהמט זיי צו איהר געברויך. עס וועט איהר נישט קלעקען באַלד דאָס אויך, זיא וועט אויסברענען, זיא וועט אויסברענען, אויפפרעסען דאָס אינוועניגסטע אין דעם בויך פון דער ערד—דענסטמאָל וועט זיא זיך א נעהם טאָהן אויבען צו דער זון. פון דעם אלטוענם רייטוואָגען דאָרט אין הימעל וועט זיא ארויס'גנב'ענען דיא הייסע ברענענדיגע שרפים און זיי איינשפאנען אין איהרע מאשינעס, צו־שלעפען, צו דרעהען רעדער, אונטערשמייסענדיג זיא, מחילה, מיט עלעקטרישע בליצען עס זאָל דונערן, שיסען, פליהען טראסקען—פוף־פאַף־פיף!.... בהמה! דיא אלע קוימענס פון דיא גוזמאָ־גוזמאות פאבריקעס דאָרט, זאָס זיינען מזבחות, וואו עס רויכערט זיך לכבוד מיר ולכבוד דעם גאָלדענעם קאלב, דער גאָט פון ספע־קולאציעס, שווינעל, פראָיעקטען און געלד. דער דאָזיגער רויך טריקענט אויס דיא הערצער, רויכערט אויס פון אָרט דיא געפיהלען און פערוואנדעלט אלסדינג אין סחורה. ליעבע, פריינדשאפט, פרומקייט, גלויבען, צדקה און דעסגלייכען —אויך סחורה. און וואָס נאָך? ער דער דאָזיגער רויך, רויכערט ביסלעכוויז פון דאָרטען אויס אויך יענעם, וואָס איך טאָר זיין נאָמען נישט דערמאָנען, עס ווערט איהם דאָרט אלץ איינגער, איינגער, עס בלייבט איהם אלץ ווייניגער אָרט, ער ריקט זיך מחילה, אלץ ווייטער, ווייטער, און מיט דער צייט, ס'איז דאָ א האָפ־נונג, וועט דיא ערד אין גאנצען בלייבען מיינע.....

„א־א, נישט דערהארען ווען דוא עם רשע איינער!“—טראכט איך מיר אין הארצען, פערקרימענדיג זיך מיט א יראת־שמים פנים'ל.

— הע־הע! — מאכט דער אשמדאי, פערדרייסענדיג דעם קאָפּ און סמאָ־רעט מיט דער נאָז — וואָס דאָרט טהוט זיך, רודערט זיך אביסיל, הע־הע!

און באלד טאקי דערהער איך הינטער מיר עפעס א רעש, א געררידער, א פּאָ־כען וויא מיט ווייהערס, פליגעל פון א ווינטמיהל און משונה'דיגע קולות פון אי־בערגעשראָקענע אויף א קוויטש.

— מכשפה'טעס עטליכע האָבען בעקומען דיא ספאזמע, חלשת'ן דאָרט —

זאָגט דער אשמדאי מיט א שטעכעדיג געלעכטעריל — אי, א צייט א צייט, גאָר נים דיא מכשפהטעס וואָס א־מאָל ! א מכשפהטע א מאָל אז זיא האָט זיך געגר־מען פאָהרען רייטענדיג איז זיא געפאָהרען, געארבייט אויף אלע כלים, נישט מיד צו ווערען אויף א האָר, יענער אפילו זאָל דיא כפרה ווערען. היינטיגע מכשפהטעס אָבער, מישטעהנס־געזאָגט, נאָר עפּעס ווייס איך וואָס אזוינס — איז ביי זיי נערוועז, ספּאזמעס. האָבען ליעב קאוואלירען זאָלען זיי מינטערען.... אי, א צייט ! וואָס פאר א מענשען אזוינע מכשפהטעס, אזוינע לצים, אזוינע רוחות. הייא, ראָהיראָט !

א רוח, געקנייטשט געבויגען פאר אלטקייט, דאר וויא א שפּענדיל א לייב פון א מיתה־משונה קאָליר מיט א היבשען האָרב און א דינע לאנגע, פערדרעהטע נאָז וויא ביי איין עלעפאנט, קומט געשווינד צופליהען צום אשמדאי, שטעלט זיך איהם אקעגען, פערוואָרפענדיג דעם לאנגען אויסגעקראַכענעם ווידעל צווישען זיינע היהנערשע פיס און אָנבויגענדיג דעם שמאָלען שטערען, אויף וועלכען עס סטארצען צוויי שטייפע צעפּליך האָר וויא דיא הערנער ביי דיאביידע ווינקלען.

— ראהיראט, מיין גוטער, געטרייער דינער ! — ווענדט זיך דער אשמדאי צום רוח מיט א שמייכעלע — וואָס מאכען עפּעס דאָרט אונזערע דאמען ?

— חן, גנעדיגער האר מאכען זיי. ווייבער !..... ווייבער ווילען, וואָס ?— א טענציל. נאָך אזא לאנגע רייזע גלוסט זיך זיי אביסיל רוה, אָבפרישען זיך אביסיל, אויספּוטצען זיך, אונטערהאלטען זיך, געפעלען אבי וועמען, טעג זיך זיין חאָטש דעם שווארץ־יאָהר....

— גוט, ראהיראט ! געה, טהו דיין זאך.

עס געדויערט נישט לאנג שפּרייעט זיך אויס אין דער לופט העט ווייט ביז קיין אויג קען נישט פערנעהמען עפּעס א מין זיידענער טהייערער קאווי־אָר, גע־שטיקט פון גין־גאָלד מיט דיא שעהנסטע קווייטען און אלערליי קונציגע געמעה־לען, וואָס אויף דער וועלט. עס פונקלען, שפּילען דאָרט פאר דיא אויגען סמא־ראגדען־גרינע וועלדער פון וועלכע עס קוקען ארויס רובין־רויטע פּאָמעדראנצען. פערעסקעס פארטיגע, שיין־חנ׳עוודיגע, שטעלען פון צווישען דיא בלעטער ארויס פּולעטשקע, רויטליך־פערפארבטע בעקעליך, אָבגעשאָטען מיט דינע קורצע הערע־ליך, בעטען זיך עפּעס וויא אליין, שטומערהייט, זיי א געשמאקען קוש צו טהון. שווארצע קארשען מאכען אייגעליך, ווינקען, ווינקען און ציהען ביי דער נשמה. דיא אויגען צופלאקערען זיך פאר גרויס חשק, וואָהין מען קוקט איז שעהן, ליב־

ליך, וואָהין מען זאָל נישט קעהרען וועגדרען מאָנטעטע עס עפּעס, מאָנטעט, עפּעס גלוסט זיך, אוי — נאָר משוגע צו ווערען !.....

וויא א היישערעק לאָזען זיך אהין אראָב דיא רוחות, גרויס און קליין אלט און יונג, צולויפען זיך דאָרט גאַנץ פריי אין אלע זייטען און פערשווינדען באלד. דער אשמדאי לאָזט מיך אָפּ אויך פריי און הייסט מיר זיך דורכגעהען אביסיל שפּאצירען.

ארויסרייסענדיג זיך פונ'ם טייפעלס הענד בין איך געווען וויא א לאנגע צייט א געפּענטעטער האָהן, וואָס באלד נאָך דעם אויפבינדען איהם ליגט ער א וויילע שטיל און קוים האפּט ער דעם אָטהעם טהוט ער זיך א שטעל־אויף קוממיות און מאכט קוקוריקו מיט ברייסקייט וויא דער גרעסטער, בעסטער וואוילסטער האָהן אין דער וועלט.... איך פערגעס זיך באלד אין דיא צרות, בין גאָר א וואוילער יונג, שפּאציר מיר ארום, און צו וואָס איך זאָל מיך נישט צו־קוקען בעקום איך חשק, עס גלוסט זיך מיר אלסדינג, עס ווילט זיך מיר אלע יענע שעהנע זאכען. — איך שטעל מיך אזוי אָב איינמאָל אויף דעם שפּאצירגאנג ביי א גרויסען בוקעט פון דיא טהייערסטע איידעלשטיינער: דימאנטען, בריליאנטען, סאפּירען, רובינען אלע סאָרטען, איינגעפּאסט אין גאָלד. עס הויבט מיך אָן איינ־וועניג עפּעס צודרעהען, כפי מיינע מבינות איז עס ווערט אוודאי א שרפּ'ט אלפים טאָלער, און אפשר טאקי נאָך מיט א שמיטצעל אריבער, טאקי יאָ־יאָ דיא גאנצע שרפּ'ט מיליאָנען, זאָל עס נישט זיין צו קיין בושה ! עס קאָטערט מיך: געוואלד, איך זאָל עס האָבען, וואָלט איך עס דאָך פערקויפט, געמאכט א שעהן קאפּיטאל, וואָלט געלעבט נגידיש, געהאט אויף קאשע מיט יאָיך און אָבגעטער־בעט אזוי מיינע יאָהרען ! — עס נעהמט מיך שטאר אָן דער יצר־הרע. באמת טאקי, זאָגט ער, פארוואָס זאָלסט דוא נישט אויפהייבען אזאמציאה, א כשרה מציאה ? וועמען טויג עס דאָ, ווער האָט דערפון דאָ הנאה ? נישט גאָט, נישט לייט. דער שווארץ־יאָהר וועט דיא רוחות נישט נעהמען אָהן דעם אויך. זיי האָבען געגוג. נעהם ! ווערסט דערמיט זיך קויפען עולם־הבא. ביי איטליכם פּיצעלע וואָס דוא ווערסט דערפון געניסען ווערסט דוא דאָך מאכען א ברכה, אויף א פּוטער־געבעקסיל, א שטייגער — מאכען בורא מיני מזונות, אויף א גלעזעלע וויין, ווימאָראָזיק — בורא פרי הגפן. גאָט וועט הנאה האָבען, און דוא טאקי אויך.... נעהם, נעהם ! — איך קוק מיך ארום אין אלע זייטען נישטאָ קיינער, איך שטעה אביסיל און בין זיך מישב. איך מאָך מיר הארץ און.....

און וויא איך שטרעק אויס דיא האנד פיהל איך פון הינטען עפּעס א קליין

שמיטצעלע וויא מיט א שטריק. איך קוק מיך נישט טויט נישט לעבעדיג אום און דערזעה יענעם אלטען, האַרבאַטען רוח.

— א־א. שלום־עליכם! — זאָגט ער מיט א שמייכעלע, א שמיטצעל גע־בענדיג מיר אויף דער האנד, וויא דער שטייגער פון רוחות איז ביים גריסען זיך, מיט דעם ווידעל.

— עליכם שלום! — ענטפער איך אונטער דערנאָז, צוקוקענדיג זיך צו איהם מיט האלב פערמאכטע אויגען, כלומר'שט וויים איך נאָך נישט רעכט, ווער ער איז — עפּעס, דאכט זיך מיר, קענטליך.

— ראהיראט בין איך דאָך! וואָס, פערגעסען? איך בין ראהיראט, דער גו־בערנאטאָר פונ'ם דאָזיגען קאוויאָר.

— אזוי! דער גובערנאטאָר!! — טהו איך מיך א חאפּ דערשראָקען, טראכ־טענדיג ביי מיר: אוי, וועה, האָט ער געמוזט אודאי זיך אָנשטויסען, וואָס איך האָב געוואָלט אָקאָרשט טהון.

— נישקשה, רב ישראל, מאכט נישט אזא פירוש! איך וויל אייך דאָ ביי מיר אויפנעהמען וויא א טהייערען גאסט. סטייטש, סטייטש רב ישראליק, אז איך האָב דיא זכיה צו זעהען ביי מיר אין לאנד דעם אייניקעל פון אזא בעריהמ־טען זיידען!

— אי, איהר לאכט?!

— חלילה! גאנץ ערנסט. איך האָב זעהר גוט געקענט אייער עלטער־זיידען, דעם וועלט־בעריהמטען חכם — שלמה המלך, אייך אויף צולאנגע יאָהר. איך האָב ביי איהם אוועקגעדינט א צייט מיט יאָהרען, דיא בעסטע יאָהרען, אז איך בין נאָך געוועזן יונג און מיין עק נישט אויסגעקראָכען, ער האָט עס מיר געמאכט פאר גובערנאטאָר אָ־דאָ־אָט!

אָט וואָס ראהיראט האָט מיר דערצעהלט מיט דיא דאָזיגע ווערטער:

„דער דאָזיגער קאוויאָר, וועלכען איהר זעהט, וואָס האלט זעכציג מייל דיא לייבג און זעכציג מייל דיא ברייט, האָט געגעהערט שלמה המלך, אויף וועלכען ער פלעגט שטענדיג פאָהרען אין דער לופט גיך און געשווינד אזוי, אז ער פלעגט עסען מיטאָג אין דמשק, אין מזרח זייט, און וועטשערע אין מדי, אין מעריב זייט. חיל האָט ער געהאט אָהן א צאָהל, פון אלע מיני בעשעפעגישען אין ו ער וועלט. זיינע גרעסטע פליגעל־אדיוטאנטען, דורך וועלכע ער האָט קאָמאנדעוועט געשיקט זיינע בעפעהל, זיינען געוועזן פיער: פון מענשען — אָסף בן־ברכיה;

פון שרים — ראהיראט איך מיט מיין כבוד אליין; פון חיות דער לייב, און פון עופות דער אָדלער.

— סטייטש, וואו איז דער אויער־האָהן? — פאל איך אריין ראהיראטען אין דיא רייד — עפּעס שמועסט מען דאָך פון א אויערהאָן אויך!

— עט, נארעשקייטען. מישט נישט איך בעט אייך, איינס מיט'ן אנדערען. דער אויערהאָהן איז פאר זיך א מעשה, עפּעס מיט דעם ווערעמיל, און דאָס איז עפּעס גאָר אנדערש — מאכט ראהיראט מיט א זויערער מינע, פערדרעהענדיג דיא נאָז און דערצעהלט ווייטער:

„שטאָלץ איז שלמה המלך געווען נישט וויא א רוח, נאָר וויא טויזענט מי־ליאָן רוהות אינאיינעם. ער האָט פון זיך געהאלטען א שרעק, איינער טאקי אין דער וועלט. דעריבער פלעגט ער, זאָל איהם צו קיין גנאי נישט זיין, טהון א מאָל נארעשקייטען און צוציהען זיך דערמיט פיינדשאפט, לייטישע רייד. איך אליין האָב געהאט מיט איהם איין אויפטריט א־מאָל, האָב נישט געוואָלט מעהר פיהרען אָט דעם קאוויאָר, זיינען באלד פערציג טויזענד מענשען אראָפּגעפאלען אויף דער ערד, און ער האָט געמוזט בחרפּה ובבושה בעסער ווערען. איינמאָל האָט ער געחאפּט א פּסק אָט פון ווענען, אויף דער רייזע אין דער לופט פליהען מיר א־מאָל איבער דעם טאָהל פון דיא מילבען, הערט ער וויא איין שווארצער מילב זאָגט צו דיא איבעריגע: גיכער אריין אין דיא הייזליך אייערע, שלמה'ס מחנות זאָלען אייך נישט איבערפיהרען! — אזוי! זאָגט ער שטארק אויפגעבראכט. געה ראָ־היראט אראָב דאָרט צו איהר. איך קום, מאך א „סליעדסטוואָ", שריי: סטייטש סטייטש! יענע איז זיך מודה. זיא האָט געזאָגט. — ווער ביסט דוא? איך בין דיא מלכה. — וויא הייסט דוא? איך הייס „מחשמה". אהין־אהער איך ארעסטיר זיא און ברייננג זיא צו שלמה'ן. ער נעהמט זיא אויף דער האנד, גלייך זיך אקעגען פּנים און מאכט צו איהר: זאָג, איז דען דאָ אויף דער וועלט א גרעסערער פון מיר? — יאָ! ענטפערט זיא, קורץ און שארף. — ווער? — ווער? — איך! — וויא אזוי ביסט דוא עם גרעסער? — ווען איך זאָל נישט זיין גרעסער פאר דיר, וואָלט דאָך דער אויבערשטער דיך נישט געשיקט אהער דוא זאָלסט זיך נאנצען מיט מיר, טראגען מיך אויף דיא הענד. שלמה ווערט שטארק אין כעס טהוט זיא א שליידער אויף דער ערד, זאָגענדיג דערביי: מילב, דוא ווייסט נישט ווער איך בין? איך בין שלמה דער זוהן פון דוד המלך!.... ע, נעהם זיך פון דעסטוועגען נישט אזוי איבער, זאָגט זיא, דוא ביסט א בשר־ודם וויא אלע אנדערע! —

שלמה איז געבליבען געפּלעווט, זיך שטארק פערשעהמט פון דער מילבס ווערטער.

— איך בעט אייך איבער וויא איין אייגענע מוטער — רוף איך מיך אָן פערוואונדערט — ס'איז עפּעס הארבליך צו פערשטעהען. א מילב — און אזוינע ווערטער! וויא געשיקט זיך עם?

— שא, שא! — זאָגט ראהיראט גאנץ געלאסען — אָבער אז איך וועל אייך בריינגען א מדרש, ווייזען אז דאָס אייגענע שטעהט אין מדרש, וועט איהר שוין גלויבען?.... איך האָב אייך צו דערצעהלען וועגען דעם ענין נאָך א מעשה, וויא שפּעטער אבּיסיל אויף אזא לופט־רייזען האָט ער דערזעהען א וואונדערליכען פּאַלאַטץ אין וועלכען ס'איז געווען אוממעגליך אריינצוגעהען, און נאָכדעם וויא ער האָט זיך געראַטהען מיט דעם אלטען, זיבענהונדערט־יאָהריגען אָדלער אַלענאַד, מיט דעם נייןהונדערט־יאָהריגען ברודער זיינעם אַלעוף און מיט דעם טויזענט־דרייהונדערט־יעהריגען ברודער זייערען אַלתּעמר איז ער סוף־כל סוף פּאָרט אריין אהין אין דיא אינוועניגסטע חדרים; וויא אזוי ער האָט דאָרט ביי א גולם פון דער קעהלע ארויסדערטאַפּט א זילבערען טאָוועל וואָס דיא אויפשריפט דארויף איז איהם שווער געווען צו לייענען; וויא עפּעס א בחור איז געקומען פון דער מדבר און זאָגט: אדוני קעניג, דער כתב איז גריכעש און דער טייטש דערפון איז אזוי: „איך שעדער בן־עאד האָב געקייניגט איבער טויזענדער מדינות, געריטען אויף טויזענדער פערד, געהאַט טויזענטער מלכים אונטער מיר און טויזענטער גבורים טויטגעשלאָגען — און דאָך אז דער מלאך־המות איז צוגעקומען צו מיר האָב איך גאָר נישט געקענט טהון“. — אָט דאָס אלסדינג האָב איך געוואָלט דערצעהלען אייך באריכות, אין זעהר א לאנגע מעשה, נאָר אצינד, אז איך זעה, איהר זענט, האָט קיין פּאראיבעל נישט א שטיקעל אפּיקורס, גלויבט נישט אין א גרייז־גרויעם אלטען רוח, איז קליגער און בעסער — צו שווייגען. דאָך אָבלאָזען אייך אזוי איז אוממעגליך. פּאָרט רב ישראליק, פּאָרט א טהייערער גאַסט, שלמ'ה המלך'ם אייניקעל! זאָגט וואָס ווילט איהר רב ישראליק!

איך האָב געוואָלט בעטען יענעם בריליאנטענעם בוקעט, צו וועלכען דאָס הארץ האָט מיר אליין שטארק געצויגען, נאָר באלד האָב איך מיך בעטראַכט — ניין! ארויסזאָגען עם גלייך, גלאַט פּשוט: גיב מיר! טויג נישט. דער רוח זאָל איהם וויסען וואָס ער מיינט. אפשר איז דאָס נור איין אָנשטעל. אלא וואָס דען?

מען בעדארף פריוועז הינטער ארום, מיט א שפיטצעלע. — און באלד טאקי פאל איך אויף א אויבער־הסברא און טהו איהם א פרעג :

— זאָגט מיר, פאני ראהיראט, אט וואס : לויט אייערע אייגענע ווערטער האָט דער דאָזיגער קאוויאַר געגעהרט שלמה המלך, דאָס הייסט מיין זיידען, כפי איהר זאָגט. היינט איז דאָך דיא קשיא וויא קומט ער צום אשמדאי, הא ?.....

דרינען איז געלעגען שטארקע אַנצוהערעניש, א הקדמה צום בוקעט, אזוי : וועסט דוא מיר געבען מיט גוטען, מהיכא־תיתי, וועל איך זיין צופרידען חאטש דערמיט אויך. מיט שרפ'ט מיליאָן טאָלער קען מען אויך וויא ס'איז לעבען. אלא נישט, וועל איך מיך ארויסשטעלען פאר א יורש, מאָהנען דעם גאנצען קאוויאַר און דיך שטעלען פאר איין עדות.

ראהיראט האָט עס א פנים גוט פערשטאנען. ער איז געבליבען צומישט, זיך געקרימט און געשטאמעלט עפּעס האלבע ווערטער.

— ס'איז, פערשטעהט איהר מיך, א היסטאָריע... א געשיכטע.... ס'איז עפּעס פאָרגעפאלען א מאָל צווישען שלמה המלך און דעם אשמדאי. עו, דער אשמדאי, האָט איהם, פערשטעהט איהר מיך, פערוואָרפען אויף פיערהונדערט מייל. צוגענומען דיא מלוכה, דיא ווייבער, מחילה, אלסדינג.... ס'איז א גאַנצע מעשה. נאָר... איהר זענט א שטיקיל אפיקורוס — לאָזט אויס ראהיראט, א דרעה געבענדיג דעם ווידעל און ווערט פערשוואונדען....

— ווארט, ווארט, עס וועט א רוח אין אייער טאטען אריין ! — טראכט איך ביי מיר שטארק אויפגעבראכט. — א תירוץ אביסיל : ער האָט צוגענומען!... א שעהנע געשיכטע, חלעבען, א שעהנע היסטאָריע !... איהר פערשטעהט ? שלמה המלך'ס מלוכה, א „גוט" פון זעכציג מייל צוגענומען — און נא דיר א פייג !....

אויף שונאי־ציון געזאָגט געוואָרען מיין ביטער הארץ ! וואָס א טריט ווייטער קומט פאָר דיא אויגען אנטיקען וואונדער־שעהנע זאכען, אזא רייכקייט, אזא גוטס — מיינס, מיינס בעוונותינו הרבים און פאָרט נישט מיינס !... פלוצלים וואקסט פאר מיר אוים, וויא פון דער העלער הויט, א פאלאץ — און עס ג'יט מיר א טיאָחקע דאָס הארץ, מיין יודיש הארץ !...

דער פאלאץ איז אינווענינ טהייער געפּוצט. מעביל פון פימסענהאָלץ, זילבערנע טישען געגרייט מיט גילדענע קרערענצען און אלערליי כלים פון קריסטאָל. עס שימערט, עס בלענדעט, פערנעהמט דיא אויגען. עס דרעהען זיך דאָרט ארום, אוי־וועה, בת־מלכות, באלאָווע געקליידט, און גאז, כמעט האלב נאקעט, מיט

הוילע אָרעמס און מיט דעם גאנצען האלז ביז דיא ברוסט, פע, אין־דרויסען. עפּעס גור טאקי וויא אין דיא געשריעבענע מעשיות. — אויף א הויכער בימה אין דער מיט שטעהט וויא איין אָנגעמאָהלטער גולם, אָנגעבויגען דעם קאָפּ מיט א משונה ערנסט פּנים דער אשמדאי מיט זיין כבוד אליין. יונגע מכשפה'טעס, יפהפיות דרעהען זיך ארום איהם, טאָפּען איהם, גלעטען איהם דאָס ציגען־בערדיל און ער שמאָכט עפּעס אזוי נארעשעוואטע פאר גרויס פערגניגען. אלטע מכשפהטעס, גרין־און־געל פאר קנאה, קוקען עס צו פון דערווייטענס, און אויס גרויס פאַרכט צו־צוגעהען נאָהענט צו איהם, ער זאָל זיי נישט א בריק טהון, נעהמען זיי אָן פאר ליעב פראָסטע לצים, אלטע דראבעס; טאנצען, שפּרינגען משוגענערוויז אין א ראָד און ביים פארבייגעהן גיבען זיי איהם אָב כבוד מיט גרויס אָבשיי: לצים־קאוואַלירען טהוען זיך א בוק, און דאמען קליפּות שנורען צונויף דיא ליפּעליך און מאכען א קניקס. מען קניעט זיך, מען ביקט זיך און מען רויכערט איהם אונטער מיט ווייררויך. דער אשמדאי שמעקט דעם זענפטיגען ריח, גלייך וויא דאָס איז איהם נייטיג אין לעבען אריין.

איבערהויפּט האָט דער אשמדאי אין יענער צייט אויסגעזעהען מיט זיין גאנץ בענעהמען: מיט זיין שמעקען, מיט זיין לאָזען זיך גלעטען און אלע זיינע חנ'דליך — עפּעס טאקי זעהר לעקישעוואטע. גאָר ניט, דאכט זיך, דער אשמדאי, וואָס פריהער, נאָר א למך, מישטעהנס־געזאָגט, וואָס בעט זיך ביי דיא וויבער, וואָס קוקט יענעם אין מויל אריין און בעדאַרף אָנקומען צו אנדערע...

— ליבער, זיסער ישראליק!... ווענדט דער אשמדאי זיך צו מיר מיט א וויי־ער, שוואכער שטימע פון געבעט — אוי, השמקני, ישראליק!

„מכות! ווערסט עס ביי מיר נישט פועל'ען" — טראכט איך ביי מיר און מאך מיך תם, גלייך וויא נישט אָנשטויסענדיג זיך וואָס ער וויל, וואָס השמקני בעטיים.

— א שמעק, א שמעק! — גיט ער מיר מיט א רחמנות־פּנים'ל צו פער־שטעהען דעם טייטש — דוא ווערסט מיר דערמיט צוגעבען כח... בתמיה, וויא גע־שיקט זיך עס!

— מאך זיך נישט געפּגרט, ישראליק! ווייסט זעהר גוט נישקשה, אז „יע־נער", גאָר דער גרויסער תקיף, ער וויל אויף דורך זיינע דיענער בעקומען קראפט, זאָל דורך זייער דינסט זיין בכח... הא, וואָס זאָגען דאָרט עפּעס אייערע ספרים?

— והשנית — רעד איך מיר ווייטער טאקי מיינס, וויא כלומרשט נישט גע־הערט, וואָס ער בעבעט מיר עפּעס אזוינס — והשנית פרעג איך דיך צו־וואָס בע־

דארפסט דיא קבצנען ביי מיר א שמעק, אז דיא גאנצע וועלט ווײרויך שטעהט דיר פריי? נעהם, שמעק וויפיעל דוא ווילסט.

— אָט, הויבט זיך אָן חקירה! נישט פאר דיין מוח, ישראליק, אזוינע הויכע זאכען... איבריגענס, שא! ברייננגען צום לאכען איינעם קען דוקא יענעמס א קיטצעל.... אצינד פערשטעהסט דו שוין אביסיל?

—בע! — מאך איך מיט א קנייטשעלע — האָסט אָנגעטהון מיט דיינע קיטצלערס....

— גוּעה טענה מיט א יודען! — מורמעלט דער אשמדאי, אוועק־קעהרענדיג אָנגעברוגזט דעם קאָפּ אין דער זייט.

איינע פון דיא בת־מלכות, א שעהנע, שווארצחנ'ווּדיגע קליפה הויבט אויף איהרע אויגען צו מיר און זאָגט שטיל פערקאָכט: קום — טאנצען!

טפוּא! שפיי איך אויס, רויט ווערענדיג פאר בושה און טרעף גראָד איינעם פון דיא „נישטגוּטע“, דעם יצר־הרע, גלייך אין באָרד אריין.

— א דוּא, קלויזניק. פלאכקעדריגע, מעריד, פרא־אדם, אָהן געפיהל, אָהן טאקט, אָהן וועלט, אָהן לעבען, אָהן אלץ־מיט־אנאנדער! — ווארפט זיך דער יצר־הרע אויף מיר מיט מיאוּסע ווערטער, און טהוט מיך, וויא דער שטיינער זייגער איז א קיטצעל.

דיא קליפה ווינקט, ווינקט, נעהמט קיין אויג נישט אראָב פון מיר איהר איט־ליכם בליק איז א פייל, טרעפט טיף אין הארץ, איטליכער קוק ציהט, ציהט..... און באלד טאקי, אליין נישט רעכט צו געדיינקען וויא און וואָס מיר איז געשעהען, שטעה איך געאָרעמט מיט דער יפהפה, אוןביידע פערפלאָמט מיט א שמייכעלע טאנצען מיר קאדריל! מיט אונז אין קאָהן טאנצען נאָך פיעל אנדערע פאָרליך לצים מיט קליפות פון אלערליי סאָרטען — אלע יענע פיינע לייט, וואָס האָבען אָנגעטהון כבוד יודישע קינדער צו שטעהען אין זייער געשיכטע.... דרעהענדיג זיך אין דער לעצטער פיגור פארביי דעם אשמדאי טהוט מיך דיא קליפה א ציה— אוי וועה! איך טהו מיך, איהר צו ליעב, א בוק, און גיב איהם א שמעק ווײרויך!... ער ווערט עפּעס פרישער, שטארקער, וויא איין אלטער תרח נאָך א גוטען שמעק טאבאקע. ער טהוט א דריגע מיט דיא היהנערשע פיס, פערבייסט דעם וויידעל— און פוּטש אראָב פון דער בימה גיסענדיג, קייכענדיג פאר פרייד.

איך בלייב אָהן א נשמה פאר שרעק און מיין: אָט־אָט חאפּ איך פון איהם דעם אייגענעם פסק, וועלכען יוסף דילערייניש האָט אמאָל געחאפּט פונ'ם סם נאָך דעם שמעק ווײרויך, וואָס ער האָט איהם פאר רחמנות געגעבען.

— לעבעדיג, עולם! — גיט אונטער דעם אשמדאי קוראזש — לאז זיך גיסען נסכים — גיסונגען פון ווייִן, פון וואס איהר ווילט!....

עס הויבען זיך אויף וויא א שטורמווינד לצים, קליפות פון פערשיעדענע מינים און געשטאלטען, גרויס און קליין, און יונג און אלט אלע אינאיינעם. עס איז איין אויסמישעניש, א יאגעניש אהין, אהין.... יענע מיט רויטע רויטע נעז מיט געמבעס, פון דער גוטער קאמאנדע, לויפען פאראויס מיט א געפייפעריי, א ליארעם, א געשריי, לעבעדיג פרעהליך מיט'ן קנאק.

— גיכער, ישראליק, אהער! זעה און הער מיין גרויס כבוד דא אויף דער ערד — זאגט דער אשמדאי און איז מיר מכבד מיט קוקען געבענדיג מיר בשעת מעשה א בויג אראב הינטער ארום דעם קאפ.

עס הערט זיך א ווילדע שירה פון טויזענדער אפענע מיילער, א לאכען, א פלאטצען פון גלאז און פלעשער, א קלאפען, צוזעטצען, א ברעכען פון פעכער — עס גיעסען זיך נסכים פון בראנפין, וויין און אנדערע געטריינקען. עס הערט זיך אויך א ביטער געוויין פון ליידענדע, א ברעכען דיא הענד, א שלויכטצען, א קרעכצען פון טויזענטער געבראכענע הערצער — עס גיסען זיך נסכים פון בלוטיגע טרעהרען. עס איז איין אויסמישעניש פון פריידענגעשריי און פון אוי־וועה, פון שטארקע, האפערדיג א געטימעל און פון שלאפענקע געפאלענע קולות ביז אין הימעל, פון בייסעניש, רייסעניש, פון שטעכווערטער, געשפעט, לייטישע צינגער און אנצוהערניש מיט הענד, מיט פינגער.

אוי, נישט אנגענעהם איז דיא שירה, וואס דיא ערד זאגט — א ווילדע, זעהר א ווילדע שירה!

— געוואלד, געוואלד! — שריי איך — געוואלד לאז זיין גענוג געקוקט!
נישטא קיין ענטפער!...

דער אשמדאי, זעה איך, איז עפעס פערדולט, שטארק פערענדערט. דאס פנים רויט, דאס שווארצאפעלע פערגרעסערט, דיא אויגען וויא גלעזערנע, אויסגעגלאצט, דער קאפ פארבלענדעט זיך, קוים קוים וואס ער פלאנטעט מיט דיא פלעגעל. ער זינקט דרעהענדיג זיך אין דער לופט אבהענדיג אהין־אהער, אט־אט, דאכט זיך, פאלט ער אראב וויא א שטיין, איך מיט איהם — און עס ווערען מיר צושאטען דיא ביינער. שלעכט א שרעק! איך חאפ מיך צו איהם — הע־הע! עס זעטצט איהם ארויס פון דער נאז א ריח פון נסך: פון בראנפין, ספירט. אזוי, דוא ביסט שכור! זאג איך, און גיב איהם טאקי מיט דעם גאנצען כח א גומען קניפ — אויסקריינקען זאלסט דוא יענעמס בראנפין, יענעמס בלוט, נאר נישט

אצינד; שפעטער, שפעטער, אז איך וועל דיינער פטור ווערען און ארויס בשלום פון דיינע הענד. איך קנייפ איהם, מינטער איהם — אומזיסט דיא מיה. מען מוז, טראכט איך, רופען צו איהם זיינע מכשפהטעס, שפרעכערקעס. איך קוק מיך אום אהין צו זיי — אלע זיינען פערלעקט, יונג און אלט — אלע פערקנאקט, נישטא, מישטעהנס־געזאגט, מיט וועמען צו ריידען !.... ס'איז מיר געוועזן צו מוטה וויא יענע בשעת דיא שיף זייערע טרינקט זיך אין ים.

און בשעת איך בין דא אזוי צוטראגען טהוט זיך פון אונטען עפעס א זעטץ, אזוי אז איך שפרינג אזש אונטער און דער אשמדאי טהוט זיך א חאפ־אויף.

— טפוא, טפוא! — שפייעט ער, שצירעט אויס א פאר אויגען און מאכט מיט דיא לעפצען עפעס אהן ווערטער, שטארק צודולט.

איך גיב א קוק — הע־הע! מיר געפינען זיך אויף א דאך ביי א פאנאר, דורך וועלכען עס שיינטאריין ליכט וויא דורך א פענסטער אונטען אין א גרויסען זאל.

— אט, וואחין... פערקראכען... א ראטהויז..חי־חי־חי! — געבעט דער אשמדאי, אונטערשמייכלענדיג וויא א שיכור, קוקט אריין פון אויבען איז זאל דורכ'ן פענסטער און שאקעלט מיט דעם קאפ וויא ער וויטעט זיך דארט מיט א בעקאנטען — א־א, שלום עליכם פאני המן!

— וואס המן וואו, הייגט המן?! המן איז אויפגעהאנגען געווארען מיט זיינע בנים שוין מעהר פון א פאר טויזענט יאהר צוריק! רעדסט עפעס מחילה וויא — וויא א שכור האב איך געוואלט זאגען, און האב פאר מורא זיך געחאפט צוריק.

— בהמה! אז מען דארף א גנב, בהמה, שניידט מען איהם אפ פון דער תליה! וואס מיר וואס א־מאל וואס, וואס מיר הייגט וואס? הערסט, ישראליק — המן! אלע דא זיינע בנים, ויזתא אויך — בעבענדיג אזוי נעהמט ער און קוועטשט מיר צו שטארק דאס פנים צום פענסטער — זעהסט, הא?

— יא! — זאג איך, פערבייסענדיג דיא ליפען — איך זעה פון דיין קוועטש קראקויא און לעמבערג.

— גערעכט! — לויבט מיך דער אשמדאי, א קניפ געבענדיג מיר אין בע־קעלע — וויא ער קען עס אביסיל געאגראפיע!! אהן עין־הרע!.... נו, וואס ווייטער?

— דיא זאל איז פול מיט מענשען. איינער, זעה איך, שטעהט אויף דע־

בימה, און וויא ער עפענט נור אויף דאָס מויל פּאטשט מען איהם שוין פון אלע זייטען בראוואָ!

— אָט דאָס מיין איך טאַקי! — לאכט דער אשמדאי, א בויג געבענדיג מיר פון היגטען דעם קאָפּ און ווייטער א קוועטש — דוא הערסט דיא דרשה?

— נישט, מישטעהנס־געזאָגט, וואָס צו הערען — ענטפער איך אונטער דער נאָז, פּאראיבעל האָבענדיג אויף דעם קוועטש.

—נישטאָ, זאָגט ער, וואָס צו הערען! — קרימט זיך נאָך דער אשמדאי, ארויסשטעקענדיג מיר א צונג — יענער דאָרט, רעדט, דאכט זיך מיט א מויל, גענץ קלאָר: ישנו, זאָגט ער, ס'איז דאָ א פאָלק, צוזייעט צושפּרייעט, זאָגט ער, בכל — אין אלע מדינות..... הער נאָר ווייטער, ווייטער, וואָס ער זאָגט!

—-אלטע מעשיות! — זאָג איך, א מאַך־געבענדיג מיט דער האנד — עס שלאָגט צום הארצען, ווערט נישט גוט הערענדיג. פע חלעבען! איך בעט דיך, לאָז זיין נענוג!

— א שאָד, חלעבען. דאָס וואָס דוא האָסט געזעהען און געהערט איז ערשט א טראָפּען פונם ים. נאָר מיר אליין איז אצינד עפּעס אויף פע בוררר! מען בעדארף נעהמען נאָך א ביסיל נסך צום אויסניכטערען זיך... קום אהין צווישין דאָס דייניגע....

— פאר וואָס, געוואלד, צווישען מייניגע?

— משקה אויף אָנצוטרינקען א וועלט — דאָס איז ביי זיי, דאָס איז זייער זאך.... יענער, וואָס האָט מיך צום ערשטען מאָל אָנגעטרונקען מיט ויין, מיך גע־מאכט שכור, ווייסט־דוא דאָך גאנץ גוט, ווער ס'איז געווען — דאָס איז געווען אייערער, בניהו בן־יהוידע! וואָס, הא, אפשר א ליגען? געה, פרעג אייערע קלויז־ניקעס; הער וואָס אייערע חכמים דאָרט זאָגען!....

— גענוג! — בעט איך מיך ביים טייפעל — עס דרעהט זיך מיר דער קאָפּ און איך בין דול... געוואלד לאָז מיך אָב!

א מכשפהטע, א מבוערעת, טהוט זיך פלוצלים א וויז. מאכט א קניקס, לויפט צו דערנאָנך צום אשמדאי מיט א זים שמייכעלע אויף די פערשנירטע לי־פּעליך, און שושקעט זיך מיט איהם אוועק א חיבשע צייט. עפּעס געהט פיר צווי־שען זיי זעהר א וויכטיגע זאך. ביידע זיינען פערפלאמט און פערטיפט שטארק אין עסק — דער אשמדאי ווענדט זיך שפּעטער אביסיל צו מיר מיט דיא ווערטער:

— ריינע נסים נאָר איז תמיד מיט דיר ישראליק!.... איך מוז באלד טאקי

פון דאנען אוועק אויף דער ווייטער אינזעל „איל־דע־דיאבעל“ אָבארבייטען דאָרט א געשעפט מיט אלע מיינע לייט אזוי, אז עס זאָל זיך רעש'ן דערמיט דיא וועלט. עס פערשטעהט זיך, איך וואָלט דיך אהין פערשלעפּט און דוא וואָלסט זיכער גע־וואָרען דיא כפרה דאָרט.... צו דיין טרפהנעם מזל אָבער באדארף איך גראָד דיא דאָזיגע שעהנע בכבודיגע מכשפהטע פאָהרע נויטיג אהיים, אויף דער ערד, אין מיינע אנגעלעגענהייטען. נו, וועט זיא דיך מיטנהמען. דוא וועסט דאָרט זיטצען א קורצע צייט. זיך אויסרוהען, ארויסשלאָגען דעם דול דיר פונ'ם קאָפּ ביז דער רוח וועט דיך האפּעי און מיר וועלען ווייטער פליהען אין דער לופטען....

דיא מכשפהטע זעטצט זיך באלד טאקי ארויף רייטענדיג אויף א קאָטשערע, אויפ'ן קאָפּ ביי איהר האָט זיא א היטיל מיט א פויגעל און פלעדערווישען, און איהר פון הינטען האָט זיא מיך, ישראליק'ן דעם בר־מזל. איך זיטץ אויף דער קאָטשערע, אנהאלטענדיג זיך אין דער קליפּה מיט ביידע הענד און מיר פליהען געשווינד הענרום־פּעגדום צו דער־ערד.

**ענדע.**